STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03729

DER IDISHER ARBETER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אידישער אַרבעטער

כרעסטאָמאַטיע

צו דער געשיכטע פון דער אידישער
אַרבעטער, רעוואָלוציאָנערער און סאָ-
ציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד

צווייטער באַנד

די יאָרן 1904 — 1907

ערשטע העפט

צונויפגעשטעלט דורך א. קירזשניץ
אונטער דער רעדאַקציע און מיט איינלייטונגען
פון מ. ראַפעס

צענטראַלער פאַרלאַג פאַר די פעלקער פון פ. ס. ס. ר.
מאָסקווע
1925

Отпечатано в Типографии „Дер Эмес",
Москва, Покровка, 9, в количестве 4000 экз. Главлит
№ 42538.

אינהאַלט-פאַרצייכעניש

זייטל

פאָרעדע — א. ק. 11

ערשטער טייל

ערעוו דער ערשטער רעוואָלוציע

איינלייטונג — מ. ר. 17

I. די סאָציאַל-פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין „טכום״:

1. די עקאָנאָמישע און רעכט׳עכע לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג (מ. ראַפעס: „צו דער געשיכטע פון בונד״). 21
2. דער איבערברוך אין די שטימונגען פון דער אידישער בורזשואזיע און קליין-בירגערלעכע שיכטן (מ. ראַפעס: „צו דער געשיכטע פון בונד״). 26
3. די בונדישע פאָדערונג פון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע (וו. מעדעם: „די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַלע פראַגע״). 30
4. דער ארגאַניזאַציאָנס-פּרינציפּ פון בונד (רעזאָלוציע פון 5-טן צוזאַמענפאָר) . 33
5. דער בונד פארוואנדלט זיך אין א זעלבשטענדיקע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי. (מ. ראַפעס: „צו דער געשיכטע פון בונד״) 35
6. די רוסל. סאָצ.-דעמ. ארבעטער פארטיי אין צאָפן-מערעווודיקן קאַנט (מעלדונג פון צאָפן-מאַירעווודיקן קאָמיטעט פון ר. ס. ד. א. פּ.) 40
7. דער בונד און די נאַציאָנאַלע סאָצ.-דעמ. פאַרטייען (מ. ראַפעס: „צו דער געשיכטע פון בונד״) 44
8. די פּוּאַליי-ציאָן וועגן קאַמף צווישן בונד און ר. ס. ד. א. פּ. (פּראָקלאַמאַציע פון לידער אָרגאַניזאַציע פון בונד) 48
9. פון פּראָלעטארישן לעבן און קאַמף (איבערזיכט פון דער אידישער ארבעטער-באַוועגונג, „ארבעטער-שטימע״, נום. 35) 49
10. דער אלגעמיינער וועבער-שטרייק אין ביאַליסטאָק (קאָרעספּאָנדענץ איבם נום. 1 „דער בונד״) 63

II. דער רוסיש-יאַפּאַנישער קריג און זיינע ערשטע ווירקונגען:

11. פּראָקלאַמאַציע פון צ. ק. פון בונד קעגן דעם קריג 67

12. ווי דאַרף מען רעאַגירן אף די מאָביליזאַציעס („דער בונד“, נומ. 4) . . . 73

13—14. קריזיס און אַרבעטסלאָזיקייט (קאָרעספּאָנדענצן פון ביאַליסטאָק און לאָדז אין נומער 4 „דער בונד“) 76

15. פּאָגראָם-העצע (פון אן איבערזיכט אין „דעם בונד“, נומער 4) 85

16. דער פּאָגראָם פון די מ בילזירטע רעזערוויסטן אין מאָהילעוו (קאָרעספּאָנדענץ אין נומער 196 „לעצטע נאַכריכטן“) 86

17. יאָר-באַריכט פון צאָפן-מאַירעוודיקן קאָמיטעט פ ן ר. ס. ד. א. פּ. („איסקראַ“, נומער 78, 1904) 88

18. די טעטיקייט פון בונד פון יון 1903 ביז יול 1904 (אויסצוגן פון „באַריכט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָצ. קאָנגרעס אין אמסטערדאַם“) 92

19. די מאַי-דעמאָנסטראַציע אין האָמעל („דער בונד“, נומער 4) 95

20. אַ באַגריסונג דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָצ. קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם (רעזאָלוציע פון 85 בערדיטשעווער אַרבעטער-אַגיטאַטאָרן („לעצטע נאַכריכטן“, נומער 197) 99

21. פּראָטעסט - רעזאָלוציע פון אמסטערדאַמער קאָנגרעס קעגן די אידישע פּאָג־אָמען 100

22. „די אַרבעטער-שטימע“ וועגן אַמסטערדאַמער אינטערנאַצ. סאָצ. קאָנג־עס (פון אַן אַרטיקל אין „אַרבעטער-שימע“, נומער 38) 100

23. אַ באַגריסונג די יאַקוטסקער כאַוויירים („דער בו־ד“, נ מ ער 4) 104

24. אַ מאַסאָווקע אין ייאַלד (קאָרעספּאָנדענץ פון דווינסק „דע־ בונד“, ומער 3). 105

25—26. די ביאַליסטאָקער בלוט-באָד (קאָרעספּאָנדענץ פון ביאַליסטאָק אין נומער 38 „אַרבעטער-שטימע“ און מיטיילונג וועגן אָפּקלאַנג אף די ערטער, דער „בונד“, נומער 5) 108

III. די ליבעראַלע באַוועגונג אין „טכום“ און די אידישע אַרבעטער:

27. דער אַדרעס פון דער אידישער בורזשואזיע סי־יאטאָפּאָלק-מירסקין (פון אטשקאַטאָווס בוך „פּאָוועיאַלאָ וועסנאָיו“. 1904) 112

28. אַ באַנקעט פון ליבעראַלן אין זשיטאָמיר (קאָרעספּאָנדענץ אין נומער 213 „לעצטע נאכריכטן“) 114

29. אף א באַנקעט פון די מינסקער ליבעראלן (קאָרעספּאָנדענץ אין נומער 7 „ווּפּע־יאָד“) 116

30. דער אָפּזאָג פון בונד צו באטייליקן זיך אין „פּאַריזער בלאָק“ (מיטיילונג פון צ. ק. פון בונד) 117

31. „די ליבעראַלע אָפּאָזיצ־ע און דער פּראָלעטאַריאַט“ (פּראָקלאַמאַציע פון צ. ק. פון בונד) 121

32. „וואָס טאָרן מיר איצט ניט פאַרגעסן“ (פּראָקלאַמאַציע פון צ.ק. פון בונד) . 125

צווייטער טייל

פון יאַנוואַר ביז אָקטיאַבר 1905

איינלייטונג — מ. ר. 131

IV. די אידישע ארבעטער און דער 9-טער יאַנוואַר:

זייטל

33. צום קאַמף! (פּראָקלאַמאַציע פון צ.ק. פון „בונד״) 135

34—38. די יאַנוואַר-טעג אין „טכום״ (קאָרעספּאָנדענצן און זכרונות וועגן די יאַנוואַר-טעג אין וואַרשע, ריגע, ליטע, סמאָרגאָן און קרינקי) 137

39. די פּוֹאַלײ-ציאָן פון דאָרעם-רוסלאַנד וועגן 9-טן יאַנוואַר (פּראָקלאַמאַציע פון קאָמיטעט פאַר דאָרעם-רוסלאַנד) 152

40. די יאַנוואַר-קאָנפערענץ פון די סאָצ.-דעמ. פּאַרטייען (מיטיילונג אין נום 39 „אַרבעטער-שטימע״, מאַרט, 1905) 154

41. דער בונד וועגן די אויפגאַבן פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט נאָכן 9-טן יאַנוואַר (פון די באַשטימונגען פון דער VI-טער קאָנפערענץ פון בונד) 157

V. די פּעיוראַל-באַוועגונג:

42. דער אַלגעמיינער שטרייק אין ביאַליסטאָק (קאָרעספּאָנדענץ, ביילאַגע צום נומער 39 „אַרבעטער-שטימע״) 164

43. די שטרייק-כוואַליע אין ווילנע (פּראָקלאַמאַציע פון ווילנער גרופּע ר.ס.ד.א.פּ.) 166

44—45. פון דער ווילנער באַוועגונג. א) דער פּעיוראַל-שטרייק (קאָרעספּאָנדענץ אין נום. 5 „פּראָלעטאַרי״). ב) נאָכווייענישן פון די פּעיוראַל-געשעענישן (פון מענדל דייטשס זכרונות, „עמעס״ נומער 199 און 200) 167

46—48. די באַוועגונג צווישן די פּריקאַזטשיקעס (קאָרעספּאָנדענצן פון מינסק און באָברויסק („לעצטע נאַכריכטן״, נומער 227 און 232) און ניקאָלאַ-יעוו („וואָסכאָד״, נומער 22) 177

49. די אידישע אַרבעטער און די רעגירונגס-קאָמיסיעס וועגן דער אַרבעטער-פראַגע (קאָרעספּאָנדענץ פון דווינסק, „לעצטע נאַכריכטן״, נום. 232) 185

50. די שטעטלדיקע אַרבעטער און די פּויערים-באַוועגונג אין „טכום״ (קאָרעס-פּאָנדענץ פון קרעסלאַווקע, וויטעבסקער גוב. „לעצטע נאַכריכטן״, נומער 223) 187

VI. מאָביליזאַציע פון די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע קרעפטן:

51. דער זשיטאָמירער פּאָגראָם (קאָרעספּאָנדענץ, „לעצטע פּאַסירונגען״, נומער 9). 191

52. די בונדישע זעלבסטשוץ אין זשיטאָמיר (פאַקט פון זשיטאָמירער פּאָגראָם) 194

53. די טשודנאָוו-טראַיאַנאָווער געשיכטע (א בריוו פון טשודנאָוו, „דער פריינד״, נומער 105) 196

54. פּאָגראָם אָדער קאָנטער-רעוואָלוציע? (פּראָקלאַמאַציע פון צ. ק. פון בונד) 198

55. דער קאַמף מיט די לאָפּוזעס אין וואַרשע (קאָרעספּאָנדענץ, „אַרבעטער-שטימע״, נומער 40) 200

56. איינצלהייטן וועגן בלוטיקן צוזאַמענשטויס מיט די לאָבוזעס (פון א. ליט-וואַקס זכרונות, „דער רויטער פּינקעס, 2) 201

VII. די שטורם-טעג אין לאָדז און אָדעס:

57. דער ערשטער מאַי אין ראַיאָן פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג (איבער-זיכט, „לעצטע פּאַסירונגען״, נומער 10) 205

58. לאָדזער באַריקאַדן (דערציילונג פון אן אָנטיילנעמער, ביילאַגע צום נומער 8 „דער בונד״) 209

59. די שטרייק-באַייעגונג אין אָדעס ערעוו דעם יון-אויפשטאַנד (קארעספאנדענץ „פראלעטאַרי", נומער 7) 215

60. די פאָטיאמקין-טעג אין אָדעס (פון דער ביילאַגע צום נום. 8 „דער בונד") . 217

61. דער מוסערהאַסקל פון לאדז און אָדעס (אַרטיקל אין נום. 8 „דער בונד") . 225

62. באַוואפנט אייך! („דער בונד", נומער 7) 228

VIII. דער קאמף פאַר דער „בירזשע":

63. א זומער-אוונט אף דער „בירזשע". פון ש. אַנ-סקיס דערציילונג „אין שטראם") 230

64. בלוטיקע צוזאַמענשטויסן (קארעספאנדענצן פון האמעל, פינסק, מאליעוו, „לעצטע פאַסירונגען", נום. 17, 18 און 23) 236

65. די בלוטיקע הריגע אין ביאַליסטאק (קארעספאנדענץ, „לעצטע פאסירונגען", נומער 17) 240

66. עסטער ריסקינד (נעקראלאג, „ארבעטער שטימע", נומער 40) 244

67. קליין-בונד (יאנקל לעווין: „פון יענע יארן") 247

68. אַ רערע אין שול (פון ש. אנ-סקיס דערציילונג „אין שטראם") 254

69. די ארבעטער-באַייעגונג אין טשענסטאכאוו זומער 1905 (קארעספארענץ, „כראניק פון דער צ. ס. אַרבעטער-באוועגונג", נומער 2) . . . 256

IX. די רעוואָלוציאָנערע אגיטאַציע צווישן מיליטער:

70. באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון גראדנער מיליטער-רעוואלוצ. ארגאניזאציע. („לעצטע נאכריכטן", נום. 252) 264

71. דער קאמף קעגן דער רעוואָלוציאנערער אגיטאַציע אין קאזארמע (געהיימער באפעל פון קאמאַנדיר פון 61-טן וולאדימירער פוסגייער-פאלק) . 267

72. דער אלגעמיינער שטרייק קעגן דער מאביליזאציע אין קאוונע (קארעספאנדענץ, „לעצטע פאסירונגען", נומער 19) 269

X. די קאמפאניע קעגן דער בוליגין־דומע:

73. די סענטיאַבר-קאנפערענץ פון די סאצ.-דעמ. פארטייען (פאַרטיי-מיטיילונג) . 272

74. „אַ פאלקס-פארטרעטונג אן דעם פאלק" (פראקלאמאציע פון צ. ק. פון בונד) 276

75. די וויטעבסקער בורזשואזיע קלייבט זיך אין דומע (קארעספאנדענץ, „פראלעטארי" נומער 19) 279

76. פראטעסט-מיטינג אין זשיטאמיר (קארעספאנדענץ, „לעצטע פאסירונגען" נום. 19) 280

77. אַלגעמיינער שטרייק אין לאדז (קארעספאנדענץ „לעצטע פאסירונגען" נום. 19) 282

78. גאסן מאניפעסטאציעס אין ווילנע (קארעספאנדענץ, „לעצטע פאסירונגען" נום. 23) 283

79. אַ בלוטיקער צוזאמענשטויס אין פינסק. (קארעספאנדענץ, „לעצטע פאסירונגען" נומער 23) 285

דריטער טייל.

פארטייען אין דער אידישער ארבעטער־באוועגונג.

איינלייטונג—מ. ר. 291

XI. די רוסלענדער סאָצ. דעמ. ארבעטער־פארטיי אין צאָפן־מאי־רעוו־קאנט:

זייטל

80. צו די אידישער ארבעטער (פאָרעדע צו דער אידישער אויסגאבע פונם „באַריכט פון III צוזאמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פ.״ לאנדאָן 1905) . 299
81. די באָלשעוויקעס וועגן בונד (פון די דעבאטן אפן III צוזאמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פ. (ב) 302
82. רעזאָלוציע פון III־טן צוזאמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פ. וועגן די נאציאָנאלע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס 306
83. די ערשטע קאָנפערענץ פון צאָפן־מאירעוו־קאנט (פונם באריכט אין נומ. 17 „פראָלעטארי״) 307
84. די פארטיי־ארבעט אין דווינסק (פון אי. יורענעוום זיכרוינעס. „פראָלעטארסקאיא רעוואָלוציא״, נומ. 12, 1922). 309
85. די ארגאניזאציאנעלע סטרוקטור פון די פארטיי־אָרגאַניזאַציעס (קאָרעספאָנדענץ פון מינסק אין נומ. 19 „פראָלעטארי״) 316
86. ר. ס. ד. א. פ. וועגן די פראָלעטארישע ציאָניסטן (רעזאָלוציע פון צ. ק. ר. ס. ד. א. פ., „פאָלקסצייטונג״, נומ. 318 317

XII. דער אלגעמיינער אידישער ארבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאנד:

87. דער בונד אין דער ערשטער רעוואָלוציע (מ. ראפעס: „צו דער געשיכטע פון בונד״). 319
88. די נאציאָנאל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע (רעזאָלוציע פון IV־טן צוזאמענפאָר פון בונד) 320
89. דער בונד און די פוילן־פראגע (רעזאָלוציע פון VI־טן צוזאמענפאָר) . . . 322
90. קעגן באטייליקן זיך אין דער צייטווייליקער רעגירונג (פון א. ליטוואקס ארטיקל „אף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע״, „ארבעטער־שטימע״, נומ. 40) 323
91. דער בונד און די עמיגראציע־פראגע (רעזאָלוציע צום שטוטגארטער אינטער־נאצ. סאָצ. קאָנגרעס) 330
92. רעזאָלוציע פון 5־טן צוזאמענפאָר פון בונד וועגן ציאָניזם 331
93. די באציאונג צו די פראָלעטאריש - ציאָניסטישע פראקציעס (רעזאָלוציע פון VI־טן צוזאמענפאָר) 332
94. די אפשאצונג פון דער אידישער ליבעראלער בורזשואזיע (פון א איבערזיכט אין נומ. 8 „דער בונד״) 333
95. דער פארטיי־אפאראט אין 1905 יאָר (ב. מיכאלעוויטש: „זיכרוינעס פון א אידישן סאָציאליסט״) 339
96. דער אָרגאניזאציאָנס־סטאטוט פון בונד (באשטעטיקט פון VII־טן צוזאַמענפאָר אין אווגוסט 1906) 342

XIII. די סאָצ.־דעמ. פון פוילן און ליטע (פ. ס. ד.) און דער אידישער ארבעטער־קלאס:

97. פ. ס. ד. וועגן דער ארבעט צווישן אידישן פראָלעטאריאט (לייט־ארטיקל אין „דער רויטער פאָן״, נומ. 1) 345
98. די ערשטע קאָנפערענץ פון די אידישע גרופן פון פ. ס. ד. 346

99. פ. ס. ד. וועגן דער נאציאנאלער פראָגראם פון בונד (פּראָיעקט-רעזאָלוציע צום 5-טן צוזאמענפאָר פון פ. ס. ד. אין 1906) 350

XIV. די פוילישע סאָציאליסטישע פארטיי (פ. פ. ס.):

100. פ. פ. ס. און די אידן-פראגע (ארטיקל אין נומ. 12 „דער ארבעטער" דעקאבר 1905) 352
101. פ. פ. ס. וועגן דער באציאונג פון די אידישע ארבעטער צו דער אומאָפּהענגיקייט פון פוילן (פון ארטיקל: „ווי איז פאר אונז גלייכער". „דער ארבעטער", נומ. 14) 356
102. די אידישע פארטיי-ארבעט פון פ. פ. ס. (פונם באריכט פון דער פינפטער אידישער קאָנפערענץ פון פ. פ. ס. אין סענטיאבר 1906) 358
103. דער אידישער קאָמיטעט פון פ. פ. ס. קעגן דער נאציאָנאליסטישער „רעוואָלוצ. פראקציע" („דער ארבעטער", נומ. 50 פון 30 נאָיאבר 1906) 365
104. די אידישע אָרגאניזאציע פון פ. פ. ס. אין לאָדז (פונם באריכט וועגן דער לאָדזער אידישער קאָנפערענץ אין סענטיאבר 1906) 365

XV. די אנארכיסטן און די אידישע ארבעטער-באוועגונג:

105. פארשיידענע ריכטונגען אינם אנארכיזם אין רוסלאנד (פון נ. ראָגדאָיעוו'ס פאָרטראג צום אינטערנאציאנאלן אנארכיסטישן קאָנגרעס אין אמסטערדאם אין 1907) 368
106. די עוואָלוציע פון דער אנארכיסטישער טאקטיק (רעזאָלוציע פון דער אנארכיסטישער קאָנפערענץ פון פוילן און ליטע אין יוני 1905) . . . 372
107. די אנארכיסטן בא דער ארבעט (א בריוו פון ביאליסטאָק אין „פאָלקס-צייטונג", נומ. 74) 373

XVI. די סאציאליסטישע פראקציעס אין ציאָניזם:

108—110. די ציאָניסטיש-סאָציאליסטישע ארבעטער-פארטיי. („ס. ס."). א) די גרונדלאגע פון דער ס. ס.-שער טעאָריע (לייט-ארטיקל אין נומ. 1 „דער נייער וועג". ב) פון די רעזאָליציעס פון ערשטן פארטייצוזאמענפאָר פון ס. ס. ג) די „ס. ס." און דער סאָציאליסטישער אינטערנאציאָנאל (לייט-ארטיקל אין נומ. 1 „אונזער וועג") . . 377
111. די אידישע סאָצ.-דעמ. פארטיי „פּועלי-ציאָן" (אויסצוגן פון פּראָגראם-פּראָיעקט) 387
112—114. די אידישע סאָציאליסטישע ארבעטער-פארטיי („סערפּ"). א) אויסצוגן פון פארטיי-פּראָגראם (זאמלבוך, „סערפּ" I, 1907). ב) רעזאָלוציע פון י. ס. א. פ. וועגן עמיגראציע צום שטוטגארטער קאָנגרעס (זאמלבוך „סערפּ", II 1907). ג) די פאָדערונג פון א אידישער נאציאָנאלער סעקציע אין סאָצ. אינטערנאציאָנאל (פונם באריכט פון דער דעלעגאציע פון י. ס. א. פ. זאמלבוך „סערפּ", II) 391

115—117. די אידישע טעריטאָריאליסטישע ארבעטער-פאַרטיי („מינסקער פויאליי-ציאָן״) א) אויסצוגן פון דער פראָגר ם. (פון דער כראָשור „פאַר-שיידענע ש רעמונגען בא פויאליי-ציאָן״) ב) די באציאונג צום פּאָליטישן קאמף נאכ, 9-טן יאנוואר (רעזאָלוציע פון פארבא-רייטנדן צוזאמענפאָר פון פויאליי-ציאָן אין מינסק, פייסאך 1905) ג) די זעלבסט-ליקווידירונג פון דער א. ט. א. פ. (דערקלערונג פון צוזאמענפאָר פון דער א. ט. א. פ. אין 1907) 397

XVII. די ליבעראל-בורזשואזע גרופּירונגען:

118. די „העלסינגפאָרסער״ פּראָגראם פון די ציאָניסטן 405
119—120. די פאָלקס-גרופּע: א) פּראָגראם-פאָדערונגען („די אידישע ווירקלעכ-קייט״, נומ. 9-10 פון 11 מארט 1907 . ב) די פאָלקס-גרופּע און די ציאָניסטן (פון א וואל-אייפרוף) 407
121. די אידישע פאָלקס-פארטיי (מיטיילונג פון אָרגאניזאציאָנס-קאָמיטעט) . . . 410

באַמערקונגען און דערקלערונגען 413

פאָרעדע.

די אויפגאַבע פונם דאָזיקן באַנד פון דער כרעסטאָמאַטיע, — איז געבן א מעגלעכסט פולן און אַלזייטיקן בילד פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד אין די שטורמישע יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, פעסטשטעלן דעם אַנטייל און די ראָלע פון די אידישע אַרבעטער-מאַסן אין אַלגעמיינעם פּראָלעטאַרישן קאַמף פון יענער צייט, באַקאַנט מאַכן מיט די פאַרשיידנאַרטיקע אידעאָלאָגישע ריכטונגען, וואָס האָבן געווירקט און געזוכט צו ווירקן אַף די אידישע אַרבעטער-מאַסן, געבן אַן אַלגעמיינע פאָרשטעלונג וועגן דער סאָציאַל-פּאָליטישער סוויווע, אין וועלכער דעם אידישער אַרבעטער איז דענסטמאָל אויסגעקומען צו לעבן און קעמפן, אנטפּלעקן די קעגנזייטיקע ווירקונג פון דער סוויווע אַף דער באַוועגונג און פאַרקערט, א. ד. ג.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און דער קאַמף פון די אידישע ארבעטער-מאַסן זיינען, פאַרשטייט זיך, נאָר אַ טייל פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין לאַנד, זיי זיינען ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן אַלגעמיינעם קאַמף פון רוסלענדער רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. אונזער כרעסטאָמאַטיע דאַרף דעריבער באַטראַכטן און אָנגענומען ווערן נאָר ווי א צוגאָב, ווי אַ דערגאַנצונג צו די אַלגעמיינע כרעסטאָמאַטיעס וועגן דער ערשטער רעוואָלוציע. די לעצטע גיבן אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן אַף צו דערלערנען דעם גאַנג און אַנטוויקלונג פון דער ערשטער רעוואָלוציע, אינגאַנצן גענומען. אונזערע — באַלויכט איר אָפּשפּיגלונג אין דער אידישער סוויווע, דעם אַנטייל אין איר פון די אידישע אַרבעטער-מאַסן.

מיר האָבן זיך באַמיט צו סיסטעמאַטיזירן די מאַטעריאַלן, וואָס שילדערן דעם קאַמף פון די אידישע ארבעטער-מאַסן און די אָפּשפּיגלונג פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין דער אידישער סוויווע, לויט זייער נאַטירלעכן גאַנג, ד. ה. כראָנאָלאָגיש. ניט אַלע מאָל אָבער איז געווען מעגלעך שטרענג אָפּצוהיטן דעם דאָזיקן מעטאָד. קעדיי פולער און אַלזייטיקער צו באַלויכטן די

אידעאלאָגישע ריכטונגען, וואָס האָבן געווירקט און געקעמפט אין דער אידי-שער אַרבעטער-באַוועגונג, זיינען מיר געווען געצוואונגען אויסצוטיילן זיי אין א באַזונדער טייל און צונויפגרופּירן מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, וואָס באַציען זיך צו פאַרשיידענע מאָמענטן פון דער רעוואָלוציע. אָפּטרעטן פון כראָנאָלאָ-גישן מעטאָד האָבן מיר אויך געמוזט באַם באַלויכטן די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אין „טכום". צוליב דער אפּוועזנהייט פון סיסטעמאַטיזירטע מאַטעריאַלן, וועלכע זאָלן געבן אַ פאָרשטעלונג וועגן די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אין דער אידישער סוויווע אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע, האָבן מיר געמוזט אין ערשטן טייל אַריינפירן א ריי דאָקומענטן, וואָס גע-הערן צו אַ פריערדיקער טקופע.

אונזער שטרעבונג בלייבן טריי דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד פון היסטאָרישער פאָרשונג — אנטפלעקן די עקאָנאָמישע באַזע, אַף וועלכער ס'זיינען אַנטשטאַנען און ס'האָבן זיך אַנטוויקלט די פּאָליטישע דערשיינונגען און אידעאָלאָגיעס, וואָס האָבן געווירקט אין דער אידישער סוויווע,—האָט זיך אונז איינגעגעבן, ליידער, נאָר טיילוויז. צוליב דער קימאַט פולשטענדיקער אפּוועזנהייט פון אַלגעמיינע אויספאָרשונגען פונם עקאָנאָמישן לעבן פון די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד, ביפראַט ערעוו און אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע—איז דער גרע-סטער טייל באַמיאונגען אין דער ריכטונג געבליבן רעזולטאַטסלאָז.

ס'דאַרף אויך אָנגעוויזן ווערן אַף אַ וויכטיקן פעלער פון אונזער כרעסטאָ-מאַטיע—דאָס איז די שוואַכע באַלויכטונג פון דער באַוועגונג צווישן די אי-דישע אַרבעטער אין דאָרעם-רוסלאַנד, וועלכע אונטערשיידעט זיך שטאַרק פון דער באַוועגונג אין פוילן און ליטע.

אין דאָרעם-רוסלאַנד איז די אידישע ארבעטער-מאַסע פון אָנהויב אָן גע-ווען אריינגעצויגן אין דער אַלגעמיינער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. דאָ האָבן זיך ניט אַנטוויקלט קיין אָפּגעזונדערטע נאַציאָנאַלע מאַסן-פּאַרטייען. דאָ איז די ווירקונג פון די לעצטע אַלע מאָל געווען שוואַך און באַגרעניצט. דאָ זיי-נען די אידישע אַרבעטער-מאַסן געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די אלגעמיינע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען. די באַוועגונג פון די אידישע אַרבעטער אַף דאָ-רעם-רוסלאַנד פאַרדינט דעריבער א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. זי וואָלט מען געדאַרפט באַזונדער אויספירלעך און אַלזייטיק באַלויכטן. אַז ניט—בלייבט דאָס בילד פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין די יאָרן פון דער ער-שטער רעוואָלוציע ניט פול און איינזייטיק, און איר אָפּשאַצונג — ניט גאָר ריכטיק. ליידער אָבער האָבן מיר פאַר דער ערשטער אויפלאַגע פון אונזער כרעסטאָמאַטיע ניט באַוויזן דידאָקטיקע אויסערסט וויכטיקע אויפגאַבע פיל ניט

איז באַפרידיקנדיק צו אויספירן. פּאַרלויפיק איז עס פּאָשעט געווען אומעג־לעך. די אַמאָליקע פּאַרטיי־פּרעסע האָט ניט אויסגעטיילט באַזונדער די אַר־בעט צווישן די אידישע ארבעטער־מאַסן; קיין פּערזענלעכע זיכרוינעס וועגן דעם פון אַקטיווע טוער זיינען נאָך פּאַרלויפיק אויך קימאַט ווי ניטאָ. אייני־קע מאַטעריאַלן וואָלט מען זיכער געקאָנט געפינען אין דער אָרטיקער פּרעסע אין די צענדליקער צייטונגען, וואָס זיינען אין יענע יאָרן דערשינען אין פאַר־שיידענע שטעט פון דאָרעם־רוסלאַנד. נאָר דאָס איז א ריזיקע ארבעט, וועל־כע וואָלט אַף לאַנג פּאַרהאַלטן די דערשיינונג פון אונזער כרעסטאָמאַטיע. צו דער צווייטער אויפלאַגע אבער האָפן מיר, אַז דער אָנגעוויזענער וויכטיקער פעלער וועט אויסגעבעסערט ווערן.

אייניקע באַמערקונגען וועגן די מאַטעריאַלן ביכלאַל. מאַכמעס ס'זיינען קימאַט אינגאַנצן ניטאָ קיין פאַראַלגעמיינערטע און סיסטעמאַטיזירטע מאַטע־ריאַלן וועגן דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, זיינען מיר געווען געצוואונ־גען צו באַנוצן זיך שיר ניט דורכויס מיט רויע מאַטעריאַלן, נעמענדיק זיי אַזוי, ווי זיינען געוועזן געשריבן אין די טעג פון דער רעוואָלוציע, אין דער אַטמאָס־פער פון פאַרשאַרפטן פאַרטיי־קאַמף. און דאָס פאַרשאַפט פאַרשיידנ־אַרטיקע שוועריקייטן.

ווי גרויס ס'זאָל ניט זיין די צאָל דאָקומענטן וועגן א וועלכער ניט איז רעוואָלוציאָנערער דערשיינונג, בלייבט זי אָפט דאָך ניט אויסשעפנדיק און אַלזייטיק באַלויכטן. די פאַרטייאישע פּראָקלאַמאַציעס אדער קאָרעספּאָנדענצן שילדערן אין גרעסטן טייל נאָר אַ געוויסן, אָדער געוויסע מאָמענטן פון דער דערשיינונג, אָבער ניט אלע, אנטפלעקן די שטימונג נאָר בא א טייל פון דער מאַסע, גיבן א פּאָרשטעלונג וועגן דער באַציאונג צו איר נאָר פון איין פּאַרטיי־גרופּע—פון דער, וועמען דער דאָקומענט געהערט, שילדערנדיק אָפט ניט ריכטיק און פאַרקריפּלט די שטימונגען און באַציאונגען פון די איבעריקע פּאַרטיי־גרופּן. באַזונדערס פאָרזיכטיק דאַרף מען אויפנעמען קימאַט אַלע ציפער און פּאַקטן, וועלכע זוכן צו באַווייזן די גרויס פון דער ווירקונג פון דער אייגענער און פרעמדע פּאַרטיי־גרופּן, די ראָלע בא פאַרשיי־דענע רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען א. ד. ג.

דאָס באַנוצן זיך מיט רויע מאַטעריאַלן האָט געשאַפן אויך א ריין אויסער־לעכע שוועריקייטן—אין פּראַט פון דער שפּראַך. די מאַטעריאַלן ניט נאָר פון יעדער באַזונדער טקופע, נאָר שיר ניט אויך פון יעדער פּאַרטיי אין איין און דערזעלבער טקופע האָבן זייער באַזונדערע, אייגנאַרטיקע שפּראַך. אַזוי ווי

דידאַזיקע שפּראַך-פאַרשיידנהייטן זעלבסט זיינען אין א געוויסן פּראַט כאַראַקטע-ריסטיש פאַר דער אידישער ארבעטער-באַוועגונג ביכלאַל און פאַר די פאַר-שיידענע פּאַרטיי-גרופּירונגען, וואָס האָבן אין איר געווירקט, ביפּראַט, ברענ-גען מיר אַלע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן אין דער שפּראַך, אין וועלכער זיי זיינען אין זייער צייט געווען געשריבן, אומענדערנדיק אין זיי בלויז די אָר-טאָגראַפיע. אין היינטיקן אידיש ברענגען מיר נאָר יענע דאָקומענטן, וועלכע זיינען איבערגעזעצט געוואָרן פון רוסיש.

קעדיי לייכטער צו פאַרשטיין און בעסער אָריענטירן זיך אין די 250 דאָ-קומענטן און מאַטעריאַלן, וואָס ווערן געבראַכט אין דער כרעסטאָמאַטיע, ווערט צו יעדן טייל געגעבן אַן אויספירלעכע איינלייטונג פון רעדאַקטאָר, וועלכע באַלויכט יעדער עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע און בינדט צונויף צווישן זיך די איינצלנע דאָקומענטן.

אלס ביילאַגעס צו דער כרעסטאָמאַטיע ווערן געגעבן אַן אויספירלעכער קאַלענדאַר פון דער ערשטער רעוואָלוציע, א רעשימע פון אלע פּעריאָדישע און וויכטיקערע ניט פּעריאָדישע אויסגאַבן, וועלכע זיינען דערשינען אין יענע יאָרן, און עטלעכע הונדערט באַמערקונגען, וואָס דערקלערן אַלע אומפאַרשטענד-לעכע פאַר היינטיקן לעזער נעמען, פּאָליטישע טערמינען, געשעענישן א. א. וו.

צולעצט האַלטן מיר פאַר אינזער כויוו אויסצודריקן אונזער טיפסטע דאַנק-באַרקייט אלע אנשטאַלטן און איינצלנע כאַווײרים, וועלכע האָבן אונז מיטגע-האָלפן אין דער ארבעט באַם זאַמלען און איבערזעצן די מאַטעריאַלן.

באַזונדערס דאַרפן דערמאָנט ווערן די פּאַרוואַלטער און מיטאַרבעטער פון אידישן קאַבינעט פון דער קאָמוניסטישער אקאַדעמיע, פּוילישער און לעטישער סעקציעס פון ר. ק. פּ., אין די א-כיוון פון וועלכע מיר האָבן געפונען זייער פיל וויכטיקע דאָקומענטן, וואָס ווערן געבראַכט אין דער כרעסטאָמאַטיע, און אויך דער אלפאַרבאַנדישער ביבליאָטעק אפן נאָמען פון וו. אי. לענין (געווע-זענער רומיאַנצעווער מוזיי).

מאָסקווע.
19 יוני 1925.

א. ק.

ערשטער טייל

ערעוו דער ערשטער רעוואָלוציע

איינלייטונג.

די רעוואָלוציע פון 1905 שפּרינגט ניט אַרויס „פון דער העלער הויט" אָדער, ווי מע איז געוויינט זיך פאַרצושטעלן, אויסשליסלעך אונטער דער ווירקונג פון רוסיש-יאַפּאַנישן קריג. די רעוואָלוציע איז צוגעגרייט דורכן קלאַסן-קאַמף, דורך דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט אין די פריִדלעכע יאָרן פון 1891 — 1903. די מילכאָמע גראָבט אונטער די יעסוידעס פון דער צאַרישער מאַכט, זי פאַרשאַרפט דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס און ברענגט שנעלער צו יענעם רעוואָלוציאָנערן אויסברוך, וועלכער וואָלט אויך אָן איר אריינמישונג געקומען אָבער פיל שפּעטער. די סוביעקטיווע פאַקטאָרן פון דער רעוואָלוציע — דער ארבעטער-קלאַס, זיין רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי און אַלע אַנדערע האַלב-רעוואָלוציאָנערע גרופּן — זיי זיינען דערצויגן נאָך פאַר דעם קריג און אפן יעסאָד פון די סאָציאַל-פּאָליטישע פאַרהעלטענישן פון פאַר דעם קריג. דער „ערעוו פון דער רעוואָלוציע" באַשטימט זייער פיל אין דער אנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע זעלבסט.

די סאָציאַל-פּאָליטישע סוויווע און דער עקאָנאָמישער יעסאָד פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג זיינען אָפּגעשטאַנענע און טראָגן אין זיך זייער פיל עלעמענטן פון מיטלאַלטער און פון די ערשטע צענדליקער יאָרן פון אנטשטייאונג פון קאַפּיטאַל. די אידישע ארבעטער טרייסלען אויף אָט די סוויווע מיט זייער 10-יאָריקן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף. זיי שאַפן מיט זיך אַן ערנסטן רעוואָלוציאָנערן פאַקטאָר. אַלס ברייטע מאַסע קענען אָבער די אידישע אַרבעטער פון ליטע און פוילן נאָך נישט אינגאַנצן באַפרייען זיך פונם איינפלוס פון אידישן קליינבירגערטום. זיי גרופּירן זיך ארום דעם „בונד", וועלכער האָט זיי דער ערשטער אויפגעוועקט צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף, נאָר האָט פאַרהאַלטן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג מיט זיינע שמאָלע נאַציאָנאַליסטישע פּראָגראַמאַטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן. נאָר אין דאָרעם-רוסלאַנד איז די לאַגע אנדערש: דאָרט גייען די אידישע ארבעטער-מאַסן צוזאַמען מיט די רוסישע, די נאַציאָנאַלע אָפּזונדערונג איז די אידעאָלאָגיע נאָר פון גאָר קליינע הייפלעך.

אין אידישן בורזשואזן און קליינבירגערלעכן לאַגער איז שוין אונטערגע־גראָבן יענע געטאָ־פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט אלעמען אָן א זייט פון יעדער אריינמישונג אין פּאָליטישן קאַמף, דער ציאָניזם לעבט איבער א טיפן קריזיס. די קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ סימפּאַטיזירט אלץ מער דעם „בונד". פון ציאָניסטישן לאַגער שפּאַלטן זיך אָפּ ראַדיקאַלע גרופּן. פאַרבינדנדיק זיך מיט די ארבעטער, הויבן זיי אויף א קאַמף קעגן דער העגעמאָניע פון „בונד" אין דער אידישער ארבעטער־מאַסע. זייער געווער איז די גרעסערע פאַרשאַרפונג פון דער נאַציאָנאַליסטישער אגיטאַציע.

עס איז שוין אָבער אין טכום אַנטשטאַנען א נייער רעוואָלוציאָנערער צענטער, וועלכער שטעלט זיך די אויפגאַבע צו פאַרבינדן דעם אַוואַנגאַרד פון די אידישע און ניט־אידישע אַרבעטער פון „טכום" צווישן זיך און מיטן אַל־געמיינעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַרישן צענטער פון לאַנד. אין 1904 יאָר, נאָכדעם ווי דער „בונד" האָט אינגאַנצן צעריסן מיט דער ר. ס. ד. א. פּ., בילדן זיך אין צאָפן־מאַירעוו־געגנט ציויי סאָצ. דעמ. קאָמיטעטן — דער צאָפן־מאַירעווודיקער און פּאָליעסער. צו זיי אַנטקעגן גייט די שפּאַלטונג אין דער אידישער ארבעטער־מאַסע, א טייל פון וועלכער וויל גאָר ניט וויסן פון די בונדישע נאַציאָנאַליסטישע פּרינציפּן. די נייע קאָמיטעטן וועלן דאָס זיין יענע פּארטיי־צענטרען, וואָס וועלן אין 1905 יאָר אריינציען אין רעוואָלוציע ניט אידישע ארבעטער־מאַסן און דערמיט אויפהויבן די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג אין „טכום" אף דער הויך פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע.

עס ברעכט אויס די מילכאָמע.

דער צאָפן־מאַירעוו־געגנט אין פּוילן איז ענג פאַרבונדן מיט דער טעקסטיל־אינדוסטריע. לאָדז און ביאַליסטאָק אַרבעטן אף סיביר, טורקעסטאַן, מיטל־אַזיע, ווארשע מאַכט גאַלאַנטעריי־סכוירע פאַר גאַנץ־רוסלאנד. די מילכאָמע שטעלט אָפּ די פאַרבינדונג מיטן ווייטן מיזרעך, זי גראָבט זיך אונטער אויך אונטער דעם אינערלעכן מאַרק. ארבעטסלאָזיקייט און די ערשטע סימאָנים פון אַנאַרכיסטישע „עקספּראָפּריאציעס" (ביאַליסטאָק, אָדעס) — דאָס זיינען די ווירקונגען פון רוסיש־יאפּאנישן קריג. ניט פּאַטריאָטיזם, נאָר אלגעמיינע „פּאַראַזשענטשעסטוואָ" זיינען די שטימונגען פון די ברייטסטע שיכטן פון די ארבעטער און פון דער גאַנצער אָרימער אידישער באַפעלקערונג. די אויפגאַבע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע איז: 1) אויפקלערן די אורזאַכן און די באַדייטונג פון דער מילכאָמע, 2) צוגרייטן יענע אָרגאַניזירטע קרעפטן, וועלכע וועלן אויסניצן יענעם פּאָליטישן קריזיס, וואָס וועט זיך שאַפן אפן באָדן פון דער

מילכאָמע, קעדיי צו פאַרגיכערן דעם ניצאָכן פון רעוואָלוציע, 3) אקטיוויזירן די גאַנצע פּאָליטישע ארבעט.

דער 1904 יאָר גיט פיל שטאָף פאַר אַזא רעוואָלוציאָנערע ארבעט. די מילכאָמע און מאָביליזאציע, דער קריזיס און ארבעטסלאָזיקייט, די ווילדע אָנפאַלן פון דער צאַרישער רעאקציע (יאָקוטסקער געשיכטע, ביאַליסטאָקער האַריגע), — אַרום דעם אַלץ פירט זיך א גרויסע פּאָליטישע קאַמפּאניע. די ביאַליסטאָקער האַריגע ווערט אויסגענוצט דורכן בונד פאַר אן אלגעמיינעם צענטראַליזירטן ארויסטרעט אין גאַנצן ראיאָן. דער אמסטערדאַמער קאָנגרעס מאַכט רייכער די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

די יעסוידעס פון צאַריזם וואַקלען זיך שוין. די ערשטע מאַפּאָלע אין די שלאַכט-פעלדער צעשטערט דעם גלייכגעוויכט צווישן די געזעלשאַפטלעכע קויכעס. די רעוואָלוציע נעענטערט זיך. די בורזשואזע אָפּאזיציע, די ליבעראַלן זוכן אויסצונוצן די וואַקלדיקע לאַגע פון צאַריזם און פאָדערן רעפאָרמען, קעדיי אויסצומיידן די רעוואָלוציע פון אונטן. די רעגירונג זוכט א פשאָרע מיט דער בורזשואזיע. אין האַרבסט 1904 הויבט זיך אָן דער פּאָליטישער „פרילינג". נאָך די רוסישע ליבעראַלן שלעפּט זיך אויך די אידישע בורזשואזיע. עס גייט א סעדרע באַנקעטן, אף וועלכע עס קומט פון „אונטער דער ערד" אויך דער אַרבעטער. דער לאָזונג פון גרינדונגס-פאַרזאַמלונג הילכט אלץ שטאַרקער. די פּעטערבורגער אָכראנקע שפּילט זיך מיטן פייער און זעצט פאָר די אלטע זובאַטאָווישע פּאָליטיק. אין פּעטערבורג בילדן זיך די אָפענע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס מיט גאַפּאָנען בעראָש, וועלכע נעמען ארום צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. סאָף דעקאבר פאַרשטרייקן די ארבעטער פון פּוטילאָווער זאַוואָד. דעם 9-טן יאַנוואַר וועט אויסבראָכן די רעוואָלוציע.

אין אידישן „טכום" גייט דורך דער הארבסט 1904 עטוואָס שטילער. דאָ איז ניטאָ די „זעמסטווע", די ליבעראַלע בורזשואזיע איז מער דעזאָרגאַניזירט, דער אידישער ארבעטער איז דערוויל די איינציקע רעוואָלוציאָנערע מאַסןקראַפט, זיין ענערגיע רייסט זיך דורך אין דעם פּראָטעסט אנטקעגן די ביאַליסטאָקער האריגע. דאָך איז נאָך די ענערגיע שטארק געקרעמפּט. די שטימונג איז ניט קיין געהויבענע. ערשט דער קלאַפּ אין פּעטערבורג וועט אויפוועקן די געבונדענע ענערגיע.

מ. ר.

I. די סאָציאַל-פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין „טכום"

1. די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג.

(מ. ראַפעס: „עטיודן צו דער געשיכטע פון בונד" *1). מאָסקווע, 1923, ז.ז. 5-10)

פיל פון די איצטיקע יונגע לעזער ווייסן אַפילע גאָר ניט, אַז אין דער צייט פונם צאַריזם האָט עקזיסטירט אַ געזעץ וועגן „אידישן טכום", לויט וועלכן די אידן האָבן געהאַט רעכט צו וואוינען בלויז אין 15 גובערניעס פונם מאַירעוואָנט פון רוסלאַנד און אַכוץ דעם אינם געוועזענעם רוסישן טייל פון פוילן. אין דידאָזיקע 15 גובערניעס זיינען אַריינגעגאַנגען: דריי ליטווישע גובערניעס— ווילנער, קאָוונער און גראָדנער, דריי ווייסרוסישע — מינסקער, וויטעבסקער און מאָלעווער, וועלכע האָבן אלע 6 צוזאַמען געבילדעט אין אַדמיניסטראַטיווער הינזיכט די צאָפן-מאירעוודיקע געגנט, 4 גובערניעס פון דאָרעם-מאַירעוודיקער געגנט — קיעווער, וואָלינער, פאָדאָלער און בעסאַראַבער און, לעסאָף, פאָלטאַווער, טשערניגאָווער, כערסאָנער, טאַווערישער און קאטערינאָסלאַווער גובערניעס. דאָס רוסישע פוילן אָדער, ווי מע פלעגט דאָס אַנדערש אָנרופן, די ווייקסל-געגנט, האָט פאַרייניקט 10 פוילישע גובערניעס, וועלכע האָבן געבילדעט דעם איבעריקן טייל פונם אידישן „טכום".

נאָר מע מוז מאַכן נאָך איין וויכטיקע דערקלערונג. וואוינרעכט האָבן די אידן געהאַט נאָר אינם שטאָטישן טייל פונם דאָזיקן „טכום". הינטערן שטאָט, אין דאָרף, אין די פאַבריק-דערפלעך, האָבן די אידן קיין וואוינרעכט ניט געהאַט. שוין דאָס אַליין האָט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס פאַרהאַלטן דעם פראָצעס פונם אַריינדרינגען פון די אידישע מאַסן אין די גרויס-קאַפּיטאַליסטישע פאַבריקן און זאַוואָדן.

די אידישע באַפעלקערונג איז געווען ווי אריינגעפרעסט צווישן דער אומגעהויערער מערהייט פון דער ניט-אידישער באַפעלקערונג. וואוינענדיק אין די שטעט, זיינען די אידן אין אַלע געגנטן פון „טכום" געווען אַרומגערינגלט מיט פויערשע מאַסן: אין די ליטווישע גובערניעס — מיט ליטווישע פויערים, אין ווייסרוסישע גובערניעס — מיט ווייסרוסישע פויערים און אין דער דאָרעם-מאירעוודיקער געגנט — מיט אוקראַינישע (מאַלאָרוסישע) פויערים. די הויפט-

---

*) די באַמערקונגען און דערקלערונגען ווערן געבראַכט אין סאָף פונם בוך אין סיידער פון די נומערן.

באַשעפטיקונג פונם גרעסטן טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג איז געווען האַנטווערקעריי און קליין-האנדל. די גרויסע צאָל אידישע שטעטלעך, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן היסטאָריש פון גרויסע דערפער, דערקלערט זיך, פון איין זייט, מיט דעם פאַרמיטלערישן כאַראַקטער פון דידאָזיקע אידישע באַשעפטי-קונגען און, פון דער אַנדער זייט, מיט דעם פאַרבאָט צו באַזעצן זיך אין די דערפער. דער פראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג בענוגייע צו דער גאַנצער באַפעלקערונג פון אידישן „טכום" איז געווען: אין דער צאָפן-מאַי-רעווודיקער, דאָרעם-מאַירעווודיקער און פוילישער געגנטן פון 12% ביז 16%, אין קאַטערינאָסלאַווער, טשערניגאָווער און פּאָלטאַווער — שוין פיל קלע-נער, פון 4% ביז 5%. נאָר דערפאַר איז דער פראָצענט פון דער אידישער באַ-פעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך גופע דערגאַנגען ביז 25, 60 און אַפי-לע ביז 95%. אין דידאָזיקע שטעט איז דער אידישער באַפעלקערונג אויסגע-קומען צו לעבן אין נאָענטער שכיינעס מיט אַ ניט-אידישער באַפעלקערונג, נאָר געלעבט האָט זי מיט איר באַזונדער לעבן, צוזאַמענגעבונדן דורך די רע-ליגיעזע טראַדיציעס, געמיינזאַמקייט פון שפּראַך און דער אַלגעמיינער דעפּרע-סיווער פּאָליטיק פון דער רעגירונג בענוגייע צו די גאַנצע אידישע מאַסן. די אינדוסטריעל-אַנטוויקלטסטע גובערניעס אין „טכום" זיינען געווען קאַטערינאָס-לאַווער און כערסאָנער. נאָר אַפילע אין די גובערניעס איז דער אידישער אר-בעטער אין דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע ניט אַריינגעדרונגען.

די צאָפנמאַירעווודיקע געגנט איז אין דער אינדוסטריעלער הינזיכט געווען אַלע מאָל אַן אָפּגעשטאַנענע. קימאַט דורכויס אַן אַקערבוי-געגנט. פון דער אינ-דוסטריע קענען מיר דא אנרופן די לעדער-אינדוסטריע מיט די צענטרען: ווילנע, ביאַליסטאָק, סמארגאָן און די שטעטלעך פון גראָדנער גובערניע, די טעק-סטיל-אינדוסטריע, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אויסשליסלעך אין ביאַליס-טאָק און אין די דערבייאיקע שטעטלעך. אדאַנק דער רייכקייט מיט וואַלד, זיינען אין דערדאָזיקער געגנט אויסגעוואַקסן קליינע זעגמילן, גרעסערע שוועבל- און פּאַפּיר-פאַבריקן (באָריסאָוו, רעטשיצע, מאָזיר). ווייטער גייען טאבאק-פאַב-ריקן. קיין מאַשינענבוי-אינדוסטריע, וועלכע איז די סאַמע כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, איז אין דער צאָפנמאַירעווודיקער געגנט קימאַט גאָר ניט געווען, אויב מע זאָל ניט רעכע-נען די קליינע מאַשינבוי-זאַוואָדן, וועלכע זיינען געווען איינציקווייז צעוואָרפן אין קאָוונע, ווילנע און ביאַליסטאָק. די דריי דאָרעמאַירעווודיקע גובערניעס זיי-נען געווען אינדוסטריעל נאָך מער אָפּגעשטאַנענע, ווי די צאָפנמאַירעווודיקע געגנט. דאָ איז, עמעס, שטאַרק אנטוויקלט די צוקער-אינדוסטריע, נאָר אין איר זיינען די אידישע אַרבעטער אויך ניט אריינגעדרונגען. ווייטער גייט די פּאַר-צעליי-אינדוסטריע מיט אַ גרויסער צאָל אידישע אַרבעטער.

אין דער גאַנצער צאָפנמאַירעווודיקער געגנט קען מען רעכענען פאַר דעם צענטר פון קאָנצענטרירטע אידישע אַרבעטער-מאַסן ווילנע און ביאַליסטאָק. דאָ האָבן די אידישע אַרבעטער (און אויך א גרויסע צאָל אַרבעטערינס) איןביידע אינדוסטריע-צווייגן, אין דער לעדער- און טעקסטיל-אינדוסטריע, ווי

אויך אף די שוועבל-פאַבריקן פון מינסקער גובערניע, פאַרנומען א גאַנץ אָנ-געזעענעם אָרט. דאָ אַרבעטן זיי אָפט צוזאַמען אין איין פאַבריק מיט ניט אי-דישע אַרבעטער, נאָר נאָך אָפטער — אַליין.

נאָר איין געגנט איז געווען, וואו די קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען האָבן זיך ברייט אנטוויקלט — דאָס איז געווען פוילן מיט איר גרויסן טעקסטיל-צענטר, לאָדז, און מיט איר בערג-אינדוסטריע ארום סאָסנאָוויץ.

די אַנטוויקלונג פון דער פוילישער אינדוסטריע האָט פאַרכאַפּט אויך די אידישע מאַסע. װאַרשע, מיט איר רייכער גאַלאַנטעריי-אינדוסטריע, האָט ארייג-געצויגן זייער אסאך אידישע אַרבעטער. אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע פון לאָדז און אירע אַרומיקע שטעטלעך (זגעזש, פּאַביאַניץ), ווי אויך אין ביאַליס-טאָקער טעקסטיל- און מאַנופאַקטור-אינדוסטריע, זיינען געווען פאַרנומען אסאך אידן, נאָר די גרויסע מאַשין-אינדוסטריע האָט, ווי ס'איז שוין אָנגענומען גע-וואָרן, קיין אידן ניט געהאַט. די סיבעס פון דערדאָזיקער דערשיינונג זיינען פאַרשיידנארטיק. נאָר די גרונט-סיבע איז געווען איינע: אדאנק דעם האַנדל און דער עמיגראַציע, וואָס האָבן געמאַכט לאנגזאם דעם וואוקס פונם פּראָלע-טאַריאַט בא אידן, האָט דער דאָרפישער עלעמענט מיט זיין וואלוועלער אַר-בעט פאַרכאַפּט אַלע הויפּט-פּאָזיציעס. דערנאָך דאַרף מען רעכענען די קליינ-בירגערלעכע פסיכאָלאָגיע, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן דעם אידן פון צו גיין אפן זאַוואָד.

אַכוץ דעם, האָט נאָך, בענויגייע צו דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער אינ-דוסטריע, געהאַט א גרויסע באַדייטונג דער שאַבעס-רו, וועלכער האָט געשטערט דער אידישער מאַסע אריינצודרינגען אין דער גרויסער פּראָדוקציע. אין דער מאַשין-אינדוסטריע קען שוין, פאַרשטייט זיך, גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן איינפירן צוויי באַזונדערע יאָנטעוו-טעג — שאַבעס און זונטיק, אזוי ווי דאָס איז געווען איינגעפירט אין אַ טייל פאַבריקן מיט אַ געמישטן אַרבעטער עלע-מענט. אף אזא אויפן איז דער אידישער ארבעטער אַפּילע אין די אינדוסטריע-לע געגנטן פון פוילן געבליבן אין דער קליינער פּראָדוקציע און האָט מיט דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַרישער מאסע קיין שום אָרגאַנישע פאַרבינדונגען ניט געהאַט.

די נאַציאָנאַלע באַציאונגען האָבן זיך פון אָנפאַנג אן אָפּגעשפּיגלט אויך אף דער גרופּירונג פון די אַרבעטער-מאַסן אין די פאַבריקן גופע. די אידישע אַרבעטער האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך אין אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן געהערט צו אידישע קאַפּיטאַליסטן. די אונטערנעמונגען פון ניט אידישע קאַפּי-טאַליסטן האָבן, אָן אויסנאַם, קיין אידישע ארבעטער בא זיך ניט געהאַט: די טראַדיציע פון שאַבעס-רו האָט דאָ אויך געהאַט א באַשטימטע און גאַנץ גרוי-סע באַדייטונג, און האָט צוזאַמענגעבונדן איינעם די אַרבעטער, די אַדמיניס-טראַציע און דעם באַלעבאָס. דער אידישער אַרבעטער האָט זיך געפילט ווי צו-געשמידט צו דעם אידישן אונטערנעמער. ווי נאָר מע פלעגט אים אָפּזאָגן פון דער פאַבריק, פלעגט ער בלייבן אינגאַנצן אָן אַרבעט.

נאָר, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, זיינען ניט די אינדוסטריעלע אַרבעטער געווען דער גרעסטער טייל פון דער אידישער אַרבעטער-מאַסע, ניט זיי זיינען געווען דער אַוואַנגאַרד און דער קולטורעל-אַנטוויקלטסטער טייל פון דערדאָזיקער אַרבעטער-מאַסע. די הויפּט-ראָלע אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג האָבן געשפּילט די האַנטווערקער-אַרבעטער — שניידער, שוסטער, שטעפּער, סטאָלערס, מאַלערס. — ארבעטער פון קליינע אונטערנעמונגען. אָט די אַרבעטער האָבן זיך אין זייער טעגלעכן לעבן קיינמאָל ניט געטראָפן מיט ניט-אידישע אַרבעטער, זיי האָבן געלעבט אויסשליסלעך אין זייער אייגענער נאַציאָנאַלער סוויווע.

דער נאַציאָנאַלער מאָמענט האָט זיך געלאָזט פילן אויך אינם פּראָצעס פון דער טעכנישער און אינדוסטריעלער אנטוויקלונג. יעדן מאָל, ווי מע פלעגט איינפירן אף די שוועבל-, טאַבאַק- און טעקסטיל-פאַבריקן וועלכע ניט איז אויסגעבעסערטע מאַשינען אָדער פאַרייפאַכן דעם פּראָצעס פון דער אַרבעט, פלעגט דערזעלביקער אידישער פאַבריקאַנט זיך סטאַרען צו פאַרבייטן די אידישע אַרבעטערינס און אַרבעטער מיט דאָרפישע (ניט-אידישע) מיידלעך, וועלכע פלעגן קומען אין שטאָט און זיך צופרידנשטעלן, אַדאַנק זייער קלענערער באַוואוסטזיניקייט, מיט אַ קלענערן פאַרדינסט. שוין אין סאָף 90-ער יאָרן איז אָף דעם באָדן פאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי קאָנפליקטן, וואָס זיינען ארויסגערופן געוואָרן דורכדעם, וואָס מע האָט אָפּגעזאָגט די אידישע ארבעטערינס און פאַרביטן זיי מיט קריסטלעכע.

נאָר דער שאַרפסטער נאַציאָנאַלער מאָמענט אינם לעבן פון די אידישע אַרבעטער איז געווען, פאַרשטייט זיך, די רעכטלאָזיקייט פון דער אידישער באַפעלקערונג. דער פאַרבאָט צו וואוינען וואו מע וויל האָט צונויפגעפּרעסט די מאַסן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך און האָט, נאַטירלעך, פאַרקלענערט די לעבנס-באַדערפענישן און דעם פאַרדינסט פון אלעמען און פריער פאַר אלץ — פון די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן. די עקספּלואַטאַציע איז אינם אידישן „טכום” געווען אסאך שטאַרקער.

...די נאַציאָנאַלע באַגרעניצונג פון דער אידישער באַפעלקערונג און די אַלגעמיינע פאראכטונג צו דעם אידן, וועלכע האָט געהערשט אומעטום, וואו אים פלעגט נאָר אויסקומען צו זיין: צי אין א מלוכע-איינריכטונג, צי אין א פּאָליציי-צירקל, אָדער אַפילע אין די שטאָט-דומעס 2) פון יענער-צייט, דאָס שטענדיקע זידל-וואָרט „זשיד”, וואָס דער איד פלעגט הערן פון אלע זייטן, — דאָס גופע האָט געדריקט זיין באוואוסטזיין און ניט ווילנדיק באַשאַפן בא אים אַ שטאַרקן נאַציאָנאַלן געפיל און א פעסטע נאציאָנאלע געשלאָסנקייט.

...די זעלבסטהערשונג האָט געגעבן די מעגלעכקייט די אידישע קאַפּיטאַליסטן צו נעמען אן אנטייל אין דער שטאָטישער זעלבסטפארוואלטונג דורכדעם, וואָס זי האָט ארייגענומען אין די שטאָט-דומעס אידישע „גלאַסנע”, וועלכע די גובערנאַטאָרן פלעגן באַשטימען, און איבערגעגעבן אָט די „פאָרשטייער” פון דער אידישער באַפעלקערונג די פאַרוואַלטונג מיט די איניאָנים פון דער אידישער קהילע. די אידישע קהילע, וועלכע האָט געטראָגן אויסשליסלעך א רעלי-

גיעון כאַראַקטער, האָט פּאַקטיש געהאַט פונדעסטוועגן אויך אייניקע ווירט־שאַפטלעכע פונקציעס: אויסהאַלטן די אידישע שפּיטאָלן, בייס-אוילאַמס, שולן. די אידישע מאַסע האָט נאָך געהאַט אַף זיך ספּעציעלע שטייערן — די „קאָ־ראָבקע" (6-4 קאָפּ. אַף יעדער פונט קאָשערע פלייש), ליכט־אָפּצאָלונג און אנ־דערע. אָט אין דער רעליגיעז-מלוכישער אידישער קהילע זיינען די רעדל-פי־רער געווען דער אידישער סוחר, פאַבריקאַנט און באַנקיר.

מיר זעען דאָ פאַר זיך א מעשונעדיקן מיש-מאַש פון נייע קאַפּיטאַליסטי־שע סאָציאַלע גרופּירונגען מיט פאַרשימלטע רעשטן פון דער פעאָדאַלער רעכט־לאָזיקייט און דער צאַרישער בייטש-הערשונג, וועלכע האָט זיך איזדעקעוועט איבער די „אינאָראָדצעס".

די אידישע פּלוטאָקראַטיע האָט אויסגעצייכנט אויסגענוצט אָט דיביידע מאָמענטן. שטייענדיק פעסט אַפן קאַפּיטאַליסטישן באָדן און עקספּלואַטירנדיק ווי ווייט מעגלעך דעם אייגענעם ברודער, האָט דיזעלביקע פּלוטאָקראַטיע אין דער אייגענער צייט אויסגענוצט מיט דער הילף פונם ראַבינערטום די רעכט־לאָזיקייט פון די אידישע מאַסן, די רעפּרעסיעס און פּאָגראָמען, קעדיי אונטער דעם לאָזונג פון „קאָל איסראָעל־כאַווייריםֿ" צו האַלטן דידאָזיקע מאַסן אין צוים און ניט דערלאָזן זיי צו קיין פּראָטעסט.

אויב די רוסישע בורזשואזיע האָט זיך פון איר געבורטסטאָג אָן קיינמאָל ניט אויסגעצייכנט מיט אירע בירגערלעכע געפילן און איז אלעמאָל געווען גע־נויגט צו לעבן בעסער אין שאָלעם מיטן צאַר און זיינע סאַטראַפּן, איידער צו פירן אַן אָפענעם קאַמף פאַר אירע רעכט, איז וואָס דאַרף מען שוין זאָגן וועגן דער אידישער בורזשואזיע? די אידישע אַרבעטער האָט קאַאוטסקי אמאָל אָנ־גערופן „פּאַריע צווישן פּראָלעטאַריער"; די אידישע בורזשואַזיע וואָלט מען געקענט אָנרופן „די פּריזשעוודיקע צווישן די פּריזשעוודיקע". אין דערדאָזיקער סווי־ווע איז קיין שום באַוועגונגען, אידייען, שטרעבונגען און קאַמפּס-לאָזונגען ניט געווען. זי האָט געוואוסט נאָר איין זאַך — ווי עס איז דורכקומען, אונטער־קויפן, כאַבאַר געבן, ווען עס זאָל ניט אויסקומען, צי דעם גובערנאַטאָר, צי דעם איספּראַווניק, צי דעם פּריסטאַוו, קעדיי אַף אזא אופן צו ראַטעווען זיך פון די קלעפּ, מיט וועלכע די צאַרישע פעאָדאַלע רעגירונג האָט געוואָלט מע־כאַבעד זיין איינצלנע פאָרשטייער פון דער אידישער בורזשואַזיע. און מיט דעם איז אויך געווען באַפאַרבט די נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע. די מאַסן פלעגט מען זאָגן, אַז זיי זאָלן זיין גוט און פרום, זיי זאָלן ניט מורמלען, זיי זאָלן ניט נעמען קיין אַנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָרום יעדע אַרויסטרעטונג פון אידן מוז ברענגען מיט זיך נייע רעכטלאָזיקייט פאַר אידן און וואָס ס'איז נאָך שרעקלעכער, — נייע אידישע פּאָגראָמען.

* * *

פון דעם אַנאַליז פון די עקאָנאָמישע, סאָציאַל-פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע לעבנס־באַדינגונגען, אין וועלכע ס'האָט זיך געפונען דער מאַירעוו-טייל פון רוס־לאַנד און די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג, קען דער לעזער פאַרשטיין, ווי

אונגינסטיק זיינען דאָ געווען די באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ נאָרמאַלער קלאַסן-פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. דאָ איז, אין טאָך גענומען, ניט געווען דער הויפּטשרויף — דער גרויס-אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט. דאָ האָבן די נאַציאָנאַלע באַציאונגען און די נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונגען געקענט באַשאַפן אַן אויסשליסלעכע פילבאַרקייט צום פּאָליטישן מאָמענט און דערנערן ראַדיקאַלע רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אין די מאַסן. נאָר קיין אויסגעהאַלטענער פּראָלעטאַרישער קלאַסן-באַוואוסטזיין האָט דאָ ניט געקענט שטאַרק ווערן. אין דעם ליגט געוויס די גרונט-סיבע פון אַלע וואַקלונגען, אָפּווייכונגען און אָפּטרעטונגען אין דער געשיכטע פון דער אידישער ארבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד.

2. דער איבערברוך אין די שטימונגען פון דער אידישער בורזשואזיע און קלייבירגערלעכע שיכטן.

(מ. ראַפּעס: „עטיודן צו דער געשיכטע פון בונד“, ז. ז. 131—134)

„דאָס נייע בלאַט אין דער געשיכטע פונם אידישן פאָלק“ האָט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר אין דעם אנטיילנעמען פון דער אידישער אינטעליגענץ און בורזשואזיע אינם זעלבסטשוץ. דאָס לעצטע איז געווען בלויז איינער פון די סימאָנים פון א טיפערער דערשיינונג—פון דער אנטשטייאונג פון ליבעראַלע און ראַדיקאַל-דעמאָקראַטישע גרופּעס אינם אידנטום, וואָס זיינען אריינגעצויגן געוואָרן דורך דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע אינם אַלגעמיינעם שטראָם פון דער פּאָליטישער באַוועגונג.

אינם מעשעך פון די ניינציקער יאָרן איז די אידישע ארבעטער-באַוועגונג געווען דער איינציקער פאַקטאָר פון רעוואָלוציע און אָפּאָזיציע אינם אידנטום. קליינע גרופּעס פון דער אידישער אינטעליגענץ האָבן זיך אריינגעגאָסן אין דערדאָזיקער אַרבעטער-באַוועגונג און זיינען פון איר פאַרשלונגען געוואָרן. אַלע דענקענדיקע עלעמענטן פון דער אידישער בורזשואזיע און בירגערטום זיינען געגאַנגען צום ציאָניזם, זיינען באַהערשט געוואָרן פון דער אידייע פון פּרינציפּיעלן אַפּאָליטיזם און האָבן ניט געוואָלט וויסן פון רעוואָלוציע און פון אַנטיילנעמען אינם פּאָליטישן לעבן פונם לאַנד. ס'איז גאַנץ קלאר, אַז דידאָזיקע אידייען-שטימונג, כאָטש זי איז געווען זייער נאַטירלעך פאַר דעם ניי-דערגעשלאָגענעם אידישן בירגערטום, וועלכער איז נאָך דערצו, אדאַנק זיין רעאַקציאָנערן מעהוס, טאָמיד געווען גענויגט צו זוכן זיינע אידעאַלן אין דער פאַרגאַנגענהייט,—ס'איז גאַנץ קלאָר, זאָגן מיר, אַז אזא אידייענשטימונג האָט געקאָנט זיין ניט מער, ווי אַן איבערגאַנגס-שטופּע. פריער אָדער שפּעטער האָט א טייל פון די שטאָטישע האַנטווערקער, הענדלער און אינטעליגענץ געמוזט אריינגעצויגן ווערן אינם אַקטיוון פּאָליטישן קאַמף, זייער גרונט-קערן

האָט געמוזט ווערן א מיטפּילנדער. און דאָס איז טאַקע פאַרגעקומען, ביסלעכ־ווייז אָנקלייבנדיק זיך, צום 1903-טן יאָר.

הערצלס און נארדאוס [3] בורזשואַזע אוטאָפּיע, פאַר וועלכער ס'האָבן זיך אָנגעכאַפּט די ברייטע שיכטן פון דער אידישער פאָלקס-מאַסע אין 1897-טן יאָר, האָט זיך ניט פאַרווירקלעכט.

... אין דעם ציאָניזם גופא האָט דערווײַלע אָנגעהויבן רייף ווערן א אי־נערלעכע צעשפּאַלטונג. פאַר די ערשטע יאָרן פון דער כוואַליע זיינען אין דער ציאָניסטישער באַוועגונג אַריינגעצויגן געוואָרן אויך אייניקע ארבעטער־גרופּעס, נאָך מער יוגנט „פונם אַרבעטסלאָזן בירגערטום", פון „לופט-מענטשן", וועלכע זיינען שטענדיק געווען אזויפיל אינם אידישן „טכום"...

... אָפן ערשטן פּלאַץ הויבט אָן אין ציאָניזם ארויסצוטרעטן די אינטעלי־גענץ, און לינקס פון איר באַווייזן זיך גרופּעס, וועלכע זוכן א דירעקטע צו־זאַמענבינדונג מיט דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג.

פאַרשפּעטיקנדיק אין זיין אַנטוויקלונג אַף א צענדליק יאָר, האָט דער ציאָניזם ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון דער אויפגאַבע צו באהערשן די ארבע־טער-מאַסע, וועלכע האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר דעמדאָזיקן צענדליק יאָר אלס דער אַקטיווסטער פאַקטאָר פון דער אידישער געשיכטע. נאָר צוזאַמענקומענ־דיק זיך מיט דער אַרבעטער-מאַסע, האָט דער ציאָניזם געמוזט זיך אָנהויבן שפּאַלטן, ווייל אין דער ארבעטער-מאַסע האָט מען ניט געקאָנט גיין מיט לאָזונגען פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קוויעטיזם (גאָרנישט ניט טאָן און בלויז מיט האָפּנונג ווארטן און וועגן „טשארטער" [4] וועלכער דאַרף אַראָפּפאַלן דעם אידישן פאָלק, וואָס ווארט אַף אים, ווי מאַן פון הימל. אָט פון דעמ־דאָזיקן ווידערשפּרוך איז דאָס ארויסגעקומען דער מעשונעדיקער געמיש פון דער קליינבירגערלעך נאַציאָנאַליסטישער ציאָניסטישער אידעאָלאָגיע מיט די מאָדערנע אידייען פון דער אַרבעטער-באַוועגונג,—דער געמיש, וועלכער הייסט „ציאָניסטיש-סאָציאַליסטישע פּראַקציעס" [5].

דעם אָנהויב פון דערדאָזיקער „ארויסשפּאַרצונג" געפינט מען נאָך אַף דעם מינסקער (לעגאַלן) צוזאַמענפאָר פון די רוסישע ציאָניסטן אין 1902-טן יאָר. די דערלויבעניש אַף דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר האָבן די ציאָניסטן באַקומען בא דער מיטווירקונג פון די אידישע „אומאפהענגיקע" [6] און אַלץ צוליב דעמ־דאָזיקן צוועק—קעדיי אָפּצוציען די אידישע אַרבעטער-מאַסן פון דעם רעוואָ־לוציאָנערן קאַמף. אַף דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר טרעט ארויס די גרופּע „אר־בעטער-ציאָניסטן" מיט א דעקלעראַציע וועגן דער נויטווענדיקייט צו באַ־שאַפן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פאַר די ארבעטער: דאָס איז „זובאַטאָוו־שטשינע" [6] ציאָניסטיש באַפאַרבט. נאָר אין 1903-טן יאָר ליקווידירן די אי־דישע „אומאפהענגיקע" זייער גאַנצע אָרגאַניזאַציע—די כוואַליע האָט אויך זיי פאַרפלייצט און, פאַרשטייט זיך, אַז צו יענעם מאָמענט האָט די גרופּע „אַר־בעטער-ציאָניסטן" באַוויזן דורכצומאַכן אַ ווייטערדיקע עוואָלוציע אַף לינקס, זוכנדיק ווי אַזוי צוזאַמענצופאָרן דעם ציאָניזם מיט די ראַדיקאַל-רעוואָלוציאָנע־

רע שטימונגען, וועלכע די עפּאָכע האָט מיט זיך געבראַכט און וועלכע האָבן באַקומען דעם אויסזעען פון אַן אומשולדיקן סאָציאַליזם.

דער ציאָניזם, אלס א גאַנצער, האָט ניט געקענט קוקן גלייכגילטיק אַף דעם, ווי עס טיילן זיך אויס פון אים לינקע גרופּעס, וואָרום דידאָזיקע דער-שיינונג איז געווען ביז א געוויסן גראַד א רעזולטאַט פון דעם אינעווייניקסטן ווידערשפּרוך אין דער לאַגע פון דער באַוועגונג גופא, פון דער גאַנצער אָר-גאַניזאַציע, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין שום טאָג-פּראָגראַם, אויסער איר ווייטן אידעאַל, האָט ניט געהאַט קיין ענטפער אַף דער פראַגע: וואָס דאַרף מען טאָן היינט? צום 1903-טן יאָר האָט דעמדאָזיקן ענטפער די אידישע מי-טעלע בורזשואזיע נאָך ניט געגעבן, מע האָט אים פאָרמולירט ערשט שפּעטער, נאָך אָקטיאַבער פון 1905-טן יאָר, אַפן צוזאַמענפאָר פון די רוסישע ציאָניסטן אין העלסינגפאָרס [7], ווען די אידישע ציאָניסטישע ארגאַניזאַציע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן עכטער אידיש-בורזשואזער נאַציאָנאַל-ליבעראַלער אָרגאַ-ניזאַציע מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטישער פּראָגראַם פון די לינקע קאַדעטן, איינהאַלטנדיק אין דערזעלביקער צייט דעם גאַנצן אלטן ציאָניסטיש-נאַציאָנאַ-ליסטישן און קלעריקאַלן טאַך. דאָס איז פאָרגעקומען שפּעטער. אין 1903-טן יאָר אָבער איז בלויז דער לינקער פליגל פון ציאָניזם געשטאַנען אַף דערדאָ-זיקער אָדער אַף א נאָענט נאַציאָנאַל-ליבעראַלער, אָדער ראַדיקאַל-דעמאָקראַ-טישער פּאָזיציע, און האָט געקאָנט אָנגענומען ווערן פאַר א פאַרבינדעטן אינם קאַמף קעגן דעם צאַריזם.

יעדנפאַלס האָט דער אינעווייניקסטער קריזיס אין ציאָניזם, אונטערגראָבנ-דיק זיין איינפלוס אַף דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, אָנגעהויבן צו באַ-פרייען די קרעפטן, וועלכע מע האָט געקענט אריינציען אין דער רעוואָלו-ציאָנערער באַוועגונג. נאָך א גרעסערע באַרייטונג האָט געהאַט דער קלאַפּ, וואָס ס׳האָט דערלאַנגט דעם ציאָניזם הערצל גופא אין 1903-טן יאָר אַף דעם 5-טן באַזעלער קאָנגרעס. מיר מיינען דעם פּראָיעקט פאַרבייטן פּאַלעסטינע „דאָס לאַנד פון די אָוועס" אַף א קאָלאָניע אין אפריקע—אוגאַנדא. די דערשיינונג פון דעמדאָזיקן פּראָיעקט, באַשטעטיקנדיק דעם אוואַנטיוריסטישן כאַראַקטער פון דער גאַנצער באַוועגונג, האָט באַוויזן, אַז די פירערס גופא פון דער באַווע-גונג האָבן זיך אַנטוישט אין דער מעגלעכקייט צו „באַקומען" פאַר די אידן אַן „עפנטלעך-רעכטלעכע היים" אין פּאַלעסטינע...

...אַף אזאַ אויפן האָבן מיר שוין אין 1903-טן יאָר א גרויסן שיכט פון דעמאָקראַטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן ניט נאָר פאַרלאָרן זייער פריערדיקע שאַרפע אנטיפּאַטיע און האַס צו דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער-באַוועגונג, נאָר זיינען אפילע געווען געניגט צו סימפּאַטיזירן מיט איר. זיי זיינען בלויז געווען אומצופרידן, וואָס דער „בונד" גיט אָפּ, לויט זייער מיינונג נאָך, צו ווייניק אויפמערקזאַמקייט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער קישענעווער פּאָ-גראָם [8] שטויסט דידאָזיקע עלעמענטן אַף דעם פּאָלגנדיקן טריט, וועלכן די „אַרבעטער-שטימע" [9] האָט באַצייכנט אינם ארטיקל וועגן האָמלער פּאָגראָם. דאָס ארויסטרעטן פונם אידישן ארבעטער-זעלבסטשוץ און דאָס ארויסגיין פונם

„בונד" פון דער ר. ס. ד. א. פּ. שטעלט אינגאַנצן איין א שאָלעם צווישן דיראָזיקע שיכטן מיטן „בונד".

דער „בונד", וועלכער איז אין 1897-טן יאָר געווען איזאָלירט, ווערט ביסלעכוויז, צוזאַמען מיט דער גאַנצער אידישער ארבעטער-באַוועגונג, דער נאַציאָנאַלער העלד פאַר די ברייטע דעמאָקראַטישע שיכטן און נאָך מער פאַר דער שטאָטישע ארימער מאסע, וועלכע האָט אויך מיטגעפילט דעם סאָציאַלן קאַמף פון „בונד" קעגן די גווירים און דעם צאַריזם. דער אידישער ארבעטער הערט אויף צו זיין דער איינציקער אינם קאַמף מיטן צאַריזם, די אידישע ארבעטער-באַוועגונג פארלירט אירע שארפע זייטן. דער „בונד" באַזיגט אלע פאַרטייען און גרופּעס, וועלכע בלייבן קרייזלעך, אין פאַרגלייך מיט זיין מאסנדיקער, פאַרהאַרטעוועטער אינם קאַמף-ארגאַניזאַציע. נאָך דעם „בונד" קומט אויס וואָס ווייטער אַלץ מער און מער אריינצוזויגן אין זיך די שטימונג פון די גרופּעס, וואָס שטייען נאָענט צום פּראָלעטאַריאַט, צו פאַרלירן זיין עכטן קלאַסן-כאַראַקטער.

אין 1903-טן יאָר הויבט אָן ארויסצוגיין אין פּעטערבורג א טעגלעכע צייטונג אין אידיש „דער פריינד". דאָס איז געווען גאָר א נייע דערשיינונג, ווייל ביז יענער צייט האָט דער צאַריזם קיינעם ניט געגעבן קיין דערלויבעניש אַף ארויסצוגעבן אַזא צייטונג, ווי ער האָט בּיכלאַל ניט דערלאָזן קיין דעמאָקראַטישע פּעריאָדישע אויסגאַבן. דעמדאָזיקן טריט פון דער רעגירונג דאַרף מען אויך פאַרעכענען אפן כעשבן פון זיין „זובאַטאָווסקער" פּאָליטיק. אין די ארכיוון פון דער מאָסקווער אָכראַנקע קען מען געפינען די קאָרעספּאָנדענץ צווישן זובאַטאָוון און די „אומאָפּהענגיקע" וועגן דערדאָזיקער פראַגע. די מינסקער אידישע „זובאַטאָווצעס" שטיצן די אידייע וועגן דערלויבן ארויסצוגעבן א י ד י ש ע לעגאַלע ליטעראַטור, קעדיי צו פאַרניכטן די מאָנאָפּאָליע פון די אידישע רעוואָלוציאָנערן אַף צו באַפרידיקן די קולטורעלע באַדערפענישן פון דער אידישער ארבעטער-מאסע. די פּאָזיציע פון „דעם פריינד" איז געווען א נעבלהאַפט-דעמאָקראַטישע. ער איז ניט געווען קיין ציאָניסטישער אָרגאַן—און דאָס אליין איז שוין געווען סימפּאַטאָמאַטיש פאַר די נייע שטימונגען כאָטש שוין צוליב זיין אויסגעשפּראָכענעם קליינבירגערלעכן כאַראַקטער האָט דער „פריינד" ניט געפירט, ניט געקאָנט און זיך ניט דערוועקט צו פירן קיין קאַמף קעגן ציאָניזם.

דער קריזיס אינם בירגערטום און אין דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט, האָט נאַטירלעך צוגעצויגן אַסאַך נייע קרעפטן אין די רייען פון „בונד". אין אלע אוניווערסיטעט-שטעט און אין די אויסלענדישע רוסישע קאָלאָניעס זיינען אנטשטאַנען „גרופּעס אַף מיטצואווירקן דעם בונד", פון וועלכע עס זיינען שפּעטער ארויס אַסאַך אַקטיווע פאַרטייאישע טוער...

3. די בונדישע פאָדערונג פון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אַווטאָנאָמיע *).

ו. מעדעם 10): „די נאַציאָנאַלע פראַגע און די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע". פאַרלאג „די וועלט" ווילנע, 1906, זייטן 55—62) **).

...אין געביט פון די קולטורעלע איניאָנים... וועט זיך צונויפקלייבן די גאַנצע ענערגיע פון דעם כוצפּעדיקן נאַציאָנאַליזם. דערדאָזיקער געביט וועט ווערן דער הויפּט-פּלאץ פון די נאַציאָנאַלע סיכסוכים. אָט דאָ וועט אויסגעגאָסן ווערן דער גאנצער קאַעס קעגן דער „פרעמדער" נאַציע... דאָ וועט ליגן דער קאַנאַל, וואוהין ס'וועלן זיך ציען די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, יענע געווער, מיט וועלכן מ'וועט דורכפירן אין לעבן די שאָוויניסטישע פלענער אף צו דערשטיקן דורך דער מערהייט די „פרעמדע" נאציאָנאַלע גרופּן.

און וויבאַלד, אז איין צאד וועט אָנפאלן, וועט זיך אויפהויבן דער צווייטער צאַד אף צו פאַרטיידיקן זיך. ס'וועט זיך אָנהויבן א מין מאָביליזאַציע פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשוץ. וואָס-זשע וועט זיין דער פּויעל-יוצע דערפון? די „אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע" בילדונגס-אנשטאַלטן וועלן דינען פאַר א קאמפּס-פלאץ, וואו עס וועלן זיך אָפּשפּילן די הארטנעקיקסטע נאַציאָנאַלע מילכאָמעס. יעדער פראַגע, וועלכע וועט געשטעלט ווערן אין דעם טאָג-אָרדענונג פון די אנשטאַלטן, יעדער נייע לערשול, יעדער נייע וואַקאנטע שטעלע, יערע אומענדערונג אין דער סיסטעם פון די לימודים אָדער יעדע נייע הויצאָע אין דעם ביורזשעט וועלן מוזן פירן צו א סיכסעך, צעשפּאלטנדיק יעדע באראַטונג. וואָס וועט זיך פארנעמען מיט אזוינע פראגן, אף 2 אָדער מער פיינטלעכע מאַכנעס, צעטיילנדיק די פארטרעטער פון די פארשיידענע נאַציעס לויט זייער נאַציאָנאַלער אָפּשטאמונג.

די סאָציאַל-דעמאָקראטיע וועט זיין אָנמעכטיק צו טאָן עפּעס קעגן אָט דער שטענדיקער מילכאָמע פון די פאַרטרעטער פון די פאַרשיידענע נאַציעס, נאָך מער, האַגאם דערדאָזיקער קאמף שטאמט פון דער בורזשואזיע, האַגאם ער ווערט געפירט דורך די בורזשואזע גרופּן פון די פארשיידענע נאַציעס, פונדעסטוועגן קען די סאָציאַל-דעמאָקראטיע ניט שטיין פון וויטן; דער פראָלעטאַריאַט קען ניט איבערלאָזן דער בירזשואזיע, אז זי זאָל פאַרטיידיקן זיינע לער-שולן, ווייל זיינע ברענענדיקע אינטערעסן, זיינע קולטורעלע באַדערפענישן טרייבן אים אומפארמיידלעך איינצושטעלן זיך פאר די מיטלען, וואָס זיינען נויטיק פאר דער קולטורעלער אנטוויקלונג, איינצושטעלן זיך און קעמפן קעגן די פיינטלעכע רעאַקציאָנערע קרעפטן, וועלכע ווילן אונטער דעם שלייער פון אַסימיליאַציע פארצוימען אים דעם וועג צו בילדונג. ער וועט מוזן אריינמישן

---

*) האַגאַם די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אווטאָנאָמיע איז אפיציעל איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער בונדישער פראָגראם ערשט אפן VI צוזאַמענפאָר סאָף 1905, פאַקטיש אָבער האָט דער בונד פאַרטיידיקט דידאָזיקע פאָדערונג נאָך פון זיין IV צוזאַמענפאָר אין 1901-טן יאָר.

**) דער אווטאָר שילדערט דאָ די קעגנזייטיקע נאַציאָנאַלע רייסענישן אין א מלוכע מיט א געמישטער נאַציאָנאַלער באפעלקערונג.

זיך אין דעם קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע פון די „פרעמדע“ נאַציאָנען און קעסיידער ראַנגלען זיך קעגן איר. אים וועט אויסקומען ניט ווילנדיק צו גיין האַנט-באַ-האַנט מיט דער בורזשואַזיע פון זיין אייגענער נאַציע, קעדיי צו פאַרטיידיקן זיך קעגן די אָנפאַלן פון דער בורזשואַזיע, וועלכע געהערט צו אַן אַנדער נאַציע. ער וועט געצוואונגען זיין איינצושטעלן זיך פאַר זיין שפּראַך, פאַר זיין לער-שול, פאַר זיין קולטור, קעדיי צו באַשיצן זיך פון דעם פרעמדן סוינע; אָט דער דאָזיקער קאַמף וועט באַשאַפן א באָדן פאַר נאַציאָנאַלן פאַנאַטיזם, נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט; אף אָט דעם באָדן קאָן אויסוואַקסן דער נאַציאָנאַלער האַס צו אַלץ, וואָס ס׳איז ניט אייגענע, וואָס ס׳געהערט צו א פרעמדער נאַציע; פון דער אַנדער זייט, וועט דער דאָזיקער קאַמף טרייבן די אַרבעטער צו באַהעפטן זיך מיט דער „אייגענער“ בורזשואַזיע — זייער נאַטירלעכן בונדעס-כאַווער אין קאַמף קעגן די „פרעמדע“, זי וועט מיטברענגען די פעסטע פאַרבינדונג פון די פאַרשיידענע קלאַסן אין איין נאַציאָנאַלן „בלאָק“. ער וועט צעשפּאַלטן דעם באַוואוסטזיין אינם קאַמף פון דעם אַרבעטער, אַרויסרוקנדיק נעבן דעם קלאַסנקעגנזאַץ די נאַציאָנאַלע סינע און פאַרבייטנדיק דעם קאַמף קעגן די עקספּלואַטאַטאָרס דורך דעם קאַמף קעגן דעם „פרעמדן“ יאָך. אָט דער שטענדיקער נאַציאָנאַלער סיכסעך, וועלכער וועט קעסיידער אוועקשטעלן דעם בורזשוא און דעם אַרבעטער איינעם נעבן דעם אַנדערן, אונטער איין נאַציאָנאַלן לאָזונג קעגן דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן פיינט, וועט אַלפּי טעווע באַשאַפן א געוויסע פּסיכאָלאָגישע פאַרבינדונג צווישן די צוויי בעעצעם פיינטלעכע קלאַסן, וועט פאַרטושן דעם קלאַסן-אינסטינקט, אונטערהעצען די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען; און האַגאַם ער וועט ניט האָבן בעקויעך אויסצואוואָרצלען דעם באַוואוסטזיין פון דעם קלאַסן-אינטערעס, וועט ער דאָך זיין א מוירעדיקע מעניע, וועלכע וועט שטערן צו פאַרשטיין זעמראָזיקן אינטערעס קלאָר און דייטלעך, אין זיין ריינער געשטאַלט, אָן ווייטיקע פּלאָנטערנישן...

.. די הויפּט-צאָרע פון די „אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע“ קולטורעלע איינריכטונגען באַשטייט אין דעם, וואָס זיי דערנערן די נאַציאָנאַליסטישע אויפּגערעגטקייט.

די נאַציאָנאַליסטישע אויפגערעגטקייט קען נאַטירלעך ניט געהיילט ווערן דורך דעם, וואָס מ׳וועט קעסיידער רייצן דעם קראַנקן גליד; דער דאָזיקער גליד דאַרף אָדער געהיילט, אָדער באַזייטיקט ווערן. ער טאָר ניט בלייבן אַלס מאָקער פון ווייטערדיקע קראַנקייטן. ווייטער לאָזן אַזאַ לאַגע טאָר מען ניט.

ניט די מלוכע, ניט די אָרגאַנען פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג, ביכלאַל ניט די אַלע איינריכטונגען, וועלכע באַשטייען פון פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע נאַציעס, דאַרפן זיך ניט פאַרנעמען מיט אָט די „קראַנקע“ פונקציעס. אָט דער דאָזיקער צווייג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן דאַרף אַרויסגענומען ווערן פון זייערע הענט. אַזוי ווי מ׳קען זיך אָבער מיט אָט די פונקציעס ניט פאַרלאָזן אף דער פּריוואַטער איניציאַטיוו, מוזן זיי איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די נאַציעס. אף אַזאַ אויפן צוימען זיך אָפּ די נאַציעס איינע פון דער

אנדערער. יעדערע פון זיי פירט אָן זעלבשטענדיק, אָן דעם אָנטייל פון אנדערע נאַציעס, אירע קולטורעלע איניאָנים. ס'ווערט באַזייטיקט יעדע נויטיקייט פון קאמף און קעגנזייטיקע סיכסוכים. ס'עפנט זיך א ברייטער פלאַץ פאר אַ ריינעם קלאַסנקאַמף אין די ראמען פון יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע, א קאמף, וועלכער ווערט ניט פארטונקלט און פארוויקלט דורך דער נויטיקייט איינצושטעלן זיך אין דעם פּראָצעס פון די נאַציאָנאַלע סיכסוכים פאר די אינטערעסן פון דער אייגענער נאציע; דער קלאַסנקאמף ווערט אָפּגערייניקט און פאריינפאַכט. אף אָנצופירן אירע קולטורעלע איניאָנים — און נאָר צוליב דעם — בילדעט יעדע נאַציע אַ יורידישע קאָלעקטיווע איינהייט. די אָרגאַנען, וועלכע זיינען נויטיק דערצו, אז די „יורידישע פערזאָן" זאָל קענען פונקציאָנירן, ווערן אויסגעקליבן אף דעמאָקראטישע יעסוידעס דורך אלגעמיינע וואַלן. אָט די אָרגאנען נעמען איבער בא דער מלוכע איר שליטע אף די קולטורעלע איניאָנים פון דער אָדער יענער נאציע. אף וויפל ס'עקזיסטירן אזוינע קולטורעלע באַדערפענישן, וועלכע זיינען אלגעמיין פארן גאנצן לאנד און וועלכע זיינען ניט נאָר די קרעפטן פון דער איינצלנער נאַציע, ווערן זיי באַפרידיקט דורך א פעדעראטיוון בונד פון נאציאָנאלע סיימען. דערדאָזיקער בונד באַשאפט צו גלייכער צייט א פונדאמענט, אף וועלכן די פּראָלעטאריער פון פארשיידענע נאציעס קענען פאראייניקן זייערע קרעפטן אפילע אין דעם טכום פון יענע פראַגן, בענויגייע צו וועלכע די נאציעס זיינען „אָפּגעצוימט" איינע פון דער אנדערער.

דערין ליגט דער טויכן פון דער קולטור-נאציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע אין איר ריינער געשטאַלט...

מיר געפינען ניט פאר מעגלעך צו גיין איצט ווייטער אויסער יענע אלגעמיינע דירעקטיוון בענויגייע צו דערדאָזיקער פראגע; די אויסאַרבעטונג פון די פּראָטים געהערט צו יענער צוקונפט, ווען אפן גרונט פון אונזערע פּראָגראם-פונקטן וועלן אויסגעארבעט ווערן די קאָנקרעטע געזעץ-פּראָיעקטן. דער פּרינציפּיעלער אינהאלט, אין וועלכן ס'איז וויכטיק קלאָר צו ווערן שוין איצט, ווערט אויסגעדריקט אין צוויי ווערטער: נאציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואלטונג.

אף דער נאציאָנאַלער פראגע גיט א גענויען ענטפער בלויז די נאַציאָנאלע אַווטאָנאָמיע.

דידאָזיקע פאָדערונג צוזאַמען מיט די איבעריקע אונזערע פאָדערונגען אינם דאָזיקן געביט — בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די אידן און די פולבארעכטיקונג פון דער אידישער שפּראַך — בילדן אונזער פּראָגראם בענויגייע צו דער נאציאָנאלער פראגע.

4. דער אָרגאַניזאַציאָנס־פּרינציפּ פונם בונד.

(רעזאָלוציע פונם V-טן צוזאַמענפאָר*): „דער V-טער צוזאמענפאָר פון אלגעמיינעם איד. ארב. בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאנד“, זשענעווע, 1904, ז.ז. 2-3).

1. דער „בונד“ איז אַ פעדעראַטיווער טייל פון דער רוסל. ס.-ד. אַרבעטער-פאַרטיי [11].

2. דער „בונד“ איז אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז ניט באַשרענקט אין איר טעטיקייט מיט קיינע ראיאָנע גרענעצן און גייט אַריין אין פּארטיי ווי זיין (דעם אידישן פּראָלעטאַריאַטס) איינציקער פאָרשטייער; דערביי קען דאָס אַרויסטרעטן אינם נאָמען פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון אַ באַשטימטן טעריטאָריום, אַף וועלכן אויסער אנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייען אַריין אין פאַרטיי, פירט זיין טעטיקייט אויך דער „בונד“, דערלאָזן ווערן נאָר מיט דעם אָנטייל פון „בונד“.

3. אין צ. ק., אויסלענדישן ק. און אַף די צוזאַמענפאָרן פון דער פאַרטיי קלייבט אויס דער „בונד“ זיין פאַרטרעטונג, וועלכע טרעט ארויס אַלס אַזעלכע אין די פראַגן, אַף וועלכע עס פאַרשפּרייט זיך די קאָמפּעטענץ פון די צוזאַמענפאָרן פון „בונד“. דער אָרט, ווי אַזוי דער „בונד“ דאַרף זיין פאַרטראָטן, דאַרף זיין געגרינדעט אַף פּרינציפּן, גלייכע פאַר די צדאָדים, וועלכע טרעטן אַריין אין אָפּמאַך.

די קאָמפּעטענץ פון „בונד“.

4. דאָס פּראָגראַם פון „בונד“ איז דאָס אַלגעמיינע פאַרטיי-פּראָגראַם, צו וועלכע ער קען אין די פראַגן, וועלכע ווערן באדינגט דורך די באַזונדערע לאַגע פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד און דורך די קעגנזייטיקע באַציאונגען, וואָס עס עקזיסטירן צווישן די געזעלשאַפטלעכע קרעפטן אין דער אידישער נאַציע גופע, צוגעבן זיך באַזונדערע פונקטן, וועלכע ווידערשפּרעכן ניט דער פאַרטיי-פּראָגראַם.

5. דער „בונד“ האָט זיינע צוזאַמענפאָרן צו באַשליסן אַלע פראַגן, וועלכע פירן אָן סאָציאַל דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, זיין צ. ק. און אויסלענדישן ק.

6. דער „בונד“ האָט רעכט אַפן באָדן פון דער פאַרטיי-פּראָגראַם צו באַשליסן אזעלכע אלגעמיינע פראגן, וועגן וועלכע די פאַרטיי-צוזאמענפאָרן האָבן ניט ארויסגעטראָגן קיינע רעזאָלוציעס. דידאָזיקע באַשלוסן האָבן נאָר א „צייטיקע“ קראַפט: ביז די באַשטימונגען פון די אַלגעמיינע צוזאַמענפאָרן איבער דידאָזיקע פראַגן.

---

*) דידאָזיקע רעזאָלוציע שטעלט מיט זיך פאָר די אזוי צו זאָגן „פּראָגראם-מאקסימום“ פון בונד אין דער אָרגאניזאציאָנעלער פראגע; דערזעלבער צוזאַמענפאָר האָט אויך אָנגענומען א פּראָגראם-מינימום, דער איקער פון וועלכן ס'באשטייט אין דעם, אז דער בונד איז דער איינציקער פאָרשטייער פונם אידישן פּראָלעטאריאט; די לעצטע פּראָגראם האָט דער בונד פאַרטיידיקט אַפן II צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פ.

7. דעם „בונד" געהערט די פולע פרייהייט אין דער פירונג פון די איניאָנים פון זיין אָרגאַניזאַציע.

8. דער „בונד" האָט רעכט אונגעשטערט ארויסצוגעבן אויסער ליטעראטור אַף אידיש אויך ליטעראַטור אַף אַנדערע שפּראַכן. זיך ווענדן צו אַ פּראָלעטאַריאַט פון אַן אנדער נאַציע האָט דער „בונד" רעכט נאָר, ווען אַף דעם זיינען איינשטימיק די אָרגאַניזאַציעס פון די אנטשפּרעכנדע טיילן פון דער פּאַרטיי, צו דעם פּראָלעטאַריאַט פון דאָס גאַנצע לאַנד — נאָר מיט דער איינשטימונג פון דעם צ. ק. פון פּאַרטיי. אָנמערקונג: אום זיך צו ווענדן צום אידישן פּראָלעטאַריאַט, מוזן די צדאָדים, וואָס גייען אריין אין אָפּמאַך, האָבן די ערלויבעניש פון צ. ק. פון „בונד".

9. א) צוליב פּראַקטישע אונטערנעמונגען האָט דער „בונד" רעכט אריינצוטרעטן אין צייטיקע איבעראיינשטימונגען מיט רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציעס, וועלכע גייען ניט אריין אין דער פּארטיי, און וועגן וועלכע עס איז ניטאָ קיין ספּעציעלער פּאַרבאָט פון דעם פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר אָדער פון צ. ק. פון פּאַרטיי. וועגן יעדער אזא איבעראיינשטימונג מוז דער צ. ק. פון בונד" געבן צו וויסן דעם צ. ק. פון פּאַרטיי. דאָס ארויסטרעטן צוזאַמען אין ליטעראטור מיט ניט קיין ס. ד. ארגאַניזאציעס קען ניט ווערן דערלאָזן.

ב) מיט אַ באזונדערע ערלויבעניש פון צ. ק. פון פּאַרטיי האָט דער „בונד" רעכט אריינצוטרעטן אויך אין שטענדיקע איבעראיינשטימונגען מיט ס. ד. אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייען ניט אריין אין פּאַרטיי, אום צוזאַמען צו ערפילן אייניקע זייטן פון דער רעוואָלוציאָנערער ארבעט.

10. דער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר האָט רעכט אָפּצושאַפן אלע באשטימונגען פון די צוזאַמענפאָרן פון „בונד", אויסער די באַשלוסן, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן אפן פינקטלעכן גרונד פון דערדאָזיקער קאָנסטיטוציע. אויב דער צ. ק. פון פּאַרטיי זעט איין אין וועלכע ניט איז טאַטן פון צ. ק. פון „בונד" א ווידערשפּרוך מיט די באשלוסן פון די אלגעמיינע צוזאמענפאָרן פון פּארטיי, האָט ער (דער צ. ק. פון פּארטיי) רעכט צו פאָדערן פון אים (פון צ. ק. פון „בונד") אַן ערקלערונג.

11. ווען עס איז נויטיק, האָט דער צ. ק. פון פּאַרטיי רעכט אריינצוטרעטן אין באציאונגען מיט איינציקע טיילן פון „בונד", אָבער נאָר מיט דער איינשטימונג פון צ. ק. פון „בונד"; ווי עס דאַרפן ווערן געפירט דידאָזיקע באַציאונגען באשטימט אין יעדן איינציקן צופאל דער צ. ק. פון „בונד".

12. אלע דאָ אויסגערעכנטע פונקטן רעכענען זיך פאר די גרונד-פונקטן, און זיי קענען ווערן איבערגעביטן, דערפילט און אָפּגעשאפט נאָר, ווען אף דעם זיינען קעגנזייטיק איינשטימיק די צדאָדים. וועלכע טרעטן אריין אין אָפּמאַך.

5. דער בונד פארוואנדלט זיך אין אַ זעלבשטענדיקער נאציאָנאלער פאַרטיי.

(מ. ראַפעס: „עטיודן צו דער געשיכטע פון בונד“, ז. ז. 100—107)

... דער בונד איז ארויסגעטראָטן פון די רייען פון דער ר. ס. ד. א. פּ. פון 1903-טן יאָר ביזן 1906-טן יאָר האָט דער בונד עקזיסטירט אלס א גאַנץ זעלבשטענדיקע סאָצ. דעמ. פּאַרטיי. מיר זאָגן „פּאַרטיי“ און ניט „אָרגאַניזאַציע“, האַגאָם פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ פלעגט דער בונד זאָרגזאַם אויסמיידן צו באַצייכענען זיך מיטן נאָמען „פּאַרטיי“. אין טאָך גענומען דאַרף מען אָנווייזן, אַז פאַר די גאַנצע 25 יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער אידישער ארבעטער-באַוועגונג איז דער „בונד“ קיינמאָל ניט געווען אין מעשעך פון א לאנגער צייט קיין אָרגאַנישער טייל פון דער ר. ס. ד. א. פּ. פון די נאָענטסטע יאָרן נאָכן אַרויסטרעטן פון דער פּאַרטיי האָט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-באַוועגונג צווישן די אידישע ארבעטער באקומען זייער א ברייטע אַנטוויקלונג. דער „בונד“ פלעגט נעמען דעם אַקטיווסטן אנטייל אין דער אַלגעמיין רוסישער רעוואלוציאָנערער באַוועגונג. ער פלעגט באַרירן אַלע פראַגן פונם אַלגעמיין-רוסישן רעוואלוציאָנערן קאַמף, פלעגט ארויסרופן אַפן גאַס די אַרבעטער-מאַסע אין נאָמען פון אלגעמיין רוסישע לאָזונגען, ער פלעגט ניט נאָר ניט אָפּשטיין, נאָר איז אָפט, באַזונדערס אין פראַט פון ארגאַנִיזירטקייט, געווען פאָרויס פון דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער-באַוועגונג פון רוסלאַנד. דער „בונד“ האָט זיך געדענקט ניט אנדערש, אַלס א טייל פון יענע רעוואָלוציאָנערע קויכעס פון גאַנץ רוסלאַנד, וועלכע פירן אַ קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם. דאס איז אַלץ אזוי, נאָר אין דערזעלבער צייט האָט דער „בונד“ די גאַנצע צייט עקזיסטירט אלס א באַזונדערע פּאָליטישע פּאַרטיי, וועלכע פאַריניקט די אידישע אַרבעטער, און נאָר די אידישע ארבעטער. אין אָנהויב, אין די יאָרן 1897—1903, איז דאָס נאָר טיילווייז געווען אַ רעזולטאַט פון דער נאַציאָנאַלער נעטיע פון די לידערס און אנפירער פון דער בונדישער באַוועגונג. דאָס איז אין א באַדייטנדיקער מאָס געווען א רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער שוואכקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד, פונם פולשטענדיקן אויספעלן פון אַן אַלגעמיין-רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט. דאָס ארויסטרעטן פון „בונד“ פון די רייען פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אין 1903-טן יאָר טראָגט אַריין אינם דאָזיקן פּראָצעס א נייעם פאַקטאָר. די נאַציאָנאַלע אידעאלאגיע פון דער באַוועגונג ווערט די גרונט-סיבע פונם איינרייס צווישן דעם „בונד“ און דער אַלגעמיין-רוסלענדישער פּאַרטיי. קעדיי צו דערקלערן דער ארבעטער-מאַסע די נויטיקייט פון אָט דער נאַציאָנאַלער אָפּזונדערונג קומט דעם „בונד“, נאַטירלעך, אויס אלץ מער און מער אונטערצושטרייכן די נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן צום שאָדן פון דער סאָציאַליסטישער אידעאלאגיע...

... אויב מע זאָל אוועקשטעלן די פראַגע וועגן דעם סאָציאליסטישן באַוואוסטזיין פון די אידישע ארבעטער-מאַסן,—און נאָר אזוי קאָנען זי שטעלן

קאָמוניסטן—איז דאָ האָט די נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע פון „בונד" און דער פאַקט פון זיין אָרויסטרעטן פון די רייען פון דער ר. ס. ד. א. פּ. געשפּילט א מער נעגאַטיווע ראָלע, פאַרפעסטיקנדיק אין דער אידישער אַרבעטער-מאַסע איר נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט, געבנ-דיק דער זעלביקער נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט א קלוימערשט סאָציאַליסטישן שיין. ארויסטרעטנדיק פון 1903-טן יאָר פון באַשטאַנד פון דער ר. ס. ד. א. פּ., האָט דער „בונד" אין א מעשעך פון 2 יאר דערצויגן דעם גאַנצן שפּיץ פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין ליבהאפט, אין איבערגעגעבנקייט דער אידייע פון א זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע.

די שפּאַלטונג צווישן דעם „בונד" און דער ר. ס. ד. א. פּ. האָט, נאַטירלעך, געמוזט ברענגען צו א גאַנץ באַשטימטן קאַמף. איינרייסנדיק מיטן „בונד", האָט די פּאַרטיי ניט געקאָנט שאָלעם מאַכן מיט זיין עקזיסטענץ און האָט געמוזט אריבערטראָגן דעם קאַמף מיטן „בונד" אין דער ברייטער אַרבע-טער-מאַסע. און אין מאַירעוו-קאַנט קומען טאַקע אויף איינער נאָכן אנדערן קאָמיטעטן פון דער ר. ס. ד. א. פּ., וואָס אַנטוויקלען א רעוואָלוציאָנערע אר-בעט פּאַראַלעל מיט די אָרגאַניזאַציעס פונם „בונד". דאָס אויפקומען פון די-דאָזיקע קאָמיטעטן האָט, נאַטירלעך, ארויסגערופן א גרויסן צאָרן אין „בונד" און האָט געפירט צו א פאַרביטערטן קאַמף צווישן די בונדיסטן און די „איס-קראווצעס", ווי מען האָט דעמאָלט גערופן אי די באָלשעוויקעס, אי די מענ-שעוויקעס. דער „בונד" פלעגט באַשולדיקן די ארגאַניזאַציעס פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אין דעם, אַז זיי ציען אָפּ די קויכעס, וועלכע זיינען אזוי נויטיק צו אַנטוויקלען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין צענט אַל-רוסלאַנד, קעדיי א וואָרף צו טאָן זיי אין די שטעט פון מאַירעוו-קאַנט, וואו דער „בונד" ווערט אַליין, אָן דער הילף פון דער ר. ס. ד. א. פּ., אַזוי „גוט" פאַרטיק מיט דער אויפגאַבע פון ארגאַניזירן די אידישע ארבעטער-מאַסן. נאָר די פּאַרטיי פלעגט אָפּלייקענען, אַז דער „בונד" פירט גוט אויס זיין אויפגאַבע. די פּאַרטיי האָט מיט רעכט באַהויפּטעט, אַז דער „בונד" דערציט די אידישע ארבעטער-מאַסע אינם גייסט פון נאַציאָנאַליזם. די פּאַרטיי האָט געהאַלטן, אַז מע מוז באַ-קעמפן דעמדאָזיקן נאַציאָנאַליזם און שאַפן אַ באָדן פאַר פאַרייניקן די אידי-שע און רוסישע אַרבעטער אין איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציעס אָן א באַזונדע-רער נאַציאָנאַלער פאַנאַנדערגרעניצונג.

מע דאַרף זאָגן, אַז אָפן רוף פון די קאָמיטעטן פון דער ר. ס. ד. א. פּ., וואָס זיינען אויפגעקומען אין מאַירעוו-קאַנט, פלעגן זיך פון די רייען פון דער אידישער אַרבעטער-מאַסע אויסטיילן גרופּעס אידישע ארבעטער. אי אין האָ-מעל, אי אין ווילנע, אי אין מינסק, אי אין באָברויסק, אי אין וויטעבסק, אי אין פּינסק, אי אין מאָלעוו,—אומעטום, וואו עס פלעגן נאָר אויפקומען גרופּעס פון דער ר. ס. ד. א. פּ. פלעגן זיך ציען זיי אַנטקעגן דינע פעדים פון די רייען פון דער אידישער ארבעטער-מאַסע. אויב אין דער פּוילישער ארבע-

טער-באַוועגונג פּלעגן איינצלנע גרופּעס פון אידישע אַרבעטער פון לעכאַטכילע אָן פאַרבינדן זיך מיט יענע קרייזלעך, וועלכע האָבן געפירט די אַרבעט צווישן דעם פוילישן פּראָלעטאַריאַט, איז צווישן דער אידישער אַרבעטער-מאַסע פון מאַירעוו-קאַנט קומט אויף דערדאָזיקער פּראָצעס פון אויסטיילן זיך פון איינצלנע גרופּעס פיל שפּעטער, ערשט נאָך דעם ווי דער „בונד" האָט זיך געשטעלט אַף א באַשטימטן נאַציאָנאַליסטישן וועג, און ווי ער איז ארויסגעטראָטן פון די רייען פון דער ר. ס. ד. א. פּ. מיר כאַזערן איבער, דידאָזיקע גרופּעס פלעגן ציילן אין יעדער שטאָט בלויז הונדערטער, אין דער צייט ווען אַנטקעגן זיי איז געשטאַנען די קאָמפּאַקטע בונדישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע פלעגט פאַרייניקן ארום זיך די גאַנצע מאַסע פון דער אידישער אַרבעטער-באַפעלקערונג. אין קאַמעס זיינען דידאָזיקע גרופּעס געווען אומבאַדייטנדיקע, אָבער אין אייכעס זיינען זיי געשטאַנען העכער. דאָס באַווייזט די פעאיקייט פון דידאָזיקע גרופּעס אַנטקעגנצושטיין דער גאַנצער סטיכיע פון דער בונדישער באַוועגונג, וואָס איז געווען ארום זיי, און דאָס פלעגט זיי, פון זיין זייט, צוגעוואוינען צו באַשטימטער אויסגעהאַלטנקייט, פלעגט פאַרהאַרטעווען און פלעגט זיי. אַלקאָל פּאָנים, דערציען אין אַן אַנטינאַציאָנאַליסטישן גייסט. איצט וועלן מיר אין די רייען פון ר. ק. פּ. געפינען פיל אָנגעזעענע פאַראַנטוואָרטלעכע טוער, וואָס שטאַמען ארויס פון דער אַרבעטער-באַפעלקערונג פונם מאַירעוו-קאַנט. דער גרעסטער טייל פון דידאָזיקע אידישע אַרבעטער-רעוואָלוציאָנערן האָט זיך פאַרבונדן מיט דער ר. ס. ד. א. פּ. נעמלעך אין 1903-טן יאָר, אינם פּעריאָד, ווען דער „בונד" איז ארויס פון די רייען פון ר. ס. ד. א. פּ.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער קאַמף, וועלכן די ר. ס. ד. א. פּ. האָט דערקלערט קעגן דעם „בונד" אין מאַירעוו-קאַנט, פלעגט פירן צו א געוויסער פאַרשוועדונג פון ענערגיע, נאָר פונם שטאַנדפּונקט פון די גרונט-אויפגאַבן האָבן די גרופּעס פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אין מאַירעוו-קאַנט אין זייער קאַמף מיטן „בונד" אויסגעפירט א גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע פון באַפרייען די אידישע אַרבעטער פון אונטער דער ווירקונג פון נאַציאָנאַליסטישע אידייען, וועלכע זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין זייערע רייען אונטערן לאָזונג פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

מע מוז אָבער אָנווייזן נאָך אַף איין עראָבערונג אין דער טעטיקייט פון די גרופּעס און קאָמיטעטן פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אין מאַירעוו-קאַנט, דאָס איז די אַרבעט פון דידאָזיקע קאָמיטעטן און גרופּעס צווישן דער ניט-אידישער אַרבעטער-באַפעלקערונג. עס איז לאַכלוטן ניט ריכטיק צו מאָלן דידאָזיקע קאָמיטעטן בלויז אַלס אָרגאַנען צו קעמפן קעגן דעם „בונד". דעם גרעסטן טייל פון זייער ענערגיע פלעגן די קאָמיטעטן אָפּגעבן אַף פאַרבינדן זיך מיט דער רוסישער אַרבעטער-מאַסע פון יעדער שטאָט. סײַ אין מינסק, סײַ אין האָמעל, סײַ אין וויטעבסק, סײַ אין ווילנע,—אומעטום האָט די אויסבילדונג פון דידאָזיקע קאָמיטעטן פון ר. ס. ד. א. פּ. געפירט צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג צווישן די ניט-אידישע אַרבעטער פונם קאַנט.

דאָס, וואָס דער „בינד״ האָט געוואָלט אויפטאָן, וואָס קעדיי אויפצוטאָן פלעגט ער פון צייט צו צייט אונטערנעמען איינצלנע פּרואוון, דאָס וואָס אים פלעגט זיך וואו ניט וואו איינגעבן אין א שוואכער מאָס, און נעמלעך—די אויפגאַבע צו פאַרבינדן די אידישע ארבעטער־באַוועגונג מיט דער רוסישער, שטיצן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס צווישן דער ניט-אידישער ארבעטער־מאַסע, — אָט די אויפגאַבע, וואָס איז ניט אויסגעפירט געווארן דורכן „בונד״ אין א באַדייטנ־דיקער מאָס, צוליב דעם, וואָס ער איז צופיל געווען פאַרטאָן אין זיין נאַציאָ־נאַלער סטיכיע, אָט די אויפגאַבע איז אין א באַדייטנדיק גרעסערער מאָס אויסגעפירט געוואָרן דורך די אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס פון דער ר. ס. ד. א. פּ...

...קריטישע יאָרן פאר דער רוסלענדישער סאציאל-דעמאָקראטיע און פאר דער גאַנצער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־באוועגונג זיינען געווען די יאָרן 1899—1902. אין מעשעך פון די דריי יאר האט זיך אין דער אינטערנאַציא־נאלער ארבעטער־באוועגונג אויסגעפאָרמירט דער רעוויזיאָניסטיש-פּשאָרע־מאַכערישער לאגער, פון איין זייט, און דער באָלשעוויסטישער, פון דער אנדער זייט. קעגן בערנשטיינען [12] האט געפירט א קאַמף ניט איין לאגער, נאָר צוויי, וואָס יעדער פון זיי האט געהאט זיין לידער: איינער — קאַאוטסקי [13], דער צווייטער — ראָזאַ לוקסעמבורג [14]. דידאָזיקע צוויי לאגערס זיינען א געוויסן פּעריאָד געגאנגען צוזאַמען קעגן, ווי זיי האָט זיך געדוכט, געמיינזאַמען סוינע, נאָר באַ זיי איז שוין געווען א טיפער פאנאנדערגיין זיך אין דער פראגע וועגן מאסן-אַקציעס און פארלאמענטאריזם. די קאָנטורן פון דידאָזיקע צוויי לאַגערס זיינען ניט שטענדיק געווען קלאָר און באַשטימט, נאר מע קען זיי ארויסגעפינען באם אויפמערקזאַמען שטודירן די ליטעראַרישע קוועלן פון יע־נער צייט. פאר דער רוסלענדישער ארבעטער-באוועגונג זיינען דידאָזיקע יאָרן געווען יאָרן, ווען דער רוסלענדישער ארבעטער־קלאס האָט געשאַפן זיין פּאָ־ליטישע פארטיי, און געשאַפן האָט ער זי אין מאמענט פון א שארפן איבער־ברוך אין דער עקאנאמישער אנטוויקלונג פון דער גאנצער וועלט און אין העסקעם מיטן שאַרפן איבערברוך אין דער גאנצער אינטערנאציאנאלער אר־בעטער-באוועגונג.

דער פּעריאָד פון אָרגאנישער אנטוויקלונג ווערט פאַרביטן מיט א פּעריאָד פון „שטורם און דראַנג״. דער אימפעריאליזם ווערט אלץ א מער באַשטימענ־דער פאקטאָר פון דער גאַנצער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק פון די אייראפּעאישע בורזשואזע רעגירונגען. דער צוזאַמענשטויס פון די אימפּע־ריאליסטישע קויכעס אף דער אינטערנאציאָנאלער אַרענע ווערט אלץ אָפטער און שאַרפער. די צווייטע העלפט פון די 90־קער יאָרן איז פול מיט באוואָפנטע צוזאמענשטויסן צווישן די מלוכעס. די שטאַנדהאפטיקייט פון די קאפּיטאליס־טישע פאַרהעלטענישן ווערט פאַרשוואונדן, עלעמענטן פון רעוואָלוציאנערער אירונג, עלעמענטן פון אומשטאנדהאפטיקייט רוקן זיך אלץ מער און מער ארויס פאָרויס. דאס איז דער מאָמענט, ווען עס ווערט אלץ באַשטימטער די הער־שאַפט פון אימפעריאליסטישע אידייען. דער רעוויזיאָניזם אין דער אינטער־נאציאנאלער ארבעטער-באוועגונג מאַכט זיין ערשטן פּרואוו אוועקצושטעלן די

ארבעטער-באַוועגונג אױף דינסט פונם פּאַטערלענדישן אימפּעריאַליזם, פאַרבייטנ-דיק די אידייע פון קלאַסנקאַמף און רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש מיט דער אידייע פון צופּאַסן זיך און אויסנוצן די לעגאַלע מעגלעכקייטן פון דער בורזשואַזער „דעמאָקראַטיע". אפן אנטקעגנדיקן פלאַנג פונם 2-טן אינטערנאַ-ציאָנאַל פאָרמירט זיך אַלץ מער אויס, אלס א קעגנזאַץ צו דער הערשאַפט פונם אימפּעריאַליזם, די אידייע פון אומיטלבאַרן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר דער מאַכט פונם פּראָלעטאַריאַט, די אידייע פון דער דיקטאַטור פונם פּראָ-לעטאַריאַט.

אויב אין די פּאַריקע 20 יאָר איז דער ארבעטער-קלאַס דערצויגן געוואָרן אין דער אידעאָלאָגיע פון א קאַמף פאַר דער פּראָגראַם-מינימום, אויב עדואַרד בערנשטיין האָט געמלעך אָט די אידעאָלאָגיע געוואָלט מאַכן פאַר אן אויס-שליסלעכע פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וואַקסט אָן, אלס קעגנגעוויכט קעגן אים, אפן לינקן פלאַנג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, א מאַקסימאַליסטישע גייסט-שטימונג, וועלכע וויל טייקעף ליקווידירן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, די פּראָגראַם-מאַקסי-מום פאַרוואַנדלען אין א פּראָגראַם-מינימום. און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אז אויב מע זאָל מאַכן די אויפגאַבע פון אראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַל פאַר אן אַק-טועלער אויפגאַבע, איז די פראַגע וועגן שאַפן יענע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע דאַרף דורכמאַכן דידאָזיקע איבערקערעניש, דאַרף דידאָזיקע אויפגאַבע ווערן די אַקטועלע, זי דאַרף דאָמינירן איבער אַלע אי-בעריקע אויפגאַבן.

פון דעם שטאַנדפּונקט קען היסטאָריש ניט גערעכנט ווערן פאַר א צופע-ליקייט, וואס די שפּאַלטונג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז פאָרגעקומען אין 1903-טן יאָר ארום דער אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגע, ארום דער אָדער יענער פאָרמולירונג פונם 1-טן פּאַראַגראַף פונם סטאַטוט וועגן פּאַרטיי-מיטגלידערשאַפט און ארום דער פראַגע וועגן פעדעראַציע. ס'איז ניט קיין צו-פעליקייט, וואס ווייטער ווערט דאָסדאָזיקע פאַנאַנדערגיין זיך פאַרטיפט ארום דער פראַגע וועגן דער באַציאונג צו דער בורזשואַזיע. דידאָזיקעביידע מאָ-מענטן זיינען שפּעטער געוואָרן נאָך טיפער אין דער פאָרם פון אנטקעגנשטעלן די „דעמאָקראַטיע" אנטקעגן דער „דיקטאַטור". זיי וועלן אוועקשטעלן די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס פון ביידע זייטן פון דער באַריקאַדע.

ווען מיר גייען איצט צו צו דער כאַראַקטעריסטיק פון יענעם קריזיס, וועלכן דער „בונד" האָט איבערגעלעבט אין די יאָרן 1901—1903, פון יענעם ערשטן קריזיס פון „בונד", האָבן מיר פאַר זיך א בילד פון דער צוקונפטיקער אנטוויקלונג פונם „בונד" אין משך פון די ווייטערדיקע 20 יאָר. מיר האָבן דעם פאַקט פון פּאָליטישער איינהייט — מיינונגספאַרשיידנהייט בלויז אין 1905-טן יאָר — צווישן דעם „בונד" און די מענשעוויקעס, און שפּעטער, אינם פּעריאָד פון דער רוסישער רעוואָלוציע, דעם פאַקט פון א נעגאַטיווער באַציאונג פונם „בונד" אינגאַנצן גענומען צו דער גאַנצער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. מיר קענען איצט ריכטיק אָפּשאַצן דעמדאָזיקן ערשטן קריזיס פונם „בונד" און זיינע

רעזולטאטן נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן אוועקשטעלן דידאָזיקע אָפּשאצונג אין א צוזאַמענהאנג מיט דער פּערספּעקטיוו פון דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פונם „בונד".

דער גאנצער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז באשטאנען פון נאציאָנאַלע פּאַרטייען. יעדע נאציאנאלע פּארטיי, זאָל עס זיין די פראַנצויזישע, ענגלישע, דייטשישע, האָט אפן ערשטן פּלאַץ געשטעלט די אינטערעסן פון איר פּארטיי. נאציאָנאלע באגרעניצטקייט, נאציאָנאלע אידעאָלאָגיע איז געווען טיפּיש פאַרן גאנצן אָרגאנישן פּעריאָד פון דער אנטוויקלונג פון דער סאָציאל-דעמאָקראטיע. געמלעך אָט די נאַציאָנאלע באגרעניצטקייט צוזאַמען מיט דער רעוויזיאָניסטישער אידעאָלאָגיע האבן געבראכט צו א קריזיס אין 1919-טן יאָר.

...אין דער רוסישער ארבעטער-באוועגונג, וועלכע הויבט אָן אין אָט די יאָרן ארויסצורוקן זיך אינם אוואנגארד פון דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער-באוועגונג, בילדעט זיך אויס אן עמעסע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, עס פאָרמירן זיך שוין אויס צוויי לאַגערס: דער באָלשעוויסטישער און דער מענשעוויסטישער. ...דער „בונד" איז געשטאנען אף דערזועלבער מאַדרייגע, אף וועלכער ס'איז געשטאנען די גאַנצע איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאל-דעמאקראטיע, און צום פּעריאָד, ווען ס'האָט זיך פארענדיקט זיין ערשטער קריזיס, איז ער געווען אין דעמזעלבן לאַגער, וועלכער האט באנקראָטירט צום מאָמענט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די וועלט-מילכאָמע. דער „בונד" האט זיך ניט ארויסגעוויזן פאר פעאיק צו גיין אינאיינעם מיט יענער מינדערהייט פון דער אלוועלטלעכער סאָציאל-דעמאָקראטיע, און אין דער ערשטער ריי—מיט די באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען אין 15 יאָר ארום געווען דער איינציקער רעוואָלוציאָנערער פליגל פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג.

6. די רוסלענדער סאָצ. דעמ. ארבעטער-פּארטיי אין צאָפן-מאַירעוודיקן קאַנט.

(מעלדונג וועגן דער בילדונג פונם צאָפן-מאַירעוודיקן קאָמיטעט פון דער ר. ס. ד. א. פּ.)

די צאָפן-מאירעוודיקע געגנט, דער טעטיקייטס-ראַיאָן פונם צאָפן-מאַירעוודיקן קאָמיטעט, כאַראַקטעריזירט זיך מיט אייגנאַרטיקע שאַרף-ספּעציפישע באַזונדערקייטן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן צום לעבן אונזער אָרגאַניזאַציע. אַף אַ פאַרהעלטניסמעסיק קליינער טעריטאָריע האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן עטלעכע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זייער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער ווירקונג פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעך-פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן.

דאָס אונטעריאָכטע, געדריקטע פּוילן, וואָס ווערט דערשטיקט אונטערן רוסישן זעלבסטהערשנדיקן רעזשים, וועלכער עס דריקט די קלענסטע אַרויסשיינונג פון איר נאַציאָנאַלער קולטור, פון איר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, גיט אַ רייכן באָדן פאַר נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען. דידאָזיקע שטרעמונגען

האָבן שוין געהאַט זייער פאַרגאַנגענהייט, אירע טרעגער — די שליאַכטע און די קליינע פוילישע בורזשואַזיע האָבן שוין אָנגעהויבן צעפאַלן ווערן און, אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע קראַפט, פאַרלירן זייער באַדייטונג, ווען אַף דער היסטאָרישער סצענע זיינען צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן די יונגע שפּראָ-צונגען פון דעם פוילישן און ליטווישן פּראָלעטאַריאַט. דער אויפגעקומענער קלאַס האָט ניט געהאַט קיין אייגענע טעאָריע, קיין אייגענע אידעאָלאָגיע, ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן די פאַרטיקע נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישע לערעס פון דעם אָפּשטאַרבנדיקן קלאַס. דער לעצטער איז נאָך געווען אַף אַזוי פיל שטאַרק, אַז ער האָט געקענט דורך זיין אינטעליגענץ ווירקן אַף די געזעל-שאַפטלעכע שטרעמונגען. די רעוואָלוציאָנערע פוילישע אינטעליגענץ האָט, נאַטירלעך, געשטרעבט צו געפינען אַ שטיצע פאַר אירע אידעאַלן אין דער-דאָזיקער נייער פילפאַרשפּרעכנדיקער געזעלשאַפטלעכער סוויווע, וואָס איז פול מיט קראַפט און מונטערקייט. זי האָט צו איר צוגעפּאַסט איר לערע, אַסי-מילירט זיך מיט איר און אין דערזעלביקער צייט האָט זי אַף איר אַרויפגע-לייגט איר שטעמפּל, באַפאַרבט זי מיט איר קאָליר.

ניט די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט אַלס אַזעלכן זיינען אַוועקגעלייגט געוואָרן אַלס אַ יעסאָד, זיינען געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער טעטיקייט פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי [15], נאָר דער יערושע-אידעאַל פון דער אָפּשטאַרבנדיקער שליאַכטע, וואָס אירע בליקן זיינען געווענדעט אין דער פאַרגאַנגענהייט.

דער פוילישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי [16] האָט זיך נאָך ביז היינ-טיקן טאָג ניט איינגעגעבן צו באַשאַפן אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל קענעןביישטיין קעגן די אָנפאַלן פון דער רוסישער זשאַנדאַרמעריע, און אין אַלגעמיין געפינט זיך נאָך דער פוילישער פּראָלעטאַריאַט אונטער דער האַש-פאָע פון נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישע טענדענצן.

אנדערש האָט זיך אַנטוויקלט די אידישע אַרבעטער-באַוועגונג.

די פּאָליטיש נאַאיווע אידישע בורזשואַזיע, וועלכע איז נידערשלאָגן און דורכגעדרונגען מיט דער געטאָ-פּסיכאָלאָגיע, האָט ניט געקענט אַרויסשטעלן קיין געזונטן פּאָליטישן לאָזונג. די מיטעלע און קליין-בורזשואַזיע, וועלכע איז איינגעפּרעסט אינם אידישן „טכום" און ווערט רואינירט דורך דער קאָנקורענץ פונם גרויס-קאַפּיטאַל, האָט פאַר זיך ניט געזעען קיין שום רעטונג, און אין פאַרצווייפלונג האָט זי זיך אָנגעכאַפּט פאַרן ציאָניזם.

ניט אַרויסדרינגנדיק פון די רעאַלע קלאַסן-אינטערעסן, איז דער ציאָניזם ניט פעאיק צו געבן אַן ענטפער אַף די ברענענדיקע פראַגן און פאָדערונגען פונם לעבן. אַ פּראָדוקט פון פאַרצווייפלונג, א רעשט פון דער אַלטער פאַר-גאַנגענהייט — פאַרשטעלט ער די ווירקלעכע נויטיקע אינטערעסן, פאַראַליזירט ער דעם קאַמף...

דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז אַויפגעקומען אין די טיפענישן פון דער אידישער געזעלשאַפט און וועלכער ווערט געשטויסן דורך דער לאָגיק פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג אַפן וועג פונם אומיטלבאַרן עקאָנאָמישן און

פּאָליטישן קאַמף, האָט ניט באַקומען, ווי דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט, קיין שום פּאָליטישע ירושע. די אידישע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דעם מאַרקסיזם, האָט באַגעגנט אינם פּראָלעטאַריאַט אַן אומגעוואוינלעך דאַנקבאַרן און רייכן באָדן פאַר די סאָציאַליסטישע אידייען, און דער אידישער ארבעטער-קלאַס האָט אָנגעהויבן זיין קאַמף אונטער דער פאָן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

דער אַלגעמיינער וואוקס פון דער אָפּאָזיציאָנעלער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד נאָך די פינסטערע אַכציקסטע יאָרן[17] האָט אָפּגעשוואַכט דעם געפיל פון פאַרצווייפלונג און רעטונגסלאָזיקייט און אריינגעטראָגן אַ שטראַל פון האָפענונג אין די מוחות פון דער אידישער בורזשואַזיע. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז ארויסגעטראָטן אַלס אַ רעאַלע פּאָליטישע קראַפט, האָט פון זיין זייט אויפגעטרייסלט די גאַנצע אידישע געזעלשאַפט און האָט געגעבן זיין בורזשואַזיע די ערשטע לערע פון געזונטער פּאָליטיק.

דער ציאָניזם, וואָס איז דערפירט געוואָרן ביז זיין לאָגישן סאָף — ביז אוואַנטיוריזם, האָט אַדאַנק דער קריטיק באַם ליכט פונם ווּיסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם אָנגעהויבן ביסלעכווייז צעפאַלן ווערן. די רעוואָלוציאָניזירטע מאַסע פון דער אידישער אינטעליגענץ און האַלב-אינטעליגענץ האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין די רייען פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, און די דאָזיקע עלעמענטן האָבן געדראָט צו דערשטיקן אין זייערע „פאָלקסליבנדיקע” אָפּענע אָרעמס די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע באַוועגונג פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

פאַר די פּאָליטישע פירער פונם „בונד” איז אַנטשטאַנען אַ קאָמפּליצירטע און שווערע אויפגאַבע, וועלכע זיי האָבן ניט בייגעקומען. דער פּראַקטיציזם פון די בונדיסטן האָט מיט זיי געטריבן בייזע קאַטאָוועס. אין זיין שטרעבונג איינצוזויגן אין זיין אָרגאַניזאַציע אַלע אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן פונם אידנטום, קעמפנדיק מיט די ציאָניסטישע און נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן, האָט דער „בונד” אָנגעהויבן דורכגעדרונגען צו ווערן מיט זייער גייסט און שטימונג, און טריט בא טריט האָט ער גענומען פאַרטעמפּן די שאַרפקייט פון זיינע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און פאַרשמעלערן די ברייטקייט פון די טעאָרעטישע גרונד-לאַגן פונם מאַרקסיזם. די נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישע עלעמענטן האָבן זיך ווי אַ ברייטער שטראָם געגומען אריינגיסן אין דער סוויווע פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג, צוגעגעבן איר זייער כאַראַקטער, באַפאַרבט זי מיט זייער פאַרב. אין די טעאָרעטישע באַגרינדונגען און באַווייזן פון די פירער פונם „בונד”, אין זייער פאַרטיידיקונג פון די נאַציאָנאַלע און פעדעראַטיווע שטרעבונגען האָבן זיך צונויפגעמישט די נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישע און סאָציאַל-דעמאָקראַטישע לאָגיק; זייער רעכטע האַנט ווייס ניט, וואָס עס טוט די לינקע, זייער בכוירע, די ריינקייט פון זייערע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, האָבן זיי פאַרקויפט פאַר אַ טאָפּ לינזן.

ארויסטרעטנדיק אַלס קאָמיטעט פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פאַרטיי, אנערקענען מיר די גאַנצע שווערקייט און קאָמפּלי-

צירטקייט פון אונזער אויפגאַבע. דעם פּראָלעטאַריאַט פון די נאַציאָנאַליטעט וואָס וואוינען דאָ, קומט אויס צו קעמפן אין אַן אַטמאָספער, וואָס איז אָנגע-זעטיקט מיטן נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישן דאַמף. זי רינגלט אים ארום מיט איר שטרעמונג, גיסט אריין אין זיינע רייען אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן, לייגט אַף אים ארויף איר שטעמפּל פון אנטאגאניזם, פירט דורך צווישן די פּראָלעטאַ-ריער פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס קעמפן קעגן איין אַלגעמיינעם פּאָליטישן רעזשים, אַ שפּאַלטונג.

די ארויסטרעטונג פונם „בונד" פון דער פּאַרטיי איז ניט געווען קיין צו-פעליקע; זי איז געווען צוגעגרייט דורך דער גאַנצער פּאַריקער אנטוויקלונג. די רעשטן פון די עקאָנאָמיסטישע טענדענצן 18) און די שפּראָצונגען פון די נאַ-ציאָנאַליסטישע שטרעמונגען, וואָס האָבן אריינגעדרונגען אין די לעצטע יאָרן אין „בונד", צוזאַמען מיט דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן פּאַטריאָטיזם זיינען געווען די סיבּעס פון דעמדאָזיקן טרויעריקן פאַקט.

די פּאַרטיי, וועלכע האָט נאָך ניט באוויזן צו דער צייט פון 2-טן צוזאַ-מענפאָר צו איבערצייגן מיט איר קריטיק די בונדיסטן, אַז זיי זאָלן זיך אָפּ-זאָגן פון זייערע ניט-סאָציאַל-דעמאָקראַטישע טענדענצן, איז אויך ניט געווען אים-שטאַנד אַפן צוזאַמענפאָר גופא אָפּצוהאלטן דעם „בונד" פון דעם פאטאלן טריט, מיט וועלכן ער האָט צעריסן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג צווישן דעם רוסישן און אידישן פּראָלעטאַריאַט. דער צוזאַמענפאָר, נאָכדעם ווי ער האָט באהאנדלט און אָנגענומען (צוזאַמען מיט די דעלעגאַטן פון „בונד") די פּאַרטייאישע פּראָ-גראַם, האָט געמוזט אַוועקשטעלן אַפן ערשטן פּלאַן, צוטרעטנדיק צו דער אָר-גאַניזאַציאָנעלער פראַגע, די פראַגע וועגן דער באַציאונג פונם „בונד" צו דער פּאַרטיי. האָבנדיק פאַר זיך דעם פּראָיעקט פון א פעדעראַטיווער פּאַרטיי, וועלכן עס האָט אויסגעאַרבעט דער פינפטער צוזאַמענפאָר פונם „בונד" *), האָט דער פּאַרטייאישער צוזאַמענפאָר דען געקאָנט דערלאָזן, ניט גייענדיק קעגן דער פּרימיטיווער לאָגיק, אַז אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַשטימט אַווטאָנאָם אירע אינערלעכע אנגעלעגנהייטן, זאָל אין דערזעלבער צייט האָבן א ווירקנדיקע שטים באַם באהאנדלען די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון אנדערע אָרגאַניזאַ-ציעס פון דער פּאַרטיי, אין וועלכער זי וויל אריינטרעטן אלס אַ פעדעראטי-ווער טייל?

די אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז — פאַר-שאַרפן און פאַרטיפן די קלאַסן-ווידערשפּרוכן פון דער איצטיקער געזעלשאַפט, קעמפן קעגן אַלץ, וואָס פאַרטונקלט דעם קלאַסן-באוואוסטזיין פונם פּראָלעטאַ-ריאַט, וואָס טראָגט א פרעמדע פאַר אים אידעאָלאָגיע. אונזער אויפגאַבע איז אויפצודעקן פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס וואוינט דאָ, דורך דער סאָציאַל-דע-מאָקראַטישער קריטיק, די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן, וואָס זיינען אים פרעמד. און דורך דעם אָפּרייניקן די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע פון די זייטיקע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך צו איר צוגעקלעפּט, אונטערשטרייכנדיק און אָנווייזנדיק אַף דער נויטיקייט פון אן ענגסטער פאַרייניקונג אין און איין איינציקער פּאָלי-

*) זע אויבן ז.ז. 33 און 34.

טישער פראָלעטאַרישער פּאַרטיי. נאָר אַזאַ פּאַרטיי קען געבן די העכסטע פאָרם פון אַנטוויקלונג פונם קלאַסן=באַוואוסטזיין.

די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע ווייס נאָר איין פאָרם פון קאַמף — דעם קלאַסן-קאַמף. בלויז ער באַשטימט די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט אַלס גאַנצן, און אין זיין אַנטוויקלונג טראָגט ער די עמאַנסיפּאַציע, פירט צו דער פאַרניכטונג פונם נאַציאָנאַלן דרוק אין אַלע זיינע דערשיינונגען, צו דער פאַרטיידיקונג פון דער קולטור, צום פּראָגרעס.

אין אַ אינטערעסאַנטן היסטאָרישן מאָמענט טרעט אַרויס אונזער קאָמיטעט. די אַוואַנטיוריסטישע פּאָליטיק פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג האָט זי געבראַכט קעגן איר ווילן צו אַ געפערלעכן קאַרטן=זאַץ, און זי איז שוין גרייט אַנידערצופאַלן אונטער דער שווערקייט פון איר אייגענעם פאַרברעך. עס איז שוין נאָענט די שאָ, ווען איר וועט אויסקומען צו באַצאָלן פאַר אַלע אירע כאַטאָאים.

נאָר דורך פאַרייניקטע אַנשטרענגונגען קען דער פּראָלעטאַריאַט באַקומען דעם מאַקסימום פון דעם, וואָס אים קען געבן די קומענדיקע רעוואָלוציע, און מיר רופן די באַוואוסטזיניקע סאָציאַל=דעמאָקראַטישע עלעמענטן שטעלן זיך אין פעסט געשלאָסענע רייען אונטער דער פאָן פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער=פּאַרטיי.

יוני, 1904

דער צאָפן=מאַירעווודיקער קאָמיטעט פון דער ר. ס. ד. א. פּ.

7. דער בונד און די נאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען.

(מ. ראַפעס: „עטיודן צו דער געשיכטע פון בונד". זייטן 143—146)

...דער בונד, ניט אַרויסרוקנדיק אָף דאָסניי די אַלגעמיינע פראַגע וועגן ווידעראויפשטעלן אַן איינהייטלעכע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, ווייל פאַרלויפיק האָט נאָך דערפון קיין שום גוטס ניט געקענט אַרויסקומען, האָט צוזאַמענגעקליבן, אויסער די רייען פון דער ר. ס. ד. א. פּ., אַלע סאָציאַל=דעמאָקראַטישע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צו אים, לויט זייער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּאָזיציע, און האָט אָף אַזאַ אויפן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר זיין קומענדיקן ניצאָכן אָף דעם סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. דאָס זיינען געווען די נאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געאַרבעט איבערהויפּט אינם ראַיאָן פון „בונד"; די פאַרבינדונג מיט זיי איז אַגעוו געווען נויטיק אויך פאַר דער בונדישער באַוועגונג גופא.

די ערשטע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אין יענער צייט נעענטער, איידער די איבעריקע, געשטאַנען צום „בונד", איז געווען די לעטישע סאָציאַל-דעמאָקראַ=

טיע[19]). אין 1903 יאָר האָט זי זיך אַף איר ערשטן צוזאַמענפאָר אָרגאַניזירט אַלס „די לעטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע ארבעטער-פּארטיי" און ארויסגע-שטעלט אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע דריי גרונדלאַגן: 1. אַן איינהייט-לעכע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, 2. נאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען ניט באַגרעניצט מיט קיינע ראַיאָנען-ראַמען, 3. פעדעראַטיווע קאָמיטעטן אַף די ערטער. דאָ איז ניט געווען קיין דירעקטע פאָ-דערונג צו באַשאַפן א פעדעראַטיווע ר. ס. ד. א. פּ., נאָר דעם פּרינציפּ פון פעדעראַציע האָט מען אַנערקענט. די ענלעכקייט און קרוווּעשאַפט מיט דעם „בונד" אין יענעם מאָמענט איז געווען אונטערגעשטריכן דורך דעם, וואָס דערדאָזיקער ערשטער צוזאַמענפאָר האָט אין זיין אָפיציעלער באגריסונג דעם „בונד" געמעלדעט, אז ער „רעכנט דעם „בונד" פאר דעם איינציקן פאָר-שטייער פונם אידישן פּראָלעטאריאַט". דאָס האָט געהייסן, אז די לעטישע באוויירים וועלן ניט פירן קיין שום אַרבעט צווישן די אידישע ארבעטער אומיטלבאַר, פארטרויענדיק דאָס אינגאַנצן דעם „בונד", און וועלן זיך פאר-בינדן מיט די אידישע ארבעטער-מאַסן נאָר דורכן „בונד".

אין דעמזעלביקן 1903-טן יאָר אָרגאַניזירט זיך אין ריגע א שטענדיקער „פאריייניקטער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער קאָמיטעט" פון די פאָרשטייער פון די לעטן און „בונד", צו וועלכן ס'איז, פאַרשטייט זיך, צוגעשטאַנען אויך די אָר-טיקע גרופּע פון ר. ס. ד. א. פּ. שפּעטער ווערט דער נאָמען פון דעם „קאָ-מיטעט" אומגעביטן אף „פעדעראַטיווער", און אלס אזעלכער שפּילט ער אַן אומגעהויערע ראָלע אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון לעטישער געגנט. צווישן „בונד" און דער לעטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע הערשט א פולשטענ-דיקע סאָלידאַריטעט, זיי טרעטן ארויס אייניק לויט דער געמיינזאַמער איניצי-אַטיוו, ביז וואַנען די פּאָליטישע כלוקע-דייעס צעטיילן ניט דיביידע אָרגאַ-ניזאַציעס.

די באַציאונגען מיט דער „סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע (פּ. ס. ד.)" זיינען פון אָנפאנג אָן צווייערליי. די איינפלוסרייכסטע צווישן די פוילישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס אין פוילן איז געווען פּ. פּ. ס., מיט איר טרעפט זיך צוזאַמען דער „בונד" אָפטער, איידער מיט די איבעריקע. בא רע-וואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען קען דידאָזיקע פאַרטיי שוין אין 1903—1904 ארויסרופן גרויסע מאַסן פוילישע ארבעטער, און דערפאַר סטארעט זיך דער „בונד" צו זיין מיט איר אין א שטענדיקן קאָנטאַקט, און האַלט פאר נויטיק צו אָרגאַניזירן מיט איר געמיינזאַמע רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען. דער „בונד" איז ניט איינשטימיק מיט דעם לאָזונג פון דער אומאָפּהענגיקייט פון פוילן", וואָס ס'איז דער גרונט-לאָזונג פון פּ. פּ. ס., נאָר ער איז ניט גענויגט צו פאַרשארפן איבער דערדאָזיקער פראגע זיינע כלוקע-דייעס מיט דער פּ. פּ. ס. דאָ פירט דער „בונד" אַ לאַנגע צייט אַן אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק, ניט געבנ-דיק קיין ענטפער אף דערדאָזיקער פראגע. אזוי, לעמאָשל, לייענען מיר אינם „ארבעטער שטימע" (אָקטיאַבר 1902) אינם ארטיקל „פּ. פּ. ס. וועגן דער אידישער ארבעטער-באַוועגונג" פאָלגנדיקע ווערטער:

„נאָר אפילע אין פוילן און ליטע איז די פּ. פּ. ס. ניט די איינציקע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאציע. ס'עקזיסטירן דאָ אויך אנדערע פּאַרטייען, וועלכע רוקן ניט ארויס די אומאָפּהענגיקייט פון פוילן און ליטע, אלס די נאָענטסטע אויפגאַבע, אָדער וועלכע עס שליסן אויס אינגאנצן דידאָזיקע פּאָדערונג פון זייער פּראָגראַם. עס עקזיסטירט די „סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע", וועלכע רוקט ארויס אין איר פּאָליטישער פּראָגראַם, אַלס די נאָענטסטע פּאָדערונג, ניט דאס אָפּטיילן פוילן פון רוסלאנד, נאָר די פּאָדערונג פון אַ קאָנסטיטוציע, וועלכע זאָל זיכערן פאר ביידע לענדער אַוטאָנאָמיע, ד. ה. פולשטענדיקע זעלבסטפארוואלטונג. עס עקזיסטירט נאָך די פוילישע כאָציאליסטישע פּארטיי „פּראָלעטאַריאַט" [20], וועלכע רעכנט די אָפּטיילונג פון פוילן פאר א שפּעטערדיקער אויפגאַבע און וועלכע רוקט ארויס אַלס די נאָענטסטע אויפגאבע דעם קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג, עס עקזיסטירט די „ליטווישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע" [21] וועלכע שטעלט ארויס פאר ליטע די פּאָדערונג פון אַ פעדעראַטיוון בונד מיט פוילן און רוסלאנד. אָט די אלע פּארטייען פירן אַ שטרייט צווישן זיך (!!). יעדערע פון זיי פאַרזיכערט, אַז נאָר זי דריקט אויס ריכטיק די באַדערפעגישן און שטרעבונגען פון דעם ליטווישן און פוילישן פּראָלעטאַריאַט, אַז נאָר איר פּאָן איז די אַלגעמיינע פּאָן פאר דעם פּראָלעטאַריאַט. פרעגן מיר דערפאַר די פּ.פּ.ס.: אויב מיר האָבן ניט קיין רעכט ארויסצושטעלן אונזערע אייגענע פּאָדערונגען, אויב מיר האָבן ניט קיין רעכט צו קעמפן אונטער דער אייגענער פּאָן, אויב מיר זיינען נאָר מעכויעוו צו נעמען אַן אַנטייל אין דעם אלגעמיינעם קאַמף אונטער דער אלגעמיינער פּאָן, — איז מיט וועלכער פון די פוילישע און ליטווישע פּארטייען דארפן מיר זיך פּאַרייניקן? אונטער וועלכער „אלגעמיינער" פּאָן דארפן מיר קעמפן?

מיר מיינען דאָ גאָר ניט (!!) צו געבן אַן אויספירלעכע קריטיק פון דער פּראָגראַם — ניט אין דעם איז דאָ אונזער אויפגאבע, נאָר ווי מיר זאָלן זיך ניט באַציען צו דעמדאָזיקן שטרייט, וועלכער פירט זיך שוין לאַנגע יאָרן צווישן די פוילישע פּארטייען,—אלס פּאַרטיי פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט קענען מיר זיך ניט צונויפגיסן מיט קיין איינע פון זיי"...

און ווייטער גייט די געוואוינלעכע בונדישע טעאָריע, לויט וועלכער „דער אידישער פּראָלעטאריאַט איז ניט בלויז אַ טייל פון דעם פויליש-ליטווישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך אַ טייל פון דעם אינטערנאציאָנאלן פּראָלעטאריאַט" מיט באַזונדערע אויפגאבן, פּאָדערונגען א. א. וו.

אָט דעם לעצטן פּרינציפּ האָבן ניט אַנערקענט ניט די פּ.פּ.ס. און ניט די פּ.ס.ד. נאָר די פוילישע סאָציאַל-דעמאָקראטן זיינען צו יענער צייט געווען נאָך א וויייניק איינפלוסרייכע אָרגאניזאציע. דער ארבעט צווישן די אידישע ארבעטער האָבן זיי ביכלאל קיין באדייטונג ניט צוגעגעבן. און דערפאר אליין האָבן זיי ניט געהאט אין זינען צו באשעפטיקן זיך מיט איר. די בונדישע נאַציאָנאלע פּאָזיציע איז געווען פרעמד פאר דער פּ.ס.ד. מער, איידער פאר וועלכער ניט איז פון די אנדערע סאָציאל-דעמאָקראטישע גרופּעס און אָרגאַניזאציעס, נאָר אָט די אלע פראגן זיינען דעמאָלט געווען פאר דער פּ.ס.ד.

ניט קיין אַקטועלע. דער „בונד" האָט זיך אָפיציעל ניט אַרויסגעזאָגט וועגן
דער אומאָפּהענגיקייט פון פוילן, נאָר ס'איז געווען קלאָר, אַז דעמדאָזיקן לאָ-
זונג נעמט ער ניט אָן. דער „בונד" איז געווען אַן איינפלוסרייכע אָרגאַניזאַ-
ציע אין דער געגנט און האָט גערן געשטיצט די גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס
פון דער פּ.ס.ד., איבערגעבנדיק זיי זיינע פאַרבינדונגען מיט די פּוילישע אַר-
בעטער, ווארום אין דער פּרינציפּיעלער הינזיכט איז די פּ.ס.ד. געווען פאָרט
נעענטער צום בונד, אַדאַנק דיזעלביקע מאַרקסיסטישע אַנשויאונגען.

די פּ.ס.ד. איז געווען שאַרף קעגן וועלכע ניט איז אָפּמאַכונגען מיט דער
נאַציאָנאַליסטישער פּ.פּ.ס. די לעצטע פון איר זייט האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט
צו גיין מיט דער פּ.ס.ד. ווי שטענדיק, איז דער „בונד" דאָ אויך געווען גע-
צוואונגען אויסצוקלייבן צווישן צוויי פּאַרטייען, און דאָס פלעגט ער אין אַזעל-
כע פאַלן אַלעמאָל שטרעבן אויסצומיידן. אַרויסטרעטן זאַלבעדריט פלעגט זיין
אומעגלעך, דערפאַר זיינען געוואָרן אָפטער די געמיינזאַמע אַרויסטרעטונגען
פון „בונד" מיט דער פּ.ס.ד. נאָר דידאָזיקע נאָענטע פּאָליטישע באַציאונגען,
כאָטש זיי האָבן זיך שפּעטער אויסגעדריקט אין דער באַשאַפונג פון פּאַריי-
ניקטע קאָמיטעטן אַף צו קאָאָרדינירן די אַרויסטרעטונגען, זיינען קיינמאָל ניט
געווען אַזוי נאָענט, ווי מיט די לעטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, צוליב איין
גרונט-סיבע. די פּ.ס.ד. איז געווען ניט איינשטימיק מיט דעם „בונדיזם", זי
האָט געפאָדערט פאַר זיך אין דער ר.ס.ד.א.פּ. א גרויסע אַוטאָנאָמיע אַלס
א ט ע ר י ט אָ ר י ע ל ע אָרגאַניזאַציע, נאָר זי האָט אָפּגעלייקנט דעם פּרינציפּ
פון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, און צו דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג
האָט זי זיך באַצויגן אינדיפערענט.

דער בונד האָט געשטיצט און, אַזוי צו זאָגן, געשטרעבט אַריינצופירן
„צווישן לייטן" דריי נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן נאָך געהאַלטן
ערשט אין פאָרמירן זיך און דערווייל נאָך ניט אַרויסגעוויזן זייער מאַרקסיס-
טישן פּאָנים: דאָס זיינען געווען — די ליטווישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, די
רעוואָלוציאָנערע אוקראַינישע פּאַרטיי[22] (ר.או.פּ.). און די אַרמענישע סאָצי-
אַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע[23]). די ערשטע צוויי פּאַרטייען האָבן זיך נאָך
ניט באַפרייט צו יענער צייט, און אַפילו נאָך פיל שפּעטער, פון דעם נאַציאָ-
נאַליזם און די פּאָלקיסטישע טענדענצן (ר.או.פּ.). עמעס טאַקע, אין 1904-טן
יאָר האָט די ר.או.פּ. (דאָס איז געווען די גרופּע פון ווינישעווקאָ, טקאַט-
שענקאָ און פאָרש, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן די פירער פון דער
צענטראַלער ראַדע) א צווייטן מאָל איבערגעריסן אירע פאַרבינדונגען מיט דער
סאָציאַליסטישער אוקראַינישער פּאַרטיי (אוקראַינישע ס.ר.) און האָט געמעל-
דעט, אַז זי וועט איינגיכן אָננעמען די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּראָגראַם און
דעם נאָמען; עמעס טאַקע, סאַי אַף דעם סטאָקהאָלמער און סאַי אַף דעם לאָנ-
דאָנער צוזאַמענפאָר[24]) האָט מען דעם צ.ק. פון דער פּאַרטיי שוין באַאויפטראַגט
אַריינצוגיין אין אַן אָפּמאַך מיט דער אוקראַינישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע,
נאָר זי איז פאָרט געבליבן אויסער דער ר.ס.ד.א.פּ. דאָסזעלביקע איז אויך
געווען מיט דער ליטווישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך געוואַקלט

צווישן דער פ. פּ. ס. און די סאָציאַל=דעמאָקראַטן. נאר אין 1918—1919-טן יאָרן, שוין אין רעכטן ברען פון דער אלוועלטלעכער רעוואלוציע, איז פאָרגעקומען די צוזאַמענגיסונג, נאָר שוין בלויז פונם לינקן פליגל פוןביידע פּארטייען מיט דער ר. ק. פּ. און די אַרמענישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע איז ביסלעכווייז אינגאַנצן צעשוואומען געוואָרן.

8. די „פּויאַליי ציאָן" וועגן קאמף צווישן „בונד" און דער ר. ס. ד. א. פּ.

די זשאַבעס קוואַקען.

(איבערזעצט פון דער רוסישער איבערזעצונג אין די „לעצטע נאכריכטן" נומ. 173).

„...דער קלאָרער הימל פון דער רוסלענדער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע האָט זיך באַדעקט מיט אַ געדיכטן וואָלקן; עס דונערט די פּאָלעמיק, בליצן פון שאַרפן קאַמף שניידן דורך און באַלויכטן די פינסטערע וואָלקנס.

דאָס פּאָלעמיזירן און קעמפן צווישן זיך לייבלעכע ברידער, פריינט, וועלכע שטרעבן צו איין ציל, וועלכע זיינען באַגייסטערט פאַר איין אידעאַל.

דאָס איז ניט קיין אַמביציע, ניט קיין אַקשאָנעס; דאָס האַנדלט זיך וועגן אַ וויכטיקער פּרינציפּיעלער פראַגע; און אויב אַפילו צו אונזערע אויערן דערגרייכט אַמאָל אַ צו שאַרפער טאָן, אויב ביידע צדאָדים וואַרפן זיך אַמאָל דורך מיט ניט גאָר קיין צערטלעכע ווערטער, דאַרף מען דאָך פונדעסטוועגן האָבן אין זינען, אַז דאָס קריגן זיך ניט קיין פרעמדע, אַז דאָס איז אַ קאַמף צווישן ברידער. סאָפּקאָלסאָף וועלן זיי זיך דאָך אויסגלייכן און ווידער האַנט בײַ האַנט גיין אַפן שטורם פון די פעסטונגען פון דער זעלבסטהערשונג און קאַפּיטאַליזם.

און ווירקלעך, אַלע הערן זיך טאַקע צו... צו דער פּאָלעמיק, וואָס ווערט געפירט צווישן „בונד" און דער רוסישער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע.

„אַלע", האָבן מיר נאָר וואָס געזאָגט. ניין, ניט אַלע...

אין אונזער קליין שטעטל לידע, אין אָט דערדאָזיקער שמוציקער בלאָטע, פון וועלכער עס קוקן אַרויס די יאַרמעלקעס פון די „מיזראָכיסטן", דרייען זיך אַרום „פּויאַלייציאָניסטן" און לאָזן אַרויס פּראָקלאַמאַציעס „צו אַלע אידישע אַרבעטער":

...אַהאַ, סאַראַ גוטע פריינט זיינען אייך די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן! דאַכט זיך, ברידער, אייגענע מענטשן, און דאָך ווילן זיי אייך קיין רעכט ניט געבן".

... פּונקט, ווי די זשאַבעס קוואַקען זיי:

— קוואַ, קוואַ, קוואַ!..

„אונז דולט מען דאָ ניט, אונז פּאַרהאַסט מען. בלויז איי אויסגאַנג איז פאַר אונז געבליבן—אין יערושאָלאַים"...

זאָלן זיי קוואַקען די לידער זשאַבעס, קאָלזמאַן דער הימל איז פאַרוואָלקנט; דערנאָך אָבער, דערנאָך, אַז ער וועט ווידער ווערן קלאָר און ליכטיק, ווען נאָך דעם דערפרישנדיקן רעגן, דונערן און בליצן וועט ווידער אָנהויבן לייכטן די לויטערע זון פון שאָלעם און אייניקייט,—דענסטמאָל וועלן זיי מוזן צוריק אַריינקריכן אין זייער שמוציקער בלאָטע... פאַר זשאַבעס וועט דענסטמאָל קיין אָרט ניט זיין...

...דערווייל אָבער קענט איר קוואַקען. סאי ווי הערט אייך קיינער ניט, וויל אייך קיינער ניט הערן... קוואַקעט אייך געזונטערהייט!..

לידער ס.=ד. אָרגאַניזאַציע פון „בונד".

פעווראַל, 1904.

פון פּראָלעטאַרישן לעבן און קאַמף.

(איבערזיכט פון דער אידישער ארבעטער-באַוועגונג, „אַרבעטער-שטימע", נומ. 35, אָקטיאבר 1903).

די קאָרעספּאָנדענצן, וועלכע ליגן פאַר אונז פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, באַווייזן אונז, ווי די באַוועגונג פאַרשפּרייט זיך אין אלע ריכטונגען. דער מעכטיקער סאָציאַלדעמאָקראַטישער רוף, דער „קול מבשר" פון „בונד", טרייסלט אויף די אידישע וועלט פון אויבן ביז אונטן. עס דערוואַכן די פאַרשלאָפענע ווינקעלעך און שטייען אויף טכיאס האמייסים; עס פּלאַצן די שעדלעכע פאַנאַנדערגעבלאָזענע געשווירן, וועלכע האָבן אויפגעבליט דורכן נאַכט „בקיקיון דיונה" אַף דעם געזעלשאַפטלעכן קערפּער; עס קריכן אַרויס פון די נאָרעס די קראָטן, וועלכע פאַרטראָגן ניט די ליכט פון דער נייער וועלט, וואָס עפנט זיך פאַר זייערע אויגן. און ווילן אַלע צוזאַמען כאָרעוו מאַכן אלץ, עס זאָל ווייטער ווערן כוישעך וועאַפּיילע. די פריילעכע בסורע וועגן דער ליכטיקער צוקונפט, וואָס גיט צו מוט און כיישעק צום קאַמף דעם פאָרווערטס שטרעבנדן פּראָלעטאַריאַט, וואַרפט ארויף אַן איימע אף די העכערע קלאַסן און בעשאס האדכאַק טרייסלען זיי זיך אָפּ פון די בלוטיקע שמיץ, וואָס זיי באַקומען פון דער אנטיסעמיטישער זעלבסטהערשנדער רעגירונג און זוכן בא איר שטיצע און הילף קעגן דער מעכטיקער שטרעבונג פון דעם ארבעטער-קלאַס צו באַפרייען זיך פון זייער יאָך. ווען דער כאַלעף ליגט אָבער אפן האלז, ווען זיי הויבט אָן צו שווינדלען אין קאָפּ פון מוירע פאַר די בלוט-בעדער, אַף וועלכע זיי ריכטן זיך יעדע מינוט פון דער מערדערישער רעגירונג, דאַן פאַלט מען ווידער צו מיט טפילעס און טאַכנונים צו די „דעמאָקראטן"[25]) און מע זוכט בא זיי די יעשועס קעגן דעם מאלאָך-האַמאָוועס, קעגן דעם געגעם אף דער וועלט, אין וועלכן דער צאַריזם שטופּט זיי אַלץ שטארקער און שטארקער. דאַן זעען זיי אין דער אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט די איינציקע רעטונג.

עס איז קיין וואונדער ניט, אַז ניט קוקנדיק אַף הערצלס אוידיענץ בא פּלעווען*), האָט די צאַרישע רעגירונג דאָך אומגעביטן דעם כעסעד צו ציאָניסטן

*) זע באמערקונג 3.

אַף אומכיין. פאַר איר טויגן ניט אַזעלכע העלפּערס, וועלכע ווערן גרין ווי אַן עסריק און טרייסלען זיך ווי א לולעוו פון שרעק פאַר דער מילכאָמע פון די פרייהייט-קעמפער קעגן דער טיראַני. פאַר איר טויגן ניט אזעלכע קאָמפּאניאָנען, וועלכע זיינען אין איר ניט איינגעגלויבט אינגאַנצן, און קאָקעטירן מיט אירע סאָנים. דער צארישער דעספּאָטיזם פאָדערט האַכנאָע און אונטערגעוואָרפנקייט אָן א גרונט. ער ברויכט נאָר צו האָבן בלינדע געווער אין די הענט. און דעריבער האָט ער זיך אָפּגעווענדעט פון די ציאָניסטן, און האָט אָנגעהויבן צו שליסן ברודערשאַפט מיט די אידישע קלעריקאַלן, מיט די ראַבאָנים. דאָ איז דאָ עמונע אָן אַ ברעג. מיט דעם פּאָסיק „ירא את יהוה בני ומלך" (האָב מוירע מיין זון פאַר גאָט און פאַרן קייסער), אַלס א שילד, לייגן אַוועק דידאָזיקע מיטלאלטערלעכע העלדן אָן א זייט זייערע שולכאָן-ארוכס און יוירעדייעס, און שטעלן זיך אין דער ארמיי פון דער באַרבארישער רעגירונג, צו מאַכן א סאָף פון די „בנים שובבים", די ווידערשפּעניקע זין", וועלכע ווילן זיי ניט פאָלגן. אָט אזוי ווערן אין דער מילכאָמע פון די צוויי וועלטן אַריינגעצויגן אַלע נייע קרעפטן, אָט אזוי הויבט זיך אָן, אַדאַנק אונזער קאַמף, צו רירן די שטייענדיקע בלאָטע, אַף וועלכער עס איז ביז די לעצטע יאָרן געווען ענלעך דאָס אידישע לעבן; עס ווערט מעקורעוו די געאולע, דער ענדלעכער מאָמענט ווען אַלע דאָזיקע פינסטערע קרעפטן וועלן אינגאַנצן אַראָפּזינקען „עד שאול-תחתיה".

די האַכאָנעס פון דער אידישער קלעריקאַלער אַרמיי צום קאַמף מיטן „בונד" האָט זיך אָפּן אַרויסגעוויזן אַף דעם קראַקויער צוזאַמענפאָר פון די ראַבאָנים. שוין דאָרטן האָבן די „בארימטע" רעב אקיווע פון פּאלטאווע און רעב וועלוועל פון גראָדנע פאָרגעלייגט צו מאכן יאדאכאס מיט דעם צאַריזם: אַרויסצוגעבן אַלע פּאָליטישע פארברעכער און אויסצושליסן זיי מיקלאַל-איסראָעל; דאָרטן איז דער פּלאַן געלונגען ניט אינגאנצן. אָבער טאַקע מיט אַן עכט קלעריקאַלישן פאנאטיזם האָט זיך דערזעלבער רעב וועלוועלע דערשלאָגן די ערלויבעניש צו מאַכן אן אסיפע אין רוסלאנד גופע. וואָס דער פּויעליוצע פון דערדאָזיקער אסיפע וועט זיין, ווייסן מיר דערווייל ניט; נאָר צו וואָס רעב וועלוועלע פון גראָדנע, רעב אקיווע פון פּאָלטאווע און זייער גאַנצע כעוורע שטרעבט, דאָס איז שוין באוואוסט פון זייערע ביזהעריקע מאיסים, פון זייערע ביזהעריקע פּראָקלאַמאציעס צו אלע אידן. „קומענדיק צוריק פון קראקאָווער אַסיפע, שרייבט אונז דער גראָדנער קאָמיטעט, האָט דערדאָזיקער רעב וועלוועלע, וועלכער איז גרייט פאר א קאָפּיקע צו פאַרקויפן דעם גאנצן קלאל-איסראָעל, אַרויסגעגעבן אן אויפרוף אַף דריי שפּראַכן: העברעאיש, זשארגאָן און רוסיש. אַפילע עלטערע מענטשן זיינען געווען אומצופרידן מיט אים. דעם רעבן צו הילף איז געקומען דער טאבאק-פאבריקאנט שערעשעווסקי, וועלכער האָט אף זיין רעכענונג געגעבן אָנקלעפּן 150 קאָל-קוירעס אף טאָוועל און האָט דאָס פאנאנדערגעהאנגען אין אלע באָטיי-מעדראָשים". פון דעם קאָל-קוירע הערט זיך דער רויעך ניכייעך פון קנעכטשאַפט און שענדלעכסטע אונטערטעניקייט צו דער פארפלוכטער רוסישער רעגירונג. דער אויפרוף האָט אַף דער

מאסע גאָר קיין ווירקונג ניט געמאכט. רעב וועלוועלעס קאָל-קורע שרייט אף אזא אויפן צו די ווענט און ווארט פון זיי אן ענטפער.

מער ווירקונג, ווייזט אויס, האָט דער מעזשעריטשער רעב כאים זאק פון זיין ק״ק*). „די שטראַלן פון פרייהייט האָבן אונזער מעזשעריטש אויך ניט פארבייגעלאָזן, שרייבט מען אונז פון דאָרטן, דער פאנאטיזם פון דער יוגנט האט אָנגעהויבן צו זינקן. דעם היינטיקן יאָם-קיפור האָבן אסאך יונגע לייט יט פארבראכט אין פאסטן און טאכנונים, און האָבן פריילעך צוגעבראכט די פרייע צייט. דאָס איז ניט געפעלן געוואָרן דעם ראָוו און די באלעבאטים פון די יונגע לייט, וועלכע זיינען מייסטנס בערשטער, און ער האָט געגרינדעט א כעוורע „מאכזיקיי האדאָס״ (זי באשטייט פון טרעגער, פורלייט און אייניקע פרומע אידן), דער ציל פון וועלכער איז „אכטונג צו געבן אף אלע ערטער וואו מע וועט געפינען אסיפעס פון באכערים מיט בסולעס צו זאיאווען וועגן דעם דעם זשאנדארמסקען״. ער האָט פאנאנדערגעקלעפט וועגן דעם אין די באָטיי-מעדראָשים הוידאָעס, פון וועלכע מיר ברענגען דאָ דעם גאנצן טעקסט אָן א שום פארענדערונג.

„הודעה

מען איז מודיע לאנשי עירם דפה, אזוי ווי כפי הנשמע איז דאָ הרבה מקומות בפה וואָס קומען זיך צוא זאממען בחורים, איבער הויבט בשבת קודש בבוקר בשעת התפלה. אין יעדער אָרט איז דאָ א בחור וואָס האָט אונטער זיך כמה תלמידים, וואָס ער לערינט זייא וויא אזוי אראָפגיין פון דרך התורה והיהדות, און גיין אָנטקעגען פראוויטעלסטוואָ, וואָס דער מיט זענין זייא רודף דען גאנצען כלל ישראל, אין מחלל שם שמים בפרהסיא ד״ירחם, דרום איז מען מודיע אז עס איז יעצט נסייסד גיוואָרען א חברה הנקראים בשם „מחזיקי הדת״ אנשים אשר יראת ד״נגע בלבבם והרב אב״דק בראשם. ובידיעת המוראוואייעסאיאדאר און דיא חברה וועלין ארום גיין אכטינג געבין אין אלע ערטער און אז מען וועט געפינען אזעלכע אסיפות אדער איין פארזאמלונג פון בחורים און בתולות, וועט מען דאָס זאייאווען דעם זשאנדארמיסקע. גם די בע״הב וואָס עס געפינען זיך בא זייא אַזעלכע אסיפות וועלין האָבען אגרויסען אוהמשטאנד. גם איז מוטל אויף ייעדער מענטש וואָס ווייסט וויא די אסיפות געפינען זיך זאָל מען קומען מעלדירען להרב דפה ולהשומע ינעם״

(דאָ גייט דעם ראָווס כסימע).

דער ראָוו, ווייזט אויס, איז זייער אן ענערגישער מאן, גאָר ניט דער ערעך ענערגישער פון דעם סואוואלקער ראָוו, וועלכער האָט געבראכט די ערשטע געדרוקטע פראָקלאמאציעס, וואָס איז דאָרטן פארשפרייט געוואָרן פון אונזער אָרגאניזאציע גלייך נאך ראש-האשאנא, אין שול אריין, האָט זי דאָרט פאר

*) „קהילה קדושה״—אזוי פלעגן די ראבאָנים און אנדערע קלייקוידעש באצייכענען די שטעט, אין וועלכע זיי האָבן געקיניקט.

אלעמען איבערגעלייענט ביקאָל ראָם וואָניירא און האָט זיך שרעקלעך פאנאנדערגעוויינט. דער מעזשעריטשעווער ראָוו האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט זיינע ליטעראַרישע ווערק, פון וועלכע מען זעט אַרויס מער ניט ווי זיין גראָבקייט און אונוויסנהייט. ער האָט אויפגערופן די באלעבאַטים און האָט בא זיי זיך דערוואוסט אלע נעמען פון די בונטאָווטשיקעס (א בונטאָווטשיק איז דער, ווער עס האָט געגעסן יאָם=קיפּור) און האָט געמאַכט פון זיי א צעטל. די באַדייטונג פון דעם צעטל האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָ ניט לאַנג. אייניקע פאַבריקאַנטן האָבן צוגענומען אַרבעטער, ניט ווויסנדיק, אַז זיי זיינען איינגעשריבן באַם ראָוו אין צעטל. דער ראָוו האָט גלייך פאַרופן די באלעבאַטים צו זיך. דער פּויעליוויצע פון דעם וויזיט איז געווען, אַז קומענדיק צוריק אהיים, האָבן זיי געזאָגט די אַרבעטער אים נאָמען פון ראָוו, אַז מען טאָר זיי ניט האַלטן און האָבן זיי אַנטזאָגט. „דאָס איז פאַר דעם, וואָס זיי האַלטן ניט פון אידישן גלויבן, און שטרייטן קעגן די באלעבאַטים און דער רעגירונג". אַזוי האָט דערקלערט דער נייער זשאַנדאַרם אין דער ראַבאָנישער פעל די סיבע, פאַרוואָס מע האָט אַנטזאָגט די אַרבעטער.

... דעם „שם-טוב" פון אַזעלכע ראַבאָנים האָט מעקאַנע געווען דער ווילנער „קאַזיאָנער" ראָוו[26]. ער האָט געמאַכט די שול פאַר אַ בימע, פון וועלכער ער האָט דעם צווייטן טאָג סוקעס געדונערט און געבליצט קעגן דער אידישער יוגנט. „אים האָט זיך אויך געוואָלט, שרייבט אונזער ווילנער קאָמיטעט, באַדירן לעבעדיקע פראַגן, פאַקטן פון לעבן, וועלכע אינטערעסירן אַזוי שטאַרק אונזער יונגן דאָר און באַאומרואיקן די אַלטע מעמשאָלע, נאָר דאָ האָט ער נעבעך געהאַט אַ מאַפּאָלע. אָנווייזנדיק אַף דער פּאָליציי, וועלכע שטייט באַ דער טיר פון שול, האָט דער ראַבינער באַגייסטערט אויסגערופן: איר ווייסט צוליב וואָס אָט די שטייען דאָ? איר ווייסט ווער עס איז אין דעם שולדיק? נאָר די... אידישע יוגנט, וועלכע איז אַראָפּ פון דערעך-האַיאָשער, מישט זיך אין פרעמדע זאַכן... באַ די ווערטער האָט דער עולאם אָנגעהויבן פייפן און שרייען, עס איז געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל, און דער מאַגיד האָט געמוזט אַראָפּגיין פון בימע, ניט ענדיקנדיק די דראָשע...

... קוים זיינען אָבער די באַטיי-מעדראָשים געוואָרן אַן אַרענע פון פּאָליטישן קאַמף, וואו די ראַבאָנים זינגען אין איין קאָל מיט דער זעלבסטהערשונג: „חזק ונתחזק", האָבן זיך דאָרטן, ווי דער מינהעג איז, אויך אָנגעהויבן צו הערן און צו זען „מי שברך'ס" פון דעם נייעם נוסעך. די גראָדנער שול, וואָס טראָגט אַף אירע ווענט אַלס אַ צירונג דעם „מי שברך" דער גאַנצער קייזערלעכער פאַמיליע, האָט דעם צווייטן טאָג ראָש-האַשאָנא אָנגעטאָן אַף זיך נאָך אַ צירונג: די פּראָקלאמאציעס, וואָס זיינען דאָרטן פאַרשפּרייט געוואָרן (מיט אַ טאָג פאַר דעם האַט מען זיי אָנגעקלעפּט אַף די זיילן פון שול), אַלע האָבן זיי געלעזן. דאַן האָט דער גאַבע פון שול געשיקט נאָכן שוימער (סטרוזש) און האָט געהייסן זיי אַראָפּרייסן. די אַרבעטער אָבער האָבן דערצו ניט דערלאָזן, און עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסער געשלעג. פּאָליציי איז געקומען, נאָר זי האָט פראָסט מוירע געהאַט צוצוגיין צו דער מאַסע. דער פּריסטאַוו האָט גע-

האַלטן אַ רעדע פאַרן אוילאַם און האָט זיי אויפגעוואָרפן, וואָס אין אַזאַ היי־ליקן טאָג פאַרנעמען זיי זיך מיט פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס". נעבעך באַשערט דעם גראָדנער פּריסטאַוו צו נעמען אַף זיך דיזעלבע ראָלע פון די „מאַכזיקיי האַדאַס".

דער גראָדנער פּריסטאַוו האָט זיך אויך באַמיט צו דערקלערן די סיבע פון די פּאָגראָמען און האָט געזאָגט, אַז די אידן זיינען אליין אין דעם שולדיק.

נאָך דייטלעכער „ברחל בתך הקטנה" האָט אַרויסגעזאָגט דיזעלבע מיינונג דער ביאַליסטאָקער פּאָליציימייסטער. פון זיינע רייד פאַרשטייט מען שוין בע־סער, אַז אין די פּאָגראָמען זיינען שולדיק די אידן צוליב דעם, ניט ווייל זיי רופן זיי אַרויס, נאָר ווייל זי, די רעגירונג, וויל זיי אַרויסרופן.

„נאָך די גרויסע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, וואָס האָבן באַ אונז צערודערט די שטאָט, שרייבט אונז דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט, האָט דער פּאָליציימייסטער גלייך פאַררופן צו זיך די באַלעבאַטים פון שטאָט און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז אויב זיי וועלן ניט זעען צו ווירקן אַף די אידישע אַרבעטער, זיי זאָלן אויפהערן זיך צו בונטעווען און צו מאַכן פאַרזאַמלונגען, קאָווירט ער ניט, אַז אין שטאָט וועט ניט פאָרקומען קיין פּאָגראָם. צו דעם האָט ער נאָך צוגעגעבן, אַז ווען עס וועט פאָרקומען אַ פּאָגראָם, דאַן וועט ער זעען צו דערפילן דעם פאַרלאַנג פון די אַרבעטער, ד. ה. אַז בעאייס דעם פּאָגראָם וועט ער אַראָפּ־נעמען פון זיך די באַלעבאַטישע ראָלע. די געערטע באַלעבאַטים האָבן זיך טאַקע דערשראָקן צו בלייבן אָן דער האַשגאָכע פון פּאָליציימייסטער, זיי האָבן זיך גענומען זוכן מיטלען, ווי אַרויסצוראַמען די קראַמאָלע פון ביאַליסטאָק. ...זיי האָבן באַשלאָסן, מע זאָל זעען אַרויסצוגעבן דעם פּאָליציימייסטער אַלעמען, וועגן וועמען מע וועט זיך נאָר דערוויסן, אַז ער איז דער שטערער פון זייער עקספּלואַטאַטאָרישן לעבן.

צו דעמדאָזיקן פאַריין פון גראָדנער פּריסטאַוו מיט דעם מעזעריטשער ראָוו, פון ביאַליסטאָקער פּאָליציימייסטער מיט זיינע שטאָט־לייט זיינען אויך צוגע־שטאַנען די מעזעריטשער ציאָניסטן, די מאָסער־פּאָליטיק קריגט אַלץ מער כיין באַ אונזערע „אויך מיר פּאָליטיקער".

„גלייך נאָכן ערשטן מאַי, שרייבט מען אונז פון מעזעריטש, זיינען באַ אונז פאָרגעקומען אידישע פאַרזאַמלונגען אין אַלע באָטי־מעדראָשים, אונטער דער אָנפירונג פון דעם ציאָניסטישן רעדנער גאָלדפאַרב. ער האָט אויפגעוואָרפן שמוץ און בלאָטע אַף דער אידישער אָרגאַניזאַציע (ד. ה. אַפן „בונד"), און האָט זיי אָנגערופן מיט די שענדלעכסטע ווערטער. אַלע אידישע צאָרעס און פּאָג־ראָמען שטאַמען קלוימערשט פון איר. ער האָט געראַטן דעם אוילאַם, אַז באַ וועמען עס איז נאָר טייער דאָס אידנטום, זאָל זעען מיט אַלע מעגלעכקייטן אַרויסצוגעבן זיינע ניט אָרנטלעכע קינדער דער פּאָליציי, און אַף אַזאַ אויפן אויס־וואָרצלען דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט. די מעזעריטשער אַרבעטער האָבן אויפגע־וואָרפן דעם ה' גאָלדפאַרב, וואָס ער האָט זיי אַזוי פיל באַשמוצט, ניט געבנדיק זיי די מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן זיך. מע האָט דעריבער איינגעשטימט צו מאַכן אין שול אַ דיספּוט צווישן די ציאָניסטן מיט די אַרבעטער.

דעם 26=טן מאי האבן זיך פארזאמלט א מאן 1000 אין שול. אַרום שול זיינען געשטאַנען נאָך אַ מאן 3000, וועלכע האבן שוין ניט געקענט אַריין. ה׳ גאָלדפאַרב האט גערעדט וועגן דעם, צי קען דער סאָציאַליזם אויסגעפירט ווערן, און אויב ער וועט יאָ אויסגעפירט ווערן, וואָס וועלן אידן פון דעם גע-ניסן? אים האָבן געענטפערט צוויי ארבעטער, איינער האָט גערעדט וועגן דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג און וועגן סאָציאַליזם. ווי ער האָט געענדיקט, האט מען פון פובליקום אַ געשריי געטאָן: „עס לעבע דער סאָציאַליזם!״ דאס פוב=ליקום האָט געענטפערט מיט א הילכיקן „אורא!״ דער צווייטער ארבעטער האָט גערעדט וועגן די אורזאַכן פון נאַציאָנאלן האַס, האָט באַוויזן, אז די סינע צו אידן שטאַמט פון דיזעלבע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, פון וועלכע עס שטאַמען אויך די מילכאמעס פון אייראָפּע מיט כינע[27], פון ענגלאַנד מיט טראַנסוואל[28]. די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם וועט מאכן אַ סאָף פון אלע צאָרעס, וואס די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג ברענגט מיט זיך, און דאַן וועט אויך ווערן אַ סאָף פון די אידישע צאָרעס. — די ציאָניסטן האָבן געקראָגן ספּאַזמעס, און האבן ניט געקענט ענדיקן זייערע רעדעס. ווען איינער פון זיי האָט געענדיקט מיט די ווערטער „ובא לציון גואל במהרא בימינו אמן״, האָט קיינער קיין „אמן״ ניט געענטפערט. אין דער גאַנצער שטאָט האט מען גערעדט וועגן דעם זיג פון די ארבעטער איבער די ציאָניסטן.

נייע צייטן, נייע לידער! עס וועט ניט העלפן רעב כאַאים זאק דער ראָוו פון מעזעריטשער ק״ק מיט זיינע אידישע שויטרים, עס קען אויך ניט העלפן דער זשאנדארמסקער, וועלכער איז גלייך נאָך דער דיסקוסיע געקומען אין שול און האָט דעם 10 אָקטיאבר ארעסטירט אין גאַס צוויי ארבעטער, עלענצווייג און ברענזילבער, און געהאלטן זיי זעקס וואָכן פאר דערזעלבער דיסקוסיע.

* * *

אַף וויפל קלאָר און דייטלעך עס איז פאר אלעמען די שפּאָגל-נייע דער-שיינונג פון דעם אידישן קלעריקאַליזם, דער ראַבּאָנישער געשריי: „לכו ונלכה אַף די סאָציאַליסטן!״ וועלכער קען צוליב זיין קלאָרקייט און דייטלעכקייט קיינעם ניט פארפירן און קיינעם ניט אָפּנאַרן, אף אזוי פיל פאַרוויקלט און פאַרפלאָנטערט זיינען די אידעאלן פון די ציאָניסטן, וועלכע ווילן געווינען פאַרן ציאָניזם אין איין צייט אי די רוסישע זעלבסטהערשונג, אי די אידישע אַרבע-טער=מאַסן, וועלכע ווילן צונויפלעכטן די נאַגאַיקע מיטן סאָציאַליזם אין איין „כל-בו״=פאַרטיי. ס׳איז קיין וואונדער ניט, אז דער קאמף מיט די „כל-בו״ניקעס״, וועלכער געפינט אַן אָפּקלאַנג ניט נאָר אף אונזערע צוזאַמענפאָרן, נאָר אויך אף זייערע קאָנגרעסן, קומט פאָר ניט נאָר אין די באָטיי-מעדראָשים, נאָר אי=בעראל, וואו עס קענען זיך צוזאמענשטויסן אין אַלטעגלעכן קאמף דער טרע-גער פון סאָציאליזם, דער פּראָלעטאריאט, מיט אלע זיינע קעגנער סאי אָפענע, סאי פאַרבאַהאַלטענע. מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אף די דיסקוסיעס, וואָס קומען פאָר מיט די ציאָניסטן אין פאַרשיידענע שטעט; וועגן אַזעלכע דיסקו-סיעס שרייבט מען אונז פון ווילנע, פון אָרשע, פון סמאַרגאָן, פון גראָדנע

פון מינסק און אז. וו. דאָ וועלן מיר נאָר ברענגען אייניקע פאַקטן, וועלכע כאַראַקטעריזירן, ווי נישטיק עס איז די סימפּאַטיע פון די מאַסן צו די ציאָ-ניסטן, און ווי שוואַך ס'איז זייער ווירקונג אַף די מאַסן.

לאָמיר נעמען, צ. ב., דעם צוזאַמענשטויס מיט די ציאָניסטן, איבער וועלכן עס שרייבט אונז דער מאָליוווער קאָמיטעט: „אַף אַ פאַרזאַמלונג פון דעם פּאַך מוליאַרעס, אין וועלכן ס'איז נאָך דאַן געווען מער ניט ווי צוויי אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אַז עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט די פראַגע, ווער זאָל אָנפירן דעם שטרייק, וועלכן זיי האָבן באַשטימט אַרויסצורופן, צי ציאָניסטן, צי דער „בונד״, האָט איינער אַ ציאָניסט פאָרגעלייגט, אַזביידע צוזאמען זאָלן אָנפירן. דער פאָרשטייער פון „בונד״ — אַז די אָרגאַניזאציע פון „בונד״ אליין זאָל אים פירן. דער גאנצער פּאַך — אויסער אַ פּאָר ציאָניסטן — האָט דאַן געשטימט, אז דער „בונד״ אליין זאָל אָנפירן דעם שטרייק״...

אונזער גראָדנער קאָמיטעט קומט אויך אויס צו ווערן זיך קעגן דער שעד-לעכער ווירקונג פון דעם ציאָניזם. „פאַרן ציאָניסטישן קאָנגרעס, שרייבט מען אונז פון דאָרטן, האָט זיך פאַרוואָלט אונזערע „פּויאַליי-ציאָן״ אַגיטירן, אַז מע זאָל דעם ערשטן טאָג פון קאָנגרעס ניט ארבעטן. זיי האָבן ארויסגעלאָזן אַ פּראָקלאמאציע, אין וועלכער זיי באַרימען זיך, אז זיי קעמפן פאר „גלייכהייט, פרייהייט און ברידערשאפט״, זיי האַלטן דעם ערשטן טאָג פון קאָנגרעס פאר דעם ערשטן מאַי פון די אידישע ארבעטער א. אז. וו. דעם לעצטן שאבעס פארן קאָנגרעס האָבן זיי באשלאָסן מאכן א מאסן-פארזאמלונג, קעדיי צו ריידן וועגן דער וויכטיקייט צו פייערן דעם ערשטן טאָג פון קאָנגרעס. נאָר, ווי עס ווייזט אויס, האָט די מאסע קיין כיישעק ניט געהאט צו גיין צו זיי, מער ווי א מאן 25—30 זייערע אָרגאניזירטע ארבעטער זיינען ניט געווען. סאָציאל דעמאָקראטן זיינען געווען ביז 50 מאן. דאן האבן זיי קיין פאַרזאמלונג ניט געמאכט, קלוימערשט דערפאר, ווייל דער רעדנער איז ניט געקומען. דאָ איז ארויסגעטראטן איינער פון אונזער אָרגאניזאציע, און האט גערעדט וועגן דעם ציאָניזם און די „פּויאַליי-ציאָן״, מע קען זיך פאָרשטעלן זייער נידערלאגע, אז זיי האבן זיך נאכהער אליין געשעמט פאר זייערע אייגענע רייד.

* * *

ביז איצט האבן מיר געשילדערט די פארשיידענע אנטקעגנגעזעצטע שטרע-מונגען, וועלכע רופן זיך ארויס אין דעם געזעלשאפטלעכן ספּעציעל אידישן לעבן דורך דעם קלאסנקאמף פון דעם אידישן פּראָלעטאריאט. איצט וועלן מיר איבערגיין צו דער כאראקטעריסטיק פון דעם אינהאלט פון דעמדאָזיקן קאמף גופע, און די פאָרמען, אין וועלכע ער דריקט זיך אויס, אלס אן עקאָנאמישע און פּאָליטישע באַוועגונג.

די פּאָליטישע אַגיטאַציע האָט זיך אין דעם יאָר געפירט זייער לעבעדיק. אונטער דער ווירקונג פון דערדאָזיקער אַגיטאַציע פאַרשאַרפט זיך וואָס ווייטער, אַלץ מער די פיינטשאַפט פון די אַרבעטער-מאַסן צו דער איצטיקער פּאָליטישער אָרדענונג. עס וואַקסט דער באַוואוסטזיין פון דעם פּראָלעטאַריאַט, און פון

אונטער די אייזערנע צוואַנגען, אין וועלכע דער צאַרישער דעספּאָטיזם האַלט איין דעם שטראָם פון דער רעוואָלוציע, רייסן זיך אַלץ עפטער אַרויס סימאָנים פון דער פאַרשטיקטער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע, וועלכע מוז סאָפּקאָלסאָף זיך דורכרייסן אין דער הויך.

די כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג, וועלכע זאָגט איידעס פון דעם וואוקס פון דעם קלאַסנבאַוואוסטזיין, איז די באַגייסטערונג און די נייגעריקייט, מיט וועלכע די אַרבעטער-מאַסן הערן זיך צו צו די רעוואָלוציאָנערע רייד, ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס די פאַרפאָלגונגען פון דער רעגירונג ווערן אַלץ שטאַרקער. די גרויסע צאָל פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען, וועלכע קומען פאַר איבעראַל, זיינען פאַר אונז איינער פון די בעסטע באַווייזן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג פון די מאַסן.

אַ גאַנץ לעבעדיקן בילד שטעלט פאָר פאַר אונז אין דער היגזיכט ביאַליסטאָק: „די האכאנעס צום ערשטן מאי האָבן זיך באַ אונז אָנגעהויבן נאָך פאַר פייסאַך, שרייבט אונז דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט, עס האָט זיך געפירט א שריפטלעכע און אַ מונדלעכע אַגיטאַציע וועגן פייערן דעם 1 מאי, פאַרזאַמלונגען און פּראָקלאַמאַציעס זיינען געווען זייער פיל. די ביאַליסטאָקער מאַסע האָט זיך אָפּגערופן אַף אונזער איינלאַדונג. ביז 3500 אַרבעטער האָבן געוואָרפן אין דעם טאָג די אַרבעט, אין די גאַסן איז געווען יאָנטעוו! אַ גאַנצע אַכטאָג צייט האָט די שטאָט געקאָכט, ווי פאַר אַן איבערקערעניש. אין די דרוקערייען האָט מען צוגענומען די אידישע שריפט און פאַרווערט צו דרוקן מיט רויטע פאַרב. מע האָט געכאַפּט מענטשן איבער די גאַסן. מיליטער און פּאָליציי זיינען געווען אַף די פיס. אין אַסאַך פאַבריקן שפּאַצירט ארום דער פּאָליציימייסטער מיט אַ מאַסע פּאָליציילייט און שיקט אַליין אַוועק די אַרבעטער פון דער אַרבעט".

נאָכן ערשטן מאי, פון שוואועס אָן, הויבן זיך אָן גרויסע פאַרזאַמלונגען. דעם 1-טן טאָג שוואועס האָבן מיר צוזאמענגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אונזערע מיטגלידער. עס זיינען געקומען ביז 700 מאַן. מע האָט דאָ גערעדט וועגן דער נויטיקייט פון פּאָליטישן קאַמף פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט און וועגן דעם קישענעווער פּאָגראָם. די גאַנצע מאַסע איז אוועק זייער באַגייסטערט אַלע צוזאמען, זינגענדיק רעוואָלוציאָנערע לידער.

דעם 2-טן טאָג שוואועס האָבן מיר צונויפגערופן אַ מאַסנפאַרזאַמלונג, אַף וועלכער עס זיינען געקומען איבער 2000 מאַן. מע האָט גערעדט וועגן די אויפגאַבן פון „בונד" און וועגן קישענעווער פּאָגראָם. די גאַנצע מאַסע איז אַוועק דעמאָנסטראַטיוו אין שטאָט אַריין מיט רעוואָלוציאָנערע לידער. די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָבן געמאַכט זייער א גוטע ווירקונג אף די ארבעטער פון דער גאַנצער שטאָט. נאָך די פארזאמלונגען האָט אויך דער פּאָליציימייסטער אָנגעהויבן צו ריידן וועגן פּאָגראָמען, וועגן וואָס מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט.

די אַרבעט גייט א גאַנץ זומער ווייטער. טישעבעאָוו האָבן מיר ווידער

צוזאַמענגערופן א מאַסנפאַרזאַמלונג פון אידן און קריסטן, עס זיינען געקומען ביז 5000 מאַן. די פאַרזאמלונג איז אַריבער זייער גוט און באַגייסטערט.

די אגיטאַציע באַגרעניצט זיך ניט מיט דער שטאָט אַליין. זי דערגרייכט אויך צו די אַרומיקע קליינע שטעטלעך. מע אָרגאַניזירט אויך פאַרזאַמלונגען (פון 50-60 ביז 300 מאַן) מיט דעם אנטייל פון אונזערע רעדנער אין סמאָרגאָן, וואָלקאָווישק, סואוואַלק, קרינקי, סאָקאָלקע, קנישין, טרעסטיאַן, שישלעוויץ, בריסק א. אַז. וו. עס ווערט גערעדט וועגן סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועגן „בונד", וועגן פּאָגראָמען א. ד. ג. אויסער דעם ווערט דאָרט פאַרשפּרייט אונזער ליטעראַטור אויך. אין דידאָזיקע קליינע שטעטלעך כאַפּט אָפּט די באַוועגונג ארום די גאַנצע אָרטיקע ארבעטער-מאַסע. צ. ב., אין וואָלקאָווישק איז געווען א פאַרזאמלונג פון אַלע אַרבעטער פון שטאָט ביז 400 מאַן; מע האָט דאָרט גערעדט וועגן „בונד".

דאָסזעלבע מעלדעט מען אונז פון ווילנע אויך: „אַרומקוקנדיק זיך אין אלגעמיינעם, דאַרפן מיר זאָגן, אז דער יאָר איז געווען פיל פרוכטבארער, אז דער קאַמף פאר די סאָציאליסטישע אידייען איז געווען פיל אינטענסיווער און שטאַרקער. דער פּאָליטישער באַוואוסטזיין פון די ווילנער אַרבעטער שטייט שוין אזוי הויך, אז זיי האָבן מיט פאַראַכטונג זיך אנטזאַגט צוצוהערן צו די רייד פון די „לעגאַליזאַטאָרן" *), און נאָך 8-9 מאָנאטן מי האָבן די לעצטע געמוזט אָפּפאָרן פון ווילנע. האַגאַם מיר מוזן מודיע זיין, אַז אַ געוויסע פאַרדאָרבנהייט האָבן זיי דאָך אריינגעטראָגן אין אונזער מאַסע, איבערהויפּט אין דעם שטעפער-פאַך. אין יון איז געשטאָרבן א שטעפער. די ארבעטער האָבן באשלאָסן צו גיין אלע אַף דער לעוואיע, דאַן זיינען 2 אָדער 3 פון זיי, ניט פרעגנדיק באַ די איבעריקע, אוועק צום פּאָליצמייסטער און געבעטן אַ דערלויבעניש. די דערלויבעניש האָט ער זיי גלייך מיט סימכע געגעבן און האָט נאָך געשיקט א גאנצע באנדע פּאָליציי מיט שפּיאָנען זיי צו באַגלייטן. זאָל זיך אַף די מענטשן לייגן דער גאַנצער שאַנד, די גאַנצע כאַרפּע, וואָס זיי האָבן מיט דעם ארויפגעבראכט אף אונז, ווילנער פּראָלעטאַריער.

דער פּאָליטישער קאַמף האָט זיך דעמדאָזיקן יאָר אויסגעדריקט באַ אונז אין 2 דעמאָנסטראַציעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען דעם ווינטער (איינע אַף א לעוואיע פון א געשטאָרבענעם שוסטער און די צווייטע אין טעאַטער דעם 1 טן מארט [29]) און אין 2 אלגעמיינע פּאָליטישע שטרייקן: צום 1-טן מאי, און צו לעקערטס [30]) יאָרצייט, דעם 28-טן מאי. אין דעם ערשטן האָבן אַן אָנטייל גענומען איבער 2000 מאַן, און אין דעם 2-טן 2500 מאַן; אין דעם צווייטן שטרייק וואָלטן אַן אנטייל גענומען אַסאַך מער, ווען פאַר דעם וואָלטן ניט דורכגעפאלן אייניקע פאַרזאמלונגען, און עס איז דורך דעם שווער געווען צו פירן די אגיטאציע וועגן שטרייק. ווייטער איז אויך פאָרגעקומען א פאַרזאַמלונג פון 4—5 הונדערט מאַן צום 5-יאָריקן יובילעאום פון „בונד", אַ רייע פאַרזאמלונגען זיינען פאָרגעקומען צום 1-טן מאַרט (ביז 500 מאן) וועגן דער

*) זע באמערקונג 6.

געשיכטע פון „נאַראָדנאיאַ וואָליאַ" און איינציקע פאַרזאמלונגען אין מאי מאָנאט וועגן קישענעווער פּאָגראָם".

„אַ לעבעדיקן און אַ פרייליכן פעריאָד אין אונזער ארבעט האָבן מיר איבערגעלעבט אין אַווגוסט און אין סענטיאַבר, שרייבט אונז דער דווינסקער קאָמיטעט. די שטילע אָרגאַניזאַציאָנעלע ארבעט, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר דעם, האָט זיך באַלד געלאָזט פילן. דעם 7-טן אַווגוסט איז פאָרגעקומען א דעמאָנסטראַציע. אַ פאָר הונדערט אַרבעטער זיינען דורכגעגאנגען אַרום 12 אַזייגער עטלעכע גאַסן מיט רעוואָלוציאָנערע לידער און אויפרופן. — אַף דעם אנדער שאַבעס איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרזאמלונג פון 1300 מאַן. מע האָט גערעדט וועגן די „פּואליי-ציאָן" און די פּאָליטישע לאַגע אין רוסלאַנד. אַוועקגייענדיק פון דער פאַרזאַמלונג, האָבן זיך אַלע צונויפגעקליבן אַפן בולוואַר פאר די פּאָליציייסקע פראוולעניע, און מע האָט דאָרט געמאַכט א מאניפעסטאציע".

„אַף די לעצטע פאַרזאַמלונגען פון די אָרגאניזירטע אַרבעטער, שרייבט מען אונז ווייטער פון דווינסק, רעדט מען וועגן דער אויסערלעכער פּאָליטיק פון רוסלאַנד, וועגן די באַציאונגען פון די אויסלענדישע, באַזונדערס פון די איטאַלענישע, כאַוויירים צום קייסערס וויזיט אין זייערע לענדער [31]. די אָרגאַניזאַציע האָט פאָרגעלייגט די אַרבעטער שיקן די איטאַליענישע כאַוויירים אַ באַגריסונגס-אדרעס. מע לעזט דעם אדרעס אף די פארזאַמלונגען און ער ווערט מיט פארגעניגן אָנגענומען. אויך צווישן די ניט אָרגאַניזירטע אַרבעטער זיינען פאָרגעקומען איינציקע פארזאמלונגען; פאר דער צייט זיינען צוגעקומען א פאָר הונדערט נייע מיטגלידער"...

..לעבעדיקער און רעוואָלוציאָנערער איז אויך געוואָרן די באוועגונג אין סמאָרגאָן. „אין פאַרלויף פון דעם לעצטן יאָר, ווי מע שרייבט אונז, זיינען דאָרטן פאָרגעקומען פילע מאַסאָווע פאַרזאַמלונגען. פאַרן ערשטן מאַי איז געווען אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע, נאָר די פּאָליציי האָט זיך דערוואוסט פאַר דער צייט און צעשטערט. אין יון איז געווען דער 5-יאָריקער יובילֵיי פון דער אידישער ביבליאָטעק. 170 מאַן האָבן גענומען אַן אנטייל אין דעם יאָנטעוו. דעם 21-טן יול איז פּאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע פון אַ מאַן 300 אף דער לעוואיע פון דעם געשטאָרבענעם כאַווער הענאָך קוטשער, וועלכער איז אלט געווען 16 יאָר און איז 2 מאָל אַרעסטירט געווען פאַר פּאָליטישע פאַרברעכן. נאָך דער קוואורע האָט זיך דערהערט אַן אויסרוף: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!" „עס לעבע די פּאָליטישע פרייהייט!" און אַ מעכטיקער „אוראַ" האָט זיך אַרויסגעריסן פון העכער ווי 300 הערצער"...

* * *

נאַטירלעך גייט אַזא מאַסן-אגיטאַציע ניט פאַרביי אָן קיינע פּאָלגן. די מאַסן-אַגיטאַציע מוז אַריבערגיין ניט ווילנדיק אין אַ מאַסן-אַקציע (אין אַ מאַסאָווע טעטיקייט). די רעגירונג מיט אירע רעדיפעס קעגן דידאָזיקע פאַרזאַמלונגען רופט גאַנץ אָפט אַרויס צוזאַמענשטויסן און אף אַזאַ אויפן גיט דער לעבן שוין איצטער די מעגלעכקייט צו לערנען זיך, ווי אזוי פּראַקטיש צו פירן דעם קאַמף, די פּאָליטיק פון „שן תחת שן, עין תחת עין", ביז וואַנען עס

וועט אָנקומען דער טאָג פון דער רעוואָלוציע, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט געבן אַן אַנטשיידענעם קאַמף דעם פאַזיאַטישן צאַריזם.

אַ גרויסע באַדייטונג האָבן אין דער הינזיכט געהאַט די פּאָגראָמען. זיי האָבן אַלע מאָל געצייגט, אַז מע מוז זיך נעמען פאַר געווער צו פאַרטיידיקן זיך. אפילע די שיכטן פון דער געזעלשאַפט, באַ וועלכע די פּאָגראָמען האָבן אַרויסגערופן אַ פאַרצווייפלונג, האָבן אויך איינגעזען, אַז נאָר אין דער זעלבסט־פאַרטיידיקונג ליגט די איינציקע רעטונג; ליידער אָבער האָט זיך נאָך די „געזעלשאַפט" פון דעם ניט אַראָפּגענומען אַ מוסער, אַז עס איז ווייניק נאָר צו פאַרטיידיקן זיך, אַז פון דער פאַרטיידיקונגס־פּאָליטיק מוז מען אַריבערגיין צו אַ מער אַקטיוון קאַמף מיט דעם צאַריזם, אַז עס איז נויטיק ניט צו וואַרטן ביז וואַנען די זעלבסטהערשונג וועט איר פירן צו דער אַקיידע, נאָר מיט אַלע מעגלעכקייטן אַרויסצוטרעטן שוין אין קאַמף קעגן דער פּאָליטישער אָרדענונג, וועלכע איז געבויט אַף אַזעלכע קאָרבאָנעס.

א גרויסע אַרבעט שטייט אונז נאָך אָבער פאָר ביז וואַנען מיר וועלן זיך צוגעוואוינען צו פאַרטיידיקן זיך ניט נאָר קעגן פּאָגראָמען, נאָר אויך אין אונזער אַלטעגלעכן קאַמף מיט די צאַרישע דינער. די געוואַלט־טאַטן פון דער פּאָליציי מערן זיך פון טאָג צו טאָג, און מיר מוזן זיך לערנען צו ענטפערן אַף זיי, ווי דאָס פאָדערט די רעוואָלוציאָנערע ערע.

אין דעם פּראַט האָבן מיר נאָך ניט אַלץ דערגרייכט. דאָס באַווייזן אונז די פאָלגנדע פאַקטן.

אין דווינסק, ווען די דעמאָנסטראַנטן (פון 7 אווגוסט) זיינען צוגעגאַנגען צו דער זשאַנדאַרמעריע־פאַרוואַלטונג, זיינען אַף זיי אָנגעפאלן זשאַנדאַרמען, און זיי זיינען זיך, צום באַדויערן, צעלאָפן. צום באַדויערן, שרייבט מען פון דווינסק, ווייל עס איז געווען לייכט אוועקצוטרייבן די זשאַנדאַרמען.

אַף דער פאַרזאַמלונג פון די 5000 מאַן אין ביאַליסטאָק האָט מען באַשטימט צו גיין צוריק אין שטאָט אַלע צוזאַמען. אַפן וועג האָט מען זיך גע־טראָפן מיט פּאָליציי, אונטער דער אָנפירונג פון פּאָליצמייסטער. די פּאָליציי האָט זיך אַ וואָרף געטאַן אַף דער מאַסע מיט די שווערדן, און אַזוי ווי די מאַסע איז ניט געווען גוט אָרגאַניזירט, איז זי צום אומגליק זיך צעלאָפן. דאָס האָט צוגעגעבן נאָך מער מוט דעם פּאָליצמייסטער און זיינע מעשאָרסים, און זיי האָבן שרעקלעך געשלאָגן די אַרבעטער. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, שרייבט אונז ווייטער דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט, דאָס די, וועלכע זיינען ניט געלאָפן, האָט מען קימאַט גאָר ניט געשלאָגן. קומענדיק צוריק אין שטאָט האָט מען געכאַפּט 90 מאַן אַרבעטער, און באַם אַרעסטירן האָט מען זיי ווייטער געשלאָגן.

* * *

אום צו געבן אַ פולן בילד פון דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף מוזן מיר נאָך כאַראַקטעריזירן זיין אַלטעגלעכן עקאָנאָמישן קאַמף מיט דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. דערדאָזיקער קאַמף פירט זיך אויך אומאויפהערלעך מיט אַ פאַרביטערונג, אָפּטיילנדיק די אַנטקעגנגעזעצטע קלאַסן און שאַרפער אויס־

שטעלנדיק דעם הייפעך פון זייערע אינטערעסן. ווען אין דעם פּאָליטישן קאַמף קומען יאָ פאָר אַזעלכע מאָמענטן, ווען עס ווייזן זיך ארויס אייגנע און דיזעלבע שטרעבונגען אי באַ דעם פּראָלעטאַריאַט, אי באַ דער בורזשואַזיע, איז דאָ, אין קאמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע קיינמאָל קיין שאָלעם ניטאָ. דאָ ווייזט זיך ארויס קלאָר און דייטלעך די קרויוועשאַפט פון דער בורזשואזיע מיט די בורזשואַזע רעגירונגען, וועלכע פּאָליטישע פאָרמען זיי זאָלן ניט האָבן. דאָ זעען מיר אַרויס, ווי די בורזשואזיע און די זעלבסטהערשנדע רעגירונג שטיצן איינע דער אַנדערערס אינטערעסן און טרעטן אַרויס געמיינזאם קעגן דעם אַרבעטער-קלאַס. די אידישע בורזשואַזיע מאכט אין דעם קיין אויסנאם ניט, ווי מיר וועלן זעען פון דער גאַנצער סעריע שטרייקן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען פאַר דערדאָזיקער צייט.

„ענדע יון, שרייבט מען אונז פון קרינקי, האָבן זיך פאַרייניקט די „צוריכטער" פון פלאט, וועלכע אַרבעטן אין אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען פאַר זייער אַ נידעריקן פּרייז. זיי האָבן פאַרקלענערט די צאָל פון פלאטירן — פון 50 אַף 45 שטיק א טאָג. דאס האָט אויפגערייצט די מייסטערס, וועלכע דינגען די ארבעטער אַף אייגענער רעכענונג, און זיי האָבן געמעלדעט די באַלעבאַטים, אַז זאָף אַזוינע באַדינגונגען לוינט זיי ניט דער גאַנצער מיסכער. די פאבריקאַנטן האָבן דאן געקינדיקט די אַרבעטער „14 טעג", אויב זיי וועלן ניט ארבעטן ווי פריער. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע צווישן די גאַרבער, וועלכע האָט געבראכט דערצו, אַז אַלע גאַרבער פון שטאָט האָבן זיך פאריינקט, אום אונטערצוהאלטן די פאָדערונגען פון די „צוריכטער". עס זיינען אַריבער די 14 טעג און די פאבריקאַנטן האָבן איינגעשטימט אף די איצטיקע באַדינגונגען. די אַרבעטער אָבער האָבן איצט געפאָדערט אויך העכערן 1 רובל אפן וואָך סכירעס. די מייסטער האָבן מיטגעהאלטן מיט די אַרבעטער מיט דעם טנאַי, אַז די ארבעטער זאָלן זיי ניט שטערן צו פאָרהעכערן די פּרייזן, אף וויפל זיי דאַרפן העכערן די אַרבעטער. אין אַ מעשעך פון אַ וואָך צייט האָבן זיך געשטעלט קימאט אַלע גאַרבער. עס האָבן געשטרייקט 500 מאַן.

די פאַבריקאַנטן האָבן גלייך געשיקט נאָך דעם אינספּעקטאָר. זיי האָבן אבער אים אומזיסט מאַטריעך געווען. ער האָט אויך גאָרניט געקאָנט מאכן. די אַרבעטער האָבן אים געענטפערט, אז זיי פאָדערן באַצאָלן פאַר זייער אייגענער אַרבעטסקראַפט. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן און אַרויסשיקן נאָך דעם „געבורטסאָרט" אָן אַ שיר. ניט קוקנדיק אַף די פאַרפאָלגונגען, זיינען צוגעשטאַנען צום שטרייק נאָך א טייל גאַרבער „סושניקעס", וועלכע באַשטייט נאָר פון דאָרף-פּויערים. זיי האָבן געפאָדערט העכערן די סכירעס, אַגעוו האָבן זיי דורך זייער שטרייק געמאַכט פאַר די פאַבריקאַנטן אומעגלעך צו פאַרקויפן האַלב-אויסגעארבעטע סכוירע. די לאַגע פון די שטרייקנדיקע האָט זיך דורך דעם פיל פארבעסערט.

דער שטרייק האָט זיך געענדיקט אין 7 וואָכן אַרום מיט דעם פולן זיג פון די אַרבעטער און אַ טיילוויזן זיג פון די מייסטער.

די הויצאָעס פון שטרייק האָבן באטראָפן 700 רובל. שטיצע האָבן צוגע-

שיקט די אָרגאַניזאַציעס פון סמאָרגאָן, ביאַליסטאָק (146 רובל), סאָקאָלקע גראָדנע און סקידל"...

נאָך פּייסעך הויבן זיך אָן אין ביאַליסטאָק שטרייקן באַ שניידער, שטאַט-סקע און וואָיענע. עס האָבן זיך געשטעלט אַלע אַרבעטער ביז 200 מאַן מיט דער פאָדערונג צו פאַרבייטן שטיק-ארבעט אף וואָך-ארבעט. די שטאַטסקע שניידער האָבן געזיגט אין אַ וואָך צייט אַרום, נאָר די וואָיענע זיינען גע-שטאַנען גאַנצע 4 וואָכן. די באַלעבאַטים זיינען געלאָפן צום פּאָליצמייסטער, מע האָט אַרעסטירט 15 מאַן אַרבעטער. קיין סאָלדאַטן האָט מען זיי אָבער ניט געגעבן. די אַרעסטירטע האָט מען פריי געלאָזן און די באלעבאַטים האבן זיך געמוזט סאָפּקאָלסאָף אונטערגעבן. דערמיט האָט זיך דאָס אָבער נאָך ניט געענדיקט. אַלע באַלעבאַטים שניידער האָבן זיך פאַרייניקט און געוואָלט אָפּ-נעמען אַלץ, וואָס די אַרבעטער האָבן אויסגעפּירט. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן פארשיקן די אַרבעטער אין סיביר... און איינער פון זיי, ווען באַ אים האָבן זיך אוועקגעשטעלט די אַרבעטער צוליב דעם, וואָס ער האָט באַליידיקט און אנטזאַגט זייערן א כאַווער, האט אנגעוויזן אף דעם אַנטזאָגטן אַרבעטער א שפּיאָן. דעם אַרבעטער האָט מען אַרעסטירט, און דער באַלעבאָס האָט גע-רעכנט, אַז ער איז שוין מיט דעם פּאַרטיק. ער האָט געשיקט רופן די איבע-ריקע אַרבעטער צו דער ארבעט. די אָרגאַניזאַציע האָט אָבער באַשטימט צו באָיקאָטירן דעם באַלעבאָס ביז וואַנען ער וועט ניט פריי מאַכן דעם אַרבעטער. קיינער גייט צו אים ניט אַרבעטן ביז היינטיקן טאָג, וואָרום דעם ארבעטער האָט ניט ער באַפרייט, נאָר דעם ארבעטערס אַ שוועסטער אף „זאַלאָג".

עס קומט פאָר אין מיטן זומער אַן אַלגעמיינער שטרייק באַ שוסטער, די פאָדערונגען: העכערן די סכירעס און פאַרקירצן דעם אַרבעטסטאָג. עס שטרייקן אויך וועבער, יאַנאָווסקיס פאַבריק א. אז. וו.

קעגן די מאָסער-פּאָליטיק פון די באַלעבאַטים איז דער באָיקאָט דער בעס-טער מיטל. — מיט אַן ערפאָלג האָט זיך אויך געענדיקט א באָיקאָט אין לאָדז. דאָ האָט אויך אַ וועבער געמאַסערט אַף 2 זיינע אַרבעטער דער פּאָליציי און מע האָט זיי אַרויסגעשיקט פון לאָדז. דאַן האָט די דאָרטיקע אָרגאַניזאַציע באַ-שטימט ניט צוצולאָזן צו אים קיין אַרבעטער. ערשט ווען ער האָט זיך געווענ-דעט צו דער אָרגאַניזאַציע און האָט זיך מוידע געווען, אַז ער האָט געטאָן א פעלער, ערשט דאַן האָט די אָרגאַניזאַציע דערלויבט, מע זאָל צו אים גיין אר-בעטן.

אונזער ווילנער קאָמיטעט שטעלט זיך אָפּ נאָר אף די וויכטיקסטע דערשיי-נונגען פון דעם אָרטיקן עקאָנאָמישן קאַמף. ער פאַרנאָטירט נאָר דידאָזיקע שטרייקן: באַ די שטעפּער אין פאַבריקן הארבסט, ביז 200 מאַן; באַ ריווקי-נען אין לעדער-פאַבריק, באַ סירקינען אין דרוק; באַ סעגאַלן אין אַפּטייק-גע-שעפט, בא די זאָקנמאַכערינס און באַ די ווייסע בעקער (150 מאַן).

...א בילד פון א הויכן קלאַסנבאַוואוסטזיין פון דעם מאַסאָוון אַרבעטער שטעלט אונז פאַר א שטרייק פון 20 ארבעטערינס (ניט אָרגאַניזירטע) אין א קליידער-געשעפט. דער שטרייק איז ארויסגערופן געוואָרן צוליב דעם, וואָס

דער באַלעבאָס האָט זיך אנטזאגט צוצונעמען צוריק אף דער שטעלע א בוכ־האַלטער, וועלכן מע האָט אַרעסטירט אף דער דעמאָנסטראַציע.

אן אומאויפהערלעכן און אומערמידלעכן קאַמף קומט אויך פאָר צו פירן די וואַרשעווער אַרבעטער. די באַלעבאַטים ווילן צוריק איינפירן שטיק־אַרבעט אָנ־שטאָט וואָך־ארבעט; פאַרקלענערן די סכירעס און פאַרלענגערן דעם אַרבעטס־טאָג; מיט איין וואָרט, זיי ווילן אָפּנעמען צוריק די פאַרבעסערונגען, וועלכע די וואַרשעווער אַרבעטער האָבן זיך דערשלאָגן דורך א לאַנגן, מיזאמען קאמף. אזא שטרייק קומט פאָר באַ די מעבל־מאַכער, באַ וועלכע די באַלעבאַטים ווילן צוריק איינפירן שטיק־אַרבעט.

באַ די ווייסע סטאָליאַרעס האָט מען געוואָלט איינפירן א לענגערן אר־בעטס־טאָג, און נאָר די ווירקונג פון אונזער אָרגאַניזאציע, וועלכע האָט אַגי־טירט קעגן דעם אף א פאַרזאַמלונג, האָט אָפּגעהאלטן די איינפירונג פון דעם נייס.

א שטרייק איז אויך פאָרגעקומען אף ניימאנס פאַבריק פון לעדער־ארטיק־לען. די אַרבעטער האַלטן זיך דאָ פאַר אריסטאָקראַטישע און זיינען אָפּגעזונ־דערט פון דער גאַנצער מאַסע. פון פּאָליטיק ווילן זיי ניט וויסן. עס אַרבעטן א מאן 80 אידן און קריסטן. זיי האָבן געפאָדערט בעסערע באַהאנדלונג און פאַרקירצן דעם ארבעטסטאָג. לעכאַטכילע האָבן זיי אָנגעשריבן א בריוו דעם באַלעבאָס און געבעטן, ער זאָל זיי „ערלויבן" צו ארבעטן ווייניקער, און אז ער מיט די מייסטערס זאָלן בעסער באגיין זיך מיט זיי. נאַטירלעך, איז אף דעם בריוו קיין ענטפער ניט געווען. ערשט דאן האָבן די אַרבעטער פאַרשטאַ־נען, אז ניט מיט באַקאָשעס וועלן זיי זיך העלפן. אונזער אָרגאַניזאַציע איז זיי געקומען צו הילף און אָרגאַניזירט א שטרייק. אף דער פאַרזאמלונג האָבן גערעדט די פאָרשטייער פון „בונד" און פון פּ. ס. ד. דער שטרייק האָט גע־דויערט א וואָך צייט און מע האָט אים געוואונען...

אָם ענדע מוזן מיר נאָך דערציילן וועגן איין שטרייק, וועלכער באַווייזט אונז דייטלעך, ווי ווייט און טיף עס דרינגט דורך די באַוועגונג אין אלע פאַר־וואָרפענע ווינקעלעך. אין וויסקא־ליטאָווסק, גראָדנער גוב. האָבן זיך געשטעלט אלע אַרבעטער פון שטעטל ביז 50 מאן. זיי האָבן געפאָדערט איינפירן אנ־שטאט דעם אומבאַגרעניצטן ארבעטס־טאָג א 12־שאָעדיקן און האָבן אויסגעפירט נאָך דעם, ווי זיי זיינען א וואָך געשטאַנען. אייניקע באַלעבאטים האָבן זאָגאַר באַצאָלט פאַר דער צייט פון שטרייק. זיי ריכטן זיך, אַז די באַלעבאַטים וועלן פון זייער זייט ארויסרופן אַ שטרייק, קעדיי איינצופירן די אַלטע באַדינגונגען. מע מאַכט דעריבער פאַרזאַמלונגען און מע גרייט זיך צו פאַרטיידיקן.

דער וואוקס פון דער באַוועגונג אין דער טיף און אין דער ברייט איז אַ פאַקט. דאָס באַווייזט אויך די פאָדערונג אף ליטעראַטור, וואָס ווערט שטאַר־קער פון טאָג צו טאָג. קימאַט אין אַלע קאָרעספּאָנדענצן קלאָגט מען זיך אַף דעם מאנגל אין ליטעראַטור, ניט קוקנדיק אַף דער גרויסער צאָל בלעטלעך און פּראָקלאַמאציעס, וועלכע זיינען אונטער דער צייט פאַרשפּרייט געוואָרן.

10. דער אַלגעמיינער וועבער־שטרייק אין ביאַליסטאָק *).

(„דער בונד“, נומ. 1. יאַנוואַר 1904).

די גרעסטע דערשיינונג אין לעבן פון אונזער באַוועגונג פאַר דער לעצטער צייט איז געווען דער לעצטער וועבער־שטרייק. דעם איינדרוק, וועלכן ער האָט געמאַכט, איז אַזוי שטאַרק, אַז אַפילע נאָך איצט הערט זיך נאָך געשפּרעכן וועגן אים. און דאָס איז גאָר קיין כידעש ניט, עס איז געווען שווער גלייך אָף דער רעגע אָפּצושאַצן די ראָלע, וועלכע דער שטרייק האָט געשפּילט אין דעם רעוואָלוציאָניזירן און אויפוועקן צום קאַמף די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. און נאָר איצט, ווען די פּרוכטן, וואָס דער שטרייק האָט געבראַכט, זעען מיר מאַמעש מיט די אויגן, טרעט פאַר אונז אַרויס אין וואַרן געשטאַלט די גרויסע באַדייטונג פון דעמדאָזיקן שטרייק.

דער שטרייק האָט זיך אָנגעפאַנגען אומדערוואַרטעט, צו אים זיינען אָנפאַנגס צוגעשטאַנען אַ קליינע צאָל אַרבעטער. די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע פון „בונד“ האָט גלייך גענומען די פירונג פון שטרייק אין אירע הענט, און לויט איר באַשליסונג האָבן אָף מאָרגן געוואָרפן די אַרבעט אַלע האנט־וועבער, סאַי אידן, סאַי קריסטן. די צייט פאַרן שטרייק האָט זיך בעשום אויפן ניט געקענט רעכענען פאַר אַ גוטע. דער סעזאָן איז געגאַנגען צום סאָף. פאַר דער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען די אויפגאַבע — אויסנוצן דעם שטרייק פאַר איר אַגיטאַציע. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, און דאָס איז ווירקלעך אזוי געווען, אַז דעם ציל צו דערגרייכן וועט איר זיין שווער. אַדאנק דעם, וואָס אין שטאָט בא אונז איז ניטאָ קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל פירן אַ שטענדיקע רעגלמעסיקע אַרבעט צווישן דעם קריסטלעכן פּראָלעטאַריאַט, האָט אונזער אָרגאַניזאַציע געהאַט אַ צווייענדיקע ארבעט: ערשטנס, זאָרגן, אַז דער שטרייק זאָל ניט אָננעמען קיין שמאָל פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער, און, צווייטנס, אַז ער זאָל אויסגענוצט ווערן אויך צום ווירקן אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישן זינען אָף די קריסטלעכע אַרבעטער. און מע מוז מודיע זיין, אַז דידאָזיקע אויפגאַבע האָט די אָרגאַניזאַציע פון „בונד“ ניט שלעכט ערפילט. די אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט אין צייט פון שטרייק אַ גאַנצע רייע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, וועלכע עס האָבן באַזוכט יעדעס מאָל פון 1000 ביז 1500 שטרייקנדע וועבער (בעסאַכאַקל האָבן געשטרייקט ביז 3000 מאַן). אָף די פאַרזאַמלונגען האָט מען גערעדט וועגן דער נויטיקייט פון פירן אַ קאַמף פאר פּאָליטישע פרייהייט, וועגן דער לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס אין דער קאפּיטאַליסטישער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג און וועגן די אויפגאבן און אידעאלן פון פּראָלעטאַריאַט. די פארזאמלונגען זיינען אינגאנצן אָרגאניזירט און איינגעאָרדנט געווען בלויז מיט די קרעפטן פון אונזער אָרגאַניזאַציע. דער אנטייל אין שטרייק פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זי האָט צוגעשיקט א 3—4 מאָל אף די פארזאמלונגען פון די קריסטלעכע ארבעטער, וועלכע מיר האָבן צונויפגערופן, זייערן* א רעדנער.

*) דערדאָזיקער שטרייק איז פאָרגעקומען סאָף 1903, ערעוו דעם רוסיש־יאַפּאָנישן קריג.

בעסאכאקל האָט אונזער אָרגאַניזאַציע געמאַכט 6 פאַרזאַמלונגען. דער גרעסטער טייל ארבעטער זיינען געווען ניט אָרגאַניזירטע. די רעדנער, וועלכע האָבן דערקלערט די ארבעטער, וואָרום אין דער מעמשאָלע פון קאַפּיטאַליזם קען זייער לאַגע ניט גרינדלעך פאַרבעסערט ווערן, וועלכע האָבן זיי גערופן צום באַפרייאונגס-קאַמף, האָבן געמאַכט אַף דער ארבעטער-מאַסע דעם שטאַרקסטן איינדרוק. זי האָט די גאַנצע צייט אַרויסגעוויזן א גרויסן רעוואָלוציאָנערן מוט.

אַף איינער פון די לעצטע פאַרזאַמלונגען, וואו עס זיינען געווען אַן ערך 1500 מאַן, איז אָנגעקומען פּאָליציי. דעם שטעלפאַרטרעטער פון פּאָליצמייסטער, וועלכער איז אויך געקומען, האָט מען לאַנג ניט אַרויסגעלאָזט אַפן פאַבריק-הויז, וואו די פאַרזאַמלונג איז געווען. ענדלעך, נאָך לאַנגע ביטעס פון זיין זייט, האָט מען אים אַריינגעלאָזן. ער האָט זיך געווענדעט צו די ארבעטער מיט א רעדע אל פּי נוסעך זובאַטאָוו *), אַף זובאַטאָווס שטייגער. ער, פאַרשטייט מיך, ווייס אַפּאַנים, אַז די ארבעטער האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן באַ-טראַכטן זייערע איניאָנים און זעט אין דעם ניט איין כּאַסוועשאָלעם קיין שלעכטס. נאָר ער וואונדערט זיך, וואָס זיי האָבן באַ אים ניט געבעטן קיין דערלויבעניש. ער וואָלט זיי דאָס דערלויבן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. די ארבעטער האָבן אים געענטפערט, אַז זיי גלויבן אים ניט, אַז זיין דערלויבעניש האָט באַ זיי קיין ווערט ניט און דעריבער וועלן זיי אים וועגן קיין זאַך ניט בעטן. דער פּאָליצ-מייסטער איז געוואָרן אין קאַאָס, און איז שטיל געוואָרן, נאָר די אַקאַלאַדאַטשנעס, וואָס זיינען געבליבן שטיין אַפן גאַס, האָבן געהאַלטן ענלעכע דראָשעס פאַר די אַרבעטער, וועלכע זיינען זיך צוזאַמענגעקומען.

„עס זיינען דאָ צווישן אייך, האָבן זיי געפּריידיקט, אומרואיקע לייט, איי-ניקע פון זיי שרייען: „נידער מיט דער פּאָליציי!" אַנדערע: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!", די דריטע — אויך עפּעס ענלעכעס. דער טייוול ווייסט זיי, וואָס זיי ווילן, דידאָזיקע מענטשן, נאָר איר הערט זיי ניט, ווייל דאָס אַלץ איז גאָרנישט ווערט".

אַזוינע רייד, פאַרשטייט זיך, האָבן קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט אַף די אַרבעטער, זיי האָבן נאָר א געלעכטער באַ זיי אַרויסגערופן. אַף מאָרגן האָט די אָרגאַניזאַציע, אַלס אַן ענטפער אַף די פּאָליצייאישע דראָשעס, צונויפגערופן נאָך א פאַרזאַמלונג. מען איז זיך נאָך ניט צוזאַמענגעקומען, ווען מע האָט זיך דערוואוסט, אַז פּאָליציי האָט דערשמעקט וועגן דער פאַרזאַמלונג. די פאַרזאַמ-לונג האָט מען פאַנאַנדערגעלאָזן. פּאָליציי און מיליטער, וועלכע זיינען אָנגע-קומען, האָבן שוין קיינעם ניט געפונען, נאָר זיי האָבן באַגעגנט א גרופּע פון 60-70 מענטשן, האָבן זיי אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אין פּאָליציי-הויז. נאַכ-הער האָט מען אָנגעפאַנגען צו כאַפּן ארבעטער פון גאַס, און גרופּעסווייז צו 15-20 מענטשן געפירט אין פּאָליציי. מען האָט אַף אַזאַ אויפן אַרעסטירט אַן ערך 150 מענטשן. ווען אין שטאָט האָט מען זיך דערוואוסט וועגן דער גרוי-סער צאָל אַרעסטירטע, האָט זיך צוזאַמענגעקליבן א גרויסע גרופּע ארבעטער, זיינען אַוועק צו דער פּאָליציי-הויז און האָבן געפאָדערט אָדער מע זאָל באַפרייען

*) זע באַמערקונג 6.

זייערע כאַווירים, אָדער מע זאָל זיי אויך אַריינזעצן. מע האָט זיי צוליב געטאָן און מע האָט זיי אויך צוגענומען, עס זיינען שוין געווען ביז 300 אַרבעטער.

אין דעמזעלבן טאָג האָט אונזער אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן צו מאַכן אַן אַלגעמיינעם שטרייק, די הויפּט-פאָדערונג איז געווען — באַפרייען אַלע אַרעסטירטע אַרבעטער.

די אַרבעטער האָבן זיך מיט אַ גרויסער איינסקייט אָפּגערופן אויף דעם באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע, און אויף מאָרגן (פרייטיק) פרי זיינען שוין געשטאַנען אַלע אַרבעטער, ווענען מע האָט אָנגעזאָגט וועגן שטרייק. די צאָל אַנטיילגענומער אין דעם אַלגעמיינעם שטרייק איז אוממעגלעך גענוי צו באַשטימען. לויט די ידיעות, וועלכע די אָרגאַניזאַציע האָט, איז די צאָל אַן ערך 12-10 טויזנט אידן און קריסטן. אידישע אַרבעטער האָבן, אויסער קליינע אויסנאַמען, קימאַט אַלע געשטרייקט, קריסטלעכע — די, וועמען מע האָט געקענט אָנזאָגן.

די ביאַליסטאָקער אַרבעטער האָבן אין דעם שטרייק אַרויסגעוויזן אַ גרויסע סאָלידאַריטעט און אַ שטאַרקע באַשלאָסנהייט אין דעם באַשיצן זייערע אַלגעמיינע פאָדערונגען.

די שטאָט האָט אין פאַרלויף פון שטרייק אויסגעזען, ווי אַ מיליטער-לאַגער. די פּאָליציי, אין אַ גרעסערער צאָל ווי שטענדיק (מע האָט אַרויסגעפאָדערט הילף פון ווילנע), שפּיאָנען און מיליטער-פּאַטרולן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן אויף יעדן טריט און האָבן פּאַשעט פאַרפלייצט די שטאָט. פרידלעכע איינוואוינער האָבן געזען וואָס ווייניקער אַרויסצוקריכן פון זייערע לעכער. די שטרייקנדע אַרבעטער אָבער פלעגן גרופּנווייז שפּאַצירן איבערן שטאָט און צייטנווייז זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער. דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן די גאַסן גאָר אַן אַנדער אויסזען. די פּאָליציי האָט זיך געפירט ניט אַזוי שטיל, און האָט קיינעם ניט גערירט. מע האָט געזען, אַז זי איז עפּעס היינטיקן טאָג צעטראָגן. יעדער פּאָליציסט האָט געהאַט אַ וואָך פון אַ פּאָר סאָלדאַטן, דער גובערנאַטאָר, וועלכער איז אָראָפּגעקומען פון גראָדנע צוליב דער „טרעוואָגע", האָט זיך געווענדעט צו די אַרבעטער מיט אַ פּראָקלאַמאַציע. ער האָט געשריבן, אַז זיי זאָלן ניט הערן די שעדלעכע אַגיטאַטאָרן, ניט וואַרפן די אַרבעט, און האָט צוגעזאָגט גערעכטיקייט און שוץ די אַרבעטער, וועלכע וועלן זיך פירן פרידלעך און רואיק. די פּראָקלאַמאַציע, וועלכע איז געווען פאַנאַנדערגעקלעפּט איבער גאַנץ שטאָט, האָבן אַרבעטער פאַר דער פּאָליציי אין די אויגן געריסן פון די ווענט. זעענדיק, ווי די רעוואָלוציאָנערע שטימונג וואַקסט בײַ די אַרבעטער, און ניט זייענדיק זיכער, אַז עס וועלן ניט פאָרקומען קיין גרויסע אומאָרדענונגען, האָט די רעגירונג געמוזט נאָכגעבן: דער גובערנאַטאָר האָט באַפוילן פרייטיק אָוונט אַלע אַרעסטירטע אַרבעטער באַפרייען.

אַזוי ווי די הויפּט-פאָדערונג איז געווען ערפילט, האָט אונזער אָרגאַניזאַציע מודיע געווען, אַז דער אַלגעמיינער שטרייק דאַרף זיך ענדיקן.

אין דערזעלבער צייט האָבן קימאַט אַלע פאַבריקאַנטן נאָכגעגעבן די פאָדערונגען פון די וועבער, און די אַרבעטער האָבן זיך געשטעלט טאָן. מע

זאגט, אז דער גובערנאטאר האט באפעלן די פאבריקאנטן ערפילן די פאדע-
רונגען פון די ארבעטער.

כאראקטעריסטיש איז די אויפירונג פון דער פאליציי בעאייס דעם שטרייק.
דער גובערנאטאר האט געהייסן אוועקלאזן אלע קראפט-פאבריקן, וואו די אר-
בעטער האבן געשטרייקט, קעדיי דער אוילאם זאל מיינען, אז דער שטרייק איז
ניט קיין אלגעמיינער. אין די איינצלנע פאבריקן, וואו די ארבעט איז בע-
עמעס געגאנגען, האט מען א נעפעש ניט ארייננעלאזן, און די גאנצע צייט
זיינען זיי באוואכט געווארן מיט א שטארקן פאטרול סאלדאטן.

איצט ארבעטן שוין אלע וועבער, אויסער איין קליינע פאבריק, וועלכע
די ארגאניזאציע האט באשלאסן צו באיקאטירן פאר דער שלעכטער באהאנדלונג
מיט די ארבעטער.

II. דער רוסיש-יאפּאנישער קריג[32]) און זיינע ערשטע ווירקונגען.

11. פּראקלאמאציע פון צ. ק. פון בונד קעגן קריג.

(די מילכאָמע און די זעלבסטהערשונג)

די מילכאָמע! דאָס וואָרט שוועבט איצט אין דער לופטן, ליגט באַ אלעמען אַף די צינגער, ציט צו צו זיך אַלע ראַיוינעס, קריצט אויס אַ באַזונדער שטעמפּל אַף אונזער גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די מילכאָמע פירט זיך צוליב מאַנדזשוריען און קאָרעאַ. רוסלאַנד וויל ניט אַרויסלאָזן פון אירע הענט מאַנדזשוריען און וויל. ניט דערלאָזן, יאַפּאָן זאָל זיך איינפעסטיקן אין קאָרעאַ.

שוין לאַנג צילט רוסלאנד ארייכנאַפּן פאַר זיך נייע לענדער אין וויטן מיזרעך-אַזיען און זיך דערשלאָגן צום יאַם-האַגאָדל[33]). נאָר דאָרט האט זי זיך געטראָפן מיט יאַפּאָן, וועלכע שטרעבט אויך צו פאַרשפּרייטן דעם גוואול פון איר מלוכע און האָט איר אויסזעען אַף דיזעלבע מעקוימעס, ווי רוסלאנד. בעאיים דער מילכאָמע פון יאַפּאָן מיט כינע, מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט יאַפּאָן איינגענומען קאָרעאַ און האָט פאַרנומען פּאָרט-אַרטור, נאָר לויט דעם שאָלעם, וועלכער אוז געווען געשלאָסן נאָך דער מילכאָמע, איז פּאָרט-אַרטור צוריק איבערגעגאנגען צו כינע, און קאָרעאַ איז געבליבן אַ זעלבשטענדיקע מלוכע, נאכהער, אין אַ קורצער צייט אַרום איז געווען כינע געצוואונגען אָפּצוגעבן אין „אַרענדע" (אַף 99 יאָר!) רוסלאַנד פּאָרט-אַרטור. נאָר די רוסישע רעגירונג האָט זיך מיט דעם ניט באַנוגנט און בעאיים דעם באָקסערן-אויפשטאנד אין כינע האָט זי אַריינגעכאַפּט מאַנדזשוריען, אָבער זי האָט עס צוגעזאָגט אומקערן צוריק ענדע 1903-טן יאָר. דעם צוזאָג האָט זי נאָך אַד-האַיאָם ניט דערפילט.. יאַפּאָן האָט גיט געקענט דערלאָזן, אַז רוסלאנד זאָל זי איינגאנצן פון דיזאָזיקע מעקוימעס ארויסשטופן. די באַציאונגען צווישן די צוויי מלוכעס ווערן אַלץ שאַרפער, מע פּרואווט קלוימערשט מאכן אַ פּשאָרע, אָבער די פּראָבע ענדיקט זיך מיט גאָרניט, און אָט רעדט מען איצט איינע מיט דער אַנדערער אַף אַן אַנדער לאָשן — פון ביקסן, האַרמאַטן, באָמבעס, מינעס.

צי נויטיקט זיך רוסלאַנד אין נייע לענדער?

די אייראָפּעאישע מלוכעס, ווי, לעמאָשל, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ווען זיי נעמען איין נייע לענדער, קאָלאָניעס, האָבן דערביי צווייערליי צילן: די נייע לענדער דינען אַלס נייע מערק, וואו די קאַפּיטאַליסטן פאַרקויפן זייערע סכוירעס, וועלכע געפינען ניט קיין קוינים אין דער אַלטער מלוכע, אין דער מעטראָפּאָליע, — אָדער זיי דינען אַלס נייע ערטער, וואוהין די קאַפּיטאַליסטן טראָגן איינגאַנצן אַריבער אַ טייל פון זייערע קאַפּיטאַלן: אין די קאָלאָניעס, וועלכע שטייען אין קולטורעלן הינזיכט נידעריק, באַקומט אָפּטמאָל דער קאַפּיטאַל אַסאַך אַ בעסערן באָדן פאַר זיין עקספּלואַטאַציע, ווי בײַ זיך אין דער אַלטער היים, וואו עס עקזיסטירט אַן אַנטוויקלטע אַרבעטער-באַוועגונג. די מילכאָמעס מיט פרעמדע פעלקער, אָדער ביכלאַל זייער קאָלאָניאַל-פּאָליטיק פירן שטענדיק די אייראָפּעאישע מלוכעס נאָר צוליב די אינטערעסן פון דעם קאַפּיטאַליזם: אומעטום אין אייראָפּע געפינט זיך די רעגירונגס-מאַכט אין די הענט פון דער בורזשואַזיע, און זי לייגט אַרויף איר כסימע אַף דער אויסערלעכער פּאָליטיק.

דער פּראָלעטאַריאַט איז אין קיין פאַל ניט פאַרינטערעסירט אין איינעמען און אונטערטעניק מאַכן פרעמדע אומעס.

דער פּראָלעטאַריאַט שטרעבט אומעטום צו פאַרניכטן די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע, ער טרעט שטענדיק פיינטלעך אַרויס קעגן זיינע אייגענע עקספּלואַטאָרן, ער איז אויך קעגן דעם, אַז זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט עקספּלואַטירן לוין-אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנען און באַרויבן פרעמדע פעלקער. דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע פעלקער און לענדער זיינען פאַראייניקט דורך איין ציל, זיי שטרעבן, יעדער אין זיין לאַנד און אַלע צוזאַמען אין דער גאַנצער וועלט, צו פאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם, צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. מילכאָמעס, דאָס איינעמען מיט געוואַלט פעלקער קען נור שאַטן ברענגען דעם פּראָלעטאַריאַט, ווייל דאָס באַשאַפט אַ פיינטשאַפט צווישן פאַרשיידענע נאַציאָנען, הערשנדע און באַהערשטע, דערוועקט די שאָוויניסטישע געפילן און פאַרהאַלט דעם וואוקס פון ברידערלעכע סאָלידאַריטעטס-געפילן בײַ די פּראָלעטאַריער. דערום טרעט אַרויס אומעטום דער קלאַסנבאַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריאַט קעגן מיליטאַריזם, קעגן מילכאָמע און רייסונגען צווישן פאַרשיידענע נאַציאָנען און ראַסן.

רוסלאַנד — זאָגט מען — מוז האָבן מאַנדזשוריען, און אום צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, מוז זי זיין אַ באַלדייע אין קאָרעע און אַ באַלעבאָס אַף דעם טייל פון יאַם-האַגאָדל, וועלכער ליגט בײַ די ברעגעס פון קאָרעע, ווייל אַנדערש וועט זי, ווי דאָס איז געענגי דערוויזן, מיט מאַנדזשוריען ניט קענען זיכער זיין.

ווער אָבער אין רוסלאַנד נויטיקט זיך אין דעם?

דער רוסישער קאַפּיטאַליזם, זאָגט מען אונז, געפינט ניט קיין קוינים פאַר זיינע סכוירעס אין רוסלאַנד, מאַנדזשוריען וועט עפענען פאַר אים נייע מערק — מאַנדזשוריען איז אַלזאָ נויטיק פאַר אונזער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע.

אַז דער רוסישער קאפּיטאַליזם האָט געמאַכט נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם אַלגעמיינעם קאַפּיטאַליסטישן קרענק, קריזיסן, איז טאַקע עמעס. נאָר צי שטאַמט דאָס פון דעם, וואָס ער האָט אין זיין אַנטוויקלונג דערגרייכט אַזאַ הויכע מאַדרייגע, ווי דער קאַפּיטאַליזם אין די אייראָפּעאישע לענדער? געוויס ניט. אונזער קאַפּיטאַליזם איז נאָך יונג און ווען אונזער לאַנד וואָלט זיך אַנטוויקלט אויף דעמזעלבן שטייגער, ווי די איבעריקע מלוכעס פון אייראָפּע, וואָלט ער פאַר זיך איצט ניט געדאַרפט זוכן נייע מערק אין מיזרעך-אַזיען, וואָלט ער שוין אַזוי גיך ניט געפאָדערט קיין מענטשלעכע קאָרבאָנעס. אין אונזער לאַנד הערשט אָבער די צאַרישע רעגירונג, וועלכע האָט מיט איר אינערלעכער פּאָליטיק פאַראָרימט דאָס פאָלק. די פויערים, וועלכע בילדן דאָס ראָוו פון דער באַפעלקערונג, שטאַרבן פון הונגער, ווייל די רעגירונג האָט זיי געלאָזן אָן ערד און שטערט דער אַנטוויקלונג פון זייער ווירטשאַפט אויף יעדן טריט און שריט. מע דערלאָזט צו זיי ניט קיין שטראַל פון ליכטיקייט, פון בילדונג, מע האַלט זיי אין אומוויסנהייט. דאָס גלייכן איז פאַרכווישעכט דער אַרבעטער-קלאַס, וועלכער ווערט אומבאַגרעניצט עקספּלואַטירט פון די קאַפּיטאַליסטן, זיינע גייסטלעכע און מאַטעריעלע באַדערפענישן זיינען בכלל נידעריקע. די גאַנצע געזעלשאַפט געפינט זיך אונטער אַ שטרענגער השגאָכע פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט און קען קיין זעלבסטעטיקייט ניט אַרויסווייזן. דאָס פאָלק ברענגט דערצו, דאָס די גאַנצע לאַנד איז פאַראָרימט, און אונזער קליין-אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליזם געפינט ניט אַרום זיך אַ גענוגנדיקע צאָל קוינים אויף סכוירע. ניט אין מילכאָמעס, ניט אין נייע לענדער נויטיקט זיך אונזער קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, נאָר אין דעם, אַז די באַציאונג פון דער רעגירונג צום פאָלק זאָל זיך אינגאַנצן ענדערן, און דאָס איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען די זעלבסטהערשונג וועט אויפהערן צו עקזיסטירן. פון דעם איז ניט געדרונגען, דאָס אונזער בורזשואַזיע וועט געוויס אַרויסטרעטן אַלס אַ רעוואַלוציאָנערע קראַפט קעגן דער רעגירונג. עמעס, די אינטערעסן פון קאַפּיטאַליזם פאָדערן די פאַרניכטונג פון דער זעלבסטהערשונג, אָבער די מוירע פאַר דער וואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער מאַכט פון פּראָלעטאַריאַט איז זייער גרויס בא דער בורזשואַזיע, און זי האַלט זיך פעסט פאַר די פליגלען פון דעם צוויי-קעפּיקן אָדלער[34]. די רוסישע בורזשואַזיע, איבערהויפּט די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, האַלטן אונטער די פּאָליטיק פון דער רעגירונג אין מיזרעך-אַזיען, ביפּראַט נאָך, ווען זי, די רעגירונג, מאַכט שווער אין די נייע איינגענומענע לענדער דעם אַריינפירן סכוירעס פון פרעמדע פעלקער און מאַכט זיי, די קאַפּיטאַליסטן, פאַר די איין-איינציקע הערשער.

נאָר מער פון אַלעמען איז פאַראינטערעסירט אין דער איצטיקער מילכאָמע און מאַסן-האַריגעס — די רוסישע זעלבסטהערשונג. דער צאַרישער דעספּאָטיזם קען נאָר מיט געוואַלט, מיט דער קראַפט פון פיזישער מאַכט איינהאַלטן זיין הערשונג. ביז די לעצטע יאָרן האָט זיך דער זעלבסטהערשנדער טראָן געהאַלטן אויף דער אומוויסנהייט פון פאָלק, אויף דער בלינדער טרייהייט צו דעם „באַטיושקאַ צאַר”. נאָר די לעצטע יאָרן ברענגען מיט זיך אין רוסלאַנד אַ

וואונדער-גרויסע פארענדערונג. עס אנטשטייט א רעוואָלוציאָנערע סאציאַל-דעמאָקראַטישע ארבעטער-באוועגונג אין רוסלאַנד, זי וועקט און רופט צום לעבן פארשיידענע אָפּאָזיציאָנעלע שטרעבונגען אין דער געזעלשאפט. די אומצו-פרידנהייט וואקסט, דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון דעם אלרוסישן פּראָלע-טאריאט שטייגט און ווענדט זיך מיט א מוירעדיקער מאכט קעגן דעם גרעסטן פיינט פון רוסלאַנד, — קעגן דער זעלבסטהערשונג. די רעגירונג באנוצט אלע אירע קרעפטן אום צו פארשטיקן דעם העלישן פייער, וועלכער האט פאר-כאפט גאנץ רוסלאַנד פון אלע עקן, מע טראכט אויס פארשיידענע מיטלען, אום אָפּצושטעלן דעם שטורם-גאנג פון דער רעוואלוציע. נאָר אומזיסט! עס העלפן ניט די קאַזארמעס, עס העלפט ניט זובאטאָוו. עס ברענגען ניט קיין נוצן אפילו אידישע פּאָגראָמען.

דער אינערלעכער צושטאנד פון רוסלאַנד האט ניט געקענט בלייבן בעסאָד פון דער גאנצער וועלט. די אייראָפּעאישע מלוכעס, די אייראָפּעאישע בורזשו-אזיע, וועלכע האט ביז איצט געשטיצט דעם צאר מיט איר געלט, הויבט אָן אין אים צו דערקענען א געפערלעכן כוילע, און ער ווערט בא איר א שוואַ-כער באלבעטוען. די זעלבסטהערשונג אָבער קאָן אָן האלוואָעס ניט אויסקומען. פונם אויסגעהונגערטן פאָלק איז ניטאָ וואס צו נעמען, און געלט דאַרף מען האָבן אף זשאנדארמען, שפּיאָנען, פּאָליציי, קאזאקן און כאיל, ווייל אָן די כפייצים איז זיך ניט מעגלעך צו האלטן אף דער וועלט. די רעגירונג האט גענומען זוכן מיטלען אויפצוהויבן איר קרעדיט אין די אויגן פון דער אייראָ-פּעאישער בורזשואזיע. דער בעסטער מיטל דערצו איז געווען — שפּילן א ראָ-לע פון א מעכטיקער מלוכע, וועלכע נעמט איין אלץ נייע און נייע לענדער, וועלכע האט א מעכטיקן פלאָט, א שטארקן כאיל. די אויסערלעכע פּאָליטיק פון דער זעלבסטהערשונג האָט נאָר דעם ציל צו פארבלענדן די אויגן פון דער גאנצער וועלט, אויפהויבן דעם מאָראלישן אוטאָריטעט פון דער רע-גירונג, וועלכע שטייט ערעוו א שרעקלעכן באנקראָט. דידאָזיקע פּאָליטיק האט זיך געטראָפן אין ווייטן מיזרעך-אזיען מיט דער אויסערלעכער פּאָליטיק פון דער יאפּאָנישער מלוכע.

יאפּאָן איז א לאנד, וועלכע שטייט אף א הויכער שטופע פון אנטוויק-לונג, די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע פון יאפּאָן איז דערגאנגען ביז אזא מאד-רייגע, דאס זי האט זיך שטארק גענומען נויטיקן אין אויסערלעכע מערק. דאס האט געצוואונגען די יאפּאָנישע רעגירונג מאכן נייע דעראָבערונגען, פארכאפּן נייע לענדער. זי האט זיך באגעגנט מיט דער רוסישער רעגירונג און די בא-געגעניש האט לעסאָף געבראכט, האט געמוזט ברענגען צו א באוואָפנטן צוזא-מענשטויס, צו מילכאָמע. דער גאנצער שולד פאר דער מילכאָמע פאלט אף די קעפּ פון די רעגירונגען, וועלכע האבן צו איר געבראכט.

אונזערע כאַווירים, יאפּאָנישע סאציאַל-דעמאָקראטן, האָבן דאס גוט פאר-שטאנען און האבן אָפן פּראָטעסטירט קעגן דער פּאָליטיק פון זייער רעגירונג. זיי האָבן מיט זייער פּראָטעסט אונז געמעלדעט, דאָס זיי זיינען קעגן דעם אויסקוילענען פון זייערע ברידער, רוסישע סאָלדאַטן, אַזוינע

אַרבעטער ווי זיי זעלבסט; דאָס זיי האַלטן די האַריגעס פאַר איינע פון די שענדלעכסטע און פירכטערלעכסטע פאַרברעכן פון זייער בורזשואַזער רעגירונג.

די מילכאָמע פירט זיך, מענטשלעכעס בלוט פאַרגיסט זיך, יעדער סי-בירער צוג פירט אוועק אַלץ פרישן און פרישן לעבעדיקן האַרמאַטן-שטאָף אַף דעם שלאַכט-פעלד.

דער צאַר האט ניט געפרעגט די דייע פון פאָלק פאַר דער מילכאָמע; מיר, אַרבעטער, האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו ווירקן אַף דער רעגי-רונג און ניט דערלאָזן איר צו איר שרעקלעכן טאַט. ערשט איצט, ווען די זאַך איז שוין אָפּגעטאָן, ווען אונזערע ברידער לייגן אַוועק זייערע ביינער אַף דעם מיזבייעך פון דער מילכאָמע, ווען זייערע קינדער און אַלמאָנעס בלייבן אַף אונזערע הענט, פאַנגט מען אָן זיך צו אונז אויך צו ווענדן, מע וויל אונז, ביכלאַל דאָס גאַנצע פאלק, פאַרבלענדן די אויגן, איינריידן, אַז די מיל-כאָמע האט מען ניט געקענט אויסמיידן. דעם גאַנצן כעט וואַרפט מען אַרויף אַף יאפאַן: דאָס האט זי געצוואונגען דעם רוסישן צאַר, וועלכער איז דורכ-גענומען מיט פרידלעכע געפילן, זיך נעמען פאַרן ביקס און האַרמאַט, ווייל זי, יאַפּאַן, האָט איבערגעריסן די פאַרהאַנדלונגען וועגן א פרידלעכן אָפּמאַך און איז די ערשטע באַפאַלן אונזערע קריגס-שיפן. אַזא האָזע פון די אַזיאַטן האָבן מיר שוין ניט געקענט אַריבערטראָגן און „אונזער ציל דאַרף זיין — אַ „שריד ופליט" ניט לאָזן פון דעם סוינע סאַי אפן יאַם, סאַי אַף דער יאַבאָשע".

מיר, סאָציאַל-דעמאָקראַטן, ווען, פאַרשטייט זיך, אין קיין פאַל ניט נעמען אונטער אונזער שוץ די יאַפּאַנישע רעגירונג שוין דערפאַר אליין, וואס זי איז די אָרגאַניזירטע מאַכט פון די הערשנדיקע באַזיצנדיקע קלאַסן פון יאפּאַן, מיט וועלכע עס קען בא אונז קיין שום סאָלידאַריטעט ניט זיין. מיר קענען ביכלאַל ניט באַרעכטיקן מילכאָמעס, מענטשלעכע האַריגעס, אפילע ווען די האַריגעס קומען פאָר ניט ערגעץ וואו אַף א אידישער גאס, נאָר אַף דעם „פיינבסטן" (?) אויפן מיט א געזאַנג פון „באָזשע צאַריא כראַני"[35] אַף די לעפצן. נאָר מיר האַלטן פאר נויטיק צו אנטפלעקן דעם פאַרבאָרגענעם זין פון די צעוואוּאישע ווערטער פון דעם צאַרישן מאַניפעסט, פון די רעדעס, פון די שרייבעכץ פון די צאַרישע דינער. מיר צווייפלן ניט אַף איין מינוט, אַף איין רעגע, אַז די רוסישע רעגירונג וואָלט דאָסזעלבע געטאָן, וואס יאפּאַן, ווען דאָס וואָלט נאר פאַר איר געלוינט, וועהאָראַיע, אַז בעאייס דעם טערקישן קריג האָט זיך מיט איר פונקט אזא סיבע געטראָפן: גלייך נאָכדעם, ווי זי האט אָפּגערופן איר באָטשאַפט, האָט זי אָן מעלדונג וועגן מילכאָמע באַפאלן דעם טערק.

די אַלע רייד וועגן יוישער (די רעגירונג פון ניקאָלאַי און פון פּאָ-פלעווע[36] רעדט וועגן יוישער!!), וועגן גערעכטיקייט, וועגן „האָזע" א.ד.גל. האָבן נאר איין ציל — באַרעכטיקן די רעגירונג אין די אויגן פון פאָלק, דערוועַרבן זיין סימפּאטיע פאַר דער מילכאָמע. אין אזא צייט, ווען די רעגירונג איז אזוי פאַרנומען, איז באַזונדערס וויכטיק פאַר דער זעלבסטהערשונג, אַז

אינעווייניק, באַ זיך אין דער היים, זאָל זיין „שלום ושלוה". איצט ווענדט מען זיך צום פאָלק און מע דערציילט אים, אז ער האָט א פאָטערלאנד, אז ער דאַרף זיין לעבן פאַר אים מאָקריוו זיין. ביז איצט האט מען דאָס פאָלק מיט נאַגאַיקעס געטריבן אין די הייזער, ווען נאָר ער פלעגט זיך דערוועגן אָפן ארויסזאָגן זיין מיינונג. איצט רופט מען אים דורך גאָטעס-דינסטן, געלט-נעדאָ-ווען, דעמאָנסטראַציעס אויסדריקן זיינע פאַטריאָטישע געפילן. איבערגעטאָנענע גאָראָדאָוויעס, פאָזשארניקעס, שפּיאָנען, טשינאָווניקעס קלייבן זיך צונויף אין טעאַטערן, זינגען „באָזשע צאריא כראני", שרייען הוראַ, מאַרשירן מיט פאָ-נעס און מוזיק איבער די גאַסן. מיט דעם אלץ וויל די רעגירונג דערוועקן די פאַטריאָטישע געפילן, דעם שאָוויניזם, די ליבשאַפט צום צאַר. ביז איצט האָט די זעלבסטהערשונג געהעצט איין נאַציע אַף דער צווייטער, געמאַכט אידישע פאָגראָמען, געטריבן אידן פון דעם זעלבן פאָרט-אַרטור, וואוהין מען שיקט זיי איצט זייער בלוט פאַרגיסן; געשטיקט פוילן, פינלאַנד, ארמעניען א. אז. וו. איצט דאַרשנט מען וועגן אַכדעס צווישן אלע אומעס. וועגן דעם, אז דאָס פאָטערלאַנד דאַרף זיין טייער באַ אלעמען, אָן אונטערשייד פון נאַציע און רעליגיע, אַז אלע דאַרפן אוועקלייגן זייער לעבן פאר דעם „הייס געליבטן" צאַר א. אז. וו., א. אז. וו.

אין די אלע רייד, אין די אלע ווענדונגען צום פאָלק לאָזט זיך פילן, ווי גרויס עס איז די אומזיכערהייט פון דער זעלבסטהערשונג אין די באַציאונגען צו זיך פון פאָלק! נאָר די ליבשאַפט, איבערגעבנהייט האָט א מאַמאָשעס, וועלכע גיסט זיך ארויס פריי פון טיפן האַרצן, אָבער ניט די, וועלכע מע לייגט אַלפּי נויט ארויס...

דאָס „פאטערלאנד"? צי דען איז דאָס פאָטערלאנד אין געפאַר? אין קיין פאַל ניט. אין געפאַר איז די רוסישע זעלבסטהערשונג. דער צאַר און זיינע דינער אונטערשיידן ניט די באַגריפן „פאטערלאנד" און „זעלבסטהערשונג". זיי שטעלן נאָך די לעצטע העכער פון דעם ערשטן. אָבער מיר קענען קיין טאָעס ניט האָבן. ניט פון די יאַפּאָנער שטעקט אַ געפאַר פאר אונזער „פאָ-טערלאַנד", נאָר פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג. און די רוסישע זעלבסטהערשונג קענען מיר, ארבעטער, ניט באַשיצן.

די מילכאָמע פירט זיך ניט לעטויוואָס אונזער פאָטערלאַנד. די מילכאָמע וועט ברענגען נוצן א קליין הייפל רוסישע קאפיטאליסטן, זי האָט אָבער הויפטזאַכלעך דעם ציל צו ראַטעווען די רוסישע זעלבסטהערשונג.

נאָר מיר זיינען זיכער, דאָס די מילכאָמע וועט זיין דער לעצטער טראָפן, וועלכער וועט איבערפילן דעם בעכער פון די ליידן, וואָס די זעלבסטהערשונג פאַרשאפט דעם גאַנצן רוסלענדישן פאָלק ביכלאל און אונז, פראָלעטאַריער, ביפראָט.

די צייט, ווען די זעלבסטהערשונג וועט זיין געצוואונגען אַן ענדלעכן כעשבן געבן פאַר אלע אירע מאַיסים, פאר אלע אירע פאַרברעכן, דערנעענ-טערט זיך. מיר, סאָציאל-דעמאָקראטן, דאַרפן אָנווענדן אלע אונזערע קרעפטן, אום די געווינשטע צייט צו דערנעענטערן. איצט, ווען די רעגירונג באַנוצט

זיך מיט יעדער געלעגנהייט, אום צו פאַרפינסטערן דעם באַוואוסטזיין פון פאָלק, דערוועקן אין אים די נידריקסטע בלוטגיריקע געפילן,—איז מיט נאָך מער ענערגיע טראָגן ליכט אין די ברייטע אַרבעטער-מאַסן, עפענען זיי די אויגן אויף די פאַרבאָרגענע צילן פון דער רעגירונג, דערווייזן, וואָס פאַר א שרעקלעכער פאַרברעכן איז און ווי שעדלעך עס זיינען פאַר דעם פּראָלעטאַריאט די מוירעדיקע האַריגעס, אויף וועלכע מע טרייבט אונז גיין. מיר האָבן קיין זאַך ניט קעגן יאַפּאַנישן פאָלק; מיט די יאַפּאַנעזער פּראָלעטאַריער פאַרבינדן אונז די ברידערלעכע געפילן פון פּראָלעטאַרישער איינהייט; מיר קענען אָן א שוידער ניט טראַכטן, דאָס אונז וועט עפּשער אויסקומען זיך צו טרעפן מיט אונזערע ברידער, יאַפּאַנישע אַרבעטער, אויף דעם שלאַכט-פעלד, און אָנשטאָט צו געבן איינע די אַנדערע די הענט, פיליכט אומברענגען איינער פאַר דעם אַנדערן א טויט-אורטייל.

א האַס, אַ קללה, א דרייפאַכע קללה די בורזשואַזע רעגירונגען, דער בורזשואַזער וועלט-אָרדענונג, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט אַזוינע שענדלעכע פאַרברעכן!

לאָמיר, כאַווערים, אָנווענדן אַלע אונזערע קרעפטן, אום צו דערוועקן דעם אַרבעטער-קלאַס, דאָס גאַנצע פאָלק קעגן אונזער זעלבסטהערשנדיקער רעגירונג, קעגן דער שענדלעכער מילכאָמע, וועלכע זי פירט אָן אונזער וויסן און קעגן אונזער ווילן.

נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! עס לעבע די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט!

עס לעבע דער אַלגעמיינער פרידן צווישן אַלע פעלקער!

דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד".

פעוראַל 1904.

12. ווי דאַרף מען רעאַגירן אויף די מאָביליזאַציעס.

(„אונזער ענטפער אויף דער מאָביליזאַציע"; „דער בונדר", נומער 4. אַווגוסט 1904)

...דער שרעק פאַר דער מאָביליזאַציע הענגט ווי אַ שווערער וואָלקן איבער אַלע אונזערע שטעט און שטעטלעך. עס איז ניטאָ קיין רו, קיין זיכערקייט. קימאַט אין יעדער מישפּאָכע געפינט זיך ווער עס איז, ווע֗מען מע קען, ווי אַ „זאַפּאַסנעם", אין א מעשעך פון עטלעכע שאָ איינגאַנצן אָפּרייסן פון זיינע געשעפטן, פון זיין פאַמיליען-לעבן, און אָן קיינע שאילעס און מאילעס אוועקשיקן אין מיזרעך-אַזיען פאַרגיסן דאָס בלוט פאַר די אינטערעסן פון דער רוסישער רעגירונג.

די מאָביליזאַציע איז א גרויסער אומגליק פאַרן פאָלק, און עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען קאָנען ניט בלייבן גלייכגילטיק און שווייגן דאַן, ווען דאָס פאָלק קאָרטשעט זיך פון ליידן, ווען

די אונטערדריקונג פון דער רעגירונג און פון די הערשנדע קלאסן דערגרייכט ביז דעם העכסטן גראַד. דער קלאַסן־באַוואוסטער פראָלעטאַריאַט מוז זיך אָפּ־רופן אַף אזא וויכטיקן פאַקט אין דעם לעבן פון פאָלק, ווי די מילכאָמע, ער מוז אויסנוצן יעדן צופאַל צו באווייזן, ווי ער באַציט זיך צו דער רויבערי־שער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, ווי ער קוקט אף די אלע רעזולטאטן פון דערדאָזיקער פּאָליטיק.

אָבער ווי אַזוי קען ער אויסנוצן די מאָבּיליזאַציע, אַלס אַ פּראָטעסט קעגן דער הערשנדער פּאָליטישער אָרדענונג?

די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געפונען פּאַר מעגלעך, צווישן אַנדערע מיטלען, צו געבן דער מאַסע אן אייצע, זי זאָל זיך ניט שטעלן צו מיליטער, זי „זאָל באַצייטנס אנטלויפן פון דעם שענדלעכן יאָך".

מיר מיינען, אז מיט אזוינע אייצעס קאָנען זיך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען צו דער מאַסע ניט ווענדן.

מיר קאָנען זיך לייכט אָפּגעבן א כעשבן אין דעם, וועלכע אורזאַכן טרייבן די אייגוואוינער פון רוסלאַנד, באַזונדערס די, וואָס געהערן צו די אונטער־דריקטע נאַציעס, צו וויכן פון מיליטער־דינסט, אינגאנצן צו פארלאָזן רוסלאַנד דאַן, ווען עס שמעקט ניט נאָר מיט עטלעכע יאָר מיליטער-דינסט, — נאָר מיט פאַרגיסן בלוט, מיט לעבן-אָפּפער. די אורזאַכן ליגן אין דער סיסטעם פון מי־ליטאַריזם, וועלכע טראָגט באַ אונז אַ באזונדערס העסלעכע פאָרם, צוליב דער זעלבסהערשנדער סיסטעם.

...אין דער צייט פון א מילכאָמע ווערט דאָס אלץ פאַרשאַרפט. באַם פאָלק האָט מען ניט געפרעגט, צי מע זאָל די מילכאָמע אָנפאנגען; דאָס פאָלק האָט אינגאַנצן זייער ווייניק געוואוסט וועגן דער גאַנצער פּאָליטיק פון צאַריזם אין מיזרעך-אַזיען. די גאַנצע מילכאָמע איז פאַר אים א פרעמדע זאַך. דער גרעסטער טייל גייט פונדעסטוועגן געהאָרכזאַם פארגיסן בלוט פאַר אַ גאָר פרעמדע זאַך, ווייל מע צווינגט דאָס צו טאָן, ווייל דאָס אומבאַוואוסטזיניקע פאָלק איז די גאַנצע צייט געוואוינט צו טאָן אלץ, וואָס עס הייסן אים זיינע הערשער. אונז קען אָבער זיין גאַנץ פארשטענדלעך, ווען אַ צווייטער, פיל קלענערער טייל, וויל ניט אָפּפערן מיט זיין געזונט און לעבן פאר א זאַך, וועלכע איז אים אינגאַנצן פרעמד, וועלכע ניט ער האָט ארויסגערופן און וועלכע ברענגט אים דערווייל מער ניט ווי שאָדן.

באַ די געדריקטע נאַציעס איז דער געפיל פון פרעמדקייט נאָך שטאַרקער, ווייל זיי האָבן געליטן נאָך מער רעדיפעס פון צאריזם, ווייל זיי איז שווער אונטערצוואוארימען מיט „פּאטריאָטישע" ארטיקלען און רעדעס, און דעריבער איז דער פּראָצענט לויפנדע באַ זיי באַזונדערס גרויס. די „זאַפּאַסנע" לויפן, ניט ווייל זיי זיינען טרוסן, ווי דאָס טאַינען די פייערדיקע „פּאַטריאָטן", נאָר ווייל זיי פילן ניט קיין פארבאַנד מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, געפינען אין זיך ניט קיין פארלאַנג צו אָפּפערן מיט זייער לעבן פאַר דער סיסטעם, וועלכע ברענגט זיי מער ניט ווי טרערן אוןליידן. זיי זעען ניט איין, אז די יאַפּאָנער זאָלן זיין אַן עמעסע געפאַר פאַר זייער פאָטערלאַנד, זיי פילן, אז

די מילכאָמע איז ניט קיין קאַמף פאַר די פאָלקס-אינטערעסן, זיי זעען גאָר ניט אין די יאַפּאַנער די בלוטיקסטע סאָנים זייערע, וועלכע מע מוז פון דער וועלט אומברענגען.

אין דעם אַנטלויפן פון די „זאַפּאַסנע" קאָנען מיר איינזעען אן אומבאַוואוסט-זיניקן פּראָטעסט קעגן דער פּאָליטישער אָרדענונג, וואָס הערשט אין אונזער לאַנד. אָבער צי העלפן זיי מיט זייער לויפן צו לייזן די אַלגעמיינע פּראַגע וועגן דער פּאָליטישער אונטערדריקונג אין אונזער לאַנד? צי טראָגן זיי מיט זייער לויפן וואָס עס איז אַריין אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר דער פאָלקס-באַפרייאונג? דורך דעם אנטלויפן באַפרייען זיי זיך פון די שרעקלעכע ליידן, וועלכע די מילכאָמע ברענגט דעם פאָלק, אָבער פון דעם ווערן די אלגעמיינע ליידן ניט גרינגער, די אַלגעמיינע צאָרעס ניט וויניקער; דער גאַנצער פּראָ-לעטאַריאַט קען דאָך ניט אנטלויפן. די, וואָס קאָנען ניט לויפן און פאַרבלייבן, יענע זיינען געצוואונגען אויסצוטראָגן אף זייערע אייגענע פּלייצעס די שרעק-לעך שווערע מאַסע פון דער מילכאָמע, זיי מוזן באַצאָלן מיט זייער בלוט, מיט זייער אומדערטרעגלעכער האָרעוואַניע פאַר די פאַרברעכן און גזיילעס פון דער רוסישער רעגירונג.

און די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע דאַרף דאָך טאַקע געבן אן ענטפער אף די אַלגעמיינע ליידן, זי שטרייט דאָך ניט פאַר דער באַפרייאונג פון איינצלנע מענטשן, נאָר פאַר דער באַפרייאונג פון גאַנצן פאָלק. איר קאַמף איז געווענדעט קעגן דער גאַנצער הערשנדער סיסטעם; און דעריבער קאָן אין די מיטלען, וועלכע מיר, אַלס רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, לייגן פאר דער מאַסע, דורך וועלכע זי דאַרף באַוואוסטזיניק פּראָטעסטירן קעגן דער מילכאָמע, קעגן דער גאַנצער אָרדענונג פון בלוט און אונטערדריקונג, קען דאָס אַנטלויפן ניט אריינ-גיין. מיר קאָנען דעריבער ניט ראַטן דער מאַסע: „לויפן פון דעם שענדלעכן יאָך", מיר קאָנען איר נאָר זאָגן: „קעמפט קעגן דעם שענדלעכן יאָך!" דאָס אנטלויפן איז ניט קיין קאַמפּס-מיטל, מיר אָבער האָבן דאָך פאַר דער מאַסע נאָר מיטלען צום קאַמף. אין דעם ארסענאַל פון אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי קאָנען זיך געפינען נאר דירעקטע קאמפּס-מיטלען, אָבער אין קיין פאַל ניט מיטלען, ווי צו וויכן פון קאַמף.

מיר קאָנען ראַטן לויפן פון מיליטער נאָר די, וועלכע טרעטן אַרויס פון דער צאַרישער ארמיי, קעדיי ארייַנצוטרעטן אין אונזער אַרמיי, אין אונזערע רעוואָלוציאָנערע רייען.

די מאָביליזאַציע גיט אונז אַ גאַנצע רייע צופאַלן, אין וועלכע מיר קאָנען אויסדריקן אונזער פּראָטעסט קעגן צאַריזם, אונזער פּראָטעסט קעגן דער מיל-כאָמע, אונזער פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דאָס פאָלק לאָזט זיך געהארכזאם פירן אפן שלאכטפעלד, ווייל עס איז אומוויסנד, ווייל עס שטעלט זיך גאָר אָפּטמאָל ניט פאָר, אַז מע קען פּראָטעסטירן, אַז מע קען ארויסטרעטן קעגן די, וועלכע האָבן אים פאַרשמידט אין די קייטן, קעגן די, וועלכע זיינען שולדיק אין זיינע אומזיסטע ליידן. דער קלאסנבאַ-

וואוסטער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיין פאַר אים אַ מאָשל פון אומגעהערכזאמקייט, אַ מאָשל פון פּראָטעסט און קאַמף.

אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן דער גאזלאָנישער פּאָליטיק פון צאַריזם וואָלט געווען, ווען די „זאַפּאַסנע“ וואָלטן מאסנווייז זיך אנטזאגט אריינצוטרעטן אין דער אַרמיי, ווען זיי וואָלטן זיך, ווי איין מענטש, אנטזאגט צו גיין, ווי שעפּסן אף דער האריגע, אין מיזראַך-אזיען. די רעגירונג וואלט זען, אז זי האָט צו טאָן ניט מיט געהארכזאמע שקלאַפן, נאָר מיט באַוואוסטזיניקע מענטשן, מיט קלאסנבאוואוסטע פּראָלעטאַריער, וועלכע ווילן ניט זיין קיין בלינדע ווערקצייג אין די הענט פון זייערע אונטערדריקער. דאָרט, וואו עס איז מעג-לעך ארויסצורופן אזא מאַסן-פּראָטעסט פון די זאַפּאַסנע, דאַרפן מיר אף דעם אנווענדן אַלע אונזערע קויכעס.

צו דעם פּראָטעסט קעגן דער רעגירונג דאַרפן צושטיין אַלע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. די צייט פון מאָביליזאַציע דאַרף זיין אַ צייט פון דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסטן. אין די גאַסן, אף די וואָקזאַלן, נעבן די סבאָרנע פּונקטן,—אומעטום דאַרפן מיר, אַרבעטער, זיך פאַרזאַמלען מאסנווייז צוזאמען מיט די קרויווים און פריינט פון די „זאַפּאַסנע“, אפן און ענערגיש ארויסדריקן אונזער האס און פאראכטונג צום צאַריזם, אונזער פּראָטעסט קעגן מילכאָמעס, אונזער פאַר-טיקייט צו קעמפן פאַר אונזער באַפרייאונג.

13. קריזיס און ארבעטסלאָזיקייט.

ביאַליסטאָק.

(דער „בונד“, נומ. 4, אווגוסט 1904).

דער קריזיס און די אַרבעטסלאָזיקייט — דאָס זיינען צוויי פּראַגן, וועגן וועלכע מע הערט ניט אויף צו ריידן. דער קריזיס האָט זיך געגעבן צו פילן נאָך פאַר פייסעך, נאָר מע האָט געהאָפט, אז גלייך ווי עס וועט זיך אָנהויבן דער סעזאָן, וועלן ווערן באַשטעלונגען. צום באדויערן, זיינען די דאָזיקע האָפענונגען ניט מעקויעם געוואָרן, און איצט ווערט דער קריזיס אלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אומעטום ווערט פאַרקלענערט די פּראָדוקציע, מע זאָגט אָפּ אלץ גרעסערע מאסן אַרבעטער, און די אַרבעטסלאָזיקייט פאַרברייטערט זיך שרעק-לעך. אין מיטן מאָנאַט מאַי האָט אונזער אָרגאַניזאַציע זיך גענומען אויסצו-פאָרשן סטאַטיסטיש, ווי גרויס איז די צאָל פון די אַרבעטסלאָזע צווישן די האַנט-וועבער און אָט זיינען די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער אויספאָרשונג. אין די ווערקשטאַטן, וואו מע איז געווען מיט דער אויספאָרשונג (און געווען איז מען ווייט ניט אין אלע), האָבן אף 2200 שטולן ביזן קריזיס געאַרבעט 3300 מענטשן; איצט האָבן פון דעמדאָזיקן צאָל באקומען שטענדיקע אַרבעט נאָר 1200 מענטשן; 1670 — האָבן גאָר ניט קיין אַרבעט, און מער פון 500 ארבעטן נאָר אַ האַלבן טאָג. מיר דערמאָנען נאָך אַ מאָל, אַז די ציפער, וואָס מיר האָבן דאָ געבראכט, זיינען ווייט ניט די ריכטיקע צאָל פון די אַרבעטס-

לאָזיקע. דער ערשטער קלאַפּ פון קריזיס איז געוויינלעך געפאלן אף דער האנט-וועבעריי, אין וועלכער עס זיינען איבערהויפּט פאַרנומען אידישע אַרבעטער. נאָר איצט פאַרקלענערן די פּראָדוקציע אויך די פאבריקן, וואו עס אַרבעטן מאַשינען: שפּינערייען, וועבערייען, אָפּרייטארס. ניט אַזוי שטאַרק פילט זיך דער קריזיס באַ די גאַרבער און באַ די באַלמעלאָכעס. אָבער מע קאָן ניט זאָגן, אז די מאַליאַרעס, טישלער ליידן ווייניקער פון דער אַרבעטסלאָזיקייט, איידער די וועבער, ווייל אין שטאָט בויט מען ניט קיינע ביניאָנים. אומעטום באמערקט זיך די שטרעבונג פון די באלעבאטים אָפּצונעמען צוריק די פארבעסערונגען, צו וועלכע די ארבעטער האָבן זיך דערשלאָגן דורכן קאמף: די וועבער פאַרלירן דאָס, וואָס זיי האָבן געוואונען דורך דעם לעצטן שטרייק. אַפילע באַ די בעקער פילט זיך דער קריזיס דערמיט, וואָס דער ארבעטסטאָג איז באַ זיי געוואָרן לענגער; קיין אַרבעטסלאָזיקע איז באַ זיי ניטאָ, אָבער די באלעבאָטים פילן זיך סמעלער און האָבן אויפגעהויבן די קעפּ.

גלייך ווי דער קריזיס האט זיך געלאָזט שטאַרק פילן, האָט די אָרגאניזאציע זיך באשלאָסן אויסצונוצן אים פאר דער אַגיטאַציע, אין צוזאמענהאנג מיט דער מאַי-פייערונג פון היינטיקן יאָר. צוזאמען מיט דעם האָט די אָרגאזאציע פרובירט צו מאכן עטוואָס קלענער די יעסורים פון דער אַרבעטסלאָזיקייט דערמיט, וואָס זי האָט פאָרגעלייגט די ארבעטער טיילן זיך מיט דער אַרבעט. די באלעבאָטים האבן דאָס בעשום אויפן ניט געוואלט דערלאָזן, און צוליב דעם זיינען פאָרגעקומען פיל קליינע און גרויסע שטרייקן. אויב אין אייניקע ערטער האָט אונז געלונגען דאָס דורכצופירן, איז דאָס אדאנק דער סאָלידאַריטעט פון די ארבעטער און דעם אַווטאָריטעט פון אונזער אָרגאַניזאציע. באַזונדערס אקשאָנעסדיק איז געווען דער שטרייק פון די שניידער. די באלעבאַטים האָבן ניט געוואָלט, אז די אַרבעטער זאָלן זיך טיילן מיט דער אַרבעט אין דער פאָרם, ווי עס האָט פאָרגעלייגט די אָרגאניזאַציע. זיי האָבן געמאכט צווישן זיך יאַד-אַכאַס, האָבן אלע אין איין צייט פאַרמאַכט זייערע ווערקשטאַטן און האָבן פאָרגע/ייגט אַלע אָרבעטער שטיק-אָרבעט. דער שטרייק האָט געדויערט 2 וואָכן און האָט אויפגעהערט נאָר דאַן, ווען די באלעבאטים האָבן אַרויסגעגעבן דער פּאָליציי ביז 100 ארבעטער, וועלכע מע האָט ארויסגעשיקט מיטן עטאַפּ אַהיים. באזונדערס האָבן זיך אין דעם אויסגעצייכנט די מאַיסטערס לענצער, זינגער, ביימאן. די אַרבעטער זיינען געווען זייער אויפגערעגט, אָבער באַ דער איצטיקער לאַגע קאָן מען גאָר ניט קלערן וועגן באָיקאָטירן דיזע כעוורעלייט. שטיק-אַרבעט האָט מען ניט איינגעפירט. מיר וועלן דאָ דערמאָנען פון נאָך א שטרייק אף לעוויס וואָל-פאַבריק. ער האָט פאָרגעלייגט די אַרבעטערינס צו פארקלענערן דעם אַרבעטסטאָג, אָבער דערביי פארקלענערן די סכירעס פיל מער, איידער אף וויפל עס וועט זיך פאַרקלענערן דער ארבעטסטאָג.

די קריסטלעכע ארבעטערינס האָט ער באַזונדערס פאָרגעלייגט בעסערע באַדינגונגען פון אַרבעט, נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעזאגט צו ארבעטן אָן די אידישע ארבעטערינס און מאכן מיט אים באַזונדערע „אוסלאָוויעס”. דער שטרייק,

אין וועלכן עס האָבן געגומען אן אנטייל ביז 50 אידישע און קריסטלעכע
ארבעטערינס, האָט זיך געענדיקט מיט דעם ניצאָכן פון די ארבעטערינס.

א אינטערעסאנטע דערשיינונג באמערקט זיך אף טריללינגס פאַבריק. אף
דערדאָזיקער פאבריק ארבעט מען ניט מיט מאשינען, און דאָרטן האָבן גע-
ארבעט קריסטלעכע פרויען. נאָר נאָך דעם, ווי זיי האָבן געמאכט א שטרייק,
איז הער טריללינג געוואָרן א הייסער אידישער נאַציאָנאליסט און האָט אָנגע-
הויבן צונעמען אידישע ארבעטערינס. נאָר איבערלאָזנדיק באַ זיך אויך די
קריסטלעכע אַרבעטערינס, טוט ער נאָר איין זאך, וואָס ער מאכט אַן קעסיידער
צווישן די אידישע און קריסטלעכע ארבעטערינס קינע און סינע.

אף בליאָכס און קאָלאדנעס שפין-פאַבריק (דאָרטן ארבעטן דורכויס קריסטן)
האָט מען פאָרגעלייגט די ארבעטער אונטערצושרייבן א נייע „אוסלאוויע“
נאך וועלכער דער באַלעבאָס, בעאייס ער האָט ניט קיין ארבעט, האט רעכט
אָפּזאגן זיינע ארבעטער, ניט אָפּצאלנדיק זיי פּאר 2 וואָכן. קימאט אלע האָבן
זיך אונטערגעשריבן. כוץ איין אָפּטיילונג אף בליאכס פאבריק, וועלכע האט
אף דערויף ניט מאסקים געווען. זיי זאגט מען איצט אָפּ פריער פון אלעמען,
נאר, עס פאַרשטייט זיך, אָפּצאלנדיק זיי פּאר 2 וואָכן.

צוליב דעם, וואָס איצט איז דאָ זייער א גרויסע מאסע פון ארבעטסלאָ-
זיקע, ווערט אלץ שווערער איינהאלטן די ארבעטער ניט צו גיין אף דער
פאבריק פון אַווראָם קאָהאן, וועלכער האָט אף זיך ארויסגערופן דעם קאאס
פון די ארבעטער בעאייס דעם אלגעמיינעם שטרייק, און קעגן וועלכן מיר
האָבן אויסגערופן א באָיקאָט*). דאָך האָבן מיר באשלאָסן דעם באיקאט ניט
אראָפּצונעמען, כאָטש עס זיינען דאָ שטרייק-ברעכער.

אט אזוי באַנוצן זיך די הערן פאבריקאַנטן מיט דער געדריקטער לאַגע
פון די ארבעטער. דערפאר בליט באַ אונז דאָס צדאָקע-געבן. אף איר וועלן
מיר זיך אָפּשטעלן עטוואָס מער. בעאייס די אַרבעטסלאָזי־קייט איז געוואָרן
גרויס, און די הערן פאבריקאנטן האבן זיך אנגעהויבן מעיאשעוו זיין, וואָס
טוט מען, — האָבן די אומבאוואוסטזיניקע אַרבעטער־וועבער זיך באשלאָסן צו
ווירקן אף די גווירים און צווינגען זיי, אז זיי זאלן זיך פארנעמען מיט צדאָקע-
זאַכן. א גרויסע גרופּע וועבער איז אריין אין די גווירישע שולן, האָט אָפּ-
געהאלטן דעם דאַוונען, און איין ארבעטער האָט געהאלטן א רעדע, אין וועל-
כער ער האָט אויסגעמאלט די לאַגע פון די ארבעטסלאזיקע און האָט זיך גע-
ווענדעט צו די גווירים, זיי זאלן ארויסווייזן זייער ראַכמאָנעס, זיי זאלן לאָזן
די „אסיפעס“ און זאָלן טאקע עפּעס טאָן.

די פּאָליציי האָט ניט פארגעסן צו פארשרייבן דאָ אפן אָרט דעם נאמען
פון רעדנער. נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן וויקוכים. דער קאזיאָנער ראָוו, ה'
מאליווער, איז ארויס מיט ציטאַטן פון פארשיידענע ספאָרים און מיט ראַיעס
פון דער פּראקטיק פון די צדאָקע־אנשטאלטן אין מאירעוו-אייראפּע צו באַ-
ווייזן, אז הילף דארף מען געבן די ארבעטסלאָזע ניט מיט געלט, נאָר מיט

---

*) זע זייט. 66

פראָדוקטן, „ווייל — זאָגט ער — די ארבעטער וועלן פארשיקערן דאס געלט און וועלן ווידער קומען בעטן הילף". מע האָט באשלאָסן צו גרינדן א „קאמיטעט", וועלכער זאל קלייבן נעראווועס, אויסבילדן א קאמיסיע פון וועבער, וועלכע זאל אַכטונג געבן, אז אַ מענטש, וואָס האָט איצט ארבעט, זאל כאָס וועשאָלעם ניט נעמען קיין שטיצע. און דערדאָזיקער קאָמיטעט זאל יעדן עלטערן מענטשן ארויסגעבן 8 קאָפּ. א טאָג, און יעדן איינגערן 4 קאָפּ. קיין מעזומענע געלט האט דער קאמיטעט ניט ארויסגעגעבן, נאר צעטלען אין קראָם, און באם באַקומען דידאזיקע „נעדאָוועס" האבן די ארבעטער געליטן אזוי פיל דערנידערי־קונגען און באליידיקונגען (באזונדערס האָט זיך מיט זיין גראבקייט אויסגעצייכנט א היגער בורזשוא—זאקהיים), דאס איינמאל האָבן שוין די ארבעטער ניט אויסגעהאלטן און האָבן צעטריבן דעם „קאמיטעט". עס האָט זיך אָנגעהויבן א סלעדסטוויע. די פּאָליציי און דער קאמיטעט האָבן אלץ געוואָלט דערגיין, ווער איז געווען דער אָנפירער פון „בונט", און האָבן ניט געוואלט ווידער עפענען דעם „קאָמיטעט" ביז וואנען מע וועט אים זיי ניט ארויסגעבן.

א אינטערעסאנטער געשפרעך איז פאָרגעקומען צווישן דעם אויבן-דערמאָנטן קאזיאָנעם ראָוו און די וועבער, די מיטגלידער פון דער קאמיסיע. דער קאזיאָנער ראָוו האָט שטארק גערעטן די ארבעטער איינצולאדן אין דער קאמיסיע מיטגלידער פון „בונד". דער „בונד", האָט ער געזאָגט, „אלס דער פאָרשטייער פון דעם אידישן פּראָלעטאריאט, איז פאָרינטערעסירט, אז די ארבעטסלאזיקע זאלן זיין ווי עס איז באַזיכערט, ווייל דאן וועלן זיי ניט פארקלענערן די סכירעס". ווען די ארבעטער פון „בונד" וועלן זיין אין דער קאמיסיע, מיינט אונזער „פאלקספריינט", וועלן זיי ניט דערלאָזן צו אזעלכע בונטן און מאכלויקעסן, ווי עס זיינען געווען אין קאָמיטעט. ער האט אויך גערעדט וועגן דער פּאָלעמיק צווישן „איסקרא" [37] און דעם „בונד", מיינענדיק אז ער זעט דא פאר זיך מיטגלידער פון אונזער אָרגאניזאציע. עס פארשטייט זיך, אז די ארבעטער פון „בונד" זיינען ניט אריין אין דער קאמיסיע, און איצט גייט דאָרטן אלץ ווי פריער. דער „קאמיטעט" גיט ארויס צעטלען און די ארבעטער לויפן אין אלע שוואַרץ יאָר צו באקומען פּראָדוקטן פאר 8 קאָפּיקעס. מע דארף אָבער ניט מיינען, אז דער „קאָמיטעט" העלפט אלע ארבעטסלאזיקע. מער אדער ווייניקער באוואוסטזיניקע ארבעטער ווענדן זיך ניט נאך הילף. און גלאט וואָס קאנען האָבן פאר א באדייטונג 8 קאָפּ. א טאָג !

די ארבעטסלאזיקייט ווערט דערווייל אלץ גרעסער און גרעסער און ניט מיט אַזעלכע קאבצאָנישע נעדאָוועס פון אונזער בורזשואַזיע קאן מען איינשטילן די אומצופרידנקייט פון די ארבעטער. נאר דעם „קאמיטעט", ווי עס ווייזט אויס, איז מיעס געווארן צו געבן שטיצע אלע ארבעטער. די פּאליציי איז אים געקומען צו הילף. איר ווילקיר, איר גראָבקייט בענויגייע צו די ארבעטסלאזיקע, וואס קומען אין „קאמיטעט" נאך שטיצע, איז גאָר ניט צו באשרייבן. מע שטופּט זיי, מע שלאָגט זיי, מע זידלט זיי, מע טרייבט זיי ארויס, מע לאָזט זיי ניט זיצן אין קיך א איבעריקע מינוט. די „פאדאוריטעלנע", ד. ה. די, אף וועלכע עס פאלט א כשאד פון דער פּאָליציי, כאפּט מען און

מע שיקט זיי ארויס פון שטאָט אהיים. לעסאף האט מען די טעג דאָרטן אפן אָרט ארעסטירט 15 מענטשן און מע האָט זיי אוועקגעשיקט אהיים מיטן עטאפ. עס זיינען געווען נאך אַרעסטן, בעאייס מע איז אַנגעפאלן אף אן אקאָלאָ-דאָטשנעם באַדזיראטעל און מע האָט אים צעשלאָגן דעס קאָפ.

אף דעם באדן פון דער ארבעטסלאזיקייט באמערקט זיך אין דער מאסע א מין באוועגונג, וואָס איז אביסל ענלעך צו דעם „אנאַרכיזם"[38] פון מאירעוו-איירא̈פע. אונזערע, מישטיינס-געזאגט, „אנארכיסטן" „פריידיקן די ארבעטער, זיי זאלן שוין עקספּראָפּריאירן[39] די אייגנטימער", ווי זיי דריקן זיך אויס. אין דער פראקטיק דריקט זיך אויס דידאָזיקע „עקספּראָפּריאציע" אין דעם, וואס די הונגעריקע ארבעטער, די אנהענגער פון דער „עקספּראפּריאציאָנס-טעאָריע" רייסן זיך אריין צו קליינינקע מאיסטערלעך און קרעמערלעך און נויטן זיי, מיט רעוואלווערן אין די הענט, אוועקצוגעבן זיי געלט אדער אנדערע כפייצים. דערדאזיקער קאמפּס-מיטל ווארפט אן מוירע אף אונזער בורזשואזיע, אבער ער דעמאראליזירט זיינע אנהענגער: זיי האבן פארלאָרן יעדע אכטונג אין די אויגן פון די ארבעטער-מאסן.

14. לאדז.

(„דער בונד", נומ. 4 אווגוסט 1904)

אַ שרעקלעכער מרויער און עלנט הערשט איצט אין לאָדז. געבן אַ ריכטיקע סטאַטיסטיק פון דער צאָל אַרבעטסלאָזע איז אומעגלעך. די סטאַטיסטיק, וואָס מיר גיבן דאָ, איז ניט פון אַלע פאַכן, וואו עס אַרבעטן אידישע אַרבעטער. נאָר פון אייניקע פאַכן איז זי אַ ריכטיקע, פון דעם גרעסטן טייל פאַכן ווייסן מיר נאָר פון אייניקע ווערקשטאַטן. נאָר די ציפערן, וועלכע מיר ברענגען דאָ און וועלכע זיינען געוויס פיל קלענער, ווי אין דער ווירקלעכקייט, קאָנען אויך גענוג ווייזן, ווי דער קריזיס האָט געווירקט אַף די לאָדזער אַרבעטער.

בּאַ וועבער ווייסן מיר פון 2 טויזנט אַרבעטסלאָזע. די, וואָס האָבן יאָ אַרבּעט, אַרבעטן נאָר 8 שאָ אין טאָג. דער פאַרדינסט איז, אַנשטאָט פריערדיקע 6-5 רובל, איצט 3-2 רובל אַ וואָך. און דאָס קריגט מען אויך ניט אויסגעצאָלט; מע שטעלט זיך אַרבעטן אַף דעם טנאי, אַז געלט וועט מען קריגן אין אַ פּאָר מאָנאטן אַרום. אַנדערע אַרבעטן נאָר פאַרן עסן, און די געלט זאָגט מען זיי צו אָפּגעבן שפעטער, ווען עס וועט זיין. מענער-שניידער זיינען פאַראַן 990, אַרבעטסלאָזע — 450. די סכירעס זיינען איצט מיט 4-2 רובל א וואָך ווייניקער ווי פריער. מאַנטל-שניידער — 600 מאַן, אַרבעטסלאָזע 425, די אַרבעטנדע פאַרדינען פון 50 קאָפּ. ביז 2 ר. מיט 10 קאָפּ. אַ וואָך ווייניקער ווי פריער. מאַנטל-שניידער מאַנדעטנע — 300 מאַן, אַלע אַרבעטסלאָזע. בלוזקעס-ניטערקעס — בעערעך 200, ארבעטסלאָזע — 100. מאַנדעטניקעס פון אונטערשטע קליידער — 200, אַרבעטסלאָזע בעערעך 50; געריסן אַ גראָשן פון

שטיק (פֿאַרדינט פֿריער 7 גראָשן פֿון אַ פּאָר הויזן, איצט 6 גראָשן), קאָרט-טאַנדעטנע — 150 מאַן, אַרבעטסלאָזע 80; פֿאַרדינען ווייניקער אָף 2 רובל די וואָך. פּריקאַזטשיקעס טויזנט מאַן אָן שטעלעס; די סכירעס געפֿאַלן אָף אַ העלפֿט און מער. די, וואָס האָבן פֿאַרדינט 80 רובל אַ מאָנאַט, פֿאַרדינען איצט 40-30. שטרימפּענווערקער (זאָקנמאַכער): דער פֿאַך רעכנט אין זיך אַ פּאָר טויזנט; מיר ווייסן נאָר פֿון 35 ווערקשטאַטן, אין וועלכע עס האָבן געאַרבעט 221 מאַן; פֿון זיי האָט מען 165 אָפּגעזאָגט א. אז. וו.

צוזאַמען ווייסן מיר וועגן 6341 אַרבעטסלאָזע; די ריכטיקע צאָל איז באַשטימט פֿיל גרעסער.

די לאַגע פֿון די, וואָס אַרבעטן, איז אויך ניט פֿיל בעסער פֿון די אַרבעטס-לאָזע. די סכירעס זייַנען שטאַרק געפֿאַלן, מע אַרבעט פּאָשעט אומזיסט. אין די ערטער, וואו די סכירעס זייַנען ניט געפֿאַלן, פֿאַרדינט מען אויך א דריטל ווי פֿריער, ווייל די מייסטערס גיבן שלעכטע אַרבעט, און איצט איז דאָך ניט די צייט אויסצוקלייבן: יעדער אַרבעטער ווייס, אַז אָף זיין אָרט וואַרטן 10 אַנדערע. עלטערן ברענגען זייערע קינדער אין די ווערקשטאַטן און בעטן זיך באַ די מייסטערס: „נעמט זיי, זאָלן זיי אַרבעטן; קיין געלט פֿאָדער איך פֿון אייך ניט; ווען גאָט וועט אייך העלפֿן, וועט איר אָפּגעבן". איבערהויפּט איז דאָס פֿאַרשפּרייט צווישן זאָקנמאַכערינס, וואו עס אַרבעט א גרויסע צאָל קליינע קינדער.

ניט בעסער איז אין אַנדערע פֿאַכן. דאָ פֿאַרקויפֿן עלטערן זייערע קינדער, און דאָרטן פֿאַרקויפֿן דערוואַקסענע זיך זעלבסט. מע שטעלט זיך אַרבעטן, אויסריידנדיק פֿריער, אַז געלט וועט מען קריגן אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום. די מייסטערס, וואָס נעמען אַרבעט אין די פֿאַבריקן, עקספּלואַטירן איצט די אַר-בעטער נאָך מער ווי אַלע מאָל. ווען דער פֿאַבריקאַנט רייסט זיי אַ קאָפּיקע, רייסן זיי די אַרבעטער 3 קאָפּיקעס. די באַציאונגען זייַנען אויך געוואָרן פֿיל ערגער. אַ פֿאַבריקאַנט, ווען ער האָט געוואָלט רייסן דעם לוין, האָט זיך גע-ווענדעט צו די אַרבעטערינס מיט אַזאַ דראָשע: „נו, איצט זייט איר פֿריי; איר קאָנט זיך אָנטאָן שאַבעסדיק און גיין שפּאַצירן, איר קאָנט שרייבן טנאים און מאַכן כאַסענעס. איר ווילט ניט אַרבעטן, גייט זיך געזונטערהייט, איך וועל אייך כאלילע ניט נויטן. נאָר אויב איר ווילט יע אַרבעטן, איז נאָר פֿאַר אַ קלענערן פּרייז ווי פֿריער". די אַרבעטערינס איז קיין אַנדער זאַך ניט געבליבן, ווי איינצושטימען אָף אַ קלענערן לוין.

די פֿאַבריקאַנטן דאַרשענען איצט אָפֿט צו די אַרבעטער: „נו, וואָס פֿעלט אייך נאָך? אַן אַכטשאָעדיקן אַרבעטסטאָג האָט איר דאָך שוין!"

אין אַנדערע פֿאַבריקן סטאַרעט מען זיך דורך באַליידיקונגען ארויסרופֿן די אַרבעטער אָף אַ שטרייק, קעדיי זיך צו באַנוצן מיט דעם און ניט צונעמען צוריק צו דער אַרבעט. די צאָל אַרבעטסלאָזע ווערט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער. גרויסע מאַסן האָבן נאָך אַרבעט, ווער אָף אַ וואָך, ווער אָף צוויי, שפּעטער אָבער וועלן זיי אויך בלייבן אָן אַרבעט.

וועגן קריסטן ווייסן מיר ניט ריכטיק. מע זאָגט, אַז עס איז פאַראַן ביז 30 טויזנט אַרבעטסלאָזע.

די אָרימקייט איז ניט צו באַשרייבן. גאַנצע פאַמיליעס לעבן מיט 5 קאָפּ. אַ טאָג. מען גייט אום טעג ניט געגעסן. מע קען איצט אָפט זעען אַזאַ בילד: עס גייט אַן אַרבעטער, דאָס געזיכט איז אים אויסגעדאַרט, די ליפּן פאַרברענט. ער באַמערקט, אַז אַן אָפענעם פענסטער ליגט אַ שטיקל פאַרדאַרטע ברויט, ער קוקט זיך גוט אַרום, צי קיינער זעט ניט, גייט געשווינט צו, כאַפּט דאָס שטיקל ברויט, גייט אָפּ נאָך אַ פּאָר טריט, קוקט זיך נאָך אַ מאָל אַרום און נעמט האַסטיק עסן דאָס פאַרדאַרטע ברויט.

וואָס איינער האָט נאָר געהאַט, האָט מען שוין פאַרקויפט. ווער עס האָט נאָר על־ערן אָדער קרוויים אין אַנדערע שטעט אָדער אין קליינע שטעטלעך, פאָרט אַוועק. די באַלעבאַטים וואַרפן אַרויס פון די דירעס. די אַרבעטער־פאַמיליעס ווערן צעשטערט, צעבראָכן: דער מאַן גייט אַוועק צו זיינע עלטערן, די פרוי — צו אירע; די קינדער זיינען אויך צעוואָרפן: אַ טאָג דאָ, אַ טאָג דאָרטן. אַ גרויסע צאָל פון אונזערע אָרגאַניזירטע מיטגלידער זיינען צעפאָרן זיך און יעדן טאָג פ. רן אַוועק אַלץ נייע און נייע. פיל פון אונזערע מיטגלידער קאָנען אָפט ניט ערפילן די אַרבעט, קאָנען ניט קומען, ווען זיי דאַרפן זיין פאַרנומען, ווייל זיי האָבן ניט וואָס אָנצוטאָן.

אין דער „ביליקער קיך" [40]) גייען איצט עסן אַזעלכע אַרבעטער, וועלכע האָבן מיט עטלעכע וואָכן פריער זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז באַ זיי וועט רעכט ווערן גיין אַהין עסן. „בעסער שטאַרבן, איידער גיין אין די קיך עסן", — פלעגן זיי זאָגן.

אין די וועלדער זעט מען אַסאַך גריבער, אויסגעכעטן מיט שטרוי: דאָס זיינען די בעטן, אין וועלכע עס שלאָפן באַנאַכט די אַרבעטער, וועלכע האָבן ניט קיין היים. דאָס נאַכט־הויז, וואו עס נעכטיקן שטענדיק נאָר לומפּן־פּראָלעטאַריער, איז איצט פול מיט קולטורעלע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וועלכע דאָס נעכטיקן דאָ פאַרשאַפט גרויסע מאָראַלישע ליידן. אַ גאַנצן טאָג הונגעריקע אין די גאַסן, פעלדער און וועלדער, באַנאַכט אין שמוציקן און ענגן נאַכטהויז — אָט דאָס איז דער איצטיקער לעבן פון די לאָדזער אַרבעטער.

גייענדיק פאַרביי די גראָבינקעס (אַ וואַלד), קאָן מען זעען אָפּ פעלד פיל אַרבעטער, אידן און קריסטן, וועלכע זיצן און עסן דאָס, וואָס די אַרבעטנדע כאַווייריםבר ענגען זיי. די אַרבעטנדע העלפן מיט וואָס זיי קאָנען די אַרבעטס־לאָזע; איבערהויפּט העלפן איינע די אַנדערע די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער: מע טיילט זיך אָפּ מיט דער אַרבעט.

אונזער בורזשואַזיע העלפט די אַרבעטסלאָזע אַף איר שטייגער. אין דער „ביליקער קיך", וואו פריער פלעגט מען קריגן אַ מיטאָג פאַר 5 קאָפּ., האָט מען אָנגעהויבן געבן עסן גאָר אומזיסט, עמעס, דערפאַר מיט אַ ביסל מער וואַסער ווי פריער. בילעטן האָט מען געגעבן נאָר ביז 12 אַזייגער. און ווער עס האָט זיך פאַרשפעטיקט, האָט שוין געמוזט בלייבן אָן עסן, אָדער באַצאָלן

3 קאָפּיקעס. דערצו נאָך האָבן זיך אונזערע פילאַנטראָפּן מעיאשעוו געווען, אַז עסן דאַרף מען געבן נאָר וועבער, ווייל זיי, די פאַבריקאַנטן, זיינען וועבעריי־פאַבריקאַנטן, און וועגן די הונגעריקע פון די אַנדערע פאַכן זאָל גאָט זאָרגן. באם נעמען די בילעטן פלעגט פאָרקומען אַ גרויסער טומל: עס האָבן זיך געוואָלט אַריינשפּאַרן אין קיך און קריגן עסן די אַלע הונגעריקע, און ניט נאָר די, וועלכע די פילאַנטראָפּן אַנערקענען, אַז זיי האָבן רעכט צו עסן. און דאָ האָבן די הונגעריקע ניט איין קלאַפּ געקראָגן פון די פּאָליציי און קאזאקן, וועלכע די פאַבריקאַנטן האָבן געשטעלט אַף צו האַלטן די „אָרדענונג". די טרייע צאַרישע קנעכט פלעגן זיי שלאָגן, טרייבן, זידלען, און די אַרבעטער האָבן געשוויגן (דאָרטן זיינען אָנפאַנגס געגאַנגען די ווייניק אַנטוויקלטע, ניט באַוואוסטזיניקע אַרבעטער־שיכטן). אונזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַנוצט מיטן צופאַל און האָט געשיקט ספּעציעלע אגיטאַטאָרן צו אַגיטירן אין דער מאַסע, וועלכע פלעגט זיך געפינען אַ גאַנצן טאָג אין קיך און אַרום קיך. מיר האָבן פון דער קיך געמאַכט אַן אַרבעטער־קלוב, וואו עס פלעגן פאָרקומען גרויסע פאַרזאַמלונגען, אַף וועלכע די מאַסע האָט זיך אויפגעוויזן אַף די אורזאַכן פון קריזיס, וואו די מאַסע האָט מען גערופן צום קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבן. דאָרטן האָבן מיר אויך פאַרשפּרייט פּראָקלאמאַציעס. די מאַסע פלעגט זיך צוהערן צו די רייד פון אונזערע אַגיטאַטאָרן, פלעגט בעטן קומען נאָך אַמאָל און ריידן.

„גאַנץ ריכטיק רעדט איר", האָבן געענטפערט 2 גרופּעס אַרבעטער, ווען מע האט מיט זיי גערעדט אפן הויף פון קיך, „מען דאַרף נאר זעען, איר זאָלט גיין ריידן אינעווייניק אין קיך: דאָרטן זיצן אַסאַך מענטשן, זאָלן זיי אויך הערן".

אונזער אַגיטאַציע האָט גלייך געבראַכט פּרוכט. אין עטלעכע טעג האָט זיך די מאַסע ווי אומגעביטן, עס איז איר שוין ניט געווען צו דערקענען. דיזעלבע מאַסע, וועלכע האָט פריער אַריבערגעטראָגן באַליידיקונגען פון די פילאַנטראָפּן און זייערע מעשאָרסים, קלעפּ און נאַגייקעס פון די פּאָליציי און קאַזאַקן, האָט פלוצלונג אָנגעהויבן שרייען: „נידער מיט דער מילכאָמע!" האָט פּראָטעסטירט, ווען מע האָט איר באַליידיקט, עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן קלעפּ אַף די קעפּ פון דער פּאָליציי, קאַזאַקן און סטרוזשעס (איין קאזאַק האָט מען שטאַרק פאַרוואונדעט: ער איז לאַנג געלעגן אין שפּיטאָל קראַנק).

די פילאנטראָפּן האָבן דערזעען, אַז דער שפּיל איז פאַרן טייוול, און האָבן פארמאכט די קיך. זיי האָבן דערפאר געגעבן יעדן וועבער, וועלכער האָט פאַרשריבן זיין ריכטיקן אַדרעס, 70 קאָפּ. אַ וואָך. באַלד אָבער האָט מען די קיך צוריק געעפנט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז 70 קאָפּ. אַ וואָך אַף אַ מענטשן איז צו טייער (מע קאָן פאַרשטיין, ווי גוט דער עסן איז, וועלכער קאָסט ניט קיין 70 קאָפּ. אַף אַ מענטשן אַ וואָך).

די פּאָליציי פון איר זייט האָט אויך אנגענומען מיטלען קעגן דער אַרבעטס־לאָזיקייט און אויך קעגן די אַרבעטסלאָזע. מע האָט גענומען מאַכן אָבלאַוועס אַף די ליידיקגייער. די פּאָליציי האט געכאַפּט ארבעטער פון די גאַסן, פון די טשאַינעס, פון די הייזער. עס איז ניט געווען קיין אָרט, וואו מע האָט זיך

געקאָנט באַהאַלטן פון די לאַנגע לאַפּעס פון דער פּאָליציי. זי האָט זיך אַזוי פיל צעבושעוועט, אַז אונזער „געזעלשאַפט״, וועלכע איז געוואוינט אַף אַלץ קוקן און שווייגן, האָט שוין אויך געקוועטשט מיט די פּלייצעס און פאַרוואונדערט געפרעגט: וואָס וויל מען פון זיי, אין שטוב לאָזט מען זיי ניט זיצן, אין טשאַינע ניט, אין גאַס לאָזט מען ניט גיין, וואו זשע זאָלן זיי זיך אַהין טאָן?

נאָר די פּאָליציי האָט אַף קיין זאַך ניט געקוקט. עס איז געוועזן געגוג צו זיין אַן אַרבעטער און דערצו נאָך אַרבעטסלאָז, אַז די פּאָליציי זאָל פאַרשפּאַרן אין אוטשאַסטאָק און מע זאָל זיך דאָרטן אָפּוואַלגערן וואָכן, ביז מע וועט אַוועקשיקן אַף אַ טראַנספּאָרט. פאַר דעם 1-טן מאַי זיינען געוועזן אין די אוטשאַסטקעס עטלעכע הונדערט מאַן. אין די אוטשאַסטקעס באַ אונז איז אַ מאָדע, אַז עסן גיט מען ניט, קיין געלט אויך ניט. די ענערגיע פון אונזער פּאָליציי ווערט נאָך פון טאָג צו טאָג שטאַרקער, דער ווילקיר ווערט אַלץ ווילדער און מעשונעדיקער. אַרעסטירן מענטשן פון גאַס — איז געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשיינונג. יעדן שאַבעס לויפן זיי אַרום, ווי די פאַרסאַמטע מייז, איבער די וועלדער און זוכן אונטער יעדן בוים, אונטער יעדער צווייג, טאָמער וועלן זיי דאָרטן געפינען די „קראַמאַלע״. און ווען די פּאָליציי געפינט נאָר, לאָזט זי אויס צו יענעם דעם גאַנצן קאַאַס. אזוי האָט זי ניט לאַנג אַרעסטירט אין וואַלד 16 מאַן און מע האָט זיי שרעקלעך געשלאָגן, ברענגענדיק אין אוטשאַסטאָק.

מיר ווייסן נאָר אַ טייל פון אירע מאַיסים. פיל זאַכן, פון וועלכע די האָר שטעלן זיך קאַפּויר, בלייבן פאַרבאָרגן און נאָר דורך אַ צופאַל דערוויסט מען זיך וועגן אייניקע פון אירע טאַטן. אַזאַ צופאַל, פון וועלכן מיר האָבן זיך ניט לאַנג דערוואוסט, האָט פּאַסירט מיט אַ וואָך דריי צוריק. אַ פּוילישער אַרבעטער האט ניט ווילנדיק געהאַרגעט דעם פּריסטאַוס הונט. דער פּריסטאַו האט זיך דערפון דערוואוסט. ער איז אַראָפּגעקומען מיט אַ גאַנצע באַנדע סטאַיקאָוועס*) און אַ האַלב נאַקעטן האָבן זיי אַוועקגעשלעפּט דעם אַרבעטער אין אוטשאַסטאַק. דער ארבעטער איז שוין פון אוטשאַסטאַק צוריק ניט געקומען, דעמזעלבן טאָג איז ער געשטאָרבן. די פּאָליציי האָט געמאַכט די קיוואָרע שטילערהייט. מיר האָבן וועגן דעם פּאַקט און אויך וועגן הונגער-שטרייק, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַליש, פאַרשפּרייט אַ פּראָקלאַמאַציע. דאָנערשטיק דעם 7 יולי (נ. ס.) האָבן מיר פאַרשפּרייט די פּראָקלאַמאַציע און שאַבעס אינדערפרי האָבן די שאַמאַס-ים אין די באָטיי-מעדראָשים אויסגערופן, אז דאס, וואס מע זאָגט, אז די פּאָליציי האט געהאַרגעט דעם אַרבעטער, איז אַ ליגן, דער ארבעטער האט זיך אליין פאַרסאַמט, זיצנדיק אין אוטשאַסטאַק. דערזעלבער פּריסטאַוו פון ערשטן אוטשאַסטאַק האט שוין ניט באַ איין מענטשן דאס לעבן אָפּגענומען. דערזעלבער האט געהאַרגעט מיט דריי יאָר צוריק פּאַקולען, וועלכער איז געוועזן ארעסטירט פאַר אַ שטרייק.

---

*) „סטאַיקאָוועס״ — פּאָליציסטן

15. פּאָגראָם־העצע.

(„פון אידישן לעבן". „דער בונד", נומער 3, אפּרעל, 1904)

... צו אלע צאָרעס פון אידישן לעבן דארפן מיר צוגעבן נאָך איינע — דאָס שרעק פאר פּאָגראָמען. די לעצטע פּאָר כאדאָשים איז דער שרעק ווידער געוואָרן זייער גרויס און די אידישע באפעלקערונג פון דער „טשערטא" האט זיך געפילט זייער אומזיכער און אומרואיק, און עס איז געווען פאר וואס. די אנטיסעמיטישע צייטונגען אָפּן, און אלערליי אגענטן און פארדעכטיקע פּערזאָנען — געהיים און שטילערהייט, האָבן גענומען ווייטער פירן אן אגיטאציע, אז מע מוז זיך אָפּרעכענען מיט די אידן. דאס מאָל האָבן זיי זיך באנוצט מיט דער מילכאָמע. מע האט גענומען פארשפּרייטן צווישן דער באפעלקערונג קלאנגען איינעם ווילדער פון דעם אנדערן: די גאנצע מילכאָמע האָבן ארויסגערופן אידן, דאָס ווילן זיי נעקאָמע נעמען פון רוסישן פאָלק פאר קישינעוו און האָמעל; די אידן קלייבן געלט פאר די יאפּאָנער, די אמעריקאנער אידן האָבן געשיקט די יאפּאנער א קריגס-שיף; די אידן קויפן צונויף אין רוסלאנד פערד פאר די יאפּאנער; די אידן שיקן אלערליי אדרעסן דעם יאפּאנישן מיקאדא (קעניג). אין באכמוט האט זיך מיטאמאָל גענומען טראָגן א קלאנג, אז דער היגער פּוטערהענדלער אבראמאָוויטש (א איד) האט אוועקגעשיקט דריי וואגאָנעס מיט פוטערס פאר די יאפּאנישע מיליטער („וואָסכאָד"[41], נומ. 10); אין האָמעל איז אפּן פּאָגראָם-מישפּעט געוואָרן באוויזן, אז אייניקע קריסטן האבן פארשפּרייט צווישן דער קריסטלעכער באפעלקערונג א קלאנג, אז דער היגער אידישער סוחער לאָוויאנאָוו האט געשיקט זעקס וואגאָנעס טיכער די יאפּאנער אף איבערצובינדן די וואונדן די יאפּאנישע פארוואונדעטע סאָלדאטן. אין טאָלאָטשין איז צווישן דער קריסטלעכער באפעלקערונג געגאנגען א פעסטער קלאנג, אז די אידן האבן אונטערגעלייגט א מינע אונטערן קלויסטער.

די אלע יעדיעס און קלאנגען האבן געוויינלעך געמאכט א ווירקונג אף די הונגעריקע פינסטערע מאסן, און די אידן האבן געהאט א גרונט צו פילן זיך אין געפאר.

... דער אָדעסער קאָרעספּאנדענט פון „וואָסכאָד" שרייבט וועגן אסאך אויפרופן און בלעטלעך, וואס רופן צו מאכן א פּאָגראָם. איינער פון זיי איז אזא: „פּראוואסלאווגע מענטשן! עס איז נאָענט דער אידישער פּייסעך, היט אייערע קינדער. איר ווייסט דאָך שוין פון לאנג אָן, אז די אידן ברויכן פּייסעך צוזאמען מיט מאצע בלוט פון קריסטלעכע קינדער".

אין דער ווינער צייטונג „די צייט" איז אויך געבראכט אן אויפרוף, וואס מע האט פארשפּרייט אין דאָרעם-רוסלאנד. דאָרט ווערט געלויבט ביזן הימל די קישינעווער הארעגע, מיט וועלכער „דאס רוסישע פאָלק האט באוויזן, אז ער קען באשיצן די פּאָן פון זיין זעלבסטהערשנדן רוסישן צאַר!" דאָרט ווערט ווידער מיט גרויס ברייטקייט דערציילט, ווי די אידן האבן ארויסגערופן די איצטיקע מילכאָמע. „אונזער מאפּאָלע קען קומען פון די אידן, זיי פארסאמען אונזער יוגנט מיט מעשוגענע און שעדלעכע אידייען, זיי גראָבן אונטער די וואָרצ-

לען פון אונזער רעגירונגס-סיסטעם און גלויבן... די רעגירונג איז ניט בעקויעך צו קעמפן מיט זיי... דאָס פאָלק מוז איר קומען צו הילף — זיי צו פארניכטן... דער צאַר וויל, מע זאָל פארניכטן די אידן! לאָמיר זיי הארגענען אומעטום... פאראיאָרן זיינען מיר געווען צו ווייכהערציק... מיט בלוט וועלן מיר זיי באצאָלן פאר די יאפאנישע מילכאָמע... גאָט איז מיט אונז און דער צאַר פאר אונז!"

16. דער פאָגראָם פון די מאָביליזירטע רעזערוויסטן אין מאליעוו.

(קאָרעספאָנדענץ פון מאליעוו, „לעצטע נאכריכטן", נומ. 197, 1904).

דעם 9-טן אָקטיאַבר, גלייך נאָך דער מעלדונג פון דער מאָביליזאַציע, איז אין שטאָט געוואָרן אומרואיק, אין אָוונט האָט מען אף ווילנער גאַס אין אַסאַך הייזער אויסגעבראָכן די שויבן, און אַף שקלאָווער גאַס איז געווען פאָשעט געפערלעך צו באַווייזן זיך: אַלע פאַרבייגייענדיקע אידן פלעגט מען פאַרוואַרפן מיט שטיינער און שלאָגן מאַקעס רעצעך... אין דער לופט האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט אַ פאָגראָם.

אונזער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען אָפּגעשוואַכט פון דער ניט לאַנגיקער דעמאָנסטראַציע *), איז ניט געווען אימשטאַנד טייקעף צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ, ביפראַט נאָך, אַז איבער אייניקע גאַסן האָט מען שוין ניט געקענט דורכגיין.

... אין דעם ערשטן אָוונט זיינען שוין געווען אַסאַך פאַרוואונדעטע, וואָס אַ טייל פון זיי האָט מען געמוזט אָפּפירן אין שפיטאָל.

דער פּאָליצמייסטער ראַדיאַנאָוו האָט גלייך דערפילט, אַז, פון איין זייט, שמעקט עס מיט אַ רעכטער מאַטבייע און, פון דער צווייטער, וועט ער זיך קאָנען אָפּרעכענען מיט די „דעמאָקראַטן" פאַר דער דעמאָנסטראַציע. און ער האָט זיך ניט טויע געווען. באַטאָג האָט ער אין פאָליציי-פאַרוואַלטונג דערוויזן די מאָביליזירטע, אַז עס איז דורכויס נויטיק אָנלערנען די „דעמאָקראַטן" און באַלד נאָכדעם האָט ער באַקומען פון אונזערע אידישע „פניי" אַ מאַטנעס יאַד — 500 רובל.

...זונטיק, דעם 10-טן, זיינען די קראָמען אַ גאַנצן טאָג געווען צוגעמאַכט, נאָר דאָס ראַבירן האָט ניט אויפגעהערט, באַזונדערס אפן מאַרק. די „מאָנאָפּאָל-קעס" זיינען געווען אָפן, און שיקערע באַנדעס האָבן זיך מיט קוילעס און ווילדע געשרייען אַ גאַנצן טאָג געטראָגן איבער די גאַסן. פאַרנאַכט איז דער פאָגראָם געווען אין פולן ברען. אַ באַנדע גראָמילעס איז... באַפאַלן קאַסטאַרנע — אַ שטאָט-טייל, וועלכער איז באַזעצט מיט אידישע אָרימעלייט — און האָט אָנגעהויבן ברעכן די שויבן. אונזער זעלבסטשוץ וואָלט זיכער געקאָנט פאַרטרייבן דידאָזי-

*) ס'רעדט זיך וועגן דער דעמאָנסטראַציע פון 2-טן אָקטיאַבר מיט וועלכער די מאָליעווער אידישע ארבעטער האָבן פראָטעסטירט קעגן דער ביאַליסטאָקער הארוגע, זע ווייטער, זייט 108—111.

קע באַנדע, ליידער אָבער זיינען די דירעס, וואו די באַוואָפנטע גרופּן זיינען געזעסן, געווען צו ווייט, און מע האָט ניט געקענט דערקלייבן זיך צו זיי... אַף אַזאַ אופן איז די טעטיקייט פון אונזער זעלבסטשוץ געווען פּאַראַליזירט. באָר די אייניוואוינער זעלבסט האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַף אַ הויף און פון דאָרט אַרויסגעשטעלט אַ ווידערשטאַנד די גראַמילעס; די אידן האָבן אַפילע עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן, און דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעקלעכע מוירע אַף די כוליגאַנעס.

...די פּאָליציי האָט קיין מיטלען ניט אָנגענומען... מיליטער-פּאַטרולן פלעגן קומען שוין נאָך אַלעמען.. די גראַמילעס פלעגן רואיק איבערגיין אַף אַ צווייטן אָרט און פאָרזעצן זייער אַרבעט.

...אַף קאָסטאָרנע איז די פּאָליציי געקומען זוכן... דעם אידן, וועלכער האָט געשאָסן אין די כוליגאַנעס. זי האָט אַרעסטירט אַן אומשולדיקן און אַפן וועג אין פּאָליציי-צירקל האָט זי אים שרעקלעך צעהארגעט.

דער פּאָליצמייסטער איז אַרומגעפאָרן איבערן שטאָט... ער פלעגט אָפּשטעלן און באַזוכן אַלע אידן, צי האָבן זיי ניט באַ זיך קיין געווער. פאַר מיינע אויגן האָט ער אונטערזוכט צוויי אידן, ווען אין צוויי מינוט גאַנג פון אים, אַף ווילנער גאַס, איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכער פּאָגראָם.

...פאַר זונטיקדיקן טאָג... זיינען אויך געווען פיל פאַרוואונדעטע.

מאָנטיק, דעם 11, האָט מען די קראָמען לעכאַטכילע ניט געעפנט, אַרום די טויערן פון אַלע הייזער זיינען געשטאַנען הייפלעך אידן אין אַן אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג. די פּאַניק איז געווען אַ שרעקלעכע.

מיר האָבן שוין אָבער דערווייל באַוויזן צו אָרגאַניזירן זיך. אַף אייניקע דירעס זיינען באַ אונז געווען קאָנצענטרירט ביז 100 כאַווירים, באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן, נאַגאַיקעס און אַנדערע קאַלטע געווער.

די אונטערזוכונגען אַפן גאַס האָבן ניט אויפגעהערט. אייניקע פון אונזערע פּאַטרולן האָט די פּאָליציי פאַרהאַלטן. באַ וועמען מע האָט געפונען וועלכע ניט איז געווער, פלעגט מען גלייך אַרעסטירן און אומענטשלעך שלאָגן. באַם אַרעסטירן איינעם פון אונזערע כאַווירים האָט יענער אָנגעהויבן שיסן. און עס האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די אידן באַוואָפענען זיך. דערדאָזיקער קלאַנג האָט געבראַכט אַסאַך נוצן, ער האָט אָנגעשראָקן די גראַמילעס.

...באַטאָג האָט דער פּאָליצמייסטער אונטערזוכט אַ דירע, וואו ער האָט געהאַפּט פאַרכאַפּן איינע פון אונזערע קאַמפּס-גרופּן. ער האָט געהאַלטן פאַר די אַרומיקע אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט רעקאָמענדירט אַרעסטירן און שלאָגן אַלעמען, באַ וועמען עס וועט זיך געפינען געווער. עס זיינען אונטערזוכט געוואָרן נאָך אייניקע דירעס... אין מעשעך פון טאָג האָבן מיר אומגעביטן ביז צוואַנציק דירעס. קיין דירעס האָבן דעם טאָג ניט געפעלט. אַפילע אומבאַקאַנטע אידן פלעגן פאָרלייגן זייערע דירעס פאַר אונזערע קאַמפּס-גרופּן, גאַראַנטירן זיי די פולשטענדיקע זיכערקייט.

צו אונז זיינען געקומען צו הילף באַוואָפנטע גרופּן פון מינסק, שקלאָוו,

אָרשע און קאַפּיס, און צווישן זיי זיינען געווען ניט ווייניק רוסישע כאַוויירים. דאָס האָט שטאַרק אויפגעהויבן די שטימונג פון אונזער זעלבסטשוץ.

...דער פּאָליצמייסטער האָט אָפן געדראָט: אויב די אידן וועלן ארויסווייזן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, וועט זיך בלוט גיסן אין די גאַסן. נאָר ניט געקוקט אַף דעם, האָבן אַסאַך אידן, נאָכטוענדיק אונזער ביישפּיל, זיך באַוואָפנט מיט פּלעקער און אַנדערע געווער און גרופּנווייז באַ די טויערן אָפּגעוואַרט די גראָמילעס.

דעם 27-טן אָקטיאַבר איז באַ אונז פאָרגעקומען אַ קליינע דעמאָנסטראַציע*). די דעמאָנסטראַנטן, אויסשליסלעך קריסטן, אין דער צאָל פון 20-25 מענטשן, זיינען אַרויסגעגאנגען פון בראַטסקן קלויסטער, וואָס אַף שקלאָווער גאַס, אין דער אנוועזנהייט פון אַ גרויסן האמוין (עס איז געווען זונטיק), מיט אַ רויטער פאָן. אַף דער פאָן איז געווען אָנגעשריבן: „מיר פּראָטעסטירן קעגן דער פּאָליציי, וואָס פּראָוואָצירט פּאָגראָמען! נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! נידער מיט דער מילכאָמע, זאָל לעבן דער שאָלעם"! ענלעכע אויסגעשרייען האָבן זיך אויך געהערט פון צווישן די דעמאָנסטראַנטן. זיי זיינען זיך פּאַנאַנדערגעגאנגען, זינגענדיק רעוואָלוציאָנערע לידער, קיינער פון די דעמאָנסטראַנטן איז, ווי מע גיט איבער, ניט געווען ארעסטירט.

17. יאָר־באַריכט פון צאָפן־מאַירעוודיקן קאָמיטעט פון דער ר. ס. ד. א. פּ.

(„איסקראַ", נומ. 78, 1904)

שוין באַלד אַ יאָר, זינט עס איז פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ.[42] און אויך אַזוי פיל איז פאַריבער, זינט אין דער צאָפן־מאַירעוודיקער געגנט האָט זיך אָנגעהויבן די פּאַרטייאישע ארבעט.

נאָך אסאך פריער פארן צוזאמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי, אין רעכטן ברעג פון אונזער פּאָלעמיק מיטן „בונד", האָבן זיך אינם לעצטן באַוויזן איינצלנע גרופּן אַרבעטער, וואָס זיינען געווען ניט צופרידן מיט דער בונדישער פּאָזיציע אין דער נאַציאָנאַלער און אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגן, וואָס האָבן געבילדעט אַ געהיימע אָפּאָזיציע. די הויפּט-סיבע פון דער אומצופרידנהייט איז געווען די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראגע. אַזאַ אָפּאזיציע האָט עקזיסטירט אין מינסק, ווילנע און אין אַ גאַנצע רייע קליינע שטעטלעך. שפּעטער זיינען איינצלנע מער באַוואוסטזיניקע אָפּאָזיציאָנערן געוואָרן אָפּענע קעגנער פון דער בונדישער פּאָליטיק און, כאָטש זיי זיינען געבליבן אין דער אָרגאַניזאציע, האָבן זיי פונדעסטוועגן געפירט אַ פּאָלעמיק, פארטיידיקנדיק דער פּאַרטייאישן שטאנדפּונקט.

אָט אַזאַ לאגע איז געווען אין דער צייט, ווען די פּאַרטייאישע גרופּעס זיי-

*) דידאָזיקע דעמאָנסטראַציע איז געווען אָרגאַניזירט דורך דער מאָליעווער גרופּע פונם פּאָלעסער קאָמיטעט פון ר.ס.ד.א.פּ.

נען ארויסגעטראָטן אין אונזער געגנט. בענויגייע דעם פּראָלעטאריאַט פון אַנדערע נאציאָנאליטעטן, איז די לאגע געווען אביסל אנדערש. דער לעצטער איז געווען אָרגאניזירט נאָר אין ווילנע און סמאָרגאָן, ניט רעכענענדיק די איינצלנע פּרואוון אָנצוהויבן אַרבעטן צווישן דעם קריסטלעכן פּראלעטאריאַט אין דווינסק, וויטעבסק און מינסק. צווישן דעם פּוילישן פּראלעטאריאט האָט געארבעט הויפּטזאכלעך די פּ.פּ.ס.; די ליטווינער און פּ.ס.ד. האָבן געהאט זייער שוואכע פארבינדונגען.

ווען דער „בונד" איז ארויסגעטראטן פון דער פּארטיי און די פולשטענדיקע צעשפּאלטונג איז געווארן א פאקט, האָבן איינצלנע רעוואלוציאָנערן אין אונזער געגנט, וואס האבן זיך אנגעשלאסן לויט זייערע אנשויאונגען אן דער פּארטיי, נאָר האבן דא געארבעט אין אנדערע ארגאניזאציעס אדער אין אלגעמיין-פּארטייאישע גרופּעס, געגרינדעט באזונדערע פּארטייאישע גרופּעס. דאס איז פאָרגעקומען נאכדעם, ווי זיי האבן זיך פאראייניקט מיט די אויבנדערמאנטע עלעמענטן פון „בונד", וואס זיינען ארויסגעטראטן פון אים נאכן צוזאמענפאר (ווי דאס איז געווען אין מינסק און אין ווילנע), אדער וואס האבן פּאשעט אנגעהויבן ארבעטן באזונדער, פארבינדנדיק זיך מיט דער אַרבעטער-סוויווע (אזוי איז געווען אין דווינסק און אין אנדערע ערטער).

פאַר די פּאַרטייאישע גרופּעס איז געשטאנען אַן ערנסטע און שווערע אויפגאבע: ערשטנס, פירן א סאָציאַל-דעמאָקראטישע ארבעט, וועלכע ווערט שטארק פּאַרוויקלט דורך דער נאציאָנאלער אָפּגעזונדערטקייט, וואָס ציט איר יעניקע פון דער רוסיפיקאַטאָרישער פּאליטיק פון דער רעגירונג און דער אויסנאמלאגע פון די אידן; און, צווייטנס, קעמפן קעגן די נאציאָנאליסטישע און סעפּאראַטיסטישע טענדענצן, מיט וועלכע עס האָבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט די פּ. פּ. ס. און אין די לעצטע יאָרן אויך די טעטיקייט פון „בונד".

גאָר אין אָנהויב האָט זיך די ארבעט פון די גרופּעס געפירט אין קרייזלעך, וועלכע האבן געשטרעבט אויסצוארבעטן א קערן פון באַוואוסטזיניקע טוער פאר דער ווייטערדיקער טעטיקייט. נאָר אף וויפל דידאָזיקע ארבעט האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין דער ברייט, זיינען געוואָרן נויטיק אגיטאציע-ליטעראַטור, וואס זאל טראָגן אַן אָרטיקן און אן אלגעמיין-פּאָליטישן כאראקטער, און אויך א ברייטע מאַסנדיקע מונדלעכע אגיטאָציע. אָט די אַלע פאָדערונגען זיינען געווען ניט נאָך די קויכעס פון די שוואכע גרופּעס, און דעריבער האָט זיך, נאָך א האלב-יאָריקער ארבעט, געבילדעט דער צאָפּנמאַירעווידיקער קאָמיטעט.

דער ראַיאָן פון אונזער טעטיקייט איז איבערהויפּט א האנטווערקערשער, א קליין-בורזשואזער, מיט א שוואך אנטוויקלטער פאַבריק-פּראָדוקציע. דער גרעסטער טייל פון דער שטאָטישער פּראָלעטארישער מאסע באשטייט פון אידן. צווישן די קריסטן איז קיין ערנסטע באוועגונג אין ערגעץ ניטאָ, און דאָס שטערט זייער דעם אקטיוון קאמף פונם אידישן פּראָלעטאריאט, וואָרום די אָפּגעשטאנענקייט פונם פּראָלעטאריאט פון די אנדערע נאציאָנאליטעטן טאָרמאַזירט דעמדאָזיקן קאמף און פארניכטעט פּאַקטיש בא די ארבעטער פון

אונזער קאָנט דעם באוואוסטזיין פון סאָלידאַריטעט און אַלגעמיינהייט פון אונזערע אינטערעסן. קעדיי אויסצומיידן די פעלערן פון די „אַלטע" רעוואָלוציאָנערן, האט דער צאָפּן-מאַירעוודיקער קאָמיטעט, שטייענדיק אינגאַנצן אַפן שטאַנדפּונקט פון דער פּאַרטיי אין דער אינטערנאַציאָנאַלער און אָרגאַניזאַציאָנעלער פּראַגן, גלייך אין אָנפאַנג פון זיין טעטיקייט באַשטימט אָנצוהויבן אַרבעטן צווישן די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, שטרעבנדיק צו פּאַרפעסטיקן זיך אין דער ווייניק אָנגערירטער קריסטלעכער מאַסע און אָפּגעבנדיק אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דער אַרבעט צווישן די פאַבריק-אַרבעטער.

די יאָריקע דערפאַרונג פון די גרופּעס און דעם קאָמיטעט האָט באַוויזן, אַז זיי זיינען פולקום אימשטאַנד צו באַפרידיקן די באַדערפעניש פון דער אָרטיקער מאַסע בעגויגייע צו דער שפּ-אַך, צו פאַרשטיין די אייניקע באַזונדערקייטן פון די אָרטיקע באַדינגונגען, צופּאַסן זיך צו דער אַגיטאַציע א. א. וו. די פּאַרשיידנפּאַרביקייט פון צוזאַמענשטעל קען בעשום אויפן ניט שטערן די אַרבעט, פּאַרקערט, זי פּאַרייניקט און באַגייסטערט נאָך מער. אַכוץ דעם קענען מיר אָנווייזן אַף דער מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן אַלגעמיינע פּאַרזאַמלונגען אַפילע דענסטמאָל, ווען אַף די לעצטע טרעטן אַרויס רעדנער אַף אידיש, פּויליש און רוסיש *).

די געמיינזאַמקייט פון די אַרבעטער-אינטערעסן ווערט באַוויזן ניט נאָר דורך דידאָזיקע „טעכנישע באַדינגונגען", נאָר — און דאָס איז פיל וויכטיקער — דורך דעם באַוואוסטזיין, אַז די אַרבעט פירט זיך דורך איין סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרגאַניזאַציע, וואָס מאַכט ניט קיין אָרגאַניזאַציאָנעלן אונטערשייד צווישן קריסטן און אידן...

איבערגייענדיק צו די פּראַקטישע רעזולטאַטן פון אונזער אַרבעט, קענען מיר פּאַר די 5 כּאַדאָשים אָנווייזן... אַף די פּאָלגנדיקע ציפּער:

דער „צאָפּן-מאַירעוודיקער קאָמיטעט" האָט אַרויסגעגעבן די פּאָלגנדיקע בלעטלעך (אַלע געדרוקטע): „מעלדונג וועגן דער בילדונג פון צאָפּן-מאַירעוודיקן קאָמיטעט" — 4000 עקז., „די מילכאָמע און די אַרבעטסלאָזיקייט" — 8000 עקז.

אין דער דרוקעריי פונם קאָמיטעט זיינען געדרוקט געוואָרן די בלעטלעך פון „איסקראַ": „צום אַרבעטער-פּאָלק" (וועגן דער דערמאָרדונג פון פּלעווען) — 9000 עקז., „שוין צייט" — 10.000 עקז., „צו די בירגער" (וועגן דעם הונגערשטרייק), אַרויסגעגעבן פון ווילנער גרופּע — 1000 עקז. די לעצטע האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ בלעטל וועגן דעם דענקמאָל, וואָס מען האָט געשטעלט קאַטערינע דער צווייטער, — אין רוסיש און פּויליש — 3000 עקז. די ווילנער אָרגאַניזאַציע פון דער שטודירנדיקער יוגנט: „צו די שטודירנדיקע" — 1000 עקז. דער צ. ק.: „פּאָרט-אַרטור און ליאַאָיאַן" — 12.000 עקז.

---

*) מיר ריידן ניט וועגן שטענדיקער מעגלעכקייט פון אַלגעמיינע פּאַרזאַמלונגען: אָפטמאָל פירן מיר אַליין דורך רייַן-רוסישע און ריין-זשאַרגאָנישע פאַרזאַמלונגען.

(באַמערקונג פון רעדאַקטאָר פונם באַריכט).

אין סאַכאַקל איז פאר דער אָנגעוויזענער צייט אָפּגעדרוקט געווארן אין דער דרוקעריי פונם קאָמיט. 55.000 עקזעמפּליאַרן. אהער ווערן, פארשטייט זיך, ניט אריינגערעכנט די פּראָקלאמאציעס און די בלעטלעך פון די אָרטיקע גרופּעס, וואס זיינען געדרוקט געוואָרן אף א העקטאָגראַף, און די בלעטלעך פון „איסקראַ" און צ. ק., וואס זיינען פארשפּרייט געוואָרן אינם ראַיאָן פון די גרופּעס. מיר ווילן אויסרעכענען עטלעכע אויסגאַבן, נאָר צום באַדויערן האָבן מיר איצט ניט די מעגלעכקייט צו באַצייכענען די צאָל פון דער פאַרשפּרייטער ליטעראַטור.

ווילנער גרופּע האט פאַרשפּרייט פארן 1-טן מאַי 1000 עקז. „צו די בירגער פון רוסלאנד", פונם צ. ק. „צום רוסישן פּראָלעטאריאט" — 400 עקז. פונם זעלביקן: „א מילכאָמע קעגן דער מילכאָמע", איבערגעדרוקט אף א העקטאָגראַף — 200 עקז. און פאַרשפּרייט די געדרוקטע דורך צ. ק. — 300 עקז., „שפּינען און פליגן"[43] — מער פון 200 עקז. און „פון וואָס איינער לעבט"[44] 100 עקז.

דווינסקער גרופּע: „מילכאָמע קעגן דער מילכאָמע", „שפּינען און פליגן", „פון וואָס איינער לעבט", „צו די דווינסקער ארבעטער" 600 עקז. „וועגן דער ארבעטסלאָזיקייט", העקטאָגראַפירט, „צו די בירגער פון רוסלאַנד" — 600 עקז.

וויטעבסקער גרופּע: „שפּינען און פליגן" — 600 עקז. „פון וואָס איינער לעבט" — 300 עקז. „צו די בירגער פון רוסלאנד" — 1000 עקז. „מיל-כאָמע קעגן דער מילכאָמע". צווישן די פּויערים איז פארשפּרייט געוואָרן „צו דער אָרימער באַפעלקערונג פונם דאָרף" — 100 עקז.

מינסקער גרופּע: האָט פאַרשפּרייט אלע אויסגערעכנטע אויסגאַבן... אהער איז ניט אריינגערעכנט, פארשטייט זיך, די געוויינלעכע ליטעראַטור; מיר האָבן אויסגערעכנט נאָר די, וועלכע מע האָט פארשפּרייט אף ניט אוועק-צוגעבן צוריק.

די מאסן-אגיטאציע האָט זיך ניט באגרעניצט נאָר מיט בלעטלעך. אלע אָנגערופענע גרופּעס און אָרגאניזאציעס האבן אָרגאניזירט מאסן-פארזאמלונגען. וועגן עטלעכע פון זיי איז געווען געדרוקט אין „איסקראַ". קיין אויספירלעכן באריכט וועגן דיזאָזיקע פארזאמלונגען וועלן מיר ניט געבן. מיר ווילן נאָר אָנווייזן, אז זיי זיינען אין ערגעץ ניט באשטאנען פון ווייניקער ווי 50 מענטשן, ניט רעכענענדיק די צופעליקע פאַרזאמלונגען פון 15—20 מענטשן, וועלכע אייניקע גרופּעס פירן דורך גאנץ אָפט. בלויז אין ווילנע, אדאנק די אָרטיקע פּאָליצייאישע באדינגונגען, זיינען די פארזאמלונגען באשטאנען ניט מער ווי פון 30 מענטשן, אכוץ דער לעצטער פארזאמלונג פון 60 מענטשן וועגן דעם דענקמאל יעקאטערינע דער צווייטער, וועגן וועלכער עס איז גע-ווען אין „איסקראַ".

דער ראַיאָן פונם צאָפן-מאַירעווודיקן קאָמיטעט האט זיך שטארק פאַר-ברייטערט, און איצט גייען אין אים אריין די פאָלגנדיקע גרופּעס און אָרגאַ-ניזאַציעס:

ווילנער גרופע — 120 אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אַכוץ דעם אַרום 200—250, וואָס לייענען ליטעראַטור. אין איר גייט אַריין די סמאָרגאָנער אַרבעטער=אָרגאַניזאַציע — 175 אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

מינסקער גרופע — 150 אָרגאַניזירטע אַרבעטער, מער פון 200, וואָס לייענען ליטעראַטור. אין איר גייט אַריין די באַברויסקער גרופע — 75 אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

וויטעבסקער גרופע — 180 אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אַרום 150 — וואָס לייענען ליטעראַטור. אין איר גייען אַריין: די פּויערשע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע — 75 אָרגאַניזירטע פּויערים, מער ווי 200, וואָס לייענען ליטעראַטור; נעוולער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע — 35 אָרגאַניזירטע אַרבעטער; וועליזשער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע — 25 אָרגאַניזירטע אַרבעטער; דווינסקער גרופע — 25 אָרגאַניזירטע אַרבעטער; סאָלאָקער אָרגאַניזאַציע — 60 אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אַכוץ דעם האָט דער קאָמיטעט פאַרבינדונגען מיט קאָוונע, באָריסאָוו, פּאָלאָצק, סלוצק און אַנדערע שטעט.

פון דער אַלגעמיינער צאָל 970 אָרגאַניזירטע אַרבעטער און פּויערים זיינען אידישע אַרבעטער — 575, רוסישע, פּוילישע און לעטישע — 320, פּויערים 570.

דער ברייטער מאַסנדיקער אַגיטאַציע שטערט שטאַרק דאָס, וואָס עס איז ניטאָ קיין זשאַרגאָנישע ליטעראַטור. דאָס איז איצט איינע פון די פראַגן, וואָס שטייען פאַרן קאָמיטעט. מיר דריקן אויס אונזער האָפנונג, אַז דער צענטראַל-אָרגאַן און דער צענטראַל-קאָמיטעט וועלן קומען אַנטקעגן דערדאָזיקער שטאַרקער נויטווענדיקייט און וועלן זיך באַמיען צו באַשאַפן אַ זשאַרגאָנישע ליטעראַטור, גלייכצייטיק מיט דער אַרמענישער און גרוזינישער.

פאַרענדיקנדיק דעמדאָזיקן באַריכט, דריקן מיר אויס די פולשטענדיקע זיכערקייט אין דער מעגלעכקייט פון אַן ענגער פאַראייניקטער אַרבעט צווישן די פּראָלעטאַריער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד אונטער דער פאָן פון דער איינאיינציקער ר. ס. ד. אַרב. פּאַרטיי.

דער צאָפּן-מאַירעוודיקער קאָמיטעט פון דער רוסלענדער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער אַרבעטער - פּאַרטיי.

18. די טעטיקייט פון בונד פון יוני 1903 ביז יולי 1904.

(אויסצוגן פון באַריכט צום אינטערנאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם; אויסגאַבע פון בונד, זשענעווע, אַווגוסט, 1904).

...דער טעטיקייטס-ראַיאָן פון בונד נעמט אַרום אַלע ערטער, וואו די אידישע אַרבעטער לעבן אין מער וויינקער קאָמפּאַקטע מאַסן. די באַוועגונג קומט פאָר ניט נאָר אין די שטעט, נאָר אויך אין די שטעטלעך. יעדער מער

אָדער וויניקער באַטייטנדיקע שטאָט שטעלט מיט זיך פאָר אַ צענטר, וועלכער באַדינט די באַוועגונג אין א געוויסער צאָל שטעטלעך.

אָט איז א רעשימע פון די הויפּט־פונקטן, אף וועלכע עס פאַרשפּרייט זיך די טעטיקייט פון בונד:

א. ווילנע, קאָוונע, פּאָנעוועזש, שאַוול, ווילקאָמיר, גראָדנע, ביאַליסטאָק, סלאָנים, וואָלקאָוויסק, דווינסק, רעזשיצע, מינסק, באָברויסק, באָריסאָוו, פּינסק, מאָזיר, וויטעבסק, ווארשע, סעדלעץ, לאָדז, פּלאָצק, סואוואַלק, מאַריאַופּאָל, פּעטראקאָוו, האָמעל, מאָלעוו, שקלאָוו, אָרשע, זשיטאָמיר, בערדיטשעוו, קיעוו, בעלאָצערקאָוו, נעזשין, אָדעס, ראָוונע, ריגאַ.

ב. די סאָצ. דעמ. פּראָפעסיאָנעלע פאריינען, וואָס גייען אריין אין בונד, דער בערשטעטער בונד און דער גאַרבער־בונד האָבן זייערע ראַיאָנען:

1) דער בערשטעטער־ראַיאָן: נעוול, קרעסלאווקע, ווילקאָווישק, קאלווארייע, וולאַדיסלאוואָוו, ווערזשבאלאווע, וויסטינעץ, מעזשירעטשיע, טרעסטיאָן, קנישין און אנד.

2) דער גאַרבער־ראַיאָן: סמאָרגאָן, אָשמיאַן, קרינעק, זאבלודאָווע, שיס־לעוויטש און אנד.

די צאָל אָרגאַניזירטע ארבעטער איז געני שווער פעסטצושטעלן, נאָר לויט דער סאַמער מעסיקער אויסרעכענונג איז זי ניט וויניקער פון 30.000.

דער פּאָליטישער קאַמף האָט זיך אויסערלעך אויסגעדריקט אין פארזאַמ־לונגען, דעמאָנסטראַציעס און פּאָליטישע שטרייקן.

מאַסן־פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען צונויפגערופן געוואָרן צוליב ספּעציעלע פּאָליטישע געשעענישן, זיינען פאר דער צייט פאַרעגיסטרירט געוואָרן 429; אין 418 פון זיי האָבן זיך באַטייליקט 74.162 מענטשן.

פּאָליטישע שטרייקן, אלס פּראָטעסט קעגן אויסערגעוויינלעכע ווילקיר־טאַטן פון דער פּאָליציי, אָדער אום אויסצודריקן די סאָלידאַריטעט מיט די קעמפנ־דיקע אַרבעטער פון אנדערע שטעט (לעמאָשל, מיט די ארבעטער פון אָדעס און קיעוו אין דער צייט פון די שטרייקן אין דאָרעם־רוסלאַנד זומער 1903[45], צום אָנדענקן פון א וויכטיקן פאַקט פון רעוואָלוציאָנערן קאמף (לעמאָשל, צום יאָרצייט פון לעקערטס הינריכטן) א. א. זיינען פאָרגעקומען 41, אין דעם 1-טער מאַי־שטרייקן; אין 31 פון זיי האָבן זיך באַטייליקט 23.035 מענטשן.

דעמאָנסטראַציעס — גאַסן־פּראָצעסיעס מיט רויטע פאָנען, רעוואָלוציאָנערע אויפשריפטן א. אז. וו. — און מאַניפעסטאַציעס אין טעאַטער, באַטעמעדראָשים א. א. זיינען געווען 45; אין 31 פון זיי האָבן זיך באַטייליקט 20.340 מענטשן.

גרעסערע ארויסטרעטונגען, אין יעדערער פון וועלכער עס האָבן זיך באַ־טייליקט מער ווי צו 1000 מענטשן, זיינען פאר דער צייט פאָרגעקומען 26: 12 פאַרזאַמלונגען, 5 דעמאָנסטראַציעס און 9 פּאָליטישע שטרייקן.

עקאָנאָמישע שטרייקן זיינען פאר דעם יאָר פאָרגעקומען 109 מיט 24.124 אָנטיילנעמער, פון זיי האָבן זיך אין איין שטרייק באַטייליקט 10.000 אַרבעטער אין איינעם — 3000 און אין איינעם — 2000.

דער קאַמף קעגן די אידישע פּאָגראָמען, וואָס די צארישע רעגירונג מיט

אירע מעשאָרסים אף די ערטער האָבן זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן, האָט זיך אויסגעדריקט אין דורכפירן 12 פאַרזאַמלונגען מיט 2710 אָנטיילנעמער, אין איינאָרדענען אין דעמאָנסטראַציע פון 3000 מענטשן, אין ארויסלאָזן 23 אויפרופן, 16 פון וועלכע עס זיינען ארויסגעלאָזן געוואָרן אין 97 טויזנט עקזעמפּליאַרן, און אין אָרגאַניזירן באַוואָפנטע זעלבסטשוץ-גרופן (אין אָדעס פון 400 מענטשן, קרעסלאַווקע 250, אין דעם 30 רוסישע ארבעטער, קאָפּיס 200, אין דעם 150 רוסישע אַרבעטער; אַזעלכע גרופן זיינען אויך געווען אין קיעוו, מאָליעוו, בערדיטשעוו, ביאַליסטאָק א. א.).

דידאַזיקע באַוואָפנטע גרופן האָבן באַם סאַמע אָנהויב דערשטיקט דעם פּאָגראָם-פּרואוו אין פאַריטש, מינסקער גוב., און דער האָמלער קאָמיטעט פון בונד האָט פאַרן העלדישן ווידערשטאַנד די גראָמילעס 46 באַקומען באַגריסונגס-אַדרעסן פון כאַרקאָווער און טיפליסער קאָמיטעטן פון ר. ס. ד. א. פּ. און פון כאַרקאָווער קאָמיטעט פון די סאָצ. רעוו.

אין פראָט פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט צווישן מיליטער איז דורכגעפירט געוואָרן פאָלגנדעס: עס זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן 4 אויפרופן צו סאָלדאָטן און 1 — צו אָפיצירן; אין הארבסט האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט ארויסגעלאָזן אין 20.000 עקז. א ספּעציעלן אויפרוף צו די רעקרוטן.

דער קאַמף קעגן דער מילכאָמע האָט זיך געפירט אין דער פאָרם פון גאַסן-דעמאָנסטראַציעס (אַזעלכע זיינען פאָרגעקומען 5), אין ארויסלאָזן ספּעציעלע אויפרופן (2 פון צ. ק. און 14 פון די אָרטיקע קאָמיטעטן) און אין צונויפרופן פּראָטעסט-פאַרזאַמלונגען (אַזעלכע זיינען געווען 5).

אין צוזאַמענהאַנג מיטן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס זיינען צונויפגערופן געוואָרן 11 פאַרזאַמלונגען, אין 9 פון וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט 1440 מענטשן.

די ארויסגעבערישע טעטיקייט פון בונד האָט זיך פאַרן לעצטן יאָר אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקעס:

אין רוסלאַנד אין אומלעגאַלע דרוקעריי‍ען זיינען ערשינען די נומ. 33—37 „ארבעטערשטימע" אין 12.500 עקז., 3 נומערן „דער בונד" אין 18.000 עקז. איין נומער „וואַרשעווער ארבעטער", 10 בראָשורן אין אידיש און רוסיש (5 פון זיי אין 14.000 עקז.), 305 פּראָקלאַמאַציעס (241 פון זיי אין 686.775 עקז.) 31 בלעטלעך (24 פון זיי אין 44 .435 עקז.) און אייניקע אָפּדרוקן פון „אַרבעטערשטימע" און „דער בונד".

אין אויסלאַנד: איין נומער „דער אידישער ארבעטער" אין 1500 עקז., איין נומער „גלאָס בונדי" (אין פּויליש) אין 1500 עקז., 3 נומערן „וועסטניק בונדאַ" אין 10.500 עקז., 61 נומערן „פּאָסליעדניא איזוועסטיאַ" (פון נומ. 128 ביז 189) דורכשניטלעך צו 4000 עקז. יעדער נומער, 32 בראָשורן (17 אין אידיש, 10 אין רוסיש און 5 אין פּויליש) אין 139 טויזנט עקז., 4 בלעטלעך אין 13 טויזנט עקז. און איין אויפרוף אין 2000 עקז.

אין קאַסע פון צענטראַל-קאָמיטעט איז פון מאַרט 1903 ביז יול 1904 אריינגעקומען 19.132 רובל; אין קאַסע פון אויסלענדישן קאָמיטעט איז פאַרן

1903-טן יאָר אריינגעקומען 45.192 פראנק (ארום 17.000 רובל) און פון יאַנואַר ביז יול 1904 — 30.551 פראנק (ארום 11.300 רובל); די האַכנאָסע פון 11 אָרטיקע קאָמיטעטן און אָרגאניזאַציעס, וועגן וועלכע עס זיינען געווען יעדיעס, האָט פאר דער צייט פון 11 ביז $2^1/_2$ כאדאָשים אויסגעמאַכט 9272 רובל.

אין מעשעך פון דעם יאָר זיינען ארעסטירט געוואָרן 4.467 כאווירים, אסאַך פון וועלכע עס זיינען פארשיקט געוואָרן קיין מיזרעך-סיביר און אין ארכאַנגעלסקער גוב. (בלויז פאר $4^2/_3$ כאדאָשים זיינען דורך דער מאָסקווער איבערשיקונגס-טורמע דורכגעגאַנגען 60 בונדיסטן, וועלכע זיינען פאַרשיקט געוואָרן אף א טערמין פון 3 ביז 6 יאָר); פאר דער צייט זיינען געלונגען געלאָפן פון סיביר ארום 20 באַווירים.

אַזוי ווי זינט פלעווע איז געוואָרן אינערן-מיניסטער האָט זיך דער טורמערעזשים פאַר די פּאָליטישע ארעסטירטע שטארק פארערגערט, האָבן זיך צווישן די לעצטע אָנגעהויבן שארפע מאסן-פּראָטעסטן אין דער פאָרם פון „בונטן" און הונגער-שטרייקן, וועלכע האָבן אָפּט געדויערט ביז 7 ט"ג. עס זיינען פאַרעגיסטרירט געוואָרן 4 „בונטן" און 16 הונגער-שטרייקן, אין זעקס פון וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט 215 בונדיסטן. אכוץ דעם, האָבן אונזערע כאַווירים אין 5 טורמעס געפייערט דעם 1-טן מאי און דורכגעפירט 6 פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס.

קימאַט בא אלע קאָמיטעטן פונקציאָנירן ספּעציעלע קאַסעס צו שטיצן די אַרעסטירטע און פארשיקטע כאַווירים. וועגן דער גרויס פון זייער טעטיקייט קען מען מישפּטן לויט די פאָלגנדיקע ציפער: די קאָוונער הילפס-קאַסע האָט פאַר 4 כאדאָשים צונויפגעקליבן 901 רובל, די ווילנער — 737 רובל, דווינסקער — 282 רובל, מאָלעווער (פאר 7 כאָדאָשים) — 464 רובל, וויטעבסקער (פאַר 6 כאַדאָשים) — 848 רובל, בערדיטשעווער (פאר 5 כאַדאָשים) — 170 רובל, האָמלער (פאַר 7 כאדאָשים) — 395 רובל. אין אייניקע שטעט, לעמאָשל, אין ווארשע, פונקציאָנירט אַ צווישן-פּארטייאישע הילפס-קאַסע. פון יאַנוואַר ביז יון 1904 האָט דער ווארשעווער קאָמיטעט פון בונד באַקומען פון דערדאָזיקער קאסע פאר די ארעסטירטע און פארשיקטע בונדיכטן 1787 רובל.

19. די מאַי-דעמאָנסטראַציע אין האָמעל.

(קאָרעספּאָנדענץ אין נומ. 4 „דער בונד", אַויגוסט 1904)

שאַבעס, דעם 8-טן מאַי, איז באַ אונז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט געמאַכט אַ געוואלדיקן איינדרוק ווי אַף די ארבעטער, אזוי אַף דער גאַנצער שטאָט ביכלאַל. מע האָט באשלאָסן צו מאכן די דעמאָנסטראַציע אומבאַדינגט שאַבעס, דעם 8-טן מאַי, נאָך די מאָסע האָט דערפון ניט געוואוסט ביז דער לעצטער מינוט (אַף דער דעמאָנסטראַציע האט מען אויך איינגעלאַדן די אָרטיקע גרופּע פון דער רוסל. סאָצ.-דעמ. אַרב.-פּאַרטיי). דעם טאָג פאר דער דעמאָנסטראַציע זיינען פאָרגעקומען צוויי גרויסע פאָרזאַמלונגען:

באַטאָג אין אַ קוואַרטיר פון 300 מענטשן, און באַנאַכט אין וואַלד פון 600 מענטשן. אַף די פאַרזאַמלונגען האָט מען ווידער (ווייל ניט איין מאָל האָט מען שוין אַזוי געטאָן) אויפגעוויזן די נויטיקייט פון אַ דעמאָנסטראַציע און מע האָט אָנגעזאָגט דעם אוילאָם צו זיין גרייט אין יעדער מינוט ארויסצוגיין אין גאַס באַ דעם ערשטן אויפרוף פון דער אָרגאַניזאַציע.

די מאַסע האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז עס וועט מוזן פאָרקומען אַ דעמאָנסטראַציע, און דערביי האָט מען גערעדט, אַז דער קאָמיטעט האט באַשלאָסן צו מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון צענטראַל-קאָמיטעט, וואָס, פאַרשטייט זיך, האָט צוגעגעבן דעם אוילאָם נאָך מער מוט און באַרייטזאַמקייט. די ריכטיקע יעדיע וועגן דער צייט און דעם אָרט פון דער דעמאָנסטראַציע האָט דער אוילאָם באַקומען שאַבעס, דעם 8 טן מאַי, אין דערפרי דורך אַ באַזונדערע קאָמיסיע, וואוהין עס זיינען אריין בעסערע מענטשן פון יעדן פאַך. און די מענטשן האָבן געדאַרפט אָנזאָגן דעם גאַנצן פאַך.

פון גאַנץ פרי האָט די קאָמיסיע אָנגעהויבן צו ארבעטן, אָנזאָגנדיק, מע זאָל זיך צו 7 אַזייגער צונויפקלייבן אַף רומיאַנצעוויסקע גאַס, און אין עטלעכע שאָ ארום האָבן דערפון שוין אַלע געוואוסט. כאָטש אַלץ איז געווען געמאַכט זייער קאָנספּיראַטיוו, דאָך האָט זיך די יעדיע וועגן דער דעמאָנסטראַציע, וואָס דאַרף באַלד פאָרקומען, פאַרשפּרייט אריבער די גרעניצן פון דער אָרגאַניזירטער מאַסע און פילע צערטלעכע מוטערס האָבן זיך שוין געבעטן באַ זייערע קינדער ניט ארויסגיין אין אָוונט אַף רומיאַנצעווער גאַס. מע האָט נאַטירלעך מוירע געהאַט, אַז די פּאָליציי זאָל זיך אויך דערפון ניט דערוויסן און ניט פאַרצוימען מיט סאָלדאַטן אלע וועגן אַף דער רומיאַנצעווער גאַס. דערווייל איז צו 5 אַזייגער געוואָרן זייער כמאַרנע, און עס האָט אָנגעהויבן גיסן אַ גרויסער רעגן...

מיר זיינען געווען אין גרויס ספק, צי וועט זיך די דעמאָנסטראַציע איינגעבן. נאָר צו 7 אזייגער איז דער רעגן און כמאַרע אריבער, און גלייך האָבן די ארבעטער אָנגעהויבן צו שיטן זיך אַף דער רומיאַנצעווער גאַס. צו 7 1/4 אזייגער איז שוין די גאס געוואָרן שוואַרץ פון מענטשן; עס האָט זיך צונויפגעקליבן ניט ווייניקער פון 700 מאַן, און דאָס אלץ איז פאָרגעקומען אזוי גיך, דאָס עס האָט אַרויסגערופן א כשאַד (ניט אומזיסט האָט שפּעטער דער פּאָליצמייסטער געשריען מיט גרויס קאַאַס אַף דעם פּריסטאַוו גוראָוויטש: „דו ליימענער קאָפּ, דו זעסט, אַז באַלד נאָכן רעגן האָט מיט אַמאָל ארויסגעשאָטן אַפן גאַס אַזאַ אוילאָם, און פאַרשטייסט ניט, וואָס דאָס איז"...)

7 1/2 אַזייגער איז שוין אַלץ געווען פארטיק, עס איז שוין געווען דער פאָנענטרעגער מיט דער פאָן, עס האָט זיך שוין צונויפגעקליבן דער גאַנצער „באָיעוואָי אָטריאַד", עס האָט נאָר געפעלט דער אָנפירער, מע האט אַף אַזאַ אויפן געקענט דורכלאָזן דעם בעסטן מאָמענט; מע האָט אָנגעהויבן מוירע האָבן ניט צו געבן צייט דער פּאָליציי זיך צוצוגרייטן. עס זיינען דורכגעגאנגען דריי פּאָליציייסקע צום פּאָזשאַרנעם הויף, און מע האָט אָנגעהויבן ריידן, אַז דאָס האָט מען זיי געשיקט נאָך פאזשאַרנע סאָלדאטן. דאס ווארטן איז געוואָרן זייער

שווער. נאָר אָט איז שוין געקומען דער אָנפירער: מע האָט שוין געקענט אָנ-הויבן. מע האָט געשיקט אַ מענטשן מיט אַ סיגנאַל צונויפקלייבן דעם אוילאָם באַם אָנהויב פון מיאַסניצקער גאַס. נאָר עס איז אויסגעקומען, אַז בעאייס דער אוילאָם איז געווען פאַנאַנדערגעוואָרפן ביזן בולוואַר, איז דער סיגנאַלער דורכ-געגאַנגען מער ניט ביז דער טראַאיצקער קירכע, און דעריבער איז אויסגע-קומען, אַז צום אָנהויב פון דער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך ארום דעם פּאָנע-טרעגער צונויפגעקליבן מער ניט ווי 350 מענטשן (אין דער עמעסן האָבן זיך געדאַרפט ארום אים צונויפקלייבן 700 מענטשן, צווישן זיי אויך 20 רוסישע ארבעטער). נאָר בעאייס מאַיסע האָט מען דאָס ניט באַמערקט און מע האָט געגעבן א צייכן פאַנאַנדערוויקלען די פאָן.

עס איז אומעגלעך צו באשרייבן די געפילן, וועלכע האָבן באַ אונז אָלע-מען געקאכט און געזידט אין דעמדאָזיקן מאָמענט! לאנגזאַם וויקלט זיך פאַ-נאַנדער די רויטע פאָן, הויך הויבט זי זיך אויף איבער אַלעמענס קעפּ. אין איין אויגנבליק שטייען מיר שוין אלע אינמיטן גאַס, אַף איין סעקונדע האָבן מיר געזעען פאר אונזערע אויגן אַן אויסגעצויגענעם פּאָנים, וואָס איז געווען שרעקלעך בלייך פון קאַאָס און סינע... דאָס האט דער פּאָליצמייסטער, וואָס איז דאָ געשטאנען אַפן פּאָסט, אונז אָפּגעטראָטן דעם וועג. אין איין מינוט איז געוואָרן שטיל ארום און ארום. נאָך איין סעקונדע — און א שטארקער קאָל „עס לעבע דער אַלוועלטלעכער יאָנטעוו פון פּראָלעטאריאט!" א קאָל וואָס גייט, דוכט זיך, ארויס ערגעץ פון אויבן, האקט איבער די טויטע, הערלעכע שטילקייט, — „אורראַ"! האָט מיט אַ דונערנדן קאָל געענטפערט די גאנצע מאסע. „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג"! הערט זיך ווידער ווי פון אויבן, און דער צווייטער אויסגעשריי ווערט ווידער פארדעקט מיט אַ דונערגדן „אורראַ". אַרום און אַרום האבן זיך אָנגעהויבן שיטן בלעטלעך, פּראָקלאמאציעס. און אָט גייען מיר. אין דער לופט פליען היטלען, בלעטלעך, פארויס פלאטערט די רויטע פאָן, עס בלאנקען די ווערטער, וואָס זיינען אף איר אָנגעשריבן, און איבער אַלעמען הערשט אַן אומאויפהערנדער, שטורמדיקער „אורראַ"! עס לאָזט זיך הערן א געזאגג פון „ווארשאוויאנקע"... אף א מינוט קערן מיר אום די קעפּ אהינטער, און דאָ האבן מיר עפּעס דערזעען, אז אהינטער אונז גייט נאָר א העלפט פון דעם אוילאָם, וואָס האָט געזאָלט זיין אף דער דע-מאָנסטראציע. — אזוי זיינען מיר דערגאנגען ביז דער באַזארנע גאס און האבן איר פארקערט. ווי עס איז געווען אָפּגערעדט, האָבן מיר געדארפט דאָ זיך פאנאנדערגיין, כאָטש מיר האבן געקענט דורכגיין נאָך א גאַס. די פאָן האָט זיך אראָפּגעלאָזן, אין דערדאָזיקער מינוט האָט זיך געלאָזט הערן א שאָס, נאָך אים א צווייטער, דאָס האָבן געשאָסן די פּאָליציסקע. אונזער „באָיעוואָי אָטריאַד" האָט געענטפערט מיט א זאלפּ. די דעמאָנסטראנטן האבן זיך צעטיילט אף צוויי טיילן. איין טייל האט זיך א וואָרף געטאָן אף דער באזארנער גאס, דער צווייטער — אף זאמקאָווע, און אלע האבן זיך צעשפּרייט און פאנאנדער-געגאנגען.

אזוי איז דורכגעגאנגען די דעמאָנסטראציע. אף די ארבעטער האָט זי גע-

מאכט די בעסטע, ערמוטיקסטעווירקונג. בא יעדרען אָפּן פּאָנים איז אָנגע־שריבן אַ באַגייסטערטע, ענטציקנדע פרייד. אַפילע די ארבעטער, וועלכע האבן זיך פאר דער דעמאָנסטראַציע ארויסגעזאָגט קעגן איר, אַפילע די זיינען אַף דעם העכסטן אויפן ענטציקט און באגייסטערט. אפילע די גאָר אָפּגעשטאַנענע האבן דערפילט אין זיך א נייעם שטראָם פון ענערגיע. ניט א קלענערע ווירקונג האט זי געמאכט אויך אף דער געזעלשאפט און אַף דער פּאָליציי.

מע קען זיך גאָר ניט פּאָרשטעלן, וואס פאר א קוילעס און יעלאָלעס עס האָט זיך אויפגעהויבן בא אונזער בורזשואזיע און וויפיל קלאָלעס און בּאראָמעס זי האָט געשאָטן אַפּן קאָפּ פון די „דעמאָקראטן". אומעטום האט מען גערעדט וועגן א פּאָגראָם, און אפילע די „געבילדעטע געזעלשאפט", אונזערע „ליבעראלן", זיינען אויך געוועזן מאָלע רעציכע אף די „דעמאָקראטן", וואס זיי זיינען אזוי „אומטאקטיש" צו מאכן א דעמאָנסטראציע, און האבן באשלאָסן מער ניט צו געבן קיין געלט לעטויוועס די ארעסטירטע און פארשיקטע. נאָר אנדערע האבן זיך דערמיט ניט באַנוגנט. 15 מענטשן, די גרעסטע ליבעראלן פון שטאָט, וועלכע האָבן ביז איצט אונטערגעשטיצט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג מיט געלט, האָבן זיך צוריפגעקליבן אַף אַן אַסיפּע און האבן באשלאָסן מער קיין קאָפּיקע ניט געבן. „יעדרען פון אונז", האבן זיי געטאינעט: „קאָסט די רעוואָלוציע 50 רובל א יאָר, און די דעמאָקראטן געפינען גאָר ניט פאר נויטיק זיך צו רעכענען מיט אונזער מיינונג. באזונדערס האָט געקערט די וועלט די פּאָליציי. דער איספּראַווניק האט נאך אין יענעם אָוונט געהאלטן אין קלוב א רעדע. ער האט אויפגעוויזן, ווי „אומטאקטיש" עס זיינען די רעוואָלוציאָנערן, וואָס אין אַזא צייט — בעאייס דער מילכאָמע און ניט לאנג נאָכן פּאָגראָם — זיינען זיי ארויס מיט א דעמאָנסטראציע. געענדיקט זיין רעדע האט דערדאָזיקער ליבהאבער פון „פאָלק" מיט דעם וואונש, אז די גאנצע רומיאנצעווער גאָס זאָל זיין אויסגעשטעלט מיט טליעס, אף וועלכע מע זאָל אויפהענגען די רעוואָלוציאָנערן.

דער דערשראָקענער פּאָליצמייסטער האט אויך געהאלטן א פּייערדיקע רעדע, אין וועלכער ער האט זיך געקלאָגט אף די אומדאנקבארקייט פון די אידן, מיט וואָס זיי האבן אים אָפּגעצאָלט פאר אלע טויוועס, וואָס ער האט געטאָן מיט זיי. צום סאָף האט ער פאָרגעלייגט די אידן, ד.ה. די אידישע בורזשואזיע צו מאכן אַן אַסיפּע און אָפּקלערן, וואס טוט מען. אף מאָרגן איז פאָרגעקומען די אַסיפּע, אף וועלכער עס זיינען געוועזן אלע „פּניי" פון שטאָט. די פּראָטים פון די אלע באשלוסן, וואס די אסיפע האט אָנגענומען, ווייס מען ניט, ווייל די גאנצע אסיפע איז פאָרגעקומען בעסאָד. נאָר דאס ווייס מען גענוי, אז די אידישע בורזשואזיע האט באשלאסן צו געבן א גרויסע סומע געלט אף צו פארשטארקן די פּאָליציי.

20. א באגריסונג דעם אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן קאנ־גרעס אין אמסטערדאם.

(„לעצטע נאכריכטן“, נומ. 197, 1904).

פון אונזער געהיימער פאַרזאַמלונג, ווייט פון די אויגן פון די דעספּאָטן־אָכראניקעס, שיקן מיר אונזער כּאוערשן גרוס דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, דעם העכסטן אָרגאַן פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, וועלכער דריקט אויס די סאָלידאַריטעט פונם אלוועלטלעכן פּראָלעטאריאַט, באַטאנט און היט אָפּ זיינע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, דערלייזט אלע פראַגן פון זיין סאָציאַליסטישער ארבעט.

איצט, ווען די פינסטערע קויכעס פון דער בורזשואזיע האָבן זיך פאַרייניקט און אָרגאַניזירט צום קאַמף קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, ווען אין דעמדאָזיקן קאַמף זוכן זיי די הילף פונם רוסישן צאַריזם, וועלכער איז די הויפּט־שטיצע פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע,—איצט, ווען צענדליקער און הונדערטער טויזנט אַרבעטער און פּויערים ווערן געבראַכט פאַר אַ קאָרבן אפן מיזבייאַך פון קאַפּיטאַליזם; ווען עס גיסט זיך זייער בלוט, ווען זיי שטאַרבן פון הונגער פאַר די אינטערעסן פון דער אוואַנטיוריסטישער רוסישער זעלבסטהערשנדער מלוכע, פאַר די אינטערעסן פון די יאַפּאַנישע קאַפּיטאַליסטן; איצט, ווען אין די רייען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע גופע באַגעגענען זיך אזוי פיל „קריטיקער“ און „רעוויזיאָניסטן“, וועלכע שטאַרען זיך אָפּנויגן דעם פּראָלעטאַריאַט פון זיין קלאַסן־קאַמף,—איצט האָט דער אַלגעמיינער קאַמף פון אלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט באַזונדער שאַרף ארויסגערוקט אַסאַך פראַגן, איצט וואַרטן די ארבעטער באַזונדער פיל פון זעקסטן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. מיר זיינען זיכער, אז דער קאָנגרעס וועט מיט ערפאָלג דערפילן די אויפגאַבן, וואָס זיינען אף אים ארויפגעלייגט, אז ער וועט באַרעכטיקן די האָפענונגען, וואָס זיינען אף אים געוואָנדעט, פּרוכטבאַר דערלייזן אלע ארויסגערוקטע פראַגן און הויך האַלטן די רויטע פאָן פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם.

מיר, אידישע ארבעטער, האָבן שוין לאַנג אנערקענט דידאָזיקע פאָן פאַר אונזער פאָן, און מיר פירן אונזער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאַמף האַנט באַ האַנט מיט די ארבעטער פון גאַנץ רוסלאַנד, מיטן פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט.

די שטיקנדיקע אַטמאָספער פון אזיאַטישן דעספּאָטיזם, דער דרייפאַכער דרוק—פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און נאַציאָנאַלער, וועלכע שאַפן אזוי פיל שטערונגען אף אונזער רעוואָלוציאָנערן וועג, מאַכן באַזונדערס נויטיק אונזער ארבעט. אלץ ענגער פילן מיר זיך פאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינער פּראָלעטאַרישער מישפּאָכע, אלץ מער דערוואַרטן מיר פון דעם סאָלידאַרן קאַמף פון אלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, אלץ שטאַרקער זוכן מיר די שטיצע און הילף פון אונזערע כאַוויירים אין אונזער שווערן קאַמף. אלץ מער דערוואַרטן מיר פון 6 אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס!

זאָל לעבן דער זעקסטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס!
זאָל לעבן די אלוועלטלעכע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע!
זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!

85 בערדיטשעווער ארבעטער־אגיטאַטאָרן.

21. פּראָטעסט־רעזאָלוציע פונם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס קעגן די אידישע פּאָגראָמען.

(„דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָצ. קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם אין 1904". זשענעווע. 1905. ז. 5)

...„מיליאָנען רוסישע אידן ווערן גענויטיקט דורך די הערשנדע אויסנאַמס-געזעצן צו לעבן אין די שטעט פון „טכום" („טשערטאַ"), און ווערן דורך דעם אָפּן ערגסטן און שרעקלעכסטן אויפן געדריקט אין זייער קאַמף פאַר דער באַיונג, אַזוי אַז טויזנטער פון זיי גייען יערלעך, נאָך דער מיינונג פון רוסישע געלערטע, פיזיש און מאָראַליש צו גרונד.

„קעדיי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון רוסישן פאָלק פון דער אייגענער צאַרישער געוואַלט און רויב-פּאָליטיק און פון דער איינאָרדנונג, וועלכע עקזיסטירט אומעטום אין לעבן פון דער מלוכע, רופט די רוסישע רעגירונג פון צייט צו צייט ארויס פּאָגראָמען אף אידן, וועלכע, ווי עס באַווייזן די פאַקטן, ווי דאָס איז צו זעען פון דער ווילדער קישינעווער בלוטבאָד, זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פון פ אָ ן - פּ ל ע װ ע ן, קעדיי צו דערשטיקן און אונטערדריקן די פאַרשפּרייטונג פון די אידייען פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, וועלכע האָבן זיך אין די לעצטע יאָרן שטאַרק אנגעהויבן איינצואווּאָרצלען אין די אידישע ארבעטער און ארבעטערינס פון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד.

„נעמענדיק דאָס אין באַטראַכט, הויבט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם, געטריי זיינע אַלטע טראַדיציעס, זיין פּראָטעסט אין נאָמען פון פרייהייט קעגן די קולטור און מאָראַל-פיינטלעכע אומווירדיקע באַהאַנדלונגען פון די רוסישע אידן און דריקט אויס זיין פולע און גאַנצע סימפּאַטיע די אידישע גענאָסן אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד, וועלכע קעמפן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם אין רוסלאַנד, ניט קוקנדיק אף אַלע פאַרפאָלגונגען פון דער „פאַטערלעכער רוסישער רעגירונג".

22. די „אַרבעטער־שטימע" וועגן אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס.

(אויסצוגן פון אַרטיקל אין נומ. 38, סעפּטעמבער 1904)

...די באַציאונג צום רעוויזיאָניזם איז געווען די הויפּט-פראַגע אף דעם לעצטן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז ניט לאַנג פאַר-

געקומען אין אַמסטערדאַם. דידאָזיקע פראַגע האָט אָפּגענומען אַזוי פיל מי און צייט באַ דעם לעצטן קאָנגרעס, אַז ער האָט געמוזט אייניקע זייער וויכטיקע פראַגן לאָזן ניט פאַרענטפערט ביזן קומענדן קאָנגרעס.

...וואָס איז דאָס דער רעוויזיאָניזם? צי דען איז דאָס טאַקע אַזאַ ערנסטע און געפערלעכע שטרעמונג, אַז מע מוז צוליב איר אַף די נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן אָפּפערן מיט אַנדערע וויכטיקע לעבנס-פראַגן?

געוויס יאָ! דער רעוויזיאָניזם אַליין לייקנט דאָס אַפילע אָפּ, ער האַלט זיך גאַנץ שטיל, שפילט אַ ראָלע פון אַ נעבעכל, וואָס באַקלאָגט זיך שטענדיק, אַז מע לאָזט אים ניט אַריינטראָגן אין דער פּראָגראַם און טאַקטיק פון סאָציאַליזם אַזוינע פאַרענדערונגען, וועלכע זיינען קלוימערשט אַרויסגערופן פון לעבן. נאָר דאָס מאַכט ניט כאָטש אַף וויפל עס איז קלענער די ערנסטע געפאַר פאַר דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וואָס שטעקט אין דער רעוויזיאָניסטישער שטרעמונג. איר עמעסער ציל איז טאַקע — אַראָפּפירן די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג פון איר איינציק ריכטיקן וועג, אַף וועלכן עס האָט איר געשטעלט נאָך דער אַלטער „אינטערנאַציאָנאַל“... [47]

...וואָס ווילן די רעוויזיאָניסטן?

ניט מער און ניט ווייניקער, ווי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך אָנטזאָגן פון זיין קלאַסן-שטאַנדפונקט, פון פּרינציפּ פון קלאַסן-קאַמף, פון דעם אַלעפבייס פון דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. אַנשטאָט דעם קלאַסן-קאַמף שטעלן זיי אַרויס דעם פּרינציפּ פון „קלאַסן-מיטאַרבעט“, ד. ה. דער פּראָלעטאַריאַט זאָל שליסן אַ שטענדיקן בונד מיט די פּראָגרעסיווע שיכטן פון דער בורזשואַזיע. נאָר ווי קען די בורזשואַזיע צושטימען — וועט פרעגן דער לעזער — צו אַרבעטן פאַר דעם, עס זאָל איינגעפירט ווערן דער סאָציאַליזם, וועלכער וועט דאָך איר איינגאַנצן פאַרניכטן? דער טערעץ איז זייער אַן איינפאַכער: אַזוי וואויל איז טאַקע דעם סאָציאַליזם פון די רעוויזיאָניסטן, אַז די בורזשואַזיע האָט ניט נאָר ניט מוירע פאַר אים, נאָר זי האָפט נאָך מיט זיין הילף צו פאַרשטאַרקן איר אייגענע פּאָזיציע.

צו דעמדאָזיקן סאָציאַליזם דאַרפן מיר קומען, ווען מיר וועלן ביסלעכווייז „כאַפּעוו מאַכן“ דעם קאַפּיטאַליזם. דעם קאַפּיטאַליזם קען מען „כאַרעוו מאַכן“ אַף זייער אַ גרינגן און פרידלעכן אויפן: מע דאַרף נאָר ביסלעכווייז איינפירן אַלערליי רעפאָרמען און פאַרבעסערונגען, אַף וועלכע די בורזשואַזיע אַליין איז אויך מאַסקים. נאָר אַזוי ווי יעדע רעפאָרם, יעדע פאַרבעסערונג אין די גרעניצן פון דעם הערשנדן קאַפּיטאַליזם איז שוין, נאָך דער מיינונג פון די רעוויזיאָניסטן, אַ שטיק סאָציאַליזם, וועט די בורזשואַזיע זיך גאָר ניט אַרומזען, ווי אין איין שיינעם פרימאָרגן וועט אָנקומען די הערשונג פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. די בורזשואַזיע וועט זיך גאָר דעמאָלט כאַפּן, ווי נאַריש און קורצזיכטיק זי איז געווען, נאָר עס וועט שוין זיין שפּעט: זי וועט מוזן איינשטימען אַף דעם, וואָס איז צוליב איר נאַרישקייט געוואָרן אַ היסטאָרישער פאַקט.

פון דעם פּראָלעטאַריאַטס קאַמף פאַר זיין באַפרייאונג ווערט אף אזא אויפן אַ קינדער-שפּיל: ווער וועמען וועט אָפּנאַרן?

דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם לייקנט, געוויינלעך, אויך ניט אָפּ דעם קאַמף פאר רעפאָרמען, פאר געוויסע פארבעסערונגען אין דער עקזיסטירנדער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאפט. נאָר צווישן דעם, ווי ער קוקט און ווי די רע=וויזיאָניסטן קוקן אַף דיזעלבע פראגע, שטעקט אַ צו גרויסער אונטערשייד. פאַר דעם רעוויזיאָניזם איז, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, יעדע רעפאָרם — אַ טייל פון דעם פּראָלעטארישן הויפּט-ציל, אַ טייל פון סאָציאַליזם. פאר דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל=דעמאָקראטיע איז דאס מער ניט איינער פון די מיטלען צו דערגרייכן דעם ציל, אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן די קאַמפּס=פעאיקייט פון פּראָלעטאריאט. פאר דעם רעוויזיאָניזם איז דעריבער יעדע רעפאָרם אַליין שוין אַ גרויסע טויווע, ווי זי זאָל ניט ווירקן אף דעם באוואוסטזיין פון פּראָלעטאריאַט; פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם איז יעדע רעפאָרם, וועלכע מע קען קויפן נאָר דורך דעם, וואס מע וועט פאַרטונקלען דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן-באַוואוסטזיין, די גרעסטע ראָע, קעגן וועלכער מע מוז קעמפן מיט דערזעלבער ענערגיע, ווי מע קעמפט קעגן דער געזעלשאפטלעכער רעאַקציע. דער רעוויזיאָניזם טאינעט, אַז אויב מע וועט ביסלעכווייז פאַרבעסערן די באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט דער קאַפּיטאליסטישער אָרגאניזם, וועט זיך מיט דער צייט גרונטלעך איבערבייטן דער אָרגאַניזם אליין. דער רעוואָלוציאָנערער סאָ=ציאַליזם זאָגט, פאַרקערט, אז וויפל לאַטעס מע זאָל ניט לייגן אַפן בעגעד, וועט ער פונדעסטוועגן פון דעם ניי ניט ווערן. וויפל רעפאָרמען מע זאָל ניט אַריינטראָגן אין דער בורזשואַזער געזעלשאפט, וועט זי פון דעם באַנייט ניט ווערן, ווייל עס פארבלייבט די הויפּט-אורזאך פון דער צאָרע — דאס וואס איין קלאַס עקספּלואַטירט דעם צווייטן.

דער רעוויזיאָנים, ענדלעך, וויל ניט וויסן פון קיינע קאמפּס-מיטלען, אויסער ריין לעגאַלע; געזעצלעכקייט — איז איינער פון זיינע הויפּט-קלאָלים. דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאליזם אנטזאגט זיך ניט פון לעגאלע קאמפּס=מיטלען, באָר ער האלט אינגאנצן פאר אומעגלעך זיך צו אנטזאגן אויך פון געוואלט-מיטלען, אויב זיי וועלן נאָר זיין נויטיק.

קלאסן-מיטארבעט אנשטאט קלאסן-קאַמף, מער ניט ווי רעפאָרמען אין די גרעניצן פון קאפּיטאליסטישער אָרדענונג, אנשטאט דעם שטענדיקן קאַמף פארן סאָציאליזם, וועלכער קען פארווירקלעכט ווערן נאָר דאן, ווען דער קאפּיטאליזם וועט פאלן; שטרענגע „געזעצלעכקייט״ אנשטאט דעם, צו באנוצן די אָדער יענע קאמפּס-מעטאָדע, אף וויפל דאס פאָדערן די באדינגונגען פון געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישן לעבן — דאס זיינען די הויפּט-אידייען, אף וועלכע דער רעוויזיאָניזם וויל פארבייטן די פּרינציפּן פון פּראָלעטארישן סאָציאליזם.

נאָר אָנעמען דידאָזיקע אידייען וואָלט הייסן פארן פּראָלעטאריאט זיך אינגאנצן אנטזאגן פון זיין באפרייאונגס-קאמף. דאס וואָלט הייסן, לאָזן אף אייביק, עפּשער אין א ווייכערע פאָרם, די אָרדענונג, אין וועלכער א קליינע קופּקע רייכע קאפּיטאליסטן עקספּלואטירט דעם גרעסטן טייל פון דער באפעלקערונג.

עס איז גאנץ נאטירלעך, אז צווישן דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראטיע האָבן זיך וואס ווייטער אלץ אָפטער געלאָזט הערן שטימען קעגן דיזע שטרעמונג, אז די שטימען האבן גענומען פאָדערן, מע זאָל אויפהויבן אן ענערגישן שטרייט קעגן דעם רעוויזיאָניזם, מע זאָל מאכן ריין די פּארטייען פון דידאָזיקע קליין-בורזשואזע עלעמענטן.

אף דעם פּאָריקן אינטערנאציאָנאלן סאָציאליסטישן קאָנגרעס אין פּאריז האָט זיך שוין אנגעפאנגען דער אינטערנאציאָנאלער שטרייט קעגן דעם רעוויזיאָניזם. נאָר דאן איז געווען א רייד נאָר וועגן איין קאָנקרעטע פאָרם פון רעוויזיאָניזם — וועגן דעם רעכט פון א סאָציאליסט צו נעמען אן אנטייל אין א בורזשואזן מיניסטעריום.

פאָריקן יאָר איז די דייטשע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל-דעמאָקראטיע אפן דרעזדענער פארטיי-טאָג פון דער דייטשער סאָציאל-דעמאקראטישער פּארטיי ענערגיש און פעסט ארויסגעטראָטן קעגן דעם רעוויזיאָניזם, ווי קעגן א גאנצער טעאָרעטישער שטרעמונג, וועלכע נעמט אָן אין פארשיידענע ערטער גאנץ פארשיידענע פאָרמען. עס איז געוואָרן אָנגענומען א רעזאָלוציע, וועלכע פּא-רורטיילט שארף דעם גאנצן רעוויזיאָניזם און שטרייכט נאָך א מאל אונטער די ריכטיקייט פון דער אלטער, שוין אויסגעפּרואווטער פּ-אָגראם און טאקטיק פון דער רעוואָלוציאָנערער סאציאַל-דעמאָקראטיע. נאר דער רעוויזיאָניזם האט זיך אויסגעבויט א נעסט ניט נאר אין דייטשלאנד, נאר אויך אין א גאנצע רייע אנדערע לענדער — אין פראנקרייך, איטאליען, בעלגיען, און עס איז גע-ווען נויטיק ער זאָל באקומען א נידערלאגע אויך אפן אינטערנאציאָנאלן קאָנ-גרעס, אין דעם פּארלאמענט פון אינטערנאציאָנאלן פּראָלעטאריאט.

די נידערלאגע האט ער טאקע באקומען אפן קאָנגרעס אין אמסטערדאם.

די פראגע איז דאָרטן געשטאנען אונטערן נאמען „די אינטערנאציאנאלע רעגולירונג פון דער פּאליטיק און טאקטיק פון דער סאציאַל-דעמאקראטיע" און מע האט איר פריער באטראכט גאנצע דריי טעג אין דער קאָמיסיע. דאס איז געווען א מין קליינער צוזאמענפאָר, אף וועלכן עס איז געווען דער גרעסטער טייל מיטגלידער פון קאָנגרעס. עס האָבן זיך געפירט זייער גרויסע וויקוכים, וועלכע האבן ארייגעטראָגן זייער פיל ליכט אין דערדאָזיקער פראגע. די קאָ-מיסיע האט אָנגענומען די דרעזדענער רעזאָלוציע. די פראגע איז געווען איי-בערגעטראָגן אף די אלגעמיינע זיצונגען פון קאָנגרעס, וואו עס האבן זיך ווידער געפירט זייער גרויסע וויקוכים. און וואו עס איז ענדלעך אָנגענומען געוואָרן דיזעלבע רעזאָלוציע מיט א גרויסער מערהייט פון 28 שטימען קעגן 5.

...דער אמסטערדאמער קאָנגרעס איז געווען א גלענצנדער יאָנטעוו פאר דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאליזם.

דער באוואוסטזיניקער פּראָלעטאריאט פון דער גאנצער וועלט האט דורך זיינע פאָרשטייער אין זיין אינטערנאציאָנאלן פּארלאמענט מודיע געווען מיט די ווערטער פון דער דרעזדענער רעזאָלוציע, אז ער וויל פארבלייבן בא זיין אלטער, אויסגעפּ-ואווטער רעוואָלוציאָנערער טאקטיק, צו וועלכער עס ברענגען אים די פּרינציפּן פון קלאסן-קאמף. ער האט זיך ענערגיש ארויסגעזאגט קעגן

דעם רעוויזיאָניזם אין אלע זיינע פארשיידענע פאָרמען, קעגן דער שטרעבונג פון רעוויזיאָניזם צו פארקויפן דעם פראָלעטאריאַטס בכוירע פאר א טאָפ ליגזן, צו פארפירן אים אַף א נייעם וועג, אפן וועג פון שאָלעם מיט דער בורזשואַזיע, אפן וועג פון רעפאָרמען און לאטעס לייגן, אפן וועג פון געהאָרכזאמקייט און בורזשואזער געזעצלעכקייט.

דער באוואוסטזיניקער רעוואָלוציאָנערער פראָלעטאריאַט וועט בלייבן טריי די פרינציפּן פון טעאָריע און פראקטיק, וועלכע עס זיינען אים געבליבן בע־יערושע פון דעם אלטן „אינטערנאציאָנאל".

23. א באגריסונג די יאָקוטסקער כאַוויירים [18].

(„דער בונד", נומ. 4 אַווגוסט 1904)

טייערע כאַוויירים!

מיר, מינסקער אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וועלכע עס געפינען זיך אַף אַ פאַרזאַמלונג פון 600 מאַן, שיקן אונזער הערצלעכן ברודערלעכן גרוס אייך, אונזערע כאַוויירים, אין יאָקוטסק און אין גאַנץ סיביר, מיר דריקן אייך אויס אונזער סאָלידאַריטעט מיט אייער פאַרביטערטן קאמף קעגן דעם ווילקיר פון דער צאַרישער רעגירונג, וועלכע וויל באַ אייך צונעמען די מעגלעכקייט צוריק צו קומען אַהיים, וועלכע האָט אייך פאַרבאָטן צו האָבן וועלכן עס איז אופטראָג מיט אייערע ניי־אָנגעקומענע כאַוויירים, וועלכע האָט אייך פאַרוועדט צו פאָרן אין שטאָט פון די פאַרוואָרפענע ווינקלעך, וואו זי האָט אייך צעשיקט, צו פאַרשאַפן זיך אַלעס, וואָס אַ מענטש האָט נויטיק צום לעבן. דערדאָזיקער פאַרצווייפלטער העלדן־קאַמף, פאַר וועלכן עס דערוואַרט נאָך אייך שטרענגע באַשטראָפונג, וועט באַווייזן דער גאַנצער וועלט, אַז דער דעספּאָטישער זעלבסטהערשונג וועט זיך מיט קיינע רעדיפעס איבער אירע שוצלאָזע קאָר־באָנעס אין סיביר ניט איינגעבן אויסצולעשן דעם רעוואָלוציאָנעם פייער פון האַס און פיינדשאַפט, וואָס ברענט אין אונזערע אַלעמענס הערצער צו איר מערדערישער פאָליטיק. דערדאָזיקער פאַרצווייפלטער העלדנמוט פון אונזערע כאַוויירים, וועלכע זיינען אָפּגעטיילט מיט טויזנטער וויאָרסט פון דעם אָרט, וואו מיר פירן אונזער אַלטעגלעכע מילכאָמע מיט דער זעלבסטהערשונג, וועט אונז אויך צוגעבן נייע מוט, נייע באַגייסטערונג צום קאַמף מיט דעם צאַרישן ווילקיר, וועלכער נעמט אָן אויך באַ אונז אַלץ העסלעכערע פאָרמען. דידאָ־זיקע רעוואָלוציאָנע באַגייסטערונג, וועלכע וועקט און רופט אונז צום קאַמף, וואו מיר זאָלן זיך ניט געפינען, אין וואָס פאַר אַ לאַגע מיר זאָלן ניט זיין, מוז באַווייזן דעם דעספּאָטישן צאַריזמוס, אַז מיט קיינע באַליידיקונגען, מיט קיינע מערדערייען וועט זיך אים ניט איינגעבן אָפּצוהאַלטן אונז פון קאַמף. און נאָר מיט אַזאַ באַגייסטערונג, און נאָר מיט אַזאַ העלדנמוט, ווי עס האָבן ארויסגעוויזן אונזערע כאַוויירים אין יאָקוטסק, קאָנען מיר האָפן צו צעברעכן די דיקע ווענט פון דער צאַרישער פעסטונג.

היינט, אין דעם טאָג, ווען עס איז געפאַלן פון די צאַרישע הענקער אונ־זער העלדישער קעמפער, לעקערט, פאַרייניקן מיר זיך מיט אייך, אונזערע טייערע כאַווײרים, צו ערן דעם אנדענקן פון אונזער כאַווער מאַטלאַכאָוו, וועלכער איז געפאַלן אַלס אַ נייער אָפּפער אין דעם אומאויפהערלעכן קאַמף. דער טרויעריקער שיקזאל פון אונזערע געפאַלענע כאַווײרים מוז אונז שטענדיק ערינערן אָן דעם, אַז נאָר ווען מיר וועלן זיין געגרייט צו שטאַרבן אין קאַמף, קענען מיר האָפן צו דערלעבן דעם זיג!

ערע דעם אָנדענקן פון אונזערע געפאַלענע כאַווײרים!

אַ הערצלעכן גרוס אייך, אונזערע קעמפנדע ברידער און שוועסטער!

נידער מיט דעם דעספּאָטישן צאַריזמוס! עס לעבע דער סאָציאַליזמוס!

24. אַ מאַסאָווקע אין וואַלד.

(קאָרעספּאָנדענץ פון דווינסק, „דער בונד", נומ. 5, אָקטיאַבר 1904)

...העלקלינגענדיקער לאַכן, פריילעכע שטימען הערן זיך אין דעם גרויסן אַלטן וואַלד, אין וועלכן מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט. דער פינסטערער פאַר־וואָלקנטער הימל ווערט וואָס ווייטער אַלץ העלער. דורך די שווערע וואָלקנס הויבט זיך אָן צו באַווייזן אַ שײַנענדע זון, וועלכע קוקט אַף אונז וואַרים און ליבלעך, אַלע זיינען יאָנטעוודיק אָנגעטאָן, די געזיכטער דריקן אויס פרייד און האָפנונג...

מיר וואַרטן מיט אומגעדולד אַף דער עפענונג פון דער פאַרזאַמלונג. פון אַלע זייטן שיטן זיך גרופּנווייז אַלץ נייע און נייע מענטשן... די אינטעליגענטע אנטיילנעמער הערן זיך צו מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו אַלץ, וואָס אַרום זיי ווערט גערעדט און באַמיען זיך, אַז קיין זאַך זאָל פאַרביי זיי אומבאַמערקט ניט אַריבערגיין.

עס איז שוין נאָך האַלבן טאָג, דער פאָרזיצנדער עפנט די פאַרזאַמלונג.

עטלעכע מינוטן באַוועגט זיך די מאַסע, ביז עס קומט אַלץ אין אָרדענונג. די גרעסטע טייל פון דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך פאַרנאַנדערגעלייגט אפן גראָז און אַ צווייאיקער רונג פון מענער האָט זיי אַרומגערינגלט.

עס ווערט גאַנץ שטיל. מיט קלאַפּנדע הערצער ערוואַרטן אַלע, אַז אָט-אָט וועט זיך לאָזן הערן אַ שטימע, וואָס וועקט און רופט צום קאַמף.

— „טראָגט אַרויס די פאָנע, די רויטע" (49 — קלינגט מעכטיק און פייער־לעך איבערן גאַנצן וואַלד, און דער אָפּקלאַנג ענטפערט פון אלע זייטן.

פון אַ קליינעם בערגל לאָזט זיך אַרונטער אַ גרופּע אַרבעטער מיט אַ רויטע פלאַטערנדע פאָן.

אַ קאַלטער שוידער גייט איבער דורך אַלעמענס קערפּער. די אויגן גליען אין הייליקער באַגייסטערונג. אין פאַרב פון דער פאָן זעען מיר דאָס בלוט פון אַלע קאָרבאָנעס, וואָס זיינען פון דער טיראַנישער רוסישער זעלבסטהערשונג

פאַר אונזער הייליקער אידייע פאַרלאָרן געגאַנגען. זי דערוועקט אין יעדערן אַ געפיל פון ראַכע און העלדנמוט.

און ווי פאַרקישעפּט גיט זיך פּלוצלונג אַ הויב די גאַנצע מאַסע, נעמט אַראָפּ די היטלען און וואַרפט זיי אין דער הויך.

דער כאָר ווערט שטיל.

— כאַווירים! — ווענדעט זיך מיט אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער אין דער האַנט, אַן אַרבעטער, וואָס שטייט בײַ דער פאָן, — מיט זיין בלוט וועט באַצאָלן אונזער פיינט, ווען ער וועט האָבן די האָזע מיט זיינע אומריינע הענט צו באַרירן אונזער הייליקע פאָן.

נאָכדעם לייגט דער פאָרזיצנדער פאָר, ווי מע זאָל זיך האַלטן, אויב פּאָליציי וועט אָנפאַלן...

דער רעדנער נעמט דאָס וואָרט.

עס ווערט ווידער שטיל...

דער רעדנער גיט איבער אַ באַגריסונג פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט *); ער דערקלערט זיין גרויסע באַדייטונג. זיינע ווערטער זיינען פול מיט פייער און ענטוזיאַזם.

...עס דערוועקן זיך אַלץ נייע און הייליקע געפילן.

דער רעדנער רעדט ווייטער. ער דערקלערט די טאַקטיק פון דער זעלבסט-הערשונג, די אומנוצלעכקייט פון אירע נייע מיטלען אויסצוהיילן איר פאַרפוילטן קערפּער.

דער רעדנער ענדיקט.

— ...נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! נידער מיט די טיראַנען!!!..

דער כאָר זינגט דעם „אינטערנאַציאָנאַל“.

עס ווערט ווידער שטיל...

צום פאָן גייט צו אַ צווייטער רעדנער. ער דערציילט פון די לעצטע באַגעגעניישן אין סיביר... פאַר אונזערע אויגן מאָלן זיך בילדער, איינע שרעקלעכער ווי דאָס אַנדערע... „אומגעקומען איז מאַטלאַכאָוו, געשאָסן איז שאַך[50], פאַרוואונדעט און פאַרמאַטערט זיינען פיל אַנדערע קעמפער“... עס הערט זיך אַ שלוכצן...

דער רעדנער לעזט איבער די רעזאָלוציעס: אַ באַגריסונג אונזערע יאַקוטס-קער כאַווירים און דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס.

רעזאלוציעס...

מיט גרויס פרייד עמפּפאַנגט די מאַסע די רעזאָלוציעס... דער כאָר זינגט..

איבערן וואַלד גייען דורך 3 קריסטלעכע אַרבעטער. דער פאָרזיצנדער געפינט פאַר נויטיק זיי אָפּצוהאַלטן ביז צום סאָף פון דער פאַרזאַמלונג, און מע דערקלערט זיי, וואָס דאָ גייט פאָר.

צום פאָן גייט צו דער דריטער רעדנער. ער רעדט וועגן דער גלענצנדער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון „בונד“ פאַר די לעצטע צען כאַדאָשים, וועגן

*) זע אויבן ז. 100.

דעם פלאַקערנדן פייער, וועלכן ער צינדט אָן אין דעם גייסט פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועגן די לעצטע מאַסאָווע פאַרזאַמלונגען, וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, וואָס איז פאַרפּלייצט אין גאַנץ רוסלאַנד, וועגן דעם קאַמף מיט די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען אין דער אידישער נאַציע. ער באַווייזט, אַז די ברייטע און טיפע אנטוויקלונג פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג, פון איין זייט, און די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראַקטיק און אַ נאָענטערע באַקאַנטשאַפט מיטן „בונד", פון דער צווייטער זייט, וועט איבערצייגן אונזערע רוסישע כאַווירים, ווי נויטיק עס איז א זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע פאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט — ערשט דאַן וועט פאַרקומען אַן עמעסע פּאַרטייאישע אייניקייט.

— עס לעבע אונזער ארבעטער-בונד!!..

— אוראַ! הילכט איבערן וואַלד אַן ענטפער פון טויזנט הערצער, און היטלען פליען אין דער הויך.

עס לעבע דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד"! עס לעבע דער סאָציאַליזם!

— „צום אָרדענונג, כאַווירים, צום אָרדענונג" — רופט דער פאָרזיצנדער.

— עס לעבע די רעוואָלוציע!! עס לעבע די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע!! אוראַ!! — הערט זיך ווידער איבערן גאַנצן וואַלד.

עס איז ווידער שטיל...

דער כאָר זינגט „צום בונד"(51). דעם לעצטן פערז זינגט די גאַנצע מאַסע. אין געזאַנג הערט זיך אַ טיפער פעסטער גלויבן.

צו דער פאָן גייט צו אַ פערטער רעדנער.—נייע טרערן, נייע קאָרבאָנעס, נייע אַלמאָנעס, נייע יעסוימים—דער זעלבסטהערשונג האָט זיך פאַרוואָלט אַ מילכאָמע... זיינע ווערטער אטעמען מיט האַס קעגן דער זעלבסטהערשנדער רעגירונג און דער בורזשואַזיע מיט אירע אַלע „אידעאַלע טעלערלעקער". — „כאַווירים, — זאָגט ער, וויזנדיק אף דער פאָן — דאָס איז אונזער איינציקער וועג צו באַפרייאונג, פון קנעכטשאַפט דורך פּאָליטישע פרייהייט — צום סאָציאַליזם".

די גאַנצע מאסע זינגט „די שוואוע"(52); זי זינגט מיט באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם. און נאָך שוועבן די וואלן פון אונזער הייליקן קאַמפס-ליד צום האלב-טונקלען הימל ארויף...

דער וואַלד הערט שווייגנדיק צו...

די פאַרזאַמלונג איז געענדיקט. די מאַסע ברעכט צווייגן, גרייט זיך אָן שטעקנס, זינגנדיק רעוואָלוציאָנערע לידער. אין ענג געשלאָסענע רייען האלטן זיי זיך פאַר די הענט. אַרומגערינגלט מיט אַ צווייגן-רינג, הויבט זיך אָן די מאַסע צו רירן פון וואַלד. די שטילע בלאַסע לעוואָנע באָדט זיך אין דורכזיכטיקע וואָלקנס. אַ קילער ווינטל בלאָזט אין געזיכט.

אַלע צוזאַמען, פעסט געשלאָסן, שטרעבנדיק צום קאַמף, גייען מיר פאָרויס...

מיר זיינען שוין אין שטאָט. אף אונז זיינען געווענדעט נייגעריקע בליקן, פון די פענסטער קוקן אַרויס ווייבער און קינדער. וואו-ניט-וואו הערט זיך פאַרמאַכנדיק די קראָמען. מיר נעמען גיין האַסטיקער.

...שטילער... די ערשטע רייען נעמען אַרונטער די היטלען. „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!״ — הערט זיך אַ פייערלעכע שטימע. מיט אַ דונערדיקן „אוראַ״ ענטפערט די מאַסע — און אויסרופן, איינער מעכטיקער ווי דער אַנדערער, הערן זיך פון טויזנטער שטימען. „וויכרי וורואַזשדיעבניע וועיוט נאַד נאַמי״ — הילכט איבער דער גאַנצער גאַס. דאָס איז ניט מער קיין געזאַנג — דאָס איז אַ מעכטיקע שטימע פון דעם קעמפנדן, זיגנדיקן פראָלעטאַריאַט.

— „נעמט אַרונטער די היטלען״ — שרייט אויס איינער פון די אַרבעטער, פאַרבייגייענדיק פאַר אַ גרופּע נייגעריקע: „דאָס גייט דער אידישער קעמפנדער פּראָלעטאַריאַט! נעמט אַרונטער די היטלען״!

מיט געזאַנג און אויסרופן גייען מיר 15 מינוט.

...פּעסט איז געשלאָסן די מאַסע...

ענדלעך ראַט דער פאָרזיצנדער זיך פאַנאַנדערצוגיין, אָבער די מאַסע הערט ניט און זינגט ווייטער. נאָך דעם, ווען דער פאָרזיצער איבערצייגט אין דער נויטיקייט דערפון, הויבט די מאַסע אָן גרופּנווייז מיט פריילעכן געזאַנג זיך פאַנאַנדערצוגיין.

די מאַסע איז זייער באַגייסטערט און פריילעך. אַ גרויסער טייל קושט זיך איינער מיט די אַנדערע.

25—26. די ביאַליסטאָקער בלוט־באָד.

א. דער אָנפאַל פון דער פּאָליציי אַף אַן אַרבעטער פאַרזאַמלונג.

(קאָרעספּאָנדענץ פון ביאַליסטאָק אין נומ. 38 „אַרבעטער־שטימע״, אָקטיאַבער 1904)

דעם צווייטן טאָג סוקעס איז געווען אין וואַלד אַ פאַרזאַמלונג פון 300 אַרבעטער. בעשאַס מע איז געגאַנגען צוריק פון דער פאַרזאַמלונג, איז שוין געווען פינסטער. „סטאָי״! — האָבן מיט אַמאָל דערהערט די אַרבעטער זייער נאָענט נעבן זיך. דאָס האָט זיך די פּאָליציי שטילערהייט, ווי נאַכט־רויבער, אונטערגעגאַנווערט צו די, וועלכע זיינען שוין געווען זיכער, אַז די געפאַר איז פאַרביי, און זיינען רואיק געגאַנגען אַהיים. אין דער פינסטער, די קאַראַבאָנעס זאָלן ניט באַמערקן, האָבן די פּאָליצייאישע ראָצכים שטילערהייט אַרויסגעכאַפּט די רעוואָלווערן און אָן קיין שום וואָרט און אָן קיין שום פאָדערונג, מע זאָל זיך פאַנאַנדערגיין, האָבן זיי גענומען שיסן אין דער אומבאַוואָפנטער פרידלעך־שטייענדער מאַסע. עס האָבן געסווישטשעט די קוילן, דער וואַלד איז פאַרהילכט געוואָרן מיט הארצרייסנדיקע קוילעס פון די פאַרוואונדעטע. דער פּאָליציי האָט דאָס ניט געאַרט: זי האָט ווידער געשאָסן אין דער לויפנדיקער מאַסע, זי האָט געשניטן מיט די בלויזע שווערדן, געשאָסן, געשלאָגן מיט די פויסטן. פיל זיינען געפאַלן דאָ אַפן אָרט, און בלוט האָט זיך געגאָסן פון זייערע וואונדן. די ווילדע בלוטדאָרשטיקע הינט האָבן געטראָטן מיט די פיס, ווידער געשניטן, ווידער געשלאָגן די אָנמעכטיקע, צעוואונדעטע אַרבעטער. לאַנג האָט געדויערט

דער געשלעג. די מאַסע איז אין איימע געלאָפן און נאָך איר האָבן זיך געיאָגט די ווילדע גאַזלאָנים. זיי כאַפּן די אָפּגעשטאַנענע, שלאָגן זיי ווייטער און פירן זיי, ווי געפאַנגענע, אין טפיסע. 30 מאַן האָט די פּאָליציי אַרעסטירט, 3 האָט מען געפירט גלייך אין שפיטאָל. איין אַרבעטערין האָט פון זיי באַקומען עט-לעכע קוילן, זי איז געפּערלעך; די איבעריקע צוויי אויך שטאַרק קראַנק. פיל פאַרוואונדעטע ליגן אין שטאָט. פיל קוילן האָט מען אַף מאָרגן אַרויסגענומען פון זיי — אַלע פון רוקן: די מערדער האָבן געשאָסן אין די לויפנדע פון הינטן... לייכטע וואונדן זיינען געוועזן אָן אַ שיר.

אין דאָס איז ניט געווען אַן אויסנעמלעכער צופאַל: דאָס איז געווען אַ באַטראַכטע זאַך, דאָס האָט מען ערפילט א גוט באַטראַכטן פּלאַן.

די פּאָליציי ערפילט דעם באַפעל, וועלכן זי האָט באַקומען פון אויבן, אַז דאָס געוועהר הענגט אַף איר ניט ווי אַ צירונג, נאָר מע זאָל מיט אים אַרבעטן. און באַ דער פּאָליציי איז די לעצטע צייט דאָס שיסן אין די אַרבעטער געוואָרן אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך.

עס איז גענוג אָנצואווייזן אַף די פאַקטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען מיט א קור-צער צייט פריער אין דעם זעלבן ביאַליסטאָק. ראָש האשאָנאָ איז די פּאָליציי באַפאַלן די פאַרזאַמלונג, וועלכע איז געווען ניט פון אונזער אָרגאַניזאַציע אָר-גאַניזירט. נאָכן רוף פון אונזערן אַ כאַווער, האָבן די אַרבעטער געפּרואווט געבן א ווידערשטאַנד, נאָר צום סאָף האָט זיך די מאסע ניט איינגעהאַלטן און אונ-טער דער ווירקונג פון די שוואַכערע גענומען לויפן. די פּאָליציי האָט געיאָגט און געשאָסן אין די לויפנדע.

באַם טאַשלעך איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי. די אַרבעטער האָבן ניט געוואָלט לאָזן אַרעסטירן, און דער גאָראָדאָוואָי האָט גע-שאָסן און פאַרוואונדעט צוויי, איינעם געפערלעך, אין קאָפּ און אין פוס.

אזוינע פאַקטן טרעפן זייער אָפט אויך אין אַנדערע שטעט.

די ביאַליסטאָקער האריגע טיילט זיך אויס פון אלע אַנדערע מיט דער מאַ-סע פאַרגאָסענער בלוט.

מיר זיינען איבערצייגט, אז אונזערע אָרגאַניזאַציעס וועלן ניט לאָזן די ביאַליסטאָקער האריגע אָן אַן ענטפער. דורך פּראָטעסטן און אַלערליי פאָרמען מוזן די ארבעטער אויסדריקן זייער באַציאונג צו אזוינע שרעקלעכע מערדע-רייען פון דער זעלבסטהערשונג.

אונזערע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן אויך באַזאָרגן, אַז די אָנפאַלן פון דער פּאָ-ליציי זאָלן ניט טרעפן אונזערע פאַרזאַמלונגען אַזוי אומבאַוואָפנט און הילפלאָז, ווי דאס האָט געטראָפן דעם מאָל אין ביאַליסטאָק. אונזער אלטער קלאַל בלייבט דער זעלבער: אַף געוואַלט מוזן מיר ענטפערן מיט אַ געוואַלט. ווען מע פאַלט אַף אונז אָן מיט געווער, מוזן מיר באַגעגענען די רעציכעס מיט געווער אין די הענט.

ב. דער ענטפער פון די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער.

(„דער בונד" נומ. 5, אָקטיאַבר 1904)

ווי נאָר אונזער צענטראַלער קאָמיטעט האָט זיך דערוואוסט וועגן די וויל־דע מערדעריי, וועלכע די צאַרישע פּאָליציי האָט באַגאַנגען קעגן אונזערע ביאַליסטאָקער כאַוויירים דעם צווייטן טאָג סוקעס, האָט ער זיך גלייך געווענ־דעט צו אַלע אונזערע קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס מיט דעם פאָלגנדן פאָרשלאַג:

„דער צ. ק. האָט באַשלאָסן, אַז אַלע אונזערע אָרגאַניזאַציעס זאָלן ווי ווייט מעגלעך אומגעזאַמט, אַן ערעך אין דעם מעשעך צייט פון 8—10 טעג נאָך דעם, ווי אָט די מעלדונג וועט ווערן דערהאַלטן, אָרגאַניזירן אַן ענערגישן־פּראָטעסט קעגן דער ביאַליסטאָקער האַריגע. אף וואָס פאַר אַן אופן צו פּראָטעסטירן ווענדט זיך פון די אָרטיקע באַדינגונגען און דאָס דאַרף, פאַרשטייט זיך, ווערן באַשטימט פון אייך אַליין. מיר, פון אונזער זייט, לייגן פאָר: דעמאָנסטראַציעס, איינטאָגיקע אַלגעמיינע שטרייקן, פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, אף וועלכע עס דאַרפן זיין אנגענומען פאַסנדע רעזאָלוציעס.

אַזוי ווי עס איז אינגאַנצן אימעגלעך פאַר אונז צו פאַרפאַרטיקן פאַר אַלעמען אין אַזאַ קורצער צייט די נויטיקע פּראָקלאַמאַציעס, ראַטן מיר באַנוגענען זיך מיט העקטאָגראַפירטע קורצע אויפרופן, וואו עס דאַרף זיין אָנגעוויזן די סיבע פון פּראָטעסט.

דעמדאָזיקן אונזער באַשלוס זייט איר מעכויעוו גלייך איבערצוגעבן אין אייער ראַיאָן.

וועגן די רעזולטאַטן בעטן מיר גלייך געבן צו וויסן ווי אונז, אַזוי אויך אונזער אויסלענדישן קאָמיטעט"...

אונזערע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך גלייך אָפּגערופן אף דעם פאָרשלאַג פון צ. ק. און האָבן גענומען פירן א העפטיקע אגיטאַציע צווישן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַלע שטעט און שטעטלעך, וואוהין עס דערגרייכט נאָר די ווירקונג פון אונזער „בונד". די גרויזאַמע נאַכריכט וועגן די פאַרגאָסענע אַר־בעטער־בלוט אין ביאַליסטאָק האָט שרעקלעך אויפגעבראַכט אַלע קלאַסנבאַ־וואוסטזיניקע אידישע אַרבעטער, און זיי האָבן ניט פאַרמיידט אויסצודריקן זייער מיטפּיל צו אונזערע ביאַליאַטאָקער כאַוויירים.

לויט די יעדיעס, וועלכע מיר האָבן ביז איצט דערהאַלטן, זיינען פאָרגעקו־מען די פאָלגנדע אָרגאַניזירטע פּראָטעסטן:

אין וואַרשע, קאָוונע, באַברויסק און מאָלעוו זיינען דעם 2-טן אָקטיאַבר פאָרגעקומען עפנטלעכע דעמאָנסטראַציעס, אין ריגע — אויך א דעמאָנסטראציע דעם 9 אָקטיאַבר, אין וויטעבסק — אַ מאַניפעסטאַציע אין טעאַטר דעם 1-טן אָקטיאַבר, אין דווינסק, פּינסק, פּאַריטש, שטשע־דרין, סעדלעץ — פּראָטעסט־פאַרזאמלונגען אין מיטן גאַס, אין מינסק — אַן אַלגעמיינער שטרייק דעם 5-טן אָקטיאַבר, אין אָדעס — אויך א שטרייק.

אין ווילנע — האָט אונזער קאָמיטעט גערופן צו א דעמאָנסטראציע, וועלכע האָט צום באַדויערן ניט געקענט פאָרקומען, כאָטש מאַסן ארבעטער זיינען געווען געקומען אף די באַשטימטע ערטער, צוליב די אויסנעמלעך גרויסע פאַרפערטיקונגען פון דער פאָליציי. דאָס גלייכן האָט זיך ניט איינגעגעבן די דעמאָנסטראַציע אין בערדיטשעוו. די פאָליציי, ווי נאָר זי האָט באַמערקט די ארבעטער, וועלכע האָבן זיך געקליבן צו דער דעמאָנסטראַציע, האָט זי גלייך גענומען שיסן, אייניקע ארבעטער האָבן געענטפערט. די איבעריקע האָבן זיי צום באַדויערן ניט מיטגעהאָלפן, און די דעמאָנסטראַציע איז אזוי פון אָנפאנג אָן צעשטערט געוואָרן. אין גראָדנע, לאָדז זיינען געווען פארזאַמלונגען, אף וועלכע מע האָט אָנגענומען פראָטעסט-רעזאָלוציעס. אין לעכאָוויטש, ראַקאָוו, סמילאָוויטש, מינסקער גוב., זיינען אויך פאָרגעקומען געהיימע פאַרזאַמלונגען, אין וועלכע עס האָבן גענומען אַן אָנטייל צו 40 מאַן...

III. די ליבעראַלע באַוועגונג אין „טכום״ און דער אידישער ארבעטער.

27. דער אַדרעס *) פון דער אידישער בורזשואַזיע סוויאַטאָפּאָלק־מירסקין [53].

(פון אַטשקאַסאָווס בוך „פּאָוועיאַלאָ וועסנאָי״, מאָסקווע, 1904. זייטן 27—28)

„אייער דערלויכטקייט, הויכגעשעצטער פירסט
פּיאָטר דימיטרעוויטש!

דער היסטאָרישער גורל פונם אידישן פאָלק האָט אים געמאכט זייער פילבאַר צו אלע ערשיינונגען פון גערעכטיקייט אין זיין בירגערלעכן לעבן.

ארויסטרעטנדיק צום ערשטן מאָל אלס דער פאָרויסזאָגער פון די געטלעכע גרונטגעבאָטן: „איין געזעץ און איינע רעכט זאָלן זיין סיי פאַר זייך און סאַי פאַרן פרעמדן, וואס וואוינט צווישן אייך״ **) (באַמידבאָר, 16, 15), „גערעכטיקייט, גערעכטיקייט זאָלסטו זוכן״ ***) (דוואָרים, 20, 16), האָט דאָס אידישע פאָלק פונדעסטוועגן, אָפטער פון די אַנדערע פעלקער, איבערגעלעבט אינם מעשעך פון זיין פילהונדערטיאָריקער געשיכטע אזעלכע מאָמענטן, ווען דידאָזיקע הויכע פּרינציפּן האָט מען צו אים ניט אָנגעווענדעט. דעריבער האָט ער אלע מאָל מיט א געפיל פון לעבהאַפטער דאנקבאַרקייט און מיט האָפענונג געקוקט אף יענע מלוכע־טוער, וואָס האָבן ארייגעטראָגן אין די באַציאונגען צו אים דעם גייסט פון מענטשלעכקייט, פון רעכט און גערעכטיקייט.

מיט דעמדאָזיקן געפיל פון דאנקבאַרקייט איז דורכגעדרונגען איצטער צו אייך, הויכגעשעצטער פירסט, די אידישע באַפעלקערונג פון דער געגנט, מיט וועלכער איר האָט די לעצטע צייט פאַרוואַלטעט.

פאַר דער קורצער צייט, וואָס איר האָט פאַרוואַלטעט מיט דערדאָזיקער געגנט, האָט איר צייט געהאט ארויסצואווייזן, צו אלע אָן אונטערשייד גרופּן

*) דעמדאָזיקן אַדרעס האָבן די פאָרשטייער פון די אידישע קעהילעס פון ווילנער, קאָוונער און גראָדנער גוב. אונטערגעטראָגן סוויאַטאָפּאָלק־מירסקין בעשאַס זיין אָפּפאָרן פון ווילנע נאָכדעם, ווי ער איז באַשטימט געוואָרן פאַר א אינערן־מיניסטער.

**) „חקה אחת ומשפט אחד יהיה לכם ולגר הגר בתוכם״.

***) „צדק, צדק תרדש״.

פון איר נאַציאָנאַל־פאַרשיידענער באַפעלקערונג, גוטסקייט און זאָרגזאַמקייט וועגן זייערע געזעצלעכע אינטערעסן.

אונטער אייער זאָרגלעכקייט האָט זיך די אידישע באַפעלקערונג געפילט רואיק און האָט געהאָפט אף א געזעצמעסיקע באפרידיקונג פון אירע נויטיק־סטע באַדערפעניש.

איצטער, שיידנדיק זיך מיט א שווערער הארץ מיט אייך, ווי מיט דעם הויפט־נאַטשאַלניק פון צאָפן-מאירעוודיקן געגנט, טרייסטן מיר זיך נאָר מיט דעם, וואָס אייער אויפגעקלערטע און מענטשנפריינדלעכע טעטיקייט, אדאנק דער אלערהעכסטער באשטימונג פון אייער דערלויכטקייט אף דעם פאָסט פונם מיניסטער פון אינערן, וועט באַקומען נאָך א ברייטערן פלאַץ פאר איר ארויס־ווייזן זיך.

פילנדיק א גייסטיקע באַדערפעניש אויסצודריקן אייך די געפילן פון היי־סער דאַנקבאַרקייט, מיט וועלכער מיר זיינען דורכגעדרונגען, בעטן מיר מיט טיפער אַכטונג אייער דערלויכטקייט צונעמען פון אונזערע הענט דעם סייפער־טוירע, דאָס אַלטע הייליקטום פון אידישן פאָלק.

צוזאַמען מיט דעם, וועלנדיק איינהאַלטן פאר די קומענדיקע דוירעס דעם באַרימטן נאָמען פון אייער דערלויכטקייט, בעטן מיר אייך, איר זאָלט אונז געבן אייער איינשטימונג צו גרינדן אפן נאָמען פון אייער דערלויכטקייט דריי סטיפענדיעס אין די אָרטיקע לער-אַנשטאַלטן, לויט אייער אָנווייזונג.

פונם טיפן האַרצן בעטן מיר דעם אויבערשטן: זאָל ער דערלייכטן מיט הערלעכקייט אייער נייעם וועג, זאָל ער אראָפשיקן זיין בראָכע אף אייער מלוכע-אַרבעט, זאָל ער אייך געבן לאנגע יאָר און גייסטיקע מונטערקייט, קע־דיי איר זאָלט קענען מיט ערפאָלג דינען דער גרויסער און הייליקער זאַך, צו וועלכער דער אלערהעכסטער ווילן רופט אייך, צום גוטן פון אונזער פאָטער־לאַנד און אלע פעלקער וואָס באַוואוינען אים.

„זאָל דיך גאָט בענטשן און זאָל ער דיך היטן. זאָל דיך גאָט לייכטן מיט זיין נים און זאָל ער דיך באַגנעדיקן. זאָל גאָט ווענדן זיין פאָנים צו דיר און זאָל דיר געבן פרידן" *).

דער ענטפער פונם נייען מיניסטער.

„איך בין צופרידן, וואָס מיין טעטיקייט אין קאַטערינאָסלאַווער גובערניע און אין צאָפן-מאַירעוודיקער געגנט האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט באַקאַנט צו ווערן מיט די עמעסע נויטן פון דער אידישער באַפעלקערונג, און דעריבער וועל איך זיין אימשטאַנד אין דער באארבעטונג פון דער ערנסטער אידן־פראגע, וואָס עס שטייט אין גיכן פאַר, צו באַציען זיך צו דער לעצטער פול־קום באַוואוסטזיניק. פון אייער זייט אָבער ווארט איך, אז איר זאָלט ווירקן אף דער אידישער פאָלקס-מאַסע, זי זאָל זיך באַציען מיט צוטרוי צו די מאָס־מיטלען פון דער רעגירונג.

*) „יברכך יהוה וישמרך, יאר יהוה פניו אליך ויחנך, ישא יהוה פניו אליך וישם לך שלום".

וואָס אָנבאַלאַנגט דער גערעכטיקער באַציאונג צו אייך, וועגן וועלכער איר דערמאָנט, וועל איך פון איצט אָן שטיין באַם רעכטן מאָקער פון גע־רעכטיקייט — באַם קייסער, און דערפאַר קאָנט איר זיין אין דער הינזיכט אינ־גאַנצן רואיק: די גערעכטיקייט וועט איר אלע מאָל באַקומען".

28. אַ באַנקעט פון ליבעראַלן אין זשיטאָמיר.

(קאָרעספּאָנדענץ אין נומ. 213 „לעצטע נאַכריכטן" פון 22-טן יאַנוואר 1905)

...דעם 29 דעקאַבר איז בײַ אונז פאָרגעקומען דער טראַדיציאָנעלער סטו־דענטישער באַל. צווישן אוילאָם האָבן זיך די גאַנצע צייט געטראָגן קלאַנגען, אַז אפן באַל וועט פאָרקומען אַ „באַנקעט".

ווען ארום צוויי אזייגער בײַנאַכט זיינען אין זאַל צונויפגעשטעלט געוואָרן די טישן, האָט זיך אהין אַ לאָז געטאָן דער גאַנצער אוילאָם. עס זיינען זיך צונויפגעקומען אַ 300 מאַן פון פארשיידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן.

לויט דעם פאָרשלאַג פון אַ סטודענט, איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ פּאָר־זיצנדער. דאָס ערשטע וואָרט האָט באַקומען אַן אָרטיקער ליבעראַל. אין זיין רעדע האָט ער אָנגעוויזן אף דער פּאָליטישער לאַגע אין רוסלאַנד, אף די מאַפּאָלעס פון „אונזערע זיגרייכע כאַיאָלעס" אפן וויטן מיזרעך, וואָס איז לויט זיין מיינונג, דער הויפּט-קאָזיר אין די הענט פון דער ליבעראַלער אָפּאָ־זיציע[54]. ווייטער האָט דער רעדנער באַטאָנט, אַז מיר ליידן ניט פון דער צענטראַלער מאַכט, נאָר פון דער אָרטיקער ביוראָקראַטיע און בעכיין רופט ער די רוסישע אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן פאַרייניקן זיך אין קאַמף קעגן דעם „סטרוזש" (די ביוראָקראַטיע), וועלכער שטייט אין וועג דער קאָנסטיטו־ציע. דידאָזיקע רעדע איז אויפגענומען געוואָרן גאַנץ קאַלט. ווען אָבער דער רעדנער האָט געוואָלט זעען (ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט), ווי די פאַר־זאַמלונג באַציט זיך צום קאָנסטיטוציאָנאַליזם, און ער האָט פאָרגעלייגט אויפ־הויבן אַ טאָסט פאַר דעם, אז סיביר, וואוהין מע האָט פאַרשיקט אזוי פיל גוּ־טע און ערלעכע רוסישע מענטשן, זאָל איבערגיין צו יאַפּאַן, קעדיי די פאַר־שיקטע זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט צו וואוינען אין אַ קאָנסטיטוציאָנעלן לאַנד, האָט זיך אין זאַל אויפגעהויבן אַ טומל און אויסגעשרייען: „דעמאַגאָגישע גענג" א. אז. וו.

לויט עמיצנס אַ באַפעל האָט די מוזיק אָנגעהויבן שטאַרק שפּילן. נאָך די אָנטיילנעמער פון באַנקעט האָבן אָפּגעשטעלט די מוזיק און די טענץ. דערנאָך זיינען ארויסגעטראָטן צוויי סטודענטן. איינער האָט גערעדט וועגן דעם „נייעם קורס"[55], דער צווייטער וועגן דעם צוזאַמענפאָר פון די זעמסטוועס[56]. אין מיטן די רעדעס האָט זיך אין אוילאָם אַ שאָט געטאָן פּראָקלאַמאַציעס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד": „די ליבעראַלע אָפּאָזיציע און דער פּראָלעטאַריאַט" און „וואָס מע טאָר איצט ניט פארגעסן" *).

---

*) זע זייטן 121—127.

נאָך די סטודענטן האָט דאָס וואָרט באַקומען אונזערער א כאַוער, — אַן אַרבעטער. דערקלערנדיק, אַז אַלס אידישער אַרבעטער באַזיצט ער שלעכט די רוסישע שפּראַך, האָט ער אין אַ קורצער אָבער שטאַרקער רעדע צעקלאַפּט אַלע בקירעס פונם ליבעראַל. ער האָט דערוויזן, אַז ניט די אָרטיקע מאַכט איז שולדיק אין דער איצטיקער לאַגע אין רוסלאַנד, נאָר די רוסישע זעלבסטהערשונג אַלס גאַנצע. ריידנדיק ווייטער וועגן דער מילכאָמע, האָט דער רעדנער אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די ליבעראַלן, ווי דער ערשטער רעדנער, צום ביישפּיל, זעען די יעשועס פאַר רוסלאַנד אין די קאַנאָנען פון אָיאַמע [57]. מיר סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָפן אָבער נאָר אויף זיך אַליין. נאָך מער, ווי די מילכאָמע זאָל ניט זיין גינסטיק פאַרן ניצאָכן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלן מיר קיין מאָל זיך ניט אַנטשליסן קויפן פאַר אַזאַ טייערן פּרייז אונזער פרייהייט. מיר פאָדערן טייקעף מאַכן אַ סאָף צו דער מילכאָמע, וועלכע לייגט זיך מיט איר גאַנצער שווערער לאַסט אויף די פּלייצעס פון דעם אַרבעטערקלאַס, ווע-מענס אינטערעסן מיר פאַרטיידיקן.

דער פאָלגנדער רעדנער, אַן אָרטיקער אינטעליגענט, אַ פּאָליאַק, האָט גערעדט אויף פּויליש. ער האָט גערעדט די פּאָליאַקן וואַרטן און צוקוקן, וואָס עס וועט טאָן דאָס רוסישע פאָלק. אים האָט געענטפערט אַ פּוילישער סטודענט, וועלכער האָט קורץ באַקאַנט געמאַכט די פאַרזאַמלונג מיט די פּראָגראַמען פון די פּוילישע פּאַרטייען, און אַ געקומענער כאַווער פון ר. ס. ד. א. פּ.

דער לעצטער האָט אין אַן אויספירלעכער און טאַלאַנטפולער רעדע כאַראַקטעריזירט די פּאָליטישע לאַגע אין רוסלאַנד. באַרירנדיק די פראַגע וועגן די אונטערדריקטע נאַציעס, האָט דער כאַווער אָנגעוויזן, אַז מיצאַד דעם רעדנער דעם פּאָליאַק איז מאַמעש געווען אַ פאַרברעכן צו ראַטן די פּאָליאַקן וואַרטן. ווייטער האָט ער אויספירלעך געשילדערט די ראָלע, וואָס דער פּראָ-לעטאַריאַט וועט שפּילן אין דער רוסישער רעוואָלוציע, און גערופן די דעמאָ-קראַטישע אינטעליגענץ אַריינטרעטן אין די רייען פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. זיין רעדע האָט ער פאַרענדיקט מיטן אויסרוף: „זאָל לעבן דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט!”, „זאָל לעבן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק!”

עס איז נאָך אויך אַרויסגעטראָטן אַן אָרטיקער עס-ער [58].

...מיט דעם האָט זיך די רעדנער-ליסטע פאַרענדיקט און דאָס לעצטע וואָרט האָט באַקומען דער אויבנדערמאָנטער סאָציאַל-דעמאָקראַט.

...דערנאָך איז פאָרגעלעזט און איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדע רעזאָלוציע: „נעמענדיק אין אַכט, אַז די צאַרישע רעגירונג האָט מיט איר פאַרברעכערישער פּאָליטיק דערפירט דאָס לאַנד צו אַ פולשטענדיקער רואינירונג און דאַלעס, און איינע פון אירע מיטלען—די אַוואַנטיור אַפן ווייטן מיזראַך — קאָסט שוין דעם פאָלק קאָרבאָנעס אָן אַ צאָל און באַווייזט דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט די צעפוילטקייט פון דער זעלבסטהערשנדער אָרדענונג אין רוסלאַנד; אָנערקענענדיק, אַז דאָס ווייטערדיקע עקזיסטירונג פון אַזאַ אָרדענונג, וועלכע האַלט זיך אויף ביוראָקראַטישער געוואַלט און רעכטלאָ-

זיקייט פונם פאָלק, ווידערשפּרעכט די אינטערעסן פון רוסישן פאָלק און אַלע איבעריקע נאַציעס, וועלכע וואוינען אינם לאַנד, פאָדערן מיר:

1) באַלד אָפּשטעלן די מילכאָמע,

2) טייקעף צונויפרופן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אפן סמאַך פון אלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע וואלרעכט,

3) פרייהייט פון פערזענלעכקייט און געוויסן, פרייהייט פון ווארט און פּרעסע, פאַריינען און שטרייקן,

4) באַלד באפרייען און אומקערן פון פארשיקונג די אַזוי גערופענע פּאָלי-טישע פאַרברעכער און אויפשטעלן זיי אין זייערע רעכטן".

נאָכדעם זיינען דער פּאָרזיצנדער צוזאמען מיט די אנטיילנעמער פון באַנ-קעט אוועק אין זאַל, וואו מ'האָט פאנאנדערגעוויקלט רויטע פאָנען מיט אויפ-שריפטן: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!", „נידער מיט דער מילכאָמע!", „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!", און אין דער פּוילישער שפּראַך: „נידער מיט דעם צאַר!"

מיט די פאָנען און געזאַנג פון „מאַרסעליעזע" און „וואַרשאַוויאַנקע" איז דער עולאם דורכגעגאנגען א פּאָר מאָל אַהין און צוריק איבערן זאַל. 6 אזייגער אינדערפרי איז מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

ערשט אין א שאָ ארום איז אָנגעקומען פּאָליציי (אין אָנהויב פון באַנקעט האָט עמיצער איבערגעשניטן די טעלעפאָן-דראָטן). דער פּאָליציי איז נאָר אי-בערגעבליבן צוזאַמענקלייבן די פּראָקלאַמאַציעס און קאַרטלעך, וועלכע מ'האָט פאַרשפּרייט אפן באַנקעט.

29. אף א באַנקעט פון די מינסקער ליבעראַלן.

(קאָרעספּאָנדענץ אין „וופּעריאָד"59) נומ. 7 פון 8 פעברואַל 1905).

נאָך לאַנגע פּאַרבאַרייטונגען און רייד האָבן זיך אונזערע ליבעראַלן דאָך אויסגעקליבן איינצואָרדענען א „קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָנסטראַציע".

גאַנצע כאָדאָשים האָבן זיך אונזערע ליבעראַלן געהאַלטן אין איין גרייטן זיך. צום אָנהויב האָט מען איינגעאָרדנט א פּאָר פאַרזאַמלונגען פון 20 מענטשן, שפּעטער נאָך אַזאַ פאַרזאַמלונג פון 50 מענטשן, דערנאָך האָבן זיי באַהאַנדלט די באַדינגונגען, באַ וועלכע מע קאָן אָרגאַניזירן אַ באַנקעט, דערנאָך האָבן זיי אָנגעמערקט קאַנדידאַטן אין „אָרגאַניזאַציע-קאָמיטעט", דערנאָך באַשטימט רעדנער, ביז וואַנען מע האָט ענדלעך זיך אנטשלאָסן איינאָרדענען דעם באַנ-קעט דעם 12 יאַנוואַר.

אין דעמזעלביקן טאָג אָבער האָט די אַדמיניסטראַציע צוגענומען צוריק די ערלויבעניש אָפּן באַנקעט. דאָס האָט שטאַרק צערייצט אונזערע ליבעראַלן. גלייך האָט מען געלאָזן איבערן שטאָט א קלאַנג, אַז דער באַנקעט איז פאַרבאָטן, און אַז די רעוואָלוציע וועט דורכגעלייענט ווערן אין אָוונט, אין דער צייט פון דער דומע-זיצונג.

פון 8 אזייגער אין אָוונט האָט דער זאַל פון דער שטאָט־דומע אָנגעהויבן פול צו ווערן מיט א פארשיידנאַרטיקן עולם. די דומע-מיטגלידער האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. עס האָבן זיך אָנגעהויבן נודנע, פוסטע דע-באַטן וועגן פראגן, וואָס האָבן קיינעם ניט אינטערעסירט. דער עולם האָט געהערט די דעבאטן מיט אן אויסגעשפראכענער אומגעדולד.

נאָר אָט האָבן זיך די פוסטע דעבאטן געענדיקט. דער פאָרזיצער האָט גע־עפנט די זיצונג, די „גלאַסנע" האָבן זיך גענומען אויפהויבן פון די ערטער, דער עולם האָט אָנגעשטרענגט געוואַרט אף עפּעס.

נאָר אָט איז אויפגעשטאַנען דער „גלאסנע" אמבראָשקעוויטש און האָט פאָרגעלייגט אָנעמען א רעזאָלוציע מיט דער פאָדערונג פון ברייטער פאָליטי-שער פרייהייט. דער עולם האָט אויפגענומען זיינע ווערטער מיט א דונער פון אפּלאָדיסמענטן. די „גלאָסנע" האָבן זיך אביסל פארלאָרן און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. דער שטאָט-גאָלאָווא האָט זיך גלייך דורכגעשטופּט דורכן עולם און איז פארשוואונדן געוואָרן.

נאָך אמבראָשקעוויטשן איז אַרויסגעטראטן דער פאָרשטייער פון דער מינסקער גרופּע פון דער ר. ס. ד. א. פּ., וועלכער האָט געהאַלטן א קורצע, אָבער א שטארקע רעדע. נאָך אים האָט דער פאָרשטייער פון בונד אָנגעהויבן צו ליי-ענען א רעזאָלוציע. אין מיטן לייענען די רעזאָלוציע האבן זיך דערהערט געשרייען: „פאָליציי!", וועלכע עס האָבן איבערגעריסן אויסרופן: „הערט!", „ענדיקט!" אינם טומל האָט מען דערלייענט די רעזאָלוציע, וועלכע מע האָט אויפגענומען מיט א דונער פון אפּלאָדיסמענטן און מיט אויסגעשרייען: עס לעבע דער פּעטערבורגער שטרייק, עס לעבע דער סאָציאַליזם!" די פּאָליציי, וועלכע דער שטאָט־גאָלאָווא האָט איינגעלאַדן, האָט אסאַך מענטשן איבערגעשריבן, אייניקע ארעסטירט, צווישן זיי אַמבראָשקעוויטשן, וועלכער איז פונדעסטוועגן גלייך באפרייט געוואָרן, לויט דער פּאָדערונג פון זיינע קאָלעגן-אַדוואָקאטן.

די אָרטיקע גרופּע פון אונזער פּאַרטיי און דער קאָמיטעט פון בונד זיינען אַרויסגעטראָטן פּאַרייניקט; די רעזאָלוציע, וועלכע מ'האָט דורכגעלייענט אף דער פארזאמלונג, איז געווען אויסגעאַרבעט פון ביידע אָרגאניזאַציעס. צום באדויערן, האָבן די סאָציאַל-דעמאָקראטן צו שפּעט דערוואוסט זיך וועגן דעם פאַרבאט פונם באנקעט און האָבן קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרבייטן די אויסגעאַרבעטע רעזאָלוציע מיט א קירצערע, וועלכע זאַל מער אנטשפּרעכן דעם כאראקטער פון דער פארזאמלונג.

30. דער אָפּזאג פונם „בונד" צו באטייליקן זיך אין „פּאריזער בלאָק"

(מיטיילונג פון צ. ק. פון בונד, „אַרבעטער-שטימע", נומ. 39. מארט 1905).

אין גיכן נאָך דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אַמ-סטערדאַם איז פּאָרגעקומען אין פּאַריז א קאָנפערענץ פון אָפּאָזיציאָנעלע און

רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד. אין דער קאָנפערענץ האָבן אנטייל גענומען: פאָרשטייער פון דער פינלענדישער אָפּאָזיציע, רוסישע קאָנסטיטוציאָנאַליסטן (גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע" [60]), פּוילישע נאַציאָנאַלע ליגע („ליגא נאראדאווי" [61]), אַרמענער רעוואָלוציאָנערע פעדעראַציע [62]), פּאַרטיי „סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן", פּוילישע סאָציאַליסטישע פּארטיי (פּ.פּ.ס.) און גרוזינער פּאַרטיי סאָציאַליסטן-פעדעראַליסטן-רעוואָלוציאָנערן [63]...

די קאָנפערענץ איז צוזאַמענגערופן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון דער „פינלענדער אָפּאָזיציע" [64]. זי האָט זיך געווענדעט אויך צו אלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון רוסלאַנד און האָט אויך זיי פּאַרבעטן אף די באַראַטונג, נאָר די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט געפונען פאַר מעגלעך אָנצונעמען דיזע איינלאַדונג. זיי האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אף אַן אסיפע (בעאייסן אמסטערדאַמער קאָנגרעס; אף דער אַסיפע זיינען געוועזן: דער „בונד", די רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פּאַרטיי, די ס.-ד. פון פוילן און ליטע, פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט", לעטישע ס.-ד. אַרבעטער-פּאַרטיי און די רעוואָלוציאָנערע אוקראַינישע פּארטיי) און האָבן אויסגעאַרבעט אַן ענטפער, וועלכן יעדע אָרגאַניזאַציע האָט געדאַרפט פון איר אייגענעם נאָמען אָפּשיקן די „פינלענדער אָפּאָזיציע".

דער ענטפער איז געווען דער פאָלגנדער:

„אונזער אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען דורך אייך פון דער פינלענדער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי אַן איינלאַדונג צו נעמען אַן אנטייל אין דער אַלגעמיינער קאָנפערענץ פון אַלע אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד, קעדיי צו באַטראַכטן אַן אַלגעמיינעם אַרבעטס-פּלאַן, וועלכער וואָלט זיי געבן א מעגלעכקייט צו אויסנוצן די איצטיקע לאגע, וואָס האט באַשאפן די מילכאָמע פון רוסלאַנד מיט יאַפּאַן.

צום באַדויערן איז אונזער אָרגאַניזאַציע גענויטיקט זיך אָפּצוזאָגן פון דער-דאָזיקער איינלאַדונג. אכוץ אַזוינע אורזאַכן, וואָס מ'קאָן זיי ניט מעגאַלע זיין פאַר אַלעמען, האָט זי דערביי נאָך אָט וועלכע מאָטיוון:

מיר רעכענען, אז מיר זיינען מעכויעוו אויסצונוצן די איצטיקע מילכאָמע, קעדיי צו שטאַרקן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן צאַריזם. אונזער ס.-ד. איבערצייגונג לייגט אף אונז ארויף א כויוו צו אונטערהאַלטן אויך יעדע עמעסע אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

נאָר מיר רעכענען, אז ארויסרופן א פרוכטבארן פּאָליטישן טאַט דורך דער קאָנפערענץ, וועלכע איר לייגט פאָר, איז א פאַלשע האָפענונג: די עלעמענטן, וואָס דאַרפן שיקן זייערע פאָרשטייער אף דידאָזיקע קאָנפערענץ, זיינען צו קעגנזעצלעך אי אין זייערע הויפּטלעכע פּאָליטישע אנשויאונגען, אי אין זייערע נאָענטסטע פּאָליטישע אויפגאבן, אי אין זייערע מיטלען פון קאַמף. אויסער דעם זיינען אייניקע פון דידאָזיקע עלעמענטן אף אזויפיל וויַיט פונם שטאַנדפּונקט פון קלאסן-קאַמף, אז זיי זיינען אפילע ניט פריי פון פּאָליטישן אוואַנטיוריזם, ווי, לעמאָשל, אייניקע האָפן אַפּן זיג פון דער יאפּאנישער בורזשואזער רעגירונג; דאָס איז א זינד פון אונזער ס.-ד. שטאַנדפּונקט, ווייל די מילכאָמע וועט

סאי ווי סאי ברענגען דעם העכסטן שאָדן די פאָלקס-מאַסן, צי עס וועט גע-ווינען די זעלבסטהערשנדע רעגירונג, צי זי וועט באקומען א מאפּאָלע.

דעריבער האלטן מיר זיך בא דער דייע, אז פּרוכטבארע רעוואָלוציאָנערע מאיסים זיינען בא אונז איצט מעגלעך נאָר אפן באָדן פון קלאַסן-קאַמף, ווען ס'וועט אַרויסטרעטן אין געשלאָסענע רייען דער גאנצער אַרבעטער-קלאס פון רוסלאנד, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעטן. דערדאָזיקער קאמף שטעלט זיך פאר א נאָענטסטן ציל — אין העכקעם מיטן כאָציאַליסטישן פּראָלעכאַריאַט פון יאפּאן—וואָס גיבער א סאָף מאַכן פון דער פאַרברעכערישער מילכאָמע".

די קאָנפערענץ פון אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען איז פאָרגעקומען; זי האָט אויסגעאַרבעט דידאָזיקע דעקלאַראַציע:

„נעמענדיק אין אַכט:

1) אז די זעלבסטהערשנדע אָרדענונג איז א שרעקלעכע שטערעניש פארן פּראָגרעס און דעם וואוילטאָג פון דעם רוסישן פאָלק און פון אַלע אַנדערע נאַציאָנען, וואָס ווערן געדריקט דורך דעם צארס רעגירונג, און אַז באַם איצ-טיקן צושטאנד פון קולטור איז דידאָזיקע אָרדענונג אַן אומגעלומפּערטער און שעדלעכער רעשט פון אַמאָליקע צייטן;

2) אז דער קאַמף קעגן דערדאָזיקער אָרדענונג וואָלט זיך קאָנען פירן מיט גרעסערע ענערגיע און ערפאָלג, ווען די טאטן פון פארשיידענע רוסישע און ניט-רוסישע רעוואָלוציאָנערע און אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן זאָל זיין קאָאָר-דינירט;

3) אז איצטיקער מאָמענט איז באזונדערס מעסוגל, אלע פארטייען זאָלן צופּאַסן איינע צו דער צווייטער זייערע מאַיסים קעגן דער זעלבסטהערשנדער רעגירונג, ווייל דידאָזיקע רעגירונג האָט אָנגעוואָרן דעם צוטרוי און איז אָפּ-געשוואכט געוואָרן דורך דעם שרעקלעכן פויעל-יויצע פון דער מילכאָמע, וואָס זי האָט ארויסגערופן דורך איר פאלשער פּאָליטיק.

אַנערקענענדיק דאָס אַלץ, האָבן די פאָרשטייער פון די רוסישע קאָנסטי-טוציאָנאַליסטן, פון דער פּוילישער נאַציאָנאלער ליגע, דער פּוילישער סאָצי-אַליסטישער פאַרטיי, דער פארטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, דער גרוזינער פארטיי סאָציאַליסטן-פעדעראַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, דער אַרמענער רעוואָלו-ציאָנערער פעדעראציע און דער פינלענדער אָפּאָזיציע, צונויפקומענדיק זיך אף א קאָנפערענץ פון אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאציעס, איינ-שטימיק באשלאָסן מודיע זיין אין נאָמען פון די אלע ארגאניזאציעס פאָלגנדעס:

קיין איינציקע פון די פאַרטייען, וואָס האָבן געהאַט אף דער קאנפערענץ זייערע פאָרשטייער, רעכנט ניט דערמיט, וואָס זי פאַרייניקט זיך צוליב צוגע-פאסטע מאיסים, זיך אָפּזאָגן פון וועלכן ניט איז פונקט פון איר פּראָגראַם אָדער פון אירע טאַקטישע קאַמפּס-מיטלען, ווערדליק די באדערפענישן און ווערדליק די קרעפטן אין דער לאגע פון די געזעלשאפטלעכע עלעמענטן, קלאסן אָדער נאציעס, וואָס זייערע אינטערעסן שטעלט פאָר די פאַרטיי.

נאָר אין דערזעלביקער צייט האָבן די אַלע פאַרטייען געפונען, אַז זיי אַלע אַנערקענען די פאָלגנדע הויפּטלעכע פּרינציפּן:

1) פאַרניכטן די זעלבסטהערשונג; אָפּשאַפן אַלע גזירעס, וואָס האָבן באַ-רירט די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט פון פינלאַנד.

2) פאַרבייטן די זעלבסטהערשנדע אָרדענונג אויף אַ פרייע דעמאָקראַטישע אויפן גרונט פון אַלגעמיינער אָפּשטימונג.

3) אַלע נאַציעס זאָלן האָבן דאָס רעכט פון זעלבסטבאַשטימונג; דאָס גע-זעץ זאָל אָרעוו זיין פאַר פרייע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פאַר אַלע פעלקער-שאַפטן; עס זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן די רעדיפעס פון דער רוסישער רעגירונג בענוגייע צו באַזונדערע נאַציעס.

אינם נאָמען פון דידאָזיקע הויפּטלעכע פּרינציפּן און פאָדערונגען, פאַריי-ניקן די פּאַרטייען, וואָס האָבן געהאַט זייער פאָרשטייער אויף דער קאָנפערענץ, זייערע באַמיאונגען שנעלער צו מאַכן די אומפאַרמיידלעכע מאַפּאַלע פונם אַבסאָלוטיזם, וועלכער לאָזט ניט דערגרייכן די ווייטערדיקע פאַרשיידענע צילן, וואָס עס שטעלט פאַר זיך יעדערע פון דידאָזיקע פּאַרטייען".

אַזוי ווי איבער אייניקע סיבעס האָט זיך אונזער ענטפער ניט באַקומען אין דער צייט, האָט זיך דער פאָרשטייער פון פינלענדער אָפּאָזיציע געווענדעט צו אונז און פאָרגעלייגט אונטערצושרייבן די דעקלעראַציע, וועלכע די קאָנ-פערענץ האָט אויסגעאַרבעט. דערויף האָט דער צ. ק. פון „בונד" געשיקט דידאָזיקע טשוואָוע:

„געערטער הער!

אונזער טשוואָוע, וואָס דערקלערט, פאַרוואָס מיר האָבן ניט געקענט נעמען אַן אַנטייל אין דער קאָנפערענץ, וואָס איר האָט צוזאַמענגערופן, האָט זיך, צום באַדויערן, פאַרשפּעטיקט איבער אַזוינע סיבעס, וואָס זיינען אָן אונז ניט באַלאַנקט; מיר רעכענען, אַז איר האָט זי שוין איצט מעקאַבל געווען.

אויף דעם לעצטן פאָרשלאַג—צושטיין צו דער דעקלעראַציע, וואָס עס האָט אויסגעאַרבעט די קאָנפערענץ, מוזן מיר אויך ענטפערן „ניין", ווייל דידאָזיקע דעקלעראַציע האָט פולקום באַוויזן די ריכטיקייט פון אונזער השערע, וואָס מיר האָבן נאָך פריער אַרויסגעזאָגט, אַז ווייל די עלעמענטן פון דער קאָנפע-רענץ זיינען אַזוי פאַרשיידן, דעריבער קען ניט געראָטן, אַז מע זאָל אַלע מאַסקים זיין אויף וועלכע עס איז נאָענטסטע פאָדערונג און אייניקע אָרגאַניזאַ-ציעס זאָלן דערביי ניט דאַרפן אָפּטרעטן פון אייניקע וויכטיקע פונקטן פון זייער פּראָגראַם. לעמאָשל, די הויפּט-פאָדערונג, וועלכע מיר שטעלן אַרויס אַלס ס.-ד.-שע אָרגאַניזאַציע—איז פאַרבייטן די זעלבסטהערשנדע אָרדענונג אויף אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק אויפן גרונט פון אַלגעמיינעם, גלייכן, געהיימען און דירעקטן וואַל-רעכט. דאָס איז דער קלענסטער פּאָליטישער מינימום, וועלכן ס'פאָדערן די אינטערעסן פון רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט; אויף אַראָפּנעמען וואָס ניט איז פונם דאָזיקן מינימום אין אונזערע פאָדערונגען קענען מיר בשום אויפן, אַלס פאָרשטייער פון די פּראָלעטאַרישע אינטערעסן, ניט מאַסקים זיין.

דאָס פאָדערן אויך טאַקטישע באַטראַכטונגען.

אין דער שווערער מינוט, וואָס ס'לעבט איצט איבער די זעלבסטהערשונג, ווען זי מוז כיין געפינען באַ די ליבעראַלן, איז וואָס מער די רעוואָלוציאָנערע

פּאַרטייען וועלן אָפּטרעטן פון זייער פּראָגראַם און שוואַכער מאַכן זייערע פּאָדערונגען, וועט דאָס נאָר אונטערהאַלטן די שוואַכקייט און מוטלאָזיקייט פון אונזער פּאָליטישן ליבעראַליזם, אַנשטאָט צו אַנטוויקלען אין אים אַן אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג און אים טרייבן צו שאַרפערע מאַסים.

אייער דעקלעראַציע אָבער, אַנשטאָט ארויסצושטעלן דידאָזיקע פּאָליטישע פּאָדערונג—א דעמאָקראַטישע רעפּובליק—האָט זי פאַרביטן אַף א העכסט=אומקלאָרע פּאָדערונג: „א פרייע דעמאָקראַטישע אָרדענונג אַפן גרונט פון אַל=געמיינער אפּשטימונג"—דאָס איז אזא אומבאַשטימטע פּאָדערונג, אַז צו איר קען פּאַסן אַפילע א מאָנאַרכישע קאָנסטיטוציע מיט 2-אָדער 3-שטופּיקע וואלן, מיט אַן אָפּענער אָפּשטימונג און אז. וו.—ד. ה. אַזאַ ארדענונג, בא וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט וועט אין בעסטן פאַל האָבן אַזוי ווייניק פּאָרשטייער, אז ס'איז גלייך ווי גאָרניט.

פּאַרשטייט זיך, אַז צו אַזאַ דעקלעראַציע, וואָס טרעט אָפּ אַזוינע וויכטיקע זאַכן אונזערע קאָנסטיטוציאָנאַליסטן, קען א פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי ניט צושטיין.

נאָר רעכענענדיק, אַז מיר זיינען מעכויעוו אונטערהאַלטן יעדער רעוואָלוציאָנערע און אָפּאָזיציאָנעלע באַוועגונג, זיינען מיר גרייט אַזוי צו קאָארדינירן אונזערע רעוואָלוציאָנערע טאַטן, אַז צווישן זיי און צווישן די מאַסים, וועלכע איר רעכנט טאָן, זאָל זיין א געוויסע אייניקייט, וואָס איז בעפּיירעש נויטיק, קעדיי מיט מער ערפאָלג אנצופאַלן אַף די זעלבסטהערשנדע ארדענונג; ס'פּאַרשטייט זיך, אַז מיר בלייבן פולקום פריי בענויגייע צו דער פאָרם און דעם כאַראַקטער פון דידאָזיקע רעוואָלוציאָנערע טאַטן.

מיר וועלן דעריבער גערן אָנעמען יעדע פּאָרבערייטנדע אָפּריידונג און אָפּמאַך, אַף וויפל ס'פּאָדערט די דערמאָנטע אייניקייט אין אונזערע טאַטן, — די אייניקייט, וואָס מ'קען בעקיצער אויסדריקן דורך דעם דייטשישן שפּריכוואָרט: „געטרענט מאַרשירען, פאַראייניקט שלאָגען".

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד".

31. „די ליבעראַלע אָפּאָזיציע און דער פּראָלעטאַריאַט".

(פון אַן אויפרוף פון צ. ק. פון בונד).

... דער מאָמענט איז אַן ערנסטער. די זעלבסטהערשונג וועט מוזן אראָפּ פון דער היסטאָרישער סצענע. עס וועט שוין לאַנג ניט דויערן. מיר, פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן אַזויפיל בלוט פאַרגאָסן פאַר פּאָליטישע פרייהייט אין רוסלאַנד, מיר, וואָס דאַרפן האָבן די פּאָליטישע פרייהייט, קעדיי צו בויען דעם ביניען פון גליק און עמעסער פרייהייט, דעם ביניען פון סאָציאַליזם, דאַרפן קלאָר און דייטלעך פאַרשטיין דעם יעצטיקן מאָטענט, געננוי קענען די אַלע געזעלשאַפטלעכע קויכעס, וואָס ווירקן יעצט אינם לעבן פון רוסלאַנד. מיר דארפן זיך ניט לאָזן איבעראַשן דורך קלינגענדיקע ווערטער, מיר דארפן

שטענדיק וויסן, ווער איז אונזער סוינע, און באַוואָפנט מיט אונזער שטענדיקן געווער—דעם קלאַסנבאַוואוסטזיין—דאַרפן מיר ניט לאָזן זיך אָפּנאַרן פון אונזער איינציקן און גלייכן וועג—דעם וועג פון קלאַסנקאַמף.

דאָס לעבלעכע ווינטעלע פון „פרילינג״, וואָס האָט אנגעהויבן קלוימערשט בלאָזן פון די „הויכע פענסטער״, האָט געעפנט די מיילער דער רוסישער בורזשואזיע. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די צאָל פון די אפאזיציאָנעלע עלעמענטן איז גרעסער, ווי מע האָט געקענט ערווארטן. אָפן צוזאמענפּאָר פון די מיטלמעסיקע ליבעראַלן—„די זעמצעס״, אַף די רווישנדע באַנקעטן פון דער ראַדיקאַלער בורזשואזיע, אין פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען, אין אַלערליי לעגאַלע צייטונגען האָט מען אָנגעהויבן צו ריידן מיט א געפילדער און א ראַאש, אַז עס איז נויטיק צו פאַרבייטן די הערשאַפט פון ווילקיר אַף א רעכטלעכער אָרדענונג, אַז עס איז נויטיק צו פאַרבייטן די זעלבסט־הערשונג אַף א רעגירונג פון פאָלקס-פאָרשטייער, אַז עס איז נויטיק צו פאַרזיכערן פערזענלעכע פרייהייט, פרייהייט צו פאַרזאַמלען זיך, צו ריידן, צו שרייבן, צו פאַרייניקן זיך. די אלע פאַרשטייער פון דעם רוסישן ליבעראַליזם הערן ניט אויף צו ריידן אינם נאָמען פון פאָלק. פיל זיינען טאַקע אין עמעסן איבערצייגט, אַז זיי באשיצן די אינטערעסן פון פאָלק, אַז זיי דריקן אויס אלע פאָדערונגען, וואָס זיינען אין יעצטיקן מאָמענט אָם וויכטיקסטן פאר די ברייטע פאָלקס-מאַסן. צי איז דאָס אזוי?

א פולע פון אונזערע ברידער-פראָלעטאַריער, וואָס האָבן אַזוי פיל יאָרן אַליין, אָן הילף פון די ליבעראַלן, געגראָבן א קייווער דעם פאַרהאַסטן אבסאלוטיזם, און וואָס זייער קאָל האָט איינזאַם געקלונגען אין דער פינסטערער נאַכט פון פּאָליטישער פאַרשקלאַפונג און ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין די הערצער פון דער זאַטער בורזשואזיע, קוקן יעצט מיט צופרידנהייט אַף דער ליבעראַלער באַוועגונג, הערן מיט פאַרגעניגן די שטימען פון פּראָטעסט. מע דאַרף אבער נים פאַרגעסן, אַז דיזע באַוועגונג, אבוואל זי שטרעבט צו פאָליטישע פרייהייט, וואָס איז אזוי נויטיק פאַרן ארבעטער-קלאָס, איז ניט מער ווי אָ קלאסן-באַוועגונג פון דער בורזשואזיע, וואָס הערט ניט אויף אין דער זעלבער צייט צו קעמפן קעגן אַרבעטער-קלאָס.

אין די אלע רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אפילע דורך דעם ראַדיקאַלן טייל פון דער בורזשואזער אפּאָזיציע, הערן מיר קיין איין מאָל ניט דאָס ווארט דעמאָקראטישע רעפּובליק. די בורזשואזיע פון היינטיקער צייט שטרעבט ניט אין עמעסן צו קיין רעפּובליק. א קאָנסטיטוציאָנעלע מלוכע מיט א קייסער אלס אויבערהאר—ווייטער גייט זי ניט אין אירע אידעאלן; אָ פאַרלאַמענט, וועט זי—די בורזשואזיע—שרייבן געזעצן, די מאַכט פונם קייסער וועט איר קומען צו הילף דעמאָלט, ווען דער ארבעטער-קלאַס וועט אויפשטיין קעגן דיזע געזעצן און פאָדערן פאַר זיך מענטשלעכע רעכט. די מאַכט פונם קייסער, פאַרשטאַרקט מיט ביקסן און הארמאטן, וועט שטענדיק העננען איבערן לאַנד, ווי א שווארצער שאָטן, און וועט ניט לאָזן די ארבע-

טער-מאַסן אנטוויקלען זייערע קרעפטן אין קאַמף מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

די בורזשואזיע פאַרגעסט ניט אירע אייגענע אינטערעסן! צווישן די אַלע פאָדערונגען פון פרייהייט צו ריידן, צו שרייבן א. א. וו., האָט זי פאַרגעסן דער-מאָנען די פרייהייט צו שטרייקן, ווי פאַרשיקערט זי איז ניט מיט דעם גע-דאַנק פון פרייהייט, וואָס פאַר אַ זיסע לידער זי זינגט ניט וועגן דער פריי-הייט פונם גאַנצן פאָלק אָן אונטערשייד פון קלאַסן,—האָט זי דאָך געפונען אין זיך גענוג ז'כערקייט צו געדענקען, אז דאָס רעכט צו שטרייקן איז א געפאַר פאַר איר, אלס קלאַס פון אייגנטימער.

די „זעמצעס", די פאָרשטייער פון גרעסטן טייל רוסישע ליבעראַלן, אָט די אַלע קלוימערשטע פאָרשטייער פונם פאָלק, האָבן גאָר אָן בושע אויסגע-דריקט זייער מיינונג, אז זיי ווילן ניט אין רוסישן פאַרלאַמענט די פאָרשטייער פון פאָלק—פון זיינע ארימסטע שיכטן. זיי פאָדערן ניט קיין אלגעמיינעם וואַל-רעכט. זייער פאַרלאַמענט, וואָס זיי ווילן באַשאַפן, דאַרף זיין ריין פון ארבעטער-עלעמענטן, אין אים דאַרפן הערשן אָן א שום שטערונג די באַזיצנ-דע קלאַסן און זאָרגן, ווי זייער האַרץ וועט זיי טראָגן, פאַר זייערע „ארימ-סטע ברידער"...

און ווי קענען זיי אין עמעסן פאָדערן גלייכע פּאָליטישע רעכט פאַרן גאנצן פאָלק, אָן אונטערשייד פון בילדונג און פאַרמעגן?

... דער רוסישער ליבעראַליזם האָט מוירע פאַר דער ארבעטער-באַוועגונג, וואָס טרעט ארויס אונטער דער פאָן פון סאָציאַליזם. ער ווארפט יאָ גאַנץ אָפט אַ לעבנס-בליק אף די פאָלקס-מאַסן, ער וואָלט וועלן זיי צוציען צו זיך און געפינען אין זיי אַן אונטערשטיצונג אין זיינע פּאָליטישע פאָדערונגען; ער וויל אָבער די מאַסן זאָלן ניט פאַרשטיין זייערע אייגענע אינטערעסן, זיי זאָלן ניט האָבן זייערע אייגענע פאָדערונגען, זיי זאָלן נאָכטאַנצן די ליבעראַלן און זאָגן „אָמיין" אף אלע זייערע פאַרלאַנגען. אונזערע ליבעראַלן זינגען דעריבער זייער אלטע ליד, פאַר יעצטיקן מאָמענט דאַרפן ניט זיין קיין לאַסן-קעגנזאַצן, טאַינען זיי, עס דאַרפן ניט זיין קיין באזונדערע קלאַסן-אינ-טעו'עסן. עס איז דאָ נאָר איין פאָלק, פאַרייניקט דורכן הייסן ווילן צו פריי-הייט, און זיי, די ליבעראַלן, דריקן אויס די וואונשן פון דעמדאָזיקן אייניקן פאָלק.

באַקאַנטע לידער! אונז הערן זיי ניט אויף שוין פיל יאָרן צו זינגען מיט א זיס-זויערלעך קאָל די ציאָניסטן אין זייער שטרעבונג צו פאַרשיקערן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט מיט זייערע פּוסטע כאַלוימעס.

דער רוסישער ליבעראַליזם ציט זיך צו די פאָלקסמאַסן און הערט ניט אויף אין דערזעלבער צייט צו ציטערן פאַר זייער שרעקלעכער מאַכט.

אין ציטערונג פאַר דעם ריז, וואַרפט ער זיך אין אלע זייטן, עפּשער וועט אים פאָרט געראָטן צו באַקומען אָן זיין הילף די פּאָליטישע פרייהייט. ער וויל דעריבער ניט אַריין אין אַ גרויסער מאַכלייקעס מיט דער פאַראַכטער זעלבסט-הערשונג. ער שפּילט א צווייענדיקע שפּיל. פון איין זייט, פּראָטעסטירט ער

קעגן דעם ווילקיר, פון דער אַנדער זייט, דינגט ער זיך מיט דער רעגירונג, עפשער וועט ער עפּעס אויסדינגען פאַר זיך.

... אומזיסט איז זייער האָפענונג! אפילו אין די לעצטע טעג פון איר לעבן וועט די זעלבסטהערשונג פרייוויליק ניט אַרויסלאָזן פון האַנט די מעמשאָלע. עס וועלן ניט העלפן קיין שום דיפּלאָמאַטישע קונצן, עס וועט ניט העלפן קיין דינגען זיך. די זעלבסטהערשונג וועט אָפּטרעטן נאָר פאַר א שטאַרקער אָרגאַניזירטער מאַכט,—און די ליבעראַלן, בא אַלע זייערע גרויסאַרטיקע רעדעס, בא אַלע זייערע הייסע קלינגענדיקע ווערטער, וועלן קיינמאָל ניט בילדן זעלבשטענדיק אַזאַ מאַכט. עס וועט אוועקגיין אַ שטיקל צייט, די זעלבסט-הערשונג וועט זיך אַרומקוקן, אז זי האָט געהאַט אַ טאָעס, זי וועט מאכן אַ סאָף פונם „פרילינג״—די ערשטע סימאָנים פונם „ווינטער״ לאָזן זיך שוין פילן גאַנץ שאַרף.

עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די אַלטע רעדיפעס אף די צייטונגען, מע האָט זיי שוין מאַזהיר געווען, זיי זאָלן זיך שוין ביסלעכווייז באַרואיקן; די צייטונגען וועלן פאַרלירן זייערע לעבעדיקע פאַרבן, דער פּאָנים פונם ליבע-ראַליזם וועט ווערן אַזוי בלייך און טויט, ווי ביז אַהער. עס וועט ווערן שטיל.

די ליבעראַלן האָבן קיינמאָל ניט געפּרואווט אַרויסצוטרעטן אָפן קעגן דער מאכט פון דער זעלבסטהערשונג, זיי האָבן ניט געפּרואווט קעמפן מיט געווער אין דער האַנט פאַר פּאָליטישע פרייהייט, זיי זיינען געזעסן און רואיק גע-שוויגן, ווען דאָס בלוט פון די פאָלקסמאַסן האָט זיך פאַרגאָסן טייכנווייז אף די גאַסן פון די רוסישע שטעט אין קאַמף מיט דער ווילדער טיראַניע.

עמעס, אין דעם קאַמף קעגן דער רוסישער זעלבסטהערשונג האָט די לי-בעראַלע באַוועגונג א באַשטימטע באַדייטונג. זי האָט אונז באוויזן, ווי טיף עס האָסן די זעלבסטהערשונג אַלע קלאַסן פון דעם פּאָלק אין רוסלאַנד, וואָס פאר א העסלעכע און שעדלעכע מאַקע עס איז דער אַבסאָלוטיזם אָפן גוף פון גאנצן לאַנד. די ליבעראַלע אָפּאָזיציע איז איינער פון די כאַראַקטעריסטישע סימאָנים אינם איצטיקן היסטאָרישן מאָמענט. נאָר מיר טאָרן אבער קיינמאל ניט פאַרגעסן איר עמעסן געשטאַלט. די ברייטע ארבעטער-מאַסן וועלן ניט גיין נאָך דיזע שוואַכע פונקען, וואָס בליצן אויף ערטערווייז אין דער רוסי-שער בורזשואַזיע, און וואס קאנען פאַרפירן די ארבעטער-מאַסן אין א טיפן זומפּ. מיר קאָנען זיך ניט און וועלן זיך ניט באנוגענען מיט די פּאָליטישע פאָדערונגען, וועלכע עס שטעלט אַרויס די ליבעראַלע בורזשואַזיע. אונז איז ווייניק א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע, מיר פאָדערן א דעמאָקראַטישע רע-פּובליק, מיר דאַרפן האָבן אַ פאַרלאַמענט, געגרינדעט אף אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען וואַל-רעכט, וועלכער זאָל אונז געבן א מעגלעכקייט צו נעמען אַ ברייטן און לעבהאפטן אנטייל אין דער פּאָליטיק פון אונזער לאַנד, א מעגלעכקייט צו אנטוויקלען אפן בעסטן אויפן אונזערע פּראָלעטאַ-רישע קויכעס, א מעגלעכקייט צו קעמפן אָן אַן אויפהער מיט די עקספּלואַ-טאַטאָרישע שטרעבונגען פון דער בורזשואַזיע, אַ מעגלעכקייט צו גיין אלע מאָל שנעלער צום גרויסן אַלגעמיינעם פּראָלעטאַרישן ציל — צום סאָציאַליזם.

די פּאָליטישע פרייהייט איז פאר אונז ניט קיין ציל, ווי פאַר דער בורזשואזיע, נאָר א מיטל צו באַקומען די עמעסע באַפרייאונג, — די פארניכטונג פון דער קאפּיטאַליסטישער אָרדענונג. די זעלבסטהערשונג שטערט אונז און לאָזט ניט גיין צו דעם ציל, מוזן מיר זי פאַרניכטן.

און מיר וועלן זי פאַרניכטן. מיט אונזערע אומגעהויערע קרעפטן, אין פולן באוואוסטזיין פון אונזערע פּראָלעטארישע אינטערעסן, קוקנדיק מיט אָפענע אויגן אף אונזער גרויסן ברייטן וועג, ניט לאָזנדיק זיך אָראָפּפירן פון אים אָן א זייט, אונטערשיידנדיק צווישן פריינט און פיינט, וועלן מיר מאכן אַ סאָף פון דעם אלטן רעזשים.

דער טאָג פון זיין מאפּאָלע איז נאָענט. וואָס שטארקער מיר וועלן זיין אָרגאַניזירט, וואָס פעסטער מיר וועלן זיין פאַרייניקט, וואָס לויטערער עס וועט זיין אונזער באַוואוסטזיין, אלץ גיכער וועט אָנקומען דיזער טאָג און וועט ברענגען פאַר אונז גרעסערע רעזולטאטן.

עס לעבע די דעמאָקראטישע רעפּובליק! עס לעבע די סאָציאלדעמאָקראַטיע! עס לעבע דער סאָציאַליזם!

דער צענטראל-קאמיטעט פון „בונד“.

דעקאבר, 1904.

32. „וואס טאָרן מיר איצט ניט פארגעסן?“

(פון אן אויפרוף פון צ. ק. פון בונד).

...„די אידישע בורזשואַזיע, — זי קריכט אף די קני. זי ליגט ביזן האַלז אין דער קאַלטער בלאָטע אַפילע אין די טעג, ווען עס האָט קלוימערשט אָנגעהויבן בלאָזן א לעבלעך וואַרים ווינטעלע פון א נייעם „פרילינג“ אין לאַנד; זי שווייגט מיט פּאַכאַד אפילע אין דער צייט, ווען די רוסישע בורזשואַזיע, מיטן רעשוס פון „נאַטשאַלסטווע“ און אָן רעשוס, האָט אָנגעהויבן צו פאָדערן אָפן פּאָליטישע פרייהייט. די אידישע בורזשואַזיע האָט ניט געהאט קיין מוט צו אויסריידן דאָס וואָרט „פּאָליטישע פרייהייט“ אַפילע דאַן, ווען אין פארשיידענע פאַרזאמלונגען און רוישנדע באַנקעטן פון דער רוסישער בורזשואזער אינטעליגענץ הערט גיט אויף צו קלינגען דאָס וואָרט „קאָנסטיטוציע“. די אידישע בורזשואזיע בוקט זיך מיט האַכנאָע אַפילע אין דער צייט, ווען באַלד נאָך די זיסע האַוועטאָכעס פונם נייעם מיניסטער האָבן זיך אָנגעהויבן די אַלטע באקאנטע מאַיסעס — דער פּראָצעס אין האָמעל *) — אַ ווילדער כויזעק איבער דעם מישפּעט, אַ גראָבער געלעכטער איבער אַלע מענטשלעכע רעכט; די פּאָגראָמען אין מאָליעוו און אנדערע שטעט — די אלע פינסטערע שוידערהאפטע בילדער.

די אידישע בורזשואזיע האָט אַפילע בעטן באַם מיניסטער געפונען נאָר איין זאַך — אַן ערלויבעניש צו בויען כאַלוימעס. פרייהייט צו פארשפּרייטן די פּוסטע און שעדלעכע פאַנטאַזיעס פון ציאָן.

---

*) איבער די אנטיילנעמער אין זעלבסטשוץ בעשאסן פּאָגראָם אין סענטיאבר 1903.

זי האָט זיך גאָרניט אויסגעלערנט — און גאָרניט פאַרגעסן. ווי אַ געשלאָגע-נער קנעכט קוקט מיט טאַכנונים אין די אויגן פון זיין באַלעבאָס, אזוי קוקט זי נאָך יעדער מאַקע אין די אויגן פון די אַדוינים — די מעשאָרסים פון דער זעלבסטהערשונג. יעדע נייע מאָביליזאציע איז אַ נייער כורבן אין די אידישע שטעט. נייע טעג פון צאָרעס און אַנגסט — די אידישע בורזשואזיע קערט זיך ניט צו אונזער פראָלעטארישער „זעלבסטבאַשיצונג". זי לויפט געשווינט צו „נאַטשאלסטווע". זי בעט ראכמים, זי גיט „מתן בסתר" מיט א פולער האַנט, זי איז גרייט צו מעכאַבעד זיין די זאפאסנע מיט פרישטיק און טיי אפן כעשבן פונם פאָלק — און דאָס ניט כאָלילע פאר ראכמאָנעס, נאָר פאר פאַכאַד, נאָר דערפאר, וואס זי איז באַגייסטערט מיט דיזעלבע געפילן. מיט וועלכע אַן עמע-סער קנעכט קושט די רוט, וואס האט אים געשמיסן...

די אידישע בורזשואזיע גיט אָפּ פאַר דירעס די זאַפּאַכנע, אירע באָטע-מעדראָשים, איר הייליקטום (פינסק) — דאס, וואס זי, פונם שטאנדפונקט פון איר רעליגיע, וואָלט דארפן באַשיצן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. נידעריקער פאלן קאָן מען שוין ניט...

אין דעם גרויסן קאמף פאר פרייהייט וועט ניט די אידישע בורזשואזיע קעמפן פאר גלייכע בירגערלעכע און פאָליטישע רעכט פארן אידישן פאָלק. אין די טויטע ביינער וועט קיין שום גייסט ניט אַריינבלאָזן קיין נייעם לעבן. דער אידישער פראָלעטאריאַט — ער אליין פון אלע קלאסן אינם אידישן פאָלק — האלט פעסט אין זיין אייזערנער האנט די רויטע פאַן — די פאָן פון קאמף, די פאָן פון פרייהייט. ער דאַרף האָבן אַלע רעכט פאר זיך, קעדיי צו קענען פריי אנטוויקלען זיין פראָלעטארישן קלאַסן־קאמף — דעם קאמף פונם גאנצן ארבע-טער-קלאס, פון דער גאנצער וועלט קעגן דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג.

דער בלויזער פונקט וועגן גלייכע בירגערלעכע רעכט וועט נאָך אָבער ניט שטעלן די אידישע ארבעטער אין דיזעלבע באדינגונגען, ווי די ארבעטער פון דער הערשנדער נאציע. קעדיי צו קענען פריי אנטוויקלען אלע זייערע גייסטיקע קויכעס, קעדיי צו קענען גיין מיט האַסטיקע טריט צום ליכטיקן לאנד פון עמעסער פרייהייט, צו דער מלוכע פון סאָציאליזם, דארפן ווערן דערפילט זייערע ספּעציעלע פאָדערונגען, די פאָרערונגען פון אלע אונטערדריקטע נאַ-ציעס:

1. פרייהייט פון קולטורעלער אנטוויקלונג פאר אלע נאציעס, גאראנ טירט דורך געזעצן און באפעסטיקט פון דער מלוכע און פון דער אָרטיקער פארוואלטונג דורך צוגעפּאסטע איינריכטונגען.

2. פרייהייט צו באנוצן די אייגענע שפראך גלייך מיט דער אלגעמיינער שפּראך פון דער מלוכע אין אלע רעגירונגס־און געזעלשאפטלעכע איינריכ-טונגען.

די אידישע ארבעטער דארפן האבן א מעגלעכקייט צו באקומען בילדונג אף זייער אייגענער שפראך, זיי דאַרפן האָבן דאָס רעכט צו ריידן אף זייער שפּראַך אין אלע רעגירונגס-אנשטאלטן, אין די סודן, אין די באציאונגען צו דער פאבריקס-אינספעקציע, פארזאמלונגען א. אז. וו.

... צווישן דעם גרויסן טומל, וואס וועט הערשן אין דעם פּאָליטישן לעבן פון רוסלאנד נאָך דעם טויט פונם אַבסאָלוטיזם, צווישן דעם גרויסן ראַאַש, ווען קלאס קעגן קלאס, נאַציע קעגן נאציע וועלן ארויסטרעטן אין א שטארקן שטורם, וועלן מיר באקומען אלע נויטיקע רעכט נאָר דאן, ווען מיר, אידישע פּראָלעטאריער, אָרגאניזירט אין אַ פעסטער מאכט, וועלן גיין האַנט באַ האנט מיט די פּראָלעטאריער פון גאנץ רוסלאנד קעגן אלע פינסטערע קויכעס פון אונזער לאנד.

דער גרויסער טאָג פון פרייהייט איז שוין נאָענט. די ווילדע מאכט פון דער זעלבסטהערשונג ליגט אין גסיסע.

דער רויטער מאָרגנשטערן פון איר לעצטן טאָג — דער ערשטער שיין פונם נייעם לעבן וועט אונז טרעפן ניט צעוואָרפן, צעזייט און צעשפּרייט, נאָר פעסט געבונדן, אין קרעפטיקע מאסנעס — איין מונטערע שטארקע אַרמיי, באוואָפנט און פארטיק צום שטרייט.

דער טאָג שטייט ניט! די צייט איז קורץ! כאַווירים צום געווער! פאָר-ווערטס!

דער צענטראל-קאמיטעט פון בונד.

דעצעמבער 1904.

צווייטער טייל

פון יאנוואר ביז אָקטיאַבר 1905

איינלייטונג.

די פאַסירונגען פון 9-טן יאַנוואַר דאָס איז דער אָנהויב פון רעוואָלוציע. אונטער דער אָנפירונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע הויבט זיך אָן איבער גאַנצן לאַנד די מאָביליזירונג פון די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן.

די אידישע אַרבעטער-מאַסע ווייזט אַרויס אַ געוואלדיקן קוואל פון ענערגיע, ענטוזיאזם, רעוואָלוציאָנערער דרייסטקייט, און דערצו אויך אַ גרויסע אָרגאַני-זירטקייט און געשלאָסנקייט. די יאַנוואַר-באַוועגונג צעגיסט זיך איבער הונ-דערטער שטעט און שטעטלעך. זי וועקט אויף נייע שיכטן פון געדונגענע אַרבעטער. דאָס איז ניט סתּם אַ פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, דאָס איז אַן אַרויסטריט פון פּראָלעטאַריאַט, און דערפאַר איז דער פּאָליטישער קאַמף ענג פאַרבונדן מיטן עקאָנאָמישן. די אַרבעטער שטעלן אַרויס אַ ריי עקאָנאָמישע פאָדערונגען, וועלכע זיי האָבן זיך ניט געקאָנט דער-שלאָגן פאַרן אויסברוך פון רעוואָלוציע. דער ווידערשטאַנד פון די באַלעבאַטים איז געבראָכן, אַדאַנק דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער אַטמאָספער.

נאָך די יאַנוואַר-טעג קומען די פעוראַל-אַרויסטרעטונגען מיט באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציעס. עס נעמען אַנטייל נייע שיכטן: ברייטע מאַסן האַנדלס-אַנ-געשטעלטע און אַ גאָר נייער שיכט—הויז-דינסטן. די באַוועגונג גיסט זיך אַרויס אין די גאַסן. די רעוואָלוציע שאַפט זיך אַ נייע פאָרם פון מאַסן-אָרגאַ-ניזאַציעס: די גאַסן-בירזשע, וואָס איז אייגנטימלעך נאָר פאַרן אידישן ראַיאָן. אין דווינסק ווערט דורך דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע אָרגאַניזירט די אַר-בעטער-קאָמיסיע, לויטן מוסטער פון סענאַטאָר שידלאָווסקיס קאָמיסיע אין פּע-טערבורג. די רעגירונג מיינט דערמיט צו געווינען די אַרבעטער, אָפּציען זיי פון דער רעוואָלוציע, זי פאַלט אָבער דורך. די וואַלן צו דער קאָמיסיע ווערן אויסגענוצט פאַר אַ ברייטער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע, און די קאָמיסיעס גייען אונטער, ניט איבערלאָזנדיק קיין זייכער נאָך זיך.

די צאַרישע רעגירונג פּרובירט אָפּשטעלן די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע מיט פּאָגראָמען און הויבט אָן די מאָביליזירונג פון די „שוואַרצע מייעס". זייער אַלגעמיינער אַרויסטריט וועט נאָך קומען אין אָקטיאַבר. דערווייל זיינען דאָס

קליינע אָנפאַלן. דער זשיטאָמירער פּאָגראָם קאָן אָבער שוין קיינעם ניט אָפּ־שרעקן, ער ברענגט צום באוואפנטן ארויסטריט פון דער „סאַמאָאָבאָראָנע" און שטויסט די גאַנצע אידישע איטעליגענץ און דאָס אידישע קליינבירגערטום צו די רעוואָלוציאָנערן. דער ארבעטער איז דער העגעמאָן פון אלע אומצופרידענע, זיין קאַמף מיטן צאריזם איז ארומגערינגלט מיט אן אקטיווער אונטערשטיצונג מיצאד דער גאַנצער אידישער באַ־פעלקערונג.

פון יאַנוואר אָן איז שוין די אַרבעטער-באַוועגונג אין צאָפּן-מאירעוו-געגנט ניט קיין ריין־אידישע. די גרופּן און קאָמיטעטן פון ר. ס. ד. א. פּ. גיט זיך איין ארייננצוציען אין קאמף ברייטע מאַסן רוסישע ארבעטער, און דאָס הויבט אויף די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אף אַ העכערע מאדרייגע. דער „בונד" איז געצוואונגען אָפּצוזאָגן זיך פון זיין באָיקאָטיסטישער פּאָליטיק אין באַציאונג צו די קאָמיטעטן און גרופּן פון ר. ס. ד. א. פּ. אין בונדישן ראיאָן. עס שאַפן זיך צייטווייליקע און שטענדיקע געמיינזאמע קאָמיטעטן פון אַלע סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאציעס, קעדיי אָנצופירן מיט די רעוואָלוציאָנערע ארויס־טרעטונגען.

יון—יול פון 1905.

אזוי ווי אין גאנץ רוסלאנד הויבט זיך אויך דאָ די באוועגונג אף די העכסטע שטופע. אדעס און לאָדז... די לאָדזער באריקאַדן... דער קאמף מיט דער פּאָליציי און מיליטער ארום די בירזשעס... די ביאַליסטאָקער שינדערייי... דאָ האָבן מיר פאַר זיך דעם רעוואָלוציאָנערן אידישן ארבעטער־קלאַס, וועל־כער ווייזט ארויס די גרעסטע דרייסטקייט אנטקעגן א פיל שטארקערן סוינע...

אין לאַנד ברייטערט זיך דער אויפשטאנד. די פּויערים ווערן אויך אריינ־געצויגן אין רעוואָלוציאָנערן קאמף (אויך אין „טכום", קרעסלאווקע). די סטו־דענטן שטייען אין קאמף. די ליבעראַלע בורזשואזיע אָרגאַניזירט זיך. אָבער ניט זי שפּילט די ערשטע פידל. די רעוואָלוציע אנטוויקלט זיך אונטער דער העגעמאָניע פון פּראָלעטאַריאט. דער באָלשעוויזם האלט אָפּ ניצכוינעס אין לאגער פון דער אָרגאַניזירטער רעוואָלוציאָנערער ארבעטערשאַפט. אין אפּריל קלייבט זיך צונויף דער דריטער צוזאַמענפאָר פון רוס. סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי. עס ווערן אָנגענומען די וויכטיקסטע רעזאָלוציעס וועגן דער טאַקטיק פון פּראָלעטאַריאט אין דער רעוואָלוציע: „בעראָש פון גאַנצן פּאָלק און אי־בערהויפּט פון פּויערטום—פאַר די פולע פרייהייט, פאַר די אויסגעהאלטן-דעמאָ־קראטישע איבערקערעניש, פאַר די רעפּובליק! בעראָש פון אלע ארבעטנדע און עקספּלואטירטע פאַרן סאָציאַליזם", אזוי פאָרמולירט כ' לענין די אויפגאבן

פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָצ. דעמ. אין קעגנזאץ צו אָט די באשלוסן האָט די מענשעוויסטישע קאָנפערענץ, צונויפקלייבנדיק זיך באזונדער אין דערזועלבער צייט, אָנגענומען אַן אָריענטאַציע אף אונטערשטיצן די בורזשואזע אָפּאָזיציע און האָט ארויסגערוקט א געקינסטלטן לאָזונג פון שאַפן אַן אייגענע דומע אפן יעסאָד פון רעוואָלוציאָנערער זעלבסטפארוואלטונג.

וועלכע איז געווען די פּאָליטישע פּאָזיציע פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאפט? די קאָנסעקווענטע באָלשעוויסטישע ליניע האָבן פארגומען נאָר די אָרגאַניזאַציעס (אויך נישט אלע) פון ר. ס. ד. א. פּ., וואָס האָבן געארבעט אין צאָפן-מאירעוו-געגנט. נאָענט צו די באָלשעוויקעס, אָבער מיט לינקע אָפּווייכונגען זיינען געווען די פּוילישע סאָצ. דעמאָקראַטן. דער „בונד" איז אלץ נעענטער צוגעקומען צו דער באָלשעוויסטישער פּאָזיציע, אָבער דאָך געוואקלט זיך, קיינמאָל נישט דורכגעטראכט די פּאָזיציע ביזן סאָף און נישט געשטעלט איר אין איינקלאנג מיט די אלגעמיינע פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן קלאסן-קאַמף. אזוי באווייזט זיך אין סעפּטעמבער 1905 אין „אַרבעטער-שטימע" אַ גרויסער ארטיקל, וואָס זאָגט זיך ארויס קעגן דעם לעניניסטישן שטאנדפּונקט, קעגן דעם אנטייל אין רעוואָלוציאָנערער צייטווייליקער רעגירונג, וואָס האָט דאן באדייטעט ארויסטרעטן קעגן קאָנסעקווענטן צוזאמענבונד מיטן רעוואָלוציאָנערן פּויערטום אונטער דער העגעמאָניע פון פּראָלעטאריאט.

ארום דער פראַגע וועגן דער באציאונג צו דער בוליגינישער דומע שאַפט זיך אַ פולשטענדיקע איינשטימיקייט צווישן די באָלשעוויקעס און דעם „בונד". אף דער קאָנפערענץ פון אלע סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציעס זיינען די מענשעוויקעס פולשטענדיק איזאָלירט. דער „בונד" אָרגאַניזירט דעם אקטיוון באָיקאָט קעגן דער גאָסודארסטווענער דומע און פירט אים דורך, אנשפארנדיק זיך אף אקטיווע מאסן-ארויסטרעטונגען פון טויזנטער אידישע ארבעטער (שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, ארויסטרעטונגען אף וואל-פארזאַמלונגען). דערמיט ווערט צוגעגרייט דער אקטיווער אנטייל פון די אידישע ארבעטער אין אלגעמיינעם אָקטיאבער-שטרייק, וואָס איז אויסגעוואקסן פונם באיקאט פון בוליגינס דומע.

מ. ר.

IV. די אידישע ארבעטער און דער 9-טער יאַנוואַר.

33. „צום קאמף“.

(אויפרוף פון צ. ק. פון „בונד“).

כאַווערים!

אף די גאַסן פון פעטערבורג איז אויסגעבויט געוואָרן די ערשטע באַרי-קאַדע. 300 טויזנט אַרבעטער זיינען אַרויס אַפן גאַס צו פאָדערן פרייהייט, צו קעמפן פאַר פרייהייט, צו שטארבן פאַר פרייהייט.

דער קייסער האָט אַרויסגעשיקט זיינע סאָלדאַטן, און זיי האָבן געשאָסן און געטויט אונזערע ברידער און האָבן פאַרגאָסן טייכן פון בלוט.

דאס בלוט האָט קיינעם ניט דערשראָקן. די ביקסן וועלן ניט מאַצל זיין דעם קייסער מיט זיין באַנדע פון דער מאַפּאָלע. געגנוג האָבן זיי זיך שוין גע-באָדן אין דעם ארבעטערס בלוט, געגנוג האָבן זיי אונז געהאלטן אין קייטן.

מיר האָבן יאָרנלאַנג געקעמפט אינם נאָמען פון סאָציאַליזם, מיר האָבן יאָרנלאנג מילכאָמע געהאלטן קעגן די מאַכט פון קאַפּיטאַל און מיר האָבן יארנלאַנג ניט אויפגעהערט צו פירן דעם שטרייט קעגן דער זעלבסטהערשונג, וואָס האָט געענטפערט מיט שמיץ און מיט קוילן, מיט פּאָגראָמען און האַריגעס אף אלע אונזערע פאָדערונגען. מיר האָבן באַגאָסן די ערד פון רוסלאנד מיט אונזער בלוט און איצט שפּראָצט פון דערדאָזיקער ערד די פרייהייט.

דער גרויסער טאָג איז געקומען! **עס איז געקומען די רעוואָ-לוציע!** זי האָט זיך אָנגעהויבן אין פעטערבורג, זי וועט אָנצינדן מיט איר פייער דאָס גאנצע לאַנד. אָדער גרויוער זיין, אָדער שטאַרבן! אָדער באקומען פרייהייט! אָדער באַקומען דעם טויט! נעמט זיך כאַווערים אין אלע שטעט צו דער מילכאָמע! וואַרפט אוועק אייער אַרבעט אין די ווערקשטאַטן, אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, אין די מאַגאזינען און קאָנטאָרן! גייט ארויס אלע אין גאס און טראָגט אַרויס די רויטע פאָן!

באַפאַלט די מאַגאַזינען, וואו מע פאַרקויפט געווער, לאָז יעדער זיך נעמען ווער אַ ביקס, ווער א רעוואָלווער, ווער א שווערד, ווער א האַק, ווער א מעסער.

באוואָפנט זיך! אז דעם קייסערס סאָלדאטן וועלן אף אייך אָנפאלן, זאלט איר קאנען זיי ענטפערן ווי סאָלדאַטן פון דער רעוואלוציע.

געדענקט, אז לעבן אין טפּיסע איז שווערער, ווי שטאַרבן אין שטרייט.

זאָלן אלע גאַסן ווערן אַ פעלד פון מילכאמע! זאָלן אונזערע פאָנען שוועבן אין דער הויך! לאָמיר אפּגעבן דאָס בלוט פון אונזער האַרצן און באַקומען רעכט פון מענטשן!

פּאָ ד ע ר ט:

1. צוזאַמענרופן אַ קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג פון פאָלקס-פארטרעטער. די פארטרעטער דאַרף אויסקלייבן דאָס גאנצע לאַנד, סאַי מענער, סאַי פרויען, צו וואָס פאַר א נאַציע, צו וואָס פאַר אַ גלויבן זיי זאָלן ניט געהערן, אַפּן גרונט פון אלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען וואַלרעכט.

2. אָפּשאַפן די הערשאַפט פון א קייסער אין רוסלאַנד און איינפירן א דעמאָקראַטישע רעפּובליק, ד. ה. אזאַ אָרדענונג, אז דאָס פאָלק זאל האָבן די איינציקע דייע סאַי בּאַ ארויסגעבן און דורכפירן אלע געזעצן פון לאַנד, סאַי בּא דעם אויסקלייבן אלע בּאַאַמטע פון דעם קלענסטן ביזן גרעסטן.

3. טייקעף איינפירן אַן 8-שאָעדיקן ארבעטסטאָג אין אַלע פאַבריקן, זאַוואָדן, ווערקשטאַטן, מאַגאַזינען, קאָנטאָרן א. אז. וו.

4. אומבאַרירלעכקייט פון פערזאָן און הויז, דאָס הייסט, אז קיין פּאָליציי, קיין זשאנדאַרם, זאל ניט טאָרן אַריבערטרעטן דעם שוועל פון אַ פּריוואַטן הויז, ניט מאַכן קיין אונטערזוכונג און קיין אַרעסטן אָן א באַשטימונג פון געריכט.

5. אומבאַגרעניצטע פרייהייט צו ריידן און דרוקן, פרייהייט צו פאַרזאַמלען זיך, צו פאַראייניקן זיך און צו שטרייקן, פרייהייט צו גלויבן אין יעדער עמונע.

6. אלע נאַציעס זאָלן זיין גלייך אין פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט. יעדע נאציע זאָל האָבן פרייהייט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג, ד. ה. פרייהייט צו בילדן און לערנען זיך אף איר אייגענער שפּראַך און צו ריידן אף דער שפּראך אין אלע איינריכטונגען פון דער מלוכע און אף פאַרזאַמלונגען.

7. טייקעף באַפרייען אלע אַרעסטירטע און פאַרשיקטע פאַר פּאָליטישע און רעליגיעזע איניאָנים און א סאָף מאַכן פון אזעלכע באַשולדיקונגען.

8. טייקעף א סאָף מאכן פון דער מילכאָמע מיט יאפּאַן. אָפּשאַפן דעם מיליטאריזם און אָנשטאָט דעם באוואָפענען דאָס גאנצע פאָלק.

צום קאַמף, כאַוויירים! צום קאַמף אלע, — ווער ס'קאָן ניט לעבן אָן פריי-הייט! זאל ווערן אַ סאף פון דער שקלאַפעריי, זאל זיך ענדיקן די וויסטע מעמשאָלע!

צום געווער!

נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! עס לעבע די פּאָליטישע פרייהייט! עס לעבע די דעמאָקראטישע רעפּובליק! עס לעבע דער סאָציאַליזם!

דער צענטראל-קאמיטעט פון „בונד“.

יאנואר, 1905 יאר.

געדרוקט 115000 עקז.

דרוקעריי פון „בונד“.

38=34. די יאַנוואַר־טעג אין „טכום“.

א) וואַרשע.

(ביילאַגע צום נומ. 39 „די אַרבעטער-שטימע“. מאַרט 1905).

דעם 10-טן ביינאַכט איז אונזער אָרגאַניזאַציע געוואָר געוואָרן וועגן די געשעענישן אין פּעטערבורג, און ס'איז באַשטימט געוואָרן צו אָרגאַניזירן אַ פּראָטעסט, קעדיי אונטערצוהאַלטן די פּעטערבורגער כאַוויירים. זעען זיך מיט דער מאַסע איז מעגלעך געווען נאָר דינסטיק, ווען זי קומט אַף דער בירזשע. דינסטיק האָט מען געקענט באַמערקן אַן אומגעוויינלעכע אויפרעגונג צווישן די אַרבעטער. די יעדיעס וועגן פּעטערבורג האָט שוין דערגרייכט צו זיי פון די לעגאַלע צייטונגען. אַלע האָבן נאָר גערעדט וועגן דעם פּעטערבורגער אויפשטאַנד;... אַלע זיינען געווען איינשטימיק, אַז מע דאַרף אונטערהאַלטן די פּעטערבורגער כאַוויירים. אַף דער בירזשע איז געווען אַרבעטער מער ווי געוויינלעך. די שטימונג איז געווען שטאַרק רעוואָלוציאָנער. אונזער אָרגאַניזאַציע האָט באַשטימט רופן די אַרבעטער יעדן טאָג אַף דער בירזשע, קעדיי אַלע מאָל זיי קענען אָנזאָגן אירע באַשטימונגען.

מיטוואָך אין אָוונט איז געווען צווישן די אַרבעטער פאַרשפּרייט אונזער פּראָקלאַמאַציע (6000 עקז.), אין וועלכער מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז דער איצטיקער קאַמף פונם אַרבעטער=קלאַס מיט דער זעלבסטהערשונג איז אַן אַנטשיידנדער, און האָבן גערופן די מאַסן צו אַן אָרגאַניזירטן פּראָטעסט. די פּראָקלאַמאַציע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. די פאָרם פון דעם פּראָטעסט און דער טאָג איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן באַשטימט, נאָר מונדלעך האָט מען געשמועסט וועגן אַן אַלגעמיינעם שטרייק.

אין דער זעלבער צייט האָט אונזער אָרגאַניזאַציע געהאַט פאַרהאַנדלונגען מיט פּ. פּ. ס. און פּ. ס. ד. קעדיי צוזאַמען צו אָרגאַניזירן דעם פּראָטעסט. דער פאָרשטייער פון פּ. פּ. ס. האָט אויסגעדריקט זיין צושטימונג צו מאַכן מיט אונז אַן אָפּמאַך אַף אַ צייט; נאָר אַזוי ווי פּ. ס. ד., צו וועלכער מיר האָבן זיך געווענדעט, האָט לאַכלוטן זיך אָפּגעזאָגט צו האָבן אַ וועלכע ניט איז באַציאונג צו פּ. פּ. ס., און אַזוי ווי אין פּרינציפּיעלן הינזיכט שטייען מיר נעענטער צו פּ. ס. ד., דעריבער האָבן מיר זיך אויך געמוזט אָפּזאָגן פון אונזערע פאַרהאַנדלונגען מיט פּ. פּ. ס., דערצו האָבן מיר געפונען אַ שטיצע אין דער אידישער מאַסע, וועלכע איז די לעצטע צייט געווען אויפגעטראָגן אַף פּ. פּ. ס. פאַר איר אַנטייל אין דעם ליבעראַלן „בלאָק“ [65]. פּ. ס. ד. האָט מאַסקים געווען צו בילדן מיט אונז אַן אַלגעמיינע קאָמיסיע צו אָנפירן דעם פּראָטעסט.

דאָנערשטיק אין אָוונט האָט אונזער אָרגאַניזאַציע איבערגעגעבן אַף די בירזשעס, אַז ס'איז באַשטימט אַ שטרייק אַף זונטיק. פרייטיקדיקער טאָג האָבן אונזערע אַרבעטער געזאָלט גיין איבער אַלע ווערקשטאַטן און אָנזאָגן די אַרבעטער, אַז פון זונטיק אָן זאָלן זיי ניט קומען צו דער אַרבעט; דאָנער=

שטיק איז שוין געווען באַוואוסט, אַז פּ. פּ. ס. האָט באַשטימט אָנהויבן שאַבעס דעם שטרייק.

...פרײַטיק פון אין דערפרי זײַנען אונזערע אַרבעטער, גרופּנווייז פון 5 ביז 10 מאַן, געגאַנגען איבער די ווערקשטאַטן קעדיי צו אָנזאָגן דעם שטרייק. אין פיל ווערקשטאַטן זײַנען אפּגעהאַלטן געוואָרן רעדעס. מע האָט דערקלערט די באַדײַטונג פון דעם מאָמענט און איגם נאָמען פון בונד גערופן צו וואַרפן די אַרבעט. אין אַלע ווערקשטאַטן האָבן די גרופּן געפונען די אַרבעטער גרייט צום שטרייק. מונטער און פריילעך, פול מיט באַגייסטערונג, האָט מען אומעטום אויסגעהערט די אײַנלאַדונג און אַנשטאָט צו וואַרטן אַף זונטיק, האָט מען אין דעם גרעסטן טייל ווערקשטאַטן שוין אַפן שטעל אויפגעהערט צו אַרבעטן און אַרויס אַפן גאַס. ביז 2 אַזייגער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די אַרבעט קימאַט אין אַלע ווערקשטאַטן, וואו עס אַרבעטן אידישע אַרבעטער.

...די אידישע אַרבעטער-קוואַרטאַלן זײַנען געוואָרן שטאַרק באַלעבט; דער שטאָט-אוילאָם האָט מיט נײַגעריקייט געקוקט אַף די געשלאָסענע גרופּן אַרבעטער, וואָס גייען פון שטוב צו שטוב. אַלע זײַנען געווען אויפגערעגט, אַלע האָבן עפּעס דערוואַרט. מע האָט געפילט, אַז אין נאָרמאַלן לעבן ווערט עפּעס אַ צעמישעניש, אַז עס קומען אָן גרויסע געשעענישן.

אין די אַרבעטער-קוואַרטאַלן, וואו עס וואוינען אַרבעטער קריסטן — דער איקער אין די פאַבריק-ראַיאָנען — איז אויך פון פרײַטיק אין דערפרי געווען אַ גרויסער גערודער. פון פאַבריק צו פאַבריק, פון זאַוואָד צו זאַוואָד, זײַנען געגאַנגען גרופּן אַרבעטער אַן ערעך פון 50 ביז 100 מאַן און האָבן גערופן צום שטרייק אינם נאָמען פון דער אָדער יענער פּוילישער אָרגאַניזאַציע (ב. פּ. ס. אָדער פּ. ס. ד.). ...די אַרבעטער האָבן אומעטום גלײַך געוואָרפן די אַרבעט. די גאַסן זײַנען געוואָרן איבערגעפילט מיט אַרבעטער. אין אייניקע ערטער האָבן אונזערע אידישע גרופּן, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין געענדיקט זייער אַרבעט אין די אידישע קוואַרטאַלן, זיך אַוועגלאָזט אין די קריסטלעכע. דאָרט האָבן זיי די פּוילישע כאַווײרים העכסט פריינדלעך באַגריסט און גערופן צו גיין מיט זיי אין די פאַבריקן און זאַוואָדן. די אידישע אַרבעטער זײַנען צוגעשטאַנען צו זיי און געגאַנגען צוזאַמען אײַנלאַדן צום שטרייק. ביז פרײַטיק פאַרנאַכט איז שוין געווען אָפּגעשטעלט די אַרבעט אין דעם גרעסטן טייל פאַבריקן און זאַוואָדן, וואו עס אַרבעטן קריסטן. אין שטאָט האָט זיך שוין אָנגעהויבן פילן עפּעס אַ מין פיבערהאַפטע באַוועגונג. ס'איז געוואָרן באַוואוסט, אַז די בעקער האָבן אויך אָפּגעשטעלט די אַרבעט. דער אוילאָם האָט אָנגעהויבן זיך פאַרזאָרגן מיט ברויט; אין די בעקערייען איז געוואָרן אַ בעהאָלע. מע האָט געריסן דעם ברויט פון די הענט. די מעקאָכים אַף ברויט זײַנען מיט אַמאָל געוואָרן שרעקלעך הויך. אין די קריסטלעכע קוואַרטאַלן איז מען אָנגעפאַלן אַף 2 בעקערייען און צעראַבירט דאָס ברויט. מע איז אויך אָנגעפאַלן אַף 2 „מאָנאָפּאָלן" (וואו מע פאַרקויפט בראַנפן) און צעבראָכן אַלץ און געמאַכט אַ טעל. פרײַטיק אין אָוונט איז אין איינעם פון די קריסטלעכע קוואַרטאַלן פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס מיט מיליטער. די סאָלדאַטן האָבן

געשאָסן — און עס זיינען געפאַלן 2 אַרבעטער טויט — דאָס זיינען געווען די ערשטע קאָרבאָנעס פון דידאָזיקע שרעקלעכע טעג.

פרייטיק אין אָוונט זיינען אַף די בירזשעס געווען גרויסע מאַסן אידישע אַרבעטער. אין איין אָרט איז אַפן גאַס פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג. אונזערער אַ רעדנער האָט געהאַלטן א רעדע.

...שאַבעס פון אין דערפרי זיינען אַף די גאַסן גרויסע מענגען מענטשן, ווי אַרבעטער, אַזוי אויך פון איבעריקן אוילאָם. די שטאָט קאָכט. אַרבעטער שטעלן אָפּ די אַרבעט אין יענע ווינציקע פאַבריקן, וואוּ אָדן און ווערקשטאָטן, וואו מע איז נאָך ניט צוגעשטאַנען צום שטרייק. ...מע הויבט אָן אָפּשטעלן די באַוועגונג פון טראַמוואי. אַ הייפל אַרבעטער שטעלט אָפּ דעם וואַגאָן, בעט די פּאַסאַזשירן ארויסגיין, שפּאַנט אויס די פערד, צעקלאַפּט די שויבן און קערט איבער דעם וואַגאָן אַף די רעלסן, קעדיי צו פאַרשפּאַרן דעם וועג. די קאָנדוקטאָרן שטייען ביסלעכווייז צו צום שטרייק. מע שטעלט אָפּ די פורלייט, מע הייסט די פּאַסאזשירן אַראָפּגיין, מע טוט אויס פון די פורלייט זייערע אוניפאָרם-קליידער און מע הייסט זיי פאָרן אַהיים. עס ווערט אלע מאָל ווייניקער איזוואָשטשיקעס אַפן גאַס. די אַרבעטער צעררייסן די דראָטן פון טעלע־פאָן. אין דערדאָזיקער ארבעט נעמען אַ לעבהאַפטן אָנטייל גאַסן-אינגלעך. מע הערט ניט אויף צו קלאַפּן די „מאנאפּאָלן". טרינקען קיין בראנפן טרינקט קיינער ניט. מע רייסט זיך אַריין אינעווייניק, מע טראָגט אַרויס די פלעשער מיט בראַנפן און מע צעקלאַפּט זיי אַף די שטיינער אין אַלע זייטן. אייניקע זייטיקע מענטשן פּרוּווּן אריינרוקן אַ פּאָר פלעשער אין טאַש, די ארבעטער באמערקן דאָס, נעמען אָפּ די פלעשער, צעברעכן זיי אַפן שטעל, און די גאנאָווים באַ-קומען א פּאָר פייערדיקע קלעפּ. אַף גריבנע גאַס האָבן גאנאָווים אָנגעהויבן צו ראבירן א קראָם, די ארבעטער האָבן דאָס דערזעען און באלד פּאנאנדערגע-טריבן די גאנאָווים.

3 אזייגער שטעלט די שטאָט ווארשע פאָר אזא מין בילד: פון דעם גע-ווינלעכן לעבן איז קיין זייכער ניט געבליבן, אלע מאגאזינען, אלע קלייטן — פאַרשלאָסן; טיר און טויער — פארמאכט; די באַוועגונג — אָפּגעשטעלט. אין די ארבעטער-קווארטאלן איז די גאנצע ארבעטער-מאסע אפן גאס. אין צענטר פון שטאָט גייען ארום איבער די גאסן נאָר אייַנצלנע גרופּן ארבעטער, קלענערע אָדער גרעסערע. מע קלאַפּט די לאמטערנעס, ערטערווייז ברעכט מען נאָך די „מאָנאָפּאָלן". איצט האָט מען זיי שוין אָנגעהויבן אונטערצינדן. איבערן שטאָט פאָרן ארום אטריאדן קאזאקן און סאָלדאטן. זיי זעען, ווי מע ברעכט די לאמטערנעס און די „מאָנאפּאָלן", נאָר זיי רירן קיינעם ניט אָן, זיי מישן זיך ניט. ס'איז קענטיק, אז זיי גרייטן זיך צו עפּעס, אז זיי וואַרטן אַף אַן אנטשיידנדן אָנפאַל.

די ארבעטער מאסע אַף די גאסן איז אויפגערעגט. וואו נאָר ס'איז דאָ די קלענסטע מעגלעכקייט, שליסט מען זיך צוזאמען און מע בילדעט א געדיכטן הויפן מענטשן. עס ריידן צופעליקע רעדנער. אַף נאלעווקי האָט זיך אונזער אָרגאניזאציע איינגעגעבן צו מאכן א פארזאמלונג אין גאס. די ארבעטער כאפּן

מיט היסלאַוועס יעדער וואָרט. די פּאָליציי האָט אָבער ניט געלאָזט בילדן גרויסע הויפֿנס. וואו נאָר זיי באַמערקן, אַז עס ווערט אַ געדיכטערע מאַסע, אַזוי פֿאָרן אָן קאַזאַקן און סאָלדאַטן און צעטרייבן. מע אַרבעט מיט די שווערדן, נאָר דערווייל אָן גרויס רעציכע.

אַרום 4 אַזייגער האָט מען אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערגעבן דעם אויפֿרוף פֿונם צ.ק. פֿון בונד — „צום קאַמף!" ...וואָס שפּעטער, איז אַלע מאָל גרעסער געוואָרן די רעציכע פֿון פּאָליציי און מיליטער. אַף דזיקא האָט מען געשאָסן אין די אַרבעטער און ס'זיינען געפֿאַלן 2 געהאַרגעטע. פֿאַרנאַכט זיינען אַף נאָווי־סוויאַט פֿאָרגעקומען שוין עמעסע האַריגעס. די קאָזאַקן זיינען אָנגעפֿאַלן אַף די פֿאַרבייגייענדיקע, געהאַקט מיט די בלויזע שווערדן און געטויט. מע האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן אַרבעטער און ניט אַרבעטער. מע איז אָנגעפֿאַלן אַפֿילע אַף איינצלנע מענטשן, געשטאָכן און געהאַרגעט, ניט קוקנדיק אַף גאָרניט.

... אין דעמזעלבן אָוונט זיינען די אַרבעטער אָנגעפֿאַלן אַף צוויי געווערקלייטן און צעראַבירט די גאַנצע געווער.

...אַף זונטיק האָבן אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס באַשטימט צו אָרגאַניזירן דעמאָנסטראַציעס. ...פֿון אינדערפֿרי אָן איז וואַרשע פֿאַרפּלייצט מיט כאַיעל. די אַרבעטער זיינען אַלע אַפֿן גאַס. פֿון זיך, אָן שום אָנפֿירער, שליסן זיי זיך ערטערווייז אין גרופּן פֿון עטלעכע הונדערט מאַן און דעמאָנסטרירן. עס לאָזן זיך הערן אויסרופֿן: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג", „נידער מיט דער מילכאָמע!" „עס לעבע די רעוואָלוציע!" „עס לעבע די דעמאָקראַטישע רעפּובליק!" פּאַטרולן סאָלדאַטן שטייען אין אַלע ווינקלען פֿון די גאַסן. ווי נאָר זיי זעען אַ געדיכטן הויפֿן אַרבעטער, אַזוי הויבן זיי גלייך אָן שיסן. די מאַסן גייען זיך פֿאַנאַנדער אין איין אָרט און שליסן זיך צוזאַמען אין אַן אַנדערן. קאַזאַקן פֿאָרן אַרום איבער די גאַסן. וואו נאָר זיי זעען עטלעכע מענטשן צוזאַמען — הויבן זיי אָן שיסן. די מענטשן צעלויפֿן זיך. קאַזאַקן שיסן אין די אַנטלויפֿנדע און פֿאַרבייגייענדיקע. אין איין אָרט האָבן אַפֿילע די אַרבעטער געפּרוווט אויסבויען אַ באַריקאַדע: מע האָט צוזאַמענגעלייגט קאַסטנס, פֿורן און אַנדערע זאַכן. די באַריקאַדע איז אָבער ניט געראָטן.

...די מאַסע איז געווען גרייט צו מילכאָמע האַלטן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. שמערצלעכער פֿון אַלעמען האָט זיך געפֿילט דאָס, וואָס ס'איז ניט געווען קיין געווער. די מאַסע איז ניט געווען באַוואָפֿנט.

...ערטערווייז האָט מען יאָ געשאָסן אין מיליטער פֿון רעוואָלווערן, נאָר וואָס האָבן געקענט העלפֿן עטלעכע צענדליקער אָדער אַפֿילע עטלעכע מייעס רעוואָלווערן קעגן די ביקסן פֿון די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געשאָסן פֿון אַלע זייטן? עס האָט געמאַכט דעם שווערסטן איינדרוק, ווען אַף די קוילן האָבן די אַרבעטער געענטפֿערט מיט שטיקער שניי, וועלכע זיי האָבן געוואָרפֿן אין די סאָלדאַטן. און דאָך האָבן זיך די אַרבעטער געהאַלטן מוטיק. סאָלדאַטן, וואו זיי זיינען געווען ווייניק, האָבן מוירע געהאַט נאָענט צוגיין צו די אַרבעטער. דאָרט, וואו עס איז נאָר געווען די קלענסטע מעגלעכקייט, זיינען די אַרבעטער

אָנגעפֿאַלן אַף די סאָלדאַטן. אין איין אָרט זײַנען זיי אָנגעפֿאַלן אַף 3 קאַזאַקן, מע האָט זיי שטאַרק געשלאָגן. איינעם האָט מען אַפֿן שטעל געטויט, די איבעריקע 2 זײַנען אַנטלאָפֿן.

...זונטיק נאָך האַלבן טאָג איז באַ די אַרבעטער, פֿון איין זײַט, געוואַקסן דער צאָרן און דער האַס צום מיליטער, פֿון דער אַנדערער זײַט, האָט געדריקט דאָס, וואָס ס'איז ניט געווען קיין געווער. מע האָט שוין ניט געוואָלט נעמען קיין פּראָקלאַמאַציעס: „איצט איז שוין ניט די צײַט פֿון פּראָקלאַמאַציעס" — האָט מען געשריען. מע האָט געפֿאָדערט באַ דער אָרגאַניזאַציע געווער, נאָר די אָרגאַניזאַציע האָט געקענט געבן גאָר א קליינע צאָל רעוואָלווערן, וואָס האָבן קיין באַדײַטונג ניט געקענט האָבן.

קימאַט דאָסזעלבע, וואָס אין די אידישע קוואַרטאַלן, איז פֿאָרגעקומען אין אַלע איבעריקע טיילן פֿון שטאָט. אַף קראַקאָווער פֿאָרשטאָט איז, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, קיין דעמאָנסטראַציע ניט מעגלעך געווען צו מאַכן, דער אָרט איז געווען פֿאַרפּלייצט מיט כאַיעל. ...דער מיליטערישער טעראָר האָט געדויערט דעם גאַנצן זונטיק ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מאָנטיק אינדערפֿרי איז די שטאָט דערקלערט געוואָרן אין דער לאַגע פֿון פֿאַרשטאַרקטער אויפֿזיכט 66). מע האָט געפֿילט, אַז אין דער אַרבעטער מאַסע איז ניט קלענער געוואָרן די ענערגיע, ניט נידעריקער געוואָרן די שטימונג. עס האָט נאָר אויסגעזען, ווי אַלע האָבן זיך עפּעס פֿאַרטראַכט. אַלע זײַנען געשטאַנען פֿאַר דער גרויסער אויפֿגאַבע: וואָס טוט מען? ס'איז דאָ דער גאַנצער מאַטעריאַל, דורך וועלכן עס ווערן אויסגעפֿירט גרויסאַרטיקע רעוואָלוציאָנערע אַקטן; ס'איז דאָ די מאַסע, וואָס איז גרייט אַף די גרעסטע אָפּפֿער, ס'איז דאָ די שטימונג, ס'איז דאָ דער באַוואוסטזײַן, ס'איז אָבער ניט מעגלעך צו טאָן עפּעס. ס'איז ניט מעגלעך צו דערלאָזן ווײַטער די שרעקלעכע אומזיניקע הארגעס. וואָס טוט מען אין אַזאַ מאָמענט?

...און דאָס שיסן הערט ניט אויף דעם גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, און יעדער, ווער ס'גייט ארויס אַפֿן גאַס, קאָן ניט זײַן זיכער, אַז ער וועט זיך אומקערן, אַז ער וועט ניט פֿאַלן פֿון אַ קויל. פֿון אַרומזוכן און באַקומען קלעפּ רעדט מען שוין ניט.

דינסטיק האָט די באַוועגונג פֿון די אַרבעטער אָנגעהויבן ווערן שוואַכער. אַרעסטן האָבן ניט אויפֿגעהערט. דעם טאָג האָט נאָך געדויערט דער שטרייק. מיטוואָך האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט די אידישע אַרבעטער און דאָנערשטיק די קריסטלעכע (מיטוואָך איז באַ די קריסטן געווען א יאָנטעוו). נאָך די רו, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן, איז נאָר אַן אויסנווייניקסטע, די אויפֿרעגונג איז שטאַרק ווי פֿריער. זי האָט זיך באַלד אויסגעדריקט אין א גאַנצער ריי פּראָפֿעסיאָנעלע שטרייקן. אַלע זײַנען אויפֿגערעגט, אַלע קענען זיך ניט אומקערן צום געוויינלעכן גאַנג פֿון לעבן. דער פּולס שלאָגט שנעלער, מע וואַרט...

ב) ריגע.

(ביילאַגע צום נומ. 39 „די ארבעטער-שטימע“, מאַרט 1905)

דעם 11-טן יאַנוואַר האָט דער „פעדעראַטיווער קאָמיטעט“ פון בונד און פון דער לאַטווישער סאָצ. דעמ. ארב. פאַרטיי באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק, אלס פראָטעסט קעגן דער האריגע פון 9-טן יאַנוואַר אין פעטערבורג און קעדיי דערמיט אויסצודריקן די סימפּאַטיע צו די פעטערבורגער שטרייקער. דער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבן דעם 12-טן און האָט גלייך ארומגעכאַפּט אלע גרויסע פאַבריקן און זאַוואָדן, און לעסאָף האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויך אַלע קליינע ווערקשטאטן. מאַסן אַרבעטער האָבן פאַרפילט די גאסן. פאַרייניקט דורך איין צאָרנגעפיל קעגן דער זעלבסטהערשערישער רעגירונג, האָבן זיי מאַסנווייז אין געשלאָסענע רייען מארשירט איבער די גאסן מיט רעוואָלוציאָנערע לידער און אויסרופן. רויטע פאָנען האבן געפלאטערט אין דער לופט, פראָטעסט געשרייען האָבן זיך געהערט אין אלע זייטן, און אזוי זיינען זיי געגאנגען פון איין פאַבריק צו דער צווייטער, און אומעטום האָבן די אַרבעטער גערן געוואָרפן די אַרבעט און זיינען צוגעשטאנען צו דער מארשירנדער מאסע. קומענדיק אף א פאבריק, פלעגט אַן ארבעטער האלטן אַ רעדע, דורכלעזן א פראקלאמאַציע, וועלכע מע פלעגט גלייך צעטיילן צווישן די ארבעטער, און מיטנעמענדיק די נייע ארבעטער פלעגט מען אוועק ווייטער, צו אַנדערע פאַבריקן. די מאסע איז געוואקסן פון שאָ צו שאָ. דעם ערשטן טאָג האט די צאָל דעמאנסטראנטן אף זאדווינע דערגרייכט 20,000 מאַן, באַם זאַוואד פעניקס איז שוין געווען העכער פון 30 טויזנט דעמאָנסטראַנטן.

דער קאמיטעט פון בונד האָט ארויסגעלאָזן העקטאָגראַפירטע פראקלאמאציעס אף אידיש, וועלכע עס האבן דערקלערט די אורזאכע און די באדייטונג פון שטרייק און האבן גערופן די ארבעטער אפן גאס. מע האט אויסגעקליבן אַ קאמיסיע, וועלכע עס האט געדארפט אנפירן דעם שטרייק, ארגאניזירן דעמאנסטראציעס, פארשפרייטן פראקלאמאציעס און ד. גל. — דינסטיק, דעם 12-טן, האָבן זיך געשטעלט אלע ארגאַניזירטע אידישע ארבעטער, און מיטוואָך אינדערפרי האט מען אראפגענומען אלע איבעריקע אידישע ארבעטער, פאר וועלכע מע האָט פארגעלעזן און פארטיילט אין א גרויסן צאל עקז. די פראָקלאמאציע פון ריגער קאמיטעט פון בונד. די אידישע אַרבעטער האָבן אַן אנטייל גענומען אין דער דעמאנסטראציע באַ „פעניקס“ פאבריקן; אויך האָט א גרויסער טייל אידישע ארבעטער געהאָלפן אָפּשטעלן די דרוקערייען און אנדערע ווערקשטאטן און פאַבריקן. — אזוי ווי דער „פעדעראטיווער קאמיטעט“ האט באַשטימט אנצופאלן אף די געווער-קראמען און אַף דער זשאַנדאַרמסקע אופראַוולעניע, האט זיך דארט פארזאמלט א גרויסע צאל אידישע ארבעטער; ליידער, זיינען דורך א טאעס די לאַטישן אוועק אַף אַן אַנדער ארט און דער אנפאל איז ניט פארגעקומען. צוליב דעם זיינען מיר געבליבן באַ ווייניק געווער. די ביסל געווער, וואס די ארגאַניזאַציע האט געהאט, האבן מיר צעטיילט נאך אינדערפרי — אף דעם פאל פון א געשלעג מיט מיליטער האבן מיר

באשטימט פונקטן, וואו מע זאל געבן די פארוואונדעטע די ערשטע הילף, מיר האָבן זיך פאַרזאָרגט מיט די נויטיקע מאַטעריאַלן.

דעם 13-טן יאַנוואר האָט זיך אף מאָסקווער פארשטאט פארזאמלט א גרויסע צאָל דעמאָנסטראַנטן. אַרום 3 דעם זייגער זיינען די מאַרשירנדע אידישע אַרבעטער צוגעשטאַנען צו די לאַטווישע, די מאַסע האָט דערגרייכט ביז 60,000—70,000 מאַן; אידישע ארבעטער איז געווען ביז 7,000—8,000 מאַן מיט אייגענע פאָנען. מע איז אוועק צו קונעצאָווס פאַבריק און צוזאַמען מיט יענע ארבעטער האָט מען זיך אומגעקערט צוריק אין שטאָט. אין דער לופט האָבן געפלאַטערט רויטע פאָנען, די דעמאָנסטראַציע האָט געדויערט 2 שאָ, בעאייס מיר זיינען צוגעקומען צום שטאָט האָט די צאַרישע רעגירונג דורך איר היגן פאָרשטייער, דעם ליפלענדער וויצע-גובערנאַטאָר, איבערגעכאַזערט די פעטערבורגער בלוט-באָד: אָן אַ שום האסראָע האָבן 2 ראָטעס פון דעם אונטער-אפיצערן-באַטאַליאָן אָנגעהויבן שיסן אין די רואיקע דעמאָנסטראַנטן! דער אוילאָם איז זיך גלייך צעלאָפן, אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעהאַלטן די צאַרישע דינער פון צו שיסן. אַפן אָרט זיינען געבליבן מער פון 30 טויטע, מער ווי 70 שווער פאַרוואונדעטע (דער גרעסטער טייל פון זיי איז געשטאָרבן) און לייכט פאַרוואונדעטע איז געווען מער פון 100! די צערייצטע סאָלדאַטן האָבן ניט נאָר ניט געגעבן קיין הילף די פאַרוואונדעטע. נאָר זיי האָבן זיי נאָך ווי־עכטע ווילדע דערשטאָכן מיט די שפּיזן.

אַף די לעוואיעס פון די דערהאַרגעטע זיינען פאָרגעקומען גרויסאַרטיקע דעמאָנסטראַציעס. אַף דער לעוואַיע פון סטודענט מעטשורקין איז געווען אַן אוילאָם פון א מאַן 20,000; אַף די לעוואיעס פון די דערהאַרגעטע ארבעטער איז געווען פון 3 ביז 10 טויזנט מאַן. אומעטום האָבן אָן אָן אויפהער זיך געהערט רעוואלוציאָנערע אויסרופן; אַפן גאַס האָט מען געהאַלטן פייערדיקע רעדעס, עס האָבן געהילכט רעוואָלוציאָנערע לידער; מע האָט מאַרשירט מיט רויטע בענדער מיט רעוואלוציאָנערע אויפשריפטן, ארבעטער האָבן געטראָגן די קאַרבאַנעס פון דער צארישער מערדעריי מיט רעוואלוציאָנערע לידער; די אַלגעמיינע אויפרעגונג איז געווען אַן אומגעוויינלעכע, עס זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט דער פאָליציי און קאַזאַקן, עס זיינען געווען אסאך ארעסטירטע, אסאך האָט מען צעשלאָגן מיט נאַהייקעס; די גאַנצע צייט האָט זיך די שטאָט געפונען אין מיליטער-צושטאַנד, סאָלדאַטן אונטער דער פירונג פון פאָליציי האָבן געשטאָרעט איבער אלע גאסן און ווינקלעך; מאַכנעס קאָזאַקן און דראַגונער האָבן געריטן איבערן שטאָט, אלע פאַבריקן און זאַוואָדן זיינען געווען באוואַכט פון מיליטער.

דער ריגער קאָמיטעט פון בונד האָט באַשלאָסן שאַבעס, דעם 15-טן, צו מאַניפעסטירן אין די שולן און ניט דערלאָזן זאָגן „הנותן תשועה" [67] פאַרן קייסער; אין 2 שולן איז ארויסגעטראָטן אַן ארבעטער מיט א רעדע, אין וועלכער ער האָט דערקלערט דעם איצטיקן מאָמענט און האָט באַוויזן, ווי פאַרברעכעריש עס איז איצט צו בעטן פאַרן קייסער, דעם מערדער; עס האָבן א הילך געטאָן אויסרופן; אין איין שול האָט אַן ארבעטער געוויזן א פאַרבלו-

טיקטע העמד פון א דערשאָסענעם ארבעטער. מיר האָבן פאַרשפּרייט און פאַנאַנדערגעקלעפּט די פּראָקלאַמאַציעס פון צ. ק. פון בונד און אַנדערע אין פיל עקזעמפּליאַרן. מאַנטיק האָבן מיר באַגלייט צום קייווער דעם דערשאָ-סענעם כאַווער מיכל אַבראַמאָוויטש; אַף דער לעוואַיע איז געווען ביז 2,000 אַרבעטער, מע האָט מאַרשירט דעמאָנסטראַטיוו איבער די גאַסן.

די גאַנצע צייט איז אונזער קאָמיטעט געשטאַנען אין שטענדיקע פאַרבינ-דונגען מיט דעם לאַטווישן ס. ד. קאָמיטעט, די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבע-טער האָבן גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, וועלכע איז פאָרגעקומען פאַר דער צייט. ...די קאָמיטעטן האָבן צו-זאַמענגעקליבן געלט פאַר די שטרייקנדע און פאַרוואונדעטע; עס האָט זיך אָר-גאַניזירט א קאָמיסיע אַף צו באַזאָרגן די, וועלכע האָבן געליטן דעם 13-טן יאַנוואַר.

דעם 20-טן האָבן אַלע קאָמיטעטן באַשטימט צו פאַרענדיקן דעם פּאָליטישן שטרייק און איבערגיין, וואו עס וועט מעגלעך זיין, צו עקאָנאָמישע פאָדערונ-גען. וועגן דעם האָט דער „פעדעראַטיווער קאָמיטעט" צוזאַמען מיטן קאָמי-טעט פון דער „רוסל. ס. ד. אַרב. פּ." אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף. עס איז אָפּ-געהאַלטן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דעם אידישן און לאַטווישן צענטער און מע האָט אויסגעאַרבעט צוזאַמען פאָדערונגען, וועלכע מע דאַרף אַרויסשטעלן די פאַבריקאַנטן. אַף אַלע פאַבריקן און ווערקשטאַטן האָט מען פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס, אין וועלכע עס זיינען געווען אַרויסגעשטעלט די פאָלגנדע פאָדערונגען: אַן 8-שאָעדיקן אַרבעטסטאָג, באַצאָלן פאַר דער צייט פון שטרייק, העכערן דעם לוין א. אז. וו.

די אויפפאָדערונג פון די קאָמיטעטן צום עקאָנאָמישן שטרייק האָט געהאַט אַן אונערוואַרטעטן דערפאָלג; אומעטום זיינען אַף די פאַבריקן פאָרגעקומען מי-טינגען, וואו מע האָט אַרומגערעדט און באַטראַכט די פאָדערונגען, און גע-שריבענע אָדער געדרוקטע האָט מען זיי איבערגעגעבן די פאַבריקאַנטן; יענע האָבן אין אָנפאַנגס געפּרובירט שרעקן מיט אַנטזאָגן פון דער אַרבעט, אָפּרע-כענען און ז. וו., אָבער אַז דאָס האָט ניט געהאָלפן, האָבן זיי צוגעזאָגט נאָכצוגעבן, נאָר מע זאָל זיך פריער שטעלן צו דער אַרבעט. די אַרבעטער אָפן גרעסטן טייל זאָוואָדן און פאַבריקן האָבן זיך אַנטזאָגט צו שטעלן זיך צו דער אַרבעט, ביז זיי וועלן ניט האָבן קיין קלאָרע באַדינגונגען פון דער פאַ-בריק-פאַרוואַלטונג.

ג) אין ליטע.

(פון ס. מיצקעוויטש-קאַפּסוקאַס זכרונות „פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָלוציאַ". 1922, נומ. 11).

... אין שפּיץ פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין ליטע איז אַלע מאָל גע-שטאַנען ווילנע, דאָס וויגעלע ניט נאָר פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג („בונד"), נאָר אויך פון דער ס. ד. פון ליטע.

אין 1905 יאָר האָט אין ווילנע אכוץ דעם בונד און דער ס. ד. פון ליטע, געארבעט נאָך די ר. ס. ד. א. פּ., וועלכע האָט ניט געהאַט אין ליטע קיין באשטימטע מענשעוויסטישע אדער באָלשעוויסטישע פיזיאָנאָמיע. די פּ. ס. ד., פּ. פּ. ס., עס-ערן, פויאלײ-ציאָניסטן, „ווייסרוסישע הראמאדע" [68]), מיט איין וואָרט, ניט ווייניקער פון א צענדליק פארשיידענע סאָציאליסטישע פּאַרטייען *).

אזא צעשפּליטערטקייט האָט ניט געקאָנט ניט שטערן דעם גאַנג פון דער אַרבעט. די רעוואלוציע פון 1905 האָט ענגער צוזאמענגעבונדן צווישן זיך די נעענטערע פּאַרטייען: די ר. ס. ד. א. פּ., פּ. ס. ד. און דער בונד פון איין זייט, די ס. ד. פּ. ל. און פּ. פּ. ס. פון דער צווייטער.

די איבעריקע סאָציאליסטישע פּאַרטייען אין ווילנע, ווי אין גאַנץ ליטע, האָבן קיין שום ראָלע ניט געשפּילט. דער גאַנצער קאַמף פון 1905-טן יאָר איז פּאַקטיש דורכגעגאַנגען אונטער דער אָנפירונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, דערביי זיינען די סאָציאַל-פּאַטריאָטישע ס. ד. פון ליטע און פּ. פּ. ס., אונטערן דרוק פון די רעוואלוציאָנערע געשעענישן, אלץ מער און מער אונטערגעפאלן אונטער דער ווירקונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ס. ד. איבערהויפּט דארף מען זאָגן וועגן די ארבעטער פון די גרעסערע אינדוסטריעלע צענטערן ווי ווילנע, סמארגאן, קאָוונע.

גלייך נאָך דעם 9 (22) יאַנוואר גיסט זיך סטיכיש פאַנאַנדער די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וועלכע פאַרכאַפּט די פאַרוואָרפנסטע ווינקלעך.

דעם 11 (24) יאַנוואר זעען מיר שוין אין ווילנע אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק פון פּראָטעסט קעגן דער פּעטערבורגער בלוט-באָד.

דער זשאנדארמישער ראטמײַסטער קלימאוויטש טעלעגראַפירט וועגן דעם דעם דירעקטאָר פון פּאָליציי-דעפּארטאמענט:

„היינט האָבן דערקלערט א שטרייק די ווילנער ארבעטער, וועלכע האָבן אָפּגעשטעלט די ארבעט קימאַט אַף אלע פאַבריקן און ווארשטאַטן. קיין באַשטימטע פאָדערונגען ווערן דערוויילי ניט ארויסגעשטעלט. די ארדענונג איז ניט געשטערט. עס ווערט געפירט אַן אַגיטאַציע איינצואָרדענען אַף מאָרגן א דעמאָנסטראַציע. קעגן-מיטלען זיינען אָנגענומען".

די דעמאָנסטראַציע איז ניט פאָרגעקומען. דעמאָנסטרירט האָבן בלויז די קאזאַקן אַליין. מיטגעפילט דעם שטרייק האָט מען קימאַט דורכאויס. אפילע די פאַבריקאַנטן גופע האָבן זעלטן זיך געשטעלט אַנטקעגן. בלויז די קאטוילישע גייסטלעכע האָבן געפּרואווט ארונטעררייסן דעם שטרייק. די קסיאָנדזן אין די קלויסטערס האָבן גערופן די קאַטוילישע ארבעטער צו מיטיילן זיי וועגן אלע פּרעטענזיעס צו די באַלעבאַטים, און זיי

---

*) וועגן רעליאַטיוון געוויכט פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען קאָן מען אומגעפער אורטיילן פונם פאָלגנדן באַשלוס אַף דעם צווייטער פּאַרטיי-באראטונג אין דער צייט פונם יאנוואר-שטרייק וועגן די נויטיקע געלט-מיטלען, וועלכע ס'פּאָדערן זיך טעגלעך צו העלפן די שטרייקנדע: פּארן בונד איז אנערקענט געווארן 150 רובל א טאָג, פּאר ס. ד. ל. פּ.—50, פּאַר פּ. פּ. ס.—15, ר. ס. ד. א. פּ.—7, עס-ערן—3. (באמערקונג פון אווטאָר).

די קסיאָנדזן, וועלן דאָס איבערגעבן דעם ביסקופּ באַראָן ראָפּף, וועלכער וועט פאָרן קיין פּעטערבורג און מישטאַדל זיין זיך פאַר דער העכערער רע־גירונג־מאַכט. נאָך ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז צו דער מעמשאלע פון די קסיאָנדזן איבער די ווילנער ארבעטער־מאַסן איז שוין געקומען א סאָף. דער באַראָן ראָפּף איז אוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג מיט ליידיקע הענט.

דער שטרייק האָט אין ווילנע געדויערט איינציקע טעג.

אין קאָוונע זיינען די ארבעטער געווען אסאך ווייניקער באוואוסטזיניק און ארגאניזירט איידער אין ווילנע. פאַר די יאַנוואר־געשעענישן האָט צווישן די ניט אידישע ארבעטער ניט געארבעט קיין ארגאַניזאַציע. דאָך האָבן זיך אויך די קאָוונער ארבעטער אָפּגערופן אָף די געשעענישן פון 9־טן יאַנוואר. דעם 11־טן יאַנוואר האָבן איינציקע טויזנט אַרבעטער פאַרשטרייקט, ארויס־שטעלנדיק א ריי עקאָנאָמישע פאָדערונגען.

דער שטרייק איז דורכגעגאַנגען איניק, ניט קוקנדיק אָף דעם, וואָס דער גובערנאַטאָר האָט דורכאויס געזוכט צו דעזאָרגאַניזירן און אָנרייצן די ארבע־טער אָף די אידן. אפן צווייטן טאָג פון שטרייק איז דער גובערנאַטאָר פּער־זענלעך געקומען איינריידן די ארבעטער.

דעם 14־טן יאַנוואר האָט דער גובערנאַטאָר איינגעאָרדנט א יאָרצייט נאָך אַלעקסאַנדר דעם II־טן. פון קלויסטער איז די מאַסע קענטיק דורך א גע־ניטער האנט געקירעוועט געווארן צום גובערנאַטאָר. ער האָט נאָך אַמאָל פאָרגעלייגט די ארבעטער ענדיקן דעם שטרייק, ניט צוהערן זיך צו די רייד פון די בונטאָוושטשיקעס—די זשידעס א. ד. ג.

אין די פאַבריקן זיינען אריינגעפירט געווארן סאָלדאַטן. דעם 17־טן יאַנ־וואר האָבן די דראַגונער געשלאָגן די ארבעטער פון טילמאַנס פאבריק. דעם 18־טן יאַנוואַר זיינען אלע צוגעטראָטן צו דער ארבעט, דערשלאָגנדיק זיך א פאַרקירצונג פון ארבעטס־טאָג און א העכערונג פון ארבעטס־לוין.

אין שאוול האָט זיך דער שטרייק אנגעהויבן דעם 18 (31) יאַנוואר. עס זיינען געווען ארויסגעשטעלט עקאָנאָמישע פאָדערונגען. די פּאָליציי האָט ניט געשטערט די ארבעטער זיך קלייבן אַפן פלאץ און ארויסטרעטן די רעדנער. קיין פּאָליטישע פאָדערונגען זיינען ניט ארויסגעשטעלט געווארן. אַפן צווייטן טאָג האָט דער איספּראַווניק צוזאַמענגעקליבן די פאָרשטייער פון די ארבעטער און פאבריקאַנטן און איז ארויסגעטראָטן אין דער ראָלע פון א פאַרמיטלער.

דאָס ראָוו פאָדערונגען פון די ארבעטער זיינען באַפרידיקט געוואָרן. אלע באַמיאונגען פון דער פּאָליציי מאַכן אַ אידישן פּאָגראָם זיינען געגאַנגען פאַר־לאָרן. אַפן דריטן טאָג זיינען די אַרבעטער צוגעטראָטן צו דער ארבעט.

אין פאָנעוועזש האָבן געשטרייקט בלויז די אידישע ארבעטער, וועלכע האָבן ארויסגעשטעלט עקאָנאָמישע פאָדערונגען.

דאָסזעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין אלע איבעריקע קלענערע שטעט־לעך פון ליטע.

די יאַנוואר־געשעענישן אין פעטערבורג האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין דידאָזיקע פּאַרוואָרפענע ווינקלעך.

ד) סמאָרגאָן

(קארעספּאנדענץ אין „וּפּעריאָד״, נומ. 7 פון 8-טן פעוורואַל 1905).

דעם 12-טן יאַנוואר האט מען לויט דער באַשטימונג פון אלע אגיטאטאָרן פון אונזער אָרגאַניזאַציע (ר. ס. ד. א. פּ.) באַשלאָסן דורכצופירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק אין צוזאמענהאַנג מיט די פּעטערבורגער געשעענישן. אַפילע צווישן דער ניט אָרגאַניזירטער קריסטלעכער מאַסע איז נאָך פריער געווען אַ רייד וועגן דעם, אַז ווי נאָר פון ווילנע וועט מען איבערגעבן וועגן א שטרייק, וועלן זיי גלייך אַראָפּ פון דער ארבעט.

שוין דעם 13-טן יאַנוואר איינדערפרי, נאָך פּאַרטאָג, האָבן אונזערע כאַווירים, קומענדיק אַף דער אַרבעט, אָנגעהויבן אומעטום דערקלערן די פּעטערבורגער געשעענישן און אלע האבן אָנגעהויבן ווארפן די ארבעט.

דעם 13-טן יאַנוואר איינדערפרי האָט מען אונז געמעלדעט פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע וועגן זייער באַשטימונג פאַרייניקן זיך מיט אונז. דידאָזיקע באַשטימונג האבן מיר אָנגענומען, און נאָכדעם ווי מיר האבן געמיינזאַם אויסגעקליבן אַ שטרייק־קאָמיסיע זיינען מיר צוזאמען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

צו 12 אזייגער האט שוין די גאַנצע מאַסע געשפּאַצירט איבער די גאַסן מיט אויפרופן: „עס לעבע די פרייהייט״ „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג״!

די שטרייק־קאָמיסיע צוזאמען מיט די שטרייקנדיקע האבן באַזוכט אלע זאַוואָדן און פאַבריקן, דערקלערנדיק אומעטום די באַדייטונג פון די איצטיקע געשעענישן.

צו איינס אזייגער האבן שוין געשטרייקט מער פון 3000 ארבעטער: עס האבן געוואָרפן די ארבעט די פאַבריקמאַכערס, פּריקאַשטשיקעס. ניט געשטרייקט האבן די ארבעטער נאָר פון קאָוואַרסקיס בראַנפן — און הורוויטשעס לעדער־זאַוואָדן, ווייל דאָרטן ארבעטן דורכאויס אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן, און זיי האט מען קיין צייט ניט געהאט אראָפּנעמען פון דער ארבעט. די שטרייק־קאָמיסיע האט באַשטימט איינצוואָרדענען א מיטינג אַף דער ווילנער גאַס, אַפן וועג צום וואקזאל, 6 אזייגער פאַרנאַכט. מע האט אויסגעקליבן 2 רעדנער, איינעם פון דער „פּאַרטיי״, דעם צווייטן פונם „בונד״ און מע האט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון די רעדעס. דער בונדישער רעדנער האט געדאַרפט ריידן אין רוסיש וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד, און דער צווייטער וועגן די פּעטערבורגער געשעענישן, אויך אין רוסיש, און דערנאָך האט דער בונדישער רעדנער געדאַרפט ריידן אין אידיש. נאָר די מאַסע איז געווען אַזאַ אויפגערעגטע, אַז זי האט זיך צונויפגעקליבן אַפן באַשטימטן אָרט 4 אזייגער, האָט אויפגעהויבן א רויטע פאָן, אויסגעשאָסן עטלעכע מאָל אין דער לופט און אָנ־

געהויבן דעמאָנסטרירן מיט די אויפרופן „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג" און אז. וו. איבער אלע סמאָרגאָנער גאַסן. די מאַסע איז באַשטאַנען פון העכער ווי 2,000 מענטשן.

5 אזייגער האט זיך די מאסע ווידער אומגעקערט צום אָרט. וואָס די קאָמיסיע האט באַשטימט, פון דער מאַסע גופא האָבן אַרויסגעטראָטן רעדנער, וועלכע האבן געהאלטן רעדעס וועגן פּאָליטישער פרייהייט, די פעטערבורגער געשעענישן א. א. וו.

ווען איך בין 6 אזייגער פארנאכט געקומען מיטן בונדישן רעדנער אפן מיטינג, האבן מיר געהאט פאר זיך א מאסע פון 1500 מאן, קימאט א האלבע גאַס איז געווען פארנומען מיט מענטשן.

דער מיטינג איז געווען א פייערלעכער. אלע זיינען געקומען הערן די רעדנער. אפילו די קרעמער האבן פארמאכט די קראָמען און געקומען אַפן מיטינג.

ווען די רעדעס האבן זיך געענדיקט, האט זיך די מאסע אויסגעשטעלט אין ריי־ען און געלאזט זיך אין שטאט, זינגענדיק די „ווארשאוויאנקע". די פאליציי האט זיך באהאלטן (אין סמארגאן איז פאראן ארום 25 סטראזשניקעס). דער פריסטאוו, פאַרנדיק פון וואקזאל, האָט זייער העפלעך געבעטן די דעמאָנסטראנטן, אז מע זאל אים דורכלאזן.

דעם 13־טן יאנואר איז סמאָרגאָן פאקטיש געווען אין די הענט פונם פראלעטאריאט. ביז 9 אזייגער אין אָוונט האט דער אוילאם מארשירט איבער די גאַסן מיט רעוואלוציאָנערע אויפרופן און לידער.

דעם 14־טן יאנואר, פרייטיק, איז געקומען צו פאָרן דער גובערנאטאָר מיט 400 סאָלדאטן און 36 קאַזאַקן. באנאַכט זיינען געווען אַסאַך ארעסטן. ווי מע זאגט, האט מען ארעסטירט ביז 60 קריסטלעכע און אידישע ארבעטער. פונדעסטוועגן האט מען שאבעס, 6 אזייגער אין אָוונט געלונגען פארשפרייט 1,000 עקז. פונם אויפרוף „דאס פאלן פון דער זעלבסהערשונג און אנדערע פארערונגען" פון ר. ס. ד. א. פּ. און 1200 עקז. פונם אויפרוף „צום קאמף" פונם צ.ק. פונם בונד. די סמאָרגאנער פארייניקטע קאָמיסיע פון ר.ס.ד.א. פּ. און בונד האט ארויסגעלאָזן א העקטאָגראפירטן בלעטל „צו דער געזעלשאפט" אין 125 עקז. און „צו אלע סמארגאנער ארבעטער און ארבעטערינס". דער שטרייק האט זיך געענדיקט דעם 18־טן יאנואר.

ה) די רעוואָלוציאָנערע טעג אין אַ פאַבריק־שטעטל (קרינעק, גראָדנער גוב.)

(אַ ב ע ל ע װ : „די אַרבעטער פאַרכאַפּן די מאַכט", „דער עמעס", נומ. 58 פון 11 מאַרט 1925)

...גלייך ווי מיר האָבן זיך דערוואוסט פון די געשעענישן אין פעטערבורג, האָבן מיר אָנגעהויבן ענערגיש צו אַגיטירן. אין די קרייזן און אָף די פאַרזאַמלונגען האָט מען גערעדט וועגן דעם איצטיקן מאָמענט און וועגן דער נויט־

ווענדיקייט צוצושטיין צום אָפענעם קאַמף פון די פּעטערבורגער כאַוויירים, אינגיכן האָבן מיר באַקומען פון ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פון „בונד“ אַן אויפרוף אַרויסצוטרעטן אָפן; אַזאַ מין אויפרוף האָט אויך בצקומען די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע פון פּ. ס. ד. (פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע). מיר האָבן געבילדעט אַ פעדעראַטיווע קאָמיסיע פון די פאָרשטייער פון אונזער בונדישער אָרגאַניזאַציע און פון „פּ. ס. ד.“, און די קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט אַן אַלגעמיינעם פּלאַן פון אַרבעט. מיר האָבן באַשלאָסן אָפּצושטעלן די אַרבעט אין שטאָט, מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע און אָנפאַלן אויף אַלע רעגירונגס-אַנשטאַלטן.

קעדיי צו דערקלערן דעם פּאָליטישן שטרייק, האָבן אונזערע אָרגאַניזאַציעס באַשלאָסן צו מאכן אַ מאַסן-פאַרזאַמלונג אין בייס-מעדרעש. איבעטער פון פאַרשיידענע פאַכן זיינען געווען אין קרינעק אַריבער 1500 מאַן, און זיי אַלע זיינען געקומען ווי איין מענטש אויף דער פאַרזאַמלונג, לויט אונזער רוף. די בימע איז געווען אויסגעפּוצט מיט צוויי רויטע פאָנען — פון „בונד“ און „פּ. ס. ד.“

נאָך דער פארזאמלונג איז די מאַסע מיט באגייסטערונג אַרויס אויף דער גאַס. פאָרויס איז געגאַנגען די שלאַכט-גרופּע (בעאָ) מיט רעוואָלווערן אין די הענט. די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום מאַרק-פּלאַץ — צום צענטר פון שטאָט.

די פּאָליצײַ איז אויסגעטריקנט געוואָרן. דעם איינציקן פּאָליציאַנט, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, האָט די שלאַכט-גרופּע אַזוי מעקאַבל פּאָנים געווען, אז אויך ער האָט גלייך געמאַכט פּלייטע.

די דעמאָנסטראַנטן זיינען מיט געזאַנג און אויסרופן אַוועק אויף סוויסלאָטשער גאַס צו דער פּאָסט. דער טויער איז געווען פאַרמאַכט. עפענען דעם טויער האט מען זיך אָפּגעזאָגט און די דעמאָנסטראנטן האבן אים אויסגעבראָכן. מיר זיינען אַריין אין קאנטאר, צעבראָכן דעם טעלעגראַף-אַפּאַראַט, צעריסן און פאַרניכטעט די ביכער, נאָך די קאַסע, אין וועלכער ס'איז געווען באַ 18 טויזנט רובל, האָט מען ניט גערירט (קעגן „עקסלעך“), האַגאַם דער פּאָסט-שעף האט פאָרגעלייגט די שליסלען. מיר האָבן צוגענומען בלויז די שווערד און זיינען אַוועק צו דער געביידע פון דער פּאָליצײַ און צו דער אידישער „מעשטשאנסקער“ אופראַווע. פון פּאָליצײַ איז קיינער ניט געווען און מיר האָבן געמאכט אַ טעל פון אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָר געפונען: פּאָרטרעטן פון די קייסאָרים, ביכער, פּאַפּירן, פאָטאָגראַפּיעס פון „פאַרדעכטיקע“ מענטשן און דאָס גלייכן.

מיר האָבן געפונען אַ ביקס און אַ שווערד, נאָר מיר האָבן ניט געוואוסט, וואו עס ליגן די קוילן. עטלעכע אַרבעטער זיינען אַוועק צום איספּראַווניקס פרוי מיט דער פאָדערונג, זי זאָל אָנווייזן, וואו עס ליגן די קוילן. זי האָט זיך אַנטזאָגט און אָנגעהויבן מוסערן די אַרבעטער, אַז „זיי האָבן ניט קיין גאָט אין האַרצן“ א. ד. גל. די אַרבעטער האבן זי, פאַרשטייט זיך, ניט נויסע פּאָנים געווען און זיינען אַוועק מיט דערזעלבער פאָדערונג צום סעקרעטאר פון דער פּאָליצײַ. דער סעקרעטאַר האָט פון אָנפאַנג זיך אויך געפּרוווט אַרויסדרייען, נאָר נאָך עטלעכע געזונטע קלעפּ האָט ער זיך אונטערגעגעבן. די קוילן און פּולווער האט מען צוגענומען.

די אידישע „מעשטשאַנסקע אופּראווע״ האָבן מיר אויך אַזוי גרונטלעך בּוידעק געווען, ווי די פּאָליציי. אין דער „מעשטשאַנסקער אופּראַווע״ האָבן מיר צוגענומען עטלעכע הונדערט פּאַספּאָרטן־בלאַנקן און פּאַספּאָרט־ביכלעך מיטן שטעמפּל. דערדאָזיקער „רויב״ איז נאָכהער גאַנץ שטאַרק צונוץ געקומען דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, הויפּטזאכלעך. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מאַסן־אַנטלויפן פון סיביר. ניט איין צענדליק אַנטלאָפענע פּאָליטישע אַרעס־טאַנטן איז טאַקע באַזאָרגט געוואָרן מיט פּאַספּאָרטן פון דידאָזיקע קרינקער בלאַנקן, און אַדאַנק זיי בעשאָלעם אָנגעקומען, וואוהין זיי האָבן געדאַרפט.

ווען מיר האבן זיך אָפּגעפּאַטערט מיט דעם אוילאם, זיינען מיר אַלע מיט גרויס באַגייסטערונג אַוועק אין וואָלאָסט־פּאַרוואַלטונג. דאָרט האָבן מיר אויך געמאַכט דעמזעלבן כורבן. אין דער קאַסע פון וואָלאָסט האט מען געפונען אַן ערעך 600 רובל. דעם גרעסטן טייל געלט האבן צוגענומען די אַנאַרכיסטן, און 80 רובל האבן צוגענומען אונזערע אַרבעטער (רעגירונגס־געלט האָט מען זיך דערלויבט נעמען) און גלייך דאס אָפּגעגעבן דער אָרגאַניזאַציע.

אין געשלאָסענע רייען מיט געזאַנג און אויסרופן זיינען מיר אַוועק צו דער „מאָנאָפּאָלקע״. דער פאַרקויפער האט פאַרשפּאַרט די טיר, און ווען מיר האָבן זי אויסגעבראָכן, האָט ער אָנגעהויבן שיסן פון אַ רעוואָלווער. מיר האָבן אים געענטפערט אף דעמזעלבן לאָשן, צוגענומען זיין רעוואָלווער, און ער איז טייקעף אַנטלאָפן. אָקוראט האָט מען דעמזעלבן טאָג באַקומען אַ גרויסן טראַנ־ספּאָרט בראַנפן. מיר האָבן אים פאַרניכטעט ביז אַ לעק — טרינקען האָבן מיר קיינעם ניט געלאָזט.

נאָך דעם זיינען מיר אַוועק צו דער דירע פון אָרטיקן זשאַנדאַרם. דער זשאַנדאַרם אָבער האט באַצייטנס אָפּגערייניקט זיין דירע און אויסער אַ שווערד און מעדאַל האָבן מיר דאָרטן גאָרניט ניט געפונען. די שווערד האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, צוגענומען.

אין שטאָט איז געבליבן נאָר איין נאַדזיראַטעל. ער איז געלעגן אַ קראַנ־קער און האט דערפאר ניט געקאָנט אנטלויפן. מיט אַ וואָך פריער, ווען עס איז געווען די מאניפעסטאַציע, האט ער געשאָסן אין די ארבעטער. איצט האט ער דורך אַ באַקאַנטן זיך אָנגעפרעגט בא דער אָרגאַניזאַציע, צי מע וועט קו־מען צו אים. מיר האָבן אים געענטפערט, ער זאָל אָפּגעבן זיין רעוואָלווער און די שווערד. ער האט דאס גלייך געטאָן.

די שטאָט איז געווען „ריין״ און איינגאנצן אין אונזערע הענט.

די פויערים פון די ארומיקע דערפער, וואס ברענגען אין שטאָט פּראָדוקטן אף צו פאַרקויפן, האבן געהאלטן אין איין שרייען: „אראָפּ מיט דער זעלבסט־הערשונג!״

דערדאָזיקער רעוואָלוציאָנערער אויפשטייג מיצאד דעם ארומיקן פויערטום דערקלערט זיך דערמיט, וואס א גרויסער טייל קרינקער ארבעטער זיינען גע־ווען נאָענט פארבונדן מיטן דאָרף, וואו זיי האבן געהאט זייערע פאמיליעס. צוליב דעם טאקע האט זיך אזוי לייכט איינגעגעבן אונזער דעמאָנסטראציע אין דאָרף קרושניאני, וואו מיר האבן כאָרעוו געמאכט די „מאָנאָפּאָלקע״. די קרוש־

ניאנער פויערים — טאַטערן האבן גאנץ געמיטלעך זיך צוגעקוקט, ווי זייער יונגוואַרג בונטעוועט זיך קעגן קייסער. זיי האבן בלויז געבעטן, אז אין פאל פון א באוואָפנטן צוזאמענשטויס מיט מיליטער, זאָל מען שאנעווען זייער טאַ=טערישן בייסאלמען, וואס איז געווען בא זיי הייליק.

מיר האבן געהאט בעדייע זיך לאָזן אויך אינם נאָענטסטן דאָרף האלינקע, קעדיי דורכצופירן אויך דאָרט אונזער אייגנארטיקע „סמיטשקע" מיטן רעוואָ-לוציאָנערן פויערטום, נאר דאס האבן מיר שוין ניט באוויזן, ווייל די געגנט איז שוין געפּאַקט געווען מיט מיליטער=מאכנעס און שפּיאָנען.

גלייכצייטיק איז געשטאַנען פאַר אונז אן אויפגאַבע „רעגירן" מיט דער „טעריטאָריע" פון קרינעק, וואָס האָט זיך אינגאַנצן געפונען אין אונזערע אר=בעטער=הענט.

דאָ איז אונז אויסגעקומען צו פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט די קרינ-קער אַנאַרכיסטן, וואָס זיינען געווען גאַנץ שטאַרק צווישן דער אַרבעטערשאַפט.

די קרינקער אַנאַרכיסטן האָבן אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג: ניט אַ פּאָלי=טישן שטרייק, נאָר אן עקאנאמישן! זיי האָבן געפאָדערט פאַרכאַפּן די פאַב-ריקן, כאָרעוו מאכן, ווארפן באָמבעס און אז. וו. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט דערלאָזט דערצו. אונזער ארגאַניזאַציע האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע וואַך אָף אָפּצוהיטן די אָרדענונג.

מיר זיינען געווען די „מאכטהאבער" אין שטאָט.

דאָס געווער בא פריוואַטע מענטשן האָבן מיר אָפּגענומען.

די באַלעבאַטים האָבן זיך אָנגעהויבן ווענדן צו אונז מיט פאַרשיידענע פראַגן, און איין קרעמער האָט אַפילע באַדויערט, אלעמאי האָט ער ארויס=גענומען א פאַטענט אָף ניי יאָר...

אינטערעסאַנט איז אָבער, אז די זעלבע באַלעבאַטים זיינען אָף זייער אויפן אויך „קלאסנבאוואוסטזיניק" און האָבן אָרגאַניזירט א מין „אגודת אחים" *) (ברודער-בונד), קעדיי אָף יעדן פאַל זיך צו פארטיידיקן, פאַרשטייט זיך, אידישע גיבורים, מישטיינס געזאָגט.

שפּעטער, אז די פּאָליציי איז געקומען קיין קרינעק, האָט דידאָזיקע „אגודת אחים" צוזאמען מיט דער פּאָליציי באַקעמפט די „בונטארן".

דערווייל זיינען אלץ נעענטער אנגעקומען סאָלדאַטן. דער איספּראַווניק און די איבעריקע פּאָליציי זיינען אוועק אין סאקאלקע (30 ווייארסט פון קרי=נעק) און האָבן דורך טעלעגראַף געבעטן באַם גובערנאַטאר הילף.

דער גובערנאַטאָר האָט ארויסגעשיקט סאָלדאַטן. אין גיכן האָבן זיך די סאָלדאַטן פּאָנים על פּאָנים אנגעטראָפן מיט אונז. מיר האָבן זיך טאקע בא-וואָפנט מיט וואָס מיר האָבן נאָר געקאָנט. די ארבעטער-פרויען האָבן געקליבן שטיינער און האָבן געשריען: „ברידער, לאָמיר קעמפן אָף לעבן און טויט— מיר וועלן ניט אָפּטרעטן!" די אָפיצערן האָבן גענומען איבעריידן מיט אונז,

*) כאָוועד לעוו מאכט, דוכט זיך, אַ טאָעס: די „אגודת אַחים" אין קרינעק האָט זיך געגרינדעט פיל שפּעטער—אין יאַנואַר 1906.

צוגעזאָגט ניט צו שיסן און קיינעם ניט אָנרירן, אויב מיר וועלן זיך פאַנאַנ־דערגיין.

א גאַנצן טאָג האָבן מיר זיך געקליבן אין פאַרשיידענע ערטער, ביז די סאָלדאטן פלעגן אונז פאנאנדערטרייבן, ניט שיסנדיק דערביי.

אין גיכן איז געקומען דער גובערנאַטאָר אליין. ווי דער שטייגער איז, האָבן אים די „פּניי" מעקאבל פּאָנים געווען מיט ברויט און זאַלץ, נאָר ער האָט זיי באַגעגנט שטרענג און האָט אלעמען אָנגערופן „בונטאָווש־טשיקעס". דער איספּראַווניק און זיינע געהילפן האָט ער געזידלט, פאַרוואָס זיי האָבן ניט דערפילט זייער כויוו, אפילו ווען זיי וואָלט אויסקומען צו שטאַרבן דערביי.

נאָכדעם איז קרינעק פאַרפלייצט געוואָרן מיט סאָלדאַטן—פוסגייער און קאַ־וואלעריע.

די מאַכט האָט זיך א נעם געטאָן צו דער אַרבעט און האָט אַרעסטירט ביז 200 מאַן, וועלכע מע האָט אָפּגעפירט אין גראָדנער טפיסע.—דעם גרעסטן טייל פון זיי האָט מען אַריינגעזעצט אין איינצל־קאַמערן.

אין שטאָט איז שטיל געוואָרן.

אַ לאַנגע צייט האָט מען אין ערגעץ ניט געאַרבעט.

די שטאָט איז פול געוואָרן מיט אנגעקומענע שפּיאָנען, וועלכע האָבן שפּע־טער אָנגעהויבן צו ארבעטן גאַנץ אָפן. צווישן די שפּיאָנען האָבן זיך באזונ־דערס אויסגעצייכנט איטשקע מאלאכאמאָוועס און האָטשאַנדרע (אַרטיקע גאַר־בער), וואָס פלעגן שרעקן אנדערע אַרבעטער און נעמען באַ זיי לוי־יעכרעך־געלט.

דער געפערלעכסטער פון דער קאמפּאַניע איז געווען דער אַרטיקער מאַ־נאפאל־קרעמער, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן פיל מענטשן.

ס'זיינען פאָרגעקומען נייע אַרעסטן אין שטאָט.

דאָס ווילדעוועון פון די שפּיאָנעס האָט לאַנג ניט געדויערט.

אין מאַרט האָט מען דערשאָסן דעם מאנאפאל־קרעמער באַ אים אין דער היים, און א צווייטן שפּיאָן האָט מען דערשטאָכן אין ביאליסטאָק אַפן וואקזאל.

דאָס האָט אָנגעוואָרפן א פּאַכאַד אויף די שפּיאָנען, וועלכע זיינען ארומגע־לאָפן צווישן די אַרבעטער און האבן אָפּגעגעבן דעם שויכאַד צוריק.

וואָס אָנבאַלאנגט די אַרעסטירטע, זיינען זיי געזעסן אין טפיסע ביז דעם אָקטיאבר־מאַניפעסט[69] און דערנאָך האָט מען זיי אלעמען באַפרייט.

39. די פּויאליי־ציאָן פון דאָרעם־רוסלאנד[70] וועגן 9־טן יאנואר.

(פּראָקלאמאציע פונם קאמיטעט פאַר דאָרעם־ראַיאָן)

צו דער אידישער געזעלשאַפט.

עס זיינען אָנגעקומען די טעג, אַף וועלכע אַלע האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט. די אומצופרידנהייט האָט שוין ארומגעכאַפּט אומגעהויערע שיכטן פון דער רוס־לענדישער באפעלקערונג, און די זעלבסטהערשונג שטרענגט אָן אירע לעצטע

קרעפטן, קעדיי צו בלייבן באַ דער מאַכט. נאָר איר שאָ איז שוין נאָענט. אונזערע פּעטערבורגער כאַוויירים האָבן אָנגעהויבן די גרויסע זאַך פונם צע־שמעטערן דעם צאַריזם; צו זיי שטייען צו די אַרבעטער פון אנדערע ערטער. אויב אַפילע די זאַך וועט זיך זיי איצט ניט איינגעבן,—וועט זי זיך איינגעבן יענע, וואָס וועלן קומען נאָך זיי.

די זעלבסטהערשונג פאַלט איין. געשווינט פליט זי צום אָפּגרונט, נאָך איין שטויס, נאָך איין דראנג פון אונזער זייט און זי וועט אומקומען.

מיר, אידישע פּראָלעטאַריער, וואָס זיינען פאַרייניקט אונטער דער פאָן פון די „פּויאַליי־ציאָן", וועלכע דאָרשטן אַזוי שטאַרק און וואַרטן אַזוי פיינלעך אַף דעמדראָזיקן סאָף, מיר זיינען פונדעסטוועגן ווייט פון צו לאָזן זיך היציק אוועק־רייסן. מיר מיינען ניט, אַז דורך דעם וועט געלייזט ווערן די אידן־פּראַגע; איר לייזונג איז איינציק און אַליין אין אַ טעריטאָריע. נאָר דאָס אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג איז דער ערשטער נויטיקער טריט, אָן וועלכן עס איז אומעג־לעך דער צווייטער. דער צאַריזם איז די ערשטע שטערונג, וואָס מוז פאַלן, קעדיי מיר זאָלן קענען גיין און קעמפן ווייטער.

מיר, אידישע פּראָלעטאַריער, די געדריקטסטע פון אַלע געדריקטע „אונ־טערטאַנען" פונם אַלרוסלענדישן זעלבסטהערשונג, מיר זיינען מער פון אלעמען און דרינגנדער פון אַלעמען פאַרינטערעסירט אין זיין טויט. זייענדיק פאַר־פאָלגט און געדריקט אַזוי, ווי קיינער ניט, פילן מיר מער פון אלעמען דעם גאַנצן שרעק פון רעכטלאָזיקייט און אונטערדריקטקייט. און איצטער מוזן מיר זיך גרייטן צו דער נאָענטער שאָ, מיר מוזן זיך גרייטן צום קאַמף פאַר אונ־זערע רעכט. מיר מוזן געדענקען פריער פון אַלץ, אז מיר אליין דאַרפן שטיין אף דער וואך פון אונזערע אינטערעסן. מיר דאַרפן ניט וואַרטן, אז אנדערע וועלן פאַר אונז טאָן אונזער זאַך. אין אויסטרייך האָבן די אידן גענומען אין דער רעוואָלוציע פונם 48־טן יאָר דעם אקטיווסטן אַנטייל; פונדעסטוועגן האָט זיך אין אַ קורצער צייט אַרום דורכגעטראָגן אַ שטורמווינט פון אידישע פּאָ־גראָמען, און דער אנטיסעמיטיזם האָט אָנגעהויבן צו לאָזן טיפע וואָרצלען. און אין דעם זיינען מער פון אַלץ שולדיק די אידן אליין. אוועקגעבנדיק זיך אינ־גאַנצן די קאָסמאָפּאָליטישע פאַנטאַזיעס, האָבן זיי פאַרגעסן וועגן זיך. געלאָזט אַנדערע זאָרגן זיך וועגן זיי, גלויבנדיק אין דער פרעמדער גוטהאַרציקייט. זיי האָבן פאַרגעסן די באַזונדערקייטן פון זייער סאָציאלער לאַגע, די ספּעצי־פישע באדינגונגען פון זייער לעבן. ויי איז אפילע אפן געדאנק ניט ארויף, אז זיי דארפן זיך אָרגאַניזירן ניט נאָר ווי בירגער, נאָר אויך ווי בירגער־אידן.

מיר, פּויאַליי־ציאָן, וועלן אויסמיידן דעמדאָזיקן אומגליקלעכן פעלער. מיר גרייטן זיך שוין איצטער צו דער אָרגאַניזירונג פון די ברייטע מאַסן פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, קעדיי מיט פעסטגעשלאָסענע קרעפטן, שטענדיק און אומערמידלעך צו שטיין אף דער וואַך פון אונזערע מענטשלעכע און נאציאָ־נאַלע רעכט. ווען עס וועט פאלן די פארהאסטע זעלבסטהערשונג, און אַנשטאָט די בלוטדורשטיקע טיראַנען וועלן די רעגירער פונם לאַנד ווערן די פאַרטרע־טער פונם פאָלק, וועלן מיר דאַרפן אָנווענדן אַלע אונזערע קויכעס, אז צווישן

זיי זאָלן זיין אויך אינזערע פארטרעטער, וואָס ווייסן אונזער לעבן, וואָס קענען פארטיידיקן אונזערע אינטערעסן.

אין אונזערע אלגעמיינע פּאָליטישע פּאָדערונגען שטייען מיר צו אינגאנצן צו דער רוסלענדישער סאָציאל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי, און צוזאמען מיט איר פאָדערן מיר אַלגעמיינע דירעקטע, גלייכע און געהיימע וואַל-רעכט, פרייהייט פונם וואָרט, פרעסע, פאַריינען, פאַרזאַמלונגען, געוויסן א. אז. וו., אַלס אידן דארפן מיר פאָדערן די פולשטענדיקע אָפּשאפונג פון אלע באַגרענצונגען, מיט וועלכע עס שטיקט אונז די זעלבסטהערשונג. מיר דאַרפן פאָדערן די פול־שטענדיקע אָפּשאַפונג פונם אידישן טכום; פולשטענדיקע פרייהייט אינם אויס־קלייבן באשעפטיקונגען; דאָס אומבאגרעניצטע רעכט צו פארנעמען מלוכע־שטעלעס, לערנען אף דער אייגענער שפראַך, אויסצונוצן דאָס מלוכע-געלט אף צו גרינדן אידישע שולן, פולשטענדיקע אמניסטיע פאַר אלע אַרעסטירטע, וואָס זיינען פאַרמישפּעט אלס קרימינעלע פארברעכער פארן אנטייל נעמען אין דעם אָרגאַניזירטן זעלבסטשוץ קעגן די פּאָגראָמען און זייערע העצער א. אז. וו. א. אז. וו.

אייך אלעמען, סאי פּראָלעטאריער, סאי ניט-פּראָלעטאַריער פון דער אידי־שער נאציאָנאַליטעט, אייך אלעמען, אין ווען עס לעבט דאָס געפיל פון אייגענער ווערדע און דער דורשט נאָכן קאַמף פאַר פרייהייט,—אייך אלעמען רופן מיר צו שטעלן זיך אין דער גרויסער אָנקומענדיקער שאַ אונטער אונזער רויטער פּראָלעטאַרישער פאָן, צונויפצוקלייבן דעם גאַנצן אייגענעם קויאַך, צאָרן און ליידן און צוזאמען מיט אונז אויסצושרייען:

„נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!"

„נידער מיט דער נאציאָנאַלער אונטערדריקונג!"

„עס לעבע די דעמאָקראַטישע רעפּובליק!"

„עס לעבע דער פּראָלעטערישער ציאָניזם!"

„עס לעבע דער סאָציאליזם!"

קאמיטעט פאר דאָרעם-ראיאָן פון דער א. ס. ד. א. פּ. „פּויאלײ ציאָן".

יאנוואר 1905.

40. די יאנוואר-קאָנפערענץ פון די סאָצ. דעמ. פאַרטייען *).

(פון דער מיטיילונג וועגן דער קאָנפערענץ אין נומ. 39 „ארבעטער-שטימע" מארט 1905).

אין יאַנוואַר הייאָר איז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ, אין וועלכע עס האָבן גענומען אן אנטייל די פאָרשטייער פון די צענטראַלע קאָמיטעטן פון דער רוסלענדישער סאָצ.־דעמ. אַרבעטער-פּאַרטיי, דעם אלגעמיינעם אידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד, דער לעטישער סאָצ.-דעמ. אר־בעטער-פּאַרטיי און דער רעוואָלוציאָנערער אוק־אַינער פּאַרטיי. עס זיינען געווען איינגעלאַדן אויך די סאָציאל־דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע, די

*) פאָרגעקומען דעם 19—20 יאנוואר אין ריגע.

פוילישע סאציאליסטישע פאַרטיי „פראָלעטאַריאַט" און די ארמענער סאָצ.-דעם. אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, נאָר אָט די אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט געשיקט אַף דער באַראַטונג זייערע פאָרשטייער, אבוואל די לעצטע צווי האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען איינשטימיק צו באטייליקן זיך אין דער קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ האָט געדויערט 2 טעג. זי האָט ארומגעקלערט אַ גאַנצע ריי טאַקטישע און אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגן און האָט אויסגעארבעט אַן אויפרוף, אין וועלכן עס זיינען באַצייכנט אונזערע הויפטלעכע נאָענטסטע פּאָליטישע פאָדערונגען.

מיר ברענגען דאָ אויסצוגן פון אָט דעם אויפרוף:

צום פראָלעטאַריאַט פון גאַנץ רוסלאַנד.

...די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג פון „פרילינגס-צייט" איז געגאַנגען **אונטער דער פאָן פון ליבעראַליזם**. אומעטום האָט געבליט דער בורזשואַזער פּראָטעסט, אומעטום האָבן זיך געלאָזט הערן פארשיידנארטיקע פאָדערונגען פון דער בורזשואַזיע: פון א ריין דעמאָקראַטישע פּראָגראַם ביז אַן אַלאונטערטעניקסטע באַקאָשע צו דער זעלבסטהערשונג, זי זאָל זיך אַליין אַ מיסע אָנטאָן.

דער פּראָלעטאַריאַט האָט דערווייל קימאַט ווי געשוויגן, אַקוראַט, ווי ער האָט אָפּגעוואַרט, ביז ס'וועלן אוועק מיטן ווינט און מיטן רויך די פּוסטע דיבורים פון דער בורזשואַזער אָפּאָזיציע. קורצזיכטיקע פּאָליטיקער פון דעם ליבעראַלן לאַגער האָבן שוין געמיינט, אַז ער ליגט אין טיפן שלאָף, און דאָס האט זיי אריינגעגעבן מוט צו דערקלערן, פארמאַכנדיק די אויגן אַף די פאַרגאַנגענהייט, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט געמאַכט דורך זייערע אייגענע הענט. די ליבעראַלן האָבן אָנגעהויבן זיך צו ווענדן **צום גאַנצן פאָלק**; מע האָט אָנגעהויבן צו דאַרשענען מיט גרויס האַסמאָדע, אַז מע דאַרף פאַרגעסן די קלאַסן-קעגנזאצן.

דער נעפּל פון די ליבעראַלע ווערטער איז געוואָרן אַן עמעסע סאַקאָנע פאַר דער קלאָרקייט פונם פּראָלעטארישן קלאַסן-באַוואוסטזיין.

...די אָרגאַניזאציעס פונם פּראָלעטאַריאַט האָבן אין דער זעלבער צייט געארבעט אָפּגעזונדערט איינע פון דער צווייטער. דאָס ארויסטרעטן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז ניט פאָרגעקומען אין א געוויסן סיידער. ווען די ליבעראַל-בורזשואַזע קרעפטן האָבן זיך לעבהאַפט קאָנצענטרירט, ווען די בורזשואַזע אידעאָלאָגיע האט מיט א באַזונדערן כיישעק פאַרשפרייט אירע נעצן, — אין דערזעלבער צייט האָט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון רוסלאַנד געקאָנט ארויסשטעלן נאָר א רייע באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווירקן זעלבשטענדיק אָן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן, אָן א צענטער, וואָס זאָל אָנפירן די ארבעט.

אלע האָבן געפילט, אַז עס איז נויטיק צו פאַראייניקן די אלע אָרגאַניזאַציעס, אַז עס איז נויטיק אויסצוארבעטן כאָטש אַ דערווייליקן אָפּמאַך, קעדיי מיט פאַראייניקטע קויכעס אנצופאַלן אַף די אָפּשטארבנדיקע זעלבסטהערשונג, קעדיי מיט מער קראַפט צו באַשיצן די אינטערעסן פון פראָלעטאַריאַט קעגן די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע.

און דאָרטן, טיף אין די אַרבעטס-מאַסן, איז דערוויילט פאָרגעקומען אַ גרויסאַרטיקע אַרבעט. ס'איז געוואַקסן אַ פּראָטעסט, אַ ברייטער און אַ טיפער, וואָס האָט געזאָלט ברענגען גרויסע פרוכט.

אַרבעטער-כוואַליעס האָבן פאַרפלייצט די פאָרשטעט און די גאַסן פון פּעטערבורג. עס האָט זיי פאַראייניקט די אַלגעמיינע נויט, עס האָט זיי באַגייסטערט די אַלגעמיינע האָפענונג...

אַ שטורעם-ווינט האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. ער האָט אָנגעצונדן אומעטום דעם פייער פון אויפשטאַנד, ער האָט אומעטום אַרויסגערופן אויף די גאַסן אונטער דער פאָן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, פאַראייניקטע דורך איין ווילן: אָדער באַקומען פרייהייט, אָדער שטאַרבן.

אָט די גרויסאַרטיקע געשעענישן באַפעלן אונז מיט אַ באַזונדערער קראַפט, זיי הייסן און פאָדערן מיט אַ מעכטיקער שטימע, עס זאָלן פאַראייניקט ווערן אַלע קרייזעס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, כדי אין עמעסן אָנצופירן די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג, כדי צו ריכטן אָט די באַוועגונג אונטער דער פאָן פון סאָציאַליזם צום עמעס-פּראָלעטאַרישן ציל.

באַם בלוטיקן שיין פון די יאַנוואַר-טעג איז ענדלעך געמאַכט געוואָרן דער ערשטער טריט צו פאַראייניקן די גאַנצע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון רוסלאַנד. די נאָר-וואָס פאָרגעקומענע באַראַטונג פון די פאָרשטייער פון די צענטראַלע קאָמיטעטן פון דער רוסלענדישער סאָצ.-דעמ. אַרבעטער-פּאַרטיי, דעם „בונד", דער לעטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי און דער רעוואָלוציאָנערער אוקראַינער פּאַרטיי — דאָס איז דער ערשטער שטיין אין דעם גרויסן, פּרעכטיקן בנין פון דער צוקונפט — אַן אייניקער, פעסטער און שטאַרקער פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט פון גאַנץ רוסלאַנד.

באַם העלן ליכט פון דעם אַרבעטער-אויפשטאַנד האָבן מיר געגעבן די הענט איינער דעם צווייטן. אונז שטייט פאָר אַ גרויסע אויפגאַבע — ווייזן דעם ריכטיקן וועג פאַר אַלע אומגעהויערע פּראָלעטאַרישע קרעפטן פון רוסלאַנד, פירן דעם פּראָלעטאַריאַט אין גרויסן און ברייטן וועג צו זיין פּאָליטישער און סאָציאַלער באַפרייאונג, — פירן אים מיט איין פּלאַן, אין אַ לעבעדיקער צוזאַמענווירקונג, אין פולן און קלאָרן באַוואוסטזיין פון אונזערע נאָענטע און ווייטע אויפגאַבן.

מיר ווענדן זיך מיט אונזער צורוף צום גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד. עס איז געקומען די צייט אַרויסצוטרעטן אין אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג. מיר דאַרפן באַקומען פּאָליטישע פרייהייט, כדי אָפן באָדן פון אָט דער פרייהייט פירן נאָך אַ ברייטערן קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע אין נאָמען פון אונזער גרויסן אידעאַל — דעם סאָציאַליזם.

אונזערע טעג האָבן אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג. זיי וועלן אויף לאַנג באַשטימען אונזער ראָלע אין פּאָליטישן לעבן פון אונזער פאָטערלאַנד. זאָלן־זשע אַלע אַרבעטער פון רוסלאַנד, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט, באַ-

קומען אַ קלאָרן באַוואוסטזיין וועגן זייערע אינטערעסן, זאָלן אומעטום קלינגען אונזערע פּראָלעטארישע פאָדערונגען.

די אנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ,

די פאָרשטייער פון די צענטראל-קאמיטעטן:

פון דער רוסלענדישער סאָצ.-דעמ. ארבעטער-פארטיי,

דעם אלגעמיינעם איד. ארב.-בונד פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד,

דער לעטישער סאָצ.-דעמ. ארבעטער-פּאַרטיי,

דער רעוואָלוציאָנערער אוקראינער פּאַרטיי.

41. דער בונד וועגן די אויפגאבן פונם אידישן פראלעטאריאט נאכן 9-טן יאנואר.

(פון די באשטימונגען פון דער VI קאנפערענץ פון בונד *): ביילאגע צום נומ. 39 „ארבעטער-שטימע“ מארט 1905).

.1

אין דעם קאַמף פון גאַנצן רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט אין די יאַנוואַר-טעג, אין דעם קאַמף, וועלכער עס האָט אויפגעהויבן אַזאַ רעוואָלוציאָנערן שטורם, וואָס ס'האָט צו זיך ביז אַהער קיין גלייכן ניט געהאַט, לויט זיין גרויסקייט און פּאָליטישע באַדייטונג, אין דעמדאָזיקן קאַמף האט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ארויסגעוויזן א רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעט ווי אויך א הויכן גראַד פון באַוואוסטזיניקייט.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין די טעג האָט באַוויזן, אַז אונזערע אָרגאַניזאַציעס האָבן געלאָזן טיפע וואָרצלען אין דער אידישער אַרבעטער-מאַסע און האָבן באַקומען אַ פעסטע ווירקונג אַף איר, נאָר אין דערזעלבער צייט האָט דידאָזיקע באַוועגונג אַנטדעקט אויך די שוואַכע זייטן פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס: עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיי זיינען ניט גענוג צוגעפּאַסט צו דער אַלזייטיקער אָנפירונג פון דער באַוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן פון זיך אליין, אָדער וועלכע זי גופע האָבן אויפגעהויבן, אַז זיי האָבן ניט געקענט ווי געהעריק אויסנוצן די מעכטיקע כוואַליע פונם רעוואָלוציאָנערן אַרויסטרעט.

דער איצטיקער היסטאָרישער מאָמענט שטעלט אַרויס פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע באַזונדערס דרינגענד די אויפגאַבן צוגרייטן די פּראָלעטאַרישע מאַסן צום געפעכט מיטן אַבסאָלוטיזם, וואָס שטייט פאָר אין דער נאָענטער צוקונפט, צום געפעכט, וועלכער, קען זיין, וועט שוין זיין דער לעצטער און אַנטשיידענער, און צו דעם, אַז זיי זאָלן פאַרכאַפּן אין דעם מאָמענט פון דער ליקווידאַציע פון אַבסאָליוטיזם דעם גרעסטן טייל פּאָליטישן איינפלוס. און אַזוי ווי אַף צו פאַרווירקלעכן דידאָזיקע היסטאָרישע אויפגאַבע פאָדערט זיך פון פּראָלעטאַריאַט, אַז ער זאָל אַרויסווייזן דעם העכסטן גראַד אַקטיווי-

---

*) פאָרגעקומען דעם 11—17 פעוראל אין דווינסק.

טעט און באַוואוסטזיניקייט, געפינט די קאָנפערענץ פאַר נויטווענדיק, אַז אונ-זערע אָרגאַניזאַציעס זאָלן אין איצטיקן מאָמענט מער, איידער אַלעמאָל, אָנ-ווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט אַף צו פאַרברייטערן אונזער איינפלוס צווישן די ברייטע שיכטן פון אידישן פּראָלעטאַריאַט און אַף צו פאַרגרעסערן זיין באַוואוסטזיניקייט, זעלבסטעטיקייט און אַקטיוויטעט.

צוליב דעם דאַרפן מיר:

1) צוגעבן אונזער שריפטלעכער און מונדלעכער אַגיטאַציע — אַגעוו אויך דורך דעם, אַז איר אינהאַלט זאָל זיין מער אַ קאָנקרעטער — אַזאַ כאַראַקטער, אַז די ברייטע מאַסן זאָלן קענען לייכטער פאַרשטיין אונזערע נאָענטסטע פּאָלי-טישע פאָדערונגען און אויפגאַבן און זאָלן אַריינגעצויגן ווערן אין דעם אַק-טיוון פּאָליטישן לעבן.

2) ניט אָפּזאָגנדיק זיך פון אונזערע ביזאיצטיקע, גוט אויסגעפּרואווטע מעטאָדן און פאָרמען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעט, זאָלן מיר זיך אויך אָנהויבן באַנוצן מיט די אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנס-פאָרמען און מיט די אנדערע מיטלען פון סאָציאַל-דעמאָקראַטישערווירקונג אַף די מאַסן, מיט די פאָרמען און מיטלען, וועלכע עס האָט אָנגעוויזן די פּראַקטיק פון די לעצטע פאַסירונגען.

אַרויסגייענדיק פון דעם, וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט, געפינט די קאָנפע-רענץ פאַר נויטיק;

1) פאַרברייטערן און שטאַרקער מאַכן די זעלבסטעטיקייט פון די באַזונ-דערע אָרטיקע איינריכטונגען;

2) גלייכמעסיקער פאַנאַנדערטיילן צווישן די שטעט די עקזיסטירנדע קרעפטן לויט דעם נאָך, ווי דאָס פאָדערט דער איצטיקער רעוואָלוציאָנערער מאָמענט.

3) אַ געוויסער טייל פון די אַגיטאַטאָרישע און אָרגאַניזאַטאָרישע קרעפטן, וואָס געפינען זיך אין די אָרטיקע איינריכטונגען, זאָל באַפרייט ווערן פון דער געוויינלעכער אָרגאַניזאַציאָנס-אַרבעט און זאָל זיך אָפּגעבן ספּעציעל מיט דער אַגיטאַציע צווישן די ניט אָרגאַניזירטע מאַסן.

4) זעען מאַכן וואָס אָפטער אַגיטאַציאָנס-פאַרזאַמלונגען און אימפּראָוויזירטע (אומגעריכטע) דעמאָנסטראַציעס אונטער דער שוץ פון באַוואָפנטע גרופּן אין די ערטער, וואוהין עס קומען זיך צונויף גרעסערע פאָלקס-מאַסן: אַף פאַב-ריקן און אין ווערקשטאַטן, אין די קאַפע און טיי-הייזער, אין די באָטיי-מעד-ראָשים און אונטערן פרייען הימל (אַרבעטער-בירזשעס און פּלעצער).

אזוי ווי אין די יאַנוואַר-טעג האָבן די פאַבריקאַזשיקעס, פון וועלכע עס באַ-שטייט אַ היפּשער טייל פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, אַרויסגעוויזן זייער אַ קנאַפּע רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעט, נאַראיעט די קאָנפערענץ די קאָמי-טעטן, אַז זיי זאָלן אין איצטיקער צייט זיך מער ווי פריער אָפּגעבן מיט דער אַרבעט צווישן דעמדאָזיקן מין פּראָלעטאַריאַט.

2.

דער וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, ווי אויך דער אומשטאַנד, וואָס אין גאַנץ רוסלאַנד איז ביכ־לאַל לעבעדיקער געוואָרן די ליבעראַל־אָפּאָזיציאָנעלע באַוועגונג, הויבן אָן צו דערוועקן אין דער אידישער בורזשואַזיע דעם פּאָליטישן באַוואוסטזיין און די שטרעבונג צו אָרגאַניזירן זיך אין פּאָליטישע פּאַרטייען.

האלטנדיק פאר נויטיק — קעדיי צו פאַרשטאַרקן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד קעגן דעם אַבסאָ־לוטיזם און קעדיי וואָס מער צו דעמאָקראַטיזירן די קומענדע קאָנסטיטוציאָ־נעלע אָרדענונג פון רוסלאנד — צו פאַרברייטערן דעם איינפלוס פון אונזער אָרגאַניזאַציע אַף די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון דער אידישער באַפעלקערונג.

האלטנדיק ווייטער פאַר נויטיק צוציען צו אונזער פּאַרטיי די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון דער אידישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ, וועלכע זיינען פעאיק צו שטעלן זיך אַפן שטאַנדפּונקט פון פּראָלעטאַריאַט;

און האַגאַם אַפילע די קאָנפערענץ רעכנט, אַז דער בעסטער מיטל צו ווירקן אין דערדאָזיקער ריכטונג אַף די אָפּאָזיציאָנעלע נים־פּראָלעטאַרישע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, איז אונזער דירעקטע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעט צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט, געפינט זי דאָך אין דערזעלבער צייט אויך פאר נויטיק:

1) צו קריטיקירן אַפן שאַרפסטן אופן די בורזשואַזע אידעאָלאָגיע און אויך באַווייזן, ווי אָנמעכטיק און אומאנטשלאָסן עס איז די בורזשואַזע ליבע־ראַלע באַוועגונג.

2) פּאָפּולאַריזירן צווישן די ברייטע שיכטן פון דער אידישער דעמאָקראַ־טישער אינטעליגענץ די אויפגאַבן און די צילן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

3

די קאָנפערענץ באַראַיעט די קאָמיטעטן:

1) צו אַגיטירן צווישן די ברייטע פּאָלקס־מאַסן, אַז עס איז נויטיק צו פאַרשאַפן זיך געווער, איינלערנען זיך ווי צו באַגיין מיט אים און אַרויסווייזן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד בֿאַ צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און מיליטער.

2) סטאַרען זיך, ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך, צו בילדן אין יעדער שטאָט אַ פעסטע און גוט באַוואָפנטע קאַמפּס־גרופּע, וועלכע זאָל זיך געפינען אין דעם דירעקטן רעשוס פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע און זאָל נעמען אַף זיך די איניציאַטיוו פון דעם באוואָפנטן ווידערשטאַנד.

3) מיט אַלע מיטלען העלפן די אַרבעטער צו פאַרשאַפן זיך געווער.

4.

קעדיי צו אַרבעטן מיט אַ גרעסערן דערפאָלג אין די ערטער, וואו עס

זיינען ניטאָ קיין זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס, און אַף וועלכע עס פאַר-שפּרייט זיך די ווירקונג פון די אָרטיקע קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס.

געפינט די קאָנפערענץ פאַר נויטיק;

1) די אָרטיקע קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס זאָלן פאַרמערן די צאָל פון זייערע מיטגלידער מיט אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן זיך ד ו ר כ ו י ס אָפּגעבן דער אַרבעט אין ראַיאָן;

2) אַז די קאָמיטעטן זאָלן פון צייט צו צייט צונויפרופן ראַיאָן-אַסיפעס פון די אָנפירער, וואָס אַרבעטן אונטערן קאָנטראָל פון דידאָזיקע קאָמיטעטן, אָר-גאַניזאַציעס פון שטאָט און קליין-שטעטלעך;

3) קעדיי צו פאַרברייטן און פאַרשטאַרקן דעם איינפלוס פון ב ו נ ד אין פּ ו י ל ן און אין ד אָ ר ע ם-ר ו ס ל א נ ד, זאָל מען גרינדן באַזונדערע גרופּן, אָפּהענגיקע פון צענטראַלן קאָמיטעט, וועלכע זאָלן באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די ראַיאָנען, וואו עס האָבן זיך נאָך ניט געבילדעט קיינע שטענדיקע אָר-טיקע אָרגאַניזאַציעס.

5.

די יאַנוואַר-טעג האָבן באַוויזן, אַז אין אַסאַך שטעט אין דעם ראַיאָן פון בונד האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ניט דערגרייכט צו דער מאַדרייגע, וועלכע עס איז מעגלעך געווען אין דידאָזיקע מאָמענטן, און אַז אין דערינען איז אַסאַך שולדיק געווען די רעוואָלוציאָנערע פּאַסיוויטעט פון די ברייטע מאַסן פונם ניט אידישן פּראָלעטאַריאַט און דאָס, וואָס עס האָבן ניט עקזיסטירט וויפיל ניט איז שטענדיקע פאַרבינדונגען מיט זיי. די סיבע פון דערדאָזיקער ערשיינונג ליגט דעריקער אין דעם, וואָס אין דידאָזיקע שטעט איז ניטאָ קיין סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן האָבן אַן איינפלוס אַף דעם ניט-אידישן פּראָלעטאַריאַט.

רעכענענדיק, אַז בא נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלטן צווישן דעמדאָזיקן פּראָלעטאַריאַט געקענט פּירן מיט אַן ערפאָלג אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט נאָר באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען ספּעציעל צוגעפּאַסט צו זיינע לעבנס-באַדינגונגען, געפינט דאָך פונדעסטוועגן די קאָנפערענץ בא דעם איצטיקן מאָמענט פאַר נויטיק, אַז אונזערע אָרגאַניזאַציעס זאָלן מיטהעלפן צו גרינדן אין אַזעלכע שטעט גרופּן פון ניט-אידישע אַרבעטער, וואָס זאָלן זיך געפינען אונטערן קאָנטראָל פון די קאָמיטעטן און זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט פאַר-שפּרייטן ליטעראַטור צווישן דעם ניט-אידישן פּראָלעטאַריאַט, און האָבן שטענדיקע פאַרבינדונגען מיט דידאָזיקע אַרבעטער-מאַסן.

. . . .

7.

אַזוי ווי דער פּעריאָד, וועלכן מיר לעבן איצט איבער, איז אַ צייט פון א קעסיידערדיקער רעוואָלוציאָנערער אויפרעגונג, וועלכע עס קען אין יעדער מאָמענט איבערגיין אין אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד,

אַזוי ווי צוליב דעם ערפאָלג פון דעמדאָזיקן אויפשטאַנד איז נויטיק, אַז ער

זאָל זיך פאַרשפּרייטן ווי ווייט מעגלעך ברייטער און גלייכצייטיקער און דערצו ניט נאָר אין די גרויסע פּאָליטישע און אינדוסטריע-צענטרען, נאָר אויך אין די ווייניקער באַדייטנדע פּונקטן,

בעפינט די קאָנפערענץ:

אז מע דאַרף שטענדיק פאַרשטאַרקן און פאַרברייטן דידאָזיקע רעוואָלוציאָנערע אויפרעגונג, צילנדיק זיך פאַרוואַנדלען איר צו דער רעכטער צייט אין אן אַלגעמיינעם פאָלקס-אויפשטאַנד.

און צוליב דעם דאַרף מען זיך סטאַרען, אז אונזערע רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען זאָלן — צום אונטערשייד פון די קאַמפּס-מעטאָדן, וועלכע מיר האָבן ביז אַהער אָנגעווענדעט — באַקומען אַ העכסט-אנטשיידענעם כאַראַקטער, און מע דאַרף זיך אויך צילן ארייננציען אין זיי די ברייטערסטע פאָלקס-מאַסן.

פון די פאָרמען פון רעוואָלוציאָנערן ארויסטרעטן, וועלכע עס זיינען פּאַסנד צו דעם איצטיקן מאָמענט, רעכנט די קאָנפערענץ פאר באַזונדערס וויכטיק דעם אַ ל ג ע מ יי נ ע ם ש ט ר ייק, ווייל ער איז אַ מעכטיקער מיטל אַף אָפּצושטעלן די אינדוסטריע און דעם קולטור-לעבן פון לאַנד און אַרויסרופן ברייטע מאַסן אַפן גאַס. אַכוץ דעם געפינט די קאָנפערענץ:

אז אין די מאָמענטן פון אַ שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער אויפרעגונג זאָל מען אָרגאַניזירן באַוואָפנטע מאַסן-דעמאָנסטראַציעס; ווען עס זיינען דערצו דאָ פּאַסנדע באַדינגונגען, דאַרף מען באַ אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס אָנפאַלן אַף די איינריכטונגען פון דער אדמיניסטראַציע און פון דער רעגירונג, ווי אויך אַף די פאָרשטייער פון דער אַדמיניסטראַטיווער און מיליטערישער מאַכט, אויב די באַזייטיקונג פון דידאָזיקע פאָרשטייער קען נוצלעך זיין פאַר דעם דערפאָלג פון דעם רעוואָלוציאָנערן ארויסטרעטן... (דאָ געפינט זיך אַ קאָנספּיראַטיווע אָנמערקונג).

בענוגייע צו דער פראַגע, וועלכע אָרגאַניזאַציאָנס-פאָרמען טויגן בעסער אין אַזעלכע מאָמענטן, געפינט די קאָנפערענץ, אז אין דער צייט פון רעוואָלוציאָנערע מאַסן-ארויסטרעטונגען זאָל זיך די פראַקטישע אָנפירונג פון דער באַוועגונג געפינען אין די הענט פון באַזונדערע ספּעציעלע גרופּן, וואָס אַרבעטן אונטער דעם קאָנטראָל פון קאָמיטעט; אין דידאָזיקע גרופּן דאַרפן אַריינגיין די מיטגלידער פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אַמבעסטן מעסוגל צו אַזאַ מין אַרבעט. דערביי דארפן זיין מעגלעכסט מער זעלבשטענדיק די איינצלנע מיטגלידער פון דידאָזיקע גרופּן.

.8

אזוי ווי עס איז נויטיק, אז אין דעם מאָמענט, ווען מיר לעבן איצט איבער, זאָל די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון גאַנץ רוסלאַנד ארויסטרעטן אינאיינעם און סאָלידאַריש, קעדיי צו ווירקן אַף די ברייטע פאָלקס-מאַסן און צו פאַרשטאַרקן דעם פּאָליטישן איינפלוס פון פּראָלעטאַריאַט, ווי אין דעם מאָמענט פון דער פּאָליטישער איבערקערעניש, אזוי אויך שפּעטער,

באַגריסט די קאָנפערענץ

די קאָנפערענץ פון די פאָרשטייער פון פארשיידענע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד, וואָס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אין יאַנוואַר פון היינטיקן יאָר, לויט דער איניציאַטיוו פון צ. ק. פון בונד, האַלטנדיק, אַז דאָס איז דער ע׳רשטער שריט צו דער ווירקלעכער פאַרייניקונג פון די באַוואוסטזיניקע פראָלעטאַריער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין רוסלאַנד און געפינט פאַר נויטיק:

1) אין דעם מעשעך פון דעם צוגרייטונגס-פעריאָד זאָל מען איינפירן מעגלעכסט ע:געריע פאַרבינדונגען — און ווען נויטיק ארויסווייזן דערביי די גרעסטע הילף — מיט אַלע אָרטיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, אַכוץ מיט די, וואָס שטעלן זיך פאַר אַ ציל דעזאָרגאַניזירן די באַוועגונג פון דעם אידישן פראָלעטאַריאַט... [71] (דאָ גיפּינט זיך א קאָנספּיראַטיווע אָנמערקונג).

אזעלכע פאַרבינדונגען קען מען שליסן אן ערעך אַף די פאָלגנדע יעסוידעס:

א) יעדע אָרגאַניזאַציע בלייבט באַ איר זעלבשטענדיקייט.

ב) קעדיי צו פאַרייניקן און סאָלידאַריש צו מאכן די אַרבעט, גרינדעט מען קאָמיסיעס, וואוהין עס גייען אַריין פאָרשטייער פון אַלע אָרגאַניזאַציעס. די באשלוסן פון דידאָזיקע קאָמיסיעס גילטן נאָר דאַן, ווען אַלע פאָרשטייער האָבן מיט זיי מאַסקים געווען (יעדע אָרגאַניזאַציע האָט איין שטימע) און ווען די פראַגן האָט מען פריער ארומגעקלערט אין יעדער אָרגאַניזאַציע באַזונדער.

אָנמערקונג: ארויסגעבן אַלגעמיינע בלעטלעך קען מען אָן דער לעצטער באַרינגונג.

2) אין די מאָמענטן פון די רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען גופע דאַרף מען צוזיפריידן זיך אָן אַן אויסנאַם מיט אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אַן איינפלוס אַף דעם ניט-אידישן פראָלעטאַריאַט.

בענוגע צו אַלע ניט-סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, געפינט די קאָנפערענץ פאַר מעגלעך צו שליסן מיט זיי אָפּמאַכן נאָר אַף דעם מאָמענט פון רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען און נאָר אין דעם פאַל, אויב זיי האָבן אַן איינפלוס אַף די אָדער יענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און שטעלן ארויס אַף זייער פאָן די פאָדערונג צונויפרופן א קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג אַפן יעסאָד פון אַלגעמיינעם, גלייכן און דירעקטן וואַלרעכט מיט געהיימער אָפּשטימונג.

דערדאָזיקער אָפּמאַך קען זיך אויסדריקן נאָר אין דעם, וואָס מע וועט צוזאַמען באַטראַכטן ווי צו קאָאָרדינירן (צוזאַמענפּאַסן) די איינצלנע אַקטן.

.9

די קאָנפערענץ לייגט פאָר די אָרגאַניזאַציעס:

1) אָנווענדן אַ שטאַרקערע אויפמערקזאַמקייט אַף די אַרבעט — און איבערהויפּט אַף פאַרשפּרייטן ליטעראַטור — צווישן מיליטער, ווי אין די שטעט, אַזוי

אויך אין ראיאָן, פון וואנען מע רופט ארויס געוויינלעך מיליטער באַ אומאָרדענונגען;

2) אף צו ארבעטן צווישן מיליטער אָרגאניזירן באזונדערע גרופן, וואָס זאָלן אָדער צו קיין פארטיי ניט געהערן, אָדער זאָלן זיין פארבונדן מיט פאר־שיידענע פארטייען;

בייטן זיך מיט אנדערע אָרגאניזאציעס מיט פראָקלאמאציעס און אנדערע ליטעראטור פאר מיליטער אף פארשיידענע שפראכן;

3) די אגיטאציע צווישן מיליטער פירן אין אזא ריכטונג, אז אין דער צייט פון אן אויפשטאנד זאָל די מיליטער אקטיוו איבערגיין אפן זייט פון די רעוואָלוציאָנערן.

10.

אויב אין די שטעט פון ראיאָן פון בונד וועלן זיך בילדן קאָמיסיעס אף ארומצוקלערן די בארערפעניסן פון די ארבעטער [72]), רעקאָמענדירט די קאָנ־פערענץ, אויב עס וועלן גאראנטירט ווערן די אומבארירבארקייט פון פער־זאָן און די וואלן-פרייהייט — מע זאָל אגיטירן צווישן די ארבעטער וועגן אן אָנטייל נעמען אין דידאָזיקע קאמיסיעס, צוליב דידאָזיקע טאַמים:

1) די וואלן וועלן אונז געבן די מעגלעכקייט צו פירן א סאָציאל־דעמאָ־קראטישע אגיטאציע צווישן די ברייטע מאסן;

2) אין די קאמיסיעס וועלן די ארבעטער — סאָציאל-דעמאָקראטן, וואָס מע וועט אויסקלייבן אונטער אונזער איינפלוס, אָפן ארויסשטעלן אונזער מינימום-פראָגראַם;

3) דידאָזיקע קאָמיסיעס, אזוי ווי זיי וועלן אומפארמיידלעך מוזן באנ־קראָטירן, וועלן אף אזא אויפן דיסקרעדיטירן די אידייע פון לעגאלע רע־פאָרמען בא דער עקזיסטירנדער פאָליטישער אָרדענונג.

V. די פּעוראל-באַוועגונג.

42. דער אַלגעמיינער שטרייק אין ביאַליסטאָק.

(קאָרעספּאָנדענץ אין ביילאַגע צום נומ. 39 „אַרבעטער-שטימע". מאַרט 1905)

דער שטרייק איז בײַ אונז אַן אַלגעמיינער. דער גאַנצער לעבן האָט זיך אָפּגעשטעלט: די וואַגאָנען פֿון טראַמוואַי גייען ניט, ניטאָ קיין דראָזשקעס, ניט קיין באַלעגאָלעס; די מאַגאַזינען און די קראָמען זיינען פֿאַרמאַכט, די פֿאַבריקן זיינען פּוסט, די קאַנטאָרן האָבן אויפֿגעהערט צו אַרבעטן, — דער ערפֿאָלג פֿון שטרייק איז אַסאַך אַ גרעסערער, איידער מע האָט זיך גערעכט.

פֿרייטיק, דעם 17-טן פּעוראַל, האָבן די אָרגאַניזאַציעס גערופֿן די אַרבעטער אויף אַ פֿאַרזאַמלונג אין אַ דאָרף, ניט ווייט אונטערן שטאָט. די פֿאַרזאַמלונג איז געװען אַ גרויסאַרטיקע. אַן אוילאָם פֿון איבער 10 טויזנט מענטשן האָבן מיט היסלאַוועס און באַגייסטערונג געהערט דעם בונדיסטישן אָראַטאָר, וואָס האָט גערעדט פֿון אַ בוים. ער האָט גערעדט אויף רוסיש. דערנאָך האָבן 2 פּאָליאַקן גערעדט אויף פּויליש. נאָך זיי איז אַרויס אַ אידישער רעדנער. בעסאַכאַקל האָט מען געהאַלטן 7 רעדעס אויף רוסיש, אידיש און פּויליש. דער מוירעדיק גרויסער אוילאָם האָט מיט היסלאַוועס באַגעגנט די אָראַטאָרן, און נאָך יעדערנס רעדע האָט זיך אַ מעכטיקער הילכיקער „הוראַ" געהערט אויף עטלעכע ווײַאָרסט אַרום. נאָך די רעדעס האָט זיך די גאַנצע אומגעהויערע מאַסע אַ לאָז געטאָן אין שטאָט מיט רויטע פֿאָנען, רעוואָלוציאָנערע לידער און אויפֿרופֿן. מע איז דורכגעגאַנגען סטאַראָ-שאָסיינע, דערנאָך זיך אָפּגעקערט אויף ליפּאָווע און באַם טויער האָט מען זיך באַגעגנט מיט אַ היפּשע ביסל סאָלדאַטן. דער אָפּיצער האָט נאָר געבעטן, אַז מיר זאָלן אויפֿהערן זינגען און שרייען. פֿון זיינע באַקאָשעס איז מען אפילע אַ האָר ניט ניספּאָעל געוואָרן; לידער און אויסרופֿן: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג", „נידער מיט דער מילכאָמע", „נידער מיט די ראָמאַנאָווער" — האָט מען אויף איין מינוט ניט איבערגעריסן. דער אָפּיצער מיט די סאָלדאַטן זיינען אַוועק איניינעם מיט אונז און האָבן אויף אינז געקוקט מיט אַ פֿריינדלעכער מינע. דער בילד איז געווען אַ גרויסאַרטיקער, גאָר אומעגלעך צו באַשרייבן. די דעמאָנסטראַנטן זיינען געווען אַרומגערינגלט פֿון די קאָמפּס-גרופּן, קעדיי שרעקנדיקע נעפּאָשעס זאָלן

זיך ניט קענען אוועקמאַכן. אזוי זיינען מיר דערגאַנגען ביז מוראַוויאָוון, האָבנדיק בעדייע צו גיין צו דער געפענקעניש, צו די פאַרשפאַרטע כאַווייִרים. נאָר דאָ האָט זיך דער פּאָליצמייסטער, אַן ארומגערינגלטער פון סאָלדאַטן, מעיאַשעוו געווען צו האַלטן פאַר אונז א דראָשע. קיינער האָט אפילע ניט געטראַכט צו הערן. „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג" — ווערט אויסגעשריען, גלייך ווי ער פּרוואווט זיך אָנהויבן צו ריידן — „אוראַ!" כאַפּט יעדער מאָל אונטער די באַגייסטערטע מאַסע; זי האָט זיך געריסן צו דער געפענקעניש. דער פּאָליצמייסטער האָט דערזעען, אז ס'איז שלעכט און ער האָט ארויסגערופן א גאַנצע מאַכנע קאַוואַלעריע, וועלכע האָט זיך גלייך אריינגעריסן אין דער מאַסע. קיין באַריקאַדע איז באַ אונז ניט געווען, און מיר האָבן געמוזט פאַנאַנדערגיין זיך. אזוי איז דורכגעגאַנגען דער פרייטיק, וועלכן מיר ווע‌לן א צייט געדענקען.

שאַבעס באַנאַכט האָט מען ארעסטירט עטלעכע מענטשן, צווישן זיי אויך 3 סטודענטן און קלוימערשט יענעם אראטאָר, וואָס האָט פרייטיק גערעדט דער ערשטער. זונטיק איז ווידער געווען א מוירעדיק גרויסע פאַרזאַמלונג. די רעדנער אף אידיש און פויליש האָבן גערעדט וועגן דעם, ווי דער פּאָליצמייסטער סטאַרעט זיך אָנרייצן די קריסטן אף די אידן — ארויסרופן האַריגעס צווישןביידע צדאָדים, און זיי האָבן אויפגעפאָדערט די ארבעטער אייניק צו זיין און אלע ווי איין מענטש ארויסטרעטן קעגן די נידעריקע און בלוטיקע פּלענער פון די צאַרישע דינער.

מאָנטיק האָט זיך אף דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז געווען אין א דאָרף ניט ווייט פון שטאָט. ווידער צונויפגעקליבן א גרויסע מאַסע ארבעטער פון עטלעכע טויזנט מענטשן. עס האָבן ווידער גערעדט רעדנער אף רוסיש און פויליש און דער אוילאָם האָט זיי אויך דעם מאָל געהערט מיט גרויס היסלאַוועס. נאָר בעאייס דער בונדישער רעדנער האָט געוואָלט איבערזעצן זיין רעדע אף אידיש, האָט זיך אויפגעהויבן א שרעקלעכער ראַאַש: פּאָליציי איז צוגעגאַנגען צו דער פאַרזאַמלונג. עס איז געווען א גאַנצע מאַסע קאַוועלעריע, דער איספּראַווניק מיט זיין באַהעלפער זיינען אויך געווען דאָ אין א קאַרעט. דער איספּראַווניק האָט זיך געווענדעט צו דער מאַסע מיט דער פאָדערונג טייקעף פאַנאַנדערגיין זיך און, באַקומענדיק פון אלע זייטן אן ענטפער: „מיר וועלן ניט גיין", האָט ער געהייסן דעם קוטשער פאָרן גלייך אפן אוילאָם. דאָס האָט ארויסגערופן א גרויסן קאַאַס און אויפרעגונג. אן ארבעטער האָט פון א רעוואָלווער דערשאָסן צום טויט דעם איספּראַווניק, עס האָט זיך אָנגעהויבן א שרעקלעכער געשלעג און א האַריגע. אסאך זיינען זיך צעלאָפן, נאָר די באַוואָפנטע ארבעטער האָבן געקעמפט ווי עמעסע העלדן. אכוץ דעם איספּראַווניק האָט מען געהאַרגעט א פּריסטאַוו און אן אָפיצער פון קאַוואלעריע*); אַסאַך סאָלדאַטן האָט מען פאַרוואונדעט. פון די ארבעטער זיינען קיין געהאַרגעטע ניטאָ, נאָר פארוואונדעטע — אַ גאנצע מאַסע; צווישן זיי אויך אסאך פרויען.

*) די לעצטע באַהויפטונג אַנטשפּרעכט ניט דער ווירקלעכקייט: געהאַרגעט האָט מען נאָר דעם איספּראַווניק.

43. די שטרייק-כוואַליע אין ווילנע.

(אויפרוף פון ווילנער גרופע פון ר. ס. ד. א. פ.)

כאַווירים! צווישן די אַרבעטער הערשט אַ שטאַרקע אויפרעגונג. עס שטרייקן די אייזנבאַן-אַרבעטער, די אַרבעטער פון די פאַבריקן, זאַוואָדן און אַנדערע. וואָס פאָדערן אונזערע כאַווירים? זיי פאָדערן אַ פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער און רעכטלעכער לאַגע פון דעם אַרבעטער-קלאַס. זיי קעמפן פאַר רעכט ניט נאָר צו אַרבעטן, נאָר אויך צו לעבן. זיי פאָדערן, אַז פאַר זיי זאָל אַנערקענט ווערן יענע מענטשלעכע רעכט, וועלכע אונזערע מאַירעוו-אײַראָפּעישע כאַווירים האָבן זיך שוין לאַנג דערשלאָגן. זיי פאָדערן פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, פאַריינען און שטרייקן, זיי פאָדערן דאָס רעכט פריי צו ריידן און שרייבן וועגן זייערע מאַטעריעלע און גייסטיקע באַדערפענישן. מיט איין וואָרט, זיי פאָדערן פולע פאָליטישע פרייהייט. אויסער דעם ווילן זיי שוין ניט מער פאַרגיסן זייער בלוט פאַר דער אומנוצלעכער פאַר זיי מאַנדזשוריע, זיי פאָדערן, אַז מע זאָל ענדיקן די מילכאָמע און שליסן אַ שאָלעם.

ווי זשע האָט זיך באַצויגן די רעגירונג צו אָט די אַלע גערעכטיקע פאָדערונגען? זי האָט געהאָפּט אין טייכן בלוט דערטרינקען די אויפרעגונג פון די אַרבעטער. די גאַסן פון פעטערבורג, וואַרשע, ריגע און אַנדערע שטעט זײַנען באַפאַרבט מיט אַרבעטער-בלוט און באַדעקט מיט געהאַרגעטע מענער, פרויען און קינדער.

האָט דאָס אָפּגעשראָקן אונזערע כאַווירים?

ניין! זיי שטייען ווי פריער אייזן-פעסט פאַר זייערע פאָדערונגען, זיי פאַרשטייען שוין, אַז ווייטער לעבן אַזוי איז שוין אוממעגלעך.

כאַווירים! שטייט אויך צו צו דידאָזיקע פאָדערונגען! דערווייזט, אַז איר זייט פעאיק ניט נאָר אַרבעטן, נאָר אויך פאַרטיידיקן זיך. ווייסט און געדענקט, אַז אונזער קויאַך איז אין אייניקייט און סאָלידאַריטעט. טרעט ארויס, ווי איין מענטש, אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלעמען! וואַרפט אַלע די אַרבעט און פאָדערט:

1) פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, שטרייקן, וואָרט און פרעסע;

2) דעם באַלדיקן צוזאַמענרוף פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אַפן גרונט פון אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען וואַלרעכט;

3) אַ באַלדיקן סאָף מיט דער מילכאָמע;

4) אַן 8-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג;

5) דאָס באַלדיקע איינפירן פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

אויסער דעם פאָדערט באַ די פאַבריקאַנטן:

1) די פאַרניכטונג פון שטיק-אַרבעט;

2) דאָס פאַרניכטן פון פאַרמיטלונג צווישן די באַלעבאַטים און די אַרבעטער, און דאָס דינגען די אַרבעטער דירעקט דורך די באַלעבאַטים.

3) העכערן דעם אַרבעטס-לוין;

4) העפלעכע באַהאַנדלונג;

5) שאַפן שפּיטאָלן, היילן אַפן כעשבן פון באַלעבאָס און צאָלן דעם גאַנצן פאַרדינסט פאַר דער צייט פון קרענק;

6) די פאַרניכטונג פון די פאַרשיידענע שטראָפן פאַר פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט;

7) די דערוויַיטערונג פון די פאַרהאַסטע אַדמיניסטראַטאָרן און מייסטערס;

8) די באַפריַיאונג פון די אַרעסטירטע כאַוויירים.

עס לעבע דער אַלגעמיינער שטרייק!

נידער מיט דער נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט!

עס לעבע די סאָלידאַריטעט!

נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!

נידער מיט דער מילכאָמע! עס לעבע דער שאָלעם!

עס לעבע די פולע פּאָליטישע פריַיהייט!

עס לעבע דער סאָציאַליזם!

די ווילנער גרופּע פון דער ר.ס.ד.א.פּ.

19-טן פעוראַל 1905

44—45. פון דער דווינסקער באַוועגונג.

א) דער פעוראַל-שטרייק.

(קאָרעספּאָנדענץ אין נומ. 5 „פּראָלעטאַרי"[73], פון 13 יון 1905)

...די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, וועלכע עס האָט אַרויסגערופן דער 9-טער יאַנוואַר, האָט זיך דערקייקלט אויך צו אונז. ווי נאָר די אָרגאַניזאַציע האָט זיך דערוואוסט פון דער ז י י ט — איך שטרייך אונטער דאָס לעצטע, וויַיל דאָס האָט א וויכטיקע באַדיַיטונג פאַר די ווייטערדיקע אויספירן — וועגן די פּעטערבורגער געשעענישן, איז גלייך אָנגענומען געוואָרן א באַשטימונג צו אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק, קעדיי אויסצודריקן אונזער סאָלידאַריטעט. צוליב דעם זיַינען מיר אַריַין אין אָפּמאַך מיטן קאָמיטעט פון בונד. צוויי מאָל איז געווען באַשטימט דער טאָג, צונויפגערעדט זיך וועגן דעם פּלאַן און ביידע מאָל האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט, מאַכמעס עס איז געווען אוממעגלעך צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט.

אַז אונזער אָרגאַניזאַציע האָט דערזען, אַז עס איז אוממעגלעך צו צוגרייטן זיך צוזאַמען, האָט זי באַשטימט דורכצופירן דעם שטרייק זעלבשטענדיק. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן ענערגישע אַגיטאַציע אין דער מאַסע. אַלע טאָג פלעגן פאָרקומען מאַסאָווקעס. ענדלעך, איז דעם 16-טן פעוראַל אויף א פאַרזאַמלונג פון די ראַיאָן-פאַרשטייער פולשטענדיק קלאָר געוואָרן, אַז מיר האָבן אַלע אויס-זיכטן אויף אַן ערפאָלג, און ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַן ענדגילטיקער באַשלוס צו באַשטימען דעם שטרייק אויף דעם 17-טן פעוראַל. איינס אַזייגער באַנאַכט זיַינען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען פון דער פאַרזאַמלונג, פול מיט אוממרואיקער דערוואַרטונג, ניט טראַכטנדיק נאָך, אַז אויף דידאָזיקע זעלביקע גאַסן וועט זיך אין די נאָענטסטע טעג גיסן מענטשלעכע בלוט...

אף מאָרגן האָבן שוין אַלע זאַוואָדן, פאַבריקן און ווערקשטאַטן ניט געאַר־בעט. די גאַנצע בונדישע מאַסע, וואָס באַשטייט קימאַט אויסשליסלעך פון האַנט־ווערקער, ווי נאָר זי האָט זיך דערוואוסט פונם שטרייק, האָט געוואָרפן די אַר־בעט, ניט דערוואַרטנדיק זיך אַפן רוף פון איר קאָמיטעט. דאָס דערקלערט זיך מיט איר פּאָליטישער דערצויגנקייט, וועלכע האָט איר אונטערגעזאָגט די וויכ־טיקייט פון דעם מאָמענט.

פון 11 אַזייגער אינדערפרי האָט די אידישע מאַסע מאַניפעסטירט איבער די גאַסן, נאָר גלייך איז די גאַנצע שטאָט פאַרפלייצט געוואָרן מיט מי־ליטער. איינס אזייגער באַטאָג איז פאָרגעקומען דער ערשטער מיטינג נעבן די אייזנבאַן־ווערקשטאַטן, אומגעפער פון 3000—2000 מענטשן. עס האָט גערעדט אונזער רעדנער, וועלכן די מאַסע האָט באַגעגנט מיט אַן אומגעהויערן ענטוזיאַזם. נעבן אים זיינען געשטאַנען זשאַנדאַרמען און סאָלדאַטן, נאָר זיי האָבן ניט געוואגט אָנצורירן אים. די ערשטע מאסן-ארויסטרעטונג פונם קריסט־לעכן פּראָלעטאַריאַט האט געמאכט א שטארקן איינדרוק. אין דער צייט פון דער רעדע האט געפלאטערט אונזער רוויטער באנד מיט דער אויפשריפט: „ערע און קאָוועד די קעמפער, וואָס זיינען געפאלן פאר דער ארבעטער-זאך; אַ קלאָלע און טויט די הענקער".

צוויי אזייגער באַטאָג איז געשלאָסן געווארן אַן אָפּמאַך מיטן בונד און עס איז באַשטימט געווארן, אַז מע זאָל זיך צונויפקלייבן 4 אזייגער אַפן בול־וואר, און ווירקלעך, צו $4^1/_2$ איז דער בולוואר און די דערבייאיקע גאַסן פאַר־פלייצט געווארן מיט מענטשן. די קריסטלעכע מאַסע האָט זיך אין אלגעמיין פאַרלאָרן אין דער אידישער, און דאָס איז געווען איבער דעם, וואָס בא אונז איז ניט געווען קיין פעסט ארגאניזירטער קערן, וואָס זאָל פירן נאָך זיך די מאַסע. אינגאַנצן איז געווען ביז 6000 מענטשן.

לויט דעם צייכן פון די אָנפירער, איז די מאַסע זיך צונויפגעגאנגען איני־נעם און זיך געלאָזט גיין מיט אויסרופן און לידער איבער דער פעטערבורגער גאַס. אפן ראָג פון פעטערבורגער און קרעסלאַווער האָבן אונז פאַרצוימט דעם וועג מיליטער און פּאָליציי. דער באַוואוסטער כאבארניק און אויסוואורף, דער פּריסטאַוו קורליאַנדסקי, איז טויטלעך פאַרוואונדעט געווארן דורך א רע־וואָלווער-שאָס פון אַן ארבעטער.

אָט אזוי האָט זיך געענדיקט דער ערשטער טאָג פון דער מאַסן-ארויס־טרעטונג פונם דווינסקער פּראָלעטאַריאַט. נאָך אים זיינען דורכגעגאַנגען נאָך פיר טעג פון פונקט אזא מוטיקן און העלדישן קאַמף.

דאָס אינדוסטריעלע לעבן פון דער שטאָט איז אָפּגעשטאָרבן. די מאַגאַ־זינען, אַפטייקן—אַלץ איז געווען פאַרמאַכט. וויפל אונזער פּאָליציי האָט ניט איינגערעדט צו עפענען די קראָמען. האָבן די באלעבאַטים דאָס ניט געטאָן, ביז וואנען עס איז ניט ארויסגעלאָזן געווארן א סאָצ.-דעמ. בלעטל וועגן דעם,—אַז דער פּאָליטישער שטרייק איז געענדיקט.

די הויפּט-שווועריקייט האָט דאָסמאָל, פאַרשטייט זיך, אף זיך אריבערגע־טראָגן די אידישע מאַסע, אלס א פּאָליטיש מער דערצויגענע.

ווי נאָר עס האָט זיך געענדיקט דער פּאָליטישער שטרייק, האָט זיך אָנגעהויבן אַן עקאָנאָמישער. עס זיינען פאָרמולירט געווארן פאָדערונגען פאַר אַלע פאַבריקן און עס זיינען ארויסגעלאָזן געווארן באזונדערע בלעטלעך. דער שטרייק האָט זיך געענדיקט מיט ניצחון. די סאָציאל-דעמאָקראַטיע איז געווארן דער גאַנצער באלעבאס פון דער לאַגע. אלע האָבן זיך גערעכנט מיט איר מיינונג. און נאָר צוויי זאַכן האָבן אונז געשטערט: דאס, וואס מיר האָבן ניט קיין איינציקן פּארטיי-צענטער אפן ארט, און וואס בא אונז איז פאקטיש ניטאָ קיין אַלרוסישער סאָציאל-דעמאָקראַטישער צענטער.

די שטאָט האָט נאָך ניט באוויזן צו בארואיקן זיך, ווי די באַלעבאטים פון די לעדער-זאַוואָדן האָבן אָנגעהויבן אָפּצוזאָגן די מער באוואוסטזיניקע ארבעטער. דאָס איז פאָרגעקומען שאַבעס, און מאָנטיק האָבן מיר שוין דערקלערט א שטרייק, און אלע ארבעטער האָבן געווארפן די ארבעט. פאַר די באַלעבאטים איז דאָס געווען א שרעקלעכער קלאַפּ, ווייל אסאַך רויע סכוירע איז געלעגן אין די פעסער און געמוזט אָנהויבן פוילן. אין זיבעטן טאָג האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן און באַפרידיקט ניט נאָר אלע אלטע פאָדערונגען, נאָר אויך אסאך נייע, ווי א שול, א דאָקטאָר אָנשטאָט א פעלשער א. אז. וו.

ב) נאָכווייענישן פון די פעווראל-געשעענישן.

(מענדל דייטש: „קסאָווים וועגן מיין רעוואָלוציאָנערער ארבעט". דער „עמעס", נומ. 199, 200, 1922)

...איך בין אָנגעקומען קיין דווינסק דעם 10-טן פעווראַל פון 1905-טן יאָר, גראד אין דער צייט, ווען די אָרגאַניזאציע האָט געגרייט אַ פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציע קעגן די דערשיסונגען פון 9-טן יאַנוואַר. דער פּלאַן איז געווען מאַכן דעם פּאָליטישן שטרייק ווי מעגלעך פאַר אַן אַלגעמיינעם, דערצו האָט מען געדאַרפט אין דער ערשטער ריי אַראָפּנעמען די אַרבעטער פון דער אייזנבאַן-דעפּאָ, מיטגלידער פונם שלאַכט-אָפּטייל איז אין שטאָט פאַרבליבן פון די פריערדיקע צייטן בא אַן אַכציק מאַן. די קאָמיסיע אַף איינצואָרדענען די דעמאָנסטראַציע האָט מיר איבערגעגעבן אָנצופירן מיטן אָפּטייל און אַראָפּצונעמען מיט זיין הילף פון דער אַרבעט די גרויסע פאַבריקן. אַפן רוף פון אַ פּראָקלאַמאַציע האָט פאַרשטרייקט דער גאַנצער אידישער פּראָלעטאַריאַט. אַף מאָרגן האָבן מיר פאַרמאַכט אַלע קראָמען און געשעפטן, אין דערדאָזיקער אַרבעט האָבן גענומען אָנטייל ביז 30 מיטגלידער פונם שלאַכט-אָפּטייל, די דראָאונגען פון דער פּאָליציי האָבן קיין שום ווירקונג ניט געהאַט, ווייל דער באַלעבאָס האָט מער מוירע געהאַט פאַר אונז, איידער פאַר דער פּאָליציי.

צוויי טעג האָט זיך ניט איינגעגעבן אַראָפּצונעמען די דעפּאָ, עס האָט זיך באַקומען אַן איינדרוק, אַז עס שטרייקן בלויז די אידישע אַרבעטער, און אַף דער אָוונטדיקער פאַרזאַמלונג פון קאָמיטעט, אין וועלכן עס האָבן גענומען אַן אָנטייל אַכט מאַן פון דעפּאָ, איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסשטופן מיט אויסער-

אָרדנטלעכע מיטלען די אייזנבאַנער אַף דער גאַס. אַ הייסע פּראָקלאַמאַציע האָט גערופן צום קאַמף פאַר פרייהייט. די מאַכט האט איינגעפירט פאַרשטאַרקטע שמירע און האָט אַרומגערינגלט מיט מיליטער די דעפּאָ און די בראַנפן-פאַבריק. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצוטיילן אַ טייל אַרבעטער צו די טויערן פון דעפּאָ, אַריינרייסן זיך אין די טויערן, אָנמערקן רעדנער, און, אַריינציענדיק די דעפּאָ-אַרבעטער, זיך אַ לאָז טאָן אין שטאָט. דאָס באַשיצן די דעמאָנסטראַנטן און דאָס אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אַפן שלאַכט-אָפּטייל. וויסנדיק, אַז, קעדיי אָפּצושטעלן די אַרבעט, מוז מען געבן אַ פייף („הודאָק"), האָב איך מיט דריי „כאַווירים" דורך אַן אַרומיקן וועג זיך אַריבערגעכאַפּט איבערן פאַרקאַן פון דער דעפּאָ, האָב זיך אַריינגעריסן אין דאַמף-אָפּטיילונג, מיט אַ רעוואָלווער אין די הענט האָב איך געצוואונגען דעם אינזשענער צו געבן אַן ליאַרעם-פייף. די אַרבעטער, וואָס האָבן געוואוסט, וואָס דאָ טוט זיך, זיינען אַרויס אַפן הויף. די סאָלדאַטן האָבן זיך פאַרלאָרן, דעם טויער האָט מען צעבראָכן, איבער די קעפּ פונם האַמוין האָט מען אויפגעהויבן רעדנער, מע האָט געוואָרפן פּראָקלאַמאַציעס, און אַפן רוף צו אַ דעמאָנסטראַציע, האָט די מאַסע זיך אַ לאָז געטאָן אין שטאָט, צו די קראָמען-רייען. אַפן וועג, אַז ס'איז באַוואוסט געוואָרן וועגן דער אַרויסטרעטונג פון די אייזנבאַנער, זיינען צוגעשטאַנען נאָך פאַבריקן, און אין דער דעמאָנסטראַציע האָבן אָנטייל גענומען איבער 10 טויזנט מאַן. די פּאָליציי האָט זיך באַהאַלטן. די שטאָט איז געווען אין אונזערע הענט. מיר דערוויסן זיך, אַז עס אַרבעט די בראַנפן-פאַבריק, אונטער דער שוץ פון סאָלדאַטן. עס גייט אַוועק אַהין אַ טייל אַרבעטער, באַ אַ 200 מאַן. די סאָלדאַטן אין געשלאָסענע רייען, מיט אָנגעצילטע ביקסן, מעלדן, אַז זיי וועלן שטעכן. איין מיידל, מינעלע, עפנט אויף די ברוסט גלייך צום באַגנעט און שרייט אויס, ווענדנדיק זיך צו די סאָלדאַטן: „שיסט אין אייערע ברידער און שוועסטער, וועלכע די רעגירונג האָט געשאָסן אין פּעטערבורג". די סאָלדאַטן זיינען געווען פון די מאָביליזירטע, זיי זיינען אומאַנטשלאָסן אָפּגעטראָטן, און מיר, שטופּנדיק זיי, זיינען צוגעגאַנגען צום טויער און האָבן אַראָפּגענומען די פאַבריק; באַנאַכט האָט אונזער טייל געהיט די שטאָט. אַף מאָרגן האָבן אונזערע פּאַטרולן ניט דערלאָזט די דעפּאָ-אַרבעטער צו דער אַרבעט, און זיי האָבן געשטרייקט מיט אונז צוויי טעג.

אפן 5-טן טאָג איז באשלאָסן געוואָרן איינצואָרדענען נאָכן מיטינג אַ דעמאָנסטראַציע און פאַרענדיקן דערמיט דעם פּאָליטישן שטרייק. די סאָלדאטן, מיט די פּריסטאַוועס קורליאַנדסקי און יערעמאַוו בעראָש, האָבן אָנגעהויבן שיסן אין דער דעמאָנסטראַציע. פון פאַרשיידענע זייטן האָט אָנגעהויבן קנאַלן אַ שיסעריי. דער אָפּטייל האט אָנגעהויבן מיט זיי אַ שלאַכט. די סאָלדאטן האָבן דערהאַרגעט פיר מאַן און האָבן פאַרוואונדעט ביז 30 מאן. אַ פּאַניק. דער האַמוין האט זיך צעשפּרייט. דער שלאַכט-טייל האָט זיך געפונען אַף דער שילדעראָווסקי גאַס, וואו מיר האָבן פאַרנומען אַלע ווינקלען. אַראָפּגענומען פון איין דערהאַרגעטן אַ פאַרבלוטיקט העמדל, געמאַכט פון דעם אַ פאָן און מיט געווער אין די הענט האָבן מיר ווידער אָנגעהויבן צונויפקלייבן דעם עולם;

ארום אונז האט זיך צונויפגעקליבן באַ אַ טויזנט מאַן. מיר האָבן אוועקגעטראָגן די דערהאַרגעטע צום בייס-אוילאָם. אין אַ האַלבע שאָ ארום האָבן שוין באַ אַ 20 טויזנט מענטשן גענומען אָנטייל אין דער פראָצעסיע. מיר זיינען צוגעגאַנגען צו דער דאַמבע באַם אייזנבאַן-בריק. דאָ האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אַף סאָלדאַטן מיט דיזעלבע פּאָליציאַנטן קורליאַנדסקי און יערעמעוו בעראָש. זיי האָבן געמעלדעט, אַז אויב מיר ווילן דורכגיין מיט די דערהאַרגעטע אַפן בייס-אוילאָם, איז אָן לידער און אָן דער בלוטיקער פאָן. מיר גייען פאָרויס. שרעקנדיקע באַלעבאַטימלעך גייען אוועק; דער שלאַכט-טייל האָט פאַרנומען די פאָדערשטע פּאָזיציעס; מע האָט אָנגעהויבן פויקן; מע דערקלערט אונז, אַז נאָך צוויי האַסראָעס וועט זיך אָנהויבן אַ שיסעריי. מע פויקט ווידער, די מאַסע האָט אַ ציטער געטאָן, נאָר דער טויזנטקעפּיקער האַמוין שטייט. מע פויקט דאָס דריטע מאָל. דער האַמוין שטייט, עס האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען מיט די סאָלדאַטן, די פּאָליציאַנטן האָבן אַראָפּגענומען דאָס פאַרבלוטיקטע העמדל, און די פּראָצעסיע איז אוועק ווייטער. אויסצענדיק זיך אין דער לענג פונם שאָסיי. פאַרבייפאַרנדיקע אָפיצערן צווינגען מיר אַראָפּנעמען די היטלען. מע האָט מעקאַבער געווען די דערהאַרגעטע, און די מאַסע האָט זיך אומגעקערט אין שטאָט, ניט באַגעגענענדיק קיין ווידערשטאַנד. עס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ פּראָקלאַמאַציע וועגן אָפּשטעלן דעם פּאָליטישן שטרייק.

איך האָב באַזוכט די שטאָטישע שפּיטאָלן, וואו די קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע האָבן געריסן דאָס האַרץ; זיי זיינען געווען אין איין עלטער מיט מיר — 17—19 יאָר, — אין שטאָט איז ווידער איינגעפירט געוואָרן די פאַרשטאַרקטע שמירע; פּאָליצייאישע פּאַטרולן און אָנגעקומענע דאָנער קאָזאַקן זיינען אַרומגעפאָרן איבער דער שטאָט. אַף דער גאַס האָט מען געכאַפּט אָן אַרבעטערין, ריווע די גיכע, געשלעפּט זי איבער צוויי גאַסן און געשלאָגן. אַף דער אָפיצערסקער גאַס האָט מען דערשאָסן צוויי אַרבעטער. די בירושע איז אָפּגעשטאָרבן, איך בין געווען פאַרנומען אין די שפּיטאָלן און האָב נאָך ניט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אין די גאַסן. אַפן פערטן טאָג האָב איך זיך דערוואוסט וועגן דעם טעראָר. דעם קאָמיטעט האָבן מיר געמעלדעט, אַז מע מוז געבן אַ ווידערשטאַנד; ער האָט זיך געקווענקלט, האָט אָבער ניט דערווידערט; ער האָט געפאָדערט, אַז איך זאָל זיך ניט באַטייליקן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיסן דעם געהילפס-פּאָליצמייסטער בוליגין, וועלכן מע האָט געהאַלטן פאַרן הויפּט-שולדיקן; די אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן מוישעלע דעם בלעכער, ראַכמיעלן און נאָך צווייען. דער אַטענטאַט האָט זיך ניט איינגעגעבן, דער אָפּטייל האָט אַ ציטער געטאָן. אַף מאָרגן האָב איך און מולקע אימבערמאַכער 11 אַזיינער אינדערפרי געשאָכן אין אים, האָבן אים פאַרוואונדעט, און אונז האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן. די פּאָליציי איז שרעקלעך אויפגעבראַכט געוואָרן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז געווען דער 1-טער מאַרט. איך מיט מולקען האָבן נאָכגעשפּירט נאָך קורליאַנדסקין און יערעמעוון, מיר האָבן נאָכגעשפּירט נאָך זיי אַפן וועג פונם ערשטן צירקל צו דער פּאָליציי-פאַרוואַלטונג פון כאַוועקע

דער זאָקן-מאַכערינס דירע. דאָ האָבן מיר זיך באַגעגנט מיטן מיטגליד פון קאָ־מיטעט יודל העלער, מיט װעלכן מיר האָבן דערמאָנט דעם היסטאָרישן טאָג פון 1-טן מאַרט, האָבן אים געזאָגט װעגן אונזער קאָװאָנע און האָבן אים גע־בעטן צו שטיצן דעם שלאַכט־אָפּטייל מיט מיטלען, אין פאַל אויב מיר װעלן אַרעסטירט װערן. מיר האָבן זיך געזעגנט און פונקט 12 אַזייגער האָבן מיר געטראָפן יערעמאָװן; מיר האָבן ביידע צוזאַמען אָנגעהויבן שיסן. ער איז פאַר־װאונדעט געװאָרן און איז געפאַלן; שפּעטער איז ער מעשוגע געװאָרן פון די װאונדן אין קאָפּ. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן אין פאַרשיידענע זייטן. מע האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן יאָגן נאָך אונז. איך האָב עטלעכע מאָל אויסגע־שאָסן. אַף דער דריטער גאַס האָט מיך געכאַפּט אַן אָפּטייל פון פּאָליציאַנטן און קאַזאַקן און אװעקגעפירט מיך אין פּאָליציי-פאַרװאַלטונג. דער געהילפס-פּריסטאַװ. װאָס האָט מיך אויסגענומען, האָט שטרענג פאַרװערט די פּאָליציאַנטן צו שלאָגן מיך. אין צװיי שאָ אַרום זיינען געקומען דער געהילפס-פּראָקוראָר און דער זשאַנדאַר־מעריע-ראָטמיסטר גװאָזדיאָװ.

— אייער נאָמען, פאָטערס נאָמען און פאַמיליע?

— איך בין אַ מיטגליד פון דער שלאַכט-אָרגאַניזאַציע פון שטאָט דװינסק.

— מיט אייך רעדט אַ זשאַנדאַרמעריע-ראָטמיסטר און געהילפס-פּראָקוראָר.

— איך בין אַ מיטגליד פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע פון דער רוסלענ־דישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי.

— צי אָנערקענט איר זיך פאַר שולדיק אינם אַטענטאַט צו דערהאַרגענען דעם פּריסטאַװ יערעמאָװ, בעאייס ער האָט אויסגעפירט זיינע אַמט-היסכאַיװעסן?

— ניין. איך האָב געשאָסן אין אַ מענטשן, װאָס האָט כויזעק געמאַכט איבער די אַרבעטער און האָט געשאָסן אין אונזערע פרידלעכע דעמאָנסטראַציעס.

-- אייערע מיטאָנטיילנעמער?

א שװייגן.

— איר װעט ריידן, מיר װעלן אייך צװינגען ריידן!

— צװינגען מיך װעט איר ניט זיין בעקויאַך.

אַ פּאַאוזע, אָנשפּאַרנדיק זיך אַף דער האַנט, קוקט אַף מיר אַ לאַנגע צייט גװאָזדיאַװ. מיטאַמאָל שפּרינגט ער אויף:

— איך װייס, װער איר זייט, — און װענדנדיק זיך צום געהילפס-פּראָקוראָר, זאָגט ער: דאָס איז דייטש, װאָס איז אַנטלאָפן געװאָרן פון דװינסקער טפיסע... איר װעט געבן גװיעס-איידעס?

— ניין.

אַרומגערינגלט מיט א הונדערט קאַ־אַקן פירט מען מיר אװעק אין טפיסע. פאַרויס רייניקט מען אָפּ דעם װעג. דער שעף פון דער טפיסע האָט מיך באַ־געגנט, װי אַן אַלטן באַקאַנטן.

— װי אַזוי האָט איר זיך דאָס באַשלאָסן אַף אַזאַ אַכזאָריעס?

װענדנדיק זיך צו אַלעמען, זאָג איך:

— דאָס איז דער ערשטער ענטפער אַף די פּעטערבורגער און דװינסקער בלוטפאַרגיסעני־שן. מער װיל איך ניט ריידן. לאָזט מיך צורו.

מע האט ארויסגערופן דעם עלטערן אויפזעער, מע האָט זיך אָן אייצע גע־האַלטן מיט אים, און מע האָט פאַר מיר באַשטימט די צענטע קאַמער אין פּערטן גאָרן מיט אַ צווייאיקער גראַטע, — אין איר פלעגט מען אַריינזעצן די אמערסטן געפערלעכע ארעסטאנטן. אין אַ קורצער צייט ארום האָט מען אַרע־סטירט דריי — דעם אַרבעטער מאנקאָווסקי, דעם אַנגעשטעלטן שטיין און פּערלשטיינען, וועלכע האָבן קלוימערשט געשאָסן אין בוליגינען. די פּאָליציי האָט געוואָלט באַווייזן, אַז זי קאָן אויסגעפינען די שולדיקע.

איינמאָל אין אָוונט, פאַר דער רעוויזיע, פירט מען מיך אין קאַנטאָר, איך גיי דורך עטלעכע צימערן און מיטאַמאָל זע איך — אָן אַ זייט שטייט מולקע אימבערמאכער. אָן אַ שיר אויגן האָבן זיך אין מיר איינגעגעסן. מע האָט גע־דאַרפט אַ טיילוועע אָנשטרענגונג פונם ווילן, קעדיי ניט צו פאַרלירן זיך. ניט קוקנדיק אַף אים, בין איך אַוועק פאַרויס. ער האָט זיך אויך מיט גאָרניט אַרויסגעגעבן. לויט אייניקע סימאָנים, האָט די פּאָליציי כוישעד געווען, אַז ער איז אַ מיטאָנטיילנעמער, נאָר ער האָט דערוויזן זיין אַליבי, און די פּאָליציי האָט באַשלאָסן צו איבערצייגן זיך אַף אַזאַ קונציקן אופן. מיין זעלבסטבאַ־הערשונג האָט געראַטעוועט דעם כאַווער. מע האָט אים אָפּגעהאַלטן נאָך צוויי וואָכן און אַריינגעזעצט אין דעמזעלבן קאָרידאָר, אין וועלכן איך בין געזעסן; צו אים אין קאַמער האָט מען אַריינגעזעצט אַ שפּיאָן. נאָר ער האָט זיך ניט אַרויסגעגעבן מיט קיינע שום צעטלעך און מאגעמאסע, און מע האָט אים באַפרייט.

דער איניען איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם מיליטערישן געריכט. דער געריכט איז באַשטימט געוואָרן אפן 13-טן יוני. מיט דריי וואָכן פאַרן געריכט האָט מען מיך איבערגעפירט אין פעסטונג און אַריינגעזעצט אין דער אָפּיצע־רישער הויפט-וואַכטע, וואָס אירע פענסטער גייען ארויס אַפן בולוואַר, פון וואַנען עס זעט זיך די שטאָט. אַכוץ מיין פראָצעס, איז אַף דעמזעלבן טאָג געווען באַשטימט דער פּראָצעס איבער די דריי, וועלכע מע האָט אומזיסט באַשולדיקט אינם אַטענטאַט אַף בוליגינען. מיט א וואָך פאַרן געריכט האָבן מיך באַזוכט די אַדוואָקאַטן בערנשטאם 74), קאָזלאָווסקי, יאָהאַנסאָן, סטאל און סאָקאָלאָוו 75). איך האָב זיי געזאָגט, אַז מיך באַאומרואיקט דער גוירל פון די אומשולדיקע און אַז איך וועל מאַכן דעם געריכט אַן אַנטשפּרעכנדיקע מעל־דונג. די אַדוואָקאַטן האָבן געזאָגט, אַז דער געריכט וועט ניט ווענדן קיין אויפמערקזאַמקייט אַף מיין מעלדונג, וועט זי אָנעמען פאַר אַ שיינעם זשעסט, פאַר אַ וואונש צו נעמען אַף זיך א פרעמדע שולד (בערנשטאַם האָט באַשריבן מיין פּראָצעס אין זיין בוך „זאַ פּראַוואָ" („פאַר רעכט"), וואס איז ארויס מ׳שמאָעס אין 1906 יאָר). זייער פאַרטיידיקונג האבן מיינע אַדוואָקאַטן בערנ־שטאַם און סטאַל געוואָלט בויען אַף דעם, אַז איך בין אַ מינדעריאָריקער אוןְ, אַלס אזוינער, איז אַף מיר ניט כאַל קיין טויט־שטראָף. פאַרן אָנהויב פון דער געריכט-זיצונג האָב איך געזאָגט די אַדוואָקאַטן, אַז איך וועל ניט אויפשטיין פאַרן געריכט און וועל ניט ענטפערן, אויב מע וועט מיך רופן „אָנגעקלאָגטער". עס איז אָפּגערעדט געוואָרן מיטן פּאָרזיצער קאַניבעיעוו, אַז מע וועט מיך ניט

רופן אָנגעקלאגטער און אַז בעאייס דער געריכט וועט אריינגיין, וועל איך שטיין פון פריער. די פּאַרטייזיקער האָבן אונטערגעשטראכן דעם ווייסן טעראָר פון דער פּאָליציי, יערעמאָווס אנטייל אין שלאָגן מיך בעאייס מיין ערשטן אַרעכט, דעם שטאַרקן איינדרוק, וועלכן עס האָט געמאַכט אף מיר דאָס באַזוכן די שפּיטאָלן אין מעשעך פון עטלעכע טעג. און האָבן געבעטן דעם געריכט צו נעמען אין באַטראַכט מיין מינדעריאָריקייט, זיי האָבן נאך אנגעוויזן, אַז איך, אַלס א סאָציאַל-דעמאָקראַט, בין קעגן טעראָר און מיין שריט איז ניט קיין פּאָליטישער אקט, נאָר אן ענטפער אפן טעראָר פון דער פּאָליציי.

דער פּראָקוראר האט געזאגט. אַז ניט קוקנדיק אף מיינע 18 יאָר, האָב איך שוין געמאַכט א כוצפּעדיקע פּלייטע, האב געאַרבעט אין דער קאַמפּס-אָרגאניזאַציע און, קעדיי צו געבן א ווידערשטאַנד די אַזעלדיקע אָנגריפן פון די טעראריסטן, מוז איך באַשטראָפט ווערן מיט טויט דורך אויפהענגען.

אין מיין לעצטן וואָרט האָב איך קלאָר געמאכט די נעגאַטיווע באַציאונג צו טעראר, אַלס אַ מעטאָד, מיצאַד די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס שטיצן זיך אַף א ברייטער אַרבעטער-באַוועגונג, אַז ניט מיט איינצלנע שאָסן, נאר מיט ברייטע מאַסן-אַרויסטרעטונגען האָפט די פּאַרטיי צו דערשלאָגן זיך איר ציל, אַז מיין אַקט איז א האסראַע קעגן די, וואָס שיסן אין פּוידלעכע דעמאָנסטראַנטן; אָנווייזנדיק אף דער צעפּוילטקייט פּינם צאַרישן רעזשים, האָב איך פאַרענדיקט מיין רעדע מיט די ווערטער: „אַראָפּ די זעלבסטהערשונג!" דער פּאַרזיצער גענעראל קאַניבעיעוו האָט געקלאַפּט איבערן טיש, האט געפּאָדערט, איך זאָל אַנטשוויגן ווערן. נאך א צוויי־שעדיקער באַראַטונג קערט זיך אום דער געריכט. אין זאָל געפינען זיך בלויז אפיצערן און באַאַמטע. בעאייס דער געריכט איז אַריין, האָט דער אוילאָם אַראָפּגעלאָזן די קעפּ. „וואָס האָט איר אַראָפּגעלאזט די קעפּ, צוואָיאַקעס?" — האָב איך א געשריי געטאָן, ווענדנדיק זיך צום אוילאָם — „צי איז דען פאַר אייך א נייס אויסצוהערן טויט-אורטיילן?" זיי האָבן אַלע אויפגעהויבן די קעפּ. דער סעקרעטאר לייענט דעם אורטייל: „מענדל אַבעלעוו דייטש, אַלט 18 יאר, ווערט פאַרמישפּעט צום טויט דורך אויפהענגען און צו אָפּנעמען בא אים אלע רעכט"—דאס קאסטן פונם שטריק וועט אייך אויסקומען נעמען אָפּן כעשבן פון דער מלוכע; איך, אַלס אַן ארבעטער האָב ניט קיין שום פּאַרמעגן, — האב איך זיך הויך צעלאַכט, — מיינט ניט, אַז מיין געלעכטער איז א געלעכטער פון א היסטעריקער, איך פיל זיך דאָ, ווי אין אַ צירק, איך זע פאַר זיך קלאָאונעס און אַפּלאַדיר זיי". דער פּאַרזיצער שרייט: „שמירע! ארויספירן אים!" צו מיר גייט צו אַ ליבער זאָקן, דער קאָמענדאנט פון דער פעסטונג, וועלכער האט זיך גוט באַצויגן צו מיר בעאייס איך בין געזעסן אין דער פעסטונג, און האט מיר אנגעהויבן בעטן: „הער דייטש, בארואיקט זיך". איך האב אנגעהויבן זינגען (אין רוסיש) „לאמיר זיך אפּזאגן פון דער אלטער וועלט[76]" און, אַרומגערינגלט דורך א שמירע פון סאלדאטן און קאזאָקן, בין איך דורכגעגאַנגען דריי גאַסן, אַף וועלכע ס'איז קיין איין לעבעדיקער מענטש ניט געווען, ביז דער הויפּט-וואַכטע. איך האב געזונגען, און אפיצערן מיט זייערע פרויען האבן געקוקט פון די פענסטער

דער „בונד" האט ארויסגעלאזט אַ פּראָקלאַמאַציע. אין שטאט איז אף מארגן דערקלערט געווארן א שטרייק קעגן דעם טויט-אורטייל, און שפּעטער האב איך אין מינסקער טפיסע באגעגנט כאווירים, וועלכע האבן מיר דערציילט, אַז מיין געריכט האט אפגעקאסט פיל שראמען און וואונדן די דווינסקער ארבעטער.

די עסערן האָבן ניט געקאָנט שאָלעם מאַכן מיט דעם, וואָס אַ טעראָריסטישער אַקט איז ניט פאַרבונדן מיט זייער אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן איינאָרדענען מיין פלייטע. אין דערעמעסן האָט אַ פּרואוו פון איינאָרדענען מיין פלייטע געמאַכט דער „בונד" מיט לייביטשקע דעם טישלער[77] בערויש. פּראַטים וועגן די מאָסמיטלען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן דערצו, זיינען באוואוסט דעם כאַוועיר פּעטראָווסקין[78]. איצט דעם שעף פון דער הויפּט-פאַרוואלטונג מיט די מיליטערישע לערן-אַנשטאַלטן — „גלאַוואוז". עס איז געווען די צייט פון מאַטראָסן-אויפשטאַנד אַפן „פּאַטיאָמקין". אין דער צייטונג „נאַשי דני"[79] האָט פּראָפעסאָר פּעך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן מיין פּראָצעס. איך בין געזעסן וואַרטנדיק אַפן טויט-שטראָף. אַף זעענישן צו מיר פלעגט גיין פיל אוילאָם. די באַציאונג פונם קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג צו מיר איז געווען, ווי פריער, זייער אַ גוטע. איך האָב געבעטן, מע זאָל מיר אויפנייען פאַרן עשאַפאָט אַ רויט העמדל. די פאַרטיידיקער האָבן דערלאַנגט אַ קאַסאַציאָנס-אָנקלאַגע, וועלכע איז אָפגעוואָרפן געוואָרן. מע האָט מיר איבערגעגעבן, אַז מיין שוועסטער וויל דערלאַנגען דעם קייסער אַ באַקאָשע וועגן באַגנעדיקונג. איך האָב געמעלדעט, אַז אויב דאָס איז אַזוי, דערלאַנג איך אַ שריפטלעכע מעלדונג מיט אַן אָפזאָג פון קאָלערליי כאַסאָדים. דער אַלטער קאָמענדאַנט פלעגט מיך איינריידן, פלעגט מיט מיך איינטאינען, אַז איך בין נאָך יונג, איך וועל נאָך צוריק קומען, און דער צאַר-פאָטער איז אַ גוטער, ער ווייס ניט אַלץ, וואָס עס טוט זיך ארום אים. איך האָב אים געזאָגט, אז איך אַכט אים, נאָר אויב ער וועט מיר איינריידן, וועל איך אויפהערן ריידן מיט אים. מיר האָט איבערגעגעבן דער פאַרטיידיקער פעדאָסיעוו, אַז אין דער אָפיצערן-פאַרזאַמלונג אין פעסטונג האָט דער אַלטער הויך געמעלדעט, אז ווען די רוסישע אַרמיי וואָלט געהאַט אַזעלכע איבערגעגעבענע מענטשן, ווי איך, וואָלט זי איינגענומען די גאַנצע וועלט. אַזוי זיינען דורכגעגאַנגען צוויי וואכן, אין שטאָט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מע האָט מיך שוין אויפגעהאַנגען, און די, וואָס פלעגן קומען אַף א זעעניש מיט מיר, פלעגן ווײנען פון פרייד, וואָס איך לעב נאָך. אַפילע די שטאָטישע בורזשואַזיע האָט מיטגעפילט מיט מיר, און רייכע בורזשואַזע פרויען פלעגן מיר פאַר דריי ווערסט טראָגן פון שטאָט עסן און געבן מיטלען צו באַפרייען מיך. אַפן 13-טן אָדער 14-טן טאָג אינדערפרי האָט מיך אויפגעוועקט אַ טומל פון מענטשן, וואָס זיינען אומגעריכטערהייט אַריין אין קאַמערע, דער געהילף-קאָמענדאַנט, אַ נייער פּריסטאַוו, פּאָליציאַנטן און קאָזאַקן.

— שטיי אויף!

איך האָב זיך געזעצט; זיי איילן מיך.

— האָט געדולד, — זאָג איך צו זיי, — באַלד וועל איך זיין אין אייער רעשוס.

איך האָב זיך אָנגעטאָן און גיי זיך אײַנוואַשן.

— מע דאַרף זיך ניט וואַשן.

— איך וויל אָפּוואַשן אײַער שמוץ און גיין אַ ריינער אַפּן עשאַפאָט.

זיי האָבן אַ שמייכל געטאָן.

— אויב איר וועט לאַכן, וועל איך פּראָטעסטירן.

איך האָב אָנגעטאָן דאָס זיידענע רויטע העמדל, וואָס עס האָט מיר געגעבן די בונדישע אָרגאַניזאַציע.

— נעמט די זאַכן, זיי וועלן צוריק קומען.

ווענדנדיק זיך צום געהילפס־קאָמענדאַנט, בעת איך אים איבערגעבן מײַנע זאַכן דעם קאָמענדאַנט צו צעטיילן אָרימע אַרבעטער. מע לייגט מיר נאָך אַמאָל פאָר צו נעמען די זאַכן.

— איך האָב שוין געזאָגט, אַז איך וויל ניט נעמען.

דער פּריסטאַוו זאָגט:

— פּירט אים!

— אויב איר וועט זינגען, וועל איך פאַרשטאָפּן דעם מויל.

איך האָב אַ קיק געטאָן אַף אים. באַמערקנדיק, אַז איך לעב איבער עפּעס באַזונדערס, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. איך בין דורכגעגאַנגען דורכן קאָרידאָר, זעגענענדיק זיך מיט די דריי כאַוויירים, וועלכע מע האָט געם־שפּעט נאָך מיר אין דעמזעלבן טאָג. זיי האָבן געוויינט, זעגענענדיק זיך מיט מיר. איך האָב זיי אויפגעמונטערט און ווייטער געזונגען די „מאַרסעליעזע". מע האָט מיך אַרײַנגעזעצט מיט קאַזאַקן אין אַ פאַרמאַכטן וואָגן. מיר פאָרן אַרויס פונם טויער פון דער פעסטונג. קענענדיק פון מײַן אומלעגאַלער אַרבעט יעדעס ווינקעלע פון דערדאָזיקער געגנט, מיין איך, אַז מיר וועלן פאָרן מיטן וועג צו פאַהוליאַנקע, וואו עס איז פאַראַן אַ גרויסער פּלאַץ. איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס מיר פאָרן צו דער דאַמבע, מיטן וועג צו דער טפיסע און צו דער שטאָט. ניט שוין ושע אַף דער לאַנגער גאַס, דורכן וועלדל אַפן שיסערײַ־פּלאַץ? און עפּשער גאָר אין טפיסע? איך קוק אָנגעשטרענגט, וואוהין מיר פאָרן. די צייט ווײַזט זיך מיר אויס ווי אייביקייט. די פערד האָבן זיך אָפּגע־שטעלט, עס איז שוין ליכטיק און איך זע אַף דער קעלניע די שפּאָטערישע פּענימער פון די פּאָליציאַנטן. איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט. מע פירט מיך אין טפיסע, עס נעמט אויף דע־ שעף פון דער טפיסע: „הער דייטש, איך האָף, אַז מיר וועלן זיך ניט קריגן". איך האָב נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען. ער האָט מיך שפּעטער פאַרזיכערט, אַז ער האָט אויך גאָרניט ניט געוואוסט ביז מײַן אָנקומען, אַז ער האָט זיך דערוואוסט וועגן מײַן באַגנעדיקונג, ערשט ווען ער האָט באַקומען דעם פּאַקעט. דאָ האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך, און ווענדנדיק זיך צו די קאַזאַקן, האָב איך זיי אָנגעהויבן זידלען: „באַ־שיבוזקן"! איר האָט געוואוסט, אַז איר פירט מיך ניט צום טויט און איר האָט כויזעק געמאַכט, ווילדע כאַיעס זייט איר". זיי האָבן געוואָלט אַ וואָרף טאָן זיך אַף מיר מיט נאַהאַיקעס נאָר איך בין שוין געווען אין רעשוס פון אַן אַנדער סראָרע, וואָס האָט ניט דערלויבט צו שלאָגן מיך. אין טפיסע, וואו מע האָט

מיך שוין געהאַלטן פאַר טויט, האָט זיך מאָמענטאַל פאַרשפּרייט די יעדיע וועגן מיין אָנקומען. איינער פון די אַרעסטירטע האָט צופעליק דערזעען פון פענסטער, ווי מע האָט מיך געפירט איבערן הויף. ער האָט אַ געשריי געטאָן און האָט אַלעמען אויפגעוועקט. מע האָט מיך אַריינגעזעצט אין דיזעלבע 10-טע קאַמער אַפן 4-טן גאָרן. אַלע זיינען אויפגערודערט געוואָרן, אַלעמען האָט זיך געוואָלט איבערצייגן זיך אין דעם, אַז איך לעב, און מע האָט אָנגעהויבן פאָדערן פון די אויפזעער, זיי זאָלן מיך באַווייזן. מע האָט מיך דורכגעפירט איבערן הויף פאַרביי דעם פאָדערשטן און הינטערשטן פאַסאַד פונם בּיניען. מע האָט מיך אריינגעפירט אין דער 16-טער קאַמער, וואו פון פענסטער זעט זיך די דאַמבע. מיר האָבן אָנגעהויבן זינגען לידער, און ס׳איז אַרויסגערופן געוואָרן פּאָליציי, קעדיי פאַנאַנדערצוטרייבן פון דאַמבע די דעמאָנסטראַציע.

ווען מע האָט מיך פאַרמישפּעט צום טויט, האָט דער ראָוו גויזער טאָנעס געוועזן און האָט געהייסן זאָגן טילים. ער האָט געהאַלטן, אַז איך האָב געראַטעוועט אידן פון אַ פּאָגראָם, און האָט געזאָגט, אַז אין דער צייט, ווען די רייכע אידן פלעגן זיך אָפּקויפן בּאַ דער פּאָליציי מיט געלט, זוכנדיק בּאַ איר שוץ, האָב איך מיטן שלאַכט-טייל אַף דער גאַס פאַרטיידיקט זיי מיט געווער אין די הענט. „ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס דייטש געפינט זיך ניט אַף אַ ריכטיקן דערעך, איז ער אַ גוטער איד", — האָט ער געזאָגט. דער נאָמען פונם דאָזיקן ראָוו איז מייער סימכע.

46—48. די באַוועגונג צווישן די פּריקאַזטשיקעס.

א. דער אַלגעמיינער שטרייק פון די מינסקער פּריקאַזטשיקעס.

(קאָרעספּאָנדענץ אין נומ. 6 „דער בונד", יולי 1905).

די לאַגע פון די פּריקאַזטשיקעס איז אין מינסק, ווי אין אַסאַך אַנדערע שטעט, ווייט ניט קיין גלענצנדע. דידאָזיקע לאַגע ווערט כאַראַקטעריזירט דורך אַ שרעקלעך לאַנגן אַרבעטס-טאָג, קליינע סכירעס און אַ זייער גראָבּן באַגיין זיך פון די באַלעבאַטים; געשטאַמט האָט אַזאַ לאַגע דערפון, וואָס בּאַ די פּריקאַזטשיקעס איז דער קלאַסן-באַוואוסטזיין און דער פאַרשטאַנד וועגן דער אכדעס פון זייערע אינטערעסן געווען שוואַך אַנטוויקלט. די אַרבעט צווישן אַזוינע שיכטן איז ניט פון די גרינגע זאַכן, און די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע פון „בונד" האָט בּעעמעס געמוזט אַוועקלייגן אַסאַך קויכעס, קעדיי כאָטש אַביסל אויסוואָרצלען פון די פּריקאַזטשיקעס זייער ספּעציעל פּריקאַזטשישן גייסט, זיי אָפּלערנען פון זייערע שקלאַפישע געוואוינהייטן. בעאייס דעם פאַראַיאָריקן שטרייק איז בּאַ זיי די מוירע פאַר די באַלעבאַטים נאָך געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן געפאָדערט, די אָרגאַניזאַציע פון „בונד" זאָל פאַנאַנדערשיקן איבער די קראָמען אירע מענטשן, וואָס זאָלן פאַר די באַלעבאַטים אין די אויגן זיי אַריינשיטן אין קאָלנער. נאָר אַף אַזאַ אויפן האָבן זיי צוגעזאָגט צושטיין צום שטרייק.

דאָס איז געווען פאַר אַנדערטהאַלבן יאָר; אָבער די צייט, וועלכע איז אַוועק

פון יענעם שטרייק אָן, איז ניט פאַרפאַלן געגאַנגען אומזיסט. אונזער ארבעט, אונזער אגיטאַציע האָט אפילע פון דיראָזיקע פארשלאגענע מענטשן אויך געמאַכט בירגער. און בעשאַס ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די יאַנוואר-טעג, בעשאַס גאַנץ רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן צו קאָכן און צו שוימען, האָבן זיך א הויב געטאָן אויך די פריקאַזטשיקעס. זיי האָט זיך אויך פארוואלט א בעסערן לעבן, זיי האָט זיך אויך געגלוסט אוועקשטעלן זייער עקזיסטענץ אין אזוינע באַדינגונגען, אז זי זאָל כאָטש זיין צו דערטראָגן. דידאָזיקע אויפגעהויבענע שטימונג האָט דער ארטיקער קאָמיטעט פון „בונד" באשלאָסן אויסצונוצן, קעדיי צו מאַכן אַן אַלגעמיינעם שטרייק פון די פריקאַזטשיקעס. ס'איז ארגאַניזירט געווארן א גאַנצע ריי פאַרזאַמלונגען אַף פריוואטע קווארטירן און אין באָטעמעדראָשים; די פאַרזאַמלונגען זיינען באשטאַנען פון 70, 90, 100, 150 מאַן; אַף איינער זיינען געווען העכער פון 200 מאַן; אינגאַנצן זיינען אַף די פאַרזאַמלונגען איבערגעווען איבער 1000 מאַן. אַף די פאַרזאַמלונגען זיינען דערקלערט געווארן די מיטלען, וועלכע קענען פאַרבעסערן די לאגע פון די פריקאַזטשיקעס, און עס זיינען אויסגעאַרבעט געווארן די פאָדערונגען, וועלכע די פריקאַזטשיקעס האָבן באַדאַרפט אויסשטעלן זייערע באלעבאטים. אַף דידאָזיקע פאַרזאַמלונגען איז באשלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן די אַלגעמיינע פירונג פון שטרייק דעם „בונד".

עס איז זייער אינטערעסאַנט פאָלגנדעס. בעשאַס ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו רודערן צווישן די פריקאזטשיקעס, און אונזער ארגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן צוצוגרייטן דעם שטרייק, האָבן אונזערע היימיקע ציאָניסטן *) זיך אויך געפרואווט ווי עס איז זיך צוצושאַרן צום שטרייק; זיי האָבן ארויסגעשטעלט אף די פאַרזאַמלונגען זייערע רעדנערס, האָבן ארויסגעלאָזן צו די פריקאַזטשיקעס אַן אויפרוף א.א.וו.

קעדיי קלאר צו מאַכן די עמעסע צורע פון דידאָזיקע באַלעבעסלעך, איז גענוג צו זאָגן, אז זיי האָבן אַף די צוגרייטונגס-פאַרזאַמלונגען אונטערגעשטיצט עפּעס עמיצענס א פאָרשלאַג, אז מע זאָל דעם גובערנאַטאָר שיקן א פעטיציע וועגן די באַדערפענישן פון די פריקאַזטשיקעס. פאַרשטייט זיך, אז דער פאָרשלאַג איז דורכגעפאַלן מיט פאַראַד. ניט ווייניקער טרויעריק איז געווען דער גוירל פון דעם אויפרוף, אין וועלכן די ציאָניסטן האָבן גערופן די פריקאַזטשיקעס צום שטרייק. דאָס ראוו פריקאַזטשיקעס האָבן אַף דעם געקוקט מיט אַ איראָנישן שמייכל, דער קלענערער טייל מיט פאַראַכטונג. נאָכדעם האָבן די ציאָניסטן שוין מער ניט געפרואווט אריינמישן זיך אין שטרייק אלס אָרגאַניזאַציע, כאָטש אייניקע פון זיי האָבן געפרובירט ווירקן אַף זיין גאַנג; דערביי איז זייער טעטיקייט געווען א ריין דעזארגאַניזאַטאָרישע: אַף איין פארזאַמלונג האָט א ציאָניסט געמאַכט אַן אומגעלונגענע פראָבע אנצופאַלן אַפן „בונד", אַנדערע האָבן פּרובירט שטערן דער פירונג פון דער פארזאַמלונג. אויב מע זאָל ניט רעכענען דידאָזיקע דעזארגאַניזאַטאָרישע פראָבעס — איז די ווירקונג פון די ציאָניסטן געווען גלייך א נול. בעשאס אונזערע כא-

*) פינקטלעכער, פויאַלייציאָגיסטן.

ווײַרים האָבן אײַנגעפֿונען, אַז די פּריקאַזטשיקעס זײַנען שוין גענוג צוגעגרייט צום שטרייק, האָט דער קאָמיטעט פֿון „בונד" אַרויסגעלאָזן אַן אויפֿרוף מיט די פֿאָדערונגען צו די באַלעבאַטים. די הויפּט-פֿאָדערונגען זײַנען געווען: אַ 12-שאָעדיקער אַרבעטסטאָג (פֿון 9 ביז 9); 1½ שאָ אויף מיטאָג און ½ שאָ אויף פֿרישטיק; בעסערע באַהאַנדלונג; די קראָמען דאַרפֿן זײַן שאַבעס פֿאַרמאַכט דעם גאַנצן טאָג; די אײַנגלעך דאַרף מען ניט געבן קיין אַנדער אַרבעט, אויסער אין קראָם א. ד. גל.

אויף מאָרגן נאָכן פֿאַרשפּרייטן דידאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס האָט זיך אָנגעהויבן דער שטרייק. עס האָבן זיך געשטעלט 1800 מאַן. דער גאַנצער האַנדלס-לעבן פֿון דער גאַנצער שטאָט איז אַזוי ווי אָפּגעשטאָרבן. אין די מאַגאַזינען, בײַ די טובענק האָט מען קיינעם ניט געזען, און נאָר די באַלעבאַטים האָבן מיט אַ קינעס-ניגן דערציילט זייערע קונדן וועגן דער „רעציכע" פֿון זייערע פּריקאַזטשיקעס, וועלכע האָבן אוועקגעוואָרפֿן זייערע „געשעפֿטן" אין אַ פּאָר-יאָנטעוודיקער צײַט.

קעדיי אַרומצורעדן און באַשטימען פֿאַרשיידענע פֿראַגן, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן אין דער צײַט פֿון שטרייק, איז נויטיק געוועזן צו מאַכן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען פֿון פּריקאַזטשיקעס. אָבער וואו נעמט מען אַ פּאַסנדן זאַל פֿאַר העכער 1½ טויזנט מאַן? לויט דעם פֿאָרשלאָג פֿון עטלעכע כאַווײַרים, איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצונוצן צו דעמדאָזיקן צוועק די גרויסע שול. אונזערע גאַבאַאים האָבן, פֿאַרשטייט זיך, אַן אַ גרויסן פֿאַרגעניגן אָפּגעגעבן די שול פֿאַר ניט לעגאַלע פֿאַרזאַמלונגען. אָבער ס'איז ניט געווען וואָס צו טאָן, זיי האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן. אויף דער ערשטער פֿאַרזאַמלונג איז געווען אַרום 1200 מאַן; מע האָט גערעדט וועגן דער נויטיקייט זיך שטײַף צו האַלטן אין דער צײַט פֿון געמיינזאַמען קאַמף. מע האָט גערעדט וועגן די אַרויסגעשטעלטע פֿאָדערונגען, וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרבעסערונגען דידאָזיקע פֿאָדערונגען וועלן אַרײַנברענגען אין לעבן פֿון די פּריקאַזטשיקעס און אַזוי ווי., א. א. וו... מען איז זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען נאָך דעם, ווי מע האָט באַשלאָסן זיך מאָרגן ווידער פֿאַרזאַמלען אין שול. די מינסקער פּאָליציי האָט ניט געשטערט צו מאַכן פֿאַרזאַמלונגען.

אַזאַ מין אויפֿירונג פֿון דער פּאָליציי דערקלערט זיך צום טייל דורך דעם איצטיקן מאָמענט, ווען סײַ די גרויסע, סײַ די קליינע טשינאָווניקעס סטאַרען זיך, אויף וואָס די וועלט שטייט, זיך פֿאָרצושטעלן פֿאַר ליבעראַלן, דערהויפּט אָבער דורך דעם, וואָס די פּריקאַזטשיקעס האָבן אַרויסגעוויזן אַ הויכן גראַד פֿון אָרגאַניזירטקייט און סאָלידאַריטעט. אויף דער צווייטער פֿאַרזאַמלונג (אין שול) איז פֿאָרגעקומען אַזאַ מין קאָמישער צופֿאַל: אין שול איז געקומען דער קאַזיאָנער ראָוו, הער כאַנעלעס, מיט אַן אַקאַלאַטאַטשנעם און האָט דערקלערט, אַז דער גובערנאַטאָר דערלויבט די פּריקאַזטשיקעס זיך צו פֿאַרזאַמלען, קעדיי אַרומצורעדן זייערע באַדערפֿעניש (מיר מוזן באַמערקן, אַז קיין איין פּריקאַזטשיק האָט זיך צום גובערנאַטאָר נאָך אַזאַ מין דערלויבעניש ניט געווענדעט), נאָר מיט איין טנאַי, אַז מע זאָל נאָר ניט רייזן וועגן פּאָליטיק. נאָך

דעם ווי ער האָט דאָס דערקלערט, איז ה. כאַנעלעס אוועקגעגאַנגען. ס'פּאַר־שטייט זיך, אַז מע האָט די „דערלויבעניש" פון גובערנאַטאָר באַגעגנט מיט אַ געלעכטער.

בעשאַס מיר האָבן זיך דעם ערשטן מאָל פאַרזאַמלט אין שול, האָבן מיר נאָך ניט געוואוסט, אַז אונז וועט זיך איינגעבן צו מאַכן פון דידאָזיקע פאַר־זאַמלונגען פון די פּריקאַזשטשיקעס גרויסע פּאָליטישע מיטינגען, וואו פאַר אַ פיל כויזנטיקע מאַסע וועט קלינגען דער פרייער סאָציאַליסטישער וואָרט. נאָך דער ערשטער פאַרזאַמלונג איז געגאַנגען אַ צווייטע, אַ דריטע א. אַז. וו. אינ־גאַנצן איז געווען 9 פאַרזאַמלונגען. אויף די ערשטע איז געווען עטוואַס מער ווי 1000 מאַן. אויף די לעצטע — העכער ווי 4 טויזנט. און איין פאַרזאַמלונג—שאַ־בעס צו נאַכט — האָט מען אַפילע געמוזט פּאַנאַנדערלאָזן: די גרויסע שול האָט ניט געקענט אריינעמען אין זיך אַלעמען, וועלכע האָבן געוואָלט אַריין. אין שול האָבן זיך אָנגעפּאַקט איבער 5000 מאַן און אַ 3000 זיינען געשטאַנען אויפן שול־הויף.

...ווער עס איז כאָטש איין מאָל געווען אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג — וועט עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. די שול איז פול געפּאַקט; אַלע בענק זיינען פאַרנומען; מע שטייט ניט נאָר אויף די בענק, נאָר אויך אויף די פאַרענצן פון די בענק; מע שטייט אויף די טישן, מע שטייט אויף די פענסטער, מע שטייט אין אַלע דורכגאַנגען. די רעדנערריידן פון דער בימע; אויף דער בימע זיצט דער פּרע־זידיום, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט פון די פאָרשטייער פון אונזער אָרגאַ־ניזאַציע. באַ איין וואַנט האָבן זיך פאַנאַנדערגעזעצט די הענדלער בס מיט זיי־ערע טישלעך און קערבלעך. דאָס פּובליקום בייסט דאָ צו און שטילט איין דעם דורשט אין די פּאַוזעס צווישן די רעדעס.

די פאַרזאַמלונגען פלעגן זיך געוויינלעך אָנהויבן אום 11 און פלעגן זיך ענדיקן ארום 3. געוויינלעך פלעגן זיך די פאַרזאַמלונגען פירן אין פאָלגנדער אָרדענונג: צוערשט פלעגן גיין די איניאָנים פון שטרייק. די דעפּוטאַציע פון די פּריקאַזטשיקעס, וועלכע האָט געפירט די פאַרהאַנדלונגען מיט די באַלע־באַטים, פלעגט באַקענען די פאַרזאַמלונג מיט דער לאַגע און מיטן גאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען. דערנאָך פלעגן זיך אָנהויבן די רעדעס. און הערנדיק דידאָ־זיקע רעדעס, האט זיך די טויזנטקעפּיקע מאַסע אָנגעצונדן מיט גלויבן און ענטוזיאַזם. פון דער בימע האָבן זיך צו איר געטראָגן רעוואָלוציאָנערע גע־דאנקען, רעוואָלוציאָנערע אידייען, און האבן איר גערופן צום קאַמף, האָבן איר באַקענט מיט אַ נייעם לעבן, האָבן איר דערציילט וועגן אַ בעסערער אָרדענונג.

דידאָזיקע 9 פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען געווען אין שול, האָבן אונזערע כאַוויירים אויסגענוצט וואס ברייטער און צוועקמעסיקער. אויף די פאַרזאַמלונגען האָט מען גערעדט וועגן דעם איצטיקן מאָמענט, וועגן דער אומפאַרמיידלעכ־קייט און נאָענטקייט פון דער פאַרניכטונג פון דער זעלבסטהערשונג, וועגן די פּאַליאַטיוון, פאר וועלכע די רעגירונג וועט זיך כאַפּן, קעדיי ווי עס איז אָפּ־צוציען דעמדאָזיקן מאָמענט פון איר פאַרניכטונג. מע האָט גערעדט וועגן דער נויטיקייט צו קעמפן פאר אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, מע האָט גערעדט וועגן

דער דיקטאטור פונם פראָלעטאַריאט, וועגן דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועגן דער אַלוועלטלעכער אַכדעס פון פראָלעטאַריאט; מע האָט גערעדט וועגן דעם אויפשטאַנד, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאנד, וועגן די שטרייקן און אומרוען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין אלע שטעט פון אונזער לאנד; מע האָט גערעדט וועגן דער ראָלע, וועלכע ס'האָט געשפּילט, שפּילט איצט און וועט שפּילן דער אידישער פראָלעטאַריאט אינם לעבן פון אידישן פאָלק. מע האט געמאכט אַ פאַרגלייך צווישן דעם אַלטן גאָלעס-אידן און דעם נייעם אידן-פראָלעטאריער, וועלכער קעמפט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ פאַר אַ נייעם לעבן און וועלכער גייט אַלץ פאָרווערטס מיט ריזיקע שריט אַף דעמדאָזיקן נייעם וועג. מע האָט גערעדט וועגן דער רעוו. סאָצ.-דעמ. אָר-גאַניזאַציע, וועלכע פירט דעם אידישן פראָלעטאריאט אַף דעמדאָזיקן וועג—וועגן „בונד"; מע האָט אויך גערעדט וועגן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטייען, וועלכע פירן דעם פראָלעטאַריאט פון די איבעריקע נאַציעס, וואס וואוינען אין רוסלאנד; מע האט גערעדט וועגן דער נויטיקייט, אַז דער פראָלעטאריאט פון אַלע נאַציעס זאָל צוזאמען קעמפן אונטער איין פאָן קעגן דעם דעספּאָטיזם, קעגן דער בורזשואַזיע, קעגן דעם קאַפּיטאַליזם; מע האָט גערעדט וועגן דער ליכטיקער וועלט פון סאָציאַליזם.

אַף איינער פון די פארזאמלונגען — אַף דער דריטער — האָט מען פון דער בימע פאָרגעלעזן די נעמען פון שטרייק-ברעכער, און יעדער אויסגעלייענטער נאָמען האָט אַרויסגערופן געשרייען פון פאַראכטונג קעגן די פאַרעטער פון דער אַלגעמיינער זאַך. נאָר אָט בעט איינער דאס וואָרט. אַפן בימע גייט אַרויף אַ באַיארנטער איד און שווערט זיך מיט גאָט און מיט דער טוירע, אז זיין נאָמען איז דורך אַ טאָעס אריינגעפאַלן אין צעטל פון די שטרייק-ברעכער און בעט-מע זאָל פון אים אַראָפּנעמען דעם שאַנד-פלעק. עס הערן זיך געשרייען: „מיר נעמען אַראָפּ!"

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פארזאמלונגען איז געווען די לעצטע, אַף וועלכער עס איז געמאכט געוואָרן דער סאַכאַקל פון דעם, וואס עס איז אויפ-געטאָן געוואָרן אין דער צייט פון שטרייק, און עס איז באשלאָסן געוואָרן צו פאַרענדיקן דעם שטרייק. אַף דערדאָזיקער פארזאמלונג זיינען פון אונזער אָר-גאנ-זאציע פאָרגעלייגט געוואָרן צוויי רעזאָלוציעס: איינע, וואָס האָט געפאָ-דערט, מע זאָל גלייך צוזאמענרופן אַ גרינדונגס-פארזאמלונג, קעדיי איינצופירן אין רוסלאנד אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, אַן 8-שאָעדיקן ארבעטס-טאָג, מאכן אַ סאָף צו דער מילכאָמע און באַפרייען אלע די, וואָס האבן געליטן פאַר זיי-ערע פּאָליטישע און רעוואָלוציאָנערע איבערצייגונגען; און אַ צווייטע, — אין וועלכער עס איז געווען אַ באַגריסונג דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד", אַלס אַ פאָרשטייער פון דעם אָ-גאַניזירטן אידישן פּראָלעטאַריאט. ביידע רע-זאָלוציעס זיינען איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן פון דער פארזאמלונג פון אי-בער 4000 מאַן. אַף דער אייגענער פארזאמלונג האבן איניקע פּריקאזשטשיקעס פאָרגעשלאָגן אויסצודריקן דאַנקבאַרקייט דעם מינסקער קאָמיטעט פון „בונד" פאַר זיין ענערגישער און טיכטיקער פירונג פונם שטרייק. דער פאָרשלאַג איז

אָנגענומען געוואָרן. דער פּאָרזיצנדער האט דערקלערט דעם שטרייק פאר געענדיק׳ז און האט פארמאכט די פארזאמלונג. ארויסגייענדיק פון שול, האט דאס פּובליקום אף דער שקאָלנער און נעמיגער גאס געמאכט א דעמאָנסטראציע.

כוץ די נאר וואס באשריבענע פּאָליטישע מיטינגען, איז איינע פון די אינטערעסאנטסטע דערשיינונגען פונם שטרייק די פארהאנדלונגען צווישן די סאָכרים און די פריקאזשטשיקעס. עס איז נויטיק אָנצואווייזן אף דעם שארפן קלאסן־כאראקטער, וועלכן די פארהאנדלונגען האבן געטראָגן. אף די אסיפעס פון די דעלעגאציעס פון די סאָכרים מיט די פריקאזשטשיקעס איז פאָרגעקומען א שארפער קאמף צווישן צוויי פארטייען. די דעלעגאציע פון די פריקאזטשיקעס איז צוזאמענגעשטעלט געווען אפן פאָלגנדיקן אויפן: די שטרייק־קאָמיסיע, וועלכע איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרן פון קאָמיטעט פון „בונד“ און וועלכע האט געארבעט אונטער זיין פירונג, האָט פון זיך אויסגעקליבן א דעלעגאציע צו פירן די פארהאנדלונגען מיט די סאָכרים. די דעלעגאציע פון די לעצטע איז אויסגעקליבן געוואָרן אף אן אלגעמיינער פארזאמלונג פון די סאָכרים פון דער שטאָט מינסק.

די ערשטע אַסיפע פון די דעלעגאַציעס איז פאָרגעקומען אין טשערטשעס זאַל. קומענדיק אַהין, האָבן מיר באַם טיר באַמערקט פּאָליציי. מיר האָבן געפאָדערט, אַז די פּאָליציי זאָל אוועקגיין. אונזער פאָדערונג איז דערפילט געוואָרן. אַף אונזער פאָדערונג איז אויך אַריינגעלאָזן געוואָרן אין זאַל פאָרשטייער פון דער פרעסע. נאָכדעם ווי מיר האָבן אונטערזוכט די באַפולמעכטיקונג פון דער סאָכרישער דעלעגאַציע און מיר האָבן אויסגעקליבן אַ פּרעזידיום פון די פריקאַזטשיקעס און סאָכרים, האָבן מיר זיך גענומען צו דער באַטראַכטונג פון די פאָדערונגען, וועלכע די פריקאַזטשיקעס האָבן געשטעלט די באַלעבאַטים. שוין גלייך פון אָנהויב האָבן מיר זיך געסטאַרעט אזוי אַוועקצושטעלן די פארהאַנדלונגען, אַז אונזערע אַסיפעס זאָלן טראָגן דעם כאַראַקטער ניט פון אַסיפעס וועגן אַ „געמיינזאַמען“ איניען, ווי דאָס האָבן געוואָלט די באַלעבאַטים, נאָר דעם כאַראַקטער פון אַ קאַמף פון צוויי קלאַסן. אף די אָפטע אפעלאציעס פון די סאָכרים צום „געוויסן“ און צום „יושער“ האָבן מיר זיי דערקלערט, אַז אונזער „יושער“ איז זייער ווייט פון זייער „יושער“; דער „יושער“ פון די עקספּלואַטאַטאָרן האָט גאָר קיין שײַכעס ניט מיט דעם יושער פון די עקספּלואַטירטע. מיר האָבן מאַסרע געווען די באַלעבאַטים, אַז די פאָדערונגען, וועלכע מיר האָבן ארויסגעשטעלט, זיינען לאכלוטן ניט דאָס העכסטע פון דעם, צו וואָס מיר שטרעבן. אויב מיר שטעלן איצט אַרויס נאָר א 12־שאָעדיקן אַרבעטסטאָג — האָבן געזאָגט אונזערע רעדנער — דערקלערט זיך דאָס מיט דעם, וואָס באַ די איצטיקע באַדינגונגען קאָנען מיר דערגרייכן נאָר אזאַ אַרבעטסטאָג, אָבער ווי נאָר די פאַרהעלטענישן פון די געזעלשאַפטלעכע קויכעס וועלן זיך איבערבייטן צו גונסטן פון אונז, וועלן מיר גלייך שטעלן גרעסערע פאָדערונגען. נאָך אונזערע רעדעס האָבן די סאָכרים פאַרשטאַנען, אַז זייערע פאַרשיידענע פּאַנטאַזיעס וועגן הילפס־קאַסעס פון סאָכרים און פריקאַזטשיקעס איז שוין צייט אַוועקצוואַרפן. צום „יושער“ הערט מען זיך אויף צו ווענדן

און די סאָכרים ריידן שוין ניט וועגן אַכדעס, נאָר וועגן דער נויטיקייט צו קעמפן מיט די פריקאַזטשיקעס, וועגן דער נויטיקייט אַנטקעגן צו שטעלן דער קראַפט פון די פריקאַזטשיקעס אַן אייגענע קראַפט.

די רעזולטאַטן פון דער אַסיפע זיינען די פאָלגנדיקע: די באַלעבאַטים זיינען איינשטימיק מיט אַלע אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען פון די פריקאַזטשיקעס אויסער 2: די פאָדערונג, אַז שאַבעס-צו-נאַכט זאָלן זיי פאַרמאַכן די קראָמען און אַז יאָנטעוו-געלט זאָל באַטרעפן פאַר 4 וואָכן געהאַלט. וואָס איז שאַיעך צו דידאָזיקע לעצטע 2 פאָדערונגען, איז מען דורכגעקומען אויף דאָס פאָלגנ-דעס: אינם מעשעך פון די 4 זומערדיקע מאָנאַטן זיינען די קראָמען שאַבעס-צו-נאַכט פאַרמאַכט, און די איבעריקע צייט פון יאָר זיינען איינגעשטעלט 2 סמענעס, וועלכע אַרבעטן שאַבעס-צו-נאַכט איבער שאַבעס-צונאַכט.

אין דער צייט פון אונזערע פאַרהאַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים האָבן זיי אַרויסגעשטעלט קעגן-פאָדערונגען: מע זאָל איינשטעלן אַ שיידונגס-קאַמער, די באַלעבאַטים זאָלן האָבן רעכט צו אַנטזאָגן זייערע פריקאַזטשיקעס, אָנזאָגנ-דיק זיי פריער מיט 3 מאָנאַטן און אַ פאַרמיטלונגס-געריכט (טרעטעיסקי סוד) צו באַטראַכטן אַלע געלט-איניאָנים און פערזענלעכע סיכסוכים צווישן די באַ-לעבאַטים און פריקאַזטשיקעס. די ערשטע צוויי פאָדערונגען האָבן מיר אינ-גאַנצן אָפּגעזאָגט, אויף די דריטע האָבן מיר צוליב טאַקטישע אורזאַכן איינגע-וויליקט, נאָר מיט דעם טנאַי, אַז דער פאַרמיטלונגס-געריכט זאָלווירקן נאָר אין פאַרלויף פון אַ האַלב יאָר.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער 10-טאָגיקער שטרייק פון די פריקאַזטשי-קעס, וועלכער האָט באַוויזן, צו וואָס מיר קענען זיך דערשלאָגן, ווען מיר פירן אונזער קאַמף מוטיק און אייניק.

ב. אַ פריקאַזטשיקעס-שטרייק אין באָברויסק אונטער דער אָנפירונג פון „פּויאַליי-ציען".

(קארעספּאָנדענץ פון באָברויסק אין נומ. 227 „לעצטע נאכריכטן" פון 7 אפּריל 1905).

דעם 6-טן מאַרט האָט זיך באַ אונז אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינער שטרייק פון די פריקאַזטשיקעס, מיט וועלכן עס פירט אָן די אָרגאַניזאַציע פון „פּויאַליי-ציען". די פאָדערונגען זיינען: אַן אַרבעטסטאָג פון 9 ביז 9, אַן אנדערטהאלבנ-שאָעדיקע האַפסאָקע אויף מיטאָג, העכערן די סכירעס אויף 15—25 פּראָצענט, א בעסערע באהאַנדלונג און אַנדערע. צווישן די לעצטע ווענדעט אויף זיך אַ באַ-זונדער אויפמערקזאַמקייט די פאָדערונג פון „קאָמיסיאָנע". דאָס איז א פּראָ-צענט (פון אומזאַץ), וואָס די פאַבריקאַנטן באַצאָלן די פריקאַזטשיקעס פאַרן פאַרקויפן אַ געוויסע צאָל סכוירע. די ווירקונג פונם דאָזיקן „פּראָצענט" איז א שרעקלעך דעמאָראַליזירנדיקע: ער צווינגט דעם פריקאַזטשיק כאַנפענען און נאַרן דעם קויפער, ער פאַרייניקט זיינע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון די קרעמער.

די פריקאָזטשיקעס און פריקאַזטשיצעס — מיטגלידער פון אונזער אָרגאַ־ניזאַציע, — העלפן ניט מיט דעם שטרייק. אונזער אָרגאַניזאַציע, ניט קוקנדיק אפן קאַטעגאָרישן אָפּזאָג פון די „פּויאַלײ־ציען", האָט זיך דאָך דערשלאָגן צו באַטייליקן זיך אין דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען פאַרן שטרייק. אונזער פאָרשטייער האָט געפאָדערט, אז מע זאָל אַראָפּנעמען די פאָדערונג פון „קאָמיסיאָנע", נאָר ער האָט דאָס ניט געפּועלט. ווי אַפּן איינציקן רעזולטאַט פון אונזער אָנטייל אין דער פאַרזאַמלונג קאָן מען אָנ־ווייזן אף דעם, וואָס צווישן די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען ווערט „אַנערקענט די נויטיקייט פון אַן אַכטשאָעדיקן ארבעטסטאָג".

אָף א פאַרזאַמלונג פון אָרגאַניזירטע פריקאָזטשיקעס און פריקאַזטשיצעס (15 מאַן) — מיטגלידער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, איז וועגן שטרייק אנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף, פאַרבעסערנדיק די לאַגע פון די אַרבעטער, באַקומט אַ באַדייטונג נאָר דענסטמאָל, ווען ער ווירקט מיט דער אַנטוויקלונג פון זייער קלאַסן־באַוואוסטזיין; אַז אַזאַ באַדיי־טונג קאָן דער עקאָנאָמישער קאַמף באַקומען נאָר דענסטמאָל, ווען ער ווערט אָנגעפירט דורך אַ סאָצ. דעמאָקראַטישער און ניט דורך אַ בורזשואַזער פאַרטיי, וועלכער עס איז פרעמד דער ענדעציל פון פראָלעטאַריאַט, וואָס עס האָט זיך קלאָר ארויסגעוויזן אין דער צייט פון לעצטן שטרייק פון די פריקאַז־טשיקעס, מיט וועלכע עס פירט אָן די „פּויאַלײ־ציען"; נעמענדיק ווייטער אין אַכט, אז די אָרגאַניזאַציע פון „פּויאַלײ־ציען", אכוץ אַרויסשטעלן די פאָדערונ־גען פון „קאָמיסיאָנע", באַמיט זיך צו אָפּשוואַכן דעם רעוואָלוציאָנער־סאָצי־אַליסטישן באַוואוסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט, רופנדיק אים אין דער צייט פונם שטרייק קעמפן פאַר א אידישער קלאַסן־מלוכע, אָפּווענדנדיק אים מיט דעם פון זיינע וויכטיקסטע אויפגאַבן — פון זיין פאָליטישער באַפרייאונג פון דעספּאָ־טיזם — זאָגן מיר זיך אָפּ צו מיטווירקן דעם שטרייק און אַריינצוטרעטן אין וועלכע ניט איז פאַרבינדונגען מיט די „פּויאַלײ־ציען" אף אָנצופירן מיט אים. נאָר ניט וועלנדיק שטערן די כאַוויירים אין זייער קאַמף, וואַרפן מיר די אַר־בעט, אפּזאָגנדיק זיך פונדעסטוועגן אַרויסצושטעלן די פאָדערונג פון „קאָמי־סיאָנע", ווייל זי פאַרטונקלט דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין. צו דעם רופן מיר פאַ־רייניקן זיך אַלע פריקאַזטשיקעס".

דידאָזיקע רעזאָלוציע איז דעם 6־טן מאַרט פאָרגעלעזט געוואָרן אף אַ פאַר־זאמלונג פון די אָרגאניזאַטאָרן פונם שטרייק.

ג. די פאָדערונגען פון די ניקאָלאַיעווער פריקאַזשטיקעס.

(קאָרעספּאָנדענץ אין נומ. 22 „וואסכאָד" פון 1905)

„די ניקאָלאַיעווער אידישע געזעלשאַפט צו שטיצן די אומפאַרמעגלעכע האַנדלס־אָנגעשטעלטע און קליינע קרעמער" 80) האָט באַשטעטיקט צום אָפּשיקן

אין דער רעגירונגס-קאָמיסיע, אונטערן פאָרזיץ פונם געהילפס-מיניסטער טימאַ-שאָוו, די פאָלגנדיקע פאָדערונגען פון די אָרטיקע פריקאַזטשיקעס:

1) אַ מאַקסימאַלער עלפשאָעדיקער אַרבעטס-טאָג מיט אַ צווייִשאָעדיקער האַפסאַקע פאַר פריקאַזטשיקעס און אַ צענשאָעדיקער אַרבעטס-טאָג מיט אַ צווייִשאָעדיקער האַפסאַקע פאַר קאָנטאָר-אָנגעשטעלטע.

2) פולשטענדיקער אָפרו אין די זונטיקדיקע טעג און אין די צוועלף טעג פון די קריסטלעכע יאָנטויווים.

3) דרייוואָכיקער אורלויב אין יאָר מיטן אויסצאָלן דאָס גאַנצע געהאַלט.

4) אַ רעכענונגס-ביכל, אין וועלכן עס דאַרפן זיין אויסצוגן פון די עקזיס-טירנדיקע אַרבעטס-געזעצן, ווען אָנגעקומען אַף דער שטעלע, די גרויס פונם געהאַלט, די אויסגעצאָלטע סכירעס און די איבעריקע באַדינגונגען פון דער אַרבעט.

5) אַ פריקאַזטשיק, וועלכן מע האָט אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע ניט צוליב זיין שולד, דאַרף באַקומען אַלס קאָמפּענסאַציע ניט ווייניקער ווי אַ דרייכאָ-דאָשימדיקן געהאַלט, אויב ער האָט אָפּגעדינט ניט ווייניקער פון צוויי יאָר.

6) אינם פאַל, ווען עס ווערט קראַנק אַ פריקאַזטשיק, וואָס האָט אָפּגע-דינט ניט ווייניקער ווי אַ יאָר, איז דער באַלעבאָס מעכויעוו אויסצאָלן אים דעם גאַנצן געהאַלט אינם מעשעך פון דריי כאָדאָשים.

7) גרינדן אַ פענסיע-שפּאָרקאַסע דורך דער פּראָצענט-אָפּרעכענונג פונם געהאַלט פון די אָנגעשטעלטע און דעם אָבליגאַטאָרישן אַנטייל פון די באַלע-באַטים מיט אָפּצאָלונגען, וועלכע דאַרפן זיין ניט קלענער, איידער די אַלגע-מיינע סומע פון די אָפּרעכענונגען פון די אָנגעשטעלטע.

8) די גרינדונג פון אַ בוירערים-גערעכט אַף צו אויסמיידן אַלע שטרייט-פראַגן און מיספאַרשטענדענישן צווישן די באַלעבאַטים און די אָנגעשטעלטע.

9) די אַרבעט פון די מינדעריעריקע טאָר ניט זיין קיין אומזיסטע. די צאָל פון די אַרבעטס-שאָען דאַרף פאַר זיי פאַרקירצט ווערן ביז 8 באַ אַ צווייִשאָ-דיקן אָפּרו. עס דאַרף זיי אויך געגעבן ווערן אַ מעגלעכקייט צו באַזוכן די אָוונט-קורסן אַפן רעכענונג פונם באַלעבאָס. די מינדעריעריקע פריקאַזטשיקעס טאָרן ניט אויסגענוצט ווערן צו הויז-אַרבעט און פערזענלעכער באַדינונג.

10) אויסגלייכן די אידישע פריקאַזטשיקעס אין אַלע רעכט מיט די פרי-קאַזטשיקעס פון די אַנדערע נאַציעס. און אויך אָפּשאַפן די באַגרעניצונגען פאַר די אידישע אָנגעשטעלטע אין די נאָטאַריעלע קאָנטאָרן.

49. די אידישע ארבעטער און די רעגירונגס-קאָמיסיעס וועגן דער ארבעטער-פראגע.

(קאָרעספּאָנדענץ פון דווינסק אין נומ. 232 „לעצטע נאַכריכטן" פון 10-טן מאַי 1905).

דעם 26-טן מאַרט האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דעם 30-טן וועלן זיך אין וויטעבסק אָנהויבן די זיצונגען פון דער קאָמיסיע וועגן דער אַרבעטער-

פראַגע, מיטן אַנטייל פון פאָרשטייער פון די אַרבעטער און פאַבריקאַנטן, אונטער דער אָנפירונג פונם גובערנאַטאָר און פאַבריק־אינספעקטאָר. די קאָמיסיע וועט זיך באַשעפטיקן מיט באַטראַכטן בלויז די עקאָנאָמישע נויטן פון די אַרבעטער: מיקויעך פאָליטישע אָבער, פאַרשטייט זיך, וועט מען קיין וואָרט ניט ריידן.

צוזאַמען מיטן וויטעבסקער קאָמיטעט פון בונד האָבן מיר אַרויסגעלאָזן אַ פראָקלאַמאַציע „פאָליציייִשע קונצן״ (אין אידיש און רוסיש), וועלכע איז היינט אָפן פאַרשפרייט געוואָרן אַף אַלע פאַבריקן און זאַוואָדן, צו וועלכע מיר האָבן נאָר אַ צוטריט. זי איז אויך פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן איבערן ראַיאָן.

דעם 27-טן האָבן זיך אַף אַלע פאַבריקן באַוויזן מעלדונגען וועגן דער גרינדונג פון דערדאָזיקער קאָמיסיע, און די אַרבעטער זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אויסצוקלייבן זייערע פאָרשטייער, אַף וואָס מע האָט זיי פאָרגעשטעלט צוויי פרייע שאָ... די אויסגעקליבענע דעלעגאַטן האָבן היינט באַדאַרפט אָפפאָרן קיין וויטעבסק.

אונזער אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן בילדן אַ ספּעציעלע גרופּע אַגיטאַטאָרן, וועלכע זאָלן דערקלערן די אַרבעטער די באַדייטונג פונם דאָזיקן נייעם פאָליציייִשן קונצשטיק, פאָרמולירן אונזער באַציאונג צו דער קאָמיסיע, און אויך די פאָדערונגען, נאָך דער באַפרידיקונג פון וועלכע דורך דער העכערער אַדמיניסטראַציע וואָלטן די אַרבעטער זיך געקאָנט באַטייליקן אין איר טעטיקייט.

מיר האָבן אַרויסגעשטעלט די פאָלגנדיקע דריי פאָדערונגען: 1) די אַרבעטער קאָנען פולשטענדיק פריי צוזאַמענקלייבן זיך ביז די וואַלן אַזוי פיל מאָל, וויפל זיי וועלן געפינען פאַר נויטיק, און פולשטענדיק פריי ריידן אַף זייערע פאַרזאַמלונגען וועגן אַלץ, וואָס זיי אינטערעסירט. 2) די וואַלן דאַרפן זיין פריי פון יעטווידער דרוק מיצאַד דער פאָליציי און דער פאַבריק־אַדמיניסטראַציע: זייערע פאָרשטייער דאַרפן ניט זיין אָנוועזנד בעשאַס די וואַלן. דאָס רעכט צו קלייבן און ווערן אויסגעקליבן דאַרף אַף גלייכע יעסוידעס פאָרגעשטעלט ווערן סײַ די אַרבעטער, סײַ די אַרבעטערינס. די וואַלן דאַרפן דורכגעפירט ווערן אַפן יעסאָד פון אַלגעמיינער און געהיימער אָפשטימונג. 3) אין דער קאָמיסיע גופע האָבן די אַרבעטער דאָס רעכט פולשטענדיק פריי צו ריידן ניט נאָר וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטער, נאָר אויך וועגן פאָליטישן רעזשים, דערביי קאָנען זיי פאַר דעם ניט צוגעצויגן ווערן צו קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט — ניט אַדמיניסטראַטיוו און ניט דורכן געריכט.

דעם 28-טן האָבן אונזערע אַגיטאַטאָרן באַזוכט אַלע פאַבריקן און זאַוואָדן (אויסער גרילישעס און וואַלדנבערגס). אַזוי ווי אַף פיל פאַבריקן, ווי, צום ביישפּיל, בײַ נאַטאַנסאָן, זאַקס און אַנדערע, אַרבעטן אידן און קריסטן צוזאַמען, האָט מען דאָרט גערעדט אי אַף אידיש, אי אַף רוסיש. די אַרבעטער האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט די רעדנער און באַדעקט די רעדעס מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן און אויסגעשרייען: „מיר וועלן ניט קלייבן, ביז מע

וועט ניט באַפרידיקן אונזערע פאָדערונגען". די רוסישע און אידישע אַרבע-טער האבן ברידערלעך געדריקט איינער דעם צווייטן די הענט.

5 אזייגער פארנאַכט האט מען אָף זאקס פאבריק... פאָרגעלייגט די אַרבע-טער קלייבן דעלעגאַטן. נאָר די אַרבעטער האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן ניט צוטרעטן צו די וואַלן, ביז מע וועט זיי ניט גאַראַנטירן, אַז עס וועלן באַפרי-דיקט ווערן די פאָדערונגען, וואס זיי האָבן ארויסגעשטעלט. דער ענטפער פון דער קאָנטאָר איז נאָך ניט באַוואוסט.

היינט, דעם 29-טן, זיינען אונזערע אַגיטאַטאָרן ווידער געגאַנגען איבער די פאבריקן און זאַוואָדן, קיין איין דעלעגאט איז קיין וויטעבסק ניט געפאָרן.

50. די שטעטלדיקע אַרבעטער און די פויערים-באַוועגונג אין „טכום"

(קאָרעספּאָנדענץ פון קרעסלאַווקע, וויטעבסק. גוב. אין נומ. 223 „לעצטע נאכריכטן" פון 10 מאַרט 1905)

...מיט עטליכע טעג צוריק האָבן צו אונז אָנגעהויבן דערגיין קלאַנגען, אַז די פויערים פון די דערפער, וואָס אַרום קרעסלאַווקע, גייען מאַכנעסווייז צו 150-200 מענטשן איבער די פּריצישע וועלדער און באַלעבאַטעווען דאָרט, ווי אין אייגענע. אין מיטן העלן טאָג ציען זיך פון וואַלד גאַנצע שורעס פורן מיט האָלץ. דעם וואַלד האַקן די פויערים מיט אַ סיידער, וואָס עס באַווייזט, אַז זיי האָבן אָף אים אויסזיכטן אויך אין דער ווייטער צוקונפט...

אָף צו באַרואיקן די „בונטאָוושטשיקעס" האָט מען אַרויסגערופן מיליטער. סאָלדאַטן האָט מען אַרויסגעשיקט אין די דערפער אוזשוואַלד, מאַלינאָווקע, באָראָווקע און קומבולקע. צוויי פּריצישע הויפן — באַדענעס און קאָנסטאַנ-טינאָווע, — האָבן די פויערים פאַרברענט. אין הויף קאָפּאָלאָווע האָבן די פויערים, ווי מע זאָגט, דערהאַרגעט דעם פאָרעץ מיטן פאַרוואַלטער פאַר דערמאָרדן א פויער.

אונזער אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעלאָזן אין 800 עקז. אַ העקטאָגראַפירטן בלעטל צו די סאָלדאַטן, אין וועלכן די לעצטע ווערן גערופן אויפשטיין קעגן אונזער אַלגעמיינעם סוינע און אָפּזאָגן זיך פון צו שיסן אין די פויערים.

די שטימונג צווישן די לעצטע בענויגייע... צו די ארבעטער, אָדער „פּאַ-בריקאַנטן", ווי די פויערים רופן זיי, איז אַ פריינטלעכע... די בלעטלעך און די אַרבעטער זיינען זייער פּאָפּולער צווישן די פויערים. די בלעטלעך צעכאַפּן זיי מאָמעש פון די הענט, זיי לייגן פאָר פאַר זיי געלט.

...דער טאָג פון 20-טן פעווראַל איז געווען בעעמעס א היסטאָרישער פאר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון קרעסלאַווקע. עס איז געווען זונטיק און אָפן מאַרק זיינען אָנגעפאָ"ן אַסאַך פויערים. אַזייגער צוויי באַטאָג זיינען אַ מענטשן 10 פון זיי געקומען אָף כורינס פאַבריק*) און געבעטן ארויסשיקן זיי דעם „גלאַוונעם" אָף אַן אייצע. ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, האָט מען די

*) די גרעסטע פאבריק אין קרעסלאַווקע.

פויערים באַפעלן צוזאַמענקלייבן זיך 4 אזייגער אין קרעסלאַװוקער װאָלאָסט-פאַרװאַלטונג, װאוהין עס װעט קומען דער גובערנאַטאָר. װילן זיי, הייסט עס, מיט אונז בּאַראַטן זיך, װי צו האַלטן זיך מיטן גובערנאַטאָר.

אונזער אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן טייקעף ארויסלאָזן א העקטאָגראַפירטן בלעטל צו די פויערים, אין װעלכן עס זאָלן זיין קורץ פאָרמולירט זייערע נאָענטסטע פאָדערונגען. דערװייל, ביז די בלעטלעך זיינען געװאָרן פארטיק, האָבן מיר דורכגעפירט צװיי גאסן-פארזאמלונגען, װעלכע זיינען דורכגעגאַנגען גלענצנד. אַ האמוין פון 300 פויערים רינגלט ארום דעם רעדנער, װעלכער האַלט פאַר זיי אַ הייסע רעדע, רופט זיי צום פּאָליטישן קאמף. װי נאָר דער רעדנער דערמאָנט די אומגליקן פון דער מילכאָמע און אונזער פּאָדערונג טייקעף ענדיקן זי, שװירעט אויף דער האמוין און פון הונדערטער פויערשע מיילער רייסט זיך ארויס: „אָט דאָס װילן מיר דאָך אויך!" יעדע נייע פּאָ-דערונג, װעלכע דער רעדנער דערקלערט, װערט באַדעקט מיטן הילכיקן „אורא". אייניקע פויערים קאָנען זיך ניט איינהאַלטן און װילן אויך עפּעס זאָגן, נאָר די פארזאמלונג האלט זיי אָפּ: „שטער אים ניט ריידן, ער װייס מער פון דיר"...

דער רעדנער האָט געענדיקט, און די פארזאמלונג איז זיך פאנאנדערגעגאַנגען א באַגייסטערטע, גרייט ארויסצושטעלן דעם גובערנאַטאָר אלע פּאָדערונגען, װאָס דער רעדנער האָט פאָרמולירט.

אין א האַלבע שאָ אַרום איז אין אן אנדער אָרט פּאָרגעקומען אַ צװייטע פויערשע פארזאמלונג. עס האָבן גערעדט צװיי רעדנער. איינער האָט זיך באַמיט צו דערװייזן, אז מיט ראַבירן װעלן די פויערים זיך גאָרניט דערשלאָגן און האָט גערופן צו אן ענערגישן קאמף קעגן דעם שוירעש פון אלע צאָרעס — קעגן דעם עקזיסטירנדן װילקיר און דער זעלבסטהערשונג. דער צװייטער האָט גערעדט װעגן דעם, אז די סאָנים פון פאָלק װעלן זיך געװיס סטאַרען אלץ ארויפװאַרפן אף די אידן. נאָר דער גאַנצער האמוין האָט אויסגעשריען: „ניין, איצט װעט מען שוין אונז ניט נאַרן! יענע צייטן זיינען שוין פאַ-ריבער!"

דאָס סאמע װיכטיקע איז נאָך אָבער געװוען פאָרויס — אף דער פארזאמ-לונג בא דער װאָלאָסט-פארװאַלטונג, װאוהין 4 אזייגער האָט געדאַרפט קומען דער גובערנאַטאָר.

גרופּן פויערים האָבן זיך פון אלע זייטן געצויגן צום באַשטימטן אָרט, די שטימונג אי בא זיי אַ געהויבענע.

...עס איז שוין 4 אזייגער און דער גובערנאַטאָר איז ניטאָ. פויערים האָבן זיך צונויפגעקליבן ארום 300; קימאַט אזוי פיל זיינען געקומען אויך „שטאָ-טישע". די פויערים, אָנגעעלעקטריזירט אף די גאסן-פארזאמלונגען, זיינען געשטאַנען אין קרייזלעך און אויפגערעגט געשמועסט צװישן זיך. אין גיכן האָט מען געבראַכט אונזערע בלעטלעך; עס האָט זיך אָנגעהויבן אויך א מונדלעכע אגיטאַציע, װי צו האַלטן זיך מיטן גובערנאַטאָר, װאָס צו פּאָדערן בא אים א. ד. ג. דער זעמסקי נאַטשאַלניק האָט גערופן די פויערים אין הויף פון דער פארװאַלטונג, קעדיי צו איזאָלירן זיי פון די „שטאָטישע". די פויע-

רים אָבער האָבן פון דעם אפילע ניט געוואָלט הערן. „זאָלן „זיי" אויך הערן, וואָס דער גובערנאַטער וועט אונז זאָגן"; „זיי זיינען קליגער פון אונז, וועלן זיי אונז דערנאָך דערקלערן דעם גובערנאַטאָרס רייד".

די אויפרעגונג צווישן די פויערים איז געוואָרן אלץ שטארקער און שטאר-קער. יעדער לאָזונג, יעדע פאָדערונג איז אונטערגעכאפט געוואָרן מיט א הילכיקן „אורא"... זעענדיק די אויפגערעגטע שטימונג פון די פויערים, האָט די אָרטיקע מאכט ארויסגערופן מיליטער, וועלכע איז באלד געקומען. דער זעמסקי נאטשאלניק האָט פאר די סאלדאטן געהאלטן א רעדע, אין וועל-כער ער האָט אונטערגעשטרייכט, אז זיי זיינען די הויפט-שטיצע פון קיי-סער א. ד. ג.

דאָס האָט נאָך שטארקער אויפגערייצט די פויערים. עס האָבן זיך דער-הערט אויפגערעגטע אויסגעשרייען: „וואָס איז דאָ — א פויערשע פארזאמלונג, אָדער א סאָלדאטישע?" „אויב דער גובערנאטאָר וויל ריידן מיט אונז, טאָ צו וואָס דאַרף ער דאָ סאָלדאַטן? „אויב אבער ער וויל ריידן מיט די סאָלדאַטן, טאָ צו וואָס האָט ער אונז אַהער ארויסגערופן?" ניט קוקנדיק אף אלע באמיאונגען פון זעמסקי בארואיקן די פויערים, איז די אויפרעגונג צווישן זיי געוואקסן. עס האָבן זיך געהערט דראָאונגען אפן אדרעס פון זעמסקין און גובערנאטאָר. „אָדער מיר, אָדער די סאָלדאטן!" „יע-יע!" האָט אונטערגעהאלטן די מאסע. „אויב מע וועט ניט צונעמען די סאָלדאטן, וועלן מיר, ברידער, אלע אומקערן זיך אהיים". „אהיים-אהיים!" — האָט מען אָנגעהויבן צו שרייען פון אלע זייטן.

די סאָלדאטן האָט מען צוגענומען.

זעענדיק, אז דער האמוין הערט ניט אויף צו שרייען און „בונטעווען", און אז דער גובערנאטאָר איז נאָך אלץ ניטאָ (מע האָט אים מודיע געווען וועגן דער שטימונג פון די פויערים, און ער האָט, ווייזט אויס, זיך ניט געקאָנט באשליסן ווייזן זיך פאַרן האמוין), האָט דער זעמסקי געמעלדעט, אז דער גו-בערנאטאָר וועט ניט קומען און פאָרגעלייגט די פויערים פאנאנדערגיין זיך. אליין האָט ער זיך אויך גלייך אָפּגעטראָגן.

די פויערים האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין... נאָר אונזערן א רעדנער האָט זיך נאָך איינגעגעבן צו האַלטן פאר זיי א רעדע.

די פּאָליציי און אונזערע „פריוויליקע פּאַטריאָטן" האָבן אויך ניט גע-דרעמלט. אף דער פארזאמלונג און אויך נאָכדעם האָבן זיי זיך באמיט אָנצו-רייצן די פויערים קעגן די אידן און ענערגיש אגיטירן פאר א פּאָגראָם. דערוויל הערן די פויערים זיי ניט: „מיר ווייסן שוין איצט אליין, ווער זיינען אונזערע סאָנים און ווער זיינען אונזערע פריינט".

אף מאָרגן האָט מען געבראכט ארום 15 ארעסטירטע פויערים. די פויע-רים פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיך צונויפגעקליבן אין קרעסלאַוועקע מיטן ציל צו פאנאנדערטראָגן די פּאָליציי-פאַרוואלטונג און באפרייען זייערע כא-ווירים. דעם פריסטאוו איז געוואָרן פארדעכטיק, וואָס עס האָבן זיך צונויפ-געקליבן אזוי פיל פויערים אין אזא אומגעוויינלעכער צייט. ער איז צוגעגאנגען

צו די פויערים און האָט זיי אָנגעהויבן שטראפן פאר זייער נעכטיקער אויפי־רונג. אויב זיי ווילן זיך גוט פירן, האָט ער זיי צוגעזאָגט איינלאדן דעם גובערנאטאָר, נאָך בעסער וואָלט אָבער געווען, ווען זיי זאָלן אים מיטיילן זייערע פארלאנגען און ער וועט שוין דאָס איבערגעבן דעם גובערנאַטאָר. „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!״ — איז געווען דער ענטפער פון דער פויערים־מאַסע אף די רייד פון פריסטאוו. דער פריסטאוו האָט זיך אביסל געהיצט און איז אוועקגעגאנגען. ביסלעכווייז זיינען זיך אויך די פויערים פא־נאנדערגעגאנגען.

באַנאכט האָט מען אלע ארעסטירטע אריבערגעפירט קיין דווינסק, ווייל דער פריסטאוו האָט מוירע געהאט, אז מע זאָל ניט באפאלן דעם ארעסט־הויז. אפן צווייטן טאָג האָט מען געבראכט נאָך 30 ארעסטירטע פויערים, נאָר זיי האָט מען שוין טייקעף אָפגעשיקט קיין דווינסק.

אין צוזאמענהאנג מיט די אלע געשעענישן, האָט אונזער אָרגאניזאציע גע־שאפן א באזונדער קאָמיסיע צו ארבעטן צווישן די פויערים...

קרעסלאַווקער אָרגאַניזאציע פון בונד.

VI. מאָביליזאַציע פון די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע קרעפטן.

51. דער זשיטאָמירער פּאָגראָם.

(קאָרעספּאָנדענץ אין נומער 9 „לעצטע פּאַסירונגען“, 1905)

...געוואָרט האָט מען באַ אונז אף א פּאָגראָם שוין לאַנג, וועגן אים האָט גערעדט די גאַנצע שטאָט. צו אים האָט זיך געגרייט די אידישע און ניט אידישע באַפעלקערונג. אפילע די היגע צייטונג „וואָליע“ האָט אויך געפונען פאַר נויטיק צו ריידן וועגן דידאָזיקע קלאנגען און האָט פארזיכערט אין נאָמען פון די אָפיציעלע לייט, אז קיין פּאָגראָם וועט ניט זיין; אז קעדיי צו באַוואָרענען זיך פון אים האָט מען געטאָן אלץ, וואָס מע דאַרף. ווי עס האָט זיך איצטער ארויסגעוויזן, האָט מען טאַקע געטאָן אלץ, וואָס איז נויטיק... קעדיי אים צו אָרגאַניזירן. מיר האָבן זיך אויך געגרייט צום פּאָגראָם — אָרגאַניזירט א זעלבסטשוץ, נאָר מע מוז זיך מודיע זיין: דער פּאָגראָם איז פאַר אונז פּאָרט געווען אן אומדערוואַרטעטע זאַך. באַ אונז זיינען ניט געווען קיין באַשטימטע פאַקטן, וואָס זאָלן קענען אָנווייזן, דאָס עס איז מעגלעך, אז עס זאָל אויסברעכן א געוויינלעכער פּאָגראָם. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט דאָ געלעבט אין שאָלעם מיט דער אידישער. אפילע אין די טעג פון פּאָגראָם האָט מען אויך ניט געקענט באַמערקן קיין באַזונדערע סינע. עמעס, מיר האָבן געוואוסט, אז עס אָרגאַניזירט זיך א „שווארצע מייע“ [81], אז מע האָט פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס, וואָס דערוועקן צו שלאָגן אידן; אז אייניקע מענטשן האָבן באַקומען בריוו מיט סטראשונקעס, נאָר דאָס אלץ איז אין דער לעצטער צייט. געוואָרן אזאַ וואָכעדיקע, געוויינלעכע און אומעטום פאַרברייטערטע דערשיינונג, אז מיר האָבן פון דידאָזיקע פאַקטן קיין גרויסן וועזן ניט געמאַכט. מיר האָבן אף אזאַ אויפן געזעען די סאַקאָנע ניט דאָרטן, וואו זי איז ווירקלעך געווען: מיר האָבן גערעכנט, אז עס וועלן אָנפאַלן דעריקער די אומאָרגאַניזירטע מאַסן פון דער ארומיקער פויערשער און שטאָטישער קליינבירגערלעכער באַפעלקערונג. קעגן זיי האָבן מיר זיך אויך געגרייט ארויסצוטרעטן.

...די היגע „שווארצע מייע“ האָבן אָרגאַניזירט די פּאָליציי-לייט און די פי-

דער, וואָס מע האָט אויסגעשריבן פון מאָסקווע. עס איז איצטער זיכער פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז דער פריסטאַוו קאַיאַראָוו, וועמען עס האָט געהאַרגעט דער מיטגליד פון „קאַמפּס-אָטריאַד״ פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, דער פּאָמאָטשניק פריסטאַוו יאַראָצקי, דער עלטערער פּאָליציסט אַלעקסאַנדראָוו און אייניקע איבערגעקליידעטע זשאַנדאַרמען זיינען געווען פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן; אין דעם פּאָגראָם גופא האָבן אויך אייניקע פּאָליציי-לייט גענומען אן אָנטייל. אזוי האט, לעמאָשל, אף דער קיעווער גאַס אַ פּאָליציסט אָנגעוויזן די פּאָגראָמשטשיקעס, וואו עס זיינען די אידישע הייזער, אן אַנדער פּאָליציסט איז געגאַנגען בעראָש פון א גאַנצער כאַליאַסטרע און האָט מיט א לאַנגן שטעקן געבראָכן די פענסטער אין די אידישע הייזער; דאָסזעלבע קען מען זאָגן וועגן די סאָלדאַטן. די אָדער יענע איינצלנע סאָלדאַטן האָבן אפילע גענומען אַן אָנטייל אין פּאָגראָם, געשטאָכן די אידן, געהאָלפן זיי שלאָגן.

...די „שווארצע מייע״ איז געווען גוט אָרגאַניזירט. די „שווארצע מייעניקעס״ זיינען ארומגעגאַנגען אין קליינע גרופּן; אין איין מאָמענט, נאָך א צייכן, פלעגן זיי זיך צונויפקלייבן, דערנאָך ווידער פאַנאַנדערשפּרייטן זיך; זיי פלעגן אָפּטרעטן צוריק און אָנפאַלן אין געשלאָסענע רייען, געשאָסן נאָכן סיגנאַל, זיינען ארומגעגאַנגען מיט עלעקטרישע לאַמטערנעס און אז. וו. מיר קענען אויך רעכענען, אז די פּאָזיציע, פון וועלכער זיי האָבן אונז ארויסגערופן צום שלאכט, האָבן זיי אויך לעכאַטכילע פון פריער אויסגעקליבן. די „שווארצע מייעניקעס״ האָבן זיך געשטעלט אין פּאָליאַקאָווקע אפן באַרג, פון דאָרטן האָבן זיי אין אונז געשאָסן און געוואָרפן מיט שטיינער; אונז איז אויסגעקומען צו שטיין אין א טאָל אן ארומגערינגלטן מיט קליינע בערגלעך. וואו מיר זיינען געשטאַנען, איז געווען ליכטיק פון לאַמטערנע, די כוליגאַנעס זיינען געשטאַנען אין דער פינסטערניש, זיי האָבן אויך געהאַט א באַהאַלטענעם „רעזערוו״; ווען אונזערע כאַוויירים האָבן זיך געלאָזט נאָכיאָגן די אַנטלאָפענע כוליגאַנעס, האָט מען זיי מיטאמאָל ארומגערינגלט פון אלע זייטן. צוליב די אלע פאקטן קענען מיר זאָגן, אז דעם 24 און 25 אפּרעל איז אין זשיטאָמיר פאָרגעקומען א געפעכט און ניט א פּאָגראָם, — א געפעכט צווישן כוליגאַנעס און די סאָציאַליסטן, וועלכע די רעגירונג האָט אָרגאַניזירט, קעדיי צו צעשטערן אונזערע קאַמפּס-קרעפטן. די כוליגאַנעס האָבן אפן צווייטן טאָג גלייך אָפן געזאָגט, אז מיר זאָלן אוועקלייגן דאָס געווער, — דאַן וועלן זיי אויפהערן אָנפאַלן אף אונז.

...אין זשיטאָמיר זיינען ניט פאָרגעקומען קיין געוויינלעכע רויבערייען, ווי אין אנדערע שטעט, בעאייס די פּאָגראָמען. איינצלנע פאַקטן פון רויבערייען האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, דאָ אויך געטראָפן, נאָר אזאַ כורבן ווי אין קישענעוו, האָמעל און אין אנדערע שטעט, וואָס האָבן געליטן פון פּאָגראָמען, האָט מען דאָ ניט געקענט זעען. עס איז מעגלעך, אז אויב קיין זעלבסטשוץ וואָלט ניט געווען, וואָלט זיך דער פּאָגראָם פאַנאַנדערגעוואַקסן, און מיר וואָלטן געהאַט א צווייטן קישענעוו, נאָר דאָס איז א פאַקט, אז די פּאָגראָמשטשיקעס

זיינען דאָסראָוו יויצע געווען מיט ברעכן די שויבן און כאָרעוו מאַכן די שטוביקע באַבעבאַטישקייט. אף אזאַ אויפן זעען מיר, אז דעריקער האָט מען געוואָלט אַטאַקירן נאָר אונז, כאָטש אפילע די כוליגאַנעס וואָלטן געוויס אויך פאַנאַנדערגעטראָגן די גאַנצע שטאָט, ווען די זעלבסטשוץ וואָלט זיי ניט געשטאַנען אין וועג.

אָנגעפאלן איז מען קימאַט גלייכצייטיק אין צוויי-דריי פונקטן: אף פאָדאָל, אפן פלאַץ און אף די דערבייאיקע גאַסן. ווען די זעלבסטשוץ האָט ארויסגעשטופּט די כוליגאנעס פון די גאַסן, האָבן זיי זיך צונויפגעקליבן אפן פלאַץ; דאָ איז אויך געשטאַנען אונזער זעלבסטשוץ; נאָר באַלד האָט זיך צווישן איר און די כוליגאַנעס געשטעלט דער כאַיעל. דאָ האָבן פאַר די אויגן פון אָפיצער די כוליגאַנעס און דער פּאָמאָטשניק פריסטאַוו געהאַרגעט דעם רוסישן סטודענט בלינאָוו; דער פּאָמאָטשניק פריסטאַוו האָט אים מיט קאַאַס א זאָג געטאָן: „כאָטש דו ביסט ניט קיין איד, נאָר ערגער פון א אידן״... בלינאָוו איז, ווי עס איז באַקאָנט, אינם נאָמען פון דער זעלבסטשוץ געגאַנגען צונויפריידן זיך מיט דער פּאָליציי. בעאייס ער איז געשטאַנען צווישן צוויי ציילן סאָלדאַטן, האָט מען אים געהאַרגעט.

דער געפּעכט, וואָס איז פאָרגעקומען אפן פאָדאָל, האָט נאָך צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע פון פּאָגראָמען. פון העלער הויט... האָבן זיך די כוליגאַנעס א וואָרף געטאָן אף די אידישע הייזער, אָנגעהויבן צו ווארפן אין זיי שטיינער, אריינגעריסן זיך אין די דירעס, כאָרעוו געמאַכט אלץ. ארויסגעלאָזן די פוך און די פעדערן פון די קישנס (אַ באַקאַנטעס בילד!), ס׳איז אונטערגעלאָפן די זעלבסטשוץ, האָט נאָר עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן און פאַנאַנדערגעטריבן די גאַנצע כאַליאַסטרע. אין עטלעכע מינוט ארום האָבן די כוליגאַנעס גאָר ווי עס דאַרף צו זיין אָנגעהויבן צו אטאַקירן די כאַווירים פון זעלבסטשוץ. זיי האָבן זיך אויסגעמושטירט אין ציילן און האָבן פלאַנמעסיק און אנטש אָסן אָנגעהויבן די אטאַקע, באשיטנדיק אונז מיט אַ האָגל פון שטיינער און שראָט. די זעלבסטשוץ האָט באַקומען נייע קרעפטן, — די אַטאַקע האָט מען אָפּגעשלאָגן. דאַן האָבן די כוליגאַנעס ווידער אָפּגעטראָטן צוריק און אונזערע כאַווירים האָבן זיך געלאָזט נאָכיאָגן זיי. פלוצלונג איז פון מאַכאַטשעקס ביר-ברויערײ ארויסגעשפּרונגען א נייע באַנדע כוליגאַנעס און אונזער אָטריאַד האָט מען ארומגערינגלט פון אלע זייטן. פון דעמראָויקן אָטריאַד האָט מען קימאַט אלעמען צעמאַזיקט און פארוואונדעט.

אונטער א האָגל פון קוילן זיינען די מיטגלידער פון זעלבסטשוץ געשטאַנען נאָענט פון פיר שאָ. אייגער נאָך דעם אנדערן זיינען כאַווירים געפאַלן. נאָר די קראַפט און דער מוט פון די קעמפנדע זיינען ניט אָפּגעשוואכט געוואָרן. אונזערע כאַווירים האָבן ארויסגעוויזן א וואונדערלעך שטאַרקן געמיט. קיין זיפץ האָט זיך בא זיי פון האַרצן ניט ארויסגעריסן, א מינוט ניט קלערנדיק, האָבן זיי זיך יערער מאָל פון דאָס ניי געוואָרפן אין פייער. די פארוואונדעטע פלעגן אָפּגעבן די כאַווירים זייער געווער און פלעגן רואיק אוועקגיין, אויב זיי זיינען עס נאָך געווען אימשטאַנד צו טאָן.

52. די בונדישע זעלבסטשוץ אין זשיטאָמיר.

(„פֿאַקטן פֿון זשיטאָמירער פּאָגראָם“, „דער בונד“ נומער 7, מאַי 1905)

ווען אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן א „פּאָגראָם-שטימונג“, האָט אונזער אָרגאַניזאַציע, ווי אומעטום אין אַזוינע פֿאַלן, זיך גענומען גרייטן צו ארויסווייזן א באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד. אויף באַשטימטע קוואַרטירן זיינען געזעסן גרופּן באַוואָפֿנטע ארבעטער און געוואַרט אויף יעדיעס פֿון די פּאַטרולן, וועלכע זיינען געווען פֿאַרשפּרייט אין אַלע טיילן פֿון שטאָט. נאָך דעם צוזאַמענשטויס אויף פּאָוויליקאָווקע, וואו ס'איז געוואָרן קלאָר, אז דער פּאָגראָם האָט זיך שוין אָנגעהויבן, איז די גאַנצע נאַכט פֿון שאַבעס אויף זונטיק אוועק דערויף, וואָס מע האָט פֿאַנאַנדערגעטיילט די קרעפֿטן, אָנגעוויזן יעדער אָפּטיילונג איר אָרט, באַשטימט קאָמאַנדירן איבער יעדער גרופּע, מיט איין וואָרט — מע האָט זיך פֿולקום מאָביליזירט. די אָטריאַדן זיינען באַשטאַנען פֿון 2 טיילן — פֿון באַוואָפֿנטע מיט רעוואָלווערן, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אומעטום גיין פֿאָרויס, און באַוואָפֿנטע מיט קאַלט געווער (מעסערס, קאַסטעטן, ברעכאייזנס), וועלכע זיינען געגאַנגען הינטן און האָבן געבילדעט א מין רעזערוו. די הויפּט-קאָמאַנדע איבער אַלע באַוואָפֿנטע אָטריאַדן אין שטאָט, סיי אונזערע, סיי פֿון „פּויאַלע-ציאָן“, האָט געהערט א כאַווער פֿון אונזער אָרגאַניזאַציע.

זונטיק האָבן זיך אונזערע באַוואָפֿנטע גרופּן געפֿונען אומעטום, וואו מע האָט נאָר געקענט דערוואַרטן אן אָנפֿאַל. קליינע צוזאַמענשטויסן זיינען פֿאָרגעקומען אין פֿאַרשיידענע ערטער. נאָר די גרעסטע און וויכטיקסטע 2 געפֿעכטן איז זיי אויסגעקומען אויסצוהאַלטן אויף קאַטעדראַלן פּלאַץ און אויף פּאָדאָל.

אויף קאַטעדראַלן פּלאַץ האָט מען פֿון אינדערפֿרי אָן געקענט באַמערקן א מאָדנע בילד. פֿון איין זייט פּלאַץ, נעענטער צו קיעווער און ווילענסקער גאַס, זיינען געשטאַנען די כוליגאַנעס; פֿון דער אנדערער זייט, צווישן טשודנאָווער און בערדיטשעווער גאַס — די באַוואָפֿנטע ארבעטער-אָטריאַדן. אין מיטן אפֿן פּלאַץ זיינען געשטאַנען מיליטער און פּאָליציי. די ארבעטער האָבן געבילדעט פֿון זיך א לעבעדיקע קייט און האָבן פֿאַרשפּאַרט דעם ארייננגאַנג אויף בערדיטשעווער און טשודנאָווער גאַסן. זיי האָבן די גאַנצע צייט קיינעם ניט ארייננגעלאָזן פֿון צענטער שטאָט אויף דיזאָזיקע גאַסן און פֿון דאָרט ניט געלאָזן קיינעם אין שטאָט אריין. ווי נאָר זיי פֿלעגן באַמערקן, אז די כוליגאַנעס פּרוּוון זיך נעמען צו דער ארבעט, אַזוי פֿלעגן זיי באַלד אָנפֿאַלן און ניט דערלאָזן. די כוליגאַנעס זיינען דאָ ביז נאָכמיטאָג געווען ווייניק אקטיוו. זיי פֿלעגן נאָר וואַרפֿן שטיינער איבער די קעפּ פֿון די סאָלדאַטן. די אַרבעטער פֿלעגן זיי ענטפֿערן. עס זיינען פֿאָרגעקומען קליינע צוזאַמענשטויסן. די כוליגאַנעס זיינען אָנגעפֿאַלן אויף א פֿור מיט א אידישן פֿורמאַן, וועלכן מיליטער האָט אומישנע דורכגעלאָזן דורך זייערע רייען אויף דער זייט פֿון די כוליגאַנעס. אונזער באַוואָפֿנטער אָטריאַד האָט זיך באַלד א לאָז געטאָן אהין און אָפּגעשלאָגן די פֿור.

אַזוי אין קליינע געשלעגן איז אריבער די צייט פֿון נאָך מיטאָג — ביז עס איז געוואָרן באַוואוסט, אז דער פּריסטאַוו קאַיאָראָוו איז געטויט געוואָרן. די-

דאָזיקע יעדיע איז געווען ווי א סיגנאַל צו אָנהויבן די האריגע. באַלד זיינען די כוליגאַנעס באַפאַלן נוגערן, באַלד איז דערהאַרגעט געוואָרן בלינאָוו. אונזערע אָטריאַדן האָבן זיך אריינגעמישט און אָנגעהויבן שטרייטן מיט די כוליגאַנעס. דער שטרייט האָט געדויערט דעם גאַנצן טאָג און האָט געבראַכט דערצו, אז פון דעם פלאַץ האָט זיך דער פאָגראָם ניט פאַנאַנדערגעשפּרייט ווייטער. אונזערע כאַווירים האָבן אים דערשטיקט נאָך איידער ער איז זיך צעוואַקסן.

שווערער איז געווען דער קאַמף אַף פאָדאָל—דער העלדישסטער טאָט פון אונזערע באַוואָפנטע כאַווירים. מע קען זאָגן, אז דאָ, אין דעמדאָזיקן 4-שאָעדיקן שטרייט ליגט דער שווער-פּונקט פון דער גאַנצער זשיטאָמירער דראַמע. אַרום 7 אַזייגער פאַרנאַכט איז מען געוואָר געוואָרן, אז אַ גרויסע מאַסע כוליגאַנעס פון מער אַלס הונדערט מאַן גייען פון דער פאָרשטאָט מאַלדאַוואַנקע אין שטאָט אריין. זיי האָבן אַפן וועג זיך דערוויל פאַרנומען דערמיט, וואָס זיי האָבן געשלאָגן שויבן אין אידישע הייזער און אַרויסגעלאָזן די פעדערן פון די קישנס. ווען דערדאָזיקער מאַכנע וואָלט זיך איינגעגעבן אריינגיין אין צענטר שטאָט אריין, וואָלט דער פאָגראָם זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן אין אַ שרעקלעכער מאָס.

דאָס האָבן אָבער ניט דערלאָזן אונזערע אָטריאַדן.

אַזוי ווי זיי זיינען געווען צעזייט איבערן שטאָט, איז באַלד, ווי ס'איז אָנגעקומען די יעדיע פון פאָדאָל, האָט זיך אַהין אַוועקגעלאָזן גאָר אַ קליינע גרופּע. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן מיט די כוליגאנעס אַן עכטע מילכאָמע. זיי זיינען אַרויסגעטראָטן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער זעלבסט-אָפּפּערונג. אין דער ערשטער ריי איז געווען בעסאַכאַקל 8 מאַן. אין אַ קורצער צייט זיינען אַלע אַכט שוין געפאַלן, ווער טויט, ווער פאַרוואונדעט. די איבעריקע, ניט קוקנדיק אַף די געפאַלענע און ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי זיינען געווען אַ קליין הייפל אַנטקעגן אַ גאַנצער מאַכנע, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פאָרווערטס איבער די קערפּער פון די כאַווירים און מיט נייעם קויעך באַפאַלן די פיינט. יענע האָבן געמוזט אָפּטרעטן. די מילכאָמע איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און פייערדיקער. פוןביידע זייטן זיינען געפאַלן טויטע און פאַרוואונדעטע. באַלד האָט אַ טייל כוליגאַנעס זיך אָפּגעטיילט און איבערגעגאַנגען אַף אַן אַנדער זייט. אונזערע כאַווירים האָבן מיטאַמאָל דערזען, אַז זיי זיינען אַרומגערינגלט פון 2 זייטן, דערצו זיינען זיי נאָך געשטאַנען אין טאָל, און די כוליגאַנעס אַף בערג. יענע האָבן געוואָרפן אין זיי שווערע שטיינער, וואָס האָבן געטויט און פאַרוואונדעט ניט ווייניקער ווי די קוילן. אונזערע כאַווירים האָבן זיך געפונען אין אַ קריטישער לאַגע, זיי האָבן געמוזט אָפּטרעטן ביז אַ נאָענטן ראָג, דאָרט האָבן זיי זיך ווייטער געשטעלט אין אָרדענונג און זיך ווייטער אַ לאָז געטאָן אַף די פיינט. דער שטרייט איז געוואָרן אַלץ שווערער. באַלד זיינען זיי קימאַט אַלע געפאַלן, טויט אָדער פאַרוואונדעט. נאָר דאָ איז פון שטאָט געקומען צו לויפן אַ נייער אָטריאַד, און דאָס געפעכט האָט זיך באַנייט מיט אַ שטאַרקערן פייער.

די מילכאָמע האָט געדויערט 4 שאָ. דורך אַ גאַנצע ריי אַטאַקן האָט זיך

אונזערע כאַוויירים איינגעגעבן צו פאַרטרייבן די גראַמילעס אַף יענער זייט טייך און ניט דערלאָזן זיי אין שטאָט אַריין.

53. די טשודנאָוו־טראָיאַנאָווע־ געשיכטע.

(פון א בריוו פון טשודנאָוו אינם „פרייבנד״ 82) נומ. 105, 1905)

דעם 23 אַפריל, באַלד ווי מע האָט אין טשודנאָוו דערהערט וועגן זשיטאָמיר, זיינען 14 יונגע לייט פון דער היגער אָרגאַניזאַציע פון זעלבסטשוץ אוועקגעפאָרן העלפן זייערע זשיטאָמירער ברידער.

ארויסגעפאָרן זיינען זיי 1 דעם זייגער באַטאָג און געקומען קיין טראָיאַנאָוו 6 אזייגער, שוין קימאַט פאַרנאַכט, הייסט עס. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט בא אן אכסאניע, קעדיי די פערד זאָלן אַביסל אָפּרוען. באַלד האָט זיך פאַרזאַמלט אַ האמוין פויערים, מיט געשרייען: „שלאָגט די זשוליקעס!״ מע האָט אויך אָנגעהויבן קלינגען אין צערקווע און עס איז זיך צונויפגעלאָפן נאָך אַ גרעסערער האמוין, באַוואָפנט מיט העק, קאָסעס, שטעקנס און אלערליי געווער.

די טשודנאָוווער יונגע לייט האָבן זיך טכילעס דערשראָקן, גענומען זיך צעלויפן, באַלד אָבער האָבן זיי זיך פאַרייניקט ווידער און געשיצט זיך מיט מוט און גרויס גוואורע קעגן די אויפגערייצטע פויערים. יאַקאָוו בראָדסקי איז געווען דער ערשטער אין שטרייט, און דער גרויסער האמוין פויערים האָט ניט געקאָנט מאַכן מיט דעם קליינעם הייפל אידישע העלדן. די טשודנאָוווער יונגע לייט האָבן קוידעמקאָל געפרואווט זיך מיט גוטן ריידן מיט דעם האמוין און דערווייזן אים, אַז זיי, די אידן, ווילן קיינעם גאָרנישט ניט טאָן, נאָר שיצן זיך, ווען מע פאַלט אָן אַף זיי. דער האמוין האָט ניט געוואָלט הערן. האָבן די יונגע לייט געשאָסן אין דער לופט, און דערנאָך זיך גענומען ערנסט פאַרטיידיקן.

זיינען אונטערגעקומען טראָיאַנאָווער אידן און אָנגעהויבן בעטן די טשודנאָוווער יונגע-לייט, זיי זאָלן אָפּגעבן די רעוואָלווערס, זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז מע וועט קיינעם ניט טאָן, ווען זיי וועלן נאָר אָפּגעבן זייער געווער, העכסטנס וועט מען זיי אָפּפירן אין אַרעסט.

די טשודנאָוווער יונגע-לייט האָבן געגלויבט זייערע ברידער, האָבן אוועקגעוואָרפן די רעוואָלווערן, און דאָ ערשט זיינען זיי אריינגעפאַלן. דער האמוין האָט זיך גענומען פאַר זיי. די אומגליקלעכע יונגע מענטשן, אָן געווער, האָבן גאָרניט געקאָנט טאָן, זיינען זיי אנטלאָפן באהאלטן זיך אין אידישע הייזער. קיין אידישער באַלעבאָס האָט אָבער ניט אַרויפגעלאָזן אַ טשודנאָוווער אַפן שוועל פון הויז. זיינען די יונגע-לייט אריינגעפאַלן די מערדער אין די הענט און מע האָט אַפן שטעל דערהארגעט עטלעכע

און צוויי שווער פאַרוואונדעט. צוויי האָבן זיך באהאלטן אין שול, 4 זיינען אנטלאפן און זיך געראַטעוועט.

אז א האמוין האָט ארומגערינגלט דריי יונגע-לייט, האָט איינער זיך אָפּ-גערופן צו די אויפגערייצטע פויערים, אז מע וועט זיי געבן געלט, און זיי זאלן די דריי וויניקסטנס לאָזן לעבן. די פויערים האָבן מאַסקים געווען, און אָט איז מען ארומגעגאנגען פון הויז צו הויז צו די טראיאנאווער אידן, אָבער קיינער האט קיין פרוטע אַכאַס ניט געוואלט געבן.

מע איז אַוועק צום אוישער פון שטעטל, האט ער אויך ניט געוואלט געבן קיין געלט. דאס האט דעם האמוין אריינגעבראכט נאך אין מער רעציכע, און מע האט צוויי יונגע-לייט טייקעף דערהארגעט, נאר איינער האט זיך אויס-געריסן און איז אנטלאָפן.

די, וואס האָבן זיך באהאלטן אין שול, האט מען פון אויג ניט געלאזט. 6 שיקערע פויערים האָבן געהיט די שול א גאנצע נאכט. אף מארגן איינדער-פרי האבן די פויערים געבעטן, מע זאל זיי געבן 25 רובל, וועט מען לאזן די טשודנאווער יונגע-לייט אנטלויפן. זיינען א פאָר טראיאַנאווער אידן אוועקגע-גאנגען צו דעם טראיאנאווער אוישער און געבעטן, ער זאל געבן אָדער אויס-לייגן די עטלעכע רובל. געבן האט ער ניט געוואלט, אויסלייגן דערווייל האָט ער קלוימערשט יא מאסקים געווען, אָבער מיט אַ טנאי, אז מע זאל אים ארעוו זיין פאר די אויסגעלייגטע געלט. צווישן די שטאדלאנים האט זיך קיין איינציקער ניט געפונען, וואס זאָל נעמען אף זיך די ארוועס (אפאנים, אז דער אוישער קאן זיינע טראיאנאווער...) און מע איז אוועק מיט גארנישט.

און דער סאָף איז געווען, אז דערווייל האט זיך שוין צונויפ-געקליבן א האמוין כוליגאנעס ארום שול און מע האט ביידע יונגע-לייט דער-הארגעט מיט די גרעסטע אכזאריעס.

איינער א טשודנאָווער האט געזאגט, אז ער איז א טראיאנאווער, האט מען אים אומגעפירט פון הויז צו הויז, אָבער אַלע טראיאנאווער האבן זיך פון אים אפגעזאָגט און ער איז געבליבן אין די מערדערישע הענט.

אין סאכאקל זיינען דערהארגעט געווארן 9 טשודנאווער און 2 בערדי-טשעווער אידן *).

אז מע האט זיך דערוואוסט די פראטים פון דער הארגע אין טשודנאוו, זשיטאמיר און ארומיקע שטעט, אז מע האט זיך דערוואוסט, ווי די טראיאנא-ווער אידן האבן זיך באגאנגען מיט די יונגע אידישע העלדן — איז אומעטום געוועזן אן עמעסער טישעבעאוו, און קיינער וויל איצט קיין מאגע אומאסע ניט האבן מיט אזא קעהילע ווי די טראיאנאווער.

איצט האבן די טראיאנאווער כאראטע געקראגן און זיי פארלאנגען, מע

*) די טראיאנאווער אידן האבן נאכן טויט פון די קארבאנעס באגאנגען זיך מיט זיי ניט בעסער ווי פארן טויט. עס האבן זיך געפונען אידן, וואס האבן געוואלט, אז מע זאָל די הארוגים באַגראָבן הינטערן פארקאן פון בייסאָלמען.

באמערקונג פון די אוטארן פונם בריוו.

זאל זיך פארלאזן אף בוירערים. וואס קאנען אבער בוירערים דא העלפן, אז עס זיינען דאָ איידעס, וואס האבן אלץ געזעען. דאס זיינען די 4, וואס זיינען אנטלאפן און לעבן געבליבן [83].

ביניאמין בראדסקי, פינכאס בראדסקי, מ. בראדסקי, א. בראדסקי, א. שערמאן, ש. זאלאטאר, מ. זאלאטאר, ד. בילינקין, א. גרינשפון, א. יארוסלאוו.

54. פאָגראָם אָדער קאָנטער־רעוואָלוציע?

(פונם אויפרוף פון צ. ק. פון „בונד״)

... דאָס איז ניט געווען קיין געוויינלעכער פאָגראָם. דאָ האָט מען קימאַט ניט גערויבט קיין אידישע הייזער, ניט צעשלאָגן קיין אידישע קראָמען, וויניק באַפאַלן פרידלעכע איינוואוינער. דאָ איז ניט געווען קיין מאַסע, קיין בלינדער צערייצטער האָמוין; דאָ האָט מען זעלטן געהערט דעם אויפרוף: „שלאָג די זשידעס!״ און אויב עס האבן ערטערווייז יאָ געקלונגען צעבראָכענע שויבן, איז דאָס געווען ניט מער, ווי אַ ביי־זאַך, ווי מוזיק-שפיל אין דער צייט פון געפעכט...

אַ געפעכט קעגן די רעוואָלוציאָנערן.

די „שוואַרצע כעווּרע״ איז געווען פאָרטרעפלעך אָרגאַניזירט. פאָליציי-באַאַמטע און זשאַנדאַרמען האבן זי אויסגעבילדעט אַפן בעסטן אויפן. איר ציל איז געווען פאַר איר לויטער און קלאָר. יעדער טריט — באַרעכנט פאָרויס. זי האָט געדאַרפט אויסהאַרגענען די „סאָציאַליסטן״; זי האָט געזוכט באַזונדערס צו פאַרניכטן די פירער. אירע אויסרופן האָבן געקלונגען: „נידער מיט די דעמאָקראַטן! ניהעך מיט די קעגנער פון קייסער!״

זי האָט פלאַנמעסיק געפירט אַ מילכאָמע מיט די רעוואָלוציאָנערן אין די גאַסן, זי האָט געקוילעט אין אַ פריוואַט-הויז איין אייציקן מענטשן, ווייל אין דעם הויז האבן זיך, לויט זייער כעשבן, אויפגעהאַלטן רעוואָלוציאָנערן. זי האָט געטויט דעם געוועזענעם סטודענט בלינאָוו דערפאַר, וואס ער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ פאָליטישער קעמפער. „דו ביסט נאָך ערגער פון אַ אידן, דו אַ פיינט פון קייסער״ — האט זי באַגרינדעט דאס שרעקלעכע שעכטן. זי האט ניט אַרויסגעלאָזן אַף אַ רעגע איר הויפּט־ציל פון אירע אויגן און האָט זיך ניט פאַרנומען מיט זייטיקע זאַכן, זי איז געווען גוט באַוואָפנט און דיסציפלינירט.

דער פאָגראָם אין זשיטאָמיר איז פאַרשיידן פון די פריערדיקע פאָגראָמען אין קישינעוו, מאָהילעוו, האָמעל.

די קאַוואָנע איז די אַלטע — דאס אויסזעען האט זיך געביטן. דער ציל, דער קאַמף מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז געבליבן דערזעלבער, די געשטאַלט האט זיך גרונטלעך פאַרענדערט. די האַנט, וואָס באשאפט די אַלע מערדערייען, האָט זיך באַוויזן קלאָר און שאַרף. וואָס זי מיינט מיט אַלע פאָג-

דאָמען, האָט דעם צאַרס רעגירונג דאָ געזאָגט ניט באַהאלטן — קלאָרע דיבורים.

די מאַסקע אַראָפּ! זי שטייט איצט נאַקעט און בלויז פאַר דער גאַנצער וועלט, אין דעם טיפן שמוץ פון אירע הענקערישע טאַטן — אָט די גרויזאַמע פיגור, וואס האט געמאַכט אַ בלוט-באַד אין באַקו, אַ געשלעג אין טאַמבאָוו, אַ האַריגע אין קורסק 84), וואָס פאַרשפּרייט העצערישע אויפרופן איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס זייט ווילדע קלאַנגען אומעטום, וואס האָט באַשאַפן דעם לאָזונג: „שלאָגט די אינטעליגענטן!", וואס אָרגאַניזירט אין אלע שטעט די „שוואַרצע כעוירע", וואס איז גרייט אף די נידערטרעכטיקסטע מאיסים, קעדיי אף אַ קורצע ווײַלע צו רעטן איר פאַראַכטעטעס, פאַרשאָלטענעס, פאר אַלעמען שעד-לעכעס לעבן.

איר לעבן פאַרשווינדעט. איר טויט איז נאָענט. זי זעט עס בעכוש. אין די שטורעם-טעג פון יאַנוואר האט דער פּראָלעטאַריאַט איר אויסגעגראָבן אַ טיפן קייווער. די רויטע פאָן פון דער רעוואָלוציע גליט פאר אירע אויגן. זי זוכט שטיצע. זי שטרעבט אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיי צו באַשיצן איר לעבן. זי וויל זיך אָנשאַפן אַ פעסטע גרויזעלשאַפטלעכע קראַפט. זי אַגיטירט אומעטום דורך אירע דינער. נאָר אומזיסט איז איר אַרבעט. אונטער די אַלע „פּאַרטייען צו באַשיצן די זעלבסטהערשונג" איז לייכט צו דערקענען אַ הייפל געדונגענע כוליגאַנעס. די קאָנטר-רעוואָלוציע אין זשיטאָמיר — דאָ האָט זיך נאָר אין אַ העלן בלו-טיקן בילד אָפּגעשפּיגלט, ריין און באַגרייפלעך, איר גאַנצע פירונג.

זי האָט געמוזט עפענען אירע קאָרטן. זי האָט זיך דערויף אַליין ניט גע-ריכט. עס האָבן זי געצוואונגען דערצו די באוואפנטע גרופן פון אונזער אָר-גאַניזאַציע. דערין איז די גרויסע באַדייטונג פון זייערע העלדישע טאַטן.

... מוטיק און פעסט, מיט קלאָרן באַוואוסטזיין, פאַרטיק צו אָפּפערן זייער לעבן, זיינען די אַרבעטער אַרויסגעטראָטן קעגן דעם צאַרס שילוכים. דרייסט און מונטער זיינען זיי געשטאַנען אונטער אַ האָגל פון קוילן און שטיינער. רואיק האָבן זיי באַגעגנט דעם טויט, שטרייטנדיק מיט דער באַנדע פאַר יעדן טריט. זייער העלדישער שטרייט האָט פון אָנהויב אָן ניט דערלאָזן, פון א גרופּע כוליגאנעס זאָל זיך צעוואַקסן אַ געוויינלעכער פּאָגראָם. זייער ווידערשטאַנד האָט אָפּגעהאַלטן דעם האַמוין. די פּאָגראָם-טוער זיינען געבליבן אָן אַ מאַסע. די נעשאָמע פון פּאָגראָם — אָן אַ גוף און אָן אייוורים, וואס פּאָלגן געהאָרכזאַם. די פירער זיינען געבליבן אָן אַן אַרמיי. עס זיינען געבליבן די זיילן פונם ביניען, אָן שטיינער און ציגל, און דעריבער איז אַזוי קלאָר דער גאַנצער פּלאַן פונם ביניען, אַזוי אָפן זיין פונדאַמענט.

...דער אָנפאַל אין זשיטאָמיר איז ניט דער איינציקער. וואָס מער די זעלבסט-הערשונג וועט פאַרלירן איר זיכערהייט, מער וועט זי זיך ווענדן צו אַזעלכע מיטלען. די האַכאַנעס ווערן געמאַכט אומעטום. די אַרמיי פון דער רעוואָלו-ציע דאַרף זיין גרייט. מיט פולן באַוואוסטזיין, באַגייסטערט און אייניק, דאַרף זי פאַרטרייבן אַלע שוואַרצע באַנדעס, וואס שטייען אויף פון אלע זייטן צו אָפּשוואַכן אירע קרעפטן. זיכער און רואיק דאַרף זי גיין אין איר פרייהייטס-וועג, אַהין, צו אזא אָרדענונג, וואו אזוינע פּאַקטן וועלן זיין אומעגלעך. בא-

וואַפענען זיך און באוואפנט ארויסטרעטן קעגן די פיינט — דאָס איז די ערשטע אויפגאבע פונם גאנצן פראָלעטאריאט אין איצטיקער צייט...

צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד".

מאַי, 1905.

55. דער קאמף מיט די לאבוזעס אין ווארשע.

(קאָרעספּאָנדענץ אין נומ. 40 „אַרבעטער-שטימע", סענטיאַבר 1905)

... צווישן די אַרבעטער און לאבוזעס הערשט שוין פון לאַנג אָן א טיפע סינע, וואָס פלעגט אָפט אויסברעכן אין אַ גרויסן געשלעג. געשט־צט פון דער פּאָליציי, פלעגן די לאבוזעס מאַכן אָפטע אָנפאלן אַף די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, שלאָגן זיי און רוידעפן. די אַרבעטער פלעגן ניט בלייבן אין כויוו, פלעגן ענטפערן אויך מיט קלעפּ, און די פיינטשאפט צווישןביידע לאַגערן האָט אלץ געוואָקסן. אין דער לעצטער צייט איז די האָזע און כוצפע פון די לאבוזעס דערגאַנגען ביזן העכסטן גראַד, און באַ אַזאַ אויפרעגונג, וועלכע דער אַרבעטער-קלאַס לעבט ביכלאַל איבער אין די לעצטע מאָנאַטן, האָט זיך דאָס געענדיקט מיט אַ שרעקלעכן פּאָגראָם.

דאָס איז פּאָרגעקומען אין מאָנאַט מאַי און האָט זיך אָנגעהויבן פון א קליינעם סיכסעך צווישן די לאבוזעס און די ארבעטער. אייניקע ארבעטער האָט מען שטאַרק געשלאָגן. ווי א בליץ איז די יעדיע וועגן דעם געשלעג דורכגעפלויגן איבער דער גאַנצער אַרבעטער-מאַסע, דער אלגעמיינער נערוועזער צושטאנד איז געווען א גוטער באָדן, אַז אַלע זאָלן ווערן שרעקלעך אויפגערייצט, און די אַרבעטער האָבן געשריען מיט קוילע-קוילעס, אז מע מוז זיך איינמאָל פאַר אלעמאָל אָפּרעכענען מיט די לאבוזעס און אויסראָמען זיי פון שטאָט. „זיי מאַכן אומגליקלעך די גאַנצע וועלט!", „זיי מאַכן אונזערע טעכטער פאר פּראָסטיטוטקעס!", „זיי פייניקן די אומגליקלעכע פרויען, וואָס פאלן אַריין צו זיי אין די הענט!", „זיי באַגייען זיך מיט די גרעסטע אַכזאָריעס מיט די אומגליקלעכע קאָרבאָנעס!"—אזוי האָבן זיך געהערט קוילעס פון אַלע זייטן.

אַף מאָרגן זיינען טויזנטער אידישע אַרבעטער ניט אַרויס צו דער ארבעט. צו די אידישע אַרבעטער זיינען שפּעטער צוגעשטאַנען אויך קריסטלעכע און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאָגראָם. די הייזער, וואו די לאָבוזעס וואוינען די טיי-הייזער, וואו זיי קלייבן זיך צונויף, די טראַקטירן און די ביר-שיינקען, וואו זיי שיקערן שטענדיק, זיינען צעבראָכן, צעשטערט און כאָרעוו געוואָרן. א גאנצן טאָג האָבן זיך געהערט דאָס קלינגען פון צעבראָכענע שויבן, דאָס טרעסקען פון צעבראָכענע מעבל, שיסערייען פון רעוואָלווערן און יעלאָלעס פון געשלאָגענע און פארוואונדעטע מענטשן. די לאבוזעס פון זייער זייט האָבן אויך ניט געשוויגן. דאָרט, וואו זיי זיינען געווען שטארקער, איז אויך די פּאָליציי געשטאַנען אַף זייער זייט און האָט געהאָלפן שלאָגן די אַרבעטער. מיט

אײן װאָרט, עס איז פֿאָרגעקומען אַ מוירעדיקע מילכאָמע, אין װעלכער עס האָבן גענומען אַנטײל טויזנטער מענטשן, און דיזע מילכאָמע האָט געדויערט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. דעם לעצטן טאָג האָבן זיך אַרײַנגעמישט אין דער מילכאָמע גאַנאָװים, כוליגאַנעס, מע האָט אָנגעהויבן ניט נאָר צעשטערן פרעמדע גוטס, נאָר אויך גאַזלענען און ראַבעװען, און די בעהאָלע אין שטאָט איז דערגאַנגען ביזן לעצטן גראַד.

עס פֿאַרשטײט זיך, אַז די אָרגאַניזאַציע איז געװען לאַכלוטן קעגן אַזאַ אויפֿפירונג פֿון די אַרבעטער. זי האָט אָנגעװענדעט אַלע קרעפֿטן זיי צו באַרו־איקן, אָפּהאַלטן פֿון פּאָגראָם, און נאָך גרויסע מי און מאַטערניש האָט זיך איר סאָפּקאָלסאָף אײַנגעגעבן אײַנצושטילן די אויפֿרעגונג און אָפּהאַלטן דעם פּאָגראָם. שפּעטער איז אויך ארויס אַ בלעטל װעגן דעם פֿאַקט.

אין דעם פּאָגראָם האָט ניט קײן קלײנעם אַנטײל גענומען די פּאָליציי. פֿון אָנהויב האָט זי זיך געסטאַרעט אויפֿצוהעצן די אַרבעטער קעגן די לאָבוזעס, און נאָך דעם, אַז די זאַך האָט זיך איר אײַנגעגעבן, האָט זי זיך געשטעלט אַף דער זײַט פֿון די לעצטע און האָט אָנגעהויבן אַרעסטירן די אַרבעטער הונדערטערװײַז. נאָר דאָס אַלײן איז פֿאַר איר געװען װײניק. די אַדמיני־סטראַציע האָט זיך באַנוצט מיט דעם מאָמענט צו ערקלערן אין שטאָט קריגס־צושטאַנד און האָט טאַקע אַזוי געטאָן.

56. אײַנצלהײטן װעגן בלוטיקן צוזאַמענשטויס מיט די לאָבוזעס.

(אַ. ליטװאַק[85]: „לאָבוזעס, גאַנאָװים און קאָמבינאַטאָרן". „דער רויטער פּינקעס" II. ז. 134—138, װאַרשע).

... אַ איד, װאָס האָט געהאַט אַ „הײזל" אַף נאָװאָליפּיע ערגעץ אין אַ הויף, האָט מיט יאָרן צוריק גענומען אַ מײדל אַ יעסוימע פֿאַר אַ האַדעװאַנקע. ער האָט געהיט איר צניעס, זי דערצויגן װי אַ „קאָשערע אידישע טאָכטער", און אַז זי איז אַלט געװאָרן 20 יאָר, האָט ער זי כאַסענע געמאַכט מיט אַן אַרבע־טער אַ קופּערשמיד, װי מ'זאָגט אין װאַרשע. אָט דער קופּערשמיד איז געװען אײנער פֿון יענע אַרבעטער, װאָס שטײען מיט אײן פֿוס אין דער באַװעגונג, מיט דער אַנדערער אין „אונטערװעלט". אַף דער כאַסענע איז געװען אַ גע־מישטער עולם. „אַלפֿאָנסן" פֿון דער קאַלעס צאַד און אַרבעטער פֿון כאָסנס צאַד. שפּעט באַנאַכט, בעאײס מ'האָט זיך גוט אָנגעגעסן און נאָכדעם אָנגע־טרונקען, האָט מען אָנגעהויבן צו װאַרפֿן דראָשע־געשאַנק. אַז אין היטל האָט זיך צונויפֿגעקליבן באַ אַ הונדערט רובל און אַף מער איז שוין קײן האָפֿענונג נישט געװען, האָט דער מעכוטן פֿון דער קאַלעס צאַד צוגענומען די היטל מיט די געלט צו זיך. דער כאָסן האָט געמאַכט אַ גװאַלד — דער דראָשע־געשאַנק געהערט אים. דער מעכוטן האָט געטענעט, אַז ער האָט דאָס מײדל אויסגע־האָדעװעט, געגעבן נאַדאַן און אויסשטײַער, איז אַל פּי יױשער דער דראָשע־געשאַנק זײַנער. אַ װאָרט פֿאַר אַ װאָרט, האָט מען געלאָזן אין דער אַרבעט

אַפריער די הענט. דערנאָך די ליידיקע פלעשער און לעסאָף אפילע מעסערס.
געווען פאַרוואונדעטע פון ביידע זייטן, דאָך בעס׳ר האָבן געגעבן די אַרבע-
טער, זיי זיינען גראד געווען מערער. האָבן די אַלפאָנסן אף מאָרגן צונויפגע-
רופן זייער אוילאם גיין זיך אָפּרעכענען מיט די „ברידער און שוועסטער",
נישט דאפקע מיט די, וואָס האָבן זיי באליידיקט. נאָר מיט די ארבעטער
ביכלאל. כ׳ווייס נישט ווי אזוי, נאָר דערפון האָט זיך דערוואוסט פּאָליציי און
זי האָט עס גענומען אויסנוצן אף איר אויפן. עפּעס א פאַרנאַכט האָט מען
געזען, ווי איבער נאָוואָליפּיע, קאַרמעליצקע און נאָוואָליפקי גייט אַן אוילאם
פון אַ מאַן הונדערט אַלפאָנסן מיט א רוסישער נאַציאָנאַלער פענדל. א מאַני-
פעסטאציע. זיי גייען און שרייען: „לעבן זאָל דער רוסישער קייזער! נידער
מיט די שטרייקערן!" קינדער לויפן נאָך. דער אוילאם ארום לאכט; אנדערע
שפּייען אויס. אָבער צום סאָף האָט עס אייניקע ארבעטער פאַרדראָסן. ס׳איז
געוואָרן א געשלעג מיט שטעקנס און מעסערס. ווידער אמאָל פאַרוואונדעטע
און דאָסמאָל שוין מער פון די אַרבעטער. שוין שפּעט אין אָוונט זיינען די
אַרבעטער, וואָס האָבן אנטייל גענומען אין געשלעג, אוועק איבער די געסלעך,
דואו ס׳וואוינט דער אידישער דאַלעס, און האָבן גענומען רופן: „מ׳דאַרף גיין
זיך אָפּרעכענען מיט די לומפּן"... אַ גרויסער אוילאם האָט זיך א לאָז געטאָן
צו די הייזלעך פון דריטן סאָרט, וואָס זיינען אין אידישן ראַיאָן. די אַלפאָנסן
זיינען אַנטלאָפן. געפונען האָט מען די אומגליקלעכע מיידלעך. און ס׳האָט זיך
אָנגעהויבן אַן עמעסער פּאָגראָם. אף נאָוואָליפּיע, קראַכמאַלנע, דזיעלנע א. ד. גל.
איז מען באַפאַלן די „הייזלעך", געוואָרפן פּאָרטעפּיאַנעס דורך די פענסטער
אפן ברוק, געריסן בעטגעוואנט און פאַרשאָטן די גאַס מיט פעדערן און פוך.
אַף די מיידלעך האָט מען צעריסן די קליידער, געשלאָגן זיי מאַקעס רעצאַך.
כ׳ווייס פאלן, ווען מ׳האָט אייניקע פּאָשעט דורך די פענסטער אַפן גאַס אַרויס-
געוואָרפן. אַזוי איז מען געגאַנגען פון „הייזל" צו „הייזל", און דאָס האָט
געדויערט א גאַנצן מעסלעס.

דאָס האָט זיך אָנגעהויבן שפּעט באַנאַכט, און די אָרגאַניזאַציע האָט דער-
פון נישט געוואוסט. ערשט אכט אינדערפרי איז מען געקומען אונז אָנזאָגן.
כ׳גיי אוועק אפן ראָג מילע. דער גרויסער טראַקטיר פון די שוסטער איז שוין
פול. איינע זיינען לעכאַטכילע צו דער ארבעט נישט געגאנגען, אַנדערע האָט
מען באַוויזן אַרויסצונעמען פון דער אַרבעט. מע שרייט: „די אָרגאַניזאַציע
זאָל אָפּשטעלן די אַרבעט אין דער גאַנצער שטאָט אין אלע פאַכן". — „צוליב
וואָס?" — „וואָס הייסט צוליב וואָס? ס׳איז א פּראָטעסט. אַרבעטער-בלוט גיסט
זיך, און איר שווייגט! ווען מ׳וואָלט געהאַרגעט עמיצן פון אייערע, פון די פירער,
וואלט איר געמאכט אן אַלגעמיינעם שטרייק. איר וואָלט אונז גערופן אפן גאַס
אַף אַ דעמאָנסטראציע. און אז מ׳שלאָגט די מאָסע, שווייגט איר, ווילט איר
נישט פּראָטעסטירן?". אונזער לאגע איז געווען זייער א שווערע. פון איין זייט
האָט מען געדאַרפט באשיצן די אומגליקלעכע מיידלעך, נישט לאָזן פירן דעם
פּאָגראָם ווייטער, איבערצייגן די מאַסן, אַז זיי גייען נישט אפן ריכטיקן וועג.
פון דער אַנדער זייט האָבן מיר געוואוסט, אַז דאָס שמעקט מיט פּראָוואָקאציע.

פּאָליציי איז אויסן צו מאַכן אַרעסטן, עפּשער איינצופירן קריגס-צושטאַנד, און מ'האָט אונז איבערגעגעבן ידיעות, אַז אין אַלט-שטאָט און „מקום” שטייען די אַלפאָנסן שוין באַוואָפנט און מיט דער הילף פון פּאָליציי קאָנען זיי אַ יעדע מינוט אָנפאַלן אויף די אַרבעטער-קוואַרטאַלן. די פּוילישע צייטונגען, די ליבע-ראַלע ווי די קאָנסערוואַטיווע, זיינען יענעם טאָג אַרויס מיט דער ידיעה פון פּאָגראָם און מיט אַרטיקלען, וואָס האָבן געלויבט די אַרבעטער. „די אַרבע-טער האָבן זיך גענומען אויסראַמען דעם שאַנד און שמוץ פון וואַרשע, געזונט זאָלן זיין זייערע הענט; זיי פאַרדינען דעם גרעסטן לויב”. און ווידער האָט דאָס אַלץ געשמעקט מיט אַ פּראָוואָקאַציע.

אונזער צענטראַלער אַפּאַראַט איז געווען אַ קליינער און דאָ האָט מען געדאַרפט אויף גיך אָננעמען ענערגישע באַשלוסן און טאַקע גלייך זיי דורכצו-פירן. מיר האָבן איינגערעדט די שרייער, אַז די אַרבעט וואַרפן דאַרף מען נישט. — „אָבער וואָס וועט זיין, אויב די לומפּן וועלן אָנפאַלן אויף אונז?” מיר האָבן געזאָגט, אַז נישט אַרבעטן זאָלן נאָר די יונגע, די שטאַרקע, וואָס קאָ-נען געבן אַ ווידערשטאַנד. פרויען און אַלטע לייט זאָלן יאָ אַרבעטן. האָט מען דערווידערט: „וואָס הייסט, מיר וועלן שטיין אויף גאַס און זיי וועלן אַרבעטן און פאַרדינען? אַז נישט אַרבעטן, איז קיינער נישט”. קוים וואָס מיר האָבן בא זיי געפּועלט, אַז מ'זאָל די עלטערע און די פרויען פון דער אַרבעט ניט אַראָפּנעמען. ווייטער האָבן מיר מאָביליזירט אונזערע קאַמפס-גרופּעס אויפן פּלאַץ, וואָס איז דעמאָלט געווען סאַך דזיקע, טאָמער וועלן די לומפּן בעעמעס באַפאַלן די אַרבעטער-קוואַרטאַלן, זאָל זיין גרייט אַ זעלבסטשוץ. אָבער דער אי-קער איז געווען מאַכן אַ סאָף צום פּאָגראָם, ראַטעווען די קאָרבאָנעס. די מיטגלי-דער פון קאָמיטעט האָבן מיטגענומען עטלעכע נאָענטע מענטשן און זיינען אַוועק צו די הייזלעך. איך גיי אויף דזיעלנע. אַ גרויסער אוילאַם רינגלט אַרום אַ „הייזל”. אַ צענדליק יונגע באָכערים האָבן זיך שוין אַריינגעריסן אינעווייניק און אָנגעהויבן ראַבעווען. די מיידלעך האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די בעטן, אין אַלמערס. מע שלעפּט זיי איינציקווייז אַרויס און מ'שלאָגט זיי. זיי שרייען היסטעריש, זידלען זיך, בעטן זיך. אַז איך בין געקומען מיט אַ פּאָר כאַווירים, האָבן מיר זיך קוים אַריינגעשפּאַרט אינעווייניק. מ'האָט גענומען שרייען: „שטילער, די אָרגאַניזאַציע איז דאָ! דער קאָמיטעט וועט ריידן!” איך האָב זיך געשטעלט אויף אַ בענקל און אָנגעהויבן ריידן. איך האָב דערוויזן, אַז די מיידלעך זיינען ניט קיין שולדיקע, נאָר אומגליקלעכע קאָרבאָנעס פון דער איצטיקער אָרדענונג, אַז מיט אַזאַ וועג וועט מען די פּראָסטיטוציע ניט אויס-ראַמען. איינער רייסט מיך איבער: „און די מיידלעך דאַרף מען דאָך שלאָגן”... „פאַרוואָס, כאַווער?” — „ווייל זיי זיינען נקייווס”... — „לאָז מיר, איך וועל דעם קאָמיטעט אַלץ דערקלערן” — שרייט אַן אַנדערער: „אַז עס וועלן ניט זיין קיין מיידלעך, וועלן די אַלפאָנסן ניט האָבן פון וואָס צו לעבן און זיי וועלן מוזן ווערן ערלעכע אַרבעטער”. דער אוילאַם לאַכט. עס ווערט אַ שטיקל דיסקוסיע. לעסאָף גיט זיך אונז דאָך איין איבערצוצייגן. מ'גייט זיך פאַנאַנדער. אין נאָך אַן אָרט, אויף דערזשעליביקער דזיעלנע, זיינען מיר געקומען צו שפּעט. אין

„הײזל" איז שוין אַלץ געװען צעראַבירט, צעבראָכן. אױף די װענט האָבן נאָך געהאַנגען בילדלעך, און 12־יאָריקע אינגלעך האָבן זיי פון דאָרט געריסן און מיט די פיס געטרעטן. פון איין „הײזל", איך געדענק ניט אויף װעלכער גאַס, איז זיך דער אױלאַם צעגאַנגען נאָך אונזערע רעדעס. און אַז מיר זײַנען אין אַ שאָ אַרום אַהין װידער געקומען, איז די שטוב איבעראַנייס געװען פול מיט מענטשן, װעלכע האָבן געראַבעװעט, געבראָכן, די מײדלעך זײַנען שוין ניט געװען. ערגעץ אַנטרונען געװאָרן. אונז איז אויסגעקומען װידעראַמאָל רײדן, איבערצײַגן.

איך בין װידער אין טראַקטיר אויפן ראָג מילע. צו מיר גײט צו אַן אַרבע־טער מיט גרויסע הונגעריקע אויגן, איינער פון די אינדערפריִעדיקע שרײַער. איך פרעג אים: „װאָס שטײט איר דאָ? װאָס גײט איר ניט צום זעלבסטשוץ?" ענטפערט ער: „כ'האָב ניט קיין קוילע". כ'שרײַב אויף גיך אָן אַ צעטעלע צו דאָװיד דעם שוסטער, ער זאָל אים געבן אַ רעװאָלװער. ער גײט אַװעק. אַזײגער 4 פאַרנאַכט האָב איך דעמזעלבן אַרבעטער װידער געטראָפן, און ער האָט מיר דערצײלט, גערעדט מיט ענטוזיאַזם: „מיר זײַנען איצט געװען אויף סטאַװקע, איר װײסט פון גרויסן „הײזל" בא גערשן „סמעטענע". מיר האָבן צעשניטן זײַדענע קלײדער, סאַמעטענע מאַנטלען, אַסיגנאַציעס געריסן און אין רינשטאָק געװאָרפן. איר זעט, איך בין הונגעריק, איך האָב נאָך הײַנט אין מײַן מויל ניט געהאַט... אָבער איך האָב גאָרניט גענומען, אַ גראָשן ניט... אַן אָרנטלעכער אַרבעטער װעט ניט שמוציק מאַכן זײַנע רײנע הענט מיט אַזעלכע געלט"... און מיטאַמאָל װערט זײַן קאָל שטילער און עפּעס װי שעמעװדיק: „כאָװער, עפּשער האָט איר צו אַנטלײַען פינף קאָפּיקעס אויף אַ גלאָז קאַװע?" אָבער דער עמעס מוז געזאָגט װערן, ניט אַלע אַנטײלנעמער זײַנען פאַרבליבן מיט רײנע הענט.

...פאַרנאַכט זײַנען שוין די גאַסן געװען פול מיט רײַטנדיקע זשאַנדאַרן און פּאָליצײ. אין אײניקע ערטער זײַנען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צװישן די אַלפאָנסן מיט די אַרבעטער. פּאָליצײ האָט זיך ניט געמישט, אָדער גע־האָלפן די אַלפאָנסן. עס זײַנען געװען עטלעכע קאָרבאָנעס, נאָר פון די אַל־פאָנסן און פון דעם צװישנשיכט. פאַרנאַכט איז קלאָר געװאָרן פאַר אַלעמען, אַז דער שפּיל איז פאַרן טײװל. דער אױלאַם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. ביפראַט, אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט דעמזעלבן פאַרנאַכט אַרויסגע־לאָזן אַן אויפרוף, אַז אויב די אַרבעטער װעלן זיך ניט באַרויִקן, װעט ער אײַנפירן קריגס־צושטאַנד. אויף מאָרגן האָבן זיך די אידישע אַרבעטער פון װאַרשע געשעמט אײנער פאַרן אַנדערן. אַ לאַנגע צײַט האָט מען אויסגעמיטן צו רײדן װעגן דער גאַנצער מאַיסע. און גראָד אויף מאָרגן נאָך די געשעעניש אין די אָרימע קװאַרטאַלן האָבן די װאַרשעװער פּוילישע סטודענטן איבערגע־כאַזערט דעם פּאָגראָם אויף די הײַזלעך פון דער מאַרשאַלקאָװסקע און נײַע װעלט *). דאָ האָט פּאָליצײ זיך אַרײַנגעמישט און באַשיצט די הײַזלעך מיט זײערע אײַנװױנער.

---

*) די אַריסטאָקראַטישסטע גאַסן פון װאַרשע.

VII. די שטורם-טעג אין לאָדז און אדעס.

57. דער ערשטער מאי אין ראיאָן פון דער אידישער ארבעטער-באַוועגונג.

(„לעצטע פאַסירונגען", נומ. 10, 1905).

שווערער אידער אלע יאָר איז היי-יאָר געווען דעם אידישן פּראָלעטאריער צו גרייטן זיך און צו פייערן דעם ארבעטער-יאָנטעוו פון דער גאַנצער וועלט. דעם צאַרס רעגירונג, א צעטומלטע פון די מאַפּאָלעס, וואָס זי האָט באקומען אין וויטן מיזרעך, אַן אראָפּגעשלאָגענע פון די פיס דורך די קלעפּ, וואס זי האָט געקראָגן אין די יאַנוואר-טעג בא זיך אין לאַנד, האָט זיך אָנגעכאפּט פּאַר איר אלטן מיטל—פּאַר פּאָגראָמען קעגן אידן. דערזעענדיק, אז עס איז שלעכט, אַז אין דער גאַנצער מעדינע האָבן זיי קיין אַנדער שטיצע ניט, אַכוץ נאָר די כוליגאַנעס, די שווארצע מייעניקעס און די פינסטערע קויכעס פון דער געזעלשאַפט, האָבן זיך דעם צאַרס מעשאָרסים א ווארף געטאָן צו זיי, האָבן זיי מאָביליזירט, אָרגאַניזירט און אויפגערייצט קעגן סטודענטן, קעגן דער אינטעליגענץ, קעגן ארמענער, קעגן אידן, מיט איין ווארט, קעגן די אלע עלעמענטן, וואס האָבן שוין פון לאַנג אַן געהאַט א שעם פון בונטאָוושטשיקעס. און דאָ האָבן מיר דערלעבט אַזאַ נאַכעס, אז די אויסוואורפן פון דער געזעלשאַפט, די, וועלכע האָבן שוין לאַנג אָנגעווארן דעם מעהוס מענטש, זיינען מיטאמאָל געווארן די באַשיצער פון די געזעלשאפטלעכע יעסוידעס, די פאַר-היטער פון דער „אָרדענונג". איבער דער גאַנצער „טשערטא" האָבן זיך פאַרשפּרייט צענדליקער טויזנטער פּראָקלאמאַציעס פון אזעלכע באַשיצער פון דעם טראָן, אין וועלכע מע האָט גערופן דעם אוילאָם שלאָגן די אידן. ווי פלעדערמייז אין דער פינסטערניש, האָבן זיך מיטאמאָל פון אלע עקן באַוויזן אלערליי אָרגאַניזאַציעס פון כוליגאַנעס: „א קאָמיטעט אף אויפצוריכטן יושער און גערעכטיקייט", „א געזעלשאפט אף צו פּאַרטיידיקן די זעלבסטהערשונג", „מאָנאַרכיסטישע געזעלשאפט", א. א. וו., א. א. וו. אין אלע שטעט, וואו עס וואוינען אידן, האט מען פארשפּרייט מעשונע-ווילדע קלאנגען, אז די אידן ווילן אויסהאַרגענען די קריסטן, אויפרייסן די קלויסטערס און ד. גל.

און אָט אין אַזאַ אטמאָספערע, וואו די סאקאָנע פון פּאָגראָמען האָט שטענ-

דיק געשוועבט אין דער לופט, איז אונזערע אָרגאַניזאַציעס אויסגעקומען צו פירן די אגיטאַציע פאר דעם 1-טן מאי, צו גרייטן זיך אָפּריכטן ווי געהעריק איז דעם פּראָלעטאַרישן-יאָנטעוו. מע דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אז אסאך פון זייערע קרעפטן האָבן די אָרגאַניזאַציעס געמוזט אָפּגעבן אף דער אגיטאַציע פאר דער זעלבסטשוץ און אף איר ארגאניזירונג. ווי גרויס דידאָזיקע אַגיטאציע איז געווען און ווי ווייט דער ראַיען פון זעלבסטשוץ איז אריין אין לעבן פון די אידישע מאַסן,—האָבן די לעצטע פּאָגראָמען גענוג דייטלעך באוויזן.

פון די פאַקטן, וועלכע מיר ברענגען אונטן, וועט דער לעזער זען, אז ניט קוקנדיק אַף דידאָזיקע אומגעהויערע שווערע באַדינגונגען, איז געראָד היי-יאָר די אגיטאציע פּאַר דעם 1-טן מאי געווען זייער א מעכטיקע און א לעבעדיקע אין אלע שטעט און שטעטלעך פון דער אידישער „טשערטא“. אין די שולן, אין די פאַבריקן, אף גאסן-פאַרזאַמלונגען האָבן אונזערע רעדנער דערקלערט די באַדייטונג און די וויכטיקייט פון דעם פּראָלעטאַרישן יאָנטעוו. הונדערט טויזנט באַגייסטערטע און אויפמערקזאַמע צוהערער האָבן זיי פאר זיך געהאַט. אין די פארווארפנסטע ווינקלעך האָבן דורכגעדרונגען אונזערע מאַי-פּראָקלאמאציעס. דער אידישער פּראָלעטאַריער האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאר די גענים-פלענער פון דעם צאַרס רעגירונג. זיי האָבן נאָר פיעל געווען, אז זיין מוט און אַנטשלאָסנהייט צום קאַמף איז שטארק אויסגעוואקסן. מיר קענען מיט שטאָלץ זאָגן, אז דעם צאַרס מעכאַבלים האָט זיך ניט איינגעגעבן צו שטערן דער מאַי-אַגיטאַציע און צו מאַכן פון דעם ארבעטער-יאָנטעוו א „טישעבעאָוו“.

פון די פיל ידיעס, וואס מיר האָבן באקומען וועגן דער אַגיטאַציע פאר דעם 1-טן מאַי און וועגן דעם, ווי די אַרבעטער האָבן אים געפּייערט, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן נאָר אף אייניקע פון די וויכטיקסטע פאַקטן.

אף די פאַרזאַמלונגען, וואס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן צוליב דער אגיטאַציע פאר דעם 1-טן מאַי אין ווארשע, דווינסק, בריסט-ליטאָווסק, מינסק, לאָדז און בערדיטשעוו, זיינען איבערגעווען ארום 20.000 ארבעטער, ניט רעכענענדיק די גאַסן-פאַרזאַמלונגען אף די ארבעטער-בירזשעס (פון די איבעריקע מער אדער ווייניקער גרעסערע שטעט האָבן מיר ניט קיין גענויע ציפער וועגן דער צאָל אנטיילנעמער אַף דידאָזיקע פאַרזאַמלונגען). אין אייניקע פון די דערמאָנטע שטעט זיינען אכוץ דעם פאָרגעקומען גרויסע פארזאַמלונגען ספּעציעל וועגן די פּאָגראָמען און וועגן דער ארגאַניזאציע פון דער זעלבסטשוץ.

די לעצטע טעג פייסעך איז אין לאָדז פארגעקומען אַן אגיטאַציאָנס-פארזאמלונג אין רעכטן צענטר שטאָט, אף וועלכער עס האָבן זיך געפונען איבער 2500 מאַן, און העכער ווי טויזנט זיינען געשטאַנען אין דרויסן, ווייל עס איז מער קיין פּלאַץ ניט געווען. די פאַרזאַמלונג האָט זייער גוט אָפּגעגאָלטן. גערעדט האָט מען וועגן דעם 1-טן מאַי אויך אין די שולן, רעסטאָראַנען און אף די אַרבעטער-בירזשעס.—אין האָמעל איז פאַר דעם 1-טן מאי פאָרגעקומען אין דעם ארימען טייל שטאָט א מאי-מיטינג אונטערן פרייען הימל, וועלכער

אין אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם היגן קאָמיטעט פון בונד און דער גרופּע פון דעם פּאָלעסער קאָמיטעט פון דער רוסלענדישער פּאַרטיי. אין דעם מי־טינג האָבן אָן אנטייל גענומען איבער 2000 מענטשן. מע האָט גערעדט אַף אידיש און רוסיש וועגן דער באַדייטונג פון דעם אַרבעטער־יאָנטעוו.

אין וואַרשע איז זייער לעבעדיק געגאַנגען די אַגיטאַציע פאַר דעם 1־טן מאַי אַף די פאַרזאַמלונגען אין די פאַבריקן. אין אַזעלכע פאַרזאַמלונגען האָבן גענומען אָן אַנטייל נאָענט פון 5 טויזנט אַרבעטער. דעם 7־טן טאָג פּייסעך האָבן דאָרט אונזערע רעדנער גערעדט וועגן דעם 1־טן מאַי אין 7 שולן, וואו עס דאַווענען דאָס רובֿ אַרבעטער. אין אייניקע שולן, וואו די גבאים האָבן ניט געוואָלט לאָזן ריידן, האָבן די דאָרטיקע אַרבעטער געשאַפן די מעגלעכ־קייט צו האַלטן רעדעס. שאַבעס—דעם 16־טן—האָט מען ווידער גערעדט וועגן דעם 1־טן מאַי אין 13 שולן, דערינען אין איינער, וואו עס האָבן זיך געפונען נאָענט פון 4 טויזנט מאַן. די שולן האָט מען אויך פאַרפּלייצט מיט קאָרט־לעך וועגן דעם 1־טן מאַי.—אין קרעסלאַווקע (וויט. גוב.) איז מיט א טאָג פאַר דעם 1־טן מאַי פאָרגעקומען אין שול א פאַרזאַמלונג פון 2 טויזנט מאַן; דער רעדנער האָט גערעדט וועגן דעם מאָמענט, וואָס מיר לעבן איצטער איבער, און האָט אויפגעפאָדערט אַלעמען צו פייערן דעם אַרבעטער־יאָנטעוו. אין גראָדנע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אַגיטאַציאָנס־פאַרזאַמלונג פון טויזנט מאַן. אין באָריסאָוו—א מאַי־פאַרזאַמלונג פון 750 מאַן אין שול; עס איז געווען א רויטע פאָן.

פון די אייניקע פאַקטן קאָן מען שוין זען, וואָס פאַר אַ ברייטן כאַראַק־טער עס האָט געטראָגן די אַגיטאַציע פאַר דעם 1־טן מאַי. פון די ענגע כאַ־דאָרים, פון די באַהאַלטענע פאַרזאַמלונגען ערגעץ וואו אין וואַלד, איז מען אַרויס אַף די גאַסן און בעקויל ראָם האָט מען מודיע געווען וועגן דעם אַר־בעטער־יאָנטעוו. די ברייטסטע מאַסן פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט האָבן זיך געריכט און מיט אומגעדולד געוואַרט אַף דעמדאָזיקן יאָנטעוו, און דאָס איז באַזונדערס קענטיק געווען אין דעם טאָג פון 1־טן מאַי גופא.

אַלגעמיינע שטרייקן זיינען דעם 1־טן מאַי (נאָכן נייעם סט.) פאָרגעקומען אין וואַרשע, דווינסק, האָמעל, ברעסט־ליטאָווסק, פינסק, בערדיטשעוו, באָב־רויסק, זשיטאָמיר, ריגע, ליבוי, באָריסאָוו, אָרשע, קרעסלאַווקע און נאָך אין א גאַנצער מאַסע שטעט און שטעטלעך.

פון דווינסק שרייבט אונזער קאָרעספּאָנדענט: „דעם 1־טן מאַי האָט די גאַנצע אַרבעטער־מאַסע געפייערט... טויזנטער אַרבעטער האָבן אַרומגעשפּאַ־צירט איבער די גאַסן, גראַטולירנדיק איינער דעם צווייטן מיט דעם פּראָלע־טאַרישן פייערטאָג".—אין בערדיטשעוו זיינען אונזערע אָטריאַדן געגאַנגען איבער אַלע ווערקהייזער, פאַבריקן, מילן, קאָנטאָרן, דערציילט וועגן דעם אַרבעטער־יאָנטעוו, איינגעלאַדן וואַרפן די אַרבעט. אין דער גאַנצער שטאָט האָט זיך די אַרבעט אָפגעשטעלט. קיין שום פאַך האָט אין דעם טאָג ניט גע־אַרבעט (אויסער די פאַרמאַצעווטן), אַפילו די פאַבריקמאַכערס. דער אַלגעמיי־נער שטרייק איז דורכגעגאַנגען גלענצנד. אין ברעסט־ליטאָווסק האָט קיינער

ניט געאַרבעט. דער איינציקער היגער אָרגאַן איז ניט אַרויס ניט אין דער פרי און ניט אין אָוונט. פון קרעסלאַווקע איז מען אונז מוידיע: „דער שטרייק פון 1-טן מאַי איז געווען לאַכלוטן אַן אַלגעמיינער. ניט נאָר די פאַבריקן און וואַרשטאַטן, נאָר עס זיינען געווען פאַרמאַכט אויך די מאַגאַזינען, די קראָמען, בעקערייען און אַז. וו. עס האָבן געשטרייקט אַלע דינסטלייט און פורמאַנעס: אין שטאָט האָט זיך די גאַנצע באַוועגונג אָפּגעשטעלט". פון וואַרשע שרייבט מען אין דעם „בונד" נומ. 7: „עס האָט אויפגעהערט יעדע אַרבעט, יעטווידער האַנדל און וואַנדל. אַלע ווערקשטאַטן און פאַבריקן זיינען געשטאַנען. אַלע רעסטאָראַנען, קאַפע-הייזער זיינען געווען געשלאָסן. קיינע צייטונגען, קיינע דראָשקעס און טראַמוואַיען".

אין פיל שטעט זיינען דעם ערשטן מאַי, אכוץ דעם אַלגעמיינעם שטרייק, אויך פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס אָדער מאַניפעסטאַציעס, ניט קוקנדיק, וואָס לעכאַטכילע האָט מען גערעכנט צו פייערן דעם הייערדיקן ערשטן מאַי נאָר דורך אַלגעמיינע שטרייקן. אַזוי ווי אין אַסאַך ערטער האָבן זיך די שוואַרצע באַנדעס אָפן געגרייט צו פּאָגראָמען און אַזוי ווי אימעטום האָט מען אין איין קאָל גערעדט, אַז פּאָגראָמען וועלן פאָרקומען דעם צווייטן טאָג פון דעם קריסטלעכן פייסעך[86] (דעם 1-טן מאַי נאָכן נייעם סט.), האָט אונזער צענטראַלער קאָמיטעט געהאַלטן פאַר נויטיק פאָרלייגן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, אַז דעם 1-טן מאַי זאָל מען פייערן דורך אַן אַלגעמיינעם שטרייק, און די דעמאָנסטראַציעס, וועלכע מע מוז זעען צו אָרגאַניזירן, אויב עס איז נאָר פאַראַנען אַ וועלכע ניט איז מעגלעכקייט, זאָל מען אָפּלייגן אַף שאַבעס אָדער זונטיק, גלייך נאָך דעם 1-טן מאַי.

אין לאָדז זיינען אין דעם טאָג פון 1-טן מאַי פאָרגעקומען עטלעכע דעמאָנסטראַציעס און אַסאַך מאַניפעסטאַציעס, ניט קוקנדיק, וואָס די שטאָט איז פּאָשעט געווען פאַרפלייצט מיט כאַיעל און פּאָליציי און זי האָט אויסגעזעען ווי אַ לאַגער אף אַ מילכאָמע. אין די דעמאָנסטראַציעס האָבן גענומען אן אנטייל קריסטלעכע און אידישע אַרבעטער. עס זיינען געווען פאָנען פון „בונד" מיט מערערע אידישע אויפשריפטן: „עס לעבע דער ערשטער מאַי!", עס לעבע דער 8-שאָעדיקער אַרבעטסטאָג!" און אַז. וו. די פאַבריקן, די געשעפטן זיינען אין דעם טאָג געווען געשלאָסן, עס איז קימאַט קיין איינציקע ווערקשטאַט ניט געווען, אין וועלכער מע זאָל אַרבעטן. די טראַמווייען האָבן אויפגעהערט צו גיין. קאָרבאָנעס זיינען געפאַלן פון ביידע צדאָדים.

אין האָמעל האָבן זיך גאַנצע מאַכנעס אַרבעטער צונויפגעקליבן אף דער בירזשע (קוזנעטשנע גאַס). אַלע זיינען געווען יאָנטעוודיק געקליידט און האָבן געטראָגן צוגעשפּילעטע רויטע בענדלעך. אָפן ראָג גאַס זיינען געשטאַנען קאַזאַקן און סאָלדאַטן, נאָר זיי האָבן זיך ניט געקאָנט פּויעל זיין אַריינרייסן זיך צווישן די אַרבעטער. די סאָלדאַטן האָט מען גראַטולירט מיטן יאָנטעוו. זיי האָט מען געגעבן פּראָקלאַמאַציעס, פאַרפירט מיט זיי געשפּרעכן. אין פינסק האָט קיינער ניט געאַרבעט, אַפילע די וואַסערפירער, די פורמאַנעס. עס האָבן געשטרייקט די פּריקאַזטשיקעס, אויך די, וואָס דינען אין די קאַנ-

טאָרן, בענק, די לאַסט-טרעגער און אז. וו. אין אָוונט האָבן די אַרבעטער געלאָזן ראקעטן, פייערווערק. אין גראָדנע, וואו מע האָט זיך זייער שטאַרק גערירכט אף אַ פּאָגראָם, האָט די אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן ניט צו מאַכן קיין דעמאָנסטראציע. פונדעסטוועגן זיינען דאָך פאָרגעקומען אין דריי פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט מאַניפעסטאציעס: די ארבעטער האבן געלאָזן ראַקעטן; עס האָבן זיך געהערט פארשיידענע אויסרופן און א הילכיקער „אוראַ!" אין סעדלעץ זיינען אף די דעמאָנסטראַנטן אָנגעפאלן דראַגונער. זיי האָבן פארפאָלגט און שרעקלעך געשלאָגן יעדן איינציקן מענטשן. עס זיינען געווען פארוואונדעט איבער 30 אַרבעטער. אין קאָוונע האבן געשטרייקט איבער 2000 אידישע ארבעטער. אין אָוונט איז פאָרגעקומען א מאַניפעסטאציע פון עטלעכע הונדערט מענטשן. די מאניפעסטאנטן זיינען דורכגעגאנגען עטלעכע גאַסן. אַכוץ דעם זיינען מאניפעסטאציעס פאָרגעקומען אין מינסק, מאָזיר, פלאָצק, ליוצין, קאליש, מאדיאמפאָל און נאך אין פיל אַנדערע שטעט. אויך שאַבעס — נאָך דעם ערשטן מאַי — זיינען אין מינסק, קאוונע און אין אַנדערע שטעט פאָרגעקומען מאַי-דעמאנסטראַציעס.

די פינסטערע קויכעס פון צאַריזם האָט זיך ניט איינגעגעבן צו פארשטערן דעם אידישן פראָלעטאריאט דעם אינטערנאציאָנאלן ארבעטער-יאנטעוו. מיט נייע שטיינער און דערנער האָבן זיי אויסגעבעט דעם רעוואָלוציאנערן וועג פון דעם אידישן פראָלעטאריאַט; פיל קארבאנעס האָט עס אים געקאָסט. ער האט אָבער אף איין רעגע ניט אויפגעהערט צו גיין פאָרווערטס צום ניצאָכן און טריאומף.

58. לאָדזער באריקאדן.

(דערציילונג פון אַן אנטיילנעמער. פון דער ביילאגע צום נומ. 8, „דער בונד")

זונטיק דעם 5-טן יון האָט די אָרגאַניזאַציע פון די פּ. ס. ד. געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד. עס זיינען געווען אַ מאַן 500. בעאייס דער אוילאָם האָט זיך אומגעקערט אין שטאָט און שוין אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערצוגיין, האָבן אַרבעטער פון פּ. פּ. ס. אָנגעהויבן דעמאָנסטרירן. דאָס איז געווען אינם אַרבעטער-קוואַרטאַל — באַלוט, און צו דער דעמאָנסטראַציע זיינען צוגעשטאַנען ווי אַרבעטער פון „בונד", אזוי אויך פון פּ. ס. ד. אינגאַנצן האָבן אין איר אנטייל גענומען ביז 1000 מאַן. עס זיינען געקומען צו פליען קאַזאַקן און גלייך אָנגעהויבן צו שיסן אַף די דעמאָנסטראַנטן. מע האָט זיי געענטפערט מיט אַ האָגל שטיינער און מיט שיסן פון די הייזער, מע האָט געפרואווט מאַכן אַ באַריקאַדע. די קאַזאַקן האָבן אָנגעהויבן שיסן אין די פענסטער פון די הייזער. איין הויז, פון וועלכער מע האָט געשאָסן, האָט מען ארומגענומען מיט מיליטער, די איינוואוינער האָט מען אַרעסטירט און אָנדערבאַרמען געשלאָגן. ווערליג עס איז באַוואוסט, האָט מען דערהאַרגעט 9 און פאַרוואונדעט 18 מענטשן, נאָר, וואַרשיינלעך, איז געווען אַסאַך מער קאָרבאָנעס. מיר זיינען

אַריין אין פאַרבינדונג מיט די פּ. ס. ד. און האָבן באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן צו־זאַמען די לעוואַיע. דינסטיק דעם 7 (20) יון.

אונזער אָרגאַניזאַציע און די פּ. ס. ד. האָבן איינגעלאָדן די אַרבעטער דינס־טיק אָף באַלוטער פלאַץ: פון דאָרטן האָט מען געזאָלט 6 אַזייגער פון אָוונט אָנהויבן די לעוואַיע. נאָר שוין פון 2 באַטאָג אָן האָבן מאַסן אַרבעטער — אידן און קריסטן — אָנגעהויבן זיך צוזאַמענקומען אָף דעם באַשלאָסענעם אָרט. מע האָט אָפּגעשטעלט אַלע פאַבריקן, זאַוואָדן און וואַרשטאַטן. באַלוטער פלאַץ איז געווען פאַרפּלייצט מיט קאַזאַקן, וועלכע האָבן ניט געלאָזן די אַרבעטער זיך דאָ צוזאַמענקלייבן. די אַרבעטער האָבן אָנגעפילט די אַרומיקע גאַסן, וועלכע זיי־נען 6 אַזייגער פון אָוונט געווען אָנגעשטאָפּט מיט אַן אויפגערעגטן אוילאָם פון עטלעכע צענדליק טויזנט מאַן... ענדלעך האָבן זיך באַוויזן די טרונעס, מע האָט זיי אַרויסגעטראָגן אָף די הענט; די לעוואַיע האָט זיך נאָך אָבער ניט אָנגעהויבן: מע האָט געוואַרט, מע זאָל אַרויסטראָגן די לעצטע 2 טרונעס — די קערפּער פון די געהאַרגעטע זיינען געלעגן אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. די זעלנער האָבן דערוויל געפּרואווט זיך אַריינרייסן אין דער מאַסע, זיי האָבן זי געוואָלט צעטיילן. דאָס איז געווען, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, אַ ווינקל פון בזשעזינער און מיטעלער גאַסן. די אַרבעטער האָבן זיי יעדן מאָל רואיק, אָבער אַנטשלאָסן אָפּגעשפּאַרט אַהינטער. עס האָבן זיך באַ־וויזן אַ מאַן 30 קאַזאַקן. דער אָפיצער האָט באַפוילן זיך פאַנאַנדערגיין, ווען ניט — וועט ער שיסן. איך האָב געהערט, ווי דער אָפיצער האָט קאָמאַנדירט; איך האָב געזעען, ווי די קאזאקן האָבן פון זיך אַראָפּגענומען די ביקסן, זיי אָנגעלאָרן און זיך געצילט אָף די מאַסן; די מאַסע האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, און — די ביקסן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן...

עס האָבן זיך באַוויזן די לעצטע 2 טרונעס, און די לעוואַיע האָט זיך אָנ־געהויבן. איבער די אַנטבלויזטע קעפּ האָבן זיך איינע נאָך די אַנדערע פאַנאַנ־דערגעוויקלט רויטע און שוואַרצע פאָנען, אין דער לופטן האָבן געפלאַטערט לאַנגע רויטע בענדער... צוזאַמען זיינען געווען ביז 12 פאָנען. עס זיינען אויך גע־ווען אַסאַך קרענץ. רעוואָלוציאָנערע לידער אָף פּויליש, אידיש און רוסיש און דו־נערנדע קוילעס „אוראַ" האָבן ניט אויפגעהערט די גאַנצע צייט. באַשטימען ריכטיק, וויפל מענטשן עס האָבן אָנטייל גענומען אין דער לעוואַיע, איז אוי־מעגלעך. זי האָט זיך געצויגן אָף א ווייטער שטרעקע, וועלכע מע האָט אַפילע פון א הויכן אָרט ניט געקענט ארומכאַפּן מיטן אויג. אַלנפאַלס זיינען דאָרטן געווען ניט ווייניקער פון 50 טויזנט מאַן. דאָס בילד איז געווען אזוי גרויס־אַרטיק, אַז עס לאָזט זיך גאָרניט באַשרייבן. אַזוי איז די לעוואַיע אַריבער אי־בער גאַנץ סרעדניע און איבער אַנדערע גאַסן. איינגאַנצן האָט עס געדויערט אַ שאָ 2; הינטער דער מאַסע זיינען געפאָרן קאַזאַקן, דער אַריינגאַנג אין אלע זייטיקע גאַסן איז געווען פאַרצאַמט אויך מיט קאַזאַקן, וועלכע זיינען געשטאַנען מיטן רוקן צום אוילאָם. די טראַמוויין האָבן אויפגעהערט גיין; די פּובליק האָט פון די באַלקאָנען און פענסטער באַגריסט די דעמאָנסטראַנטן. צווישן די אידישע און קריסטלעכע אַרבעטער האט געהערשט אַ וואונדערבאַ־

רע אַכדעם. די אָרטיקע צייטונגען פאַרזיכערן, אַז אַפילע אין די יאַנוואַר־טעג האָט מען אין לאָדז אזעלכעס ניט געזעען.

אַפן בייסאַלמען איז זיך צונויפגעקומען אַזאַ גרויסער אוילאָם, אַז אַ גוטער דריטכיילעך האָט זיך אָפגעשטעלט אף יענער זייט פאַרקאַן. די טרונעס האָט מען אַראָפגעלאָזן אף דער ערד. ארום זיי האָט זיך געבילדעט א קרייז פון אויפגעהויבענע אין דערהויך פאַרייניקטע רויטע בענדער פון שווארצע און רויטע פאָנען, וועלכע האָבן געפלאַטערט אין דער לופטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רעדעס אף פויליש און אידיש... אזוי ווי דער אוילאָם איז געווען זייער א גרויסער, האָבן 5 רעדנער גערעדט אין איין צייט אין פאַרשיידענע עקן. די לופט האָט נאָכאנאנד געקלונגען פון מעכטיקע רעוואָלוציאָנערע אויסרופן און קוילעס „אורא", וועלכע האָבן זיך ארויסגעריסן פון דער ברוסט פון צענדליקער טויזנטער מענטשן. וואָס פאר א גרויסארטיקעס, פייערלעכעס בילד דאָס איז געווען! נאָר איין מאָל אין לעבן לעבט מען איבער אזעלכע מינוטן! מיר איז אָבער באשערט געווען איבערלעבן עפּעס נאָך שרעקלעכערעס, דערפאר אָבער נאָך גרויסארטיקערעס...

פאַרשיידענע גרופּן ארבעטער האבן ארויפגעלייגט אף די קוואָרים קרענץ מיט אלערליי אויפשריפטן. עס איז שוין געווען 10 דעם זייגער אינאָוונט. אום אויסצומיידן בלוט-פארגיסונג, האט מען געבעטן די ארבעטער גיין אהיים רואיק און קומען מאָרגן, מיטוואָך, צו דער לעוואיע פון 2 אידישע כאוויירים. פון בייסאלמען האָבן זיך די אַרבעטער אומגעקערט אין א געשלאָסענער מאַסע; דאָס זינגען האט, לויט דעם פאָרשלאג פון די אָנפירער, אויפגעהערט ניט ווייט פון שטאָט. צוריקגייענדיק האָט מען געכאפּט 2 פארדעכטיקע מענטשן. די מאסע האט זיי שיר ניט צעריסן — די אָנפירער האבן פארזיכערט, אז זיי קענען זיי, דוכט זיך, און דאס האט זיי געראטעוועט.

מיטוואָך, דעם 21־טן פארנאכט האבן זיך ווידער טויזנטער ארבעטער, אידן און קריסטן, אָנגעהויבן צוזאמענקלייבן נעבן שפּיטאָל, וואו אונזערע טויטע כאווירים זיינען געלעגן. ניט קוקנדיק אף אונזער זוכן, האבן מיר זייערע קערפּערס ניט געקאנט געפינען: מיר האבן זיך אויך ניט געקאנט דערוויסן, צי האט מען זיי מעקאבער געווען שטילערהייט אָדער מע האט זיי איבערגעטראגן אין אן אנדער ארט. דערווייל האט מען זיך דערוואוסט, אז נאך 2 ארבעטער זיינען געשטאָרבן פון די וואונדן, וואס זיי האבן באקומען, און די ארגאניזאציע האט באשלאסן איצט קיין דעמאנסטראציע ניט מאכן און אין א פאר טעג ארום מאכן א נייע לעוואיע; ס'איז געווען א גרונד צו קלערן, אז די פאליציי וועט ניט שטערן...

די ארבעטער זיינען זיך אבער ניט פאנאנדערגעגאנגען; זיי האבן זיך אנגעהויבן צונויפקלייבן אף דער פראנציסקאנער גאס; די ארבעטער פון פ.פ.ס. האבן אויפגעהויבן א פאן; א רעדנער האט זיך געשטעלט אף א פור און האט פון דארטן אנגעהויבן ריידן; א מאן טויזנט האבן זיך א לאז געטאן צו דער מיטעלער (סרעדניער) גאס; עס האבן זיך באוויזן פאנען — פון די פ.ס.ד. און אונזערע. די דעמאנסטראנטן האבן זיך פארקערעוועט צו פעטראקאווער גאס.

פריער איז געגאַנגען א גרופּע אַרבעטער, וועלכע האָט געגוויט עפּענען די טויערן, די סטרוזשן האָבן דאָס געדן געטאַן. מע האָט אַנגעהויבן איילִיק פאַרמאַכן די מאַגאַזינען. דאָס איז געווען אַרום האַלב זיבן אין אָוונט. די צאָל פון די אַרבעטער האָט אומגלויבלעך גיך געוואַקסן. אין אַ קורצער צייט אַרום איז שוין דאָרטן געווען אַ מאַסע פון עטלעכע צענדליק טויזנט. עס האָט אויך געוואַקסן די צאָל פון די פאַנען און בענדער. די פּאָליצייַ-לייט האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן פון זייערע פּאָסטנס. די טראַמווייען האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין דעפּאָ. מע איז דורכגעגאַנגען איבער גאַנץ פּעטראָקאָווער — די לענגסטע גאַס אין לאָדז. די צאָל דעמאָנסטראַנטן האָט דערגרייכט ביז 100 טויזנט. דאָ זיינען געווען פרויען און קינדער, אַלטע און יונגע. די פענסטער, באַלקאָנען, די זייטיקע גאַסן און די דעכער פון די הייזער זיינען געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. אַ באַגייסטערט זינגען און געשריי: „עס לעבע די רעוואָלוציע" האָבן דערשיטערט די לופט. אַלע האָבן געגלויבט, אַז די קייטן פון קנעכטשאַפט זיינען שוין אויף אייביק צעריסן, אַז די רעוואָלוציע האָט שוין אינגאַנצן געזיגט; דאָס איז געווען אָנגעשריבן באַ אַלעמען אויף די געזיכטער, וועלכע האָבן געאָטעמט מיט קאַמפּספּערטיקייט... אַרום האָבן מיר באַגעגנט נאָר פריינטלעכע באַגריסונגען און אַלגעמיינעם מיטגעפיל. קיין פּאָליצייַ איז ניטאָ. ווער איז נאָך איבערגעבליבן, וואָס זאָל אונז ניט מיטפילן? אָט גייען מיר פאַרביי אַ צענדליק זעלנער (אומבאַוואָפנטע) און זיי שאַקלען אונז צו פריינטלעך מיט די קעפּ און גריסן אונז. די מאַסע שטעלט זיך מיטאַמאָל אָפּ. איבער די קעפּ הויבן זיך אויף די רעדנער. זייערע רעדעס ווערן באַדעקט מיט אַ מעכטיקן „הוראַ". די דעמאָנסטראַנטן גייען ווייטער אונטער אומאויפהערלעכע לידער און אויסרופן... „אַזוי הויבט זיך אָן די רעוואָלוציע!" עס הערן זיך די קלינגענדע ווערטער פון דעם רעדנער, און קיינער צווייפלט ניט, אַז דאָס איז טאַקע די רעוואָלוציע: ווי דען אַנדערש? אַ שוידער גייט אַריבער איבערן לייב; עפּעס הויבט דיך אויף און טראָגט אַלץ ווייטער און ווייטער. אַזוי ווי אויף פליגלען, — איז דען מעגלעך, דאַרף מען דען האָבן עפּעס שענערס, ליכטיקערס?

די אָנפירער לאָזן אין דער מאַסע אַ געדאַנק, אַז ס'איז נויטיק צו באַפאַלן די געווער-מאַגאַזינעס. עמיצער לייגט פאָר גיין צום געפענגעניש. נאָר די באַגייסטערטע הונדערט טויזנדיקע מאַסע טראָגט זיך אין איר מעכטיקן לויף אַלץ פאַרווערטס און פאַרווערטס... מיטאַמאָל האָט די מאַסע אַ ציטער געטאָן... עס הערט זיך אַ כאַראַקטעריסטישעס טרוקענעס קנאַקן — איין מאָל און נאָך אַ מאָל... אונזערע ענטפערן. נאָר אַסאַך לויפן שוין. עס פאַלן טויטע און פאַרוואונדעטע, זיך אָפּשטעלן איז קיין שום מעגלעכקייט ניטאָ. מע שטופּט מיך אַריין אין עפּעס אַ גרויסן הויף. הינטער זיך הער איך נאָר דאָס היסטערישע שרייען פון פרויען, דאָס טרוקענע קנאַקן פון שיסן און — „שטייט, ברידער, אַנטלויפט ניט!" איך פרוּוו ריידן — דאָס איז אָפּט אַ גוטער מיטל אָפּצושטעלן און באַרויקן די מאַסע, אַלץ אומזיסט — דאָס קנאַקן פון שיסן און דאָס פייפן פון די קוילן יאָגט די מאַסע אַלץ ווייטער... די סטרוזשן האָבן אַריינגעלאָזן

אַלעמען אין די טויערן, אָנגעוויזן דורכהויפן, אַף דעם אָרט פון צוזאַמענשטויס פּרואווט מען זיך בויען באַריקאַדן, נאָר אַלץ איז פאַרלאָרן: די גרעסטע מערהייט פון דער מאַסע איז שוין געווען אַף די ארומיקע גאַסן. לויפן האָט מען ניט געלאָזן, און די אַרבעטער גייען רואיק איבער די פּאַראַלעלע גאַסן איבעראנייס צום צענטער פון שטאָט. די צאָל פון די טויטע און פאַרוואונדעטע איז נאָך אומבאַוואוסט. מע רעדט וועגן געהאַרגעטע קאַזאַקן, וועגן 2 באָמבעס, וואָס מע האָט אין זיי געוואָרפן. די מאַסע איז אויפגערעגט.

אין פאַרלויף פון נעכטיקן טאָג האָט מען בא אייניקע פּאָליציייליט צוגענומען די שווערדן און רעוואָלווערן; 2 פּאליציסטן, אַ קאַזאַק, אַ זעלנער און אַ שפּיאָן האָט מען געהאַרגעט. אַלע ווײַלע הערט זיך שיסן פון ביידע זייטן. דאָס הויז, פון וועלכער מע האָט געשאָסן אַף די קאַזאַקן (ווסכאָדניע נומר 17), האָט מען באָמבאַרדירט אַ פערטל שאָ נאָכאַנאַנד: מע האָט געשאָסן אין די פענסטער און טירן, אין אַלע לעכער און שפּאַלטן. די שטאָט זעט אויס ווי אַ פּיינטלעכער לאַגער... 7 אַזייגער פאַרנאַכט האָט מען אָנגעהויבן בויען באַריקאַדן אַף ווסכאָדניע און פּאָלודניאָווע (די אַרבעטער-בערזע). אַף ווסכאָדניע גאַס האָט מען געבויט 3, אַף פּאָלודניאָווע איינע. שטאָף האָט מען באַקומען וואו מע האָט נאָר געקאָנט. די סטרוזשען האָבן אַליין געהאָלפן בויען. אַף איין הויף זיינען געווען צוגעגרייט קאַסטנס, פעסער. אַף פּעטראָקאָווער גאַס האָט מען צעגראָבן דעם ברוק; מע האָט אַראָפּגעריסן די שילדן. די פּאָנאַרן האָט מען צעבראָכן. אַרום איז געווען כוישעך, פינסטער. עס האָט געגאָסן אַ רעגן; ער האָט אָבער קיינעם ניט אָפּגעהאַלטן. אָט פירט איינער אַ האַנטוועגל, דער אַנדערער שלעפּט אַ טיש, דער דריטער—אַ פאַס, דער פערטער—שטיינער... מיטאַמאָל איז די גאַס העל באַלויכטן געוואָרן. דאָס האָט מען אָנגעצונדן די מאָנאָפּאָל-קראָם.

פרייטיק אין דער פרי ווערן פאַרשפּרייט טויזנטער קאַרטלעך פון אונזער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכע מע רופט די מאַסע צו אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק. פּ. פּ. ס. האָט אַגיטירט קעגן דעם. די אַרבעט שטעלט זיך אָפּ, דער טראַמוויי הערט אויף צו גיין און אלע געשעפטן ווערן געשלאָסן. אַכוץ דעם צעשטערט מען קימאַט אַלע מאָנאָפּאלן, מע צעברעכט די פּאָנארן. אין פיל גאַסן בויט מען צענדליקער באריקאדן. אַף פּעטראָקאָווער גאס אליין זיינען געווען 4 באַריקאדן און אַף באלוט איז איינע פון די באַריקאַדן געווען אויפגעבויט פון וועבשטולן. אַף דריי באַריקאַדן זיינען געווען פאָנען—און אַלע דריי פון „בונד". די טעלעפאָנען- און טעלעגראַפן-דראט רייסט מען איבער און מע פאַרצאַמט מיט זיי די גאַסן, די סלופּעס זעגט מען אונטער און מע פאַרפעסטיקט מיט זיי די באַריקאַדן. די אַרבעטער האָבן זיך ווייניק באַוואָרנט מיט דאָס נויטיקסטע, וואָס מע דאַרף צו די באַריקאַדן—געווער. זיי שטייען אַפן שלאַכט-פעלד מיט שטיינער, אנשטאָט געווער; זיי רייסן און ברעכן די ברוקשטיינער, אנשטאָט אנצופאַלן אַף מאַגאַזינען פון געווער. דער פעלער איז גרויס, און דער אַרבעטער מוז אפּטרעטן פון זיינע פּאָזיציעס פאַר די צאַרישע באשיבוזוקן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאמענרוקן אף אים פון אַלע זייטן...

זיי רוקן זיך אָן גאַנץ פּאַרזיכטיק, פאַר יעדן באַלקאָן האָבן זיי אויך מורא פאַנאַנדערצונעמען ליידיקע באַריקאַדעס, טאָמער ליגט דאָרט באָמבעס און די־נאַמיט און זיי פּאַנגען אָן פון אַלע זייטן צו באָמבאַרדירן ניט נאָר די באַרי־קאַדן, נאָר די גאַנצע שטאָט. פון אינדערפרי ביז אַ זייגער 3—4 האָט מען ניט אויפגעהערט צו שיסן אויף אַלע גאַסן. טויזנטער קוילן זיינען געפלויגן דורך צוגעמאַכטע פענסטער, געשלאָסענע טויערן און פון פילע דעכער אין די הויפּיקע פענסטער. פון דידאָזיקע קוילן האָט זיך קיינער ניט געקענט אויסהיטן. אין דעם בלוטיקן טאָג זיינען געפאַלן איבער טויזנט מענטשן דערהאַרגעטע און פאַרוואונדעטע, אייביקע קאַליקעס. מע האָט זיך ניט באַנוגנט מיט מער־דעריי, נאָר מע האָט אויך גערויבט און געגאַזלט: ניט בײַ איינעם האָט מען אפּגענומען, ווען מע האָט זיך שוין געקאָנט באַווייזן אין גאַס, דאָס געלט און דעם זייגער; אייניקע קראָמען האָבן די סאָלדאַטן אינגאַנצן צעראַבירט.

באַטאָג, ווען עס איז שוין אפילו שטיל געוואָרן, האָט אויך יעדער מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס, ניט זייענדיק זיכער צו קומען אַ לעבעדיקער צוריק. די שטאָט איז ווי אויסגעשטאָרבן, נאָר מאַרשירנדע סאָלדאַטן האָבן באַוויזן, אַז עס געפינט זיך נאָך עטוואָס, וואָס לעבט און באַוועגט זיך. פון אַזייגער 9 פאַרנאַכט ביז טיף אין דער נאַכט האָט מען ווידער אָנגעהויבן שיסן אין אַלע גאַסן, קעדיי צו שרעקן די פּוסטע גאַסן און די אנגעשראָקענע שלאָפנדיקע איינוואוינער. אין די זעלבע נאַכט, ניט קוקנדיק אויף די פּאַניקע, וועלכע איז אָנגעפאַלן אויפן שטאָט, האָט מען 12 מאָל געשאָסן אין אַ קאַזאַרמע.

דער שאַבעסדיקער טאָג איז אוועק ניט בעסער. דער טראַמוויי גייט ניט און אין די גאַסן זעט מען נאָר איינצלנע מענטשן. סאָלדאַטן און קאָזאַקן זיי־נען אומעטום, אפילו אויף די דעכער. און פאַרנאַכט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ שיסעריי ביז שפּעט אין דער נאַכט. די געזעלשאַפט איז געווען אזוי אָנ־געשראָקן, דאָס פון זונטיק פרי הערט מען ניט אויף צו צעלויפן זיך פון שטאָט. מע לאָזט איבער די הייזער און די געשעפטן אויף הפקר און מע לויפט וואו די אויגן טראָגן. פאַר עטלעכע טעג צייט זיינען זיך צעלאָפן ביז 20.000 מאַן.

די בורזשואזע געזעלשאַפט איז שטאַרק אויפגערעגט. אָבער אויף וועמען? די בורזשואזיע שיט שוועבל און פעך אויפן אַרבעטער: ער איז אין אַלץ שול־דיק, זי וויל שוין ניט וויסן פון קיינע גליקן, פון קיינע פרייהייטן, אבי מע זאָל איר לאָזן צורו. און די אַרבעטער לאָזן ניט... אַסאַך פון זיי מורמלען שוין שטאַרק וועגן דער „הייליקער מיצווע" אַרויסצוגעבן אונז אין די הענט פון די מערדער, וועלכע האָבן ערשט נעכטן פאַרגאָסן בלוט פון זייערע אייגענע קינ־דער, ברידער און שוועסטער. די בורזשואזיע האָט זיך אפילו ניט געשעמט צו שיקן אַ בעט־דעפּוטאַציע צו די שרעקלעכע מערדער—צום פּאָליצמייסטער און צום קאָמאַנדיר.

די בורזשואזיע איז אָבער אין אַ געוויסן פּראָט ניט שטאַרק אומצופרידן מיט דידאָזיקע בלוטיקע רעוואָלוציאָנערע טעג, ווייל זי קען זיך ניט פאָר־שטעלן, ווי אַזוי אונזער אָרגאַניזאַציע איז געבליבן גאַנץ אָדער, אין בעסטן

פאַל, ווי אַזוי זיינען מיר זיך ניט צעלאָפן אין איין שרעק, ווי די גענזעלשאַפט. און זי טרייסט זיך מיט דער זיסער האָפענונג, אַז עס איז שוין געוויס ניטאָ מער קיין „בונד" און אַז מע קען זיך נעמען ווידער פארן אַרבעטער צו עקס-פלואטירן גאָר ווי אין די אַמאָליקע יאָרן.

אָבער די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס ביכלאל און דער „בונד" ביפראַט האָבן זיי באַלד געוויזן, וואָס פאַר אַ טאָעס זיי האָבן. אונזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַלד געזעצן צופאסן צו די נייע באַדינגונגען און די אַרבעט ווערט וואָס ווייטער אַלץ לעבעדיקער. עס זיינען שוין ווידער פאָרגעקומען אַרבעטער=ביר-זשעס און פארזאמלונגען און אַכוץ דעם האָט מען פארשפרייט צענדליקער טויזנטער פראָקלאמאציעס.

59. די שטרייק-באַוועגונג אין אדעס ערעוו דעם יון=אויפשטאַנד.

(קאָרעספאָנדענץ אין נומ. 7 „פראָלעטארי" פון 27 יון 1905)

...דער שטרייק הויבט אָן קלענער צו ווערן. אין אַסאַך פאַבריקן און וואַרשטאַטן זיינען די פאָדערונגען באַפרידיקט, איינגאַנצן אָדער טיילוויז. אָן באַפרידיקונג פון די פאָדערונגען שטעלט מען זיך צו דער אַרבעט זייער זעלטן; איך קען זיך אַפילע ניט דערמאָנען אַף אַזאַ פאַל. אין אָנהויב פון שטרייק האָט זיך קימאַט אומעטום באַמערקט אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו „פּאָליטיק". צוליב דעם איז באַ דער אָרגאַניזאַציע געווען אַ ריי צוזאַמענשטויסונגען מיט די אַרבעטער. אַזוי, לעמאָשל, האָבן די טאַבאַק-אַרבעטער פון פאָפּאָוס פאַ-בריק אָראָפּגעשניטן די פּאָליטישע פאָדערונגען, וועלכע אַ טייל פון די ארבעטער האָבן אָנגענומען אַף אַ פאַרזאַמלונג (אונטער דער אָנפירונג פון אונז און דעם „בונד"); דעמאָלט האָט די שטרייק=קאָמיסיע, וועלכע איז באשטימט געוואָרן פוןביידע אָרגאַניזאַציעס, זיך אָפּגעזאָגט אָנצופירן דעם שטרייק. ניט האָבנדיק באַ זיך קיין אַנדערע פירער, האָבן די אַרבעטער אַפּן צווייטן טאָג, אונטער דער ווירקונג פון די אָרגאַניזירטע כאַווירים, כאַראָטע באַקומען און געבעטן, אַז די קאָמיסיע זאָל אָנפירן דעם שטרייק. מיר האָבן איינגעשטימט.

די פאָטאָגראַפשטשיקעס פון איין וואַרשטאַט האָבן געשטעלט א באַדינגונג, אַז מ'זאָל פון דער רעשימע פאָדערונגען אָראָפּשניידן די אונטערשריפט פון דער שטרייק-קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון אונזערע און דעם בונדס פאָרשטייער. איינער פון אונזער גרופּע האָט זיך דערשראָקן און אָראָפּגעשניטן; מ'האָט אים דערפאַר באַזייטיקט פון דער שטרייק-קאָמיסיע און אויסגעשלאָסן פון דער אָרגאַניזאַציע. אין יעדער פאַל קומט אויס אַף די ערשטע פאַרזאַמ=לונגען ניט נאָר צו באטראכטן די פאָדערונגען, נאָר אויך איינצוברעכן די מוירע פאַר פּאָליטיק באַ די אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער. אפהענגיק פונם טאלאנט פונם אַגיטאַטאָר, גיט זיך דאָס איין אַף דער ערשטער, צווייטער, און אַן אַנ-דערש מאָל — אַף דער דריטער פאַרזאַמלונג, די מענשעוויקעס גייען אַף דעם לייכטסטן וועג און שרייבן אונטער צעטלען נאָר מיט עקאָנאָמישע פאָדערונגען.

מיר וואָלט זיך וועלן ריידן עטוואָס מער וועגן דער האַנדלונג פון די מענשע־וויקעס, לעמאָשל, וועגן די באַקאָשעס, וואָס זיי האָבן דערלאַנגט דעם גראַדאָנאַטשאַלניק, וועגן די פאַרזאַמלונגען אין דער האַנטווערקער־אופּראַווע, הילף־קאַסעס, נאָר וועגן דעם — אַ צווייטן מאָל.

דער שטרייק האָט באַוויזן, אַז מע דאַרף נאָך זאָרגן וועגן פאַרברייטערן אונזערע פאַרבינדונגען; מיר האָבן זיי אין יעדן פאַך און זאַוואָד, נאָר ווייניק; דער שטרייק האָט אויך באַוויזן, ווי וויכטיק ס'איז וויכטיק צו האָבן פעסטע „קערנער" אין די זאַוואָדן און פאַכן. ביזן שטרייק איז די איינטיילונג פון די פאַרבינדונגען איבער די פאַכן געגאַנגען שווער, ווייל די צענטראַליסטן האָבן נאָך אַלץ ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט פון דערדאָזיקער איינטיילונג; איצטער האָט דער שטרייק גופא אַסאַך אויפגעטאָן אין דערדאָזיקער הינזיכט, און אין אַלע פאַכן ווערן איינגעפירט „קערנער". מיט דער אַרבעט פירט אָן אין יעדן פאַך איין צענטראַליסט מיט דער הילף פון די גרופּע־מיט־גלידער פון דעמדאָזיקן פאַך. אַזוי צי אַזוי, נאָר קימאַט אין אַלע פאַכן איז דער שטרייק דורכגעגאַנגען אונטער אונזער אַנפירונג (צוזאַמען מיטן בונד און — זעלטענער — מיט די מענשעוויקעס); די פאַרבינדונגען פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך אַרויסגעוויזן נאָר אין 2-3 פאַלן. מיטן בונד איז ביז דער לעצטער צייט די אַרבעט געגאַנגען אויסגעצייכנט; אין אַלע פּונקטן האָבן מיר זיך געהאַלטן סאָלידאַריש, דערין אויך אין קאַמף מיט די אָפּאָרטוניסטישע געניג פון די מענשעוויקעס און מיט זייער דעמאַגאָגיע. נאָר ווען ס'קומט אויס צו מאַכן דעם סאַכאַקל פונם שטרייק, פאַרפעסטיקן די פאַרבינדונגען, — מיט איין וואָרט, ווען יעדער אָרגאַניזאַציע קומט אויס אָפּצוטיילן זיך פון דער צווייטער, דעמאָלט ווייזט דער בונד אַרויס זיינע ספּעציפישע שטריכן. די בונדיסטן פּרוואון זיך דערוויזן, אַז דער אויילאָם פאַרשטייט קלוימערשט ניט אונזערע רעדנער (וואָס ריידן רוסיש); נאָר זיי פּלעגט אויסקומען אריינפאַלן אין אַ ניט־באַקוועמער לאַגע: די מאַסע פּלעגט דערקלערן, אַז זי פאַרשטייט אויסגעצייכנט רוסיש. די בונדיסטישע דראָשעס וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פאַר די אידישע אַרבעטער טייטשט די מאַסע אויס אַזוי, אַז די בונדיסטן גופא וואָלטן זיך דערשראָקן... וועגן די מענשעוויקעס איז קלאָר געוואָרן, אַז זיי זיינען שרעקלעכע רעקלאַמיסטן; זייערע ווירקלעכע פאַרבינדונגען שטימען גאָר ניט מיט די קלאַנגען, וואָס זיי לאָזן פאַנאַנדער איבער דעם, שיקן זיי ווייניק פּאַסנדיקע מענטשן, וועלכע טוען אָפּ לעכערלעכע און אַן אַנדערש מאָל שעדלעכע פעלערן. מיר האָט איינער פון זיי געזאָגט: „איך אַליין פאַרשטיי אויסגעצייכנט די באַדייטונג פון פּאָליטישע פּאָדערונגען, נאָר פּרוואוט אַקאָרשט ריידן מיט דער הונגעריקער מאַסע!" איך האָב באַ אים געפרעגט: „און אויב די הונגעריקע מאַסע וועט שרייען: „שלאָג די זשידעס!" וועט איר אויך צושטיין?" דער באַכער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן און איז אַוועקגעגאַנגען (דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ טראַקטיר און אונזער וויקואַך האָט געמאַכט אַן איינדרוק). ס'זיינען געווען פאַלן, ווען צו אונז זיינען

אריבער באוואוסטזיניקע ארבעטער, וואָס זיינען אומצופרידן מיט דער מענשע-װיסטישער טאַקטיק.

60. די פּאָטיאָמקין-טעג אין אדעס.

(פון דער ביילאגע צום נומ. 8 „דער בונד״).

די געשעענישן האָבן זיך בא אונז פאַנאַנדערגעוויקלט מיט א שרעקלעכער געשווינדקייט.

מיטוואָך דעם 8-טן יון האָט מען אונזער אָרגאַניזאַציע איבערגעגעבן א קלאַנג, אז די ארבעטער פון דעם טייל שטאָט „פּערעסיפּ״, וועלכע האָבן שוין געשטרייקט גאַנצע 6 וואָכן אָן אַ שום דערפאָלג, ווילן רופן אַלע אדעסער ארבעטער אַף אַן אַלגעמיינעם שטרייק, קעדיי אַף אַזאַ אויפן צו נויטן זייערע באַלעבאַטים זיך אונטערגעבן.

...דאָנערשטיק אָוונט האָט מען ארעסטירט 30 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך צונויפגעקליבן באַשליסן די פראַגע וועגן דעם אלגעמיינעם שטרייק. אַף מאָרגן, פרייטיק, האָט זיך די מאַסע דערפון דערוואוסט און איז אוועק צום צירקל, וואו זי האָט העפטיק געפאָדערט, מע זאָל ארויסגעבן די ארעסטירטע. די פאָדערונג איז ערפילט געוואָרן. די שטרייק-שטימונג איז אַלץ געוואַקסן.

באַקומענדיק דידאָזיקע ידיעס, האָט אונזער אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן זיך פאַרטיק צו מאכן, קעדיי אין פאַל אויב עס וועט פאָרקומען אן אלגעמיינער שטרייק באַ די רוסישע ארבעטער, זאָלן מיר קענען אַראָפרופן פון דער ארבעט די אידישע און צוגעבן דעם שטרייק א פּאָליטישן כאַראַקטער. צוליב דעם האָבן מיר באַשלאָסן ארייננצוגיין אין פארבינדונג מיט די 2 אָרטיקע אָרגאַני-זאַציעס פון דער רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער פּארטיי: די גרופּע „איסקראָװו-צעס״ און דעם „קאָמיטעט״ [87].

...די ידיעס פון פּערעסיפּ זיינען דערווייל געוואָרן אלץ אומרואיקער. זונטיק האָט אונזער אָרגאַניזאַציע אויסגעקליבן א קאָמיסיע פון 5 מענטשן אָנצופירן דעם שטרייק. כיץ דעם האָט מען באַשלאָסן צוצוגרייטן פּראָקלאמאציעס און אויפרופן צום שטרייק. דעמזעלביקן טאָג אזייגער דריי האָט מען באַשלאָסן, צוליב די וויכטיקייט פון די געשעענישן, צונויפרופן א ספּעציעלע בערזע אַף מיאַסאָיעדאָווסקע גאַס. ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס מע האָט דאָס באַוויזן איבערגעבן דער מאסע נאר מיט א פאר שאָ פריער, האָט זיך דאָך אזייגער 8 צונויפגעקליבן אַף דעם באַשטימטן אָרט א מאַן טויזנט. דאָרטן האָט מען אפן שטעל באַשלאָסן אויסצונוצן די צונויפגעקליבענע מאסע און מאכן א גאַסן-פאַרזאמלונג. אזייגער ניין האָט מען אָנגעהויבן צונויפצוקלייבן די מאסע ארום אונזער רעדנער, און אין אייניקע מינוטן ארום זיינען שוין ארום אים געשטאַ-נען א מאַן זעקס-זיבן הונדערט. די שטימונג איז געווען זייער א געשפּאַנטע, א קאַמפּלוסטיקע. דער רעדנער האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם אלגעמיינעם שטרייק, וואָס אונז שטייט פאָר, האָט דערקלערט, אז ער מוז טראָגן א פּאָלי-

טישן כאראקטער... אין דער מאסע זיינען געווען עטלעכע רוסישע ארבעטער, און דעם רעדנער איז דארום אויסגעקומען איבערכאזערן דעם אינהאלט פון זיין רעדע אף רוסיש. נאָכדעם, ווי די רעדע האָט זיך געענדיקט, האָט זיך דערהערט אן אויסרוף: „עס לעבע די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע!" „עס לעבע דער בונד!" אף וואָס די מאסע האט געענטפערט מיט א לאנג-דויערנדן „אורא".

די שטימונג איז געווען אזוי געהויבן, דאָס קיינער האָט ניט געוואָלט אוועק-גיין. ...נאָר באלד זיינען געקומען אונזערע אגיטאַטאָרן, וואָס זיינען געשטאנען אף דער וואך, און האָבן אנגעזאָגט, אז פון צירקל האט מען ארויסגערופן קאזאקן. עס איז אויסגעקומען קימאט מיט געוואלד צו צעטרייבן די מאסע. אייניקע גרופן האָבן זיך אפגעשטעלט ארומגיין אין די דערבייאיקע גאסן. נאָך פריער, גלייך ווי די פאַרזאמלונג האָט זיך געענדיקט, האט מען איבערגעגעבן אונזערע אגיטאטארן, זיי זאלן מאנטיק ניט גיין צו דער ארבעט; כּוץ דעם האט מען באשטימט ספעציעלע קווארטירן, וואו מע האט אפגערעדט איבערצו-געבן די באשלוסן פון דער אָרגאניזאציע, וואס צו טאָן ווייטער.

דעם אַנדער טאָג, מאָנטיק, האָבן מיר געשיקט אף פּערעסיפּ עטלעכע מענטשן, צווישן זיי צוויי רעדנער. א זייגער 11 אינדערפרי האָבן זיך נעבן געגנס פּאַב-ריק צונויפגעקליבן א מאָן 3 הונדערט ארבעטער. ווי עס האָט זיך ארויסגע-וויזן, האָט מען נעכטן פון אָוונט ווידער ארעסטירט די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך געוועסט צונויפגעקליבן אָנצונעמען דעם לעצטן באַשלוס וועגן אַל-געמיינעם שטרייק.

...האַלב 12 דעם זייגער איז געקומען צו פאָרן א האַלבער הונדערט קאָזאַקן, אונטער דער אָנפירונג פון אן אָפיצער און א פּריסטאַוו. דער פּריסטאַוו האָט געפאָדערט, די ארבעטער זאָלן זיך פאַנאַנדערגיין. די ארבעטער האָבן ניט גע-וואָלט. די שטימונג איז געוואָרן אן אויפגערעגטע. אלע האָבן זיך געשטעלט און זיינען זיך צונויפגעגאַנגען אף איין אָרט. צו די ארבעטער איז צוגעפאָרן דער קאָזאַקן-אָפיצער און האָט געמעלדעט, אז ער האָט באַקומען פון גראַדאָנאַטשאַל-ניק א באַפעל אָנצונעמען די שטרענגסטע מיטלען, אין פאַל אויב מע וועט זיך אַפּן שטעל ניט פאַנאַנדערגיין; דערביי האָט ער גלייך געגעבן א סיגנאַל מיטן טראָמפּייט. דאָס האָט די ארבעטער שטאַרק אויפגעבראכט. און זיי האָבן זיך גלייך א לאָז געטאָן צו די שטיינער, וועלכע זיינען דאָ נעבן זיי געלעגן. איינער פון דער מאַסע איז ארויסגעטראָטן פאָרויס און אנגעהויבן ווארפן שטיינער אף דעם אָפיצער. דער אָפיצער האָט אף אים אויסגעשאָסן און אים געהאַרגעט אפן אָרט. די קאָזאַקן האָבן זיך א וואָרף געטאָן אף דער מאַסע, נאָר באַגעגענענדיק זיך מיט א האָגל שטיינער, האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן צו-ריק. אָפּלויפנדיק א קווארטאלן אָנדערהאַלבן, האָבן זיי דאָרטן געלאָזט זייערע פערד, זיך אומגעקערט צופוס, און אָנגעהויבן שיסן אף דער מאַסע. ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיי געשאָסן אָן קוילן, ווייל כוץ דעם ארבעטער, וועלכן דער אָפיצער האָט פריער דערהאַרגעט, האָט מען געפונען נאָר איין דערהאַרגעטן און איין פאַרוואונדעטן און ביידע פון רעוואָלווערן. די שטימונג איז געווען זייער אן אויפגערעגטע. די פּויסטן האָבן זיך צונויפגעדריקט. עס האָבן זיך

געהערט קלאָלעס אַף די קאָזאַקן. פרויען האָבן זיך אליין געריסן אין דער מאַסע און האָבן אהין געשטופּט זייערע מענער, שרייענדיק: „אלץ איינס איז אונז א טויט! א גיכער טויט! אומבאַוואָפנטע שיסט ער! ווער האָט אים געגעבן דאָס רעכט אונז צו האַרגענען?" און ד. גל.

א טייל פון דער מאַסע האָבן אויסגעבראָכן א טיר, ארויפגעלייגט אַף איר דעם טויטן כאַוועד און זינגענדיק „ווארשאַווי־אַנקע", האָבן זיי אָנגעהויבן גיין מיט אים פון איין פאַבריק אַף דער אנדערער אַראָפּנעמען די ארבעטער. באַלד זיינען צו זיי צוגעשטאַנען די קיילער. אפן שטעל האָט מען אויסגעשפּאַנט די פערד פון די פאַרבייפאָרנדיקע מיט זעק געלאָדענע מאַסע־וועגן (בינדיוגעס), און מיט זיי פאַרצאַמט די גאַס. די ארבעטער האָבן באַלד אַפן אָרט אָפּגעשטעלט די פערד־טראַמווייען און פּאָרט־טראַמוויי, וועלכער גייט אַפן לימאַן.

אונזערע אגיטאַטאָרן זיינען גלייך נאָך דעם (דאָס איז געווען אזייגער 2) אוועק אין שטאָט געבן צו וויסן דער אָרגאַניזאַציע פון אלץ, וואָס איז געשעען, און מיר האָבן באַשלאָסן צו דערקלערן אן אלגעמיינעם שטרייק. מע האָט באַלד צעטיילט די בלעטלעך, דעם אויפרוף צום שטרייק, און ביז אָוונט האָט זיך אונז איינגעגעבן אָפּשטעלן אלע טאַבאַק־פאַבריקן, אלע קאָמאַשן־שטעפּער, א טייל שניידער, א טייל שוסטער, אלע אייזנגיסער און אנדערע, צוזאַמען עטלעכע טויזנט מאַן... אוונטס האָבן זיך אַף אונזער בערזע, אַף דער פּרעאָבראַזשענסקער גאַס, צונויפגעקליבן העכער ווי 3000 מאַן, די שטימונג איז געווען נאָך מער רעוואָלוציאָנער און קאַמפּסלוסטיק ווי נעכטן.

די רעכטע געשעענישן אָבער האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט ערשט דינסטיק דעם 14-טן יוני. שוין אינדערפרי זיינען גרופּעס ארבעטער אוועק אַף די פאַבריקן און זאַוואָדן אראָפּנעמען פון דער ארבעט. די ערשטע גרופּע איז אוועק אַף וואלטוכס פאַבריק, די גרעסטע — אַף דאָלניצקע גאַס. דאָרטן האָט די פּאָליציי ניט געוואָלט דערלאָזן די ארבעטער צו דער פאַבריק; דאַן האָט אן ארבעטער אויסגעשאָסן פון א רעוואָלווער אַף א גאָראָדאָוואָי. פון ביידע זייטן האָט מען אָנגעהויבן שיסן. נאָך אן ארבעטער האָט אָפּגענומען די געווער בא א גאָראַדאָוואָי און גענומען זיך זיין רעוואָלווער. נעבן פאַבריק איז געפאַלן איין גאָראָדאָוואָי טויט און 2 ארבעטער פאַרוואונדעט. עטלעכע מענטשן האָט מען ארעסטירט. ניט פאַרלאָרן דעם מוט, איז אונזער גרופּע געגאַנגען ווייטער פון איין פאַבריק אין דער אנדערער. די צווייטע גרופּע איז דערווייל געגאַנגען איבער די דרוקערייען, זי איז צוגעגאַנגען אויך צום הויז, וואו מע וועגט פאַבאַנדער וויסאָצקיס טיי, אַף קאָנאַטנע גאַס. דאָרטן איז ווידער פאָרגעקומען אַ צוזאמענשטויס מיט דער פּאָליציי, וועלכער האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס פון ביידע זייטן זיינען געפאַלן עטלעכע פאַרוואונדעטע. און אַף די גאַסן זיינען די ארבעטער־מאַסן אלץ געוואַקסן. די קאָזאַקן, וועלכע האָבן געפּרוּווט צעטרייבן די מאַסע, פלעגט מען באַגעגענען מיט שטיינער, וועלכע מע האָט דאָ אַפן אָרט ארויסגעריסן פון ברוק. אין דעם באָמבאַרדירן מיט שטיינער האָבן אויך פרויען אַן אקטיוון אָנטייל גענומען. צוזאמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און קאָזאַקן זיינען פאָרגעקומען אין אלע גאַסן. די מיטגלידער פון אונזער

אָרגאַניזאַציע האָבן פון אלע זייטן געבראכט יעדיעס וועגן געפעכטן מיט פּאָ־ליציי און קאָזאַקן, וועגן צופאַלן, ווען מע האָט באַ דער פּאָליציי צוגענומען זייער געווער, ווען מע האָט זיי געהאַרגעט. עס איז אומעגלעך איבערציילן און איבערגעבן אלע פאַקטן, אין וועלכע די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון דער מאַסע האָט זיך ארויסגעוויזן. אָוונט-צייט האָט מען אף אוספּענסקע, צווישן מיעשטשאַנסקע און פּרעאָבראַזשענסקע, און אף די קליין־אָרנאַוטסקע געבויט באַריקאַדן — עטלעכע ארשין די הויך. די זעלנער האָבן זיך געוואָרפן שטור־מען די ערשטע באַריקאַדע, נאָר פון אויבן האָבן זיך אף זיי געשאָטן שטיינער און קוילן פון רעוואָלווערן. די באַריקאַדע האָט זיך געהאַלטן א האלבע שאָ. נאָך פּויער האָט מען אלע מאַגאַזינען פארמאַכט. אף עטלעכע גאַסן האָבן די אַרבעטער ניט איין מאָל אָפּגעשטעלט די טראַמווייען, און איבערגעקערט זיי אין דער ברייט פון גאַס. די קאָזאַקן פלעגן זיי אויפהויבן און ווייטער אוועקלאָזן. עטלעכע וואַגאָנען האָט מען אונטערגעצונדן. אף אוספּענסקע האָט מען צוויי מאָל געבויט אַ באַריקאַדע. די שטימונג איז געווען אזא רעוואָלוציאָנערע, אז די גאַנצע צייט זיינען די אָנפאַלער געווען ניט די קאָזאַקן, נאָר די אַרבע־טער. די לעצטע האָבן זיך געשלאָגן ווי לייבן, אָבוואָל צווישן זיי איז געווען פארהעלטניסמעסיק ניט פיל באַוואָפנטע. מיט זייער אָנפאַלן האָבן די ארבעטער געוואָרפן אף דער פּאָליציי אזא פּאַכאַד, אז פיל מאָל איז גענוג געווען צו ווייזן די פּאָליציי א רעוואָלווער, זיי זאָלן אָפּטרעטן... רוסישע ארבעטער זיינען דעם טאָג געווען אין שטאָט זייער ווייניק, ווייל די עקן שטאָט זיינען געווען ארומגערינגלט מיט מיליטער. אין די געפעכטן האָבן אָנטייל גענומען קימאַט דורכויס אידן... אזוי איז אוועק דינסטיקדיקער טאָג.

מיטוואָך אינדערפרי האָט זיך איבערן שטאָט פאַנאַנדערגעטראָגן א יעדיע, וואָס אזוינס איז נאָך גאָר קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן: אין האַפן האָט זיך באַוויזן דער גרעסטער פּאַנצער-שיף פון דער רוסישער עסקאַדרע אפן שווארצן יאַם: „פּאָטיאָמקין דער טאַורישער", אף וועלכן די מאַטראָסן האָבן געמאַכט אַ בונט און געהאַרגעט אלע אָפיצערן. די יעדיע איז געשווינד, ווי אף פליג־לען, דורכגעלאָפן די שטאָט. נאָך אינדערפרי זיינען מאַסן ארבעטער פון פּע־רעסיפּ אוועק אין קאַראַנטין. דאָרטן אף דעם „נייעם מאָל", אונטער א געצעלט, איז געלעגן דער טויטער קערפּער פון דעם מאַטראָס, וועלכן אן אָפיצער האָט געהאַרגעט אפן פּאַנצער-שיף „פּאָטיאָמקין". אפן ברוסט בא אים איז געלעגן אן אויפרוף, געשריבן אף א שרייב-מאַשינע, אין וועלכן די מאַטראָסן רופן דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק אויפצושטיין קעגן זייערע טיראַנען און פּייניקער און אין דעם קאַמף געווינען פאר זיך פרייהייט, צענדליקער טויזנטער מענטשן זיינען זיך צונויפגעלאָפן אין האפן... דאָ אפן שטעל האָט מען אויפגעשטעלט 2 בימעס, אף וועלכער עס זיינען אייגער נאָך דעם אנדערן ארויסגעטראָטן סאָציאַל-דעמאָקראַטישע רעדנער. דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט דער רעד־נער, וועלכן אונזער אָרגאַניזאַציע האָט געשיקט[88]. ער האָט פיל מאָל גערעדט, יעדן מאָל פריינטלעך באַגריסט פון דער מאַסע. די רעדעס פלעגן זיך ענדיקן מיט אן אויפרוף צום אויפשטאַנד, צו באַוואָפענונג. אין דערזעלבער צייט

האָבן מיר פאַרשפּרייט די פּראָקלאַמאַציע פון צ. ק. פון „בונד" — „זייט גרייט!" און פון אונזער אָרטיקן קאָמיטעט וועגן דער מאַפּאָלע בא צוסימע [89]. איבערן קאָפּ פון דעם רעדנער האָט מען אויפגעהויבן א שווארצן באַנד מיט דער אויפשריפט: „ערע די געפאַלענע כאַווײרים!" נאָך יעדער רעדע פלעגט א קלינ־גענדיקעס „הורא" פארהילכן די לופט... דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען פאר זעלנער און קאָזאַקן אין די אויגן: זיי זיינען געשטאַנען איבער דעם האָפן, אף דעם ניקאָלאַיעווער בולוואַר. זיי זיינען אפּגעשטאַנען אראָפּ אונטן, נאָר די מאַטראָסן פון פאַנצער־שיף האָבן ארויסגעשטעלט א קריגס־פאָן און זיי פאַר־יאָגט. אין דער מאסע האָט מען ניט געזעען ניט איין פאָליצייאישן מונדיר. באָר עס זיינען געווים געווען פאָליציי־אַגענטן, וועלכע האָבן געפירט אן אגי־טאַציע קעגן „די זשידעס און די פּאָליטיקער". זייער אגיטאַציע האָט אָבער געפונען ניט קיין גינסטיקן באָדן און האָט געטראָפן אן ענערגישן ווידער־שטאַנד. איינעם אזא אגיטאַטאָר, א האַפן־היטער, וועלכער האָט א געשריי געטאָן: „שלאָגט די זשידעס!" האָבן די האַפן אַרבעטער באַלד אריינגעוואָרפן אין וואַסער, און ער איז גלייך דערטרונקען געוואָרן. נאָך איינער האָט א גע־שריי געטאָן: „גענוג אייך שוין צו שרייען — נידער מיט דער זעלבסטהער־שונג! גיט אַהער דעם רעדנער! שלאָגט די זשידעס!" און ער האָט זיך גע־וועסט געוואָרפן צום בימע, נאָר 2 מיטגלידער פון אונזער קאַמפּס־גרופּע האָבן אף אים אויסגעשאָסן פון זייערע רעוואָלווערן, און ער איז טויט געפאַלן. אָט אַזאַ גיכער פּסאַק האָט אָפּגעשלאָגן דעם כיישעק באַ די אנדערע כוליגאַנעס, און זיי זיינען שטיל געוואָרן. פונדעסטוועגן אויס מוירע, אז דער טאָג, וואָס האָט זיך אזוי גוט אָנגעהויבן, זאָל זיך ענדיקן ניט ווי געוואונשן. האָבן אַלע דריי אָרגאַני׳אַציעס [90] באַשלאָסן פאָרצולייגן דער מאַסע זיך פאַנאַנדערגיין, מע האָט וועגן דעם געמעלדעט פון בימע. 4 אזייגער באַטאָג זיינען זיך אַלע אָרגאַניזירטע ארבעטער און א גרויסער טייל פון דער מאַסע פאַנאַנדערגע־גאַנגען.

אין דער צייט, ווען אין האפן איז פאָרגעקומען אַלץ, וואס מיר האָבן דאָ באַשריבן, זיינען אוועק אפן פאַנצער־שיף די פאָרשטייער פון אלע אָרטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. די מאַטראָסן האָבן מיט סימכע באַ־גריסט די דעלעגאַציע. נאָך פריער זיינען אונזערע כאַווײרים צוזאַמען מיט אַנדערע אריינגעדרונגען אַפן פאַנצער־שיף. נאָך זייער פאָרשלאַג האָט זיך א טייל מאַטראָסן פארזאַמלט אפן פאָרדעק, און דאָ, צווישן פאַנצער און אייזן, צווישן די פורכטבאַרע קאַנאָנען, וועלכע טראָגן מיט זיך טויט און שרעק, האָבן צום ערשטן מאָל געקלונגען פרייע און פריידפולע שטימען, וועלכע רופן צום קאַמף פאר א ניי לעבן.

די מאַטראָסן האָבן אויפמערקזאַם געהערט... מיר האָבן איבערגעלעבט מי־נוטן פון וואונדערלעכע היספּאַלעס, צוהערנדיק ווי א דונערנדעס „אורא" האָט באַדעקט די אויסרופן: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! עס לעבע די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע!" אזייגער 2 איז זיך אונזער דעלעגאַציע צוזאַמענגעקו־מען מיט דער דעלעגאַציע פון די מאַטראָסן און מיט איין אפיצער, וועלכער איז

איבערגעגאַנגען אַפן זייט פון די מאַטראָסן און איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר א קאָמאַנדיר פון שיף. דער אפיצער האָט אונז דערציילט בעערעך פאָלגנ־דעס:

בעאייס דער פאַנצער-שיף איז געשטאַנען אין טענדער-בוכטע, האָט מען פאַר די מאַטראָסן געבראַכט פורן פלייש, איבער וועלכע עס זיינען געקראָכן ווערים. די מאַטראָסן האָבן אף דעם אָנגעוויזן דעם דאָקטאָר, נאָר ער האָט אָנערקענט דאָס פלייש דורכויס פאַר גוטע. ווען די מאַטראָסן האָבן זיך אָפּ־געזאָגט פון עסן דאָס פלייש, האָט דער עלטסטער אָפיצער אויסגעשטעלט די גאַנצע קאָמאַנדע אַפן פאָרדעק און האָט געפאָדערט, אז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן אָפּזאָגן זיך פון עסן. די מאַטראָסן האָבן אפילע אין זינען ניט גע־האָט צו פאָלגן. ער האָט ארויסגערופן די וואכט־קאָמאַנדע; נאָכהער האָט ער אָפּגעטיילט א גרופּע פון 20 מענטשן און האָט זיי באפוילן נעמען מיטאָג; יענע האָבן ניט געפאָלגט. די וואכט-קאָמאַנדע האָט זיך אָפּגעזאָגט שיסן אף די אומגעהאָרכזאַמע. ניט לאַנג געטראַכט, האָט דער אפיצער ארויסגעכאַפּט באַ דעם נאָענטסטן וואכט-זעלנער דעם ביקס און האָט אוועקגעלייגט אַפן אָרט דעם ערשטן מאַטראָס, וואס ער האָט געטראָפן. דאָס איז געווען דער לעצ־טער טראָפּן, וועלכער האָט דערפילט די מאָס. באַלד האט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינע אויפרעגונג. די מאַטראָסן האָבן זיך געוואָרפן צו די ביקסן, האָבן געהאַרגעט דעם קאָמאַנדיר און נאָך 7 אָפיצערן; בא די איבעריקע האָבן זיי צוגענומען דאָס געווער און זיי אַרעסטירט. נאָכדעם האָבן זיי געגויט דעם מינען-שיף, וועלכער איז דאָרטן געווען, צושטיין צו זיי און זיינען צוזאַמען אוועקגעפאָרן אין אָדעס. פון דער ווייטערדיקער דערציילונג איז קלאָר גע־וואָרן, אַז דער קאָמאַנדיר מיט די מאַטראָסן זיינען איבערצייגט, דאָס די גאַנ־צע עסקאַדרע, וואָס אַפן שווארצן יאַם, איז דורכויס גרייט צוצושטיין צום „פירשט פּאָטיאָמקין”, גלייך ווי צו זיי וועט נאָר דערגייין די יעדיע וועגן דעם, וואָס דאָ איז געשעען, דעמאָלט וועלן זיי אינאיינעם פארנעמען אנטשלאָ־סענע טאַטן; ביז יענער צייט אבער אראָפּגיין אַפן ברעג רעכענען זיי פאַר א ריזיקע.

מיט דעם איז די דעלעגאַציע אוועקגעפאָרן, איבערלאָזנדיק אַפן שיף עט־לעכע אגיטאַטאָרן...

... די מאַטראָסן קוקן אף זיך, ווי אף קעמפער קעגן דער זעלבסטהערשונג, ווי אף באַשיצער פון זייערע אומבאוואפנטע כאַוויירים, די ארבעטער, פון גע־וואלט און ווילקיר. ווען זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אז די קאָזאַקן האָבן גע־וואלט אנפאַלן אַף דער מאַסע, האָבן זיי געשיקט אפן ברעג 20 מענטשן מיט ביקסן. די מאַסע האָט זיי באַגריסט מיט קוילעס: „עס לעבע דער פאָלקס־פאַנצער-שיף פּאָטיאָמקין!” „עס לעבע זיינע מאַטראָסן! עס עבע ד פריי־הייט!” די ארבעטער האָבן זיך צו זיי געווענדעט מיט פראַגן, ווען וועט קו־מען די איבעריקע עסקאדרע, זיי האָבן געשריען! „ברידער, איר זייט בא־וואפנט, העלפט אונז, די קאָזאַקן באַליידיקן אונז שוין צו פיל!”...

... אזייגער 5 האָט זיך באוויזן די ערשטע פלעשל בראַנפן, וועלכע מע

האָט ארויסגענומען פון די פעק, וואָס זיינען געווען אויפגעלייגט באַם האָפן. ווער עס האָט דער ערשטער ארויסגעשלעפּט די בראַנפן, ווייס מען ניט. פיל אַרבעטער האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט און מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן, מע זאָל ניט טרינקען, שרייענדיק צים אוילאָם: „מיר זיינען שטאַרק, קאָלזמאַן מיר זיינען ניכטער! ווי מיר וועלן זיך אָנטרינקען, וועט די פּאָליציי מיט די קאָזאַקן אונז אויסהאַרגענען". „מיר וועלן פאַרשפּילן אינוער זאַך!" „דאָס זיינען אייך די שפּיאָנען מעכאבעד מיט בראַנפן, פּאַר זיי לוינט עס, זיי לעבן דאָך נאָר פון אונזער אומוויסנהייט און צאָרעס!" מע מוז באמערקן, אַז פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער איז שוין צו יענער צייט קיינער באם האָפן ניט געווען, און די איבנדערמאָנטע און אויך אנדערע ווערטער פון דעם ארט געהערן ארבעטער פון דער מאסע און לומפּן (באָסיאַקעס). אסאַך בראנפן האָט מען אריינגעווארפן אין יאַם מיט קלאָלעס ווי אף די בראַנפן אליין, אזוי אויך אַף די שפּיאָנען, וועלכע האָבן זי, נאָך דער מיינונג פון די ארבעטער, אונטערגערוקט.

אַזייגער 7 האָט מען אויבן, אף יעקאטערינעס פּלאַץ, געווארפן א באָמבע, וועלכע האָט פאַרוואונדעט 8 קאָזאַקן. אין דערזועלבער צייט האָט זיך אין פּאָרט אָנגעהויבן א סרייפע. ווי האָט זי זיך אָנגעהויבן, ווער איז אין דעם שולדיק געווען, איז אוממעגלעך צו זאָגן. מע זאָגט, אז דאָס האָבן אונטערגע-צונדן שיקערע לומפּן, פאַראַנען אויך אנדערע פאַרדאכטן. זיכערע ידיעס זיינען דאָ, אַז אַן צווייטן טאָג פון דער סרייפע, בעאיס איינקע באַאַמטע זיינען געקומען געוואָר ווערן, ווי גרויס דער העזעק איז. האָבן זיי אין פּאָרט געפונען זעלנער, וועלכע האָבן באגאָסן מיט קעראָסין און אונטערגעצונדן דאָס, וואס איז באנאכט ניט פאַרברענט געוואָרן.

... אין פּאָרט האָט ביזן העלן פרימאָרגן געקנאַקט דאָס שיסן: דאָס האָבן די זעלנער אָן אויפהער גערעגנט מיט קוילן אף די ארבעטער, וועלכע זיינען געקומען צו לויפן רעטן די מענטשן פון דער סרייפע. פון פּערעסיפּ האָט מען די ארבעטער אַהין ניט צוגעלאָזן. אַף דעם אנדער פרימאָרגן האָט מען געפירט הונדערטערווייז מייסים פון קאראנטין אין פון בולוואר. די האַפן-אר-בעטער האָבן צונויפגעלייגט די טויטע קערפּער צענדליקווייז אף וועגן און האָבן זיי נאָכהער ארומגעפירט איבערן שטאָט. די שפּיטאָלן זיינען איבערגע-פילט מיט פאַרוואונדעטע. עס לאזט זיך ניט איבערציילן, ווי גרויס די צאָל פון די דערהאַרגעטע איז. דריי טעג איז שוין פון יענער צייט אַריבער און אין די מייסים-שטיבלעך ליגן נאָך הונדערטער טויטע קערפּער ניט קיין דערקענטע.

די מאַטראָסן פון דעם פּאָלקס-שיף האָבן דאָ אויך געוואלט באשיצן זייערע ברידער, די ארבעטער, פון די קאָזאַקן און זעלנער, נאָר צוליב דער סרייפע האָט דער פּראָזשעקטאָר (אַזאַ מין עלעקטרישער לאָמפּ) זיי ניט געקענט געבן קיין ריכטיקן באַגריף, וואו זיינען די ארבעטער און וואו די פּאָליציי מיט די קאָזאַקן; זיי האָבן דערום ניט געקענט שיסן פון האַרמאַטן אויס מוירע, עס זאָל ניט טרעפן די מאַסע. אזוי, צום ווייניקסטנס, האָבן זיי געזאָגט צו מענטשן, וועלכע זיינען בא זיי אַף מאָרגן, דאָנערשטיק, געווען. דאָנערשטיק

פרי איז דערקלערט געוואָרן קריגס-צושטאַנד. א גאַנצן טאָג האָט מען געפירט די מייסים. אין שטאָט איז געווען א שרעקלעכער פּאַכאַד; בא די ארבעטער איז די שטימונג געווען א העכסט אויפגערעגטע. דער טראַמוואַי איז ניט געגאַנגען; אלע מאַגאַזינען זיינען פעסט געשלאָסן; די בורזשואזע פּובליק האָט צוזאַמענגעקליבן אירע כפייצים און איז מאַסנווייז ארויסגעפאָרן פון אָדעס. די מאַטראָסן האבן דערווייל צוגעגרייט א לעוואַיע זייער געהארגעטן כאַווער, זיי האָבן געמעלדעט דער אדמיניסטראַציע פון שטאָט, אז זיי ווילן, מע זאָל באהאַלטן זייער כאַווער אַף דעם שטאָטישן בייסאָלמען פאַר מיליטער, אז א טייל פון זיי וועט אים גיין באַגלייטן אין זיין אייביקע רו אריין, און ווען איין האָר אפילע וועט בא זיי געקרימט ווערן, הויבט דער פּאַנצער-שיף באלד אָן צו באַמבארדירן די שטאָט; דערביי האָבן זיי ארויסגעשטעלט א קריגס-פאָן. אַזייגער 5 פארנאַכט האָט זיך אין שטאָט באַוויזן א טרונע, נאָך איר זיינען געגאַנגען 10 מאַטראָסן, אָן געווער, די הענט פארלעגט אַף ברוסט. מאַסן ארבעטער און פּובליק זיינען זיי נאָכגעגאַנגען בא דער לעוואַיע. און קיינער האָט זיך ניט געוואַגט אָנרידן די 10 אומבאוואפנטע מענטשן, וועמען עס קומט, לויט די רוסישע געזעצן, טויט-שטראָף, דערפאַר וואָס זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אן ענדע מיט דער טיראַניי און אָנגעהויבן מיט איר א שטרייט אַף לעבן און טויט.

זיי זיינען דורכגעגאַנגען די גאַנצע שטאָט, האָבן מעקאַבער געווען זייער העלדישן כאַווער און זיך אומגעקערט צוריק אַף זייער פּאַנצער-שיף; און די 12 טויזנט מיליטער, די סאַך פּאָליציי און קאַזאַקן, וואָס געפינען זיך אין אָדעס, זיינען אַלע ווי אויסגעשטאָרבן, גלייך ווי זיי וואָלטן גאָר ניט געווען.

אַפן בייסאלמען האָט מען געהאַלטן סאָציאַל-דעמאָקראַטישע רעדעס; אַ מאַסע פון טויזנטער מענטשן האָט געענטפערט מיט קוילעס „אוראַ!“ מיט היספּאילעס האָבן זיי באַגריסט די העלדישע מאַטראָסן מיט זייער געפאַלענעם כאַווער.

אַזייגער אַכט האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ קאַנאַנען-שיסן פון פּאַנצער-שיף. דאָס האָבן די מאַטראָסן, זעענדיק, אז זייערע כאַווירים זיינען נאָך ניטאָ פון דער לעוואַיע, געמיינט, אַז מע האָט זיי אַרעסטירט און האָבן געוואָלט אָנהויבן באָמבאַרדירן די רעגירונגס-איינריכטונגען.

אַפן פּאַנצער-שיף איז די גאַנצע צייט די שטימונג געווען אַ געהויבענע, זי איז וואָס ווייטער אַלץ מער געוואַקסן; דאָרטן איז די גאַנצע צייט געווען אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט; אָפט פלעגן קומען צו פאָרן נאָך עטלעכע. זיי האָבן אַנטייל גענומען אין דער קאָמיסיע, זיינען געווען פאָרזיצנדער אַף די פאַרזאַמלונגען. בעאייס מע האָט אויסגעקליבן א קאָמיסיע אַף איבערצורײדן מיט דער אַדמיניסטראַציע פון שטאָט, איז איינער פון די אויסגעקליבענע געווען אַן אָרטיקער סאָציאַל-דעמאָקראַט.

פרייטיק אינדערפרי האָבן זיך פון ווייטן באַוויזן די איבעריקע שיפן פון דער עסקאַדרע. אַף „פּאָטיאָמקינען“ האָט מען אויפגעהויבן אַ פאָן און מע האָט אנגעהויבן איבעריידן זיך דורך דעם דראָטלאָזן-טעלעגראַף. אַף דער פראַגע:

„ווער פאָרט צו און וואָס האָט ער אין זינען צו טאָן?" האָט זיך באַקומען אַן ענטפער: „דער אַדמיראַל קריגער. מאַטראָסן פון שוואַרצן יאַם, מעשוגאָאים, באַדענקט אייך, וואָס איר טוט! פאַרגעסט ניט, אַז אייך וועט אויסקומען אָפּ-געבן רעכענונג פאַר גאָט און לייטן! פאַרגיסט ניט אומזיסט קיין בלוט!" פון „פּאָטיאָמקין" האָט מען געענטפערט: „פאַר גאָט ווייסן מיר ניט, וואָס עס וועט זיין; פאַר לייטן זיינען מיר גרייט רעכענונג אָפּגעבן; בלוט פאַרגיסט איר, ניט מיר! שטייט צו צו אונז, וועלן מיר צוזאַמען קעמפן פאַר דער פרייהייט פונם פאָלק!"

די עסקאַדרע האָט געענטפערט: „באַדאַנקט אייך! קומט צום סייכל! און אונטערטעניקע קאָפּ שניידט קיין שווערד ניט".

נאָך דעם איבעריידן האָט זיך די קאָמאַנדע פון „פּאָטיאָמקינען" פאַרזאַמלט אפן פארדעק און איינער פון די מאטראָסן האָט געהאלטן אַ רעדע, וועלכע ער האָט געענדיקט מיט די פאָלגנדע ווערטער: „מיר זיינען דאָ 300 סאָציאַל-דעמאָקראטן, באַשליסט איצט, וואָס רעכנט איר צו טאָן מיט אונז. איר קענט אונז אַלעמען דערשיסן אָדער בינדן און דערמיט פאַרדינען אַ דאַנק פון דער „נאַ-טשאַלסטוואָ".

אויב איר ווילט אַזוי טאָן, טאָ בינדט אונז אלעמען, אדער זעצט אַראָפּ אַפן ברעג. איר קענט אָבער זיך פאַראייניקן מיט אונז, און דאַן וועלן מיר אַלע צוזאמען קעמפן פאַר פרייהייט. ווער עס האַלט פאַר אונז, זאָל זיך שטעלן אַף מיין זייט! ווער ס'איז קעגן אונז — זאָל יענער אַף אונז שיסן!" אַז ער האָט געענדיקט זיין רעדע, זיינען אַלע מאַטראָסן ווי איין מענטש, איבערגעגאַנגען אַף זיין זייט. אין אַ קורצע צייט אַרום איז צו „פּאָטיאָמקין" צוגעשטאַנען אַ קליינער פּאַנ-צער-שיף „יעקאַטערינאַ".

פרייטיק און שאַבעס זיינען אוועק אין אויסוואַרטן. עס איז נאָך אַלץ ניט קלאָר געווען, וואָס קלערט די עסקאַדרע צו טאָן מיט דעם אויפגעשטאַנענעם שיף. מע קלערט, אַז אַף די איבעריקע שיפן איז ניטאָ קיין מאַטראָסן, אַז מע האָט זיי פאַרביטן מיט מיליטער פון דער טריקעניש, ווייל די מאַטראָסן האלטן אומעטום מיט דער קאָמאַנדע פון „פּאָטיאָמקין". זונטיק איז „פּאָטיאָמקין" אַוועק פון אָדעס. ווי מענטשן, וואָס זיינען דערביי געווען, גיבן איבער, איז די שטי-מונג אַפן שיף די לעצטע פאַר שאָ פארן אָפּגיין געווען זייער אַ געהויבענע. נאָר וואוהין זיי זיינען אָפּגעפאָרן און וואָט זיי קלערן טאָן ווייטער, דאָס איז נאָך דערוויל ניט באַוואוסט (91).

61. דער מוסערהאסקל פון לאָדז און אָדעס.

(אַרטיקל אין נומ. 8 „דער בונד", יול 1905)

וואָס מיר האָבן לאַנג ערוואַרטעט, איז געשעען; צו וואָס מיר האָבן די לעצטע צייט ניט אויפגעהערט צו רופן, דאָס איז איצט אַ פאַקט געוואָרן. אין אָדעס און לאָדז האָבן די אויפגעשטאַנענע אַרבעטער באַריקאַדן געבויט. ניט

לאַנג האָבן זיך די באַריקאַדן געהאלטן; די מיליטער האָט זיי צעוואָרפן; היינטיקן מאָל איז נאָך די זעלבסטהערשונג די זיגערין געבליבן. דער ערשטער טריט איז שוין אָבער געמאַכט; דעם ערשטן ביישפיל געגעבן. די ווייטערדיקע טריט וועלן זיין פעסטער, געניטער און מעכטיקער; זיי וועלן צום זיג ברענגען.

מע זאָגט, אַז מיר האָבן געאיילט; די באַריקאַדן זיינען געווען פאַר דער צייט: מיר זיינען נאָך ניט גרייט צו אַזאַ קאַמפּס־מיטל, ניט גענוג פאַרטיק צו זיגן אַף די באַריקאַדן; מע דאַרף נאָך ווארטן. אַלטע טאַינעס! מיר הערן עס יעדן מאָל, ווען דער פּראָלעטאַריאַט נעמט אָן א נייעם קאַמפּס־מיטל. מיר האָבן דאָס געהערט בעאייס די ערשטע שטרייקן; דאס האט מען אונז געזאָגט, בעאייס מיר האָבן דעם פּאליטישן קאַמף אנגעהויבן. דאָס לעבן האט גיך געוויזן, ווי אומגערעכט אַזאַ זאָגן איז געווען. דאס לעבן וועט באַלד באַווייזן, אַז די טאַינעס, וואס מיר הערן איצט, זיינען ניט וויכטיקער, ווי די אמאליקע. עס קומט אָן א מאמענט, ווען אלע פילן, אז מער ווארטן קען מען ניט, אז עס איז צייט איבערצוגיין פון ריידן צו טאן. דאס פילט די מאסע אליין, און זי מאכט די ערשטע טריט. אפּהאלטן זי דאן, מאכן זי אפּהענדיק מיט ספּייקעס — איז אַ פּארברעך. אונזער זאך איז צוגעבן איר מוט, אנווייזן די פעלערן פון די ערשטע טריט און אנפירן איר ווייטערדיקן גאנג אף דעם נייעם וועג. די ערשטע פּראבע קען ניט ארויס געראטן; קעמפנדיק אבער, לערנען מיר זיך קעמפן. וואס ווייטער, וועלן די באריקאדן ווערן מעכטיקער, זיך האלטן לענגער, ביז זיי וועלן ווערן פורכטבארע פאָלקס־פעסטונגען.

די אויבנדערמאנטע זאגער פארגעסן, אז די באַדייטונג פון די באריקאדן איז ניט אזויפיל א טעכנישע, ווי א מאראלישע. מיר לייגן ניט אונזער גאנצע האפענונג אף דעם, אז אונזערע באריקאדן וועלן קענען ביישטיין קעגן דער שטענדיקער ארמיי פון דער זעלבסטהערשוגג מיט אירע קוילן און קאנאנען. אין קריגס־אָרגאַניזאַציע און באַוואָפענונג קענען מיר זיך געוויס צו דער זעלבסטהערשונג ניט פאַרגלייכן. אונזערע באריקאַדן האָבן אָבער אן אנדער באדייטונג, א מאָראלישע. זיי ווייזן פאר אלעמען, אז די אַרבעטער זיינען ארויס אפן גאס אף אן עמעסער מילכאמע, אז זיי זיינען אין דער עמעסן גרייט מיט וואפן אין די הענט זייער פרייהייט צו דערקעמפן. די שטאנדהאפטיקייט און דער העלדנמוט פון דער קעמפנדער מאסע ווירקט אף די מיליטער. זיי הויבן זיך אָן פארקלערן, צווייפלען אין דער גערעכטיקייט פון דער זאך, וועלכע זיי באַשיצן. זיי זיינען דאָך דאָס ראָוו אויך ארבעטער און פויערים, פילן אף זיך אויך דעם שווערן יאָך פון דער זעלבסטהערשונג. זיי זיינען כוץ דעם קימאט שטענדיק אומצופרידן מיט דער „נאטשאלסטוואָ”, וועלכע באגייט זיך מיט זיי אומענטשלעך. בא זיי אין הארצן וואקסט דער מיטגעפיל צו דער קעמפנדער מאסע, די אומצופרידנהייט מיט זייער לאגע; זייער מוט ווערט אָפּגעשוואכט, די דיסציפּלין געבראָכן. א גרויסע באדייטונג האבן די זעלנער־רעוואָלוציאָנערן; זיי ווירקן מיט זייער וואָרט און ביישפיל אף זייערע כאוויירים; זיי זיינען די ערשטע, וועלכע באשליסן זיך אף וועלכן עס איז טאט, און די איבעריקע גייען נאָך זיי. פילנדיק די שטימונג פון די זעלנער, הערן די אָפיצערן אויף צו זיין

זיכער אין זיי; זיי האָבן מוירע פאר פאראט; צו זיי גאנוועט זיך אויך אריין א געדאנק: ווער ווייס, עפשער וועט דאָס פאלק זיגן? עפשער לוינט טאקע אוועקווארפן די זינקענדיקע זעלבסטהערשונג?

וואָס מעכטיקער דער אָפענער אַרויסטרעט פון דעם פראָלעטאריאט איז, וואָס לענגער עס האַלטן זיך די באַריקאַדן, וואָס שטאַנדהאַפטיקער און העלדנמוטיקער די ארבעטער באַשיצן זיי, וואָס מער עס פאַלן טויטע און פאַרוואונדעטע זעלנער, וואַקסט אַלץ די אומצופרידנהייט צווישן די מיליטער, פאַרלירן זיי אַלץ מער דעם מוט און דעם גלויבן אין דער גערעכטיקייט פון זייער זאַך, איז אַלץ דאָ מער האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך אָפּזאָגן שיסן און וועלן אָנהויבן אַריבערגיין צו דער קעמפנדער מאַסע. די ערשטע אַריבערגעגאַנגענע ווייזן דעם וועג די איבעריקע; די רעגירונג פאַרלירט איר לעצטע שטיצע און זי מוז פאַלן; די אויפגעשטאַנענע מאַסע מוז זיגן. אַזוי איז געוועזן אין אַלע פּאָליטישע רעוואָלוציעס אין מאירעוו-אייראָפּע; אזוי וועט אויך זיין באַ אונז. שוין איצט הערן מיר פון זעלנער, וועלכע זאָגן זיך אָפּ פון מילכאָמע צו גיין; שוין איצט טרעפט זיך, אז די זעלנער שיסן אין דער הויך, זאָגן זיך אַפילע אינגאַנצן אָפּ צו שיסן אף די אַרבעטער. פאַנצער-שיפן שטייען אויף קעגן דער רעגירונג און קימאט אף דעם גאַנצן פלאָט איז אַ מאַטראָסן-אויפשטאַנד. וואָס אַקטיווער דער פראָלעטאַריאט וועט אַרויסטרעטן, וועלן אַזעלכע פאַקטן ווערן אַלץ אָפטער און צאָלרייכער. איינס מוזן מיר שטענדיק געדענקען: די אומרוען אין דער אַרמיי און אינם פלאָט זיינען נאָר אַן אָפּקלאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג. מיט עטלעכע יאָר צוריק זיינען די מאַטראָסן אויך געוויס געווען אומצופרידן מיט זייער נאַטשאַלסטווא ניט ווייניקער ווי היינט, דאָך זיינען זיי דעמאָלט ניט אויפגעשטאַנען. איצט, ווען די לופט איז פול מיט פולווער, ווען דער געהילך פון דעם אַרבעטער-קאַמף טראָגט זיך איבער דאָס גאַנצע לאנד, האָט דער רעוואָלוציאָנערער גייסט אַריינגעדרונגען אויך אין די קאַזאַרמעס און פאַנצער-שיפן. זאָלן די אַרבעטער פאַרלירן זייער זעלבסטעטיקייט, זאָלן זיי אויפגעבן דעם קאַמף, וועלן די זעלנער און מאַטראָסן ווידער רואיק טראָגן דעם יאָך, ווי געוועזן. די מיליטער קען נאָר העלפן דעם פראָלעטאריאט אין זיין קאַמף, קיין זעלבשטענדיקע ראָלע קען זי ניט און טאָר ניט שפילן. די הויפט-ראָלע געהערט און מוז געהערן פאָרט דעם אויפגעשטאַנענעם, באַוואוסטזיניקן פראָלעטאריאט, דאס כאַיעל איז מער ניט ווי אַן אָפּטיילונג, וואס גייט אין אַ קריטישער צייט איבער אַף זיין זייט.

אונזער אָפענער באַוואָפנטער אַרויסטרעטן קען צו אונז צוציען די מיליטער. גאַנץ אַנדערש ווירקט דער אויפשטאַנד פון פראָלעטאריאט אף די „געזעלשאפט". די אדעסער ליבעראַלן, באַ וועלכע די פינגער האָבן נאָך ניט אָפּגערוט פון אונטערשרייבן פעטיציעס און אַדרעסן, וועלכע זיינען נאָך הייזעריק פון שרייען אַף באנקעטן, האָבן זיך אין די שטורם-טעג פאַרהאַלטן גאַנץ גלייכגילטיק. ניט געהאָלפן דעם אויפגעשטאַנענעם פראָלעטאריאט מיט קוואַרטירן און געלט אַפילע. און שפּעטער, בעאייס מע האט אין אדעס קריגס-צושטאַנד דערקלערט, איז אַף זיי געפאַלן אַ מוירעדיקער פּאַכאַד; זיי האָבן ניט פּראָטעסטירט

קעגן די רעציכעס פון פּאָליציי און מיליטער; זיי האבן זיך געאיילט אַנטלויפן פון שטאָט, אָדער זיי זיינען געזעסן באהאלטן אין די הייזער און האָבן געציטערט. נאָך ערגער האָט זיך געהאלטן די לאָדזער בורזשואזיע. נאָך פאר די אָפּענע קוואָרים, פאר דאס נאָך ניט פארקילטע בלוט האָט זי ניט אויפגעהערט צו שיטן שוועבל און פעך אף דעם אויפגעשטאנענעם פּראָלעטאריאט, שילטן און זידלען די סאָציאַל-דעמאָקראטיע. קאָלזמאַן דער פּראָלעטאריאט האט געמאכט פרידלעכע דעמאנסטראציעס, האט די ליבעראלע געזעלשאפט געקליבן נאכעס, רויטע בענדער ארויסגעהאָנגען, בלומען געוואָרפן. ווי עס האט זיך אָבער אָנגעהויבן אַן עמעסע מילכאָמע, עס האט אָנגעהויבן שמעקן מיט בלוט, דאס לעבן און אייגנטום זיינען אין געפאַר געקומען, דאָ האָבן זיך די איידעלע ליבעראלן דערשראָקן, איצט טרייסלען זיי זיך אָפּ פון דעם פּראָלעטאריאט מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע קאמפּס-מיטלען, דאָ האט זיך ארויסגעוויזן דער קלאסן-האָס פון דער בורזשואזיע צו דעם פּראָלעטאריאט. די לאָדזער פאבריקאנטן האָבן זיך געאיילט אויסצונוצן די בלוט-פארגיסונג און דעם קריגס-צושטאנד צו פארגרעסערן די עקספּלואטאציע: אין פילע פאבריקן און ווערקשטאטן האָט מען באלד פארגרעסערט דעם ארבעטס-טאָג און פארקלענערט די סכירעס. אין די ארומיקע פּוילישע שטעט האָבן די באלעבאטים אָרגאניזירט אידישע שווארצע מייעס, וועלכע האבן געשלאָגן מאקעס רעצעך די אלע ארבעטער, וואס מע האלט פאר אגיטאטאָרן, און איבער הונדערט מענטשן איבערגעגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי. די לאָדזער בורזשואזיע מיינט, אז דער פּראָלעטאריאט איז שוין געפאלן, זיין מאכט איז צעבראָכן, און זי איילט זיך צו צעטרעטן דעם געפאלענעם, בריקען דעם אָפּגעשוואכטן לייב מיט אירע אייזלשע קאָפּיטעס; זי טיילט שוין די יערושע, פארגרעסערט איר רעווער. זי האָט אָבער א טאָעס, די בורזשואזיע. אונזער מאכט איז ניט געבראָכן, זי וואקסט וואס פון טאָג. איצט בא דעם קריגס-צושטאנד האט די באוועגונג אין לאָדז ניט אויפגעהערט אף איין טאָג אפילע. אין די לעצטע וואָכן נאָך די בלוטיקע טעג האט אונזער לאָדזער קאָמיטעט פארשפּרייט 50 טויזנט עקזעמפּליארן פּראָקלאמאציעס.

זאָל די שרעקנדיקע „געזעלשאפט" קעמפן מיט פאפיר. פאר אן אנדער געווער האט זי מוירע. דער פּראָלעטאריאט דערווארטעט זיין באפרייאונג נאָר פון א רעוואָלוציע, וויפל בלוט זי זאָל אים ניט קאָסטן.

62. באוואפנט אייך!

(„דער בונד", נומ. 7, מאי 1905).

דער אויפשטאַנד אין די יאנוואַר-טעג איז געוועז דאָס ערשטע גרויסע ערנסטע געפעכט מיט דער זעלבסטהערשונג. דער אויפשטאַנד לערנט אונז פיל און פאַר אלעמען לערנט ער אונז, אַז מיר דאַרפן זיך באַוואָפענען.

פאַרגרייט אייך באַצייטנס געווער! ווען אַ נייער אויפשטאַנד וועט זיך צעפלאַקערן מיט אַ גרויסן קויאך, ווען מע וועט דאַרפן בויען באַריקאַדן אין

אַ/ע גאַזן, ווען יעדע הויז וועט ווערן אַ פעסטונג, פון וואַנען ס׳וועט זיך שיטן אַ האָגל פון קוילן אַף די כאַיאָלעס פון די טיראַנען — דעמאָלט וועט שוין שפעט זיין צו זוכן געווער. און אין צייט פון מילכאָמע איז אַ קעמפער אָן געווער — קיין קעמפער ניט.

ס׳איז גאָר ניט אַזוי שווער צו קריגן געווער. זאָל נאָר יעדער אַרבעטער לייגן דערויף זיין קאָפּ. זאָל ער נאָר ווילן, אַזוי וועט ער דאָס דערגרייכן אָן גרויסע מי. קיין געלט-הויצאָע קאָן דאָס אויך ניט זיין קיין גרויסע.

מע דאַרף זיך מאַכן פאַר אַ קלאַל, אַז יעדער אַרבעטער, וואָס פילט נאָר אין זיך מוט פון אַ קעמפער, זאָל האָבן אין טאַש אַ שטיקל געווער. בעסער אַ רעוואָלווער. מעסערס קאָנען האָבן אַ קליינע ווירקונג בעאייס א מאַסן-צוזאַמענשטויס מיט די סאָלדאַטן.

און יעדער אַרבעטער דאַרף זאָרגן פאַר זיך. ער דאַרף ניט וואַרטן אַף דער הילף פון דער אָרגאַניזאַציע. עס דאַרפן זיך באוואָפענען הונדערטער טויזנטער מענטשן. קיין שום אָרגאַניזאַציע קאָן ניט נעמען אַף זיך די אויפגאַבע—באַקומען געווער פאַר אַ גאַנצן פאָלק. זי קאָן העלפן מיט אן אייצע, זי קאָן ווייזן דראָכים, ווי גרינגער צו באַקומען; זי קאָן עפשער אַליין אויך זען פאַרזאָרגן מיט געווער אַ געוויסע צאָל מענטשן. דערהויפט דאַרף מען זיך אָבער אליין באַוואָפענען.

און אז ס׳וועלן אַרויסגיין אפן גאַס צענדליקער טויזנטער אַרבעטער און יעדער וועט פילן, אַז ער איז ניט הילפלאָז, אז ער קאָן זיך ראַנגלען — דאן וועט דער אויפשטאַנד באַקומען גאָר אַן אנדער געשטאַלט.

באַוואָפנט אייך! לערנט זיך צו באַגיין מיט געווער. עס גייט זומער-צייט. צווישן די אַרבעטער איז פאַראַן פיל אויסגעדינטע סאָלדאַטן, וואָס קאָנען שיסן. זאָלן זיי לערנען די איבעריקע אַרבעטער שיסן אין אַ ציל, זאָלן זיי באַקענען זיי מיט אַלע קלאָלים. אין א שאַבעס אָדער א יאָנטעוו, ווען ס׳איז ניטאָ קיין אַרבעט, זאָלן זיך די סאָלדאַטן פון דער רעוואָלוציע צוזאמענקומען אין פעלד, פון יענער זייט שטאָט, און זיך לערנען באנוצן מיט זייער געווער. באַלד וועלן זיי דארפן באַווייזן זייער קענטעניש ניט פון יענער זייט שטאָט, נאָר טאַקע אין שטאָט גופע.

די צייט איז קורץ. באוואָפנט אייך.

VIII. דער קאַמף פאַר דער „בירזשע".

63. א זומער־אָוונט אַף דער „בירזשע".

(פון ש. אַנ—סקיס [92]) דערציילונג „אין שטראָם". „דער פריינד", נומ. 213, 1907).

. . . ווען באַסיע איז צוגעגאַנגען צום פּאַרק, איז שוין געווען נאָך אַכט דעם זייגער אין אָוונט, און די בירזשע איז שוין געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן.

די אַלייען פון פּאַרק און די טראָטוארן פון די צוויי נאָענטסטע גאַסן זיינען געווען באַדעקט מיט אַ גרויסן האַמוין מענטשן, וואָס האָט לאַנגזאַם שפּאַצירט אהין און צוריק. דער גרעסטער טייל פון האַמוין איז באַשטאַנען פון יונגע אַרבעטער און אַרבעטערינס, פּריקאַזטשיקעס און פּריקאַזטשיצעס. אַף דער עס-עסעראָווסקער בירזשע פלעגן זיך באַגעגענען אויך רוסישע אַרבעטער און אַפילע 2—3 סאָלדאַטן אָדער פּויערים.

די אַרבעטער זיינען געווען אָנגעטאָן פּראָסט און ציכטיק: די מאַנסבילן — מערסטנטיילס אין שוואַרצע אָדער בלויע העמדלעך און אין קאַרטוזן, די פרויען — אין ציטענע בלוזקעס און שטרויענע היטעלעך. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אַף דער בירזשע זיינען געווען אַזויפיל מענטשן, אַז מע האָט ניט געקאָנט דורכגיין, דאָך איז דאָרט קיינמאָל ניט פאָרגעקומען ניט קיין שטויסעריי, ניט קיין טומל. אַלע האָבן זיך געהאַלטן רואיק, ערנסט, מיט דעם באַוואוסטזיין פון דער אייגענער ווערדע, ווי מענטשן, וואָס זיינען פאַרנומען מיט א גרויסער און ערנסטער זאַך.

דער גרעסטער טייל פון האַמוין האָט זיך געפונען אין פּאַרק. דאָרט האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע לעבן פון דער בירזשע און די גאַנצע פּראַקטישע טעטיקייט פון די אָרגאַניזאַציע. גלייך מיט דעם לאַנגזאַם-שפּאַצירנדן האַמוין זיינען אין אַלע אַלייען געשטאַנען גרופּעס מיט „קרייזלעך". אייניקע פון די גרופּעס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, פעסט, ווי פאַרשלאָסן, דער שמועס צווישן זיי האָט זיך געפירט ניט הויך, האַלב אפן אויער, און דער איבעריקער עולם פלעגט זיך קיינמאָל ניט צוהערן צו דעם, וועגן וואָס דאָרטן האָט זיך גערעדט. די גרופּעס פלעגן צווישן זיך פירן פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציאָנס-שמועסן און באַטראַכטן און באַשליסן פּראַקטישע פראַגן. דאָ האָבן די פאַרשטייער פאַנאַנדערגעגעבן די מיטגלידער פון זייערע „קרייזלעך" ביכלעך און

בראָשורן. דאָ האָבן זיי איבערגעגעבן די אינסטרוקציעס, דאָ פלעגט באַשטימט ווערן די צייט פון פאַרזאמלונגען א. ד. ג. און אנדערש מאָל פלעגט מען דאָ באטראכטן די פראגע וועגן א שטרייק, וועגן א סיכסעך צווישן א באלעבאָס מיט די ארבעטער, אָדער צווישן די אַרבעטער צווישן זיך גופא. אין די אַלייען זיינען אויך געשטאַנען אנדערע מינים גרופעס, וואָס זיינען באשטאַנען פון נאָך א גרעסערן אוילאם.

די גרופעס זיינען זיך געשטאנען אָפן, פריי. דער שמועס האָט זיך דאָ גע-פירט אַן אנדערש מאָל הויך, היציק; די פאַרבייגייענדע פלעגן זיך אָפט צוהערן צו די רעדעס, וואָס האָבן זיך געהערט פון דאָרטן, און פלעגן זיך אויך פאריי-ניקן מיטן „קרייזל". דאָ, אין די „קרייזלעך" פלעגט מען אַרומקלערן פארשיי-דענע טעאָרעטישע פראגן, פלעגן זיך פירן דעבאטן צווישן כאוויירים פון פארשיידענע אָרגאַניזאציעס, פלעגן ארומגערעדט ווערן די לעצטע פּאָליטישע געשעענישן, די פּאָלעמישע ארטיקלען און א. וו. איבערהויפּט זיינען געווען באלעבט יענע „קרייזלעך", אין וועלכע עס פלעגן פאָרקומען דעבאטן צווישן די מיטגלידער פון פארשיידענע פארטייען. דאָ האבן זיך געהערט בייסנדע באמערקונגען, שטעכווערטלעך, דאָ האָט אָפט געהילכט א געזונטער געלעכטער. און די דעבאטן, די סיכסוכים, די אגיטאציאָנס-רעדעס, די פּראַקטישע שמועסן פלעגן זיך פאנאנדערטראָגן איבער די אלייען, איבער די גאַסן און בולוואַרן. עס האָט זיך געדאכט, אז די בירזשע איז פארנומען מיט איין אידייע, מיט איין שטרעמונג. אָט די גאנצע ארבעטער-יוגנט, וואָס האָט נאָר וואָס פארלאָזן די דריקנדע לופט פון די פאבריקן, די ענגע ווארשטאטן, די קראָמען מיט די מאגאזינען, ניט אָפּרוענדיק אפילע נאָך אזא לאנגן שווערן טאָג פון ארבעט און מי, אָפּט אפילע האלב-הונגעריקע, גייט שוין אום אף דער בירזשע א מונטערע און לעבעדיקע. און עס האָט זיך געפילט, אז נאָר דאָ, אונטער דעם אָפענעם הימל פון דעם קליינעם שטעטך ערד פון עטלעכע צענדליק קלאפטער, איז אָנגעשטרענגט דאָס גאנצע גייסטיקע לעבן פון דער ארבעטער-מאסע, די גאנצע פּאָעזיע פון איר עקזיסטענץ. דאָרט, אף דער פּאַבריק, אין מאגאזין, אין ווארשטאט ליגט די שקלאַפישע ארבעט, דריקט דער שווערער יאָך פון באלע-באָס און קאַפּיטאל; אין דער היים — די אָרימקייט, פינסטערניש, הונגער, די גאנצע פּראָזע פון דער אייביקער עקזיסטענץ. און אָט דורך די צוויי שווערע לאסטן, צווישן וועלכע עס זיינען איינגעשרויפט אָט די יונגע קרעפטן, שניידט זיך דורך א העלער, ליכטיקער שטראַל. דאָס זיינען די עטלעכע שאָ פון דער בירזשע, — די עטלעכע שאָ, ווען דער געדאנק טראָגט זיך, שוועבט אין דער הויך, ווייט, ערגעץ-ווייט, ווען די גרעסטע כאַלוימעס פון אלגעמיינעם גליק שיינען פאר די אויגן ווי די אלע פארבן פון דעם רעגנבויגן, ווען ארום קלינגט די מונטערע שטים, וועלכע רופט צום קאמף פארן אידעאל, און דאָס אלץ אין דער סוויווע פון נאָך אזוינע הונדערטער און טויזנטער יונגע מענטשן, וועלכע לעבן אויך מיט דער גרויסער אידייע, וועלכע גלויבן אויך אין די ליכטיקע צוקונפט.

אומעטום קומען פאָר דעבאטן, שמועסן. אין פּארק און אפן גאס, אין די

אַלייען און טראַטואַרן, אין די גרופּעס און „קרייזלעך״, — אומעטום קומען פאָר היציקע וויקוחים, ווערן געהאַלטן רעדעס, ווערן געפירט וויסנשאַפטלעכע שמועסן. און פונדעסטוועגן איז אַף דער בירזשע ניטאָ קיין שום טומל, עס הערט זיך ניט אַפילו קיין באַזונדער הויך קאָל, גלייך ווי יעדערער וואָלט אינסטינקטיוו צוגעמאָסטן זיין קאָל צו דעם שטעך ערד, אַף וועלכן ער דאַרף זיך הערן. יעדע רעדע גייט ניט ווייטער פון די, פאַר וועמען זי ווערט געהאַלטן. און די אַלע רעדעס בלייבן אינגאַנצן אַף דער בירזשע, ניט אַרויסגייענדיק פון אירע גרעניצן. אָט דאָס אַלץ גיט צו דער בירזשע מיט אירע דעבאַטן אַ כאַראַקטער פון אַ באַהאַלטענער ליידנשאַפט. עס פילט זיך, אַז דאָס איז ניט ענערגיע, וואָס ווערט פאַרשוואונדן און גייט לעאיבעד, נאָר אַ גאַנצע פאַרשלאָסענע קראַפט, וואָס שאַפט אינערלעך דאָס לעבן.

די בירזשע — דאָס איז אַ מין פאַרייניקונג פון באַזונדערע אָפּגעטיילטע סאָציאַל-פּאָליטישע קלובן, וואָס זיינען פאַראייניקט צווישן זיך מיט אַן אומגעזעענער, אַ גייסטיקער קראַפט, און יעדערער פון די קלובן פירט זיך לאַנגע וויקוחים וועגן פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס, עס אַנטוויקלען זיך גרויסע וועלט-אידייען, וואָס עפענען ברייטע האָריזאָנטן, אין וועלכע עס זעט זיך די צוקונפט פון דער מענטשהייט אַף הונדערטער און טויזנטער יאָרן. די אַרבעטער-מאַסע, וואָס איז פאַרנומען מיט די טעאָריעס, געפינט אָפּט ניט קיין פאָרמען אַף אויסצודריקן אירע געדאַנקען, געפינט ניט אַף איר אָרימער, פאַריאָגטער שפּראַך גענוג ווערטער, געפינט ניט אין דעם כאַכאַקל פון איר בילדונג אַ פעסטן באַדן פאַר אַ פולן און קלאָרן פאַרשטאַנד פון די אַלע ברייטע טעאָריעס און גרויסע אידייען — און עס קומט פאַר אַן אָנגעשטרענגטע, שווערע און טראַגישע אַרבעט פון דעם געדאַנק און אין דערזעלבער צייט קומט אויך פאָר אַזאַ שווערע און טראַגישע אַרבעט פון וואָרט, וואָס שטרעבט איבערצובויען די פאָלקס-שפּראַך, וואָס איז נאָך ניט דורכגעלייטערט געוואָרן אין דעם פייער פון אַ העכערן קולטורעלן לעבן, אין אַ וויסנשאַפטלעכער שפּראַך. און אין טויזנטער רעדעס און טויזנטער מויכעס שלאָגט זיך טראַגיש און ליידנשאַפטלעך די גרויסע אידייע, וואָס זוכט פאַרווירקלעכט צו ווערן.

צענדליקער באַזונדערע קלייניקע קלובן — און צווישן זיי קומט פאָר אַ שטענדיקע מילכאָמע. און דאָך זיינען זיי שטענדיק צוזאַמען און קאָנען זיך ניט פאַנאַנדערגיין. אין איין און דערזעלבער צייט זיינען זיי פאַנאַנדערגעטיילט און — פאַראייניקט צווישן זיך.

... ווי נאָר באַסיע איז געקומען אַף די בירזשע, זיינען גלייך איינע נאָך די אַנדערע צוגעגאַנגען צו איר עטלעכע מיידלעך פון איר „קרייזל״, זי זאָל זיי געבן ליטעראַטור. זיי האָבן זיך געקלאָגט, אַז באַ מייערן אין „קרייזל״ האָבן נאָך אַלע מיט דריי טעג צוריק שוין געהאַט די בראָשורע וועגן די פאַריינען, און זיי האָט מען נאָך ניט געגעבן. באַסיע האָט זיי געגעבן עטלעכע בראָשורן, די מיידלעך האָבן זיך באַרויִקט, זיינען גלייך מיט איר אַוועק און גענומען איר דערציילן וועגן זייערע איינדריקן און געבעטן, זי זאָל זיי דערקלערן עטלעכע אומפאַרשטענדלעכע ערטער פון עפּעס אַ בראָשורע. עס האָט זיך אויסגעוויזן,

אז זיי ווילן זיך מיט באַסיען ניט שיידן. נאָר באַלד זיינען צו באַסיען צוגע־גאַנגען אַנדערע כאַווײרים און כאַווערטעס, און זי איז אַוועק מיט זיי. איינער פון זיי, אַן אַרבעטער, האָט איר איבערגעגעבן, אַז ער האָט געפונען אַ נייע קוואַרטיר, וואו מע וועט זיך קאָנען אומגעשטערט צונויפקלייבן, און דערצו נאָך אַ וואָלוועלע — איינגאַנצן 50 קאָפּיקעס אַ פאַרזאַמלונג. אַן אַנדער אַרבע־טער האָט זיך געקלאָגט פאַר איר, אַז זיין באַלעבאָס האָט אים אָפּגעזאָגט און ניט דערצאָלט אים עטלעכע רובל און ער בעט, די אָרגאַניזאַציע זאָל זיך פאַר אים שטעלן. מיט אַזאַ מין באַקאָשע האָט זיך צו באַסיען אויך געווענדעט אַ דינסט־מיידל, וואָס די באַלעבאָסטע האָט איר אַרויסגעטריבן און דערצו נאָך אָנגעשלאָגן. באַסיען האָט די זאַך שטאַרק פאַרדראָסן און זי האָט איר צוגע־זאָגט, אַז מאָרגן וועט די אָרגאַניזאַציע אַרויסרופן איר באַלעבאָסטע.

באַסיען פלעגט זעלטן־ווען אויסקומען לייענען צייטונגען. אַלע נייסן, סאַי פּאָליטישע, סאַי פּאַרטייאישע, פלעגט זי זיך דערוויסן אַף דער בירזשע... אין דער אָרטיקער צייטונג איז געווען אָפּגעדרוקט אַ טעלעגראַמע פון אַ רו־סישער שטאָט, אַז קאָזאַקן זיינען דאָרט אָנגעפאַלן אַף אַ האַמוין רוּאיקע דע־מאָנסטראַנטן, אַרבעטער און אינטעליגענטן, און האָבן זיי אַכזאָריעסדיק גע־שלאָגן, און אַז עס זיינען פאַראַן ביז הונדערט פאַרוואונדעטע און עטלעכע צענדליק געהאַרגעטע. די ידיעה האָט געמאַכט אַ מוירעדיקן איינדרוק אַף די אַרבעטער. אין עטלעכע ערטער איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן די מיינונג, אַז מע מוז גלייך אָפּרופן זיך אַף אַזאַ אַכזאָריעס.

מע דאַרף מאַכן כאָטש אַ דעמאָנסטראַציע! מע מוז דאָך אויסדריקן אונ־זער מיטגעפיל צו די כאַווײרים! האָט געזאָגט אַן אַרבעטער.

— פאַרשטייט זיך, מע מוז! האָט אים אונטערגעהאַלטן מיט היץ נאָך איינער.

— אָט האָסטו דיר די קאָנסטיטוציע, אַף וועלכע די ליבעראַלן וואַרטן אַזוי. מע שרייבט זי מיט נאַגאַיקעס און שטיקעס! האָט צוגעגעבן איינער אַ יונגער־מאַן, קענטיק אַ אינטעליגענט.

— וועגן אַ דעמאָנסטראַציע איז בא אונז ניטאָ וואָס צו ריידן; ביז וואַנען דער קאָמיטעט וועט זיך אויסשלאָפן, ביז וואַנען ער וועט זיך באַטראַכטן, און ביז וואַנען ער וועט באַשליסן אָרגאַניזירן זיך, — וועלן די קאַזאַקן דערווייל אויסהאַרגענען האַלב רוסלאַנד... האט זיך אָפּגערופן אַ הויכער, אַ דאַרער אַר־בעטער. — ערן־וואָרט, סאָפּקאָלסאָף וועל איך ווערן אַן אַנאַרכיסט! האָט ער צוגעגעבן מיט קאַעס.

באַסיע האָט זיך אַ ביסל געפילט באַליידיקט פון אַזוינע שטעכווערטלעך, נאָר זי האָט עס ניט אַרויסגעוויזן. זי איז אויך געווען איינשטימיק, אַז אַף אַזאַ געשעעניש מוז מען זיך אָפּרופן מיט וואָס עס איז. „נאָר מע מוז גוט אויסרעכענען די קרעפטן, די שטימונג פון דער מאַסע", האָט זי זיך אליין באַרואיקט.

זי איז צוגעגאַנגען צו איינער פון די אַלייען, וואו עס איז געשטאַנען אַ רעדל מענטשן און וועגן עפּעס הייס דעבאַטירט. ניט קיין הויכער, אָבער אַ

געזונטער אַרבעטער האָט גערעדט רואיק און האָט שמייכלענד געווענדט זיך צו אַ דאַרן, נערוועזן און אַ ביסל סטולן יונגן-מענטשן:

— און אַז דו וועסט זיך דאָ לייגן פאַר מיר און שטאַרבן, וועל איך אייך גלויבן, אַז איר זייט סאָציאַליסטן? איר זייט געווען „מעלקע בורזשועז" און געבליבן דאָס...

— באַווייז, אַדעראַבע, באַווייז עס! האָט קימאַט מיט פאַרצווייפלונג אויסגעשריען דער יונגער-מאַן.

— צו וואָס דאַרף איך אייך באַווייזן, אַז איר אַליין באַווייזט דאָס! איר באַווייזט דאָס מיט אייער פראָגראַם, מיט אייער טאַקטיק. פאַר וועמען זוכט איר א טעריטאָריע? פאַר אַרבעטער, צי פאַר בורזשועז?

— פאַר אַרבעטער, און נאָר פאַר אַרבעטער! האָט אים הייס אָפּגעענטפערט דער יונגער-מאַן.

— פאַר ארבעטער? אָט בין איך אַן אַרבעטער און בעט באַ אייך ניט קיין טעריטאָריע. מיר איז גוט אָן איר.

איך בין אַזאַ אַרבעטער, ווי דו — האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס נאָך איינער. און איך זאָג, אַז איך דאַרף יאָ אַ טעריטאָריע...

— וואו, אַפּן בייס-אַלמען?

— זיי רואיק. אַפּן בייס-אַלמען וועסטו אויך דאַרפן אַ טעריטאָריע, כאָטש דו ביסט אַ „איסקראָוועץ", — האָט אים אָפּגעהאַקט דער סטולער יונגער-מאַן.

— ווי פאַרשטייסטו דאָס ניט, — האָט ער גערעדט ווייטער: אַז קאָל-זמאַן אידן וועלן ניט האָבן קיין אייגענע טעריטאָריע, וועלן זיי ניט קאָנען האָבן קיין עמעסן, געזונטן אַרבעטער-קלאַס? וואָלסטו טאַקע גוט דורכגעלייענט...

— וואָס, קרישמע? — דעמאָלט וואָלט איך ניט מוירע געהאַט פאַר שלעכטע כאַלוימעס, נאָר וואָס דאַרף איך וויסן דיינע שלעכטע כאַלוימעס, אַז איך וויס, וואָס מאַרקס זאָגט.

— נו, נו, וואָס זאָגט ער? — האָט אים איבערגעשלאָגן דער ס.-ס.-אָוועץ.

— ער זאָגט: „אַרבעטער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך"! פאַרשטייסט! און דאָס איז מיר גענוג, און איר ווילט פאַראייניקן ניט אַרבעטער, נאָר אידן, איר ווילט, איך זאָל ווערן אַ גוטער ברודער מיט די גראָבע בורזשועז, און איר האַלט זיך נאָך פאַר סאָציאַליסטן!

— אַ ליגן! מיר זאָגן דאָס ניט! אויב דו ווילסט, וועל איך דיר באַווייזן באַ קאַאוטסקין אַליין, וואָס זאָגט...

— איך דאַרף ניט וויסן, וואָס קאַאוטסקי זאָגט, מיר איז גענוג, וואָס מאַרקס האָט געזאָגט, — האָט אים איבערגעשלאָגן דער אַרבעטער.

— נו, זיינען דאָס אַ ביסל אַ פאַלק, אָט די ציאָניסטן, — האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם שמועס א יונגער-מאַן אין סטודענטישע קליידער, א פאַרשטייער פון אַ בונדישן „קרייזל": וואָס פאַר א נארישקייט זיי זאָלן ניט אויסטראַכטן, הויבן זיי אָן גלייך זוכן אַ האסקאָמע באַ מאַרקסן און באַ קאַאוטסקין, פונקט די אייגענע טאַקטיק, וואָס באַ די עסערן. מע רייסט אַרויס פון „קאַפּיטאַל" צי פון קאַאוטסקיס אן אַרטיקל אַ וואָרט און דערנאָך קלינגען זיי

אף אַלע גאַסן וועגן זייער גיצאָכן. זיי פאַרשטייען גאָרניט, אַז מאַרקסן און קאַאוטסקין דאַרף מען נעמען אינגאנצן און ניט ערטערווייז.

— מיר נעמען טאַקע אינגאנצן! — האָט אויך מיט היץ איבערגעשלאָגן דער ס-ס-אָוועץ: מיר פאַרשטייען בעסער פון אייך מאַרקסן, און מיר זיינען טאַקע עמעסערע מארקסיסטן פון אייך.

— עמעסערע פון מאַרקסן אַליין, אַפילע פון מוישע ראַביינו! האט איינער מיט אַ געלעכטער א זאָג געטאָן.

— גלייכווערטלעך קענסטו גיין זאָגן אין שול! — האָט אים שאַרף אָפּגע-האקט דער ס.-ס.-אָוועץ און האט מיט היץ ווייטער גערעדט: מיר זיינען אַסאך גרעסערע סאָציאַל-דעמאָקראטן איידער איר, הערן בונדיסטן! מיר גרינדן די גאַנצע טעאָריע אונזערע נאָר אַף דעם עקאָנאָמישן באזיס, אַף דער עקאָנאָ-מישער לאַגע פון דעם אידישן פראָלעטאריאַט, און איר זייט מיט אייער קול-טור-אַווטאָנאָמיע אזוינע מארקסיסטן, ווי די אלטע נאראָדניקעס [93], ווי אלע קליינבירגערלעכע קולטורניקעס! מיר דארפן האָבן א געזונטן ארבעטער-קלאס, און איר שפּייזט אונז מיט קולטור...

— און איר קאָרמעט אונז מיט טעלעגראמען צום סולטאן און מיט וויזיטן צו פלעווען! האָט זיך דערהערט א שטים פון אוילאָם.

— בונדישע גענג! אזוי דעבאטירן איז אומעגלעך! האט אויפגערעגט אויסגעשריען דער ס.-ס.-אָוועץ.

באַם טויער פון פארק זיינען געשטאנען צוויי גאָראָדאָוויעס, קימאט אלע-מאָל דיזעלביקע, פיאָדער און איגנאַט. פיאָדער האט זיך מיט דער בירזשע קימאט אינגאנצן ווי ניט אינטערעסירט און האט זיך שטענדיק נאָר גע-וואונדערט „פון וואנען נעמען זיי זיך דאס אזויפיל". דער צווייטער, איגנאַט, אַן אַלטער גאָי שוין, א הויכער, א דאַרער, מיט לאנגע ברעמען, האָט זיך, פארקערט, פארהאלטן מיט גרויס אויפמערקזאמקייט און ערנסט צו דער ביר-זשע, נאָר ער האָט קימאט אלעמען געקענט, אסאך פון זיי געקענט באַ די נעמען און געוואוסט אפילע צו וואס פאר א פארטיי יעדערער געהערט. און אז אים פלעגט אויסקומען דורכגיין דעם פארק, פלעגט ער אַן אנדערש מאָל אָפּשטעלן א באָכער און שטרענג באמערקן אים:

— נאָך וואס, מענדל, ביסטו פארקראָכן אף א פרעמדער בירזשע? איר האָט דאָך אַן אייגענע, „א סעראָוואסקע" בירזשע — גיי זיך דאָרטן אום. מע דארף אָפּהיטן די אָרדענונג!

און ער פלעגט אוועקגיין מיט דעם באוואוסטזיין, אז ער האט דערפילט זיין כויוו, וואס ליגט אף אים איינצושטעלן די אָרדענונג.

אז עס פלעגט ווערן צען אזייגער, און דער גרעסטער טייל פונם אוילאָם פלעגט זיך שוין אָנהויבן פאנאנדערגיין, פלעגט איגנאט ארויפגיין אף דער בירזשע בעטן באַ די, וואס זיינען נאך געבליבן, זיי זאלן זיך פאנאנדערגיין.

— נו, גייט זיך פאנאנדער, — פלעגט ער זאָגן, מיט א פעסטן, האלב-איידעלן טאָן.

און ווען עמיצער פלעגט אָנהויבן פּראָטעסטירן, פלעגט איגנאַט אים ענטפערן:

— דער „בונד" איז שוין אוועקגעגאַנגען פון בירזשע, הייסט עס, אז עס איז שוין צייט, הייסט עס, אז עס איז ניטאָ מער וואָס צו ריידן וועגן דעם נישקאָשע, דער „בונד" ווייס שוין זיין צייט.

64. בלוטיקע צוזאַמענשטויסן.

(קאָרעספּאָנדענצן אין נומ. 17, 18 און 23 „לעצטע פּאַסירונגען")

א. האָמעל, דעם 5-טן אַווגוסט (נייער סט.).

באַטאָג. אונזער נייער פּאָליצמייסטער כלעבניקאָוו האָט זיך גענומען מיט אַלערליי מיטלען שטערן אונז, אַז מיר זאָלן זיך ניט קענען צונויפקלייבן אַף אונזער בירזשע. נעכטן איז די קוזנעטשנע גאַס (די בירזשע) געווען באַזעצט דורך כאַיעל (עס זיינען געווען ביז 500 סאָלדאַטן און קאָזאַקן). מע האָט אַלעמען געשטופּט פון די טראָטואַרן. נעכטן 11 אַזייגער באַנאַכט האָט אַ קליינע גרופּע אַרבעטער געמאַכט אַ מאַניפעסטאַציע. אין דעם פּאָליצמייסטער, וועלכער איז טייקעף צוגעלאָפן, האָט מען געוואָרפן אַ באָמבע, נאָר זי האָט זיך ניט פּאַנאַנ-דערגעריסן. מע האָט קיינעם ניט אַרעסטירט.

מיר אַרבעטן איינינעם מיט דער היגער אָרגאַניזאַציע פון דער רוסלענדער פּאַרטיי.

10 אַזייגער אין אָוונט. עס טוט זיך באַ אונז עטוואָס שרעקלעכעס. מע שיסט אין אלע גאַסן. די פּאַסירונגען האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַף אַזאַ אופן: איינדער-פרי האָט מען פאַרשפּרייט איבערן שטאָט די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס אונזער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן איינינעם מיט דער אָרגאַניזאַציע פון דער רוסל. פּאַרטיי. 11 אַזייגער באַטאָג האָט מען שוין אָנגעהויבן טרייבן פון בירזשע; כאַיעל האָט איר באַזעצט. מיר האָבן באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אין עטלעכע הויפּט-פונקטן פון שטאָט מאַניפעסטאַציעס; זיי האָבן זיך אָנגעהויבן איינס אַזיי-גער באַטאָג; אינגאַנצן זיינען געווען 10 מאַניפעסטאַציעס, וואָס האָבן געדויערט צו 20—30 מינוט. מע האָט געהאַלטן רעדעס. ווען די מאַניפעסטאַציעס האָבן שוין געהאַלטן באַם סאָף, זיינען אָנגעשפּרונגען קאַזאַקן און האָבן אָנגעהויבן צו שיסן. עס זיינען פאַראַנען פאַרוואונדעטע דורך קוילן און אויך צעמאַזיקטע דורך נאַגאַיקעס. איינער פון די הויפּט-פירער פון דעם געשלעג איז פּעטראָטשענקאָ— דער אַלטער פּאָגראָמשטשיק. ווי מע דערציילט, האָט מען עמיצן דערהאַרגעט נעבן שול. נעכטן באַנאַכט האָט מען באַ די סאָצ.-רעוואָלוצ. פאַרנומען אַ לאַגער פון באָמבעס. באַ אונז זיינען דאָ „אָרכים": עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, דורכ-פאָרנדיק פון מינסק, 2000 קאַזאַקן און טשערקעסן.

6-טן אווגוסט (נייער סט.), 9 אַזייגער באַנאַכט. נעכטן האָט מען ביז צוויי באַנאַכט געשאָסן; מע האָט געשאָסן אויך אין די טויערן. פּאַטרולן זיינען אַרומ-געפאָרן ביז דריי באַנאַכט. די שטאָט איז לאַכלוטן ווי אַ מילכאָמע-לאַגער.

היינט צוועלף אַזייגער באַטאָג איז מען דעם צווייטן מאָל אָנגעפאַלן אַף דעם פּאָליצמייסטער, — עס האָט אָבער ווייטער ניט אָפּגעגאָלטן. די באָמבע איז געווען מיט פּיסטאָנען, דער פּיסטאָן האָט אויסגעשאָסן, נאָר די באָמבע האָט זיך ניט פאַנאַנדערגעריסן. די קאַרעטע האָט זיך איבערגעקערט, דער פּאָליצמייסטער איז פון איר אַרויסגעפאַלן, נאָר ער איז געבליבן גאָר גאַנץ. מע האָט קיינעם ניט אַרעסטירט. נאָך דעם אַטענטאַט האָט דער פּאָליצמייסטער פאַנאַנדערגעקלעפּט איבערן שטאָט אַ פּראָוואָצירנדע הוידאָע. די הוידאָע איז געווען געדרוקט אין די לעגאַלע צייטונגען (אין דער הוידאָע דערקלערט דער פּאָליצמייסטער, אַז די קאָזאַקן, וואָס באַגלייטן זיין קאַרעטע, וועלן שיסן אין די אויסוואָורפן, וואָס רופן זיך דעמאָקראַטן, — אין די אידן, אויב וועט פון זיי ווערן צוגעשיקט 50 טריט נאָענט צום קאַרעטע. אַכוץ דעם איז זי, פאַרשטייט זיך, פול מיט די גראָבסטע זידלערייען קעגן די אידן—דעמאָקראַטן. די רעד.)

די בירזשע איז ווי פריער באַזעצט פון כאַיעל. די קאָזאַקן טוען אָפּ מאָסים — שלאָגן יעדערן. אַף די איינוואוינער איז אָנגעפאַלן אַ פּאַכאַד. אַסאַך קראָמען זיינען פאַרמאַכט. אייניקע פון די איינוואוינער קלייבן זיך אַרויסצופאָרן.

ב. פּינסק, 25-טן יולי.

נעכטן אין אָוונט האָבן מיר געהאַט אַף זיך אַ האַריגע, וועלכע עס האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט. שוין עטלעכע וואָכן ווי עס קומען פאָר צוזאַמענשטויסונגען אַף דער גרויסער קיעווער גאַס (די אַרבעטער-בירזשע) צווישן די אַרבעטער און פּאָליציי מיט די קאָזאַקן. יעדן אָוונט צוימט אָפּ די פּאָליציי דעם אַריינגאַנג צו דערדאָזיקער גאַס און לאָזט ניט צו אַהין די אַרבעטער און אויך דעם זייטיקן עולם. אַזעלכע צוזאַמענשטויסונגען פלעגן זיך אַלע מאָל ענדיקן דערמיט, וואָס סאָפּקאָלסאָף פלעגן די אַרבעטער דאָך דורכגיין אין קיעווער גאַס און פלעגן דאָרט שפּאַצירן ביז $9^1|_2$ — 10 אַזייגער. נעכטן, ווען דאָס פּובליקום האָט זיך אָנגעהויבן צונויפצוגיין, איז די קיעווער גאַס געווען אַן אָפּגעצוימטע אין דער ברייט דורך אַ קייט פון פּאָליציסטן. נאָר דער עולם האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן, די קייט האָט זיך איבערגעריסן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג. די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן צו שיסן. די מאַסע, וואָס איז צוגעלאָפן פון די זייטיקע געסלעך, האָט גענומען מאַניפעסטירן. עס זיינען צוגעשפּרונגען קאָזאַקן און אָנגעהויבן צו „אַרבעטן" אַף זייער שטייגער, ווער מיט אַ בלויזן שווערד, ווער מיט אַ נאַגאַיקע און ווער מיט די שטילן פון די ביקסן. אין דער אונטערשטער שורע — עטלעכע דערהאַרגעטע און אַסאַך פאַרוואונדעטע און אַרעסטירטע. די אַרעסטירטע האָט מען געשלאָגן ווילדערהייט צוערשט אַפן וועג צום אַרעסט-הויז און דערנאָך אין אַרעסט-הויז גופע...

27 יולי ...מיר ווייסן דערווייל וועגן דריי געהאַרגעטע. איינעם אַן אַלטן אידן האָט מען געפונען מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ. איינעם אַן אַרבעטער, א

מויערשטשיק, גערשן (די פאמיליע וויסן מיר ניט) האט מען צעהאַקט מיט שווערדן; אַפן וואַנט, נעבן וועלכער מע האט אים געהאַרגעט, איז געבליבן אַ גרויסער פלעק פון בלוט. אסאך האט מען צעמאזיקט, פארוואונדעט, געמאכט פאר קאַליקעס. איינער אן אלטער מאן ליגט א גויסעסער. די פּאָליציי און קאזאקן האבן „געארבעט" די גאנצע נאכט פון זונטיק אף מאָנטיק; האָבן זיך ארייַנגעריסן אין פריוואַטע וואוינונגען און מיט די בלויזע שווערדן אין האנט האָבן זיי געפאָדערט, מע זאָל ארויסגעבן די באהאלטענע „דעמאָקראטן"; מע האט אראָפּגעשלעפּט פון די איזוואָשטשיקעס פּאסאזשירן, וואס זייַנען געפאָרן פון באן, און מע האט זיי געשלאָגן; אף דער גרויסער גאס האט מען א פרויענצימער אויסגעטאָן נאקעט און ארומגעזוכט. אין שטאָט זייַנען אלע אויסער זיך פון דער ווילדער אויפירונג פון דער פּאָליצייאישער באנדע.

אף די גאזלאָנישע הארינעס, וואס די היגע אדמיניסטראציע האט אָרגאַניזירט, האבן מיר געענטפערט מיט אן אלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק, וועלכן אונזער אָרגאַניזאציע האט באשטימט אף דעם 26-טן יולי. אין דעמדאָזיקן טאג איז דער גאנצער האנדל און אינדוסטריע פון אונזער שטאט אפּגעשטארבן. עס האבן געשטרייקט אלע אידישע ארבעטער אָן אן אויסנאם; אלע מאגאַזינען און קראָמען זייַנען געווען פארמאכט. אפן גאס האט מען קיינע פורמאנעס ניט געזען — צום שטרייק זייַנען צוגעשטאנען אויך די קריסטלעכע פורמאנעס; קיין וואסער האבן די וואסערפירער ניט געפירט; די דאמפשיפן האט מען ניט אנגעלאדן און ניט אויסגעלאדן — די אידן און קריסטן האבן געשטרייקט. א טייל פון די דינסטלייט האבן אויך ניט געאַרבעט. די מאנאפּאָל-קראָמען האט מען אין דעם טאג ניט געעפנט. פון די קריסטלעכע פאבריק-ארבעטער זייַנען צום שטרייק צוגעשטאנען נאר די ארבעטער פון די דאמפשיף-ווערקשטאטן פון דעליאסי. אין אוונט האט מען די קראמען אנגעהויבן צו עפענען, ווייל די פּאָליציי און זשאנדארמעריע האבן געשריען, אז מע וועט די קרעמער שטראפירן מיט 500 רובל, אויב זיי וועלן ניט עפענען זייערע קראָמען.

אין דעמדאזיקן טאג האבן מיר געמאכט די לעוואיע פון אונזער דערהארגעטן כאַווער גערשן. עס האט זיך צונויפגעקליבן אן אוילאם נאָענט פון אכט טויזנט מענטשן. עס זייַנען געווען פיר קראנצן, צווישן זיי איינער פון דער ארגאניזאציע פון „בונד". אין אנהויב פון דער פּראצעסיע האָט מען געטראגן א טוך, אן אויסגעווייקטן אין די בלוט פון דעם געפאלענעם כאַווער. די פּאָכאַוויירים פון דעם דערהארגעטן האבן געטראגן רויטע און שווארצע בענדער. מיט דער לעוואיע איז מען געגאנגען איבער די הויפּט-גאסן. אפן קייווער האט מען געהאלטן פיר רעדעס...

דעם 28-טן סענטיאבר (אלטער סטיל). ...דער קאמף פון די ארבעטער מיט דער פּאָליציי פאר דער „בירזשע" ווערט אלץ שארפער. די פּאָליציי-לייט כאַפּן די ארבעטער אין די גאסן. שטעלן זיי אפ גרופּנווייז און איינציקווייז. זוכן בא זיי געווער און דאס גל. די ארבעטער, פארשטייט זיך, שוויַיגן ניט און גיבן צוריק. מיט א צוויי וואכן צוריק האט מען דערשאסן פון א רעוואלווער א פּאָליציסט, וועלכער האט זיך נאָך וואס באוויזן אין פּינסק, פּאלעשטשוק: ער

איז אנגעפאלן אף אן ארבעטער מיט א נאגאיקע. אין עטלעכע טעג ארום האט מען געהארגעט אפן פאסט אין מיטן העלן טאג דעם פאליציסט טאבענקא, וועלכער עס האט באקומען א גרויסן נאמען אין שטאט זינט דעם 24-טן יולי, ווען ער האט מיט א שווערד ביז טויט צעהאקט דעם מאלער שטערן.

דידאזיקע צוויי הארינעס האבן ארויסגערופן אין שטאט א גרויסע אויפרע-גונג. די פאליציי-לייט האבן זיך איבערגעשראקן גאר ניט אף קאטאוועס און האבן דערקלערט א שטרייק, ארויסשטעלנדיק די פאלגנדע צוויי פאדערונגען: ערשטנס, אף יעדער וואך-שטעל דארפן זיך געפינען צו צוויי פאליציסטן, צווייטנס, זאל מען פארגרעסערן דעם געהאלט אף 5 פראצענט. ריזיקירן מיט דעם לעבן פאר 12 רובל א כוידעש האבן זיך די פאליציסטן אפגעזאגט. זעקס פון זיי האבן זיך ביכלאל אפגעזאגט פון זייער דינסט. דער פאליצמייסטער איז געווארן אויסער זיך. פון דענסטמאל גייט קימאט איין נאכט ניט דורך, אז מע זאל ניט שיסן אפן גאס, און יאמקיפער האט מען פון דער שטאט פאשעט געמאכט א מילכאמע-לאגער. פאטרולן פון סאלדאטן און טשערקעסן זיינען ארומגעגאנגען און ארומגעפארן איבער אלע גאסן; די גרויסע שול האבן די סאָלדאטן אַטאַקירט און האבן אַרומגעזוכט אַלע אַרויסגייענדע. פונדעסטוועגן האט דאס אַלץ ניט אָפּגעשטעלט אונזער געוויינלעכע אַרבעט: פאַרזאַמלונגען קומען פאָר זייער אָפט, די אַגיטאַציע צווישן די מאַסן גייט גאַנץ לעבעדיק.

ג. מאָהילעוו גוב. דעם 1-טן אַווגוסט (אלט. סט.)

די היגע אדמיניסטראַציע האָט אָנגעהויבן צו פירן אַן אַטאַקע קעגן אונזער „בירזשע". מיט עטלעכע טעג צוריק בעאייס די מאַסע האָט אין אוונט אָנגע-הויבן צו קלייבן זיך אַף דער בירזשע (עס איז ניט געווען קיין „בירזשע"-טאָג [94]) און דער אוילאָם איז געווען א קליינער), האָט די פאָליציי געבעטן, מע זאָל אָפּרייניקן די טראָטוארן. קיינער האָט ניט געפאָלגט. נאָר נאָך די באַ-קאָשעס האָבן זיך אָנגעהויבן קלעפּ מיט די שווערדן—מע האָט געמוזט אָפּ-טרעטן; אַף מאָרגן דאָנערשטיק (א „בירזשע-טאָג") האָט די פאָליציי מאָבילי-זירט אלע אירע קרעפטן; מע האָט פאַרגרעסערט די פאַטרולן. מיר האָבן באַ-שלאָסן צו פירן א קאַמף דורך מאַניפעסטאַציעס אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. ווי נאָר די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן צו שרייען, מע זאָל זיך צעגיין, האָט זיך די מאַסע גרופּעסווייז געלאָזט איבער די גאַסן. עס זיינען געווען 4 מאַניפעסטאַציעס. די סאָלדאַטן און די פּאָליציי האָבן געבושעוועט, געשלאָגן יעדן פאַרבייגייענדן.

דאָס איז געווען דינסטיק, און מיטוואָך, ווי נאָר עס איז געווארן פינסטער-לעך, האָט מען ווידער אָנגעהויבן צו שלאָגן איינצלנע מענטשן. אף דעם כאווער עטינהאָף, וועלכער איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען איבערן גאַס, זיינען אָנגעפאַלן פּאָליציסטן און מע האָט אים אזוי פיל געשלאגן, אז ער איז אף מאָרגן אין דער פרי געשטאָרבן.

דעם 28-טן יולי... האָט מען די מאַסע פאַרופן אפן בולוואַר. מע האָט דערהערט וועגן דעם טויט פון דעם כאַוועך. צווישן דעם עולם איז געוואָרן א גרויסע אויפרעגונג.

פלוצלונג האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דעם קערפּער פון דעם דערהאַרגעטן טראָגט מען אין שפּיטאָל, קעדיי צו פאַלמעסן. דער עולם האָט זיך געלאָזן צו דער הויז פון דעם דערהאַרגעטן, מע האָט פאָרגעלייגט פרידלעך צו גיין נאָכן אָרן,—אָן אויפרופן.

... דער עולם ווערט אַלץ גרעסער, די גאַנצע גאַס ווערט פול און פול מיט מענטשן. מיטאמאָל באַווייזט זיך דער פּאָמאָטשניק פּאָליצמייסטער, די פּריסטאַוון, אָפיצערן מיט צוויי ראָטעס סאָלדאַטן.

„שטיי״!—דערהערט זיך א גראָבער קאָל. דער עולם שטעלט זיך אָפּ. סאָלדאַטן רייסן זיך אַריין אין רעכטן מיטן פּובליקום, שטופּן אים אָפּ פון דעם אָרן מיטן מעס. עס ווערט א געשריי: „שלאָג—שטעך!״ פּילדערט די קאָמאַנדע. פרויען, קינדער, אַלטע לייט האָט מען אָן רחמנות אָנגעהויבן צו שלאָגן; די פּאָליציי, אָפיצערן האָבן גענומען שיסן. דער עולם האָט זיך א וואָרף געטאָן צו די טירן פון די הייזער; די סאָלדאטן און די פּאָליציי האָבן זיך געלאָזן נאָך אים און האָבן ווייטער געשלאָגן אַף די הויפן. שטאַרק האָט מען צעמאַזיקט איינעם אַן אַלטן מאַן,—צו דער נאַכט איז ער געשטאָרבן. עס זיינען דאָ אַסאַך פאַרוואונדעטע. די, וואָס האָבן זיך באהאלטן אף די הויפן, האָט מען מיט א שטאַרקן קאָנוואָי אוועקגעפירט אין צירקל. שלאָגן האָט מען ניט אויפגעהערט ביז שפּעט אין דער נאַכט. פרייטיק האָט מען אין שטאָט פאַנאַנדערגעקלעפּט א הודאָע פון וויצע-גובערנאַטאָר, אַז פון די הייזער און פון דעם עולם האָט מען געשאָסן אין די פּאָליציי-לייט, און דעריבער וועט מען אָנווענדן די סאַמע שטרענגע מיטלען. קעדיי צו פאַרמיידן אומשולדיקע קאָרבאַנעס בעט מען דאָס פּובליקום ניט צונויפקלייבן זיך גרופּנווייז אַף די גאַסן. אין אוונט האָט מען ארומגערינגלט די קווארטאלן ארום דעם שפּיטאָל, וואו עס איז געלעגן דער דערהאַרגעטער; די פּאָליציי האָט בישטיקע מעקאַבער געווען דעם כאַוועך עטינהאָף. אויך אזוי האָט מען מעקאַבער געווען דעם דערהאַרגעטן אַלטן מאַן. שאַבעס זיינען געקומען דראַגונער... ניט מאַכנדיק קיין כילעק צווישן געשלעכט און עלטער, „אַרבעטן״ זיי מיט די נאַגאַיקעס, וויפל זיי ווילן. די מאַסע איז אויפגערעגט: דאָס רעכט צונויפקלייבן זיך אפן גאַס, די בירזשע... האָט מען אָפּגענומען. אַף די גאַסן געוועלטיקן דראַגונער און פּאָליציי.

65. די בלוטיקע האַריגע אין ביאַליסטאָק.

(קאָרעספּאָנדענץ אין נומ. 17 „לעצטע פּאַסירונגען״).

נאָך דער האַריגע אַף דער בירזשע מיט א כאַדאשים צוויי צוריק, האָבן מיר באַשלאָסן ניט אָרגאַניזירן דערווייל קיין אַלגעמיינע „בירזשעס״. פונדעסט-

וועגן פלעגן זיך יעדן אָוונט צונויפקלייבן אַף דער סוראַזשער גאַס אַ גע-וויסע צאָל ארבעטער, יעדער פאַר באַזונדער. שאַבעס, דעם 30-טן יולי, האָט מען צום ערשטן מאָל באַשטימט אַן אַלגעמיינע „בירזשע".

צו צוויי אזייגער האָבן זיך די ארבעטער אָנגעהויבן צונויפקלייבן אַף דער סוראַזשער גאַס, און אַרום האַלב דריי זיינען שוין געווען עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אין באַזונדערע קליינע גרופּן. איבער דער גאַנצער גאַס זיינען געווען צעשטעלט סאָלדאַטן, איינציקווייז און גרופּנווייז. אַף יעדן הויף האָט מען אויך באַהאַלטן סאָלדאַטן. דער אוילאַם איז געווען אויפגערעגט. מע האָט באַמערקט, אַז די סאָלדאַטן זיינען אָנגעטרונקענע, שיקערע.

אַזייגער האַלב דריי איז פאָרגעקומען דער ערשטער אינצידענט. אַ סאָל-דאַט—אַ טאָטער—פון די רעזערוויסטן האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערטרייבן אַ גרופּע אַרבעטער מיטן שטיל פון ביקס.

איינער אַן אַרבעטער האָט באַ אים פרעג געטאָן: „צוליב וואָס טרייבסטו זיי,—וואָס איז עס דיר פאַר אַ דאַיגע?" דער סאָלדאַט האָט אים דערלאַנגט מיטן פויסט אין צורע און האָט געזאָגט: „היינט וועל איך האַרגענען 20 פון זיי" (ד. ה. פון די אידן). ער האָט זיך שוין גענומען פארן ביקס, נאָר מען האָט גראַדע צו דער צייט אומגעביטן דעם פּאַטרול.

אין אַ האַלבע שאָ אַרום האָבן די סאָלדאַטן ווידער אָנגעהויבן צו פאַנאַנ-דערטרייבן די אַרבעטער מיט די שטילן פון די ביקסן. ווי נאָר דער אוילאָם האָט זיך געלאָזט לויפן, האָט איינער אַ סאָלדאַט אויסגעשאָסן און טויטלעך פאַרוואונדערט אַ שוסטער (מע רופט אים שמועל); דער שוסטער האָט, הייסט עס, געצילט זיך אַף אים מיט אַ שטעקל. די גאַס איז געוואָרן פּוסט.

ערשט עטוואָס שפּעטער האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צונויפקלייבן אַ קליינער אוילאָם. עס זיינען ווידער געקומען סאָלדאַטן מיט אַן אָפיצער און דראַגונער. אין אַ האַלבע שאָ אַרום האָט עמיצער מע ווייסט ניט ווער *), גע-וואָרפן אַ באָמבע, וועלכע עס האָט פאַרוואונדעט איין סאָלדאַט און דערהאַר-געט און פאַרוואונדעט אַסאַך זייטיקע מענטשן.

טייקעף האָבן זיך פון אַלע זייטן דערהערט זאַלפּן. געשאָסן האָט מען עטלעכע שאָ, ביז שפּעט אין אָוונט. מע האָט געשאָסן אין פאַרבייגייענדע, אין די פענסטער, אין די טירן; פאַרוואונדעטע האָט מען דערשטאָכן און דערהאַרגעט.

מער האָט מען געשאָסן אַף די גאַסן נעבן דער סוראַזשער גאַס. מע האָט אָבער אויך ניט איבערגעלאָזן די אַנדערע גאַסן, מע האָט געשאָסן קינדער, אַלטע לייט, מענער און פרויען.

איינער אַ איד האָט ארויסגערוקט די קאָפּ אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך אַפן

---

*) די באָמבע האָבן געוואָרפן אַנאַרכיסטן. דורך דער באָמבע זיינען געהאַרגעט געוואָרן צוויי מיטגלידער פון בונדישן קאָמיטעט — עסטער ריסקינד און גיטל זאַקהיים און פאַרוואונדעט געווען 10 אַרבעטער.

גאַס—האָט מען אים דערשאָסן. א זון לויפט צום פאָטער — דערהאַרגעט מען אים. א פאָטער איז געגאַנגען זוכן זײַנע קינדער,- האָט מען אים דערהאַרגעט. איבערן גאס איז געגאַנגען א סטאָלער מיט דער ווייב און די קינדער; דער־הערנדיק ווי מע שיסט, איז די ווייב מיט די קינדער אריינגעלאָפן אין א שטוב, דער מאַן איז אָפּגעשטאַנען אין האָט זיך באַהאַלטן אונטערן טויער. עס איז צוגעגאַנגען א סאָלדאַט, האָט זיך אין אים גלייך צוגעצילט און דערשאָסן. אַן אלטער איד פון 65 יאָר איז געגאַנגען אהיים פון מאַירעוו, אין עטלעכע טריט פון זיין דירע האָט אים א סאָלדאַט דערשאָסן. דאָס האָט דערזעען פון פענסטער א זון פון דעם דערהארגעטן, 24 יאָר אלט, וועלכער ס'האָט זיך מיט צוויי וואכן צוריק איבער זיין קראַנקהייט אומגעקערט פון מילכאָמע. ער ווארפט זיך צום פאָטער; אין אים שיסט אויס דערזעלבער סאָלדאַט,—א באַגאָסענער מיט בלוט, פאַלט דער זון אַפן טויטן קערפער פון זיין פאָטער.

די שרעקלעכע בילדער פון דער שכיטע איז אומעגלעך צו באַשרייבן. די סאָלדאַטן האָבן זיך צעבושעוועט, זיי האָבן געשאָסן ניט נאָר אין אידן, געצילט האָט מען זיך אָבער נאָר אין זיי. אַנדערע האָט מען געהאַרגעט מער אָדער ווייניקער צופעליק.

... נאָך אסאך האַריגעס פלעגן די סאָלדאַטן פאַרויכערן א פאַפּיראָס און פון לעצאַנעס וועגן שיסן אין א פארבייגייענדן הונט...

געשאָסן האָבן אויך פאָליציסטן. אפן דאָג ליפּאוועריוו און פאָלעוואָי האבן דערהאַרגעט אַ אידן פאָליציסטן. נאָך ניט וועגן אלע האריגעס ווייס מען איצטער, נאָר פון די, וואס מיר האבן אנגעוויזן, איז שוין ניקער, וואס פאַר א שרעקלעכע, פון פריער ארגאַניזירטע, שכיטע דאָס איז געווען. די דערהאַרגעטע זיינען געבליבן ליגן אַף די גאַכן ביז אַף מאָרגן אינדערפרי. די בלוט איז נאָך אין אסאך ערטער ביז איצטער ניט אפּגעוואשן געווארן. אַף מארגן האט מען די פארוואונדעטע און דערהאַרגעטע, גאַנצע וואגנסווייז, גע־פירט אין שפּיטאל. ארום איינעם אזא וואגן האבן זיך צונויפגעקליבן עטלעכע מענטשן. די סאלדאטן האבן אפן מארק געשאסן אין זיי און האבן פארוואונדעט דריי. די סוראזשער גאס איז אזוי ווי אויסגעשטארבן; די הייזער זיינען ליידיק.

אז די האַריגע איז געווען אַן ארגאַניזירטע, קען מען זען כאטש אפילע דערפון, וואס נאך מיטוואך האט אַן אפיצער געזאגט, אז שאבעס וועט מען „אנלערנען" די אידן. דער היגער דיוויזיאנער גענעראַל האט דערקלערט, אז אויב מען וועט הארגענען כאטש איין סאלדאט, וועט ער די גאנצע שטאט אפּגעבן אין די הענט פון גאַרניזאָן, אין דריי טעג וועלן די סאלדאטן אויס־רויבן די שטאָט. עס איז לייכט צו פארשטיין, וואָס פאר א פּאַכאַד עס איז אַנ־געפאלן אין שטאָט.

זונטיק, דעם 31־טן, זיינען אַלע קראָמען געווען פאַרמאַכט און קימאַט אַלע אידישע ארבעטער האָבן געשטרייקט. ריכטיק ווייס מען נאָך ניט, וויפל מענטשן מע האָט דערהאַרגעט און פארוואונדעט, ווייל אסאך היילן זיך אין דער היים. אין יעדן פאַל האָט מען געהאַרגעט מער איידער 50, און פארוואונ־דעט איבער 150.

מאָנטיק האָט געדאַרפט זיין די לעוואיע. מיר האָבן באשלאָסן ניט צו מאַכן קיין דעמאָנסטראציעס. עס וואלט נאָר געווען א גוטער ביסן פאר דער אדמיניסטראַציע; פון דער דעמאָנסטראַציע וואָלט לייכט געקענט ווערן א נייע האריגע, נאָך א שרעקלעכערע. פונדעסטוועגן האָט אונזער אָרגאַניזאַציע און די ארגאַניזאַציע פון פּ. ס. ד. דערקלערט אַף מאָנטיק אַן אלגעמיינעם שטרייק.

וואָס האָט זיך געטאָן אפן שפיטאל-הויף, איז שווער איבערצוגעבן. די דערהאַרגעטע ליגן אין ציילן. אָט ליגט א מוטער מיט איר 8-יאָריקן קינד, וועלכע מע האָט ביידע מיטאַמאָל דערהאַרגעט אַף דער זאוואלינע פון זייער שטוב. אָט איז דער 65-יאָריקער אלטער איד, בא זייט דער זון, דער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך אומגעקערט א לעבעדיקער פון מאנדזשוריע, קעדיי צו שטאַרבן אַף די גאַסן פון ביאַליסטאָק...

נעבן די הארוגים שטייען קרוויים, באַקאַנטע, אידן און קריסטן; א גאנצן טאָג ווערט ניט שטיל דער געוויין פון די מוטערס, פרויען און קינדער. אסאך פאלן אין כאלאשעס. קיין פּאליציי איז אפן הויף ניטאָ, פארשטייט זיך, אכוץ שפיאנען, נאר אנטקעגן שפיטאָל, נעבן באַנק שטייט א וואך. דעם גאנצן טאג, זונטיק און מאָנטיק, האבן אַפן שפיטאל-הויף געהאַלטן רעדעס רעדנער פון די היגע רעוואלוצ. ארגאַניזאציעס; זיי האבן דערקלערט די געשעענע פּאַסירונגען און גערופן צו נעקאמע. עמעס, די פארגעקומענע פּאַסירונגען זיינען גענוג קלאר, מע דאַרף זיי אסאך ניט דערקלערן...

מיר האבן ניט געוואלט שיקן די ארבעטער אף א נייע האריגע, נאר מיר האבן גערעכנט, אז אויב אף דער לעוואיע וועט זיין אסאך אוילאם, וועט די פּאליציי ניט וואגן צו מאַכן נאָך אמאל א בלוט-באָד. מיר האבן אבער געצווייפלט, אז עס זאל גיין ווער אף דער לעוואיע, אכוץ דעם פּראלעטאריאט. די אויפרעגונג איז אבער געווען אזוי גרויס, אז אויך די אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג האבן באשלאסן אפרופן זיך. די „געזעלשאפט" האט געפאדערט, מע זאל פארמאכן די קראמען און האט געבעטן אלעמען גיין אף דער לעוואיע. צוערשט האט מען, פארשטייט זיך, באווארנט זיך מיט אַן ערלובעניש פון פּאליצמייסטער און מיט אַ האַטאכע צונעמען דעם כאיעל. אַ גרויסער טייל פון דער בורזשואזיע האט דאך מוירע געהאַט, און געפונען פאר בעסער צו בלייבן אין דער היים. פונדעסטוועגן איז אף דער לעוואיע געווען ניט ווייניקער ווי 15000 מענטשן *).

די לעוואיע איז געווען א שרעקלעכע. דער לאנגער צייל מיטעס (עס זיינען געווען 38) האט פארנומען א גרויסן שעטעך. אַף די מיטעס זיינען געווען קראַנצן פון אלע רעוואלוציאנערע ארגאַניזאציעס, פון דער יוגנט א. א. וו. די פּראצעסיע האט געדויערט צוויי שא, פּאליציי און סאלדאטן זיינען ניט געווען אפן גאַס, נאר זיי זיינען געווען באהאלטן אין די הויפן. אפן בייסאוילאם האבן רעדנער פון אלע היגע רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס געהאלטן רעדעס.

די לעוואַיע האט זיך געענדיקט 8 אזייגער.

*) נאָך אנדערע יעדיעס — ביז 30 טויזנט.

66. עסטער ריסקינד.

(„דער בונד“, נומ. 9, אָקטיאַבר 1905)

דעם 30-טן יולי, אין דעם שרעקלעכן טאָג פון דער אומגעהערטער בלוט-באָד אין ביאַליסטאָק, צווישן די צענדליקער דערשאָסענע כאַווײרים, אָף דער סוראַזשער גאַס, איז אויך דערהאַרגעט געוואָרן אונזער כאַווער, אַ מיטגליד פון ביאַליסטאָקער קאָמיטעט, עסטער ריסקינד.

עסטער איז ניטאָ. און דער טויט פון דיזן העלדישן קעמפער און טײַערן כאַווער וועט זיך א לאַנגע צײַט אָפּרופן מיט אַ טיפן ווייטאָק ניט נאָר אין די הערצער פון די כאַווײרים-רעוואָלוציאָנערן, נאָר בײַ אַלעמען, ווער עס האָט נאָר זי געקאָנט.

איר גײַסט רײַכע נאַטור, איר שטענדיקע מעכטיקײַט און צוגעלאָזטקייט, איר ליבנדע האַרץ און טיפער פּאָעטישער געפיל האָט צו זיך צוגעצויגן אַלעמען און האָט אַרויסגערופן צו איר די שטאַרקסטע סימפּאַטיע ניט נאָר פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, נאָר אויך פון די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן.

זי איז געבאָרן געוואָרן אין אַ קליין אידיש שטעטל, בײַ אָרימע עלטערן, און מיט גרויס מאַטערניש, קימאַט פון זיך אַליין, האָט זי זיך אויסגעלערנט שרייבן און לייענען אידיש און רוסיש. איר גײַסטרײַכע נאַטור האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן. גלײַך ווי זי האָט זיך אויסגעלערנט צו האַלטן אַ פּען אין האַנט, האָט זי אָנגעהויבן שרייבן דערציילונגען, שירים, אויסגיסנדיק אירע געפילן און איינדריקן אַפן פּאַפּיר.

נאָך גאָר יונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך איר רעוואָלוציאָנערע שטרע-בונג צו פרײַהײַט און זעלבשטענדיקייט. אירע פינסטערע, קאָנסערוואַטיווע עלטערן האָבן איר געשטערט זיך צו לערנען, און צו 15 יאָר איז זי אַנטלאָפן פון דער היים. אָן שום מאַטעריעלע און גײַסטיקע שטיצע, נאָר מיט א ברע-נענדער שטרעבונג צו לערנען, האָט זי זיך אַוועקגעלאָזן אין דער ווײַטער וועלט און איז געקומען אין כאַרקאָוו. קאַלט האָט איר אויפגענומען די גרויסע, רוישנדע שטאָט. אײַנזאַם, אַליין, אָן באַקאַנטע און אָן לעבנס-מיטלען, איז דער קלײנינקער שוואַכער עספּיר אָפּט אויסגעקומען צו הונגערן און אַפילע ניט קריגן קיין ביכל צום לעזן.

אָבער איר עלנטקײַט און פאַרוואָרפנקײַט אין דער גרויסער שטאָט האָט קיין לאַנגע צײַט ניט געדויערט. זי האָט זיך צו אירס דערשלאָגן. איר ברע-נענדער דורשט צו לערנען זיך, איר טיפע שטרעבונג צום שטודירן און פאַר-שטיין אלע וויכטיקע לעבנס-פראַגן, די זעלבשטענדיקייט און שאַרפקײַט פון די מיינונגען, וואָס זי פלעגט אַרויסזאָגן, — דאָס אַלץ האָט צו איר צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער כאַרקאָווער שטודירנדער יוגנט, און אין גיכן האָט זי זיך דערוואָרבן גוטע און איבערגעגעבענע פריינט צווישן דעם בעסטן טייל פון די כאַרקאָווער סטודענטן.

4 יאָר איז זי אָפּגעווען אין כאַרקאָוו, וואו זי איז אויסגעוואַקסן פיזיש און נאָך מער גײַסטיק. די לעצטע פּאָר יאָר האָט זי זיך דאָרט גוט געפילט, אָבער

איר האָט געצויגן ערגעץ אַנדערש. געפינען זיך אין דער געזעלשאַפט פון ליטעראַטאָרן, פירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער שטודירנדער יוגנט, באַגעגענען זיך נאָר מיט אינטעליגענטן — דאָס האָט איר ניט געקאָנט באַפרידיקן. איר אידעאַל איז געווען צו לעבן און אַרבעטן צווישן די אַרבעטער, און מיט דעם ציל איז זי אַוועקגעפאָרן אין ביאַליסטאָק.

דאָ האָט זיך פאַר איר אויפגעעפנט אַ נייע וועלט. דאָס, וואָס זי האָט געטרוימט אין כאַרקאָוו, האָט זיך פאַרווירקלעכט אין ביאַליסטאָק. זי איז אַריין אין לאַגער פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער אַרמיי און האָט זיך געשטעלט אין אירע פאָדערשטע רייען. מיט אַ זעלטענער באַגייסטערונג, מיט דעם גאַנצן ברען פון איר היציקן טעמפּעראַמענט האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און האָט געלעבט נאָר מיט איר. אומעטום איז זי געווען, קיין זאַך האָט זי ניט דורכגעלאָזן. אַף פּראָפּאַגאַנדישע קרייזן, אַף טעאָרעטישע דיסקוסיעס, אַף פּראָפעסיאָנעלע סכאָדקעס, אַף אַגיטאַציאָנס-פאַרזאַמלונגען, אַף די זיצונגען פון דער געזעלשאַפט צו שטיצן אַרעסטירטע און פאַרשיקטע — אומעטום האָט מען געקאָנט זען עספּירן, אומעטום האָט זי אַריינגעטראָגן מונטערקייט און פרישקייט, אומעטום האָט מען זי באַגעגנט מיט ליבע און אַכטונג.

קיין אַרבעטער-פאַרזאַמלונג פלעגט ניט פאָרקומען אָן עספּירן. אומעטום פלעגט זי זיין און האַלטן רעדעס. און כאָטש קיין אָראַטאָר איז זי ניט געווען, און אירע רעדעס זיינען ניט געווען גלענצנד, דאָך פלעגט די היציקייט און ערנסטקייט פון אירע רייד אַזוי צוציען די אַרבעטער, אַז זיי פלעגן איר אַלעמאָל אויסהערן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און אַרויסגיין פון דער פאַרזאַמלונג מיט געפילן פון טיפער אַנטציקונג און באַגייסטערונג.

אַזוי האָט זי אָפּגעאַרבעט אין ביאַליסטאָק אַנדערהאַלבן יאָר. איר געזונט, וועלכער איז נאָך פריער געווען אָפּגעשוואַכט פון דעם שטענדיקן הונגערן אין כאַרקאָוו, איז אין ביאַליסטאָק נאָך מער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אויך דאָ איז איר לעבן דורכגעגאַנגען אין שטענדיקן ניט דערעסן און ניט דערשלאָפן. מען האָט דאָס אָבער אַף איר ניט באַמערקט. איר פּנים פלעגט אַלעמאָל אויסדריקן דיזעלביקע מונטערקייט און לעבעדיקייט, יעדערן פלעגט זי שטענדיק באַגעגענען מיט דערזעלבער פריילעכער און פריינטלעכער מינע.

פון ביאַליסטאָק איז זי געקומען אין לאָדז. אַהער איז זי געקומען שוין אַ פולשטענדיקער, געניטער רעוואָלוציאָנער און מיט אַ שטאַרקער צוגעבונדנקייט צום „בונד״. דאָ האָט זי געאַרבעט נאָך מיט אַ גרעסערן דערפאָלג, נאָר אין גיכן האָט מען זי אַרעסטירט און מיטן עטאַפּ געפירט אהיים, אין איר שטעטל. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין דערהיים האָט זיך איר ניט געקאָנט זיצן. איר האָט געצויגן אין דער ברייטער וועלט צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

זי איז געקומען אין וואַרשע און איז גלייך אַריין אין דער ברייטער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דעם דאָרטיקן אידישן פּראָלעטאַריאַט. זי האָט דאָ אָפּגעלעבט אַ יאָר צייט, און דער יאָר, ווי זי פלעגט אַליין זאָגן, איז געווען

דער גליקלעכסטער אין איר לעבן. זי האָט דאָ ניט געלעבט, נאָר געברענט, און גייסטיק איז זי אויסגעוואַקסן זייער הויך. איר האָט געגליקט אין אַלע אויפאַנים. די אַרבעט איז געגאַנגען זייער גוט, די אַרבעטער האָבן איר פאַרגעטערט, זי איז געשטאַנען אין נאָענטע פאַרבינדונגען מיט דעם בעסטן טייל פון דער אידישער געזעלשאַפט און ליטעראַטאָרן, אומעטום איז זי געווען שטאַרק באַליבט און אָנגענומען, און זי האָט זיך געפילט זייער גוט.

אין וואַרשע האָט מען זי אַרעסטירט. ביז אַיאָר צייט איז זי אָפּגעזעסן אין טורמע און נאָכדעם האָט מען זי פאַרשיקט אין סיביר, דאָרטן איז זי אָפּגעווען נאָר א פּאָר מאָנאַטן. זי איז פון דאָרטן אנטלאָפן. אין פרילינגס-צייט 1904 יאָר איז זי אַוועקגעפאָרן אין אויסלאַנד. זי האָט געהאָפט אין אויסלאַנד צו פאַרבעסערן אביסל איר געזונט, וועלכער איז זייער שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין טורמע און סיביר, ווי אויך זיך דערלערנען און אַנטוויקלען. זי האָט זיך געפילט, אז זי איז אָפּגעשטאַנען און האָט מוירע געהאַט, אז איצט וועט זי ניט זיין אימשטאַנד צו באפרידיקן די אויסגעוואַקסענע גייסטיקע באדערפעניש ן פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

11 מאָנאַטן האָט זי פאַרבראַכט אין אויסלאַנד, וואו זי האָט פיל געלעזן און געלערנט, אָבער די גאַנצע צייט האָט זי זיך ניט גוט געפילט. אירע געדאַנקען און געפילן זיינען געלעגן אין רוסלאַנד, און גלייך ווי עס איז אָנגעקומען די ערשטע יעדיע וועגן די געשעענישן פון 9-טן יאַנוואַר, האָט זי באַשלאָסן צו פאָרן „אהיים”. זי איז געקומען אין ווילנע, וואו זי האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט איר געוויינלעכער היציקייט און ענערגיע, אָבער זי האָט געמוזט אינגיכן פון דאָרטן אנטלויפן; און זי איז ווידער געקומען אין ביאַליסטאָק.

אין אַ שווערער צייט איז זי אהין געקומען. דער שרעקלעכער ווילקיר פון פּאָליציי און סאָלדאַטן, דער קריזיס אין דער אינדוסטריע, די שענדלעכע אויפירונג פון דער גרופּע „אַנאַרכיסטן”-כוליגאַנעס, זייער שעדלעכע ווירקונג אַף די אַרבעטער, — דאָס אַלץ האָט באַשאַפן גרויסע שוועריקייטן אין דער רעוואָלוציאָנערער ארבעט. נאָר עספּירן האָט דאָס ניט אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט איר שטענדיקן ברען און באַגייסטערונג, און מיט יעדן טאָג האָט זי געהאַט אלץ אַ גרעסערן ערפאָלג.

און דעם דרייסיקסטן יולי איז די טיפּע פּאָעטישע רעוואָלוציאָנערע נאַטור, דער יונגער, פרישער און גייסטרייכער לעבן אַיועק פון דער וועלט! זי האָט געלעבט פאַר די אַרבעטער, פאַר זייערע אינטערעסן און זייער אידעאַל. און דעם 30-טן יולי איז זי געפאַלן טויט אַף דער אַרבעטער-בירזשע איניינעם מיט נאָך צענדליקער אַרבעטער-כאַווירים!

אייביקער אָנדענקען דיין הייליקן נאָמען, טייערער כאַווער.

67. „קליין־בונד"

(יאַנקל לעווין: „פון יע:ע יאָרן". מינסק. 1924)

מיר העלפן די גרויסע.

...די אַרבעטער-באַוועגונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. טאָג-טעגלעך פאַ־זאַמלונגען פון אַרבעטער. מאַסן עקאָנאָמישע שטרייקן פאַר איינפירן אַ צוועלפשאָעדיקן אַרבעטס-טאָג. הונדערטער אַרבעטער פלעגן קומען נאָך דער אַרבעט אַף דער בירזשע. זיינען מיר געקומען צום אויספיר, אַז מיר, לערן-אינגלעך, זיינען ניט ערגער פון די גרויסע, אַז מיר קענען נאָך מער פון זיי אויפכאָן אין די שטרייקן. מיר האָבן זיך גענומען מיט גרויס ענערגיע פאַר דער אַרבעט: אויסשפירן די וואָרשטאַטן, וואו מע אַרבעט מער פון 12 שאָ, וואו עס קומען פאָר שטרייקן, וואו עס אַרבעטן שטרייק-ברעכער. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ ריי מיטלען פון קאַמף. דאָס בעסטע מיטל איז געווען — מיט שטיינער וואַרפן און צעברעכן שויבן באַ יענע באַלעבאַטים. אויסשפירן איז אונז געווען גרינג. וועלכער באַלעבאָס האָט זיך געקענט איינהיטן פון אַזעלכע קליינע ווערים, וועלכע זיינען אומעטום פול און פארגאַנוועגען זיך ערגעץ אין אַ פינסטערן ווינקל, פון וואַנען מע שיסט אַריין אַ פאָר צענדליק שטיינער און מע מאַכט אָן אַ כורבן און אַ מעהומע. דאָס איז געווען דאָס בעסטע מיטל, אַז די פאַראַקשנטע באַלעבאַטים זאָלן נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. איינעם אַ רייכן באַלעבאָס, אַן עמעסן פאַסקודניק, וועלכער האָט געמאַסערט אַף די אַרבעטער אין פאָליציי, האָבן מיר אים אזוי פיל טעראָריזירט, אַז ער האָט געמוזט פון שטאָט אַנטלויפן.

אין אַ גוטן פינסטערן אָוונט האָבן אַ מאַן 20 יאַטן א נעם געטאָן זיך פאר דעם הויכן הילצערנעם גאַניק פון זיין הויז און העט ווייט אין א רויער קאַנאווע אריינגעוואָרפן. אף מאָרגן פרי, עפענענדיק די טיר, האָבן די הויז-מענטשן געדארפט אראָפּקייקלען זיך אף דער ערד און עטלעבע טעג קלעטערן אף גלאַטע ווענט צו זיך אין שטוב אריין. אכוץ דעם פלעגן מיר אלע נאכט, 12 אזייגער, באָמבארדירן מיט שטיינער דעם דאך פון שטוב — מיר האָבן צעלעכערט דאָס גאנצע בלעך.

צו איינעם א באלעבאס, א טאָקער, איז געגאנגען אונזערס א לערן-אינגל קלוימערשט רופן נעמען א גרויסע באשטעלונג. ער האָט אוועקגעפירט דעם באלעבאָס דורך א זייטיק געסל, וואו מע האָט אים אָפגעוואַרט. די ארבעטער האָבן מיט שטעקלעך גענומען דעקן אים איבערן קאָפּ, זאָגנדיק אים: „דאָס איז דיר פאר מאסערן אין פאָליציי, דאָס איז דיר פאר שיאָגן ארבעטער!" און מיין לערן-אינגל האָט דערביי געמאכט די פלייטע, קלוימערשט אן איבערגעשראָקענער, מיט געוויין און געשריי: „מאמע!"

ערעוו פייסעך, טאקע גלייך אף מאָרגן נאָך פורים, פלעגט זיך אָנהויבן די עמעסע ארבעט פון אונזערע יאטן — דאָס איז געווען ארום די פאָדריאדן, וואו מע פלעגט באקן מאצע. אָט דאָרט איז טאקע געווען די עמעסע עקספּלואטאַציע. די פאָדריאדטשיקעס פלעגן אָנעמען מיידלעך פון די קליינע שטעטלעך און

צווינגען זיי ארבעטן פון 6 פארטאָג ביז 12 באנאכט. די אָרגאניזאַציע פון „בונד" האָט געפירט א קאמף קעגן די פּאָדריאַדטשיקעס, און דאָ זיינען מיר צונויף געקומען. 4 אזייגער פארטאָג פלעגן מיר שוין גיין קאָנטראָלירן די פּאדריאדן און ביז שפּעט באנאכט—דיזעלבע ארבעט. מיר האָבן אין קאמף מיט די פּאָדריאַדטשי-קעס אָנגענומען אויך נייע מיטלען: ארײנלאָזן זיך אין פּאָדריאַד עטלעכע, קלוימערשט העלפן קנעטן און רעדלען, אָפּטאָן דערביי א צאָרע און אינמיטן אנטלויפן, לאָזן אינמיטן די מיירע ניט געקנאָטענע, אריינגיסן וואסער, ארויפקלעטערן אפן דאך, אריינגיסן אן עמער וואסער אין קוימען.

מיר באקן פּראָקלאמאציעס און טעראָריזירן די פּאָליציי.

...אף אונז יאטן האָבן די פּראָקלאמאציעס, וואָס פלעגן אומגעריכטערהייט מיטאמאל באווייזן זיך אין א שפּאלט פון טיר, אָדער אָנגעקלעפּט אפן פּאַרקן פון שול-הויף, געמאכט א געוואלדיקן איינדרוק. מיר זיינען מעקאנע די גרויסע, וועלכע קענען אזוינס דערווייזן. איינמאָל פאר אלעמאל, באשליסן מיר, אז מיר זיינען אויך ניט אבי ווער, אז מיר קענען אליין ארויסגעבן פּראָקלאַקמאציעס.

אָבער ווי מאכט מען אן אייגענע דרוק? אף דעם האָבן מיר געבראָכן שטאַרק דעם קאָפּ. צום אָנפאנג האָבן מיר א טראכט געגעבן — פארבינדן זיך וועגן דעם מיט די גרויסע: בא זיי אויספרעגן די טעכניק, אָדער בעטן זיי, זיי זאָלן אין זייער דרוק אונזערע פּראָקלאמאציעס ארויסגעבן. אָבער פון דעם געדאנק האָבן מיר זיך געמוזט אָפּזאָגן. עס איז דאָך אזא גרויסע קאָנספּיראציע, אז קיינער פון אונזערע באקאנטע גרויסע ווייס אוואדע ניט פון דרוק. און ווען אפילע מיר זאָלן אָנטרעפן דעם מאכער אליין, וועט ער דאָך אונז אויך קיין זאך ניט זאָגן. האָבן מיר זיך געלאָזט אין א זוכעניש, ביז וואנען מיר האָבן געפאקט א פארטיקן העקטאגראף, וועלכער האָט זיך געפונען אין א בורזשואזער כעוורע. האָבן מיר אים ארויסגעגאנוועט; אביסל שפּעטער האבן מיר דערגאנגען דעם סאָד, ווי מע מאכט א העקטאָגראף פון זשעלאטין מיט גליצערין. אונז איז אפילע געווען שווערלעך צו געפינען אזא וואוינונג, וואו צו קאָכן די מאטערי-אלן, קעדיי צו באקומען א פארטיקן העקטאָגראף. אָבער וואָס איז פאר אונז שווער געווען?

א נייע וועלט האָט זיך פאר אונז געעפנט. א קלייניקייט, אייגענע פּראָק-לאמאציעס! גאנצע נעכט געזעסן, געשריבן מיט עמעסע געדרוקטע אויסיעס, אז די פּראָקלאמאציעס זאלן האבן א געהעריק שיין אויסזעען, ווי פון אן עמעסער דרוק. אך! האבן מיר זיי דאָס געבאקן, ווי ערעוו פּייסעך מאצע!

ווען מיר האָבן שוין געהאט אייגענע פּראָקלאמאציעס, האָבן מיר געדארפט באווייזן אונזער קונסט פון פארשפּרייטן און אריבערשטייגן אין דעם די גרויסע. מיר האבן עס טאקע באוויזן. אין די פּאָליציי-צירקלען גופע, בא די גרעסטע פּאליציי-לייט אָנגעקלעפּט מיט סטאָלערשן קליי אף דער טיר, אז ניט אזוי לייכט זאָל זיין ארופּנעמען. און קיין איינציק מאָל ניט דורכגעפאלן!

די גרויסע זיינען פון אונז געווען איבערראשט, געפּרוואווט דערוויסן זיך וועגן אונזער דרוק, אָבער קאנספּיראציע בלייבט קאנספּיראציע.

אָנגעהויבן מיט בלעטלעך, האָבן מיר געפונען נאָך מיטלען, ווי אזוי צו קעמפן מיט דער פּאָליציי. איינע פון אַזעלכע מיטלען איז געווען — פון דער העלער הויט אָנהויבן א שיסעריי. קיין עמעסע רעוואָלווערן האָבן מיר ניט געהאַט, נאָר מיר האָבן צוגעטראַכט אַזאַ געווער, וואָס פלעגט שיסן; נעמען א שליסל, אָנשטאָפּן אין לעכל שוועבל, אַראָפּגעקריצטע פון די שוועבעלעך, אהין אַריינגעשטעקט א טשוועק, וועלכער איז מיט אַ שטריקל פארבונדן מיטן שליסל. מיט אַזעלכע שליסלען פלעגן מיר א מאַן 20 אוועק ניט ווייט נעבן פּאָליציי, אויסשטעלן זיך אַרום אַ פּאַרקאַן און לויט א געהעריקן צייכן אויסשיסן. פלעגט פּאָליציי זיך אַ לאָז געבן צו יענעם אָרט זוכן. זיינען מיר שוין געווען ווייט אין אַ צווייטער גאַס מיטן זעלביקן קונץ. דורכגעפאַלן זיינען מיר קיינמאָל ניט, ניט קוקנדיק אַף אַזעלכע געפערלעכע ארבעטן.

אונזער פירער בערע-לייבקע.

אונזער אנטייל אין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף האָט זיך געלאָזט פילן אין שטאָט. אומעטום האָבן מיר זיך געוואָרפן אין די אויגן. די גרויסע האָבן, פון איין זייט, פון אונז געקליבן נאַכעס, פון דער אנדער זייט, פלעגן זיי פון אונז אָפּלאַכן, רייצן זיך מיט אונז. אונזערע יאָטן האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. דער קאָמיטעט פון די גרויסע האָט אויך אַף אונז קיין אכט ניט געלייגט. מיר האָבן אַליין, זעלבשטענדיק, געפירט אונזער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אויסגעוואַקסן ביז אַ מאַן 50.

איינמאָל פאַרנאַכט איז צו אונז צוגעגאַנגען איינער פון די גרויסע, אַן אַרבעטער, אַ בערשטער, וועלכער האָט אין „בונד״ פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט. וועגן אים האָבן מיר געהערט, ווי וועגן זייער אַ באַוואוסטזיניקן כאַווער, און געהאַט פאַר אים דערעך-ערעץ. ער האָט אונז געבעטן דעלעגירן עמיצן פון אונזערע פירער אַף אַ וויכטיקן שמועס מיט אים.

גלייך זיינען אונזערע פירער געווען אַפן אָרט. אַוועק אין אַ זייטיקן געסל מיט אים און פאַרפירט די עמעסע דיסקוסיע. ער האָט זיך פאַרינטערעסירט מיט אונזער טעטיקייט, וועגן וועלכער מיר האָבן אים דערציילט מיט גרויס היסלאַוועס. ער האָט אונז דערקלערט, אז מיר גייען אַף אַ פאַלשן וועג, אַז די גרויסע נויטיקן זיך ניט אַזוי אין אונזער שטיצע. אַכיץ דעם, וועלן מיר קיין סאַך נוצן פון אַזאַ מין קאַמף ניט האָבן. די אַרבעטער-באַוועגונג דאַרף האָבן באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, מיר, פאַרקערט, וועלן אויסוואַקסן אומבאַ-וואוסטזיניקע. דעריבער האָט ער אונז פאָרגעלייגט אָנעמען אַ ניי פּראָגראַם: שטודירן דעם סאָציאַליזם. ניט אַזוי לייכט האָבן מיר געקענט מיט אים איינ-שטימען. די דיסקוסיעס האָבן געדויערט עטלעכע טעג, ביז וואַנען מיר האָבן אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, מיט דער אָנוועזנהייט פון דעם בערשטער, וואו מיר האָבן אויסגעהערט און אָנגענומען זיין פּראָגראַם און בא-שלאָסן פאַנאַנדערצוטיילן זיך אַף קליינע קרייזן, מאַכן אַ קאַסע מיט מיטגלידס-

אָפּצאָל, פאַר דאָס געלט איינקויפן ביכער, צוזאַמען לייענען און פאַנאַנדערקלייבן דאָס געלייענטע. איינמאָל אין וואָך אָרגאַניזירן אַן אלגעמיינע פאַרזאַמלונג פאַר פּאָליטישע פראַגן, וואו דער בערשטער ווערט אויך קומען.

דער כּאַווער — געהייסן האָט ער בערע־לייבקע,—איז געווען שטאַרק פאַרטאָן מיט אונזער אַרבעט: געקליבן געלט בא די גרויסע, געהאָלפן אונז איינקויפן וואָס מער ביכער. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ גוטע ביבליאָטעק. כאָטש דער גרעסטער טייל ביכער זיינען געווען לעגאַלע, דאָך איז די ביבליאָטעק געווען אומלעגאַל. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו איז איר אָרט. די ביכלעך פלעגן געלייענט אין געביטן ווערן אַף די קרייזן. יעדער מיטגליד איז געווען פאַר־צייכנט מיט אַ נומער. דאָס איז געווען צוליב קאָנספּיראַציע. פּאָליציי, ווען זי וואָלט געפינען אונזערע פּאַפּירן, וואָלט זי אַ קרענק וויסן, ווער מיר זיינען, ווער איז נומער 5 אָדער 15. קיין באַזונדער פּראָגראַם, וועלכע ביכער צו לעזן, האָבן מיר ניט געהאַט. אַכוץ דעם זיינען אידישע ביכער צו יענער צייט געווען זייער ווייניק. ס׳זיינען געווען עטלעכע לעגאַלע ביכלעך וועגן נאַטור־וויסנשאַפט, קולטור-געשיכטע און אַ געוויסע צאָל אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע ביכלעך. געלערנט האָבן מיר זיך מיט כיישעק. מיר האָבן זיך באמיט אויס־לערנען די באַדייטונג פון ווערטער, פאַר א באוואוסטזיניקן ארבעטער האָט זיך גערעכנט אַזאַ, וועלכער וויס וואָס הייסט: קאָנסטיטוציע, דעמאָקראַטיע, סאָצי־אַליזם און נאָך אַסאַך ווערטער, וועלכע זיינען אַריין איצט אין אונזער מוטער-שפּראַך.

פאַרזאַמלונגען פלעגן מיר מאַכן אין וואַלד אָדער באַם טייך. אַ גרויסע קונסט איז געווען צו אָרגאַניזירן די פאַרזאמלונגען. די פירער פלעגן פון פריער אויסזוכן אַן אָרט, דער מאַסע פלעגט מען הייסן קומען אין גאַס. אַף דעם וועג צו דער פאַרזאַמלונג פלעגט מען אויסשטעלן פּאַטרולן, וועלכע האָבן אַף זיך געטראָגן צייכנס, לעמאָשל, מיט אַ ווייסן טיכל צוגעבונדן די באַק. דעם, וועמען מע פלעגט שיקן אַף דער פאַרזאַמלונג, פלעגט מען אָנזאָגן אַ פּאַראָל, מיט וועלכן ער פלעגט זיך ווענדן צום פּאַטרול. דער לעצטער פלעגט אָפּשיקן דעם כּאַווער צום צווייטן פּאַטרול, ביז וואַנען מע פלעגט קומען אַפן אָרט.

מיר קעמפן מיט דער בורזשואַזיע.

...אונזער סינע צו דער בורזשואַזיע איז געווען ניט אַזוי אַ קלאַסנגעפיל פון פראָלעטאַריער צום עקספּלואַטאַטאָר, ווי פּאָשעט אַ סטיכישע סינע פון הונגעריקן צום זאַטן. מיר האָבן זיך אויסגעהאַדעוועט און געלעבט אין די ערג־סטע באַדינגונגען: הונגעריקע, נאַקעטע, געוואַלגערט זיך אין די פינסטערע קעלערס, און זיי, די רייכע, זאַטע האָבן געלעבט די גוטע טעג. דערפאַר האָבן מיר זייערע טרייפע פּענימער ניט געקענט אָנקוקן.

...מיר פלעגן זיך רעכענען מיט די רייכע קינדער, וועלכע זיינען געווען אין אַ גרויסער צאָל ציאָניסטן. יאָנטויווים, ווען זיי פלעגן באַפּוצן זייערע

וואוינונגען מיט מאָגענדאָווידס, פלעגן מיר עס אַראָפּרייסן. מיר פלעגן צעשטערן זייערע פאַרזאַמלונגען. די, וואָס פלעגן אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד, פלעגן מיר גוט אָנדרעקן אַ קאָלנער. צו די פּראָלעטאַרישע גרופּירונגען, ווי עס און פּויאַלי-ציאָניסטן, האָבן מיר געהאַט דעמזעלבן האַס. דער איקער זיינען זיי באַשטאַנען פון באַלעבאַטישע באָכערימלעך מיט מיידלעך. אף דער בירזשע פלעגן ביז שפּעט אין דער נאַכט פאָרקומען דיסקוסיעס מיט די ציאָניסטן. אונזערע יאַטן פלעגן אַריינקריכן אין מיטן און אריינמישן זיך. אָפּטמאָל פלעגט זיך די הייסע דיסקוסיע אויסלאָזן מיט קלעפּ. די געליטענע פלעגן בלייבן די ציאָניסטן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט אַזעלכע געזונטע אַרבעטער, ווי די בונדיסטן זיינען געווען! איינמאָל, נאָך דער אַרבעט, ווען אונזערע יאַטן זיינען געגאַנגען אין שטאָטישן גאָרטן, וואו ס'איז געווען די אַרבעטער-בירזשע, דערשמעקן וואָס הערט זיך צווישן די גרויסע, האָבן מיר דערזעען, ווי ציאָניסטלעך לויפן פון גאָרטן, ווי פאַרסאַמטע מייז. פרעגן מיר:

— „וואָס ציט איר אַפּ אַזוי פלינק?"

ענטפערן זיי: — „אייער לייבקע שלאָגט זיך".

לייבקע איז געווען אַ בעאָניק [95], אַ הויכער געזונטער יאַט, אַן אַרבעטער מיט לאַנגע הענט, און פאַרפאָרן יענעם אין באַק האָט באַ אים קיין ווערט ניט געהאַט. באַלעבאַטים און אַפילו פּאָליציאַנטן פלעגן פאַר אים ציטערן זיין שיין.

אין גאָרטן טרעפן מיר לייבקען, דרייענדיק זיך מיט די לאַנגע אויסגעשטרעקטע הענט. פרעגט ער אונז:

— „וואו זיינען זיי?"

— „ווער?"

— „די ציאָניסטלעך!"

— „געמאַכט פּיס!"

לייבקע האָט אונז ליב געהאַט, ווייל מיר זיינען אויך געווען יונגען איינע אין איינע. ערקלערט ער אונז:

— „איך קום נאָך דער אַרבעט אף דער בירזשע, טרעף איך אַ רעדל, אין מיטן שטייט „וואָראָנע" מיט „קיראָפּאטקינען" (דאָס זיינען געווען זייערע צו-נעמענישן. איינער פלעגט גיין האַלטנדיק שטענדיק אָפן דעם מויל און קוקן אפן הימל, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „וואָראָנע". דער צווייטער האָט געהאַט אַ צעפּלאַטשיקטן נאָז, האָט מען אים גערופן „קוראפּאטקין". אין האָמלע און ביכלאַל אין יענעם קאַנט איז פאַראַן אן אויסדרוק „קארפּאטי נאָס"). זיי קאָבן זיך און האַלטן אין איין טאַינען, אז דער אידישער פּראָליעטאַריאַט געפינט זיך אין גאָלעס, פּראָלעטאַריזירט זיך ניט. דערפאר מוז מען האָבן אַן אייגענע לאַנד. נעם איך אראָפּ מיין היטל, נעם פון אונטער דעם אונטערשלאַג ארויס דעם נומער „בונד" (אין פינפטן יאָר פלעגט ארויסגיין אַזאַ אומלעגאַלער בונדישער אָרגאַן) און באַווייז זיי דאָרטן א קאָרעספּאָנדענץ פון לאָדז, וואו עס שטייט שוואַרץ אַף ווייס אָנגעשריבן וועגן אידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע. איז דאָך דאָס דער בעסטער באַווייז, אז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פּראָלעטאַריזירט זיך. לייענען זיי איבער און זאָגן, אז ס'איז א

ליגן. בין איך גלייך געוואָרן אַן אָנגעצונדענער, וואָס הייסט, דער „בונד" זאָגט אַ ליגן? ווען זיי וואָלטן זאָגן אַף מיר, אז איך זאָג אַ ליגן, קען א מאָל טרעפן, אָבער אַפן „בונד?" האָב איך זיי פאַרפאָרן!

אַן אייגענע בירזשע. מע שטייט ניט אָפּ פון די גרויסע.

...אונזער אָרט איז אויך געווען דאָרט, וואו ס׳געפינען זיך די גרויסע. גע־דרייט זיך באַ זיי צווישן די פיס. פון אַלע נייסן גלייך געוואָר געוואָרן און איבערגעגעבן אונזערע יאַטן, וואו צו גיין אַף די פאַרזאמלונגען. אָבער געלעבט אַף דער בירזשע האָט זיך אונז שלעכט. די גרויסע פלעגן אונז אפט רוידעפן, פאַרטרייבן אונז, ניט אַריינלאָזן אַף זייערע פאַרזאַמלונגען, זאָגן, אַז איבער אונז קען מען זיך פאַרשיטן. מיר זיינען גאָר געווען עפשער טויזנטער מאָל קאָנ־ספיראַטיווער פון זיי, נאָר גיי דערצייל זיי א מאיסע!

...די רייבונגען מיט די גרויסע האָבן אונז געקאָסט פיל געזונט. אַף אונזערע פאַרזאַמלונגען האָט זיך אַסאַך מאָל וועגן דעם גערעדט. סאָקאָלסאָף זיינע־מיר געקומען צום אויספיר, אַז מע דאַרף מאַכן אַן אייגענע בירזשע. אוי׳ס געקליבן אַ גאַס, וועלכע גרעניצט זיך מיט דער בירזשע פון די גרויסע, און איינגעאָרדנט אונזער בירזשע. מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז מיר קענען אַף אַן אייגענער בירזשע פיל מער אויפטאָן צווישן דער יוגנט.

אין קאַמף פאַר דער בירזשע.

...איינמאָל פאַרנאַכט, איידער די אַרבעטער האָבן נאָך באַוויזן צו קומען אַף דער בירזשע, איז זי אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן מיט קאַזאַקן און סאָלדאַטן, וועלכע האָבן קיינעם אַף דער בירזשע ניט אַרויפגעלאָזן.

דער קאָמיטעט פון „בונד" האָט אָפּגעהאַלטן אַן עקסטרע זיצונג, וואו ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַף מאָרגן צו רופן די אַרבעטער אַפן גאַס: איינאַר־דענען מאַניפעסטאַציעס. אַף מאָרגן זיינען אין פארשיידענע עקן פון שטאָט פאָר־געקומען מאַניפעסטאַציעס פון מאַסן אַרבעטער, וועלכע זיינען געגאַנגען איבערן גאַס מיט רעוואָלוציאָנערע לידער, מיט אויסגעשרייען: „הורא"! „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!" „זאָל לעבן (דעמאָלט פלעגט מען זאָגן „עס לעבע") די אַרבעטער־בירזשע", „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!" אין שטאָט האָבן די מאַניפעסטאַציעס געמאַכט אַ מוירעדיקן רושעם. די פאָליצײ־לייט זיינען אַף די מאַניפעסטאַנטן אָנגעפאַלן מיט נאַגאַיקעס און שווערדן, צעטריבן, מאַכן פאַרוואונדעטע איבערגעלאָזן, אַסאַך אַרעסטירט. אַזוי האָט זיך געצויגן פון 10 אינדערפרי ביז 2 באַטאָג, לויט דער באַשטימונג פון קאָמיטעט.

מיר, די יוגנט, האָבן, פאַרשטייט זיך, אַקטיוו באַטייליקט זיך אין די מאַני־פעסטאַציעס פון די גרויסע, אָבער מיר האָבן באַ זיך באַשלאָסן זעלבשטענ־דיק באַווייזן אונזער קראַפט. אונזער מאַניפעסטאַציע איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן דאַפקע אַף דער בירזשע אַרום 4 באַטאָג.

צו יענער צייט איז אין שטאָט שוין שטיל געוואָרן. פאָליצײ האָט זיך באַ־

רואיקט, זייענדיקט זיכער, אַז די מאַניפעסטאַציעס האָבן זיך געענדיקט. דער-ווייל האָבן מיר געגרייט אונזער מאַניפעסטאַציע: מיר האָבן צוגעגרייט אַ מין באַריקאַדע. אין אַ מויער, וועלכער האָט זיך געבויט, האָבן מיר דעם אָפענעם טויער פאַרשטעלט ביז אַ העלפט פון אויבן מיט ברעטער, קעדיי די קאַזאַקן אַף די פערד זאָלן אַהין ניט קענען אַריינשפרינגען. דאָרט האָבן מיר אָנגעקליבן אַ באַרג ציגל. מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן אין מיטן גאַס און גענומען מאַני-פעסטירן מיט „הורא"-אויסגעשרייען.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָנגעקומען אַ ראָטע סאָלדאַטן מיט קאַזאַקן. אונזערע, לויטן פּלאַן, האָבן זיך געלאָזן אין די הויפן צו וואַרפן פון דאָרט שטיינער אַף זיי. אין דער צייט האָט אָנגעהויבן פויקן די פויק, און מע האָט אַף אונז געשאָסן. מיר זיינען געווען הינטער דער באַריקאַדע, און די קוילן האָבן אונז ניט געשאַט, אָבער איין כאַווער, אַ מיטגליד פון קאָמיטעט, האָט פאַרשפעטיקט אַריינצולויפן אין הויף, און אַ קויל האָט אים געטראָפן אין קאָפּ.

מיר האָבן גלייך באַמערקט, ווי אונזערער אַ כאַווער איז געפאלן טויט. זיינען עטלעכע פון אונז אַרויסגעלאָפן פון הינטער דער באַריקאַדע און צו-געלאָפן ראַטעווען דעם כאַווער. די סאָלדאַטן זיינען צוגעקומען און געוואָלט אונז נעמען אַף די ביקסן, מיר האָבן זיך ניט דערשראָקן פאַרן טויט. איינע אַ יונגע כאַווערטע האָט אַ געשריי געטאָן צו די סאָלדאַטן: „ווי שעמט איר זיך ניט צו טרייבן אונז פון אונזער כאַווער, וועלכער איז פון אייערע קוילן געפאלן טויט?" די סאָלדאטן האָבן זיך פארלאָרן. מיר האָבן געפונען אַ פור. אַרויפגע-לייגט דעם טויטן כאַווער, אים אָפּגעפירט מיט אַ גרויסער באגלייטונג. סאָל-דאַטן און קאָזאַקן האָבן קיין האָזע ניט געהאט צו צעטרייבן אונז. אונזערע טיכלעך האָבן מיר איינגענעצט אין בלוט פון געפאַלענעם כאַווער, און דעם גאַנצן וועג געהאלטן אין דער הויך.

דער קאָמיטעט פון „בונד" האָט וועגן צופאל אַרויסגעלאָזט אַף מאָרגן אַ פּראָקלאַמאַציע, וואו ער האָט גערופן די אַרבעטער צום פּראָטעסט. מיט אונז, יוגנט, האָט דער „בונד" גענומען פירן אונטערהאנדלונגען וועגן דער לעוואיע, צו וועלכער עס זיינען גערופן געוואָרן די אַרבעטער פון שטאָט.

די ארבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט. עטלעכע טויזנט האָבן זיך פאַר-זאַמלט אַרום שפיטאָל, וואו ס'איז געלעגן דער געפאלענער כאַווער. סאָלדאַטן און קאָזאַקן זיינען אומגעפאָרן אין מיטן גאַס: די מאַסן ניט אַראָפּלאָזן פון טראָטואַר. מיר האָבן צוגעגרייט בלומען-קרענץ. ווי נאָר מיר האָבן אַרויסגע-טראָגן די מיטע, אויפגעהויבן די קרענץ אין דער הויך, האָט זיך פּאָליציי ווי-דער פאַרלאָרן. זי האָט זיך ניט דערוועגט צו צעטרייבן דעם אוילעם און צו-צונעמען די רויטע בענדער. דעם בייס-איילאָם האָבן סאָלדאַטן אַרומגערינגלט, אָבער טויזנטער מענטשן זיינען אַריין צום קייווער. צווישן די רעדנער איז געווען אויך איינער פון אונז. דערנאָך איז מען זיך רואיק צעגאַנגען אַהיים.

68. אַ רעדע אין שול.

(פון ש. אַנ-סקיס דערציילונג „אין שטראָם“, „דער פריינד“, נומ. 219, 1907)

...אין שול איז געווען אַ היפשער עולם. אידן זיינען געשטאַנען איינגעוויקלט אין טאַלייס־ם מיטן פּנים צום מיזרעך און האָבן זיך געשאָקלט און געדאַוונט.

...דער כאַזן האָט געענדיקט שאַכריס און מע האָט גענומען לייענען די סעדרע. אין שול האָבן אָנגעהויבן אַריינגיין איינציקווייז און גאַנצע כעווערעסווייז אַ־בעטער, יונגע באָכערים אין בלויע העמדלעך און קאַרטוזן. אין שול זיינען זיי אַריין אין עפּעס אַ מעשונעדיקער שטימונג, וואָכעדיק, ווי מענטשן, וואָס זיינען עפּעס פאַרנומען, און אין דער אייגענער צייט־האָזעדיק און אָן אַ שום אָפּשיי פאַרן בייס מעדרעש. צווישן דעם איבעריקן עולאָם האָבן זיי זיך געוואָרפן אין די אויגן מיט זייערע קאָסטיו־מען און נאָכמער—מיט זייער אויסזעען, וואָס האָט קלאָר געוויזן, אַז זיי זיינען דאָ פרעמדע, וייטיקע, מענטשן, וואָס האָבן קיין שום שאיכעס ניט צום דאַוונען.

די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן אַרומקלייבן זיך אַרום אָמעד. אין שול איז געוואָרן עפּעס אומרואיק. די באַלעבאַ־טים האָבן זיך אָנגעהויבן סוידן צווישן זיך. דערוועענדיק די אָנגעקומענע אַרבעטער, האָבן זיי גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען זיי געקומען האַלטן רעדעס.

אַף אַזאַ אויפן פאַרכאַפּן די שול האָבן די רעוואָלוציאָנערן אָנגעהויבן ערשט אין דער לעצטער צייט. דאָס ערשטע מאָל, בעאייס די אַרבעטער זיינען געקומען אין שול מיט אַ רעדנער, איז אַף די באַלעבאָטים אָנגעפאלן עפּעס אַ טויט-שרעקעניש און פיל פון זיי זיינען אַנטלאָפן. דערנאָך האָט מען זיך ביסלעכווייז אַלץ מער און מער צוגעוואוינט. פונדעסטוועגן אָבער, יעדעס מאָל, ווען די רעוואָלוציאָנערן פלעגן מאַכן אַן „אָנפאַל“ אַף די שול, פלעגט צווישן עולאָם ווע־ן אַ שרעקלעכער געריודער.

די שול איז אַלץ מער און מער פול געוואָרן מיט אַרבעטער. די באַלעבאַטים זיינען געוואָרן אַלץ אומרואיקער, די מער נערוועזע האָבן זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, אויפגערעגט געסוידעט זיך און מיט שרעק געקוקט אַף די אַרבעטער, ניט ווייסנדיק, וואָס צו טאָן. אַנדערע האָבן אַף גיך גענומען אויסטאָן די טאַלייסים און זיך געלאָזט אַוועקגיין. נאָר נעבן דער טיר זיינען געשטאַנען צוויי הויכע, געזונטע אַרבעטער מיט אַ שטרענגן אויסדרוק אַף די פּענימער, און ווי עמיצער פלעגט נאָר צוגיין צו דער טיר, פלעגן זיי אים רואיק און שטרענג אָפּשטעלען:

—איצט גייט מען ניט אַרויס!

און נישט איבערריידנדיק קיין וואָרט, אָן שום טאינעס אומאַיינעס, האָבן זיי זיך אָנגעבלאָזענערהייט אומגעקערט צוריק אַף זייערע ערטער. אַנדערע פון זיי פלעגן ניט פאָלגן און, שטופּנדיק זיך צו דער טיר, פּרואוון עפענען זי מיט געוואַלט. נאָר די טירן זיינען געווען פאַרשלאָסן פון דרויסן. און אַז איינער אַ איד האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיר, מע זאָל אים אַרויסלאָזן, האָט אים

איינער פון די „שאָמרים" קאַלטבלוטיק און באַפעלעריש ווי פריער אַרויסגע־רעדט:

—ס'וועט אייך ניט העלפן! איר וועט איצט ניט אַרויס.

—אָבער איך באַדאַרף גיין אַהיים—האָט זיך דער איד אָנגעהויבן קאָכן.

—נישקאָשע, איר וועט צו־וואַרטן!

—וואָס הייסט: צו־וואַרטן! איר ווילט מיך נויטן הערן אייערע דראָשעס, מיט געוואַלט, וואָס?! איז דער איד נאָכמער אויפגערעגט געוואָרן.

—יאָ, מיט געוואַלט!—האָט אים קאַלטבלוטיק אָפגעענטפערט דער „שוימער", קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן.

דער איד איז אַ ווײַלע געשטאַנען, ניט רײדנדיק קיין וואָרט. דערנאָך האָט ער מיטאַמאָל אַ שפּיי געטאָן, אַרויס פון די קיילים און אַ געשריי געטאָן:

—אַי! שוין צען מאָל בעסער אַרײַנפאַלן צו די פּאָגראָמשטשיקעס אין די הענט, איידער צו אייך!—און איז אַף גיך אפּגעטראָטן, באַגלייט דורך דעמ־זעלבן רואיק־קאַלטבלוטיקן בליק פון די „שאָמרים".

גלייך נאָך „האַגבע", איז אַף דער בימע אַרויף אַ רעדנער, באַגלייט פון צוויי אַרבעטער, פון דער „קאַמף־אָרגאַניזאַציע". דער רעדנער האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבערן טיש און האָט אויסגעשריען איבער דער גאַנצער שול:

—בירגער! אין נאָמען פון „בונד" פאָדער איך—

אין שול איז גלייך געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל און עס האָבן זיך דער־הערט געשרייען!

—מע באַדאַרף ניט! אַראָפּ!—

—מיר ווילן ניט הערן! מיר ווילן ניט!

—לאָזט אפריער אָפּדאַווענען און דערנאָך רעדט אייך, וויפל איר ווילט!

דער רעדנער האָט אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן איבערן טיש, און אָנגעהויבן מיט נאָך אַ העכערן קאָל:

—בירגער!

—בירגער! אין נאָמען פון „בונד" פאָדער איך, איר זאָלט מיך אויסהערן!

—שטיל!! שטיל!!—האָבן די אַרבעטער גענומען שרייען מיט כּעס. נאָר דער איבעריקער עולם האָט זיך נישט איינגעשטילט און האָט נאָך אַלץ געשריען:

—מיר ווייסן, מיר ווייסן אַליין גאַנץ גוט אַלץ, וואָס איר וועט אונז זאָגן!

—וואָס קומט איר צו גיין ניט לאָזן אונז דאַוונען? וואָס ווילט איר פון אונז?

נאָר אין דער אייגענער צייט האָבן זיך געלאָזט הערן אויך אַנדערע געשרייען:

—אָבער לאָזט אים רײדן! אַז ניט—וועט דאָך קיינמאָל קיין סאָף ניט זײַן.

—לאָזט רײדן! וואָס האָט איר זיך דערשראָקן? מע וועט דאָך אייך ניט אויפעסן!

און דער ראַעש האָט זיך ביסלעכווייז געלייגט.

דער רעדנער האָט נאָך אַ מאָל אַ קלאַפּ געטאָן איבערן טיש און האָט געני־
מען ריידן הויך, אָפּטיילנדיק יעדעס וואָרט:

—„בירגער! מיר זיינען געקומען צו אייך אין שול, ניט קעדיי צו שטערן אייך דאַווענען, נאָר דערפאַר, ווייל דער זעלבסטהערשנדער רעזשים גיט אונז ניט די מעגלעכקייט צונויפקלייבן זיך אין אַן אַנדער אָרט צו ריידן מיט אייך.

„בירגער! דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, האַנט אין האַנט מיט ד׳ פּראָלע־טאַריער פון אַנדערע פעלקער, שטעלט מיט זיך פאָר דעם אוואַנגאַרד פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, און יעדער טאָג, יעדער שאָ וואַרפט ער אַלץ מער און מער פאַנאַנדער די פעסטונג פון דער גויסעסדיקער זעלבסטהערשונג. דער טאָג פון ניצאכן איז שוין נאָענט, נאָר ביז וואַנען ער וועט קומען, וועט נאָך פאַר־גאָסן ווערן פיל בלוט, וועלן נאָך פיל קאָרבאָנעס פאַלן.

„דער אידישער פּראָלעטאַריאַט קעמפט פאַר זיינע קלאַסן-אינטערעסן. נאָר קעמפנדיק פאַר זיי, קעמפט ער אין דער אייגענער צייט אויך פאַר דער פרייהייט פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק. און אויב די אידן וועלן לעסאָף באַ־קומען גלייכבארעכטיקונג, וועט דאָס זיין נאָר אַדאַנק דעם אידישן פּראָלעטאַ־ריאַט. אויב דאָס אידישע פאָלק וועט שוין מער ניט דאַרפן מוירע האָבן פאַר פאָגראָמען, אויב פאָגראָמען וועלן ביכלאַל אומעגלעך ווערן, וועט דאָס ווי־דער טאַקע זיין נאָר אַדאַנק דעם, וואָס דער אָרגאַניזירטער אידישער פּראָ־לעטאַריאַט וועט מיט וואָפן אין די הענט אָפּשטעלן די ווילדע באַנדעס; מיט די אייגענע קערפּערס וועט דער אָרגאַניזירטער אידישער פּראָלעטאַריאַט באַ־שיצן דאָס אידישע פאָלק פון שאַנד און פון טויט. און טיף שעמען זאָלן זיך יענע, וועלכע האָבן היינט ניט געוואָלט געבן אַ פּראָלעטאַרישן פאָרשטייער די מעגלעכקייט זאָגן דאָ עטלעכע ווערטער!"

ווייטער איז דער רעדנער אַריבער אַף דער טעמע וועגן דעם פאַנאַנדער־טרייבן די בירזשע. ער האָט גערעדט מיט היץ און דער עולאָם האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זיינע רייד און אַלץ נעענטער צוגערוקט זיך צו דער בימע...

69. די ארבעטער-באַוועגונג אין טשענסטאָכאָוו זומער 1905.

(קארעספּאָנדענץ אין נומ. 2 „כראניק פון דער „צ. ס. באוועגונג". אווגוסט 1905).

נאָך יונג, נאָר ברייט און טיף געוואַקסן איז אונזער טשענסטאָכאָווער אָרגאַניזאַציע: אונטער איר ווירקונג געפינט זיך די גאַנצע אידישע אַרבעטער־באַפעלקערונג פון שטאָט. זי האָט זיך דערוואָרבן דעם צוטרוי און די סימ־פּאַטיעס פון אַלעמען און האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ מאַכט, מיט וועלכער עס איז אומעגלעך זיך ניט צו רעכענען. אַלס די איינציקע אידישע אַרבעטער־אָר־גאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו, האָט זי זיך צוערשט געשטעלט די אויפגאַבע פאַרגרינגערן עטוואָס דאָס שווערע לעבן פון די טשענסטאָכאָווער אידישע אַרבעטער: מיט 2 מאָנאַטן צוריק האָט אונזער אָרגאַניזאַציע אָנגעפירט שטרייקן

באַ די פאָלגנדע פאַכן: ווייבערגס פאַבריק (200 מאַן), די פאַבריקן פון קאַנאַרסקי און קויפמאַן (150 מאַן), בעקער (100 מאַן), פריקאזטשיקעס (65 מאַן), קאַמאַשן-מאַכער (60 מאַן), שאַכטלען-מאַכער (60 מאַן), פריצמאַנס און בערלינערס פאַבריקן (40 מאַן), שערער (35 מאַן), זייף-אַרבעטער (30), גאָלדשמידן (30), צוקער-בעקער (25 מאַן) און באַ נאָך פאַרשיידענע קליינע וואַרשטאַטן, צוזאַמען ביז 1200 מאַן. אַלע שטרייקן האָבן זיך אונז איינגעגעבן. אָבוואָל אונזער אינערלעכע אַרבעט איז ניט ווייניק געשטערט געוואָרן פאר דער צייט פון דער זאָגענאַנטער „שטרייק עפידעמיע", האָט אָבער אונזער אָרגאַניזאַציע דאַדורך ערוואָבן איר איצטיקע באַדייטונג און ווירקונג. די טשענסטאָכאָווער מאַסע האָט איינגעזעען אין אונזער אָרגאַניזאַציע דאָס, וואָס דאַרף און מוז באַ איר הייליק און טייער זיין. אונזערע מאַסן-פאַרזאַמלונגען אין דער צייט פון די שטרייקן האָבן געצוואונגען דעם אַרבעטער עפענען די אויגן און דערזעען אַלעס, וואָס אַן אַרבעטער ביכלאַל, און אַן אידישער אַרבעטער ביפראַט, דאַרף וויסן און פאַרשטיין. די פראָקלאַמאַציעס, וועלכע אונזער אָרגאַניזאַציע פלעגט ארויסלאָזן צו יעדער פאַך, האָבן באַקומען אַזאַ איינפלוס אַף די אַרבעטער, אַז ווי נאָר עס פלעגט דערשיינען אַן אויפרוף צו א פאַבריק, אָדער אַ האַנטווערקער-פאַך וועגן שטרייקן, פלעגן די אַרבעטער גלייך וואַרפן די אַרבעט און פאָדערן פאַרזאַמלונגען; אייניקע אַזעלכע פאַרזאַמלונגען זיינען פאָרגעקומען אינמיטן שטאָט אַף דעם נייעם מאַרק, וואו די רעדנער פלעגן רעדן צו 20 מינוט און אויך מער און דערקלערן דער מאַסע די באַדייטונג פון דעם שטרייק אינם קלאַסנקאַמף. פון אַזעלכע פאַרזאמלונגען זיינען אַרויסגעקומען אייניקע גרויסע מאַניפעסטאַציעס, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּאַכאַד אף דער אָנגעשראָקענער טשענסטאָכאָווער באַפעלקערונג... דורך די שטרייקן איז אומפאַרמיידלעך פאַרקירצט געוואָרן דער אַרבעטס-טאָג און דורכשניטלעך אַף 25% געהעכערט געוואָרן דער אַרבעטס-לוין. די טשענסטאָכאָווער אידישע אַרבעטער-באַפעלקערונג האָט געקראָגן די מעגלעכקייט אינטערעסירן זיך און נעמען אַן אַנטייל אין דער וואַקסנדער ציאָניסטיש-סאָציאַליסטישער באַוועגונג — און דאַן הויבט זיך אָן אַ נייע ערע אין דער געשיכטע פון אונזער אָרגאַניזאַציע. — אין שטאָט פילט זיך אונזער מאַכט: אַפן מאַרק, אין בייס-מעדרעש, אין קלויז רעדט מען, דאָס „היינט איז שוין אויס ראָוו. אויס „סאָנד" (געריכט), נאָר „אַחדות" [96] און וואָס „קאָמיטעט" וויל — דאָס קען ער מאַכן"... קענטיק, אז די אָרימע אידישע באַפעלקערונג האָט טאַקע אָנגעוואָרן די האָפענונג צו געפינען יוישער און גערעכטיקייט באַם ראָוו און באַם „סאָנד". און דאַרום האָט זי דאָס אָנגעהויבן צו זוכן באַ די דעמאָקראַטן... כאַראַקטעריסטיש זיינען די בריוו, וועלכע פילע פון דער מאַסע ברענגען, אָפט אַדרעסירט „צום קאָמיטעט פון די צ. ס., אָדער „צום קאָמיטעט פון אַכדוס"... די אָרימע באַפעלקערונג איז זיכער, דאָס „די" זיינען אירע שיצער.

דעם 22-טן יון איז אין איינע פון די הינטערגאַסן פאָרגעקומען אַ מאַניפעסטאַציע פון פוילישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער (אַזעלכע מאַניפעסטאַציעס פלעגן דעמאָלט פאָרקומען אָפט). א גרויסן אַנטייל פלעגן אין זיי נעמען פילע

פין אונזערע כאווירים. אף אייניקע פון דידאָזיקע אָפטע מאניפעסטאציעס זיי־
נען די רעדנער אף אידיש און פויליש געווען בלויז אונזערע. די פוילישע
מאַסע איז געווען דאמיט גאַנץ צופרידן, דען זי באציט זיך צו אונ-
זער אָרגאַניזאציע אימער ערנסט. די מאַניפעסטירנדע זיינען פלוצ־
לונג ארומגערינגלט געוואָרן מיט מיליטער, און ווען פון דער מאסע
האָט זיך דערהערט אַ שאָס פון א רעוואָלווער (דאָס האָט געטאָן אַ שפּיאָן),
האָבן די סאָלדאטן, ניט קלערנדיק, געענטפערט; עס האָט זיך דערהערט א בא-
פעל: „פלי״, און 7 רעוואָלוציאָנערע הערצער האבן אויפגעהערט צו קלאפּן.
7 יונגע לעבנס זיינען פארלאָשן געווארן... די דערהארגעטע פוילישע כאווי־
רים האט מען גלייך צוגענומען, אייניקע, וועלכע האבן נאך געלעבט, האט פּאָ-
ליציי געבראכט אין שפּיטאָל, וואו זיי זיינען באלד געשטאָרבן.

די שטימונג צווישן די ארבעטער-מאסן איז געווען אומגעהויער ערנסט,
יעדער האט געפילט, דאס עס פילט זיך א געוויטער... יעדער האט געדורשט
ראכע צו נעמען. דעם 24-טן אווגוסט האט זיך די היגע אָרגאניזאציע פון
פּ. פּ. ס. אָפיציעל געווענדעט צו אונז וועגן נעמען אן אנטייל אין דאס,
וואס דארף פּאָרקומען בעאייס דער לעוואיע דעם 25-טן (נ. ס.). מיר זיינען
געווען גרייט אף אלץ. ווי מע האט גערעדט, האט געדארפט פּאָרקומען עטוואָס
גראנדיעזעס; נאָר ליידער זיינען די פוילישע אָרגאניזאציעס ניט גרייט געווען,
ווי זיי האבן פריער גערעכנט. די לעוואיעס זיינען פּאָרגעקומען שאבעס. פון
פרי האט מען אין די גאסן געטיילט דאָ פּראָקלאמאציעס פון אונזער אָרגאניזא-
ציע וועגן די געשעענישן, וואו מע האט גערופן צו ראכע פון די הענקער און
דער צארישער טיראניע. אונזערע פּראָקלאמאציעס, וועלכע זיינען געווען די
איינציקע, האָבן געמאכט א שטארקן איינדרוק. די פוילישע כאווירים האבן
זיי מיט פרייד געכאפּט, אָבוואָל זיי קענען קיין אידיש ניט לעזן. 10 דעם זיי־
גער האט א מאסע פון 3000 מאן, קריסטן און אידן, געווארט באם קאָסטיאָל.
ווען מע האט ארויסגעטראגן דעם טויטן, האט איינער פון אונזערע כאווירים
אויפגעהאנגען אפן קאסטן 3 צונויפגעפלאכטענע רויטע בענדער, אף וועלכע
עס זיינען מיט שווארצע אויסיעס אויפגעשריבן געווען די פאלגנדע ווערטער
אף פויליש: „די קאָרבאָנעס פון דער רעוואלוציע פון דער ציאָניסטיש-סאָצי-
אליסטישער אַרבעטער-ארגאַניזאַציע״. דאס בילד איז געווען זייער א שיינעס.
די בענדער מיט אויפשריפטן, געווענדעט צום פובליקום, פלאטערן אין
דער לופט און ווענדן אף זיך דעם אלגעמיינעם בליק... דורכגייענדע
שטעלן זיך אָפּ און קוקן... אָט אזוי זינגענדיק רעוואָלוציאָנערע לידער, קומט
די פּראצעסיע אף דעם בייס-אוילאם. דאָרט ווערן געהאלטן רעדעס און פּאר-
שפּרייט הונדערטער אונזערע פּראָקלאמאציעס וועגן דעם טאָג. דער פוילישער
כאווער ענדיקט און איז מוידיע, דאס נאך אים וועט מען ריידן אף זשארגאָן.
דאן הערן זיך שטימען אף פויליש: „פּראָשעמי, פּראָשעם״ (מיר בעטן). אונ-
זער רעדנער רעדט א שאָ; ער רעדט וועגן דער שטארבנדער זעלבסטהערשונג,
וועגן די אונטערדריקטע נאציאנאליטעטן, וועגן די אָפּפער, וועלכע דער ליידנ-
דער ארבעטער ברענגט אף דעם מיזבייעך פון זיין באפרייאונג... א. א. וו.

די ווירקונג איז געווען א שרעקלעכע, און ווען דער כאוועך ענדיקט, באשווערנדיק בא דעם אָפּענעם קייווער ראכע צו נעמען פון די מיט בלוט באשפריצטע, הילכט לאנג א מעכטיקער „וויוואַט״. עס הערן זיך אויסרופן אף פּויליש און אידיש: „עס לעבע די אינטערנאציאָנאלע ארבעטער-סאָלידאריטעט״! „עס לעבע די רעוואָלוציע!״ ארויסגייענדיק פון בייס-אוילאָם, הערט זיך א שטימע אף אידיש: „בלייבט, מע וועט ריידן״. מע פארזאמלט זיך ווידער, און אונזערער א צווייטער רעדנער רעדט וועגן די געשעענישן און רופט צום קאמף פאר פרייהייט. נאָך דידאזיקע ווערטער באווייזט זיך אונזער פלאטערנדע פאָן מיט פאָלגנדע אויפשריפטן: „נידער מיט דער מערדערישער זעלבסטהערשונג! נידער מיט דעם קאפּיטאליזמוס! עס לעבע דער ציאָניזם! עס לעבע דער סאציאליזם!״ די פאן ווערט באגריסט דורך הילכיקע אויסגעשרייען. צוזאמען מיט דער פּוילישער מאסע גייען מיר אין שטאָט... פאַרויס די פאָן און נאָך איר די אומגעהויערע פּוילישע און אידישע מאסע... מע זינגט אונזער שוואוע, נאכהער אלע צוזאמען „די רויטע פאָן״ אין פּויליש. פאַרנאכט זיינען געווען די לעצטע לעוואיעס, בא וועלכע עס ווערט ווידער גערעדט און פארשפּרייט פּראָקלאמאציעס פון אונזער אָרגאניזאציע. דער טאג האט איבערגעלאזן אן אומפארגעסלעכן אנדענקען בא אלעמען אין שטאט.

נאכדעם זיינען אין פארשיידענע טעג אָפּגעהאלטן געווארן מאסן-פארזאמלונגען, וואו אונזערע רעדנער האבן גערעדט וועגן די געשעענישן אין לאדז[97]. אף יעדע פון דידאזיקע „מאסאווקעס״ זיינען געווען פון 60 ביז 1000 מאן.

אייניקע ווערטער צו דער כאראקטעריסטיק פון „ציוני ציון״[98] און „בונד״. נאָך פון מיילעך סאבעצקעס יארן עקזיסטירן דא צייטנווייז די אויבנדערמאנטע ארגאניזאציעס. איך זאג „צייטווייליק״, ווייל זיי שטארבן און לעבן אפּ פעריאדיש. די ערשטע האט דער 7-טער קאנגרעס, ריכטיקער דער געהיימער רוף „מע זאל זיין גרייט״, אויפגעוועקט און עס האבן זיך ווידער געלאזט הערן די הייליקע לידער... מע גייט אין „קאמף״ מיט „אויד לוי אָוודא[99] אפּן צונג... די צווייטע, דאָס הייסט דער „בונד״, אָבוואל אין פארגלייך מיט ציוני-ציונדיקע „פּויאַלייציאָן״ איז ער זייער קליין (די לעצטע פארמעגן א האלבצענדליק אכאדהאמיסטישע[100] אינטעליגענטן און אייניקע ארבעטער-קינדער), נאָר ער האָט דאָך פון לאנג א כאזאָקע, וועלכע קומט אים ביערושע... אף רעכילעס און שעדלעכע טאטן בענויגייע צו אונז. און די מאיסע איז אזא: דעם 10 יולי (נ.ס.) זיינען פאָרגעקומען וואלן אף א דעלעגאט צום 7-טן ציאָניסטן-קאָנגרעס. אונז האָט מען קיין שקאָלים[101] ניט געוואָלט פארקויפן, און ווען מיר האָבן שטארק אָנגעהויבן צו פאָדערן, איז שוין באם גאבע קיין שקאָלים ניט געווען. און דארום האָט ער זעלבסט ארויסגעגעבן צעטלען מיט זיין כסימע פאר 40 קאָפּ. אנשטאט א שעקל. צו די וואלן זיינען געקומען „ציוני-ציון״, און ווי זיי האָבן דערהערט, אז איינער פון די צ. ס. וועט ריידן וועגן טעריטאָריאליזם[102], האָבן זיי זיך שטארק דערשראָקן, אז די רייד זאלן כאָלילע ניט ווירקן אף זייערע „מענטשן״ — און האָבן געמאכט א „וואַאיווראד״, זאָגנדיק דערביי פאר „לייטן״, אז דאָס האָבן זיי געטאָן איבער דעם, וואָס די צ. ס. האָבן געבראכט מיט זיך געדונגענע

בונדיסטן מיט פאלשע שקאלים און האָבן פאלש געוואלט ווילן. מיר מיט איי-
ניקע טעריטאָריאליסטן האבן פאר זיך געקליבן א דעלעגאט, וועלכער איז ליי-
דער פון ציאָניסטישן מורשה ניט באשטעטיקט געווארן. דערין שטעקט, ווי מיר
האבן געהערט, א מסירע פון די ירושאָלאים-אידן...

דיזעלבע וואָך שאַבעס האָבן מיר געהאט אַ גלענצנדע דיסקוסיע מיט די
היגע בונדיסטן. דער בונד האָט דאָ ביכלאַל קיין מאַזל ניט... ער אַרבעט דאָ
שוין אָבוואָל לאַנג, נאָר ניט מע ווייסט פון אים, ניט ער לאָזט הערן וועגן זיך.
אים איז דאָ ניט גוט, ווייל פריער איז ער געשלאָפן און ווען ער האָט די אויגן
געעפנט, זיינען מיר, צ. ס., דאָ שוין געווען שטאַרק פאַרפעסטיקט, דארום קען ער שוין
איצט ניט קריגן קיין ווירקונג אַף דער אַרבעטער-מאַסע, דען פאַרטונקלען איר
די אויגן דורך שעדלעכע אַנעקדאָטן וועגן „בורזשואַזיע" איז שוין שפעט, —
די גאַנצע באַפעלקערונג איז צופיל באַגייסטערט דורך אונז...

דעם אויבנדערמאָנטן שאַבעס זיינען געקומען צום „בונד" 3 רעדנער און
דערום האָט מען שטילערהייט אָנגעהויבן רופן אונזער מאַסע אַף אַ פאַרזאַמ-
לונג צום „בונד". אונזערע האָבן געפרעגט, צי יעדן דערלויבט מען מיט זיך
מיטברענגען אויך זיין פאָרשטייער; ניט קענענדיק אנטזאַגן, האָט מען זיי דער-
לויבט,—און דאַן איז געשען דאָס, וואָס דער „בונד" האָט גאָרניט דערוואַר-
טעט... אַף דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען ניט נאָר מאַסאָווע, זאנדערן אויך
אָרגאַניזירטע באַוואוסטזיניקע ציאָניסטן-סאָציאַליסטן. עס האָבן פריער גערעדט
עטלעכע רעדנער פון „בונד", די ערשטע וועגן זעלבסטהערשונג און די באַרי-
קאַדן, דער לעצטער וועגן דעם, וואָס די ציאָניסטן-סאָציאַליסטן רופן דעם אי-
דישן אַרבעטער אין „ערעץ איסראָעל"...

אין דער געגנוואַרט פון דער מער באַוואוסטזיניקער טשענסטאָכאָווער אי-
דישער אַרבעטער-באַפעלקערונג איז פאָרגעקומען די דיסקוסיע. די מאַסע איז
געווען העכסט אויפגעלעבט. אונזער רעדנער האָט גערעדט 2 שאָ. ער האָט
אויפגעוויזן אַף די באַנאלע פוסטע טאַינעס פון „בונד", ער האָט באַשולדיקט
דעם „בונד" אין דעם, וואָס ער איז קיינמאָל ניט אָריגינעל, וואָס ער, יאַרשנ-
דיק פאַר זיך דעם נאָמען „דער איינציקער פאָרשטייער פון אידישן פראָלעטאַ-
ריאַט", לאָזט וועגן דער לאַגע פון דעמזעלבן פראָלעטאַריאַט צו ריידן די „צי-
אָניסטן"... ער, דער „בונד", רעדט אימער וועגן אַלץ, וואָס איז קלוימערשט
אינטערנאַציאָנאַל, וועגן אינטערנאַציאָנאַלע באַריקאַדן, טורמעס א. א. וו. און
וועגן דער אידישער אַרבעטער-לאַגע, וועלכע איז ניט בלויז אינטערנאַציאָנאַל,
זאנדערן אויך אַ ספעציעל-אידישע, לאָזט ער, אַז די צ. ס. זאָלן ריידן... אומ-
באַשרייבלעך איז געווען די שטימונג באַ דער מאַסע, אַלס דער כאָווער האָט
אָנגעהויבן ריידן וועגן דער בונדישער נאַציאָנאלער אַווטאָנאָמיע, אָבער... דאָ
איז געשעען דאָס, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם „בונד": — די בונדיסטן פאַנגען
אָן זיך צו צעגיין... עס הערט זיך אַ קאָל: „בונד, האָט ניט קיין מוירע פאַר
ליכט!" די בונדיסטן פאַרלאָזן אָבער די פאַרזאַמלונג, דאַן ענדיקט אונזער
רעדנער און פאָדערט, דער בונדיסט זאָל ענטפערן, און דערקלערט דערביי,
דאס מער וועט ער ניט ריידן, ד. ה. ער גיט אים דאָס לעצטע וואָרט, אום זיך

צו פאַרטיידיקן. קריטיש איז געווען די לאַגע פון דעם בונדישן אַגיטאַטאָר. ער רעדט קלוימערשט און פון דער מאַסע הערט זיך ווי אן ארבעטער שרייט: „אַט אזוי רעדט דאָך אן אכאד=האמיסט!" דער בונדיסט האָט אן זיין היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, פארשטענדלעך, פארגעסן, ווען ער האָט דאן וועגן דער נאַציאָ-לער אווטאָנאָמיע גערעדט...

פריילעך, מוטיק, זינגענדיק רעוואָלוציאָנערע לידער, האָט זיך אונזער מאסע צוריק געקערט אין שטאָט און אף מאָרגן האָט זיך שוין געהערט א נייע מין בונדישע אגיטאציע, אין וועלכער צו די אלע טאינעס איז נאָך צוגעגעבן גע-וואָרן, דאָס די צ. ס.-אַרבעטער-אָרגאַניזאציע צאָלט אירע אינטעליגענטן צו 60 רובל א מאָנאַט געהאלט...

פאר די לעצטע צייטן האט אונזער ארגאניזאציע איבערגעלעבט אסאך שווע-ריקייטן און איז אויסגעשטאנען דאס, וואס איז אויסגעקומען אויסשטיין דאָס ראווו ארבעטער-ארגאניזאציעס אין פוילן; העלדיש אבער האבן מיר דיראזיקע שוועריקייטן באקעמפט און ווידער זיך גענומען צו דער ארבעט. מיר האבן דא איבערגעלעבט א בלוטיקע מילכאמע מיט די אידישע שווארצע-כעווערניקעס — די „וואוילע-יונגען", געשטיצטע פון דער פאליציי. דידאזיקע „וואוילע-יונגען", ווי באוואוסט, זיינען געווען ביז איצט די הערשער אין די שטעט פון פוילן, ווי אויך אין טשענסטאכאוו. די גאנצע באפעלקערונג האט געלעבט בא זיי אין מוירע און מיט דער דערלויבעניש פון דער פאליציי האבן זיי אפן געראבע-וועט און פארגאסן בלוט פון די ארימע לייט. עס איז אבער געקומען שלעכ-טע צייטן אויך פאר זיי. וואס מער אונזער ארגאניזאציע האט זיך אנטוויקלט, האבן די גאנאווים אנגעהויבן צו פילן, דאס זיי ווערן אן זייער ווערט, דאס אויך פיל פון „זייערע מענטשן" פאנגען אן זיך צו אנטוויקלען און ווערן „אכדוסניקעס". דאן האבן זיי אפן גענומען שלאגן ארבעטער און איבערגעבן זיי אין פאליציי. ס'איז אומעגלעך געווארן צו לעבן. אין שטאט האבן די גאַ-נאווים געקליבן געלט אין נאמען פון „קאמיטעט"... און האבן אין אלגעמיין געמאכט אומעגלעך צו עקזיסטירן. דאן האבן מיר באשטימט צו מאכן מיט זיי אן ענדע. און פרייטיק דעם 24 יולי, ווען מע איז געגאנגען פון שול, האבן אייניקע פון אונזערע כאוויירים צוגעהיט די הויפט רעדל-פירער און געשאָסן אין זיי. דער אוילאם איז בעשאס=מאיסע געווען א גרויסער, און מע האט גע-מוזט פארזיכטיק זיין, פארשטענדלעך, קעדיי קיין אומשולדיקע זאלן ניט ליידן, דארום האט זיך ניט אייגעגעבן, ווי מיר האבן גערעכנט. די פרייטיקדיקע געשעע=נישן האבן צערייצט די גאנצע פינסטערע כעווערע, און שאבעס, דעם 15 יולי האָבן אַלע גאַנאָווים געקעניגט. אַרומגערינגלט מיט מיליטער זיינען זיי געגאַנגען מיט אָפענע רעוואָלווערן אין די הענט און אַרעסטירט וועמען זיי האָבן געוואָלט; וואו מע האָט געטראָפן אן אַרבעטער, האָט מען אים שרעקלעך געשלאָגן. די לאַגע איז געוואָרן אַן אומדערטרעגלעכע. די פּאָליציי האָט זיך געפרייט און געהאָפט... נאָר דאָס האָט לאַנג ניט געדויערט; שאַבעס פאַרנאַכט איז געווען אַ פאַרזאַמלונג פון 100 אונזערע כאַוויירים, און אַף מאָרגן דעם 16, 9 דעם זייגער אינדערפרי, איז איינער פון די פירער, דער הויפט-גאַנעוו געלעגן טויט

אַפן אַלטן מאַרק; דעם כאַוועך, וועלכער האָט אים געשאָסן, האָט געלונגען בלייבן אומבאַמערקט. דיזעס האָט אויפגעוועקט אַ שרעקלעכע פּאַניק צווישן די גאַנאָווים, אייניקע זיינען זיך צעלאָפן נאָך אַמעריקע, דער צווייטער פון די רעדל־פירער איז אָפּגעפאָרן, און די שטאָט האָט פריי אָפּגעאָטעמט. די אָרימע-לייט האָבן זיך געפרייט, געלויבט און געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט באַשאַפן „אַכדוס" אַף דער וועלט... פאַרנאַכט דעמזעלבן טאָג האָט אונזערער אַ כאַוועך ערפילט דאָס צווייטע, וואָס די באָיעוואַיאַ קאָמיסיאַ האָט באַשטימט: ער האָט פון אַ רעוואָלווער דערשאָסן דעם ערשטן שפּיאָן — דעם פּאָליציאַנט, וועלכער האָט גענומען אַ גרויסן אנטייל אין דער אַרבעט פון די שוואַרצע־כעווראַניקעס. די ביידע אַקטן האָבן זייער געווירקט אַף דער אַרבעטער-מאַסע, וועלכע איז אַף אַזאַ אויפן פּאָטער געוואָרן פון צוויי פּאַראַזיטן. אין אייניקע טעג אַרום האָט זיך דער צווייטער גאַנעוו, סאַוועע, צוריקגעקערט אין שטאָט, ער איז אָבער גלייך שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן דורך אַ רעוואָלווער, און קראַנקערהייט האָט ער געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט, דען היגע דאָקטוירים האָבן זיך אָפּגעזאָגט אים צו היילן, נאָך דעם באַפעל, וועלכן זיי האָבן באַקומען פון אונזער אָרגאַניזאַציע... אָט אַזוי האָט זיך דער טשענסטאָכאָווער אידישער פּראָלעטאַריאַט באַפרייט פון די אידישע פּאָגראָמשטשיקעס און אָט אַזוי האָט ער אַרויסגעוויזן זיין רעוואָלוציאָנערע ענערגיע אין קאַמף מיט די פינסטערע קויכעס.

צום טאָג פון 7־טן ציאָניסטן-קאָנגרעס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ פּראָקלאַמאַציע פון אונזער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס האָט זיך דערקלערט די באַדייטונג פון קאָנגרעס. די פּראָקלאַמאַציע איז געווען אין אידיש און פויליש, זי האָט אַלעמען פאַרינטערעסירט; אין איר האָט זיך גערעדט וועגן דעם פּאָליטישן קאַמף און זיין באַדייטונג, אין איר האָט זיך אָנגעוויזן אַף דעם, דאָס דער פּראָלעטאַרישער פּאָליטישער קאַמף באַשטייט אין אַ קאַמף מיט דער געזעלשאַפט פאַר דער געזעלשאַפט... דאָרט האָט זיך גערעדט וועגן דער ראָלע פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער אידישער געזעלשאַפט און וועגן דעם אָרט, וועלכן ער דאַרף פאַרנעמען אַף דעם ציאָניסטן-קאָנגרעס. די פּראָקלאַמאַציע האָט זיך געענדיקט מיט די אויסרופן: „עס לעבע דער טעריטאָריאַליסטישער פּרינציפּ אין ציאָניזם"! „עס לעבע דער סאָציאַליזם"! נאָך האַלבן טאָג האָבן אַלע געוואָרפן די אַרבעט (אויך די אייניקע בונדיסטן אין שטאָט) און זיינען אַוועק אַף אַ פאַרזאַמלונג, וועלכע מיר האָבן אָרגאַניזירט אין אַ וואַלד. דער קאָנגרעס האָט זייער פאַרינטערעסירט די מאַסן. איבעראַל, וואו אַרבעטער זיינען נאָר געגאַנגען, האָט מען געהערט ריידן איבערן 7־טן קאָנגרעס. די פאַרזאַמלונג איז געווען אַ פּרעכטיקע; ביז 1000 מאַן אָרגאַניזירטע און מאַסאָווע האָבן זיך צונויפגעקליבן אף איין אָרט, דער רעדנער האָט גערעדט צו דער געשיכטע פון דער ציאָניסטישער און ציאָניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די שטימונג איז געווען זייער אַן ערנסטע. די כאַוויירים האָבן געפילט און פאַרשטאַנען זייער פּאָטענציעלע פּראָלעטאַרישע מאַכט אין דער אידישער וועלט איבעראַל און אין דער ציאָניסטישער באַוועגונג איבערהויפּט. צום סאָף האָט דער רעדנער דערמאָנט דעם פאַרשטאָרבענעם ד״ר הערצל,

אַלס דעם באַשעפער פון פּאָליטישן ציאָניזם און דעם בעסטן זון פון דער אידישער בורזשואַזיע. מאַניפעסטירנדיק זיינען אַלע אַריין אין שטאָט, מע האָט אָנגעהויבן פאַרמאַכן די קראָמען, עס איז געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל, עס האָבן זיך געהערט פּאַרטיי-אויסרופן, באַגלייטעט מיט מעכטיקע „אוראַ״! קיינער האָט ניט געליטן.

דורכפאָרנדיק אונזער שטאָט, האָט זיך איינער פון די ציאָניסטיש-סאָציאַליסטישע דעלעגאַטן אָפּגעשטעלט באַ אונז אַף צוויי פאַרזאַמלונגען — פאַר די מאַסע און פאַר דער אינטעליגענץ פון שטאָט. דאָס איז אויסגעקומען טישעבעאָוו, ווען די אידישע אַרבעטער אַרבעטן ניט, דאַרום איז אונז געלונגען צו מאַכן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, וואו דער גאַסט האָט גערעדט. אַף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען ניי-געבאַקענע בונדישע אינטעליגענטן. דער רעדנער האָט גערעדט אויך וועגן „בונד״ און דאַרום האָט איינער פון די בונדיכטן געבעטן אַ וואָרט. שווער צו באַשרייבן דעם עקסטאַז פון אונזערע כאַוויירים, ווען זיי האָבן דערהערט, דאָס אַ בונדיסט וועט ריידן און עס וועט דאַרום זיין אַ דיסקוסיע. די פּאָזיציע פון „בונד״ האָט וואונדערלעך אגיטירט פאר אונז. ווען אונזער כאַווער פלעגט ריידן, פלעגט מען אים אָפּט איבעררייסן מיט אַפּלאָדיסמענטן. דער בונדיסט, פילנדיק, דאָס טעאָרעטיש איז אים שווער צו קעמפן קעגן אונז, האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן אונזערע שלעכטע מאַיסים, דעהאַינע וועגן דעם, וואָס די צ.-סאָצ. אין טשענסטאָכאָוו גייען אַגיטירן צום „בונד״, ווען ער גייט אַרויס אַף דער בירזשע... א. א. וו. די ווערטער זיינע האָבן זייער אויפגערעגט אונזער רעדנער, וועלכער האָט מיט עמפּערונג געזאָגט, דאָס וועגן טאַקטיק איז נאָך ניט געקומען די צייט צו ריידן מיט דעם „בונד״... — דער „בונד״ און „טאַקטיק״!... ער האָט אים דערמאָנט אלע ליטעראַרישע רעכילעס, געמיינע טאַטן... פינסק... דווינסק... לידע... א. א. וו. [103]). דידאָזיקע פאַרזאמלונג האָט איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן און טיפן איינדרוק אַף דער טשענסטאָכאָווער אידישער אַרבעטער-באַפעלקערונג. שאַבעס, דעם 12-טן אַווגוסט האָט דער כאַווער דעלעגאַט פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון 500 כאַוויירים געגעבן אַ באַריכט וועגן 7-טן קאָנגרעס.

די אַרבעט אין אַלגעמיין גייט באַ אונז זייער גוט.

XI. די רעוואלוציאנערע אגיטאציע צווישן מיליטער.

70. באריכט וועגן דער טעטיקייט פון גראָדנער מיליטער-רע־וואלוציאנערער ארגאניזאציע.

(„די לעצטע נאכריכטן" נומ. 252 פון 10 אָקטיאבר 1905).

די באַוועגונג צווישן די גראָדנער סאָלדאַטן האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין 1902-טן יאָר. אין יענער צייט פלעגן זיך די סאָלדאַטן צונויפקלייבן איינציק־ווייז, אויך אַסאַך פּאָרוויַיז פון יעדן מיליטער-טייל און פלעגן לייענען, וואס עס פלעגט זיך מאַכן אונטער דער האַנט. דידאָזיקע כאַווירים פלעגן צוציען אלץ נייע און נייע סאָלדאַטן. מיט א באַזונדער דערפאָלג איז געגאַנגען די אַר־בעט אין איין טייל. וואו עס האָבן געדינט כאַווירים, וואס האָבן פאר זייער מיליטער-דינסט באַטייליקט זיך אין סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס.

מע האָט אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן צווישן די סאָלדאַטן אומלעגאַלע בראָ־שורן („דער קעניג-הונגער", „די קונציקע מעכאַניק" א. ד. גל.). דערנאָך האָט זיך באוויזן אַ בלעטל צו די סאָלדאַטן (איצטער איז שווער פעסטצושטעלן, ווער עס האָט אים אַרויסגעלאָזן. ביכלאַל זיינען די אַלע היסטאָרישע יעדיעס ניט קיין פולע, איבער סיבעס, וואָס זיינען ניט אָפּהענגיק פונם ווילן פון די מעכאַברים פונם דאָזיקן באַריכט). די צאָל סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך פאַרינ־טערעסירט מיט דער באַוועגונג איז אַלץ געוואַקסן. שוין אין 1903-טן יאָר איז אין איין מיליטער-טייל (צוליב קאָנספּיראַטיווע טאַימים, רופן מיר אים ניט אָן) געווען ביז 60—50 סאָלדאטן, וואָס האָבן געלייענט אומלעגאַלע ליטעראַטור. מע האט געמאכט קליינע פאַרזאַמלונגען, די אַרבעט האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַ וואַקסנדיקן ערפאָלג. ביז וואַנען (אין 1904) מע האָט מיטאַמאָל אַרעסטירט 20 סאָלדאַטן פונם פעסטונגס-באַטאַליאָן, און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט טעראָריזירן די סאָלדאַטן, וואָס זיינען געשמידט דורך דער אייזערנער דיסציפּ־לין. אייניקע פון די אַרעסטירטע זיינען געזעסן צו פיר כאָדאָשים אַף דער הויפּטוואַכט, נאָר דער נאַטשאַלסטווע האָט זיך ניט איינגעגעבן צו באַשאַפן קיין שום פּראָצעס.

מיט אַ קורצער צייט פאַר דידאָזיקע אַרעסטן איז פאָרגעקומען אַן אויפ־רעגונג אין דער לער-קאָמאַנדע (אין דער שול, וואָס גרייט צו די אונטער־

אַפּיצערן) פון דעמזועלביקן פעסטונגס-באַטאַליאָן. די אויפרעגונג איז ארויסגע-רופן געוואָרן, פון איין זייט, דורך דער אַכזאָריעסדיקער באַהאַנדלונג פון איי-נעם אַן אָפיצער, און, פון דער צווייטער זייט, אַדאַנק אונזער אַגיטאַציע. די לער-קאָמאַנדע האָט מען גלייך פאַנאַנדערגעלאָזן און די סאָלדאטן אומגעקערט אין די ראָטעס. אויסערלעך איז עטוואס שטילער געוואָרן, פונדעסטוועגן פלעגן די סאָלדאטן זיך ווייטער צונויפקלייבן אַף קוואַרטירן, וואו מע פלעגט לייענען און מאַכן קליינע פאַרזאמלונגען. איינגיכן איז איבער די פּאָליצייאישע באַדינ-גונגען געוואָרן אומבאַקוועם צו באַנוצן זיך מיט קוואַרטירן און עס איז אויס-געקומען צו באַגרעניצן זיך נאָר מיט פאַרשפּרייטן ליטעראַטור און בלעטלעך.

פונם 1905-טן יאָר אָן איז די אַרבעט אוועקגעגאַנגען מיט אַ האסטיקן טעמפּ. פון איין זייט, די מילכאָמע, פון דער צווייטער — די אַלגעמיינע אויפ-רעגונג אינם לאַנד און דער וואוקס פונם רעוואָלוציאָנערן גייסט האבן געמוזט אויפוועקן פונם שלאָף אפילע די אינערטע סאָלדאטן-מאסע.

ניט קוקנדיק אַף אלע באמיאונגען פון דער נאטשאלסטווע אַרומצוריגלען די סאָלדאטן מיט א כינעזישער וואנט (פאַרשפּאַרן זיי אין די קאזארמעס, ניט דערלאָזן קיין אַנדערע צייטונגען, אַכוץ „סוועט"[104] א. ד. גל.), האָט זיך אָנגע-הויבן צו באַוועגן אויך דער סאָלדאטן-געדאנק.

צו דערדאָזיקער צייט האָבן זיך בא אונז באוויזן אויך נייע קרעפטן. די הילף (מיט ליטעראַטור, טעכניק, מענטשן א. ד. גל.), וואס מיר האבן באקו-מען פונם גראָדנער סאָצ.-דעמ. קאָמיטעט פון בונד, האָט אָנגעהויבן טראָגן אַ רעגולערן און שטענדיקן כאַראַקטער. עס איז ארגאניזירט געוואָרן אַ צענט-ראַלע סכאָדקע (פון די פאָרשטייער פון די מיליטער-טיילן, צו איינעם פון יעדן טייל, מיט קאנדידאטן, וואס פאַרבייטן זיי). אכוץ דעם איז אין יעדן טייל געבילדעט געוואָרן אַן „אָפּטייל-סכאָדקע" פון די מער באוואוסטזיניקע סאָל-דאטן, אַף וועלכע מע קאָן ארויפלייגן געוויסע פליכטן.

די צענטראלע סכאָדקע קלייבט זיך צונויף אפן פינקטלעכסטן אויפן איין מאָל אין וואָך. די פונקציעס פון איר טעטיקייט זיינען: ארויסגעבן און פאַר-שפּרייטן בלעטלעך, אָרגאניזירן פאַרזאמלונגען און פּראָפּאגאנדיסטישע קרייז-לעך, פאַרשפּרייטן ליטעראַטור, צוציען נייע מיטגלידער, אָנפירן מיט די „אָפּ-טייל-סכאדקעס" (מע דארף באמערקן, אז די לעצטע, אַלס ניט לאנג אנטשטא-נענע אנשטאַלטן, זיינען נאָך דערווייל זייער שוואך) א. ד. גל.

פאַרזאמלונגען פאַרן לעצטן פרילינג און זומער זיינען פאָרגעקומען פיר — איינע פאַרן ארויסגיין אין די לאַגערן, און די איבעריקע אין דער לאַגערן-צייט. פון דידאזיקע פאַרזאמלונגען זיינען צוויי פאָרגעקומען אין דער „הייל-קער וואָך"[105], און באטייליקט האבן זיך אין יעדער פאַרזאמלונג פון 50 ביז 110 מאַן. בא די באדינגונגען פונם סאָלדאטן-לעבן, דארף מען די ציפער 50 און 110 רעכענען פאַר גאַנץ באַדייטנדיק. קיינמאָל געלינגט ניט צונויפקלייבן די אַלע, וואס ווילן באזוכן אונזערע פאַרזאמלונגען: דער שטייט אַף דער וואַך, יענער איז דעזשורנער, אַף ארבעט א. ד. גל. ס'איז אויך אויסגעקומען צו רעכענען זיך מיט אזעלכע טאַימים: ניט צונעמען קיין סאַך מענטשן פון

סאָלדאטן-ביידל, קעדיי ניט ארויסצורופן קיין בשאד, אונזערע פארזאמלונגען באזוכט אויך די נידעריקערע נאטשאלסטווע — די אונטער-אָפיצערן.

גערעדט האט מען אף די פארזאמלונגען אף די פאָלגנדע טעמעס: וועגן דעם פויערשן און סאָלדאטן-לעבן אין צוזאמענהאנג מיט דער קאפיטאליסטי-שישער אָרדענונג און דעם זעלבסטהערשנדיקן רעזשים; וועגן מיליטאריזם, וועגן דער מילכאָמע, וועגן דעם אויפשטאנד פון די מאטראסן, וועגן די אדע-סער און לאָדזער געשעענישן, וועגן די שטרעפונגען פון דעם ארבעטער-קלאס און וועגן דעם, אף וועמעס זייט עס דארפן זיין די סאָלדאטן; וועגן דעם איצטיקן מאָמענט, גאָסודארסטווענער דומע און גרינדונגס-פארזאמלונג. די פארזאמלונגען זיינען אזוי געפעלן געווארן די סאָלדאטן, אז זיי פלעגן זיך אליין ארויסרופן איינצולאדן אף די קומענדיקע זייערע כאוויירים.

פאר דעם באריכט-פעריאָד האָבן מיר פארשפרייט פיר בלעטלעך: 1) וועגן דער מילכאָמע; 2) וועגן דעם איצטיקן מאָמענט מיט א גאנצער רייע פאָדע-רונגען פאר סאָלדאטן (פארקירצונג פון דער דינסט-צייט, אָפּשאפונג פון דער „קאזיאָנער באדינונג", העכערונג פונם געהאלט, העפלעכע באהאנדלונג א. ד. גל.) —ביידע בלעטלעך זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן אין 1500—1200 עקז. מיט דער אונטע־שריפט פון דער גראָדנער מיליטער - רעוואָלוציאָנערער אָרג. 3) וועגן דעם מאטראָסן-אויפשטאנד — ארויסגעגעבן פון דער מיליטער-סאָציא-ליסטישער אָרג. באם ריגער פעדעראטיוון קאָמיטעט (פון דער לעטישער ס. ד. א. פ. און בונד) 4000 עקז. און 4) „כאוויירים - סאָלדאטן", ארויסגעגעבן פונם צאָפן-מאירעוודיקן קאָמיטעט פון ר. ס. ד. א. פ. אכוץ דעם האָבן מיר צווישן די מער באוואוסטזיניקע סאָלדאטן פארשפרייט די פראָקלאמאציעס פונם צ. ק. פונם בונד.

די בלעטלעך פלעגט מען פארשפרייטן אין די סאָלדאטן-ביידלעך, אף די וועגן ארום די פערד-שטאלן, אין די גאָר-קיכן און טיי-הייזער. אין אייניקע גאָרקיכן און טיי-הייזער האט מען געלייענט די בלעטלעך גאנץ אָפן. דער אינטערעס צו זיי איז זייער גרויס, אונזער צווייטע בלעטל (מיט די סאָל-דאטן-פאָדערונגען) האט פאָשעט ארויסגערופן אַן אנטציקונג. איין בלעטל איז געלעגן א גאנצן טאָג אינם סאלדאטן טיי-הויז נעבן די אגענטור-טעלעגראמען. די סאָלדאטן, וואָס האבן אים געלייענט, האָבן געשריען: „אָט דאס איז אונ-זער טעלעגראם, מיר דארפן ניט קיין אָפיצערישע" (ד. ה. אגענטור-טעלעגרא-ראמען); נאָכדעם ווי מע האָט פארשפרייט דעמדאָזיקן בלעטל, האָט דער קאָ-מאנדיר פון דער דריטער ראָטע פונם פערמער פאָלק גאָלאָסטענאָוו צונויפגעקליבן די ראָטע און געהאלטן פאר איר אזאַ מין רעדע: „ברידער, אינם בלעטל רעדט זיך וועגן די פראוואָסלאווע גאלאָכים. אויב שוין שניידן, דארף מען אָנהויבן פון די ראַבאָנים, קסיאָנדזן און מולעס"...

דערזעלביקער קאפיטאן, ווען ער איז געווארן דער קאמאנדיר פונם צווייטן באטאליאָן, האָט, אויספרעגנדיק די פרעטענזיעס, ווייטער דערמאָנט דעם בלעטל: „דאָס בלעטל האָבן אָנגעשריבן מענטשן ניט קיין נארישע... אונזערע קינדער, קען זיין, וועלן טאָן אנדערש, נאָר מיר דארפן געדענקען די שוואוע". פאנאנ-

דערגייענדיק זיך, האָבן די סאָלדאטן צווישן זיך גערעדט: „וואָס זינגט ער אונז דאָרטן פאר א לידלעך? — מיר ווייסן שוין אליין".

ווען דער פארשפרייטונג פון די בלעטלעך פלעגט די נאטשאלסטווע זיך דערוויסן געוויינלעך צו שפעט, און דערפאר פלעגט נאָר א קליינע צאָל בלעטלעך ארייגפאלן צו זיי אין די הענט. עס פלעגט ווערן א טומל, מע פלעגט מאכן זוכונגען, ארעסטן, נאָר, פארשטייט זיך, אָן ערפאָלג. די אלע מיטלען פלעגן צו קיין מאמאשעסדיקע רעזולטאטן ניט ברענגען. עס פלעגט טרעפן, אז מע פלעגט ארויסהענגען א בלעטל אינם סאָלדאטן-„קלוב", — אינם קלאָזעט, אף די סאמאָווארן...

די לעצטע פארזאמלונגען האבן שרעקלעך באאומרואיקט די העכערע נא-טשאלסטווע; איר דערשראקענע פאנטאזיע האט פארגרעסערט די צאל פון די פארזאמלונגס-אנטיילנעמער ביז 400—500. פאר דער אויספארשונג האט זיך גענומען דער קאָרפוס-קאמאנדיר „אליין", נאר אף אלע זיינע פראגן האט ער באקומען איין ענטפער: „איך קען ניט וויסן. בעשום אויפן ניט".

פרילינגס-צייט, באם אוועקשיקן די סאלדאטן אפן ווייטן מיזרעך, האבן מיר געגעבן יעדערן אפן וועג דאס ביכל „וואס יעדער סאלדאט דארף גע-דענקען" און גאפאנס [106] בריוו.

ווען בא אונז זיינען געשטאנען די מאביליזירטע רעזערוויסטן, האט זיך אונזער ארגאניזאציע דערוואוסט וועגן דער פאגראם-שטימונג, וואס הערשט צווישן זיי. מיר האבן גלייך אנגעהויבן צווישן זיי א קאנטער-אגיטאציע, מיר האבן אין א גרויסער צאל פארשפרייט צווישן דעם „זאפאס" לעגאלע צייטונ-גען, באזונדערס דעם „סין אטעטשעסטווא" און די „נאשי דני" [107]. מע דארף באצייכענען דעם אומגעוויינלעכן אינטערעס פון די סאלדאטן צו די צייטונגען, באזונדערס צו די נומערן, וואו עס איז פאראן ארטיקלען וועגן דער פויערים-פראגע, וועגן די ארבעטער-אומרועו, וועגן דער באוועגונג צווישן די סאל-דאטן און מאטראסן א. ד. גל.

אומלעגאלע פאפולערע ליטעראטור האבן מיר זייער ווייניק און די נאכ-פראגע אף איר איז א גרויסע. אונזערע אויסגאבן האט מען פארשפרייט אויך אין סואוואלק.

גראדנער מיליטער-רעוואלוציאנערע ארגאניזאציע.

14-טן סענטיאבר 1906.

71. דער קאַמף קעגן דער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע אין קאַזאַרמע.

(אַ געהיימער באַפעל פונם קאָמאַנדיר פונם 61 וולאַדימירער פוסגייער-פּאָלק פונם 3-טן אַפּריל 1905, № 93, ביאַליסטאָק, „לעצטע נאכריכטן" נומ. 229)

די העכערע פּאָליציי און מיליטער-נאַטשאַלסטווע האָט זיך דערוואוסט, אַז אייניקע אידישע סאָלדאַטן באַטייליקן זיך אין פאַרזאַמלונגען קעגן דער רעגי-

רונג, און צוליב דעם גייען זיי אַוועק פון די קאַזאַרמעס און טוען זיך איבער אין ציווילע קליידער. אומקערנדיק זיך דערנאָך צוריק אין די קאַזאַרמעס, פירן זיי אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די איבעריקע סאָלדאַטן. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווי שעדלעך איז דערדאָזיקער געהיימער סאַם.

קעדיי ניט צו דערלאָזן דאָס, באַפעל איך:

1. אַלע אָפּיצערן פון מיין פאָלק דאַרפן אויפמערקזאַם נאָכשפּירן, צי פאַרשפּרייטן ניט די אידישע סאָלדאַטן צווישן זייערע כאַווײרים אין די ראָטעס און קאָמאַנדעס וועלכע ניט איז פאַרברעכערישע אידייען. אין דעם פּראַט מוז מען באַזונדער נאָכקוקן די אידישע פּריייווויליקע.

קעדיי צו דערגרייכן דעמדאָזיקן ציל, לייג איך פאָר צוהערן זיך צו אַלע קלאַנגען (אָן אונטערשייד, צי זיי זיינען פעסטגעשטעלט, צי ניט). דער כויוו פאָדערט גלייך צו אינפאָרמירן דעם נאָענטן נאַטשאַלניק וועגן אלצדינג, וואָס מע האָט באַמערקט אָדער געהערט אַפילע אָן דער זייט. מע מוז געדענקען, אַז די רעזולטאַטן פון דער גיפטיקער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע זיינען זייער געפערלעך. פון דערדאָזיקער קרענק ליידט שטאַרק די פּרייסישע אַרמיי, וועלכע קען פון איר אומקומען.

2. אַלע אָפּיצערן פון פאָלק דאַרפן אויפמערקזאַם נאָכשפּירן אַף די גאַסן, צי באַגעגענען זיך ניט די אידישע סאָלדאַטן, איבערגעטאָנענע אין ציווילע קליידער. אַזעלכע דאַרף מען גלייך אַרעסטירן און וועגן דעם אַרעסט באַריכטן.

3. אַלע ראָטע-קאָמאַנדירן באַפעל איך: אַ) מאַכן גלייך אַן אונטערזוכונג אין די קעסטלעך פון די אידישע סאָלדאַטן, און אַלע ציווילע קליידער, וואָס מע וועט באַ זיי געפינען, אָפּנעמען אָדער באַפעלן פאַרקויפן און זעען, אַז דאָס זאָל דערפילט ווערן; ב) אַף ווייטער זעען, אַז קיין שום, אַפילע באַזונדערע טיילן פון דידאָזיקע קליידער זאָלן באַ זיי ניט זיין; ג) פרייטיק און שאַבעס אַף קיינע מיטאָגן און וועטשערעס אין די אידישע הייזער און טראַקטירן די סאָלדאַטן פון דערדאָזיקער נאַציע ניט לאָזן (זיי זיינען אין מיליטערדינסט—דאַרפן זיי עסן, וואָס מע גיט); ד) פאַרבאָטן די אידן צו ברענגען אין די ראָטעס און אין די הויפן עסן פאַר די אידישע סאָלדאַטן; ה) די אידישע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען אַפילע נאָר עטוואָס פאַרדעכטיק, דאַרף מען צו דער נאַכט צו פון הויף ניט אַרויסלאָזן; ו) איינשטעלן אין ראָטע (קאָמאַנדע) מיט דער הילף פון ספּעציעל באַפולמעכטיקטע מענטשן אַ געהיימע אויפזיכט איבער אַלע אידן פונם געגעבענעם מיליטערישן טייל. דידאָזיקע אויפזיכט וועט ברענגען נוצן נאָר דאַן, ווען זי וועט זיין אַ שטענדיקע; ז) איין מאָל אין כוידעש, אָנהויבנדיק פונם איצטיקן, מאַכן אין די קעסטלעך פון די אידישע סאָלדאַטן אַ רעוויזיע, ניט דערקלערנדיק די אורזאַך; קעדיי ניט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט, קען מען גלייכצייטיק מיט אידישע קעסטלעך רעווידירן אויך אייניקע קעסטלעך פון קריסטלעכע סאָלדאַטן. בעאייס דער רעוויזיע שטרענג נאָכקוקן, צי געפינען זיך ניט אין די קעסטלעך קיין פּראָקלאַמאַציעס, פאַרבאָטענע לידער, גאָטסלעסטערישע ספאָרים, פּאָרנאָגראַפישע לידער א. א. וו.) ווי ווייט מעגלעך דערגיין די ריכטיקע אַדרעסן פון די מענטשן, וועלכע עס באַזוכן די אידישע סאָל-

דאַטן: ט) געבן צו פאַרשטיין די נידעריקע נאַטשאַלניקעס, ווי גרויס איז די געפאַר פאַר אונזער מיליטערישער קאַסטע, וואָס קען אַרויסקומען פונם סאַם פון דער געהיימער פראָפּאַגאַנדע. די אַרמיי איז נאָר דאַן אַ געטרייע און פעס-טע שטיצע פון איר פאַטערלאַנד, ווען זי איז דערצויגן און לעבט מיט אירע אידעאַלן, ריין פון דעם שמוץ פונם סאָציאַליזם, וואָס האָט שוין געבראַכט די פעלקער פון די מאַרעוו-לענדער פיל שאָדן.

4. די פעלדפעבעלס און אונטער-אָפיצערן זיינען מעכויעוו צו דינען אין דערדאָזיקער וויכטיקער פראַגע אַלס געטרייע געהילפן זייערע קאָמאַנדירן, וועלכע דאַרפן זיי דערציען אין דעמדאָזיקן גייסט.

5. די באַטאַליאָן-קאָמאַנדירן געהערט די אַלגעמיינע באָאַבאַכטונג אין דער-דאָזיקער פראַגע.

צום סאָף ברענג איך די ווערטער פון קאָרפּוס-קאָמאַנדיר, אַרויסגענומען פונם בריוו פון זיין עקסעלענץ צום דיוויזיאָן-נאַטשאַלניק: „מע דאַרף דער-קלערן אַלע סאָלדאַטן, אַז עס איז בעסער פאַר זיי, אַז זיי זאָלן אַליין אויפזוכן די שולדיקע, איידער טראָגן אַף זיך די שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אינם פאַל, ווען די שולדיקע, וועלן אַנטדעקט ווערן דורך דער געריכטלעכער מאַכט״.

איך ווענד אַף דעם אייער אויפמערקזאַמקייט.

דעם אָריגינאַל האָבן אונטערגעשריבן:

פאָלק-קאָמאַנדיר, פאָלקאָווניק

אָברוטשעוו.

ריכטיק: פאָלק-אַדיוטאַנט פּאָרוטשיק

שאָמנאָ.

72. דער אַלגעמיינער שטרייק קעגן דער מאָביליזאַציע אין קאָוונע.

(קאָרעספּאָנדענץ אין נומ׳ 19 „לעצטע פּאַסירונגען״, 1905)

אַף דער פאַרזאַמלונג וועגן דער נייער מאָביליזאַציע האָבן די אויפגערעגטע רעזערוויסטן, אידן און קריסטן, אַריינגעטראָגן גאַנץ אַנטשלאָסענע פאָרשלאָגן.

רעכענענדיק זיך מיט דערדאָזיקער שטימונג, האָט דער קאָמיטעט פון בונד געווענדעט זיך דעם 15-טן מיט אַ פּראָקלאַמאַציע „צו די בירגער״, אין וועל-כער ער האָט גערופן צום געווער, צום קאַמף געמיינזאַם מיט דעם רעוואָלוצי-אָנערן פּראָלעטאַריאַט (די פּראָקלאַמאַציע איז געווען אַף אידיש, פויליש און רוסיש).

אין אָוונט פון דעמזעלבן טאָג האָבן מיר אין נייע פּראָקלאַמאַציעס גערופן צו אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק. די פּראָקלאַמאַציעס זיינען געווען פאַ-נאַנדערגעקלעפּט איבערן שטאָט אין אַסאַך עקזעמפּליאַרן און עס האָט זיי נאָכ-אַנאַנד געלייענט אַ גרויסער עוילאָם, וואָס האָט זיך אַלץ געביטן. אַף מאָרגן אינדערפרי האָבן זיך געשטעלט אַלע פאַבריקן, אַכוץ נאָר די פאַבריק פון

שמידט. צו 11 אַזייגער האָבן זיך פאַרמאַכט אַלע וועראַקשטאַטן, מאַגאַזינען, עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער טראַמוואַי און עס האָבן אויפגעהערט אַרומפאָרן די פורמאַנעס. די שטרייקנדע אידישע אַרבעטער זיינען קימאַט אַלע געווען אַפן גאַס — אַפן בירזשע. די קריסטן זיינען געבליבן אין זייערע פאַרשטעט און אין די אַרבעטער-קוואַרטאַלן, אַכוץ נאָר איינציקע, וואָס זיינען געקומען אַפן בירזשע.

די גאַסן זיינען געווען פול מיט דראַגונער און סאָלדאַטן. נאָך מיט אַ טאָג פריער האָט מען אין גאַנץ קאָוונער גובערניע „אַף אַ ק׳רצער צייט" דערקלערט די פאַרשטאַרקטע שמירע און די רעזערוויסטן האָט מען אין אַ צווייטער הוי-דאַע דערקלערט, איז אין פאַל פון אַ בונט, וועט מען זיי באַשטראָפן מיט קאַ-טאָרגע און טויט.

אין דער פאַריקער נאַכט האָט מען אַרעסטירט 20 מענטשן — קריסטן און אידן.

צו אַזייגער 2 האָט זיך שמידטס פאַבריק אויך געשטעלט. אין מעשעך פון אַ גאַנצן טאָג זיינען די אַרבעטער מאַכנעסווייז אַרומגעגאַנגען איבערן שטאָט. איינצלנע אַגיטאַטאָרן זיינען זיך אויך צונויפגעגאַנגען מיט די רעזערוויסטן אַף געשלאָסענע פאַרזאַמלונגען, וואו מע האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, וואָס צו טאָן מאָרגן, אין דעם טאָג, ווען די רעזערוויסטן האָבן זיך געדאַרפט שטעלן.

עס זיינען פאָרגעקומען אַסאַך צוזאַמענשטויסונגען צווישן די פּאַטרולן און די אַרבעטער.

דעם 16-טן האָט זיך אַן אוילאָם אַרבעטער אַ וואָרף געטאָן אַף אַ פּאַטרול פון 10 מענטשן, קעדיי אָפּצושלאָגן אַן אַרעסטירטן אַרבעטער — בודעלמאַן; עס האָט שוין געהאַלטן שלעכט, און נאָר דורך אַ גליקלעכן צופאַל איז מען ניצל געוואָרן פון בלוט-פאַרגיסונגען.

דעם 17-טן, דעם צווייטן טאָג פון שטרייק, איז אויסגעקומען צו פירן אַ האַרטנעקיקן קאַמף מיט דער פּאָליציי און די פּאַטרולן פאַר די פאַרמאַכטע קראָ-מען. די פּאָליציי האָט געסטראַשעט די קרעמער מיט 500 רובל שטראָף און האָט געפאָדערט עפענען די קראָמען און די מאַגאַזינען. דער פּאָליצמייסטער האָט מיט זיין אייגענער האַנט געעפנט 2-3 קראָמען. נאָר אונזערע אָטריאַדן זיינען קעסיידער ארומגעגאַנגען איבער די קראָמען, און מיר האָבן דאָך אויס-געפירט אונזערס. צו מיטאָג צייט זיינען אַלע קראָמען געווען פאַרמאַכט, און די באַלעבאַטים פון זיי זיינען גאָר פאַרשוואונדן.

די פּאַטרולן האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס, יאָגנדיק זיך נאָך די אַרבעטער-אָטריאַדן, עטלעכע מענטשן האָט מען אַרעסטירט. דעם איינבינדער גליק (18-יאָר), וועלכן מע האָט געכאַפּט מיט פּראָקלאַמאַציעס, האָט מען אין צירקל שרעקלעך געשלאָגן. דאָסזעלבע איז געווען מיט אַן אַרבעטער סאָסנאָוו-סקי, באַ וועלכן מע האָט געפונען אַ קויל.

אויסער זיך פון דערדאָזיקער כאַפעניש פון מענטשן, האָבן די אַרבעטער אָפּגעשטעלט דעם פאַרבייפאָרנדן פּאָליצמייסטער און געפאָדערט פון אים, ער זאָל באַפרייען דעם נאָר וואָס אַרעסטירטן אַרבעטער — אַ קריסט. דער פּאָליצ-

מייסטער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ערפילן די פאָדערונג פון די אַרבעטער און איז אַריין אין קארעט. נאָר אַף זיין קאָפּ האָבן זיך אַ שאָט געטאָן גאַנץ גע־זונטע קלעפּ מיט שטעקנס און דער פּאָליצמייסטער איז אַ צעמאַזיקטער קוים אַנטלאָפן.

די סאָלדאַטן האָבן ניט געשאָסן. די דראַגונער האָבן זיך געלאָזן פאַנאַנדער־טרייבן דעם עולם. עס האָבן אַ פּייף געטאָן די נאַגאַיקעס, נאָר אין טומל האָט מען קיינעם ניט געקענט כאַפּן.

...די ידיעה וועגן שלעם, וואָס האָט זיך באַקומען דעם 18 אינדערפרי, האָט צוערשט קיין שום רושעם ניט געמאַכט. קיינער האָט ניט געגלויבט אין די ידיעס, אָבער ניט גלויבן האָט זיך אויך ניט געוואָלט. רעכענענדיק זיך מיט דער אויפרעגונג פון פרייד, וואָס די דאָזיקע ידיעס האָבן אַרויסגערופן, האָט אונזער קאָמיטעט דערלויבט דריי זעצער אָפּדרוקן די טעלעגראַמען.

די ידיעס וועגן שלעם האָבן מער איידער אַלעמען באַרואיקט די רעזער־וויסטן. 10 אַזייגער אינדערפרי זיינען אפן מיליטער־פונקט געקומען נאָר איינצל־נע מענטשן. מע האָט געמוזט די צונעמונג פון די רעזערוויסטן אָפּלייגן אַף באַטאָג, נאָר ווי עס זיינען געקומען די ידיעס פון פּאָרטסמוט [108], האָבן זיך די רעזערוויסטן אַ שאָט געטאָן צום פונקט... מיט דערדאָזיקער שטימונג האָט מען זיך געמוזט רעכענען — און דעם שטרייק האָט מען פאַרענדיקט.

X. די קאַמפּאַניע קעגן דער בוליגין-דומע.

73. די סעפּטעמבער־קאָנפערענץ פון די סאָצ. דעמ. פאַרטייען.

(פאַרטיי-מיטיילונגען: „לעצטע פּאַסירונגען", נומ. 22, 1905)

אין אָנפאַנג סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד, קעדיי אויסצואַרבעטן אַ געמיינזאַמע טאַקטיק בענוגייע צו דער גאָסודאַרסטווענער דומע.

אַף דער קאָנפערענץ זיינען איינגעלאַדן געווען די פאָרשטייער פון די צענטראַלע איינריכטונגען: פון דער אַרמענישער סאָצ. דעמ. אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, פון דעם אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד, פון דער לעטישער סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פאַרטיי, פון דער רעוואָלוציאָנערער אוקראַינער פאַרטיי, פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פאַרטיי (אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיסיע*), פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער-פאַרטיי (צענטראַלער קאָמיטעט**) און פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע.

געקומען זיינען אַף דער קאָנפערענץ די פאָרשטייער פון אַלע איינגעלאַדענע אָרגאַניזאַציעס, אַכוץ פון דער אַרמ. סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט מודיע געווען, אַז זי האָט קיין צייט ניט געהאַט צו שיקן אַ דעלעגאַט, באַקומענדיק צו שפּעט די ידיעה וועגן דעם טאָג פון דער קאָנפערענץ***).

דער מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיסיע האָט דערקלערט, אַז קומענדיק צופעליק אַף דער קאָנפערענץ, אַנשטאַט דעם דעלעגאַט, וועלכער איז ניט געקומען צו פאָרן צו דער רעכטער צייט, האָט ער ניט קיין באַפולמעכטיקונג פון זיין אָרגאַניזאַציע צו פאַרטרעטן איר אַף דער קאָנפערענץ, און ער רעכנט, אַז ער האָט דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אין דער קאָנפערענץ „נאָר

*) די „גענשינזטוואָ" אָדער די אָנהענגער פון „איסקראַ" די רעד. (פון די „ל. פּ.").

**) די „באָלשינזטוואָ" אָדער די אָנהענגער פון דער צייטונג „פּראָלעטאַריער" די רעד.

***) שוין נאָך דער קאָנפערענץ האָט די אַרמ. סאָצ. דעמ. אַרבעט. אָרגאַנ., באַקאַנט ווערנדיק מיט די אַרבעטן פון דער באַראַטונג, מודיע געווען, אַז זי איז מסכים אונטערשרייבן זיך אונטער די אָנגענומענע רעזאָלוציעס. די רעד.

אין דעם פאל, אויב די אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ער געהערט, וועט ניט מע־כויעוו זיין צו ערפילן די באשלוסן פון דער קאָנפערענץ", און אויב די באזונדערע לאגע, וועלכע ער פאַרנעמט, וועט ניט זיין קיין מעניע צו זיין אנטייל אף דער קאָנפערענץ „מיט די רעכטן פון א פולבארעכטיקטן מיטגליד".

די קאָנפערענץ האָט פעסטגעשטעלט, אז:

1) אלע רעזאָלוציעס, וואָס וועלן אָנגענומען ווערן דורך אן איינפאכער שטימענמערהייט (יעדע אָרגאַניזאַציע האָט איין שטימע), זיינען מעכויעוו צו ערפילן יענע אָרגאַניזאַציעס, וועמענס פאָרשטייער עס האָבן געשטימט פאר די־דאָזיקע רעזאָלוציעס.

2) פובליקירן די אָנגענומענע רעזאָלוציעס זיינען מעכויעוו אויך יענע אָר־גאַניזאַציעס, וועמענס פאָרשטייער עס האָבן געשטימט קעגן זיי.

בענוגייע צו דער דערקלערונג פון דעם מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיסיע האָט די קאָנפערענץ באשלאָסן:

דעם רעזולטאט פון דער אָפּשטימונג, וועלכע עס וועט פאָרקומען בא דער באשליסונג פון די פראגן, דארף מען אויסרעכענען נאָך דעם, ווי מע וועט באקומען אן ענטפער פון דער אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיסיע וועגן איר האַסקאָמע מיט דער שטימע פון איר מיטגליד. דער ענטפער דארף צוגעשטעלט ווערן צום... (אזא און אזא טערמין), אויב צו דעם אָפּגעשטעלטן טערמין וועט דער ענטפער ניט צוגעשטעלט ווערן, וועט מען די שטימע פון דעם מיט־גליד פון דער אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיסיע רעכענען פאר א באראטנדע שטימע.

פארלאנגענדיק מעגלעכסט גיכער צו באנוצן זיך מיט דעם באשלוס פון דער קאָנפערענץ, האָט די פארזאמלונג אָנגענומען:

די רעזאָלוציעס, וועלכע וועלן אין יעדן פאל באקומען די מערהייט פון די שטימען, דארפן דינען פאר א וועגווייזער פאר די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיי אָנגענומען, נאָך איידער מע וועט ענדגילטיק אויסרעכענען דעם רע־זולטאט פון דער אָפּשטימונג און איידער מע וועט זי פארעפנטלעכן.

נאָך דעם, ווי עס איז קלאָר געוואָרן די באציאונג פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין דער קאָנפערענץ, צו דער גאָסודארסטווענער דומע און נאָך לאנגע וויקוכים וועגן דערדאָזיקער פראגע האָט מען אָנגענומען די פאלגנדע רעזאלוציעס [109]:

די רעזאָלוציע וועגן דער גאָסודארסטווענער דומע.

באטראכטנדיק די פראגע וועגן דער באציאונג צו דער גאָסודארסטווענער דומע, זיינען מיר, די פאָרשטייער פון די צענטראלע איינריכטונגען: פון אל־געמיינעם אידישן ארבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאנד, פון דער לע־טישער סאָצ. דעמ. ארבעטער־פארטיי, פון דער רעוואָלוציאָנערער אוקראַאינער פארטיי, פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. ארבעטער־פארטיי (צענטראלער קאָ־

מיטעט) און פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע, געקומען צו דעם פאָלגנדן באַשלוס:

די גאָסודאַרסטווענע דומע, וואָס די צאַרישע רעגירונג רופט צונויף, איז אַ גראָבע פאַרפעלשונג פון אַ פאָלקס-פאַרטרעטונג, אַ פאַרפעלשונג, וועלכע עס האָט דעם צוועק איינצוהאַלטן און איינצופונדעווען די מאַכט פון דער זעלבסטהערשונג, וואָס איז צערודערט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט, און צו באַשאַפן פאַר דער רעגירונג און דער בורזשואַזיע אַ געצייג אָף צו באַפעסטיקן זייער פּאָליטישע הערשאַפט איבער דעם פּראָלעטאַריאַט און די אָרימע מאַסן פון די פּויערים.

דורך דעם אָנשטעל פון אַ פאָלקספאַרטרעטונג צילט זיך די זעלבסטהערשונג פּאָליטיש צו מיסקאַרעוו זיין זיך מיט אַ באַדייטנדן טייל פון דער בורזשואַזיע, וואָס איז איינגעמאַטערט געוואָרן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג און באַגערט אויפשטעלן די אָרדענונג; דורך דעמדאָזיקן אָנשטעל וויל זי זיך באַוואָרענען מיט איר סימפּאַטיע און איר שטיצע, קעדיי דערנאָך שוין אין שוטפעס מיט איר דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די פּראָלעטאַריער און די פּויערים.

צו דעמדאָזיקן צוועק פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע, אַלס אַ נייען אָרגאַן פון דער צאַרישער רעגירונג, זיינען אַפן בעסטן אויפן צוגעפּאַסט געוואָרן אַלע גרונד-יעסוידעס פון דעם געזעץ פון 6-טן אַווגוסט:

1) די *וואַל-סיסטעם*, וואָס איז געבויט אָף אַ הויכן פאַרמעגענס-צענז, באַזייטיקט פון דעם אָנטייל אין די וואַלן דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, אַלע פּויערים (מער ווי $^{9}/_{10}$ פון די פּויערים), דעם גרעסטן טייל פון דער אַרבעטנדער אינטעליגענץ און דער שטאָטישער קליין-בורזשואַזיע, און פאַר יענעם טייל פון דער באַפעלקערונג, וועלכע עס איז ניט באַזייטיקט געוואָרן פון דעמדאָזיקן אָנטייל, האָט מען דאָס וואַלרעכט געמאַכט פאַר אַ הוילן אָנשטעל דורך דעם, וואָס די וואַלן זיינען ניט דירעקטע, נאָר פילגאָרנדיקע.

2) נאָך איר *קאָמפּעטענץ* נאָך איז די גאָסודאַרסטווענע דומע דורכאויס נאָר אַ באַראַטנדע פאַרזאַמלונג, וועלכע עס האָט קיין שום געזעצגעבנדע מאַכט ניט, און דעריבער האָט זי ניט קיין שום פּאָליטישע מאַמאַשעס פאַרן פאָלק און איז בלויז אַ פּאָשעטער צוגאַב צו דער ביוראָקראַטישער מאַשין פון דער רוסלענדער זעלבסטהערשונג.

3) דער אומשטאַנד, וואָס די באַפעלקערונג איז באַרויבט פון די *עלעמענטאַרסטע בירגערלעכע רעכטן*—פרייהייט פון דער פּרעסע און ריידן, פאַרזאַמלונגען און פאַראיינען, אומבאַרירבאַרקייט פון דער פּערזאָן און וואוינונג, און איינעם דערמיט די אַלץ ברייטערע אָנווענדונג פון די העכסט אַכזאָריעסדיקע אונטערדריקונגען אין דער פאָרם פון קריגסצושטאַנד, מאַסן-האַריגעס, אָרגאַניזירונג פון „שוואַרצע מייעס" און אויפרייצונג פון נאַציאָנאַלער סינע,—דאָס אַלץ מאַכט די וואַלן גופע פאַר אַ כוצפּעדיקע קאָמעדיע, וועלכע עס פאַרזיכערט פולקום דער רעגירונג, אַז די גאָסודאַרסטווענע דומע זאָל באַשטיין פון אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע זי באַגערט.

באַטראַכטנדיק דאָס אַלעס, אַנערקענט די קאָנפערענץ:

1) די גאָסודאַרסטווענע דומע איז נאָך איר עצם טאָך נאָך אומפעאיק אָנ־צונעמען וויפיל ניט איז באַפרידיקנדע מיטלען אַף צו פאַרבעסערן די עקאָ־נאָמישע און רעכטלעכע לאַגע פון די ברייטע מאַסן פון פאָלק, און אַלע אַזעלכע האָפענונגען, וועלכע די רעגירונג און אַ טייל פון דער בורזשואַזיע פלאַנצן ענערגיש איין אין פאָלק, זיינען מעסוגל בלויז אויסצוהעלפן דער זעלבסטהער־שונג צו פאַרווירקלעכן אירע אויכזיכטן, אָפּשוואַכנדיק די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון פראָלעטאַריאַט און די פויערים און פאַרקלענערנדיק זייער מוט צום קאַמף.

2) דער געזעץ וועגן דער גאָסודאַרסטווע. דומע האָט באַשטעטיקט די ריכ־טיקייט פון אונזער טאַקטישן לאָזונג, אַז נאָר דער זיגרייכער אויפשטאַנד פון פאָלק מיט דעם פראָלעטאַריאַט בראָש וועט מאַכן אַ סאָף צו דעם זעלבסט־הערשנדן רעזשים און וועט באַשאַפן א דעמאָקראַטישע רעפובליק, ד. ה. אַ מלוכע־אָרדענונג, וועלכע עס פאַרזיכערט אַם בעסטן די ברייטע אַנטוויקלונג פון דעם קלאַסנקאַמף פון פראָלעטאַריאַט, און האָט נאָך אַ מאָל אַוועקגעשטעלט פאַר דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע די אויפגאַבע פון דעם איצטיקן מאָמענט—צוגרייטן זיך צום באוואָפנטן אויפשטאַנד פון פאָלק.

און דעריבער האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסן:

1) אויסנוצן דעם פאַרשטייענדן פעריאָד פון דער וואַל-קאַמפּאַניע פאַר אַ ברייטסטע אגיטאַציע:

אָרגאַניזירן מיטינגען און אַריינדרינגען אין אַ מעגלעכסט גרעסערע צאָל אַף אלע וואַל־פאַרזאַמלונגען און, אויפדעקנדיק אַף זיי דעם ווירקלעכן כאַ־ראַקטער און די צילן פון דער גאָסוד. דומע, אָנווייזן אַף דער נויטיקייט צו־נויפצורופן אַף אַ רעוואָלוציאָנערן וועג אַ קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג אפן גרונד פון אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער אָפּשטימונג;

רופן אַלע עמעסע דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט צו אַן אקטיוון באָיקאָט פון דער דומע, אָנווייזנדיק, אז באַטייליקן זיך אין איר איז א כאַרפּע און אַ פאַראט קעגן דער פאָלקס-פרייהייט;

אָנעמען אַף אלע פאַרזאַמלונגען אנטשפּרעכנדע רעזאָלוציעס וועגן דער באַ־ציאונג צו דער גאָסודאַרסטווענער דומע און וועגן צושטיין צו דעם רעוואָלו־ציאָנערן קאַמף פון פראָלעטאַריאַט.

2) קעדיי אויסצודריקן אַ פּראָטעסט קעגן דער גאָסודאַרסטוו. דומע און איינווירקן אַף די אויסקלייבער און די וואַלמענער, זאָל מען אָרגאַניזירן אָפענע מאַסן־ארויסטרעטונגען פון פראָלעטאַריאַט.

3) אַף דעם טאָג פון די ענדלעכע וואַלן אין דער גאָסודאַרסטוו. דומע זאָל מען אומעטום איינשטעלן אלגעמיינע פּאָליטישע שטרייקן, מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס און אנווענדן אלע מיטלען דערצו, אז די וואַלן זאָלן ניט פאָרקומען, און אפילע, ווען דאָס וועט זיין נויטיק, מיט געוואַלט פאַרשטערן די וואַל-פאַרזאַמלונגען.

נאָך דעם ווי מע האָט אָנגענומען די רעזאָלוציע וועגן דער גאָסוד. דומע,

האָט די קאָנפערענץ באשלאסן צונויפרופן אין דער נאָענטסטער צוקונפט אַ נייע קאָנפערענץ און האָט איבערגעגעבן דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער רוסל. סאָצ. דעמ. ארב. פארטיי און דעם צענטראלן קאָמיטעט פון בונד צו אָרגאַני-זירן די קומענדע קאָנפערענץ.

... די פאָרשטייער פון די צענטראַלע איינריכטונגען:

פון אלגעמיינעם אידישן ארבעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאנד.

פון דער לעטישער סאָצ. דעמ. ארבעטער-פאַרטיי.

פון דער רעוואָלוציאָנערער אוקראינער פאַרטיי.

פון רוסלענדער סאָצ. דעמ. ארב. פאַרטיי (צענטראל קאָמיטעט).

פון דער סאָציאלדעמאָקראטיע פון פוילן און ליטע.

74. „אַ פאָלקס-פאַרטרעטונג אָן דעם פאָלק".

(אויפרוף פון צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד)

ענדלעך איז עס געשעען! די גאָסידאַרסטווענע דומע איז שוין דאָ!

די זעלבסטהערשונג האָט זיך שטאַרק געגרייט צו דער גרויסער געשעע-ניש. אפטער און גרעסער זיינען געוואָרן די אַרעסטן, אכזאריעסדיקער די קאָ-זאַקן, מערדערישער די פּאָליציי. באַפאַלן מיט געווער אַף אַרבעטער-בערזעס און פאַרזאַמלונגען, שיסן אין די פענסטער פון פרידלעכע הייזער, פּאָגראָמען אַף אידן און האַריגעס אַף דער אינטעליגענץ,—דאָס זיינען די האַכאָנעס, וואָס טרעפּאָוו [110]) האָט געמאַכט, אום דער מאַניפעסט זאָל אַלעמען צופרידנשטעלן, קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן אַ וואָרט דאַגעגן צו זאָגן. און נאָך קאָטערינאָס-לאַוו און נאָוואָראָסייסק, ניזשני נאָווגאָראָד און באַלאַשאָוו, נאָך בערדיטשעוו און האָמעל, מאלעוו און ביאליסטאָק [111]) האָט זיך די זעלבסטהערשונג געפילט גרייט.

מיט גאָטס וואָרט אַף די ליפּן און מיט אַ פעדער, נאָך אַ פייכטע פון טויט-אורטיילן אונטערשרייבן, האָט ניקאָלאַי דער לעצטער אונטערגעשריבן דעם מאַניפעסט פון 6-טן אוגוסט. אַ מערקווירדיקער דאָקומענט! וואָס אַ וואָרט—אַ פּרעכער ליגן, וואָס אַ שורע—אַ שענדלעכע נידערטרעכטיקייט! ניט אומזיסט איז דער מאַניפעסט אויסגעאַרבעט אין אַ קאָמיסיע, אין וועלכער דער גרעסטער רוסישער צוואואק, דער נידערטרעכטיקסטער קעמפער פאַר פינסטערניש, פּאָביעדאָנאָסצעוו [112]), איז אַ פאָרזיצנדער געוועזן.

...איצט איז געקומען די צייט... מיט 11 יאָר צוריק אין די ערשטע טעג פון זיין רעגירונג האָט ניקאָלאַי ערקלערט: „קיין פאָלקס-פאַרטרעטונג וועט באַ מיר ניט זיין! קיין אומזיניקע כאַלוימעס וועל איך ניט ליידן!" גאַנצע 11 יאָר האָט ער געקעמפט מיט די אומזיניקע כאַלוימעס, בייטשן און צוקערלעקעך, קוילן און רעפאָרמען זיינען זיינע געווער געוועזן. אַלץ אומזיסט! די כאַלוימעס

זיינען וואָר געוואָרן! די 11 יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דעם קייסערס דאַנק די כוואַטעס פון פאנאגארייסקין פּאָלק, וועלכע האָבן פאַר אַ פרידלעכן שטרייק געשאָסן אומבאַוואפנטע אַרבעטער[113]; געטענדיקט האָבן זיי זיך מיט לאָדז און אָדעס, נאָוואָראָסייסק און ביאַליסטאָק. אָנגעהויבן מיט איינצלנע הארוגים און געענדיקט מיט גאַנצע טייכן בלוט.

און איצט, ווען די רעוואָלוציע האלט דעם מערדער באַם האַלז און ווערגט אים, שטעלט ער אויס אַ קופּערנעם שטערן און פאַרזיכערט זיינע טרייע אונטערטאנער, אַז ער און זיינע „אבות אבותיו" האָבן פון אייביק אָן געקלערט וועגן אויסגעוויילטע איינריכטונגען. די רוסישע טיראַנען האָבן ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן פאָלקס־פארטרעטונג און אָנגענומען אַלע נייע מיטלען צו פאַרשטאַרקן די זעלבסטהערשונג. זייער אייניקל גייט מיטן זעלבן וועג. „די גאָסודאַרסטווענע דומע וועט צונויפגערופן פון דעם פאָלקס טויווע וועגן"... פון אַ ראָשע אַ טויווע! די דומע וועט זיין אַ געזעצן־באַראַטנדע איינריכטונג אָן אַ ברעקל באַשטימונגס־רעכט. זי וועט מעגן טראַכטן וועגן געזעצן, ריידן וועגן זיי—באַשטימען, רעגירן וועט דער קייסער אַליין. וואַל־רעכט האָבן אין שטאָט נאָר נגידים: באַלעבאָטים פון גרויסע הייזער, רייכע סאָחרים און פאַבריקאַנטן. „ווער ס'האָט די מאָטבייע, יענער האָט די דייע". די אַרבעטער, די אָרימע אינטעליגענץ און די שטאָטישע קליינבירגער גיט מען קיין וואַל־רעכט ניט. פאַר די אינטערעסן פון די אָרימע לייט וועלן טראַכטן די נגידים; פאַר די אַרבעטער וועלן אָן אייצע געבן די פאַבריקאַנטן און סאָחרים. אַ טייל פּויערים וועלן האָבן וואַל־רעכט, אָבער ניט קיין דירעקטע, נאָר דריי־שטאַפּיקע. דריי מאָל מוז דער פּויערשער געדאַנק דורכגעזייפט ווערן, ביז ער וועט אינ־גאַנצן קאָשער ווערן. בײַ די פּריצים און נגידים זיינען די וואַלן אויך אומדי־רעקטע, אָבער נאָר צוויי־שטאַפּיקע. די שטעט מיט אַ ריין רוסישער באַפעל־קערונג גיט מען בײַ די וואַלן אסאך אַ גרעסערע באַדייטונג ווי די, אין וועלכע די איינוואוינער זיינען ניט רוסן.

אויסקלייבן וועט מען מעגן נאָר אַזעלכע קאַנדידאַטן, וואָס קענען ריידן רוסיש. דאָס איז דערפאַר, ווייל אין די שטעט מיט אַ ניט־רוסישער באַפעל־קערונג האָט שטאַרקער געפלאַקערט דער רעוואָלוציאָנערער פייער, ווייל דער ניט רוסישער פּראָלעטאַריאַט נעמט דעם גרעסטן אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די רעוואָלוציאָנערע פּוילן און קאַווקאַז האָט מען אויסגעטיילט. מע קען ערוואַרטן, אַז זיי וועט געוויס אָנקומען נאָך אָן ערגערער כיילעק.

וועגן וואַל־אַגיטאַציע קען גאָר קיין רייד ניט זיין. פאַרזאַמלונגען וועט מען מעגן מאַכן נאָר אַ כּוידעש פאַר די וואַלן; צולאָזן אף זיי וועט מען נאָר די, וואָס האָבן וואַלרעכט; ריידן וועט מען מעגן נאָר דאָס, וואָס דער פּאָליציי וועט געפעלן, ווען ניט, וועט זי פאַרמאַכן די פאַרזאַמלונג.

און דאָס איז גאָר! „איצט איז שוין אַלעס געענדיקט. האָט געזאָגט דער מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, „די דומע איז שוין אויסגעאַרבעט, און אַ סאָף קיינע פאַרזאַמלונגען, קיינע באַראַטונגען וועלן מער ניט ערלויבט ווערן!" דאָס, הייסט עס, איז אינגאַנצן די רוסישע „קאָנסטיטוציע".

...כאַווײרים! מיר האָבן שוין לאַנג אַרויסגעזאָגט, אַז פון דער זעלבסטהערשונג ערוואַרטן מיר קיין פאָלקספרייהייט ניט; דער פּראָלעטאַריאַט ווייס שוין לאַנג, אַז וואָס פאַר אַ געשטאַלט די זעלבסטהערשונג זאָל ניט אָננעמען, איר נאַטור וועט זי ניט בייטן. איצט האָט דאָס דער מאַניפעסט באַוויזן פאַר דער גאַנצער וועלט. איצט האָט דאָס ניקאָלאַי אַליין אָפן אַרויסגעזאָגט. עס וועלן זיך געפינען מענטשן, וואָס וועלן זיך לאָזן נאַרן; אַנדערע, ווייל זיי וועלן ניט פאַרשטיין דעם שווינדל, אַנדערע ווידער, ווייל זיי וועט עס לוינען: זיי וועלן זיך צופרידנשטעלן מיט אַ שאָטן פון פרייהייט, נאר קעדיי דעם פּראָלעטאַריאַט איינגאַנצן געבונדן צו לאָזן. מיר מוזן אויפקלערן די ערשטע! מיר מוזן אַראָפּרייסן די מאַסקע פון די לעצטע! מיר טאָרן ניט לאָזן די זאַטע איינפירן אָרדענונג אינם לאַנד! זייער אָרדענונג איז אַ יאָך פאַר די פאָלקסמאַסן, דאָס איז אַן אָרדענונג פון פרייע הערן און געבונדענע קנעכט. באַיקאָטירט די ליבעראַלן, וועלכע וועלן אַנטייל נעמען אין די וואַלן! מישט זיך אַריין אין זייערע פאַרזאַמלונגען! באַיקאָטירט די פאָלקס-פאַרטרעטער, וועלכע וועלן אָננעמען שוין אַ פּשרה מיט דער זעלבסטהערשונג! קערט זיך אָפּ מיט פאַראַכטונג פון די דעפּוטאַטן, וועלכע דער קייסער „געטרויט", אַף וועלכע ער האָפט, אַז זיי וועלן אים העלפן איינפירן אָרדענונג און רואיקייט.

כאַווײרים! פאַר די האַנאכע, וואָס ניקאָלאַי האָט איצט געגעבן די נגידים, האָבן מיר מיט אונזער בלוט באַצאָלט! מיט אונזער שווייס האָבן מיר פאַר זיי רייכטום באַשאַפן; מיט טויזנטער יוגנט לעבנס, מיט טויזנטער יאָרן סיביר און קאַטאָרגע האָבן מיר פאַר זיי פּאָליטישע האַנאכעס געקויפט! די פּאָליטישע רעכט, וואָס מיר דאַרפן, קענען מיר באַקומען נאָר דורך אַ רעוואָלוציע, נאָר דורך אַן אַלגעמיינעם פאָלקס-אויפשטאַנד. די פאָלקס-רעגירונג, וועלכע וועט אונז געבן די מעגלעכקייט צו קעמפן פאַר אונזער פאָלקס-באַפרייאונג פון יעדער עקספּלואַטאַציע און באַדריקונג, די דעמאָקראַטישע רעפּובליק קען אויסגעאַרבעט ווערן ניט אין אַ ביוראָקראַטישער קאָמיסיאָן, ניט אין אַ דומע פון נגידים, נאָר אין אַ קאָנסטיטואירנדער פאַרזאַמלונג, אויסגעקליבן פונם פאָלק אפן גרונד פון אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען שטים-רעכט.

דער צאַר האָט געטאָן זיינס, מיר מוזן טאָן אונזערס! אן אַלגעמיינער פאָלקס-אויפשטאַנד וועט פאַרניכטן די זעלבסטהערשונג מיט איר קלוימערשט געשאנקענער דומע! די רעוואָלוציע וועט צונעמען בא ניקאָלאַיען די מעגלעכקייט „קאָנסטיטוציאָנען" צו שענקען! ווי אַ שטורמישער שטראָם וועט זי אַראָפּטראָגן אַלע שטערונגען, וועלכע פאַרצאַמען דעם פּראָלעטאַריאַט דעם וועג צו זיין ענדעציל: זי וועט אים פּאָליטישע פרייהייט געבן! זי וועט אים דעם קאַמף-פּלאַץ פאַר עקאָנאָמישער גלייכהייט אפראַמען!

עס לעבע די רעוואָלוציע! נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!
נידער מיט דער גאָסודאַרסטווענע דומע!
עס לעבע די קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג!
עס לעבע די דעמאָקראַטישע רעפּובליק! עס לעבע דער סאָציאַליזם!

אַווגוסט 1905. **דער צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד".**

75. די וויטעבסקער בורשואזיע קלייַבט זיך אין דער בוליגין-דומע.

(קארעספאנדענץ אין „פראלעטארי" נומ. 19 פון 20-טן סענטיאבר, 1905).

אַזוי ווי בײַ אונז איז ניטאָ קיין זעמסטווע, וואו עס טרעטן מער אָדער ווייניקער אַרויס די אויסערלעכע ליניעס פון דער פּאַרטיי, האָט דאָ ניט דער ליבעראַליזם קיין צוגעגרייטן באָדן; די נאַציאָנאַלע פראַגע (צווישן די ערד-באַזיצער זיינען מער פּאָליאַקן) האָט דאָ באַשאַפן ניט מער ווי אַן אָפּאָזיציאָנעלע באַציאונג צו דער רעגירונג נאָר אין דער איין דאָזיקער פראַגע; אין די איבעריקע פראַגן אָבער זוכט די מערהייט שטיצע בײַ דערזעלביקער רעגירונג. ווי אַזוי עס האָבן זיך אויפגעפירט אונזערע אַגראַריער אין דער עפּאָכע פונם „פּרילינג" האָט בוילעט באַוויזן די פאַרזאַמלונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער געזעלשאַפט, אַף וועלכער דער פּרינציפּ פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט איז אַנערקענט געוואָרן פאַר אַ שעדלעכן, און די באַפרייאונג פון אונטערדריקונג האָט מען געפאָדערט נאָר פאַר איין נאַציאָנאַליטעט — פאַר דער פוילישער.

אונזערע ליבעראַלן האָבן פאַרשטאַנען די גאַנצע שווערקייט פון דער אויפגאַבע, וואָס עס שטייט פאַר זיי. און האָבן אָנגעווענדט דעם אַלטן, דורך די ליבעראַלן אויסגעפּרואוווטן מיטל — שווימען אין אַ נעבל פון פראַזן. אַף דער ערשטער, אַזוי צו זאָגן, גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז אוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן דער באַציאונג צו די וואַלן. דער פאָרטרעגער, געבנדיק אַן איבערבליק איבער דער ליבעראַלער ליטעראַטור וועגן דער באַציאונג פון דער זעמסקער סוויוּוע און פונם ביוראָ פונם „פאַריין פון די פאַריינען"[114] און וועגן דער פּאָזיציע פון „איסקראַ"[115], האָט גערופן נעמען אַן אנטייל אין די וואַלן, קעדיי קלוימערשט אויפצורייסן די דומע פון אינעווייניק.

דער פאָרשטייער פון אונזער גרופּע (ר. ס. ד. א. פּ.) האָט קלאָר געמאַכט די פיזיאָנאָמיע פון דער קומענדיקער גאָסודאַרסטווענער דומע און פון איר צוזאַמענשטעל און גערופן באָיקאָטירן די דומע אינגאַנצן גאַנג פון די וואַלן, אָנהויבנדיק פון דער ערשטער סטאַדיע. אינם פאַל, אויב דאָס וועט זיך ניט איינגעבן, האָט ער גערופן אַראָפּרייסן די דומע דורך אַן אַלגעמיינעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

נאָך דעראָזיקער רעדע זיינען די דעבאַטן געוואָרן לעבעדיקער. איינער, אַ מער אָפנהערציקער רעדנער, האָט גערופן גיין אין דומע, קעדיי „אונטערצוטראָגן דעם טראָן אַ נייעם אַדרעס", צו וועלכן מע וועט זיך אין די „ספערן" מוזן צוהערן. אַ צווייטער רעדנער האָט אָנגעוויזן, אַז „מיר, ליבעראַלן, האָבן ניט מיט וואָס צו קעמפן; אויב מיר וועלן זאָגן: „מיר באָיקאָטירן", איז דאָס ניט מער ווי א פוסטע פראַזע. אַן אַנדער זאַך איז די גאַס, דאָס איז אַ קראַפט, „מיר אָבער דאַרפן גיין אין דומע". צום סאָף איז באַשלאָסן געוואָרן נעמען אַן אנטייל אין דער וואַל-קאַמפּאַניע, לאָזנדיק די פראַגע וועגן באָיקאָט אָפן.

די אידישע בורזשואַזיע האָט נאָכגעטאַנצט דעם ביישפּיל פון דער קריסטלעכער און אָנגעהויבן באַזונדער צוגרייטן זיך צו די וואַלן. אַף דער ערשטער

פאַרזאַמלונג, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון צוויי פערזאָן, האָט זיך צונויפגעקליבן די גאַנצע אָרטיקע „פּני“. אַלס אַ „היי-ליקן עמעס“ האָט מען זיי צוגעטראָגן אַ טעזיס, אַז דאָס אידנטום באַקומט צום ערשטן מאָל פולשטענדיקע גלייכהייט, כאָטש אַפילע נאָר באַ די וואַלן, וועלכע די אידן דאַרפן דעריבער שעצן און אַלס א וויכטיקן פּרעצענדענט פאַר-פעסטיקן.

דער פאָרשטייער פון אונזער גרופּע האָט אָנגעוויזן אַף דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג פון דער „אידנפראַגע“ מיט דער אַלרוסלענדישער און אַלוועלטלע-כער פראַגע — מיט דער אומשטירצונג פון דער זעלבסטהערשונג און מיטן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. קלאָר מאַכנדיק די פיזיאָנאָמיע פון דער גאָסודאַרסט-ווענער דומע און די צילן, וועלכע מע פאַרפאָלגט מיט איר צונויפרופונג, האָט ער גערופן באָיקאָטירן די וואַלן און איינגעלאַדן מיטגיין מיטן פּראָלעטאַריאַט אַפן רעוואָלוציאָנערן וועג.

די בונדיסטן, וואָס זיינען דערנאָך אונטערגעגאַנגען, האָבן אַרויסגעזאָגט דיזעלביקע מיינונגען. זיי האָבן דערמאָנט דער אידישער בורזשואַזיע, אַז זי האָט אַלעמאָל סימפּאַטיזירט דעם פּראָלעטאַריאַט... די רעוואָלוציע איז אומפאַר-מיידלעך און דערפאַר איז ניטאָ וואָס צו באַהאַלטן זיך הינטער די שירמען פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע.

די פאַרזאַמלונג איז ניט דערפירט געוואָרן ביזן סאָף, ווייל עס האָט אויס-געבראָכן אַ קאָנפליקט צווישן אונז (רעוואָלוציאָנערן) און דעם פאָרזיצער, וועלכער האָט ניט געוואָלט ווייטער פירן די דיסקוסיע וועגן באָיקאָט, כאָטש דער גרעסטער טייל פון די איינגעלאַדענע ווילער האָט געפאָדערט פאָרזעצן די דעבאַטן.

די רעדלפירער פון דער אידישער בורזשואַזיע האָבן אָנגעהויבן איינצואָר-דענען זייערע פאַרזאַמלונגען „קאָנספּיראַטיוו“ און אַף איינער פון זיי האָט מען מיט אַ מערהייט פון 25 שטימען קעגן 10 באַשלאָסן ניט צו דערלאָזן אַף דידאָ-זיקע פאַרזאַמלונגען קיין פאָרשטייער פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון ר. ס. ד. א. פּ. און בונד.

76. פּראָטעסט-מיטינג אין זשיטאָמיר.

(קאָרעספּאָנדענץ אין „לעצטע פּאָסירונגען“ נומ. 19, 1905))

מיט אַ וואָך אַנדערהאַלבן איידער מע האָט פאַרעפנטלעכט דעם מאַניפעסט וועגן דער גאָסודאַרסטווענער דומע, האָבן מיר באַקומען פון צ. ק. אַ צירקו-ליאַר-בריוו, אין וועלכן ער האָט פאָרגעלייגט צו פּראָטעסטירן אַף אַלערליי אויפאַנים קעגן דעם פּראָיעקט פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע נאָך דעם, ווי מע וועט אים פאַרעפנטלעכן. אין דעם צירקוליאַר איז אָנגעוויזן געוועג אַף דער אָרגאַניזירונג פון גרויסע מאַסן-מיטינגען, אלס אַף דעם בעסטן מיטל באַ-קאַנט צו מאַכן די אַרבעטער און דעם ברייטן פּובליק ביכלאַל מיט דעם ווירק-

לעכן כאַראַקטער פון דער דומע. די פאַרעפנטלעכונג פון מאַניפעסט האָט מען געוואַרט פון טאָג אַף טאָג, און מיר האָבן באַשלאָסן אָפּצורופן זיך אַף דעם דאָזיקן אַקט מיט אַ פּראָטעסט-מיטינג אין שול.

זונטיק, דעם 7-טן אַווגוסט, זיינען אונזערע אַגיטאַטאָרן ארומגעגאַנגען די שטאָט און האָבן איינגעלאַדן אַלעמען אַף דעם מיטינג; אַף די פאַבריקן און וואַרשטאַטן האָט מען געהאַלטן קורצע רעדעס וועגן דער באַדייטונג פון דעם מיטינג. פון 7 אַזייגער אינאָוונט האָט דאָס פּובליק אָנגעהויבן צונויפגיין זיך אין דער גרויסער שול. די שול איז באַלד געוואָרן פול און פיל און עטלעכע הונדערט מענטשן האָבן געמוזט אַרויף אַף דער גאַלעריי. דער אוילאָם איז באַשטאַנען דער ס'ראָוו פון אַרבעטער, עס זיינען אויך געוועזן אַסאַך פון דער אינטעליגענטער יוגנט; פון דער „געזעלשאַפט" איז קימאַט קיינער ניט געווען. 8 אַזייגער האָט דער פאָרזיצנדער געעפנט די פאַרזאַמלונג, האָט אַלעמען געבעטן בלייבן רואיק אַף די ערטער, אויב עס וועט זיך באַווייזן פאָליציי, און האָט געגעבן דאָס וואָרט אונזער אראַטאָר. די פאַרזאַמלונג האָט אויסגעזעען זייער גרויסאַרטיק; טיפע שטילקייט, העלע עלעקטרישע באַלייכטונג, אַ יאַם פון קעפ מיט אַן אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט אַף די פּענימער.

דער רעדנער האָט גערעדט פון בימע אַף אידיש וועגן דער גאָסוד. דומע; זיין רעדע האָט געדויערט אָנדערהאַלבן שאָ. אינמיטן באַווייזט זיך פאָליציי. דעם פאָליצמייסטער האָט מען דערקלערט, אַז מע רעדט וועגן דעם פּראָיעקט פון דער גאָסוד. דומע. ער איז אַוועקגעפאָרן אַן אייצע האלטן זיך מיט דעם גובערנאַטאָר, דער פאָרזיצער בעט אָפּהיטן די אָרדענונג, און דער מיטינג גייט זיך ווייטער. אין 20 מינוט אַרום האָט דער אראַטאָר געענדיקט און דאָס וואָרט האָט באַקומען דער כאַווער פון דער היגער גרופּע פון דער רוסלענדער פאַרטיי, מיט וועלכער מיר זיינען אַריין אין פאַרבינדונג שוין גופע אַפן מיטינג. ער האָט גערעדט אַף רוסיש אַ מינוט 15. זיין רעדע האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק.

נאָך די רעדעס האָט דער פאָרזיצנדער פאָרגעלייגט אַ רעזאָלוציע, וועלכע מע האָט גלייך דורכגעלייענט אַף אידיש און רוסיש. די רעזאָלוציע האָט מען איינשטימיק אָנגענומען. דער פאָרזיצנדער דערקלערט די פאַרזאַמלונג פאר געשלאָסן, און דער כאַווער, וואָס האָט געפירט די פאַרהאַנדלונגען מיט דער פאָליציי, בעט דאָס וואָרט. ער איז מודיע, אַז דער פאָליצמייסטער פאַרזיכערט קיינעם פון מיטינג ניט אַרעסטירן און ניט רירן, נאָר מיט דעם טנאַי, אַז מע זאָל זיך צעגיין איינציקווייז, ניט אַלע איניינעם, און מע זאָל פארשרייבן באַם אַרויסגאנג די נעמען. דאָס פּובליקום צווייפלט אין דער ראַיעלקייט פון די האָווטאָכעס פון דער פאָליציי מיט די דראַגונער. דער פאָליצמייסטער דערקלערט נאָכאַמאָל, אַז מע וועט קיינעם ניט רירן. מע האָט אָנגעהויבן צו פאַנאַנדערגיין זיך. באַם ארויסגאַנג האָט מען אַ ביסל אַרומגעזוכט, פאַרשריבן די פאַמיליע און דורכגעלאָזן; צו איינס באַנאַכט זיינען זיך אלע צעגאַנגען. מע האָט פאַרהאַלטן צוויי: זיי האָבן זיך עטלעכע מאָל אַנדערש אָנגערופן...

77. אַלגעמיינער שטרייק אין לאָדז.

(קאָרעספּאָנדענץ אין „לעצטע פּאָסירונגען“ נומ. 19, 1905)

שוין מער ווי צוויי כאַדאָשים, אַז אונזער שטאָט זעט אויס ווי אַ מילכאָמע-לאַגער. אַף אַלע ראָגן שטייען סאָלדאַטן אַף דער וואַך, אין אַסאַך הייזער געפינט זיך מיליטער, איבער די גאַסן מאַרשירן פּאַטרולן — רייטן קאַזאַקן און דרייען זיך ארום פּאָליציי-לייט.

...די כאַיעל און די פּאָליציי פילן זיך פּאַר די באַלעבאַטים פון שטאָט. זייערע געוואלט-מאיסים און זייער ווילקיר איז ניט צו באַשרייבן. טעגלעך קומען פאָר מאַסנוויַיז אַרעסטן באַ די „אבלאַוועס“. מע שלעפּט אַראָפּ פון די בעטן, מע נויט פרויען אָנטאָן זיך פּאַר די אויגן פון דער פּאָליציי, מע באַליידיקט זיי אַף אַלערליי אופּאַנים, די אַרעסטירטע פירט מען הונדערטערוויַיז אַוועק אין צירקל; ניט לאָדזער ניכטאָווים שיקט מען אַרויס אַהיים.

...נאָר דידאָזיקע אַלע שרעקלעכע באַדינגונגען האָבן ניט געשטערט דעם לאָדזער פּראָלעטאַריאַט אָפּן אויסדריקן זיין פּראָטעסט קעגן דער גאָסודאַרסטווענער דומע. דער לאָדזער פּראָלעטאַריאַט האָט באַוויזן, אַז ניט די שרעקן פון די שטורם-טעג און ניט דער קריגס-צושטאַנד קענען ניט אָפּשטעלן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די לאָדזער באַפעלקערונג האָט זיך אויפגערודערט באַ דעמדאָזיקן פּראָטעסט, מוירע האָבנדיק, עס זאָלן זיך ניט איבערכאַזערן די איימעדיקע יוני-טעג. נאָר דער אַלגעמיינער שטרייק פון 8 און 9 אַווגוסט איז דורכגעגאַנגען אָן בלוטפאַרגיסונג.

ווי נאָר מע האָט פאַרעפנטלעכט דעם מאַניפעסט וועגן דער גאָסודאַרסטווענער דומע, האָט אונזער אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן צו דערקלערן אַן אַלגעמיינעם שטרייק, נאָר מיר האָבן נאָך ניט צייט געהאט קאָנקרעט צו באַטראַכטן דידאָזיקע פראַגע, ווי פּ. פּ. ס. האָבן אונז מודיע געווען, אַז זיי האָבן אַף מאָנטיק, דעם 18-טן אַווגוסט, באַשטימט אַן אַלגעמיינעם שטרייק, וועגן וועלכן זיי האָבן שוין אַרויסגעלאָזן אַ בלעטל, און זיי האָבן פאָרגעלייגט אונז און פּ. ס. ד. צושטיין צום שטרייק. מיר האָבן ניט געוואָלט, אַז ס'זאָלן אויסקומען צוויי אַלגעמיינע שטרייקן און מיר האָבן אָנגענומען דעם פאָרשלאַג.

איניינעם מיט פּ. ס. ד. האָבן מיר געבילדעט אַ קאָמיסיע, וועלכע ס'האָט מאָנטיק אָנגעהויבן אַראָפּנעמען די אַרבעטער. מאָנטיק אינדערפרי זיינען אונזערע אָטריאַדן אַרומגעגאַנגען איבער די פאַבריקן און ווערקשטאַטן, האָבן פאַנאַנדערגעגעבן קאַרטלען און גערופן צום שטרייק. אין דעמדאָזיקן טאָג האָבן געוואָרפן די אַרבעט אַלע אידישע אַרבעטער. פון די פאַבריקן, וואו עס אַרבעטן קריסטן, זיינען נאָר ווייניקע געשטאַנען; באַם אַראָפּנעמען די אַרבעטער איז פאָרגעקומען אַף איין פאַבריק אַ צוזאַמענשטויסונג צווישן אונזער אָטריאַד און דעם פּאַטרול. דער פּאַטרול האָט ניט אַרויסגעלאָזן די אַרבעטער, וועלכע עס האָבן געוואָרפן די אַרבעט, האָט פאַרשפּאַרט די טויערן פון פאַבריק און האָט געוואָלט אַרעסטירן אונזער אָטריאַד. די אַרבעטער האָבן געלאָזן אין פּאַטרול אַ

שטראָם הייסן קאַלך און די אַנשיי=כאַיעל האָבן זיך טייקעף געלאָזן לויפן. אַוועק-לויפנדיק, האָבן די סאלדאַטן געשאָסן און האָבן פאַרוואונדעט איין אַרבעטער.

דינסטיק האָט מען געוואָרפן די אַרבעט אַף די פאַבריקן פון פאָזנאַנסקי, שייבלער, גראָמאַן, גייער און אַסאַך אַנדערע. דערזעענדיק מאָנטיק, אַז די פאַב-ריקן ארבעטן, זיינען די אידישע ארבעטער דינסטיק אוועק צו דער אַרבעט, ווי נאָר אָבער זיי האָבן זיך דערוואוסט, דאָס די פאַבריקן שטעלן זיך אָפּ, האָבן זיי אַלע געוואָרפן צוריק די ארבעט.

10 אזייגער אינדערפרי האָט מען אָנגעהויבן צו פארמאכן די קראָמען אַף פּעטראָקאָווער און די דערבייאיקע גאַסן. ניט קוקנדיק, וואָס די פּאָליציי האָט עטלעכע מאָל געהייסן עפענען די קראָמען, סטראשנדיק מיט 300 רובל שטראָף, זיינען דאָך די קראָמען געבליבן פארמאכט. דאָרטן, וואו מע האָט זיי געעפנט, האָבן זיי די אָטריאדן צוריק פארמאכט. עס זיינען אויך געווען פארמאכט די באנקן און די באנק - און עקספּעדיציאָנס=קאָנטאָרן.

דינסטיק אין אָוונט איז קיין איינציקע היגע צייטונג ניט ארויס. מע האָט זיך געפּרואווט אָפּשטעלן דעם טראמוואי, נאָר דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבן. ניט קוקנדיק, וואָס דער שטרייק איז ניט געווען קיין אלגעמיינער, האָט ער דאָך געהאט א מוירעדיקע באַדייטונג, האָבנדיק אין זינען די באַדינגונגען, בא וועלכע עס איז אויסגעקומען אים דורכצופירן.

דיביידע טעג איז די שטאָט געווען פארפלייצט מיט כאַיעל און קאזאקן, וועלכע זיינען די גאנצע צייט אין לאנגע ציילן ארומגעפאָרן איבער די גאַסן, באנוצנדיק גאנץ אָפט זייערע נאגאַיקעס. אין דעם אידישן ארבעטער-קווארטאל האָבן די קאזאקן געשלאָגן יעדן פארבייגייענדיקן. מאָנטיק אין אָוונט און דינ-סטיק באטאָג האָט זיך איינעם פון אונזערע פּאָלק=קאמאנדירן פארוואָלט מאכן א פּאראד פארן כאַיעל אַף דער פּעטראָקאָווער גאַס, וועלכע ס'איז שטענדיק פול מיט פּובליקום. די גאנצע באוועגונג האָט מען אָפּגעשטעלט. אַף איין ראָג איז געשטאנען דער אָרקעסטער און האָט געדונערט, ווי ער האָט נאָר געקענט. מער אלס א וויאָרסט האָט פארנומען דערדאָזיקער צוג. די סאלדאַטן זיינען גע-גאנגען ניט אין ציילן, נאָר איינציקווייז, צוויי טריט ווייט איינער פון צווייטן. דאָס איז געווען א מאניפעסטאציע קעגן אונזער שטרייק. אפילע דער זייטיקער אוילאָם האָט אויך פארשטאנען דעמדאָזיקן וואונק, און עס האבן זיך געהערט אזעלכע פראזן: „זיי באווייזן, אז זיי זיינען נאָך דאָ אַף דער וועלט", „דאָס ווילן זיי אָנשרעקן די ארבעטער" און אז. וו...

78. גאַסן־מאניפעסטאציעס אין ווילנע.

(קאָרעספּאָנדענץ אין „לעצטע פּאסירונגען" נומ. 25, 1905).

מיטוואָך, דעם 28=טן סענטיאבער, האָט געדארפט פּאָרקומען די ערשטע פאר-זאמלונג פון די היגע ־ווילער. מיר האָבן באשלאָסן צו קומען אַף דערדאָזיקער פארזאמלונג. דער פּלאן איז געווען אזא: די ארבעטער קלייבן זיך צונויף אַף

דעם געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט באַם קלוב (וואו די פאַרזאַמלונג האָט געזאָלט פאַרקומען), גייען אַריין אַף דער פאַרזאַמלונג, מאַכן איר פאַר אַ פאָלקס-מי-טינג און לייגן פאַר זייער רעזאָלוציע. אויב עס וועט זיך ניט איינגעבן אַריינ-צוגיין אין קלוב, זאָל מען מאַכן דעם מיטינג אַפן גאַס; אויב דאָס וועט זיך אויך ניט איינגעבן, זאָלן זיך די אַרבעטער פאַרשפּרייטן איבער פאַרשיידענע גאַסן און זאָלן דאָרט מאַכן מאַניפעסטאַציעס. דעמדאָזיקן פּלאַן האָט אונזער קאָמיטעט פאַרגעלייגט דער היגער גרופּע פון דער רוסלענדער פּאַרטיי, און זי האָט אים אָנגענומען.

די אַגיטאַציע פאַרן באַיקאָט פון דער גאַס. דומע, האָט זיך באַ אונז ענער-גיש געפירט שוין פון עטלעכע וואָכן. אין דעם מעשעך פון דער לעצטער צייט זיינען אַף אונזערע פאַרזאַמלונגען (אַף קוואַרטירן און אַף פאַבריקן) איבערגע-וועגן אַן ערעך 1200 מענטשן. דינסטיק, דעם 27 סענטיאַבער, האָט מען אַף אונ-זערע בירזשעס אָרגאַניזירט מיטינגען פון 100, 300 און מער אַנטיילנעמער. די אַרבעטער האָט מען גערופן צו אַן אָפענעם פּראָטעסט קעגן דער גאַס. דומע און מע האָט אויפגעפאָדערט זיי צו באַוואָפענען זיך. מיט דעם אויפרוף פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן די אַרבעטער אַלע סימפּאַטיזירט. מיטוואָך באַטאָג האָט מען פאַרשפּרייט בלעטלעך פון אונזער קאָמיטעט: „די ליבעראַלן און דער פּראָלע-טאַריאַט".

8 אַזייגער אין אָוונט האָבן זיך אַף די אָנגעמערקטע בירזשעס אָנגעהויבן צונויפקלייבן די אַרבעטער, און פון דאַנען האָבן זיי נאָכן סיגנאַל פון די אָר-גאַניזאַטאָרן געזאָלט אַוועקגיין צום געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט. די אַרבעטער זיי-נען געגאַנגען מונטערע, פריילעכע און באַוואָפנטע מיט וואָס יעדער האָט גע-קענט, דעריקער, פאַרשטייט זיך, מיט שטיינער און שטעקנס. אַף דער אַרזאַמאַ-סער גאַס זיינען געווען אַ מענטשן 500, אַפן באַרג — 300, מער ווי אומעטום איז געווען אוילאַם אַף דער ווילנער גאַס, אַסאַך אַרבעטער האָבן זיך אויך גע-פונען אַף דער פאַרטאַוווער גאַס און אַנדערע גאַסן. סאַכאַקל זיינען געווען אַ מענטשן 3000, דערינען 400—500 מענטשן, וואָס זיינען געקומען, לויט דער אויפפאָדערונג פון אַנדערע פּאַרטייען. אונזערע האַכאָנעס האָט, פאַרשטייט זיך, די פּאָליציי ניט געקענט ניט באַמערקן.

די גאַסן זיינען געווען פול און פיל מיט פּאָליציי. די ווילער פלעגן דורכגיין אין קלוב אונטערן שוץ פון סאָלדאַטן. אַלע אַריינגאַנגען אַפן געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט זיינען געווען פאַרנומען פון דער פּאָליציי, סאָלדאַטן און קאָזאַקן. „פּאַרדעכטיקע" פלעגט מען אַפן פּראָספּעקט ניט דורכלאָזן. אַלע בירזשעס זיי-נען געווען אָפּגעשניטן איינע פון די אַנדערע דורכן כאַיעל. ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן זיך אַפן געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט, האָבן די אַר-בעטער אָנגעהויבן צו מאַניפעסטירן אַף די דערבייאיקע בירזשעס. עס האָבן זיך דערהערט אויסרופן: „נידער מיט דער גאָסודאַרסטווו. דומע" און אַנדערע. די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן צו שיסן פון רעוואָלווערן. אַ פּאָליציי-פּאַטרול איז זיך אין איין אָרט צעלאָפן, ווען די אַרבעטער האָבן גענומען שיסן. די

איינוואוינער האבן זיך דערשראקן. מע האט טייקעף אנגעהויבן צו פארמאכן די טויערן.

די גרעסטע מאניפעסטאציע איז געווען אף דער ווילנער גאס. א היפשע מאניפעסטאציע איז אויך געווען אף דער זאוואלנער, וואוהין עס זיינען זיך אויך צונויפגעקומען די ארבעטער פון עטלעכע בירזשעס; עס זיינען אויך געווען מאניפעסטאציעס אף די פאלגנדע גאסן: טראקער, רודניצקער, האספיטאלאווער, אידישער, גרויסער, דייטשער און אנד. די קאזאקן און די פאליציי־פלעגן צעטרייבן די ארבעטער גרופן מיט זייער געוויינלעכער אכזאריעס. אף דער מאטראסקער גאס האט מען געגעבן א פוסטן זאלפ; מיט אַ באַזונדערע אכזאָריעס האָט מען געשלאָגן די אַרבעטער מיט נאַגאַיקעס און מיט שטילן פון די ביקסן אַף יענע בירזשעס, וואו עס איז געווען אַ קליינער אוילאָם; די אַרבעטער האָבן שווער פאַרוואונדעט אַן אָפיצער, א קאַזאַק, אַ גאָראָדאָוואָי און איינעם אַן אקאלאטאטשנעם. אַף דער גרויסער גאַס האָט באַקומען אַ היפשן ביילעק דער פּאָליצמייסטער, וואָס האָט זיך א וואָרף געטאָן אַפן אוילאָם מיט א בלויזן שווערד. אַרעסטירט האָט מען נאָענט פון 50 מענטשן. מע האָט זיי פּאַרטריבן אַפן פּאָליציי־הויף און געשלאָגן מאַקעס רעצאַך. אַסאַך האָט מען ארויסגענומען אויגן און ארויסגעשלאָגן ציינער.

...די פאַרזאַמלונג פון די ווילער איז ניט פאָרגעקומען. עטלעכע ליבעראַלן האָבן פאָרגעלייגט פאַנאַנדערגיין זיך איבער די פאַסירונגען אַף די גאַסן. דער געשוואָרענער אַדוואָקאַט טיקטין איז, פאַרקערט, געשטאַנען דערפאַר, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל יאָ פאָרקומען, ווייל דער „האמוין" קען אונז אלצאיינס ניט שטערן. אַפילע דער אקאלאטאטשניק האָט זיך אויך אַריינגעמישט, בעטנדיק דעם אוילאָם צו בלייבן: „אומרוען וועלן דאָך אלע מאָל זיין" — האָט ער געזאָגט, נאָר די ווילער האָבן באַ זיך דאָך ניט פויעל געווען צו בלייבן, און זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

כאָטש אונז האָט זיך ניט איינגעגעבן איינגאַנצן אויספירן אונזער פּלאַן, אָבער דאָך קענען מיר זאָגן, אַז דאָס ארויסטרעטן פון 28 סענטיאַבר האָט זיך איינגעגעבן. דידאָזיקע מאַניפעסטאַציעס האָבן אויפגערודערט די גאַנצע היגע באַפעלקערונג און האָבן באַוויזן, אַז די אַרבעטער זיינען גרייט צו קעמפן, און אַז זייער באַוואוסטזיין איז דערגאַנגען צו אַ גרויסן גראַד.

די שטימונג פון אונזערע אַרבעטער איז איצטער א געהויבענע, אַן אויפגעמונטערטע. די שלאָגעריי אין די צירקלען האָט ניט אָפּגעשוואַכט זייער רעוואָלוציאָנערע ענערגיע. זי רופט אַרויס דעם שטאַרקסטן האס און אַ געפיל פון נעקאָמע. די אַרבעטער פאָדערן געווער.

79. א בלוטיקער צוזאמענשטויס אין מינסק.

(קארעספאנדענץ אין „לעצטע פּאַסירונגען" נומ. 23, 1905).

מיטוואָך, דעם 8-טן אָקטיאַבר, האָט געדאַרפט פאָרקומען אין איינער פון די היגע שולן (אַף באָלאָטנער גאַס) אַן אַרבעטער־מיטינג, וועלכן עס האָט צו-

נויפגערופן דער אָרטיקער קאָמיטעט פון בונד. בעאייס עס האָבן זיך קימאַט אַלע צונויפגעקליבן (איבער טויזנט מענטשן), האָט זיך אין שול אַריינגעריסן פּאָליציי. דער פּאָרזיצנדער פון דער פאַרזאַמלונג האָט מודיע געווען, אַז דאָ קומט פאָר אַ מיטינג, אַף וועלכן מע באַטראַכט דעם מאַניפעסט פון 6-טן אויגוסט. דער פּריסטאַוו האָט געבעטן דעם פּאָרזיצנדער באַרואיקן דעם עולם און האָט דערביי דערקלערט: „מע וועט נאָר פאַרשרייבן אַלעמענס נעמען און מע וועט אייך פריי לאָזן, וואַרט נאָר ביז דער פּאָליצמייסטער וועט קומען".

מע האָט געוואַרט באַ אַ שאָ און דערביי איז די פאַרזאַמלונג פּאָלקאָמען רואיק געווען. נאָר אָט באַווייזט זיך דער קורסקער „העלד" 116), וועלכער האָט שוין געקראָגן אַ גרויסן נאָמען פאַר זיין בערייעשאַפט אָרגאַניזירן בלוטיקע האַריגעס און אָנפאַלן אַף קליינע קינדער. דער פּאָרזיצנדער האָט דערקלערט, אַז ער וויל זיך מיט אים דורכריידן. געענטפערט אַף דערויף האָט דער קורס-קער רעצייעך מיט אַ גראָבער זידלעריי און האָט אַ געשריי געטאָן: „שלאָגט זיי, די „מענואוואָלים"!

פון דער רעגע אָן הויבט זיך אָן אַ שרעקלעכע, אומערהערטע רעציכע... אין אַ געשלאָסענעם זאַל פאַלט אָן אַ באַנדע פון ווילדע רויבער אַף אומבאַ-וואָפנטע מענטשן. מע לאָזט קיינעם ניט דורך, מע שלאָגט מיט נאַגאַיקעס, מיט בלויזע שווערדן, מע טרעט אונטער די פיס, עס הערט זיך אַ שיסעריי... אין דער לופט הילכן די ווילדע קוילעס פון די קאַזאַקן, די געשרייען און דאָס קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע און צעמאַזיקטע. מע שלאָגט ווי עס מאַכט זיך און ווע-מען עס מאַכט זיך; פרויען כאַפּט מען באַ די האָר; ווי ווילדע כאַיעס צעקאַ-ליעטשען די רוצכים יעדערן; פון די פענימער ווערן דורכויס בלוטיקע פלעקן... פון די טירן לאָזט מען קיינעם ניט אַרויס. די קאַזאַקן און די פּאָליציי רוקן זיך אַלץ ווייטער און שטופּן דעם עולאָם צו די ווענט, די פענסטער טראָס-קען און די פאַרזאַמלטע מוזן ניט ווילנדיק שפּרינגען דורך זיי. די קאַזאַקן האָבן אַסאַך מענטשן פון די פענסטער אַרויסגעוואָרפן (די שול שטייט אַף אַ גאַנץ הויכן פונדאַמענט).

נאָך דערמיט האָט זיך עס נאָך ניט געענדיקט: די פאַרוואונדעטע און צע-מאַזיקטע, וואָס זיינען אַרויסגעשפּרונגען אָדער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון די פענסטער, האָבן אַין גאַס אָנגעטראָפן נאָך מער ווילדע און נאָך מער צעבושע-וועטע בריעס.

אין דער ענגער געסעלע, וואו עס איז געווען שטאַרק פינסטער, איז די שרעקלעכע האַריגע ווייטער געגאַנגען. שווערדן, קינושאַלן, שטילן פון די ביקסן, נאַגאַיקעס, — אַלץ האָט מען אָנגעווענדט. יעדערער האָט געדאַרפט דורכגיין דורך די ציילן פון די אָנגעשיקערטע באַשיבוזוקן... עס האָבן זיך גע-הערט באַנומענע קוילעס, מע האָט געוואָרפן אָן דער ערד, צוריק אויפגעהויבן און ווייטער געשלאָגן... אויב וועמען האָט זיך איינגעגעבן צו באַהאַלטן זיך אַף אַ הויף, האָט מען אים דאָרט אויך צו רו ניט געלאָזן. די ווילדע רעציכעס האָבן געדויערט $3/4$ שאָ און—ווי עס דערציילט די היגע אָפיציעלע צייטונג — „די פאַרזאַמלטע האָט מען צעשפּרייט"...

...עס זיינען דאָ איבער 100 שווער און לייכט פאַרוואונדעטע (עס איז מעגלעך, אַז אַסאַך מער; קיינע גענויע ידיעות האָט זיך נאָך ניט איינגעגעבן צו באַקומען, ווייל פיל זיינען אַוועק אהיים) פון די דאָקטוירים האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז עס זיינען דאָ 8 מענטשן געפערלעך פאַרוואונדעט; בײַ איינעם איז אַ וואונד פון אַ קויל, אַ צווייטן האָט מען מיט אַ שווערד דורכגעהאַקט דעם שאַרבן ביזן מאַרך, בײַ אַ דריטן האָט מען אַראָפּגעכאַפּט אַ שטיק נאָז; דער פערטער וועט אַראָפּ פון מויעך פון שטאַרקע קלעפּ איבערן קאָפּ; בײַ אַסאַך איז די גאַנצע פּענימער פאַרונען מיט בלוט; צעמאַזיקטע זיינען אַסאַך.

...אַף מאָרגן האָבן מיר אָרגאַניזירט מאַניפעסטאַציעס אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט, זיי זיינען דורכגעגאַנגען גוט.

אין דעמזעלבן טאָג האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן דער קאָאָס און די ערבי־טערונג פון די אַרבעטער. 5 אַזייגער בײַטאָג האָט מען טויטלעך פאַרוואונדעט דעם אָקאָלאָטאָטשנעם, וועלכער עס האָט גענומען אַן ענערגישן אַנטייל אין די רעציכעס, און אין אָוונט האָט מען פאַרוואונדעט טויטלעך (אָדער אין יעדן פאַל שווער) דעם פּריסטאַוו פון יענעם טייל שטאָט, וואו די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען.

די מאַסן שרייען אין קאָל נאָר איין זאַך! „נעקאָמע"! „נעקאָמע אָן אַ שום ראַכמאָנעס"! און דאָס האט זיך שוין אַרויסגעוויזן דעם ערשטן מעסלעס נאָך דער פאַרזאַמלונג 117).

דריטער טײַל

פּאַרטייען אין דער אידישער ארבעטער-באוועגונג

איינלייטונג.

די רעוואָלוציע פון 1905 האָט געמוזט אַריינטראָגן גרויסע ענדערונגען אין די פּאַרטיי-פאַרהעלטענישן אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט. דערצו האָבן געווירקט פאָלגנדע פאַקטאָרן:

1. די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעפירט די אידישע אַרבעטער-מאַסן פון זייער נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערער אָפּגעזונדערטקייט און געבראַכט זיי אין באַרירונג מיט די רוסישע און פוילישע אַרבעטער. זי האָט געשטעלט גאַנצע שיכטן אונטערן דירעקטן איינפלוס פון די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

2. די רעוואָלוציע האָט פאַרגיכערט דעם צעפאַלונגס-פּראָצעס אין ציאָניסטישן לאַגער, זי האָט געשטויסן די קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ אָפן וועג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. קעדיי איינצוהאַלטן דעם איינפלוס אַף די אידישע אַרבעטער, האָט די אינטעליגענץ געמוזט באַפאַרבן איר ציאָניסטישע אידעאָלאָגיע מיטן סאָציאַליזם.

3. אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן נייע ברייטע שיכטן פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָבן נאָך ניט דורכגעמאַכט קיין טעאָרעטישע שול, וואָס האָבן זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיטן סאָציאַליסטישן וואָרט. דערמיט האָט זיך געשאַפן אַ באָדן פאַר פאַרשפּרייטן האַלב-מאַרקסיסטישע און פּסעוודאָ-מאַרקסיסטישע אַנשויאונגען.

4. די רעוואָלוציע האָט געשאַפן גאַנץ באַדייטנדע שיכטן פון אַרבעטסלאָזע און האָט אָפט אָפּגעשטעמפּט דעם גרעניץ צווישן אָט די שיכטן מיטן לומפּנפּראָלעטאַריאַט. אַף דעם באָדן זיינען אויסגעוואַקסן אַנאַרכיסטישע גרופּן.

אין דער פּאָליטיש-רירעוודיקער אידישער אַרבעטער-מאַסע האָבן אָט די אַלע אורזאַכן געבראַכט צו אַ העכסט אַנטוויקלטער פּאָליטישער דיפערענצירונג. דער פּאַרטיי-קאַמף האָט געברענט אומעטום: אין גאַס, אין וואַרשטאַט, אַף דער בירזשע, אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. יעדער אידישער אַרבעטער איז געווען אָרגאַניזירט אונטער וועלכער ניט איז פּאַרטייאישער פאָן, געגאַנגען

אונטער דער אָנפירונג פון אַ וועלכער ניט איז פּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע. וויל מען זיך אָבער ריכטיק פאַנאַנדערקלייבן אין אָט דער שטאַרקער פּאַרטיי־אישער דיפערענציאַציע, מוז מען ניט אַרויסלאָזן פון אויג די צוויי הויפּט-טענדענצן, וועלכע האָבן דאָ צווישן זיך געקעמפט: די פּראָלעטאַ-רישע און קלײנבירגערלעכע.

די קלײנבירגערלעכע איינפלוסן זיינען געלעגן אין די אָביעקטיווע באַדינ-גונגען פונם לעבן פון דער אידישער אַרבעטער־מאַסע: האַנטווערקער־אינדוסט-ריע, סאָציאַלע נאָענטקייט צום קלײנבירגערטום, נאַציאָנאַלע אָפּגרעניצונג פון דער אידישער אַרבעטער-מאַסע. די ריין־פּראָלעטאַרישע איינפלוסן, וואָס באַזירן אַפן העכסט-אַנטוויקלטן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, האָבן צו דער אידישער אַרבעטער-מאַסע געקאָנט קומען און זיינען געקומען נאָר „פון דרויסן", דורך דער פאַרבינדונג מיט די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס.

„פון דרויסן" זיינען אָבער געקומען אויך קלײנבירגערלעכע איינפלוסן. די רוסישע מענשעוויקעס (אין דאָרעם-רוסלאַנד) און סאָצ. רעוו. (די לעצטע דורך די אידישע „סיימאָווצעס"), די פּוילישע פּ.פּ.ס., דערנאָך דער אַנאַרכיזם — דאָס זיינען אַלגעמיינע, אָבער דאָך קלײנבירגערלעכע איינפלוסן אַפן אידישן פּראָלעטאַריאַט.

די יאָרן 1905 און טיילוויז 1906 צייכענען זיך אויס אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג דערמיט, וואָס אין די יאָרן האָט זיך באַזונדערס בולעט אַרויסגעוויזן דער איינפלוס פון באָלשעוויזם. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט, ער-שטנס, אין דער ברייטער אַרבעט פון דעם צאָפּן-מאַירעוודיקן און פּאָליעסער קאָמיטעטן פון ר.ס.ד.א.פּ., וועלכע האָבן ביידע דאַן געהערט צו דער באָל-שעוויסטישער פראַקציע. דאָס דריקט זיך ווייטער אויס אין באָלשעוויסטישע טענדענצן אין דער בונדישער טאַקטיק — ביז זיין 7-טן צוזאַמענפאָר (אויגוסט 1906). ווען מיר זאָלן וועלן סכעמאַטיש פאָרשטעלן דאָס בילד פון די פּאַרטיי-באַציאונגען אין דער אידישער אַרבעטער־מאַסע פאַר אָט דעם ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע, וועלן מיר באַקומען פאָלגנדע טאַבעלע (זע ז. 293).

מיר באַטאָנען נאָכאַמאָל, אַז דידאָזיקע טאַבעלע גילט נאָר פאַר די יאָרן 1905—06. שפּעטער קומען שטאַרקע ענדערונגען. דער „בונד" רייסט זיך אַרויס פון אונטערן באָלשעוויסטישן איינפלוס. די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן שטאַרקן זיך אַלץ מער אין זיינע רייען, ער דערנעענטערט זיך אַלץ מער צו די אידישע קלײנבירגערלעך-סאָציאַליסטישע גרופּן און צום רוסישן מענשעוויזם. עס ווערט אויך שטאַרק אָפּגעשוואַכט דער איינפלוס פון צאָפּן-מאַירעוודיקן קאָמיטעט פון ר.ס.ד.א.פּ. און אויך דער איינפלוס פון די באָלשעוויקעס אין

אים (צו דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר איז נאָר די מינסקער גרופּע אַ באָלשע-וויסטישע). די פּראוואָן פון דער פּוילישער סאָצ. דעמ. צו אַנטוויקלען אַ ברייטע אַרבעט צווישן די אידישע אַרבעטער גייען אויך אונטער. די אידישע אַר-בעטער-מאַסע אין מאַירעוו-ראַיאָן פאַלט אַרונטער אויסשליסלעך אונטער דער ווירקונג פון דער מענשעוויסטיש-נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע. וועגן דער אידישער אַרבעטער-מאַסע אין דאָרעם האָבן מיר נאָר זייטיקע איידעס: צום לאָנדאָנער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר אין 1907-טן זיינען די דעלעגאַציעס פון ר. ס. ד. אַ. פּ. פון דאָרעם געווען אָנגעשלאָסן אָן די מענשעוויקעס. צום באַדויערן איז די באַוועגונג פון די אידישע אַרבעטער אין דאָרעם-רוסלאַנד נאָך גאָרניט אויסגעפאָרשט, עס איז נאָך אַפילע ניט אויסגעטיילט באַזונדער פונם אַלגעמיי-נעם מאַטעריאַל דאָס אַלץ, וואָס האָט אַ שאַיכעס צו די אידישע אַרבעטער.

מיר קערן זיך אום צו דער טאַבעלע.

פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק	בורזשואַזער איינפלוס: לינקס-צענטרי-סטישע פּאָליטיק	בורזשואַזער איינפלוס: רעכטס-צענטריסטישע פּאָליטיק: אידישע נאַציאָנאַלע	בורזשואַזער איינפלוס: רעכטס-צענטריסטישע פּאָליטיק: אלגעמיינע	בורזשואַזע פּאָליטיק: נאַציאָנאַ-ליסטישע	בורזשואַזע פּאָליטיק: קאדעטישע
1. ר. ס. ד. א. פּ. באָלשעוויקעס		4. ציאָניסטן-סאָציאַליסטן (ס. ס.)	7. פּ. פּ. ס.	11. אלגע-מיינע ציאָניסטן	12. אידישע קאַדעטן (פאָלקס-גרופּע)
2. פּוילישע סאָצ. דעמ.	3. „בונד"	5. פּויאַליציאָן (צוויי פּראקציעס)	8. ר.ס.ד.א.פּ. מענשעוויקעס		
		6. סיימאווצעס	9. סאצ. רעוו.		
		10. אַנאַרכיסטן		13. פאָלקס-פּאַרטיי (דובנאָוו)	

די רעוואָלוציאָנער-מאַרקסיסטישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען — באָלשעוויקעס און פּוילישע סאָצ. דעמ. — האָבן געהאַט אַ גאַנץ אויסגעהאַלטענעם פּרינציפּיעלן ענטפער אַף די גרונד-פראַגן, וואָס דאָס לעבן האָט געשטעלט פאַר די אידישע אַרבעטער. זיי זיינען מיטביידע פיס געשטאַנען אַפן שטאַנד-פונקט פון קלאַסנקאַמף. זייער שטאַנדפּונקט אין דער אידישער פראַגע איז אין גרונד געווען פאָלגנדער: איינגעגלידערט אין ווירטשאַפטלעכן אָרגאַ-ניזם פון יענע לענדער-פעלקער, צווישן וועלכע זיי וואוינען, שטעלן ניט

די אידן פאַר קיין באַזונדערן ווירטשאַפטלעכן נאַציאָנאַלן
אָרגאַניזם. די אידישע בורזשואַזיע, דאָס אידישע קליינבירגערטום, דער אי=
דישער אַרבעטער, — דאָס זיינען שטיקלעך פון גרויסע עמעסע קלאַסן, וועלכע
פאָרמירן זיך אין לאַנד. צוליב דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, צוליב דער
אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דער דעספּאָטישער זעלבסטהערשונג, צוליב זיי-
ער שפּראַך און קולטור שטעלן די אידן פאָר מיט זיך אַ באַזונדערע פּאָליטי-
שע גרופּע, דערפאַר איז אומבאַדינגט נויטיק, אַז באַ דער פאָרמולירונג פון די
קלאַסן-פאָדערונגען פונם פּראָלעטאַריאַט זאָל די סאָצ. דעמ. שטענדיק געדענ=
קען אָן דער באַזונדערער לאַגע פון די אידן, קעדיי צו דערשלאָגן זיך ענד-
גילטיק די אָפּשאַפונג פון אַלע רעשטלעך פעאָדאַלע פאַרפאָלגונגען און פעאָדאַלער
אָפּזונדערונג. וועגן דעם רעדט די פּראָגראַם פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אָבער דער
טרעגער פון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן-פּאָליטיק אין לאַנד איז די רעוואָלו-
ציאָנערע קלאַסן-פּאַרטיי אַלס גאַנצע און איינהייטלעכע. אַלע באַוואוסטזיניקע
אידישע אַרבעטער גיסן זיך אריין אין אָט דער איינהייטלעכער צענטראַליזירטער
פּאַרטיי, וועלכע באַשטימט די פּראָגראַם, טאַקטיק און אָרגאַניזאַציאָנס=פאָרמען
פון קאַמף. דאָס אַליין, וואָס אַ טייל אידישע אַרבעטער האָבן זיך פון פּאָרויס
אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע און פּראָוון, ווי אַ באַזונדערער
צאַד, „צונויפריידן זיך" מיט די רוסישע אַרבעטער, מיט די פּוילישע אַרבעטער,
איז שוין אַ סימען פון קליינבירגערלעכן איינפלוס אַפן פּראָלעטאַריאַט. דערויף
קען מען קוקן נאָר ווי אַף אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג. די שטרעבונג
דאַרף אָבער זיין — די פולשטענדיקע פּאָליטישע אַסימילאַציע
פון די רוסישע, פּוילישע און אידישע אַרבעטער (אזוי ווי מיר האָבן דאָס איצט
אין דער ר. ק. פּ.). שטרעבן צו פּאָליטישער אַסימילאַציע הייסט ניט לייקענען
די אידישע שפּראַך און די פּראָלעטאַרישע שול אין אידיש — אין דעם פּראַט
האָט די דעמאָקראַטישע סאָצ. דעמ. פּרעסע אין רוסיש און פּויליש גאַנץ אָפּט
געזינדיקט. די פּראָגראַם איז אָבער פריי פון אָט די זינד, די פּראָגראַם אַנער-
קענט דאָס רעכט פון אַלע שפּראַכן און פאָדערט שולן אַף דער מוטער=שפּראַך.
זי פאַרוואַרפט נאָר די נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע, ווייל די טענדענץ פון אָט
דער אַווטאָנאָמיע איז נאָר מאָדערניזירן און דערמיט פאַראייביקן דאָס אַלטע
פעאָדאַלע געטאָ, אָפּטיילן די אידישע פון ניט=אידישע אַרבעטער און אונטער-
וואַרפן די אידישע אַרבעטער אונטערן איינפלוס פון דער אידישער בור-
זשואַזיע.

נעמענדיק דעם פּראָלעטאַריאַט אַלס קלאַס אין גאַנצן, געדענקענדיק
שטענדיק אָן זיינע אויפגאַבן, איז די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי גאַראַנטירט פון

וועלכע ניט איז וואַקלונגען. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט לעבן ניט אַלע שיכטן פון פּראלעטאַריאַט אין דיזעלבע באַדינגונגען. דער האַנטווערקער-אַרבעטער, דער קוסטאַר=אַרבעטער לעבט אַ פאַרקריפּלטן לעבן. זיין לעבנשטייגער איז נידעריקער, איידער באַם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. אָבער דערפון קאָן נאָך ניט אַרויסקומען קיין באַזונדערע ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע פּאַרטיי פאר האַנטווערקער-אַרבעטער. דאָסזעלבע איז אויך מיטן אידישן אַרבעטער. ריכטיק איז, אַז ער לעבט אין פארקריפּלטע באַדינגונגען, די אלגעמיינע פּאַרטיי דאַרף קעמפן קעגן די פארקריפּלונגען, מע קאָן אָבער ניט שאַפן קיין באזונדערע אידישע פּראָגראם, קיין באַזונדערע אידישע פּאַרטיי צוליב אָט דער פארקריפּלונג.

קעגנזעצלעך צו אָט דער רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע—קאָנסעקווענט אויסגעהאלטן אין דער קעגנזעצלעכקייט איז נאָר די ציאָניסטישע פּראָגראַם. אליין א פּראָדוקט פון קליינבירגערטום, בויט דער ציאָניזם זיין וועלט-אנשויאונג אַפן יעסאָד פון דער אָפּזונדערונג און פארקריפּלונג פון דער אזוי גערופענער אידישער „נאציאָנאלער ווירטשאפט". ארויסרייסנדיק קינסטלעך פון אלגעמיינעם ווירטשאפטלעכן אָרגאניזם די אידן (אין דערעמעסן ווערן זיי וואָס פון טאָג אלץ מער פארבונדן און איינגעגלידערט אין דער אלגעמיינער ווירטשאפט), שטעלט דער ציאָניזם אַ פּעסימיסטישן דיאַגנאָז (דער פּעסימיזם שטאמט פון זיין קליינבירגערלעכן מעהוס) און פּאָדערט א באזונדער לאנד פארן פארקריפּלטן פאָלק. אויך פאר דער איבערגאנגס-צייט פארלאנגט דער ציאָניזם אַן אייגענע נאציאָנאל-פּאָליטישע מלוכע-אָרגאניזאציע—די אידישע אַוטאָנאָמיע מיט רעכט פון זעלבשטענדיקע שטייערן, מיט אַן אייגענער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. דאָס איז אלץ דורך און דורך רעאקציאָנער, אָבער קאָנסעקווענט, געבויט אף אַן איינהייטלעכן און פאלשן באָדן פון „אידישער נאציאָנאלער ווירטשאפט".

די אזוי גערופענע פּראָלעטאריש-ציאָניסטישע גרופּן און ריכטונגען שטייען אַלע אין גרונד אף דעמזעלבן ציאָניסטישן באָדן. מיט פארשיידענע וואַריאַנטן באטאָנען זיי אלע די פארקריפּלונג פון דער „אידישער ווירטשאפט" און אַפן גרונד פון אָט דער פארקריפּלונג בויען זיי א באזונדער פּראָגראם און א באזונדערע פּארטיי.

מיר שיקן אָפּ דעם לעזער צו דער אָפּשאצונג פון דער טעאָריע פון די ציאָניסטיש=סאָציאליסטישע ריכטונגען, וואס איז געגעבן דורך די רעזאָלוציעס פון די באָלשעוויקעס און פון „בונד". דער ציאָניזם איז שטענדיק געווען געצווּנגען...

עקאָנאָמישן לעבן פון די אידן, דער ציאָניזם האט געזעען דערין ניט איינעם פון די רעזולטאטן פון דער אלגעמיינער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, נאָר א רעזול־טאט פון „איביקע" נאציאָנאלע רייבונגען. דער ציאָניזם איז געווען די אי־דעאָלאָגיע פון דער בורזשואזיע און דערפאר האט ער ניט געקאָנט זוכן דעם אויסגאנג אין סאָציאליזם און האט געזוכט א נאציאָנאל־בורזשואזן ענטפער — די שאפונג פון אַן אייגענער נאציאָנאלער מלוכע, די עמיגראציע און קאָלאָ־ניזאציע.

ווען די ציאָניסטן־סאָציאַליסטן וואָלטן זיין רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן, וואָלטן זיי באַדארפט זיך זאָגן, אַז פאַרשיידנאַרטיקע פאַרקריפּלונגען אין פּראָ־לעטאַרישן לעבן זיינען אומפאַרמיידלעך אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאליסט־טישער געזעלשאַפט, און אז דערפאַר איז די אויפגאַבע פון פּראָלעטאריאט וואָס גיכער צו פאַרניכטן אָט די בורזשואַזע געזעלשאַפט און, נעמענדיק די מאַכט אין די אייגענע הענט, אויסגלייכן אַ ל ע פאַרקריפּלונגען. צום ניצאָכן פון פּראָ־לעטאריאט איז אָבער נויטיק וואָס ענגער צו פאַרבינדן צווישן זיך אַלע פּראָ־לעטאַריער, אָן אונטערשייד פון נאַציע, פּראָדוקציע און פאַך. דערצו איז נויטיק באַטאָנען שטענדיק פאר אים די אַ ל ג ע מ ״ י נ ע א ו י פ ג אַ ב ן א ו ן צ י ל ן פון דער באַוועגונג און ניט אַרויסרוקן אַפן ערשטן פּלאַן אַזעלכע צייטווייליקע און פאַרבייגייענדע מאָמענטן, וואָס צעצינדן די נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע און שטויסן דעם אַרבעטער אַפן וועג פון קליינבירגערלעכע און נאַציאָנאליסטישע יעשועס און נעכאָמעס. די ציאָניסטיש־סאָציאַליסטישע פּראַקציעס טוען פאַר־קערט. זיי טרעטן אַרויס מיט דער נאַציאָנאליסטישער טעאָריע, זיי גיבן דעם לאָזונג פון אָפּזונדערונג, זיי רופן אין ציאָן אָדער אין אנדערע טעריטאָריעס; אין 1905-07 נעמען זיי אַן אַקטיוון אנטייל אין דער אלגעמיינער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג, ווייל די רעוואָלוציע ציט אַריין אַפילע די קליינבירגערלעכע עלעמענטן. זיי זיינען רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראטיש, ז י י ה אָ ב ן אָ ב ע ר ק ײ ן ש א י כ ע ס נ י ט צ ו ם ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ן ס אָ צ י א ל י ז ם.

בא דער אידעאָלאָגישער נאָענטקייט צווישן זיך באקעמפן די אלע גרופּעס זייער העפטיק איינע די צווייטע, און אלע צוזאמען — דעם „בונד". פון וואנען שטאמט דידאָזיקע פארשארפטע צאנקעריי צווישן די אלע פּאָליטישע גרופּן? וואָס פאר א פּאָליטישע באדייטונג האָט אָט די צאנקעריי? די אנטוויקלונג פון פּאָליטישן לעבן אין מעשעך פון די וויטערדיקע 20 יאָר נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע גיט אונז די מעגלעכקייט אונטערצופירן א געוויסן סאכאקל. פון אלע אמאָליקע ציאָניסטיש־סאָציאליסטישע גרופּירונגען זיינען ביז היינט אי־בערגעבליבן נאָר די „פּויאַליי ציאָן". די איבעריקע זיינען אראָפּ פון דער סצענע

נאָך דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע. די ס. ס. און י. ס. האָבן זיך פֿאַ־רייניקט אין 1917 יאָר אין איין פּאַרטיי — „פֿאַרייניקטע". דידאָזיקע נייע פּאַר־טיי האָט א געוויסע צייט נאָך געקעמפט קעגן „בונד", באַטאָנענדיק אין פּראָ־גראַם און טאַקטיק שטאַרקער, איידער דער „בונד", די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע מאָמענטן. אין דער צייט פֿון גרויסן קריזיס אין לאַגער פֿון די אידישע סאָציא־ליסטישע ריכטונגען (1919—1921) פֿאַרשווינדט אָט די פּאַרטיי „פֿאַרייניקטע" אינגאַנצן, צונויפֿגיסנדיק זיך טיילווייז מיטן רעכטן, נאָכמער מיטן לינקן טייל פֿון „בונד". די לינקע גיסן זיך שפּעטער אריין אין די רוסלענדישע און פּוי־לישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען. אף דער ארענע פֿון פּאַרטיי־קאַמף זיינען גע־בליבן נאָר צוויי ריכטונגען: דער בונדיזם (אין פּוילן) און דער „פּועלי־ציאָ־ניזם" — דער קאָנסעקווענטער פֿריידיקער פֿון קאָנסעקווענטן ציאָניסטישן געדאַנק אין דער ארבעטער־מאַסע.

די אנטשטייאונג פֿון די צוויי ריכטונגען, — ס. ס. און י. ס. — וואָס האָבן זיך ביידע אָפּגעשפּאַלטן פֿון ציאָניזם, איז געווען א רעזולטאַט פֿון צוויי דער־שיינונגען. ערשטנס, איז דאָס געווען די אנטוישונג אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציאָניסטישן אידעאַל, די אנטוישונג, וועלכע האָט געבראַכט צו דער זו־כעניש פֿון אנדערע טעריטאָריעס און אנדערע וועגן צו פֿאַרווירקלעכן דעם טעריטאָריאַליזם. צווייטנס, איז דאָס געווען א רעזולטאַט פֿון דער פּאָליטישער דערוואַכונג פֿונם קליינבירגערטום און פֿון די מער אָפּגעשטאַנענע שיכטן אר־בעטער, וועלכע האָבן געשטויסן צום אקטיוון אנטייל אין דער רעוואָלוציאָנע־רער באַוועגונג. די ס. ס. און י. ס. זיינען געווען עטאַפּן, דורך וועלכע א טייל פֿון דער אידישער אינטעליגענץ און ארבע־טער איז געגאַנגען צום „בונד". די רעוואָלוציע פֿון 1905 האָט זיי אלעמען אָפּגעשפּאַלטן פֿונם ציאָניסטישן וואָגן און געשטויסן אפֿן וועג פֿון ראַ־דיקאַל־דעמאָקראַטישער פּאָליטיק. זיי האָבן געזאָלט שאַפֿן א נייע פּראָגראַם פֿאַר דעמאָקראַטישע געגנוואַרטס־ארבעט, נאָר זיי האָבן נאָך ניט געהאַט קיין צייט אינגאַנצן צו צערייסן מיטן ציאָניזם. פֿון דער אנדערער זייט, האָט די־זעלבע רעוואָלוציע פֿון 1905 אף א געוויסע צייט אָפּגעהאַלטן די אנטוויקלונג פֿון „בונד" צו א נאַציאָנאַליסטיש־מענשעוויסטישער פּאַרטיי און געשטויסן אים אף לינקס צו א גרעסערער נאָענטקייט מיטן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט. דער־פֿאַר האָט זיך פֿאַרהאַלטן דער פּראָצעס פֿון פֿאַרייניקונג פֿון אָט די ריכטונגען מיטן „בונד".

דער „בונד" ווערט געטריבן אפֿן וועג פֿון פֿאַרייניקונג מיט דער רוסלענ־דישער סאָצ.־דעמ. ארבעטער־פּאַרטיי. די רעוואָלוציע שטעלט שאַרף די פֿראַגע

וועגן פאַרייניקונג פון אלע רעוואָלוציאָנערע קרעפטן. דער „בונד" קאָן ניט לויט זיין אידעאָלאָגיע זיין אָפּגעריסן פון די אלגעמיין־רעוואָלוציאָנערע צענט־רען פון לאנד. די אָביעקטיווע לאגע פון דער אידישער באפעלקערונג, וואס איז איינגעגלידערט אין ווירטשאפטלעכן אָרגאניזם פון דער גאנצער מלוכע, מאכט אומעגלעך אזא מין סעפאראטיזם, ווי בא די פּ. ס.. די לעצטע ווילן דערגרייכן זייער אידעאל אפן וועג פון אָפּטיילן זיך פון דער גאַנצער מלוכע. דער „בונד" קאָן זיין פּראָגראם דורכפירן נאָר אין א פאריייניקונג מיט די רע־וואָלוציאָנערע קרעפטן פון לאנד. דער „בונד" איז געקומען אף דער וועלט מיט דער אידייע פון אן איינהייטלעכער סאָצ.-דעמ. פארטיי. דער וואוקס פון נא־ציאָנאליזם האָט אים געשטויסן אפן וועג פון פארטיידיקן דעם פעדעראטיוון פרינציפּ אין דער איינהייטלעכער סאָצ.-דעמ. פארטיי. צוליב אָט דער פאָדערונג איז ער ארויסגעטראָטן פון דער ר. ס. ד. א. פּ. דער ארויסטריט איז געווען א נאציאָנאליסטישער טריט און א רעזולטאט דערפון, וואָס דער „בונד" האָט ניט ריכטיק אָפּגעשאצט די קרעפטן־פארהעלטענישן און די שטארקייט און צוקונפ־טיקע ראָלע פון דער ר. ס. ד. א. פּ. די רעוואָלוציע האָט גערופן דעם „בונד" צו אָרדענונג. פון אונטן איז געגאנגען א שטארקער דראנג צו פאריייניקונג. דער „בונד" האָט זיך געשטעלט אף א נייעם וועג און אָפּגעזאָגט זיך פון זיינע אלטע אולטימאטומס.

ער זאָגט זיך אָבער ניט אָפּ פון זיין פּראָגראמאטישער און אָרגאניזאציאָ־נעלער אידעאָלאָגיע. ער בייט נאָר די טאקטיק. די דיסקוסיע וועגן פאריייניקונג, וואָס טרייסלט אויף די גאנצע אָרגאניזאציע, ברענגט צו נאָך א גרעסערער נאציאָנאלער קאָנסאָלידירונג פון „בונד". די „ניין־זאָגער" פארשטייען אויך, אז די רעאלע פּאָליטיק פאָדערט פאריייניקונג, זיי ווילן נאָר פארהארטעווען די נאציאָנאלע אידעאָלאָגיע. די „יאָ־זאָגער" אנערקענען אָט די גרויסע פארדינסטן פון דער אָפּאָזיציע. דער צוזאמענפאָר פון „בונד" דעקלארירט זיין אריינטריט אין ר. ס. ד. א. פּ. „מיט פאנאנדערגעוויקלטע פאָנען". דער „בונד" איז אויך ווייטער פארבליבן א באזונדערע פארטיי.

מ. ר.

XI. די רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) אין צאָפּן-מאַירעוו-קאַנט.

80. צו די אידישע אַרבעטער.

(פּאָרעדע צו דער אידישער אויסגאַבע פונם באַריכט פון III צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. לאָנדאָן, 1905).

אַרויסגעבנדיק אין דער אידישער שפּראַך דעם באַריכט פון דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָצ.-דעמ. אַרבעטער-פּאַרטיי, געפינט די רעדאַקציע פון דעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער פּאַרטיי פאַר נויטיק צו זאָגן עטלעכע ווערטער אין באַצוג צו דערדאָזיקער אויסגאַבע.

די באַמיאונגען פון דעם באַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט זיינען געריכטעט אום צו באַשאַפן וואָס מער ענגערע פאַרבינדונגען און אייניקייט אין דעם פּלאַנמעסיקן סאָצ.-דעמ. קאַמף פון די אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציעס. דער גרויסער אויפרוף: „פּראָלעטאַריער אַלער לענדער, פאַראייניקט אייך!" — וועלכער האָט זיך צום ערשטן מאָל געלאָזט הערן ניט מער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, איז איצט געוואָרן דער לאָזונג ניט בלויז פון די סאָצ.-דעמ. פּאַרטייען פון פאַרשיידענע לענדער. דערדאָזיקער אויפרוף ווערט אַלץ מער פאַרקערפּערט אויך אין דער פאַרייניקונג פון דער טאַקטיק פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און אויך אין דער באַשאַפונג פון אָן אָרגאַניזאַציאָנעלער אייניקייט צווישן די פּראָלעטאַריער פון די פאַרשיידענע נאַציעס, וועלכע קעמפן פאַר פרייהייט און פאַרן סאָציאַליזם אונטער דעם יאָך פון איינער און דערזעלבער דעספּאָטישער מלוכע.

אין רוסלאַנד זיינען די אַרבעטער פון אַלע נאַציעס אונטערגעוואָרפן אונטער אַזאַ עקאָנאָמישן און פּאָליטישן דרוק, וואָס עס פאַרלויפט זיך ניט אין קיין אנדער לאנד, נאָך באַזונדערס די, וועלכע באַלאַנגען ניט צו דער רוסישער נאַציע. די אידישע אַרבעטער ליידן ניט נאָר פון דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן און דעם אלגעמיינעם פּאָליטישן דרוק, ניט נאָר פון דעם דרוק, וועלכער עס פאַלט אַף אַן אומבאַרעכטיקטער נאַציע, נאָר אויך פון דעם דרוק, וועלכער

רויבט אוועק פון זיי די עלעמענטאַרע בירגער-רעכט. וואָס שווערער דערדאָ-זיקער דרוק איז, אלץ שטאַרקער איז די נויטווענדיקייט אין א מער ענגערער איינהייט צווישן די פּראָלעטאַריער פון די פאַרשיידענע נאַציעס, דערפאַר ווייל אָן אַזאַ איינהייט איז אומעגלעך צו האָבן א זיגרייכן קאמף קעגן דיזן דרוק. וואָס פלייסיקער די רויבערישע צאַרישע זעלבסטהערשונג סטאַרעט זיך צו פאַר-זייען אָפּגעזונדערטקייט, אומפאַרטרוילעכקייט און פיינטשאַפט צווישן די פון איר אונטערדריקטע נאַציעס, וואָס עקלהאַפטער איז איר פּאָליטיק, וועלכע העצט אויף די פינסטערע מאַסן אף די טירישע פּאָגראָמען, אַלץ מער פאַלט דער פליכט אף אונז, סאָציאַל-דעמאָק־ראַטן, צו אַרבעטן, אַז אַלע אָפּגעזונדערטע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון די פאַרשיידענע נאַציעס אין דער רוסי-שער מלוכע זאָלן זיך צוזאַמענגיסן אין איין גאַנצע, איינאונאיינציקע רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פּאַרטיי.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי, וועלכער איז פאָרגעקומען אין פרילינג 1898 יאָר, האָט זיך אוועקגעשטעלט אלס זיין ציל צו באַשאַפן די דאָזיקע איינהייט. די פּאַרטיי, קעדיי צו פאַרניכטן יעדן געדאַנק וועגן איר נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, האָט זיך דערפאַר א נאָמען געגעבן ניט „רוסישע", נאָר „רוסלענדער". די אָרגאַניזאַציע פון אידישן אַרבעטער, דער „בונד", איז אריין אין דער פּאַרטיי אַלס אַן אַווטאָנאָמער טייל. צום באַדויערן, איז פון דאַן אָן די פאַרייניקונג פון די אידישע און ניט אידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן אין איין פּאַרטיי פאַרניכטעט געוואָרן. צווישן די טוער פון „בונד" האָבן זיך פאַר-שפרייט נאַציאָנאַליסטישע אידייען, וועלכע גייען אין א שאַרפן ווידערשפּרוך מיט דער גאַנצער וועלטאנשויאונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אנשטאָט דער שטרעבונג צו דערנעענטערן די אידישע און ניט אידישע אַרבעטער, האָט דער „בונד" אנגעהויבן גיין אף דעם וועג פון צו פאַנאַנדערייסן די ערשטע פון די לעצטע, אַרויסשטעלנדיק אף זיינע צוזאַמענפאָרן די אָפּגעזונדערטקייט פון די אידן אלס א נאַציע. אנשטאָט פאָרצוזעצן די אַרבעט פון דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָצ.-דעמ. אַרבעטער-פּאַרטיי אין דער זייט פון א נאָך שטאַרקערע פאַרייניקונג פון „בונד" מיט דער פּארטיי, האָט דער „בונד" געמאַכט א טראָט צו זיין אָפּטיילונג פון דער פּאַרטיי: דער „בונד" האָט אָנפאנגס ארויסגעטראָטן פון דער איינהייט פון דער אויסלענדישער אָרגאַני-זאַציע פון דער ר.ס.ד.א.פּ. און האָט געגרינדעט זיין זעלבשטענדיקע אויס-לענדישע אָרגאַניזאַציע. דער „בונד" האָט אויך שפּעטער ארויסגעטראָטן פון דער ר.ס.ד.א.פּ., ווען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי אין 1903 יאָר האָט זיך מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט אנטזאגט צו אנערקענען דעם „בונד" פאר דעם איינציקן פאָרשטייער פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט. דער „בונד" האָט זיך שטארק אוועקגעשטעלט אף דעם, דאָס ער איז ניט נאָר דער איינציקער פאָרשטייער פון דעם אידישן פּראָלעטאריאט, נאָר דאָס ער איז אויך אויסער דעם ניט באגרעניצט אין זיין טעטיקייט מיט קיינע ראַיאָנע ראַמקעס. דער צווייטער צוזאמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. האָט, זעלבסטפארשטענדלעך, ניט געקאָנט אָנעמען אזעלכע באדינגונגען דערפאַר, ווייל אין א גאנצע רייע

געגנטן, צ. ב. אין צאָפן-רוסלאנד *) געפינט זיך דער אָרגאניזירטער אידישער פּראָלעטאריאט אין דער אלגעמיינער פּארטיי-אָרגאניזאציע. ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם, איז דער „בונד" ארויסגעטראָטן פון דער פּארטיי און האָט אָף אזא אופן צעריסן די אייניקייט פון דעם סאָציאל-דעמאָקראטישן פּראָלעטאריאט, ניט קוקנדיק אָף דער ארבעט, וואָס איז צוזאמען געטאָן געוואָרן אפן צווייטן צוזאמענפאָר, ניט קוקנדיק אָף דער פּראָגראם און אָף דעם אָרגאניזאציאָנס-אוסטאַוו פון דער פּארטיי.

די רוסלענדער ס.-דעמ. ארב.-פּארטיי אָף איר צווייטן און דריטן צוזאמענפאָר האָט ארויסגעדריקט איר אומבויגזאמע איבערצייגונג אין דעם, דאָס דיזער ארויסטרעטן פון דער פּארטיי איז געווען א טיפער און א טרויעריקער פעלער פון זיין זייט. דער פעלער פון דעם „בונד" איז דער רעזולטאט פון זיינע פּרינציפּיעלע אומבאשטענדלעכע נאציאָנאליסטישע אנשויאונגען, — דער רעזולטאט פון אן אומבאגרינדלעכער פּרעטענזיע אָף דער מאָנאָפּאָל צו זיין דער פאָרשטייער פון דעם אידישן פּראָלעטאריאט, פון וואנען אומפארמיידלעך מוז ארויסדרינגען דער פעדעראליסטישער פּרינציפּ פון אָרגאניזאציע, — דער רעזולטאט פון דער לאנגאנענדיקער פּאָליטיק פון זיך צו דערווייטערן און פארפרעמדט ווערן פון דער פּאַרטיי. מיר זיינען איבערצייגט, דאָס דיזער פעלער פון „בונד" מוז ווערן פאַריכט און וועט אומבאַדינגט פאריכט ווערן מיט דעם ווייטערדיקן וואוקס פון דער באַוועגונג. מיר רעכענען זיך אידייאיש אייניק מיט דעם אידישן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן פּראָלעטאַריאַט. נאָך דעם צווייטן צוזאַמענפאָר האָט אונזער צענטראַלער קאָמיטעט אָנגעפירט ניט א נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק, נאָר ער האָט זיך געזאָרגט וועגן דער בילדונג פון אַזעלכע קאָמיטעטן (פּאָליעסער, דאָרעם **)-מאַירעוודיקער), וועלכע וואָלטן פאַרייניקט אין איין גאַנצעס אַלע אָרטיקע אַרבעטער, ווי אידישע, אַזוי אויך ניט אידישע. אָף דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.אַ.פּ. איז אָנגענומען א רעזאָלוציע וועגן ארויסגעבן ליטעראַטור אין זשאַרגאָן. צוטרעטנדיק צו דער אויספירונג פון דערדאָזיקער רעזאָלוציע, דרוקן מיר איצט אין זשאַרגאָן די פולע איבערזעצונג פון דעם באַריכט וועגן דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ., וועלכע איז שוין דערשינען אין דער רוסישער שפּראַך. פון דעמדאָזיקן באַריכט וועלן די אידישע אַרבעטער, סאַי די, וועלכע זיינען אין אונזער פּאַרטיי, און סאַי די, וועלכע זיינען ציטלעך פון איר אָפּגעטיילט, זען, ווי עס גייט צו די אַנטוויקלונג פון אונזער פּאַרטיי. די אידישע ארבעטער וועלן זען פון דיזן באַריכט, דאָס אונזער פּאַרטיי קומט אויך אריבער יענעם אינערלעכן קריזיס, פון וועלכן זי האָט געליטן נאָכן צווייטן צוזאמענפאָר. זיי וועלן זען, וואָס ס'זיינען די ווירקלעכע שטרעבונגען פון אונזער פּאַרטיי, די באַציאונג צו די אנדערע נאַציאָנאַלע סאָצ.-דעמ. פּאַרטייען און ארגאניזאציעס, און אויך די באַציאונגען פון דער גאַנצער פּאַרטיי און איר צענטער צו אירע באַזונדערע טיילן, פון וועלכע זי ווערט צוזאמענגעשטעלט. זיי וועלן, ענדלעך, דערזען — און דאָס

*) דאָ איז זיכער א דרוק-גרייז: ס'דארף זיין דאָרעם-רוסלאַנד.

**) ווידער א דרוק-גרייז: ס'דארף זיין צאָפן-מאירעודיקער.

איז די הויפּט-זאַך, — וואָס פאר א טאַקטישע אנשויאונגען אין באצוג דער פּאָליטיק פון דעם גאַנצן באוואוסטזיניקן פראָלעטאריאט און דעם רעוואָלוציאָנעם מאָמענט האָט אויסגעארבעט דער דריטער צוזאמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ.

כאַוויירים! נעענטער קומט די צייט פון פּאָליטישן קאַמף מיט דער צאַרישער זעלבסטהערשונג, דער קאמף פונם פראָלעטאריאט פאר דער פרייהייט פון אלע קלאסן און אלע פעלקער אין רוסלאנד, פאר דער פרייהייט פון דעם פראָלעטאריאט צו קעמפן פארן סאָציאליזם. אונז דערוואַרטן מוירעדיקע ניסיוינעס. פון אונזער באוואוסטזיין און צוגעגרייטקייט, פון אונזער אייניקייט און אנטשלאָסנקייט איז אָפּהענגיק דער אויסגאנג פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד. לאָמיר זיך נעמען דרייסטער און פריינטלעכער צו דער ארבעט, לאָמיר טאָן אלעס פון אונז מעגלעכעס, דאָס די פראָלעטאריער פון די פארשיידענע נאציעס זאָלן באגעגענען די פרייהייט אונטער דער פירונג פון א ווירקלעך איינאייניקער רוסלענדער סאָצ.-דעמ. ארבעטער-פארטיי.

די רעדאקציע פון דעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער רוסלענדער ס.-ד. ארב.-פארטיי.

81 די באלשעוויקעס וועגן בונד.

(פון די דעבאטן אפן III צוזאמענפאר פון ר. ס. ד. א פּ. (ב) „דער III אָרדענטלעכער צוזאמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אין 1905". מאָסקווע, 1924. ז. ז. 411—416).

ד ע ד ו ש ק י ן (באבושקין) * 118) ... איך וויל זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן אונזער באציאונג צום ב ו נ ד. אויב מיר, קעגנער פון פעדעראציע, געפינען פאר ווינשנסווערט די עקזיסטירונג פון באזונדערע פּאָליטישע ס.-ד. אָרגאַניזאציעס מיט א ברייטער אַווטאָנאָמיע, קענען מיר וועגן ב ו נ ד דאָס ניט זאָגן.

מיר דוכט זיך, אז אויך דער צווייטער צוזאמענפאָר האָט געקוקט אף דערדאָזיקער פראגע אזוי, אז א באזונדערע אידישע אָרגאניזאציע מיט א מער אָדער ווייניקער ברייטער אווטאָנאָמיע מוז פריער אָדער שפּעטער פארשווינדן (לענין: „ה ע ר ט, ה ע ר ט!") און אויב דער צווייטער צוזאמענפאָר, ווענדיק אויסמיידן א צעשפּאלטונג, איז געווען גענויגט צו געבן דעם ב ו נ ד זייער א ברייטע אווטאָנאָמיע, האָבן מיר איצטער קיין רעכט ניט דאָס צו טאָן.

קיין קלאסן-באָדן איז פאר דעם אידישן נאציאָנאליזם ניטאָ; ס'איז דאָ א שטרעבונג פון דער בורזשואזיע צו פארטונקלען דעם קלאסן-באוואוסטזיין פונם אידישן פראָלעטאריאט מיט בורזשואזע אידייען. דערדאָזיקער שטרעבונג ווירקן מיט אויסשליסלעך די געזעצן פון דער זעלבסטהערשנדיקער רעגירונג, וואָס זיינען געווענדעט קעגן די אידן.

און די אידייע פון נאציאָנאליזם האָט צווישן דעם אידישן פראָלעטאריאט ווירקלעך קיין דערפאָלג ניט געהאט, און די אלע נאציאָנאליסטישע אנשויאונגען פון די ארבעטער האָט דער בונד ד ע ר נ אָ ך אָ נ ג ע נ ו מ ע ן א ף ד ע ם ג ע ק י נ ס ט ל ע כ ט ן א ו י ף ן (לענין און אנד.: („הערט, הערט!").

---

*) דעלעגאַט פון מינסקער גרופּע.

איך דערמאָן זיך אָף דער אידישער יוגנט פון דער ערשטער צייט פון בונד, אײדער ער האָט זיך נאָך געבילדעט, ווען סאַי די אינטעליגענטן, סאַי די ארבעטער-אידן, ווי נאָר זיי פלעגן אראָפּוואַרפן פון זיך די טראַדיציעס פון די אלטמאָדישע אידן, פלעגן אָנהויבן אן אנטשיידענעם קאמף מיט דעם נאַ-ציאָנאליזם. איך דערמאָן זיך אָף די ערשטע בונדיסטן. דאס זיינען געווען וואונדערבארע מענטשן. זיי פלעגן זיך בעשום אויפן ניט פארשפארן אין די ענגע ראַמען פון זייער אייגענעם שמאָלן קרייז. זיי זיינען געווען מוטיקע קעמפּער קעגן דער זעלבסטהערשונג און ניט צוליב דעם נאָר, קעדיי אויסצו-דינגען מער רעכט פאר אידן. זיי האָבן געהאסט דעם דעספּאָטיזם און האבן געקעמפט פאר א פולשטענדיקן דעמאָקראַטיזם אין אלע זיינע דערשיינונגען. זיי האבן זיך ניט אינטערעסירט נאָר מיט די אָנגעלעגנהייטן פון דעם אייגענעם פאָטערלאנד, זיי האבן זיך ניט פארשפארט אין אזעלכע שמאָלע ראַמען. די אנגעלעגנהייטן פון אונזערע דייטשישע, פראנצויזישע און אנדערע ברידער האָבן זיי אויך פונקט אזוי לעבהאפט אינטערעסירט.

און ס'אָרא גרויסן שולד האט אָף זיך גענומען דער בונד, ווען ער האָט זיך באמיט אָנצובינדן אָט די דאָזיקע וואונדערבארע סאָציאַל-דעמאָקראַטן זיינע נאציאָנאליסטישע אַנשויאונגען! אין דער צייט פונם צווייטן צוזאמענפאָר בין איך געזעסן אין טורמע. ווען מע האט מיך נאכן צו-זאמענפאָר באפרייט און ארויסגעשיקט אונטער פּאָליציי־אישער אויפזיכט אין א שטאָט פון צאָפן-מאַירעוודיקן קאנט, האבן די רעזולטאטן פון דער בונדישער פּאָליטיק זיך געלאָזן פילן.

גלייך נאָך מיין קומען בין איך קאָאָפּטירט געווארן אין דער אָרטיקער בונדישער אָרגאניזאציע (איך האָב זיך אויסגעדעט פרייהייט פון וואָרט, און אדאנק דעם האב איך געקענט פּאַראליזירן די בונדישע טאקטיק אין דערדאָזי-קער אָרגאניזאציע). און איך האב געקאנט באַאָבאכטן די בונדיסטן. פון איין זייט, האבן איינצלנע בונדיסטן זיך גענומען גריבלען, קעדיי אויסצוטראכטן וועלכע ניט איז באזונדערקייטן אינם אידישן פּראָלעטאריאט, צוליב וועלכע ער דארף זיך אָרגאניזירן אין א באזונדער אידישער פארטיי. פון דער אנדער זייט, האבן זיך די בונדישע אינטעליגענטן מיר געקלאָגט, אז די ארבע-טער קאָנען בעשום אויפן ניט פארשטיין די ארטיקלען וועגן דער נאציאָנאלער פראגע, וואס עס דרוקן זיך אין די בונדישע אויסגאבן.

אין דער צייט איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין דער שטאָט ב.*) און ארויסטרעטן דאָרטן אָף א פארזאמלונג פון די בעסערע אָרגאניזירטע בונדישע ארבעטער. גערעדט האב איך וועגן דער נאציאָנאלער פראגע און וועגן דער פּאָזיציע פון בונד, און די גאנצע פארזאמלונג האָט ווי איין מענטש געפּאָ-דערט פון מיר אן אנטשפּרעכנדיקע רעזאָלוציע.

אָט אזא לאגע איז געווען אין דעם מאָמענט, ווען דער בונד איז ארויס פון דער פארטיי. און ווען די ברייטע שיכטן פון די בונדישע ארבעטער האבן

*) באָריסאָוו.

זיך פון דעם דערוואוסט, האט זיך אנגעהויבן אין אלע אָרגאניזאציעס א שטארקע אויפרעגונג. אין דערדאָזיקער צייט איז דערשינען אין „איסקרא" מיין פּריוואטער בריוו, וואס איז געווען אָפּגעדרוקט אָן מיין דערלויבעניש, אין וועלכן עס האָט זיך גערעדט וועגן דעם, און ער האט ארויסגערופן א גאנצן שטורם צווישן די „רעכטגלויביקע" בונדיסטן. דער בונד האט מאָביליזירט אלע זיינע קרעפטן. די בעסטע בונדישע רעדנער האבן גלייך אָנגעהויבן ארומפארן זייער ראיאָן און גענומען אָן שום ראכמאָנעס „אריינקלאַפּן" אין די קעפּ פון די אידישע ארבעטער די נאציאנאליסטישע אידייען פון בונד. די רעדנער פלעגן זיך פאר קיין זאך ניט אפשטעלן: מע פלעגט זיך באנוצן מיט דער ברייטסטער דעמאגאגיע.

די פּאַרטייאישע טוער, וואָס האָבן זיך דענסטמאָל געפונען אין דער צאָפּן-מאַירעוודיקער געגנט, זיינען ניט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ אַטאַקע. אונזער פּאַרטיי האָט ניט נאָר ניט מאָביליזירט אירע קרעפטן אַף צו ווירקן קעגן אָט דער טעטיקייט פון בונד, נאָר די איינצלנע אירע אָנהענגער, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אינם ראַיאָן פון בונד, זיינען אַפילע ניט געווען פאַרבונדן צווישן זיך און האָבן קימאַט גאָרניט געקענט טאָן.

דער בונד האָט טריאומפירט. אָבער ס'אַראַ גרויסן שאָדן עס האָט געבראַכט דערדאָזיקער ניצאָכן.

פרעגט זיך, צי האָבן מיר רעכט נאָך אַלץ, וואָס דער בונד האָט אויפגעטאָן... צו געבן אים אַזאַ ברייטע אַווטאָנאָמיע, ווי די, וועלכע מיר האָבן אים געוואָלט געבן אַפן II צוזאַמענפאָר? איך רעכן, אַז מיר האָבן דאָס קיין רעכט ניט צו טאָן. מיר קענען די פראַגע וועגן בונד ערלייזן מיט אַ מער ראַציאָנעלן מיטל, מיר דאַרפן איצט איינצלנע בונדיסטן דורכזייען דורך אונזער אָרגאַניזאַציע, דאַן קענען מיר זיין גאַראַנטירט, אַז די אַלע ניט סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אידייען, וואָס די בונדיסטן האָבן אָן אַ קאָנטראָל אַריינגעקלאַפּט אין די קעפּ פון די אידישע אַרבעטער פאַר די לעצטע צוויי יאָר, וועלן זיך ניט אַריבערטראָגן אין אונזערע אָרגאַניזאַציעס.

אַזאַ גאַראַנטיע האָבן מיר ניט, אויב דער בונד, אַלס אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע, וועט אַריין אין אונזער פּאַרטיי מיט אַ ברייטער אַווטאָנאָמיע. איך רעכן אַלזאָ, אַז מיר דאַרפן טאָן אַלץ וואָס אָן אונז ווענדט זיך, אַז איינצלנע בונדיסטן זאָלן אַריבערגיין צו אונז. איך בין קעגן דעם, אַז מע זאָל דורכקומען מיטן בונד, פאַרשטעלנדיק אים אַ ברייטע אַווטאָנאָמיע.

נאָר עס פרעגט זיך, צי איז דאָס אַ לייזונג פון דער פראַגע? איך פאַרזיכער, אַז יאָ, אַז גראָד אַף אַזאַ אויפן קענען מיר אַם ראַציאָנעלסטן לייזן די פראַגע וועגן בונד. די זאַך באַשטייט אין דעם, אַז בא אונז איז איצטער דער באָדן אינגאַנצן צוגעגרייט דערצו, אַז די בונדיסטן זאלן אריבערגיין צו אונז מאַסנווייז, און אויב מיר וועלן נאָר קענען גוט דערפילן אונזער אויפגאַבע, וועט די פראַגע געלייזט ווערן אין דער גאָר נאָענטסטער צוקונפט.

איך האָב שוין דערמאָנט וועגן דער שטימונג פון דער בונדישער מאַסע ביז און נאָך דעם צוזאַמענפאָר. דידאָזיקע שטימונג האָט זיך אינם איצטיקן

מאָמענט ווידער שאַרף אומגעביטן צום גונסטן פון אונזער פּאַרטיי. דאָס איז אַדאַנק דעם 9-טן יאַנוואַר. ווען אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן אַן עמעסע רעוואָלוציע, האָבן די בעסערע בונדיסטן און די ברייטסטע בונדישע מאַסן פאַרשטאַנען די פאַלשקייט פון דער פּאָליטיק פון אָפּגעזונדערט־קייט. אַסאַך פון זיי זיינען שוין אַריבער צו אונז, און אויב דער גרעסטער טייל בונדיסטן בלייבט נאָך באַם בונד, דערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס אונזער צאָפּן־מאַירעוודיקער קאָמיטעט, צום אומגליק, דערפילט לאַכלוטן ניט זיין אויפגאַבע.

מיר אַרבעטן שוין אין צאָפּן-מאַירעוודיקן קאַנט שוין מער פון אַ יאָר און מע קען זיכער זאָגן, אַז מיר האָבן דאָרטן געהאַט אַ גוטן ערפאָלג. נאָר דעמדאָזיקן ערפאָלג האָבן מיר צו פאַרדאַנקען וועמען איר ווילט, נאָר ניט דעם צאָפּן־מאַירעוודיקן קאָמיטעט. עס איז גענוג צו זאָגן, קעדיי צו כאַראַק-טעריזירן דעמדאָזיקן קאָמיטעט, אַז ער האָט ביז אַהער ניט אַרויסגעלאָזן קיין איין געדרוקטן בלעטל אַף דעם אידישן זשאַרגאָן. און דאָס איז אין דער צייט, ווען אַרום 70% אָרגאַניזירטע אַרבעטער זיינען באַ אים אידן. מער ניט פאַר דער לעצטער צייט האָבן איינצלנע גרופּעס, ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז וואַרטן אַף הילף פונם צאָפּן־מאַירעוודיקן קאָמיטעט קען מען ניט, אַליין גענומען אַרויסלאָזן העקטאָגראַפירטע זשאַרגאָנישע בלעטלעך, און וואָלט נאָר כאָטש איין ענערגישער מענטש געווען אין דעמדאָזיקן קאָמיטעט, וואָלט אוועקשטעלן אַ זשאַרגאָנישע טעכניק געווען זייער ניט קיין שווערע זאַך.

אויב מיר האָבן באַ אַזעלכע שווערע אומשטענדן געהאַט ערפאָלג, דאַרפן מיר דאָס פאַרדאַנקען אויסשליסלעך נאָר דער ריכטיקייט פון אונזער פּאָזיציע. אויב אָבער די פּאַרטיי וויל אין איצטיקן מאָמענט לייזן די פראַגע וועגן בונד, איז דער ראַציאָנעלסטער מיטל, ווי מיר שטעלט זיך פאָר, דער פאָלגנדיקער. דער צ. ק. דאַרף פאַרשטאַרקן דעם צוזאמענשטעל פונם צאָפּן-מאַירעוודיקן קאָמיטעט, פאַרוואנדלען אים אין אַ פאַרבאַנד-קאָמיטעט און אויך זיך זאָרגן וועגן ארויסגעבן זשאַרגאָנישע ליטעראַטור. אויב אונזערע אָרגאַניזאַציעס אינם צאָפּן-מאַירעוודיקן קאַנט וועלן זיין גענוג באַזאָרגט מיט מענטשן און טעכניק, וועט דער בונד ניט קענען האָפן אַף אַן ערפאָלג צווישן די פּראָלעטארישע מאַסן.

קאָנסטאַנטינאָוו (וולאדימיראָוו *). דער כאַווער, וואָס האָט גערעדט וועגן בונד, איז אי אַ פּעסימיסט, אי אַן אָפּטימיסט. ער איז זיכער, אַז דער בונד וועט איינגיכן פאַרשווינדן. די גיכע פאַרשווינדונג פון בונד איז אַ גרויסער סאָפעק. עס איז באַ קיינעם ניטאָ אַזאַ דיסציפּלין, ווי באַם בונד. דער בונד האָט אַ פעסטע פעריפעריע, באַ וועלכער ס'איז אַנט-וויקלט אַ הייסער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּאַטריאָטיזם — אַף אַזויפיל, אַז די בונ-דיסטן וועלן פאַרטיידיקן די מיינונג פונם בונד נאָר דערפאַר, וואס דאָס איז אַ באַשטימונג פונם בונד, ווען זיי פערזענלעך זאָלן אפילע ניט זיין איינשטימיק

*) דעלעגאַט פון פּאָליעסער קאָמיטעט.

מיט דערדאָזיקער באַשטימונג. דער בונד איז גוט אָרגאַניזירט און דאָס אימ־פּאָנירט די אַרבעטער, און דער בונד וועט נאָך אַ היפּשע צייט זיין לעבנס־פעאיק.

אין דער פראַגע וועגן דער דערנעענטערונג מיטן בונד דאַרף מען זיך רעכענען דערמיט, אַז דער בונד וועט ניט אַריין אין דער פּאַרטיי אָן אַוטאָ־נאָמיע און דידאָזיקע אַוטאָנאָמיע דאַרף מען אים געבן.

די טאַקטיק פון אַסאַך קאָמיטעטן פון ר. ס. ד. א. פּ. אין דעם אידישן „סכום" האַלט ניט אויס קיין קריטיק. דער צאָפּן־מאַירעווידיקער קאָמיטעט רופט אַרויס מיט זיין קאַמף אַן אויפרעגונג בײַ די בונדיסטן. וואו אַזאַ מין קאַמף איז ניט געווען בענויטיגט צום בונד, דאָרטן האָט זיך די שטימונג פון די אַרבעטער בענויטיגט צו אונז פאַרבעסערט.

די קראַפט פון בונד איז אין אונזער שוואַכקייט, און אַ שטאַרקע אָרגאַני־זאַציע אונזערע וועט איינברעכן די קראַפט פון בונד. נאָר דאָס איז ניט אַ זאַך פון די נאָענטע כאָדאָשים.

דער בונד קען ניט פאַרטראָגן קיין געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען פון אידישע אַרבעטער בונדיסטן און פון ר. ס. ד. א. פּ. קעדיי די אידישע אַרבעטער זאָלן ניט זעען די אַרבעט פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס (קוילעס: „הערט, הערט"!). געמיינזאַמע אַרויסטרעטונגען, געמיינזאַמע טעטיקייט — דאָס איז דער בעסטער מיטל אַף צו קעמפן מיט דעם בונדישן נאַציאָנאַליזם.

82. רעזאָלוציע פון III־טן צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. וועגן די נאַציאָנאַלע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס.

(„דער 3־טער צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. אין 1905". מאָסקווע. 1924).

נעמענדיק אין אַכט,

1) אַז די אינטערעסן פונם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף פונם פּראָלע־טאַריאַט פאָדערן די פאַריייניקונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד;

2) אַז דער אָפענער רעוואָלוציאָנערער קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן קעגן דער זעלבסטהערשנדיקער אָרדענונג, און די נאָענטקייט פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד מאַכן אַזאַ פאַריייניקונג באַזונדערס נויטיק, —

באַשטעטיקנדיק די באַציאונג פון II־טן צוזאַמענפאָר צו דער פראַגע וועגן פעדעראַליזם, באַאויפטראַגט דער דריטער צוזאַמענפאָר ווי דעם צענטראַלן קאָ־מיטעט, אַזוי אויך די אָרטיקע קאָמיטעטן, אָנווענדן אַלע באַמיאונגען אַף צו שליסן אַן אָפמאַך מיט די נאַציאָנאַלע סאָצ.־דעמ. אָרגאַניזאַציעס, קעדיי צו קאָאָרדינירן די אָרטיקע אַרבעט און צוצוגרייטן אַף אַזאַ אויפן די מעגלעכקייט פון דער פאַריייניקונג פון אַלע סאָצ.־דעמ. פּאַרטייען אין איין איינהייטלעכער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי.

83. די ערשטע קאָנפערענץ פון צאָפּן-מאַירעוו-קאַנט.

(פונם באַריכט אין „פּראָלעטאַרי" נומ. 17 פון 1 סעפּטיאַבר 1905)

עס איז פאָרגעקומען די ערשטע געגנט-קאָנפערענץ פון צאָפּן=מאַירעוו-קאַנט, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט מיט באַשטימונגס=רעכט דעלעגאַטן פונם פאַלעסיער קאָמיטעט (2 שטימען), דווינסקער און ריגער קאָמיטעטן, צאָפּן=מאַירעוו פאַרבאַנד[119], ווילנער, מינסקער, וויטעבסקער, סמאָרגאָנער און האָמליער גרופּעס און וואַרשעווער מיליטער-רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע (צו 1 שטים); מיט באַראַטונגס-רעכט אַ פאָרשטייער פון צ. ק., סמאָלענסקער קאָמיטעט און באָברויסקער גרופּע. פון די איינגעלאַדענע זיינען ניט געקומען די פאָרשטייער פונם אָרגאַניזאַציאָנעם קאָמיטעט[120] און פון ריגער גרופּע. די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ האָט מען באַשטימט צוצוגעבן אַ באַראַטנדיקע באַדייטונג. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציעס:

א. וועגן דער גאָסודאַרסטווענער דומע.

נעמענדיק אין אַכט: 1) אַז די אינטערעסן פונם באַפרייאונגס=קאַמף פונם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט קעגן די פאַרמעגלעכע קלאַסן פאַרן סאָציאַליזם פאָדערן די פולקומענע פאַרניכטונג פון דער זעלבסטהערשונג און איר פאַרבייטונג מיט אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק; 2) אַז לויט דעם צאַרישן מאַניפעסט ווערט געגעבן דער גאָסודאַרסטווענער דומע פון די אַזוי=גערופענע „פאָלקס"=פאָרשטייער בלויז באַראַטונגס-רעכט, און די עקזיסטירנדיקע זעלבסטהערשנדיקע אָרדענונג בלייבט אַלזאָ אומבאַרירבאַר; 3) אַז די וואַלן אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע וועלן פאָרקומען אָן דער גאַראַנטיע פון פרייהייט פונם וואָרט, פרעסע, פאַרזאַמלונגען און פאַריינען, די וואַלן גופא וועלן, הייסט עס, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאָמעדיע; 4) אַז מיטן מאַניפעסט פון 6-טן אַווגוסט וועגן דער צונויפרופונג פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע לויט דער ניט אַלגעמיינער, ניט-דירעקטער וואַל=סיסטעם באַזייטיקט אינגאַנצן די רעגירונג, פון איין זייט, דעם פּראָלעטאַריאַט פון צו באַטייליקן זיך אין די וואַלן און, פון דער צווייטער, פאַרזיכערט זי פאָרויס אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע אן איבערוועגנדיקע מערהייט די פאַרטרעטער פון דער גרויסער און מיטעלער בורזשואַזיע און מאַכט אין דער ווירקלעכקייט די פאַרטרעטונג פון די פויערים פאַר אַ פיקטיווע; אַז צוליב דעם אַלץ אנטשפּרעכט די גאָסודאַרסטווענע דומע, וועלכע דער מאַניפעסט האָט פאַרקינדיקט, אינגאַנצן ניט די ווירקלעכע אינטערעסן פונם פאָלק און איז מער ניט ווי אַ נידערטרעכטיקער פּרואוו פון דער צאַרישער רעגירונג צוציציען אַף איר זייט די בורזשואַזיע און אָפּצונאַרן דעם פּראָלעטאַריאַט און דאס פויערטום מיט אַן אילוזאָרישער פאָלקס-פאַרטרעטונג, —האָט די קאָנפערענץ, אָנשליסנדיק זיך פּרינציפּיעל אָן דער פאָרלאַגע פונם

צ. ק., באַשטימט: א) אויפדעקן דורך אַ ברייטער אַגיטאַציע צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און פויערטום די רעאַקציאָנערע צילן פון דער רעגירונג, וואָס רופט צונויף די גאָסודאַרסטווענע דומע, דערווייזנדיק די נויטיקייט אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פויערים צונויפצורופן אַף אַ רעוואָלוציאָנערן וועג אַ גרינדרונגס-פאַרזאַמלונג אַפן גרונט פון אַלגעמיינעם, גלייכן און דירעקטן וואַל-רעכט מיט אַ געהיימער אָפּשטימונג; ב) אַרויסטראָגן אַף אַלע אַגיטאַציע-פאַרזאַמלונגען אַנטשפּרעכנדיקע רעזאָלוציעס; ג) באַנוצנדיק זיך מיט דער פּאָרוואַל-אַגיטאַציע אין אַלע סטאַדיעס פון דער וואַל-קאָמפּאַניע דריקן מיט די ענערגישסטע מיטלען אַף די וואַל-פאַרזאַמלונגען, באַוועגנדיק זיי אָפּצוזאָגן זיך פון די וואַלן; ד) אָנעמען די ענערגישסטע מיטלען אַף צוצוגרייטן דעם פּראָלעטאַריאַט צו אַן אָפענער אַרויסטרעטונג אין דער פאָרם פון אַלגעמיינע שטרייקן, באוואָפנטע דעמאָנסטראַציעס און א באוואָפנטן אויפשטאַנד — סאַי איצט באלד נאָך דער מעלדונג פון דער רעגירונג וועגן דער צונויפרופונג פון דער גאָסודארסטווענער דומע, סאַי אין דער צייט פון די וואלן.

ב. די באַציאונג צו די נאַציאָנאלע סאָצ.-דעמ. פּארטייען.

בלייבנדיק אין דער פראגע וועגן דער באציאונג צו די נאציאָנאלע סאָציאל-דעמאָקראטישע פּארטייען אפן שטאנדפּונקט פונם צווייטן פּארטייאישן צוזאמענפאָר און האלטנדיק פאר נויטיק צו אָרגאניזירן אונטער דער פאָן פון דער ר. ס. ד. א. פּ. דעם פּראָלעטאריאט פון אלע נאציאָנאליטעטן, האלט די קאָנפערענץ פאר נויטיק, קעדיי צו פארשטארקן די ארבעט און די ווירקונג פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אין דער געגנט, ארויסצוגעבן ליטעראטור אף די אָרטיקע שפּראכן. צוזאמען מיט דעם, אזוי ווי עס איז נויטיק אינם איצטיקן פּאָליטישן מאָמענט צו פאריייניקן דעם קאמף פונם רוסלענדישן פּראָלעטאריאט פאר א דעמאָקראטישער רעפּובליק, אנערקענט די קאָנפערענץ פאר נויטיק אן אָפּמאך צווישן דער ר. ס. ד. א. פּ. און די נאציאָנאלע ס.-ד. פּארטייען און לייגט פאָר: 1) צוליב דער פארייניקונג פונם קאמף פונם פּראָלעטאריאט אינם איצטיקן רעוואָלוציאָנערן מאָמענט, צונויפצורופן פעריאָדיש קאָנפערענצן פון די פאָרשטייער פון די סאָציאל-דעמאָקראטישע פּארטייען פון רוסלאנד, אף וועלכע עס קענען אויסגעקליבן ווערן עקזעקוטיווע קאָמיטעטן אף דורכצופירן אין לעבן די באשטימונגען, וואָס די קאָנפערענצן האָבן אָנגענומען, און 2) קעדיי צו אָרגאניזירן אלגעמיינע ארויסטרעטונגען פונם פּראָלעטאריאט, גרינדן אף די ערטער צייטווייליקע אָדער שטענדיקע קאָמיסיעס פון די פאָרשטייער פון די אָרטיקע סאָציאל-דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס. די אלגעמיינע גרונטלאגן פאר דיזער בילדונג פון אזעלכע קאָמיסיעס ווערן אויסגעארבעט דורך די צווישנפּארטייאישע קאָנפערענצן.

84. די פּאַרטיי־אַרבעט אין דווינסק.

(אויסצוגן פון כאַוועראַי. יורענעווס ערינערונגען. „פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָלוציאַ“ נומ. 12 1923).

...די דווינסקער אָרגאַניזאַציע פון ר. ס. ד. א. פּ., וועלכע איז אנטשטאַנען אין 1904-טן יאָר, האָט געגרינדעט א גרופּע טוער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון בונד *).

...שוין אין 1904-טן יאָר האָט די אָרגאַניזאַציע געהאַט עטלעכע ראַיאָנען (געבויט האָבן זיי זיך לויטן טעריטאָריאַלן פּרינציפּ): ניי-סטראַיענער (גארבער, שוועבעלעך-ארבעטער), גאַיקאָיער (שוועבעלעך און אייזנבאַן־ארבעטער), אלט-פאָרשטאָטישער (ארבעטער פון פעסטונגס־ארסענאַל און מיליטערישע שניידער-ווארשטאטן), שטאָטישער (האַנטווערקער־ארבעטער, דרוקער, פּריקאַזטשיקעס). קיין מיליטער-אָרגאַניזאַציע איז נאָך דענסטמאָל ניט געווען, עס איז נאָך אויך ניט געווען קיין זעלבשטענדיקער אייזנבאַן־ראַיאָן. די באַצייכנטע טעריטאָריאַלע צעטיילונג איז אין איר טאָך פאַרבליבן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

...אין אָנהויב 1905 האָט די ארבעט פון אונזער קאָמיטעט שוין געטראָגן א גאַנץ אָרגאַניזירטן כאַראַקטער און איז זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסן אין דער טיף און אין דער ברייט. די פּאַרטיי האָט אכוץ אירע אומיטלבארע רעוואָלוציאָנערע פונקציעס אויך אָנגעפירט מיטן עקאָנאָמישן קאַמף פון די ארבעטער—איז געווען זייער פראָפעסיאָנעלער פאַריין. אונטער איר ליטונג האָט זיך געפירט די עקאָנאָמישע ארבעט צווישן די אייזנבאַן־ארבעטער און דינסטן. די פּראָפּאַגאַנדישע ארבעט איז געווען צענטראַליזירט און קאָנצענטרירט אין די הענט פון דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער גרופּע.

באַזונדערס פאַרשטאַרקט האָט זיך די אָרגאַניזאַציע נאָכן קומען פונם כאַווער „איליאַ“ (זיין עמעסער פאַמ ליע-נאָמען איז מאַכלין, איצט איז ער אויסער דער באַוועגונג),—זייער א אינטעליגענטער, באַגאַבטער מענטש מיט א שטאַרקן כאַראַקטער. ער האָט פאַקטיש אריינגענומען אין זיינע הענט די אָנפירונג מיט דער גאַנצער ארבעט פונם קאָמיטעט.

...אָנהויב 1905 האָט זיך דעם קאָמיטעט איינגעגעבן איינצואָרדענען אן אומלעגאַלע דרוקעריי. פון מאָמענט, זינט עס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן די „טעכניק“, האָט דער קאָמיטעט אנטוויקלט אן ענערגישע שריפטלעכע אגיטאַציע. די בלעטלעך פון קאָמיטעט פלעגן אריינדרינגען אין די סאַמע אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון די ארבעטנדיקע מאַסן, וועלכע זיינען געשטאַנען אָן א זייט פון דער באַוועגונג. די פינאַנציעלע לאַגע פון קאָמיטעט איז געווען אַף אַזויפיל פעסט, אז מיצאַד דעם האָט די שריפטלעכע אגיטאַציע קיין שום שטערונגען ניט באַגעגנט... די בורזשואַזיע האָט גאַנץ ברייטלעך סובסידירט דעם קאָמיטעט. אייניקע רייכע בורזשוען פלעגן אריינטראָגן רעגולער אָפּצאָלונגען

*) דער באַריכט פון צאָפּן-מאַירעווודיקן קאָמיטעט פאַר 1904 (זע ז. 88) באַטאָנט, ראַגעגן, אַז די דווינסקער גרופּע האָט זיך געגרינדעט זעלבשטענדיק.

אין קאסע פון קאָמיטעט. אויסער דעם האָט די אָרגאַניזאַציע פּראַקטיקירט „געלט-זאַמלונגען אַף כאַסענעס" „איבער די הייזער". די מיטגלידס-אָפּצאָלונגען האָבן אויסגעמאַכט אַ נישטיקן פּראָצענט פון די האַכנאָסעס פונם קאָמיטעט. אָפטמאָל, אין דער צייט פון די געלט-זאַמלונגען „איבער די הייזער" פלעגט מען אַ צו „האַרטן" בורזשוי ווייכער מאַכן דאָס האַרץ מיטן דעמאָנסטרירן פאַר אים אַ סאָלירן „סמיט-און-וועסאָן".

...די דווינסקער אָרגאַניזאַציע האָט אין 1905-טן יאָר געציילט אין אירע רייען עטלעכע הונדערט מיטגלידער. לויטן סאָציאַלן באַשטאַנד איז די אָרגאַניזאַציע געווען אַ פּראָלעטאַריש-האַנטווערקערישע. אירע הויפּט-פירער זיינען געווען הויפּטזאַכלעך אינטעליגענטן, אָנגעפירט מיט אַלץ האָבן די אַזוי גערופענע „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן" — די מאַרטירער און העלדן פון דער פּאַרטיי און רעוואָלוציע, וועלכע האָבן אַף זייערע פּלייצעס איבערגעטראָגן די גאַנצע לאַסט פון דער אָנפירנדיקער אַרבעט אין די יאָרן פון דער מאַסן-רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די פּאָפּולערסטע פיגור אין דווינסק אין דער צייט פון די פאַר-און נאָך-אָקטיאַבער-געשעענישן איז געווען כאַווער אַנטאָן (בראַמסאָן, וולאַדימיר). דאָס איז געווען אַ זעלטן שיינער רעדנער, אַ גלאַנציקער און וויציקער. מיט זיין רעדן האָט ער געקענט פאַרכאַפּן די סאַמע רויע עלעמענטן פון דער אַרבעטס-מאַסע. אַנטאָן איז געווען „אויסער קאָנקורענץ", דער טריאומפירער די גאַנצע צייט פון זיין אַרבעט אין דווינסק. די נאָכפראַגע אַף אים איז געווען אַן אומגעהויערע. מע האָט אים פּאָשעט געריסן אַף שטיקער. עס האָבן אים געפּאָדערט די אייזנבאַן-אַרבעטער, די גאַרבער, סאָלדאַטן. אַנטאָן איז געווען דער אַלגעמיינער ליבלינג, דער שטאָלץ פון אונזער אָרגאַניזאַציע. זיין גלאַנציקער רעדנער-טאַלאַנט האָט זיך גליקלעכערווייז פאַראייניקט מיט אַ סאָלידע מאַרקסיסטישע פאָרבאַרייטונג. ער איז געווען ניט בלויז אַ פּראַקטישער פאָלקס-רעדנער, נאָר אויך אַ טאַלאַנטפולער דערציער פון יונגן דאָר.

אינעם כאַווער אַנטאָן האָט מען געגלויבט. נאָך אים איז מען געגאַנגען. צום באַדויערן, איז ער באַלד נאָכן שטורעם פון דער רעוואָלוציע אינגאַנצן אָפּגעגאַנגען פון דער פּאַרטיי. אין 1919-טן יאָר איז ער געשטאָרבן אין געפענגעניש בא די ענגלענדער (אין מורמאַנער טורמע).

אין דעקאַבער זיינען אין קאָמיטעט אַריינגעטראָטן צוויי וויכטיקע טוער, וועלכע עס האָט צוגעשיקט דער צאָפּן-מאַירעווודיקער קאָמיטעט: „אַלעקסיי" — אַ באָלשעוויק (זיין עמעסער פאַמיליע-נאָמען איז איסאַק פּושאַס, אַ געוועזענער בונדיסט; פון 1907 ביז 1910 איז ער געווען פאַרשיקט אין אַרכאַנגעלסק, נאָכדעם איז ער אַוועקגעגאַנגען פון דער באַוועגונג). און „אַבראַם" — אַ מענשעוויק, אַן ערנסטער, שוין ניט קיין יונגער טוער. זיין עמעסן פאַמיליע-נאָמען ווייס איך ניט. ער האָט זיך מער פון אַלע אַנדערע כאַווײרים באַפעסטיקט אין דווינסק (ער איז דאָרט אָפּגעווען בא צוויי יאָר). דער פאַקטישער אָנפירער פון קאָמיטעט איז געווען דער כ' „אַלעקסיי". די פונקציעס צווישן די מיטגלידער פון קאָמיטעט זיינען געווען איינגעטיילט אַף פאָלגנדיקן אויפן: „אַלבערט" האָט

אָנגעפירט מיט דער „טעכניק", „אלעקסיי" איז געווען אָנפירער פון דער גרופּע אָרגאניזאטאָרן פון אלע ראיאָנען; „מעפאָדי" האָט געפירט די פּראָפּאגאנדיסטיש=אגיטאטאָרישע שול, „אבראם" האט זיך אפּגעגעבן הויפּטזאכלעך מיט דער פּראפּאגאנדישער ארבעט און אנגעפירט מיט די העכערע קרייזלעך; אן אקטיווער פּראפּאגאנדיסט איז אין יענער צייט געווען אויך איינער כ. „לוקא" (א באלשעוויק, א זון פון א גאלעך, אין 1905=טן יאר איז ער אוועקגעפאָרן פון דווינסק און אין גיכן אוועק פון דער באוועגונג).

...די „שול" האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פארשיידנאַרטיקן און פילפאַרביקן פאַרטיי-אוילאָם; עס זיינען געווען דאָרט אַלטע פארטיי-אַרבעטער, געווען אויך יונגוואַרג, אינטעליגענטן, שטודירנדיקע יוגנט. פרויען, אַף וויפל עס לאָזט זיך געדענקען, איז דאָרט געווען סאַכאַקל איינע, אַ אידישע אַרבעטערין, וואָס האָט קימאַט קיין וואָרט רוסיש ניט געקענט ריידן. איר גאַנצע אַגיטאַטאָרישע טעטיקייט צווישן די „מאַסן" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי פלעגט דעקלאַמירן אַף מיטינגען און מאַסאָווקעס אירע אייגענע רעוואָלוציאָנערע לידער, דעם עמעס געזאָגט, גאַנץ טאַלאַנטלאָזע.

...אין הארבסט 1905 האָט זיך באַם דווינסקער קאָמיטעט אָרגאַניזירט אַ „קאַמף=דרוזשינע". איר אויפגאַבע איז געווען באַשיצן די מיטינגען, מאַניפעסטאַציעס פון פלוצלונגדיקע אָנפאַלן פון דער פּאָליציי און קאַזאַקן, קעמפן מיט דער „שוואַרצער=מייע", וואָס האָט זיך ניט איינמאָל געפּרואווט מאַכן אידישע פּאָגראָמען. אין דעקאַבר האָט די „קאַמף-דרוזשינע" געהאַט אַרום 200 „באָיעוויקעס". מערסטנטייל זיינען דאס געווען אַרבעטער פון די אייזנבאַן-וואַרשטאַטן און גאַרבער — קימאַט בלויז קריסטן (דערדאָזיקער פאַקט האָט געהאַט אַן אומגעהויערע ווירקונג אין אַזאַ שטאָט ווי דווינסק און שטאַרק מיטגעהאָלפן דערשטיקן אַלע פּאָגראָם-פּרואוון). די „קאַמף=דרוזשינע" איז געווען איינגעטיילט אין „צענדליקן", דער העכסטער אָרגאַניזאַציאָנס-טייל פון דער „באָיאָווקע" איז געווען אַ „הונדערט" מיטן „הונדערט-נאַטשאַלניק" אין שפּיץ. מיט דער גאַנצער דרוזשינע האָט אָנגעפירט אַ „נאַטשאַלניק" — אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער „סאַשאַ — דער טעכניק" (אַ סטודענט).

די קאמף=דרוזשינע איז געווען פאַרבונדן מיטן קאָמיטעט דורך איר הויפּט-אָנפירער. די מיליטערישע פּאָרבאַרייטונג פון די „באָיעוויקעס" איז ניט געשטאַנען אַף דער נויטיקער הויך. שיסן האָבן זיי געקאָנט שוואַך. די באַוואָפענונג איז אויך ניט געווען קיין געהעריקע, דאָסראָוו דרוזשיניקעס זיינען געווען באַוואָפנט מיט גרויסע פּאָליצייאישע „סמיט און וועסאָנס", וועלכע דער פּאַרטייאישער אוילאָם האָט גערופן „האַרמאַטן". אַכוץ „סמיטן" האָבן די „באָיעוויקעס" געהאַט עטלעכע צענדליק „ברוינינגס", און אויך מעסערס, קינזשאַלן, אייזערנע הענטשקעס (קאַסטעטן) און אייניקע — אויך האַנט-גראַנאַטן. די דרוזשינע האָט געהאַט אַ באַזונדערע פאָן. די „באָיעוויקעס" זיינען עטלעכע מאָל אַרויסגעפאָרן אין אַנדערע שטעט לויט דער באַקאָשע פון די דאָרטיקע אָרגאַניזאַציעס (לעמאָשל, קיין וויטעבסק, וואו מע האָט געוואַרט אַף אַ פּאָגראָם). זיי זיינען ניט איינמאָל געווען אויך אין די שטעטלעך פון דווינסקער אויעזד,

וואו זיי האָבן אָפּגעהיט די אידישע אָרימע-לייט פון בלוט-פּאַרגיסונגען מיצאַד די צעבושעוועטע שוואַרץ-מייעניקעס.

אונזער סאָציאַל-דעמאָקראַטישע דרוזשינע פלעגט אין די אומרואיקע טעג ארויסטרעטן געמיינזאַם מיט די „באַיעוויקעס" פון די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכע ס'איז געווען באַזונדערס שטאַרק די דרוזשינע פונם „בונד".

* * *

די טעטיקייט פון דווינסקער קאָמיטעט אין מעשעך פון 1905-טן יאָר קאָן איינגעטיילט ווערן אין צוויי פּעריאָדן, דער ערשטער — דער זיגרייכער מאַרש פון דער רעוואָלוציע ביז דעקאַבער, — קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן מיטן ברייטסטן פאַרנעם פון דער אַגיטאַציאָנס-אַרבעט אין האַלב-לעגאַלע פאָרמען. דער פּעריאָד פון די מיטינגען האָט זיך געצויגן פון אָקטיאַבר ביז דעקאַבר. וואו נאָר זיינען קיין מיטינגען ניט פאָרגעקומען! אין די שולן, טעאַטערן, באַטיי-מעדראָשים, קלובן,—אומעטום האָט מען גערעדט און גערעדט. די פּאָליציי איז פאַרשוואונדן, און מאַסן אַרבעטער, קליינבירגער, בורזשוען פלעגן זיך מאַכנעס-ווייז שיטן אַף די „מיטינגען". עס זיינען געגאַנגען אַף די מיטינגען סאָל-דאַטן, דינסטמיידלעך, אַלע שטאַנדן, אַלע עלטער-גרופּן האָבן געשטרעבט הערן די רעדנער, די כאַוויירים „אַנטאָן" און „מעפּאדי". עס האָט עקזיסטירט פולשטענדיק לעגאַל אַ פּאַרטיי-קלוב, וועלכער איז געווען שטענדיק פול מיט אַן עולאָם. וואָס האָט דעבאַטירט און גערעדט. די אַטמאָספער איז געווען אָנ-געגליט ביז דער העכסטער שטופע. די רעדנער האבן גערופן די צוהערער צום אַנטשיידענעם אַנטגילטיקן שלאַכט מיטן צאַריזם; די פּאַרטייען האָבן געקרייצט זייערע שווערדן: דיסקוסיעס, דיסקוסיעס און דיסקוסיעס; היינט מיט די עסערן, מאָרגן מיט די בונדיסטן, און דאָרטן מיט די ציאָניסטן.

די ווירקונג פונם קאָמיטעט אַף די מאַסן איז געווען אַן אויסערגעוויינלע-כע, ווייל די קאָנקורירנדיקע פּאַרטייען האָבן זיך אָפּט איינגעשלאָסן אין זיי-ערע שמאָל-נאַציאָנאַליסטישע ראַמען, ווי דער בונד און די ציאָניסטן פון פאַר-שיידענע שאַטירונגען, אָדער זיי זיינען געווען באַדייטנד שוואַכער פון אונז (די עסערן און אַנאַרכיסטן). עס פלעגט פּאַסירן, אַז צום קאָמיטעט פלעגן זיך ווענדן פּאָר-פּאָלקן, וואָס האָבן שלעכט געלעבט צווישן זיך. דער קאָמיטעט פלעגט אויסהערן די טאַינעס פון ביידע צדאָדים און דערנאָך „מישפּעטן" זיי. אָפּט פלעגן דינסטן אָנקלאָגן פאַרן קאָמיטעט זייערע באַלעבאַטים.

...אין די קאָמיטעט-קרייזן איז שוין זאָגאר געשטאַנען די פראַגע וועגן לעגאַליזירן דעם קאָמיטעט גופע. נאָר די אַלגעמיינע מיינונג פון די פאַראַנט-וואָרטלעכע כאַוויירים איז געווען, אַז מע דאַרף נאָך אויסוואַרטן, אַז ס'איז נאָך צו פרי צו פאַרלאָזן די פעסט דערוואָרבענע פּאָזיציעס פון דעם אונטערער-דישן פּאַרטיי-אַפּאַראַט.

...דווינסק איז געווען איינע פון די ערשטע שטעט, וואו עס איז דערקלערט געוואָרן „קריגס-צושטאַנד"... דווינסק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קריגס-לאַגער. אונטערזוכונגען אַף די גאַסן, אַרעסטן, שיסערייען. עס האָבן זיך באַ-

וויזן מיליטער-פּאטרולן, קאזאקן-אָפּטיילונגען מיט די ביקסן אין די הענט גרייט צום שיסן, די קאזאקן האבן שרעקלעך געבושעוועט, זייערער א פּאטרול האָט אָן א שום גרונד דערשאָסן די כאווערטע ווייצער, א מיטגליד פון אונזער יוגנט-אָרגאניזאציע.

נאָר ניט געקוקט אף דעם, האָט דער דווינסקער קאָמיטעט אין דעקאבר זיך געפּרואווט צו אָרגאניזירן א גאסן-מיטינג. עס האבן זיך צונויפגעקליבן אסאך אידישע ארבעטער און זייטיקער אוילאָם, נאָר דורכפירן דעם מיטינג האט זיך ניט איינגעגעבן: עס זיינען אָנגעפאלן די קאזאקן און גאנץ גיך אָפּ-גערייניקט דעם קאַמף-פּלאץ פון רויטן סוינע. קיין גרויסע פארלוסטן האָבן מיר דערביי ניט געהאט, עס האט בלויז פּאסירט אן אומגליק מיט איינעם פון די „באָיעוויקעס", וואס האט באשיצט דעם מיטינג. ער האָט זיך אויסגעגליטשט און באם פאלן האָט זיך בא אים אויפגעריסן א באָמבע, פון וועלכער ער איז אינגיכן געשטאָרבן.

די רעאקציע האט זיך געשטארקט מיט יעדן טאָג. די קלובן האט מען צע-שמעטערט. אלץ, וואס איז צייטווייליק ארויס פון דער אונטערערד, איז צוריק אוועק אהין. דער קליינבירגער, א דערשראָקענער פון מאָסקווער אויפשטאנד, די אינטעליגענץ, די בורזשואזיע, — זיי אלע האָבן אָנגעהויבן ווייכן פון דער רעוואלוציע. די ראָלע זייערע פון „באגלייטער" האט זיך געענדיקט. די בור-זשואזיע האט אָנגעהויבן ווערן קלאסן-באוואוסטזיניק.

...עס זיינען אָנגעשטאנען די וואָכיקע טעג פון דער רעוואָלוציע. דער פּראָ-לעטאריאט איז געוואָרן אלץ מער און מער איזאָלירט פון דער בורזשואזיע...

די פּארטיי-ארבעט איז געוואָרן שמעלער אין איר אומפאנג. די „בירזשע" איז פאנאנדערגעט־יבן געוואָרן. דער קאמיטעט האט זיך איצט איבערהויפּט אָנגע-שטרענגט אף שאפן א שטארקן פּארטיי-אפּאראט און א פעסטע באַזע אין די פּראָלעטארישע און מיליטערישע קרייזן. עס האט זיך אָנגעהויבן א שטארקע קרייזל-אַרבעט.

...זומער 1906, אין צוזאַמענהאנג מיט צעטרייבן די דומע און מיט די מיליטער-אויפשטאַנדן, איז די אַרבעט ווידער אויפגעלעבט געוואָרן. עס האָט אַף דאָסניי אָנגעהויבן פונקציאָנירן די „בירזשע". ווידער האָבן זיך אין קאָלעק-טיוו און אין די ראַיאָנען אָנגעהויבן דיסקוסיעס (וועגן קאדעטישן מיניסטע-ריום). צו הארבסט אָבער האָט זיך די לאַגע פון דער אָרגאַניזאַציע ווידער פארענדערט צום ערגערן... דער פּאַרטייאישער דווינסק איז געוואָרן פוסט. דאָס ראָוו אַוועקגעפּאָרענע כאַוויירים זיינען באַלד אינגאַנצן אַוועק פון דער אַר-בעט. דאָס איז געווען די גרויסע בעהאָלע פון דער רעוואָלוציע. די „בירזשע" איז געוואָרן שטאַרק שיטער. קיין מאַסן-אַרבעטער, וואָס זאלן אַהער קומען ווי אין אַ קלוב, האָט מען שוין אַף דער „בירזשע" ניט געזען.

זי איז אַלץ מער און מער, נאָכן צאָל און באַשטאַנד פון אירע באַזוכער, געוואָרן ניט מער, ווי אַ „יאַוואַטשנע קוואַרטיר".

...די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע האָבן געאַרבעט גאַנץ רעגלמעסיק, און דאָך האָט זיך אין דער גאַנצער טעטיקייט געפילט, אַז

עס גייט באַרג-אַראָפּ. אייניקע פון די ראַיאָנען, ווי דער „אַלטפּאַרשטאַטער", איז זיך אינגאַנצן צעפאַלן, אַנדערע, ווי דער „אייזנבאַנישער", האָבן עקזיסטירט בלויז נאָמינאַל. עס ה.ט אויך אָנגעהויבן „הינקען" די פּאַרטייאישע דרוקעריי. דאָס „מיליטער-בלעטל" איז שוין מער ניט דערשינען. ניט פּינק לעך האָבן אָנגעהויבן דערשיינען די פּראָקלאַמאַציעס. דער פינאַנציעלער מאַצעוו פון דער אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן אַלץ שווערער. די מיטגלידס-אָפּצאָלונגען זיינען געצאָלט געוואָרן זייער שוואַך; די נעראָוועס פון די בורזשואזע „סימפּאַטיקער פון דער רעוואָלוציע" האָבן קימאַט אינגאַנצן אויפגעהערט. די פאַרזאַמלונגען פון קאָלעקטיוו פלעגן באַזוכן ניט מער ווי 15-14 מענטשן.

אין קאָמיטעט גופא און אין קאָלעקטיוו האָבן זיך אָנגעהויבן „סיכסוכים", די רייבענישן צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס האָבן זיך פאַרשאַרפט.

...דער קאָלעקטיוו, אַלס אַזעלכער, האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטן פּראַקטיקאַנישן פּאָנים. קיין פעסטע מערהייט האָבן ניט געהאַט ניט די באָלשעוויקעס און ניט די מענשעוויקעס.

...האַגאַם דער פאַרנעם פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז פון דעקאַבר 1905 געוואָרן שוואַכער, פונדעסטוועגן איז די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע ביז סאַמע הארבסט 1906 געוועזן גאַנץ שטאַרק. נאָכמער, גראָד דענסטמאָל האָט מען אָנגעהויבן איינשטעלן אַ מיליטער-אָרגאַניזאַציע און די אַרבעט צווישן די פּויערים. דער קאָמיטעט האָט אויך פריער מער ווייניקער סיסטעמאַטיש דורכגעפירט סאָלדאַטן-קרייזלעך, נאָר... דענסטמאָל זיינען די סימפּאַטיעס פון די סאָלדאַטן צו דער רעוואָלוציע ניט פיקסירט געוואָרן אָרגאַניזאַציאָנעל. דאָס אָנקומען קיין דווינסק זומער 1906 פון אַ נייער דיוויזיע פון יאַפּאַנישן פראָנט האָט גרינדלעך אומגעענדערט אונזער מיליטערישע אַרבעט. דעם קאָמיטעט איז אין גיכן געלונגען צו מאַכן גוטע פאַרבינדונגען מיט די ארטילעריסטן און פוסגייער-טיילן. ניט נאָר אין יעדער פּאָלק, נאָר אויך אין די באַטאַליאָנען און ראָטעס זיינען געווען גרופּעס אונזערע כאַווירים. דער הויפּט-יעסאָד פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען דער „ראָטע-קאָמיטעט". אויב אין אַ ראָטע איז געווען אַ גענוגנדיקע צאָל אָרגאַניזירטע, פלעגט מען קלייבן אַ „ראָטע-קאָמיטעט", אויב אָבער דאָרט פלעגט זיין נאָר אַ 3-2 כאַווירים, פלעגן זיי גופא בילדן דעם קאָמיטעט. די פאַרזאַמלונגען פון די ראָטע-פאָרשטייער פלעגן אויסקלייבן אַ באַטאַליאָן-קאָמיטעט, און אָפט, ווען אין די באַטאַליאָנען איז געווען ווייניק ראָטע-אָרגאַניזאַציעס—דירעקט „פּאָלק-קאָמיטעטן". פון די פאָרשטייער פון די פּאָלק-קאָמיטעטן און פון די ספּעציעלע מיליטער-אָפּטיילונגען (ארטילעריע, סאַפּיאָרן), האָט זיך געבילדעט דער „צענטר" פון דער מיליטער-אָרגאַניזאַציע. אַכוץ דעם פלעגט אין צענטר אַריינגיין אַ פאָרשטייער פון דווינסקער קאָמיטעט, דער אַזוי גערופענער „מיליטער-אָרגאַניזאַטאָר".

דער פּאַרטיי-קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע צייטונג פאַר סאָלדאַטן. דער מיליטער-אָרגאַניזאַציע האָט אויך געהאָלפן דער „בונד" מיט מענטשן און מיט געלט.

די שטימונג פון דער סאָלדאַטן-מאַסע איז געווען אַ גאַנץ רעוואָלוציאָנערע.

קימאַט אַלע אָנפירער-סאָלדאַטן זיינען געווען באָלשעוויקעס, אויב ניט לויט די איבערצייגונגען, איז לעפּאָכעס לויט זייערע שטימונגען. זיי האָבן זיך אַלע געריסן אינם קאַמף.

...דער סוועאבארגער אויפשטאַנד[121] איז געווען אַ שטאַרקע שטויס-קראַפט אין פראַט פון רעוואָלוציאָניזירן די מאַסן. די סאָלדאַטן האָבן געפאָדערט אַן אַרויס-טרעטונג און דעם מאָל זיינען די רייד וועגן אַן אויפשטאַנד אין דווינסק געווען גאַנץ קאָנקרעט. לויט דער איניציאַטיוו פון אונזער קאָמיטעט, איז געשאַפן געוואָרן אַן אַלגעמיין שטאָטישער קאָאָליציאָנס-קאָמיטעט אינם באַשטאַנד פון צוויי פאָרשטייער פון „בונד", צוויי פון אונזער קאָמיטעט און איינער פון די „פּויאַליי-ציאָן".

שוין אַף דער ערשטער זיצונג איז די פראַגע וועגן אַן ארויסטרעטונג געווען אַויעקגעשטעלט זייער שאַרף. דער סטראַטעגישער פּלאַן, וואָס מיר האָבן פאָרגעלייגט, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די רעוואָלוציאָניזירטע פוסגייער-דיוויזיע הויבט אָן די אַרויסטרעטונג; די ארטילעריע באַשיסט די פעסטונג, וואו עס געפינט זיך די רעגירונגס-דיוויזיע, אַנטוואָפנט זי און, איבערלאָזנדיק אין פעסטונג אַ קליינעם גארניזאָן, טרעט זי ארויס אַף פעטער-בורג. קעגן דעמדאָזיקן פלאַן זיינען ארויסגעטראָטן די בונדיסטן. זיי האָבן אָנגעוויזן. אַז עס איז נאָך אַ גרויסער סאָפעק, צי פּעטערבורג און ריגע וועלן אונטערהאלטן די דווינסקער ארויסטרעטונג. און אויב ניט, וועלן די דווינסקער רעוואָלוציאָנערן טייקעף דערשטיקט ווערן — זיי וועט אויסקומען אויסצוהאַלטן אַ שווערן שלאַכט מיטן רעגירונגס-מיליטער פון ריגע און פּעטערבורג. דידאָזיקע דערווידערונגען זיינען געווען גאַנץ סאָליד, און נאָך לאַנגע און הייסע דעבאַטן האָט דער קאָאַליצאָנס-קאָמיטעט באַשטימט: ארויסטרעטן נאָר דעמאָלט, ווען אין פּעטערבורג אָדער ריגע וועלן זיך אָנהויבן „געשעענישן".

דערווייל האָבן מיר באַשלאָסן גרייטן זיך, צווישן אַנדערע, אויסגעאַרבעט אַ פלאַן, ווי אויפצורייסן דעם גרויסן אייזנבאַן-בריק איבער דער מאַירעוו-דווינע, קעדיי איבערצורייסן די קאָמוניקאַציע צווישן דווינסק, ווילנע און וואַרשע... ווי באַוואוסט, איז אין פּעטערבירג און ריגע קיין אויפשטאַנד ניט געווען, און בעמיילע זיינען שוין די פּלענער פון דווינסקער קאָמיטעט אויך געבליבן ניט פאַרווירקלעכט.

עס איז אינטע-רעסאַנט צוגעבן נאָך אייניקע שטריכן צו די פלענער פון קאָאַליציאָנס-קאָמיטעט. מע האָט פּראָיעקטירט נאָך דער אנטוואפענונג פון דער רעגירונגס-דיוויזיע איבערגעבן די גאַנצע מאַכט אין שטאָט אַ צייטווייליקן „רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט", וועלכן מע האָט באַשטימט צונויפשטעלן פון אַ רעוואָלוציאָנערער „פינפטל" — פון פאָרשטייער פון אלע איבעריקע רעוואָ-לוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס און פון דער בורזשואַזיע. מע האָט אויך גערעדט וועגן אָרגאַניזירן אַ ראַט פון אַרבעטער-דעפּוטאַטן, נאָר אים האָט מען זיך פאָרגעשטעלט ניט ווי אַ מאַכט-אָרגאַן נאָר ווי א געווער אין די הענט פונם ארבעטער-קלאַס צו דריקן אַף דער נייער מאַכט.

* * *

אין 1906-טן יאָר האָט באַם קאָמיטעט אָנגעהויבן פונקציאָנירן א קרייז-אָרגאַניזאַציע, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען אָנפירן מיט דער אַרבעט פון די שטעטלדיקע אָרגאַניזאַציעס און צווישן די פויערים.

די פאַרבינדונגען מיט די פויערים זיינען געווען אויסגעצייכנטע. די באַציאונג פון די „מוזשיקעס" צו אַ געקומענעם רעוואָלוציאָנער איז געווען זייער א גוטע. אין די דערפער זיינען געווען ניט נאָר איינצלנע סימפּאַטיקער, נאָר וואו ניט וואו אויך באַשטימטע גרופּעס. די פויערים האָבן זאָרגזאַם אויסגעבאַהאַלטן די „אַגיטאַטאָרן", געגעבן זיי עסן, פורן. געוויינלעך פלעגן די פאַרבינדונגען מיט די דערפער אונטערהאַלטן די שטעטלדיקע אָרגאַניזאַציעס (לוצין, קרעסלאווקע, דרויע, דריסע, רעזשיצע)...

85. די ארגאניזאציאנעלע סטרוקטור פון די פארטיי-ארגאניזאציעס אין צאפן-מאירעווודיקער געגנט.

(פון א קאָרעספּאָנדענץ פון מינסק אין „פּראָלעטארי" נומ. 19 פון 20 אווגוסט 1905)

...אין דער שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע שטייט די „גרופּע", אין וועלכער עס גייען אריין: א ליטעראט, א סעקרעטאר, א פאראנטוואָרטלעכער פּראָפּאַגאנדיסט און אן אגיטאטאר, וואָס פירט אָן מיט דער ארגאניזאציע פון די שטודירנדיקע, א פאראנטוואָרטלעכער טעכניקער, א פאראנטוואָרטלעכער „פי-נאנסיסט", עטלעכע ארגאניזאטאָרן און דער ארטיקער מיטגליד פונם צאָפּן-מאַירעוודיקן קאָמיטעט.

מיט דער ארבעטער-אָרגאניזאציע פירט אָן די צענטראלע סכאָדקע, וואוהין עס גייען אריין 8—10 ארבעטער, אן ארגאניזאטאר און א פארשטייער פון דער גרופּע, וואס ווערט דורך איר געשיקט. אלע שטאטישע ארבעטער-אנגעלעגנ-הייטן, אלגעמיינע שטרייקן, דעמאנסטראציעס, פארזאמלונגען א. א. וו. — ווערן באהאנדלט און באשטימט דא אף דער צענטראלער סכאדקע. די לעצטע שיקט אנפירער און פארשטייער אין די נידעריקערע קעמערלעך פון דער ארגאני-זאציע — אין די סכאדקעס, וועלכע זיינען דא 4. צוויי פון זיי זיינען פאכן-סכאדקעס, ווייל אין אונזערע ארגאניזאציעס זיינען דא צוויי גרויסע פאכן (האנדלס-אנגעשטעלטע, לעמאשל, ביז 100 מענטשן), אין דער דריטער סכאדקע זיינען קאנצענטרירט יענע פאכן, אין וועלכע די גרופּע האט ווייניק ארגאניזירטע ארבעטער, צוליב וואס דידאזיקע „סכאדקע" איז ניט קיין פאכאווע. דידאזיקע אלע דריי סכאדקעס זיינען „אידישע".

אזוי ווי די קריסטלעכע ארבעטער-סוויווע איז דערוויַיל, אדאנק דער איינזייטיקער ארבעט פון בונד, שרעקלעך אפּגעשטאנען, איז די ארבעט צווישן די קריסטלעכע ארבעטער דערווייל א ביסל אן אנדערע, לויט אירע מעטאדן און נאענטסטע אויפגאבן. דאס האט געשטויסן די גרופּע שאפן א באזונדער ארגאן אף צו פירן די ארבעט צווישן די קריסטלעכע ארבעטער — א פערטע סכאדקע. יעדער „סכאדקע" באשטייט פון עטלעכע (5-10) ארבעטער-ארגאני-

זאטארס, וואס קלייבן זיך צונויף אלע וואך אף פארזאמלונגען, אונטער דער אנפירונג פון מענטשן, וואס ווערן באשטימט, ווי שוין געזאגט, דורך דער צענטראלער סכאדקע.

אַלע פיר סכאָדקעס זיינען צעטיילט אַף נידעריקערע אָרגאַניזאַציאָנעלע קעמערלעך, אזוי אַז א באַשטימטער קרייז מענטשן, באַשטימטע פאַרבינדונגען געפינען זיך אונטער דער שטענדיקער אנפירונג פון אַ באַשטימטן מיטגליד פון דער געגעבענער „סכאָדקע".

די דורכפירונג פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער ארבעט דורך „סכאָדקעס" שאפט ניט קיין אָפגעזונדערטע נאַציאָנאַלע אָדער פאַכאווע פסיכאָלאָגיע, ווייל אַף די אלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, דיסקוסיעס און קרייזלעך טרעפן זיך די אַרבעטער פון פארשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, פאַכן און סכאָדקעס.

אט אזוי איז אַוועקגעשטעלט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אפאַראַט פון דער גרופע. אומאָפהענגיק פון אים שטייט די קאָלעגיע פון פראָפאַגאַנדיסטן און אַגיטאַטאָרן, וואָס באַהאַנדלען די פראָגראַמען און די מעטאָדן פון דער ארבעט אין די קרייזלעך, אונטער דער אָנפירונג פון א פאראַנטוואָרטלעכן פראָפאַגאַנדיסט. זי טיילט אויך פאַנאַנדער צווישן אירע מיטגלידער די קרייזלעך, וואָס זיינען געשאַפן דורך די אָרגאַניזאַטאָרס (סכאָדקעס).

די אָרגאַניזאַציע פון די שטודירנדיקע האָט איר צענטער, איר, אזוי צו זאגן, „סכאָדקע", וועלכע איז פארבונדן מיט דער גרופע דורך איר אָנפירער. די, וואָס זיינען פאַרנומען מיט פאַנאַנדערטראָגן, העקטאָגראַפירן, טראַנספּאָרטירן ליטעראַטור א. א. וו., געפינען זיך אונטער דער אָנפירונג פון דעם פאראַנטוואָרט-לעכן טעכניקער. און, לעצטנס, די פינאַנציעלע קאָמיסיע, וואָס קלייבט געלט און אָרדנט איין „קאָמערציעלע" אונטערנעמונגען, אַרבעט אונטער דער אָנפי-רונג פונם פאַראַנטוואָרטלעכן „פינאַנסיסט".

86. ר. ס. ד. א. פּ. וועגן די „פּראָלעטארישע ציאָניסטן".

(רעזאָלוציע פון צ. ק. פון דער ר. ס. ד. א. פּ., „פּאָלקסצייטונג", נומ. 398, 1907).

נעמענדיק אין באַטראַכט:

א) אַז די ציאָניסטישע פּאַרטייען (ס. ס. און פּ. צ.), אַרויסגייענדיק פון דעם קלאַל, אז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ווערט קלוימערשט דורך דעם גאַנג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אומפאַרמיידלעך אַרויסגעשטויסן פון די רייען פון די פּראָדוצירנדע קלאַסן אין די רייען פונם לומפּן-פּראָלעטאַריאַט און איז אומפאַרמיידלעך פאַרמישפּעט ביסלעכווייז צו דעגענערירן, און אָפּליי-קענענדיק דעריבער, אַז עס איז פאַראַן פאַר אים אַ וועלכע ניט איז מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך אין די גאָלעס-לענדער און קעמפן מיט ערפאָלג פאַר זיין פולער באַפרייאונג פון אַלע ארטן אונטערדריקונג,—דערמיט זעלבסט אַנערקענען זיי פאַקטיש, אַז פאַרן אידישן פּראָלעטאַריאַט איז אומעגלעך אַ קלאַסן-קאַמף, וועלכער שטעלט זיך פאַר זיין ענדציל דעם ניצאָכן פונם פּראָלעטאַריאַט,—וועלכער

וואַקסט שטענדיק סײַ אין צאָל און סײַ מאָראַליש, אָרגאַניזירט זיך און אַנט־וויקלט זיך,—איבער דער בורזשואַזיע;

ב) אַז פּריידיקנדיק, דאָס דער אידישער פּראָלעטאַריאַט קען קלוימערשט דערשלאָגן זיך צו זיין באַפרייאונג נאָר אַף אַן אייגענער אידישער טעריטאָריע, וועגן וועלכער עס איז דערווייל ניט באַוואוסט, וואו זי געפינט זיך, לייקענען דיזע פּאַרטייען דערמיט זעלבסט אַפּ, דאָס עס זיינען פאַראַן געמיינזאַמע גרונד־אויפגאַבן באַם אידישן פּראָלעטאַריאַט מיטן פּראָלעטאַריאַט פון יענע לענדער, וואו אידן וואוינען, און מיט זייער אַגיטאַציע רייסן זיי אָפּ די אידישע אַרבעטער פון דעם סאָלידאַרן קאַמף מיט די אַרבעטער פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכער פירט זיך אין דיזע לענדער פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג;

ג) אַז זייענדיק פאַרינטערעסירט אין דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער סאָציאַל־פּאָליטישער אָרדענונג פון יענע לענדער, אין וועלכע אידן וואוינען, נאָר איך אַזוי פיל, אַף וויפל דיזע דעמאָקראַטיזירונג טראָגט אַריין איינצלנע פאַרבעסערונגען אין דער לאַגע פונם אידישן פאָלק און פאַרגרינגערט די מעג־לעכקייט פון דער ציאָניסטישער אַגיטאַציע און אָרגאַניזאַציע, און אָנווענדנדיק די אויפמערקזאַמקייט און די קרעפטן פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט אַף פּראָיעקטן צו אָרגאַניזירן פאַרן אידישן פאָלק אַ מלוכע אַף אַן אייגענער טעריטאָריע אויסער יענע לענדער, וואו די אידישע אַרבעטער פירן זייער אַלטעגלעכן קאַמף, רייסן דידאָזיקע פּאַרטייען דערמיט זעלבסט אָפּ דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט פונם פּאָליטישן קאַמף, וועלכער שטעלט זיך פאַר אַ ציל ניט קיין איינצלנע רעפאָרמען, נאָר דאָס פאַרכאַפּן די גאַנצע מאַכט דורך דעם פּראָלעטאַריאַט צו־ליב דער סאָציאַליסטישער איבערקערעניש;

ד) אַז דידאָזיקע פּאַרטייען, אַנערקענענדיק זעלבסט, דאָס די אַרבעט צו שאַפן אַף דעם אָדער יענעם וועג אַ זעלבשטענדיקע טעריטאָריע באַשטייט, דעריקער, אין מאַכן דיפּלאָמאַטישע טריט, פאַרשפּרייטן מיט זייער אנטשפּרעכנ־דער אַגיטאַציע צווישן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט שעדלעכע אילוזיעס וועגן דער מעגלעכקייט צו דערשלאָגן זיך צו זיין באַפרייאונג דורך מיטלען, וועלכע ליגן אויסער זיין קלאַסן־קאַמף;

ה) אַז, ענדלעך, רופנדיק דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט צו נעמען אַ טיכ־טיקן אָנטייל אין דער פּלאַנמעסיקער אָרגאַניזירונג פון דער עמיגראַציאָנער אידישער באַוועגונג, אַלס אַ מיטל ראַדיקאַל צו לייזן די אידישע פראַגע, פאַר־דאַרבן דידאָזיקע פּאַרטייען דעם באַוואוסטזיין פון די אידישע אַרבעטער מיטן פריידיקן קליין־בורזשואַזע אוטאָפּיסטישע אידייען;

נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, געפינט דער צ. ק. פון דער רוסל. פאַר־טיי, אַז די ס. ס. און די פּ. צ. אַנטשפּרעכן ניט די פאָדערונגען, וועלכע זיינען נויטיק צוגעלאָזן צו ווערן אַף אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן, און דעריבער באַשליסט ער אָפּצוזאָגן די ס. ס. אין זייער ביטע (אָנגענומען איינשטימיק) 122).

XII. דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד

87. דער „בונד" אין דער ערשטער רעוואָלוציע.

(מ. ראַפעס: „צו דער געשיכטע פון בונד", ז.ז. 201—202)

...דאָס לעבן און קאַמף פונם „בונד" אין פעריאָד פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע איז דאָס גלענצנדיקסטע בלאַט אין זיין געשיכטע און אין דערזעלבער צייט איינע פון די מער כאַראַקטעריסטישע פאַר דערדאָזיקער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע.

פאַרוואַנדלט זיך אין פאָריקן פעריאָד פון אַ קרייזל אין אַ פּראָלעטאַרישער מאַסן-אָרגאַניזאַציע, האָט דער „בונד" אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע איינגעהאַלטן און פאַרגרעסערט זיין קראַפט, אַרויסטרעטנדיק אין יעדן מאָמענט אין דער שפּיץ פון די אידישע אַרבעטער-מאַסן, וועלכע ער האָט פעסט פאַראייניקט אַרום זיך.

אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די „עקאָנאָמישע" שאָלעכץ, איבערגעוואַקסן די שטופע פונם סאָציאַליסטישן טרעד-יוניאָניזם, האָט דער „בונד" מיט זיין אַרבעט אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע, פאַרשטייט זיך, אונטער דער ווירקונג פון דער אַנטוויקלונג פונם פּראָלעטאַרישן קאַמף אין לאַנד, פּאָליטיש דערצויגן די גאַנצע מאַסע פון די אידישע אַרבעטער און רעוואָלוציאָנירט די גאַנצע אַרומיקע קליינבירגערלעכע סוויווע.

פון דעם פאָריקן פעריאָד איז געבליבן אַן ענגע פאַרבינדונג מיט דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע, נאָר דער „בונד" אליין איז געוואָרן אינם עמעסן און פולן זין פון וואָרט אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון די אידישע אַרבעטער. דער אַלטער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געקענט שטאָלצירן מיט דערדאָזיקער זיין אָרגאַניזאַציע.

אָבער נאָר דער „צווייטער" אינטערנאַציאָנאַל. דער „בונד" האָט אַריינגעטראָגן אַ נייס אין זיין פּראַקטיק: רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, פעאיקייט אָנצופירן מיט מאַסן-אַרויסטרעטונגען פון די אַרבעטער-מאַסן.

נאָר אויך אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך אין אַלע געביטן פון זיין לעבן אַרויסגעוויזן שטריכן פונם קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם. עמעס, דער

„בונד“ איז אָפט געגאַנגען האַנט באַ האַנט — עמעס ניט קאָנסעקווענט — מיט דעם „באָלשעוויזם“: ער האָט געבויט פּאַרטייאישע פּראָפּאַרייִנען, געפּרעדיקט די העגעמאָניע פון דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע, באָיקאָטירט די וואַלן אין דער ערשטער דומע און פון צייט צו צייט געהאַלטן זיך פאַר דער טאַקטיק פונם „לינקן בלאָק“[123], ניט וועלנדיק, אַזוי צו זאָגן, אָריענטירן זיך אַפן „רעוואָלוציאָניזם“ פון דער מאָנאַרכיסטיש-געשטימטער בורזשואַזיע. נאָר אַפילע שוין דענסטמאָל — נאָך אין דעם ערשטן פּעריאָד — וואַקלט ער זיך פונם „מענשעוויזם“ צו „באָלשעוויזם“, פונם „באָלשעוויזם“ צו „מענשעוויזם“, און געענדיקט מיט אַ גאַנץ דרייסטן און אַנטשיידענעם איבערגאַנג אַף דער זייט פונם אָפּאָרטוניסטישן פליגל פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

ניט אויסגערעכנט די אייגענע קרעפטן און איבערשאַצנדיק זיין ראָלע אין דער רעוואָלוציע, האָט דער „בונד“ אין 1903-טן יאָר פאַראַט זיך אַליין אין זיין פּראַקטישן כוש, און צוליב דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ האָט ער צעריסן מיט דער פּאַרטיי פון די רוסישע אַרבעטער. די אַנטוויקלונג פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, באַשטימענדיק געגוויער דעם רעלאַטיוון געוויכט פונם „בונד“ און פון די אידישע אַרבעטער, קערט אום דעם „בונד“ צוריק אַפן וועג פון רעאַליסטישער פּאָליטיק: דער „בונד“ קערט זיך אום צוריק אין די רייען פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ., נאָר קערט זיך אום אַלס אַ פולקום אויסגעפאָרמירטע אידישע פּאָליטישע פּאַרטיי מיט אַן אייגענער פּראָגראַם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע און אַן אַרומגעוואַקסענע מיט אַ געדיכטן שיכט פון קליינבירגערלעכע עלעמענטן.

דער „בונד“ האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט צווישן די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אונטער די לאָזונגען פון דער פּאָליטישער אויבערהאַנט פונם פּראָלעטאַריאַט, נאָר ביסלעכוויז האָט ער אָפּגעלאָזן דידאָזיקע פּאָזיציע, איינוואָרצלענדיק זיך אין אַלגעמיינעם קאָמפּלעקס פון די אידישע געזעלשאַפטלעכע קרעפטן און אַריבערטראָגנדיק אויך אַהער די מעטאָדן פון דער מענשעוויסטישער טאַקטיק.

אַפן שוועל צום נייעם פּעריאָד — צו די יאָרן פון רעאַקציע — האָט דער „בונד“ שוין געהאַט אין אַ גרויסער מאָס יענע שטריכן, וואָס האָבן זיך אַזוי קלאָר אַרויסגעוויזן אינם פּעריאָד צווישן ביידע רעוואָלוציעס, און וועלכע האָבן אומפאַרמיידלעך באַשטימט זיין ראָלע אין דער צווייטער און דריטער רוסישע רעוואָלוציעס.

88. די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַווטאָנאָמיע.

(רעזאָלוציע פון זעקסטן צוזאַמענפאָר. „דער וועקער“ נום. 1, פון 25 דעקאַבר, 1905)

נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט, אַז די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג אין אַלע אירע פאָרמען, פאַרטונקלענדיק דעם קלאַסנבאַוואוסטזיין פון דעם פּראָלעטאַריאַט, רופט זיך אָפּ אַף דעם שעדלעכסטן אויפן אַף די אינטערעסן פון באַפריי-

אונגס-קאַמף פון דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון דער מלוכע און פאַלט מיט איר גאַנצער מאָסע אַף דעם אַרבעטער-קלאַס פון דער אונטערדריקטער נאַציע מיט דעם, וואָס זי פאַרהאַלט די אַנטוויקלונג פון זיינע קרעפטן אין אַלע געביטן פון זיין לעבן און פירט אַראָפּ זיין קלאַסן-קאַמף פון ריכטיקן וועג — איז דער כויוו פון דער סאָציאַל-דעמ. קעמפן קעגן יעדער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, סאַי דירעקטע, סאַי אומדירעקטע.

אַנערקענענדיק, אַז נאָר דער סאָציאַליזם, וועלכער וועט אויסוואָרצלען אַלע פאָרמען פון קלאַסן-הערשאַפט, וועט אויך ברענגען די פולקומע באַפרייאונג פון יעדער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, מוז די סאָצ.-דעמ. אין די גרעניצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג שטרעבן צו דערקעמפן יענעם מאַקסימום פאַרזיכערונג קעגן נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן, וועלכע איז מעגלעך צו דערגרייכן אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

נעמענדיק ווייטער אין אַנבאַטראַכט, אַז אַלס אַזאַ פאַרזיכערונג קען דינען — אויסער דער אַלגעמיינער דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכע-אָרדענונג און די געוויינלעכע גאַראַנטיעס פון דער בירגערלעכער און פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג, ווי אויך דער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער שפּראַך — נאָר די באַשאַפונג פון אַזעלכע מלוכע-רעכטלעכע איינריכטונגען, וועלכע מאַכן מעגלעך פאַר יעדער נאַציע אַ פרייע קולטורעלע אַנטוויקלונג, אַז צוליב דעם, וואָס רוסלאַנד איז באַוואוינט פון פאַרשיידענע פעלקער, וועלכע ווערן אַלץ מער און מער צונויפגעמישט באַ דער אַנטוויקלונג פון דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, איז אומעגלעך זיי טעריטאָריאַליש פאַנאַנדערצוגרעניצן, קענען די אויבנדערמאָנטע מלוכע-רעכטלעכע איינריכטונגען זיך אויסגיסן נאָר אין אַן אויסערטעריטאָריאַלישע פאָרם, אין אַ פאָרם פון נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַווטאָנאָמיע.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַנבאַטראַכט, פאָרמולירט דער זעקסטער צוזאַמענפאָר פון „בונד", זייענדיק בכלל איינשטימיק מיט דער פּאָזיציע, אַף וועלכער דער פערטער צוזאַמענפאָר האָט זיך געשטעלט מיט דער רעזאָלוציע וועגן דער-דאָזיקער פראַגע, די פּראָגראַם פון „בונד" אין דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע אין פאָלגנדע פונקטן:

1) פולע בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אידן.

2) אַ מעגלעכקייט פאַר דער אידישער באַפעלקערונג, גאַראַנטירט דורכן געזעץ, צו באַנוצן די אייגענע שפּראַך אין די אויפטראַגן מיט דעם געריכט און מיט די איינריכטונגען ווי פון דער מלוכע, אַזוי אויך אָרטיקער און טעריטאָריאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

3) נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַווטאָנאָמיע: אויסשליסן פון דעם רעשוס פון דער אָרטיקער און טעריטאָריאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג די פונקציעס, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט קולטור-פראַגן (פאָלקס-בילדונג און אַנדערע) און איבערגעבן זיי דער נאַציע זעלבסט, אין דער געשטאַלט פון באַזונדערע איינריכטונגען, ווי אָרטיקע, אַזוי אויך צענטראַלע, געוויילט פון אַלע מיטגלידער אַפן גרונט פון אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער אָפּשטימונג.

4) א נ מ ע ר ק ו נ ג: די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַווטאָנאָמיע נעמט ניט אָפּ

פון דער צענטראַלער געזעצגעבנדער מאַכט דאָס רעכט איינצושטעלן געוויסע נאָרמען, וועלכע אַלע זיינען מעכויעוו אָנצונעמען אין פראַגן, וואָס האָבן אַן אַלגעמיינע באַדייטונג פאַר אַלע נאַציעס פון רוסלאַנד, ווי צ. ב. ש., אַז אַלע מוזן באַקומען אָנפאַנגס-בילדונג, אַז די לימודים מוזן טראָגן אַ ריין וועלטלעכן כאַראַקטער און אַז. וו. און דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן, אַז די אַלע נאָרמען זאָלן אָפּגעהיט ווערן.

89. דער בונד און די פוילן-פראגע.

(רעזאָלוציע פון VI צוזאַמענפאָר, „דער וועקער״, נומ. 1).

נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט, אַז דער קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין רוסיש-פוילן גייט און מוז גיין אַפן וועג, וועלכער פירט צו דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג פון דער רוסישער מלוכע, און איז אַף אַזאַ אויפן אַ טייל, וועלכער איז פעסט פאַרבונדן מיט דעם באַפרייאונגס-קאַמף פון דעם גאַנצן רוסישן פּראָלעטאַריאַט;

אַז אַף דעמזעלבן וועג צו דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכע גייט אויך דער קלאַסנקאַמף פון פּראָלעטאַריאַט אין די איבעריקע צוויי טיילן פון פוילן;

אַז קוים איז דער פּראָלעטאַריאַט פון פוילן אַרויסגעטראָטן אַף דעמדאָזיקן וועג און האָט אָנגעהויבן צוצופאַסן זיין קאַמף צו די געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע באַדינגונגען פון דער מלוכע אין איר איצטיקער געגנצלעכער פאָרם, מוז ער שוין ניט אין זיין באַפרייאונגס-קאַמף דורכויס קומען צו דער נויטיקייט צו קעמפן פאַר דער ווידעראויפשטעלונג פון פוילן, ביפראַט נאָך, אַז די פאַרווירקלעכונג פון דיזער פאָדערונג ווענדעט זיך אָן אַזאַ גאַנצן סכום צופעליקע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע באַדינגונגען, וועלכע עס איז אומעגלעך פאָרויסצוזען, —

האַלט דער 6-טער צוזאַמענפאָר פון „בונד״, אַז די פאָדערונג פון ווידעראויפשטעלן פוילן קען ניט אַריינגעשטעלט ווערן אין דער סאָצ. דעמ. פּראָגראַם, און געפינט, אַז די אַגיטאַציע פאַר דערדאָזיקער פאָדערונג קען נאָר אַראָפּפירן דעם פּראָלעטאַריאַט פון דעם וועג, אַף וועלכן זיינע קלאַסן-אינטערעסן טרייבן אים אַזוי מעכטיק, קען נאָר פאַרטונקלען זיין קלאַסן-באַוואוסטזיין און צעברעקלען די קויכעס פון דער רעוואָלוציע.

דער 6-טער צוזאַמענפאָר פון „בונד״ אַנערקענט, אַז די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט פון פוילן פאָדערן, אַז די רוסישע מלוכע זאָל ווערן איבערגעבויט אַף דעמאָקראַטישע יעסוידעס, עס זאָל ווערן איינגעפירט אַ ברייטע טעריטאָריאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג און נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַווטאָנאָמיע.

90. קעגן באטייליקן זיך אין דער צייטווייליקער רעגירונג.

(פון א. ליטוואקס[124] ארטיקל „אף מארגן נאך דער רעוואלוציע". „ארבעטערשטימע" נומ. 40, סענטיאבר 1905).

...די צייטווייליקע רעגירונג איז געוואָרן אַ טאָג-פראַגע. אין דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראטישער פּרעסע דעבאַטירט זי זיך די לעצטע מאָנאַטן זייער העפטיק. די צוויי טיילן פון דער רוסישער ס.-ד. פּאַרטיי: די „מערהייט", די לענינצעס, און די „מינדערהייט", די מאַרטאָווצעס, זיינען זיך אין דער פראגע פאַנאַנדערגעגאַנגען אין זייערע מיינונגען. אַף דעם 3-טן צוזאַמענפאָר פון די לענינצעס האָט מען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז אין דער רעוואָלוציאָנערער צייטווייליקער רעגירונג מעגן נעמען אַן אָנטייל פאָרשטייער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, נאָר זיי מוזן דאָרט אַרבעטן אונטער דעם קאָנטראָל פון דער פּאַרטיי. די לענינצעס האָפן, אַז אונזערע פאָרשטייער וועלן קענען דורכפירן אין דער צוקונפטיקער רעוואָלוציע אונזערע נאָענטסטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאָדערונגען, אונזער גאַנצן מינימום-פּראָגראַם. די מאַרטאָווצעס (אַנדערש, די „איסקראָווצעס") האָבן אַף זייער קאָנפערענץ[125]) אָנגענומען אַ רעזאָלוציע קעגן אַזאַ אנטייל נעמען. די לענינצעס רופן אָן די טאַקטיק פון זייערע קעגנער אַנאַרכיזם, עק-פּאָליטיק. די מאַרטאָווצעס זאָגן, אַז די טאַקטיק פון די לענינצעס איז ניט קיין ריין סאָציאַל-דעמאָקראַטישע: דאָס איז אַ טאַקטיק פון אָפּאָרטוניסטן, פון רעוואָלוציאָנערן-דעמאָקראַטן.

פּאַרוואוס, אַ באַוואוסטער רוסיש-דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער שריפטשטעלער, שרייבט: „די רעוואָלוציאָנערע צייטווייליקע רעגירונג אין רוסלאַנד וועט זיין אַ רעגירונג פון דער אַרבעטער-דעמאָקראַטיע... אויב די ס.-ד. וועט שטיין אין דער שפּיץ פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, וועט די צייטווייליקע רעגירונג זיין א סאָציאַל-דעמאָקראַטישע... די רעוואָלוציאָנערע צייטווייליקע רעגירונג וועט זיין אדורכ-אויסע גאַנצע רעגירונג מיט אַ סאָצ.-דעמ. מערהייט". דערזעלבער פּאַרוואוס האָט געשריבן א פּראָקלאמאַציע צו די רוסישע אַרבעטער „ניטאָ קיין קייסער, און די רעגירונג איז אַן אַרבעטער-רעגירונג!", וואו ער אַגיטירט פאַר אַ סאָצ. דעמאָקראַטישע צייטווייליקע רעגירונג.

טראָצקי, אַ רוסישער ס.-ד., געפינט, „אַז כוץ אונז איז קיינער ניטאָ אַפן קאַמף-פּלאַץ... בײַ אונז איז ניטאָ קיין סאָציאַלער באָדן פאַר אַ רעוואָלוציאָנערע קליין-בירגערלעכע דעמאָקראַטיע"... ער פרעגט: „וואו זיינען די רעוואָלוציאָנערע ניט-פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, וועלכע זאָלן קענען שטיין אין דער שפּיץ פון דער רעוואָלוציע?" „ניטאָ זיי, ענטפערט ער, און זיי וועלן ניט זיין... די דעמאָקראַטן וואַקסן נאָך דערווייל אונטער... א וועלכע עס איז זעלבשטענדיקע ראָלע אין דער רעוואָלוציע, כאָטש וועלכע עס איז א גלייכע צו דער ראָלע פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלן ניט שפּילן ניט די פויערן, ניט די שטאָטישע קליין-בירגער, ניט די אינטעליגענץ... דער באַשטאַנד פון דער צייטווייליקער רעגירונג וועט אָפּהענגען דער איקער פון דעם פּראָלעטאַריאַט... נאָך דעם, ווי

דער אויפשטאַנד וועט אײנגאַנצן זיגן, וועלן באַקומען די הערשאַפט די אָנפירער פון דעם פּראָלעטאַריאַט". טראָצקי לייגט דערום פאָר שרייען מיט איין אָטעם: עס לעבע די רעוואָלוציע! עס לעבע די צייטווייליקע רעגירונג!

לײדער, איז די ווירקלעכקייט ווייט פון פאַרוואוסעס און טראָצקיס שיינע כאַלוימעס. אַדורכאויסיקע רעגירונג מיט אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישער מערהייט... עס איז גרינג צו זאָגן!

...די רעוואָלוציע, וועלכע שטייט איצט רוסלאַנד פאָר, איז אַ בורזשואַזע. זי איז ניט און קען ניט זיין קיין פּראָלעטאַריש-סאָציאַליסטישע. דאָס גרעסטע מערהייט פון דעם רוסישן פאָלק באַשטייט פון קליינע אייגנטימער, וועלכע זיינען שטאַרק צוגעבונדן צו זייער אייגנטום, ביז 100 מיליאָן פויערים, אַ מיליאָן 10 קליינע באַלמעלאָכעס, דער פּראָלעטאַריאַט מאַכט אויס אַ קליינעם טייל פון דער באַפעלקערונג, און אָט דער טייל איז נאָך ניט גענוג קלאַסן-באַוואוסטזיניק און אָרגאַניזירט, נאָך ווייניק דורכגעדרונגען מיט דעם געדאַנק פון סאָציאַליזם. די פּראָדוקציע אין רוסלאַנד איז נאָך ניט אַף אַזוי פיל אַנטוויקלט, זי זאָל טרייבן די געזעלשאַפט דאַפקע צו אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג. רוסלאַנד גייט איצט ביסלעכווייז איבער צו אַ גרויסער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. די זעלבסטהערשונג האָט געבונדן אַלע לעבעדיקע קרעפטן פונם לאַנד, זי לאָזט די פּראָדוקציע ניט אַנטוויקלען זיך, ווי געהעריק. די רעוואָלוציע וועט מאַכן אַן אָרט פאַר אַ רעגירונגס-סיסטעם, וואָס וועט זיין צוגעפּאַסט צו אַ פּראָגרעסיווער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, פאַר אַ רעגירונגס סיסטעם, וואָס וועט געבן דער בורזשואַזער געזעלשאַפט די מעגלעכקייט פאַנאַנדערצואוויקלען אַלע קרעפטן אירע. ווען דער פּראָלעטאַריאַט נעמט אין דער איצטיקער רעוואָלוציע דעם גרעסטן אנטייל, ווען ער קעמפט פאַר דער נייער אָרדענונג אַקטיווער, ווי אַלע איבעריקע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, איז דאָס דערפאַר, ווייל די זעלבסטהערשונג האָט אים געבונדן, לאָזט אים ניט קעמפן פאַר אַ בעסערן לעבן, ווייל דורך די דעמאָקראַטישע רעפּובליק ליגט זיין וועג. צוזאַמען מיט דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע וואַקסט די עקאָנאָמישע גרונדלאַגע פאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע וואַקסט אויך דער פּראָלעטאַריאַט, און די בעסטע אָרדענונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון די בורזשואַזע קרעפטן גיט אויך דעם בעסטן פּלאַץ צו אַנטוויקלען די קרעפטן פון דעם פּראָלעטאַריאַט, אַף מאַכן אים גרייט צו באַגראָבן די בורזשואַזע געזעלשאַפט און אַליין איר אָרט פאַרנעמען.

... ווען עס וואָלט געווען, ווי טראָצקי שרייבט, אַז צווישן אַלע איבעריקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג זיינען ניטאָ קיין עלעמענטן, וואָס זאָלן זיין אימשטאַנד צו נעמען אַף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע די הערשאַפט אין האַנט און איינפירן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, ווען די אומשטאַנדן פון דער רעוואָלוציע וואָלטן אונז אַף אַ ווײלע אויפהויבן אַף דער שפּיץ פון דער געזעלשאַפט, ווען דער אויפשטאַנד וואָלט אַוועקגעגעבן אונז אין האַנט די הערשאַפט, וואָלטן מיר זיך ניט באַגנוגעט נאָר מיט איינפירן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, מיר וואָלטן זיך ניט אָפּשטעלן נאָר בײַ אונזער מינימום-פּראָגראַם. ניט רעכענענדיק

זיך מיט דער מעגלעכקייט, מיט דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פונם לאַנד, וואָלטן מיר באַלד מוזן אָנהויבן איבערצומאַכן די גאַנצע געזעלשאַפט, אָנהויבן אויספירן דאָס, וועגן וואָס מיר האָבן שטענדיק גערעדט. דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט דאָס פאָדערן באַ אונז: דערויף זיינען מיר דאָך סאָציאַליסטן, סאָציאַליסטן, וועלכע האַלטן די הערשאַפט אין האַנט און פירן איין אַ בורזשואַזע רעפּובליק— דאָס איז קעגן יעדער לאָגיק, דאָס איז עטוואָס אומפאַרשטענדלעכעס. באַקומט דער פּראָלעטאַריאַט די דיקטאַטור, מוז ער באַלד אָנעמען מיטלען אָפּצושאַפן די אַרבעטסלאָזיקייט, צו פאַרניכטן די עקספּלואַטאַציע, מוז ער זעען אויספירן זיין מאַקסימום-פּראָגראַם. באַ איצטיקן צושטאַנד פון דער רוסישער געזעלשאַפט איז דאָס אָבער אומעגלעך, און עס הויבט זיך באַלד אָן אַ קאָנטער-רעוואָלוציע. דאָסראָוו באַפעלקערונג שטייט אויף קעגן אונז. אַ שטראָם בלוט רייסט אַרויס די הערשאַפט פון אונזערע הענט, טראָגט אַראָפּ די ערשטע שטיינער פון אונזער בניען. די אַלטע אָרדענונג לעבט ווידער אויף נאָך מיט אַ מער פרישקייט. באַ דעם פּראָלעטאַריאַט לאָזט אונזער רעגירונג איבער נאָך זיך אַ ביטערן געפיל: ער פאַרלירט אַף אַ צייט דאָס צוטרויען צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, די האָפענונג אַף זיינע אייגענע קרעפטן, פאַרלירט דעם גלויבן אין דער רעוואָלוציע, אין פאַרכאַפּן די מעמשאָלע ביכלאַל; יע, אַ קאָמונע פאַר דער צייט קען זיך לאַנג ניט האַלטן. האָבן מיר אָבער די הערשאַפט אין האַנט, מוזן מיר זי איינפירן. מיר האָבן קיין אַנדער ברייררע ניט, ווען מיר ווען מיר וועלן זיין „קלוג און פּראַקטיש", ווען מיר וועלן שטרעבן איינצופירן נאָר אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, צו דערגרייכן נאָר אונזער מינימום-פּראָגראַם, וועט דערפון אויך גאָרניט אַרויסקומען: די געשעענישן אַליין וועלן אונז טרייבן צו אַ קאָנפליקט מיט דער גאַנצער בורזשואַזער געזעלשאַפט. דער פּראָלעטאַריאַט וועט באַ אונז פאָדערן ראַדיקאַלע עקאָנאָמישע אומענדערונגען, רעכט אַף אַרבעט, לעמאָשל; מיר וועלן אים קאָרמענען מיט טערוצים: מיר זיינען נאָך ניט פאַרטיק, די פּראָדוקציע איז נאָך ניט גענוג אַנטוויקלט, מע מוז אַפריער איינפירן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק. דער פּראָלעטאַריאַט וועט אונז ניט פאַרשטיין און וועט ווערן אומצופרידן מיט אונזער פירונג. דאָס גאַנצע לאַנד, וועלכע האָט מיטגעפילט בעאַיס מיר האָבן געבראָכן די אַלטע אָרדענונג, הערט אונז באַלד אויף צו טרויען, ווערט באַלד פיינדלעך צו אונז, ווי מיר הויבן נאָר אָן בויען. די בורזשואַזיע הויבט אָן ציטערן פאַר איר לעבן און אייגנטום. עס שטעלט זיך אָפּ די אינדוסטריע, דער האַנדל. קיין אַרבעט איז ניטאָ, און פּראָדוקטן ווערן טייער. געדריקט פון דעם הונגעריקן פּראָלעטאַריאַט, מוזן מיר אָנווענדן טעראָר קעגן די קאַפּיטאַליסטן, נויטן זיי, לעמאָשל, האַלטן אָפן די פאַבריקן, איינשטעלן אַ טאַקסע אַף ברויט, פלייש א. ד. גל., מיר מוזן אַף וועלכן ניט איז אויפן העלפן די אַרבעטסלאָזע און צוליב דעם אַרויפלייגן אַ גרויסן שטייער אַף די נעגידים. דאָס רופט אַרויס אַ שרעקלעכע אומצופרידנהייט באַ דער גאַנצער בורזשואַזער געזעלשאַפט, זי ווערט אָנגעשראָקן און וואַרפט זיך אין די אָרעמס פון דער רעאַקציע. דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער נויטיקט זיך גלייך נאָך דער רעוואָלוציע מער ווי אַלץ אין זעלבסטשטעטיקייט, פאַרלאָזט זיך אַף

זיין רעגירונג, און זיין קאַמפּס-פעאיקייט ווערט אָפּגעשוואַכט. אויב עס הויבט
זיך אַפילע גלייך ניט אָן קיין קאָנטר-רעוואָלוציע, האָט אונזער צייטווייליקע
רעגירונג אויך קיין מאַמאָשעס ניט, איז איר רעזולטאַט אויך פונקט דער היי-
פּעך פון דעם, וואָס מיר האָבן דערוואַרטעט. אָנגעשראָקן פון אונזער מעמשאָלע,
שיקט די באַפעלקערונג אין די קאָנסטיטואירנדע פארזאַמלונג אַ גרויסע מער-
הייט אַנטי-דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן און עס הויבט זיך באַלד אָן אַ רעאַקציע.

אין דערעמעסן, זיינען מיר ניט דער איינציקער עלעמענט, וועלכער וועט
קענען און וועלן נעמען אַן אַנטייל אין דער צייטווייליקער רעגירונג. אין רוס-
לאַנד איז דאָ אַ גרויסער באָדן פאַר אַ ליבעראַלער פּאַרטיי און נאָך אַ גרע-
סערער — פאַר אַ קליין-בירגערלעכער דעמאָקראַטיע. אונזער אַקטיווער קאַמף
האָט אויפגעוועקט פון שלאָף אַלע איבעריקע עלעמענטן פון לאַנד, זיי הויבן
זיך אָן אָרגאַניזירן; פאַריינען וואַקסן ווי שוועמלעך נאָך א רעגן. זיי הויבן אָן
אַף זייער אָרט צו קעמפן קעגן דער זעלבסטהערשונג און וואָס ווייטער ווערן
זיי אַקטיווער. ווען זיי זיינען אַפילע איצט אינם קאַמף שוואַך, וועלן זיי
באַלד נאָך דעם זיג ווערן מעכטיק. זיי זיינען די טרעגער פון דער נאָענטער
צוקונפט: דער מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע געהערט זיי...

... די לעניניסטן זיינען מודיע, אַז דער פּראָלעטאַריאַט אַליין קען באַ
איצטיקע אומשטאַנדן קיין צייטווייליקע רעגירונג ניט בילדן; זיי גיבן צו, אַז
מיר וועלן אַפילע דאָסראָוו מיטגלידער אין אַזאַ רעגירונג ניט האָבן, זיי שטעלן
ארויס די „דיקטאַטור פון די פויערים מיטן פּראָלעטאַריאַט".

... „דער דאָרפישער און שטאָטישער דאַלעס", שרייבן זיי אין זייערע אר-
טיקלען; האבן זיי, הייסט דאָס, אין זיינען מער ניט די אָרימסטע פויערים און
באַלמעלאָכעס. מיט זייער הילף וועט דאָס דער פּראָלעטאַריאַט פאַרכאַפּן די
הערשאַפט און דורכפירן אונזער מינימום-פּראָגראַם. דער דאָרפישער דאַלעס
איז נאָך אָבער נאָר אַ מאַכט אַף צו פאַרגרעסערן די אַנאַרכיע. די קליינע
באַלעבאַטימלעך זיינען דערווייל נאָר פעאיק אַף עלעמענטאַרע בונטן, ניט אַפן
אָרגאַניזירטן קאַמף, ניט אַף פּלאַנמעסיקע שאַפנדע אַרבעט. באַ זיי אין קאָפּ
איז אַ מיש-מאַש פון פאַרשיידענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שטרעבונגען,
פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע. אַף וויפל עס איז קלאָר פּאָליטישע באַגריפן
איז נאָך דערווייל באַ זיי ניטאָ, דאַסזעלבע קומט אויס צו זאָגן וועגן דאָסראָוו
שטאָטישע קליינע באַלמעלאָכעס. אין דער צוקונפט וועלן זיי געבן אַ באָדן
דער קליינבירגערלעכער דעמאקראטיע; דערווייל וועלן זיי זיך צעברעקלען
צווישן פאַרשיידענע ליבעראַלע, דעמאקראטישע, קאנסערוואטיווע און קלערי-
קאַלע פּאַרטייען. פאַר סאָציאַל-דעמאקראטן אַלס „הערשער" וועט נאָך די
גרעסטע מערהייט מוירע האבן, ווי פאַר פייער. וואס פאַר אַ באָדן די קליינ-
בירגערלעכע דעמאקראטיע זאל שפּעטער ניט האבן, דערווייל, נאָך דער רע-
לוציע, וועלן נאָך די בורזשואזע ליבעראַלן און די גאַלאָכיש-פּריצישע קאָנסער-
וואַטאָרן געווענוג מעכטיק זיין. די דערווייליקע רעגירונג וועט אַף אַזאַ אויפן באַ-
שטיין ניט דאָסראָוו פון רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן מיט א פּראָלעטארישער
מינדערהייט, נאָר פון א געזינדל פאַרשיידענע ליבעראַלן מיט אַ דעמאקראַטי-

שער מינדערהייט, גיכער ווי אלץ גאר אַן סאָציאַל-דעמאקראטן. עס קען זיין, אַז מע וועט ארייננעמען אַהין אויך אייניקע סאציאל-דעמאקראטן; זיי וועלן אָבער דארטן קיין שום באַדייטונג ניט האבן; קיין נוצן וועט דער פראלעטאַ-ריאט פון זיי קימאט ניט האבן, שאָדן אבער וועלן זיי אים ברענגען גענוג. דער פראלעטאריאט וועט זיך פארלאזן אף זיינע מיטגלידער אין דער רעגירונג, און זיין זעלבסטעטיקייט וועט קלענער ווערן, זיין קאַמפּס-פעאיקייט וועט אָפּגע-שוואכט ווערן. דער פראלעטאריאט וועט זעען, אַז זיינע פארשטייער פירן די רעגירונג צוזאמען מיט די פארשטייער פון דער בורזשואזיע און זיי וועלן דערפון דרינגען, אַז די בורזשואזיע איז גאר ניט אַזא סוינע, ווי מע האָט גע-שריען, צווישן אונזערע און אירע אינטערעסן איז גאר ניט אזא טיפער אפּ-גרונד, גאר ניט אַזא שאַרפער קעגנזאץ: מע קען נאך ארבעטן האנט באַ האנט, עס איז ניטא וואס צו קלערן וועגן אַ סאציאלער רעוואלוציע. די צייטווייליקע רעגירונג מוז רעגירן, און רעגירן אין אַ קאפּיטאליסטישער רעגירונג הייסט אויפהאלטן די בורזשואַזע אָרדענונג, פארהיטן דאס בורזשואזע אייגנטום, אַרעס-טירן גאַנאווים, איינשטילן אַרבעטער- און פויערים-אומרוען, מאָנען שטייער און צאלן רעגירונגס-כויוועס, בויען אַ פלאָט, אויפהאלטן די אַרמיי, זארגן פאר דעם מאַרק. ווען אין דער צייטווייליקער רעגירונג וועלן זיצן עטלעכע סאצ.-דעמאקראטן, וועלן זיי נעמען אף זיך די פאראַנטווארטלעכקייט פאר די אַלע פירונגען; עס וועט הייסן, אַז די סאציאל-דעמאקראטיע אנערקענט די בורזשו-אזע געזעלשאפט. וועלכע רעפארמען אונזערע פארשטייער זאלן ניט דורכפירן אין דער צייטווייליקער רעגירונג, טאָרן מיר אין איר קיין אָנטייל ניט נעמען הויל צוליב דעם, ווייל דאס וועט שאדן אונזער קלאַסנקאמף, ביפראט, אַז זייענדיק אין דער מינדערהייט, וועלן זיי דארטן קיין וויכטיקע רעפארמען אויך ניט קענען דורכפירן. אונזער אנטיילנעמען אין דער צייטווייליקער רעגירונג קען ברענגען נוצן נאָר דער בורזשואזיע. זי וועט באַרואיקן דעם פראלעטא-ריאט, אָנווייזנדיק אים, אַז ער אליין רעגירט דאָך און האט דערום ניט וואס צו שרייען. זי וועט איבערשרעקן די פויערים און אלע איבעריקע קליין-אייגנ-טימער מיט די פּאָר סאָצ.-דעמאקראטן — „הערשער", וואס ווילן קלוימערשט פארניכטן אייגנטום און רעליגיע, פאמיליע און געזעץ, און דערמיט וועט זי אפּשטויסן די ברייטסטע ניט פראלעטארישע מאסע פון דער דעמאקראטיע. נעמען אַן אנטייל אין א בורזשואזער (קיין אנדערע קען זי איצט ניט זיין) צייט-ווייליקער רעגירונג, וואלט הייסן פארקויפן די קלאסן-אינטערעסן פון דעם פראָ-לעטאריאט, וואלט הייסן אנעמען אַ טאַקטיק ניט פון סאצ.-דעמאקראטן, נאָר פון סאציאל-רעפארמיסטן.

...אונזער פּאָליטישע לאַגע איז אַ צווייזייטיקע. פון איין זייט, קעמפן מיר פאר אַ דעמאָקראַטישער רעפובליק. דיזער קאמף איז פאר אונז אף אַזויפיל וויכטיק, אף וויפל ער מאַכט אַ סאָף פון דער זעלבסטהערשונג, מאַכט פריי די פּראָ-דוקציאָנס-קרעפטן און גיט אונז די מעגלעכקייט זיך פאַרטיק מאַכן צו אַ סאָ-ציאַלער רעוואָלוציע. פון דער אַנדער זייט, קריטיקירן מיר די דעמאָקראַטישע רעפובליק, ווייזן אָן אירע פעלערן, דערקלערן, אַז זי קען אונז ניט צופרידנ-

שטעלן, ווייל זי איז אַ בורזשואַזע, אַן עקספּלואַטאַטאָרישע אָרדענונג, און מיר רופן דעם פּראָלעטאַריאַט זיך גרייטן צו דער גרויסער מילכאָמע קעגן דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, פאַר אַ נייע געזעלשאַפט פון עקאָנאָמישער און סאָציאַלער גלייכהייט. מיר שטרייטן אף אַזאַ אויפן אף צוויי פראָנטן: קעגן דער זעלבסטהערשונג פון איין זייט, און קעגן דער גאַנצער בורזשואַזער געזעלשאַפט פון דער אַנדערער. דער לעצטער שטרייט איז בא אונז דער איקער. צוליב דער צוקונפטיקער מילכאָמע קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט קעמפן מיר איצט פאַר א דעמאָקראַטישער רעפּובליק. אנטיילנעמען אין אַ בורזשואַזער צייט. רעג., הייסט אָפּזאָגן זיך אף אַ צייט פון קריטיקירן די בורזשואַזע אָרדענונג, צום ווייניקסטן, אָפּשוואַכן די קריטיק. עס איז שווער צו קריטיקירן מיט ווערטער דאָס, וואָס מע אַנערקענט מיט מאַיסים, און וואָס מע נעמט אַן אנטייל, פאַרוואָס מע איז פאַראַנטוואָרטלעך. אַ סאַצ. דעמ. פּאַרטיי קען, לעמאָשל, ניט קעמפן, ווי געהעריק, קעגן מיליטאַריזם, בעאַייס אירע פאַר־שטייער נעמען אַן אַנטייל אין דער רעגירונג, וועלכע האַלט אויף און אָרגאַני־זירט אַ שטענדיקע אַרמיי. אדער אַן אַנדער ביישפּיל. די צייט. רעג. דאַרף בייטן צלע רעאַקציאָנערע באַאַמטע און אַוועקשטעלן אף זייער אָרט „פאָלקס־פריינט”, ווי טראָצקי דריקט זיך אויס. ווער וועלן בא היינטיקע אימשטענדן זיין אָט די פאָלקס-פריינט? ניט קיין אַנדערע, ווי די פאָרשטייער פון דער גרויסער אָדער קליינער בורזשואַזיע. נעמען מיר אַן אנטייל אין דער צייט. רעג., דאַן גיבן מיר אונזער האסקאָמע אף זיי, דאַן איז אונז שוין ניט אַזוי לייכט זיי צו קריטיקירן, אנווייזן זייער בורזשואַזע נאַטור: קריטיקירן זיי הייסט דאַן קריטיקירן זיך. און אָפּשוואַכן די קריטיק פון דער בורזשואַזער אָרדענונג הייסט פאַרטונקלען בא דעם פּראָלעטאַריאַט דעם קלאַסן-באַוואוסטזיין, הייסט פירן ניט קיין סאַצ. דעמאָקראַטישע פּאָליטיק.

...אָבער וואָס וועט זיין, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט פון אונז פאָדערן, מיר זאָלן ניט אַנדערש אנטיילנעמען אין דער צייטווייליקער רעגירונג. פאַרוואוס איז זיכער, אז די אַרבעטער וועלן דאָס פאָדערן, און אויב מיר וועלן ניט איינשטימען, וועלן זיך געפינען אַנדערע, וועלכע וועלן זיך אָנכאַפּן פאַר דעם קאָוועד זיין אין דער צייט. רעג. די פאָרשטייער פון דעם פּראָלעטאַריאַט. די מאַסע וועט אַוועקגיין פון דער סאָצ. דעמאָקראַטיע, וועלכע וועט בלייבן ווי אַ שטאַב אָן אַן אַרמיי.

אויב די אַרבעטער וועלן עס פון אונז ניט אַנדערש פאָדערן, וועלן מיר עס מוזן נאָכגעבן. די סאָצ. דעמאָקראַטיע וועט דאַן מוזן שיקן אירע פאָרשטייער אין דער צ. ר. זיי וועלן אָבער אַפּריער דערקלערן דער קעמפנדער מאַסע זייער פּראָגראַם, זיי וועלן איר באַווייזן, ווי ווייט זיי קענען ניט אַרבעטן מיט די בורזשואַזע ליבעראַלן און דעמאָקראַטן צוזאַמען; זיי וועלן אָנזאָגן אפריער, אַז זיי גייען אַריין אין דער צייטווייליקער רעגירונג נאָר דורכצופירן זייער פּראָגראַם און באַם ערשטן צופאַל, ווען די צייט. רעג. וועט אָנעמען אַ מיטל קעגן די פּרינציפּן פון דער סאָצ. דעמ., אָדער ווען זי וועט זיך אָפּזאָגן דורכ־פירן אַ פּונקט, וועלכן אירע סאָצ. דעמאָקראַטישע מיטגלידער האלטן פאַר נוי־

טיק, לויט זייער פּראָגראַם, וועלן זיי פון דאָרטן אַרויסטרעטן. און אַזוי וועלן זיך אונזערע פּאָרשטייער אויך מוזן פירן, ווען זיי וועלן, לעמאָשל, פאָדערן, אַז די צייט. רעג. זאָל פּאַנאַנדערלאָזן די שטענדיקע אַרמיי און באַוואָפענען דאָס פאָלק, און די בורזשואַזע מיטגלידער וועלן זיי אין דעם אָפּזאָגן, דעמאָלט וועלן די סאָצ. דעמאָקראַטן מוזן אַרויסטרעטן פון דער צייט. רעג. אף אַזאַ אופן וועלן זיי מיט מאַסים ווייזן דער קעמפּענדער מאַסע, ווי אומעגלעך עס איז פאַר אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט אנטיילצונעמען אין אַ בורזשואַזער צייט. רעג. און ניט אָפּטרעטן פון זיינע פּרינציפּן. דעמאָלט וועט אויסקומען צו טאָן איינס פון די צוויי: אָדער אָפּוואַרפן אינגאַנצן די ערשטע צייט רעג. און גרינדן אַ צווייטע, דורכאויס פון סאָצ. דעמאָקראַטן, אָדער דריקן אף איר פון אויסווייניק. דאָס וועט זיך ווענדן אָן די פּאַרהעלטניסע פון די קרעפטן.

...אָבער אויב מיר וועלן קיין אנטייל ניט נעמען אין דער צייטווייליקער רעגירונג, טאַינען די לענינצעס, וועלן מיר דאָך קיין דעמאָקראַטישע קאָנסטיטואירנדע פּאַרזאַמלונג ניט האָבן, וועלן מיר דאָך ניט האָבן קיין דעמאָקראַטישע רעפּובליק! אף וואָס פאַר אַן אופן וועלן מיר זיך דערשלאָגן די אַלע פרייהייטן, די אַלע פאָדערונגען צו אַ דעמאָקראַטישער פאָלקס-רעגירונג?

...גלייך נאָך דער רעוואָלוציע גרינדן מיר פאָלקס-מיליציאָנען, קלובן, פּאָליטישע פאַריינען, און מיט דערזעלבער אַקטיוויטעט, וואָס מיר האָבן געקעמפט קעגן דער זעלבסטהערשונג, מיט דערזעלבער אַקטיוויטעט דריקן מיר איצט אף די צייט. רעג. די גאַנצע צייט, וואָס זי רעגירט, קאָלומאַן די קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג האָט נאָך קיין נייע רעגירונגס-סיסטעם ניט אויסגעאַרבעט. הערט נאָך די רעוואָלוציע אינגאַנצן ניט אויף, זיינען מיר פּאַרטיק יעדע מינוט אַ-בערגאַנייס אָנהויבן דעם קאַמף קעגן אונזערע נעכטיקע כאַווירים, די ליבעראַלן און דעמאָקראַטן, מיר קריטיקירן יעדן טריט זייערן, מיר מישן זיך אַריין אין זייערע פאַרזאַמלונגען, קומען אף זייערע זיצונגען מיט אונזערע פאָדערונגען. די „רעוואָלוציאָנערע גאַס" הערט ניט אויף צו דריקן אף די הויכע פענסטער. אַלע רעפאָרמען, וועלכע די בורזשואַזיע וועט אונז געבן, וועט זי געבן צוליב דעם, וואָס מיר וועלן זי דריקן. זי וועט אונז נאָכגעבן, קעדיי מיר זאָלן זיך באַרואיקן און די אָרדענונג זאָל זיך איינשטעלן אינם לאַנד. אונזער דריקונג איז אָבער אַסאַך שטאַרקער, ווען מיר זיינען פון אויסווייניק. אונזער אנטיילנעמען אין דער צייט. רעג. מאַכט, ווי מיר האָבן שוין דערוויזן, שוואַכער די דריקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער גאַס, מאַכט אונז ווייכער און מער גענייגט צו פשאָרעס.

אינזער פאַרכאַפן די הערשאַפט, די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט, איז מעגלעך אין נויטווענדיק אין דער צייט פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, נאָר קעדיי איינצופירן אונזער מאַקסימום-פּראָגראַם, נאָר אָפּצושאַפן די סיסטעם פון פּריוואַט-אייגנטום און עקספּלואַטאַציע. ביז יענער צייט זיינען מיר שטענדיק אין אָפּאָזיציע, דריקן מיר אף יעדע רעגירונג, זי זאָל אונז געבן גענוג פּלאַץ צו אָרגאַניזירן אונזערע קרעפטן, זי זאָל דורכפירן געזעצן צו פאַרבעסערן אונזער לאַגע אין היינטיקער געזעלשאַפטס-אָרדענונג. זייענדיק אין אָפּאָזיציע, קריטיקירן מיר יעדע בורזשואַזע רעגירונג, ווי דעמאָקראַטיש זי זאָל ניט זיין און

שטעלן איר אַנטקעגן אונזער אידעאַל פון אַ סאָציאַליסטישער רעפּובליק. קיינע פּשאָרעס, קיינע בלאָקן! שטענדיק אין אָפּאָזיציע! שטענדיק א שטרייט אַף צוויי פראָנטן.

91. דער בונד און די עמיגראַציע-פראַגע.

(רעזאָלוציע צום שטוטגאַרטער אינטערנאַצ. סאָצ. קאָנגרעס. „25 יאָר", זאמעלבוך, ווארשע, 1922)

I.

דער קאָנגרעס אַנערקענט: 1) אַז די היינטיקע עמיגראַציע איז אַ רעזולטאַט פון הערשנדן קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציאָנס-אויפן און ווערט אַרויסגערופן דורך אורזאַכן, וועלכע זיינען ענג פאַרבונדן מיט דער גאַנצער היינטיקער ווירטשאַפטלעכער אָרדענונג; 2) אַז איר וואוקס, וועלכער איז צייטנווייז אומנאָרמאַל, ווערט אַרויסגערופן פון איין זייט דורך פּאָליטישע, רעליגיעזע און נאַציאָנעלע פאַרפאָלגונגען אין די עמיגראַציאָנס-לענדער און פון דער צווייטער זייט—דורך דעם, וואָס די רעגירונגען און די קאַפּיטאַליסטן פון די אימיגראַציאָנס-לענדער נאַרן אַריין צוליב די צילן פון עקספּלואַטאַציע א איבעריקע צאָל אַרבעטס-הענט און מאַכן פונם טראַנספּאָרט פון די עמיגראַנטן אַ זעלבשטענדיקע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג; 3) אַז בּאַ אַזאַ ענגער אָפּהענגיקייט פון דער עמיגראַציע פון דער עקזיסטירנדער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, איז יעדע פּראָבע אָפּשטעלן קינסטלעך, דורך דער הילף פון באַגרעניצונגס-געזעצן, די עמיגראַציע—אומפּרוכטבאַר און נאָך איר עצם נאָך רעאַקציאָנער; 4) אַז די געזעצגעבונג פון די בורזשואַזע רעגירונגען קעגן אימיגראַציע פאַרבעסערט ניט די לאַגע פון די אַרבעטער, באַגרעניצט ניט די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע און רופט זיך אָפּ אַפּן שעדלעכסטן אויפן אַף דעם גורל פונם פּראָלעטאַריאַט פון אַנדערע לענדער, וועלכער זוכט מיט דער הילף פון דער עמיגראַציע צו ראַטעווען זיך פון הונגער, פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען. ניט דערגרייכנדיק אַף אַזאַ אויפן איר דירעקטן ציל, פאַרטונקלט זי, די געזעצגעבונג, נאָך דערצו דעם קלאַסן-באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער, ציט אָפּ דעם פּראָלעטאַריאַט פון דעם קלאַסן-קאַמף, טראָגט אַריין אַ צעשפּאַלטונג צווישן די אַרבעטער און שאַפט גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער ראַסן-פיינטשאַפט.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, זאָגט זיך דער קאָנגרעס ארויס קעגן יעדערליי געזעץ, וועלכער פאַרבאָט אָדער באַגרעניצט די אימיגראַציע אָדער די עמיגראַציע און רעקאָמענדירט אלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ענערגיש צו קעמפן קעגן אַזעלכע געזעץ-פּראָיעקטן און אויפצודעקן פאַרן פּראָלעטאַריאַט זייער עמעסן כאַראַקטער.

II.

צוליב דעם קאַמף מיט די ניט-געווינשטע רעזולטאַטן, וועלכע זיינען מעגלעך

באַ אַ צו שטאַרקן צופלוס פון אַרבעטס-הענט אין די אימיגראַציאָנס-לענדער, רעקאָמענדירט דער צוזאַמענפאָר אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען און אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס צו פירן אַן ענערגישע קאמפּאַניע פאַר איינשטעלן אַ נאָרמאַלן אַרבעטס-טאָג אין אַלע צווייגן פון אַרבעט און ווי ווייט מעגלעך רעגולירן די סכירעס; קעמפן קעגן יעדער פאָרם פון אַריינאַרן עמיגראַנטן דורך די רעגירונגען און די קאַפּיטאַליסטן און פאָדערן, אַז די אימיגראַנטן זאָלן אין א מעגלעכסט קלענערן מעשעך צייט באַקומען אלע בירגערלעכע רעכטן פון יענעם לאַנד, אין וועלכן זיי קומען צו פאָרן.

אין דער זעלבער צייט דאַרפן די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, ווי אין די עמיגראַציאָנס-לענדער, אַזוי אויך אין די לענדער פון אימיגראַציע, פאָדערן איינצואָרדענען אפן כעשבן פון דער מלוכע און באם אנטייל פון די אַרבעטער-פאַריינען — אינפאָרמאַציאָנס-עמיגראַנטן-ביוראָען, אַרבעטס-בירזשעס און א אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך וועגן באַשיצן די אינטערעסן פון די עמיגראַנטן און אַ קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פון די שיפס-קאָמפּאַניעס און אַגענטורן, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט אַריבערפירן עמיגראַנטן.

ווייטער, זייענדיק פולקום זיכער, אַז דער פראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער און נאַציאָנאַליטעטן איז פעאיק צו באַנעמען די לערע וועגן סאָלידאַריטעט און געמיינזאַמקייט פון די אינטערעסן פון אַרבעטער-קלאַס, פאַרוואַרפט דעם קאָנגרעס אפן אַנטשיידנסטן אויפן די קורצזיכטיקע פּאָליטיק פון אייניקע ארבעטער-פאַריינען, וועלכע דערלאָזן ניט אין זייער אָרגאַניזאַציע אימיגראַנטן און מאַכן אַן אונטערשייד צווישן אַרבעטער פון פאַרשיידענע ראַסן און נאַציאָנאַליטעטן, און ער, דער קאָנגרעס, האַלט פאַרן כויוו פון אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען און אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס אין די לענדער פון עמיגראַציע און אימיגראַציע צו טאָן אַלעס מעגלעכעס אַף צו פאַרגרינגערן דעם צוטריט פון די אָנגעקומענע אַרבעטער אין די אָרגאַניזאַציעס און צו פירן צווישן זיי ווי ווייט מעגלעך אַ ברייטערע אַגיטאַציע פאַר דער אידייע פונם סאָציאַליזם.

92. רעזאָלוציע פונם V-טן צוזאמענפאר פון בונד[126]) וועגן ציאָניזם

(„דער V-טער צוזאמענפאר פון דעם אלגעמיינעם אידישן ארב. בונד". זשענעווע, 1904, ז. 16)

...נעמענדיק אין אַכט, אַז דער ציאָניזם איז אַ באַוועגונג פון דער קליינער און מיטעלער בורזשואַזיע, וועלכע געפינט זיך אונטער אַ צווייאיקן יאָך: פון דער קאָנקורענץ פון גרויסן קאפּיטאַל, פון איין זייט, און פון די אויסנאַמס-געזעצן און פון דער העצונג פון דער רעגירונג און די בורזשואַזיע פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, פון דער צווייטער זייט; אז אַרויסגייענדיק פון דער פאָרשטעלונג, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אייביק, און שטעלנדיק זיך דעריבער פאר אַ ציל צו גרינדן אַ קלאַסן-מלוכע אין פאלעסטינע, שטרעבט ער (דער ציאָניזם) צו פאַרטונקלען די קלאַסן-קעגנזאצן אין נאָמען פון קלוימערשט אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן;

אז פון דעם איקער פון ציאָניזם שטאַמט אומפארמיידלעך זיין רעאקציאָנערע פּאַקטיק, וועלכע באַשטייט אין דעם, וואָס באַציענדיק זיך פיינדלעך צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, פּראָפּאַגאַנדירט ער פּאָליטישע גלייכגילטיקייט און אונטערוואָרפנהייט דער זעלבסטהערשנדער רעגי-רונג, פאַרהאַלטנדיק דורך דעם די אַנטוויקלונג פון בירגער-געפילן באַ די אידן און באַפעסטיקנדיק אין זיי די פּסיכאָלאָגיע פון „געטאָ" —

געפינט דער צוזאַמענפאָר פאַר נויטיק צו קעמפן קעגן דעם ציאָניזם אין אלע זיינע ריכטונגען און שאַטירונגען.

93. די באַציאונג צו די „פּראָלעטאַריש-ציאָניסטישע" כראַקציעס.

(רעזאלוציע פון VI צוזאמענפאָר. „דער וועקער" נומ. 1 פון 25 דעקאבר 1905)

נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט, אז דער אַנטוויקלונגס-גאַנג פון דעם קאַפּיטאַליזם אין די לענדער, וואו אידן וואוינען, באַשאַפט ניט פאַר זיי אַזעלכעווירטשאַפט-לעכע באַדינגונגען, פון וועלכע עס זאָל ארויסדרינגען אן אָביעקטיווע נויט-ווענדיקייט פאַר אידן צו קאָנצענטרירן זיך אַף א זעלבשטענדיקער טערי-טאָריע;

אז אַ זעלבשטענדיקע אידישע טעריטאָריע קען ניט דערגרייכט ווערן דורך קיין קאמף ביכלאל און ביפראט נאָך דורך דעם קלאסן-קאַמף פון פּראָלעטאַ-ריאַט;

אַז נאָר אין דער ריכטונג פון דעמדאָזיקן קאַמף, וועלכער פירט צו דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער אָרדענונג אין די לענדער, וואו אידן וואוינען, און צו דער איבערבויאונג פון דער היינטיקער געזעלשאַפט אַף סאָציאַליסטישע יעסוידעס, ליגט דער וועג צו פאַרענטפערן די אידן-פראַגע;

אַז דאָס, וואָס די אָדער יענע גרופּע שטעלט אַריין אין איר פּראָגראַם די אויפגאַבע צו דערגרייכן אַ זעלבשטענדיקע אידישע טעריטאָריע און די אַגיטאַציע אַף דעמדאָזיקן באָדן, לייגט אַרויף אַף איר גאַנצע פּאָליטיק א שטעמפּל פון אוטאָפּיזם און אוואַנטיוריזם,

און אויב אַזוי, איז אַף וויפל איינצלנע באזונדערע שיכטן פון אידישן פּראָלעטאַריאַט וואָלטן אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון אַזאַ גרופּע, וואָלט איר אַגיטאַציע געקאָנט נאָר אַפּן שעדלעכסטן אויפן זיך אָפּרופן אַף זייער קאַמף פאַר דער פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע אַפּן אָרט, וואָלט צוגעגעבן דעמדאָזיקן קאַמף א ספּעציפיש-נאַציאָנאַליסטישן קאָליר פון קליינבירגערלעכער אידעאלאָגיע און וואָלט באַ אים אָפּגענומען זיין פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער;

אז וואָס מער אָרט דידאָזיקע אויפגאַבע פאַרנעמט אין איר אגיטאַציע, אלץ מער ווערט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט צו פירן די באַוועגונג אפילו נאָר אין דער ריין בורזשואַז-רעוואָלוציאָנערער און דעמאָקראַטישער ריכטונג;

נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט און אנערקענענדיק די בילדונג פון פאַר-

שיידענע גרופן ציאָניסטן-סאָציאַליסטן אלס א רעזולטאַט פון דער שטרעבונג פון בורזשואזן ציאָניזם אונטערצואווארפן אונטער זיין ווירקונג די אידישע אַרבעטער-מאַסן מיט דער הילף פון אַן אינהאַלטסלאָזע קלוימערשטיקע סאָציאַליסטישע פראזעאָלאָגיע, באַשטעטיקט דער 6-טער צוזאַמענפאָר פון „בונד“ די רעזאָלוציע פון 5-טן צוזאמענפאָר *) וועגן די נויטיקייט צו קעמפן מיטן ציאָניזם אין אַלע זיינע געשטאלטן און שאַטירונגען.

94. די אפשאצונג פון דער אידישער ליבעראלער בורזשואזיע.

(פון אַן איבערזיכט אין „בונד“ נומ. 8, אווגוסט, 1905).

אונזער ליבעראלע בורזשואזיע האלט אין איין שרייבן פעטיציעס, רעזאָלוציעס און פראטעסטן. געלעגנהייטן דערצו גיט דאס לעבן אין רוסלאַנד די לעצטע צייט גענוג.

ווי ס'איז באַוואוסט, האט מען בא אידן אין 1892-טן יאר צוגענומען דאס רעכט צו וויילן דעפוטאטן אין די שטאט-דומעס. אנשטאט דעם, באשטימט די אדמיניסטראציע אין יעדער שטאט, וואו אידן וואוינען, אייניקע אידישע גלאסנע. אַף דעם ווילנער צוזאמענפאר [127]) האבן די אידישע ליבעראַלן באשלאסן, די באשטימטע גלאסנע זאלן זיך אפזאגן פון זייערע שטעלעס. גלייך נאך דעם האבן די ליבעראלן פון אַסאך אידישע שטעט און שטעטלעך אנגעהויבן אנגעבן פאפירלעך אין די דומעס, וואו זיי פראטעסטירן קעגן דעם, וואס מע האט באַ אידן צוגענומען דאס וואַל-רעכט אין די דומעס. זיי דערקלערן דערביי, אז די פון אויבן באשטימטע גלאַסנע, וועלכע קיינער האט ניט אויסגעקליבן, קענען זיי פאַר זייערע פארשטייער ניט רעכענען, און פאדערן באַ די דומעס, זיי זאלן אויפהויבן אין פעטערבורג די פראַגע וועגן אַ אפנעמען פון אידן דידאזיקע באגרעניצונג. אין די ערטער, וואו עס שטייען איינגיכן פאָר די וואַלן, פאדערן זיי, די דומעס זאלן זיך אפזאגן פון באשטימען די וואלן, ביז די אויבנדערמאנטע פראגע וועט ניט פארענטפערט ווערן. כאראקטעריסטיש איז פאלגנדעס. אין רוסלאנד האבן מוניציפאלע וואַל-רעכט נאָר פארמעגלעכע לייט; קלייבן גלאַסנע מעגן נאָר באלעבאטים פון הייזער, פאַבריקאנטן און פארמעגלעכע סאכרים. הייסט עס, אַז מע וועט אידן אפילע געבן דאס מוניציפאלע וואל-רעכט, וועלכע אַנדערע נאציעס האבן איצט אין רוסלאנד, וועלן דערפון אויסשפילן נאר די אידישע גווירים. די אידישע מאַסע וועט, ווי אויך די רוסישע, בלייבן אָן פארשטייער אין די דומעס. די גלאסנע וועלן דאַן אויך ניט זיין די פארשטייער פון דער גאנצער אידישער באַפעלקערונג. און דאָך האבן מיר נאך עפעס ניט געהערט, אַז אונזערע ליבעראַלן זאלן פאדערן, די גלאסנע זאלן אויסגעקליבן ווערן פון אלע איינוואוינער פון שטאט אַפן גרונד פון אלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען שטימרעכט. די סיבע דערפון איז אַן איינפאַכע. ווען מע זאל געבן די מוניציפאלע וואל-רעכט

*) זע דאקומענט נומ. 92.

אלע איינוואוינער — רייכע און ארימע, וועט אין פיל פאבריק-שטעט, ווי, לעכאשל, ביאַליסטאק, וואַרשע און לאדז, זיין אַסאך גלאסנע פון די ארבעטער; די לעצטע וועלן זיך אנהויבן מישן אין שטאט-זאכן, זעען, אַז די ארבעטער-קוואַרטאלן זאלן זיין אין ארדענונג, זיין גוט באלויכטן, גוט געברוקירט, מיט וואלוועלע וואסער און טראַמוואי, עס זאלן זיין גוטע שפיטאלן, פאלקס-שולן און ביבליאטעקן; זיי וועלן דורכפירן אַן 8-שאעדיקן ארבעטס-טאג און אַ מינימאלן לוין פאר די אַרבעטער, וואס זיינען פארנומען באַ שטאטישע אַרבעטן, וועלן דורכפירן א פאראָרדענונג, אַז מע זאל פרי שליסן די מאגאזינען, און אַז שאבעס און יאנטעוו זאל מען זיי גאר ניט עפענען; מיט דער צייט קען זיך זיי פארוועלן — די טראמוואיען, באלייכטונג און וואסער-לייטונג זאלן איבערגיין פון פריוואטע קאפיטאליסטן אין אייגנטום פון שטאט. דאס לוינט פאַר די ליבעראלן ניט און זיי פאדערן דאס טאקע ניט. כאָ צו וואס ווילן זיי נאַרן לייטן און שרייען, אַז זיי באשיצן די אינטערעסן פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג? אַף דעם זיינען זיי ליבעראלן.

דאסראוו אידישע, פון דער אַדמיניסטראַציע באשטימטע, גלאסנע האבן זיך אנגעהויבן אפזאגן פון זייערע שטעלעס. אנדערע שטיל, אָן ווערטער; אַנדערע ווידער מיט גרויס פאַראַד, מיט בריוו אין דומע, וואו זיי דערקלערן, אַז זייערע פרינציפן לאזן זיי ניט פארנעמען אזעלכע שטעלעס. די אידישע פרעסע האט געלויבט די „גלאסנע מיט פרינציפן" און געזאגט מוסער די שווייגנדיקע פאר דעם, וואס זיי זיינען ניט געווען גענוג „דרייסט" אָפן ארויסצוזאגן די סיבע פון זייער אָפטרעטן. אונז דוכט, אַז די שווייגנדיקע האבן געטאָן אַסאך אָרנטלעכער און דעריקער קליגער ווי די „דרייסטע". ווארום, לאָמיר זיך ניט נאַרן, ווער זיינען דאסראוו אידישע „באשטימטע" גלאסנע? דאס זיינען טרייע אונטערטאנער, מאַיאפעסדיקע אידן אין מאנישקעס און צילינדער, לאַקייען צווישן פריצים און פריצים צווישן אידן, מיט איין ווארט, מענטשן, אַף וועלכע די רעגירונג האט זיך געקענט פארלאזן. צו וואס האבן זיי אויסגענוצט זייערע שטעלעס? אליין צו באקומען שטאט-פאדריאדן אדער העלפן אנדערע זיי באקומען. איצט ווערן אָט די שיינע מענטשן מיטאמאל „דרייסט" און דערציילן אונז א מאיסע וועגן פרינציפן. אנדערע גיבן נאָך צו זייער איכעס און דערציילן, אַז זיי זיינען געווען גלאסנע 10, 20 יאר. דאס הייסט, איר זעט, וואס פאר א שווערן קארבן מיר ברענגען אף דעם מיזבייעך פון אונזערע פרינציפן? פרעגט זיך, צוואר זיינען פריער אייערע פרינציפן געווען? ווי קומט איר, מאַיאָפעס-אידן, ביכלאל צו פרינציפן? שוין בעסער שווייגן, דער אוילאם וויל אונז ניט, הייסט עס, טרעטן מיר אָפּ און גענוג. וואס איז דא נאך פאראן צו ריידן? אייניקע גלאסנע האבן געשריבן ווייך-וואַרימע בריוו צום גאלאווא באזע-האלאשן: אדויני, מיר דערמאנען מיט פארגעניגן די צייט, וואס מיר האבן צוזאמען געאַרבעט. אונז איז זייער שווער זיך אפצוזאגן פון אַזא נוציקע קאָהאָלשע טעטיקייט. נאָר וואס זאלן מיר טאן?... איר ווייסט דאָך אליין... (אַך, אומגליקלעכע פרינציפן!), נאָר מיר האָפן, אַז אינגיכן וועלן קומען בעסערע צייטן... ס'וואלט אַ יוישער געווען, אז אָט די ליבהארציקע מענטשן

זאלן אונז דערקלערן, וואס פאר נ׳ציקע קאהאלשע ארבעט האבן זיי דאס געטאָן אין די דומעס? וואס קענען באַ איצטיקע רוסישע געזעצן די גלאסנע בּיכלאל טאָן? אויסער ברוקירן און באַלייכטן די רייכע גאסן, אויכהאלטן די פּאליציי און זשאנדארמען און צעטיילן צווישן זיך אדער צווישן נאענטע מענטשן די שטאט־פּאדריאדן? און אייניקע גלאסנע האבן גאָר געזאגט: „לא חפצתי“! מיר וועלן ניט אראפּ פון בענקל, און טוט אונז עפּעס. די ליבעראלן האבן געשריבן פּראטעסטן, געמאכט קוילעס אין די דומעס; עס האט אבער געהאלפן ווי א טויטן באַנקעס. די גלאסנע זיינען געבליבן איצט אף זייערע ערטער. ווי עס ווייזט אויס, האפן זיי אויך אף בעסערע צייטן, אַף דיזועלביקע בעסערע צייטן, אף וועלכע עס האפט די רוסישע זעלבסטהערשונג. אומזיסט איז זייער האפענונג. צוריקרוקן קען מען נאר דעם זייגער, ניט די צייט.

און די זעלבסטהערשונג האָט דערווייל געגעבן אונזערע ליבעראלן נאָך אַ געלעגענהייט צו פּראָטעסטן. עס האָט זיך פאַנאנדערגעטראָגן אַ קלאַנג, ווי עס ווייזט אויס, אן עמעסער, אַז נאָך בוליגינס פּראָיעקט וועלן אידן אין דער צוקונפטיקער „גאָסודאַרסטווענע דומע“ (דער קלוימערשט רוסישער פּאַרלאַמענט) ניט האָבן קיין וואל־רעכט. און די אידישע געמיינדן האָבן איינע נאָך דער אַנדערער אַרויסגעטראטן מיט שאַרפע פּראָטעסטן קעגן דעם נייען אונרעכט; אין זייערע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס האָבן זיי געפאָדערט אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען וואל־רעכט אָן אונטערשייד פון נאַציע און רעליגיע. די פּראָטעסטן האָבן געפונען אן אָפּקלאַנג. אייניקע רוסישע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן אָנגענומען רעזאָלוציעס קעגן דעם אויסנאם, וואָס בוליגין האָט געמאַכט פאַר אידן. דער פירסט טרובעצקאָי[128] האָט אין זיין רעדע צום קייסער געפאָדערט וואל־רעכט פאַר אַלע רוסישע אונטערטאַנער אָן אונטערשייד פון נאַציע און רעליגיע. דער מיניסטאָרן־ראָט האָט געפונען פאַר נויטיק אומצוענדערן בוליגינס פּראָיעקט אין דעם זין, אַז אידן זאָלן האָבן וואַל־רעכט גלייך מיט אַלעמען. די מיניסטאָרן האָבן זיך אויסגערעכנט, אַז קיין גרויסער אומגליק שטעקט דעריין ניט. אינגאַנצן וועלן לויט בוליגינס פּראָיעקט אויסגעקליבן ווערן פון די שטעט העכסטנס 29 דעפּוטאַטן; וואָס וועט דאָס שאָדן, אַז צווישן זיי וועלן זיין 2–3 אידן, און דאָס נגידים., וואָרום אַרבעטער, אידישע ווי קריסטלעכע, וועלן סאַי ווי קיין וואַל־רעכט ניט האָבן.

ווי דאָס איז, איז זייער גוט, וואָס אונזערע ליבעראלן זיינען געוואָרן מער פּאָליטיש ערצויגן, וואָס אָנשטאָט בוקן זיך, בעטן און געבן אין האַנט אריין, האָבן זיי זיך אויסגעלערנט פאָדערן, פּראָטעסטירן. ניט קלוג איז אָבער דאָס, וואָס אונזערע ליבעראלן פארגעסן זייער אָרט און פארגרעסערן זייער ווערט. פאַר יעדן באַוואוסטזיניקן מענטשן איז, לעמאָשל, קלאָר, אַז אויפגעוועקט די ליבעראלן האָט דער שטורם פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַז דאָס, וואָס דער פּראָלעטאריאט איז געוואָרן אַ מאכט, מיט וועלכער מען מוז זיך רעכענען, דאָס, וואָס די אידישע אַרבעטער אָפּפערן זייער לעבן אין קאַמף פאר דער פרייהייט — דאָס האָט געגעבן די אידישע בורזשואזיע די מעגלעכקייט צו ווערן „דרייסט“, צו פּראָטעסטירן און פאָדערן. דאָס, וואָס דער אידישער פּראָלעטאריאט קעמפט

מיט מאַכט, גיט די מעגלעכקייט די אידישע ליבעראַלן צו קעמפן מיט פּאַפּיר. זאָל מאָרגן דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אויפהערן קעמפן, זאָל פאַרניכטעט ווערן זיין אָרגאַניזאַציע (אַ זאַך, וואָס איז אומעגלעך), וועלן די אידישע „דרייסטע" ליבעראַלן ווידער ווערן „שטילינקע" אידעלעך און פון אַלע זייערע פּעטיציעס און רעזאָלוציעס וועט קיין זייכער ניט בלייבן. אונזערע ליבעראַלן ווילן דאָס ניט פאַרשטיין. זיי ריידן איין זיך און אַנדערע, אַז דער אידישער ליבעראַליזם שפּילט אין דער איצטיקער באַפרייאונגס-באַוועגונג די הויפּט-ראָלע. דער פּראָלעטאַריאַט, זאָגן זיי, איז צו שמאָל, צו אונוויסנד, צו ווייניק אָרגאַניזירט. די עמעסע פאָרשטייער פונם גאַנצן אידישן פאָלק זיינען מיר, די ליבעראַלן. מיר מוזן נעמען אין האַנט די אָנפירונג.

און ווידער הערן מיר די ווערטער „די פאָרשטייער פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק". יעדער פּאָליטיש באַוואוסטזיניקער מענטש ווייס שוין היינט, אַז דאָס זיינען נאָר שיינע ווערטער, וועלכע האָבן אין זיך קיין שום רעכטן אינהאַלט ניט. אידן זיינען צעטיילט אַף קלאַסן מיט קעגנזעצלעכע אינטערעסן און אַזוי ווי מע קען ניט האַלטן אין איין קיילע פייער מיט וואַסער, אַזוי קען איין מענטש ניט זיין קיין פאָרשטייער פון פאַרשיידענע קעגנזעצלעכע אינטערעסן. די ליבעראַלן זיינען די פאָרשטייער פון דער אידישער בורזשואַזיע, די פאָרשטייער פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט זיינען זיי ניט און קענען דאָס ניט זיין. דאָס איז איצט קלאָר יעדן, און די ליבעראַלן טאַינען, אַז די קלאַסן-קעגנזאַצן זיינען באַ אידן ניט גענוג פאַרשאַרפט, אַז די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק שטייען העכער ווי די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון יעדן קלאַס. אַלע אידן מוזן זיך דערום פאַראייניקן אין איין פּאַרטיי צו שיקן אין פּאַרלאַמענט עמעסע אידישע פאָרשטייער. מיר דאַרפן האָבן, טאַינעט דער „פריינד", ניט אידן—דעפּוטאַטן, נאָר דעפּוטאַטן—אידן. די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן אין דייטשלאַנד זינגער[129]), בערשטיין, שטאַדהאַגען און אַנדערע, אַבוואָל זיי זיינען אידן, באַשיצן זיי דאָך ניט די אידישע אינטערעסן. מיר מוזן דערום האָבן אַ באַזונדערע אידישע פּאַרטיי. אין דער עמעסן איז איין איינציקע אידישע פּאַרטיי אַן אוממעגלעכע זאַך. צווישן די קאַפּיטאַליסטן און די אַרבעטער ליגט אַ טיפער אָפּגרונד, און עס איז ניטאָ אַזאַ קונצנמאַכער, וועלכער זאָל קענען שטיין מיט איין פוס אַף דער זייט און מיט דער אַנדערער אַף יענער זייט אָפּגרונד. אין בעסטן פאַל וועט אַזאַ פּאַרטיי גאָר נישט טאָן פאַר די אינטערעסן פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט. נאָר גיכער ווי אַלץ וועט זי באַשיצן די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן. וואָס אָנבאַלאַנגט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועט זיי געוויס בעסער ווי אַלע קענען באַשיצן אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט אויפגעשריבן אַף איר פאָן: די אָפּשאַפונג פון יעדער באַדריקונג: עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער. די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע קעמפט קעגן די אַנטיסעמיטן אַסאַך בעסער, ווי די פאָרשטייער פון די אידישע געמיינדן, וועלכע האָבן שוין ניט איין מאָל אַרויסגעוויזן זייער הייסע ליבע צום אידישן פאָלק מיט דעם, וואָס זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע שטימען פאַר אַנטי-

סעמיטישע קאנדידאטן. שוין דערמיט אליין, וואָס די סאָציאל-דעמאָקראטיע ציט אריין די מאסע ארבעטער אין אירע רייען, ציט זי זיי אָפּ פון דעם אנטי-סעמיטיזם, נעמט זי זיי ארויס פון דער הערשאפט פון פינסטערניש און סינע און שטעלט זיי אוועק אונטער דער פאָן פון ליבע און אכדעס. עס געפינען זיך אזעלכע כאכאָמים, וואָס ווילן, מע זאָל קלייבן דעפוטאטן נאָך די נאַצי-אָנאַליטעטן: אידן באזונדער, פוילן און רוסן באזונדער; ווען ניט, זאָגן זיי, וועלן אידן, וועלכע זיינען אומעטום דער מיאוט, ניט האָבן קיין אייגענע אידישע דעפוטאטן. מיר מוזן געדענקען, אז דער פראָלעטאריאט בילדעט נאָך אין רוס-לאנד דערווייל אויך נאָר אַ מיאוט. עמעס, ער איז דער מעכטיקסטער, דער קאמפס-פעאיקסטער טייל פון דער געזעלשאפט: באַם גאַלקעס ווארפן [130] אָבער וועגט מען ניט די מאכט, דאָרטן ציילט מען די שטימען און דער פראָ-לעטאריאט קען דאָרטן באָטל ווערן בערואוו, זיך פארלירן אין דער מערהייט ניט-פּראָלעטארישע שטימען. צווי מינדערהייטן, הייסט דאָס, שטייען אין געפאר צו בלייבן אָן פאָרשטייער, די אידישע נאַציע און דער פראָלעטאריאט פון גאנץ רוסלאנד, אין דעם אויך דער אידישער. וועלכע מינדערהייט איז פאַר אונז וויכטיקער?

מיר האָבן שוין געזעען, אַז דעפוטאַטן-סאָציאַל-דעמאָקראטן וועלן קענען צום בעסטן באַשיצן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן פונם אידישן פראָלעטאַריאַט, אַז זיינע נאַציאָנאַלע אידישע; דעפוטאַטן-אידן דאַגעגן וועלן די אינטערעסן פון דעם אידישן פראָלעטאַריאַט גאָר ניט באַשיצן און זייער אָפּט וועלן זיי אינם קאַמף מיט דער סאָצ.-דעמ. שאָדן אויך די אינטערעסן פון דער אידישער נאַציע. די ליבעראַלן באַמיען זיך, אַז דער ערשטער מיאוט, די אידישע נאַציע, אייגנטלעך, די אידישע בורזשואַזיע, זאָל ניט בלייבן אָן פאַרטרעטונג. מיר סאָציאַל-דעמאָקראַטן מוזן אָנווענדן גאָר אונזערע קויכעס, דער פראָלע-טאַריאַט זאָל באַ די וואַלן ניט צעברעקלט ווערן, זיינע אינטערעסן זאָלן ניט בלייבן אָן פאָרשטייער. כאָטש אַלץ מוז מען געדענקען, אַז די טעג פון די וואַלן איז די בעסטע צייט פאַר דער אַגיטאַציע. די אַכדעס און באַוואוסטזיניקייט פון די אַרבעטער וואַקסן דאַן ניט פון טאָג, נאָר פון שאָ, צעטיילן אין אַזאַ צייט דעם פראָלעטאַריאַט, צעברעקלען זיינע קרעפטן, אויפהויבן זיך דער פאָן זיין נאַציאָנאַליטעט און פאַרטונקלען דערמיט זיינע קלאַסן-אינטערעסן — אַף דעם איז פאַראַנען אַסאַך באַלאָנים. מיר געהערן צו זיי ניט.

* * *

דאָס אידישע לעבן איז די לעצטע צייט געוואָרן לייטן גלייך. אַלץ וואָס באַ זיי, די גויאים לעהאַוודל, איז פאַראַן באַ אונז אויך. זיי האָבן ליבעראַלן — מיר האָבן עס אויך. באַ זיי זיינען דאָ כוליגאַנעס, שוואַרצע מייעס — באַ אונז אויך דאָסזעלבע. אין אַ גאַנצע ריי פוילישע שטעט און שטעטלעך — ראַדאָם, קאַליש, פּעטראקאוו, זדונסקע-וואָליע און אַנדערע — האָבן די קאַפּיטאַליסטן אָרגאַניזירט באַנדעס כוליגאַנעס, אידישע לומפּן. מיט דער הילף פון דער פּאָליציי זיינען די מיטגלידער פון אונזערע אייגענע נאַציאָנאַלע שוואַרצע מייעס געגאַנגען

פון הויז צו הויז, אויסגעזוכט די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער און אַסאַך פון זיי געשלאָגן מאַקעס רעצעך.

די פּאָליציי האָט געהאָלפן די שוואַרצע-כעוורע שלאָגן, דערפאַר האָבן די שוואַרצע-כעוורע געהאָלפן דער פּאָליציי אַגיטירן. און צוזאַמען האָט מען אין די אַלע שטעט און שטעטלעך אַף אַזאַ אויפן אַרעסטירט ביז הונדערט אַרבעטער, אַף וועלכע די קאַפּיטאַליסטן האָבן אָנגעוויזן, ווי אַף די הויפּט-בונטן-מאַכער.

די רוסלענדער טעלעגראַפן-אַגענטור (אַ ליגנערישע פינסטערע באַנדע, וועלכע נעמט סבירעס באַ דער זעלבסטהערשונג און דינט איר טריי) האָט געגעבן צו וויסן דער גאַנצער וועלט, אַז באַ אידן האָבן זיך געגרינדעט גרופּן טרייע אונטערטאַנער, וועלכע גיבן אַרויס די רעוואָלוציאָנערן. אונזערע שוואַרצע מייעס, הייסט דאָס, האָבן שוין אַ מעדאַל אויך פאַרדינט. און אין סואוואַלק איז נאָך עפּעס שענערס געשעען. דאָרטן איז געגרינדעט געוואָרן אַ פאַריין פון דריי, אַ כוס-האַמשולאַש: דער ראָוו, אַ אידישער באַנקיר און דער סואוואַלקער גובערנאַטאָר האָבן געמאַכט אַ כעוורע „שומרי-אמונה“, אָפּצוהיטן די אידישע רעליגיע... און צוזאַמען מיט דעם אויך די זעלבסטהערשונג מיט די קאַפּיטאַליסטן: ניט אומזיסט זיינען צום ראָוו צוגעשטאַנען דער גובערנאַטאָר מיט דעם באַנקיר. היטן די עמונע הייסט—היטן דעם קאַפּיטאַל, היטן די טיראַניי. דאָס איז שוין לאַנג באַוואוסט. די דריי היטער האָבן געבעטן די באַלעבאַטים, זיי זאָלן ניט געבן קיין אַרבעט די מענטשן, וועלכע זיינען באַוואוסט פאַר בונטן-מאַכער. דער גובערנאַטאָר האָט צוגעזאָגט אַרויסצושיקן אַלע אַגיטאַטאָרן פון שטאָט; דער ראָוו וויל זיי אויקער מין האַשווירעש זיין; דער באַנקיר וויל זיי וויזן, ווער עלטער איז. איין שאַבעס נאָכן קוגל האָט זיך אונזער דרייילינג פאַרוואָלט מאַכן אַ פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציע. זיי האָבן צונויפגערופן דעם אוילאַם אין שול אַריין און געהייסן דעם כזן מאַכן מישעבייראַך דעם קייסער. צום אומגליק פאַר אונזערע פּאַטריאָטן האָבן זיך דערזען דערוואוסט די אַרבעטער און זיי זיינען אויך געקומען אין שול. ווי דער כאַזן האָט נאָר אויפגעעפנט אַ מויל און אָנגעהויבן „הנותן תשועה“, — האָבן די אַרבעטער באַלד גענומען שרייען זייער מישעבייראַך: נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! עס לעבע די דעמאָקראַטישע רעפּובליק! עס לעבע דער סאָציאַליזם! עס לעבע דער „בונד“! אונזערע פּאַטריאָטן האָבן נעבעך געמוזט אַוועקגיין פון שול בעבוישעס פּאָנים. אַנשטאָט אַ פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציע איז גאָר געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערע. אינגאַנצן אונטערגעכן זיך האָט דער גובערנאַטאָר ניט געוואָלט. שאַבעס צו נאַכט, שפּעט, בעאיס די אַרבעטער האָבן שוין געשלאָפן, האָט די פּאָליציי צוזאַמענגעטריבן אין שול אַ מיניען עלטערע אידן, מע זאָגט, אַז די „עשרה בטלנים“, און דער כאַזן האָט פאַר זיי געזאָגט „הנותן תשועה“. די גאַנצע צייט איז נעבן שול געשטאַנען אַ וואַך פון פּאָליציי און זעלנער. אָט וואָס פאַר ביטערע צייטן! רעוואָלוציאָנערע מאַניפעסטאַציעס מאַכט מען אָפן און מיט „הנותן תשועה“ מוז מען זיך באַהאַלטן!

גענוג אָרים, פאַרווילדעט און פאַרדאָרבן דאַרפן זיין די אידישע כוליגאַנעס,

אז זיי קענען זיך באשליסן גיין שלאָגן און העלפן ארעסטירן מוטיקע קעמפער, זיי זיינען דאך מער ניט ווי לומפּן. און זייערע דינגער א־יין האלטן זיי פאר קיין מענטשן ניט. וויפל מאָל ווילדער און פארדאָרבענער זיינען די שיינע באַ-לעבאטים, וואָס דינגען די לומפּן. ווי נידערטרעכטיק דארפן זיין די אידן, וועל-כע דערוועגן זיך איצט, נאָך ושיטאָמיר, מעליטאָפּאל און ברעסט, אריינצו-גיין אין א פארבינדונג מיט דער רוסישער פּאָליציי! די לומפּן שטעלן צוליב געלט איין זייער לעבן, ווען זיי, די פיינע מענטשן, זיצן זיך רואיק אין די הייזער און פאר עטלעכע גראָשן שיקן זיי אנדערע אָפּרעכענען זיך מיט זייערע סאָנים, מיט די אַרבעטער. ווי מיינט איר, „דרייסטע" ליבעראַלן זיינען אָט די אידן, וועלכע האָבן זייער אידיש הארץ אין בייטל באהאלטן, אָט די „אחינו בני ישראל", וואָס זיינען גרייט מאָסערן אלע אידישע ארבעטער, וועלכע ווילן פאַר זיי דעם רוקן ניט בויגן; ווי מיינט איר, באַ זיי שט־יען די נאַציאָנאלע אינטערעסן ה־כער פאַר די עקאָנאָמ־שע אָדער פארקערט? די לומפּן זיינען ווילד און פארדאָרבן... נאָר וויפל מאָל ווילד־ר און פארדאָרבענער זיינען די אידישע שיינע ב־לעבאטים, וועלכע דינגען זיי!

דער אידישער פּראָלעטאריאט וועט געבן א געהעריקן ענטפער די אידישע שווארצ־ מייעס, ווי ער האָט געגעבן די רוסישע. נאָר איך, רעב „פריינד", פרעגן מיר, ווי מיינט איר: עס קען געבן א אידישע פּארט־י, וואָס זאָל באשיצן אי די אינטערעסן פון דעם אידישן פּראָלעטאריאט, אי די אינטערעסן פון די שווארצ־ אידישע באלעבאטים און נאָך שווארצערע ראבאָנים, ווי דער סוא-וואלקער?

95. דער פּאַרטיי־אַפּאַראַט אין 1905־טן יאָר.

(ב. מיכאַלעוויטש: „זיכרוינעס פון אַ אידישן סאָציאַליסט". ב. II. וואַרשע. 1923).

דער „בונד" איז די גאַנצע צייט געווען א שט־רענג צענטראַליזירטע אָרגאַ-ניזאַציע. דער צענטראַלער קאָמיט־ט, אויסגעקל־בן געהיים אַף צוזאַמענ־פאָרן, האָט פארמאָגט אין זיין רעשוס: איינזיקע „אַגענטן", וואָס פלעגן באַזוכן די שטעט, אינסטרוקטירן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, זיי פאַרבינדן מיטן צ. ק. די אַגענטן פלעגן זיך באַטייליקן אַף אַלע זיינע זיצונגען מיט באַראַטונגס-רעכט; איינציקע רעפערענטן (הו פּטזאַכלעך מ. ליבער [131] און אַבראַמאָוויטש—ריין [132]), וועלכע פלעגן אַרומפאָרן איבער ראַיאָנען מיט רעפעראַטן אַף ספּעציעלע באַ-שטימטע טעמעס (די טעז סן פלעגן פריער ווערן באַהאנדלט אַף די זיצונגען פון צ. ק); אַ פּאָר צענדליק „פּראָפעסיאָנאַלן" [133]), וועלכע דער צ. ק. פלעגט אַריינשיקן אין די אָרטיקע קאָמיטעטן אַף אָנצופירן מ־ט דער אַרבעט, זיי פלעגן דאָס זיין די פאַרטרויאונגס-לייט פ־ן צענטראַלן קאָמיטעט אַף די ע־טער.

וואָס מער די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געשטיגן, וואָס גרעסער ס'איז געוואָרן דער שעטעך, וואו דער „בונד" האָט אַנטוויקלט זיין טעטיקייט, און וואָס

מער די אַרבעט איז געוואָרן קאָמפּליצירט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די נאָכפֿראַגע אַף „פּראָפעסיאָנאַלן", אַלץ מער האָט דער צ. ק. געמוזט אָפּרייסן מענטשן פֿון זייער שטענדיקער באַשעפֿטיקונג און זיי פֿאַנאַנדערשיקן אַף די ערטער צו אָנפֿירן און אַכטונג געבן אַף דער גאַנצער אַרבעט. אויסהאַלטן זיי פֿלעגן דאַרפֿן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. פֿאַרשטייט זיך, אַז געשיקט זיינען געוואָרן „פֿאַרטרויאונגס מענער" בלויז אין די גרויסע שטעט און פֿאַר די ראַיאָנע קאָמיטעטן, וואָס האָבן באַאַרבעט די פּראָווינץ.

אויסער דעמדאָזיקן פּאָליטישן „אינווענטאַר", האָט נאָך דער צ. ק. פֿאַרמאָגט באַ זיך דעם אַזוי גערופֿענעם „טעכנישן פּערסאָנאַל". ס'איז נויטיק געווען אַ „טעכניקער", וועלכער זאָל אײַנשטעלן און אויפֿפּאַסן די געהיימע דרוקערייען, אויסאַרבעטן פֿאַרשיידענע געהיימע טישלעך, שפּייקעסטלעך, בערשטלעך און אַנדערע מאַכשירים, וואו מע זאָל קאָנען פֿאַרבאַהאַלטן טרייפֿע זאַכן, באַוואָרנט פֿון רעוויזיעס.

מיט דעראָזיקער אַרבעט האָט אָנגעפֿירט ישראל מיכל קאַפּלינסקי („לאַנגזאַם"[134]). ער האָט געעפֿנט אַן אייגענעם שלאָסער-וואַרשטאַט אין דווינסק, וואו ער פֿלעגט פֿאַרפֿאַרטיקן דרוק-פּרעסן און אַנדערע קאָנספּיראַטיווע קיילים פֿאַרן צ. ק. אָדער אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, לויט דער רעקאָמענדאַציע פֿון צ. ק. מיט יאָרן שפּעטער ערשט (1909) האָט מען זיך דערוואוסט, דאָס דעראָזיקער נעפּעש האָט געדינט צוויי געטער מיטאַמאָל: ער איז געווען אויך אַף אַ געהאַלט באַם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט).

...אויסער דעם, האָט דער צ. ק. געהאַט אַ מעמונע אַף טראַנספּאָרט-אינייאָנים. מע האָט געדאַרפֿט באַקומען פֿון צייט צו צייט ליטעראַטור פֿון אויסלאַנד, פֿאַנאַנדערשיקן ליטעראַטור, וואָס האָט זיך געדרוקט אין די אונטערערדישע דרוקערייען („אַרבעטער-שטימע", „בונד", — פֿלוגבלעטלעך און אויפֿרופֿן) און דערצו איז נויטיק געווען אַ באַזונדערער מענטש.

...די גרעניץ-אָנגעלעגנהייטן האָבן איבערגענומען אַף זיך די בערשטער. פֿאַר דעם פּעריאָד, וועלכן מיר באַהאַנדלען איצט, איז דער טראַנספּאָרט-מאַשגיאַך געווען זאַלמאַן מעלאַמעד-זינגער (איצט אין אַמעריקע). דאָס איז געווען אַ ווייניק-ריידעוודיקער, אָבער זייער אַ פֿלינקער באָכער מיט גרויס ענערגיע, וועלכער פֿלעגט דורכפֿירן די שווערסטע אַרבעטן און פֿלעגט זיך גיך אָפּרייניקן פֿון די שפּיאָנען, וואָס פֿלעגן זיך אָפֿט יאָגן נאָך אים.

מיטן טראַנספּאָרט'ירן ליטעראַטור פֿון איין שטאָט אין דער צווייטער זיינען ניט געווען קיין גרויסע שוועריקייטן.

די צענטראַל-דרוקעריי, שיין און בעקוועם איינגעאָרדנט, איז קימאַט די גאַנצע צייט, אויסער אייניקע קליינע האַפּסאָקעס, געווען אין וואַרשע. זי האָט פֿיגורירט אונטער אַ שילד פֿון אַן אײַנבינדעריי. זי איז געווען אַזוי אָװעקגעשטעלט, אַז צו יעדן מאָמענט האָט מען דעם קאַמאָד, אין וועלכן ס'האָט זיך געפֿונען דער פּרעס און זאַץ-קאַסטן, געקאָנט צומאַכן און ס'איז שוין גאָר ניט געווען צו דערקענען, אַז דאָ איז אַ דרוקעריי.

מע האָט באַקומען פֿאַרבינדונגען מיטן פּערסאָנאַל פֿון דער טראַנספּאָרט-

קאָנטאָר „נאַדעוזשדע", דורך וועלכער מע פלעגט אַרויסשיקן אין פאַרשיידענע שטעט גאַנצע קערב ליטעראַטור, אַלס געפעס אָדער אַנדערע היימישע געשיר. זעלטן ווען פלעגט די ליטעראַטור „פאַרשאָטן-ווערן", אין אַזעלכע פאַלן פלעגן די קאָנטאָר-אָנגעשטעלטע... פריער צו וויסן געבן, און די אָפּשיקער פלעגן יעדנפאַלס ניצל ווערן פון די זשאַנדאַרמען.

איין צייט האָט מען אין וואַרשע אָרגאַניזירט דאָס באַקומען ליטעראַטור פון אויסלאַנד אף אַזאַ אויפן: אין די פוילישע און אויסלענדישע צייטונגען איז גע-ווען געדרוקט אַן אַנאָנס דורך דער אַנאָנסן-ביוראָ מעטצעל אין וואַרשע, אַז אַ אינזשענער זוכט אַ שטעלע אין איינע פון די אויסלענדישע פאַבריקן, אפּערטן צו שיקן אין קאָנטאָר מעטצעל פאַר א. ב.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" האָט אָנגעהויבן צו שיקן דורך זיינע פאַרשיידענע קאָלאָניעס טאָג-טעגלעך פאַקעטן מיט „אפּערטעס". ניט איי-נער אין קאָנטאָר האָט מינאַסטאַם שטאַרק מעקאַנע געווען דעם „גליקלעכן אינזשענער". סאָפּקאָלסאָף איז די מאַיסע דורכגעפאַלן. איינמאָל, בעאייס די כאַווערטע, וועלכע פלעגט אָפּנעמען די בריוו פאַר א. ב., איז געקומען אין קאָנ-טאָר, האָט איר אַן אָנגעשטעלטער געגעבן אַ וואונק, אַז זי זאָל גלייך זיך אָפּטראָגן. די זשאַנדאַרמען זיינען שוין געווען באַקאַנט מיטן אינהאַלט פון די קלוימערשטע „אפּערטעס". פון דעם שטאַמט דער נאָמען „אבע", אונטער וועלכן דער צ. ק. האָט נאָכדעם פיגורירט.

...צווישן די מיטהעלפער באַ דער טעכניק איז איין צייט געווען אויך אַבראַם בערנאַדיק, „אַבראַ-טשיק דער איינבינדער" (איצט אין אַמעריקע). מיט באַזונדערע קאָנספּיראַטיווע אייגנשאַפטן האָט זיך אויסגעצייכנט זיין פרוי מו-שעל... מושלען האָט מען געקענט פאַרטרויען צו פאַרבאַהאַלטן באַ זיך די טרייפכטע זאַכן, איבערפירן די געפערלעכסטע כפייצים, דורכפירן די ריזיקאַלסטע אַרבעטן. זי פלעגט דאָס אַלץ אָפּטאָן שטיל, מיט אַ שמייכל אַף די ליפּן, און וועגן דעם מיט קיינעם ניט גערעדט, איר אייגענעם מאַן אַפילו ניט דערציילט.

איך דערמאָן זיך אַזאַ עפּיזאָד. מושעל האָט איבערגעפירט פון ווילנע קיין וואַרשע אַ קאָרב, וואו ס'האָט זיך געפינען שריפט. געפאָרן איז זי מיט צוויי קינדער, האָט זיך מיט גאָרניט אויסגעטיילט פון דער מאַסע אַ דישע ווייבער, וואָס פאָרן איבער די באַנען. אין וואַרשע אַפן וואָקזאַל האָט זיך פאַרוואָלט דעם זעלנער פון גרעניץ-וואַך ארייננצוקוקן צו איר אין קאָרב. מושעל איז אין גרויס קלאַפּאָט און ווייסט ניט, וואָס צו טאָן. זי מאַכט זיך זוכן די שליסלעך, וועלכע זי געפינט קלוימערשט ניט. אומבאַמערקטערהייט גיט זי אַ קניפּ דאָס מיידל, וועלכע זי האַלט אַפן האַנט. יענע צעשרייט זיך אַפן קאָל, דאָס צווייטע קינד באַ דער זייט העלפט איר מיט. דעם זעלנער איז דערעסן געוואָרן וואַרטן. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַף דער „נאַרישער זשידאָווקע" און איז פון איר אוועק. אַ ליכטיקע, אַ צופרידענע האָט מושעל געבראַכט די זאַכן און האָט אונז וועגן דעם דערציילט אַף איר שטייגער, מיט אַ שטילן, באַשיידענעם שמייכל.

אויסער די אָנגערופענע „טעכניקער" (איך האָב נאָך פאַרפעלט איינעם בינ-

יאמין, א בלעכער פון האמעל), האָט דער צ. ק. צו יענער צייט געמווט איינ־לאַדן צו זיך אַ ספּעציעלן מענטשן, וועלכער זאָל אָרגאַניזירן דאס צושטעלן די רעוואָלווערן און אנדערע געווער אף די ערטער און אינסטרוקטירן די „קאמף־דרוזשינעס". דאָס איז געווען ל. בערמאַן „לייבעטשקע" [135]). אליין א סטאָלער א ספּעציאַליסט (יקא האט שפּעטער ארויסגעלאזן זיינעם א בוך איבער סטאָ־לעריי), האָט לייבעטשקע פארמאגט אין זיך גרויסע אָרגאַניזיר־פעאיקייטן, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט א שטארקער ענערגיע און איז געווען זייער באליבט בא די ארבעטער־מאסן. לייבעטשקע פלעגט באזוכן די שטעט, זיך באקאנען מיט די אָרטיקע קאמפּס־אָפּטיילונגען, פלעגט באטראכטן זייערע רעוואָלווערן און פלעגט דארפן די געווער פאנאנדערשיקן אין פארשיידענע פונקטן...

96. דער אָרגאַניזאַציאָנס־סטאַטוט פון בונד.

(באשטעטיקט פון VII־טן צוזאַמענפאָר, „פאָלקסצייטונג" נומ. 157 פון 6 סענטיאַבר 1906).

1. וועגן מיטגלידערשאפט.

1) פאר א מיטגליד פון בונד רעכנט זיך יעדערער, וועלכער אנערקענט די פּראָגראם פון בונד, פאלגט דער פארטיי־דיסציפּלין און העלפט רעגולער איינער פון זיינע אָרגאניזאציעס.

אָנמערקונג: יעדער מיטגליד פון בונד איז מעכויעוו צו צאָלן אין פארטיי־קאסע.

2. וועגן די אָרטיקע אָרגאניזאציעס.

1) די גרונד־שטיינער, פון וועלכע עס ווערט אויסגעבויט די אָרטיקע אָרגאני־זאציע פון בונד, זיינען די גרופּן, אין וועלכע עס גייען אריין אלע אָרגאניזירטע מיטגלידער פון איינעם אָדער עטלעכע פאכן פון א באשטימטן ראיאָן פון דער באטרעפנדער שטאט.

אנמערקונג: אין יעדער שטאט, אין וועלכער עס פירט זיך אָן ארבעט צווישן דער אינטעליגענץ, קענען געגרינדעט ווערן באזונדערע גרופּן פון אינטעליגענץ.

2) יעדע גרופּע קלייבט א ראט אף אָנצופירן און פארייניקן די סאָציאַל־דעמאקראטישע ארבעט אין דער באטרעפנדער גרופּע; דער ראט האט דאָס רעכט פון קאאָפּטאציע.

אָנמערקונג: דער ראט גיט אָפּ א דין וועכעשבן וועגן זיין טעטיקייט דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון די מיטגלי־דער פון דער גרופּע.

3) די אלגעמיינע פארזאמלונג פון אלע ראטן: א) נעמט אָן רעזאלוציעס וועגן דעם באריכט פון קאמיטעט, ב) באשליסט די פראגן וועגן טאקטיק און ארויסטרעטונגען און ג) קלייבט אויס א קאמיטעט אָדער א צענטר.

4) דער קאָמיטעט (אָדער דער צענטר) איז דער אָנפירנדער אַרטיקער אָר־גאַן, וועלכער פאַראייניקט די טעטיקייט פון אַלע פּאַרטיי־איינריכטונגען אין שטאָט; ער איז מעגליך אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן זיין אַרבעט דער אַלגעמיינער פאַר־זאַמלונג פון די ראַטן.

אָנמערקונג: דער קאָמיטעט האָט דאָס רעכט פון קאָאָפּ־טאַציע.

3. וועגן צוזאַמענפאָר.

1) דער העכסטער געזעצגעבנדער אָרגאַן פון בונד איז דער צוזאַמענפאָר. דער צ. ק. רופט צונויף דעם צוזאַמענפאָר איין מאָל אין יאָר. ווען עס איז נויטיק, קען דער צ. ק. עקסטרע צונויפרופן אַ צוזאַמענפאָר. ווען דאָס פאָדערט אַ העלפט פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן דאָס רעכט (יעדע פון זיי) צו שיקן ניט ווייניקער אַלס איין דעלעגאַט.

אָנמערקונגען: א) אונטער דער אָרגאַניזאַציע פאַרשטייט מען אין דעמדאָזיקן פאַל די סומע פון אַלע מיטגלידער פון בונד אין דער באַטרעפנדער שטאָט. ב) דער צוזאַמענפאָר רעכנט זיך פאַר געזעצלעך, ווען אַף אים זיינען פאַרטראָטן צוויי דריטל פון אַלע דעלעגאַטן.

2) אַ פאַרטרעטונג אַפן צוזאַמענפאָר האָבן אַלע באַשטעטיקטע אָרגאַניזאַ־ציעס פון בונד — צו איין דעלעגאַט אַף יעדע 500 פאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע באַטייליקן זיך אין די וואַלן פון די דעלעגאַטן. די אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַ־שטייען ניט ווייניקער פון 300 מיטגלידער, האָבן דאָס רעכט צו שיקן איין דעלעגאַט.

אָנמערקונגען: א) די אָרגאַניזאַציעס ווערן באַשטעטיקט דורך די ראַיאָנע קאָנפערענצן, דורך די ראַיאָנ גרופּעס אָדער קאָמיטעטן. די באַ־שטעטיקונג דאַרף באַקומען דעם העסקעם פון צ. ק. ב) די אָרגאַניזאַ־ציעס, וואָס האָבן אַ קלענערע צאָל מיטגלידער, איידער עס פאָדערט זיך, קענען זיך פאַראייניקן מיט די שכייניש אָרגאַניזאַציעס, קעדיי צו שיקן צוזאַמען אַ דעלעגאַט, אויב אינאיינעם האָבן זיי ניט ווייניקער ווי 300 ווילער. ג) די צייטונגס־קאָלעגיע האָט דאָס רעכט צו שיקן אַפן צוזאַמענפאָר צוויי דעלעגאַטן. ד) דער צ. ק. האָט דאָס רעכט אַף צוויי באַשליסנדע שטימען אַפן צוזאַמענפאָר. ה) די פערזאָנען, וועלכע ווערן איינגעלאַדן אַפן צוזאַמענפאָר דורך דעם צ. ק., האָבן אַ באַראַטונגס־שטימע. ו) די פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציעס פון די גרופּעס, וועלכע העלפן דעם בונד אין אויסלאַנד, האָבן דאָס רעכט צו זיין פאַרטראָטן אַפן צו־זאַמענפאָר מיט אַ באַראַטונגס־שטימע. ז) וועגן דער צונויפרופונג פון יעדן צוזאַמענפאָר און וועגן דעם טאָגעס־אָרדענונג מוז דער צ. ק. מוי־דיע זיין די אָרגאַניזאַציעס ניט שפּעטער ווי מיט אַ כוידעש פאַר דעם צוזאַמענפאָר.

4. וועגן צ. ק.

1) דער צ. ק. ווערט אויסגעקליבן דורך דעם צוזאַמענפאָר און איז אין די

גרעניצן פון זיינע דירעקטיוון דער העכסטער אָנפירנדער אָרגאַן פון בונד.
דער צ. ק. האָט דאס רעכט פון קאָאָפּטאַציע נאָר אין דעם פאַל, ווען פון אים גייען אַרויס מיטגלידער.

2) דעם צ. ק. געהערט: א) די אַלגעמיינע אויספירונג פון דער גאַנצער טעטיקייט פון בונד אין דעם פעריאָד צווישן די צוזאַמענפאָרן. ב) די האַשגאָכע, אַז אַלע אָרגאַניזאַציעס זאָלן מעקאַיעם זיין די באַשלוסן פון די צוזאַמענפאָרן פון בונד. ג) די אַלגעמיינע פאַרטרעטונג פון בונד אין באַציאונגען מיט אנדערע אָרגאַניזאַציעס. ד) די צונויפרופונג פון די געוויינלעכע און אויסעראָרדנטלעכע צוזאַמענפאָרן. ה) די אָרגאַניזירונג פון דער פאָרשטייערי פון בונד אין צ. ק. פון דער רוסל. ס. ד. אַרבעטער-פאַרטיי אף די אינטערנאַציאָנאלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן און אַף די אינטערפאַרטייאישע קאָנפערענצן.

3) דער צ. ק. האָט דאָס רעכט אָפּצושטעלן אַזעלכע אַקטן פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען קעגן די באַשלוסן פון די צוזאמענפאָרן און די פּרינציפּן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּראָגראַם.

4) דער צ. ק. האט אין זיין רעשוס אלע קרעפטן פון די אָרגאניזאַציעס.

5) דער צ. ק. האָט דאס רעכט צו פאָדערן פון די אָרגאַניזאַציעס אַ באַריכט וועגן אַלע זייטן פון זייער טעטיקייט.

6) דעם צ. ק. געהערט דאס רעכט פון קאָנטראָל איבער אלע אויסגאבן פון בונד.

XIII. די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע (פּ. ס. ד.) און דער אידישער אַרבעטער-קלאַס.

97. פּ. ס. ד. וועגן דער אַרבעט צווישן אידישן פּראָלעטאַריאַט

(לייטאַרטיקל אין דער „רויטער פאָן“ נומ. 1, יוני 1906).

די רעוואָלוציע האָט זיך ברייט צעגאָסן איבערן גאַנצן לאַנד. אומעטום זעען מיר סימאָנים פון איר ווירקונג. אומעטום זעען מיר פונקען און פלאַמען, אָנגעצונדענע דורך איר.

אין די פאַרוואָרפנסטע ערטער, פינסטערסטע ווינקעלעך האָט דורכגעדרונגען איר שטראַל, אָנגעקלאַפּט אין אַלע פענסטער און אויפגעוועקט די פינסטערע. אין שלאָף פאַרזונקענע קנעכט, אויפגעוועקט צום לעבן, צום קאַמף.

נאָר דאָס פייער פון דער רעוואָלוציע האָט ניט בלויז נאָר אָנגעצונדן און אויפגעקאָכט דאָס בלוט פון די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע, ניט בלויז וואָס עס האָט אין זיי אַרייַנגעגאָסן אַ שטראָם פון קאַמפּס-לוסט און אָפּפער-פעאיקייט, נאָר עס האָט אויך ווי אַ פייערדיקער זייל באַלויכטן זייער קאַמפּס-וועג; באַ דער שיין פון דער רעוואָלוציע האָבן די אַרבעטער דערזעען דעם קעגנזאַץ פון זייערע אויסגעמוטשעטע קערפּער, דעם פעטן מיט שמאַלץ פאַרגאָסענעם גוף פון זייערע בלוט-זויגער און אונטערדריקער.

דאָס פייער פון דער רעוואָלוציע האָט געוואָרפן זיינע שטראַלן אַף פאַרשיידענע קלאַסן, — און זייערע קעגנזעצלעכע אינטערעסן האָבן זיך בוילעט אַרויסגעוויזן אין זייער העלסטער קאָליר. פעלקער הויבן זיך אָן צו צעטיילן אַף קלאַסן. די אַרבעטער, אָנהויבנדיק צו פאַרשטיין זייערע קלאַסן-אינטערעסן, פילן, אַז זיי דאַרפן זיך פאַראייניקן ניט מיט די מיטגלידער פון זייער נאַציע, נאָר מיט דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס, אָן אונטערשייד צו וועלכער נאַציע זיי זאָלן ניט געהערן.

דעריבער פילט זיך באַ די אַרבעטער פון די פאַרשיידענע נאַציעס, אַלס אַ זעלבשטענדיקער קלאַס — פּראָלעטאַריאַט, אַ נויטיקייט זיך צו פאַראייניקן אין איין גרויסע קאַמפּס-אַרמיי. אָט די שטרעבונג כאַפּט אַרום וואָס ווייטער אַלץ גרעסערע אַרבעטער-מאַסן פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין פּוילן.

די אידישע ארבעטער הויבן אָן אַנערקענען, אַז געפינענדיק זיך אַף איין טעריטאָריע מיט די קריסטלעכע אַרבעטער, זייענדיק מיט זיי צוזאַמענגע־בונדן אין איין געמיינזאַמען קלאַס, קעגנפנדיק קעגן איין געמיינזאַמען סוינע, האָבנדיק געמיינזאַמע פּאָליטישע שטרעבונגען, מוזן זיי צוזאַמען בילדן איין געמיינזאַמע ארבעטער־פּאַרטיי, וואָס איר פּראָגראַם זאָל זיין ריין פון יעדער נאַציאָנאַלער צומישונג.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע, שטייענדיק אַף דעם אינ־טערנאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, שטעלנדיק זיך איר אויפגאַבע צו אַנטוויקלען דעם קלאַסנבאַוואוסטזיין און צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אַלע אַרבעטער אָן אונטערשייד פון נאַציע און צוגעפּאַסט צו דער שטרעבונג פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, און דעריבער ווערט אַלץ גרעסער די צאָל פון די אידישע אַרבע־טער, וואָס טרעטן אריין אין אונזער פּאַרטיי, דורך וועלכער זיי ווערן פּאַריי־ניקט מיט דער אַלגעמיינער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

די צאָל פון די אידישע אַרבעטער, וואָס גייען אריין אין אונזער פּאַרטיי, וואַקסט, און גלייכצייטיק וואַקסט די באַדערפעניש פון גייסטיקער שפּייז פאַר אָט די אַרבעטער. ס'פילט זיך א נויטיקייט אין ליטעראַטור. קעדיי צו באַפרי־דיקן אָט די באַדערפעניש, האָבן מיר באַשלאָסן, אויסער בראָשורן און בלעט־לעך, ארויסצוגעבן דעם אָרגאַן: „די רויטע פאָן“, וועלכער שטעלט זיך פאַר זיין אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרינציפּן צווישן די אידישע ארבעטער־מאַסן און צו באַלייכטן אים דעם וועג אין זיין געמיינזאַמען קאַמף מיט אַלע איבעריקע ארבעטער קעגן עקספּלואַטאַציע און באַדריקונג.

כאַווײרים! נעמענדיק אַף זיך די שווערע אויפגאַבע ארויסצוגעבן אונזער אָרגאַן, רעכענען מיר אַף אייער הילף. נאָר דעמאָלט ווען יעדער פון אייך וועט זיך סטאַרען מיט אַלע קויכעס, אַז אונזער אָרגאַן זאָל וואָס מער פאַר־שפּרייט ווערן, נאָר דעמאָלט ווען איר אליין וועט אים אונטערהעלפן מיט דער גאַנצער באַגייסטערונג און ענערגיע, נאָר דעמאָלט וועט ער זיך קענען אַנט־וויקלען און נוצן ברענגען. נאָר דעמאָלט וועט ער זיין אימשטאַנד צו דערפילן די אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט.

האָפנדיק אַף אייער הילף צו זיין אַנטוויקלונג, גיבן מיר איבער אין איי־ערע הענט אָט די „רויטע פאָן“. זאָל זי אונז פירן צום קאַמף און צום זיג!

די הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון רוסיש־פּוילן און ליטע.

98. די ערשטע קאָנפערענץ פון די אידישע גרופּן פון פּ. ס. ד.

(„די ערשטע אידישע קאָנפערענץ“. „די רויטע פאָן“, נומ. 3, 1906).

דעם 28—29 יול 1906 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע קאָנפערענץ פון די דעלעגאַטן פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס.

אונזער אַרבעט צווישן אידן איז נאָך אַ באַווייז פון דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג און וואוקס פון אונזער פּאַרטיי.

וואָס ווייטער ס'איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע, וואָס ברייטערע מאַסן פון ניט-אידישן פּראָלעטאַריאַט ס'זיינען געוואָרן אַריינגעצויגן אין שטראָם פון פּאָליטישן לעבן, אַלץ שטאַרקער האָט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, זייענדיק אָרגאַניזירט אין אַ פולשטענדיק אָפּגעזונדערטער פּאַרטיי, אָפּגעטיילט פון ניט-אידישן פּראָלעטאַריאַט, געמוזט פילן די פּאָליטישע שוואַכקייט פון אידישן פּראָלעטאַריאַט. די נויטווענדיקייט פאַרן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט אין לאַנד זיך צו פאַראייניקן, די פּאָליטישע איבערגעוויכט פון ניט-אידישן פּראָלעטאַריאַט, — דאָס אַלץ האָט בולעט אַרויסגעוויזן, אַז די מאָטיוון, וואָס מ'האָט ווען ס'איז געקאָנט געפינען צו דערוויזן, אַז ס'איז נויטיק צו אָרגאַניזירן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַ ספּעציעלן פּאָליטישן אינדיווידואום, — האָבן היינט פאַרלאָרן זייער גאַנצן ווערט.

די אידישע מאַסן האָבן דאָס אָנגעהויבן צו פילן און דאָס איז די אורזאַך פון זייער שטרעבן זיין אונטער אַ געמיינזאַמע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאָן: ס'האָבן דאָס אָנגעהויבן צו פילן אַפילו די מאַסן, וואָס זיינען שוין אָרגאַניזירט אין „בונד" — און ס'רייסן זיך צו זיי אַריין אַנדערע מיינונגען וועגן דער פראַגע, ווי אַזוי ס'דאַרף ווערן אָרגאַניזירט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט. דאָס דריקט זיך אויס אַזוי אין דער באַציאונג צום פאַראייניקונגס-צוזאַמענפאָר, ווי אויך אין דעם פאַקט, אַז ס'פאַלט אַוועק, — עמעס טאַקע לאַנגזאַם, אין אַ קליינער צאָל, אָבער דאָך פאַלט אַוועק — אַ גאַנצע רייע יעכידים פון „בונד" און גייט איבער צו אונז.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז דער פּראָצעס פונם „בונד"ס צעפאַלן זיך — אויב ער וועט ניט אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי — קען ניט זיין קיין געוואַלטיקער, איבער די גרויסע קויכעס פון „בונד" און איבער אַנדערע באַדינגונגען. אָבער זיין צעפאַלן זיך איז אומפאַרמיידלעך.

אין אַזאַ מאָמענט איז דאָס אַרבעטן צווישן אידן געוואָרן פאַר אונז אַ נויטווענדיקייט.

מיר האָבן זיך אַלע מאָל אָפּגעגעבן אַ רעכענונג וועגן די שוועריקייטן, וועלכע מיר מוזן גרייווער זיין באַ דערדאָזיקער אַרבעט. און מיר האָבן זי טאַקע ניט אָנגעהויבן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג די אַרבעט צווישן אידישן פּראָלעטאַריאַט איז ניט געוואָרן ניט בלויז אַן אַבסטראַקטישע טענדענץ, נאָר אַ פּראַקטישע נויטווענדיקייט. די אידישע אַרבעט איז אויסגעוואַקסן פון אונזער לעבן, דאָס לעבן האָט אונז מיט אַן אומאיינגעהאַלטענעם קויאַך צו דערדאָזיקער אַרבעט געשטופּט. און מיר מוזן זי פירן.

אונזער אַרבעט, וועלכע פירט זיך סאַכאַקל איינציקע כאַדאָשים, געפינט זיך איצט אַף די אָנפאַנגס-שטופן פון איר אַנטוויקלונג, און דעריבער האָט די קאָנפערענץ געטראָגן אַן איינטריטס-כאַראַקטער צו אַ זאַך, וועלכע דאַרף איצט פאָרקומען.

איבער דעם מאַנגל אין אַגיטאַטאָרישע קרעפטן, אָן דער נויטיקער ליטעראַ-

טור, האָבן מיר אין אַזאַ קורצער צייט פיל ניט געקאָנט אויפטאָן. אבער ניט קוקנדיק אף דידאָזיקע אונגעהויערע שוועריקייטן, האָבן מיר דאָך געמאַכט באַדייטנדע פאָרשריטן.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעדריקט די איבערצייגונג אַז ס׳איז אַ לעבן גופא שטופט די אידישע פּראָלעטאַריער אין אונזער פּאַרטיי און האָט באַשלאָסן, אַז ניט קוקנדיק אף אַלע שוועריקייטן, מוז מען די אַרבעט ווייטער פירן און גלייכצייטיק פאָדערן פון דער הויפּט-פאַרוואַלטונג, אַז זי זאָל מער ווי ביז איצט אַכטונג געבן אַף די אידישע אַרבעט. די קאָנ-פערענץ האָט אָנגעוויזן אַפן מאַנגל פון אַגיטאַטאָרישע קרעפטן און ליטעראַטור, און אויך אַף דעם, אַז ס׳פעלט אַ וואָסער ס׳איז צענטראַלע איינריכטונג, וואָס זאָל אָנפירן די אַרבעט. ס׳איז באַשטימט געוואָרן איינצואָרדענען אַ אינסטיטוציע, אין דער פאָרם פון אַ צענטראַלער קאָמיסיע, וועלכע זאָל אַכטונג געבן אַף דעם אַרויסגעבן ליטעראַטור און פאַנאַנדערטיילן די אַגיטאַטאָרישע קרעפטן. די קאָנפערענץ האָט אויסגעקליבן דידאָזיקע קאָמיסיע, וועלכע באַשטייט פון 4 פּערזאָן, דעם 5-טן דעלעגירט די הויפּט-פאַרוואַלטונג.

וואָס אָנבאַטרעפט דער פראַגע וועגן די אָרגאַניזאַציאָנס-באַציאונגען פון די אידישע כאַוויירים צו דער גאַנצער „פּאַרטיי", האָט זיך די קאָנפערענץ אַרויס-געזאָגט דערפאַר, מע זאָל איבערלאָזן יעדער באַזונדערע אָרגאַניזאַציע אַליין צו לייזן די פראַגע און זיך איינאָרדענען לויט די אָרטיקע באַדינגונגען. וועגן דער באַציאונג צו די ניט-סאָציאַל-דעמאָקראַטישע, ד. ה. נאַציאָנאַליסטיש-סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָט די קאָנפערענץ באַשטימט זיי צו באַקעמפן מיט אַלע מעגלעכקייטן. די באַציאונג צום „בונד" איז איצט ניט געוואָרן באַ-שטימט, ווייל דאָס הענגט אָפּ פון דער אַריינטרעטונג אָדער ניט-אריינטרעטונג פון „בונד" אין דער פּאַרטיי. לויט דעם באַשלוס פון „בונד" אין דער פראַגע וועלן מיר ערשט קענען באַצייכענען אונזער באַציאונג.

וואָס אָנבאַטרעפט ליטעראַטור, האָבן אייניקע כאַוויירים פאָרגעלייגט אַרויס-צוגעבן „די רויטע פאָן" נאָר אין 4 זייטן, קעדיי זי זאָל קענען אָפטער אַרויס-גיין. נאָר רעכענענדיק זיך מיטן כאַראַקטער, וועלכן ס׳טראָגט „די רויטע פאָן", און מיט די קרעפטן, וועלכע ס׳גיבן זי ארויס, האָט די קאָנפערענץ דעם פּראָ-יעקט אָפּגעוואָרפן און באַשטימט זי זאָל אַרויסגיין אין 8 זייטן און מעגלעכסט אַלע 2 וואָכן.

ענדלעך די פראַגע וועגן איינריכטן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען קול-טורעלע סעקציעס לויט די נאַציאָנאַליטעטן און אויך די פראַגע וועגן פאַרייניקן אונזערע פאַריינען מיט די „בונדישע", האָט די קאָנפערענץ ניט באַשפּראָכן, דען זי האָט זיך אַנערקענט פאַר ניט קאָמפּעטענט זעלבשטענדיק דידאָזיקע פראַגע צו אנטשיידן, און האָט נאָר באַשלאָסן צו פאָדערן פון דער הויפּט-פאַר-וואַלטונג, אַז אַף דער קאָנפערענץ פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואו דידאָזיקע פראגע וועט באהאנדלט ווערן, זאָל רעפּרעזענטירט ווערן אויך די צענטראַלע קאָמיסיע פון דער אידישער ארבעט.

אזוי שטעלט זיך פאָר אין אלגעמיינע שטריכן די ארבעט פון דער

קאָנפערענץ. ווי מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, איז דאָס אונזער ערשטע קאָנפערענץ, אונזער ערשטער שריט אפן נייעם פעלד. עמעס, אלס אזעלכע, האָט זי אונז פיל ווייניקער געגעבן, ווי עס גיט געוויינלעך א קאָנפערענץ, נאָר דערפאר האָט זי אונז אָבער דערקלערט אָט דעם וויכטיקן פאקט, אז דאָס לעבן גופע איז אונזער מעכטיקער בונדעס-גענאָסע. דער פאקט, אז אונזער ארבעט צווישן אידן האָט א רעאלן באָדן אונטער אירע פיס, אז זי אנטוויקלט זיך, אָבוואל לאנגזאם, און מוז זיך אנטוויקלען — אָט דער פאקט גיט אונז די בעסטע גאראנטיעס, אז די צווייטע קאָנפערענץ, וואָס איז באשטימט געוואָרן צונויפצורופן אין 6 כאדאָשים ארום, וועט אונז דערלויבן צו באהויפטן מיט שטאָלץ, אז אונזער ארבעט גיט אונז פאָרשריטס-רעזולטאטן.

ניט קוקנדיק אלזאָ אף אלע שוועריקייטן, באגריסן מיר אונזער ערשטע קאָנפערענץ, אונזער ע־שטן טריט אף א נייעם וועג, אפן וועג פון נייע סאָציאל-דעמאָקראטישע פעלדער.

די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ.

דעם 28-29 יול איז אָפגעהאלטן געוואָ־ן די ערשטע קאָנפערענץ פון אידישע אגיטאטאָרן אין פוילן, צוזאַמענגערופן פון דער הויפט-פארוואלטונג פון דער ס. ד. פ. ל. — די הויפט פארוואלטונג האָט פאָרגעלייגט דעם פאָלגנדעם טאָג-אָרדנונג: 1) באריכט, 2) וועגן אָרגאניזאציאָנס-פאָרמען, 3) וועגן די נאציאָנאליסטישע פארטייען, 4) וועגן דער פאריייניקונג מיטן „בונד", וועלכער איז געוואָ־ן אָנגענומען, און צו וועלכן די קאָנפערענץ האָט צוגעגעבן נאָך א פונקט: וועגן נאציאָנאלע סעקציעס אין די פראָפעסיאָנעלע פאריינען. — ס'זיינען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע רעזאָלוציעס און באשלוסן:

וועגן די באריכטן פון דער ארבעט.

אויסהערענדיק די באריכטן, באהויפטעט די קאָנפערענץ, אז די אידישע מאסן טרעטן אריין סטיכיש אין אונזער פארטיי, אבוואָל זי האָט ביז א קירצער צייט צוריק ניט געפירט קיין שום ארבעט צווישן אידישן פראָלעטאריאט. און איצט, נאָך א קורצער צייט ארבעט, בא אזעלכע שווערע באדינגונגען, אָן ליטעראטור און אָן א גענוגנדער צאָל מענטשן, ווייזט זיך שוין ארויס א גרויסער ערפאָלג אין דער ארבעט. די קאָנפערענץ אנערקענט דעריבער די פלאנמעסיקייט פון אונזער ארבעט און ווענדט זיך צו דער הויפט-פארוואלטונג, זי זאָל זיך סטארען צו פארשטארקן אונזער ארבעט צווישן אידן.

וועגן אָרגאניזאציאָנס-פאָרמען.

אנערקענענדיק פאר א הויפט-פרינציפ דאָס אָרגאניזירן דעם פראָלעטאריאט לויט די טעריטאָריעס און ניט לויט די נאציאָנאליטעטן, געפינט פונדעסטוועגן די קאָנפערענץ, אז מע מוז איבערלאָזן די באזונדערע אָרגאניזאציעס, — נעמענדיק אין אכט די ספעציעלע באדינגונגען, אין וועלכע ס'לעבט דער אידישער פראָלעטאריאט, — די פרייהייט איינצואָרדענען אידישע ראיאָנען, לויט די אלגעמיינע פארטיי-פרינציפן.

וועגן די אידישע נאַציאָנאַליסטיש-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

די קאָנפערענץ געפינט, אַז מע דאַרף ענערגיש באַקעמפן די אידישע נאַציאָנאַליסטיש-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען (פּ. צ., ס. ס. א. אז. וו.). זי ווענדט זיך דעריבער צו דער הויפּט-פאַרוואַלטונג מיט דער פאָדערונג, אַז אין דער ליטעראַטור זאָלן אַנאַליזירט און קריטיקירט ווערן די פּראָגראַמען פון די דאָזיקע פּאַרטייען.

וועגן דער פאַראייניקונג מיטן „בונד".

אבוואל די באַדינגונגען פון דער פאַראייניקונג מיטן „בונד" זיינען אין איי-ניקע הינזיכטן אָן אָפּווייכונג פון אונזערע אָרגאַניזאַציאָנס-פּרינציפּן, פונדעסט-וועגן, אָנערקענענדיק די וויכטיקייט פון דעם פּאָליטישן מאָמענט, וועלכער פאָדערט די פאַראייניקונג פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט אין איין אַלגעמיינער פּאַרטיי, און נעמענדיק ווייטער אין אַכט, אַז וויפל דאָס ניט אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי וואָלט געהאַט אַ שעדלעכע ווירקונג דורך דאָס פאַרשטאַרקן זיך פון סעפּאַראַטיסטישן גייסט, — געפינט די קאָנפערענץ, אַז דאָס אַריינטרעטן פון „בונד" אין אונזער פּאַרטיי אויף די פאָרגעלייגטע באַדינגונגען איז אַ גרויסער טריט פאָרווערטס אין דער ריכטונג צו דער פולשטענדיקער פאַראייניקונג פון אידישן פּראָלעטאַריאַט מיטן ניט-אידישן.

די קאָנפערענץ דריקט אויס איר וואונש, אַז באַם אַריינטרעטן פון „בונד" אין דער פּאַרטיי, צום אויסאַרבעטן די טעכנישע באַדינגונגען און אַריינצוציִען אין לעבן די פאַראייניקונג זאָל די הויפּט-פאַרוואַלטונג איינלאַדן אויך די אידישע קאָמיסיע.

די קאָנפערענץ לייגט אויף פאַר דער הויפּט-פאַרוואַלטונג איינצולאַדן די אידישע קאָמיסיע אויף די פאַרבאַנדן-קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז „די רויטע פאָן" זאָל אַרויסגיין אַלע 14 טעג אין 8 זייטן, אַנשטאָט אַלע וואָך אין 4 זייטן, ווי ס'האָבן פאַרגעלייגט איינִיקע כאַווערים.

די קאָנפערענץ האָט זיך דערקלערט, אַלס ערשטע פּעריאָדישע קאָנפערענץ, וועלכע קלייבט זיך צונויף אַלע 6 מאָנאַטן, באַ אויסעראָרדנטלעכע פאַלן קאָן די קאָמיסיע, מיט דער איינשטימונג פון דער הויפּט-פאַרוואַלטונג, צונויפרופן אַן אויסעראָרדנטלעכע קאָנפערענץ.

99. פּ. ס. ד. וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון „בונד".

(פּראָיעקט-רעזאָלוציע צום V-טן צוזאַמענפאָר פון פּ. ס. ד. אין 1905-טן יאָר. „טשערוואָני שטאַנדאַרט", נומ. 78; איבערגעזעצט פון בונדישן זשורנאַל „נאַשע סלאָוואָ", נומ. 1, ווילנא, 1906)

נעמענדיק אין אַכט:

1) אַז די אונטערדריקטע פון פּוילן און אויך די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג פון קיינע גאַראַנטירט אַפן באָדן פון דער אַלגעמיינער דעמאָקראַטיזירונג פון

דער מלוכה־אָרדענונג די קולטורעלע אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן — אַף אַזוי פיל, אַף וויפל דאָס איז ביכלאל מעגלעך בא דער הערשונג פונם קאַפּיטאַליזם;

2) אַז פון דער צווייטער זייט, די פאָדערונג פון דער קולטורעל-נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע, וואָס דער „בונד“ האָט אַרויסגעשטעלט, דרינגט ניט אַרויס פון די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט: ערשטנס, איז זי ניט אַרויסגערופן דורך דער אַנטוויקלונגס-טענדענץ פון דער סאָציאַלער גרופּע, וועלכע די אידן שטעלן איצטער פאָר, און כוז געשטיצט ווערן דורך אַן אַגיטאַציע אין אַ נאַציאָנאַליסטישער ריכטונג; צווייטנס, ברענגענדיק מיט זיך די נויטיקייט פון אַ באַזונדערער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קעמפן פאַר איר, פאַרניכטעט זי די נויטיקע אייניקייט פון דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פונם פּראָלעטאַריאַט אַף דער געגעבענער טעריטאָריע, —

געפינט דער צוזאַמענפאַר:

אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע דאַרף אין איר פּראָגראַם ניט אַרויסשטעלן די פאָדערונגען פון קולטורעל־נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע;

אַז אנשטאָט דעם דאַרף זי פירן אַ קאַמף, פון איין זייט, פאַר דער פולשטענדיקסטער גלייכבאַרעכטיקונג פון די נאַציאָנאַליטעטן, און, פון דער צווייטער זייט, פאַר דער פרייהייט צו שאַפן אלערליי איינריכטונגען (אַכוץ טעריטאָריאַלע, מלוכה רעכטלעכע), וואָס זאָלן גאראַנטירן די נאציאָנאַלע מינדערהייטן די פרייהייט פון קולטורעלער אנטוויקלונג (שולן, אוניווערסיטעטן, מוזייען א. א. וו.)

XIV. די פוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.)

100. פּ. פּ. ס. און די אידן־פראַגע.

„די באַציאונג פון פּ. פּ. ס. צו דער אידישער פראַגע", „דער אַרבעטער", נומ. 12 פון 15-טן דעקאַבר, 1905)

אונזער פּאַרטיי איז די פאָרשטייערין פון אלע אינטערעסן פון דעם אַר־בעטער־קלאס אין פוילן, זי שטרעבט... דורך דער רעוואָלוציע גרינדן אַזא פּאָ־ליטישע אָרדענונג, וועלכע זאָל גאַראַנטירן דעם פּראָלעטאַריאַט אלע פרייהייטן, וועלכע זיינען נויטיק צו דער ווייטערדיקער פירונג פון דעם קלאַסן־קאַמף פאר דעם סאָציאַליזם. זי מוז דעריבער פאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכנס אינטערעסן זי רעפּרעזענטירט גלייך מיט די אינטערעסן פון דעם פוילישן פּראָ־לעטאַריאַט, שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע זאָלן זיין פריי פון יעדער דרי־קונג און זאָלן אים געבן די מעגלעכקייט פריי צו אַנטוויקלען זיך און צו קעמפן.

נאָר ווי דערגרייכט מען דאָס? וועלכע פּרינציפּיעלע פאָדערונגען שטעלן מיר אַרויס דירעקט צו פאַרהיטן די אינטערעסן פון דעם אידישן פּראָלע־טאַריאַט?...

דער אידישער פּראָלעטאַריאַטליידט, אויסער פון דער אַלגעמיינער פּאָלי־טישער דריקונג, פון וועלכער עס ליידט דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט, אויך פון אַ גאַנצער ריי אַכזאָריעסדיקע אויסנאַמס־געזעצן. אויב די פּאָליאַקן שטייען צווישן די אונטערטאַנער פון דעם צאַר אף דעם צווייטן פלאַץ, ווערן די אידן באַהאַנדלט אלס דער ערגסטער סאָרט אונטערטאַנער... אויסער די אויסנאַמס־געזעצן, ד. ה. אויסער די באַגרעניצונגען, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם צאַר, אָדער זיינע מיניסטאָרן, דערלויבט זיך נאָך יעדער גובערנאַ־טאָר און אַפילו יעדער „רעוויראָווע" *) פאַרפאָלגן און באַליידיקן די אידן, זייענדיק זיכער, אַז זיין „נאַטשאַלסטווע" וועט אים נאָך דערפאַר אַ דאַנק זאָגן.

דאָס אַלץ מוז אינגאַנצן אויפהערן, עס מוז אויסגעוואָרצלט ווערן אף אייביק דעריבער איז אונזער ערשטע פאָדערונג אין דער אידן־פראַגע: פולשטענ־דיקע בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקייט פון די אידן, גאַנצ־

*) נידעריקער פּאָליציי־אָנגעשטעלטער.

לעכע אָפּשאַצונג פון אַלע אויסנאַמס-געזעצן און באַגרעני-צונגען...

נאָר גלייכע בירגערלעכע רעכט זײַנען פאַר די אידן נאָך ווייניק, זיי מוזן, גלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער, האָבן די מעגלעכקייט פריי צו אַנטוויקלען זיך לויט זייער אייגענער קולטור, זיי מוזן האָבן די מעגלעכקייט באַנוצן זיך מיט זייער שפּראַך אין אַלע קעהילישע אַנשטאַלטן; זיי מוזן, גלייך מיט אַלע אַנדערע, זײַן פריי און ניט באַגרעניצט, וואָס אַנבאַטרעפט אין דער שפּראַך.

דער גרעסטער טייל פון אונזער אידישן פּראָלעטאַריאַט רעדט אַף זשאַרגאָן. אַף דערדאָזיקער שפּראַך האָבן ביז איצט פיל געקוקט, ווי אַף אַ שפּראַך, וועלכע שטייט נידעריקער פון אַלע אַנדערע. אַזאַ קוק איז זייער פאַלש און ניט אָרנט-לעך. אָנוואַרפן אַ פאָלק אַ פרעמדע שפּראַך, דערנידעריקן די שפּראַך, אַף וועלכער ער רעדט פון קינדווייז אָן, אַף וועלכער ער רעדט מיט זײַנע כאַוויי-רים בא דער אַרבעט, און אַף וועלכער ער האָט באַקומען זײַן ערשטע אַנט-וויקלונג — דאָס וואָלט שטענדיק געווען אַ נידערטרעכטיקייט און אַן אַכזאָריעס. מע מוז דעריבער יעדן פאָלק גאַראַנטירן די מעגלעכקייט פריי צו באַנוצן זיך מיט זײַן שפּראַך. פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַ פאָלק, וועלכעס וואוינט אַלס אַ קאָמפּאַקטע מאַסע אַף איין טעריטאָריום, איז דידאָזיקע פראַגע לייכט צו לייזן: עס איז גענוג אָפּצוטיילן דידאָזיקע טעריטאָריע אַלס אַ זעלבשטענדיקע אָבער אויטאָנאָמישע פּאָליטישע און רעכטלעכע איינאָרדענונג; אַזוי שטרעבט צו באַפרייען זיך פון גאָלעס דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט, פאָדערנדיק זעלב-שטענדיקייט פאַר פּוילן. שווערער איז אָבער צו לייזן די פראַגע פאַר די פעל-קער, וועלכע זײַנען צעזייט און צעשפּרייט אַף אַ גרויסע טעריטאָריע, צווישן פיל פעלקער מיט פאַרשיידענע שפּראַכן; נאָר אויך פאַר אַזאַ פאָלק — אין דעמ-דאָזיקן פאַל, דאָס אידישע פאָלק — איז אויך פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו גאַראַנ-טירן די פרייהייט פון שפּראַך...

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אונטער דעם וואָרט „פרייהייט פון שפּראַך" מיינען מיר ניט וועגן דער פרייהייט פון דער שפּראַך אין פּריוואַטן לעבן, אָדער אין ביכער און צייטונגען, וועלכע ווערן אַרויסגעגעבן דורך פּריוואַטע מענטשן, ווארום אַזאַ פרייהייט פון וואָרט גייט אַרונטער אונטער דעם באַגריף פון דער אַלגעמיינער פרייהייט; די שפּראַך מוז אויך זײַן פריי אין אַלע פּאָלי-טישע און קולטורעלע אַנשטאַלטן, ווי די שול, אַדמיניסטראַציע און געריכט.

פריער פון אַלע פראַגן שטייט די שול-פראַגע: אַלס פאָרשטייער פון פּראָ-לעטאַריאַט פאָדערן מיר, אַז עס זאָלן ווערן איינגעפירט צוואַנגס-שולן, אין וועלכע אַלע קינדער זאָלן ביז דעם 14-טן יאָר באַקומען אומזיסטע, וועלטלע-כע (ניט קיין רעליגיעזע) בילדונג. מיר פאָדערן אויך פאַר קינדער מיט בעסע-רע פעאיקייטן אומזיסטע גימנאַזיעס, טעכנישע שולן, אוניווערסיטעטן, פּאָלי-טעכנישע אינסטיטוטן, אויך סטיפּענדיעס (געלט-שטיצעס) פאַר די, וועלכע קענען זיך אַף זייער אייגענעם רעכענונג ניט בילדן. מיר פאַרלאַנגען געלט-שטיצע פאַר פאָלקס-אוניווערסיטעטן, פאָלקס-ביבליאָטעקן א. אַז. וו. געלט אַף דעם אַלעמען מוז גענומען ווערן פון די שטייערן, וועלכע יעדערער צאָלט אַף

די שטאַטיקע, דאָרפישע און אַלגעמיינע פאַרוואַלטונגען, יעדערער פון דידאַזי־קע אַנשטאַלטן (דאָרף־פאַרוואַלטונג, שטאַט־פאַרוואַלטונג און דער פאַרלאַמענט) אַסיגנירט אַ געוויסן טייל פון זיינע איינקונפטן אַף שול און פאָלקס־בילדונג.

יעדער פאָלק, וועלכער בילדעט אין דער הינזיכט פון דער שפּראַך די מינדערהייט, האט דאָס רעכט צו פאָדערן אַ טייל פון די סומען, וועלכע ווערן אַסיגנירט אַף פאָלקס־בילדונג, געוויינלעך פּראָפּאָרציאָנעל צו זיין צאָל און פאַרהעלטעניש צו דער איבעריקער באַפעלקערונג, אַף שולן אין זיין שפּראַך...

מיר מערקן אָן, אַז די פּראָגראַם אין אַלע אָנפאַנגס־שולן מוז זיין איינע און דיזעלבע, ניט קוקנדיק אַף דער שפּראַך, אַף וועלכער די אונטעריכט ווערט געפירט. די אידישע שולן וועלן ניט זיין קיין כאַדאָרים און ניט קיין טאַלמוד־טוירעס, נאָר פולקומענע שולן: די רעליגיאָנס־ערציאונג דאַרף לויט דער פאָר־שטעלונג פון די סאָציאַליסטן פאַרגעשטעלט ווערן די עלטערן פון די קינדער, אָבער ניט דער שול... אין אַלע שולן מוז ווערן איינגעפירט, אַלס אַ פרייער לימעד, די שפּראַכן פון דער מינדערהייט פון דעמדאָזיקן לאַנד, נאָר די שפּראַך פון דער מערהייט — באַ אונז די פּוילישע — מוז ווערן געלערנט אין אַלע שולן; צו פאַרדאַנקען דעם, וועלן די מיטגלידער פון פאַרשיידענע פעלקער, וועלכע ריידן אַף פאַרשיידענע שפּראַכן, ווערן נעענטער איינער צום צווייטן, וואָס איז לויט אונזער פּראָגראַם, וועלכע שטרעבט צו פאַרייניקן דעם פּראָלעטאַריאַט פון פאַרשיידענע פעלקער, זייער וויכטיק...

דידאָזיקע אָרדענונג גאַראַנטירט די פרייהייט פון שפּראַך פאַר אַלע טיילן באַפעלקערונג, אידן וועלן קענען פריי בילדן זייערע קינדער אין זשאַרגאָנישע אָדער העברעאישע שולן, וועלכע וועלן ווערן אויסגעהאַלטן אַף דעם אַל־געמיינעם רעכענונג פון שטאַט אָדער לאַנד. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויסער דעם, וועט מען קיינעם ניט שטערן גרינדן פּריוואַט־שולן, — אויסער נאַטירלעך אָנפאַנגס־שולן. וועלכע מוזן זיין נאָר קעהילישע — און אַנדערע קולטורעלע אַנ־שטאַלטן אַף דער שפּראַך, אַף וועלכער יעדערער פאַרלאַנגט.

עס בלייבט נאָך די אַדמיניסטראַציע און דאָס געריכט.

אין אַ לאַנד מיט אַן עכטער דעמאָקראַטישער אָרדענונג איז זייער וויכטיק, אַז יעדער בירגער זאָל קענען צו דער אַדמיניסטראַציע אָדער צום געריכט ווענדן זיך אַף דער שפּראַך, אַף וועלכער ער רעדט. דעריבער דאַרפן די פאַב־ריק־אינספּעקטאָרן, אונטער וועמעס אויפזיכט עס געפינען זיך די פאַבריקן, וואו עס אַרבעטן אַרבעטער, וועלכע ריידן אַף פאַרשיידענע שפּראַכן, קענען די־דאָזיקע אַלע שפּראַכן.

אין יעדן גרויסן אַנשטאַלט מוז זיך געפינען אַמווייניקסטן איין באַאַמטער, וועלכער זאָל אויך קאָנען די שפּראַך פון דער מינדערהייט. איבערהויפּט וויכ־טיק איז דאָס אין געריכט. דען דאס צווינגען דעם באַשולדיקטן אָדער דעם איידעס צו ריידן אַף דער שפּראַך, וועלכע ער קען ווייניק, באַ אַזעלכע פאַלן, אין וועלכע עס גייט אין דער ערע אָדער אין דעם גאַנצן צוקונפט פון אַ מענטשן, מוז ווערן גערעכנט אַלס איינע פון די גרעסטע אַוולעס. באַ דעם באַזעצונג פון פאַרשיידענע פּאָסטנס אין דער אַדמיניסטראַציע מוז ווערן

געפאָדערט, אַז דער קאַנדידאַט אָף דער שטעלע זאָל קענען אַלע אָרטיקע שפּ אַכן, יעדנפאַלס מוז דעם, ווער עס קען די אַלע שפּראַכן, געגעבן ווערן פאָרשוס פאַר די, וועלכע קענען זיי ניט.

... די איינציקע און די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער דורכפירונג פון דידאַ־ זיקע פרינציפּן דאַרף זיין דער העכסטער דעמאָקראַטישער כאַראַקטער, וועלכן עס מוזן טראָגן אַלע קעהילישע און פּאָליטישע אַנשטאַלטן און דער שטאַרקער איינפלוס פון דעם פּראָלעטאַריאַט אָף דעם גאַנצן פּאָליטישן לעבן, ווארום דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז שטאַרק פאַרינטערעסירט אין דעם, אַז קיין פאָלק זאָל ניט ווערן אונטערדריקט, וועט די אַלע פּרינציפּן קענען דורכפירן אין דעם פּראַקטישן לעבן.

* * *

די אויסגערעכנטע פּרינציפּן, פאַר וועלכע אונזער פּאַרטיי וועט שטענדיק קעמפן און וועלכע זי וועט דורכפירן אין דער פּראַקטיק גלייך מיט אַלע איבעריקע גאַראַנטיעס פון די פּאָליטישע פרייהייטן, קענען גאַנצלעך לייזן די פּאָליטישע זייט פון דער אידן-פראַגע.

פון אַ געוויסער צייט ווערט צווישן דער אידישער און פּוילישער אינטע־ ליגענץ באַהאַנדלט די פראַגע, צי זיינען אידן יע אַ פאָלק אָדער ניט, צי קען מען רעכענען דעם זשאַרגאָן פאַר אַ שפּראַך מיט אַ צוקונפט, אָדער דער זשאַרגאָן האָט קיין צוקונפט ניט. אונז אינטערעסירן דידאָזיקע טעאָרעטישע פראַגן גאָרניט. אַלס פאָרשטייער פון די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט, איז פאר אונז גאַנץ גענוג דער איינציקער פאַקט, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם פּראָלעטאַריאַט רעדט אָף זשאַרגאָן, צו פאָדערן פאַר דערדאָזיקער שפּראַך גאַ־ ראַנטיעס פון פרייער אַנטוויקלונג.

אַזוי ווי דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז שטאַרק פאַרינטערעסירט אין דעם, ער זאָל זיך קענען בילדן און אַנטוויקלען אָף דעם לייכטסטען אויפן, ד. ה. אָף זיין אייגענער שפּראַך, אַזוי איז אויך דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכנס קלאסן-אינטערעסן זיינען ענג פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פון אי־ דישן פּראָלעטאַריאַט, ניט נאָר מעכויעוו, נאָר אויך פאַרינטערעסירט, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך קענען בילדן און אַנטוויקלען. די אינטערעסן פון דעם פּוילישן אַרבעטער ליגן גלייך מיט די אינטערעסן פון אידישן אַר־ בעטער אין דעם, אַז די אַדמיניסטראַציע און דאס געריכט זאָלן דעמאָקראַ־ טיזירט ווערן און זיי זאָלן דינען ניט צו פאַרפאָלגן איין שפּראַך און פאַרברייטערן די צווייטע, נאָר צו פאַרטיידיקן די עמעסע אינטערעסן פון דער באַפעלקערונג.

אָט דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון אונזער פּאַרטיי, אַלס די פאָרשטייערין פון די קלאסן-אינטערעסן פון דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט אין פּוילן — אַזוי דעם פּוילישן, ווי אויך דעם אידישן.

101. פּ. פּ. ס. וועגן דער באַציאונג פון די אידישע ארבעטער צו דער אומאָפּהענגיקייט פון פוילן.

(פונם ארטיקל „ווי איז פאר אונז גלייכער”. „דער ארבעטער” נומ. 14. 28 דעקאבר 1905).

...אונז, אידישע פּראָלעטאַריער אין פוילן, אינטערעסירט שטאַרק די פראַגע, ווי אַזוי באַדאַרפן זיין אונזערע באַציאונגען צו דער זעלבשטענדיקייט פון פוילן, צו וועלכער עס שטרעבט קימאַט דער גאַנצער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט, און אַלס אידן מוזן מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל דעם פּרינציפּ קלאָר שטעלן, צי דאַרפן מיר ווייטער קעמפן צוזאמען מיט דעם פוילישן פּראָלעטאַריאַט, אָדער מיר מוזן זיך פון אים אָפּטיילן און גיין קעגן אים.

דידאָזיקע פראַגע קלאָר צו שטעלן געפינען מיר פאַר נויטיק באַ דעם איצטערדיקן מאָמענט, ווען די אַרבעטער-אָרגאַניזאציע „בונד” טרעט עפנטלעך אַרויס קעגן דער קאָנסטיטואירנדער פאַרזאַמלונג אין וואַרשע, צו וועלכער עס שטרעבט דער פוילישער פּראָלעטאַריאַט, און וועלנדיק אָפּרייסן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט פון דעם קריסטלעכן, האָט דער „בונד” קינסטלעך צעבלאָזן די וויכטיקייט פון דער פראַגע וועגן דער פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקייט פון דעם זשאַרגאָן און וועגן אַ באַזונדערע קולטורעלע אווטאָנאָמיע פאר אידן.

מיר געפינען דאדורך פאַר נויטיק צו דערקלערן, אַז זאָגאַר אַרויסגייענדיק פון דעם „בונדס” נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט שאַדט אויך די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציע דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, אָפּרייסנדיק אים פון דעם פוילישן, און ניט דערלאָזנדיק אים צו קעמפן פאַר דער קאָנסטיטואירנדער פאַרזאַמלונג אין וואַרשע גלייך מיט די קריסטלעכע כאַוויירים.

די ערשטע זאַך מוזן מיר געדענקען, אַז וואָס פאַר אַן אָרדענונג עס זאָל אין לאַנד ניט ווערן איינגעפירט, וועט דאָך אַ גרויסער טייל פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט מוזן בלייבן וואוינען אין פוילן; אַפילע די ציאָניסטן, וועלכע פאַנטאַזירן וועגן א באַזונדערן אידן-שטאט, זייגען אויך מודע, אז דער גרעס-טער טייל פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאט וועט מוזן בלייבן דאָ, און דאַן איז פאַר אונז אין דער העכסטער שטופּע וויכטיק די געפילן פון דעם פוילישן פאָלק; עס איז א נאַטירלעכע דערשיינונג, אז יעדעס פאָלק, וועלכעס ווערט אונטערדריקט, וועמעס נאַציאָנאלע קולטור ווערט פאַרפאָלגט, מוז ווערן שטאַרק שאָוויניסטיש. יעדן איינוואוינער אין פוילן איז גוט באַקאַנט, אז קיין פאָלק איז ניט אזוי אייפערזיכטיק צו זיין שפּראַך, ווי די רוסיפיקאַטאָרישע שול האָט געמאַכט דאָס פוילישע פאָלק אייפערזיכטיק צו זיין שפּראַך. דידאָזיקע אייפערזיכטיקייט וואָלט באַ היינטיקן טאָג זייער פיל געשטערט דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין פוילן צו באַקומען אַלע מעגלעכקייטן זיך צו אנטוויקלען, אויב ער וועט דאָס פאַרלאַנגען אַף זיין שפּראַך. עמעס, די פוילישע סאָציאַליסטן וואָלטן קיינמאָל ניט געוועזן דאגעגן, אז דער זשאַרגאָן זאָל אין פוילן באַקו-מען אלע רעכט, נאָר די נאַציאָנאַלע דעמאָקראַטיע און אפילע די פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטיע וואָלט שטענדיק, ציטערנדיק פאַר דעם נאַציאָנאַלן שאַץ, פאַר דער פוילישער שפּראַך, פּראָטעסטירט און ניט דערלאָזט, אז אין לאַנד זאָל

זיך אַנטוויקלען א פרעמדע קולטור. דער „בונד" פאַרגעסט אויך אָן דעם, אז שטערן דאָס אנטוויקלען פון דעם זשאַרגאָן און ניט דערלאָזן, ער זאָל ווערן גלייכבאַרעכטיקט אין אלע קעהילישע אַנשטאַלטן, וואָלטן די פּאָליאַקן שטענדיק געקענט אפילע בלייבנדיק אָפּהענגיק פון רוסלאַנד. דאַגעגן, ווען פוילן ווערט זעלבשטענדיק, וואָלט זי קיין שום סיבע ניט געהאַט אזוי צו ציטערן איבער איר נאציאָנאַלען שאץ, דאָס אייפערזיכטיקייט פון די פּאָליאַקן צו דער פוילי־שער שפראַך וואָלט נאַטירלעכערוייז געמוזט שוואַכער ווערן. און נאָר דאַן וואָלטן די פּאָליאַקן געקאָנט דערלויבן אף דער גלייכבארעכטיקייט פון דעם זשאַרגאָן.

די זעלבשטענדיקייט פון פוילן איז אויך נויטיק פאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאט פון דעמדאָזיקן לאַנד צו קענען אנטוויקלען זיין קלאסן-קאַמף; אויב פוילן זאָל ניט באַקומען קיין פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, וואָלט די נאציאָנאלע בורזשואזיע שטענדיק געקענט צוציען צו זיך אין נאָמען פון די פאָלקס-אינטערעסן א גרויסן טייל פון דעם פוילישן פּראָלעטאריאט, און אזוי וואָלט דער קלאסן-קאמף באדייטנד שוואכער געוואָרן, און די בורזשואזיע און קאפיטאליסטן, אָנשפּארנדיק זיך אף דעם טייל פּראָלעטאריאט, וועלכער האָט זיך אין נאָמען פון די נאציאָנאלע אינטערעסן אנטזאגט פון זיין קלאסן-קאמף, וואָלטן מער קרעפטן געקראָגן די גאנצע ארבעטער-באוועגונג צו דערשטיקן.

קוקנדיק אף דער זאך ניט נאָר פון דעם פּראָלעטארישן שטאנדפּונקט — נאָר אפילע פון דעם נאַציאָנאלן, פון וועלכן עס קוקט דער „בונד", זיינען מיר אויך שטארק פאַרינטערעסירט אין דעם, אז פוילן זאָל ווערן זעלב־שטענדיק. מע דארף געדענקען, אז אין דעם פּאָליטישן לעבן ווערט קיין זאך ניט געגעבן אף קרעדיט, אז אף יעדער זאך ווערט געפאָדערט א גאראנטיע, און דידאָזיקע גאראנטיע קענען מיר אלס אידן גיכער האָבן, ווען פוילן זאָל זיין זעלבשטענדיק, ווי ווען זי זאָל בלייבן בא איר איצטיקער לאגע. אויב רוסלאנד זאָל בלייבן די זעלבע ניט געטיילטע רוסלאנד, ווי ביז איצט, אויב דאָס לאנד זאָל ווערן רעגירט דורך איין פּארלאמענט אין פּעטערבורג, וואָלטן מיר צוליב דעם קליינעם צאָל אידן אין באטרעף צו דער גאנצער איבעריקער באפעלקערונג, זאָגאר בא דעם בעסטן פאל, געקאָנט האָבן אזא קליינעם צאָל דעפּוטאטן אין פּארלאמענט, אז זיי וואָלטן געבילדעט ניט מער ווי 4% פון דעם אלגעמיינעם צאָל דעפּוטאטן; אזא קליינע צאָל דעפּוטאטן קאָן ניט ווערן גערעכנט אלס א רעאלע קראפט, און זיי וואָלטן אין בעסטן פאל געקאָנט נאָר בעטן, אָבער ניט פאָדערן אונזערע רעכט. דאגעגן אין פוילן, וואו די צאָל פון דער אידישער באפעלקערונג אין באטרעף צו דער איבעריקער באפעל־קערונג איז שוין באדייטנד גרעסער, וואָלטן די אידן אין פּארלאמענט פון דער זעלבשטענדיקער פוילן שטענדיק געקאָנט האָבן פון 15 ביז 20% דעפּו־טאטן. און דאָס איז שוין אזא קראפט, וועלכע וועט קענען די אידישע רעכט ניט בעטן, נאָר פאָדערן.

די אידן אין פוילן וואוינען שוין פיל הונדערטער יאָרן, דער אידישער און דער קריסטלעכער פּראָלעטאריאט פון לאנד האבן א לאנגע צייט געלעבט און

אנטוויקלט זיך בא איינע און דיזעלבע באדינגונגען, די ביידע טיילן פון אונזער פראָלעטאַריאט שטייען קימאַט אף איינער און דערזעלבער שטופע פון אנטוויקלונג און קלאסן-באוואוסטזיין, די אינטערעסן פון דעם אידישן און קריסטלעכן פראָלעטאריאט אין פוילן זיינען איינע און דיזעלבע, און מיר מוזן באצייכענען אלס א פאלשע און א שעדלעכע די פּאָליטיק, וועלכע, אויס-קלערנדיק אן אומאויספירלעכע טעאָריע פון לעבעדיקע נאציאָנען, ברענגט אריין א שפּאלטונג אין דעם פּראָלעטאריאט פון פוילן און אָפּשוואכנדיק די סאָציאלע באוועגונג דורך אָפּרייסן דעם אידישן פּראָלעטאריאט פון דעם קריסטלעכן, ניט ברענגענדיק דעם אידישן פּראָלעטאריאט קיין שום אנדער טויווע, וועלכע זאָל אמווייניקסטן אים קענען באפרידיקן פאר דעם שאָדן, וועלכן דידאָזיקע קינסטלעכע שפּאלטונג ברענגט.

די קראפט פון דעם פּראָלעטאריאט איז אין זיין אכדעס, דער לאָזונג „פּראָלעטאריער אלער לענדער, פאראייניקט אייך!" דארף ניט בלייבן קיין פוסטע פראזע, נאָר ער מוז זיין דער גרונד-געזעץ פון יעדער סאָציאליסטישער פּארטיי; די פּארטיי, וועלכע צעשלאָגט די אכדעס, די האָט ניט דאָס רעכט דעם לאָזונג צו באנוצן.

102. די אידישע פּארטיי-ארבעט פון פּ. פּ. ס.

(פונם באריכט פון דער פינפטער אידישער קאָנפערענץ פון פּ. פּ. ס. „דער ארבעטער" נומ. 45 און 46 פון 12 אָקטיאבר און 2 נאָיאבר 1906).

די טעג איז פאָרגעקומען די פינפטע אידישע קאָנפערענץ פון פּ. פּ. ס. די קאָנפערענץ האָט געדויערט דריי טעג. אין דער קאָנפערענץ האָבן גענומען אנטייל: 21 דעלעגאטן פון 14 אָרגאניזאציעס; 3 דעלעגאטן פון דער ליטווי-שער סאָצ. דעמ.; 4 מיטגלידער פון אידישן קאָמיטעט; איין פאָרשטייער פון דער פרעסע און 2 דעלעגאטן פון דער טעכניק — אלע מיט שטים-רעכט; אויסער דעם איז געווען 1 פאָרשטייער פון צענטראל-קאָמיטעט און 10 געסט מיט בעראטונגס-רעכט.

דער באריכט פון אידישן קאָמיטעט.

דער באריכט נעמט ארום די צייט פון פעברואר דעם יאָר, דאָס הייסט פון דער פאָריקער קאָנפערענץ, און כאָטש דאָס איז געווען א צייט פון א שארפן עקאָנאָמישן קריזיס, און כאָטש אין דער צייט האָט די רעאקציע געווילדעוועט מיט אן אומגעהויערע מאכט, איז די פּארטיי-טעטיקייט דאָך געגאנגען ווייטער איר וועג און האָט זאגאַר געמאכט פיל פאָרשריטן. מיר האָבן זיך נאָר געמוזט צופּאסן צו די נייע באדינגונגען, צו דעם קריגס-צושטאנד, צו דעם ווילדעוועןן פון די קאזאקן... אף די גאסן, צו די מיליטער-פּאגראָמען, קורץ צו די אלע „רעפאָרמעס", מיט וועלכע סטאליפּין האָט מעכאבעד געווען רוסלאנד ביכלאל און די „עקן" ביפראט.

די הויפּט-טעטיקייט פון דעם אידישן קאָמיטעט איז באַשטאַנען אין אַרויס-געבן אַ רעגולערע פּאַרטיי-צייטונג, אויפרופן, פלוג-בלעטער און ניט-לעגאַלע בראָשורן.

„דער אַרבעטער" גייט פון 1-טן מאַי דעם יאָר אָן רעגלמעסיק אַרויס יעדער וואָך. פאַר דער צייט פון דער פאַבריקער קאָנפערענץ זיינען אַרויס פון אונזער געהיימער דרוקעריי:

„דער אַרבעטער" פון נום. 18 ביז נום. 44 — 27 נומערן צו 10 טויז. עקז., צוזאַמען 270 טויז. עקז.; די „געווערקשאַפט" נום. 1 און 2 צו 8 טויז. עקז., צוזאַמען 16 טויז. עקז.; אַ פלוג-בלאַט: צי די אַרבעטער דאַרפן נעמען אַן אַנטייל אין די וואַלן, 30 טויז. עקז.

אויפרופן: פון וואַרשעווער קאָמיטעט 9 פון 500—10.000 עקז., צוזאַמען 45 טויז. עקז.; פון צענטראַל-קאָמיטעט 9 פון 10.000—40.000 עקז. צוזאַמען 200 טויז. עקז. (ביידע איבערזעצט אין אידיש), פון אידישן קאָמיטעט 3 פון 10.000—42000 עקז., צוזאַמען 67 טויז. עקז.

פון די איינצלנע אָרגאַניזאַציעס: פון דער וואַרש. אָרגאַניזאַציע 15 פון 200—3000, צוזאַמען 16 טויז.; פון לאָדזער אַרבעטער-קאָמ. 2—13 טויז.; פון פּלאָצקער אַרב.-קאָמ. — 1 טויז.; פון שעדלעצער 2—6 טויז.; פון ביעלצער 1—1 טויז.; פון טשענסטאַכאָווער 1—2 טויז.; פון פּאַביאַניצער 1—1 טויז.; פון ליטער אָרגאַניז. 10 טויז. סאַכאַקל 678.000.

אויסער דעם האָט דער אידישער קאָמיטעט רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן אַף דעם פאַרלאַנג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן די פאָלגנדע אויסטאַוון: פון די לאָדזער טעקסטיל-אַרבעטער; וואַרשעווער מעטאַל-אַרבעטער; פון די וואַרשעווער האָלץ-אַרבעטער; פון די וואַרשעווער קאַצאָווים; שוסטער און קאַמאַשנ-מאַכער; האַנדלס-אָנגעשטעלטע.

דער אידישער קאָמ. האָט אַרויסגעגעבן אויך דעם ערשטן נומער „מעטאַל-אַרבעטער".

בראָשורן ניט לעגאַלע האָט דער איד. קאָמ. אַרויסגעגעבן 4 צו 5 טויזנט עקזעמפּליאַרן: 2 איבערגעדרוקטע און 2 נייע: מ. לושניאַ — ווי אַזוי רעגירט אַ פאָלק איבער זיך אַליין און ב. ס.—וועגן פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן.

דער איד. קאָמ. האָט אויך באַקומען עטלעכע טראַנספּאָרטן פון די בראָ-שורן, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אויסלאַנד.

נאָך דער פּרעסע האָט דער איד. קאָמ. געווענדעט זיין טעטיקייט אַף דער אַגיטאַציע און אָרגאַניזאַציע. אַדאַנק דעם איד. קאָמ. זיינען אויפגעקומען נייע אָרגאַניזאַציעס אין לובלינער און ראַדאָמירער אָקרוג.

די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע האָט מען איבערגעבויט אין זין פון אַף דעם לעצטן צוזאַמענפאָר באַשלאָסענעם פּאַרטיי-אוסטאַוו.

17 רייזעס איבער קרוין-פּוילן האָבן אונטער דער צייט געמאַכט די מיט-גלידער פון איד. קאָמ.

אין אייניקע שטעט, ווי צ. ב. אין טשענסטאָכאָוו און לאָדז, זיינען מיט-גלידער פון איד. קאָמ. געבליבן אַ לענגערע צייט.

אויסער דעם האָט דער איד. קאָמ. גענומען א טעטיקן אנטייל אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. די באַדערפענישן אָבער אַף דעם אַגיטאַציאָנס פעלד זיינען געווען פיל גרעסער, ווי מיר האָבן געקענט זיי באַפרידיקן. ביפראַט וועקן זיך אויף פון זייער לאַנגן שלאָף די אַרבעטער אין די ווייטע קליינע שטעטלעך.

די קאַסע-רעכענונג.

איינקינפטן:

	ר.	ק.	
פאַר ליטעראַטור	591	09	
סקלאַדקעס	734	—	
פון דער צענטראַל-קאַסע . .	6.365	—	סאַכאַקל 7.690.09

אויסגאַבן:

	ר.	ק.	
דרוק, עקספּעד., רעד. א. א. וו.	5.314	—	
אַגיטאַציאָנס-צוועקן . . .	1.475	—	
רייזעס	319	50	
אָרגאַניזאַציאָנס-אויסגאַבן .	263	50	סאַכאַקל 7.372 —
בלייבט אין קאַסע			318 09

ווי די כאַווערים זעען, שטאַמט דאָס ראַוו איינקינפטן אונזערע פון דער צענטראַל-קאַסע. טיילווייז קען מען עס ערקלערן דערמיט, וואָס די אידישע אָרגאַניזאַציעס צאָלן אין דעם אַלגעמיינעם קרייז-קאָמיטעט. דאָס דערקלערט אָבער ניט איינגאַנצן דעם פאַקט, וועלכן מיר באַמערקן אויך באַ די אַנדערע אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, אַז אַ גרויסער טייל כאַווערים קימערט זיך ווייניק וועגן דער געלט-פראַגע פון דער פּאַרטיי און פאַרלאָזט זיך אפילע אַף א נעס, אבי ניט אַף זיך זעלבסט...

די דיסקוסיע וועגן די באַריכטן.

דעם גרעסטן טייל פון דער דיסקוסיע וועגן די באַריכטן האָט פאַרנומען די פראַגע, וואָס פאַר א מיטלען דאַרפן אָנגענומען ווערן, קעדיי די אידישע מאַסן מער באַוואוסטזיניק צו מאַכן אין פּאָליטישן זין. זעלבסטפאַרשטענדלעך נויטיקן זיך דערצו גוטע אַגיטאַטאָרן, און פילע כאַווערים האָבן זיך קוידעם-קאָל אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז ס'מוז אומבאַדינגט ווי אמגיכסטן געגרינדעט ווערן א צענטראַלע אַגיטאַטאָרישע שולע. איינער אַ כאַווער האָט זייער ריכטיק אָבער באַמערקט, אַז פריער פאַר אלע איז נויטיק, אַז מען זאָל לעזן די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור, וועלכע איז אין דער לעצטער צייט לעגאַל אַרויסגעגאַנגען און דאַן וועט שוין עפּשער מעגלעך זיין צו אַגיטירן און די מאַסן באַוואוסטזיניק צו מאַכן; עס איז דעריבער נויטיק אַרויסצוגעבן א קאַטאַלאָג פון לעגאַלע בראָשורן אין א געוויסער אָרדענונג, וועלכע די אַגיטאַטאָרן מוזן אליין לעזן און אַף די מאַסן ווירקן, אַז זי זאָל לעזן. פילע כאַווערים האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט דאַרויף, אַז איינע פון די אורזאַכן פון דער

נידעריקער שטופע פון באוואוסטזיניקייט איז די דעמאַגאָגישע, אַגיטאַציע, וועלכע אלע פארטייען פירן צוליב קאָנקורענץ-צילן; מע רייסט זיך נאָר ארום און מע פאַרנעמט זיך ניט מיט דעם אויפקלערן פון די פינסטערע מאסן; יעדע פארטיי זוכט אלץ נייע מיטגלידער און פאַרגעסט פון די פליכטן, וועלכע זי האָט בענויגייע צו אירע אלטע. ס'איז אָבער קיין סאָפעק ניטא, אז ניט ווייניק שולדן האָט דערין די רעוואָלוציע, וועלכע צווינגט אונז צו ארבעטן מער ברייט ווי טיף.

ס'איז אויך זייער פיל גערעדט געוואָרן וועגן באנדיטיזם (קאָמבינאַציעס), וועלכע זיינען איצט זייער פארשפרייט אין אלע פארטייען אלס פאָלג פון דער לאנגדויערנדער רעוואָלוציע, פון איין זייט, און פון דער נידעריקער שטופע פון באַוואוסטזיניקייט פון דער אנדער זייט. מע מוז גיין קעגן אים, ענערגיש קעמפן מיט אויפקלערונג און שטרענגן קאָנטראָל.

ריידנדיק וועגן דעם פינאַנץ-באריכט פון אידישן קאָמיטעט, האָבן קימאַט אָלע כאוויירים אויפמערקזאם געמאכט דארויף, אז עס איז נויטיק אָנצונעמען אלע מיטלען דערצו, אז פאר ליטעראטור זאָל אומבאדינגט געצאָלט ווערן, ווייל מיר מוזן זיך אויסהאַלטן אף אונזערע אייגענע קרעפטן.

דעם אידישן קאָמיטעט זיינען געמאַכט געוואָרן פארוואורפן, וואָס ער איז צו ווייניק ארומגעפאָרן און קאָנטראָלירט די אָרגאַניזאציעס. די סיבע דערפון איז געווען די, וואָס אין אידישן קאָמיטעט זיינען צוליב פארשיידענע אורזאכן געווען שטענדיק ניט מער ווי 3 מיטגלידער און עס איז זייער שווער דערי-בער געווען ארומצופאָרן, ווייל ס'איז געווען אַסאַך אנדערע ארבעט. אין דער צוקונפט מוז דאָס פארבעסערט ווערן . . .

רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע:

די פינפטע אידישע קאָנפערענץ פון פ. פ. ס., נאָך אן אויספירלעכער דיס-קוסיע וועגן די באריכטן פון אידישן קאָמיטעט און פון די אָרגאַניזאציעס, האָט אנערקענט, אז דער אידישער קאָמיטעט דאַרף:

1) אַ באזונדערע אויפמערקזאמקייט אָפּגעבן דעם קאָנטראָל פון די אָרגאַני-זאציעס און אָנעמען אלע מיטלען, אז עס זאָלן וואָס עפטער ארומפאָרן זיינע מיטגלידער, כאָטש אין די וויכטיקערע ערטער;

2) זאָרגן וועגן פאַרגרעסערן אונזערע אַגיטאַטאָרישע קרעפטן און דיזעלבע ראַציאָנעל פאַרטיילן איבער דעם גאַנצן לאַנד. צו דעם צוועק, לויט די מעג-לעכקייטן ווי אמגיכסטן, גרינדן א אידישע אַגיטאַטאָרישע שול, אָרגאַניזירן רעפעראַטן און מיטהעלפן דעם פאַרשפרייטן פון די לעגאַלע סאָציאַליסטישע אויסגאַבן;

3) אָפּדרוקן אין ערשטן נומער „דער ארבעטער“ אן אַרטיקל וועגן די פליכטן פון אַן אָרגאַניזאַציאָנס-מיטגליד און באַזונדערס אויפמערקזאַם מאכן אף די וויכטיקייט פון צאָלן פאַר פאַרטיי-אויסגאַבן;

4) אָפּדרוקן אין „אַרבעטער“ אן ארטיקל וועגן באַנדיטיזם. צו גלייכער צייט לייגט די קאָנפערענץ פאָר אלע אָרגאַניזאַציעס ענערגיש צו קעמפן קעגן

באנדיטיזם, וועלכער איז אין פילע ערטער פארשפרייט צווישן די אַרבעטער אין פאָרם פון פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס...

דער אוסטאַוו פון דער אידישער אָרגאַניזאַציע.

דער אידישער קאָמיטעט האָט פאָרגעלייגט דער קאָנפערענץ א פראָיעקט פון אַן אוסטאַוו פאר אונזער אידישע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכן עס זיינען גענוג באַשטימט געוואָרן די באַציאונגען צווישן די איינצלנע אידישע פאַרטיי-אינסטאַנצן און צווישן די אידישע און קריסטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון אונזער פאַרטיי. אין אלגעמיין זיינען אין דעם אוסטאַוו פאָרמולירט געוואָרן דיזעלבע אָרגאַניזאַציאָנס-פּרינציפּן, וועלכע זיינען שוין פריער פראַקטיש אין אונזער אידישער אָרגאַניזאַציע דורכגעפירט געוואָרן. אין דער דיסקוסיע זיינען דעריבער באַרירט געוואָרן נאָר די פונקטן פון דעם אוסטאַוו, וועלכע זיינען אין דער ביז אַהעריקער פּראַקטיק ניט גענוי באַשטימט, אָדער האָבן בעדייע געהאַט איינצופירן געוויסע ענדערונגען סאַי אין די עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציאָנס-פאָרמען, סאַי אין די באַציאונגען צווישן באַזונדערע פאַרטיי-אינסטאַנצן.

אַ ברייטערע דיסקוסיע האָט זיך אנטוויקלט וועגן דער קאָמפּעטענץ פון אידישן קאָמיטעט און כפעציעל וועגן דער רעכט פון אידישן קאָמיטעט אפצושטעלן די ארבעט פון אָרטיקע אידישע אינסטאַנצן. אַ טייל כאַווירים האָט זיך ארויסגעזאָגט דערפאַר, אז דער אידישער קאָמיטעט האָט ניט דאָס רעכט צו מישן זיך אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַציאָנס-אָנגעלעגנהייטן, וועלכע געהערן צו די ראַיאָן-קאָמיטעטן און דעריבער האָט ער אויך ניט דאָס רעכט אָפּצושטעלן די אָרטיקע אידישע אינסטאַנצן; דאָס ראָוו כאַווירים האָט אָבער געהאַט אן אנדער מיינונג און האָט געהאלטן זאָגאַר פאר א פליכט פאר דעם אידישן קאָמיטעט צו קאָנטראָלירן די אָרטיקע אידישע אָרגאַניזאַציעס; זיי האָבן אָנגעוויזן דערויף, אז די ראַיאָן-קאָמיטעטן זיינען ניט אימשטאַנד אָן הילף פון אידישן קאָמיטעט ארומצונעמען די אידישע ארבעט פון ראַיאָן; ס'פאַרשטייט זיך, אז וואָס מער די אידישע אָרגאַניזאַציע איז שטארק און גוט איינגעאָרדנט, אלץ ווייניקער ברויכט זי, אז דער אידישער קאָמיטעט זאָל זיך מיט איר באַשעפטיקן און זי קאָנטראָלירן. דער פרינציפּ אָבער, אז דער אידישער קאָמיטעט קאָן קאָנטראָלירן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און האָבן דאָס רעכט אָפּצושטעלן אָרטיקע אידישע פאַרטיי-אינסטאַנצן, מוז געפינען זיך אין אונזער אוסטאַוו; ער קען נאָר באַגרעניצט ווערן דערמיט, אז דער אידישער קאָמיטעט מוז זיך יעדנפאַלס פאַרשטענדיקן מיט דעם ראַיאָן-קאָמיטעט. דיזעלבע כאַווירים, וואָס האָבן אונטערגעהאלטן דעם אויבנדערמאָנטן פרינציפּ, האָבן זיך אויך ארויסגעזאָגט דערפאַר, אז די ראַיאָן-קאָמיטעטן זאָלן האָבן דאָס רעכט אָפּצושטעלן אָרטיקע אידישע אינסטאַנצן, אָבער ניט מיטן הסכם פון אידישן קאָמיטעט.

אַלס א געוויסע ענדערונג אין דער ביז אהעריקער פראַקטיק לייגט אויך דער אוסטאַוו פאָר דאָס גרינדן פון אָרגאַניזאַציאָנס-קריזן אין אלע אָרגאַניזאַציעס און פאַכן, וואו נאָר די קלענסטע מעגלעכקייט דערצו איז דאָ; אויך גיט דער אוסטאַוו דעם אידישן קאָמיטעט דאָס רעכט צו קאָאָפּטירן (צוקלייבן זיך)

מיטגלידער פון קאָמיטעט אין פאַל, ווען צוליב פאַרשיידענע סיבעס וועט די צאָל מיטגלידער פארקלענערט ווערן; די כאוויירים לייגן פאָר, אז עס זאָל באַגרעניצט ווערן דאָס רעכט פון קאָאָפּטאַציע מיט 2 מיטגלידער, ד. ה. אין פאַל ווען עס וועלן פארפעלן מער ווי 2 מיטגלידער, האָט שוין דער אידישער קאָמיטעט ניט דאָס רעכט צו קאָאָפּטירן, נאָר ער מוז צוזאַמענרופן א עקסטרע-קאָנפערענץ, וועלכע וועט אויסטיילן א נייעם קאָמיטעט אָדער צוקלייבן די פעלנדע מיטגלידער.

צו דעם אוסטאַוו מאַכן נאָך איינצלנע כאוויירים געוויסע פארבעסערונגען, ווי, לעמאָשל: וועגן עקסטרע-קאָנפערענצן, וועלכע דארפן צונויפגערופן ווערן אף די פאָדערונג פון א געוויסער צאָל אָרגאַניזאַציעס, און נאָך אנדערע ווייניקער וויכטיקע.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו שטימען ניט איבער די איינצלנע פונקטן פונם אוסטאַוו, נאָר איבער זיין אלגעמיינעם פרינציפּ (די זעלבשטענדיקייט פון דער אידישער אָרגאַניזאַציע אין אגיטאַציאָנס- און אָרגאַניזאַציאָנס-איניאָנים) און איבער די איינצלנע פונקטן, מיט וועלכע ניט אלע כאוויירים זיינען איינפאַרשטענדלעך.

פאר דעם אוסטאַוו אין אלגעמיין אלס פרינציפּ האָבן געשטימט 17 כאוויירים, 9 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען.

די קאָנפערענץ באַשטימט, אז עס זאָלן, ווי ס'איז נאָר מעגלעך, געגרינדעט ווערן אָרגאַניזאַציאָנס-קרייזן—16 שטימען פאר, 6 אָפּגעהאַלטן זיך.

דאָס רעכט צו קאָאָפּטירן 2 מיטגלידער פון אידישן קאָמיטעט האָט די קאָנפערענץ איינשטימיק אָנגענומען.

וועגן דעם אָפּשטעלן פון דער ארבעט די אָרטיקע פארטיי-אינסטאַנצן איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאַג, אז דער אידישער קאָמיטעט האָט דאָס רעכט אָפּצושטעלן די אָרטיקע אידישע פארטיי-אינסטאַנצן נאָר מיטן הסכּם פון ראַיאָן-קאָמיטעט; די ראַיאָן-קאָמיטעטן האָבן דאָס רעכט אָפּצושטעלן אידישע פּאַרטיי-אינסטאַנצן אויך נאָר מיטן הסכּם פון אידישן קאָמיטעט (15 שטימען פאר, 4 קעגן).

די קאָנפערענץ האָט פאָרגעלייגט דעם אידישן קאָמיטעט, אז ער זאָל, רעכענענדיק זיך מיט די אלע פארבעסערונגען פון דער קאָנפערענץ, ענדלעך רעדאַגירן דעם אוסטאַוו און פאָרלייגן אים דעם צענטראַל-קאָמיטעט צו באַשטעטיקן.

די פּרעסע.

די פינפטע אידישע קאָנפערענץ לייגט פאָר:

1) עס זאָלן ערשיינען וואָכנטלעכע פּאָפּולערע פלוג-בלעטער פאר די ברייטע ארבעטער-מאַסן, וועלכע דארפן בעכינעם פארשפרייט ווערן;

2) די פרעסע דארף ווי אם פריסטן באַרירן שטענדיק די פאַרשיידענע טאָג-פראַגן; ווען עס איז נאָך ניט באַוואוסט די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו דער פראַגע, מוז וועגן דער פראַגע אין דער פרעסע זיין א דיסקוסיע;

3) די רעדאקציע פון „ארבעטער" מוז מינדעסטנס איין מאָל אין וואָך האָבן געמיינזאַמע זיצונגען מיט דער רעדאקציע פון „ראָבאָטניק" [136];

4) דער רעדאקטאָר פון „ארבעטער" געהערט צום אידישן קאָמיטעט אלס מיטגליד מיט א בעראטונגס-שטימע;

5) די קאָנפערענץ לייגט פאַר דעם אידישן קאָמיטעט, אַז דער נומער 50 פון „אַרבעטער" זאָל אלס יובילעאומס-נומער אַרויסגעגעבן ווערן אויך אין פוילישן און דייטשישן, און ער זאָל, ווען עס וועט זיין מעגלעך, אנטהאַלטן אַר-טיקלען וועגן דער באַציאונג פון פ. פ. ס. צו דער אידן-פראַגע, וועגן דעם צושטאַנד פון אונזער אַרבעט אין פוילן און וועגן דער געשיכטע פון אונזער אידישער אָרגאַניזאַציע.

די פינאנסן.

די דיסקוסיע וועגן די פינאַנסן איז געווען זייער אַ ברייטע, זי האָט אָבער קיין שום נייס צו דער פראַגע ניט אַריינגעבראַכט. קימאַט אַלע כאַווייִרים האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַ ספּעציעלע אי-דישע קאַסע און די אידישע מיטגלידער זאָלן צאָלן אַ ספּעציעלן אָפּצאָל אַף די אידישע אַרבעט. אַלס מיטגלידער פון איין פּאַרטיי, מוזן מיר אין די ראַיאָנען האָבן געמיינשאַפטלעכע ראַיאָן-קאַסעס, אין וועלכע דער אָפּצאָל מוז איינגעצאָלט ווערן. אָבער אַלע כאַוויירים האָבן נאָך איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט אַף דעם באַשלוס, וועלכע די קאָנפערענץ האָט שוין אָנגענומען, נעמלעך, אַז פאַר ליטעראַטור מוז אומבאַדינגט געצאָלט ווערן, ווייל אנדערש, ווען די פּאַרטיי וועט זיך מוזן אויסהאַלטן ניט אַף אייגענע פּראָלעטאַרישע קרעפטן, וועט אזא לאַגע זיין גאַנץ אומנאַרמאַל. די אָרגאַניזאַציעס מוזן קוידעמקאָל זייער פליכט בעצוגלייך צום אידישן קאָמיטעט דערפילן און צאָלן פאַר ליטעראַטור; די רעשט מוז געבן די צענטראַלע קאַסע, ווייל זי שטיצט אויך אנדערע אָפּ-טיילונגען...

די וואַלן פון אידישן קאָמיטעט.

עס זיינען געווען אַ פּאָר פאָרשלאַגן צו פאַרגרעסערן די צאָל מיטגלידער פון אידישן קאָמיטעט. די קאָנפערענץ האָט אָבער באַשלאָסן, אַז דער אידישער קאָמיטעט זאָל ווייטער באַשטיין נאָר פון 5 מיטגלידער, וועלכע די קאָנפערענץ האָט אויסגעווײלט.

די קאָנפערענץ האָט דער פּאָרזיצנדער געשלאָסן מיט אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אויפגעוויזן דערויף, אַז אונזער אידישע אָרגאַניזאַציע וואַקסט פון טאָג צו טאָג, טראָץ אַלע שוועריקייטן און טראָץ דעם גרויסן מאַנגל אין אינטעלי-גענטע אַגיטאַטאָרישע קרעפטן. דאָס באַווייזט... איר גרויסע לעבנס-פעאיקייט און קען אונז געבן די בעסטע האָפענונגען אַף די צוקונפט. אונזער אַרבעט גייט ניט אומזיסט פאַרלאָרן, און דאָס מוז אונז פרישן מוט געבן צו דער וויי-טערדיקער, נאָך מער ענערגישער אַרבעט לעטויוועס פון דער פּאַרטיי און פון דעם אַרבעטער-קלאַס ביכלאל.

103. דער אידישער קאָמיטעט פון פ. פּ. ס. קעגן דער נאַציאָ־נאַליסטישער „רעוואָלוצ. פראַקציע".

(„דער אַרבעטער" נומ. 50 פון 30 נאָיאבר, 1906)

פון 18-טן ביזן 24-טן ד. מ. איז אין אויסלאנד אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער 9-טער צוזאַמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי...

דער צ. ק. ר.*) פון אונזער פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם צוזאַמענפאָר אַן אויפרוף, אין וועלכן ער דערקלערט פאָלגנדעס: אַף דעם 9-טן צוזאַמענפאָר זיינען די מיטגלידער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע פון פּ. פּ. ס. אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי פאַר דעם, וואָס זיי האָבן געפירט אַן אייגענע פּאָליטיק, וועלכע איז געווען אין קעגנזאַץ מיט דער אַל-געמיין-פּאַרטייאישער פּאָליטיק. נאָך זיי זיינען נאָכגעגאַנגען עטלעכע מיטגלי-דער פון אונזער פּאַרטיי, וועלכע האָבן אָנגעפאַנגען אַן אַגיטאַציע, וואָס האָט דעם ציל זי צו שפּאַלטן.

אויסנוצנדיק דאָס, וואָס אין זייערע הענט האָט זיך געפונען די פּאַרטיי-דרוקעריי, האָבן זיי גענומען דרוקן זייערע אויסגאַבן קעגן אונזער פּאַרטיי, באַנוצנדיק גלייכצייטיק אונזער פּאַרטיי-פירמע.

כאַוויירים! לאָזט אייך ניט פאַרפירן. ווייסט, אַז די אויסגאַבן און דעקלאַ-ראַציעס פון אונזערע סעצעסיאָניסטן**), וועלכע האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „רעוואָלוציאָנערע פראַקציע פון פּ. פּ. ס.", האָט מיט דער פּאַרטיי קיין שאַיכעס ניט. דאָס זיינען אויסגאַבן פון אַ קליינער גרופּע, וועלכע האָט פאַרלאָזן די רייען פון אונזער פּאַרטיי דערפאַר, וואָס די פּאַרטיי האָט ניט געוואָלט אָנער-קענען די נאַציאָנאַל-סעפּאַראַטיסטישע טאַקטיק, וועלכע האָט דעם ציל אָפּ-צוטיילן אונזער באַוועגונג פון דער באַוועגונג פון פּראָלע-טאַריאַט אין גאַנץ רוסלאַנד...

104. די אידישע אָרגאַניזאַציע פון פּ. פּ. ס. אין לאָדז.

(פונם באַריכט וועגן לאָדזער אידישער קאָנפערענץ. „דער אַרבעטער", נומ. 45 פון 12 אָקטיאבר 1906)

אידישע פּ. פּ. ס.׳אָווסקע אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן נאָך העכער פיר יאָר צוריק. די אַרבעט איז אָבער אַ לאַנגע צייט געווען זייער אַ שמאָלע. איבערן מאַנגל אין אַגיטאַטאָרישע קרעפטן, צוליב דעם, וואָס עס איז געווען ווייניק ליטעראַטור, דער אָרגאַן פלעגט אַרויסגיין זייער זעלטן, קיין אָרטיקע אויסגאַבן איז אינגאַנצן ניט געווען קיין מעגלעכקייטן אַרויסצוגעבן, איז געווען אומעג-לעך אָנהויבן אַ ברייטערע מאַסן-אַרבעט צווישן אַזאַ גרויסן אידישן פּראָלע-טאַריאַט, וועלכער געפינט זיך אין לאָדז; דערביי האָבן זיך אַ געוויסע צייט די אָנפירער פון דער היגער באַוועגונג אַליין אָפּגעהאַלטן פון אַ ברייטערע אַרבעט.

*) „צענטראַלנ. קאָמיטעט ראַבאָטניטשי" — צענטראַל-קאָמיטעט.

**) די, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאַלטן פון דער פּאַרטיי.

זייענדיק דער מיינונג, אז מ׳מוז פריער אויסאַרבעטן קרעפטן, מיט וועלכע מ׳זאָל קענען צוטרעטן צו אַ מאַסן-ארבעט, האָבן זיי זיך אַף אזויפל אַריינגעלאָזן אין דער קרייז-טעטיקייט, אז זיי האָבן אינגאַנצן פארגעסן אָן אנדערע וויכטיקערע אויפגאבן, און פון אַ מיטל איז די קרייז-ארבעט בא זיי געוואָרן אַ ציל.

ערשט אַ יאָר, אנדערהאלבן צוריק האָט אונזער ארבעט אָנגעהויבן אביסל אויפלעבן. עס זיינען אַהער געקומען א פּאָר מענטשן, מ׳האָט אָנגעהויבן אריינ-דרינגען מער אין דער מאסע, קריגן באַציאונגען אין פארשיידענע פאַכן, און אין א מעשעך פון עטלעכע מאָנאטן האָט זיך אונזער אָרגאניזאציע באדייטנד פאנאנדערגעוואקסן אין דער ברייט. און די שוואכע באַציאונגען אין דער מאסע זיינען אין פילע פאכן גענוג איינגעפעסטיקט געוואָרן. צו ענדע זומער אָבער זיינען די מענטשן איבער פארשיידענע אורזאכן געוועזן געצוואונגען צו פאר-לאָזן לאָדז, און די אָרגאניזאציע, זייענדיק נאָך גאָר יונג און אנטוויקלט מער אין דער ברייט, ווי אין דער טיף, האָט געמוזט אביסל צעפאלן ווערן, בלייבנ-דיק אינגאנצן אליין. די ארבעט איז אלזא ווייטער אָפּגעשוואכט געוואָרן. דאָ זיינען איינגיכן אָנגעקומען די „פרייהייטס״-טעג און, ס׳פארשטייט זיך, בא אזא צושטאנד האט אונזער אידישע אָרגאניזאציע גאנץ ווייניק געקענט זיך ארויס-ווייזן. נאָך די „אָקטיאבער-טעג״, ווען ס׳האָט זיך איבעראל אָנגעפאנגען א ראַ-שיקע טעטיקייט אין היגזיכט פון אָרגאניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאריינען, האָט דער „בונד״, האָבנדיק א ברייטן איינפלוס אף די היגע אידישע ארבעטער, אָרגאניזירט קימאט אין אלע פאכן פארטייאישע פאריינען, גאָר אָן א באזונ-דער אָנשטרענגונג, אגעוו, פון זיין זייט. באנוצנדיק זיך מיט די פרייהייט פון פארזאמלונגען, פלעגט ער צוזאמענרופן די ארבעטער פון א וועלכן ניט איז פאך, פאָרגעלייגט די געוועזענע פאכאָווע סכאָדקע פאר א ביוראָ, דער אוילאם האָט אָפּגעשטימט, — און פארטיק א פּראָפעסיאָנעלער פאריין. די פאריינען, ווי ניט פונדאמענטאל זיי זיינען געוואָרן אוועקגעשטעלט פון ערשטן מאָמענט אָן, האָבן זיי דאָך אף א צייט פארפעסטיקט דעם איינפלוס פון „בונד״ און פאר-שווערט אונז אינגאנצן די ווייטערדיקע ארבעט.

אַזוי האָט אונזער היגע אידישע אָרגאַניזאַציע, ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס זי האָט שוין געהאַט נאַכהער פּאַרהעלטניסמעסיק ניט ווייניק אגיטאַטאָרישע קרעפטן, וואָס די אידישע ארבעט אין אונזער פּאַרטיי איז אין אלגעמיין אוועק-געשטעלט געוואָרן אף פעסטערע פיס, ניט געקענט ארויפגיין אפן אייגנטלעכן וועג. די לעצטע צייט אָבער הויבט זיך אָן באַמערקן אן אויפלעבונג אין דער אַרבעט פון אונזער אָרגאַניזאַציע, ווי אין דער אינערלעכער, אזוי אויך אין דער אויסערלעכער. דער איינפלוס, וועלכן דער „בונד״ האָט באַקומען דורך זיינע פּאַריינען, האָט אָנגעהויבן פּאַלן. די פּאַרטייאישע פּאַריינען זעלבסט זיינען פּאַר דעם מעשעך צייט גענוג קאָמפּראָמעטירט געוואָרן אין די אויגן פון דער מאַסע, דער שנעלער וואוקס און מעכטיקייט פון די אומפּאַרטייאישע פּאַריינען ווידער, פון דער צווייטער זייט, האָט ארויסגערופן בא די ארבעטער א אינטע-רעס צו דערדאָזיקער פראַגע, און עס האָט זיך אָנגעהויבן א גאַנצע רייע פאַר-זאַמלונגען און דיסקוסיעס אין די פאַבריקן. צו דערזעלביקער צייט האָבן מיר

אָנגעהויבן ענערגישער צו ארבעטן, אונזערע אויסגאַבן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפרייטן פיל ברייטער, דער אינטערעס צו אונז איז געוואַקסן, מיר זיינען געוואָרן פּאָפּולער אין דער מאַסע און אונזער אַרבעט איז געוואָרן ערפאָלג-רייכער.

...מיר האָבן דורכגעפירט די דעמאָקראַטיזאַציע פון אונזער אָרגאַניזאַציע. די פאַכאָווע סכאָדקעס זיינען געוואָרן אויסגעקליבן אף פאַכאָווע פאַרזאַמלונגען פון אונזערע אָרגאַניזירטע מיטגלידער. די קאָנפערענץ האָט אויסגעוויילט אַ צענטראַלע סכאָדקע.

„דער אַרבעטער" ווערט פאַרקויפט ניט שטענדיק אין א גלייכער צאָל עק-זעמפּליאַרן. זומער-צייט, ווען עס זיינען געווען פיל שטרייקן אין פאַבריקן און וואַרשטאַטן, פלעגט זיך פאַרקויפן ניט פיל; איצט ווערט פאַרקויפט א 4—5 הונדערט.

אַמשוואַכסטנס שטייט נאָך איצט אונזער אַרבעט צווישן די וועבער. אין די גרויסע פאַבריקן זיינען פאַרנומען מערסטנטיילס עלטערע אידן, וועלכע צאָלן דעם בונדישן דעלעגאַט די „פּראָצענטן", אַבי ער זאָל זיך פון זיי אָפּ-טשעפען, ווי פיל דריקן זיך אויס, — און גאָר. ליטעראַטור — אזוי ווי זיי קויפן ווייניק דעם „אַרבעטער", אזוי לעזן זיי אויך ניט מער די לעגאַלע „פאָלקס-צייטונג".

פיל בעסער שטייט אונזער אָרגאַניזאַציע צווישן די שניידער. אין דעם פאַך האָבן מיר א באַרייטנדערע צאָל מיטגלידער און א ברייטן איינפלוס.

אַ שטאַרקע ווירקונג האָבן מיר באַ שטאָפּעריגס, טרייבעריגס, קלייבערקעס; באַציאונגען האָבן מיר איינגעשטעלט באַ די שניידערקעס.

אונטער אונזער איינפלוס איז דער גאַנצער פאַך זייגער-מייסטער. מיטגלי-דער און אן איינפלוס האָבן מיר באַ בעקער, פאַקער, קאַצאָווים, היטל-מאַכער, שוסטער; באַציאונגען באַ דראָשקאַזשעס און קוילן-טרעגער.

XV. די אנאַרכיסטן און די אידישע ארבעטער־באַוועגונג.

105. פאַרשײַדענע ריכטונגען אינם אַנאַרכיזם אין רוסלאנד.

(פון ז. ראַגדאיעווס פאָרטראָג צום אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס אין אמסטערדאַם אין 1907. „דער זשערמינאַל". ניו־יאָרק. נומ. 4. 1910).

...נאָך א לאַנגער האַפסאָקע איז דער אַנאַרכיזם ווידער דערשינען אין רוס־לאַנד אין 1903־טן יאָר אין דער פאָרם פון רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־באַוועגונג.

...אין 1903 איז דערשינען דער ערשטער רוסיש־אנאַרכיסטישער אָרגאַן „כליעב אי וואָליאַ", וועלכער האָט געציילט צווישן זיינע מיטאַרבעטער קראָפּאָטקינען [137], טשערקעסאָוון, איליאַשווילין און אַנדערע. די אנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך קאָנצענטרירט הויפּטזאכלעך אין זשענעוואַ און אין לאָנדאָן; אין זשענעוואַ צווישן די רוסישע סטודענטן, אין לאָנדאָן צווישן דעם צאָלרייכן אידישן פּראָלעטאַריאַט, וואו ס'האָט ערשיינט אויך די אנאַרכיסטישע צייטונג אין אידיש, דער „אַרבעטער פריינד"... אין פאַרלויף פון אָט דעמזעלבן פעריאָד זיינען אויך דערשינען די רוסישע אַנאַרכיסטישע צייטונגען „טשאָרנאָיע זנאַמיאַ" (די שוואַרצע פאָן), „נאָווי מיר" (די נייע וועלט) און „בעזנאַטשאַליע" (אָן הערשאַפט).

אין 1903 יאָר פאָרן פיל כאַוויירים פּראָפּאַגאַנדיסטן אריין קיין רוסלאַנד און נעמען אהין אריבער די ערשטע פּאַקעטן פון אנאַרכיסטישע ליטעראַטור.

די ריין אַנאַרכיסטישע גרופּן גרינדן זיך אין רוסלאנד ערשט אָנפאַנג 1904, צוערשט אין אָדעס און ביאַליסטאָק, דערנאָך אין טשערניגאָווער גובערניע. אין 1905 הויבט זיך אָן אַן אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין פוילן (וואַרשע), אין קאַווקאַז (קוטאַאיס), אין נײַ־רוסלאַנד און אין אוקראַינע (קיעוו, זשיטאָמיר, קאַטערינאָסלאַוו), אין אייניקע שטעט פון צענטראַל־רוסלאַנד (פּעטערבורג, מאָסקווע א. אז. וו.) און אין אוראַל (יעקאַטערינבורג).

...אין אָנפאַנג מאַכט מען בלויז פּראָפּאַגאַנדע צווישן דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, נאָר שפּעטער דערגרייכט זי אויך די פּויערים־מאַסע, די סאָלדאַטן, די מאַטראָסן, די סטודענטן און זאָגאַר דעם „לומפּן־פּראָלעטאַריאַט" פון די פאָרטן.

...דאָס פּראָגראַם און די ריכטונג, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דער „כליעב אי וואָליאַ", זיינען דאָס פּראָגראַם און די ריכטונג פון דעם אינטער-נאַציאָנאַלן אַנאַרכיזם. דאָס איז די סינדיקאַליסטישע ריכטונג אין דער רוסיש-אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. דידאַזיקע ריכטונג („כליעבאָוואָלצי") האָט אין רוס-לאַנד און אין אויסלאַנד די רייכסטע ליטעראַטור: אין דער שווייץ פּילע בראָשורן, 24 נומערן „כליעב אי וואָליאַ", און איצט נאָך די צווי צייטונגען „ליסטקי כליעב אי וואָליאַ" און דעם „בורעוועסטניק". מע מוז דאָ אויך דער-מאָנען די אַנאַרכיסטישע צייטונגען, וועלכע זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן אין טיפליס אין דער גרוזינישער שפּראַך: „דער שטורם-גלאָק" (14 נומערן), „די שטימע" (8 נומערן) „די קליינע צייטונג" (13 נומערן) און „דער ארבעטער" (60 נומערן), וועלכע האָבן אַלע פאַרטראָטן די ריכטונג פון דער „כליעב אי וואָליאַ". די פאַרטרעטער פון דערדאָזיקער ריכטונג זיינען געווען טעטיק הויפּטזאַכלעך אין צפון-רוסלאַנד, אף אוראַל, אין טשערניגאָווער גובערניע, אפן קאַוו-קאַז און אויך טיילווייז אין ניי-רוסלאַנד, און אין עטלעכע שטעט פון דער ליטע. מע קען אויך געפינען א געוויסע נאָענטקייט צווישן דער ריכטונג, מאַכמעס איר שטעלונג צו דעם סינדיקאַליזם, און די אנאַרכיסטן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט ארום דער צייטשריפט „די נייע וועלט" („נאָוואמירצי").

אין איר פּראָגראַם, וואס איז אונטערגעשריבן פון דער „אנארכיסטיש-סינדיקאליסטישער גרופּע פון דאָרעם-רוסלאנד", טרעט די „נייע וועלט" שארף ארויס קעגן דעם „אומאטיווירטן טעראָר" (דאָס הייסט ווארפן באָמבעס אין קאפע הייזער, טעאטערן, רעסטאָראנען און אנדערע בורזשואזע עפנטלעכע פּלע-צער) און שלאגט פאָר די כאוויירים זיך צו ארגאניזירן אין געהיימע אנארכיס-טישע פאַריינען, וועלכע זאָלן אַריינגיין אין די „אומפּארטייאישע" פראפעסיאָ-נעלע פאריינען, אום דאָרט צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר די אַנאַרכיסטישע אידייען און צו קעמפן קעגן די שטרעבונגען פון די סאָציאליסטן צו געווינען די אַרבעטער-באוועגונג פאַר די אינטערעסן פון דעם פארלאמענטאַרישן קאמף, דאס הייסט צו קעמפן דאָרט קעגן דעם איינפלוס פון די מלוכע-סאָציאליסטן.

„די נייע וועלט" אונטערשיידעט זיך אויך פון די אנדערע אַנאַרכיסטישע ריכטונגען דערמיט, וואָס זי באַזירט זיך אף דער מאַרקסיסטישער פילאָסאָפיע. די אַנאַרכיסטן פון דער „נייער וועלט" זיינען טעטיק הויפּטזאכלעך אין דאָרעם-רוסלאנד (אָדעס און אויך קיעוו און קריוואי ראָג); זיי האָבן אַרויסגעגעבן אין אויסלאנד די צייטונג „די נייע וועלט" און אין אָדעס דעם „פרייען אַרבעטער"; אַכוץ דעם, האָבן זיי אַרויסגעגעבן צוויי בראָשורן פון נאָוואָמירסקין: „מאַני-פעסט פון די אנאַרכיסטן-קאָמוניסטן" און „די באגרינדונג פון דעם סינדיקא-ליסטישן אַנארכיזם".

מע געפינט אויך אין רוסלאנד אַנאַרכיסטן-קאמוניסטן אנטי-סינדיקאליסטן. א טייל פון זיי זיינען ריינע אנטי-סינדיקאליסטן און קעגנער פון יעטווידער קאמף פאַר די באלדיקע באדערפעניש פון די ארבעטער-מאסן, די אנדערע ווידער, וועלכע זיינען ווייניקער קאָנזעקווענט, פארלייקענען בלויז דעם לעגאלן

(אומפאַרטייאישן) סינדיקאַליזם און זעען אין דעם קאַמף פאַר די באַלדיקע עקאָנאָמישע באַדערפעניש א „טרויעריקע נויטווענדיקייט".

די ערשטע האָבן זיך גרופּירט ארום דער צייטשריפט „אָן הערשאַפט" („בעזנאטשאַלצי"), די צווייטע — ארום דער צייטונג „די שוואַרצע פאָן" („טשערנאזנאמצי") .

...„בעזנאטשאַליע" טרעט אַרויס אין נאָמען פון די ארבעטסלאָזע און פון דעם „לומפּן-פּראָלעטאַריאַט" קעגן יעדער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. זי גלייבט, אַז זי וועט קענען אָרגאַניזירן מיט דער הילף פון די דערמאָנטע עלעמענטן גאַנצע „מאַכנעס פון רעוואָלוציאָנערן", וועלכע זאָלן אָנפירן א פאַרטיזאַנישן קריג ז׳ורכן טעראָר און פאַרניכטן אי דאָס קאַפּיטאַל, אי די מלוכע. נאָך איר מיינונג נאָך דאַרף מען ניט פירן קיין שום קאַמף פאַר דער פאַרקלענערונג פון דעם ארבעטס-טאָג אָדער די פאַרגרעסערונג פון דעם ארבעטס-לוין; נאָך מער, זי האַלט, אַז די אַרבעטער-מאַסן זיינען שוין אָן דעם אויך גענוג פאַרזונקען אין דעם זומפּ פון די „באַלדיקע פאַרבעסערונגען". די אויפגאַבע פון אַנאַרכיסטן איז אַרויסצורופן אין די מאַסן דעם רעוואָלוציאָנערן שטורם, וואָס איז פעאיק צו ברענגען די פאַרניכטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און דער מלוכע. דער פּראָלעטאַריאַט האָט בלויז איין זאַך צו פאָדערן פון דער בורזשואַזיע, דאָס איז, אַז זי זאָל אַרונטער פון מאַרק, וואָרום „דער טויט פון דער בורזשואַזיע איז דאָס לעבן פון די אַרבעטער".

די אַנאַרכיסטן פון דער „בעזנאטשאַליע" האָבן ארויסגעגעבן אין אויסלאַנד און אַריינגעפירט קיין רוסלאַנד עטלעכע בראָשורן, ווי דאָס ביכל פון בילבע: קעגן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, „פאַר דער ערד און דער פרייהייט" פון דעריאַבין, „אונזער טאַקטיק" פון ראַסטאָווצעוו, און ענדלעך פיר נומערן פון זייער צייטשריפט „בעזנאַטשאַליע". ניט לאַנג צוריק איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּויליש און אין אידיש אַ צייטונג, וועלכע פאַרטרעט די דאָזיקע ריכטונגען („די רעוואָלוציאָנס-שטימע"). די אַנאַרכיסטן פון דער „בעזנאַטשאַליע" האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין טעטיקייט אין רוסלאַנד. זיי זיינען געווען פאַרטראָטן אין די גרופּן פון קיעוו, פון פּעטערבורג, פון וואַרשע און אויך פון טאַמבאָוו און פון מינסק.

...די אַנדערע אַנאַרכיסטישע אַנטי-סינדיקאַליסטן האָבן זיך גרופּירט צוערשט אַרום דער צייטשריפט „טשאָרנאָיע זנאמיא", דערנאָך אַרום דעם „בונטאַר". ניט האָבנדיק קיין שום ליטעראַטור, האָבן זיי אויסגעפירט א גרויסע צאָל פון טעראָריסטישע אַקטן קעגן דער בורזשואַזיע, וועלכע מע האָט זייער ריכטיק כאַראַקטעריזירט, אנרופנדיק זיי „אומאָטיווירטע טאַטן"...די אַנאַרכיסטן פון דער „טשאָרנאָיע זנאַמיאַ" האָבן געוואָרפן באָמבעס אין ליבמאַנס קאַפעהויז אין אָדעס, אין דעם האָטעל „בריסטאָל" אין וואַרשע און אין שוואַרצס רעסטאָראַן אין ריגע.

דער „אומאָטיווירטער טעראָר" קעגן אַ בורזשוא האָט ניט אלס סיבע די אָדער יענע טאַט פון דעמדאָזיקן בורזשוא, נאָר בלויז דעם פאַקט, וואָס ער באַלאַנגט צו דעם קלאַס פון פּאַראַזיטן און עקספּלואַטאַטאָרס. די אַנאַרכיסטן

פון דער „טשאָרנאיע זנאמיא" דענקען, אז זיי וועלן אף אזא אופן שאַרפער מאכן דעם קאמף פון אלע אונטערדריקטע קעגן אלע אונטערדריקער.

...א ביטערער קריזיס פון ארבעטסלאָזיקייט... האט דערוועקט א סימפאטיע צו די „אומאטיווירטע" טעראָריסטישע טאטן, וועלכע די „טשארנאיע זנאמיא" האָט געפריידיקט.

נאך א כאראקטערצוג פון דעמדאזיקער ריכטונג איז איר קעמפן קעגן דעם, אז אנארכיסטן זאָלן אריינגיין אין די אומפאַרטייאישע פראָפעסיאָנעלע אַרבעטער-פאַריינען, וועלכע פריידיקן דעם לעגאלן קאמף פאר א מינימום פון פארבעסערונג (צום ביישפיל דעם אכטשאעדיקן ארבעטסטאָג, א טאָג רו אין דער וואָך א. אז. וו.).

דענקענדיק, אז די אנארכיסטן-קאָמוניסטן מוזן אנפירן דעם ריינעם קלאסן-קאמף און ניט נעמען אין באטראכט די ענדערונגען פון די מלוכע-פארמען (ווען עס זאָל זיך אפילע האנדלען אייגצופירן א דעמאקראטישע רעפובליק), אנערקענען זיי קיין אנדער זאך ניט, נאָר די אומלעגאלע דירעקטע אקציאָן.

...די אנארכיסטן פון דער „טשאָרנאיע זנאמיא" האָבן שטענדיק געארבעט מיט די אנדערע אנארכיסטישע פראַקציעס, און בלויז ניט לאַנג צוריק האָבן זיי גענומען גרינדן באזונדערע גרופן; די סיבע פון דעם אָפטיילן זיך איז געווען די מיינונגס-פארשיידנהייט מיקויעך דער פראגע פון אנטייל נעמען אין דער אומפארטייאישער פראפעסיאנעלער באוועגונג. אגיטירנדיק פאר אויסשליסלעך אנארכיסטישע. געהיימע פראָפעסיאנעלע פאריינען, פארדאמען זיי אלע אנדערע פארמען פון דער ארבעטער-באוועגונג,—דעם רעוואלוציאָנערן סינדיקאַליזם אזוי ווי דעם טרעד-יוניאָניזם.

אין 1906 האָבן זיך אין זייערע רייען געפונען צוויי טיפּן פון קעמפער: די „אומאָטיווירטע" טעראָריסטן און די „קאָמונארן". די ערשטע פירן דורך אינדיווידועלע אטענטאטן דעם קאמף קעגן דער בורזשואזיע; די אנדערע סטארען זיך צו פארפולקומען דעם קאמף דורך דער פראָקלאמירונג פון דער אנארכיסטישער קאמונע אין די שטעט און די דערפער. די „קאמונארן" זאגן אומגעפער אזוי: ווען דיזע קאמונעס זאָלן זיך גרינדן בלויז אין א באשטימטער געגנט, ווען זיי זאלן אפילע אונטערגיין—מאכט עס ווינציק וואָס אויס; פונקט ווי גלאַנציקע מעטעארן, וועלן אָט די פארזוכן ניט פארלאָרן גיין אומזיסט, זיי וועלן טרייבן דעם ארבעטער צו קעמפן ווייטער און ווייטער ביז דעם ענדלעכן טריאומף פון דעם פראלעטארישן אידעאל. דידאזיקע ריכטונג האָט זיך הויפּטזאכלעך אנטוויקלט אין ניי-רוסלאנד, אויסגעמישט מיט אנדערע ריכטונגען.

גרופן, וואָס זיינען געווען פארמירט אויסשליסלעך פון אנהענגער פון דער „טשארנאיע זניאמע", האָבן עקזיסטירט אין אָדעס, ווארשע און ביאליסטאָק...

106. די עוואלוציע פון דער אנארכיסטישער טאַקטיק.

(רעזאלוציע פון דער אנארכיסטישער קאָנפערענץ פון ליטע און פוילן אין יוני 1907, „פאָלקסצײ-טונג" נומ. 423, 1907).

1) נעמענדיק אין באטראַכט די אפגעזונדערטהייט און די איזאָלירונג פון די אנארכיסטישע גרופעס, ווייזט די קאָנפערענץ אָן אַף דעמדאָזיקן וויכטיקן כיסארן פון דער אנארכיסטישער באַוועגונג, און קעדיי די טעטיקייט פון די גרופעס זאָל זיין מער פּרוכטבאַר און פלאנמעסיק, רופט די קאָנפערענץ צו א פעדעראציע פון אלע גרופעס.

2) נעמענדיק אין באַטראַכט, אז אלע עקספּראָפּריאציעס, וועלכע זיינען געמאַכט געווארן ביז איצט דורך די אנארכיסטישע גרופעס צוליב אָרגאַניזאַציאָנע צילן, זיינען געוועזן קליינע, אָפטע און שלעכט אָרגאַניזירט, וואס עס האָט געבראכט צו דעם, אַז עס זאָל לאכלוטן אומזיסט פארלאָרן גיין מאַטעריעלע און מאראַלישע קרעפטן, פאַרוואַרפט די קאָנפערענץ אזעלכע ארט עקספּראפּריאַציעס און זאָגט זיך ארויס פאַר גרויסע, ארגאניזירט דורך דער „פעדעראַציע פון אלע גרופעס" עקספּראָפּריאַציעס אין קרוינישע און פּריוואַטע איינריכטונגען. נאָר אזא פעדעראציע פון גרופעס איז פעאיק צו ארגאניזירן גרויסע עקספּראָפּריאַציעס פאר די באדערפענישן פון דער גאַנצער אנארכיסטישער באַוועגונג, און נאָר זי קען צוועקמעסיק און שפּאָרזאָם אויסברענגען די געלט-מיטלען, וועלכע באקומען זיך דורך „עקסן".

3) באַטראַכטנדיק די באַציאונגען און די קאַמפּס-טאַקטיק פון די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען קעגן אונז, אנארכיסטן, האָט די קאָנפּערענץ געפונען, אַז די אויבנדערמאָנטע פאַרטייען, ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו קעמפן קעגן דעם אַנאַרכיזם אידייאיש און מיינענדיק, אז זיי האָבן צו טאָן מיט איינצלנע פּערזאָנען, ווענדן אָן פּראָוואָקאַטאָרישע קאַמפּס-מיטלען. צוליב דעם אלץ, לייגט די קאָנפערענץ פאַר אלע גרופעס צו קעמפן קעגן דיזאָזיקע בייז דורך פּראָפּאַגאַנדע און דורך דערקלערונג דער מאַטע זייער אויפירונג און אין ערנסטע צופאַלן אָנעמען מיטלען, ווי קעגן פּראָוואָקאַטאָרן.

4) באַטראַכטנדיק די טאַקטיק פון די אנארכיסטן און אנדערע פּאַרטייען, לייגט די קאָנפערענץ פאַר די גרופעס צו קעמפן אפן אנטשיידנסטן אויפן דורך פּראָפּאַגאַנדע קעגן די פּראָפעסיאָנעלע פּארטיינען, אין וואס פאַר א פאָרם און אונטער וואָס פאַר א נאָמען זיי זאָלן ניט עקזיסטירן, ווי קעגן א געפערלעכן און גאנאָווישן מיטל פון דער בורזשואזיע, קעדיי ארפּצופירן דעם ארבעטער פון זיין רעוואלוציאָנערן וועג אפן וועג פון קאָמפּראָמיסן און אָפּמאַכונגען, וועלכע פאַרדונקלען זיין רעוואָלוציאָנערן קלאַסן-באַוואוסטזיין.

5) די קאָנפערענץ זאָגט זיך ארויס פאַר עקספּראפּריאַציע פון פּראָדוקטן נאָך אין פאָלגנדער פאָרם:

ארגאַניזירטע מאַסן-עקספּראָפּריאַציעס פון פּראָדוקטן בײַ אַן אלגעמיינעם

שטרייק, לאָקאַאוטן, ארבעטסלאָזיקייט און ד. ג. און ווארפט אָפּ די פּילאַנ־טראָפּישע הילף פון דער בורזשואזיע און אנד. פּאָליטישע פּאַרטייען, די הילף, וועלכע ווערט געוויינלעך ארגאַניזירט בא געזעלשאפטלעכע אומגליקן, ווי: ביליקע גאָרקיכן, קאָסן פאַר ארבעטסלאָזע און ענלעכע איינריכטונגען, וועלכע אַנטוויקלען א בעטלערישע פּסיכאָלאָגיע און פּאַרניכטן דער רעוואָלוציאָנערן אַקטיוון קאַמף.

6) קאָנספּיראַטיוו.

107. די אנארכיסטן בא דער ארבעט.

(א בריוו פון ביאַלאסטאָק, „פאָלקסצייטונג" נום. 74 פון 28 מאַי 1906).

בא אונז אין ביאַליסטאָק האָט אָנגענומען די טעטיקייט פון די אנאר־כיסטן אסאך א ברייטערן כאראַקטער, ווי אין פיל אנדערע שטעט; בא אונז באנוגענען זיי זיך ניט מיט עקספּראָפּריאַציעס, מיט דעם „רעוואָלוציאָנערן אָנ־פּאַל אָף דעם פּריוואַט־אייגנטום", ווי זיי באפּוצן דאָס, נאָר זיי פירן דאָ אויך א פּראָפעסיאָנעלן קאַמף, מישן זיך אריין אין דער פּראָדוקציאָן, ווילן איינ־רעגולירן דעם פאַרקער פון סכוירעס, שטעלן שטרייקן און אַז. וו.

מיט א קורצע צייט צוריק איז די ארבעט פון די אנארכיסטן אוועק גאַנץ לעבעדיק: טאָג צו טאָג האָבן געקנאַקט די באָמבעס, די שטאָט האָט געקאָכט, עס האָט זיך מוירעדיק געטומלט; עס האָט זיך געקענט אויסדוכטן פון דער זייט, אז די אנארכיסטן האָבן באַקומען די גרעסטע ווירקונג אָף דעם גאַנצן היגן פּראָלעטאריאט, און האָבן שוין גאָר איינגעשלונגען דעם „בונד", נאָר . . . נאָר פון דעם גאַנצן ליארעם האָט זיך אויסגעלאָזן גאָרניט; דער גלענצנדער פייערווערק איז פאַרשוואונדן, און דער גאַנצער ביאַליסטאָקער ארבעטער־קלאס האָט דערזעען דעם אנארכיזם אין זיין ריכטיקן געשטאַלט, אין א געשטאלט פון א שרעקלעך ווילדן, זינלאָזן קאַמף, וואָס טראָגט די גרעסטע געפאַר פאַר דעם פּראָלעטאריאַט. ער צערייסט און צעברעקלט די פּראָלעטאַרישע קרעפטן, פאַרבלענדעט און פאַרדארבט די אומוויסנדע מאסע.

איך וועל דאָ ברענגען אייניקע כאַראַקטעריסטישע פאַקטן, וועלכע וועלן דאָס קלאר באַשטעטיקן.

מיט א פאָר וואכן צוריק האָבן די אנארכיסטן אריינגעוואָרפן א באָמבע אין קלעצקיס געשעפט. קלעצקי האַנדלט מיט גאלאנטעריי־סכוירע און מיט שוכוואַרג, וועלכע ער שרייבט אויס פון ווארשע. די אנארכיסטן האָבן איינ־געפונען, אַז מע טאָר ניט אויסשרייבן קיין שוכווארג פון אנדערע שטעט, ווייל דאָס נעמט אָפּ ארבעט בא ביאַליסטאָקער שוסטער; דעריבער האָבן זיך די אַנאַרכיסטן געווענדעט צו קלעצקין מיט א פאָדערונג, ער זאָל ניט אויסשרייבן מער קיין שוכווארג פון אנדערש וואו, נאָר ער זאָל עפענען א ווערקשטוב, וועלכע זאָל ארבעטן שוכווארג אָף זיין מאַגאזין, און אז קלעצקי האָט ניט איינגעשטימט, האָט מען אים געוואלט נויטן מיט געוואלט: און מע האָט אים

טאקע ארייַנגעוואָרפן אין געשעפט א באָמבע; עס פֿאַרשטייט זיך, קיין גוטעס האָט די באָמבע ניט אויפגעטאָן; קיין ווערקשטוב האָט זיך ניט געעפנט, מער ניט דער געשעפט איז רואינירט, עטליכע פּראָלעטאַריער — פּריקאַזטשיקעס — זייַנען געבליבן אָן ברויט. אָט אַזוי איז טאַקע גלענצנד מקוים געוואָרן דער פּאָסעק פון אנארכיסטן, אז דער „גייסט פון צעשטערונג איז אין דערזעלבער צייט דער שאפנדער גייסט".

אָט אזוי פירן דעם ריינעם — „פּראָלעטאַרישן" קאַמף די עמעסע קאָמוניסטן־אַנאַרכיסטן.

און ווען אונזערע אַרבעטער ווייזן אויף די אנארכיסטן, ווי פֿאַלש, ווי אונזיניק איז זייער פֿאָדערונג, מע זאָל ניט אויסשרייבן קיין סכוירע פון וואַרשע, ווייל דאַן בלייבן דאָך דאָרטיקע שוסטער אָן ארבעט און אזוי ווי באלד ביאַליסטאקער ארבעטער וועלן ניט צולאָזן קיין סכוירעס פון אַנדערע שטעט, וועלן קענען ארבעטער פון אַנדערע שטעט פֿאָדערן, אז מע זאָל דאָרטן ניט אַריינפירן קיין ביאַליסטאקער סכוירעס, ענטפערן זיי: פאר ווארשע זאָרגן מיר ניט; ניט אונזער דאיגע! יעדער זאָרגט פאר זיך.

אט אַזוי פלאנצן איין אנארכיסטן פּראָלעטאַרישע אַכדעס.

עס איז אינטערעסאַנט צו באמערקן, אז גלייך נאך דער געשיכטע מיט קלעצקיס באָמבע האָט זיך פֿאַרשפּרייט א שטארקער קלאַנג וועגן די וואַרשעווער שוכווארג-פאבריקאַנטן, אז זיי האָבן באשלאָסן ניט צו קויפן קיין לעדער אין ביאַליסטאק, אויב די אנארכיסטן וועלן ניט צולאָזן אריינצופירן זייערע סכוירע. די ווארשעווער פאַבריקאַנטן ווילן דערמיט אויפרייצן די ביאַליסטאקער גארבערס אף די ביאַליסטאקער שוסטער, אום גוט אנצולערנען די אנארכיסטן; אָט אַזוי ווילן די אַנאַרכיסטן אייַנרעגולירן די פּראָדוקציאָן און אזוי ווילן די אנאַרכיסטן אייַנרעגולירן די פּראָדוקציאָן און אזוי דערנעענטערן זיי דעם קאָמוניסטישן אידעאל.

... א נאָך א גרעסערן רווישעם האָט אָנגעמאכט אין שטאָט דער שטרייק פון די ניטיאָרעס *) אין די שפּינערייען. דעם שטרייק האָבן אָנגעפירט די אנארכיסטן, די ניטיאָרעס זייַנען אלע קריסטלעכע ארבעטער.

... דאס זייַנען יונגע אַרבעטער פון אַ יאָר 15—16; זיי פֿאַרדינען געוויינלעך פון 2 רובל 50 ביז 3 רובל אַ וואָך, זיי האָבן אַרויסגעשטעלט אַ פֿאָדערונג העכערן זייערע סכירעס ביז 5 רובל אַ וואָך. נאָר אויסער דעם האָבן זיי געפֿאָדערט, מע זאָל זיי ניט אָפּרעכענען פאַר „פּראָגול" אָדער ווי זיי רופן דאָס אָן דאָ „סוויענטאַ ניע סוויענטאַ", דאָס הייסט, ווען זיי קומען ניט צו דער אַרבעט אין אַ וועלכן ניט איז יאָנטעוו, אויסער די אָפיציעלע יאָנטויווים. טאָר דער באַלעבאָס זיי ניט אַראָפּרעכענען. די פּ. ס. ד. האָבן צוגעזאָגט די ניטיאָרעס, אַז זיי וועלן אָנפירן דעם שטרייק, נאָר זיי האָבן זיי געבעטן אָפּוואַרטן ביז נאָך דעם 1-טן מאַי, קעדיי דעם 1-טן מאַי זאָל מען דורכפירן אַ פּאָליטישן שטרייק, און אין אַ קורצע צייט נאָכדעם וועט מען קענען אָנפאַנגען דעם ריין עקאָנאָמישן שטרייק פון די ניטיארעס; די אָרגאַניזאַציע פון בונד האָט

*) א פאך אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע.

זיך אַנטזאָגט צו פירן דעם שטרייק נאָך צוליב אַנדערע טאַימים, איבערהויפּט איז די אָרגאַניזאַציע ניט געווען איינשטימיק מיט זייער פאָדערונג „סוויענטאָ ביע סוויענטאַ".

דאָ האָבן זיך אַריינגעמישט די אַנאַרכיסטן און אָנגעהויבן צו אַגיטירן, מע זאָל זיך גלייך שטעלן אַף דעם שטרייק און מע איז געגאַנגען אַף אייניקע פאַבריקן מיט רעוואָלווערן אַראָפּנעמען די אַרבעטער. עס האָט זיך איינגעגעבן די אַנאַרכיסטן אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט אַלע ניטיאָרעס, אַ מאַן 400. און וויבאַלד די ניטיאָרעס שטייען, שטעלן זיך אָפּ די שפּינערייען. און אָט איינגיכן וועט ניט זיין קיין פּוטער, דאס הייסט שטאָף פאַר די וועבערייען. עס האָט געקענט אויסוואַקסן אַן אַלגעמיינער שטרייק אין דער גאַנצער טעקסטיל־פּראָדוקציע. עס איז מעגלעך, אַז די אַנאַרכיסטן האָבן זיך טאַקע אַזוי אָנגעכאַפּט אָן די ניטיאָרעס, ווייל מיט זייער שטרייק שטעלט מען איין אַן אַלגעמיינעם שטרייק. נאָר אויסער די ניטיאָרעס האָבן די איבעריקע אַרבעטער פון אָנפאַנג מיטגעפילט דעם שטרייק, זיי האָבן אַלע געגלויבט אין די באָמבעס און האָבן גערעכנט, אַז אויב מע וועט נאָכגעבן די ניטיארעס, וועלן דאַן די שפּינער אַרויסשטעלן זייערע פאָדערונגען און מע וועט זיי אויך מוזן נאָכגעבן; קיין ברייטע אַגיטאַציע האָט זיך ניט געפירט צווישן די מאַסן, קיין אָרגאַניזירונג, קיין אויסרעכענונג; אַף איין זאַך האָט מען געהאָפט — אַף די באָמבעס פון די אַנאַרכיסטן.

און אין דער הינזיכט האָבן די אַנאַרכיסטן געאַרבעט מיט גרויס ענערגיע; יעדן טאָג האָט מען געוואָרפן אַ באָמבע אין די הייזער פון די פאַבריקאַנטן אָדער זייערע פאַרוואַלטער; די גאַנצע שטאָט איז געווען טעראָריזירט! קימאַט ווי אַלע פאַבריקאַנטן האָבן צוגעמאַכט די פאַבריקן און זיינען אַרויסגעפאָרן אין אויסלאַנד, זיי האָבן פעסט באַשלאָסן אַף קיין פאַל ניט נאָכצוגעבן די אַרבעטער; די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן הונגערן, די אַנאַרכיסטן זיינען געגאַנגען קלייבן געלט איבערן שטאָט און מיט געוואַלט אַרויסדרייסן נעדאָוועס פאַר די שטרייקנדע; די עלטערע אַרבעטער, די שפּינער, האָבן זיך גלייך קלאָר געמאכט, ווי פאַלש זיינען געווען זייערע האָפענונגען, וואָס ניט איז צו געווינען פון דעם שטרייק און זיי האָבן זיך געקליבן צו גיין אַף סוראַזשער גאַס שלאָגן די אנארכיסטן. די דעמאָראַליזאַציע האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן, דאַן האָבן די אַנאַרכיסטן פאַרשפּרייט אַ פּראָקלאַמאציע אַף רוסיש, אין וועלכער זיי דערקלערן, אַז די באָמבעס־וואַרפן איז מער ניט ווי אַ מאַנעוור, אַז דער קאַמף וועט זיך נאָך אָנהויבן, די באָמבעס איז אַ צוגרייטונג צו דעם מ א ס ן - ק א מ ף; נאָר דאס איז געווען קלאָר, אפילע פאַר דער אומבאַוואוסטזיניקסטער מאַסע, אַז דעם שטרייק האָט מען פאַרלאָרן און אַז די אנארכיסטן האָבן זיי מער ניט פאַרבלענדעט מיט די באָמבעס, אַז אין דער ווירקלעכקייט זיינען די אנארכיסטן שוואַך און זייער גאנצע טאַקטיק איז זייער א שעדלעכע פאַרפירונג.

... די ארבעטער האבן דעם שטרייק פאַרלאָרן. אייניקע פאבריקן האבן זיך געעפנט, נאָר מיט דעם טנאַי, אַז די ארבעטער זאָלן צוזאגן, אַז זיי וועלן אַ

געווי̇סע צייט — א מאָנאטן דריי — ניט שטרייקן; איינע פון די גרעסטע פאַב־
ריקן, קאָמיכאָווס פאבריק, איז צוגעמאכט נאָך אַדהאיאָם. די ארבעטער ליידן
הונגער און זוכן אלערליי מיטלען ווי צו עפענען די פאבריק. זיי האבן זיך
געווענדעט צו פאָליציי, צום גובערנאַטאָר, ער זאָל בעטן דעם באלעבאָס עפע־
נען די פאבריק.

אָט צו וועלכע רעזולטאטן עס האט געבראכט די טאקטיק פון די אנאר־
כיסטן.

XVI. די סאציאליסטישע פראקציעס אין ציאניזם.

108—110. די ציאָניסטיש־סאציאַליסטישע ארבעטער־פארטיי (ס.ס.)[138].

א. די גרונד-לאַגע פון דער ציאָניסטיש-סאָציאליסטי-שער טעאָריע.

(„אונזערע אויפגאבן“ נומ. 1. „דער נייער וועג“ פון 28-טן אַפריל 1906).

... דער אידישער פראָלעטאריאט לעבט און אַנטוויקלט זיך בא באזונדערע באדינגונגען, א גאנצע קייט פון היסטאָריש-עקאנאמישע אורזאכן האבן גוירעם געווען, אז עס האָבן בא דער אידישער נאציע ניט געקענט אנטשטיין די העכערע פאָרמען פון דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע און צוזאמען מיט זיי א גרויסע און שטארקע אינדוסטריעלע בורזשואזיע, וועלכע זאָל זיין פארבונדן מיט דעם אידישן פאָלקס-אָרגאניזם און פראָדוקציאָנס-פראָצעס.

... דעם אידישן ארבעטער קומט אויס אף אַזא אויפן צו פירן זיין קלאסן-קאמף אין די ענגע ראמען פון דער קליין-פראָדוקציע, וועלכע עס האָט אין זיך ניט די טענדענץ צו פראגרעסיווער אנטוויקלונג, וואו די ארבעטס-לאגע איז שרעקלעכער אלס אומעטום. בא אזעלכע באדינגונגען מוז שטארק פארהאלטן ווערן דער צאָליקער וואוקס פונם פראָלעטאריאט, מוז געשטערט ווערן זיין נאָרמאלע סאציאליסטישע אנטוויקלונג.

... די פראָטעסט-געפילן פון אידישן ארבעטער קעגן דער שרעקלעכסטער עקספלואטאציע, וואס הערשט אין די פינסטערע ווינקלען פון זיינע קליינע ווערקשטאטן, די דערביטערניש קעגן דעם נאציאָנאלן דרוק, אונטער וועלכן ער לעבט, גיסן זיך צוזאמען מיט די רעוואָלוציאָנער-סאָציאליסטישע געדאנקען, וועלכע באהערשן אים אלס אן ארבעטער, און דערדאָזיקער סכום פון געפילן און געדאנקען, וועלכע בילדן זיין סאָציאליסטישע אידעאָלאָגיע, פארטיפן און פארשארפן זיין קלאסן-קאמף. נאר אין די שוויץ-ווארשטאטן[139] פון דער אידישער הויז-אינדוסטריע, אין די קליינע פינסטערע און שמוציקע ווארשטאטן פעלט דער שטיץ-פונקט פאר א ברייטן פראָפעסיאָנעלן און סאָציאליסטישן קאמף. ניט דער עקאָנאָמישער און ניט דער פאָליטישער שטרייק קענען דאָרט ברענגען צו באדייטנדע און באפרידיקנדע רעזולטאטן. אָט דערדאָזיקער קאָנפליקט צווישן די באדערפענישן פון אידישן ארבעטער-קלאס און די עקאָנאָמישע רא-

מען פון זיין עקזיסטענץ האט ביז אהער געבראכט דערצו, אז דער אידישער ארבעטער זאָל באוואוסטזיניק אָפּשוואכן דעם האסט פון זיין עקאָנאָמישן קאמף, אז דאס באוואוסטזיין פון שוין סאָציאליסטיש געשטימטע ארבעטער-שיכטן זאָל פארדונקלט ווערן אף רעכטס — „געזאוויסימשצינע" און איר יורשע דער מינסקער פויאליי-ציאָניזם *),—אָדער נאָך לינקער—דער אנארכיזם.

די סאָציאלע אנטוויקלונג אָבער פונם אידישן פאָלק האט געשאפן אַן אנ-דער אויסוועג פאַר דעמדאזיקן טראגישן קאָנפליקט אין דעם לעבן פון אידישן ארבעטער. אינם אידישן לעבן באקומט אלץ א גרעסערע באטייטונג די עמי-גראציע.

די אידישע קליין-פראָדוקציע אנטוויקלט זיך אין זייער אַ פּאראָרימטע סוויווע, איז שטארק באגרעניצט אין איר וואקסן און איז ניט בעקויעך צו באַ-פרידיקן די שטייגנדע סאָציאלע באדערפעונישן פון די אידישע פאָלקס-מאסן. דאָס רופט ארויס די אַלץ וואקסנדע עמיגראציע, וועלכע שאַפט פאר די אידי-שע ווירטשאפטלעכע אַנטוויקלונג נייע מעגלעכקייטן. פון איין זייט, פארבעסערט די עמיגראַציע די עקאָנאָמישע לאַגע אין די אויסוואַנדערונגס-לענדער און, פון דער אנדער זייט, רופט זי ארויס אין די איינוואנדערונגס-לענדער אַנדערע און נייע פראָדוקציע-צווייגן. די ברייטע אידישע פאלקס-שיכטן, וועלכע ווערן אַרויס-געשטויסן פון דער אידישער ווירטשאפט אין די לענדער פון דער אויסוואנדע-רונג, באַשאַפן אין די איינוואנדערונגס-לענדער א ספּעציעלע אידישע ווירט-שאַפטלעכע סוויווע, אין וועלכער עס הויבן זיך אָן קאָנצענטרירן גרויסע אידי-שע ארבעטער-מאסן... אַהין ווערט, אזוי צו זאָגן, געאָגראפיש אַריבערטראָגן די אידישע פראָדוקציע, זי ווערט דאָרט ווידערגעבאָרן אין אנדערע פאָרמען, בא אַנדערע באַדינגונגען.

וואָס געדיכטער און גרעסער עס ווערט די קאָנצענטרירונג פון דער עמי-גרירנדער אידישער אַרבעטס-קראַפט אין די איינוואנדערונגס - לענדער, אַלץ גרעסער ווערט איר צוריקווירקונג אַף דער אידישער אַרבעטער-באַפעלקערונג אין די אויסוואנדערונגס-לענדער. עס אַנטוויקלט זיך ביסלעכווייז אַ קעגנזיי-טיקע ווירקונג פון דער אויסוואנדערונג און איינוואנדערונג, און אין דער קלאַסן-אידעאָלאָגיע פון אידישן אַרבעטער הויבט שוין אָן די עמיגראַציע צו פאַרנעמען אן אָרט פון אַ פאַקטאָר, וועלכער פאַרגרעסערט זיין ענערגיע און קלאַסן-קאַמף. אין איר וויטערדיק אונאויפהערלעכן וואַקסן „פאַלט די אידישע עמיגראַציע אַריין אין אַ ווידערשפרוך מיט די פאָרמען פון קאָנצענטראַציע, וועלכע זי אַליין באַשאַפט, און שטרעבט איבערצוגיין אין פאָרמען פון קאָלאָניזאַ-ציע. דאָס שפּיגלט זיך גלייך אָפּ אינם באַוואוסטזיין פון אידישן פּראָלעטאַריאַט".

די איבערוואנדערונג ווערט אַ קראַפט, וועלכע פארשטארקט זיין קלאַסן-קאַמף; די קאָנצענטרירונג פון דער עמיגראַציע און איר איבערגאַנג אין קאָ-לאָניזאַציע ווערט אַ באשטאנדטייל פון זיין סאָציאַלן אידעאַל און דריקט זיך אויס אין טעריטאָריאַליזם, אינם שטרעבן צו שאַפן אַ אידישן נאַציאָנאַל-ווירט-שאַפטלעכן אָרגאַניזם.

*) זע וויי טער ז.ז. 397—404.

די נאַציאָנאַלע סוויווע, אין וועלכער עס קומט פאר דער קלאַסן-קאַמף פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, גיט צו זיינע אינטערעסן און אויפגאבן נאָך אַ באזונדערן כאַראַקטער. די אידישעווירטשאַפט, וויניקער באַשיצט פון קאָנקורענץ אַלץ די ניט-אידישע, פאַלט שנעלער אונטערן דראנג פון דער גרויס-אינדוסטריע. גרעסערע און גרעסערע מאַסן קליין-פּראָדוצירער ווערן רואינירט, פון זיי קען נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל ארייננקומען אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט, די איבעריקע ווערן איינגעשלונגען דורך דער אַלץ וואַקסנדער עמיגראציע. פאַרטיפט און פאַרשאַרפט ווערן די ווידערשפּרוכן פון אידישן לעבן, און די עמיגראַציע-אידעאָלאָגיע, פאַרוואַנדלט אין די אידעאָלאָגיע פון טעריטאָריאַליזם הויבט אָן צו באַהערשן אַלץ גרעסערע פאָלקס-שיכטן. און וואָס מער די צעזייטקייט פון אידישן לעבן הויבט אָן איבערצוגיין אין איר קעגנזאַץ—אין צונויפזאמלונג, וואָס מער די עמיגראציע באַווייזט אירע קאָנצענטרירנדע טענדענצן, אַלץ געדיכטער ווערט די אטמאָספער פון נאַציאָנאלע געפילן און שטימונגען, אַלץ טיפער און רייכער דאָס נאציאָנאלע באוואוסטזיין. און דער אידישער פּראָלעטאריאט, וואָס זיין רעוואָלוציאָנערער קלאסן-קאַמף האָט צערודערט און באפרוכטבארט דאָס פאַרגליווערטע נאַציאָנאלע לעבן, ווערט דער פאַרטיידיקער פון די אינטערעסן פון אלץ גרעסערע פאָלקס-מאַסן, ער ווערט דער מיטלפונקט פון די באַפרייאונגס-באַוועגונגען אין דער אידישער נאַציע.

...אין זיין באַפרייאונגס-קאַמף מוז זיך דער אידישער פּראָלעטאריאט רעכענען מיט אַלע קעגנזעצלעכע טענדענצן פונם אידישן לעבן. ער איז פאַרינטערעסירט, אַז עס זאָל פאַרשטאקט ווערן די נאציאָנאלע ענערגיע פון די אידישע מאַסן, ווייל דאָס פירט צום טעריטאָריאליזם; ער איז פאַרינטערעסירט, אַז עס זאָל רעגולירט און אָרגאַניזירט ווערן די עמיגראציע, ווייל דאָס פאַרווירקלעכט דעם טעריטאָריאליזם. דערביי מוז ער, פאַרזיכערנדיק זיך דעם צוגאנג צו דער ארומיקער קולטור פון לאנד, פאַרהיטן זיין פאָלקס-שפּראך און זיין פרייע קולטורעלע אנטוויקלונג, וועלכע איז ענג פאַרבונדן מיט דערדאָזיקער שפּראך, קעגן דער אידישער בורזשואזיע, וועלכע וועט זיי אימער באַקעמפן אין נאָמען פון אירע נאַציאָנאליסטישע טראדיציעס און אסימיליאַטאָרישע אינטערעסן; ער דאַרף און מוז באזאָרגן זיינע טעריטאָריאַליסטישע אינטערעסן קעגן דער אנטינאציאָנאלער צעזייאונגס-פּאָליטיק פון דער אידישער בורזשואזיע.

דידאָזיקע אינטערעסן טרעטן איצט ארויס אין זייער קאָנקרעטער פולקייט און שאַרפקייט באַזונדערס פאַרן אידישן פּראָלעטאַריאט אין רוסלאנד. אויסער דער עקאָנאָמישער אָפּגעשטאנענהייט און קולטורעלער אונפרוכטבארקייט פון זיין גאָלעס-לעבן, טראָגט דאָ נאָך דער אידישער ארבעטער דעם יאָך פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג.

...דער אידישער ארבעטער שטייט שוין דארום לאַנג אין די ערשטע רייען פון דער גרויסער רוסלענדישער רעוואָלוציע, וועלכע מוז באַנייען דאָס לאַנד. ער קעמפט שוין לאנג צוזאמען מיט דעם אַלרוסלענדישן פּראָלעטאריאט פאַר אַזאַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג, וועלכע, באשאפנדיק גינסטיקע באדינגונגען פאַר דער זעלבשטענדיקער אנטוויקלונג פאַר אַלע נאַציעס און פאַר דעם פרייען

קאַמף פון פראָלעטאריאט פאר זיין סאָציאליסטישן ענד-ציל, וועט באפרייען אויך דאָס אידישע אַרבעטער-פאלק און אים געבן די מעגלעכקייט פריי און דרייסט ארויסצוטרעטן אפן היסטאָרישן וועג פון זיין באפרייאונג.

...אין דעם פולשטימיקן כאר פון דעם רוסלענדישן פראָלעטאַריאַט הערט זיך אויך דער קאָל פונם אידישן פראָלעטאריאט. הויך פאָדערט ער די צו-זאמענרופונג פון אַ גרינדונגס-פארזאמלונג, די איינפירונג פון אַ דעמאָקראטישער מלוכע-אָרדענונג, פרייע זעלבסטבאשטימונג פאר אַלע נאציעס, פרייהייט אויך פאַר דער אידישער נאַציע. און אין דערדאָזיקער פרייהייט ליגט שוין דער אידישער אַרבעטער אַריין אַ רעאַלן אינהאַלט, גענומען פון דער אידישער ווירקלעכקייט.

...מיר פאָדערן, אַז די אידישע פאָלקס-בילדונג זאָל איבערגעגעבן ווערן אין רעשוס פון דער אידישער נאַציע גופא אין געשטאלט פון פרייע שול-פאריינען, אין וועלכע עס וועלן זיך אָרגאניזירן די אידישע געזעלשאפטלעכע גרופן. מיר וועלן אין אונזער קאַמף ארויסרופן די אָרגאניזירונג פון די אידישע פאָלק-מאַסן אַפן באדן פון זייערע טעריטאָריאליסטישע צוקונפטס-אינטערעסן, מיר וועלן די-דאָזיקע טעטיקייט שטיצן און אַף איר ווירקן אין אונזער גייסט.

מיר שטרעבן צו באשאפן אנשטאלטן, וועלכע זאָלן רעגולירן דעם עמי-גראַציאנס-שטראָם און אים געבן די נויטיקע ריכטונג. מיר וועלן אין אונזער קאַמף ארויסרופן און אָרגאַניזירן די אַלע קרעפטן, וועלכע וועלן באַשאַפן די אידישע געזעלשאַפט און פאַרבארייטן אונזער שווערן וועג צום סאָציאליזם.

ב. פון די רעזאָלוציעס פונם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער צ. ס. א. פ.

(„דער נייער וועג", נומ. 1 און 2, 28 אַפרעל און 4 מאַי 1906).

וועגן טעריטאָריאַליזם.

I.

א) די געגנוואַרטיקע אידישע עמיגראַציע איז אַ רינג און קייט פון די שטענדיקע אידישע וואנדערונגען, וועלכע ווערן ארויסגערופן דורך דער סאָ-ציאל-עקאנאמישער סטרוקטור פון דעם אידישן פאלק, פון איין זייט, און דורך דעם סאציאל-עקאנאמישן צושטאנד פון די עמיגראַציאנס-און אימיגרא-ציאנס-לענדער, פון דער אַנדער זייט.

איר איצטיקע אנטוויקלונג אנטהאלט שוין אין זיך שפּראצלינגען פון דער קינפטיקער אידישער געזעלשאפט.

ב) זייענדיק אַ האנדלס-פארמיטלערישע אין פעאָדאַלן פעריאָד, גייט די אידישע עמיגראציע איבער מיט דער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין אַ מע-לאָכע-און אַרבעט-עמיגראציע און, גייענדיק אין די אינדוסטריעל-אנטוויקלטע

לענדער, שאַפט זי דארט באַזונדערע פּראָדוקציעס־צווייגן, זיך נויטווענדיק אין זיי קאָנצענטרירנדיק.

ג) אין איר ווייטערדיקן וואוקס פאַלט די אידישע עמיגראַציע אַריין אין אַ ווידערשפּרוך מיט די פאָרמען פון קאָנצענטראַציע, וועלכע זי אַליין באַשאַפט, און בייט נויטווענדיק איר ריכטונג.

ד) גייענדיק אין דער ריכטונג פון קלענסטן ווידערשטאַנד, מוז זיך פאַר־וואַנדלען די אידישע עמיגראַציע אין אַ קאָלאָניזאַציע, וועלכע העלפט מיט, צוליב איר קאָלעקטיוון כאַראַקטער, דער קאָנצענטרירונג פון די אידישע מאַסן אויף אַ פרייער טעריטאָריע.

ה) דערדאָזיקער עמיגראַציאָנס־קאָלאָניזאַציאָנס־פּראָצעס שאַפט אין זיין אַנטוויקלונג אַ רעאַלן באָדן פאַר דאָס אַנטשטיין פון אַ אידישער געזעל־שאַפט.

II.

ו) די נויטווענדיקע פאַרבאַדינגונג פאַר דאָס אַנטשטיין פון אַ אידישער געזעלשאַפט איז אַ מינימום פון פּאָליטישע רעכט, וועלכע פאַרזיכערן די קאָנ־צענטראַציע פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אין דעם קאָלאָניזאַציאָנס־לאַנד.

ז) דערדאָזיקער מינימום פון רעכט קומט אַלס פּועל־יוצא פון דער קעגנ־זייטיקער ווירקונג פון פאָלגנדע קויכעס, וועלכע ווערן אַרויסגערופן און אָר־גאַניזירן זיך אין דעם עמיגראַציאָנס־קאָלאָניזאַציאָנס־פּראָצעס:

1) פון וואוקס פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַטס קרעפטן, פאַר וועמען זיין קלאַסן־קאַמף שטעלט דאָס פּראָבלעם פון טעריטאָריאַליזם.

2) פון דעם אָרגאַניזירן זיך פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס גרופּירן זיך אַרום דעם בורזשואַז־דעמאָקראַטישן טעריטאָריאַליזם.

3) פון דעם, וואָס די לענדער פון דער אידישער עמיגראַציע און קאָלאָ־ניזאַציע זיינען פאַראינטערעסירט אין באַזעצן זייערע פרייע טעריטאָריעס און אין פאַרוואַנדלען דעמאָזיקן פּראָצעס מיט דער הילף פון דידאָזיקע זיך אָר־גאַניזירנדע קויכעס אין אַן אָרגאַניזירטער און פּלאַנמעסיקער קאָלאָניזאַציע.

4) פון דער וואַקסנדער נויטווענדיקייט פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָ־לעטאַריאַט צו לייזן דאָס עמיגראַציאָנס־פּראָבלעם.

III.

אונזערע אויפגאַבן זיינען אויף אַזאַ אופן:

1) אָרגאַניזירן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער אויף דעם באָדן פון זיינע קלאַסן־אינטערעסן, אום צו באַשאַפן אַן אַלגעמיינע ציאָניסטיש־סאָ־ציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי.

2) ווירקן דורך דער טעריטאָריאַליסטישער אַגיטאַציע אויף די אידישע פאָלקס־מאַסן, דערוועקנדיק אין זיי דאָס באַוואוסטזיין פון זייער פאַראינטערעסירטקייט אין דעם טעריטאָריאַליזם.

3) דורכפירן אונזערע אַנשויאונגען אין די רייען פון דעם אינטערנאַציאָ־

נאלן פראלעטאריאט און ווירקן דורך אים אף דעם פראלעטאריאט פון די לענדער, וואוהין עס איז געריכטעט די אידישע עמיגראציע און קאלאניזא־ציע, און

4) ווירקן אף די טעריטאריאליסטישע פאליטיק פון דער אידישער בור־זשואזער דעמאקראטיע, שטיצנדיק דערביי אירע רעאלע אקטן.

די באציאונג צו די בורזשואזע טעריטאריאליסטן.

אנערקענענדיק, אז די אידישע קליין-בורזשואזיע און באשטימטע טיילן פון דער מיטל-בורזשואזיע מוזן צוליב זייערע סאציאל-עקאנאמישע און נאציאנאל-פאליטישע אינטערעסן קומען צום טעריטאריאליזם, אלס ראדיקאלע לייזונג פון דער אידן-פראגע;

אז די אנגעוויזענע אינטערעסן פירן דערצו, דאס דידאזיקע קלאסן זאלן וואס ווייטער אויסערן מער אקטיווירעט פאר די רעאליזירונג פון דעם טערי־טאריאליזם;

אז דידאזיקע אקטיוויטעט געפינט געוויסערמאסן איצט איר אויסדרוק אין דער ארגאניזאציע „יטא“ [140], וועלכע פירט שוין א באשטימטע טעריטא־ריאליסטישע ארבעט;

אז ווען דידאזיקע ארבעט זאל זיך ניט געפינען אונטער דער ווירקונג פון דעם אידישן פראלעטאריאט, וואלט עס שאדן זיינע טעריטאריאליסטישע אינ־טערעסן, ווי דאס האט זיך שוין ארויסגעוויזן בא דער אוגאנדע-פראגע;

געפינט דער צוזאמענפאר:

אז די פארטיי דארף זעען צו פארגרעסערן איר ווירקונג אף די טעריטא־ריאליסטישע פאליטיק פון „יטא“, איבערגעבנדיק דעם צ. ק. דעם רעכט אריינצוטרעטן אין קאאליציאנס-באציאונגען מיט אירע צענטראלע אינסטי־טוציאנען אין דעם מאמענט, ווען ער וועט עס געפינען פאר נויטיק.

די באציאונג צום „בונד“.

נעמענדיק אין באטראכט:

אז די אידישע ארבעטער-באוועגונג, וועלכע איז אנטשטאנען אין א שוואך דיפערענצירטער סאציאלער סוויווע, איז אף די ערשטע שטופן פון איר אנטוויקלונג אין געשטאלט פון „בונד“ דורכגעדרונגען געווארן מיט דער אי־דעאלאגיע פון דעם אבסטראקטן סאציאליזם, וועלכער דריקט זיך קאנקרעט אויס אין פאליטישן ראדיקאליזם;

אז באגייסטערנדיק זיך מיט דעם קאמף פאר אידישע גלייכבארעכטיקונג, האט זיך דער „בונד“ דורכגעדרונגען מיט בורזשואז-אסימילאטארישע אידעאלן, איבערשאצנדיק די באדייטונג פון די דעמאקראטישע פרייהייטן פון דעם אי־דישן פראלעטאריאט און איגנארירנדיק אפילע אזוינע וועזנטלעכע דערשיינונגען אין זיין לעבן, ווי די ניט-אינדוסטריאליזירונג און די עמיגראציע.

אז די פארבלענדונג מיט דידאזיקע אידעאלן האט געווירקט, דאס אין זיין סוויווע זאל זיך איינווארצלען דער פאליטישער בליק אף די אידן פון

רוסלאנד, ווי אף א גייסטיקע נאציע, וועלכע איז אָפּגעזונדערט פון די אידן פון אנדערע לענדער;

אז דער לאגישער פּויעל־ייציע דערפון האט געמוזט זיין די אנערקענונג, אז די עקאנאמישע אינטערעסן פון דעם אידישן פּראלעטאריאט זיינען ניט בלויז סאלידאריש, נאר אויך איינע און דיזעלבע מיט די עקאנאמישע אינטערעסן פון דעם גאַנצן רוסלענדישן פּראלעטאריאט;

אז דידאָזיקע אנערקענונג האט אירערזייטס געטריבט באם „בונד״ יעדן באַדן אין דער נאציאנאל־פראגע, שטויסנדיק אים אף דעם וועג פון פארשווייגן די לעבנס־פאקטן, פון געמאכטער באגייסטערונג פאר די טראדיציאנעלע פאר־מען פון דער אידישער קולטור און פון געמאטערטן אויסקלערן נאציאנאלע באַ־דערפענישן;

נעמענדיק דאס אלץ אין באטראכט, קאנסטאטירט דער צוזאמענפאר:

אז דער „בונד״, ניט שטיצנדיק זיך אף די אינטערעסן פון דעם אידישן פּראלעטאריאט אין זייער גאנצער קאנקרעטער פולקייט, פּריידיקט אן עטישן סאציאליזם, וועלכער, איגנארירנדיק די באטייטונג פון די פּראדוקציאָנס־קרעפטן אין דעם קאמף פון דעם פּראלעטאריאט פאר דעם סאציאליזם, ברענגט די אי־דישע ארבעטער בא זייער שוואכער עקאנאמישער פּאזיציע צום אנארכיזם און אף אזא אופן שטערט דער „בונד״ דעם ווייטערדיקן גאנג פון דעם אי־דישן פּראלעטאריאט צו זיין באפרייאונג פון דער קלאסן־הערשאפט און דעם נאציאנאלן־דרוק.

וועגן דער ר. ס. ד. א. פּ.

אנערקענענדיק,

— אז אלס קריטעריום באם טיילן זיך פון דער אינטערנאציאנאלער סאציאל־דעמאקראטיע אף פּאליטישע ארגאניזאציעס דארף דינען ניט נאר זייער אנגע־העריקייט צו מלוכע־איינהייטן, נאר אויך צו באשטימטע נאציאנאליטעטן, וואס עס ווערט שוין געוויסערמאסן רעגלאמענטירט דורך די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנגרעסן;

אז דער אידישער פּראלעטאריאט נויטיקט זיך צוליב זיינע ספּעציפישע לעבנס־באדינגונגען אין אַ זעלבשטענדיקער סאצ.־דעמ. ארגאניזאציע, וועלכע זאל ארומנעמען זיינע אלע קלאסן־און נאציאנאלע אינטערעסן;

אז די ר. ס. ד. א. פּ. אין איר שטרעבונג צונויפשמעלצן אין איין ארגא־ניזאציע דעם נאציאנאל־פארשיידנארטיקן פּראלעטאריאט פון רוסלאנד ווערט נויטוועדיק דורכגעדרונגען מיט אוטיליטאריזם און אונטערוואַרפט די אינטערעסן פון דעם פּראלעטאריאט פון די אונטערדריקטע נאציעס אונטער די אינטערעסן פון דעם פּראלעטאריאט פון דער הערשנדער נאציע,

אז אנדערזייטס מוז דאס עקזיסטירן פון אונייניקע סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציעס שעדלעך ווירקן אף דער גאנצער ארבעטער־באוועגונג,

— געפינט דער צוזאמענפאר:

אז די ר. ס. ד. א. פּ. דארף זיך צוזאמענשטעלן פון זעלבשטענדיקע נא־

ציאנאלע סאצ.-דעמ. ארגאניזאציעס, פאראייניקטע אף פעדעראטיווע יעסוידעס, און רופט די ארגאניזאציעס צו פארטיידיקן דעמדאזיקן פרינציפ און צו קעמפן מיט די שטרעבונגען פון דער ר. ס. ד. א. פ. אריינצוציען אין אירע רייען די אידישע ארבעטער-מאסע, אויפדעקנדיק אין דיזן קאמף די בורזשואז-אסימילאטארישע אידעאלאגיע פון דער אידישער „איסקראאישער“ אינטעליגענץ, וועלכע פאלסיפיצירט פאר דעם רוסישן פראלעטאריאט די עמעסע אינטערעסן פון דעם אידישן פראלעטאריאט.

ג. די ציאניסטן-סאָציאליסטן (ס. ס.) און דער סאָציאליסטישער אינטערנאציאנאל.

(„דער אידישער פראָלעטאַריאַט אַפן אינטערנאַציאָנאַל“, „אונזער וועג“, נומ. 1, אווגוסט 1907).

צום ערשטן מאָל איז פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַל דערשינען דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אַלס אַ אידישער[141]. צום ערשטן מאָל האָבן זיך די פאָרשטייער פונם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם אנגעשטויסן פּאָנים על פּאָנים מיט דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט און האָבן געדאַרפט באַשטימען זייער באַציאונג צו אים, צום פּראָבלעם פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, אין וועלכן ס׳שפּיגלט זיך אַזוי אָפּ דער גאַנצער מעהוס פונם אידישן לעבן מיט אַלע זיינע באַזונדערהייטן און אומנאָרמאַלקייטן, צו דעם אידישן פּראָבלעם, וועלכעס מ׳האָט טאָמיד גערעכנט פאַר בעסער צו פאַרשווייגן אויך דאָ, אינם רעוואָלוציאָנערן לאַגער, וועגן וועלכעס מ׳האָט טאָמיד גערעכנט פאַר בעסער ניט צו וויסן אויך דאָ, וואו ס׳ווערן ארויסגערוקט פּראַגן פון פּראָלעטאַריאט פון אַלע לענדער און פעלקער. צום ערשטן מאָל האָט מען דאָ דערהערט דעם קאָל פונם אידישן פּראָלעטאַריער.

אינם אינטערנאַציאנאל איז, עמעס, געווען פארטרעטן אן אָרגאַניזאַציע פון אידישע אַ ר ב ע ט ע ר, אַ שטאַרקער טייל פון דער ר ו ס י ש ע ר סאָציאַלדעמאָקראַטיע, דער אוואַנגאַרד פון דער ר ו ס י ש ע ר רעוואָלוציע,—ס׳איז דאָ געווען פארטראטן דער „בונד“. נאָר דער א י ד י ש ע ר פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט האָט דאָ געפעלט; דער אידישער פּראָלעטאַריאַט מיט אַלע זיינע ליידן און שמערצן, מיט אַלע זיינע פּראָבלעמען און ווייטאָקדיקע פּראַגן, דער אידישער פּראָלעטאַריאט, וועלכער פאַרנעמט ניט דאָס לעצטע אָרט אין דער אַרבעטעראַרמיי—אָט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיינע פארטרעטער אינם אינטערנאַציאָנאַל ניט געהאט און האָט ניט געשטערט די רו פון דער אידישער אסימילאציע, וועלכע כאַזוערט איבער אף פאַרשיידענע נוסכאָעס איר אייביקן מאיאפעס-פּיזמען אין אַלע לענדער און פעלקער פון דער וועלט, אין אַלע שיכטן אין קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. די אידישע סאָציאַליסטן פון דער רוסישער, דייטשער, פּוילישער א. א. נאציאָנאַליטעטן קענען ניט פארטראגן דעם קאָל פון דעם אידישן אַרבעטער, און זיי פלעגן אנעמען, זיי גענמען נאָך

אדהאיעם אן, אַלע מיטלען קעדיי אים צו דערשטיקן. די ארגאַניזאַציע אָבער פון אידישע אַרבעטער האָט די אידישע אסימילאַציע אין די סאציאַליסטישע רייען ווי ס'ניט איז גערולדעט. דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז פאַר דער אסימי-לאַציע ניט געווען געפערלעך, פאַרקערט, די זעלבע, וועלכע דערשטיקן בּאַ זיך אין דער היים יעדעס שטרעבן פון די אידישע אַרבעטער זיך זעלבשטענדיק צו אָרגאַניזירן, וועלכע רוידעפן אין „זייער" עסטרייך „זייער" בונד[142], לויבן אין טאָג דעם „בונד" אין רוסלאַנד, פאַר זיי איז דער „בונד" אין רוסלאַנד „די גרעסטע אָרגאַניזאַציע אין דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע" (אדלערס ווערטער), אַ רוסישע אָרגאַניזאַציע מיט רוסישע אויפגאַבן, די „עלטסטע" אָרגאַניזאַציע אין דער רוסישער רעוואָלוציע. איר איינציקן כעט—דאָס, וואָס זי בּאַשטייט פון בלויז אידן, האָט דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע שוין גע-בוג פארגלעט מיט איר טרייער דינסט דער רוסישער רעוואָלוציע, מיט איר טרייען קאַמף קעגן די נאַציאָנאַלע שטרעמונגען אינם אידישן פּראָלעטאַריאַט, מיט איר „שטענדיקער מילכאָמע קעגן ציאָניזם", קעגן „דעם פּראָלעטאַרישן ציאָניזם" בּאַזונדערס. און דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטרעבט צוצופּאַסן דעם אידישן אַרבעטער צום רוסישן לעבן, וועלכע אַנטוויקלט בּאַ אים די געפילן פון אַ רוסישן בירגער, דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע „שטייט מיט ביידע פיס אין רוסלאַנד" (די ווערטער פונם בונדישן פאָרשטייער אין דער רוסישער סעקציע), דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע דולדן די סאָציאַליסטישע מאַיאָפעס-אידן פון פאַרשיידענע נאַציעס. זי רופט זיי צו גארניט, זי וועקט אין זיי גאָרניט, זי בּאַרירט אין זיי גאָרניט.

נאָר אָט האָט זיך אינם אינטערנאַציאָנאַל דערהערט דער קאָל פונם אידישן פּראָלעטאַריער, וועלכער האָט גערעדט וועגן זיינע בויטבּאַדערפעניש און אינטערעסן, וועלכער איז מוידיע דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, אַז ער האָט זיינע פּראָבּלעמען און אויפגאַבן. ער, דער אידישער פּראָלעטאַריער, איז געקומען אין אינטערנאַציאָנאל אין נאָמען פון זיינע קארבּאַנעס, פון זיינע ליידן, פון זיינע שטרעבונגען, פון זיינע האָפענונגען. ער איז געקומען און האָט געפאָדערט פאַר זיך אַ גלייך אָרט מיט אַלע אַנדערע פּראָ-לעטאַריער, און געפאָדערט האָט ער עס אפן און דרייסט, אין נאָמען פון זיינע אינטערעסן און פון זיין צוקונפט.

און אומערוואַרטעט-ניי האָט דידאָזיקע שטימע געקלונגען. ער האָט דאָרט צעשטערט די רו פון דער אידישער אסימילאַציע, ער האָט אָבער אויך געמאַכט אַ סאָף צו דער גלייכגילטיקייט פון די אַלע פאַרשטייער פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, פאַר וועמען ס'זיינען ווירקלעך טייער די אינטערעסן פון אַלע פּראָלעטאַריער. אַהער אין אינטערנאַציאָנאַל, וואו ס'איז קיינמאָל קיין אידן-פראַגע ניט געווען, אהער אין לעצטן דוכט זיך מאקעם מיקלאָט פון דער אי-דישער אַסימילאַציע—איז אריינגעקומען שטאָלץ און דרייסט דער אידישער פּראָלעטאַריער, ברענגענדיק מיט זיך זיין גאַנצע אידיש-נאַציאָנאַלע און „צי-אָניסטישע" „רעאַקציע". ער איז אריינגעקומען און האָט אויפגעהויבן זיין פּראָטעסט-שטימע.

די אָנגעשראָקענע אַסימילאַנטן און קנעכט-אידן האָבן דאָס אַלץ ניט גע־קענט פאַרטראָגן,—און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעדרע פון מעסירעס אפן אידישן פראָלעטאַריאַט. נאָך מער ליגנס און בילבולים, נאָך מער רעכי־לעס און בייזע אויסטראַכטענישן, וואָס ס'קען נאָר ערפינדן די פאַנטאַזיע פון אַ אידישן אסימילאַטאָר, וועלכער האָט מוירע פאַר זיין אידישן שאָטן,—האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אפן אידישן פראָלעטאַריאַט, אף דעם טייל פון דער אידי־שער אַרבעטערשאַפט, וועלכער האָט שוין מיט זיין קאַמף לאַנג דערוויזן די אומזיניקייט און נידערטרעכטיקייט פון אַזוינע בילבולים און מעסירעס. „באַ־טראַכט זיך"—האָבן זיי געדראָט—„איצט ווען צו אונז אריינגיין אידיש-סאָ־ציאַלן, דערנאָך וועלן קומען קאַטוילישע-סאָציאַלן, קריסטלעך-סאַציאַלן—און פאַר אַלעמען וועלן מיר מוזן עפענען די טירן פונם אינטערנאַציאָנאַל, וויבאַלד ס'וועלן אַהין אריינגיין די ס. ס."

דאָס איז שוין ניט די באשולדיקונג אין קליינבירגערלעכקייט, וועלכע האָט שוין אַלעמען דערעסן, דער אידישער מאַלשין האָט אנדערע, שטאַרקערע מע־סירעס אין זיין ארסענאַל. „די ס. ס. זיינען שאָוויניסטן, די ס. ס. זיינען אָר־טאָדאַקסן, די ס. ס. זיינען קלעריקאַלן"—אָט אַזוי טאַינעט שוין יאמערלעך דער צעטומלטער אסימילאַנט. ווייטער איז שוין שווער צו גיין אפילע פאַר אַ מאַ־יאפּעס-אידן.

נאָר דאָס אַלץ איז געווען אומזיסט. מע האָט דער מאַלשינעס ניט גע־גלויבט, מע האָט ניט געטרויט דער אסימילאַציע. די אַנדערע, די עמעסע דעמאָקראַטן, די עמעסע פאָרשטייער פונם אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַריאַט, וועלכע זיינען דער אידישער אַרבעטער-מאַסע פרעמד, וועלכע וייסן פון איר ניט, האָבן דאָך דערפילט, אַז דער עמעס איז באַ די פאַרטרעטער פון דער־דאָזיקער ליידנדער מאַסע און ניט באַ די, וועלכע האָבן זי פאַרלאָזן אין שלאַכט, וועלכע האָבן זי פאַראַטן. זיי האָבן אויסגעדריקט זייער פארטרויען די פאַרטרעטער פון דער צ. ס. א. פּ., און—ווער ווייס?—זיי האָבן עפשער אויך אנגעהויבן גלויבן אין דער צוקונפט פונם אידישן פראָלעטאַריאַט.

און דער אידישער פראָלעטאַריאַט איז אריינגעקומען און האָט פאַרנומען אַן אָרט אינם אינטערנאַציאָנאַל. אָבער נאָך ניט זיין אָרט האָט ער פאַרנומען. אריינקומענדיק אַלס אידישער פראָלעטאַריאַט, איז ער אָבער דאָרט שוין פארעכנט געוואָרן פאַר אַ רוסישן, פוילישן אָדער אמעריקאַנישן. צעזייט און צעשפּרייט איז דער אידישער פראָלעטאַריאַט צווישן פאַרשיידענע פעלקער און פאַרשיידענע לענדער. און אַפילע די זיינע טיילן, וועלכע זיינען אייניק אין גייסט, אין זייערע שטרעבונגען צו איין צוקונפט, אין זייער אידעאַל, מוזן זיי אויך זיין צעוואָרפן אין פאַרשיידענע סעקציעס פונם סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל. אין בונד פון די פראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער מוז פאַרנעמען זיין ארט דער אידישער פראָלעטאַריאַט אלס אזעלכער און די אידישע נאַציע אלס אזעלכע.

און די צ. ס. א. פּ. האָט געמאַכט איר ערשטן באַדייטנדן שריט אף איר וועג צו דערקעמפן דעם אידישן פראָלעטאַריאַט א גלייכווערטיק אָרט צווישן

די פראָלעטאַריער פון אַלע אנדערע פעלקער. זי האָט אוועקגעשטעלט אפן אינטערנאציאָנאל דאָס אידישע נאַציאָנאַלע פראָבלעם אין זיין ריינסטער פאָרם. באקומענדיק אַ פארטרעטונג אפן קאָנגרעס און ניט ארייגגייענדיק ניט אין איינע פון די רוסישע אינטערסעקציעס, ניט אין די ס״ד׳קישע און ניט אין די ס״ר׳ישע, האָט זיך די צ. ס. א. פ. פאקטיש ניט געפונען אין דער רוסישער סעקציע איבערהויפּט און דערמיט האָט די צ. ס. א. פ. העל דערוויזן, אז דער אידישער פראָלעטאריאט איז שוין גענוג אויסגעוואקסן, אז ער האָט גענוג אייגענע פראבלעמען און אינטערעסן, אז ער זאָל אויך ווייטער ארומבלאנדזען אין פרעמדע נאציאנאלע סעקציעס פונם אינטערנאציאנאל, אז מ׳זאָל די אידישע אַרבעטער־באוועגונג אויך ווייטער קענען באטראכטן אלס אַ נישטווערטיק טיילכעלע פון דער רוסישער, פוילישער, רומענישער א. א. סאציאליסטישער באַוועגונג.

דערוויל אָבער האָט די צ. ס. א. פ. געהאט אפן קאנגרעס דעם גורל פונם אידישן פאָלק און פונם אידישן פראָלעטאריאט, וועלכן זי האָט דארט פארטרעטן. זי איז דאָרט געווען נאוועגאד, זי האט ניט געהאט דארט קיין געזיכערטן „היימשטאט״. דער אידישער פראָלעטאריאט דארף דערום זעען ערקעמפן זיך אַ „היימשטאט״ אפן אינטערנאַציאָנאַל, וואו די פראָלעטאַריער פון אלע אנדערע פעלקער האָבן עס שוין. ער האָט זיינע אינטערעסן, זיינע אויפגאַבן, ער שטרעבט צו זיין צוקונפט—און אין נאָמען פון דאָס אלץ מוז ער פאַרהיטן זיין „איך״, ער מוז באַקומען זיין אָרט אפן אינטערנאַציאָנאַל, ס׳מוז באשאפן ווערן די פארטרעטונג פונם אידישן פראָלעטאריאט אינם אינטערנאציאָנאלן סאָציאליזם. נאר דאן וועט דער אידישער ארבעטער ווערן אַ גלייכבארעכטיקטער מיטגליד פון דער אינטערנאַציאנאלער ארבעטערפאַמיליע.

דער אידישער אַרבעטער־קלאַס דארף שטרעבן צו שאַפן א אידישע סעקציע אפן אינטערנאציאָנאל. די צ. ס. א. פ. האָט דעם ערשטן שריט דערצו געמאַכט. זי וועט אויך ווייטער גיין אינם דאָזיקן וועג.

111. די אידישע סאָציאל־דעמאָקראטישע אַרבעטער־פּאַרטיי „פּויאלי־ציאָן״[143].

(אויסצוגן פון פראגראם־פּראָיעקט)

I. די אַלגעמיינע פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי.

1) די פּראָגראַם־מאַקסימום פון דער פּאַרטיי איז—דער איבערגאַנג פון אַלע פּראָדוקציע־מיטלען אין די הענט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, די איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט אף סאָציאַליסטישע יעסוידעס; דער איינציקער וועג, וואָס די פּאַרטיי אַנערקענט, איז — דער קלאַסן־קאַמף פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין די רייען פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

2) דער וויכטיקסטער פונקט פון דער פראָגראַם-מינימום פון דער פאַרטיי, וואָס אונטערשיידט זי פון די איבעריקע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטייען, איז די פאָדערונג פון טעריטאָריאַלער אַוטאָנאָמיע אף דעמאָקראַטישע יעסוידעס פאַרן אידישן פאָלק אַלס אַ נויטיקע באַדינגונג פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון זיינע פראָדוקטיווע קרעפטן.

3) דידאָזיקע טעריטאָריאַלע אַנטוויקלונג קען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר אין פאַלעסטינע און דער אידישער פראָלעטאַריאַט דאַרף מיטהעלפן דער פאַרווירקלעכונג פון דעמדאָזיקן פונקט פון זיין פראָגראַם-מינימום, גלייך מיט אלע איבעריקע פונקטן, דורך קלאַסן-קאַמף.

4) צווישן דעם קלאַסן-קאַמף און פאָליטישער דערציאונג פונם אידישן פראָלעטאַריאַט אין גאָלעס, פון איין זייט, און דער רעאַלער אַרבעט אין פאַלעסטינע, פון דער צווייטער, עקזיסטירט אַ דירעקטע און אומטיילבאַרע פאַרבינדונג.

II. די אַרבעט אין גאָלעס.

1) אין די גאָלעס-לענדער שטרעבט די פאַרטיי דורך דעם קלאַסן-קאַמף צו דער מאַקסימאַלער דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפט, אַף וויפל עס איז מעגלעך אין די גרעניצן פון דער בורזשואַזערווירטשאַפט, און אַף אַזאַ אויפן אַנטוויקלט זי די אַלגעמיינע פראָגראַם-מינימום פון אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטייען.

2) בענוגייע צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע שטעלט די פאַרטיי אַרויס די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל-פאָליטישער אַוטאָנאָמיע מיט דער ברייטער עקאָנאָמישער, קולטורעלער און פינאַנציעלער קאָמפעטענץ אין אַלע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פאַר יענע נאַציאָנאַליטעטן, וועמענס אינטערעסן עס קענען ניט גענוג באַפרידיקט ווערן דורך דער טעריטאָריאַלער (געגנט) אַוטאָנאָמיע.

3) אַרויסשטעלנדיק די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל-פאָליטישער אַוטאָנאָמיע, אַלס אַ מאַקסימאַלע פאָרמול פון די אידישע נאַציאָנאַלע רעכט אין גאָלעס, שטרייכט די פאַרטיי פונדעסטוועגן אונטער, אַז דערדאָזיקער אינסטיטוט קען בעשום אויפן ניט באַטראַכט ווערן אַלס דער נויטיקער און איינציקער וועג צום ציאָניזם, און אַז ביז דער פאַרווירקלעכונג פון דער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע קענען קיין שום דעמאָקראַטישע אינסטיטוטן און נאַציאָנאַלע רעכט אין גאָלעס ניט לייזן די אידן-פראַגע.

4) אַפן וועג צו דער מאַקסימאַלער פאָרמול פון נאַציאָנאַלע רעכט, וועלכע איז מעגלעך אין גאָלעס, שטעלט די פאַרטיי אַרויס אַ ריי איבערגאַנגס-פאָדערונגען: פרייהייט פון נאַציאָנאַלער דערציאונג, נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַוטאָנאָמיע, גלייכבאַרעכטיקונג פון שפראַכן, פראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטונג אין די געזעצגעבערישע, אַדמיניסטראַטיווע און געריכטס-אָרגאַנען.

III. די אַלגעמיינע פרינציפן פון דער פאַרווירקלעכונג פונם ציאָניזם.

1) דער פראָלעטאַרישער ציאָניזם אַנערקענט פאַר רעאַלע נאָר יענע וועגן

צו פֿאַרווירקלעכן דעם ציאָניזם, וועלכע זיינען פֿאַרבונדן מיט דעם פּרינציפּ פֿונם קלאַסן=קאַמף און מיט דער פּראָגרעסיווער דעמאָקראַטיזירונג פֿון דער געזעלשאַפֿט, סײַ אין די גאָלעס-לענדער, סײַ אין פּאַלעסטינע גופֿע.

...3) דער פּראָלעטאַרישער ציאָניזם אַנערקענט, אַז די היסטאָרישע נויט= װענדיקייט פֿירט צו דער פֿאַרשטאַרקונג און פֿאַרברייטערונג די אידישע פּאָזי- ציעס אין פּאַלעסטינע און אויך צו דעם, אַז די אַרומיקע פֿעלקער זאָלן ווערן אַלץ מער פֿאַרינטערעסירט אין דער לייזונג פֿון דער אידן-פֿראַגע, אין צוויי ריכטונגען:

א) די דעגענעראַציע פֿון די ברייטע מאַסן פֿון דער אידישער קליין- בורזשואַזיע, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט די פּאָגראָמען, די פֿאַראָרימערונג און וואוקס פֿונם אידישן רעוואָלוציאָניזם, ווי אויך די אידישע עמיגראַציע, רופֿן אַרויס די פֿאַרינטערעסירטקייט פֿון די קולטורעלע פֿעלקער אין דער טערי- טאָריאַלער לייזונג פֿון דער אידן-פֿראַגע; די נאַציאָנאַלע ווירקונג פֿון די אידן אין גאָלעס, וועלכע וואַקסט גלייכצייטיק מיט דעם, פֿאַרגרינגערט די מעגלעכ= קייט אויסצונוצן דידאָזיקע אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרינטערעסירטקייט אַף צו פֿאַרווירקלעכן דעם ציאָניזם. ב) די פֿאַרברייטערונג פֿון די אידישע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע, ווי אויך די רייבונגען און צוזאַמענשטויסן מיט די רעאַקציאָנערע קרעפֿטן פֿון לאַנד, וואָס ווערט דאָרטן אַלץ שטאַרקער, רופֿט אַרויס אַלץ אַ שטאַרקערע אַריינמישונג פֿון די קולטורעלע פֿעלקער אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פֿון פּאַלעסטינע גופֿע, קעדיי צו רעגו- לירן דאָרטן די אידן-פֿאַרגע אין אַ דעמאָקראַטישער ריכטונג; די אידישע נאַציאָנאַלע ווירקונג אין פּאַלעסטינע, וואָס וואַקסט גלייכצייטיק, פֿאַר- גרינגערט די מעגלעכקייט אויסצונוצן דידאָזיקע אינטערנאַציאָנאַלע אינ- טערווענציע אַף צו דערגרייכן די פּאָליטישע טעריטאָריאַלע אווטאָנאָמיע אין פּאַלעסטינע.

4) אין ביידע אָנגעוויזענע ריכטונגען ווירקן סײַ די קרעפֿטן פֿונם אידישן קאַפּיטאַל, סײַ פֿון דער אידישער אַרבעט: א) דער קאַמף צווישן דער אידישער אַרבעט מיטן קאַפּיטאַל אין גאָלעס ציט אריין דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין דעם אַלוועלטלעכן קלאַסן-קאַמף און דורכדעם גיט ער דעם אידישן פֿאָלק אַ מעגלעכקייט צו באַנוצן זיך מיט די פּרוכט פֿון דער דעמאָקראַטיזירונג פֿון דער געזעלשאַפֿט, מיט וואָס עס איז אויך פֿאַרבונדן די נאַציאָנאַליזירונג פֿון דער געזעלשאַפֿט ביכלאַל און די פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער אידישער נאַציאָנאַ= לער ווירקונג ביפֿראַט; ב) דער קאַמף צווישן דער אידישער אַרבעט און קאַ- פּיטאַל, וואָס עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע, באַשאַפֿט אַ באָדן פֿאַר דער אַלץ שטייגנדיקער דעמאָקראַטיזירונג פֿון דער געזעלשאַפֿט אין פּאַלעסטינע גופֿע.

5) דער פּראָצעס פֿון דער אידישער עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע איז אַ סטיכיִיאישער פּראָצעס, ער באַקומט זיך דערפֿון, וואָס אין די פֿריערדיקע גרויס=קאַפּיטאַליסטישע לענדער פֿון דער אידישער עמיגראַציע איז פֿאַר די אידן אַלץ שווערער אַריבערצוגיין צו די העכסטע פּראָדוקציע-פֿאָרמען. די באַ- דערפֿעניש צו עמיגרירן ווערט באַ די אידן ניט שוואַכער, פֿאַרקערט, צוליב

דעם, וואָס זיי ווערן עקאָנאָמיש אַרויסגעשטויסן מאכמעס דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ, ווערט זי אַלץ שטארקער און שטארקער. דערפאר זיינען די אידן איצט אַלץ מער געצוואונגען צו לאָזן זיך קיין פּאַלעסטינע, אלס אין דעם איינציקן האַלב-לאַנדווירטשאפטלעכן לאנד, וואוהין עס קען עמיגרירן די אידישע קליין-קאַפּיטאליסטישע בורזשואַזיע.

6) דער פּראָלעטארישער ציאָניזם, אין אונטערשייד פון די פריערדיקע שטרעמונגען אין ציאָניזם, אַנערקענט, אַז די אויפגאבע פון דער ציאָניסטישער באוועגונג באשטייט ניט אינם געפינען א טעריטאָריע, ניט אינם קריגן אַ טשאַרטער און ניט אין אן אפּויכטלעכער קאָלאָניזאַציע, נאָר אין דער פּלאַנמעסיקער רעגולירונג פונם סטיכייאישן פראצעס פון דער אידישער עמיגראציע קיין פּאלעסטינע (וואָס קאָן דערגרייכט ווערן דורך קלאסן-קאַמף) און אין דער דערגרייכונג פון פּאָליטיש-טעריטאָריאלער אנטוויקלונג אין דאָזיקן לאַנד.

...די אלגעמיין ציאָניסטישע איינריכטונגען דארפן בלויז פארגרינגערן אָרגאניזירן און ראציאָנאַליזירן די סטיכייאישע עמיגראציע, שטיצנדיק זיך אף די אויבנאָנגעוויזענע פאקטאָרן: די אינטערנאציאָנאלע פארינטערעסירטקייט, די דעמאָקראטיזירונג פון דער געזעלשאַפט און דער וואוקס פון דער אידישער נאציאָנאלער ווירקונג.

7) אין דידאָזיקע פּראָצעסן פירט אָן דער פּראָלעטארישער ציאָניזם מיט דעם קלאסן-קאַמף פונם אידישן פּראָלעטאריאט אין גאָלעס און אין פּאלעסטינע, און דער בורזשואזער ציאָניזם רעגולירט די איבערפירונג פון די אידישע קאַפּיטאַלן אין לאנד. דידאָזיקעביידע קרעפטן — דער בורזשואזער ציאָניזם און דער פּראָלעטארישער—זיינען ניט אָפּגעזונדערט אינם רעאליזירונגס-פּראָצעס פונם ציאָניזם, נאָר אין דערזעלביקער צייט האָבן זיי צו טאָן מיט פאַרשיידענע עלעמענטן און גייען אַרויס פון פארשיידנארטיקע אינטערעסן; אף דעמדאָזיקן באדן קומט צווישן זיי פאָר אין דער דערגרייכונג פון דער טעריטאָריאַלער אַווטאָנאָמיע אַ קלאסן-קאמף.

IV. די באציאונג צו די אַלגעמיין-ציאָניסטישע איינריכטונגען.

1. דער פּראָלעטארישער ציאָניזם געפינט פאר נויטיק צו קאָאָרדינירן זיינע האנדלונגען מיט דעם בורזשואזן ציאָניזם אין די פראגן, וועלכע עס האָבן אַ שאַיכעס צו דער רעאלער אַרבעט אין פּאלעסטינע, אָבער נאָר אף אַזאַ אויפן, אז ער זאָל ניט דארפן נעמען אף זיך קיין פאראנטוואָרטלעכקייט פאר אַזעלכע האנדלונגען, וועלכע ווידערשפּרעכן דער פּראָלעטארישער טעטיקייט. די פראגע וועגן דעם, ווי אזוי צו באטייליקן זיך אינם ציאָניסטישן קאָנגרעס, האלט ער פאר א ריין-טעכנישע.

. . . .

...4) די פּראָלעטארישע ציאָניסטן באטייליקן זיך אין די אַלגעמיין-ציאָניסטישע געזעצגעבערישע און קאָנטראָל-איינריכטונגען און אין די אינסטיטוטן, וואָס זיינען באשטימט אף אויסצופאָרשן פּאַלעסטינע. אין דידאזיקע אַלע איינריכטונגען פאָדערן זיי פארטייאישע פאָרשטייערשאַפט, און אין די געזעצגע-

בערישע איינריכטונגען — אף דעם ציאָניסטישן קאָנגרעס — שיקן די פּראָלעטארישע ציאָניסטן פאָרשטייער באזונדער פון די בורזשואזיע.

5) די פארטיי שטרעבט צו דעמאָקראטיזירן דעם קאָנגרעס, באזונדער צו פארבייטן דעם שעקל[144] מיט דעמאָקראטישערע וואל-און ביוזשעט-פאָרמען.

V. די רעאלע אַרבעט אין פּאלעסטינע.

3...) די פארטיי פאָדערט פונם קאָנגרעס, אז צוגלייך מיט דער אָרגאניזירונג פון שטענדיקע איינריכטונגען פאר דער פּלאנמעסיקער אויספאָרשונג פון די געאָגראַפישע, קלימאטישע און אנדערע באזונדערהייטן פון פּאלעסטינע, זאָלן אויך באשאפן ווערן שטענדיקע איינריכטונגען פאר דער אויספאָרשונג פון די סאָציאל-עקאָנאָמישע פארהעלטענישן אין פּאלעסטינע. די פארטיי פאָדערט אויך, אז מע זאָל ארגאניזירן אינפאָרמאציע-ביוראָען אין פּאַלעסטינע, מיט וועלכע עס זאָלן זיך קענען באנוצן די אידישע עמיגראנטן, וואָס ווילן אַנווענדן זייערע קאַפּיטאלן אָדער ארבעט; אכוץ דעם, קעדיי אויפצוהויבן די פּראָדוקטיווע קרעפטן אין לאנד, פאָדערט די פאַרטיי, אז מע זאָל באשאפן אין פּאלעסטינע מוסטערהאפטע ווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגען, וועלכע זאָלן אַרויסרופן בא דער אידישער באפעלקערונג א ברייטע שטרעבונג זיי נאָכצוטאָן.

6...) די פארטיי אָרגאניזירט דעם אידישן פּראָלעטאריאט אין פּאַלעסטינע און אַנערקענט, אַז א נויטיקע באדינגונג פאר א פּלאַנמעסיקער רעאלער פּראָלעטארישער אַרבעט אין פּאלעסטינע איז די באשאפונג פון אן אַלוועלטלעכן אידישן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אַרבעטער-פאַרבאַנד „פּויאליי-ציון".

צ. ק. פון דער איד. סאָצ.-דעמ. ארב.-פּאַרטיי „פּויאליי-ציון".

מארט, 1906.

112–114. די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי („ס ע ר פּ")[145].

(זאמלבוך „סערפּ" I, 1907).

א. אויסצוגן פון פּאַרטיי-פּראָגראַם.

...די באַזונדערע באַדינגונגען פונם היסטאָרישן לעבן האָבן אויסגעאַרבעט פונם אידישן פאָלק אַן אייגנארטיקן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם. די אידישע נאַציע האָט זיך פעסט צוזאַמענגעבונדן נאָך אין דער צייט פון איר פּילהונדערטיאָריקן זעלבשטענדיקן לעבן, איידער די רוימער האָבן זיי אונטערגעדריקט. נאָר נאָך דעם, ווי זיי זיינען פארטריבן געוואָרן פון זייער פאָטערלאַנד, האָבן די אידן מיטאַמאָל אין גרויסע מאָסן אריינגעדרונגען אין פרעמדע נאַציאָנאַלע און מלוכע-אָרגאַניזמען.

ניט איינציקווייז, ניט צעשפרייט, נאָר אין גרויסע מאַסן, אַלס אַ גאַנצער קאָלעקטיוו, האָבן די אידן אָנגעהויבן ביסלעכווייז צוצופּאַסן זיך צו דערדאָזיקער פרעמדער עטנאָגראַפישער און סאָציאַלער סוויווע.

די שטרעבונג צוצופּאַסן זיך צו דערדאָזיקער באַוועגלעכער, אַקטיווער און דערצו נאָך פיינדלעכער אויסערלעכער סוויווע, שטיצנדיק זיך דערביי אַף דער קראַפט פון גאַנצן אידישן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, — אַט די דאָזיקע שטרעבונג באַשטימט מיט זיך דעם גאַנצן ווייטערדיקן היסטאָרישן לעבן פון די אידן.

דער שטענדיקער אָנגעשטרענגטער קאַמף, פון איין זייט, וועלכן דער אידישער נאַציע קומט אויס צו פירן, גיט איר צו אַ באַזונדער שטאַנדהאַפטיקייט, אַרבעט אויס איר וואונדערלעך פעסטע אינערלעכע אָרגאַניזאַציע; פון דער אַנדער זייט, ווערן די פּראָצעסן פון איר אינערלעכן לעבן און אַנטוויקלונג אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דער אַנטוויקלונג פון דער אויסערלעכער סאָציאַלער סוויווע, וואָס רינגלט זי אַרום.

דאָס אַלץ האָט זיך בוילעט אויסגעדריקט אין דער אייגנאַרטיקער סאָציאַל-עקאָנאָמישער סטרוקטור, אין די באַזונדערע פאָרמען פונם פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון דעם אידישן געטאָ.

דערדאָזיקער גרונט-כאַראַקטער פונם אידישן לעבן בייט זיך ניט אום אַפילע נאָכדעם, ווען צוזאַמען מיטן פעאָדאַליזם פאַלן איין די ווענט פונם געטאָ.

די שווערע באַדינגונגען פון אָפּהענגיקייט פון דער ארומיקער סאָציאַלער סוויווע, אין וועלכער עס געפינט זיך דער עקאָנאָמישער לעבן פונם אידישן פאָלק, ווייזן זיך באַזונדער שטאַרק ארויס מיט דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם. דער פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די מיזרעך-אייראָפּעאישע לענדער — רוסלאַנד און עסטרייך,— וואו עס איז קאָנצענטרירט די גרעסטע מערהייט פון דער אידישער נאַציע, צווינגט זי צוצופּאַסן זיך צו די נייע פּראָדוקציע-פאַרהעלטענישן, און דאָס ברענגט צו דער אומענדערונג פון איר גאַנצער סאָציאַל-עקאָנאָמישער סטרוקטור. אַזוי ווי אָבער די אידישע מאַסע באַשטייט אין איר גרעסטער מערהייט פון שטאָטישער קליין-בורזשואזיע — הענדלער און באַלמעלאָכעס — און האָט קימאַט גאָרניט קיין קלאַסן פון ערדאַרבעטער און ערדבאַזיצער, האָט זי זיך לויט איר סאָציאַלן צוזאַמענשטעל אַרויסגעוויזן זייער ווייניק צוגעגרייט אַף אריבערצוגיין צו העכערע פאָרמען פון דער פּראָדוקציע.

די אידישע קליין-בורזשואזיע, וואָס ווערט זייער שטאַרק ארויסגעשטויסן פון אַלע אירע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, מאַכמעס דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם און פונם נאַציאָנאַלן קאַמף, וואָס פאַרשאַרפט זיך אַלץ מער, באַגעגנט אַפילע ווען זי טרעט אַריין אין די רייען פון דער אַרבעטער-אַרמיי, גרויסע שוועריקייטן, סיי אין דער פאָרם פונם געזעלשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם און באַגרעניצונגען פון אירע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט, סיי אין דער פאָרם פון אינערלעכער — טעכנישער און סאָציאַלער — ניט צוגעפּאַסטקייט צו די נייע פאָרמען פון דער פּראָדוקציע.

אָט דידאָזיקע אורזאַכן צווינגען דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט צו קאָנצענטרירן זיך איבערהויפּט אין די אָפּגעשטאַנענע פּראָדוקציע-צווייגן און אדאנק דעם שטאַרקן דראַנג פון די פּראָלעטאַריזירטע מאַסן, דעם אומנאַטירלעכן וואוקס פון דער רעזערוו-אַרבעטער-אַרמיי און לומפּן-פּראָלעטאַריאַט—ווערט דעם אידישן אַרבעטער-קלאַס זייער שווער צו פירן זיין קלאַסן-קאַמף.

אונטערן דרוק פון די אַלע אָנגעוויזענע סיבעס באַקומט די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם בא די אידן אַ באַזונדער ברענענדיקן כאַראַקטער; די נאַציאָנאַלע רייבונגען צווישן די אידן און די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן דערגרייכן די גרעסטע אָנשטרענגונג, און דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פילט אַף זיך די גאַנצע שווערקייט פון דעם אומערטרעגלעכן נאַציאָנאַלן דרוק. די נאַציאָנאַל-פּאָליטישע אַווטאָנאָמיע באַקומט דעריבער פאַרן אידישן פּראָלעטאַריאַט און דעם גאַנצן אידישן פאָלק אַ באַדייטונג פון אַן אומבאַדינגטער היסטאָרישער נויטווענדיקייט.

נאָך דער וועג פון דער היסטאָרישער באַפרייאונג פונם נאַציאָנאַלן דרוק, וואָס איז באַשאפן געוואָרן אינם מעשעך פון הונדערטער יאָרן, שטעלט מיט זיך פאָר אַ לאַנגע קייט, וואָס באשטייט פון א גאַנצע רייע באַזונדערע רינגען. די נאַציאָנאַל-פּאָליטישע אווטאָנאָמיע פאַר די אידן אין גאָלעס שטעלט מיט זיך פאָר ניט מער ווי איין עטאַפּ אין דער נאציאָנאַלער באפרייאונג פונם אידישן פאָלק.

ווען אַלע פעלקער, וואָס באַוואוינען אַ מלוכע מיט פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וועלן באקומען נאַציאָנאַל-פּאָליטישע אווטאָנאָמיע, וועט זיך קלאָר און בוילעט ארויסווייזן די אומבאַקוועמע לאַגע פון די אידן, וועלכע פארנעמען ניט אין ערגעץ קיין גאַנצע טעריטאָריע און זיינען אומעטום נאָר אַ מינדערהייט צווישן אַ מערהייט פון פרעמדע פעלקער. די פארווירקלעכונג פון דער אווטאָנאָמיע פאָדערט זייער אסאַך נאַציאנאַלע ענערגיע און פּלאַנמעסיקע קאָנצענטרירונג פון די נאַציאָנאַלע קויכעס. און אין דערדאָזיקער הינזיכט וועט די ברייטע אלע מאָל זיין אף דער זייט פון יענע פעלקער, וועלכע, פארנעמענדיק קעסיידער אַ גאַנצע טעריטאָריע, קענען אף איר מיט דער קלענסטער קויכעס-אָנווענדונג דערגרייכן די גרעסטע רעזולטאַטן אין זייער נאַציאָנאלער אנטוויקלונג.

אָט פאַרוואָס די נאַציאָנאלע אווטאָנאָמיע איז פאַר די אידן אין גאָלעס ניט מער ווי אַן איבערגאנגס-שטופע, און דער פּראָצעס פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג, וועלכע עס פארשטארקן די אווטאנאָמיע-יעסוידעס פונם נאַציאָנאלן לעבן, רוקט אליך אנטשיידענער ארויס די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון אַ טעריטאָריאלער קאָנצענטרירונג פון די אידן. און אף וויפל דידאָזיקע נויטווענדיקייט דרינגט אריין אינם געזעלשאַפטלעכן באוואוסטזיין און ווערט פון אים באַוויכטן, אף אַזויפיל ווערט די טעריטאָריאַלע קאָנצענטרירונג פון דער אידישער נאַציע און די דערגרייכונג פון איר נאציאנאלער זעלבשטענדיקייט דער באוואוסטזיניקער ציל פון א פּלאנמעסיקער געזעלשאפטלעכער באוועגונג פון יענע

קלאַסן, וועלכע דער נאַציאָנאַלער דרוק גיט ניט די מעגלעכקייט פריי צו אַנטוויקלען זיך.

בעראָש פון דידאַזיקע אַלע קלאַסן און עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט גייט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז אָרגאַניזירט דורך דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. שטיצנדיק זיך אַף דעם אַנטוויקלונגס-פּראָצעס פון די פּאָליטישע און סאָציאַלע לעבנס-פאָרמען און שעפּנדיק קרעפטן אין זיין קלאַסן-קאַמף, געפינט דער פּראָלעטאַריאַט די באַדינגונגען אַף צו דערגרייכן זיין נאַציאָנאַלן אידעאַל אַפן וועג פון זיין סאָציאַלער אַנטוויקלונג.

אין דעם שטענדיקן קאַמף פאַר זיין רעכטלעכער, פּאָליטישער, קולטורעלער און עקאָנאָמישער באַפרייאונג, פאַרטיידיקנדיק און פאַרשטאַרקנדיק טריט בא טריט זיינע סאָציאַלע פּאָזיציעס אַפן וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פון די אווטאָנאָמיע-יעסוידעס פונם נאַציאָנאַלן לעבן, גייט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און צוזאַמען מיט אים דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, געפירט פונם אָביעקטיוון גאַנג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, צו דער טעריטאָריאַלער קאָנצענטרירונג און אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע דאָרט און דענסטמאָל, וואו און ווען עס וועלן זיך געפינען די נויטיקע פאַר דעם פּאָליטישע קרעפטן.

ב. רעזאָלוציע פון י. ס. א. פּ. וועגן עמיגראַציע צום שטוטגאַרטער קאָנגרעס.

(„סערפּ" צווייטער זאַמל-העפט, פּעטערבורג, 1907).

דער יאָר-איין יאָר-אויס וואַקסנדער עמיגראַציע-שטראָם פון אייראָפּע אין די הינטער-אַטלאַנטישע לענדער שטעקט מיט זיינע וואָרצלען אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און קומט אלס פּועל יוצא פון עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע סיבעס. ער קען אויפהערן נאָר באַם לעצטן ניצאָכן פונם פּראָלעטאַריאַט, מיט דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, וועלכער אַנטהאַלט אין זיך די העכסטע פרייהייט פון פּערזענלעכקייט און דאָס רעכט פון אַלע אָן אויסנאַם פעלקער אַף ערד און פרייהייט.

דאָס הויפּט-שלעכטס פון דער עמיגראַציע פאַר די אַרבעטער-מאַסן אין די עמיגראַציע-לענדער באַשטייט דערין, וואָס דער עמיגראַציע-שטראָם רייסט אָפּט ארויס פון דאָרט די בעסטע, ענערגישערע מיטגלידער פון דעם אַרבעטער-קלאַס, און אַזוי אַרום שוואַכט ער באַדייטנד אָפּ זיינע קויכעס. נאָר איבערהויפּט ליידן פון דער עמיגראַציע די עמיגרירנדע מאַסן און די אַרבעטער אין די אימיגראַציע-לענדער גופע, איבערהויפּט דאָרט, וואוהין דער עמיגראַציע-שטראָם ריכטעט זיך פון לענדער פון אַ נידעריקערער עקאָנאָמישער און קולטורעלער מאַדרייגע. קומענדיק נאָך לאַנגע מאַטערנישן אין אַ פרעמדן קאַנט, מידע, אויסגעמוטשעטע דורך די שווינדלערייען פון די אַגענטן פון די דאַמפער-קאָמפּאַניעס און פּאָליציי-פאַרפאָלגונגען, אָן קיינע עקזיסטענץ-מיטלען, ביט באַקאַנטע מיט דער אָרטיקער שפּראַך, מיט די נייע לעבנס-באַדינגונגען,

ניט קענענדיק פאַרטיידיקן זייערע פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט — בלייבן די עמיגרירנדע מאַסן אַבסאָלוט אומבאַהילפיק. זיי פאַלן אַריין אין די הענט פון דער רויבערישער בורזשואַזיע, וועלכע צילט זיך דורך פאַלשע האַוזאַ-כעס און אַנדערע קינסטלעכע מיטלען פאַרמערן די ארבעטס-קראַפט, פאַרשקלאַפן צו זיך דעם אַרבעטער-מאַרק און פּאַנאַנדערטרייסלען אף אַזאַ אויפן יענע פּאָזיציעס פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זיינען אים אָנגעקומען דורך אַ לאנגן פאַראקשנטן קאמף. די עמיגרירנדע מאַסן ווערן געניויט פאַרקויפן זייער ארבעטס-קראפט פאַר אַ גאָרנישט און זיך באַנוגענען מיט ערגערע אַרבעטס-באַדינגונגען אין פאַרם פון הויז-אינדוסטריע, „שוויץ סיסטעם" און קעדוימע אַזעלכע שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע-אויפנים. אַזוי אַרום ווערט די עמיגראַציע אָפט אַן ערנסטער טאָרמאָז אין פּראָפעסיאָנעלן קאַמף פונם אַרבעטער-קלאַס אין די אימיגראַציע-לענדער.

צווישן יענעם טייל אַרבעטער, וואו דער באַוואוסטזיין פון קלאַסן-סאָלידאַריטעט איז שוואַך אַנטוויקלט, באַווייזט זיך ארויס אַ שטרעבונג צו באַ-גרעניצן די אימיגראַציע פון באַשטימטע אַרבעטער-קאַטעגאַריעס דורך ספּעצי-עלע געזעצן.

נעמענדיק אין אַכט, דאָס אַזעלכע מיטלען זיינען ניט בעקוועם אָפּצושוואַכן דעם עמיגראַציע-שטראָם אין א מער אָדער ווייניקער באַדייטנדן גראַד, דאָס א ענלעכע באַגרעניצונגס-פּאָליטיק שטייט אין אַ האַרטן ווידערשפּרוך מיט די אינטערעסן און פּרינציפּן פונם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט — באַשליסט דער קאָנגרעס:

1) קיין שום סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף פאַר קיין פאַל ניט ניט נאָר ניט נעמען דירעקט אַן אַנטייל אין דער באַוועגונג, וואָס שטרעבט צו באַגרעניצן אַפּן געזעצגעבערישן אויפן די עמיגראַציע, נאָר אויך ניט מיטהעלפן איר אומ-דירעקט אין א וועלכער ניט איז פאָרם.

2) דאָס פאַרמינערונג פון די שלעכטס, וואָס ווערט געבראַכט דורך די עמיגראַציע און אימיגראַציע, קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורך אַן ענערגישן קלאַסן-קאמף פונם פּראָלעטאַריאַט פאַר דער פאַרבעסערונג פון זיין לאגע, פאַר-פעסטיקונג פון דער סאָלידאַריטעט צווישן די אַרבעטער פון פאַרשיידענע לענדער און פעלקער, דערהויבונג פון דעם קולטורעלן און מאַטעריעלן מאמעד פון די עמיגרירנדע מאַסן און פּלאַנמעסיקער רעגולירונג פון דער עמיגראַציע און אימיגראַציע. דאַרויף דאַרפן זיין געווענדט די פאָלגנדע קאָנקרעטע מאָס-מיטלען: א) פאַרווירקלעכן דאָס סאָציאַליסטישע מינימום-פּראָגראַם; קוידעמקאָל פעסטשטעלן אף א געזעצלעכן אויפן א מינימאַלן ארבעטס-לוין און א מאַקסי-מאַלן ארבעטס-טאָג, ווי אויך אונטערוואַרפן דעם קאָנטראָל פון דער פאַבריק-אינספעקציע און געזעצלעכער ארבעטס-שוץ די הויז-אינדוסטריע און נידעריקערע האַנטווערקעריי. ב) אָרגאַניזירן די עמיגרירנדע מאַסן אין נאַציאָנאַלע פּראָ-פעסיאָנעלע פאַריינען אף די יעסוידעס פון פעדעראַציון פאַרבאַנד מיט די פּראָף. פאַריינען פון די אָרטיקע ארבעטער. ג) פאַרגרינגערן די עמיגראַנטן די נאַטוראַליזאַציע. ד) געבן די עמיגראַנטן דאָס רעכט אף נאַציאָנאַלע זעלבסט-

פארוואַלטונג, אין דער קאָמפּעטענץ פון וועלכער ס'זאָל אריינגיין די רעגולירונג פון דער נאַציאָנאַלער שול, קולטורעלע באַדערפעניש און אויך אַלע יענע זייטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלכע פאַרבינדן און פאַראייניקן די עמיגראַנטן, אַלס מיטגלידער פון אַ באַשטימטער נאַציע און ניט אַלס איינוואוינער פון דער געגעבענער געגנט אָדער בירגער פון דעם געגעבענעם לאַנד. ה) פּלאַנמעסיק רעגולירן די עמיגראַציע אין דעם הינזיכט, אַז די עמיגראַציע-שטראָמונג זאָל זיין טיילווייז געווענדעט פון די איבערפעלקערטע שטעט אין ניט באַזעסענע געגנטן, וואו די עמיגראַנטן וואָלטן באַקומען די מעגלעכקייט זיך פאַרנעמען מיט לאַנד-ווירטשאַפט. צו דעם צוועק איבערגעבן אין רעשוס פון די עמיגראַנטן אומזיסטע ערד-נאַכלעס, פרייען דורכפאָר און פאַרשפּרייטן די אַרבעטער-געזעצגעבעריי אויף די אַגראַר-ווירטשאַפט. ו) די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע דאַרף די מלוכע איבערגעבן די אָרגאַנען פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַר-וואַלטונג און דאָרט, וואו אַזעלכע זיינען ניטאָ, — די אָרגאַנען פון דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג. דידאָזיקע רעגולירונג דאַרף געפירט ווערן אונטערן שטרענגן קאָנטראָל און האַשגאָכע פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס פון יענע פעלקער, וואָס טיילן אויס פון זיך די עמיגרירנדע מאַסן. ז) שאַפן עמיגראַציאָנס-ביוראָס אין די עמיגראַציע-און אימיגראַציע-לענדער אויפן רייזע-וועג פון די עמיגראַנטן אונטערן קאָנטראָל און האַשגאָכע פון אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס. ח) איינפירן אַ שטרענגן קאָנטראָל איבער די דאַמפּער-קאָמפּאַניעס און אייזנבאַנען, וועלכע פאַרנעמען זיך מיטן איבערפירן די עמיגראַנטן. ט) בילדן באַם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ אַ שטענדיקן עמיגראַציאָנס-סעקרעטאַריאַט פאַר דער קאָאָרדינירונג פון דער טעטיקייט פון פאַרשיידענע אַרבעטער-עמיגראַציאָנס-ביוראָס, פאַר געבן יורידישע הילף די עמיגראַנטן און פאַר דער ווייטערדיקער אויספאָרשונג פון דער קאָמפּליצירטער עמיגראַציע-פּראָבלעם.

ג. די פאָדערונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער סעקציע אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

פון באַריכט פון דער דעלעגאַציע פון דער י. ס. א. פּ. אויפן שטוטגאַרטער קאָנגרעס. „סערפּ“. II. פּעטערבורג 1907).

...אין איין פּראַט קענען מיר זיך פילן באַפרידיקט—דאָס איז אין דער פראַגע וועגן דער פאַרטרעטונג פון אונזער פּאַרטיי [146]. אויף דעם אָבער אָפּשטעלן זיך קענען מיר ניט און מוזן גיין נאָך ווייטער. מיר דאַרפן שטרעבן דערצו, אַז דער קאָנגרעס זאָל פאַרבייטן דעם פּרינציפּ פון פאַרטרעטונג לויט מלוכעס מיט דער פאַרטרעטונג לויט נאַציעס. מיר דאַרפן שטרעבן צו דער אָנערקענונג פון קאָנגרעס פון אַ ספּעציעלער אידישער סעקציע, וואו עס זאָלן זיין פאַרגעשטעלט די אידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען, וועלכע שטייען מיט ביידע פיס אויפן באָדן פון דער אידישע היסטאָרישער ווירקלעכקייט. דאָס פאָדערן די אינטערעסן אין די זעלבסטאַכטונג פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט. דאָס וועט דעם אידישן

פראָלעטאריאט א שטארקן שטויס טאָן אפן וועג פון ווייטערדיקן אנטשייהענעם קאמף און וועט אויפהויבן זיין ווערדע סאי אויסערן אידנטום, סאי אין אידנ־טום גופע. אף אזא אויפן וועלן אלע אסימילאציאָנס־שטרעמונגען, וועלכע שטרעבן אין א פארבאָרגענער אָדער אָפענער פאָרם ארייננדרינגען אין מיט פון אידישן פראָלעטאריאט, באקומען זייער לעצטן טויט־קלאפ.

115—117. די אידישע טעריטאָריאַליסטישע אַרבעטער־פּארטיי („מינסקער״ פּויאַליי־ציאָן) [147].

א. אויסצוגן פון דער פּראָגראַם.

(„די פארשיידענע שטרעמונגען בא פּויאַליי־ציאָן״, 1904, זז. 25—27).

1. ווי קוקן מיר אף דעם ציאָניזם?

א) פון דעם ציאָניזם ערוואַרטן מיר די פולשטענדיקע לייזונג פון דער אידן־פראַגע אין יעדער הינזיכט. דער ציאָניזם דאַרף שאַפן אַ זיכערע היים פאַר אַלע געזונטע עלעמענטן פון אידישן פאָלק, וועלכע קענען ניט און ווילן ניט אַסימילירן זיך.

ב) מיר רעכענען, אַז אזעלכע געזונטע עלעמענטן געפינען זיך ניט נאָר אין די רייען פון אידישן פראָלעטאַריאַט, נאָר אויך אין די איבעריקע טיילן פון אידישן פאָלק.

ג) מיר, פּראָלעטאַריער, זיינען צוגעשטאַנען צום ציאניזם, ווייל דער אידי־שער פראָלעטאַריאַט, גלייך מיט דעם גאַנצן אידישן פאלק, קען ניט אַנטוויק־לען זיינע קרעפטן, קען ניט אויסבעסערן זיין עקאָנאָמישע לאַגע און קען ניט באַפרידיקן זיינע נאַציאָנאַלע באַדערפענישן אין גאָלעס.

ד) מיר קוקן אף דעם ציאָניזם, ווי אף א פאָלקס־באוועגונג, ניט ווי אף אַ געוויסע פאָרם פון ריין־פראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף.

2. די מיטלען צו פאַרווירקלעכן דעם ציאָניזם.

אום צו פאַרווירקלעכן דעם ציאָניזם, דאַרפן מיר אָנווענדן פאָלגנדע מיטלען:

א) דערציען דאָס אידישע פאָלק צו אַ זעלבשטענדיקן פּאָליטישן לעבן. דערצו דאַרפן מיר פארברייטן אין פאָלק די אַלגעמיין־מענטשלעכע און ספּע־ציעל־אידישע ווייסנשאַפט און שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן געפיל.

ב) אָרגאַניזירן דעם אידישן פאָלק צו אקטיווע ארבעט פאַר דעם ציאָניזם.

ג) שאַפן די נויטיקע געלט־אינסטיטוטן און פארגרעסערן וואָס ווייטער זיי־ערע מיטלען.

ד) פירן די נויטיקע פאַרהאַנדלונגען מיט פאַרשיידענע רעגירונגען, און אז דאָס אַלץ וועט ברענגען צו א פּראַקטישן רעזולטאַט,

ה) אָרגאַניזירן און רעגולירן די עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין דער אידישער לאַנד.

3. אונזערע באַציאונגען צו דער סאָציאַלער פראַגע.

א) דער ציאָניזם דאַרף ראַדיקאַל לייזן די ספּעציעלע אידן־פראַגע, דאָס הייסט, ער דאַרף אוועקשטעלן דאָס אידישע פאָלק אין גלייכע באַדינגונגען מיט אלע אנדערע פעלקער און אַלזאָ דעם אידישן פראָלעטאַריאַט אין גלייכע באַדינגונגען מיט דעם פראָלעטאַריאַט פון אנדערע פעלקער.

ב) ווי פראָלעטאַריער, אינטערעסירט אונז אויך די אלגעמיינע סאָציאַלע פראגע. אין דעם הינזיכט רעכענען מיר אלע פארבעסערונגען אין דער לאַגע פון פראָלעטאַריאַט נאָר פאַר געוויסע פאליאַטיוון, קאָלזמאַן אף דער וועלט הערשט די איצטיקע קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. די ראַדיקאַלע לייזונג פון דער אַלגעמיינער סאָציאַלער פראַגע זעען מיר אין דער פאַרניכטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, — אין דעם איבערגאַנג צום קאָלעקטיוויזם.

...ה) מיר רעכענען, אז אין אונזער גאָלעס־צושטאַנד קענען מיר קיין סאָציאַליסטישן קאמף ניט פירן, ווייל עס פעלט אי דער סוביעקט (אידישער הערשנדער קלאַס) אי דער אָביעקט (דער אידישער נאַציאָנאַל־אייגנטום).

ו) מיר מיינען, אז אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע פירט ניט קיין סאָציאַליסטישן קאַמף, קען זיך ניט רעכענען פאַר סאָציאַליסטישע, כאָטש איר טעטיקייט וועט ווען עס איז ברענגען דערצו, אז דער סאָציאַליסטישער קאַמף זאָל געפירט ווערן.

4. אונזערע באַזונדערע אויפגאַבן און פאָדערונגען אין דעם ציאָניזם.

א) מיר דאַרפן געבן דעם אידישן פראָלעטאַריאַט אזאַ דערציאונג, ער זאָל ריכטיק פארשטיין זיינע קלאַסן־אינטערעסן און ער זאָל וויסן, ווי צו פאַרטיידיקן זיי באַ דער פארווירקלעכונג פון דעם ציאָניזם און שפּעטער אין דער אידישער לאַנד. צו דעמדאָזיקן צוועק דאַרפן מיר דעם פראָלעטאַריאַט באַקאַנט מאַכן מיט אלע זייטן פון דער סאָציאַלער פראַגע און אויסארבעטן באַ אים פעסטע איבערצייגונגען איבער אלע פראגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. א גרויסע דערציאונגס־באַדייטונג האָט אויך די אנטוויקלונג פון דעם סאָלידאַריטעטס־געפיל באַ דער איצטיקער עקאָנאָמישער אַרבעט.

...ו) דאָס, וואָס געוויסע היסטאָרישע ערינערונגען פאַרבינדן אונז מיט פאַלעסטינע, איז פאַר אונז וויכטיק אף אזוי פיל, אז מיר וועלן זיך בעסער אָפּשטעלן אף פאַלעסטינע, איידער אף אן אַנדער לאַנד, אויב עס זאָל זיך ארויסווייזן, אז די זאַך איז מעגלעך אין פאַלעסטינע. מיר רעכענען אָבער ניט די היסטאָרישע ערינערונגען, פון וועלכע מיר זיינען אָפּגעריסן דורך אזאַ לאנגע צייט, פאַר אזא וויכטיקן היסטאָרישן פאַקטאָר, אז צוליב דעם זאָל אומעגלעך זיין די אויפלעבונג פון דעם אידישן פאָלק אין אַן אנדער אָרט. דעריבער

טרעטן מיר אנטשיידן ארויס קעגן דעם פאָרשלאַג, אז מיר זאָלן זיך אף איי־ביק פארבינדן די הענט מיט פּאַלעסטינע.

5. אונזער טעטיקייט.

אונזער טעטיקייט דריקט זיך אויס:

א) אין דער הויפּט-טעטיקייט, דאָס הייסט אין דער ארבעט פאר אונזער צוקונפט, צו דער אַרבעט געהערט אלץ, וואָס קען אונז מער אָדער ווייניקער דערנעענטערן צו אונזער ענדציל.

ב) אין דער געגנוואַרטס־אַרבעט, צו וועלכער עס געהערט אלץ, וואָס קען פארבעסערן אונזער לאַגע באַ היינטיקן טאָג.

צו דער געגנוואַרטס-ארבעט געהערט אין ערשטע ריי די עקאָנאָמישע טע־טיקייט, אף וויפל זי קען איצט פארבעסערן אונזער לאגע.

6. אונזער באַציאונג צו די איבעריקע ציאַניסטן.

א) ווי באַלד מיר באַטראַכטן דעם ציאָניזם, ווי א פאָלקס-באַוועגונג, מוזן מיר אנערקענען די אלגעמיינע ציאָניסטישע אָרגאַניזאַציע און אונטערשטיצן זי, ווי ווייט מיר קענען.

ב) דערמיט איז ניט אויסגעשלאָסן, אז מיר דאַרפן שטרעבן צו א זעלב־שטענדיקע פעדעראַציע, וועלכע מוז אנערקענט ווערן פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע.

ג) באַ אזעלכע ארבעטן, וועלכע קענען געטאָן ווערן באַזונדער פון יעדער גרופּע ציאָניסטן, ארבעטן מיר אין אונזער קרייז זעלבשטענדיק, רעכענענדיק זיך נאָר מיט די אלגעמיינע פּרינציפּן פון ציאָניזם.

ד) באַ אזעלכע ארבעטן אָבער, וועלכע מוזן געטאָן ווערן פון דער גאַנ־צער ציאָניסטישער אָרגאַניזאַציע, זעען מיר דורכצופירן אונזערע מיינונגען דורך דער אַלגעמיינער ציאָניסטישער אָרגאַניזאַציע. צו דעמדאָזיקן צוועק פאַריי־ניקן מיר זיך מיט אלע אנדערע ציאָניסטן, מיט וועלכע מיר גייען זיך צונויף אין דעם באַטרעפנדן פונקט.

ה) מיר זיינען פאַרינטערעסירט אין דעם, אז דער ציאָניזם זאָל פאַרבריי־טערט ווערן אין אלע קרייזן פון פאָלק. דעריבער דאַרפן מיר ווי ווייט מעג־לעך אונטערשטיצן די איבעריקע ציאָניסטן אין זייער ארבעט, נאַטירלעך ניט אָפּפערנדיק דערביי מיט אונזערע מיינונגען און ניט אָפּשוואַכנדיק דורך דעם אונזער אינערלעכע אַרבעט.

ו) מיר דאַרפן אויך אונטערשטיצן אַנדערע ציאָניסטן אין יעדער זייטיקער ארבעט, וועלכע האָט דעם צוועק צו נאַציאָנאַליזירן און דעמאָקראַטיזירן גע־וויסע אידישע שיכטן, באַזונדערס אזעלכע, וועלכע האָבן צו טאָן מיט דער דערציאונג פון אונזער יוגנט.

. . . .

8. אונזערע באַציאונגען צום פּאָליטישן קאַמף אין רוסלאַנד.

א) די רוסישע רעוואָלוציע האָט ניט קיין שום שײַכעס צו דער ארבעט פאַר אונזער צוקונפט, ווייל זי וועט ניט לייזן די אידן-פראגע אפילע פאר די אידן אין רוסלאַנד, און זי וועט אונז אויך ניט דערנעענטערן צום ציאָניזם.

ב) די רעוואָלוציע געהערט אויך ניט צו אונזער געגנוואַרטס-ארבעט, ווייל זי קען אונז גאָר ניט געבן בא היינטיקן טאָג.

ג) די רעוואָלוציע, אלס אן ערנסטע פּאָליטישע ארבעט, קען ניט זיין קיין צוגאָב צו אַן אנדער פּאָליטישער ארבעט. זי מוז פאַרנעמען די גאַנצע ענער-גיע פון דעם, וואָס גיט זיך מיט איר אָפּ ערנסט. צוגעבן אָבער צו אונזער אַרבעט נאָר א געוויסן שיין פון רעוואָלוציע איז א באַליידיקונג אי פאַר דעם ציאָניזם, אי פאר דער רוסישער באַוועגונג.

ד) מיר פאַרנעמען זיך ניט מיט פּראָטעסטן קעגן דער רעגירונג, ווייל דאָס האָט ניט קיין שום פּראַקטישע באַדייטונג און איבערהויפּט קיין שום צוועק.

ה) אין אלע ספּעציעל אידישע פארפאָלגונגען פון דער זייט פון דער רע-גירונג זעען מיר א פּראָדוקט פון אונזער גאָלעס-צושטאַנד. מיר שטעלן די פארפאָלגונגען ארויס אין ריכטיקן שיין, אָבער מיר דערקלערן זיי נאָר פון אונ-זער ציאָניסטישן שטאַנדפּונקט.

. . . .

מינסקער קאָמיטעט פון „פּועלי-ציאָן".

סיון תר״סד א״תחלה לגלותנו.

ב. די באַציאונג צום פּאָליטישן קאַמף אין רוסלאַנד נאָכן 9-טן יאנואַר 1905.

(רעזאָלוציע פון דער פּ״צ קאָנפערענץ אין פרילינג 1905 אין מינסק. „דער פארברייטנדער צוזאַ-מענפאָר פון פּועלי-ציאָן" 1905, זז. 12—13)

1) די לעצטע געשעענישן האָבן באַוויזן, אז אין רוסלאנד הויבט זיך אָן א נייע עפּאָכע, וועלכע וועט זיך ענדיקן מיט דער אומענדערונג פון דער איצ-טיקער פּאָליטישער אָרדענונג.

2) די פאַרבעסערונג פון דער אלגעמיינער לאַגע אין רוסלאַנד, וועלכע וועט קומען מיט דער נייער אָרדענונג, האָט פאַר אונז, ווי פאַר אייַנוואוינער פון רוסלאנד, א גרויסע פּראַקטישע באַדייטונג.

אויסער דעם איז פאַר א פארטיי מיט באשטימטע פּאָליטישע איבער-צייגונגען אין אזעלכע מאָמענטן איבערהויפּט אומעגלעך צו פארהאַלטן זיך גלייכגילטיק צו דעם, וואָס קומט פאַר ארום איר.

דעריבער קענען מיר אין אזעלכע ערנסטע מאָמענטן פון פּאָליטישן קאַמף ניט אָפּשטיין.

3) מיר זיינען איבערצייגט, אז קיינע פּאָליטישע פארבעסערונגען אין רוס-לאַנד וועלן ניט פארבעסערן אונזער לאגע אף אזוי פיל, אז דאָס זאָל באַ אונז אָפּשוואכן די נויטיקייט צו דערווערבן זיך א זעלבשטענדיקע טעריטאָריע.

4. ניט קוקנדיק אף דעם, דאַרפן מיר אָנווענדן אלע מיטלען דערצו, אז די פּאָליטישע אומענדערונג אין רוסלאַנד זאָל ווי ווייט מעגלעך אונזער לאַגע, ווי יערן, פאַרבעסערן.

מיר דאַרפן אויסנוצן יעדער געלעגנהייט אום אונטערצוצייכענען אונזערע ספּעציעל-אידישע פּאָדערונגען און באַווייזן דער ארומיקער געזעלשאַפט, אז ווי מענטשן האָבן מיר דאָס רעכט אף פולשטענדיקע בירגערלעכע און פּאָלי-טישע גלייכהייט און געזיכערטע נאַציאָנאַלע פרייהייט.

5) ניט פארשטעלנדיק מיט זיך קיין וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע מאַכט, קענען מיר זיך ניט רעכענען פאר די טרעגער פון דער רוסישער רעוואָלוציע און מיר קענען ניט נעמען אף זיך די איניציאַטיוו.

ניט דערוואַרטנדיק פון דער רעוואָלוציע קיין ראַדיקאַלע לייזונג פון דער אידן-פראַגע און האַבנדיק פאר זיך א באַזונדערע היסטאָרישע אויפגאַבע, קע-נען מיר זיך ניט פארנעמען מיט דער פאַרבאַרייטנדער ארבעט צו דער רע-וואָלוציע.

מיר קענען נאַר די באַוועגונג אונטערשטיצן, בעאַיס די איניציאַטיוו גייט ארויס פון דער היימישער באַפעלקערונג.

6) ווי א זעלבשטענדיקע געזעלשאַפטלעכע גרופּע טרעטן מיר, אידן, ארויס נאַר דאַ, וואו עס קומט אויס צו פארטיידיקן אונזערע ספּעציעל-אידישע אינ-טערעסן. אין דערינען קענען מיר זיך ניט פאַרלאָזן אף קיינע אלגעמיינע פּאָ-ליטישע פּאַרטייען. נאַר מיר מוזן זעלבשטענדיק ארויסטרעטן, ווי פאָרשטייער פון אידישע אינטערעסן.

ג. די זעלבסטליקווידירונג פון דער „א. ט. א. פּ."

(„דערקלערונג" פון דעם צוזאַמענפאָר פון דער אידישער ט. אַ. פּ." „דאָס וואָרט", נומ. 7 פון 12-טן יולי 1907)

דער צוזאַמענפאָר פון דער אידישער טעריטאָריאַליסטישער אַרבעטער-פּאַר-טיי געפינט פאַר נויטיק אַרויסצוטרעטן פאר די כאַווירים און פאַר דער גע-זעלשאַפטלעכער מיינונג מיט פאָלגנדער דערקלערונג:

די אַנטוויקלונג פונם אידיש-פראָלעטאַרישן לעבן און פון דעם סאָציאַליס-טיש-טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק האָט אין דער לעצטער צייט סיי אין אונ-זערע רייען סיי אין די רייען פון דער ציאָניסטיש-סאָציאַליסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי אַרויסגערופן די איבערצייגונג, אַז די עקזיסטענץ פון צוויי זעלבשטענ-דיקע פּאַרטייען אין דער אין גרונט איינהייטלעכער סאָציאַל-טעריטאָריאַליסטי-שער באַוועגונג קען ניט גערעכנט ווערן פאר אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, און אז די צונויפגיסונג פון דידאָזיקע ביידע פּאַרטייען איז מער ניט ווי אַ פראַגע פון

ציוט. אין די סאָציאַליסטיש-טעריטאָריאַליסטישע רייען האָט זיך אַלץ מער געשטאַרקט דאָס באַוואוסטזיין, אַז עס וואָלט געווען אַ פּאָליטישער פעלער צו דעזאָרגאַניזירן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און צ שפּאַלטן זיינע פּאָליטישע קויכעס צוליב ניט וויכטיקע אונטערשיידונגען אין דעם טעאָרעטישן „אני מאמין״ אונטערשיידונגען, וועלכע קענען זיך איינלעבן אין די ראַמען פון איין און דערזעלבער פּאַרטיי. א גרויסע באַדייטונג האָט באַקומען דערדאָזיקער מאָטיוו אין דעם געגנוואַרטיקן מאָמענט, ווען דער רעוואָלוציאָנער ר גאנג פון די געשעענישן האָט אַוועקגעשטעלט דעם אידישן פּראָלעטאַריאט פאַר דער לייזונג פון העכסט וויכטיקע און פּאַרוויקלטע פּראָבלעמען.

אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ליגט איצט אַף דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט בּיכלאל, אַ באַזונדער גרויסע אָבער אַף דעם וויכטיקן טייל פונם אידישן פּראָלעטאריאט, וועלכער איז אָרגאַניזירט אונטער דער סאָציאַליסטיש-טעריטאָריאַליסטישער פאָן און שטעלט אַרויס פאַר דעם אידישן פּראָלעטאריאט און אידישן פאָלק די היסטאָרישע אויפגאַבע צו פאַרווירקלעכן דעם טעריטאָריאַליסטישן אידעאַל. די רוסישע רעוואָלוציע, פּונקט ווי יעדע רעוואָלוציע, וועלכע דעקט אויף אלע היפוכים פון לעבן, האָט אויך אויפגעדעקט די היפוכים פונם אידישן לעבן און האט אים עכט טעריטאָריאליסטיש באלויכטן; אַלץ, וואָס דענקט און פילט אין דער אידישער גאַס, האָט אָנגעהויבן רופן צו נאַציאָנאַלער באַזינונג און אין די ברייטע שיכטן פון אידישן פאָלק איז אַנטשטאַנען אַ טעריטאָריאַליסטישע שטימונג. אויסנוצן דידאָזיקע שטימונג, זי פאַרוואַנדלען אין אַ געזעלשאַפטלעכע קראַפט, וואָס זאָל אָרגאַניזירן די אידישע מאַסן, איז איינע פון די אויפגאַבן פונם אידישן פּראָלעטאריאט. ביז איצט האָט די טעריטאָריאַליסטישע שטימונג געשאַפן נאָר רעקרוטן פארן טעריטאָריאַליזם, אָבער נאָך ניט קיין פעסט געשלאָסענע טעריטאָריאליסטישע אַרמיי. אין דערזעלביקער צייט קומט אויס די טעריטאָריאליסטן זיך צו נעמען צו פּראקטישע אונטערנעמונגען, וועלכע קענען צוציען צו זיי די סימפּאַטיען פון די ברייטע מאַסן, וועלכע קענען אָבער אויך בא דער קלענסטער שטערונג אָדער מיסדערפאָלג אַריינטראָגן א פאַרווירונג אין די שוואַך-אָרגאַניזירטע טעריטאָריאליסטישע רייען. איינע פון די וויכטיקסטע גאראנטיעס פאר די פעסטקייט און שטענדיקייט פון דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג און פאר די פארווירקלעכונג פונם טעריטאָריאַליסטישן אידעאַל וועלן זיין, די געשלאָסענע און געאייניקטע רייען פון דער סאָציאַליסטיש-טעריטאָריאַליסטישער ארבעטער-ארמיי.

דער וועקסלפולער גאנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, די אייגנטימלעכע באַדינגונגען פון דעם פּראָלעטארישן קלאסן-קאַמף אין רוסלאנד שטעלן פאר דעם אידישן, פּונקט ווי פאר דעם גאנצן רוסלענדישן פּראָלעטאריאט, וואָס ווייטער אלץ וויכטיקערע אויפגאבן, פארוואנדלען די טאקטיק-פראגן אין די וויכטיקסטע פּראָבלעם פון די פּראָלעטארישע מאַסן און רופן צו דער שנעלסטער און פעסטעסטער אָרגאניזירונג פון די קויכעס. דער אידישער פּראָלעטאריאט

מוז זיך צוהערן צום דאָזיקן רוף פון דער ווירקלעכקייט, קעדיי צו פארגרעסערן זיין פּאָליטישע באדייטונג, קעדיי צו פארטיידיקן מיט מער ענערגיע זיינע קלאסן־אינטערעסן און דערפילן מיט מער דערפּאָלג די אויפגאבן, וועלכע עס לייגט אף אים ארויף זיין סאָציאליסטישער אידעאַל.

דער אידישער פּראָלעטאריאט איז אָבער ניט נאָר אַ גליד פון דער סאָציאליסטישער ארבעטער־פאמיליע, ער איז אויך דער קערן און אַוואַנגארד פון אידישן פּאָלק, וועלכער האט אין דער רוסישער רעוואָלוציע זיינע באזונדערע אינטערעסן און ליידן און דעריבער אויך זיינע באזונדערע אויפגאבן. די באזונדערע לאגע פון אידישן פּאָלק, וועלכע פארוואנדלט אים אין א בליץ־אָפּלייטער פאר די פינסטערע קויכעס פון דער רעאקציע, זיין רעכטלאָזיקייט און די פארפּאָלגונגען, וועלכע ער שטייט אויס פון דער ביוראָקראטישער רעגירונג און דער בורזשואז־אנטיסעמיטישער געזעלשאפט, גיבן צו דער רעוואָלוציאָנערער טאקטיק פון דעם אידישן פּראָלעטאריאט א נאציאָנאל־רעוואָלוציאָנערן כאראקטער. נאָר אין די רייען פון דעם סאָציאליסטיש־טעריטאָריאליסטישן פּראָלעטאריאט, וועלכער האט א ברייטן קוק אף דאָס אידישע פּראָבלעם, וועלכער פארשטייט דאָס אידישע לעבן ניט אלס א ריי פון צופאלן און מיספארשטענדענישן, נאָר אלס א גאנצעס, וואָס ווערט באאיינפלוסט פון דער טעריטאָריאלער לאגע פון אידישן פּאָלק, נאָר אין זיינע רייען קען באשאפן ווערן דידאָזיקע נאציאָנאל־רעוואָלוציאָנערע טאקטיק; דידאָזיקע רייען דארפן דעריבער זיין געאייניקט און געשלאָסן.

די פּראָפעסיאָנעלע באוועגונג פון דעם אידישן פּראָלעטאריאט באגעגנט זיך מיט באזונדערע שוועריקייטן, וועלכע האָבן זייער טיפע וואָרצלען אין דער ניט־נאָרמאלער אידישער עקאָנאָמיק. דאס רופט נאכאמאל צו אייניקייט און אָרגאניזירטקייט, וועלכע קענען אליין אָפּשוואכן די טונקעלע זייטן אין דער לאגע פונם אידישן ארבעטער.

פונקט ווי דעם אידישן פּאָלק קומט אויס צו קעמפן פאר זיין נאציאָנאלער אויפלעבונג קעגן מאַכטעס פון אַסימילאַטאָרן, אזוי קומט אויך אויס דער אידישער סאָציאליסטישער באוועגונג צו פירן א קאמף פאר איר נאציאָנאלער אנערקענונג צווישן די פּראָלעטאריער פון אלע פעלקער. באזונדערס שווער איז דערדאָזיקער קאמף פאר יענעם טייל פונם אידישן פּראָלעטאריאט, וועלכער באנוגנט זיך ניט מיטן איבערכאַזערן די אלגעמיינע גרונטלאַגן פונם אינטערנאציאָנאלן סאָציאליזם, און שטרעבט אויך צו געבן א ראדיקאלן ענטפער אף דאָס אייגנארטיקע אידישע פּראָבלעם. קעדיי זיך צו זיכערן א פאסנדן אָרט אין די רייען פון דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליסטישער ארמיי ביכלאל און פון דער רוסלענדישער סאָציאליסטישער באוועגונג ביפראט, דארפן אָנגעווענדעט ווערן באשטימטע קויכעס, וועלכע טאָרן דעריבער ניט זיין צעשפאלטן און צעברעקלט.

נעמענדיק דאָס אלץ אין באטראכט, געפינען מיר, אז איצט איז געקומען די צייט, ווען עס מוז פארשווינדן די שפּאלטונג אין די סאָציאליסטיש־טעריטאָריאליסטישע רייען, ווען די אידישע טעריטאָריאליסטישע ארבעטער־פארטיי

26*

מוז זיך צונויפגיסן מיט דער ציאָניסטיש-סאָציאַליסטישער ארבעטער-פארטיי אין איין גאנצעס.

מיר באשליסן דעריבער, אז די אידישע טעריטאָריאליסטישע ארבעטער-פארטיי טרעט אריין אין די ציאָניסטיש-סאָציאַליסטישע ארבעטער-פארטיי אף די באדינגונגען, וועלכע זיינען אויסגעארבעט געוואָרן פון די צענטראלע אינ-סטיטוטן פוןביידע פארטייען [148].

XVII. די ליבעראל-בורזשואזע גרופירונגען.

118. די „העלסינגפאָרסער"[149] פראָגראַם פון די ציאָניסטן.

(רעזאָלוציעס פון ציאָניסטישן צוזאַמענפאָר אין העלסינגפאָרס אין נאָיאַבר 1906. „דאָס אידישע פאָלק". נומער 26, 1906).

דאָס נאַציאָנאַל-פּאָליטישעס פּראָגראַם.

אַנערקענענדיק, אַז די אָרגאַניזאַציע פון אידישן פאָלק צוליב דער נאַציאָנאַלער ארבעט איז לויט דעם 2-טן פונקט פון באַזעלער פראָגראַם[150] איינס פון די וויכטיקסטע מיטלען, וועלכע זיינען נויטיק פאר דאָס ציאָניסטישע ציל, אַז די פאַרשטאַרקונג פון די אידישע פאָלקס-קרעפטן אין גאָלעס גיט דעם אידישן פאָלק נייע קולטורעלע און פּאָליטישע מיטלען צום קאַמף פאר די אויפשטעלונג פון א געזונטן אידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין פּאַלעסטינע; אז א געזיכערטער און פעסטער קיעם פון א נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע און איר נויטיקע אַנערקענונג דורך די רעגירונג זיינען מעגלעך נאָר בא דער דעמאָקראַטיזאַציע פון די גאָלעס-לענדער, — באַגריסט דער 3-טער צוזאַמענפאָר דאָס צושטיין פון די ציאָניסטישע מאַסן צו דער פרייהייטס-באַוועגונג צווישן די טעריטאָריאַלע פעלקער פון רוסלאַנד און האַלט פאר נויטיק אַף דעם יעסאָד פון די פאַרענדערונגען אין דעם מלוכע-לעבן די פאַרייניקונג פון די רוסישע אידן אלס נאַציע, וועלכע ווערט אנערקענט פון דער מלוכע און וועלכע באקומט די געזעצלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונג אין אַלע איניאָנים פון אידישן לעבן.

לויט דעם-דאָזיקן באשלוס שטעלט ארויס די ציאָניסטישע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד פאָלגנדעס פּאָליטישעס פּראָגראַם:

1. די דעמאָקראַטיזאַציע פון דער מלוכע אַף די יעסוידעס פון דעם פולן דעמאָקראַטיזם, אַף די יעסוידעס פון דער ברייטער פּאָליטישער פרייהייט, פון די אַווטאָנאָמיע פון די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען און די גאַראַנטיע פון די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

2. די גאַנצע און שטרענג דורכגעפירטע גלייכבארעכטיקונג פון דער אידישער באפעלקערונג.

3. די זיכערונג פאר די מינדערהייטן, אַז זיי זאָלן קאָנען האָבן זייערע

פאַרשטייער בא דעם אַלגעמיינעם, גלייכן און געהיימען שטים-רעכט, אָן אונ-טערשייד פון געשלעכט, בא אַלע וואַלן צו די אַנשטאַלטן פון דער צענטראַלער מלוכע, פון די ראַיאָנען און שטעט.

4. די אנערקענונג פון דער אידישער נאַציע מיט דעם רעכט פון זעלבסט-פאַרוואַלטונג אין אַלע איניאָנים פון אידישן לעבן.

5. די צונויפרופונג פון אַן אַלרוסלענדער אידישער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג אַף אויסצואַרבעטן די יעסוידעס פון דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע.

6. די רעכט פון העברעאיש און אידיש אַלס שפּראַכן אין שול, געריכט און אין דעם עפנטלעכן לעבן.

7. דאָס רעכט זיך באַנוצן מיט שאַבעס-רו אנשטאָט רוען אום זונטיק.

די נאָענטסטע פּאָליטישע אַרבעט אין רוסלאַנד.

I.

1. די צוגרייטונג פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פאַר אונזערע פאָדע-רונגען און די פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיי צווישן די פאָרשטייער פון נאַציאָנאַלע פּאַרטייען און גרופּן.

2. די אויספאָרשונג פון דער לאַגע און פון דער פּאָליטישער באַדייטונג פון יענע נאַציאָנאַלע גרופּן, וועלכע וועלן בא דער נאַציאָנאַל-טעריטאָריעלער אַוטאָנאָמיע בלייבן אויסער זייער ראַיאָן, און זייער פאַרייניקונג אַף צו שיצן די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

3. דער קאַמף קעגן די נאַציאָנאַל-פיינדלעכע און אַסימילאַטאָרישע קאָוואָ-נעס צווישן די פאָרשטייער פון אנדערע נאַציעס.

II.

1. די ציאָניסטישע אָרגאַניזאַציע פירט א זעלבשטענדיקע פּאָליטישע אַר-בעט, וועלכע זי האַלט פאַר איינע פון די נויטיקע מיטלען אַף דורכצופירן די ציאָניסטישע צילן.

2. די מיטגלידער פון דער ציאָניסטישער אָרגאַניזאַציע קאָנען ניט זיין קיין מיטגלידער פון אנדערע אידישע פּאָליטישע פאַרטייען.

אָנמערקונג: דעם פאַרבאַנד פון פּולבאַרעכטיקונג[151] האַלטן מיר פאַר אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס וויל פאַרייניקן פאַרשיידענע אידישע עלעמענטן צו א באַזונדער ציל, וואָס האָט ניט דעם כאַראַקטער פון א פּאָליטישער פּאַרטיי. דערפאַר האַלט דער צוזאַמענפאָר, אז ציאָניסטן מעגן זיין מיטגלי-דער פון דעם פאַרבאַנד, קאָלומאַן ער בלייבט אומפּאַרטייאיש.

3. אין נויטיקע פאַלן, אום אויסצופירן באַשטימטע צוועקן, גייט די ציאָ-ניסטישע אָרגאַניזאַציע אריין אין א העסקעם מיט אנדערע פּאַרטייען און פאַר-באַנדן, אַף וויפל זייער פּראָגראַם איז ניט געגן אונזערע אויפגאַבן אין רוסלאַנד.

4. קעדיי צוציען די גרויסע אידישע מאַסן צו נאַציאָנאַל-פּאָליטישער אַרבעט,

דארף מען פארברייטן צווישן זיי אונזערע פאָדערונגען און דערהויפּט זיי קלאָר מאכן די אידייע פון א אידישער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג.

5. די גרינדונג דורך אָנמעלדונגען און, ווי ווייט מעגלעך, די געזעצלעכע אַנערקענונג פון אידישע קהילעס, וועלכע נעמען אריין אין זיך די גאַנצע אי-דישע באפעלקערונג און וועלכע האָבן אן אויסגעקליבענע פארוואלטונג מיט נאַציאָנאַלער זעלבסטפארוואַלטונג.

אין די ערטער, וואו עס געפינט זיך א געמיינדע-אָרגאַניזאציע, דארף זי ווערן דעמאָקראַטיש און דארף פאַרגרעסערן אירע רעכט ביז צו א נאַציאָנאַלער זעלבסטפארוואלטונג.

119—120. די פאָלקס-גרופּע[152].

א. פּראָגראַם-פאָדערונגען.

(„די אידישעווירקלעכקייט", נומ. 9—10 פון 11 מארט 1907).

1. פולשטענדיקע גלייכשטעלונג פון די אידן אין אלע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט.

2. אידן זאָלן האָבן דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיט זייער שפּראַך אַזוי גוט, ווי אלע אנדערע נאַציאָנען, וועלכע בילדן ערגעץ א מינאריטעט.

3. די אידישע קהילע זאָל אנערקענט ווערן פון דער מלוכה און זי זאָל באקומען א טייל פון די מיטלען, וואָס ווערן באשטימט אף שטאָט-זאַכן פון דער אלגעמיינער אָדער שטאָטישער קאַסע.

4. די אידישע קהילעס זאָלן האָבן דאָס רעכט צו פאראייניקן זיך אין אן אַלגעמיינעם פאַרבאנד.

5. די שטאָט-פארוואלטונגען מוזן ווערן דעמאָקראַטיזירט און דאָס רעכט פון די מינאריטעטן מוז ווערן געזיכערט.

6. דורך אַן אלגעמיינעם געזעץ זאָלן גאראנטירט ווערן די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינאריטעטן אין די געגנטן, וואָס זאָלן באקומען אויטאָנאָמיע.

אין דעם עקאָנאָמישן טייל פון דער פּראָגראם נעמט זיך די גרופּע ניט אָן צו לייזן אלגעמיינע פּראָבלעמען פון דער סאָציאלער אָרדענונג, זי וועט נאָר שטרעבן:

1. צו דעמאָקראַטיזירן און דעצענטראַליזירן די עקזיסטירנדיקע איינריכטונ-גען, קעדיי זיי זאָלן קאָנען דינען צו דער אויפהויבונג פון דער אידישער לאגע.

2. צו שיצן די ספּעציעלע אינטערעסן פון די אידן, ווען עס וועלן באהאנדלט ווערן פארשיידענע פּראָיעקטן, וואָס זיינען נויגייע די עקאָנאָמישע לאגע און פינאַנץ-פּאָליטיק.

3. צו דערווייטערן און פארברייטן דאָס געביט, אף וועלכן די אידישע אר-בעט געפינט פאר זיך א פאַרווענדונג, צו אַנטוויקלען די פּראָפעסיאָנעלע בילדונג, שאפן פּראָפעסיאָנעלע פאריינען און קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאפטן.

4. צו צעשפּרייטן די אידישע ארבעטער-מאסן, וועלכע געפינען ניט אין

זייער איצטיקן וואוינאָרט קיין פּלאַץ פאר זייער ארבעט, איבערן גאנצן לאנד.

5. צו אָרגאַניזירן אן אויספאָרשונג איבער די אידישע עקאָנאָמישע לאגע.

בענויגייע צו גייסטיקע אינטערעסן שטעלן זיי זיך די אויפגאַבע:

1. צו פארשפרייטן צווישן די אידישע מאַסן אַלגעמיינע בילדונג.

2. צו פארשפרייטן אין דער אידישער מאסע פּאָליטישע און סאָציאַלע יעדיעס.

3. צו נאציאָנאַליזירן די ערציאונג אף אזוי פיל, אַז עס זאָלן ווייטער קול-טיווירט ווערן די אידישע שפראך, געשיכטע און „די עטישע אידעאַלן פון אידנטום".

ב. די פאָלקס-גרופּע און די ציאָניסטן.

(פון א וואַל-אויפרוף. „דער פריינד", נומ. 119, 1906).

„...דאָס פאַנאַנדערלאָזן פון דער ערשטער גאָסודאַרסטווענער דומע, די פאַרערגערונג פון דער אַלגעמיין-פּאָליטישער לאַגע, די ערוואַכונג און פאַר-שטאַרקונג פון דער רעאַקציע, וואָס רופט זיך אָפּ שטענדיק באַזונדערס אַף אונזער פראַגע—דאָס אַלץ האָט, דוכט זיך, באַדאַרפט פארשטאַרקן בא אַלע אידן די שטרעבונג צו פאַרייניקן זיך ניט נאָר אינם קאַמף פאַר אַ בעסערע צוקונפט, נאָר אויך אין דעם געדאַנק, אַז אָט די צוקונפט קאָן פאַר אונז באַ-וואָרנט ווערן נאָר אַלס בירגער פונם לאַנד און נאָר דעמאָלט, אויב מיר וועלן זיך דירעקט באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער שטרעבונג פון דעם לאַנד צו באַפרייען זיך פולקום פון די אַלע דריקנדע רעשטן פון דער אַלטער אָרדע-נונג. וויניקער פון אַלץ איז איצט געוועזן די צייט אַרויסצורופן אין לעב דאָס פאַנטאַסטישע בילד פון אַ אידן, וואָס זאָל זיך האַלטן פאַר אַ פרעמדן וויניקער פון אַלץ איז איצט געוועזן די צייט אויפצורופן, אַז די אידן זאָלן זיך אָפּטיילן אין אַ באַזונדערע פּאָליטישע פּאַרטיי.

„און פונדעסטוועגן האָבן די ציאָניסטן זיך גראָד אָט דעם אויפריף גענו-מען פאַר אַ לאָזונג אין דעם וואַל-שטרייט. אונטער אָט דער פאָן דאַרפן גיין זייערע קאַנדידאַטן. פון דער טריבונע אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע דאַרפן זיי דערקלערן דעם רוסישן פאָלק, אַז די אידן זיינען דאָ אויסלענדער, אַז זיי פאָדערן פון דעם „פרעמדן לאַנד" קיין זאַך ניט, ווי נאָר מעגלעכקייט רעגל-מעסיק צו אָרגאַניזירן זייער „אויסוואַנדערונג". וואָרום זיי זיינען „פּרינציפּיעלע עמיגראַנטן" (זע „יעווריסקאַיאַ זשיזן" [153] נומ. 23, „אונזערע אויפגאַבן"). זיי דאַרפן זיך אין דער דומע אָפּטיילן אין אַ באַזונדער גרופּע מיט אַ צוואַנגס-דיסציפּלין, זיי אַליין דאַרפן באַ זיך אָפּנעמען די מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין אַ וואָסער ניט איז אַלגעמיין-פּאָליטישע פּאַרטיי. ניט באַטייליקנדיק זיך אין אַל די גרופּעס, וואָס באַשטימען דעם גורל פונם לאַנד, דאַרפן זיי אַרויס-טרעטן פון זייער איינזאַמקייט נאָר מיט דעם איינציקן ציל, צו דערקלערן פון

דער טריבונע אין דער דומע, אַז זיי זיינען ניט קיין טוישווים אין דעם פרעמדן לאַנד.

„דאָס געוויסן פון יעדן אידן, באַ וועמען עס געפינען אַן אָפּקלאַנג די ווירקלעכע צאָרעס פון אונזער אויסגעמאַטערטן פאָלק, מוז אויפגעבראַכט ווערן, ווען מע זעט, ווי מענטשן טראָגן זיך אַרום מיט פילפל-פאַנטאַזיעס סטאַם אין דער וועלט אַריין און ווי זיי פּרואוון זיך דורכפירן זיי אַף דער רעכענונג פון בלוט און טרערן פון גאַנצע דוירעס, אַף דער רעכענונג פון אַלע אונזערע האָפענונגען אַף אַ בעסערן צוקונפט. וואָרום ווער פאַרשטייט עס ניט, אַז מאַכן זיך אַליין פאַר אויסלענדער אינם לאַנד און פאַר לויערער אין דער דומע,— דאָס באַטייט: פון ביידע זייטן אויפרייסן יענע פּאָזיציע, וואָס מיר האָבן מיט אַזוי פיל מי דערגרייכט אַלס רעזולטאַט פון דער ביז-איצטיקער פרייהייטס-באַוועגונג.

„אנטקעגן אָט דער געפאַר האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרייניקן זיך און אַרויסצושטעלן קעגן דעם קליינעם, אָבער גוט אָרגאַניזירטן הייפל ציוניסטן די גאַנצע גרויסע קראַפט, וואָס איז באַהאַלטן אינם אידנטום, אָבער וואָס איז נאָך דערווייל ניט אָרגאַניזירט. מיר פאַרייניקן זיך אונטער דעם נאָמען: „די אידישע פאָלקס-גרופּע”. מיר פאַרבלייבן אין דעם „פאַריין פון אידישע פולבאַרעכטיקונג”, וואָרום מיר בלייבן טריי צו זיינע צילן און מיר וועלן קעסיידער דורכפירן די ווילנער פלאַטפאָרמע פונם „פאַריין”[154]. מיר ווילן נאָר ניט דערלאָזן, אַז אי דעם „פאַריין” זאָל אַרבעטן איין גרופּע, וואָס איז פעסט אָרגאַניזירט און וואָס שטימט ניט, נאָך אונזער טיפער איבערצייגונג, מיט דעם „פאַריינס” פּלאַטפאָרם, און אַז דער גאַנצער איבעריקער טייל פונם „פאַריין” זאָל פאַרבלייבן ניט אָרגאַניזירט צום שטרייט קעגן אָט דער פיינטלעכער גרופּע. מיר האָבן זיך פאַרייניקט מיט דעם ציל צו שטרייטן פאַר אונזערע רעכט אַלס בירגער פון יענעם לאַנד, וואָס מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרלאָזן, פון יענעם לאַנד, וואו מיר ווילן ניט אויסבעטן קיין שום נעדאָוועס, נאָר וואו מיר וועלן איינאָרדענען אונזער לעבן לויט יענעם רעכט, וואָס געהערט אונז אָן גלייך מיט אַלע איבעריקע בירגער.

„מיר האָבן זיך פאַרייניקט מיט דעם ציל צו באַשיצן אונזערע רעכט ניט נאָר אַלס איינצלנע מענטשן, נאָר אַלס נאַציאָן, וואָס דאַרף האָבן די פולע פרייהייט צו אַנטוויקלען איר גייסטיק פּאָנים, אָן אַ שטערונג פון איר אייגנאַרטיקייט מיצאַד דער רעגירונגס-מאַכט. שטרייטן פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט, דאָס הייסט ניט—אויסריכטן „דעם וואַנדערער אין וועג אַריין”; דאָס הייסט אויך ניט, ווי אייניקע מיינען—באַשאַפן אַ נייעם מין געטאָ אין דער פאָרם פון אַזאַ אַרט נאַציאָנאַלן צוואַנגס-פאַריין, וואָס איז נאָך ערגעץ ניט אויסגעפּרואווט געוואָרן, וואָס איז אויסגעבויט נאָר אין דער טעאָריע, אָפּגעזונדערט פון די אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע פאַריינען און וואָס זאָל דורך אַן איין-איינציקן צענטראַלן אַנטשטאַלט פאַרוואַלטן איבער דעם גאַנצן גייסטיק-קולטורעלן לעבן פון דער נאַציע. פאַקטיש שטרייטן פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פון די אידן, שטרייטן האָבנדיק אין זינען די אומשטענדן פון יענעם ווירקלעכ

לעבן, צו וועלכן עס דערנעענטערט אונז די נייע אָרדענונג—דאָס הייסט: שטרעבן דערצו, אַז די אידישע געמיינדע זאָל ניט נאָר לעגאַליזירט, נאָר אויך רעאָרגאַניזירט ווערן אַף שטרענג-דעמאָקראַטישע יעסוידעס; דאָס הייסט —איבערלאָזן די געמיינדעס, אַז זיי אַליין אָדער אין אַ פרייער פאַרייניקונג מיט אַנדערע געמיינדעס זאָלן אויסאַרבעטן יענעם מין נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַנשטאַלטן, וואָס שטימען מיט זייערע באַדערפעניש. שטרייטן פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פון די אידן—דאָס הייסט: שטרעבן דערצו, אַז די גרינדונג פון שולן זאָל זיין אַ פרייע, און אַז יעדע גרופּע פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָט אין זיך פאַראייניקט אַ געוויסן טייל, זאָל באַקומען דאָס רעכט צו פאָדערן, אַז אַפּן כעשבן פון דעם אַלגעמיינעם אָדער אָרטיקן ביודזשעט זאָל געעפנט ווערן אַ שול, וואו דער לימעד זאָל זיין אַף איר אייגענער שפראַך. שטרייטן פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פון די אידן—דאָס הייסט: פאָדערן די פרייע אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך, די פרייהייט פון גרינדן יענע אַנשטאַלטן וואָס באַשיצן און אַנטוויקלען די שפּראַך. און אָט דעם גאַנצן שטרייט נעמען מיר אַף זיך, צו אים רופן מיר אַלעמען, וואָס האַלטן אַזוי ווי מיר. מיט די אָנגעוויזענע פאָדערונגען נעמען זיך ניט אויס, פאַרשטייט זיך, אַלע אונזערע אויפגאַבן זיי דריקן נאָר אויס דעם מינימום פון די אויפגאַבן, זיי דריקן אויס יענע ריכטונג, אין וועלכער מיר רעכענען צו גיין.

„זאָל זשע די קומענדיקע גאָסודאַרסטווענע דומע געפינען אין די אויסגעוויילטע פונם אידישן פאָלק מוטיקע קעמפער פאַר בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט פון די אידן; זאָל זי אויך געפינען אין זיי מיטהעלפער אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר אַ בעסערע צוקונפט פון דעם אַלגעמיינעם פאָטערלאַנד. זאָל אָבער פון דער טריבונע אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע קיין מאָל ניט לאָזן זיך הערן אַ שטים פון אַ אידן, וואָס זאָל אונז שטעמפלען מיט דעם נאָמען „אויסלענדער” צווישן רוסלאַנדס פעלקער.

מ. ווינאווער, [155] ג. סליאָזבערג, [156] מ. קולישער, מ. אס-טראגארסקי, מ. שעפטעל, מ. פאָזנער, מ. גאָלדשטיין, ל. שטערנבערג, ד. לעווין, ל. סעוו, מ. מירקין, מ. טריוואוס (שמי), י. געסען, א. גאָרנפעלד, ג. שטילמאן”.

121. די אידישע פאָלקס-פאַרטיי [157].

(מיטיילונג פון אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטעט *), „דאָס אידישע פאָלק”, נומ. 2, 1907).

פון דעם באַנייטן רוסלאנד וואַרט דאָס אידישע פאָלק, אַז עס וועט באַקומען זיינע בירגערלעכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט. די זעקס מיליאָנען אידן, אין רוסלאנד האָבן געטראָגן אַ דאָפּלטן יאָך—דעם אַלגעמיינעם און דעם ספּעציעל-אידישן,—און זיי פילן טיף און פאַרשטייען, אַז זייער מאַזל איז פאַרבונדן מיט דער פּאָליטישער באַפרייאונג פון גאַנץ רוסלאנד. דערמיט דערקלערט זיך

*) דער אָרגאַניז. קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון היסטאָריקער ש. דובנאָוו, ד-ר א. זאַלקינד, מ. נ. קריינין, וו. מאנדל, ש. כאראנזשיצקי.

דער פאַקט, וואָס זיי האָבן ארויסגעשטעלט אַזאַ מאַסע באַגייסטערטע קעמפּער אין דער מאַכנע שטרייטער פאַר דער רוסלענדישער פרייהייט.

צוגלייך אָבער פאַרשטייען אַלע פּאָליטיש-באַרעכנטע און נאַציאָנאַל-געזונטע עלעמענטן פון אידישן פאָלק, אַז אזוי ווי די אנדערע קולטור-אומעס, וועלכע לעבן אין רוסלאנד, דארף אויך די אידישע אומע גיין מיט איר וועג אין דער פרייהייטלעכער באוועגונג. די אידישע קלאַל-טוער דארפן פארלאנגען אַ דעמאָקראטישע מעדינע-אָרדענונג און די גלייכבארעכטיקונג פון אַלע פעלקער אין רוסלאנד, און דערביי דארפן זיי קלאָר און באשטימט ארויסזאָגן, וואָס וועט זיין דער מאמאָשעסדיקער אינהאלט פון דעם אידישן סאָציאלן און קול-טורעלן לעבן, וועלכער דארף ארייגעטראָגן ווערן אין די נייע פאָרמען פון דער פּאָליטישער פרייהייט און בירגערלעכער גלייכהייט. אָן אזעלכע מאַמאָשעסדיקע פאָדערונגען וועט אונזער גאנצער קאַמף הענגען אין דער לופטן. אלע אונזערע אומגעהויער גרויסע קאָרבאָנעס, וועלכע מיר טראָגן אפן מיזבייעך פון דער רוס-לענדישער פרייהייט-באוועגונג, וועלן ברענגען אַ נוצן און האָבן אַ זינען נאָר דעמאָלט, אויב זיי וועלן געבן דעם אידישן פאָלק, וואָס איז אומעטום אין דער מינדערהייט, די מעגלעכקייט פריי צו לעבן און ניט צו געפינען זיך אונטער דער סאָציאלער און קולטורעלער אונטערדריקונג פון דער מערהייט אין לאַנד ביכלאל און אין די איינצלנע נאַציאָנאַלע טעריטאָריען, וואָס וועלן באַקומען אווטאָנאָמיע.

דאָס זיינען די אַלגעמיינע פּרינציפּן, אַף וועלכע עס שטיצן זיך די גרינ-דער פון דער אידישער „פאָלקס-פּאַרטיי". דעריבער דערקענען זיי, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט נאָר דעמאָלט פאַרנעמען צווישן די אנדערע פעלקער אן אָרט, וואָס פּאַסט פאר אים, ווען די אידן וועלן פאַרטיידיקן זייערע אינטערסן אַלס נאַציע, וואָס דארף אַליין בויען איר נייעם לעבן.

מיר טרעטן שארף אַרויס קעגן וועלכע ניט איז אסימילאציע מיט די ארו-מיקע פעלקער.

...צו אַ ברייטער אידישער אָרגאַניזאציע, וועלכע זאָל אַרבעטן אין צייטן פון שאָלעם און מילכאָמע, אום צו קעמפן און שאפן, רופט די אידישע „פאָלקס-פּאַרטיי" אלע אקטיווע קרעפטן פון אונזער פאָלק. ווען דאָס פאָלק וועט זיין אָרגאַניזירט, וועט עס קאָנען ארויסווייזן זיין זעלבסטעטיקייט אין אלע פּראַטים פון זיין לעבן, עס וועט קאָנען שאפן פאר זיך זעלבסטפּארוואלטונג ניט מיט א פאַרטרעטונג פון צופעליקע מענטשן, נאָר פון פאָלקס-דערוויילטע, צו וועלכע עס האָבן צוטרוי די גרויסע מאסן פון פאָלק.

אין אונזער אלגעמיין פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן פּראָגראַם זיינען גענוי אויפגעקלערט די צילן פון דער „פאָלקס-פּאַרטיי". אין קורצע ווערטער קען מען זיי אויסדריקן אין פאָלגנדעם: 1) די דעמאָקראטיזאציע פון דער מעדינע-אָרדענונג אפן יעסאָד פון די פּאָליטישע פרייהייטן און אַ שטרענגן פּארלאַמענטאַריזם מיט אַ פאַראנטוואָרטלעכן מיניסטעריום; אַלגעמיינעס, גלייכעס, דירעקטעס, געהיימעס און פּראָפּאָרציאָנעלעס וואל-רעכט; פולע גלייכבארעכטיקונג פון אַלע פעלקער פון רוסלאַנד, אַווטאָנאָמיע פאַר די איינצלנע טעריטאָריען און גאראנ-

טיעס פאַר די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן; 2) די אנערקענונג פון אידן אַלס נאציע און די רעכט פון נאציאָנאַלער זעלבסטפארוואלטונג אין אַלע פראָטים פון אינערן לעבן, דאָס הייסט, דאָס רעכט פריי צו אָרגאַניזירן די אידישע נאציאָנאַלע געמיינדן און צו פאַרייניקן זיי אין אן אלגעמיין-רוסישן פארבאנד, דאָס רעכט צו באנוצן זיך מיט דער אידישער שפראך אין עפענט-לעכן לעבן, איינצואָרדענען נאציאָנאַלע שולן א. א. וו. 3) דאָס צונויפרופן אן אלגעמיינע אידישע נאציאָנאַל-פאַרזאַמלונג, פון גאַנץ רוסלאַנד אַף אויסצואר-בעטן די יעסוידעס פון דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאציע לויט דעם ווילן פון אידישן פאָלק.

...דער אָרגאניזאציאָנס-קאָמיטעט האלט פאר נויטיק אָנצואווייזן די יעסוידעס, אָן וועלכע מע דארף זיך האלטן אין דעם איצטיקן וואל-קאמף. די רעכט, וועלכע מיר פאָדערן, קאָנען פארטיידיקן אין דער גאָסודארסטווענער דומע נאָר אזעלכע אידישע דעפוטאטן, וועלכע ערקענען אָן אונזערע אלגעמיין-פּאָליטישע און נאציאָנאַלע רעכט און זיינען גרייט צו פארטיידיקן די אידישע אינטערעסן, גייענדיק אלע צוזאמען און בילדנדיק אַ אידישע פארלאמענטארישע גרופּע אף פּעדעראטיווע יעסוידעס. מיר דארפן שטיצן אויך יענע ניט-אידן, וועלכע ערקענען אָן אונזער דעמאָקראטישע און נאציאָנאַלע פאָדערונגען, אָבער בעשום אויפן ניט יענע אידן, וועלכע זיינען אָפענע אָדער פארדעקטע אסימיליאטאָרן.

דער אָרגאניזאציאָנס-קאָמיטעט רופט די אידן צו פאריייניקן זיך אין קאמף פאר זיין פולבארעכטיקונג און זאָגט ארויס די האָפענונג, אז די „פאָלקס-פארטיי" וועט לויט איר פראָגראם און איר טאקטיק צוציען די בעסטע קויכעס פון אונזער פאָלק, בא וועלכע די אלגעמיינע אינטערעסן פון פאָלק שטייען העכער פאר די פאָדערונגען פון זייער קלאס אָדער גרופע.

...אזוי ווי עס איז איצט ארויס אן אויפרוף פון אַ נייער אָרגאניזאציע, מיט דעם נאָמען „אידישע פאָלקס-גרופע"*), וועלכע האָט ארויסגעשטעלט אלס איר ציל בא די וואַלן—דעם קאַמף קעגן ציאָניזם, געפינט דער אָרגאַניזאציאָנס-קאָמיטעט פאַר נויטיק צו דערקלערן, אַז דידאָזיקע „גרופע" האָט קיין שום שאַיכעס ניט צו דער אידישער „פאָלקס-פאַרטיי".

---

*) זע דאָקומענטן נומ. 119—120.

באמערקונגען און דערקלערונגען.

1. „בונד“ — דער פולער נאָמען: „אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד“. געגרינדעט אפן ערשטן צוזאַמענפאָר אין 1897 יאָר דורך די גרופּעס אידישע סאָצ.-דעמ.; פאַרייניקט ארום זיך די ווייט-גרעסטע מערהייט אידישע ארבעטער פון ליטע, פוילן און ווייסרוסלאַנד, וועלכע זיינען דורך דעם „בונד“ צוגעפירט געוואָרן צו דער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער באוועגונג. פון 1898 ביז 1903 איז דער „בונד“ געווען א באשטאַנד-טייל פון ר. ס. ד. א. פּ., נאָר די אַלץ מער און מער וואַקסנדיקע אין אים נאציאָנאַל-סעפּאראטיסטישע טענדענצן ברענגען אים אין 1903, אפן צווייטן פאַרטיי-צוזאַמענפאָר, צום ארויסטרעטן פון ר. ס. ד. א. פּ. בעאַיס דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע שפּילט דער „בונד“ אַ גרויסע ראָלע, אַלס פּאַקטישער פירער פון די רעיוואָלוציאָנערע אידישע ארבעטער-מאַסן. די פּאָליטישע ליניע פון „בונד“ בעאַיס, דער ערשטער רעוואָלוציע איז געווען א וואַקלדיקע: אין 1905-06 איז זי נאָענט צו די באָלשעוויקעסל פון 1906—וואָס ווייטער אַלץ מערער אויסגעשפּראכן מענשעוויסטיש, פון 1911 יאָר—אָרגאַניזאַציאָנעל פארבונדן מיטן מענשעוויסטישן פאַרטיי-צענטער (דער אזוי גערופענער אָ. ק.) און מיט דער מענשעוויסטישער דומע-פראקציע. בעאַיס דער מילכאָמע איז דער „בונד“ אין דער ווייט-גרעסטער מערהייט געשטימט סאָציאַל-פּאַטריאָטיש מיט צוויי נויגונגען: א טייל גערמאנאָפילן, א טייל — אָנהענגער פון רוסישן סאָציאַל-פּאַטריאָטיזם. אַ גאָר קליינע מינדערהייט — אינטערנאַציאָנאַליסטיש. בעאַיס דער פעווראַל-רעוואָלוציע און ווייטער ביזן סאָף 1918 — איז דער „בונד“ אויסגעשפּראכן קעגן דער ראטן-מאכט. סאָף 1918 הויבט זיך אין „בונד“ אָן דער שפּאַלטונגס-פּראָצעס. איינע נאָך דער אנדערער טרעטן פון אים ארויס גרופּן און גייען אריבער צו דער ר. ק. פּ. אין 1919 טרעט אריין די מערהייט פון אוקראַינישן „בונד“ אין ר. ק. פּ., אין 1920 נעמט אָן דער גאנצער „בונד“ א קאָמוניסטישע פּלאטפאָרם און טרעט אריין אין 1921 יאָר אין ר. ק. פּ. די רעכטע גרופּן פאַלן פאנאנדער, אַ טייל געוועזענע טוער עמיגרירן אין אויסלאַנד. אונטער דער בורזשואזער דיקטאַטור אין פּוילן שטעלט נאָך דער „בונד“ פאר א געוויסע געזעלשאַפטלעכע קראַפט, נאָר אויך דאָרט איז זיין קאמף געריכטעט דעריקער קעגן דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע און קאָמוניזם.

2. שטאָט-דומעס — אָרגאַן פון דער שטאָטישער פארוואלטונג אין צארישן רוסלאנד; אין די וואַלן פון די דומעס האָט געהאַט רעכט צו באטייליקן זיך בלויז א קליין הייפל פון דער שטאָטישער בורזשואזיע, וועלכע האָט אין זיי געבאַלעבאטעוועט אין די אייגענע קלאַסן-אינטערעסן; קיין פיל ניט איז באמערקבארע ראָלע אין געזעלשאפטלעכן לעבן פון לאנד האָבן די שטאָט-דומעס קיינמאָל ניט געשפּילט — די צאַרישע רעגירונג האָט ניט געטרויט אַפילע דער שטאָטישער פלוטאָקראטיע און האָט שטארק באגרעניצט די קאָמפּעטענץ און פולמאכטן פון די דומעס.

3. הערצל און נאָרדוי — די שעפער און פירער פון דער מאָדערנער ציאָניסטישער באוועגונג. ביידע זשורנאליסטן פון דער ווינער דייטשישער בורזשואזער פּרעסע. אין 1903 יאָר האָט הערצל באזוכט דעם באַוואוסטן פּאגראמען-מאכער, דעם צארישן מיניסטער פלעווע, קעדיי צו דערשלאָגן זיך בא אים די לעגאַליזירונג פון ציאָניזם אין רוסלאנד.

4. טשארטער — אַ מאנדאט אף צו באזעצן די אידן אין פּאלעסטינע, וועלכן די ציאָניסטן האָבן געשטרעבט אַרויסצוקריגן באם טערקישן סולטאן.

5. ציאָניסטיש-סאָציאליסטישע פּראקציעס — אַ ריי פּאָליטישע גרופּירונגען, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאלטן פון דער אלגעמיינער ציאָניסטישער אָרגאניזאציע, שטרעבנדיק צו

פארבינדן דעם ציאָניזם מיט דער קליינבירגערלעך־סאָציאַליסטישער אידייע און — ביז א געוויסן גראַד—אויך מיטן אנטייל אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן צאַריזם („פּויאַליי־ציען" „ס. ס." א. אז. וו. — זע וועגן זיי דריטן טייל פון דער כרעסטאָמאַטיע).

6. „זובאַטאָווטשינע"—אונטער אט דעם נאָמען איז פארבליבן אין דער געשיכטע פון דער ארבעטער־באַוועגונג דער פּראָוואָקאַטאָרישער פּרואוו פון נאַטשאַלניק פון דער מאָסקווער „אָכראַנקע" זובאַטאָוו אָפּווענדן די ארבעטער־מאסן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, צוזאָגנדיק לעגאַליזירן דעם עקאָנאָמישן קאַמף און שטיצן די אַרבעטער קעגן די קאַפּיטאַליסטן. צווישן די אידישע ארבעטער האָבן זובאַטאָווס אָנהענגער, אָדער די „לעגאַליזאַטאָרן", ווי מע האָט זיי אויך גערופן, געהאַט א געוויסן דערפאָלג אין מינסק און אָדעס, וואו (פון 1901 ביזן 1903) איז געווען טעטיק די אזוי גערופענע „אומאָפּהענגיקע אידישע אַרבעטער־פּאַרטיי". די זובאַטאָווטשינע איז ליקווידירט געוואָרן דורכן צאַריזם, ווען ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די אַרבעטער־מאַסן, וואָס ווערן אריינגעצויגן אין דער באַוועגונג דורך די „זובאַטאָווצעס", שטעלן זיך אַפן וועג פון ברייטן קלאַסן־קאַמף. מיטן וואָרט „זובאַטאָווטשינע" באַצייכנט מען איצט אין דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג יעדן פּרואוו פון דער פּאָליציי און בורזשואַזיע אונטערצוקויפן די אַרבעטער מיט איינצלנע קלייניקע האַנאָכעס.

7. אפן העלסינגפאָרסער צוזאמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין נאָיאַבר 1906, האָט די רוסלענדער ציאָניסטישע אָרגאַניזאַציע, אונטערן דרוק פון דער רעוואָלוציע, אָנגענומען אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע פּאָליטישע פּראָגראַם פאַר דער ארבעט אין רוסלאַנד, די נויטיקייט פון וועלכער די ציאָניסטן האָבן ביז דער רעוואָלוציע אינגאַנצן אָפּגעלייקנט; מיט דער העלסינגפאָרסער פּראָגראַם, אין וועלכער דער ציאָניזם איז אָפּגערוקט אפן הינטערשטן פּלאַן, זיינען די ציאָניסטן געגאַנגען צו די וואַלן אין דער צווייטער דומע; שפּעטער אָבער, ווי נאָר ס'האָט זיך אָנגעהויבן די רעאַקציע, האָבן זיך די ציאָניסטן פּאַקטיש אָפּגעזאָגט פון זייער דעמאָקראַטישער העלסינגפאָרסער פּראָגראַם.

8. דער קישענעווער פּאָגראַם, וועלכן די צאַרישע רעגירונג האָט אָפּן אָרגאַניזירט אין אַפּריל 1903, האָט זיך אין זיין צייט אויסגעצייכנט מיט זיינע שרעקלעכע רעציכעס און אַכזאָריעס און האָט ארויסגערופן אַן אויסערגעוויינלעכע אויפרעגונג ניט נאָר אין גאַנצן לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. דער קישענעווער פּאָגראָם, אָנשטאָט אָפּצוהאַלטן די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס ס'איז געווען דער ציל פון צאַריזם, האָט נאָך מער רעוואָלוציאָניזירט די מאַסן און שאַרף אַרויסגעשטעלט פאַר די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד די צאַרישע פּאָגראָמשטשיקעס—וועגן אָרגאַניזירן א זעלבסטשוץ.

9. די „ארבעטער־שטימע" האָט אָנגעהויבן דערשיינען זומער 1897 אין ווילנע, אַלס אַן אויסגאַבע פון א „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן"; פונם נומ. 7 איז די „ארבעטער־שטימע" געוואָרן דער צענטראַל־אָרגאַן פון „בונד", און אַלס אַזעלכער איז ער דערשינען ביז די אָקטיאַבר־טעג 1905; אַלע 40 נומערן פון דער „ארבעטער־שטימע", אכוץ איינעם, האָבן זיך געדרוקט אין אומלעגאַלע דרוקערייען אין רוסלאַנד.

10. מעדעם וולאדימיר (ליטערארישער פּסעוודאָנים—וויניצקי)—איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער פון „בונד", פון 1906 יאָר מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט, באַגרינדער פון דער בונדישער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם, אַנטיילנעמער פון צווייטן, ש"אַקהאָלמער און לאָנדאָנער צוזאמענפאָרן פון ר. ס. ד. א. פּ., מיטגליד פון רעדאַקציע פון דאַסראָוו בונדישע פּעריאָדישע אויסגאַבן. אין 1913 איז מעדעם געווען אַרעסטירט צוזאמען מיט א גרופּע כאַווערים, אין פארבינדונג מיטן פּראָצעס קעגן דער בונדישער צייטונג „לעבנס־פראגן", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין 1912, און איז געווען פארמישפּעט צו 4 יאָר קאַטאָרגע, נאָר נאָך דער אָקופּאַציע פון וואַרשע איז ער באַפרייט געוואָרן דורך דעם דייטשישן מיליטער. מעדעם איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון דער אָקטיאַבר־רעוואָלוציע און האָט ענערגיש געקעמפט קעגן ראַטן־רוסלאַנד און דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ווען דער פּוילישער „בונד" האָט, אונטערן דרוק פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן, איין צייט זיך געשטעלט אַף א לינקערער פּאָזיציע, איז מעדעם געווען געצוואונגען צו פארלאָזן פּוילן און עמיגרירט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט אַף די זייטן פון „פאָרווערטס" פאָרגעזעצט זיין קאַמף קעגן ראַטן־רוסלאַנד. מעדעם איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין יאַנוואַר 1923.

11. ר. ס. ד. א. פּ. — איר אָנהויב פירט די פּאַרטיי פון דער „גרופּע צו באַפרייען די אַרבעט" מיט פּלעכאַנאָוון בעראָש, וואס איז אנטשטאנען אין 1883 אין אנטשידענעם אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן דער „פאָלקיסטישער" רעוואָלוציאָנערער שיטע, וואָס האָט געהערשט ביז דעמאָלט. די יאָרן פון 1883 ביז 1894 גייען דורך אין פּראָפּאַגאַנדע פון מאַרקסיזם צווישן די אַרבעטער. אין 1895 ווערט דורך לענינען און מאַרטאָוון געגרינדעט דער פּעטערבורגער „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פונם אַרבעטער-קלאַס". אין 1898 יאָר גרינדעט זיך די ר. ס. ד. א. פּ. דער רעוואָלוציאָנערער איינפלוס פון פּראָלעטאַריאַט ברענגט צו אַ גרויסער האַשפּאָע פונם מאַרקסיזם אויף דער בורזשואַזער אינטעליגענץ. אין פּאַרטיי ווערן אַריינגעצויגן פרעמדע עלעמענטן. די יאָרן 1898-99 ברענגען די שיטע פון „עקאָנאָמיזם" מיט איר שטרעבונג אָפּצוציען דעם פּראָלעטאַריאַט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן צאַריזם און האַלטן אים אונטער דער האַשפּאָע פון דער בורזשואַזיע. אין 1900 בילדן לענין, פּלעכאַנאָוו און מאַרטאָוו די צייטונג „איסקראַ" מיט לאָזונג: באַקעמפן דעם „עקאָנאָמיזם" און אויפשטעלן די רעוואָלוציאָנערע סאָצ. דעמ. פּאַרטיי. אונטער דער אָנפירונג פון לענינען פירט די „איסקראַ" דורך די אַרבעט פון רעוואָלוציאָניזירן די סאָצ. דעמ. באַוועגונג און די צוגרייטונג צום צווייטן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר (1903), דערביי קומט אויך אויס צו באַקעמפן די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן פון „בונד".

דער צווייטער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר ברענגט מיט זיך די שפּאַלטונג און קריסטאַליזירונג פון צוויי ריכטונגען—באָלשעוויקעס (די מערהייט) און מענשעוויקעס (די מינדערהייט) — וואָס גייען זיך פונאַנדער אין צוויי הויפּט-פראַגן: די פאָרמען פון פּאַרטיי-בויאונג (צענטראַליזם און געשלאָסנקייט) און די באַציאונג צו דער בורזשואַזער אָפּאָזיציע. די רעדאַקציע פון „איסקראַ" גייט אַריבער אין די הענט פון די מענשעוויקעס, נאָר דער צ. ק. פון פּאַרטיי איז אַ באָלשעוויסטישער. אין די יאָרן 1904 און 1905 ווערן די מיינונגס-פאַרשיידנהייטן נאָך טיפער און נעמען אַרום די פראַגן פון טאַקטיק (באַוואָפנטער אויפשטאַנד, צייטווייליקע רעגירונג, אָפּשאַצונג פון דער ראָלע פונם פּויערטום און בורזשואַזיע, די אויפגאַבן און וועגן פון דער רעוואָלוציע). לענין שטייט בעראָש פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע און פונם צ. ק. די ברייטע פּאָליטישע אַרבעט פון ר. ס. ד. א. פּ. שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין צוגרייטן די רעוואָלוציע פון 1905, האָגאַם ביזן 1905 יאָר זיינען די אָרגאַניזאַציעס פון דער פּאַרטיי גאַנץ קליינע. פון נאָך די יאַנואַר-טעג פון 1905 וואַקסט אומאויפהערלעך דער איינפלוס פון ר. ס. ד. א. פּ. אין מאַי 1905 קומען פאָר פּאַראַלעל דער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) און די קאָנפערענץ (מענשעוויקעס). אַ צאָל שטעט בילדן זיך פּאַראַלעלע פּאַרטיי-קאָמיטעטן (באָלש.) און פּאַרטיי-גרופּן (מענשעוויקעס). אין 1906 יאָר קומט זיך צונויף דער פאַראייניקונגס-צוזאַמענפאָר פון אַלע סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציעס. די באָלשעוויקעס בלייבן אין דער מינדערהייט און האַלטן איין זייערע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציאָנס-צענטרען. דער פּאָליטישער קאַמף אין דער פּאַרטיי הערט ניט אויף און פירט זיך אַרום צוויי קאָנסעקווענטע פּלאַטפאָרמען. אין לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר (1907) נעמען אַ טייל אַלע נאַציאָנאַלע סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער פּאַרטיי נאָכן שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר. אין די אַנטשיידנסטע פראַגן זיגט די באָלשעוויסטישע ריכטונג. נאָכן פאַלן פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע אַנטשטייט אין דער פּאַרטיי אַן אויסגעשפּראָכענע ריכטונג (1909), וואָס וויל ליקווידירן די פּאַרטיי און פּרעדיקט אַ פּשאָרע מיט דער צאַרישער דעספּאָטיע. די באָלשעוויקעס, אונטער לענינס אָנפירונג, שטייען פעסט פאַר דער פּאַרטיי און פאַר דער צוגרייטונג צו אַ נייער רעוואָלוציע. אין 1911 יאָר קומט פאָר די אָנגילטיקע צעשיידונג, די מענשעוויקעס בלייבן אויסער דער פּאַרטיי. בעת דער נייער כוואַליע אין 1912-14 איז דער ווי כטיקסטער מאָמענט — דער אַנטשיידנדער קאַמף קעגן מענשעוויזם און זיינע שטרעבונגען אָפּצוהאַלטן די אַרבעטער פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. בעת דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה איז דער אָפּגרונט צווישן רעוואָלוציאָנערן באָלשעוויזם און סאָציאַל-פּאַטריאָטישן מענשעוויזם געוואָרן נאָך טיפער. לענין פאָרמולירט דעם לאָזונג — פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין אַ בירגער-קריג. אין דער פעברואַר-רעוואָלוציע און דערנאָך אין אָקטיאַבער צעשיידן זיך אינגאַנצן די וועגן: די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס קעמפן אויף צוויי זייטן פון דער באַריקאַדע, די באָלשעוויקעס הויבן אָן די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. דער מענשעוויזם פאַרטיידיקט די בורזשואַזע אָרדענונג. אין מאַרץ 1918, אויפן 7-טן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. (באָלשעוויקעס) ווערט דער נאָמען פון פּאַרטיי געענדערט אין פון רעגנסטמאַל אָן הייסט זי „רוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)".

12. בערנשטיין, עדואַרד — איינער פון די עלטסטע טוער פון דער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע; געווען פּערזענלעך באַפריינדעט מיט ענגעלסן; אין די יאָרן פון די אויסנאַם-געזעצן קעגן די סאָציאַליסטן אין דייטשלאַנד רעדאַקטירט ער דעם צענטראַל-אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, וועלכער איז דערשינען אין דער שווייץ און שפּעטער אין ענגלאַנד. סאָף די 90-ער יאָרן איז בערנשטיין אַרויסגעטראָטן מיט א שאַרפער קריטיק פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם און געזוכט צו פאַרבייטן דעם סאָציאַליזם מיט א ריי רעפאָרמען און אָפּוואַרפן דעם רעוואָלוציאָנערן קלאַסן-קאַמף און די שטרעבונג צו דיקטאַטור. אין די יאָרן פון אימפּעריאַליסטישן קריג האָט בערנשטיין פאַרנומען א וואַקלדיקע פּאָזיציע צווישן די סאָציאַל-פּאַטריאָטן און אינטערנאַציאָנאַליסטן; נאָכן קריג איז ער צוגעשטאַנען צו די „אומאָפּהענגיקע", שפּעטער אָבער האָט ער זיך אומגעקערט צו די רעכטע. בערנשטיין האָט פולשטענדיק געזיגט אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, זי האָט אינגאַנצן אָנגענומען זיין רעוויזיאָניסטישע אידעאָלאָגיע.

13. קאַוטסקי, קאַרל — איינער פון די אָנגעזעענסטע טעאָרעטיקער פון דער אַלטער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע; אָנגעהויבן זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון פרידריך ענגעלס; רעדאַקטאָר פון טעאָרעטישן ס. ד. זשורנאַל „די נייע צייט". ביז דעם אימפּעריאַליסטישן קריג געהערט צום אָרטאָדאָקסישן פליגל פון דער דייטשישער ס. ד. אין זיין צייט האָט קאַוטסקי שאַרף באַקעמפט בערנשטיינס רעפאָרמיזם. אין די יאָרן פון קריג האָט קאַוטסקי פאַקטיש געשטיצט די רעכטע, פאַרטיידיקנדיק אַלגעמיינע אַמניסטיע פאַר די סאָציאַל-פּאַטריאָטן און דערקלערנדיק, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל טויג נאָר פאַר פרידלעכע צייטן. נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע ווערט קאַוטסקי דער טעאָרעטישער פירער פון קאַמף קעגן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און באַקומט פון כ׳ לענינען דעם פּאַסנדן נאָמען „רענעגאַט". אין 1925 יאָר פאַרטיידיקט קאַוטסקי באַוואָפנטע אינטערווענץ און אויפשטאַנד קעגן דער ראַטן-מאַכט.

14. לוקסעמבורג, ראָזע — איינע פין די אָנגעזעענסטע טוער פון דער אַלטער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און די אָנפירערין פון איר לינקן ראַדיקאַלן פליגל. צוזאַמען מיט וואַרסקין, מאַרכלעיסקין און טישקאָ האָט זי געגרינדעט די פּאַרטיי „סאָצ. דעמ. פון פּוילן און ליטע", די שאַרפסטע קעמפערין קעגן דעם פּוילישן סאָציאַל-פּאַטריאָטיזם. בעתן דער מילכאָמע גרינדעט זי די רעוואָלוציאָנערע גרופּע „אינטערנאַציאָנאַל", פון וועלכער ס׳איז אויסגעוואַקסן דער דייטשישער „ספּאַרטאַק" און שפּעטער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד. בײַ דער אויסגעשפּראָכן רעוואָלוציאָנערער פּאָזיציע האָט ראָזע לוקסעמבורג א לאַנגע צייט געקעמפט קעגן לענינס אָנזיכטן אין א ריי וויכטיקסטע טעאָרעטישע פראַגן (די נאַציאָנאַלע פראַגע, די ראָלע פון דער פּאַרטיי א. ד. גל.). דער „לוקסעמבורגיאַניזם" האָט נאָך ביז היינט א געוויסן איינפלוס אין דער דייטשישער און פּוילישער קאָמוניסטישע פּאַרטייען און ווערט באַקעמפט דורכן קאָמינטערן, וועלכער שטרעבט צו באָלשעוויזירן אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

15. פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) אַנטשטאַנען אין 1893 יאָר. איר הויפּטלאָזונג איז די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. פון אָנהויב אָן שטייט זי אָן א זייט פון אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, די באַפרייאונג פון פּוילן דערוואַרט זי ניט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר פון אן איראָפּעאישער מילכאָמע און פון א נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד אין א פּאַסיקן מאָמענט. די קאַדרען פון פּ. פּ. ס. באַשטייען פון דער קליינבירגערלעכער נאַציאָנאַליסטישער אינטעליגענץ. זי אַנטוויקלט אָבער א ברייטע טעטיקייט צווישן די אַרבעטער, פאַרבינדט זיך מיט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער באַוועגונג פון אַרבעטער-קלאַס, דורכדרינגענדיק זיי מיט נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן. פּ. פּ. ס. באַקעמפט שטאַרק דעם „בונד", ווייל ער איז אַן אַלגעמיין-רוסישע אָרגאַניזאַציע און שטעלט ניט אַרויס די פאָדערונג פון אומאָפּהענגיקייט. מיטן וואוקס פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציע אין לאַנד, וואַקסט אויך דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף אין פּוילן. נאָר פּ. פּ. ס. זוכט אָפּצוזונדערן זיך פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג. דאָס ברענגט ענדלעך צו א קריזיס און שפּאַלטונג. דער לינקער פליגל שפּאַלט זיך אָפּ פון דער פּאַרטיי אין 1906 יאָר. דער הויפּט-קערן פון פּ. פּ. ס. מיט פּילסודסקין בעראָש גייט מיט זיין אַלטן וועג. מיטן אָנהויב פון וועלט-קריג האַלט די פּ. פּ. ס., אַז ס׳איז געקומען דער מאָמענט ווידעראויפשטעלן דאָס אומאָפּהענגיקע פּוילן. זי שטיצט דעם קריג קעגן רוסלאַנד, פאַרבינדט זיך מיטן דייטשישן אימפּעריאַליזם, פון וועמען זי

דערוואַרט די באַפרייאונג פון פוילן. ווען דער דייטשישער אימפּעריאַליזם באַנקראָטירט, פאַרבינדט זיך די פּ. פּ. ס. מיט דער אַנטאַנטע. די פּ. פּ. ס. שטיצט די אימפּעריאַליסטישע טענדענצן פון דער פּוילישער בורזשואַזער פּאָליטיק צו אַ „גרויס-פּוילן" און פון סינע צו דער ראַטן-מאַכט פרייידיקט זי מילכאָמע, אין פוילן גופע איז די פּ. פּ. ס. די שטאַרקסטע שטיצע פון דער בורזשואַזער דיקטאַטור. אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל געפינט זיך די פּ. פּ. ס. אויפן רעכטן פלאַנג און צייכנט זיך שטאַרק אויס מיט איר איינהייטלעכן פראָנט מיט דער פּוילישער פּאָליציי קעגן קאָמוניזם. דער לינקער טייל פון פּ. פּ. ס. — די „לעוויצע", האָט פון 1906 יאָר ביזן 1912 אַלץ ענגער זיך פאַרבונדן מיטן רוסישן מענשעוויזם. אין 1912 איז דער פאַרטרעטער פון פּ. פּ. ס., דעפּוטאַט יאַגעלאָ, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן דורך דעם בלאָק פון פּ. פּ. ס. (לעוויצע און „בונד". אַריינגעטראָטן אין דער ס. ד.-פראַקציע פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע. אַדאַנק דער אונטערשטיצונג פון די מענשעוויקעס. בעאייס דער מילכאָמע, אין די יאָרן 17—1914, איז די פּאָזיציע פון דער „לעוויצע" געווען אַ וואַקלדיקע. אין אָנהויב 1919 האָט זי זיך פאַראייניקט מיט דער פּויל. סאָצ. דעמ. און געבילדעט צוזאַמען די „קאָמוניסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי פון פוילן".

16. סאָצ. דעמ. פון פוילן און ליטע (ס. ד.)—געגרינדעט דורך ראָזע לוקסעמבורג, מאַרכלעווסקי, וואַרסקי, יאָגיכעס (טישקאָ). דער יעסאָד פון דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי איז פון אָנהויב אָן — דער רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיזם. די טאַקטיק — קאָנסעקווענטער קלאַסן-קאַמף אין דער ענגסטער פאַרבינדונג מיטן רוסישן פּראָלעטאַריאַט. די פּאַרטיי באַקעמפט אויפן ענערגישסטן אויפן דעם לאָזונג פון אומאָפּהענגיקייט, דערווייזנדיק די אומעגלעכקייט אים צו דערגרייכן, ווייל די בורזשואַזע אַנטוויקלונג פאַרבינדט אַלץ פעסטער פוילן מיטן רוסישן מאַרק. בעאייס דער ערשטער רעוואָלוציע וואַקסט שטאַרק אויס דער איינפלוס פון פּ. ס. ד. אויף די אַרבעטער-מאַסן, דאָך שטייט זי אָן אַ זייט פון דער רוסל. סאָצ. דעמ. און טרעט אַריין אין ר. ס. ד. אַ. פּ. ערשט אין 1906 יאָר, באַטייליקנדיק זיך צום ערשטן מאָל אין 5-טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן (1907), וואו זי שטיצט די פּאָליטישע ליניע פון די באָלשעוויקעס. אין אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגן האַלט זי זיך אָפּגעזונדערט, האַלטנדיק פאַר ניט ריכטיק די שפּאַלטונגס-פּאָליטיק פון לענינען און די שטרעבונג צו שטאַרקער צענטראַליזאַציע. פּ. ס. ד. באַקעמפט אַ. טשיידן די בונדישע נאַציאָנאַלע פּאָזיציע. אין דער מילכאָמע פאַרנעמט די פּאַרטיי אַן אויסגעשפּראָכן-רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציע און געהערט צום לינקן פליגל פון צימערוואַלדער קאָנפערענץ. אין אירע רייען זיינען אָבער פאַראַן לינקע און רעכטע אָפּווייכונגען. די לינקע פאַרשטייען ניט די באַדייטונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, די רעכטע אונטערשיידן נישט שאַרף גענוג די באַציאונג צווישן דער פּאַרטיי און דעם אַרבעטער-קלאַס. אין 1919 יאָר אַנטשטייט די „קאָמוניסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי פון פוילן", אין וועלכער די פּוילישע סאָצ. דעמ. בילדעט דעם רעוואָלוציאָנערן קערן.

17. די פינסטערע אַכציקער יאָרן — אַזוי ווערט באַצייכנט די טקופע פון דער שרעקלעכער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער רעאַקציע, וועלכע האָט געהערשט אין רוסלאַנד נאָכן פאַנאַנדערפאַלן פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און נאָך די אידישע פּאָגראָמען אויף דאָרעם-רוסלאַנד.

18. „עקאָנאָמיזם" — דידאָזיקע אָפּאָרטוניסטישע ריכטונג האָט געזוכט אָפּצוציען די אַרבעטער-מאַסן פון פּאָליטישן קאַמף און אויף אַזאַ אויפן אונטערוואַרפן אים אונטער דער אָנפירונג פון דער בורזשואַזיע. דער „עקאָנאָמיזם" האָט געהערשט אין דער רוסלענדער אַרבעטער-באַוועגונג אין די יאָרן 1898 — 1900; בעראָש פון דערדאָזיקער ריכטונג זיינען געשטאַנען ב. קריטשעווסקי, אַקימאָוו, מאַרטינאָוו און זייערע צייטשריפטן „אַרבעטער-געדאַנק" און „אַרבעטער-זאַך"; דער „עקאָנאָמיזם" איז שאַרף באַקעמפט געוואָרן דורך לענינען און פּלעכאַנאָוון. אין בונד האָבן די עקאָנאָמיסטישע טענדענצן געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס ביזן 1902. דער וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דער קאַמף מיט די „לעגאַליזאַטאָרן" (זע באַמערקונג נומער 6), פון איין זייט, און לענינס בראָשור „וואָס דאַרף מען טאָן?", פון דער צווייטער, האָבן געמאַכט אַ סאָף צו דידאָזיקע אָפּאָרטוניסטישע טענדענצן. די 5-טע קאָנפערענץ פון בונד (האַרבסט 1902) האָט דעם איבערגאַנג פון דער בונדישער באַוועגונג פונם עקאָנאָמיזם צום פּאָליטישן קאַמף אָפיציעל דעקלאַרירט און פאַרפעסטיקט.

19. לעטישע סאָצ. דעמ. ארב.-פּארטיי — אַנטשטאַנען אין 1904 יאָר אלס א פאַרייניקונג פון א ריי אָרטיקע לעטישע סאָצ. דעמ. קאָמיטעטן פון ריגע, ליבוי, מיטוי. אין אָנהויב פאַרייניקט נאָר לעטישע ארבעטער. געהאַט רייבונגען מיטן ריגער קאָמיטעט פון ר. ס. ד. א. פּ., וועלכער האָט געשטרעבט צו פאַרייניקן אלע ארבעטער אָן אינטערשייד פון נאציאָנאַליטעט. אף דעם באָדן האָבן זיך די לעטישע סאָצ. דעמ. דערנעענטערט צום „בונד". אריינגעטראָטן אין ר. ס. ד. א. פּ. נאָכן שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר (1906) אלס טעריטאָריאַלע אָרגאַניזאציע פון לעטישן געגנט, וואָס האָט איינגעשלונגען אין זיך די פריערדיקע קאָמיטעטן פון ר. ס. ד. א. פּ.; מיטן „בינד" זיינען אף די ערטער אין די יאָרן 1905—06 איינגעשטעלט געוואָרן פעדעראַטיווע באַציאונגען (דער באוואוסטער ריגער פעדעראַטיווער קאָמיטעט). די פּאָליטישע שטעלונג פון די לעטישע סאָצ. דעמ. איז געווען א וואַקלדיקע. אפן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר (1907) איז די מערהייט פון די לעטן אַ באָלשעוויסטישע. אין 1910—12 — נאָענט צום מענשעוויזם. בעת'ן דער מילכאָמע — אינעווייניקסטע רייבונגען און קאמף צווישן נאַציאָנאַליסטן און אינטערנאַציאָנאַליסטן. נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע — פולשטענדיקע שפּאלטונג אף לעטישע קאמוניסטן, וועלכע מאכן אין 1919 אן ערנסטן פּרואוו צו בילדן די לעטישע ראטן-רעפּובליק, און מענשעוויקעס, וואָס העלפן באַזיגן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, וואָס ביען און פארטיידיקן פון פּראָלעטאַרישן אנגריף די קולאַקישע לעטישע „דעמאָקראַטישע רעפּובליק".

20. די פּויל. סאצ. פּאַרטיי „פּראלעטאַריאַט" — א קליינע אינטעליגענטישע סאציאליסטישע גרופּירונג אין די יאָרן 1904—06 וואָס האָט געפּרואווט אויפשטעלן די טראַדיציעס פון דער ערשטער פּארטיי „פּראלעטאַריאַט". די לעצטע האָט אין די 70-קער און 80-קער יאָרן געקעמפט צוזאַמען מיט דער רוסישער פּארטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" גלייכצייטיק פאַר דער פאַרניכטונג פון צאַריזם און פאַר דער אויפשטעלונג פון אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. די גרופּע פּ. פּ. ס. „פּראָלעטאַריאַט" האָט געפּרעדיקט קאמף פאַר אומאָפּהענגיקייט, אָבער גערופן צו איינהייט מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. לויט איר אידעאָלאָגיע איז די גרופּע געווען מאַרקסיסטיש. קיין איינפלוס אין די מאסן האָט זי ניט געהאַט.

21. די ליטווישע סאָצ. דעמ. פּאַרטיי — געגרינדעט אין מיט פון די 90-קער יאָרן. געאַרבעט צווישן די ליטווישע ארבעטער (שוסטער, גאַרבער) אין ווילנע, קאָוונע, שאַוולי און אויך צווישן די דאָרפישע פּראָלעטאַריער. די פּאָליטישע פּאָזיציע פון דער גרופּע איז שטענדיק געווען א וואַקלדיקע. זי האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון דער אידעאָלאָגיע פון פּ. פּ. ס. און ארויסגעשטעלט דעם לאָזונג פון אומאָפּהענגיקער ליטע. אָבער גלייכצייטיק האָט זי געקעמפט מיט דער פּ. פּ. ס., וואָס האָט געשטרעבט צו פאַרייניקן ליטע צו פּוילן. אין טאַקטישע פראַגן געווען נאָענט צום באָלשעוויזם. שטענדיק געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אריינטרעטן אין ר. ס. ד. א. פּ. אָבער פאַקטיש זיך ניט פאַרייניקט. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג נאָך דער מילכאָמע איז דיזעלבע, ווי בא די לעטישע סאָצ. דעמ. (זע אויבן — נומער 19).

22. רעוואָלוציאָנערע אוקראַאינישע פּאַרטיי (ר. או. פּ.) — אונטער דער אָנפירונג פון ווינישענקאָ און טקאַטשענקאָ האָט זיך די קליינע אינטעליגענטישע נאציאָנאַליסטישע געשטימטע גרופּע פאַרמעל אָפּגעשפּאָלטן פון דעם אוקראַאינישן נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישן לאַגער און אָנגענומען א מאַרקסיסטישע פּראָגראַם, איר לאָזונג אָבער איז פון אָנהויב אָן געווען אומאָפּהענגיקע אוקראַאינע. שפּעטער האָט די גרופּע אָנגענומען דעם נאָמען אוקר. סאָצ. דעמ. פּאַרטיי. קיין איינפלוס האָט די גרופּע אין דער ערשטער רעוואָלוציע ניט געהאַט. בעת'ן דער וועלט-מילכאָמע איז זי אינגאַנצן ארונטערגעפאַלן אונטערן איינפלוס פון דייטשישן אימפּעריאַליזם, וואָס האָט נאָך דער מיינונג פון דער גרופּע געזאָלט אויפשטעלן די אומאָפּהענגיקע אוקראַאינע. בעת'ן דער צווייטער און דריטער רעוואָלוציע (1917—1919) איז דידאָזיקע גרופּע — די גרינדער און פירערין פון דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער אוקראַאינישער ראַדע. פּעטליורע איז א מיטגליד פון איר צ. ק. און דער קאָמאַנדיר פון די אוקראַאינישע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע קולאַקישע באַנדעס. דער לינקער טייל פון דער גרופּע איז אריין אין ר. ק. פּ.

23. אַרמענישע סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציע — א קליינע גרופּע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער באַקוער סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציע, באַשולדיקנדיק זי אין קלוימערשט ניט אַכטונג געבן אף דער אַרבעט צווישן די אַרמענישע ארבעטער; קיין ברייטן איינפלוס ניט געהאַט.

בעאיס דער ערשטער רעיואלוציע געווען לויט דער פאליטישער פאזיציע נאענט צו די באלשעוויקעס. פלעגט אנטייל נעמען אין די צוזאמענפארן פון ר. ס. ד. א. פ. מיט באראטונגס-רעכט.

24. דער לאנדאנער (5-טער) צוזאַמענפאר פון ר. ס. ד. א. פ. איז פארגעקומען אין מאי 1907, אין אים האבן זיך באטייליקט די באלשעוויקעס און די מענשעוויקעס, אויך צום ערשטן מאל די אלע נאציאנאלע סאצ. דעמ. פארטייען (בונד, לעטן, פוילישע סאצ. דעמ.), וואס זיינען אריינגעטראטן אין ר. ס. ד. א. פ. נאכן שטאקהאלמער צוזאַמענפאר (1906). צוזאמען מיט די דעלעגאטן פון פ. ס. ד. און דער מערהייט פון דער דעלעגאַציע פון דער לעטישער ס. ד. א. פ. האבן די באלשעוויקעס געהאט אפן צוזאמענפאר א מערהייט און קימאט וועגן אלע וויכטיקסטע פרינציפיעלע פראגן זיינען אנגענומען געווארן באלשעוויסטישע רעזאלוציעס.

25. „דעמאָקראטן" — אזוי האָט מען אין די ערשטע יאָ־ן פון דער באַוועגונג גערופן די אָרגאַניזירטע ארבעטער און טוער פון דער באַוועגונג. אין פאַרשיידענע געגנטן זיינען די ערשטע אידישע סאציאליסטן געווען באוואוסט אונטער די פאלגנדיקע נעמען: „ברידער און שוועסטער", „פילאָזאפן", „אכדוסניקעס", „צאר באלעכאים", „סטרוצקעס" (פונם ווארט אינסטרוקציעס) א. א.

26. קאזיאָנער ראוו (ראַבינער) — אידישע טשינאווניקעס, וועלכע פלעגן רעגיסטרירן געבורטן און כאסענעס, ארויסגעבן מעטריקעס, צושטעלן אפיציעלע איבערזעצונגען פון אידיש אין פארשיידענע מלוכע-אנשטאלטן; אין די טעג פון די צארישע יאנטויוים פלעגן די ראַבינער ארויסטרעטן אין די קארשולן מיט פאַטריאטישע דראשעס א. ד. גל. די אקטיאבער-רעוואלוציע האט צוזאַמען מיטן גאַנצן שימל פון אלטן אידישן לעבן אַראפגעשווענקט אויך דעמדאזיקן רעאקציאָנערן אינסטיטוט.

27. די מילכאָמע פון אייראָפּע קעגן כינע — אַף צו דערשטיקן דעם אויפשטאנד פון די כינעזישע מאַסן קעגן די אייראָפּייער אימפּעריאליסטן (באָקסערן-אויפשטאַנד), האָבן די לעצטע אין 1900-טן יאָר אריינגעפירט אין כינע מיליטער און אקיפּי־ט פארשיידענע געגנטן. ארויפגעלייגט אַפן כינעזישן פאָלק א קאָלאָסאלע קאנטריבוציע און געצוואונגען כינע אונטערצושרייבן קאבאַלישע אָפּמאכן, קעגן וועלכע די כינעזישע מאסן קעמפן נאָך אדהאַיאם.

28. די מילכאָמע פון ענגלאנד קעגן די בורן — אין די יאָרן 99—1898 האָט ענגלאנד געפירט א מילכאָמע קעגן די בורן (דאָרעם-אַפריקאנישע טראנסוואלער רעפּובליקן), וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפן איר אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט. נאָך צוויי יאָר הערא־שן קאמף האָבן די בורן געמוזט זיך אונטערגעבן, און טראנסוואל איז געוואָרן ענגלאנדס אַ קאָלאָניע.

29. 1 מאַרט — אין יאָר 1881 איז אינם דאָזיקן טאָג דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַראָדניאָוואָלצעס דער צאַר אלעקסאַנדער דער צווייטער. די פּראָלעטארישע אָרגאַניזאַציעס, האגאם זיי האָבן געלייקנט אין טעראָר, אלס א קאַמפס-מיטל, פלעגן באַצייכענען דעמדאָזיקן יאָרצייט מיט מאַניפעסטאַציעס און פאַרזאַמלונגען, געווידמעט דעם רעוואלוציאָנערן קאמף פון די נאַראָדאָוואָלצעס און דעם אָנדענקען פון זייערע פירער און טוער, וועלכע זיינען אומגעקומען אין צוזאַמענהאנג מיטן דאָזיקן טעראָריסטישן אקט (זשעלאבאָוו, פּעראָווסקאַיאַ א. א.).

30. לעקערט, הירש — איינער פון די פאפולערסטע העלדן פון אידישן פּראָלעטאריאט, פאַרקערפּערט אין זיך די אויפגעוואכטע זעלבסטווירדע פון די רעוואָלוציאָנערע אידישע ארבעטערמאסן. הירש לעקערט, א ווילנער שוסטער, האָט דעם 6|19 מאַי געשאסן אין ווילנער גובע נאטאָר פאָן-וואַל דערפאר, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט א שרעקלעכע עקזעקוציע איבער די דעמאָנטראנטן, וואָס זיינען ארעסטירט געוואָרן דעם 1 מאַי. דעם 28-טן מאַי איז לעקערט דורכן צאַרישן מיליטער-געריכט פארמישפּעט געוואָרן צום הענגען און דעם 11 יון איז ער אויפגעהאנגען געוואָ ן. נאך דער אָקטיאבער-רעוואלוציע האָט די ראטן-מאכט פאַרייביקט לעקערטס אָנדענקען — געשטעלט אים א דענקמאל אין מינסק און אָנגערופן מיט זיין נאָמען א ריי אנשטאלטן.

31. אין 1903 האָט ניקאלאי דער צווייטער זיך געקליבן צו באַזוכן אייניקע אייראָפּעאישע לענדער, נאָר די אייראָפּעאישע ארבעטער, אויס סאָלידאריטעט מיטן רוסלענדער פּראָלעטאריאָט, האָבן געדראָט מיט פיינדלעכע ארויסטרעטונגען קעגן בלוטיקן צאר, אויב ער וועט קומען צו זיי אין לאנד. דידאזיקע ארויסטרעטונג האט געווירקט, די פּראָיעקטירטע וויזיטן זיינען ניט פאָרגעקומען.

32. דער רוסיש-יאפּאַנישער קריג האָט זיך אנגעהויבן אין יאנואר 1904 און זיך געענדיקט מיט א שרעקלעכער מפּלה פון צארישן רוסלאנד אין אויגוסט 1905 (אין רעזול־טאט פון קריג האָט רוסלאנד פארלארן א האלבן אינזל סאכאלין, דארעם-מאנדזשוריע און די וויר־קונג אין קארייע). דער קריג איז געווען זייער ניט פאפולער אין רוסלאנד; אין אים זיינען געווען פאראינטערעסירט בלויז דער קייזערלעכער הויף און א הייפל הויכגעשטעלטע אוואנטיוריסטן — בעזאָב־ראַזאָוו, אבאזא א. א. און נישטיקע גריפן פון דער בורזשואזיע, וועלכע האבן געהאט א וואלד-קאנצעסיע אף דעם טייך יאלו. דער קריג, אין וועלכן די רוסישע ארמיי און פלאט האבן געליטן איין מאַ אלע נאך דער צווייטער (מוקדען, ליאַאָיאַן, צוסימע א. א.), האט בולעט אויפגעדעקט די גאנצע צעפוילטקייט פון צאריזם און מיטגעווירקט דעם וואוקס פון די רעוואלוציאנערע און אפאזי־ציאנעלע שטימונגען אין די ברייטסטע שיכטן פון דער באפעלקערונג.

33. יאַם האַגאדל — גרויסער אדער פאציפישער אקעאַן.

34. צווייקעפּיקער אדלער — די עמבלעם פון דער צארישער זעלבסטהערשונג.

35. „באזשע צאַריא כראַני“ (גאט היט דעם קייסער) — דער הימן פון צארישן רוסלאנד.

36. פאָן פלעווע — די פארקערפּערונג פון צאריש-דעספּאָטישן רעזשים אין מעשך פון די 80-ער, 90-ער און אנהויב פון די 900-טע יארן. נאך דער דערמארדונג פון אינערן-מיניסטער סיפּיאַגין האט פלעווע פארנומען זיין אַמט און איז פּראַקטיש געווארן פּאליציייאישער דיקטאטאָר פון רוסלאנד. דעם 15 יול 1904 איז פלעווע דערמארדעט געווארן דורך די סאָצ. רעוואלוציאנערן סאזאנאָוו און סיקאָרסקי. פלעוועס דערמאָרדונג האט געמאכט אזא שטארקן איינדרוק, אז די צארישע רעגירונג האָט ניט געוואגט צו באַשטראפן מיט טויט די טעראָריסטן, און דער טויט-שטראָף איז זיי פאַרביטן געווארן מיט קאטארגע.

37. „איסקרא“ — ארגאן פון קאמף פאר דער ווידעראויפשטעלונג פון דער פארטיי (ר. ס. ד. א. פ.), ליקווידירונג פון אלע אפּארטוניסטישע אָפּנויגונגען אין איר (עקאָנאָמיסטן) און פאר דער שאפונג פון א רעוואלוציאנערער סאציאל-דעמאקראַטיע; די „איסקרא“ האט זייער העפטיק באַקעמפט אויך דעם בונדיזם.

די „איסקראַ“ האָט געשפּילט אַן אויסערגעוויינלעכע ראָלע אין דער אָרגאַניזירונג און אויספּאָר־מירונג פון דער רעוואָלוציאָנערער רוסלענדער ס. ד. פ. די ארומרייזנדיקע אַגענטן פון „איסקרא“ האָבן פּראַקטיש צוגעגרייט דעם 2-טן צוזאמענפאָר פון דער פארטיי. ביז דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר איז די רעדאַקציע פון „איסקראַ“ באַשטאַנען פון וו. לענינען, ל. מארטאָוו, פּ. אַקסעלראָד, פּלעכאַנאָוו און פּאטרעסאָוו. די פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע לייטונג איז געווען פּאַקטיש בײַ כ׳ לענינען. אָפּן צו־זאַמענפאָר איז, ווי באוואוסט, פאָרגעקומען די צעשפּאלטונג אַף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס און נאָכדעם איז לענין אַרויסגעטראָטן פון דער רעדאקציע, און „איסקראַ“ איז געוואָרן אן אָרגאַן פון די מענשעוויקעס. „איסקרא“ האָט זיך געדרוקט אין אויסלאַנד און פלעגט אומלעגאַל טראַנספּאָרטירט ווערן קיין רוסלאנד.

38. אַנארכיזם — קלייַנבירגערלעכע ריכטונג, וואָס איר אידעאָלאָגיע איז פאָרמולירט דורך פּרודאָן און קראַפּאָטקין. זיין בליק אַף דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט וויל ניט וויסן פון דער שטענדיק וואקסנדער קאָנצענטראַציע פון די פּראָדוקציאָנס-מיטלען און פון דער שטייגנדער געזעל־שאפטלעכער דיסציפּלינירטקייט. זיין אידעאַל איז — דער אינדיווידואום און זיין פּערזענלעכע פרייהייט. דער אַנאַרכיזם לייקנט יעדע פאָרם פון מלוכה-מאכט אין דערום אויך די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, ער באקעמפט יעדע אידייע פון א פארטיי. זיין קאמפס-מיטל איז די באָמבע, וואָס ער ווארפט אין איינצלנע פאַבריקאַנטן און קייסאָרים. צעטיילט אין צענדליקע קליינע גרופן און ריכטונגען האָט דער אַנאַרכיזם בעת דער ערשטער רעוואָלוציע זיך אויסגעצייכנט מיט באוואָפנטע „עקספּראָפּריאַציעס“ פון פּריוואט-אייגנטום, האגאם דערביי איז ארויסגעוויזן געווען אַ גרויסע העלדישקייט. דער אנאר־כיזם האָט באאיינפלוסט די ניט אָרגאַניזירטע ארבעטסלאָזע אַרבעטער. בעת דער מלחמה זיינען די אנארכיסטן אונטער דער אָנפירונג פון קראַפּאָטקינען אריבער אין לאַגער פון די סאָציאַל-פאַטריאָטן, פאַרטיידיקנדיק די „פראַנצויזישע ציוויליזאַציע“ קעגן „דייטשישער באַרבעריי“. די אַנארכיסטן האָבן שטענדיק געפירט אַ קאַמף אויך קעגן דער ראַט-מאַכט (ווייל זיי ווארפן אָפּ יעדע מאַכט). זיי פלעגן אַפילע אָרגאַניזירן באַוואָפנטע אָנפאַלן אַף די פּאַרטיי- און ראַטן-אינסטיטוציעס (דער אויפרייס אין

לעאָנטיעװ-גאַס אין מאָסקװע אין 1919). איצט איז דער אַנאַרכיזם פאַרײניקט אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב אין אַן אײגענעם אינטערנאַציאָנאַל, װאָס פירט אַ מיעסן קאַמף קעגן ראַטן-פאַרבאַנד און קאָמינטערן, אונטערשטיצנדיק דעם אַלװעלטלעכן מענשעװיזם.

39. **עקספּראָפּריאַציעס** — שטאַמט פון װאָרט „עקספּראָפּריאַציע", װאָס באַדײט אָפּנעמען דאָס אײגנטום: די אָקטיאַבער-רעװאָלוציע האָט עקספּראָפּריאירט דאָס אײגנטום פון פאַבריק און גרױס-קאַפּיטאַל. נויטיקנדיק זיך אין געלט-מיטלען פאַר רעװאָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציאָנס-צװעקן, האָט די רעװאָלוציאָנערע פּאַרטײ, די באָלשעװיקעס, ניט אײן מאָל פאָרגענומען באַװאָפנטע אָנפאַלן אויף די רעגירונגס-קאַסעס. װען דאָס גאַנצע לאַנד איז געװען אין אויפשטאַנד, האָבן די אָנפאַלן דעזאָרגאַניזירט נאָך מער די רעגירונגס-אינסטיטוציעס. די אַנאַרכיסטן האָבן אָנגעװענדעט די טאַקטיק פון „עקסן" קעגן אײנצלנע פּריװאַטע פאַבריקאַנטן, סאָחרים, אַפילו קלײנע הענדלער, מײנענדיק דערמיט אונטערגראָבן דעם קאַפּיטאַל. דערמיט האָבן זײ נאָר דעזאָרגאַניזירט די רעװאָלוציאָנערע רײען. די „עקסן" האָבן פאַרבונדן אויפריכטיקע רעװאָלוציאָנערן מיט פּאָשעטע קאָמבינאַטאָרן, לומפּנפּראָלעטאַריער, זײ האָבן געהאָלפן דער רעגירונג איזאָלירן די רעװאָלוציע פון די פאָלקס-מאַסן.

40. **ביליקע קיך** — בורזשואַז-פילאַנטראָפּישער אַנשטאַלט, מיט װעלכן די אידישע בורזשואַזיע באַלצדאָקעס פלעגן באַגליקן זײער „אָרימע ברידער".

41. **„װאָסכאָד"** — װאָכנטלעכער זשורנאַל אין רוסיש, װאָס איז דערשינען פון 1881 ביז 1917, אָרגאַן פון די אידישע ליבעראַלן, װאָס האָבן שפּעטער געבילדעט די „אידישע פאָלקס-גרופּע" (זע באַמ. 151), די אידישע אָרגאַניזאַציע פון דער בורזשואַזער קאַדעטישער פּאַרטײ.

42. **דער צװײטער צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ.** איז פאָרגעקומען אין 1903 אין ברױסעל—לאָנדאָן; אויף אים זײנען אָנגענומען געװאָרן די פּראָגראַם און אוסטאַװ פון דער ר. ס. ד. א. פּ.; פאַרבאַרײטעט איז ער געװען דורך דער „איסקראַ". דאָ איז פאָרגעקומען די צעשפּאַלטונג אין דער פּאַרטײ, באַ װעלכער די מערהײט האָט באַקומען דעם נאָמען „באָלשעװיקעס" און די מינדערהײט — „מענשעװיקעס". דערדאָזיקער צוזאַמענפאָר האָט אויך אָפּגעװאָרפן דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן אולטימאַטום פון „בונד", און דער לעצטער איז אַרױסגעטראָטן פון דער פּאַרטײ.

43. **„שפּינען און פליגן"** — פּאָפּולערע אַגיטאַציאָנס-בראָשור פון דעם באַװאוסטן מאַרקסיסט װילהעלם ליבקנעכט—קאַרל ליבקנעכטס פאָטער, אײנער פון די גרינדער פון דער דײטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דערדאָזיקער פּאַמפלעט קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג װערט ברײט אויסגענוצט פאַר דער ערשטער עלעמענטאַרער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע אין דער גאַנצער װעלט. געװען ברײט פאַרשפּרײט אין רוסלאַנד אין דער פאַר-רעװאָלוציאָנערער צײט.

44. **„פון װאָס איינער לעבט"** — אַ בראָשור געשריבן פון פּױלישן סאָציאַליסט דיקשטײן, װעלכע דערקלערט פּאָפּולער די סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. געדרוקט אין פיל שפּראַכן.

45. **די שטרײקן אין דאָרעם-רוסלאַנד** — זומער 1903 האָט זיך איבער דאָרעם-רוסלאַנד דורכגעטראָגן אַ מעכטיקע שטרײק-כװאַליע מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם פּאָליטישן כאַראַקטער, װעלכע האָט פאַרכאַפּט די גאַנצע דאָרטיקע אַרבעטער-מאַסע. די באַװעגונג האָט זיך אָנגעהויבן קימאַט גלײכצײטיק אין באַקו און אָדעס און האָט זיך באַלד איבערגעװאָרפן אין די איבעריקע צענטערן פון דאָרעם-רוסלאַנד (קיעװ, ניקאָלאַיעװ, קאַטערינאָסלאַװ, יעליסאַװעטגראַד א. א.). אין פיל ערטער איז דערגאַנגען צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און מיליטער און די גאַנצע באַװעגונג האָט זיך פאַרװאַנדלט אין אַ מעכטיקן פּאָליטישן פּראָטעסט, װעלכער האָט צו זיך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײט פונעם גאַנצן רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט. די אידישע אַרבעטער פון װײסרוסלאַנד, ליטע און פּױלן האָבן אָרגאַניזירט פאַרשײדענע אַרױסטרעטונגען, קעדײ אויסצודריקן זײער סאָלידאַריטעט מיט די קעמפנדיקע אַרבעטער-מאַסן פון דאָרעם-רוסלאַנד.

46. **העלדישער װידערשטאַנד די גראַמילעס** — בעשאַסן האָמלער פּאָגראָם (סענטיאַבער 1903) האָט דער דאָרטיקער בונדישער זעלבסטשוץ אַרױסגעװיזן אַ העלדישן װידערשטאַנד די גראַמילעס און פּאָליציי. דער קאַמף קעגן פּאָגראָם איז פאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ באַװאָפנטן קאַמף קעגן די צאַרישע מעשאָרכים. די אַרױסטרעטונג פון די אַרבעטער און זעלבסטשוץ האָט געמאַכט אַן אומגעהויער שטאַרקן אײנדרוק סײ אויף דער מאַכט און די גראַמילעס, סײ אויף דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג, באַװײזנדיק איר, אַז ניט מיט דעפּוטאַציעס צו די צאַרישע סאַ-

שכאפן, נאר מיט געווער אין די הענט דארף מען קעמפן קעגן פאָגראָמען. די צארישע רעגירונג האט פארמישפעט צענדליקער אידישע ארבעטער צו טורמע פארן אנטייל אין זעלבסטשוץ, פריי־שפרעכנדיק דערביי די גראמילעס. דעם העלדישן ארויסטרעט פון האָמלער זעלבסטשוץ האָבן אויך באצייכנט די רוסישע ארבעטער: די כאַרקאָווער און טיפליסער רעוואָלוציאנערע אָרגאניזאציעס האָבן צוגעשיקט דעם האָמלער קאָמיטעט פון „בונד" ספעציעלע באגריסונגס־אדרעסן.

47. דער אלטער אינטערנאציאנאל — אזוי הייסט „די אינטערנאציאנאלע אָרבעטער־אַסאָציאַציע", וועלכע איז מיט דער מיטווירקונג פון מארקס און ענגעלס געגרינדעט גע־ווארן אין 1863 אין לאָנדאָן. אין אינטערנאציאנאל האָבן זיך אינגיכן אנגעהויבן רייבונגען צווישן די אָנהענגער פון מארקס און ענגעלס מיטן אנארכיסט באקונין און זיינע אָנהענגער. די לעצטע זיי־נען אין 187 יאָר אויסגעשלאָסן געווארן פון אינטערנאציאָנאַל; נאָך דער דערשטיקונג פון דער פא־ריזער קאמונע (1871), אין צוזאמענהאַנג מיט דער פארשטארקונג פון דער אלוועלטלעכער רעאקציע, איז דער אינטערנאציאָנאַל פאנאנדערגעלאָזן געוואָרן (1876). אין דער געשיכטע פון דער אינטערנ. פראלעט. באוועגונג איז דערדאזיקער פ״ואוו פארבליבן אלס דער ערשטער אינטערנאציאנאל.

48. אין פעברואר 1904 האבן 57 פאליטישע פארשיקטע אין יאקוטסק אָרגאניזירט א באוואָפנטן פראטעסט קעגן די אויסערגעוויינלעכע נייע פארפאלגונגען, וואס ס'האט אנגעווענדעט קעגן די פאליטישע פארשיקטע דער אירקוטסקער גענעראל־גובערנאטאר קוטאיסאָוו. די פראטעסטאנטן האבן זיך פארבאריקאדירט אין הויז פון יאקוט ראמאנאוו (פון דעם נעמט זיך דער נאמען „ראמאנאווצעס") און דערקלערט, אז זיי וועלן ניט ארויסגיין ביז ס'וועלן ניט אפגעשאפן ווערן די דערמאנטע באגרעני־צונגען. פאָליציי און מיליטער האבן אַרומגערינגלט דאס פארבאריקאדירטע הויז און געשאסן אין די פארשיקטע, דערביי איז איינער פון די פארבאריקאדירטע—יורי מאטלאַכאוו—דערשאסן געוואָרן און צוויי כאווירים זיינען פארוואונדעט געווארן. די פארשיקטע האבן געענטפערט און דערשאסן צוויי סאלדאטן. נאך אייניקע טעג פון קאמף האבן זיך די פארבאריקאדירטע געזען אונטערגעבן. מע האָט זיי געמישפעט און פארורטיילט צו 12 יאר קאטארגע. די רעוואלוציע פון 1905 האט זיי אָלעמען באפרייט. דער פראטעסט פון די „ראמאנאווצעס" און דער מישפעט איבער זיי האט ארויס־גערופן אַן אויפרעגונג צווישן די רעוואלוציאנערע רוסלענדער אַרבעטער־מאסן און אויך אין אויסלאנד. אויך די אידישע ארבעטער האבן ארגאניזירט ספעציעלע פאַרזאמלונגען און פראטעסט־דעמאנסטראציעס קעגן די פארפאלגונגען פון די פארשיקטע כאווירים און קעגן ווילקירלעכן מישפעט איבער זיי.

49. „טראגט ארויס די פאנע די רויטע"—פאפולערע בונדישע ליד, וועלכע מע פלעגט פייערלעך זינגען באם פאנאנדערוויקלען די רויטע פאָנע בא דער דערעפענונג פון א מאסן־פארזאמלונג, אף דעמאנסטראציעס א. ד. גל.

50. שאַך, נאפטאלי—אַן ארבעטער (א זעצער), איינער פון די עלטסטע טוער פון ר. ס. ד. א. פ., אגענט פון אָרגאניזאציאנס־קאמיטעט אף צונויפצורופן דעם צווייטן פארטיי־צוזאמענפאר; דערהאר־געט געווארן אין 1904 אין סיביר, וואוהין ער איז געווען פארשיקט דורך דער צארישער רעגירונג.

51. „צום בונד"—איינע פון די פאָפולערסטע צווישן די בונדישע מאסן פארטיי־ליד, וועלכע דערקלערט „מאשיאך און אידנטום" פאר געשטארבן, דעם ציאניזם—פאר אן „אלט לידל פון אונזערע סאנים — פון די גווירישע קינדער, מאסקילים און ראבאָנים"; אנשטאט זיי, קומט אן א נייער מא־שיאך אף צו באפרייען די וועלט — דאס איז דער אידישער אַרבעטער־קלאס און זיין פארטיי—דער „בונד". דער אווטאר פונם דאזיקן ליד איז דער פארשטארבענער אידישער שריפטשטעלער (סאָצי־רעוו.) ש. ראפאפארט (אן־סקי). דער מעכאבער איז שפעטער געווארן א ציאניסט און שטארק כאראטע געקראגן פארן אינהאלט פון ליד.

52. „די שוואוע"—בונדישער פארטיי־הימן.

53. סוויאטאפאלק־מירסקי—אינערן־מיניסטער נאך דער דערמארדונג פון פאן־פלעווע; מיט זיין נאמען איז פארבונדן דער פעריאד פונם אזוי גערופענעם פאליטישן „פרילינג" און „צוטרוי צו די געזעלשאפטלעכע קרעפטן"—דער ערשטער סימען פון דער אָנקומענדער רעווא־לוציע מיט זיינע אנצאליקע ליבעראלע באנקעטן, רעזאלוציעס, פעטיציעס וועגן דער נויטיקייט איינ־פירן א קאנסטיטוציע א. ד. גל. (אקטיאבר־דעקאבר 1904). דער מעכטיקער רעוואלוציאנערער שטראם, וואס האט פארפלייצט דאס גאנצע לאנד נאכן 9־טן יאנוואר 1905, האט אראפגעשווענקט פון דער פאליטישער אויבערפלאך דעם „ליבעראלן" מיניסטער און זיין „פרילינג".

54. ס׳האנדלט זיך וועגן די יאפאנאפילישע שטימונגען, וואס האבן דענסטמאל געהערשט אין גאנץ ברייטע קרייזן פון די רוסישע ליבעראלן, וועלכע האבן געהאפט, אז די מאפאלעס אין קריג וועלן אַן א רעוואלוציע צווינגען די זעלבסטהערשונג צו דערנעענטערן זיך צו די ליבעראלן. דיזאיקע שטימונגען זיינען אפילע געווען אָפיציעל פארפיקסירט אין דער דעקלאראציע פון דער „קאנפערענץ פון די אפאזיציאנעלע און רעוואלוציאנערע פארטייען”, וועלכע האט געשאפן דעם „פאריזער בלאק” (ז. ז. 117—121).

55. דער „נייער קורס”—דער אזוי גערופענער פאליטישער פרילינג (זע אויבן — 53).

56. זעמסטוועס — ארגאן פון דער גובערניאלער זעלבסט-פארוואלטונג. אין וועלכע ס׳האט געבאלעבאטעוועט דער ליבעראלער טייל פון די פריצים. אין די 90-קער יארן און דירעקט פאר דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע זיינען די זעמסטוועס, אַדאנק זייערע אנגעשטעלטע (דאקטוירים, לערער, סטאטיסטיקער, אגראנאמען א. א.) און אויך א טייל ליבעראלע פריצים געגאנגען בעראָש פון דער רוסלענדער מעסיקער ליבעראל-בורזשואזער באוועגונג. דער צאריזם האט דערפאר געקעמפט קעגן די זעמסטוועס. נאכדעם אבער, ווי די פויערים-מאסע איז אריינגעצויגן געווארן אין רעוואלו-ציאָנערן קאמף און ס׳האבן זיך אנגעהויבן די פויערשע אויפשטאנדן קעגן די פריצים, האבן זיך די „ליבעראלע” זעמצעס אומגעקערט מיטן רוקן צו דער רעוואלוציע און זיינען געווארן טרייע שטיץ-פונקטן פון דער קאנטר-רעוואלוציע.

57. אָיאמע—דער יאפאנישער הויפט-קאמאנדיר בעאיס דעם רוסיש-יאפאַנישן קריג.

58. סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן—די פארטיי פון דאָרפשן קולאק און פונם שטאטישן קליינבירגערטום, אנטשטאנען אין 1903 יאר. אלס פארטיי-אידעאלאגיע געפרואווט אפ-פרישן דעם אלטן „פאלקיזם”. אין די סאציאל-פאליטישע אומשטענדן פון דער ערשטער און צווייטער רעוואלוציע האט דאס באדייט קאמף קעגן דער העגעמאניע פון פראלעטאריאט און די טאקטיק פון אונטערוואַרפן דאס פויערטום אונטער דער פירערשאפט פון דער בורזשואזיע. דעם פראלעטארישן קלאסן-קאמף האבן די ס. ר. קעגנגעשטעלט דעם אינדיווידועלן טעראר. די סאציאליסטישע פראזע האט צוגעדעקט די אפענע קרוויועשאפט צום רעוויזיאניזם פון עדוארד בערנשטיין. אפן ווארט רא-דיקאלן, נעמען די סאצ. רעוו. אנטייל אין דעם באוואוסטן „פאריזער בלאָק” צוזאמען מיט דער בורזשואזער גרופע „באפרייאונג” (מיליוקאוו, סטרואווע). זיי זיינען יורשים פון דער בורזשואזיע אין דער ערשטער רעוואלוציע. זיי האבן געקענט זיין פארבינדעטע פון פראלעטאריאט, ווען די בורזשואזיע איז נאך ניט געקומען צו דער מאכט. די באלשעוויקעס האבן געשטרעבט אריינצוציען זיי אין „לינקן בלאק”. אין דער צווייטער רעוואלוציע זיינען די עסערן די ווארט-פירער פון פאר-זוצן דעם אימפעריאליסטישן קריג און פריידיקער פון אָנגריף אין די אינטערעסן פון רוסישן קא-פיטאל. זיי זיינען די ארגאניזאטארן פון דער קליינבירגערלעכער קאנטר-רעוואלוציע קעגן פראלע-טאריאט, וועלכע העלפן עפענען א וועג צו דער געוויינלעכער בורזשואזער און פריצישער רעסטאוו-ראציע (קאלטשאק), ארגאניזאטארן פון קולאקישע אויפשטאנדן און טעראריסטישע אקטן קעגן די באלשעוויסטישע פירער, אגענטן פון אנטאנטישן אימפעריאליזם און פריידיקער פון מיליטערישער אימפעריאליסטישער אינטערווענץ. איצט זיינען קימאט אלע עסערישע פירער אין דער עמיגראציע און מאכן דארט אפן דורך זייער עוואלוציע צו א געוויינלעכער בורזשואזער דעמאקראטישער פארטיי, וועלכע וועט אריינעמען מיליוקאוון צוזאמען מיט גאנץ אנגעזעענע געוועזענע עסערן.

59. „וופעריאָד” („פאָרווערטס”) — צענטראל-אָרגאַן פון דער ר. ס.-ד. א. פּ. (באלשעוויקעס). דערשינען אין זשענעווע פון דעקאבער 1904 ביז מאַי 1905, אונטער דער רעדאק-ציע פון וו. אי. לענין, וואָראווסקי, לונאַטשארסקי, אָלמינסקי און באגדאַנאָוו.

60. „אָסוואָבאזשדעניע” („באפרייאונג”) — אויסלענדישער אומלעגאַלער אָר-גאַן פון די רוסישע ליבעראלן, געגרינדעט דורך דעם אַמאָליקן סאצ. דעמ. פּ. ב. סטרואווע; אין 1905 האבן זיך די „אסוואָבאזשדעניעצעס” פאראייניקט מיט די ליבעראלע זעמצעס און געבילדעט די „קאנסטיטוציאָנעל-דעמאקראטישע” פארטיי (ק. ד.), בעראש פון וועלכער ס׳האבן זיך געשטעלט דער פראפעסאר מיליוקאוו, פעטרונקעוויטש, שינגאַריאוו א. א.

61. ארמענער רעוואלוציאנערע פעדעראציע „דאשנאקציוטיון” — נאציאנאל רעוואלוציאנערע פארטיי, וואס איר הויפט-ציל איז געווען באפרייען ארמעניע פון אונ-טערן טערקישן, פערסישן און צארישן יאָך און בילדן א זעלבשטענדיקע דעמאקראטישע מלוכע;

אנטשטאנען אין טערקישן ארמעניע אין 1890. אף קאווקאז אנגעהויבן סיסטעמאטיש ארבעטן אין 1903; אין די יארן פין דער ערשטער רעוואלוציע אנגעווענדעט אי א ברייטן מאַסשטאב פאליטישן טעראר, אלס קאמפס-מיטל; פון 1917 יאר אנפירערין אין הויפט-קראפט פון דער ארמענישער קאנטער-רעוואלוציע; נאכן ווידעראויפשטעלן אין ארמעניע די ראטנמאכט האבן די פירער פון „דאשנאקציוטיון" טיילווייז עמיגרירט, טיילווייז אנגענומען א ראטן-אריענטאציע.

62. ליגא נאראדאווי — די הויפט-קערן פון דער רעאקציאנער-נאציאנאליסטישער פוילישער פארטיי „נאראָדאָווע דעמאָקראטן". וועלכע האט נאך אין די יארן פון דער ערשטער רעוואָלוציע געשפילט אן אויסגעשפּראָכן קאנטער-רעוואלוציאנערע ראלע, געקעמפט קעגן די רעוואלוציאנערע ארבעטער-מאסן, ארונטערגעריסן שטרייקן און אנדערע רעוואלוציאנערע אונטערנעמונגען, געזוכט ארויסצורופן א ברודער-קריג צווישן פארשיידענע שיכטן פון די פוילישע ארבעטער-מאסן א. א. וו. יעצט זיינען די „נאראָדאווע דעמאקראטן" פון די ווירקזאמסטע הערשנדיקע פארטייען פון ווייסן פוילן און די פארקערפערונג פון איר בורזשואז-פריצישער דיקטאטור.

63. גרוזינער פארטיי סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן-פעדעראליסטן — נאציאנאליסטיש-רעוואלוציאנערע פארטיי, אנטשטאנען סאף די 90-ער יארן, אין די יארן פון דער ערשטער רעוואלוציע געהאט א געוויסע ווירקונג אין גרוזינישן קליינבירגערטום און געווען ענג פארבונדן מיט די רוסישע סאצ. רעוו. און געפירט א העפטיקן קאמף קעגן די קאווקאזער סאצ. דעמאקראטן; נאך 1917 האבן די פעדעראליסטן פארנומען אן אָנגעזעענעם אָרט אין דער גרוזינישער קאנטער-רעוואלוציע.

64. פינלענדער אָפּאָזיציע (אקטיוויסטן) — קליינבירגערלעכע נאציאנאל-רעוואלוציאנערע פארטיי, וועלכע האט אין די יארן פון דער ערשטער רעוואלוציע געקעמפט פאר דער באפרייאונג פון פינלאנד פון אונטער דעם צארישן יאך; אנגעווענדעט פאליטישן טעראר קעגן די אגענטן פון צאריזם, אלס קאמפס-מיטל; נאך דער ווידעראויפשטעלונג פון דער פינלענדישער קאנסטיטוציע אויפגעגעבן דעם פאליטישן קאמף; אין 1918 אקטיוו באטייליקט זיך אין דערשטיקן די פינלענדישע ארבעטער-רעוואָלוציע.

65. ליבעראלער בלאק — דאסזעלבע, וואס „פּאַיזער בלאק" (זע ז. ז. 117—121).

66. פארשטארקטער אויפזיכט — קעדיי צו פארגרינגערן דעם קאמף קעגן דער רעוואלוציאנערער באוועגונג פון די ארבעטער און פויערים, פלעגט די צארישע רעגירונג אפן רייטסטן אויפן אויסנוצן אירע אזוי גערופענע אויסנאם-געזעצן: דערקלערן אין איינצלנע גובערניעס און גאנצע געגנטן „פארשטארקטע אויפזיכט", „מיליטער-צושטאנד" און זאגאר „באַלאַגערונגס-צושטאַנד", באַ וועלכע די גאַנצע מאַכט פלעגט איבערגיין צו די מיליטער-נאַטשאַלניקעס. פאַר די קלענסטע „פאַרברעכן" פלעגט מען איבערגעבן צום מיליטער-געריכט, וועלכער האָט קימאַט ווי ניט געיואוסט פון קיין אנדער אורטייל, אחוץ טויט-שטראָף א. ד. ג. אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע (1905-1907) איז קימאַט אין גאַנץ רוסלאַנד געווען איינגעפירט איינער פון די אויסגערעכנטע אויסנאַם-צושטאַנדן.

67. „הנותן תשועה" — אַ טפילע פאַרן קייסער, וועלכע מע פלעגט אלע שאַבעס און יאָנטעוו מוזן לייענען אין די באָטיימעדראָשים, דערביי פלעגט דער גאַנצער אוילאָם מוזן שטיין אף די פיס. אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע פלעגן די אידישע אַרבעטער אָפט ניט לאָזן לייענען דידאָזיקע פאַטריאָטישע טפילע, איבעררייסן זי מיט רעוואָלוציאָנערע אויסגעשרייען א. ד. ג.

68. ווייסרוסישע סאָציאַליסטישע הראמאדע — נאציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי, אנטשטאנען אין 1902 אונטערן נאָמען „ווייסרוסישע רעוואָלוציאָנערע הראמאדע"; אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע געווען טעטיק דעריקער צווישן ווייסרוסישן פּויערטום און קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ; נאָך דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע געשטאַנען אין שפּיץ פון דער נאציאָנאַליסטישער קאנטער-רעוואָלוציע אין ווייסרוסלאנד.

69. דעם 17-טן אָקטיאבער 1905, ווען די רעוואָלוציאָנערע כוואליע האט דערגרייכט איר העכסטן אויפשטייג, — דער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק האָט בעסמעס ארומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, ס'זיינען געשטאַנען די באַנען, ס'האָט ניט געאַרבעט די פּאָסט און טעלעגראַף — איז די צאַרישע רעגירונג געצוואונגען צו גיין אף האנאכעס, און דער צאַר האָט ארויסגעגעבן א מאַניפעסט, וועלכער האָט פאַרשפּראָכן אלע דעמאָקראטישע פרייהייטן — פרייהייט פון וואָרט, פרעסע, פאַרזאַמ-

לונגען, פאַרייניגען — און אויך צוזאַמענרופן אַ געזעצגעבנדיקע דומע אַפן סמאַך פון אַ פאַרברייטערטן וואַל-געזעץ. מיטן דאָזיקן מאַניפעסט איז די זעלבסטהערשונג אויסן געווען צו פאַרהאַלטן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע און אַריבערציען אויף איר זייט די מעסיקע ליבעראַלן — די בורזשואַזיע און זעמצעס — און אויף אַזאַ אויפן פאַרשטאַרקן אירע פּאָזיציעס אין קאַמף קעגן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-מאַסן. די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט גלייך איינגעזען דעם טאָך פונם דאָזיקן „מאַניפעסט" און ברייט אויסגענוצט די ערשטע פרייהייטן צו אָרגאַניזירן די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן פון לאַנד. האָט זי גערופן די מאַסן פאָרזעצן דעם קאַמף ביז צו דער ענדגילטיקער באַוואָפנטער אומשטירצונג פון דער צאַרישער זעלבסטהערשונג. אויף מאָרגן נאָכן מאַניפעסט האָט די צאַרישע רעגירונג נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם קאַמף קעגן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן.

70. פּויאַליי־ציאָן פון דאָרעם-רוסלאַנד — אין הייפעך צו די פּויאַלייציאָן פון ווייסרוסלאַנד און טיילווייז אויך פון ליטע, וועלכע האָבן פּרינציפּיעל ניט אָנערקענט די נויטיקייט פון פּאָליטישן קאַמף דאָ אין רוסלאַנד, זיינען די פּויאַלייציאָן פון דאָרעם-רוסלאַנד, ווי אויך פון פּוילן, געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט און פאַרהעלטנישמעסיק אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

71. דידאָזיקע באַשטימונג איז געווען געצילט אין די אָרגאַניזאַציעס פון ר.ס.ד.א.פּ. אין צאָפן-מאַירעוו קאַנט, וואָס זייער טעטיקייט צווישן די אידישע אַרבעטער-מאַסן האָט דער בונד קוואַליפיצירט אַלס דעזאָרגאַניזאַטאָרישע.

72. קאָמיסיעס אויף אַרומצוקלערן די באַדערפענישן פון די אַרבעטער — נאָך דער גראַנדיעזער יאַנוואַרער אַרויסטרעטונג פון פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט און שטורמישן אָפּקלאַנג, וואָס די דאָזיקע אַרויסטרעטונג האָט געפונען אין גאַנצן לאַנד, האָט די צאַרישע רעגירונג געפּרוּווט באַרויקן די אויפרעגונג צווישן די ברייטסטע אַרבעטער-מאַסן מיט פאַרשיידענע קליינלעכע האַנאַכעס. אין פּעטערבורג האָט געזאָלט צונויפגערופן ווערן, אונטערן פאָרזיץ פון סענאַטאָר שידלאָווסקי, אַ קאָמיסיע, מיטן אָנטייל פון אַרבעטער-פאַרשטייער און פאַרשטייער פון די קאַפּיטאַליסטן, אויף אַרומצוקלערן די באַדערפעניש פון די אַרבעטער; אויך אין דער פּראָווינץ (וויטעבסק, דווינסק) זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צונויפרופן ענלעכע קאָמיסיעס. נאָר אונטער דער אָנפירונג פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָבן די אַרבעטער-מאַסן זיך ניט געלאָזן פאַרפירן: זיי האָבן די קאָמיסיעס באָיקאָטירט, און די לעצטע זיינען בעמיילע פאַנאַנדערגעפאַלן.

73. „פּראָלעטאַרי" — צענטראַל-אָרגאַן פון ר.ס.ד.א.פּ. (באָלשעוויקעס), דערשינען (אַנשטאָט דעם „וופּעריאָד", זע באַמ. נומ. 59) אין זשענעווע (שווייץ) פון 14 מאַי ביז 12 נאָיאַבר 1905 אונטער דער רעדאַקציע פון וו. לענין, א. לונאַטשאַרסקי, מ. אָלמינסקי און טעאָדאָראָוויטש.

74. בערנשטאַם, וולאַדימיר — אַ ליבעראַל-דעמאָקראַטישער אַדוואָקאַט, פּאָפּולערער פּאָליטישער פאַרטיידיקער; זיינע באַאָבאַכטונגען און איינדריקן פונם צאַרישן געריכט און פאַרקער מיט די געמישפּטע רעוואָלוציאָנערן האָט ער פאַרפיקסירט אין עטלעכע האַלב-בעלעטריסטישע ווערק: „אין פייער פון פאַרטיידיקונג", „פאַר רעכט" א. א.

75. סאָקאָלאָוו, נ. ד. — באַרימטער פאַרטיידיקער אין פּאָליטישע פּראָצעסן, איין צייט געשטאַנען נאָענט צו די באָלשעוויקעס, געווען ס. ד. קאַנדידאַט פון פּעטערבורג בײַ די וואַלן צו דער צווייטער גאָסדומע. איז אויטאָר פון באַרימט געוואָרענעם באַפעל נומ. 1 פון פּעטערבורגער ראַט פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן — וועגן די רעוואָלוציאָנערע רעכטן פון סאָלדאַט — אין די ערשטע טעג פון דער פעברואַל-רעוואָלוציע, פאַר וועלכן די פּאָליטישע בורזשואַזיע איז אים שרעקלעך באַפאַלן און באַשולדיקט אין דעזאָרגאַניזירן די אַרמיי; שפּעטער אַריבערגעגאַנגען צו די סאָציאַל-פּאַטריאָטן, געפאָרן אויפן פראָנט, אַלס קערענסקיס אַ קאָמיסאַר, אויפמונטערן די אַרמיי פאָרצוזעצן דעם אימפּעריאַליסטישן קריג.

76. דאָס איז די ערשטע שורע פונם פּאָפּולערן רוסישן רעוואָלוציאָנערן הימן „מאַרסעליעזע".

77. לייבעטשקע דער טישלער (לייבעטשקע) — י. בערמאַן, אַ סטאָליער לויט דער פּראָפעסיע, אַן אַלטער טוער פון בונד, נאָך יענער פעברואַל-רעוואָלוציע מיטגליד פון צ. ק. פון בונד, געבליבן אַ בונדיסט, עמיגרירט קיין פּוילן, געהערט אויך איצט צום אויסגעשפּראָכן רעכטן קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן פליגל פון „בונד".

78. ד. ליפעק—פעטראווסקי, ד. (מאקס גאלדפארב)—טאלאנטפולער בונדישער מאסן-רעדנער אין די יארן פון דער ערשטער רעוואלוציע, אין 1919 אריינגעטראטן אין ר. ק. פ. ביז 1924 געווען שעף פון דער הויפט-פארוואלטונג פון די מיליטערישע לערן-אנשטאלטן (גוואוואוז).

79. „נאשי דני" — ראדיקאל-בורזשואזע צייטונג, דערשינען אין דער ערשטער העלפט פון 1905 אין פעטערבורג.

80. „געזעלשאפטן פון קעגנזייטיקער הילף פון פריקאזטשיקעס" — אזעלכע האלב-פילאנטראפישע קאנסערוואטיווע פריקאזטשיקעס-געזעלשאפטן, וואס האבן פאראייניקט דעריקער די העכערע קאטעגאריעס אנגעשטעלטע (עלטערע פריקאזטשיקעס, בוכהאלטערן, פארוואלטער א. א. וו.) האבן נאך ביז 1905 עקזיסטירט אין גאנץ רוסלאנד און אויך אין א ריי שטעט פון „טכום" — אדעס, קאטערינאסלאוו, וויטעבסק, ווארשע א. א.; דידאזיקע געזעלשאפטן זיינען, פארשטייט זיך, געשטאנען אן דער זייט פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג און ניט געפירט אפילו קיין עקאנאמישן קאמף.

81. „שווארצע מייע" — דאס איז געווען דער אלגעמיינער נאמען פון די אקטיווע ארגאניזירטע קרעפטן פון דער קאנטער-רעוואלוציע, ארגאניזאטארן און אנפירער פון אידישע פאגראמען א. ד. ג. זייערע פירער — די מאנארכיסטן פורישקעוויטש, מארקאוו, זאמיסלאווסקי, דובראווין א. א.

82. „דער פריינד" — נאציאנאל-דעמאקראטישע אידישע טעגלעכע צייטונג, דערשינען פון 1903 ביז 1913 אין פעטערבורג און ווארשע; „דער פריינד" האט ניט געהאט קיין קלאר אויסגעשפראכענע אידעאלאגישע פאזיציע און האט זיך שטענדיק געוואקלט צווישן ציאניזם און בורזשואזן ראדיקאליזם.

83. א בוירעים-געריכט איבער די טראיאנאווער אידן איז איינגיכן פארגעקומען אין קיעוו, אונטערן פארזיץ פון באקאנטן אדוואקאט (ס. ר.-סיימאוועץ) מ. ראטנער. דער געריכט האט פעסטגעשטעלט קימאט אלע פארעפנטלעכע פאקטן. נעמענדיק אבער אין באטראכט, אז די טראיאנאווער אידן האבן זיך אליין אויך געפונען אין א גרויסער פאגראם-געפאר, האט דער געריכט ארויסגענומען פון זיי דעם באיקאט. אזוי ווי אבער די בונדישע ארגאניזאציע האט זיך אפגעזאגט צו באטייליקן זיך אין געריכט, איז דערדאזיקער אורטייל ניט פארווירקלעכט געווארן און נאך א לאנגע צייט זיינען די טראיאנאווער אידן באיקאטירט געווארן אין דער גאנצער אומגעגנט.

84. באקו, טאמבאוו, קורסק—אין באקו האט די צאַרישע רעגירונג אין פעברואר 1905 ארגאניזירט א שרעקלעכע בלוט-באד צווישן די טאטערן און ארמענער; אין טאמבאוו און קורסק איז די פאליציי באפאלן אין מערדעריש געשלאגן פרידלעכע דעמאנסטראציעס פון דער לערן-יוגנט.

85. ליטוואק, א.—כ. י. העלפאנד. אנגעזעענער בונדישער טוער (די לעצטע יארן מיטגליד פון צענטראל-קאמיטעט) און פארטיי-ליטעראט; איינער פון די גרינדער פון „בונד". נאך דער צעשפאלטונג אין „בונד" פארבליבן מיט די רעכטע; אין 1921 עמיגרירט קיין פוילן, נאר אויך דער פוילישער בונד איז פאר אים געווען צו לינק, און ער האט זיך געפרואווט שאפן אין ווילנע א רעכטע בונדישע ארגאניזאציע, שפעטער אריינגעטראטן אין „בונד". געהערט צום אויסגעשפראכן קאנטער-רעוואלוציאנערן פליגל פון פוילישן „בונד".

86. דעם קריסטלעכן פייסאך האבן די שווארצעמייעניקעס געהאלטן פאר דער בעסטער צייט אף ארויסצורופן אידישע פאגראמען. דער פינסטערער המון פלעגט דענסטמאל וואכנווייז דורך די גאלאכים אנגערייצט ווערן קעגן די אידן פאר דער קרייצונג פון קריסטן און ס'פלעגט געוויינלעך אויפלעבן די מיטלאלטערלעכע לעגענדע, אז אידן געברויכן קריסטלעך בלוט אף מאצע; פאר פייסאך פלעגט דעריבער די אידישע באפעלקערונג געוויינלעך ארומכאפן א שרעקלעכע פאגראם-פאניק, און די רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס פלעגן ברענגען אין קאמפס-צושטאנד זייערע באוואפנטע זעלבסטשוץ-אפטיילן.

87. „קאמיטעט" און „גרופע".—די ארטיקע ארגאניזאציעס פון די באלשעוויקעס האבן געהייסן „קאמיטעטן" און פון די מענשעוויקעס—„גרופעס".

88. ס'ווערט געמיינט די טאלאנטפולע בונדישע מאסן-רעדנערין אנע ליפשיץ, וועלכע די רעאקציאנערע פרעסע האט דענסטמאל באצייכנט מיטן נאמען „פוריע".

89. די מאפאלע בא צוסימע—די שרעקלעכע מאפאלע באם אינזל צוסימא (מאי 1905), בא וועלכער ס'איז אומגעקומען קימאט דער גאנצער רוסישער פלאט, איז געווען איינער פון

די אנטשיידנסטע מאמענטן אין רוסיש-יאפאנישן קריג; גלייך נאך צוסימא האָט די צארישע רעגירונג אנגעהויבן זוכן שאלעם מיט יאפאן און אין אייניקע מאנאטן ארום איז בא דער פארמיטלונג פון אמעריקע דער שאָלעם געשלאָסן געוואָרן. די מאפּאָלע אין צוסימע האָט געבראַכט מיט זיך אַ נייעם שוואונג פון דער רעוואלוציע—דעם אויפשטאנד אין פלאט, די יוני-טעג.

90. אלע דריי ארגאניזאציעס—באלשעוויקעס, מענשעוויקעס און בונד.

91. איין שיף פון דער געקומענער עסקאדרע—„געארגי פּאָבעדאָנאָסעץ" איז צוגעשטאנען צו „פּאָטיאָמקינען" און געבליבן אין אדעס, נאָר ניט אף לאנג. אינגיכן האבן זיך אפּן שיף אנגעהויבן רייבונגען, די קעגנער פון אויפשטאַנד האָבן באקומען די אויבערהאַנט, די רעוואלוציאנערן האט מען ארעסטירט און איבערגעגעבן צים מיליטער-געריכט, וועלכער האָט א טייל פארמישפּעט צום טויט און א טייל—אף לאנגיאריקער קאטארגע. „פּאטיאָמקין" איז נאכדעם אפּגעשוואומען קיין רומעניע, וואו ער האט געוואָלט באקומען שטיין-קוילן, נאָר די רומענישע רעגירונג האָט, פארשטייט זיך, אין דעם אפּגעזאגט דעם רעוואלוציאנערן פאנצער-שיף; פון רומעניע האָט זיך „פּאָטיאָמקין" אומגעקערט קיין רוסלאנד און האט זיך מיטן עלבן צוריק אפּגעשטעלט אין פעאדאסיע. נאר אויך דאָ האָט ער קיין שטיין-קוילן ניט געקאנט באקומען; די לאגע איז געוואָרן אָנגעשט-ענגט, קיין הילף איז פון ערגעץ ניט געקומען, די שטימונג האָט אנגעהויבן פאלן; דעם 25-טן יון האָבן די מאטראָסן אינטערנירט זיך אין רומעניע און צעוייט זיך איבער פאַרשיידענע אייראפּעאישע לענדער.

92. ש. אנ-סקי—ש. ראפּאָפּאָרט, רוסיש אידישער שריפטשטעלער און פאלקלאריסט, לויט די איבערצייגונגען סאצ. רעוו. די לעצטע יאָרן פאַרן טויט מיסטיש געשטימט און נאענט צו די ציאניסטן. אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואלוציע איז אנ-סקי געוועזן שטארק באגייסטערט פון העלדישן רעוואלוציאנערן קאמף פון די אידישע ארבעטער-מאַסן און אנגעשריבן די בונדישע „שוואוע", די פּאפּולערע ליד „צום בונד" א. א. אנ-סקי איז געשטארבן אין 1920 אין ווילנע.

93. אלטע נאראדאוואלצעס—אינטעליגענטישע רעוואלוציאנערן-גרופּן, וואָס זיינען געוועזן טעטיק אין רוסלאנד אין די 70-טער יאָרן צוערשט פאַרנומען זיך מיט סאציאליסטישער פּראפּאגאנדע („געגאנגען אין פאָלק"), דערנאך אנגענומען דעם צענטראלן פּאליטישן טעראָר (דערהארגעט אלעקסאנדער דעם צווייטן).

94. „בירזשע-טאָג"—אלגעמיינע „בירזשעס" פאר דער גאַנצער ארגאניזאציע פלעגן פארקומען ניט אלע טאג (געוויינלעך 1—2 מאָל אין וואָך); אין די איבעריקע טעג פלעגן פּאָרקומען פּאַכאָיוע „בירזשעס".

95. בעאָניק—מיטגליד פון „ב. אָ." (באיעוואי אטריאד)—קאמפּס-דרוזשינע.

96. „אכדוס"—זע באמערקונג נומער 25.

97. די געשעענישן אין לאדז—דער באריקאדן-קאמף פון די לאדזער ארבעטער אין יון 1905.

98. „ציוני-ציון"—די ערשטדיקע ריכטונג אין ציאניזם, וועלכע האָט שארף באקעמפט די אנהענגער פון פארבייטן פּאלעסטינע מיט אוגאנדע און אלע אנדערע טעריטאריעס, און איז טריי געשטאנען אונטער דער פאַן פון בורזשואזן פּאלעסטיניזם.

99. „אוידלויאָוודאָ"—ציאניסטישער הימן.

100. אכאדהאמיזם—א ריכטונג אין ציאניזם, לויטן נאָמען פונם ציאניסטישן פּובליציסט און דענקער אכאדהאם (א. גינצבערג). לויט אכאדהאמען, קאן פּאַלעסטינע ניט לייזן די סאציאל-עקאנאמישע פראגן פון דער אידנטום-פּראבלעם, זי קאן בלויז ווערן א גייסטיקער צענטער, וועלכער דארף אידייאיש פאריייניקן די צעווארפענע איבער גאר דער וועלט טיילן פון אידנטום, ארויסרופן בא זיי אן אינערלעכע גייסטיקע ווידעראויפלעבונג אין די לענדער פון גאלעס. מאכמעס דער בונד האָט געפאָדערט נאָר נאציאנאל-קולטורעלע אויטאנאמיע און האָט זיך ארויסגעזאגט קעגן איר פארבייטערונג מיט סאציאל-פּאָליטישע און נאָציאל-עקאנאמישע פונקציעס, פלעגן די ציאניסטן-סאציאליסטן אם אפט אויפיארפן, אז ער איז אכאדהאמיסטיש.

101. שעקל—מיטגלידס-אפּצאל אין דער ציאניסטישער ארגאניזאציע; קעדיי צו רעכענען זיך פאר א פולבארעכטיקטן מיטגליד פון דער ציאניסטישער ארגאַניזאַציע, איז געוועזן גענוג איינמאל אין יאָר קויפן אַ שעקל פאר 40 קאָפּ. פאַר די וואלן פון קאנגרעס-דעלעגאטן פלעגן די פירער פון

פאַרשיידענע ריכטונגען איינקויפן וואָס מער שקאלים און אף אַזאַ אויפן דורכפירן וואָס מער זייערע קאנדידאטן.

102. טעריטאריאליזם--די ציאניסטישע ריכטונג, וואָס האָט אנערקענט, אז אַ „רעכטלעך געזיכערטע היים פאַר אידן" קאן געשאפן ווערן ניט דאפקע אין פּאַלעסטינע, נאָר אויך אף אַן א דער טעריטאריע; אפן 7-טן ציאניסטישן קאָנגרעס (1905) האָבן זיך די טעריטאריאליסטן, מיטן ענגליש-אידישן שריפטשטעלער איזראעל זאַנגוויל, אפגעשפּאָלטן פון דער אלוועלטלעכער ציאניסטישער אָרגאניזאַציע און געגרינדעט די אידישע טעריטאריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע (יט"א); אנהענגער פון טעריטאריאליזם זיינען אויך געווען אַלע ציאניסטיש-סאציאליסטישע גרופּירונגען, אכוץ די י. ס. ד. א. פ. „פּועלי־ציאָן", וועלכע איז געבליבן געטריי פּאלעסטינע.

103. פּינסק, דווינסק, לידע—אין 1905-טן יאר, ווען די ציאניסטיש-סאציאליסטישע ארגאניזאציעס האבן אנגעהויבן באקומען א געוויסע ווירקונג אף אייניקע שיכטן פון דער אידישער ארבעטערשאפט, האָט זיך דער קאמף צווישן די צ. ס. ארגאניזאציעס מיט די בונדישע אויסערגעוויינלעך פארשארפט און אין אייניקע שטעט (פּינסק, דווינסק, לידע, שאוול א. א.) איז ער ניט זעלטן דערגאַנגען צו באַיואפנטע צוזאמענשטויסן און בלוטפארגיסונגען.

104. „סוועט"—איינע פון די עלטסטע רוסישע רעאקציאנערע צייטונגען, מיט די מיינונגען פון וועלכער די הערשנדיקע ביוראקראטישע קרייזן האבן זיך שטארק גערעכנט.

105. די הייליקע וואך—די וואך פון קריסטלעכן פּייסאַך.

106. גאפּאָן, גריגארי—דער בארימט געווארענער גאַלעך, וועלכער האָט אין 1904, מיטן העסקעם פון פּאָליציי-דעפּארטאמענט, אָרגאַניזירט אין פּעטערבורג אַ לעגאַלע „געזעלשאַפט פון די רוסישע פאַבריק-אַרבעטער", וואָס האָט זיך געשטעלט פאר אַ ציל אראָפּצופירן פון רעוואָלוציאָנערן וועג די אַרבעטער-מאַסן; ווען אין יאַנוואַר 1905 האָבן זיך צווישן די פּעטערבורגער ארבעטער אָנגעהויבן שטרייקן, האָט זיך גאַפּאָן מיט זיין געזעלשאַפט געמוזט שטעלן אין שפּיץ פון דער באַוועגונג, און ארויסגעשטעלט דעם לאזונג—גיין צום קייסער מיט אַ פּעטיציע. די באַוועגונג האָט געענדיקט צום 9 יאנוואר און דער בלוטיקער האריגע. גאַפּאָן האָט עמיגרירט קיין אויסלאַנד, וואו ער האָט געזוכט צו דערנעענטערן זיך צו די אנפירנדיקע קרייזן פון די רעוואלוציאָנערע פּאַרטייען; נאכן מאניפעסט פון 17-טן אקטיאבר האָט זיך גאַפּאָן אומגעקערט קיין רוסלאַנד און אַריין אין אפיציעלע פארבינדונגען מיטן פּאָליציי-דעפּאַרטאמענט; אין אַפּרעל 1906 האָבן זיינע געוועזענע אנהענגער אים דערמארדעט.

107. „נאַשאַ זשיזן" און „סין אטעטשעסטווא"—ראדיקל בורזשואזע טעגלעכע צייטונגען, זערשינען אין פּעטערבורג סאָף 1904 און 1905. די לעצטע האָט נאָכן אקטיאבר-מאניפעסט זיך פּראָקלאמירט אלס אָרגאַן פון די סאָצ. רעוו.

108. פּאָרטסמוט—די צאפן-אמעריקאנישע שטאָט, וואו ס'איז אין אווגוסט 1905 געשלאסן געווארן דער רוסיש-יאפּאנישער שאלעם, וועלכן ס'האט מיצאד רוסלאַנד אונטערגעשריבן דער באוואוסטער וויטע.

109. אף דער אלרוסלענדער קאנפערענץ פון די סאָצ. דעמ. פּאַרטייען אין סענטיאבר 1905 האָבן די פארשטייער פון די באלשעוויקעס און אלע נאציאנאלע ס. ד. פּאַרטייען איינהייטלעך ארויסגעזאָגט זיך פארן אקטיוון באיקאט פון דער בוליגין-דומע; בלויז דער פארשטייער פון די מענשעוויקעס איז געווען קעגן דעם און ארויסגעטראטן מיט א מעשונע ווילדן אוטאפּיסטישן פּראיעקט פארוואנדלען אף אַ רעוואלוציאָנערן אויפן די בוליגין-דומע אין אַ רעוואָלוציאנערער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג; לויטן דאזיקן פּראיעקט האָט מען אומעטום געדארפט גרינדן „אגיטאַציע-קאמיטעטן", וואָס האָבן, פון איין זייט, געדארפט דריקן אף די בורזשואזע וויילער, אז זיי זאלן קלייבן אין דער בוליגין-דומע „אנטשיידענע פרייהייטס-קעמפער" און, פון דער צווייטער, ארגאניזירן אפן יעסאָד פון אלגעמיינע א. אז. וו. וואלרעכט וואלן פון פאלקספארטרעטער, וועלכע זאלן אין נויטיקן מאמענט צונויפפארן זיך און דערקלערן זיך אלס גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. „מיר רעקאָמענדירן די כאַווירים דעמדאזיקן בייזשפּיל־פּאָזן פּלאַן—האט דענסטמאל געשריבן וועגן דעם אין נומ. 15 „פּראָלעטאַרי" דער כי לענין—אלס אידעאלן ציל פון דער מאנארכיסטישער בורזשואזיע, אלס אידעאלן ציל צו ליקווידירן מיט דער הילף פון די ליבעראלע

פריצים די פראלעטאריש-פויערשע רעוואלוציע" (אונטערגעשטראכן אין אריגינאל).

110. טרעפאוו — אײנער פון די הויפּט-זײַלן פון דער צאַרישער זעלבּסטהערשונג; אין 1905 — פּעטערבורגער גענעראַל-גובערנאַטאָר; אויטאָר פון באַרימטן באַפעל צום מיליטער אין דער צײַט פון אָקטיאַבער-שטרײַק „ניט זשאַלעווען קײן קוילן"...

111. אין די אַלע שטעט האָט זומער 1905 די רעגירונג אָרגאַניזירט בלוטיקע אָנפאַלן און פּאָגראָמען אויף די אַרבעטער, בײַ וועלכע ס'זײַנען געפאַלן הונדערטער געהאַרגעטע און טויזנטער פאַרוואונדעטע.

112. פּאָבעדאָנאָסצעוו — שעף פון הייליקן סינאָד, נאָגייסטערער פון דער צאַרישער רעאַקציע אין די 80-קער און 90-קער יאָרן. הויפּט-באַליוויעץ פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן און ניקאָלאַי דעם צווייטן; די הויפּט יעסוידעס פון פּאָבעדאָנאָסצעווס פּאָליטיק זײַנען געווען: פּראַוואָסלאַוועגטום, זעלבּסטהערשונג און נאַציאָנאַליזם.

113. אין 1897, בעשאַס אַ פרידלעכן שטרײַק אין איוואַנאָווע-וואָזנעסענסק, האָבן די סאָלדאַטן פון פאַנאַגאָרייסקן פּאָלק געשאָסן אין די אומבאַוואָפנטע אַרבעטער; דער צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער האָט דערנאָך אַלערהעכסט באַדאַנקט די „כוואַטעס-פאַנאַגאָרייצעס" פאַר זייער העלדנטאַט.

114. „פאַרבאַנד פון פאַרבאַנדן" — נאָכן 9-טן יאַנואַר 1905 האָבן אין פּעטערבורג אָנגעהויבן גרינדן זיך אײנער נאָכן צווייטן פּאָליטיש-פּראָפעסיאָנעלע ראַדיקאַל-בורזשואַזיע אינטעליגענטישע פאַרבאַנדן — פון דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענירן א. א.; אין מאַי 1905 האָבן זיי געבילדעט אַ פאַרבאַנד פון די פאַרבאַנדן, וועלכער האָט בײַם אויפשטײַג פון דער רעוואָלוציע געשפּילט אַ געוויסע ראָלע. שטאַרק מיטגעהאָלפן דער אָרגאַניזירונג פון אַלגעמיינעם שטרײַק. אין אָקטאָבער 1905, אין די „פרײַהייטס-טעג" האָט ער זאָגאַר געפּרוּווט שאַפן אַ קאָנטאַקט מיטן פּעטערבורגער ראַט פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן; נאָך דער דערשטיקונג פון דעקאַבער-אויפשטאַנד און דער פאַרשטאַרקונג פון די רעגירונגס-פּראָצעס צווישן דער אינטעליגענץ האָט די ווירקונג פונם „פאַרבאַנד פון די פאַרבאַנדן" גענומען פאַלן און נאָכן פאַנאַנדערטרײַבן די ערשטע דומע האָט ער זיך אינגאַנצן ליקווידירט.

115. זע באַמערקונג נומער 109.

116. דער מינסקער פּאָליצמייסטער נאָראָוו, וואָס האָט אָרגאַניזירט די בלוטיקע האַריגע אין מינסק, איז פריער געווען פּאָליצמייסטער אין קורסק, וואו ער האָט אָרגאַניזירט אַן ענלעכע האַריגע אויף אַ פרידלעכער מאַניפעסטאַציע פון לערן-יוגנט.

117. פון אָפיציעלן באַריכט פון דער מינסקער זשאַנדאַרמען-פאַרוואַלטונג צום פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט איז אַגעוויס צו זען, אַז דידאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט ארויסגעגעבן דער פּאָליציי די פרומע אין, וועלכע האָבן זיך געפונען אין בייסמעדרעש, ווען די אַרבעטער האָבן זיך אַהין אָנגעהויבן קלײַבן אויף מיטינג.

118. באַבושקין — באָלשעוויסטישער פּאַרטיי-טוער אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע; געאַרבעט צווישן די אידישע אַרבעטער-מאַסן אין צאָפּן-מאַירעוו קאַנט; פאַרביסענער קעגנער פון בונד, קעגן וועלכן ער האָט געפירט אַן העפטיקן קאַמף.

119. צאָפּן-מאַירעוו-פאַרבאַנד — ביזן זומער 1905 האָט מיט דער טעטיקייט פון די אָרגאַניזאַציעס פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אין צאָפּן-מאַירעוו-קאַנט אָנגעפירט דער צאָפּן-מאַירעוו-קאָמיטעט; אַזוי ווי אָבער די צאָל פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס איז שטאַרק געוואַקסן און זייער טעטיקייט איז געוואָרן ברייטער און קאָמפּליצירטער, האָט די פּאַרטייאישע געגנט-קאָנפערענץ באַשטימט פאַרוואַנדלען דעם קאָמיטעט אין אַ פאַרבאַנד, וועלכער זאָל זיך געפינען אין ענגערע פאַרבינדונגען מיט די דאָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן.

120. אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטעט — צענטראַלע אָנפירנדיקע אײנריכטונג בײַ דעם מענשעוויסטישן טייל פון דער פּאַרטיי אין די יאָרן 1905—06.

121. דער סוועאַבאָרגער אויפשטאַנד (סוועאַבאָרג — אַ מיליטערישע פעסטונג בײַ די ברעגן פון פינלאַנד) האָט זיך אָנגעהויבן טייקעף נאָכן פאַנאַנדערטרײַבן די ערשטע גאָסודאַרסטווענע דומע; דעם 17 יולי 1906 איז ארויסגעטראָטן די מינען-ראָטע, צו איר איז גלײַך צוגעשטאַנען קימאַט דער גאַנצער איבעריקער גאַרניזאָן; דעם 18-טן האָט דאָס רעוואָלוציאָנערע מיליטער געהאַט פאַר-

כאַפּט קימאט די גאנצע פעסטונג, ארעסטירט די אפיצערן און אנגעהויבן אן עמעסן שלאכט מיט די פּאנצער-שיפן, וואס זיינען געשטאַנען אין האַפן; דעם 19-טן האט זיך צום רעוואלוציאנערן מיליטער פאראייניקט די פינלענדישע רויטע גווארדיע, אין דעם טאג האבן די רעוואלוציאנערן פארכאפּט א ריי אינזלען און געצוואונגען אפּטרעטן דאס רעגירונגס-מיליטער; נאר אף מארגן זיינען אין האפן געקומען פרישע פּאנצער-שיפן, וועלכע האבן מיט ווייטשלאגיקע הארמאטן אנגעהויבן באשיסן די פעסטונג; די לעצטע האט זיך געמוזט אונטערגעבן; א טייל רעוואלוציאנערן האט זיך איינגעגעבן אף שיפלעך אנטלויפן קיין אויסלאנד, די איבעריקע האט מען ארעסטירט און איבערגעגעבן צום פעלד-געריכט, וועלכער האט א גרויסן טייל פון זיי פארמישפּעט צום טויט. אין דערזעלבער צייט זיינען פארגעקומען מאטראסן-אויפשטאנדן אין קראנשטאט און אפן קרייסער „דער אַנדענק פון אַזאָוו". אף אונטערצוהאלטן די מיליטערישע אויפשטאנדן האבן די רעוואלוציאנערע פּארטייען פּראקלאמירט אן אלרוסלענדער פּאליטישן שטרייק.

122. די רעזאלוציע פון צ. ק. פון ר. ס. ד. א. פּ. קעגן די ציאניסטיש-סאציאליסטישע ריכטונגען (1907) האט ארויסגערופן א שרעקלעכע אויפרעגונג בא די ציאניסטיש-סאציאַליסטישע גרופּירונגען; דער צ. ק. פון די ס. ס. האט אויפגעהויבן — אין דער פּרעסע און אף פּאַ זאמלונגען — אַ שארפע פּראטעסט-קאמפּאניע קעגן דעם באשלוס; ס'איז פאנאנדערגעשיקט געווארן א ספּעציעלער צירקוליאר מיט א פּראיעקט פון א פּראטעסט-רעזאלוציע, וועלכע דארף דורכגעפירט ווערן סאי אף פּארטייאישע, סאי אף פּראפעסיאנעלע פארזאמלונגען און אפּגעשיקט ווערן אין דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער ביוראָ; בעשאסן באטראכטן אין שטוטגארט (1907) די פראגע וועגן צילאזן די ס. ס. צום אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן קאנגרעס האבן דארט פיגורירט עטלעכע צענדליק אזעלכע פּראטעסט-רעזאלוציעס.

123. די פראגע וועגן לינקן בלאק איז געשטאנען שארף און אקטועל בא די וואלן צו דער צווייטער דומע אין אין דומע גופא; ס'האט זיך פּאקטיש געהאַנדלט וועגן דער אלטער פראַגע — וועגן דער גרופּירונג פון די קריכעס אין דער רוסישער רעוואלוציע. די באלשעוויקעס זיינען פעסט געשטאנען אף זייער אַלטער פּאזיציע — אַ בלאָק פון פּראָלעטאריאַט מיטן פּויערטום קעגן די פּריצים אין דער ליבעראַלער בורזשואזיע (קאַדעטן), קעדיי דורך א באַייאָפנטן אויפשטאַנד צו דערפירן ביזן סאָף די רעוואָליציע; די מענשעוויקעס, דאַקעגן, זיינען געשטאנען פאר אונטערשטיצן די ליבעראַלע בורזשואזיע אין איר שטרעבונג צו מאַכט און קעגן א לינקן בלאָק.

124. זע באַמערקונג נומער 85.

125. די מענשעוויסטישע קאנפערענץ פון 1905 איז פארגעקומען קימאַט גלייכצייטיק מיטן דריטן צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. (ב.) אין לאָ דאָן (סאָף אַפּרעל-אָנהויב מאַי 1905). די מענשעוויקעס האָבן צונויפגעקלובן די קאָנפערענץ אין זשענעווע הויפּטזאַכלעך פון אויסלענדישע טוער און איינציקע דעלעגאַטן פון רוסלאַנד צו באַקעמפן די מערהייט פון דער פּאַרטיי. די קאָנפערענץ האָבן זיי אָ גערופן „די ערשטע אַלרוסישע קאָנפערענץ פון די פּאַרטייאישע טוער". און אויסגעקליבן אן אייגענעם מענשעוויסטישן צענטער — דעם אָרגאַניזאַצ. קאָמ. אן אויספירלעכע אָפּשאַצונג פון די באַשטימונגען פון דער מענשעוויסטישער קאָנפערענץ גיט וו. אי. לענין אין אַרטיקל „דאָס דריטע טראָט צוריק" (געזאַמלטע ווערק, ב. VI. זז. 255—263).

126. דער V צוזאַמענפאָר פון בונד איז פארגעקומען אין יוני 1903 אין צוריך (שווייץ); דערדאָזיקער צוזאמענפאָר האט זיך פארנומען דעריקער מיטן פארשטייענדיקן צווייטן צוזאַמענפאר פון ר. ס. ד. א. פּ., דער V-טער צוזאַמענפאר האט אויסגעאַרבעט זיין אָרגאַניזאַציאָנס-אולטימאַטום, וועלכער האָט שפּעטער געבראַכט צו דער ארויסטרעטונג פון בונד פון דער פּאַרטיי. דער צוזאַמענפאָר האט אויך אפּגעשאַפט די רעזאלוציע פון דער 5 קאָנפערענץ וועגן „ארגאניזירטער ראכע", וועלכע איז געווען אנגענומען אונטערן איינדרוק פון הירש לעקערטס ארויסטרעטונג (זע באַמ. נומער 30).

127. דער ווילנער צוזאַמענפאָר פון די „דערגרייכער" — אין מאַרט 1905, אונטערן דריק פון רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג, האָט זיך אין ווילנע צונויפגעפאָרן אַ גרופּע אידישע ליבעראַלן און ציאָניסטן און געגרינדעט אַן „אומפּאַרטייאישן" פאַרבאַנד „צו דערגרייכן גלייכבאַרעכטיקייט פאר די אידן אין רוסלאנד". אלס יעסאָד פאַר א פּאָליטישער פּלאַטפאָרם האָט דערדאָזיקער צוזאַמענפאָר אָנגענומען די פּאָלגנדיקע גרונדלאַגן:

„דער פאַרבאַנד וועט פאָדערן: 1) אָפּשאַפן אַלע געזעצן און פאַראָרדענונגען, וואָס באַגרעניצן די רעכט פון די אידן און פאַרשטעלן זיי אַלע רעכט גלייך מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג; 2) דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אין דער פאָלקס-פאַרטרעטונג; 3) נאַציאָנאַל-קולטורעלע זעלבסט-באַשטימונג, ברייטע קעהילע-אַווטאָנאָמיע, פרייהייט פון שפּראַך און שול-בילדונג; 4) אָפּשאַפן אַלע ספּעציעל אידישע שטייערן (קאָראָבקע, ליכט-שטייער א. א.). דער פאַרבאַנד איז איבערציַיגט, אַז די פולשטענדיקע פאַרווירקלעכונג פון זיינע אויפגאַבן איז מעגלעך נאָר באַם איינפירן די אומבאַריר-לעכקייט פון פּערזאָן און וואוינונג, פרייהייט פון וואָרט, פּרעסע און פאַרזאַמלונגען און ווען אין דער פאַרוואַלטונג פון לאַנד וועלן זיך באַטייליקן פאָלקס-פאַרטרעטער, אויסגעקליבן אויפן סמך פון אַלגעמיינע א. אז. וו. וואַל-רעכט" („וואָסכאָד", נומער 14, 1905).

128. טרובעצקאָי, פּירשט — פירער פון די ליבעראַלע פּריצים אין 1905; דעם 6-טן מאַי 1905 איז ער מיט א דעפּוטאַציע פון ליבעראַלן געווען אויפגענומען דורך ניקאָלאַי דעם צווייטן, פאַר וועלכן ער האָט געהאַלטן א הייסע ליבעראַל-פּאַטריאָטישע רעדע וועגן דער נויטיקייט „אין די אינטערעסן פון פאָטערלאַנד און פון דער דינאַסטיע צו שענקען א קאָנסטיטוציע". דער קייסער האָט געענטפערט דערויף מיט א נעבלהאַפטן צוזאָג.

129. זינגער, פּאַול — איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער פון דער אַלטער דייטשישער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי; שטענדיקער פאָרזיצער פון די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן; געשטאָרבן אין 1911.

130. גאַלקעס וואַרפן — באַלאָטירן מיט ווייסע (פאַר) און שוואַרצע (קעגן) גאַלקעס.

131. ליבער, מאַרק — מ. גאָלדמאַן, איינער פון די מער באַגאַבטע בונדישע טוער און פּאָליטיקער. פון 1906 יאָר מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד, אָנטיילנעמער פון צווייטן שטאָקהאָלמער און לאָנדאָנער צוזאַמענפאָרן פון ר. ס. ד. א. פּ. אַ קאָנסעקווענטער מענשעוויק און פאַרביסענער פיינט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. איינער פון די הויפּט-פירער פון רעכטן פליגל פון מענשעוויזם. ביז היינט געבליבן אויף דערזעלבער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער פּאָזיציע.

132. אַבראַמאָוויטש (מאַלקיעל) — ר. ריין, פון 1906 יאָר מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד; אונטער זיין אָנפירונג האָט דער „בונד" אין 1906 יאָר זיך אָפּגע-זאָגט פון דער באָלשעוויסטישער ליניע און איז אַוועק אויף מענשעוויסטישע וועגן. אין די יאָרן 1909—10 — דער אָנפירער פון די בונדישע ליקווידאַטאָרן. אין די יאָרן פון אימפּעריאַליסטישן קריג און אין אָנהויב נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע אינטערנאַציאָנאַליסטיש געשטימט; אין די אָק-טיאַבער-טעג געפּרואווט שאָלעם מאַכן צווישן די עסערן און באָלשעוויקעס. נאָך דער אָקטיאַבער-רע-וואָלוציע פאַרביסענער קעגנער פון דער ראַטן-מאַכט; נאָכן טויט פון ל. מאַרטאָוו אָפיציעלער אָנפי-רער פון דער אַזוי גערופענער „אויסלענדישער דעלעגאַציע פון ר. ס. ד. א. פּ." טרעט אַרויס אַלס אַ פאַרביסענער סוינע פון דער ראַטן-מלוכע.

133. פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן — אַזוי האָבן געהייסן יענע פּאַרטיי-טוער, וועלכע האָבן זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט; זיי האָבן זיך שטענדיק געפונען אין רעשוס פון די פּאַרטיי-צענטרען, וועלכע פלעגן זיי אָפט, צוליב פּאָליציי-אישע טאַימים אָדער צוליב די באַדערפענישן פון דער אַרבעט, אַריבערוואַרפן פון איין שטאָט אין דער צווייטער; די „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן" האָבן אויף זיך אויסגעטראָגן דעם גרעסטן טייל שווערקייט פון דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

134. קאַפּלינסקי, י. מ. (לאַנגזאַם) — איינער פון די עלטסטע טוער אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג און אָנפירער פון דער בונדישער אומלעגאַלער טעכניק. אין 1909 איז דורכן געוועזענעם באַאַמטן פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט ל. מענשטשיקאָוו געוואָרן דערקלערט, אַז קאַפּ-לינסקי דינט פון 1898 יאָר אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אַלס וויכטיקער און אָנגעזעענער „מיטאַר-בעטער". די אַנטדעקונג האָט געמאַכט א גרויסן רושעם אין דער גאַנצער בונדישער באַוועגונג. נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע איז קאַפּלינסקי געווען אַרעסטירט און אין 1921 יאָר אַלס צאַרישער פּראָוואָקאַטאָר פאַרורטיילט געוואָרן צום טויט.

135. ל. בערמאַן — זע באַמערקונג נומ. 77.

136. „ר א ב א ט נ י ק״ („ד ע ר א ר ב ע ט ע ר״) — צענטראל-ארגאן פון דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי, דערשיינט פון 1894. איצט דער צענטראל-אָרגאן פון דער אפיציעלער פ. פּ. ס. אין פוילן.

137. ק ר א פ א ט ק י ן פ. א. — איינער פון די ערשטע רעוואלוציאנערן אין רוסלאנד; פאר געהערן צו א קרייזל פון די „טשאיקאָווצעס״ געווען ארעסטירט אין 1874, געלאפן פון פעטראָפּאוולעווער פעסטונג און באזעצט זיך אין אויסלאנד. וואו ער איז געוואָרן טעארעטיקער פונם אלוועלטלעכן אנאַרכיזם; אין די יארן פון אימפעריאליסטישן קריג געווארן פאטריאטיש און געראָטן די צארישע פארבינדעטע; נאך דער רעוואלוציע אומגעקערט זיך קיין רוסלאנד, וואו ער איז געשטאָרבן אין 1920, אין עלטער פון 79 יאר.

138. צ י א נ י ס ט י ש - ס א צ י א ל י ס ט י ש ע א ר ב ע ט ע ר - פ א ר ט י י (ס. ס.) — אָפּיציעל קאנסטרואירט זיך אלס פארטיי אף דער גרינדונגס-קאנפערענץ אין אדעס אין דעקאבר 1904—פעווראַל—1905; דער ערשטער ארדנטלעכער צוזאמענפאר פארגעקומען אין אפרעל 1906; איז 1906—1907 אנטוויקלט א גאנץ ברייטע טעטיקייט; די צאל מיטגלידער, לויט דער פארטיי-סטאטיסטיק, דערגאנגען ביז 27 טויזנט; אין די יארן פון דער רעאקציע זיינען די ארטיקע אָרגאניזאציעס קימאַט איינגאנצן צעפאלן; נאָך דער פעווראל-רעוואָלוציע פאראייניקט זיך מיט די י. ס. א. פ.; דער ווייטערדיקער שיקזאל זע באמערקונג נומ. 145.

139. ש ו י ץ - ו א ר ש ט א ט ן — ווארשטאטן, אין וועלכע די ארבעטער „שוויצן״, ד. ה. אין אומבאגרעניצטע עקספּלואטאציע פון די ארבעטער.

140. י ט ״ א — אידישע טעריטאריאליסטישע ארגאניזאציע, זע באמערקונג נומ. 102.

141. די פראגע וועגן צולאזן די ס. ס. אפן אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן קאָנגרעס איז פריער באטראכט געווארן אין דער רוסישער סעקציע, וואו זי איז איינשטימיק באשלאסן געווארן בעגאַטיוו; די ס. ס. האבן דאן אפּעלירט צו דער אינטערנאציאנאַלער סאציאליסטישער ביורא, וועלכע האט מיט א מערהייט פון איין שטים באשלאסן צולאזן די ס. ס. מיט באראטונגס-רעכט — קעגן האבן געשטימט די פאָרשטייער פון דער אָרטאָדאקסאלער סאציאלדעמאקראטיע, פאר—די פארטרעטער פון די אפארטוניסטישע סאציאליסטישע פארטייען; אין זיין רעדע אף דער זיצונג פון דער רוסישער סעקציע האט דער פארשטייער פון ס. ס. (דאווידאוויטש) אגעוו דערציילט, אז דער מענשעוויסטישער צ. ק. פון ר. ס. ד. א. פ. (ביז לאנדאנער צוזאמענפאר) האט אנערקענט, אז די ס. ס. אפרידיקן פולקום די פאדערונגען פון אינטערנאציאנאלן סאציאליזם און אז ער האט גארניט קעגן דעם, אז די ס. ס. זאלן באקומען א פארטרעטונג אפן קאנגרעס. מאַרטאָוו, דער פארטרעטער פון מענשעוויסטישן צ. ק., האט אף דעם בלויז געפונען צו ענטפערן, אז דער לעצטער האט דאן ניט גאראַנטירט די ס. ס. קיין פארטרעטונג אפן קאנגרעס...

142. ז ש. פ. ס. ד. — אידישע סאציאל. דעמ. פארטיי אין גאליציע („דער גאַליציאנער בונד״) האט זיך אין 1905 אָפּגעשפּאַלטן פון דער פוילישער סאצ. פארטיי (פ. ס. ד. פ.) פון גאליציע; די לעצטע האט שארף באקעמפט די נייע פארטיי; דאס איז געווען א קאמף צווישן פוילישן און אידישן סאָציאל-פאטריאטיזם. די י. ס. ד. פ. האט זיך געפונען אין נאָענטע באציאונגען מיטן רוסלענדער בונד, וועלכער האט אף אים געהאט א שטארקע אידעאלאגישע ווירקונג; אסאך אָנגעזעענע טוער פון בונד, זייענדיק אין גאליציען, פלעגן אקטיוו מיטהעלפן די ס. ד. פ.; אין 1920 האט זיך די י. ס.-ד. פ. פאראייניקט מיטן פוילישן בונד אפן יעסאד פון דער אַלטער בונדישער נאציאנאל-מענשעוויסטישער פלאַטפאָרם.

143. א י ד י ש ע ס אָ צ. - ד ע מ. א ר ב ע ט ע ר - פ א ר ט י י „פ ו י א ַל י י - צ י אָ ן״ — אָפּיציעל קאנסטרואירט זיך אף איר גרינדונגס-צוזאַמענפאר אין פּאָלטאווע, אין פעווראל 1906; לויט זייערע פּאַרטיי-אנגאבן, האט די א. ס.-ד. א. פ. צו איר צווייטן צוזאמענפאר (יול 1907) פאראייניקט ביז 18 טויזנט מיטגלידער; אין 1910 (בעשאס דעם VIII ציאניסטישן קאנגרעס) איז לויט דער איניציאטיוו פון א. ס.-ד. א. פ. געשאפן געוואָרן אן אלוועלטלעכער פּויאַליי-ציאָן-פּאַרבאנד; נאך דער אקטיאבר-רעוואלוציע האט זיך פון דער א. ס. ד. א. פ. אויסגעטיילט א לינקע גרופירונג, וועלכע האט עקזיסטירט ביז 1922 אונטערן נאמען „אידישע קאמוניסטישע פארטיי „פויאַליי-ציאָן״ (י. ק. פ.), אין 1922 האט זיך דידאזיקע גרופירונג ליקווידירט און די קאמוניסטישע עלעמענטן אירע האבן זיך אריינגעגאסן אין ר. ק. פ.; די רעשטלעך פון די א. ס.-

ד. א. פ. עקזיסטירן נאך אין ראטן-פארבאנד אונטערן נאָמען „אידישע קאמוניסטישע ארבעטער-פארטיי „פועלי ציאָן״.

144. זע באמערקונג נומ. 101.

145. אידישע סאצ. ארבעטער-פארטיי („סערפ״) — אנטשטאנען פון דער אויסלענדישער גרופע „וואזראזשדעניע״ („אויפלעבונג״) אין פרילינג 1906; אדאנק די אנפירער פון דער גרופע זשיטלאווסקי, ראטנער און אנ—סקי איז זי געשטאנען אין נאענטע פארבינדונגען מיט די רוסישע סאצ. רעוו. און מיט זייער הילף אין 1907 באקומען א באראַטנדיקע שטים אפן אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן קאנגרעס אין שטוטגאַרט; צוזאמען מיט די סאצ. רעוו. צונויפגערופן אין מאי 1907 א קאָנפערענץ פון די נאציאנאל-סאציאליסטישע פארטייען; אין די יארן פון דער רעאקציע האבן זיך א טייל פון די מער אנגעזעענע סערפישע פירער (י. עפרויקין, ב. שטיף) אָפיציעל אפגעזאגט פון סאציאליזם און שפעטער געבילדעט די נאציאנאל-דעמאקראטישע „פאלקס-פארטיי״; נאך דער פעווראל-רעוואָלוציע האט זיך די י. ס. א. פ. פאראייניקט מיט די ס. ס. אונטערן נאָמען „פאראייניקטע אידישע סאציאליסטישע פארטיי״.

146. די י.ס.א.פ. („סערפ״) זיינען צוגעלאזן געוואָרן אפן אינטערנאציאנאלן סאָציאליסטישן קאָנגרעס, אדאנק די סאָצ. רעוו., וועלכע האָבן זי אריינגענומען אין זייער אונטערסעקציע פון דער רוסישער סעקציע.

147. אידישע טעריטאָריאליסטישע פארטיי — אזוי גערופענע „מינסקער פויאלייציאָן״; געהאט א געוויסע ווירקונג אף די אפגעשטאנענע עלעמענטן פון די אידישע האנדלס-אנגעשטעלטע; מיטן אויפשטייג פון דער ערשטער רעוואלוציע, וואס ס'האָט געבראכט צום פולשטענדיקן באנקראט זייער טאקטיק פון פאַסיווער באציאונג צום פאליטישן קאמף אין רוסלאנד, האט זייער ווירקונג אנגעהויבן שטארק פאלן, און אין 1907 האט זיך די א.ט.א.פ. אריינגעגאָסן אין דער ציאניסטיש-סאָציאליסטישער ארבעטער-פארטיי (ס.ס.).

148. זע באמערקונג נומ. 7.

149. דער טאמציס פון דערדאָזיקער פראגראם, וועלכע ס'איז אנגענומען געווארן אפן ערשטן אלוועלטלעכן ציאניסטישן קאנגרעס אין באזעל אין 1897, דריקט זיך אויס אין דער בארימטער פאר-מול: „דער ציאניזם שטרעבט צו שאפן אן עפנטלעך-רעכטלעך געזיכערטע היים פארן אידישן פאלק אין ערעץ-איסראעל״.

150. פארבאנד פאר פולבארעכטיקונג״ — פארבאנד צו דערגרייכן פולבארעכטיקונג פאַר די אידן אין רוסלאנד; ליבעראַל-בורזשואזע אידישע ארגאניזאציע, געגרינדעט אפן ווילנער צוזאמענפאר אין מארט 1905 מיטן ציל צו פאַראייניקן אלע ליבעראל-בורזשואזע און נאציאנאליסטישע גרופירונגען אפן באדן פון דערלאנגען זיך גלייכבארעכטיקונג פאר די אידן אין רוסלאנד; די הויפט-ראלע האבן אין פאַרבאנד געשפּילט די אידישע קאַדעטן (פאלקס-גרופיסטן) מיט ווינאווער און סליאזבערג בעראש; אף דעם באדן זיינען אין פאַרבאנד שטענדיק פארגעקומען רייבונגען מיט די ציאניסטן, וועלכע האבן זיך באזונדער פארשארפט בעשאַס די וואלן אין דער צווייטער דומע און נאך איר דערעפענונג ארום דער פראַגע וועגן דער „אידישער פאליטיק״ אין דומע; סאף 1907 איז דער פארבאנד צעפאלן געווארן.

151. „פאָלקס-גרופע״ — די ווירקזאַמסטע פאָליטישע גרופירונג צווישן דער אידישער ליבעראַלער בורזשואזיע, די אידישע קאַדעטן (דער פירער פון דער „פאָלקס-גרופע״ ווינאווער איז גלייכצייטיק געווען מיטגליד פון צ. ק. פון דער קאַדעטישער פאַרטיי); פאָרמעל האָט זיך די „פאָלקס-גרופע״ קאָנסטרואירט ערשט אין 1907, נאָר פאַקטיש האט זי אָנגעפירט מיט דער אידישער בורזשואזער פאָליטיק נאך פון ערעוו דער ערשטער רעוואלוציע דורכן „איבערפאַרטייאישן״ דערגרייכער-פאַרבאנד, אין וועלכן ס'האָבן געשפילט די הויפט-ראָלע דיזעלבע ווינאווער און סליאָזבערג, וואָס אין דער „פאָלקס-גרופע״; די „פאָלקס-גרופע״ האָט פאָרמעל עקזיסטירט ביז נאָך דער אָקטיאבר-רעוואָלוציע״.

152. „יעווריעיסקאיא זשיזן״ („דאָס אידישע לעבן״) — מאנאטלעכער און שפעטער וועכנטלעכער אידיש-רוסישער זשורנאל; צענטראַל-אָרגאַן פון די רוסישע ציאניסטן, דערשיינען בא דער באַענטסטער מיטארבעטערשאַפט פון א. אידעלסאָן, ד. פאַסמאַניק, וו. זשאַבאָטינסקי.

153. זע באמערקונג נומ. 127

154. **וויַנאַווער** — איינער פון די גרינדער און פירער פון דער רוסישער קאַדעטישער פאַרטיי, דעפוטאַט פון דער ערשטער גאָסוד. דומע; צענטראַלע פיגור צווישן דער אידישער ליבע־ראַלער בורזשואַזיע, פירער פונם „דערגרייכער־פאַרבאַנד” און פון דער „אידישער פאָלקס־גרופע”; נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע עמיגרירט קיין אויסלאַנד.

155. **סליאָזבערג, ג. ב.** — רעכטער קאַדעט, נאָענטסטער מיטקעמפער פון וויַנאַווערן אין „דערגרייכער־פאַרבאַנד” און דער „פאָלקס־גרופע”; בענויגייע צו די הויפט־פראַגן פון אינערלעכן אידישן לעבן איז סליאָזבערג געווען עכט קאָנסערוואַטיוו: ער האָט פאַרטיידיקט דעם אַלטן פאַר־שימלטן כיידער, די „קאָראָבקע” (אַן אומדירעקטער שטייער אַף קאָשער פלייש), די מאַכט פון די ראַבאָנים א. א. וו.; נאָך דער רעוואָלוציע עמיגרירט.

156. „**די אידישע פאָלקס־פאַרטיי**” — אינטעליגענטישע קליינבירגערלעכע נאַציאָ־נאַל־דעמאָקראַטישע גרופירונג, וועלכע האָט זיך קאָנסטרואירט אין דער צייט פון די וואַלן צו דער צווייטער דומע מיטן היסטאָריקער ש. דובנאָוו בעראָש; אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע האָט זי קיין באַמערקבאַרע ראָלע אין פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אידישן קליינבירגערטום ניט געשפילט; נאָך דער פעווראַל־רעוואָלוציע האָט די פאָלקס־פאַרטיי באַנייט איר טעטיקייט און מיט דער הילף פון דער גרופע געוועזענע פראָלעטאַרישע ציאָניסטן, וואָס זײַנען צו איר אַריבערגעגאַנגען אין די יאָרן פון דער רעאַקציע (עפרויקין, ב. שטיף, טשערניכאָוו־דאַניעלי, ניגער, קאַלמאַנאָוויטש א. א.) האָט זי זיך געפרוווט פאַרבינדן זיך מיט די קליינבירגערלעכע מאַסן.

דרוק פעלער.

1. אף זייט 230, 3־טע שורע פון אויבן דאַרף זיין „דער פריינד” נומ. **46**, און ניט 213, ווי ס'איז אלפי טאָעס אפגעדרוקט.

2. אף זייט 254, 2־טע שורע פון אויבן דאַרף זיין „דער פריינד” נומ. **97**, און ניט 219.